הענריק איבסען

געזאַמעלטע דראַמען

דיזער באַנד ענטהאַלט אַלע פיר בענד
פון איבסענ׳ס דראַמען

באַנד 1 נאָרא, איבערזעצט פון מאָריס ווינטשעווסקי.
די ווילדע ענטע, איבערזעצט פון א. פרומקין.

באַנד 2 העדדא גאבלער, איבערזעצט פון א. ים.
דער בוימייסטער, איבערז. פון א. גאלדווין.
מיט אַן איינליטונג פון מאָריס ווינטשעווסקי.

באַנד 3 ראָזמערסהאָלם, איבערזעצט פון א. גאלדווין.
די פרוי פון ים, איבערזעצט פון א. ים.

באַנד 4 דער קליינער עאָלף. איבערז. פון ק. טעפּער.
יאָהאַן גאבריעל באָרקמאַן,
איבערזעצט פון א. פרומקין.
ווען מיר טויטע ערוואַכען,
איבערזעצט פון א. פרומקין.

אַרויסגעגעבען פון
מייזעל׳ס פאַרלאַג
1924

ה ע נ ר י ק   א י ב ס ע ן

געזאַמעלטע דראַמען

נ אָ ר אַ
די ווילדע ענטע

פערלאַג: מייזעל עט קאָ.
422 Grand Street, New York
1910

COPYRIGHT 1910
MAISEL & COMPANY
New York

נאָראַ

איבערזעצט פון מ. ווינטשעווסקי

פערזאנען:

מאַרוואלד העלמער.

נאָרא העלמער.

ד״ר. ראנק.

נילס קראָגסטאד.

פרוי לינדע.

אננא.

העלענע.

די העלמער׳ס דריי קינדער.

א פאקענטרעגער.

אָרט: כריסטיאַנא (נאָרוועגען); צייט:

די געגענוואַרט.

ערשטער אַקט.

(דאָס טהעאַטער שטעלט פאָר אַ צימער געשמאַקפאָל מעבלירט, אָבער ניט רייך. אין וואַנד וואָס קומט אויס פונקט אַנטקעגען די מוזיקאַנטען איז דאָ אַ טיר דורך וועלכע מען געהט אַריין אין דעם פאָרדערצימער: נאָר אַ טיר פיהרט צו העלמער'ס קאַבינעט. צווישען די ביידע טירען שטעהט אַ פאָרטעפּיאַנאָ. אין די זייט־וואַנד פון דער לינקער האַנד איז אין מיטען דאָ אַ טיר, און נעהנטער צו דעם פובליקום — אַ פענסטער, לעבען וועלכען עס שטעהט אַ רונדער טיש מיט לעהנשטוהלען (קרעסלעס) און אַ קליינע זאָפע. אין די אַנדערע זייט וואַנד (פון די רעכטע זייט) איז אויך דאָ אַ טיר און ניט ווייט דערפון אַ קאַכלע־אויווען, לעבען וועלכען עס שטעהען נאָך אַ פאָר לעהנשטולען און אַ שויקעל־שטול. צווישען די זייטען טיר און דעם אויווען שטעהט אַ טישעלע. אויף די וואַנד זיינען דאָ גראַווירטע בילדער. אויף אַן עטאַזשערקע זעהט מען פאָרצעלייענע זאַכען און אַלערליי קליניגקייטען. אין אַ ביכערשראַנקעל זיינען דאָ שעהנגעבונדענע ביכער. די פאָדלאָגע איז בעדעקט מיט אַ טעפּיך. אין אויווען ברענט אַ פייער: עס איז אַ פראָסטיגער ווינטער־טאָג. ווען די פאָרהאַנג הויבט זיך אויף הערט זיך דער גלעקעל פון די גאַס־טיר, וועלכע עפענט זיך באַלד. נ אָ ר אַ קומט אַריין אונטערזינגענדיג פאַר זיך, און פרעהליך. זי איז אָנגעטאָן, ווי איינע וואָס קומט פון גאַס און טראָגט עטליכע פאַקעטען; זי לעגט זיי אַוועק אויפ'ן טיש. נאָך איהר קומט אַריין אַ פאַק־טרעגער, וועלכער ברענגט אַ ווייהנאַכטס־בוים און אַ קערבעל, וועלכע ער גיט איבער דער דיענסט־פרוי ביי דער טיר.)

נ אָ ר אַ. העלענע, בעהאַלט די יאָלקע אין אַ זיכערען אָרט; די קינדער טאָרען עס ניט זעהן איידער עס ווערט אָוונד און די יאָלקע איז אָנגעצונדען. (צום טרעגער, ארויסנעהמענדיג איהר געלדבייטעלע) וויפיעל קומט אייך?

ט ר ע ג ע ר. א האַלבע קרוין. (*)

נ אָ ר אַ. אַט איז אַ קרוין. ניין, ניין ! גיט מיר ניט קיין רעסטע. (דער טרעגער בעדאַנקט זי און געהט אַוועק. נ אָ ר אַ פער־מאַכט די טיר. זי שמייכעלט אונטער זעהר צופריעדען און וואַרפט אַראָב די גאַס־קליידער. דערנאָך נעהמט זי אַרויס פון קעשענע עטליכע מאַקאַ־ראָנען און עסט איינע אָדער צוויי, צוגעהענדיג אויף די שפּיץ־פינגער צו איהר מאַן'ס קאַבינעט און האָרכענדיג.)

נ אָ ר אַ. יאַ, ער איז אין דערהיים.

ה ע ל מ ע ר. (פון זיין קאַבינעט) הער איך דאָרטען מיין פייגעלע פּיפּטשענדיג ?

נ אָ ר אַ. יאַ, דו האָסט געטראָפען.

ה ע ל מ ע ר. שפּרינגט די וועבערקעלע דאָרטען ארום ?

נ אָ ר אַ. יאָ—אָ.

ה ע ל מ ע ר. ווען איז די וועבערקע געקומען אהיים ?

נ אָ ר אַ. אַ מינוט צוריק. (זי בעהאַלט די מאַקאַראָנען און ווישט זיך אָב די מויל.) קום אהער, טאָרוואַלד, און זעה וואָס איך האָב אָנגעקויפט.

ה ע ל מ ע ר. איך האָב וואָס צו טאָן, שטער מיר ניט. (אַ ווייליגקע שפּעטער עפענט ער די טיר, האַלטענדיג די פעדער אין דער האַנד.) אָנגעקויפט זאָגסטו ? וואָס ? אָט דאָס אַלץ ? האָט מיין אויסברענגערקעלע שוין ווידער אויסגעגעבען געלד ?

נ אָ ר אַ. אָה, טאָרוואַלד, כלעבען, מיר זיינען איצט רייך גע־נוג זיך צו פערגינען עטוואָס אויסצוגעבען. דאָס איז דער ערסטער ווייהנאַכטען וואָס מיר דאַרפען זיך ניט קווענקלען.

ה ע ל מ ע ר. זיי ניט קיין קינד ! אונזערע מיטעל ערלויבען אונז ניט אויסצוברייגגען געלד.

נ אָ ר אַ. אַ יאַ, טאָרוואַלד ! לאָז מיר הולטייענען אַ ביסעלע — איין קליין האָרעלע, טאָרוואַלד ! דו ווייסט אַליין, דו וועסט דאָך באַלד פערדיענען אוצרות מיט געלד, ניין ?

(*) אַ מטבעה, 25 סענט.

ה ע ל מ ע ר. פון ניי־יאָהר אָן יא. דערווייל וועט נאָך דויערן א פערטעל יאָהר ביז איך קריעג מיין ערסטע געהאַלט.

נ אָ ר א. דאָס איז א קליינינגקייט; מיר קענען לעבען אויף באָרג ביז דאַן.

ה ע ל מ ע ר. נאַרא! (ער נעהמט איהר אָן, שפּאַסענדיג פּאַר׳ן אויער) ווען וועסטו שוין ווערען א מענש וואָס לעבט מיט א רעכ־נונג? שטעל זיך פאָר, אַט איך געה און באָרג היינט א טויזענד קרוין און דו גיסט דאָס אויס איבער ווייהנאַכטען. נו, מאַכט זיך, אז דעם אָוועגד פאר ניי־יאָהר פאַלט מיר ארויף א ציעגעל פון א געזימס אויפ׳ן קאָפּ און שפּאַלט מיר דעם מוח...

נ אָ ר א. (איהם פערשטאָפּענדיג די מויל) הש! ווי קען א מענשריידען אזעלכע שרעקליכע רייד?

ה ע ל מ ע ר. אָבער לאָמיר רעכענען אז אָט אזא מעשה פּאַ־סירט — וואָס דאַן?

נ אָ ר א. אָה, אויב דאָס זאָל טרעפען, דאַן קימערט מיר ווייניג צו איך בין שולדיג געלד אָדער ניט.

ה ע ל מ ע ר. אָבער וואָס מכוח די וואָס דו ביסט זיי שולדיג?

נ אָ ר א. זיי? ווער קימערט זיך פאר זיי? לויטער פרעמדע מענשען.

ה ע ל מ ע ר. נאַרא, נאַרא! וואָס פאר א ווייבעל דו ביזט! אָבער ערנסט גערעדט, דו ווייסט דאכט זיך מיין כלל אין אזעלכע זאכען. איך האָב פיינט חיבות! איך האָס קרעדיט! די היים וואָס איז געבויט אויף באָרגען און שולדען קען ניט מעהר זיין שעהן און פריי. מיר ביידע האָבען זיך ביז היינטיגען טאָג געהאַלטען ווי כוואַטעס אין דעם פּרט. לאָמיר זיך ניט אונטערגעבען ביז די לעצטע מינוט, הערסט?

נ אָ ר א. (צוגעהענדיג צום פייער) אָט־אָט־אָט! דאָס טויג אויך ניט! מיין פייגעלע דאַרף אויף דעם אופן ניט אַראָבלאָזען די פליגעלעך. וואָס? מיין וועבערקעלע אָנגעבלאָזען? (ער נעהמט

אַרוּם זיין פּאָרט־מאָניי) נאָרא, גיב אַ קוק, טרעף, וואָס האָב איך דאָ אינעווייניג ?

נ אָ ר אַ. (זיך שנעלל אומקעהרענדיג) געלד !

ה ע ל מ ע ר. נאַ דיר, קינד! (איהר געבענדיג אַסיגנאַציעס) אָה, איך וויים, עס איז דאָ אַ סך זאַכען וועלכע מען דאַרף אין הויז אַרום וויהנאַכט־צייט.

נ אָ ר אַ. (צעהלענדיג) צעהן, צוואַנציג, דרייסיג, פערציג — אָה ! אַ דאַנק, אַ דאַנק דיר, ליעבער טאָרוואַלד ! דערמיט קען איך אַ סך, אַ סך אויפטאָן.

ה ע ל מ ע ר. דו דאַרפסט קענען, יעדענפאַלס.

נ אָ ר אַ. געוויס, געוויס ! אַ מאַסע, זאָג איך דיר. אָבער קום אַהער און זעה וואָס איך האָב איינגעקויפט. און וואָלוועל — ווילדע מציאות ! קוק זיך נור צו. אָט איז אַ נייער אָנצוג פאַר איוואַר'ן, מיט אַ שווערדעלע. דאָ האָב איך אַ פערד מיט אַ טרוּמייט פאַר ראָבערט'ן. און דאָ ווידער איז אַ ליאַלקע אין אַ ווילעגעל פאַר עממי. פראָסטע סחורה, נאַטירליך, ווייל דערפון וועט סאַיי ווי סאַיי אין גיכען ווערען אַ תל. היינט האָב איך קליידער און האַלזבינדען פאַר די דיענסטלייט, מעהרנישט מען וואָלט געדאַרפט עפּעס רעכטעס פאַר מיין אַלטע ליעבע אננאַ, עפּעס בעסערס.

ה ע ל מ ע ר. און וואָס, למשל, איז אין דעם פּעקעל ?

נ אָ ר אַ. (אויסשרייענדיג) אָה, ניין, טאָרוואַלד. ניט גע־ריהרט ! דו טאָרסט דאָס ניט זעהן פריהער ווי היינט אָוועגד.

ה ע ל מ ע ר. אַזוי גאָר ? גוט־נו! זאָג־זשע מיר, וואָס האָס־טו פאַר זיך אַליין ?

נ אָ ר אַ. פאַר זיך ? אָה, איך, [illegible]עהסטו, בעדאַרף קיין זאַך ניט.

ה ע ל מ ע ר. אונזין! אָט טראַכט אוים עפּעס אַ פערנינפ־טיגע זאַך וואָס דו וואָלסט זעהר ועלען האָבען.

נ אָ ר אַ. ניין, איך בעדאַרף ווירקליך קיין שום זאַך ניט. אָבער הער־צו, טאָרוואַלד...

ה ע ל מ ע ר. נו ?

נ אָ ר אָ. (מיט אַראָבגעלאָזענע אויגען, זיך שפּילנדיג מיט די קנעפּ פון זיין ראָק) אויב דו ווילסט מיר אין אמת'ן געבען עפּעס, וואָלסטו, פערשטעהסט, וואָלסטו, וואָלסטו מיר קענען געבען...

ה ע ל מ ע ר. נו, נו! רעד ארויס!

נ אָ ר אָ. (האַסטיג) וואָלסטו מיר קענען געבען געלד, טאָרוואַלד! ניט צו פיעל, אָט אזוי פיעל וויפיעל דו קענסט אָבשפּאָרען פון מיינטוועגען... דערמיט וועל איך מיר שפּעטער עפּעס קויפען

ה ע ל מ ע ר. אָבער, ליעבע נאָראַ...

נ אָ ר אָ. אָה, זעה, טאָרוואַלד, זאָג מיר ניט אָב! איך וואָלט דאָס געלד, פערשטעהסטו, אויפהייננגען אין א שעהנעם זעטעלע אויפ'ן וויינאַכטס־בוים. אָה, דאָס וואָלט געווען א שפּאַס, ניין?

ה ע ל מ ע ר. וואָס רופט מען די פייגלעך וואָס טרייבען געלד ארויס אין דער לופט?

נ אָ ר אָ. איך ווייס, איך ווייס! שפּיעל־פייגעלעך, פערשוווענדערס, געוויס ווייס איך. אָבער זיי א גוטער, טאָרוואַלד. דאַן, זעהסטו, וועל איך האָבען צייט צו בעקלערען וואָס איך דאַרף נעטהיגער ווי אלץ. איז דאָס ניט א שכל פון מיר? זאָג אליין.

ה ע ל מ ע ר. (שמייכלענדיג) געוויס. דאָס הייסט, נאַטירליך, ווען דו וואָלסט אין אמת'ן בעהאַלטען דאָס געלד וואָס איך גיב דיר, און דו וואָלסט דערפאַר זיך ווירקליך עטוואָס קויפען ביי דיר אָבער געהט אלץ אוועק אויף הויז־זאַכען, און אויף אַלערליי פּוסטע קלייניגקייטען און דאַן קומסטו פון דאָס־ניי צו מיר.

נ אָ ר אָ. אָבער, טאָרוואַלד...

ה ע ל מ ע ר. דו קענסט ניט לייקענען, נאָראַ־לעבען. (ער נעהמט איהר ארום) מיין פייגעלע איז א זיסינקע, אָבער זי קען אויסברייננגען [illegible]עם געלד'ס אוצר. עס וואָלט גאָר קיינער ניט גלויבען, וויפיעל עס קאָסט אויסצוהאַלטען אזא קליינע עופ'עלע ווי דו ביסט!

נ אָ ר אָ. אָה, שעמען דאַרפסטו זיך! ווי קענסטו אזוי רעדען? שפּאָר איך דען ניט אזוי פיעל ווי איך קען?

העלמער. (לאַכענדיג) דאָס איז אמת; אזוי פיעל ווי דו קענסט, יא; אָבער די צרה איז, דו קענסט ניט.

נאָרא. (שמייכלענדיג מיט צופריעדענהייט און אונטערזינגענדיג) הם! דו ווייסט ניט וואָס מיר פייגעלעך און וועבערקעס האָבען פאר הוצאות!

העלמער. דו ביסט א וואונדערבארער מענש, נאָרא! דער טאטע און דער טאטע! פונקט ווי דיין פאָטער; איין וואָרט מען זוכט צו קריגען געלד און אזוי גיך ווי עס איז דאָ, גליצט עס זיך דורך די פינגער; דו ווייסט קיינמאָל ניט וואָס דערפון ווערט. אָבער מען מוז מיט דיר זיין צופריעדען ווי דו ביזט. דאָס ליעגט שוין, ווי עס שיינט, אין דיין בלוט. אָה יא, נאָרא, אזעלכע זאכען האָט מען בירושה.

נאָרא. הלוואי וואָלט איך גע'ירשה'ט פיעל פון מיין טאטע'ס אייגענשאַפטען.

העלמער. און איך וואָלט ניט געוואָלט דו זאָלסט זיין אנדערש ווי דו ביסט, מיין זיסע, ליעבע זינג־פייגעלע. אָבער וואָס איז דאָס? דו זעהסט מיר היינט אויס — ווי זאָל איך דאָס רופען? עפּעס פערדעכטיגט...

נאָרא. איך?

העלמער. יאָ, דו! קוק מיר אָקאָרשט גלייך אין די אויגען.

נאָרא. נו?

העלמער. (מאַכענדיג אַ פּאַנאָק מיט'ן פינגער) האָט די נאַשערקעלע עפּעס ניט געבראָכען דעם געזעץ, הא?

נאָרא. געוויס ניט. ווי אזוי קומסטו גאָר אויף אזעלכע געדאנקען?

העלמער. גאָר ניט אפילו ארייגעקוקט אין קאָנדיטאָריי אריין?

נאָרא. ווירקליך, טאָרוואלד...

העלמער. ניט עפּעס א נאש געטאָן?

נאָרא. ניין, געוויס ניט!

ה ע ל מ ע ר. זאָל איך גלויבען אז זי האָט ניט צו־מאָל א כאַפּ געטאָן א מאַקאַראָנע, אָדער צוויי ?

נ אָ ר א. ניין, טאָרוואַלד, גלויב מיר !

ה ע ל מ ע ר. גוט, גוט, גוט ! עס זיך ניט אָב די האַרץ, דאָס שפּאַס איך נור.

נ אָ ר א. (איבערגעהענדיג צום טיש פון די רעכטע זייט) מיר וואָלט נאָר אויפ'ן געדאַנקען ניט געקומען צו טאָן עפּעס געגען דיין ווילען.

ה ע ל מ ע ר. אָה, דאָס ווייס איך. אויסערדעם, האָסטו מיר געגעבען דיין וואָרט. (קומענדיג נעהנטער צו איהר) האַלט דיינע וויינאַכטס־סעקרעטען פאַר זיך, מיין טייבעלע. דער וויינאַכטס־בוים מיט זיין ליכט וועט זיי וואַהרשיינליך אַלע ארויסברייננגען פון דער דונקעלהייט.

נ אָ ר א. האָסט אָקאָרשט ניט פערגעסען אריינצובעטען דאָקטאָר ראַנק ?

ה ע ל מ ע ר. איך האָב איהם ניט געבעטען. דאָס איז איבעריגענס ניט נעטהיג, ער וועט שוין אַליין קומען. און דאַן קען איך איהם איינלאַדען אויך ווען ער וועט דאָ זיין ביי־טאָג. איך האָב בעשטעלט זעהר גוטע וויין. דו קענסט זיך ניט פאָרשטעלען, נאָרא, מיט וואָס פאַר אונגעדולד איך ערוואַרט דעם היינטיגען אָוועגד.

נ אָ ר א. און איך אויך. אָה, ווי די קינדער וועלען זיך אמוזירען, טאָרוואַלד.

ה ע ל מ ע ר. יא, עס איז א גרויסער גליק זיך צו פיהלען אין א זיכערען צושטאַנד און צו האָבען אַלץ וואָס מען בעדאַרף, וואָס זאָגסטו, נאָרא ?

נ אָ ר א. אָה, דאָס איז וואונדערבאַר !

ה ע ל מ ע ר. געדענקסטו זיך ווי מיר האָבען צוגעבראַכט פאַר־א־יאָהרען וויינאַכטען ? דריי גאַנצע וואָכען פריהער ביזטו ביז האַלבע נאַכט געזעסען בעשפּאַרט אין צימער, צורעכט מאַכענדיק בלומען פאַר'ן בוים און אַלערליי אַנדערע גרויסאַרטיגע זאַכען,

וועלכע האָבען כלומרשט געזאָלט ערשטוינען די וועלט. מיר איז אין לעבען קיינמאָל ניט געוועז אזוי לאנגווייליג די צייט.

נ אָ ר א. איך האָב זיך ניט געלאנגווייליגט.

ה ע ל מ ע ר. (שמייכלענדיג) און צום סוף איז דערפון ווייניג־וואָס ארויסגעקומען.

נ אָ ר א. ווילסטו זיך פון דאָס ניי מיט מיר רייצען וועגען דעם? וואָס האָב איך געזאָלט טאָן, ווען די קאָץ איז געקומען און האָט אלעס, אלעס פערדאָרבען?

ה ע ל מ ע ר. נאַטירליך ניט, אָרעמע נאָרעלע. דו האָסט אָנגעשטריינגט אלע דיינע קרעפטען אונז צו מאכען פערגניגען און דאָס איז די הויפטזאך. יעדענפאללס, איז גוט וואָס די ביטערע צייטען זיינען אוועק.

נ אָ ר א. יאָ, דאָס איז וואונדערבאר, ניין?

ה ע ל מ ע ר. היינטיגען יאָהר דאַרף איך ניט זיצען און זיך לאנגווייליגען איינער־אליין און דו דארפסט זיך ניט אויסבלענדען דיינע אויגעלעך און פערמאטערן דיינע צערטליכע פינגער...

נ אָ ר א. (קלאפענדיג מיט די הענד) היינט דאַרף איך דאָס ניט, ניט אמת, טאָרוואלד? אָה, דאָס איז וואונדערבאר, ווען מען בעקלערט עס. (זי נעהמט איהם געאָרעמט) און איצט וועל איך דיר זאָגען, ווי מיר דארפען זיך איינסטראָיענען, טאָרוואלד. אזוי גיך ווי די פייערטעג זיינען אויס... (עס הערט זיך אַ קלונג ביין גאָס־טיר) מען קלינגט! (אויפראַמענדיג שנעל דאָס צימער) עס קומט א גאסט, דאָס איז ערגערליך.

ה ע ל מ ע ר. איך בין „ניטאָ אין דער היים“ פאר געסט. געדענק דאָס!

ה ע ל ע נ ע. א דאמע וויל אייך זעהן, פרוי העלמער.

נ אָ ר א. ברייננג איהר אהער.

ה ע ל ע נ ע. און דער הערר דאָקטאָר איז אָקאָרשט געקומען.

ה ע ל מ ע ר. ער איז אריינגעגאנגען צו מיר אין קאבינעט?

ה ע ל ע נ ע. יאָ, מיין הערר.

(העלמער געהט צו זיך אין קאבינעט ארײן. — העלענע פו־
ארײן פרוי ל י נ ד ע, װעלכע געהט אין רײזע קלײדער, און מאכ־
צו די טיר.)

פ ר ו י ל י נ ד ע. (צאגהאפט) װאס מאכסטו, נארא ?

נ א ר א. (צװײפלענדיג) װאס מאכט א י ה ר ?

פ ר ו י ל י נ ד ע. איך גלויב, דו דערקענסט מיך ניט.

נ א ר א ניין.. איך.. אָה, דאָך.. איך גלויב.. (מלא שמחה) װאס ! קריסטינע ? דאָס ביזטו, װירקליך דו !

פ ר. ל י נ ד ע. יאָ, דאָס בין איך.

נ אָ ר א. קריסטינע ! און זיך פאָרצושטעלען אז איך האָב דיך ניט דערקענט ! אָבער איך האָב ניט געקענט... (אין א מיל־דערן טאָן) װי פערענדערט דו ביזט, כריסטינע !

פ ר. ל י נ ד ע. געװיס ! אין ניין, צעהן יאָהר צייט...

נ אָ ר א. געה, געה ! װאָס? האָבען מיר זיך דען װירקליך אזוי לאנג ניט געזעהן ? פיעלײכט, דאָך... אָה, די לעצטע אכט יאָהר זיינען געװען זעהר גליקליכע יאָהרען פאר מיר... און איצט ביזטו טאקע געקומען אהער, הא ? אזא לאנגע רײזע אין מיטען װינטער ! דאָס איז בראװו פון דיר !

פ ר. ל י נ ד ע. איך בין געקומען היינט אין דער פריה מיט'ן דאמפף־שיף.

נ אָ ר א. דאָ צו צוברײנגען די װייהנאכטען, נאטירליך. אָה, דאָס איז זעהר, זעהר גוט ! װאָס פאר פערגניגען מיר װעלען דאָס א ביסעל האָבען ! נעהם אראָב דײנע רײזע־קלײדער. דו ביזט דאָך ניט פערפראָרען ? (איהר העלפענדיג זיך אויסטאָן) אָט אזוי; איצט װעלען מיר זיצען אנגענעהם דאָ ביין פייער. ניין, דו נעהם דעם לעהנשטוהל און איך װעל זיך זעצען אויפ'ן שויקעל־שטול. (זי נעהמט איהר אָן פאר די הענד.) יאָ, איצט קען איך ריכטיג װיעדער זעהן דיין ליעבען אלטען פנים. נור אויפ'ן ערסטען בליק האָב איך... אָבער דו ביסט א ביסעל בלײכער, כריסטינע, און א ביסעל מאָגערער, אויך...

פ ר. ל י נ ד ע. און א שעהן, שעהן ביסעל עלטער, נארא !

נ אָ ר אַ. יאַ, פּיעלייכט אַ האַרעלע עלטער... ניט פּיעל... אַ האַ־רע־לע עלטער... (פּלוצלונג הערט זי אויף, זיך אַן עטוואָס דער־מאָנענדיג.) אָה, וואָס פאַר אַ גערלאַנקלאָזער נפש איך בין! דאָ וויץ איך און פּלאַפּעל... ליעבע, ליעבע כריסטינע, קענסטו מיר דאָס פערצייהען?

פ ר ו ל י נ ד ע. וואָס מיינסטו, נאָרא?

נ אָ ר אַ. (אין אַ מילדען טאָן) אָרימע כריסטינע! איך האָב געהאַט פערגעסען: דו ביסט דאָך אַן אלמנה?

פ ר. ל י נ ד ע. יאַ, מיין מאַן איז געשטאָרבען מיט דריי יאָהר צוריק.

נ אָ ר אַ. איך וויים, איך וויים! איך האָב דאָס געלעזען אין די צייטונגען. אָ, כריסטינע, גלויב מיר, איך האָב ווירקליך געוועלט דיר שרייבען, אָבער איך האָב דאָס אַלץ אָבגעלייגט און אָבגעלייגט און מיר איז אימער עטוואָס געקומען אין וועג אריין.

פ ר. ל י נ ד ע. דאָס קען איך לייכט בעגרייפען, ליעבע נאָרא.

נ אָ ר אַ. ניין, כריסטינע; דאָס איז פון מיר געווען שרעקליך שלעכט געהאַנדעלט. ליעבסטע, בעסטע פריינדין, וויפיעל דו האָסט געמוזט ליידען פון יענער צייט אָן! האָט ער דיר גאָר נישט געלאָזען?

פ ר. ל י נ ד ע. גאָר נישט.

נ אָ ר אַ. אויך קיינע קינעדר?...

פ ר ל י נ ד ע. קיינע.

נ אָ ר אַ. גאָר נישט, ריין גאָר נישט.

פ ר. ל י נ ד ע. צומאָל ניט אַ שמערץ, אפילו ניט אַן ערוואַ־נערונג.

נ אָ ר אַ. (איהר אַנזעהענדיג, עטוואָס אונגלויביג) מיין ליעבע כריסטינע, ווי איז דאָס מעגליך?

פ ר. ל י נ ד ע. (מיט אַ ביטערען שמייכעל) אָה, דאָס טרעפט צייטענווייז.

נ אָ ר אַ. דו ביסט אויף דעם אופן גאַנץ עלענד! דאָס מוז זיין אַ שרעקליכער צושטאַנד. איך האָב דריי ליעבסטע קינדער־

לעך; דו קענסט זיי איצט ניט זעהן; זיי שפּאַצירען אַרום מיט זייער גיאַנגלע. אָבער איצט רייד דו, דו מוזט מיר אַלץ, אַלצדינג דערצעהלען.

פ ר. ל י נ ד ע. ניין, ניין; דו זאָג מיר צוערסט...

נ אָ ר אַ. ניין, דו הויב אָן; איך וויל היינט ניט זיין קיין עגאָאיסטקע. היינטיגען טאָג מוז איך האָבען אין געדאַנקען נור דיך אַליין. אָה! איין זאַך מוז איך דיר פאָרט דערצעהלען.... אָבער פיעלליכט האָסטו שוין געהערט פון אונזער גרויסע שטיק גליק...

פ ר. ל י נ ד ע. ניין, וואָס איז דאָס ?

נ אָ ר אַ. בערעכען נור וואָס דאָס בעטייט ! מען האָט גע־מאַכט מיין מאַן פאַר'ן דירעקטאָר פון די באַנק.

פ ר. ל י נ ד ע. דיין מאַן ? דאָס איז ווירקליך אַ גליק !

נ אָ ר אַ. אָה, יאַ! אַלס אַדוואָקאַט איז ער געוועזן אין אַן אונזיכערע לאַגע, איבערהויפּט, פערשטעהסטו, ווייל ער האָט זיך ניט ציגעריהרט צו קיין זאַך, וועלכע איז ניט געוועזן גאַנץ ריין און... אין דעם איז טאָרוואַלד גאַנץ גערעכט. אָה! דו קענסט לייכט פערשטעהן ווי צופריעדען מיר זיינען. ער קומט אָן אויף זיין נייע שטעלע דעם טאָג פון נייעיאָהר און דאַן וועט ער האָבען אַ גרויסע געהאַלט הוין אַ פּראָצענט פון דעם פערדיענסט. אין דער צוקונפט וועלען מיר קענען לעבען גאַנץ אַנדערש — גאַנץ ווי אונזער האַרץ וועט געלוסטען. אָה, כריסטינע! איך פיהל זיך אַזוי לייכט און גליק־ליך! עס איז אַזוי גוט צו האָבען מאַכען געלד און ניט צו דאַרפען ברעכען דעם קאָפּ אַרום קיין שום זאַך. וואָס זאָגסטו ?

פ ר. ל י נ ד ע. עס מוז זיין שעהן צו האָבען אַלץ וואָס מען בעדאַרף.

נ אָ ר אַ. אַלץ וואָס מען בעדאַרף איז אַ קליינינגקייט, אָבער הויפּענס, הויפּענס געלד !

פ ר. ל י נ ד ע. (שמייכלענדיג) נאָראַ, נאָראַ! ביזטו נאָך אַלץ ניט געקומען צום שכל ? דו פלעגסט זיין אַ שרעקליכע אויס־בריינגערקע ווען מיר זיינען ביידע געוועזן צוזאַמען אין שול.

נ אָ ר אַ. (אויך צושמייכלענדיג) יאַ, טאָרוואַלד זאָגט אַז איך

בין דאָס נאָך היינטיגען טאָג. אָבער „נאָרא, נאָרא“ איז ניט אזוי
דום ווי איהר אַלע מיינט. אָה, איך האָב ניט געהאט די מיטעל צו
זיין א גרויסע אויסבריינגערקע. מיר האָבען געמוזט ביידע ארבייטען.

פ ר. ל י נ ד ע. דו אויך?

נ אָ ר א. יא, לייכטע ארבייט: שטיקעריי, אויסנעהען און
אַנדערע זאַכען און... (מיט אַ טאָן פון וויכטיגקייט) אַנדערע ארבייט
אויך. דו ווייסט געוויס, אז טאָרוואַלד איז געוואָרען אויס טשי־
נאָווניק ווען מיר האָבען זיך פערהייראטעט. ער האָט ניט געהאט
קיין אויסזיכט צו שטייגען אין סלוזשבע. און מיר האָבען נעטהיג
געהאט מעהר געלד. נו, האָט ער אָבער געארבייט איבער זיינע
קרעפטען דעם ערסטען יאָהר. ער האָט אויף זיך גענומען אַלערליי
נעשעפטען און האָט געהאָרעוועט פריה און שפעט. דאָס איז איהם
געווען צו שווער און ער איז געוואָרען געפעהרליך קראנק. דאן האָ־
בען די דאָקטוירים ערקלערט, אז ער מוז פאָהרען אין די ווארימע
לענדער.

פ ר. ל י נ ד ע. יאָ; איהר האָט צוגעבראַכט א גאנצען יאָהר
אין איטאַליען, גלויב איך.

נ אָ ר א. גאַנץ ריכטיג. דאָס איז אָבער ניט אָנגעקומען זעהר
לייכט, מעג איך דיר זאָגען. דאָס איז אויסגעקומען גלייך נאָכדעם
ווי איך האָב געהאט איוואר'ן. פאָהרען האָבען מיר נאטירליך גע־
מוזט. אָה, דאָס איז געווען א גרויסארטיגע רייזע! און דאָס האָט
טאָרוואַלדען געמאַכט פון טויט לעבעדיג, אָבער עס האָט געקאָסט
א שרעקליכע מאַסע געלד.

פ ר. ל י נ ד ע. לייכט צו בעגרייפען.

נ אָ ר א. צוועלף הונדערט דאָללאַר! פיער טויזענד אכט־
הונדערט קרוין. איז דאָס ניט א מאַסע געלד?

פ ר. ל י נ ד ע. א גליק פאַר אייך וואָס איהר האָט געהאט
אזוי פיעל געלד.

נ אָ ר א. מיר האָבען דאָס געקראָגען פון מיין פאָטער,
פערשטעהסטו.

פ ר. ל י נ ד ע. איך פערשטעה. ער איז דאכט זיך ארום

יענע צייט געשטאָרבען.

נ אָ ר א. ריכטיג! און איצט שטעל זיך פאָר מיין לאַגע. איך האָב ניט געקענט געהן איהם אויפפאַסען! איך בין געוועזן אויף דער צייט מיט איוואר'ן און האָב געהאַט מיין קראַנקען טאָר־וואלד אויף די הענט. ליעבער, אלטער פאָטער! כריסטינע, איך האָב איהם מעהר ניט געזעהן. אה, דאָס איז געוועזן דאָס גרעסטע אונגליק וואָס איך האָב געהאַט אריבערצוטראָגען צייט איך בין פערהייראַטעט.

פ ר. ל י נ ד ע. איך וויים, ווי ליעב דו האָסט איהם געהאַט. הייסט עס דאַן זייט איהר געפאָהרען קיין איטאַליען?

נ אָ ר א. יאַ, מיר האָבען דאָס געלד געהאַט און די דאָקטוירים האָבען געשריען אין איין קול, אז מיר מוזען פאָהרען. א מאָנאַט שפּעטער זיינען מיר געוועזן פּערדרייזט.

פ ר. ל י נ ד ע. און דיין מאַן איז צוריקגעקומען פאָלקאָ־מען געזונד?

נ אָ ר א. פריש און געזונד.

פ ר. ל י נ ד ע. און דער דאָקטאָר?

נ אָ ר א. ווארום פרעגסטו דאָס?

פ ר. ל י נ ד ע. ווען איך בין אריינגעקומען האָט זיך מיר געדאַכט, אז איך האָב געהערט אייער דיענסט־פרוי אָנמעלדענדיג א דאָקטאָר...

נ אָ ר א. אָה, יאַ; דאָקטאָר ראַנק. אָבער ער קומט ניט צו אונז אלס דאָקטאָר. ער איז אונזער בעסטער פריינד און לאָזט קיינמאָל ניט פאַרביי א טאָג אָהן א בעזוך ביי אונז. ניין, טאָר־וואלד האָט ניט געהאַט א קראַנקען טאָג פון יענער צייט אָן. און די קינדער, זיי זיינען אויך געזונד און שטאַרק און איך אליין אויך. (זי שפרינגט אויף און קלאַפּט מיט די הענד.) אָה, כריסטינע, כריסטי־נע, עס איז גרויסאַרטיג צו לעבען און צו זיין גליקליך! אָבער... אָה, וואָס בין איך פאַר א מענש! אָט זיץ איך און רייד ניט מעהר ווי ארום זיך! (זיך זעצענדיג אויף א פוסביינקעלע לעבען כריסטינען מיט די הענד אין איהר שויס.) אָה, זיי ניט בייז אויף מיר! זאָג

מיר, איז דאָס ווירקליך וואהר אז דו האָסט דיין מאַן ניט געליעבט? וואָס האָט דיך געצוואונגען איהם צו נעהמען?

פ ר. ל י נ ד ע. מיין מוטער האָט נאָך דאַן געלעבט, הילפ־לאָז, קראַנק אין בעט; און דאַן האָב איך געהאַט צו זאָרגען פאַר צוויי אינגערע ברידער. איך האָב עס געהאַלטען פאַר מיין פפליכט איהם צו נעהמען.

נ אָ ר א. פיעללייכט איז דאָס ווירקליך געווען דיין פפליכט. איז ער געווען רייך?

פ ר. ל י נ ד ע. אין זעהר א גוטען צושטאַנד. אָבער זיין געשעפט איז געווען אַן אונזיכערער און נאָך זיין טויט איז עס צו־פאַלען שטיקערווייז און נאָך איהם איז גאָרנישט געבליבען.

נ אָ ר א. און דאַן...

פ ר. ל י נ ד ע. דאַן האָב איך געמוזט זיך ראַנגלען מיט די נויט, האַלטענדיג א קראָם, נאַכהער א שול, אלץ וואָס איז געווען מעגליך פאַר מיר. די לעצטע דריי יאָהר זיינען פאַר מיר געווען איין לאַנגער שווערער קאַמפף. אָבער איצט איז ער געענדיגט, נאָרא. מיין אָרימע מוטער — זי בעדאַרף מיך מעהר ניט, זי ליעגט אין איהר רוה. די אינגלעך זיינען אין געשעפט און קענען זאָרגען פאַר זיך אליין.

נ אָ ר א. ווי פריי דו מוזט זיך איצט פיהלען!

פ ר. ל י נ ד ע. ניין, נאָרא; מיין לעבען איז ניט מעהר ווי שווידערהאַפט פוסט. ניטאָ פאַר וועמען צו לעבען! (אויפשטעהענ־דיג זעהר אונרוהיג.) דאָס איז דער גרונד, וואָרום איך האָב לענגער ניט געקענט אויסהאַלטען דעם לעבען אין דעם פערוואָרפענעם נעסט, וואו איך בין געווען. היער, רעכען איך, מוז זיין לייכטער צו גע־פינען אַן ארבייט וואָס איז ווערטה אז מען זאָל זיך צו איהר נעהמען, עטוואָס צו בעשעפטיגען א מענשען'ס געדאַנקען. ווען איך וואָלט נור געקענט קריעגען א שטענדיגע ארבייט, ערגיץ אין א קאַנטאָר!

נ אָ ר א. אָבער, בעדיינק, כריסטינע, דאָס איז אזא קאָנטאָר־זשנע ארבייט, און דו זעהסט אזוי אויך אויס אויסגעמאַטערט; פאַר דיר וואָלט גלייכער געווען צו האָבען א ביסעל רוה אין א קליינע

שטאָדט ערגיץ־וואו ביין ים.

פ ר. ל י נ ד ע. (צוגעהענדיג צום פענסטער) איך האָב ניט קיין פאָטער, וועלכער זאָל מיר געבען דאָס געלד דערצו.

נ אָ ר א. (אויפשטעהענדיג) אָה! נעהם׳ס מיר ניט איבעל.

פ ר. ל י נ ד ע. ליבע נאָרא, זיי דו אויף מיר ניט אין כעס. דאָס ערגסטע אין א לאגע ווי מיינע בעשטעהט אין דעם, וואָס עס מאכט א מענשען ביטער. מען האָט ניט פאר קיינעם צו אַרבייטען און דאָך מוז מען אימער עטוואָס טאָן. מען מוז לעבען און מען ווערט עגאָאיסטיש. ווען איך האָב געהערט פון די גליקליכע ענדערונג אין אייער לעבען, האָב איך — ווער וואָלט דאָס געגלויבט? — זיך מעהר געפרעהט פון מיינטוועגען ווי פון אייערט־וועגען?

נ אָ ר א. וואָס מיינסטו דערמיט? אָה! איך פערשטעה. דו רעכענסט אז טאָרוואלד וואָלט קענען עפּעס טאָן פאר דיר.

פ ר. ל י נ ד ע. יא, דאָס האָב איך געטראַכט.

נ אָ ר א. און דיין פערלאַנג מוז ערפילט ווערען! דו לאָז דאָס נאָר איבער צו מיר. איך וועל דאָס זעהר קונציג ארומארבייטען און וועל עפּעס אויסטראַכטען אַן אנגענעהמע מאַנעווערע איהם צו מאכען פריינדליך. אָה, איך וואָלט זיך אַזוי גליקליך שעטצען פאר דיר עטוואָס צו טאָן!

פ ר. ל י נ ד ע. דו ביסט זעהר ליעבענסווירדיג, נאָרא! און ביי דיר איז דאָס דאָפּעלט גוט, ווייל דו אליין ווייסט אזוי ווייניג פון צרות.

נ אָ ר א. איך? איך וויים ווייניג פון...?

פ ר. ל י נ ד ע. (שמייכלענדיג) נו, יא! אביסעל שטיקעריי און דעסגלייכען. דו ביסט גאָר א קינד, נאָרא!

נ אָ ר א. (דערלאַנגט א שאָקעל מיט׳ן קאָפּ און חויבט אָן צו שפּרייזען איבער׳ן צימער) אָה, דו דאַרפסט מיך ניט האַלטען פאר גאָר א קינד...

פ ר. ל י נ ד ע. ניין?

נ אָ ר א. דו ביסט ניט בעסער פאר די אנדערע! איהר

אלע מיינט אז איך בין ניט פעהיג צו קיין שום ערנסטע זאך. —

פ ר. ל י נ ד ע. נון...

נ אָ ר א. איהר מיינט אז איך האָב גאָר ניט געהאַט מיין פעקעל אין לעבען?

פ ר. ל י נ ד ע. מיין ליעבסטע נאָרא, דו האָסט, דאכט זיך, מיר נאָר וואָס אויסדערצעהלט אלע דיינע ליידען.

נ אָ ר א. עה! די קליינינגקייטען! (אין א שטילערען טאָן) איך האָב דיר נאָך ניט געזאָגט קיין וואָרט וועגען די גרויסע זאך...

פ ר. ל י נ ד ע. די גרויסע זאך? וואָס מיינסטו דערמיט?

נ אָ ר א. איך ווייס דו קוקסט אויף מיך פון אויבען אראָפּ, כריסטינע; אָבער דו האָסט דערצו קיין רעכט נים. דו ביזט שטאָלץ דארויף וואָס דו האָסט געארבייט שווער און לאנג פאר דיין מוטער.

פ ר. ל י נ ד ע. איך קוק געוויס אויף קיינעם ניט אראָפּ; אָבער איך בין טאקע שטאָלץ און צופרידען ווען אין דערמאָן זיך אז איך בין געווען אים שטאנדע צו בעפרייען פון זאָרגען מיין מוטער'ס לעצטע יאָהרען.

נ אָ ר א. און דו ביסט שטאָלץ אויף דאָס וואָס דו האָסט געטאָן פאר דיינע ברידער?

פ ר. ל י נ ד ע. האָב איך ניט א רעכט דערצו?

נ אָ ר א. גאנץ געוויס. נון, אָבער לאָמיך דיר זאָגען, כריסטינע, אז איך האָב אויך מיט וואָס צו שטאָלצירען, און צופרידען צו זיין.

פ ר. ל י נ ד ע. איך צווייפעל ניט אין דעם, אָבער וואָס מיינסטו?

נ אָ ר א. השש! רייד ניט אזוי הויך. בעדענק נור, ווען טאָרוואלד זאָל דאָס קריגען צו הערען! ער טאָר דערפון ניט וויסען, אויף קיין פאל ניט! קיינער ניט, חוץ דיר, כריסטינע.

פ ר. ל י נ ד ע. וואָס קען דאָס זיין אזוינס?

נ אָ ר א. קום אהער צו מיר. (זי ציעהט איהר צו נעהנטער צו זיך אויפ'ן זאָפאָ.) יא, איך האָב אויך א גרונד צו זיין שטאָלץ און

גליקליך. איך האָב נערעטעט טאָרוואלד'ס לעבען.

פ ר. ל י נ ד ע. גערעטעט זיין לעבען? ווי אזוי?

נ אָ ר א. איך האָב דיר דערצעהלט וועגען אונזער פאָהרען קיין איטאַליען, ווען ניט דאָס, וואָלט טאָרוואלד געשטאָרבען.

פ ר. ל י נ ד ע. יא, און דיין פאָטער האָט דערצו געגעבען דאָס געלד.

נ אָ ר א. אזוי מיינט טאָרוואלד אליין און יעדער אנדערער, אָבער...

פ ר. ל י נ ד ע. אָבער?

נ אָ ר א. אָבער מיין פאָטער האָט מיר ניט געגעבען ניט איין איינציגען העלער. איך אליין האָב דאָס געלד געקראָגען.

פ ר. ל י נ ד ע. דו? דאָס גאַנצע געלד?

נ אָ ר א. צוועלף הונדערט דאָללאַר, פיער טויזענד אכט הונדערט קרוין. וואָס זאָגסטו דערצו?

פ ר. ל י נ ד ע. מיין ליעבע נאָרא, זאָג מיר ווי האָסטו דאָס אויפגעטאָן? האָסטו דאָס געלד געוואונען אין דער לאָטעריע?

נ אָ ר א. (פעראכטליך) אין דער לאָטעריע? יעדער נאר וואָלט דאָס געקענט.

פ ר. ל י נ ד ע. פון וואַנען־דען־זשע האָסטו געקראָגען דאָס געלד?

נ אָ ר א. (זינגט אונטערשמייכלענדיג) הם... הם! טראַ־לאַ־לאַ־לאַ...

פ ר. ל י נ ד ע. נו, באָרגען האָסטו נאַטירליך נ י ט געקענט?

נ אָ ר א. ניין? וואָרום ניט?

פ ר. ל י נ ד ע. וואָרום ניט? ווייל א פרוי טאָר ניט באָרגען קיין געלד אָהן די צושטימונג פון איהר מאַן

נ אָ ר א. (שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ) אָה, ווען די ווייב פערשטעהט אביסעלע געשעפט... און ווייס ווי זיך צו א זאך צו נעהמען... דאַן...

פ ר. ל י נ ד ע. אָבער, נארא, איך פערשטעה ניט...

נ א ר א. נו, עס איז ניט נעטהיג אז דו זאלסט פערשטעהן...

איך האָב דיר ניט געזאָגט אז איך האָב געבאָרגט דאָס געלד. פּיעל־ליכט האָב איך עס געקראָגען אויף אנאנדער אופן. איך מעג עס האָבען בעקומען פון איינעם וועלכער איז געווען אין מיך פערליעבט... ווען א פּערזאָן, פערשטעהסטו, איז אזוי... אנציהענד ווי איך בין...

פ ר. ל י נ ד ע. דו ביזט ווירקליך ניט ביין זינען, נאָרא.

נ אָ ר א. נו, איך בין זיכער דו שטאַרבסט מיט אונגעדולד צו וויסען...

פ ר. ל י נ ד ע. הער נור צו, מיין געליבטע נאָרא, ביזטו ניט אָקאָרשט אביסעלע... האסטיג געוועזען?

נ אָ ר א. הייסט דאָס האסטיגקייט צו רעטען א מאַן'ס לעבען?

פ ר. ל י נ ד ע. איך רעכען נור, אז דו האָסט געקענט זיין איבעראיילט אין טאָן א זאַך אָהן דיין מאַן'ס וויסען...

נ אָ ר א. אָבער דער וויסען דערפון האָט איהם געקענט טויטען! בעגרייפסטו דען דאָס ניט? ער האָט ניט געטאָרט האָבען דעם שאָטען פון א פערדאַכט אז ער איז אזוי געפעהרליך קראַנק. די דאָקוירים האָבען אין דער שטיל מיר ערקלעט אז ער איז אין לעבענס־געפאהר און אז קיין זאַך וועט איהם ניט העלפען, חוץ א רייזע אין די ווארימע לענדער. מיינסטו איך האָב ניט פּריהער פּרובירט איהם נעהמען מיט קונצען? איך האָב איהם געזאָגט, איך שטאַרב צו זיין אין אויסלאַנד, ווי אנדערע יונגע פרויען. איך האָב געוויינט, האָב זיך געבעטען ביי איהם, האָב איהם געזאָגט ער דאַרף ניט פערגעסען מיין... צושטאַנד, אז ער דאַרף מיר אַלעס נאָכגעבען און דאַן האָב איך איהם געגעבען אָן אָנצוהערענים, אז ער קען דאָס געלד באָרגען. אָבער דאָס, כריסטינע, האָט איהם כמעט בייז געמאַכט. ער האָט מיר פאָרגעוואָרפען, אז איך בין א פוסטע קאָפּ אין אז ער, אַלס מאַן, איז פערפּפליכטעט מיר ניט צו לאָזען אויספיהרען אזעלכע משוגעת'ען — ווי ער האָט דאָס אָנגערופען. זעהר גוט — האָב איך ביי זיך געטראַכט — אָבער גערעטעט מוז דיין לעבען פאָרט ווערען, און דאַן האָב איך געפונען א וועג דערצו.

פ ר. ל י נ ד ע. און האָט דיין מאַן קיינמאָל ניט ערפאהרען פון דיין פאָטער אַליין, אַז דאָס געלד איז געקומען ניט פון איהם?

נ אָ ר א. ניין, קיינמאָל ניט! דער פאָטער איז געשטאָרבען פּינקט צו יענער צייט. איך האָב געוועלט איהם זאָגען און איהם בעטען ער זאָל דאָס האַלטען בסוד. אונגליקליכערווייזע איז דאָס כאַיי ווי סאַיי געווען צו שפּעט.

פ ר. ל י נ ד ע. און דיין מאַן? האָסטו איהם קיינמאָל ניט מודה געווען אַז...

נ אָ ר א. גאָט אין הימעל! וואָס פאַלט דיר איין? איהם זאָגען, — איהם, וועלכער האַסט חובות מעהר ווי אַלץ אין דער וועלט! און אויסער דעם ווי שמערצליך, ווי ערנידעריגענד דאָס וואָלט זיין פאַר א מאַן ווי טאָרוואַלד, מיט זיין שטאָלצען כאַראַקטער און מיט זיין אונאַבהענגיגקייט, צו וויסען אַז ער האָט מיר עפּעס צו פערדאַנקען! דאָס וואָלט אין גאַנצען צושטערט אונזער גליקליכען צוזאַמענלעבען; אונזער שעהנע גליקליכע היים וואָלט א מינוט ניט מעהר געווען דאָס וואָס עס איז.

פ ר. ל י נ ד ע. וועסטו דאָס איהם אויך קיינמאָל ניט זאָגען?

נ אָ ר א. (אין געדאַנקען, האַלב שמייכלענדיג) יאַ, פיעללייכט, א מאָל ווען־עס־איז — אין יאָהרען אַרום, ווען איך וועל... ניט מעהר זיין אַזוי שעהן. לאַך ניט! איך מיין, נאַטירליך, ווען טאָרוואַלד וועט אין מיר ניט זיין מעהר אַזוי פערליעבט, ווי ער איז היינט; ווען עס וועט איהם ניט מעהר אַזוי פיעל פערגניגען מאַכען צו זעהן ווי איך שפּרינג אַרום, קלייד זיך און טאַנץ, דאַן קען פיעללייכט זיין גוט, ווען איך זאָל עפּעס האָבען אין זאַפּאַס (אונטערברעכענדיג) אונזין! אונזין! אַזאַ צייט וועט קיינמאָל ניט קומען. און איצט, כריסטינע, וואָס זאָגסטו איצט צו מיין גרויסען סוד, האַ? גלויב מיר, עס האָט מיר געקאָסט גענוג קאָפּ־ברעכענעס, עס איז ניט געווען א קינדער־שפּיעל צו האַלטען די טערמינען פּינקטליך. דו דאַרפסט וויסען, כריסטינע, אַז אין מסחור זיינען פאַראַן אַזעלכע זאַכען ווי, למשל, אָבצאָהלונגען און פערטעל־יעהר־

ליבען צינזען, וועלכע עס איז שווידערהאפט שווער צו דעקען. נו, האָב איך געמוזט, פערשטעהסטו, פערקנייטשען א ביסעל דאָ, א ביסעל דאָרטען — וואו איך האָב נור געקענט. דו בעגרייפסט, אז איך האָב ניט געקענט פיעל אָבשפּאָרען פון די הויז הוצאות, ווייל טאָרוואלד האָט נאטירליך געמוזט לעבען גוט. די קינדער, וויעדער, האָבען ניט געקענט ארומגעהן אָבגעשליסען; וואָס איך האָב נאָר פאר זיי געקראָגען איז פאר זיי אוועקגעגאנגען — די קליינע קע־צעלעך.

פ ר. ל י נ ד ע. אָרעמע נאָרא! דאָס איז, אלזאָ, נור אַליין אָבגעשפּאָרט געוואָרען פון דיינע טאַשענגעלד, הא?

נ אָ ר א. פערשטעהט זיך. און נאָך אלע מעשות, איז דאָס געווען אין גאַנצען מיינע ארבייט. ווען טאָרוואלד פלעגט מיר געבען געלד פאר מיר אויף קליידער און נאָך אזעלכע זאכען, פלעג איך קיינמאָל ניט אויסגעבען מעהר ווי די העלפט; איך האָב אימער געקויפט די איינפאַכסטע זאכען. עס איז א גליק וואָס מיר קלייט כמעט אלעס, דערפאר פלעגט טאָרוואלד גאָר נישט מערקען. אָבער דאָס איז מיר אָפט אָנגעקומען שווער, זעהר שווער, כריס־טינע; דען עס איז אזוי גוט צו געהן פיין געקליידעט, ניט אמת?

פ ר. ל י נ ד ע. אָה, יא!

נ אָ ר א. נו, און אויסערדעם האָב איך מיר פערשאַפט געלד אויף אנדערע וועגען אויך. פאָריגען ווינטער האָב איך געהאט פיעל גליק. איך האָב געקראָגען זעהר פיעל פּאַפּיערען איבערצושרייבען. נאכט פאר נאכט פלעג איך מיר פרשפּאָרען און פלעג שרייבען ביז שפּעט אין דער נאכט. אָה, ווי מיד בין איך צייטענווייז געוועזען! און דאָך וואָס פאר א פערגניגען עס איז געווען צו זיצען און ארביי־טען, פערדינענדיג געלד! איך האָב זיך כמעט געהאלטען פאר א מאַן.

פ ר. ל י נ ד ע. וויפיעל איז דיר געלונגען אָבצוצאָהלען?

נ אָ ר א. נו, דאָס קען איך דיר ניט זאָגען אויף קלאָר. עס איז שווער צו פיהרען אזא געשעפט מיט א ריכטיגען חשבון. איך

וייס נור, אז איך האָב אָבגעצאָהלט אזוי פיעל וויפיעל איך האָב געקענט צונויפקריעגען. אָה, עס זיינען געווען צייטען ווען איך האָב איינפאך ניט געוואוסט אוואו זיך צו קעהרען און צו ווענדען. (שמייכלענדיג) דאן פלעג איך זיצען און פאנטאזירען ארום א רייכען אלטען העררן, וועלכער איז אין מיר פערליעבט —

פ ר. ל י נ ד ע. וואָס? וואָס פאר א הערר?

נ אָ ר א. אָ, קיינער ניט!... אָט, קלער איך, שטארבט ער, מען עפענט זיין צוואה און דארין שטעהט געשריבען מיט גרויסע בוכשטאבען: צאָהלט אוועק אלץ וואָס איך לאָז איבער צו די שארמאנטע פערזאָן, צו פרוי נאָרא העלמער.

פ ר. ל י נ ד ע. אָבער, ליעבע נאָרא, וועלכען אלטען הערר־רען מיינסטו?

נ אָ ר א. וואָס פאר א קינד דו ביסט! פערשטעהסטו דען ניט? אזא אלטער הערר איז אין ערגעץ ניט געוועזען, ער פלעגט נור געפינען זיך אין מיינע פאנטאזיען בעת איך בין געווען אויסער זיך טראכטענדיג ווי און וואו צו קריגען געלד צום טערמין. אָבער דאָס איז אללעס צו ענדע — דער לאנגווייליגער אלטער נארר מעג זיך בלייבען וואו ער איז: ניט איך דארף איהם, ניט איך דארף זיין צוואה, דען דער סוף פון מיינע קאָפּדרעהענעס איז איצט ענדליך געקומען. (אויפשפרינגענדיג) אָה, כריסטינע, וואָס פאר א גליק דאָס איז צו זיין פריי פון זאָרגען, גאָר אין גאנצען פריי! צו קענען ארומשפרינגען און זיך שפיעלען מיט די קינדער; צו האָבען שעהנע, געשמאקפאָלע זאכען אין הויז גאנץ נאָך טאָרוואלד'ס וואונש! און באלד קומט אָן דער פריהלינג מיט'ן שעהנעם בלויען הימעל און די גרויסע פרייע וועלט ארום זיך. פיעלייכט פאָהרען מיר זיך דאן א ביסעל דורך, פיעלייכט זעה איך נאָך א מאָל דעם ים. אך, ווי גוט עס איז צו לעבען און זיין גליקליך.

(עס הערט זיך א קלונג פון גאס־טיר.)

פ ר. ל י נ ד ע. מען קלינגט. פיעלייכט איז גלייכער אז איך זאָל אוועקגעהן.

נ אָ ר א. ניין, ניין; בלייב דאָ! עס איז געווים איינער וואָס בעדארף טאָרוואלד'ען.

ה ע ל ע נ ע. מאַדאַם, דאָ איז אַ מאַן, וועלכער וויל רעדען מיט הערן העלמער.

נ אָ ר אַ. ווער איז דער הערר?

ק ר אָ ג ס ט א ד. (זיך בעווייזענדיג אין טיר) דאָס בין איך, פרוי העלמער.

(העלענע געהט אַרויס; פרוי לינדע גיט זיך אַ כאַפּ און קעהרט זיך אום צום פענסטער.)

נ אָ ר א. (ענגסטליך און האַלב אין דער הויך) אָה, איהר? וואָס דאַרפט איהר מיין מאַן?

ק ר אָ ג ס ט א ד. וועגען אַ שטיקעל באַנק-געשעפט... אין אַ געוויסען זין. איך האָב אין דער באַנק אַ שטעלע און אייער מאַן, הער איך, ווערט אונזער דירעקטאָר.

נ אָ ר א. דאָס איז אַלזאָ...

ק ר אָ ג ס ט א ד. ניט מעהר ווי לאַנגווייליגע געשעפט-זאַכען.

נ אָ ר א. דאַן געהט, זייט אַזוי גוט, אַריין צו איהם אין קאַבינעט.

(קראָגסטאַד געהט אַרויס. זי פערבויגט זיך צו איהם ניט איבריגס פרויינדליך, פערמאַכענדיג די טיר; זי געהט דאַן צום פייער צו.)

פ ר. ל י נ ד ע. נאָרא, וואָס איז דאָס פאַר אַ מאַן?

נ אָ ר א. אַ געוויסער הערר קראָגסטאַד. קענסטו איהם?

פ ר. ל י נ ד ע. איך האָב איהם אַמאָל געקענט — מיט יאָה־רען צוריק. ער איז געוועזען ביי אַן אַדוואָקאַט אין אונזער שטאָדט.

נ אָ ר א. יאָ, יאָ, גאַנץ ריכטיג.

פ ר. ל י נ ד ע. ווי דער מאַן האָט זיך פערענדערט!

נ אָ ר א. מען זאָגט ער האָט געפיהרט אַן אונגליקליכעס לעבען מיט זיין פרוי.

פ ר. ל י נ ד ע. איצט איז ער אַן אַלמן, ניין?

נ אָ ר א. מיט אַ סך קינדער. (זי פאַרמאַכט דעם אויוועז). אָט אַזוי! איצט האָט עס זיך פאַנאַנדערגעברענט.

פ ר. ל י נ ד ע. מען זאָגט, אַז ער האָט עפּעס אַ געשעפט ניט פון די פיינסטע...

נ אָ ר אַ. קען זיין. איך ווייס ניט. אָבער לאָמיר ניט טראַכטען ארום געשעפטען: זיי זיינען שרעקליך לאַנגווייליג.

(דאָקטאָר ראַנק קומט אַרויס פון העלמער'ס קאַבינעט.)

ר אַ נ ק. (בלייבענדיג שטעהן אויפ'ן שוועל) ניין, ניין, איך וועל אייך ניט אויפהאַלטען. איך וועל אַריינגעהן צו אייער פרוי; וועל אַ ביסעל פּלוידערן מיט איהר. (ער פערמאַכט די טיר און דערזעהט פרוי לינדע.) אַה, ביטע אום ענטשולדיגונג, דאָ בין איך אויך איבעריג.

נ אָ ר אַ. ניין, ניין, דורכאויס ניט. (זיי פאָרשטעלענדיג) דאָקטאָר ראַנק — פרוי לינדע.

ר אַ נ ק. פרוי לינדע? איך האָב אָפט געהערט איהר נאָמען. האָבען מיר זיך ניט געטראָפען אויפ'ן טרעפּ, ווען איך בין אַריינגעקומען?

פ ר. ל י נ ד ע. יאַ, איך געה אַזוי לאַנגזאַם. טרעפּ מאַכען מיך מיד.

ר אַ נ ק. איהר זייט אַלזאָ ניט זעהר שטאַרק?

פ ר. ל י נ ד ע. איינפאַך אָבגעמאַטערט.

ר אַ נ ק. אַזוי? דאַן קומט איהר וואַהרשיינליך אַהער צו ערהוילען זיך דורך דעם וואָס איהר וועט ביי אונז אַ לעב טאָן.

פ ר. ל י נ ד ע. ניין, הערר דאָקטאָר. איך קום אַהער זוכען בעשעפטיגונג.

ר אַ נ ק. איז דאָס אַ היילמיטעל פאַר אַזעלכע, וואָס זיינען קראַנק פון צופיעל אַרבייטען?

פ ר. ל י נ ד ע. מען מוז לעבען, דאָקטאָר ראַנק!

ר אַ נ ק. יאַ, דאָס שיינט צו זיין די אַלגעמיינע מיינונג.

נ אָ ר אַ. געהט, געהט, דאָקטאָר! איהר אַליין ווילט אויך לעבען.

ר אַ נ ק. געוויס וויל איך. אונגליקליך ווי איך בין, וויל איך דאָך זיך ווייטער שלעפּען אין דער וועלט אַזוי לאַנג ווי איך קען. מיינע פּאַציענטען האָבען אַלע אויך דעמזעלבען שגעון. עס איז פּונקט דאָס זעלבע מיט די וואָס זיינען מאָראַליש קראַנק. אָט

רעדט אין דיזען אוינענבליק מיט חעלמער'ן אזא סין מאראלישער קאליקע.

פ ר. ל י נ ד ע. (זעהר שטיל) אה!

נ א ר א. וועמען מיינט איהר?

ר א נ ק. אה, א קערל, וועלכער רופט זיך קראנסמאר, א מאן, וועלכען איהר קענט ניט. — פערדארבען אין כאראקטער ביז'ן ביין. ער האט אויך אנגעהויבען מיט דער ערקלעהרונג אז ער מוז לעבען.

נ א ר א. אה! און וואס פערלאנגט ער פון טארוואלד'ען?

ר א נ ק. איך ווייס ווירקליך ניט. אזוי פיעל נור האב איך פערשטאנען, אז דאס האט צו טהאן מיט דער באנק.

נ א ר א. איך וואלט ניט גערעכענט אז קראג.... אז דיעזער הערר קען האבען ערגיץ א צוזאמענהאנג מיט דער באנק.

ר א נ ק. ער האט דארטען עפעס א שטיקעל שטעלע. (צו פר. לינדע) איך ווייס ניט אויב ביי אייך זיינען אויך דא אזעלכע מענשען, — פערזאנען וואס גראבען אויס און שמעקען אויס פון אונטער דר'ערד אלעס וואס איז מאראליש פערפוילט; וואס זייער סיסטעם איז אנצופילען גוטע שטעלען מיט פערפלעקטע כאראקטערען, וועלכע זיי קענען האלטען אין זייער מאכט. דעם עהרליכען מאן ווייזען זיי א רוקען.

פ ר. ל י נ ד ע. נון, איך רעכען אז ביי די... אנגעגריפענע כאראקטערען בעט זיך פיעללייכט מעהר אויפפאסונג.

ר א נ ק. (קוועטשענדיג די פלייטשעס) אט האבען מיר די אלטע געשיכטע! דא איז די אידעע, וועלכע מאכט די מענשליכע געזעלשאפט פאר א ספיטאל.

(נארא טיעף אין געדאנקען, פלאצט אויס מיט א חאלב-פערשטיקטען געלעכטער און חויבט אן צו קלאפען מיט די חענד פאר פריידע.)

ר א נ ק. וואס לאכט איהר? האט איהר דען א בעגריף וואס אזא געזעלשאפט איז?

נ א ר א. וואס קימערט מיך אייער לאנגווייליגע געזעלשאפט? איך לאך פון אנאנדער זאך, — עטוואס, וועלכעס איז

זעהר אמוזאנט. זאָגט מיר, דאָקטאָר, זיינען די, וואָס דיענען אין דער באַנק, אַלע אָבהענגיג פון טאָרוואַלד'ען?

ר א נ ק. קומט אייך ד אָ ס פאַר אזוי קאָמיש?

נ אָ ר א. (זינגט אונטער און שמייכעלט) מאַכט ניט אוים! מאַכט ניט אוים! יא, עס איז אַמוזאַנט צו קלערען אז מיר... אז טאָרוואַלד האָט אזא מאַכט איבער אזוי פיעל מענשען (זי נעהמט אַרויס אַ מאַקאַראָנע) דאָקטאָר ראַנק, וועט איהר עסען אַ מאַקאַראָנע?

ר א נ ק. וואָ—ס? מאַקאַראָנען? זיינען זיי דען ניט קאָנ־טראַבאַנד אין הויז?

נ אָ ר א. געוויס; אָבער די האָט מיר כריסטינע געבראַכט.

פ ר. ל י נ ד ע. וואָס? איך?

נ אָ ר א. נו, נו, דו דאַרפסט זיך ניט שרעקען. דו האָסט ניט געקענט וויסען, אז טאָרוואַלד האָט דאָס פערבאָטען. די אור־זאַך איז, ער האָט מורא איך זאָל ניט פערדארבען מיינע ציינער. אָבער, אָה האָב עס א... נור דעם איין מאָל! דאָס איז פאַר אייך, דאָקטאָר ראַנק (זי שטאָפּט איהם אַריין אַ מאַקאַראָנע אין מויל) און דאָס איז פאַר דיר, כריסטינע, און פאַר איין גאַנג וועל איך שוין אליין נעהמען איינע — א גאַנץ קליינע, העכסטענס צוויי (שפּאַצירט אַרום) אָה, ווי גוט מיר איז! איך האָב נור איין איינציגען וואונש נאָך, איצט.

ר א נ ק. און וואָס איז עס?

נ אָ ר א. עטוואָס וואָס איך וואָלט וועלען זאָגען — ווען טאָרוואַלד איז דערביי, ער זאָל הערען.

ר א נ ק. וואָרום אַלזאָ זאָגט איהר דאָס ניט?

נ אָ ר א. איך וואַג ניט. עס איז אַ מיאוסער וואָרט.

פ ר. ל י נ ד ע. מיאוס?

ר א נ ק. אויב אזוי, זאָגט דאָס בעסער ניט. אָבער פאַר אונז קענט איהר... נו, וואָס איז דאָס, וואָס איהר וואָלט זאָגען אין טאָרוואַלד'ס געגענוואַרט?

נ אָ ר א. איך וואָלט אזוי וועלען זאָגען: „כאַפּ עס דער קאַדיק!"

ראנק. זייט איהר אראב פון זינען?

פר. לינדע. גרויסער גאָט — נאָרא!

ראנק. אָט איז טאָרוואלד — זאָגט עס!

נאָרא. (בעהאַלטענדיג די מאַקאַראָנען) הש...ש...ש...

(העלמער קומט אַרויס פון זיין צימער, די הוט אין דער האַנד און זיין אויבעררואָק אויפ'ן אָרעם.)

נאָרא. (איהם קומענדיג אַנטקעגען) נון, ליעבער טאָרוואלד, ביזטו פון איהם פטור געוואָרען?

העלמער. יא, ער איז נאָר־וואָס אוועקגעגאנגען.

נאָרא. לאָמיך דיר פאָרשטעלען: דאָס איז כריסטינע, וועלכע קומט אהער...

העלמער. כריסטינע? ביטע אום ענטשולדיגונג... איך וויים ניט...

נאָרא. פרוי לינדע, מיין ליעבער טאָרוואלד — כריסטינע לינדע.

העלמער. (צו פרוי לינדע) געווים מיין פרוי'ס א שול־פריינדין?

פר. לינדע. יא. מיר האָבען זיך געקענט מיידעל־ווייז.

נאָרא. בעדענק נור! זי איז געפאָהרען דעם גאנצען וויימען וועג נור אום צו רעדען מיט דיר.

העלמער. צו רעדען מיט מיר?

פר. לינדע. ניט גאנץ...

נאָרא. כריסטינע, פערשטעהסטו, איז א מאדים אויף ציפערן, און אזוי ווי איהר ווילט זיך שרעקליך ארבייטען ביי א געשעפטסמאן ערסטער קלאסע אום נאָך מעהר צו לערנען...

העלמער. (צו פר. לינדע) זעהר פערנינפטיג, ווירקליך...

נאָרא. איז ווען זי האָט געהערט אז דו ביסט געוואָרען באנק־דירעקטאָר — מען האָט דאָס טעלעגראפירט, פערשטעהסטו — איז זי גלייך געקומען צו פאָהרען, און — ליעבער טאָרוואלד — טו דאָס מיר, און געפין עפעס א בעשעפטיגונג פאר כריסטינע. דו קענסט, ניט וואהר?

ה ע ל מ ע ר. אונמעגליך איז דאָס ניט. איהר זייט, ווי איך פערשטעה, אַן אלמנה?

פ ר. ל י נ ד ע. יא, מיין הערר.

ה ע ל מ ע ר. און איהר האָט שוין געהאַט ערפאַהרונג אין קאָנטאָר־ארבייט?

פ ר. ל י נ ד ע. ציעמליך פיעל.

ה ע ל מ ע ר. אויב אַזוי, וועל איך וואהרשיינליך געפינען א פלאַץ פאַר אייך.

נ אָ ר א. (קלאַפּענדיג די הענד) דאָס איז שעהן!...

ה ע ל מ ע ר. איהר זייט געקומען אין א גליקליכע שעה, פרוי לינדע.

פ ר. ל י נ ד ע. איך ווייס ניט ווי אייך צו דאנקען...

ה ע ל מ ע ר. ניטאָ פאַר וואָס (אָנטועענדיג דעם אויבערראָק) דערווייל מוזט איהר מיך ענטשולדיגען...

ר א נ ק. ווארט, איך געה מיט דיר. (ער וואַרעמט זיין פעלץ ביים פייער.)

נ אָ ר א. זאָם זיך ניט צו־לאַנג, ליעבער טאָרוואלד.

ה ע ל מ ע ר. איין שטונדע, ניט מעהר.

נ אָ ר א. געהסטו אויך, כריסטינע?

פ ר. ל י נ ד ע. (זיך אָנטועענדיג) יא, איך מוז געהן זוכען א צימער.

ה ע ל מ ע ר. פיעללייכט געהן מיר צוזאַמען?

נ אָ ר א. (איהר העלפענדיג) ווי שאדע, וואָס מיר האָבען ניט א ליידיגען צימער, אָבער דאָס איז אונמעגליך...

פ ר. ל י נ ד ע. מיר וואָלט אויף די געדאנקען גאָר ניט קומען אייך צו בעלעסטיגען. אדיע, ליעבע נאָרא, און בעסטען דאנק פאַר דיין גוטסקייט.

נ אָ ר א. אדיע פאַר א קורצע ווייל. דו קומסט נאַטירליך היינט פון אָוועגד, און איהר אויך דאָקטאָר ראנק. וואָס? אויב איהר וועט זיין געזונד? געוויס וועט איהר זיין געזונד. וויקעלט זיך נור גוט איין. (זיי געהען אַרויס רעדענדיג, און גלייך נאָכהער

דערהערט מען קינדערשע שטימען) אָה, היער זיינען זיי, היער זיינען זיי! קומט אריין, קומט אריין! (בויגט זיך איין און קושט זיי.) אָה, איהר זיסע קעצעלעך! זעהסטו זיי, כריסטינע? זיינען זיי ניט ליעבליך?

ר א נ ק. לאָמיר דאָ ניט שטעהן און פלאפלען אינ'ם צוגווינד.

ה ע ל מ ע ר. קומט, פרוי לינדע; מעהר ווי א מוטער קען אזא קעלט ניט פערטראָגען.

(דר. ראנק, העלמער און פרוי לינדע געהען אַרונטער פון די טרעפ; אננאַ ברענגט אַריין די קינדער; נאָראַ געהט נאָך, האָבענדיג פערמאַכט די טיר.)

נ אָ ר א. אָה, ווי פריש און שעהן איהר זעהט אויס; און וואָס פאר א רויטע בעקעלעך איהר האָט! עפּעל און ראָזען! איהר האָט זיך גוט פערגניגט? דאָס איז שעהן! ווירקליך איוואר? דו האָסט באָב און עממי'ן געפיהרט אין דיין שליטעלע? ביידע אויף א מאָל — וואָס איך הער! ווייסטו, דו ביזט א גאנצער מענש, איוואר! אננא, גיב מיר די קליינינקע. (זי טאַנצט מיט איהר) אָה, יא! מאמא וועט טאנצען מיט באָבטשיקלען אויך. וואָס? איהר האָט זיך געוואָרפען מיט קולקעס שניי? אָה, הלוואי וואָלט איך דערביי געוועזן! ניין, ניין, אַננא! לאָז די קינדער ביי מיר, איך וועל זיי אַליין אויסטאָן. אָה, יא; דו לאָז מיר נור — דאָס אמוזירט מיך. געה אין קינדערצימער אריין: דו זעהסט אויס פערפראָרען. אין אויווען איז דאָ הייסע קאַפע. (אַננאַ געהט אַרויס. נאָראַ טוט אויס די קינדער, וואַרפט אַוועק זייערע זאַכען, ווערהרענד די קינדער פלאַפלען צו איהר און צווישען זיך.) אזוי? א גרויסער הונד איז נאָכגעלאָפען נאָך אייך, געהענדיג אַהיים? אָבער ער האָט אייך דאָך ניט געביסען, דא? הינט בייסען ניט קליינע ליעבע קינדערלעך. איוואר, שטעק ניט אריין דעם נאָז אין דיעזע פעקלעך, הערסטו? וואָס דאָס איז? איך רעכען, דו דאַרפסט דאָס וויסען נעטהיג, ווי די אויג, ניין? היט זיך — עס בייסט! וואָס? מיר זאָלען זיך שפּיעלען אין וואָס, אין בעהעלטענים?

טש, לאז זיך באב צוערסט בעהאלטען. איך צוערסט? אויף רעכט. איך בעהאלט זיך די ערסטע...

(זי און די קינדער שפּיעלען זיך; געלעכטער און קולות. דאס דויערט א רעכטע ווײלע. אינצווישען קלאפּט מען אין טיר, אבער קײנער הערט ניט. די טיר עפענט זיך האלב־און־האלב. קראנסטאד ערשיינט ער ווארט א ווײלע; דער שפּיעל בעגינט פון דאס נייע.)

קראנסטאד. ענטשולדיגען זי, פרוי העלמער...

נארא. (אויפשפּרינגענדיג) אה! וואס דארפט איהר?

קראנסטאד. ביטע אום ענטשולדיגונג... די אנדערע טיר דרויסען איז געווען האלב אפען; עס האט ווער־עס־איז פערגעסען צו פערמאכען...

נארא. מיין מאן איז אויסגעגאנגען.

קראנסטאד. דאס וויס איך.

נארא. וואס־זשע דארפט איהר היער?

קראנסטאד. איך האב אייך צו זאגען עטליכע ווערטער.

נארא. מיר? (צו די קינדער) געהט אריין אהין צו אננא. וואס? דער פרעמדער הערר וועט מאמא קיין שלעכטס ניט טאן. אזוי ניך ווי ער געהט אוועק, שפּיעלען מיר זיך ווייטער. (זי פיהרט זיי ארויס און קומט צוריק) מיט מיר... ווילט איהר רעדען?

קראנסטאד. יא.

נארא. היינט? אבער היינט איז דאך ניט דער ערסטער...

קראנסטאד. היינט איז ערסט דער פיער און צוואנציגסטער דעצעמבער. עס העננט אב פון אייך צו איהר וועט האבען פרעהליכע וויהנאכטען, אדער ניט.

נארא. וואס ווילט איהר, איינענטליך? איך בין ניט איטשטאנד אייך צו צאהלען היינט...

קראנסטאד. ארום רעט לאמיר יעצט ניט רעדען. איך קום וועגען אנאנדער זאך. זייט איהר פריי אויף א מינוט צייט?

נארא. אה, יא... איך גלויב וויינינסטענס, אבגלייך...

קראנסטאד. זעהר גוט. איך בין געזעסען אין דעם

רעסטויראן דאָ איבער'ן וועג און האָב געזעהען אייער מאַן פאַרבייגעהענדיג אין גאַס.

נ אָ ר אַ. נו?

ק ר אָ ג ס ט אַ ד. מיט אַ דאַמע.

נ אָ ר אַ. איז וואָס?

ק ר אָ ג ס ט אַ ד. מעג איך פרעגען אויב די דאַמע איז ניט אַ געוויסע פרוי לינדע?

נ אָ ר אַ. יאַ.

ק ר אָ ג ס ט אַ ד. און זי איז ניט לאַנג געקומען אהער אין שטאָדט אריין?

נ אָ ר אַ. יאַ, היינט.

ק ר אָ ג ס ט אַ ד. זי איז, גלויב איך, אייערע אַן אינטימע פריינדין?

נ אָ ר אַ. געוויס, אָבער איך פערשטעה ניט...

ק ר אָ ג ס ט אַ ד. איך בין מיט איהר אמאָל געווען בעקאַנט.

נ אָ ר אַ. דאַס וויים איך.

ק ר אָ ג ס ט אַ ד. אָה, איהר ווייסט דאַס אלעס! דאַס האָב איך אליין אויך גערעכענט. איצט, זאָגט מיר דעם אמת, האַלט ניט פרוי לינדע ביין קריגען אַ שטעלע אין באַנק?

נ אָ ר אַ. ווי וואַגט איהר אויסצופרעגען... מיך? איהר, אַ בעאַמטער אונטער מיין מאַן? אָבער אַזוי ווי איהר פרעגט, קען איך אייך זאָגען. יאַ, פרוי לינדע וועט האָבען אַ שטעלע אין באַנק און דורך מיין רעקאָמענדאַציע, הערר קראָגסטאַד! איצט ווייסט איהר.

ק ר אָ ג ס ט אַ ד. אויף דעם אופן האָב איך ריכטיג געטראָפען.

נ אָ ר אַ. (שפּרייזענדיג איבער'ן צימער) איהר פערשטעהט — מען האָט אַ הּאַרעלע דעה. עס איז ניט געדרונגען, אַז דערפאַר וואָס מען איז ניט מעהר ווי אַ פרוי... ווען אַ מענש האָט אויף זיך אַן אויבערהאַר, דאַרף ער זיך ניט אונטערשטעהן צו בעליידינגען איינע, וועלכע...

ק ר אַ נ ס ט א ד. האָט אַ דעה?

נ אָ ר אַ. נאַטירליך.

ק ר אַ נ ס ט א ד. (בייטענדיג דעם טאָן) דאַן, פרוי העלמער, זייט אַזוי גוט און ווענדט אָן אייער איינפלוס פון מיינטוועגען.

נ אָ ר אַ. ווי? וואָס מיינט איהר?

ק ר אַ נ ס ט א ד. זייט אַזוי גוט און זעהט, אַז איך זאָל בלייבען אויף מיין שטעלע אַלס אונטער־בעאַמטער אין דער באַנק.

נ אָ ר אַ. וואָס רעדט איהר? ווער וויל פון אייך די שטעלע צוועקנעהמען?

ק ר אַ נ ס ט א ד. אָה, איהר דאַרפט זיך ניט מאַכען ניט ווּיסענדיג. איך קען לייכט פערשטעהן, אַז אייער פריינדין מעג זיין אונאַנגענעהם זיך מיט מיר צו טרעפען; און איך קען אויך בעגרייפען פון וועמעס וועגען מען וויל מיך פעריאָגען.

נ אָ ר אַ. אָה, איך פערזיכער אייך...

ק ר אַ נ ס ט א ד. נו, הערט אויס: איך זאָג אייך איינמאָל פאַר אַלע מאָל, ווענדעט אָן אייער איינפלוס פון מיינטוועגען כל זמן עס איז נאָך צייט.

נ אָ ר אַ. אָבער, הערר קראָגסטאַד, איך האָב קיין שום דעה ניט...

ק ר אַ נ ס ט א ד. קיין דעה ניט? איהר האָט, דאַכט זיך, נאָר־וואָס געזאָגט...

נ אָ ר אַ. נאַטירליך, ניט אַזוי ווי איהר מיינט. איך? ווי זאָל איך קענען האָבען אַזאַ גרויסע דעה ביי מיין מאַן?

ק ר אַ נ ס ט א ד. אָה, איך קען אייער מאַן פון דער צייט ווען מיר האָבען שטודירט צוזאַמען. ער איז ניט שטייפער ווי אַנדערע מאַנען.

נ אָ ר אַ. אויב איהר רעדט נאָך אַ וואָרט וועגען מיין מאַן אין אַזאַ טאָן, וועל איך אייך בעטען איהר זאָלט אַרויסגעהן פון מיין הויז.

ק ר אַ נ ס ט א ד. פרוי העלמער, איהר האָט פיעל קוראַזש!

נ אָ ר אַ. איך האָב פאַר אייך קיין מורא ניט מעהר. נאָך

ט־יאָהר בעצאָהל איך אייך אלץ וואָס אייך קומט.

ק ר אָ ג ס ט א ד. (זיך פּאַסענדיג) הערט־צו, פרוי העלמער. אויב עס וועט דערצו קומען, וועל איך קעמפּפען, ווי פאר׳ן לעבען, צו בלייבען אויף מיין שטעלע אין דער באנק.

נ אָ ר א. יא, אזוי ווייזט עס אויס.

ק ר אָ ג ס ט א ד. דאס איז ניט צוליעב די שבירות, דאס איז וועגען אנאנדער זאך. נון — לאָמיך אייך אויסזאָגען אלץ אויף א מאָל. איהר ווייסט געווים — דאס ווייסען אלע — אז מיט יאָהרען צוריק בין איך אריינגעקראָכען אין א בלאָטע.

נ אָ ר א. איך האָב עפּעס אזוינס געהערט.

ק ר אָ ג ס ט א ד. די מעשה איז ניט דערגאַנגען ביז׳ן גע־ריכט; אָבער פון יענע מינוט אָן זיינען פאר מיר אלע וועגען פערשטעלט געוואָרען. איך האָב זיך דאן גענומען צו דעם גע־שעפט, וועלכעס איז אייך בעוואוסט. איך בין געוועזען געצוואונגען זיך אָנצוכאפּען אָן עטוואָס, און איך גלויב ניט אז איך בין איינער פון די ערגסטע... איצט אָבער מוז איך פון דעם געשעפט ארויס־קריכען. מיינע זיהן וואקסען אויף; פון זייערטוועגען מוז איך זעהן מיר פון דאס־ניי צו ערווע־בען אזוי פיעל אכטונג פון מענשען וויפיעל נור איך קען. דערצו איז די שטעלע אין דער באנק געווען מיין ערסטער שריט און איצט וויל מיך אייער מאן מיט איין בריק אראָפּ ווארפען פון לייטער צוריק אין זומפּ אריין.

נ אָ ר א. אָבער איך פערזיכער אייך, הערר קראָגסטאד, איך קען אייך ניט העלפען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. איהר ווילט ניט, אָבער איך קען אייך צווינגען.

נ אָ ר א. איהר וועט דאך ניט געהן און זאָגען מיין מאן אז איך בין אייך שולדיג געלד?

ק ר אָ ג ס ט א ד. הם... און ווי, למשל, ווען איך זאָל דאס יא טאָן?

נ אָ ר א. דאס וואָלט פון אייך זיין שענדליך. (מיט טרערען) ביזעם געהיימנים — וועלכעס איז מיין פריידע און מיין שטאָלץ —

זאָל ער ערפאהרען אויף אזא מיאוסען אופן, און פון אייך! עס וואָלט מיר אָנמאַכען פיעל פערדרוס.

קראָנסטאד. גישט מעהר ווי פערדרוס.

נאָרא. אָבער גוט, טוט דאס, טוט דאס! דאס וועט זיין נאָך ערגער פאר אייך. מיין מאַן וועט ערסט דאַן זעהן אייער שלעכטען כאראקטער און איהר וועט געוויס ניט בלייבען אויף דער שטעלע.

קראָנסטאד. איך האָב אייך געפרעגט אויב איהר האָט נור מורא פאר פערדרוס אין הויז און ווייטער גאָר נישט?

נאָרא. אויב מיין מאַן זאָל דאס קריגען צו וויסען וועט ער, נאַטירליך, אייך באלד בעצאָהלען דעם גאַנצען חוב און מיר זיינען קוויט מיט אייך אויף אימער.

קראָנסטאד. (צוגעהענדיג נעהנטער צו איהר) הערט אויס, פרוי העלמער, ענטוועדער אייער זכרון איז שוואַך, אָדער איהר פערשטעהט זעהר ווייניג געשעפט. איך מוז אייך די לאַגע קלאָר מאַכען.

נאָרא. וואָס מיינט איהר?

קראָנסטאד. ווען אייער מאַן איז געוועזן קראַנק, זייט איהר צו מיר געקומען באָרגען צוועלף הונדערט דאָלאַר.

נאָרא. איך האָב קיין אנדערן ניט געקענט.

קראָנסטאד. איך האָב אייך דאַן פערשפראָכען פאר אייך צו קריגען דאס געלד.

נאָרא. און איהר האָט געקראָגען.

קראָנסטאד. איך האָב אייך צוגעזאָגט צו קריעגען דאָס געלד אויף געוויסע בעדינגונגען. איהר זייט דאמאָלס געוועזען אזוי פערטאָן ארום אייער מאַן'ס קראַנקהייט און אזוי גיעריג צו האָבען מיט וואָס צו פעררייזען, אז איהר האָט וואהרשיינליך ווע־ניג־וואָס בעקלערט די איינצעלהייטען. לאָמיך אייך דערמאָנען. איך האָב אייך פערשפראָכען צו געבען דאָס געלד אויף א וועקסעל, וועלכען איך האָב אויסגעשריבען.

נאָרא. יאָ, און איך האָב זיך דארויף אונטערגעשריעבען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. גאנץ ריכטיג. אָבער דאן האָב איך צוגע־לעגט א פּאָר צייל׳ען, אין וועלכע איך האָב פערלאנגט אז אייער פּאָטער זאָל ערב זיין פאר אייך. ער האָט דאָס געזאָלט התמ׳נען.

נ אָ ר א. האָט געזאָלט? ער האָט גע׳חתמ׳עט.

ק ר אָ ג ס ט א ד. דעם טאָג און דעם חודש האָב איך ניט אריינגעשריעבען. אייער פּאָטער האָט געזאָלט אליין אריינשטע־לען די דאטע לעבען זיין אונטערשריפט. געדענקט איהר דאָס?

נ אָ ר א. יא, דאכט זיך...

ק ר אָ ג ס ט א ד. איך האָב אייך דאן געגעבען דעם וועקסעל צו שיקען דעם פּאָטער. איז דאָס ניט אזוי געווען?

נ אָ ר א. יא.

ק ר אָ ג ס ט א ד. און איהר האָט נאטירליך אזוי געטאָן? דען אין צייט פון פינף־זעכס טעג האָט איהר מיר צוריקגעבראכט דעם וועקסעל אונטערגעשריעבען מיט אייער פּאָטער׳ס האנד און איך האָב אייך געגעבען דאָס געלד.

נ אָ ר א. נו, איז וואָס? האָב איך דען אייך ניט געצאָהלט פּינקטליך צום טאָג?

ק ר אָ ג ס ט א ד. יא, ציעמליך, אָבער לאָמיר צוריקגעהן צו אונזער פּונקט: איהר האָט דאן געהאט גרויסע שוועריגקייטען, פרוי העלמער.

נ אָ ר א. מעהר ווי שוועריגקייטען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. אייער פּאָטער איז, גלויב איך, געווען זעהר קראנק דאן?

נ אָ ר א. ער האָט געהאלטען ביין שטארבען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. און איז קורץ דערנאָך טאקי געשטאָרבען?

נ אָ ר א. יא.

ק ר אָ ג ס ט א ד. זאָגט מיר, פרוי העלמער, געדענקט איהר פּיטלייכט דעם טאָג פון זיין טויט? איך מיין דעם טאָג אין מאָנאט?

נ אָ ר א. דער פּאָטער איז געשטאָרבען דעם 29טען סעפּ־טעמבער.

קראנסטאד. זעהר ריכטיג. איך האב נאכגעפרעגט. און דא קומט דאס מערקווירדיגסטע, (ער נעהמט ארויס א פאפּיער) עטוואס וועלכעס איך קען מיר ניט ערקלערען.

נאַרא. וואס פאר א מערקווירדיגקייט? איך ווייס ניט...

קראַנסטאד. עס איז וואונדערבאר, מאדאם, אז אייער פאטער זאל האבען גע'חתמ'עט דעם וועקסעל דריי טעג נאך זיין טויט.

נאַרא. וואס? איך פערשטעה ניט...

קראַנסטאד. אייער פאטער איז געשטארבען דעם 29טען סעפּטעמבער, איצט קוקט זיך צו! ער האט דאטירט זיין אונטערשריפט דעם 2טען אקטאבער. איז דאס ניט וואונדערבאר, פרוי העלמער? (זי שווייגט.) קענט איהר דאס ערקלערען? (נארא בלייבט שטיל.) עס איז נעטהיג צו בעמערקען, אז די ווערטער „צווייטען אקטאבער" און דעם יאהר זיינען ניט אין אייער פאַטער'ס האנדשריפט, זאנדערן אין א האנדשריפט, וועלכע מיר איז בעקאנט. נון, דאס אלעס לאזט זיך נאך ערקלערען: אייער פאטער מעג האבען פערגעסען אונטערצושרייבען די דאטע און אנאנדער מעג האבען אריינגעשטעלט א דאטע, וועלכע איז איהם אין דער מינוט אריינגעקומען אין קאפּ איידער אייער פאטער'ס טויט איז בעקאנט געווארען. אין דעם זעה איך קיין שום בייז ניט. די הויפּטזאך איז די אונטערשריפט. נאטירליך, פרוי העלמער, זי איז אייער פאטער'ס? ער אליין מיט זיין אייגענע האנד האט אונטערגעשריבען זיין נאמען אויפ'ן וועקסעל?

נאַרא. (נאך א קורצען שטיל-שווייגען) ניין! איך האב דארטען אונטערגעשריבען דעם פאטער'ס נאמען.

קראַנסטאד. אה! ווייסט איהר, מאדאם, וואס איהר האט דא מודה געווען?

נאַרא. ווארום? איהר וועט באלד צוריק-בעקומען אייער געלד.

קראַנסטאד. מעג איך אייך נאך עטוואס פרעגען?

זאָגט מיר, ווארום האָט איהר דאמאָלס ניט געשיקט דעם וועקסעל צו אייער פאָטער?

נ אָ ר א. דאָס איז געווען אונמעגליך. דער פאָטער איז גע־ווען זעהר קראַנק. וואָלט איך איהם געבעטען אונטערשרייבען דעם וועקסעל, דאן וואָלט איך איהם געמוזט דערצעהלען צו וואָס איך בעדארף דאָס געלד. ער אָבער איז דאן געווען אין אזא לאגע, אז איך האָב איהם ניט געקענט זאָגען אז מיין מאַן'ס לעבען איז אין געפאהר. דאָס איז געווען אונמעגליך.

ק ר אָ ג ס ט א ד. וואָלט ניט גלייכער געווען זיך צו ענט־זאגען פון די רייזע?

נ אָ ר אַ. אָה, ניין! דערפון האָב איך זיך ניט געקענט ענטזאָגען: מיין מאַן'ס לעבען האָט פון דעם אָבגעהאנגען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. און האָט איהר גאָר ניט בעטראַכט, אז איהר האָט מיט מיר ניט עהרליך געהאנדעלט?

נ אָ ר אַ. דאָס איז פאר מיר גאָרנישט געווען, איהר האָט מיך ניט געקימערט ניט א ברעקעל. אייך האָב איך ניט געקענט אָנזעהן פאר די אַלע אונבארמהערציגע שוויעריגקייטען, וועלכע איהר האָט מיר געמאכט, אָבגלייך איהר האָט געוואוסט ווי קראנק מיין מאַן איז געווען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. פרוי העלמער, מיר שיינט אז איהר האָט ניט די מינדעסטע פאָרשטעלונג וועגען דאָס וואָס איהר האָט גע־טאָן. איך קען אייך אָבער פערזיכערן, אז א ט ה א ט ניט ערגער און ניט גרעסער ווי אייער טהאט האָט מיך געמאכט פאר אן אויסוואורף פון דער געזעלשאפט.

נ אָ ר אַ. אייך? איהר ווילט מיר איינריידען אז איהר האָט געטאָן א בראווע טהאט צו רעטען אייער ווייב'ס לעבען?

ק ר אָ ג ס ט א ד. דער געזעץ קימערט זיך ניט ארום דעם צוליעב וואָס עטוואָס ווערט געטאָן.

נ אָ ר אַ. דאן מוז עס זיין א זעהר שלעכטער געזעץ.

ק ר אָ ג ס ט א ד. שלעכט, אָדער ניט — ווען איך זאָל אריינגעבען דעם וועקסעל אין געריכט, ווערט איהר נאָב'ן געזעץ פער'משפט.

נ אָ ר אַ. דאָס גלויב איך ניט. ווילט איהר מיר איינרעדען, אַז אַ טאָכטער טאָר ניט פערשפּאָרען פערדרוסונג אַ פאָטער וואָס האַלט ביים שטאַרבען? אַז אַ פרוי טאָר ניט ראַטעווען איהר מאַן'ס לעבען? איך האָב פון די געזעצע אַ שוואַכען בעגריף. אָבער, איך בין זיכער אַז איהר וועט געפינען דאָ אָדער ערגעץ אַנדערש־וואו אַז דאָס מעג מען. און איהר ווייסט ניט דערפון? איהר — אַ יוריסט? איהר מוזט זיין אַ שוואַכער געזעץ־מאַן, הערר קראָגסטאַד.

ק ר אָ נ ס ט אַ ד. אפשר אויך פון רעכטליכע געשעפטען — אַזאַ געשעפט ווי אונזערן — פערשטעה איך יעדענפאַלס. גלויבט איהר דאָס? זעהר גוט; איצט טוט, ווי א י ה ר פערשטעהט. איינס נור וועל איך אייך זאָגען: אויב איך זאָל אריינגעוואָרפען ווערען אין רינגע א צווייטעס מאָל, וועט איהר מיך בעגלייטען. (פערבויגט זיך און געהט ארויס דורכ'ן קאָרידאָר).

נ אָ ר א. אין לעבען ניט! ער וויל מיך איינשרעקען. אזוי דום בין איך ניט. (הויבט אָן צונויפצולעגען די קינדערס זאַכען און בלייבט שטעהן.) און דאָך?... ניין, דאָס קען ניט זיין. איך האָב דאָס געטאָן אויס ליעבע.

ד י ק י נ ד ע ר. (ביים טיר) מאַמאַ, דער פרעמדער מאַן איז שוין ניטאָ?

נ אָ ר אַ. יאַ, יאַ, איך ווייס. אָבער זאָגט קיינעם ניט, אַז דער פרעמדער מאַן איז דאָ געוועזען, הערט איהר? אפילו דעם פאָטער ניט.

ד י ק י נ ד ע ר. ניין, מאַמינקע! און איצט וועסטו זיך מיט אונז ווידער שפּיעלען?

נ אָ ר אַ. ניין, ניין — ניט איצט.

ד י ק י נ ד ע ר. אָה, מאַ—מאַ, קום שפּיעלען, דו ווייסט דו האָסט צוגעזאָגט.

נ אָ ר א. יאַ, יאַ — אָבער איצט קען איך ניט. לויפט אריין צו זיך אין צימער, און זייט גוט, מיינע טייבעלעך! (זי שטופּט זיי געלאַסען אריין אין דעם אַנדערן צימער און פערמאַכט די טיר

זעצט זיך אויסנעהען, אַרבעט אַ מינוט, דאַן בלייבט זי וויעדער שטעהן).
ניין! (זי וואַרפט אַוועק די ארבייט און רופט): העלענע! ברענג אריין די יאַלקע. (פויזע.) ניין, דאַס איז גאַנץ אונמעגליך!

ה ע ל ע נ ע. (מיט די יאַלקע) וואו זאָל איך עס שטעלען?

נ אָ ר אַ. דאָ אין מיטען צימער.

ה ע ל ע נ ע. בעדאַרפט איהר נאָך עטוואַס?

נ אָ ר אַ. דאַנקע. איך האָב אַלץ וואָס איז נעטהיג. (העלענע געהט אַרויס; נאָראַ בעשעפטיגט זיך מיט'ן בוים). דאָ דאַרף זיין אַ ליכטעל און דאַרטען בלומען... דער שרעקליכער מענש! אונזין, אונזין! די גאַנצע מעשה איז ניט ווערט אַן אויסגעבלאָזענע איי... די יאַלקע וועט זיין וואונדערשעהן. איך וועל טאָן אַלץ אין דער וועלט, טאָרוואַלד, וואָס קען דיר מאַכען פערגניגען; איך וועל זינגען און טאַנצען און...

(העלמער קומט אַריין מיט אַ פעקעל פאַפיערען אין האַנד).

נ אָ ר אַ. ביזטו שוין אַזוי גיך צוריק?

ה ע ל מ ע ר. יאַ. איז ווער־עס־איז היער געוועזען?

נ אָ ר אַ. היער? קיינער־ניט.

ה ע ל מ ע ר. מערקווירדיג! איך האָב געזעהן קראָגסטאַד'ן אַרויסקומענדיג פון הויז.

נ אָ ר אַ. האָסט איהם געזעהן? אָה, יאַ! גאַנץ ריכטיג! ער איז דאָ ווירקליך געווען אויף אַ מינוט.

ה ע ל מ ע ר. נאָראַ! איך קען זעהן נאָך דיינע רייד נאָך, אַז ער האָט דיך געבעטען פאַר איהם צו זיין אַ גוטע בעטערקע.

נ אָ ר אַ. דאָס איז וואהר.

ה ע ל מ ע ר. און ווי איך פערשטעה, האָסטו דאָס כלומרשט געזאָלט טאָן ניט געבעטענערהייט. דו האָסט מיר גאָרנישט געזאָלט זאָגען וועגען זיין קומען אהער! האָט ער ניט ד ע ם פלאַן אויף געמאַכט?

נ אָ ר אַ. יאַ, טאָרוואַלד, אָבער...

ה ע ל מ ע ר. נ אָ ר אַ, נ אָ ר אַ! און דו האָסט זיך געקענט אַראָבלאָזען צו אַזאַ שטופע? צו רעדען מיט אַזאַ מענשען?

איהם דאָס צו צולאָזען. און דאַן מיר זאָגען אַ ליגען וועגען דעם!

נ אַ ר אַ. אַ ליגען?

ה ע ל מ ע ר. האָסטו דען ניט געזאָגט, אַז דאָ איז קיינער ניט געוועזן. (איהר מאַכענדיג אַ סטראַשונאַק מיט׳ן פינגער) מיין טייבעלע זאָל מיר אזעלכע זאכען ווייטער ניט טאָן. אַ זינג־פייגעלע טאָר ניט זינגען פאַלשע נאָטען. (ער נעהמט זי אַרום) דאָס איז ריכטיג, ניין? איך בין געווען איבערצייגט אַז די מעשה איז אזוי געווען. און איצט אַ סוף! לאָמיר אַרום דעם מעהר ניט רעדען. (ער זעצט זיך ביים פייער) אָה! ווי שטיל און געמיטהליך היער איז! (קוקט אריין אין די באַפּיערען).

נ אַ ר אַ. (ביים בוים) טאָרוואַלד!

ה ע ל מ ע ר. נו?

נ אַ ר אַ. איך ערוואַרט מיט אזוי פיעל אונגעדולד דעם מאַסקען־באַלל ביי די סטענבאָרג׳ס איבערמאָרגען.

ה ע ל מ ע ר. איך ווידער בין נייגעריג צו וויסען די איבערראַשונג, וועלכע דו מיינסט מיר צו מאכען.

נ אַ ר אַ. אָה, דאָס איז זעהר לאַנגווייליג!...

ה ע ל מ ע ר. וואָס איז?

נ אַ ר אַ. דער קלערען. איך קען ניט אויסטראַכטען עפּעס רעכטס. מיר שיינען די מאַסקען מיינע אַלע דום און אָהן אַ זין.

ה ע ל מ ע ר. האָט קליין־נאַרעלע ניט געמאַכט קיין שום ערפינדונג?

נ אַ ר אַ. (הינטער זיין שטול) ביזטו זעהר בעשעפטיגט, טאָרוואַלד?

ה ע ל מ ע ר. ווארום פרעגסטו?

נ אַ ר אַ. וואָס זיינען דאָס פּאַר פּאַפּיערען?

ה ע ל מ ע ר. באַנק־דאָקומענטען.

נ אַ ר אַ. שוין, אזוי גיך?

ה ע ל מ ע ר. איך האָב געקראָגען די ערלויבניס פון דעם אַלטען דירעקטאָר מיר צו לאָזען מאַכען ענדערונגען אין דעם פּערזאָנאַל פון באַנק און דעסגלייכען. דאָס וועט מיר נעהמען די

וואָך ביז ניי־יאָהר. דאַן וועט אלץ געהן גלאַט.

נ אָ ר אַ. אַלזאָ, דאָס איז דער גרונד וואָרום דער אָרימער קראַנקנטאַד —

ה ע ל מ ע ר. הם...

נ אָ ר אַ. (איהם גלעטענדיג די האָר אויפ'ן קאָפּ) ווען דו וואָלסט ניט געווען אַזוי בעשעפטיגט, וואָלט איך דיר געבעטען, אַז דו זאָלסט מיר טאָן אַ גרויסע, גרויסע טובה, טאָרוואַלד.

ה ע ל מ ע ר. וואָס קען דאָס זיין? לאָמיר הערען.

נ אָ ר אַ. קיינער האָט ניט אַזאַ געשמאַק ווי דו; איך וואָלט אַזוי וועלען שעהן אויסזעהן אויפ'ן מאַסקען־באַלל! ליעבער טאָר־וואַלד — וואָלסטו זיך ניט קענען נעהמען צו מיר און בעשליסען וואָס איך זאָל זיין און וואָס פאַר אַ קאָסטיום איך זאָל טראָגען?

ה ע ל מ ע ר. אהאַ! אומאבהענגיגע נאַרעלע איז אין אַ פערלעגענהייט און זוכט אַ רעטער אין נויט!

נ אָ ר אַ. יאַ, טאָרוואַלד! טו דאָס פאַר מיר. איך וועל אָהן דיר ניט אויסקומען.

ה ע ל מ ע ר. גוט, גוט. איך וועל אַרום דעם טראַכטען און מיר וועלען באַלד קומען עפּעס אויף אַ פּלאַן.

נ אָ ר אַ. (צוריקגעהענדיג צום בוים) ווי שעהן די רויטע בלומען נעהמען זיך אויס! זאָג מיר, האָט דען קראַגנטאַד גע־טאָן אַ שרעקליכען פערברעכען ווען ער איז אריינגעפאַלען?

ה ע ל מ ע ר. פעלשונג, דאָס איז אַלעס. ווייסטו דען ניט וואָס דאָס בעטייט?

נ אָ ר אַ. האָט ער ניט געקענט דערצו געטריבען זיין דורך נויט?

ה ע ל מ ע ר. פיעלייכט. אָדער ער קען דאָס האָבען געטאָן, ווי פיעלע אַנדערע מענשען, דורך היילע לייכטזיניגקייט. איך בין ניט אַזוי האַרטהערציג צו פערדאַמען אַ מענשען גאָר אין גאַנצען פאַר איין אייגציגען פעהלער.

נ אָ ר אַ. ניין, גאַנץ געוויס ניט.

ה ע ל מ ע ר. אַ מענש קען לייכט צוריק ערווערבען זיך אַ

כאראקטער, אויב ער איז מודה זיין פערברעכען און נעהמט זיין שטראף.

נ אָ ר א. פערברעכען?

ה ע ל מ ע ר. אָבער קראָגסטאד האָט דאָס ניט געטאָן. ער האָט גערעדט און געשווינדעלט און דאָס איז עס וואָס האָט איהם פערדאָרבען.

נ אָ ר א. מיינסטו דען אז...

ה ע ל מ ע ר. שטעל זיך נור פאָר, ווי א מענש וואָס טראָגט ארום אזא מין זאך אויף זיין געוויסען, מוז אימער זאָגען ליגענס, מוז זיך אימער פערשטעלען און צבוע'יאקעווען. בעדענק וואָס פאר א מאסקע ער מוז אימער טראָגען אפילו לעבען זיין אייגענע פרוי און קינדער. ערגער ווי אלץ איז דאָס פאר קינדער, נאָרא!

נ אָ ר א. ווארום?

ה ע ל מ ע ר. ווייל אזא וואָלקען פון שטויב פול מיט ליגענס מוז פערגיפטען און אנשטעקען די גאנצע לופט פון די הויז. מיט יעדען אָטעם־צוג שלינגען די קינדער איין א קערנדעל, פון וועלכען עס וואכסט ארויס בייזע פרוכט.

נ אָ ר א. (קומענדיג נעהנטער הינטער איהם) ביזטו דערפון איבערצייגט?

ה ע ל מ ע ר. אלס אדוואָקאט האָב איך דאָס געזעהן אָפט גענוג. כמעט אין אלע פעלע וואו יונגע קינדער טוען א פער־ברעכען שטאמט דאָס ארויס פון מוטערס־ליגנערקעס.

נ אָ ר א. ווארום גראָד מוטערס?

ה ע ל מ ע ר. עס קומט געוועהנליך פון די מוטער'ס זייט, אָבער דעם פאָטער'ס איינפלוס קען, נאטירליך, אויך אזוי זיך אָב־רופען. נו, דיעזער קראָגסטאד האָט יאָהרענלאנג פערגיפטעט זיינע אייגענע קינדער דורך א לעבען פון ליגענס און צבוע'יאצטווא — דאָס איז ווארום איך רוף איהם מאָראליש פערדאָרבען. (שטרעקט אויס זיין האנד צו איהר) איצט מוז מיין זיסע נאָרא מיר צוזאָגען פאר איהם ניט מעהר צו באדאטאייסטווענען. גיב מיר א האנד, אז דו וועסט דאָס ניט טאָן מעהר. וואָס איז דאָס? גיב מיר דיין

האנד. אַט אזוי! אָבגעמאַכט! גלויב מיר, עס וואָלט מיר גע־
ווען גאַנץ אונמעגליך צו ארבייטען מיט איהם צוזאַמען. מיך
עקעלט איינפאַך אָב ווען איך קום צווישען אזעלכע פערזאָנען.

(נאָרא כאַפּט צו איהר האַנד און געהט צוריק צום בוים.)

נ אָ ר א. ווי ווארעם עס איז היער. און איך האָב א סך צו טאָן.

ה ע ל מ ע ר. און איך מוז דורכזעהן איינינע פון די פּאַפּיע־רען פאר מיטאָג. וועל אויך א טראַכט טאָן וועגען דיין קאָסטיום. איך וועל אפשר געפינען עטוואָס אריינצולייגען אין געגולטע פּאַ־פּיערלעך אויף דעם וויינאַכטס־בוים... מיין טייערע זינג־פייגעלע! (ער געהט אריין אין זיין צימער און פערמאַכט הינטער זיך די טיר.)

נ אָ ר א. (אין דער שטיל) עס קען ניט זיין! עס איז ניט מעגליך! עס קען ניט זיין מעגליך!

א נ נ א. (שטעהענדיג אין טיר) די עופעלעך בעטען זיך צו זייער מאַמא.

נ אָ ר א. ניין, ניין! לאָז זיי ניט אריינקומען צו מיר! האַלט זיי ביי זיך, אננא!

א נ נ א. זעהר גוט, מאַדאַם. (זי פערמאַכט די טיר).

נ אָ ר א. (בלייך און אין היילע ציטערנעס) פערדאָרבען מיינע קינדער! פערגיפטען מיין הויז!! (פּויזע.) דאָס קען ניט זיין וואהר! דאָס קען ניט, קען ניט זיין וואהר!

(פ אָ ר ה א נ ג)

צווייטער אַקט.

(דאָסזעלבע צימער. אין דעם ווינקעל לעבען פּיאנא שטעהט דער וויינאַכטס־בוים ארומגעפּליקט, ווי נאָך יום־טוב, די ליכט אַלע אויסגעברענט. נאָראַ'ס קליידער צום אויסגעהן אין גאַס ליעגען אויפן זאָפאַ, נאָראַ שפּאַצירט אַרום אין צימער הין און צוריק זעהר אונרוהיג. זי בלייבט שטעהן ביין זאָפאַ, נעהמט איהר מאַנטעל און לעגט עס באַלד צוריק אוועק.)

נ אָ ר אַ. עס קומט אימיצער (געהט און האָרכט) קיינער ניט; עס וועט וואהרשיינליך קיינער היינט ניט קומען — דעם טאָג פון וויינאַכטען; מאָרגען אויך ניט. אָבער פיעלייכט... (זי עפענט די טיר און בליקט אריין אין בריעפקאַסטען) ניין, אין בריעפקאַסטען איז קיין זאַך ניטאָ... גאַנץ ליידיג. (קומט צוריק) אונזין, אונזין! ער האָט נור געוועלט מיך איינשרעקען. ניטאָ דערפאַר וואָס מורא צו האָבען. דאָס איז אַ זאַך וואָס קען ניט זיין. אונזין! איך האָב דריי קליינע קינדערלעך.

אַ נ נ אַ. (אריינטראָגענדיג א גרויסען פּאַפּירענעם קעסטעל) ענדליך האָב איך געפונען דעם קאַסטען מיט'ן מאַסקען־קאָסטיום.

נ אָ ר אַ. דאַנקע. לעג עס אוועק אויפ'ן טיש.

אַ נ נ אַ. אָבער עס איז שטאַרק צוקאָרטשעט.

נ אָ ר אַ. אָה, ווי גערן וואָלט איך דאָס צוריסען אויף הונדערט־טויזענד קליינע פּיצעלעך...

אַ נ נ אַ. אָה, ניין! מען קען דאָס נאָך גאַנץ גוט צורעכט־מאַכען; דערצו איז נעטיג אַ קליין ביסעלע געדולד.

נ אָ ר אַ. איך וועל געהן בעטען פרוי לינדע, אז זי זאָל מיר העלפען.

אַ נ נ אַ. געהט איהר ווידער אין גאַס ארויס אין אזא וועטער ווי דער היינטיגער? איהר וועט זיך צוקיהלען, מאַדאַם, און וועט קראַנק ווערען.

נ אָ ר אַ. ערגערע זאַכען קענען פּאַסירען. וואָס טוען די קינדער?

אַ נ נ אַ. זיי שפּיעלען זיך מיט זייערע וויהנאַכטס־געשאַנקען — אָרימע קליינע עופּעלעך; אָבער...

נ אָ ר אַ. פרעגען זיי זיך אָפּט נאָך מיר?

אַ נ נ אַ. געוויס; זיי זיינען, פערשטעהסט איהר, אזוי גע־וואוינט געוואָרען אימער צו האָבען די מאַמע לעבען זיך.

נ אָ ר אַ. יא אננאַ; אין דער צוקונפט אָבער קען איך זיי אזוי אָפּט ארום זיך ניט האָבען.

אַ נ נ אַ. איבּרינענס... קליינע קינדער געוואוינען זיך צו אַלץ צו.

נ אָ ר אַ. מיינסטו אזוי? גלויבסטו זיי וואָלטען זייער מור־טער פערגעסען ווען זי זאָל אוועקגעהן גאָר — גאָר אין גאַנצען?

אַ נ נ אַ. גרויסער גאָט! אוועקגעהן אין גאַנצען?

נ אָ ר אַ. זאָג מיר, אננאַ... איך האָב זיך דעריבער אָפּט גע־וואונדערט... ווי האָסטו געקענט ביי זיך פּועל'ן אָבצוגעבען דיין קינד צו פרעמדע מענשען?

אַ נ נ אַ. איך האָב דאָס געמוזט ווען איך בין געוואָרען פריי־לין נאָרעלעס ניאַנקע.

נ אָ ר אַ. אָבער ווי אזוי האָסטו זיך דערצו געקענט בע־שליסען?

אַ נ נ אַ. ווען מיר האָט זיך געמאַכט אזאַ גוטע שטעלע? אַן אָרימע מיידעל, וועלכע האָט אויף זיך ארויפגעבראַכט אַ צרה, מוז געהמען וואָס זי קריעגט! דער שלעכטער מענש... האָט פון מיר גיט געוואָלט וויסען.

נ אָ ר אַ. דיין טאָכטער אָבער האָט דיך וואהרשיינליך גאַנץ פערגעסען...

אַ נ נ אַ. אָח, ניין, מאַדאַם, דורכאויס ניט! איך האָב גע־האַט אַ בריעף פון איהר ווען זי האָט חתונה געהאַט און איינמאָל זאָגאָר פריהער.

נ אָ ר אַ. (איהר אַרומנעהמענדיג) ליעבסטע אַננאַ! דו ביסט געוועזן אַ גוטע מאַמע צו מיר בעת איך בין געוועזן קליין.

אַ נ נ אַ. מיין אָרעמע נאַרעטשקע האָט ניט געהאַט קיין אַנדער מאַמע חוץ מיר.

נ אָ ר אַ. און אויב מיינע עופעלעך זאָלען ניט האָבען קיין אַנדער מאַמע... איך בין זיכער, דו וואָלסט... אונזין, אונזין! (זי עפענט דעם קעסטעל) נעה אריין צו די קינדער. איך מוז איצט... דו וועסט זעהן מאָרגען ווי שעהן איך וועל זיין!

אַ נ נ אַ. אָה, עס וועט אויפ'ן באָל ניט זיין אַזאַ שעהנע פערזאָן ווי מיין פריילין נ אָ ר אַ. (געהט ארויס.)

נ אָ ר אַ. (נעהמט ארויס דעם קאָסטיום און לעגט גלייך צוריק אַוועק) אָה, ווען איך וואָלט געקענט ארויסצוגעהן. ווען איך וואָלט נור וויסען אַז קיינער וועט ניט קומען, אַז עס וועט דאָ דער־ווייל קיין זאַך ניט פּאַסירען! אונזין! קיינער וועט דאָ ניט קומען. ווי שלאָגט מען זיך ארויס פון קאָפּ די געדאַנקען... ווי שעהן די מופטע איז! רייצענדע, רייצענדע הענטשקעס! אוועק! אַלץ אוועק! אַלץ! אַלץ! איינס, צוויי, דריי, פיער, פינף, זעכס... (אויסשרייענדיג) אַה, מען קומט! (זי געהט צום טיר און בלייבט שטעהן, ניט וויסענדיג וואָס צו טאָן.)

נ אָ ר אַ. (צו פרוי לינדע, וועלכע קומט אריין) אָה, כריס־טינע, דאָס ביזטו! איז דאָרטען מעהר קיינער ניטאָ? ווי גוט דאָס איז פון דיר צו קומען.

פ ר. ל י נ ד ע. איך הער, אַז דו ביזט געוועזן אויף מיין קוואַרטיר.

נ אָ ר אַ. יאַ, פערביינעהענדיג. איך האָב אַזוי געוואָלט, אַז דו זאָלסט מיר העלפען. לאָמיר זיך דאָ זעצען אויפ'ן זאָפע... אָט אַזוי. מאָרגען אָוועט וועט זיין אַ באָל ביי קאָנסול סטענבאָרג דאָ אין דעם אויבערשטען עטאַזש און טאָרוואַלד וויל אַז איך זאָל פערשטעלען ווי אַ פישער־מיידעל און אַז איך זאָל טאַנצען די טאַ־ראַנטעלא; דאָס האָב איך געלערנט אין קאַפּרי...

פ ר. ל י נ ד ע. אָה, איך זעה! אַ גאַנצע פאָרשטעלונג.

נ אָ ר א. יא, טאָרוואַלד וויל אַזוי. גיב אַ קוק. אַט דאָס, זעהסטו, איז דער קאָסטיום. טאָרוואַלד האָט דאָס געלאָזט מאַכען פאַר מיך אין איטאַליען; אָבער עס איז שוין אַזוי צוריסען, אַז איך ווייס אַליין ניט...

פ ר. ל י נ ד ע. אָ, דאָס וואָלטע מיר שוין קענען לייכט פערריכטען. די בעפּוצונג נור איז ערטערווייז לויז־געוואָרען. הנסטו אַ נאָדעל מיט באַוועל? אָ, היער! אָט איז עס דאָך, גוט.

נ אָ ר א. אָ, ווי פריינדליך פון דיר.

פ ר. ל י נ ד ע. דו וועסט אַלזאָ זיין מאַסקירט מאָרגען? ווייסטו וואָס, נאָרא? איך מוז קומען אויף אַ ווײַלע דיך זעהן. אָבער, אָה! איך האָב גאָר אין גאַנצען פערגעסען דיר צו דאַנקען פער דעם אַנגענעהמען אָוועבד וואָס איך האָב דאָ נעכטען פער־בראַכט.

נ אָ ר א. (שטעהט אויף און שפּאַצירט אַרום איבער דער ביהנע) נעכטען? נו, אַזוי אַנגענעהם ווי אימער עס איז גאָר ניט גע־וועזען. דו האָסט געזאָלט קומען אַ ביסעל פריהער, כריסטינע. קיינער קען אַזוי ליכטיג און פרעהליך ניט מאַכען אַ הויז ווי טאָרוואַלד.

פ ר. ל י נ ד ע. דו אַליין, רעכען איך, קענסט דאָס אויך; דו ביזט געראָטען אין טאַטען... אָבער זאָג מיר, איז דאָקטאָר ראַנק אימער אַזוי מעלאַנכאָליש ווי ער איז נעכטען אָוועבד געוועזען?

נ אָ רא. ניין, נעכטען איז ער געוועזען עפּעס גאָר אונגע־וואוינליך מעלאַנכאָליש. ער האָט, פערשטעהסטו, אַ שרעקליכע קראַנקהייט. ער ליידעט פון רוקען־מאַרך אויסצעהרונג. מען זאָגט אַז זיין פאָטער האָט געפיהרט אַ שרעקליך ווילדען לעבען... האָט געהאַלטען מעטרעסען און נאָך אַזעלכע זאַכען... דערפון איז דער זוהן, פערשטעהסטו, געוועזען קראַנק פון קינד־ווייז אויף.

פ ר. ל י נ ד ע. (לאָזענדיג איהר אַרבייט אַראָפּפאַלען אויף די קניע) אָבער, טהייערע נאָרא! ווי קומסט דו צו וויסען פון אַזעלכע זאַכען?

נ אָ ר א. אָה, ווען מען איז אַ מאַמע פון דריי קינדער, ווערט

מען בעזוכט פון פרויען, וועלכע ווייסען פון דיזעס און יענעס אין מעדיצין — זיי ריידען און מען הערט זיך צו.

פר. ל י נ ד ע. (פאַרטזעצענדיג צו נעהען; נאָך אַ קורצע פּויזע) קומט דאָקטאָר ראַנק אהער אַלע טאָג?

נ אָ ר אַ. אַלע ליעבע טאג. טאָרוואַלד'ס איז ער א יוגענד־פריינד. ער איז אויך מיינער א גוטער פריינד. דאָקטאָר ראַנק איז ביי אונז א שטענדיגער איינגעהער.

פ ר. ל י נ ד ע. נו, און איז ער אויך ערנסט? איך מיין האָט ער ניט א נאַטור צו מאַכען מענשען פוסטע קאָמפּלימענטען?

נ אָ ר אַ. אָה, ניין! ווי קומסטו דערצו?

פ ר. ל י נ ד ע. ווייל ווען דו האָסט אונז נעכטען פאָר־געשטעלט האָט ער געזאָגט, אז ער האָט מיין נאָמען אָפט געהערט דאָ אין הויז. נון האָב איך אָבער בעמערקט, אז דיין מאַן האָט ניט אָנגעהויבען צו וויסען ווער איך בין. ווי אזוי רעדן האָט דער דאָקטאָר געקענט...

נ אָ ר אַ. געוויס, דאָס איז אָבער זעהר איינפאַך, כריסטינע! טאָרוואַלד, זעהסטו, האָט מיך אזוי אונענדליך ליעב, אז ער וויל מיך האָבען, ווי ער זאָגט, אין גאַנצען פאַר זיך אליין. די ערסטע צייט נאָך אונזער חתונה פלעגט ער זיין אייפערזיכטיג ווען איך פלעג דערמאָנען אימעצען אפילו פון דער פאמיליע; דערפאַר האָב איך נאַטירליך פון קיינעם ניט גערעדט. אָבער מיט דאָקטאָר ראַנק האָב איך אָפט גערעדט וועגען די אַלטע צייטען, ווייל ער האָט ליעב דערפון צו הערען.

פ ר. ל י נ ד ע. הער, וואָס איך וועל דיר זאָגען, נאָרא! מיר דאַכט דו ביסט אין א סך זאַכען נאָך גאָר א קינד. איך בין עלטער פאַר דיר און מעהר ערפאַהרען. פאָלג מיך און מאַך א סוף פון די גאַנצע מעשה מיט דאָקטאָר ראַנק.

נ אָ ר אַ. וועלכע מעשה?

פ ר. ל י נ ד ע. דו האָסט נעכטען גערעדט ארום א רייכען ליעבהאָבער, וועלכער זאָל דיר געבען דאָס געלד...

נ אָ ר אַ. יאָ, אָבער אזעלכער, וואָס איז, צום אונגליק, נאָך ניט בעשאפען געוואָרען. אָבער געגען וואָס זאָגסטו דאָס?

פ ר. ל י נ ד ע. האָט דאָקטאָר ראַנק געלד?

נ אָ ר אַ. יאָ.

פר. ל י נ ד ע. און קיינעם ניט צו פערזאָרגען?

נ אָ ר אַ. קיינעם ניט.

פ ר. ל י נ ד ע. און ער קומט צו אייך אַלע טאָג?

נ אָ ר אַ. יאָ, יעדען טאָג.

פ ר. ל י נ ד ע. דאַן איז עס ניט פיין פון איהם.

נ אָ ר אַ. איך פערשטעה דיך ניט.

פ ר. ל י נ ד ע. פערשטעל זיך ניט, איך בעט דיך. מיינסטו איך פערשטעה ניט ווער דיר האָט געליהען די צוועלף הונדערט טאָלער?

נ אָ ר אַ. דו ביזט פון זינען אראָב! דו גלויבסט דאָס ניט שלעכט, חלעבען, א פריינד, וועלכער קומט אהער יעדען טאָג! דאָס וואָלט געוועזען שרעקליך...

פ ר. ל י נ ד ע. אַלזאָ, ווירקליך ניט ער?

נ אָ ר אַ. אָה, ניין! דאָס קען איך דיר פערזיכערען. עס וואָלט מיר דאָס אפילו אין טרוים ניט איינגעפאַלען. א חוץ דעם, האָט ער דענטסמאָל גאָר ניט געהאַט וואָס צו לייהען. זיין איי־גענטהום האָט ער געקראָגען פיעל שפעטער.

פ ר. ל י נ ד ע. דאַן גלויב איך, איז דאָס פאר דיר געווען א שטיק גליק, מיין ליעבע נאָרא.

נ אָ ר אַ. מיר וואָלט, זיכער, קיינמאָל ניט געקומען אויף די געדאַנקען איהם צו בעטען. אָבער איך צווייפעל ניט, אז ווען איך וואָלט...

פ ר. ל י נ ד ע. וואָס דאָס וואָלסטו נאַטירליך ניט טאָן...

נ אָ ר אַ. גאַנץ געוויס ניט. עס איז אונדענקבאר אז דאָס זאָל ווען עס איז קענען נעטהיג זיין. אָבער ווען איך זאָל רעדען מיט דאָקטאָר ראַנק...

פ ר. ל י נ ד ע. הינטער דיין מאַן'ס רוקען?

נאָרא. איך מוז אַרויסקריעכען פון מיין אנדער פער־דרעהעניס, דאָס איז אויף הינטער זיין רוקען. עס מוז נעהמען אַן ענד!

פר. לינדע. געווים, געווים! דאָס האָב איך דיר נאָך נעכטען געזאָגט! נו?

נאָרא. (ארומגעהענדיג הין און צוריק) אָ, א מאַן קען אַזעלכע זאַכען פיעל בעסער בעזאָרגען ווי א פרוי.

פר. לינדע. אַן איינגענער מאַן, אָה יאָ!

נאָרא. אונזין! (זי בלייבט שטעהן) הער, ווען די שולד איז בעצאָהלט, קריעגט מען דעם פּאַפּיערעל צוריק, ניין?

פר. לינדע. געווים.

נאָרא. און דאַן קען מען דאָס צורייסען אויף הונדערט טויזענד קליינע שטיקעלעך, און פערברענען, די מיאוס'ע שמור־ציגע סמאַטע!

פר. לינדע. (איהר שטאַר אָנבליקענדיג, לעגט זי אוועק די אַרבייט און הויבט זיך לאַנגזאַם אויף) נאָרא, דו בעהאַלטסט פון מיר עטוואָס!

נאָרא. קענסט דאָס זעהן אויף מיין געזיכט?

פר. לינדע. עטוואָס האָט דאָ פּאַסירט פון נעכטען אין דער פריה אָן. וואָס איז דאָס, נאָרא?

נאָרא. (צוגעהענדיג צו איהר) כריסטינע... (זי האָרכט) ששש! טאָרוואַלד קומט אהיים. שנעל געה אריין אינ'ם קינדער־צימער; טאָרוואַלד האָט פיינט צו זעהען דאָ שניידעריי. לאָז אננא דיר העלפען.

פר. לינדע. (צוזאַמעננעהמענדיג די געניי) זעהר גוט; אָבער איך וועל ניט אוועקגעהן וואו דו וועסט מיר ניט אַלעס דערצעהלען. (זי געהט ארויס לינקס. העלמער קומט אריין פון פאָר־דער צימער.)

נאָרא. (צו איהם צולויפענדיג) אָה, ווי איך האָב נאָך דיר היינט געבענקט, ליעבער טאָרוואַלד!

העלמער. איז די נייטערין היער געוועזען?

נ אָ ר אַ. ניין, כריסטינע. זי העלפֿט מיר צורעכטמאכען מיין קאָבטיום. דו וועסט זעהן ווי שעהן איך וועל אין איהם אויסזעהן.

ה ע ל מ ע ר. יא, דאָס איז געווען א גליקליכער איינפאל, ניין?

נ אָ ר אַ. בריליאַנט! אָבער בין איך ניט אויך א גוטע וואָס איך פאָלג דיר?

ה ע ל מ ע ר. (איהר גלעטענדיג דאָס געזיכט) גוט ווייל דו פאָלגסט? דיין אייגענעם מאַן? זעהר שעהן, מיין צולאָזענע קעצעלע, איך ווייס, דו מיינסט דאָס ניט. אָבער לאָמיך דיר ניט שטערען. דו מוזט וואהרשיינליך האלטען ביין אָנמעסטען...

נ אָ ר אַ. און דו נעהסט געוויס ווידער צו דער ארבייט?

ה ע ל מ ע ר. יא. (איהר ווייזענדיג אַ פּעקעל פּאַפּיערען) גיב א קוק. איך בין נאָר־וואָס געווען אין באַנק. (ער וויל געהן צו זיך אין צימער אריין.)

נ אָ ר אַ. טאָרוואלד!

ה ע ל מ ע ר. וואָס איז?

נ אָ ר אַ. ווען דיין וועבערקעלע וואָלט דיר עפּעס שטארק, שטארק געבעטען...

ה ע ל מ ע ר. נו?

נ אָ ר אַ. וואָלסטו דאָס געטאָן?

ה ע ל מ ע ר. איך מוז צוערסט וויסען וואָס דאָס איז.

נ אָ ר אַ. דיין וועבערקעלע וואָלט אזוי פיין ארומשפּרינגען און דיר מאכען אלערליי קונצען, ווען דו וואָלסט נור זיין גוט צו איהר, און וואָלסט איהר געפאָלגט.

ה ע ל מ ע ר. גוט, נו! לאָמיך הערען וואָס דאָס איז.

נ אָ ר אַ. דיין פויגעלע וואָלט זינגען פון אין דער פריה ביז ביי דער נאכט.

ה ע ל מ ע ר. אָ, דאָס טוט זי סיי־ווי־סיי.

נ אָ ר אַ. איך וואָלט דיר...

ה ע ל מ ע ר. הער, נאָראַ! דו טראַכטעסט דאָך, לאָמיך האָ־

כען, ניט ארום דעם ווענגען וואָס דו האָסט מיט מיר געכטען געטאָן?

נ אָ ר אַ. (צוגעהערדיג געהגבער) יא, יא, טאָרוואלד... איך בעט דיך, טו דאָס פאר מיר, מיין ליעבער!

ה ע ל מ ע ר. האָטסו ווירקליך דעם מוטה ארום דעם פון דאָס נייע אָנצופאנגען?

נ אָ ר א. יא, יא, ליעבבטער, דו מוזט מיר פאָלגען און לאָזען קראָגסטאד'ען אויף זיין שטעלע אין דער באנק. טו דאָס, אָה טו דאָס!

ה ע ל מ ע ר. אָבער, טייערע נאָרא, דאָס איז דאָך די שטעלע, וועלכע איך מיין צו געבען פרוי לינדע.

נ אָ ר א. געווים, און דאָס איז זעהר פריינדליך פון דיר. אָבער אנשטאט קראָגסטאדען זאָגאָב וועמען-עס-איז אנאנדערן.

ה ע ל מ ע ר. וואָס? דאָס איז אן אונערהערטע שטיקעל איינגעשפארטקייט, הלעבען! ווייל דו האָסט אונבעראכטערהייט פערשפראָכען איהם בייצושטעהן, זאָל איך?...

נ אָ ר א. ניט דאָס, ניט דאָס, טאָרוואלד. דאָס איז פון דיינעטוועגען. דער מאן שרייבט פאר אלערליי שמוציגע צייטונגען — דאָס האָסטו מיך אליין געזאָגט — ער קען דיר טאָן פיעל שאָדען. איך האָב פאר איהם שרעקליך מורא.

ה ע ל מ ע ר. אָ, איך פערשטעה; דיך שרעקען די אלטע ערינערונגען.

נ אָ ר א. וואָס מיינסטו?

ה ע ל מ ע ר. דו טראכסט נאטירליך וועגען דיין פאָטער...

נ אָ ר א. יא, געווים, געווים. דענק נור, וואָס פאר שענדליכע זאכען בייזע צינגער פלעגען זאָגען אין די צייטונגען וועגען מיין פאָטער. מען וואָלט איהם, רעכען איך, זיכער ענטזאגט פון דער שטעלע ווען די רעגיערונג וואָלט ניט געשיקט א מאן ווי דיך אלעם נאָכצוזעהן און ווען דו וואָלסט צו איהם ניט אזוי גוט געוועזען.

ה ע ל מ ע ר. ליעבסטע נאָר, דער אונטערשיעד צווישען דיין פאָטער און מיר איז זעהר גרויס. דיין פאָטער איז ניט

געוועז גאָר אין גאַנצען פריי פון פערדאַכט. איך בין עס און האָב אזוי צו בלייבען.

נ אָ ר א. אָ, קיינער ווייס ניט וואָס בייזע מענשען קענען אויסטראַכטען. מיר וואָלטען געראדע איצט קענען אזוי גליקליך לעבען אין אונזער רוהיגע, ליעבליכע הייזעלע, דו, איך און די קינדערלעך, טאָרוואלד! דארום בעט איך דיך אזוי...

ה ע ל מ ע ר. אָבער געראדע דיין אָננעהמען זיך פאר איהם מאַכט זיין בלייבען אויף דער שטעלע אבסאָלוט אונמעגליך. יעדער אין דער באנק ווייס שוין, אז איך מיין צו ענטלאסען קראָגסטאדען. לאָז איצט ארויסגעהן דער קלאנג, אז דער נייער דירעקטאָר האָט זיך געלאָזען איבעררעדען פון זיין ווייב...

נ אָ ר א. וואָס וואָלט זיין?

ה ע ל מ ע ר. אָ, גאָרנישט... אזוי לאנג ווי א קאפריזנע פרוי קען נור אויספיהרען אלץ וואָס זי וויל — זאָל מען טאקי פון מיר חוזק מאַכען, זאָלען טאקע מענשען ארומגעהן און זאָגען, אז איך ווער רעגירט פון א ספּאָדניצע. גלויב מיר, איך וואָלט זעהר באלד דערפיהלט די פאָלגען דערפון. און דאן איז דאָ אנאנדערער גרונד ווארום קראָגסטאד און איך זיינען קיין פּאָאר ניט.

נ אָ ר א. וואָס נאָך?

ה ע ל מ ע ר. איך וואָלט אפשר שוין ווי עס איז געקענט זיך מאַכען ניט זעהענדיג זיין בעפלעקטען כאראקטער...

נ אָ ר א. געוויס, טאָרוואלד, דו וואָלסט דאָס געקענט, ניין?

ה ע ל מ ע ר. און ווי איך הער, פערשטעהט ער גראָד זיין ארבייט. אָבער דו מוזט ניט פערגעסען, אז ער איז מיינער א געוועזענער חבר פון שוהל — צווישען אונז האָט אמאָל עקזיסטירט יענע אונבעזאָננענע קינדערשע פריינדשאפט, וועלכע עס פערדריסט אָפט אין די עלטערע יאָהרען. איך דארף פון דיר ניט לייקענען — מיר דוצען זיך זאָגאר און ער טוט דאָס ווי אויף להכעיס פאר אלעמען אין די אויגען. אָבער טאָרוואלד און ווייעדער טאָרוואלד, „דו" אהער און „דו" אהין. גלויב מיר, דאָס איז מיר זעהר

פיינליך. דאס וואלט מאכען מיין לאגע אלס דירעקטאר פון דער באנק אונערטרעגליך.

נ אַ ר א. טאָרוואלד, דו ביזט ניט ערנסט.

ה ע ל מ ע ר. ניין? ווארום ניט?

נ אַ ר א. דער גרונד דיינער איז אזא קליינליכער.

ה ע ל מ ע ר. וואָס, קליינליך? האלטסטו מיך פאר קליינליך?

נ אָ ר א. ניין, ניין, ליעבער טאָרוואלד, געראדע דאָס נע־גענטהייל, אבער טאקי ווייל איך האלט דיך פאר...

ה ע ל מ ע ר. גענוג, גענוג! אויב מיינע מאָטיוועז זיינען קליינליכע, בין איך וואהרשיינליך אליין ניט בעסער. קליינליך, גישט־קשה, חלעבען! זעהר גוט! נו, לאָמיר איינמאָל פאר אלע מאָל מאכען א סוף דערפון. (ער געהט צום קארידאָר צו און רופט:) העלענע!

נ אָ ר א. וואָס דארפסטו?

ה ע ל מ ע ר. (זוכענדיג צווישען זיינע פאפיערען) א סוף מאכען. (העלענע ערשיינט) היער, נעהמט אט דעם בריעף און גיט עס איבער צו א טרעגער אין גאס. זעהט, ער זאָל דאָס גלייך אוועקטראָגען. די אדרעסע איז אויפגעשריעבען אויפ׳ן קאָנווערט. נאט אייך געלד.

ה ע ל ע נ ע. זעהר גוט, מיין הערר. (זי געהט ארויס.)

ה ע ל מ ע ר. (צונויפלעגענדיג די פאפיערען) פארטיג, מאַ־דאם עקשן!

נ אָ ר א. (אָהן אן אטהעם) טאָרוואלד, וואָס איז דאָס פאר א בריעף?

ה ע ל מ ע ר. קראָגסטאד׳ס קינדיגונג.

נ אָ ר א. רוף דעם בריעף צוריק, טאָרוואלד! צוריק, צוריק, איידער עס ווערט צו שפעט. טו דאָס פון מיינטוועגען, טאָר־וואלד! טו דאָס פון מיינטוועגען, פון דיינטוועגען, פאר אונזערע קינדערלעך. דו הערסט, טאָרוואלד? טו עס. דו ווייסט ניט וואָס דיעזער בריעף קען אויף אונז אלעמען ארויסברענגען פאר אן אונגליק.

ה ע ל מ ע ר. עס איז שוין צו שפעט.

נ אָ ר א. צו שפעט!

ה ע ל מ ע ר. מיין טייערע נאָרא, איך פערצייה דיר דיין אויפרעגונג, אָבגלייך דאָס ווייזט ארויס ווענינ אכטונג פאר מיר. איך האָב קיין זאך ניט געטאָן אזוינס, אז איך זאָל מוזען מורא האָבען פאר שמוציגע שרייבער, וועלכע מען מוז פערשטיקען די מויל. אבער איך פערגיב דיר דיין פורכט, ווייל דאָס בעווייזט מיר ווי היים דו ליעבסט מיך. (זי אומאַרמענדיג) דאָס איז ווי עס בעדאַרף צו זיין, ליעבסטע, זיסעסטע נאָרעלע! לאָז קומען וואָס וויל — איך וועל צו יעדע צייט דערצו האָבען אי מוטה אי קראַפט: מיינע שולטערן זיינען ברייט גענוג אויסצוהאלטען די גאנצע לאַסט.

נ אָ ר א. (דערשראָקען) וואָס מיינסטו דערמיט?

ה ע ל מ ע ר. די גאנצע שווערע לאַסט, זאָג איך.

נ אָ ר א. (מיט פעסטע ענטשלאָסענהייט) ניין! דאָס וועל איך קיינמאָל ניט צולאָזען!

ה ע ל מ ע ר. נו, זעהר גוט. דאַן וועלען מיר דעם פעקעל טראָגען צוזאַמען, ווי מאַן און ווייב. (זי גלעטענדיג) ביזטו איצט צופריעדען? קום, קום, זעה ניט אויס ווי א דערשראָקענע טיי־בעלע. דאָס אלעס איז ניט ווערט קיין אויסגעבלאָזענע איי. איינבילדונג, קינד, איינבילדונג! געה בעסער צו דער רעפּע־טיציע, דו מוזט טאַנצען די טאַראַנטעלא, האָב א ביסעל איבונג אויפ'ן טאַמבורין. איך וועל אריינגעהן אהין אין מיין שרייב־צימער, וועל פערמאַכען ביידע טירען אום גאָרנישט צו הערען. דו קענסט האַן מאַכען אזוי פיעל גערויש, ווי פיעל דיין הארץ געלוסט. (געהט און קערט זיך אום) און ווען ראנק קומט, זאָג איהם וואו איך בין (ער געהט אַוועק מיט זיינע פּאַפּיערען, צומאַכענדיג די טיר.)

נ אָ ר אַ. (אין היילע שרעק, שטעהט ווי פערשטיינערט און זאָגט אין דער שטיל, שושקענדיג:) ער וועט דאָס טאָן! יא, ער איז פעהיג דאָס פאר מיר צו טאָן. טאָרוואלד — ניין!! ניעמאלס, ניעמאלס, ניעמאלס! אלץ נור דאָס ניט. אָה, ווי געפינט מען אַן אויסוועג פון דיעזע שרעקליכע לאַגע! וואָס טו איך? (טען

קלינגט אין טיר.) דאָס איז דאָקטאָר ראַנק — אַלץ, אַלץ, אַלץ אין דער וועלט, נור דאָס ניט!

(נאָראַ פערגלעט זיך דאָס געזיכט, גלייבט זיך אויס, און געהט עפענען די טיר. דאָקטאָר ראַנק שטעהט דרויסען אין קאָרידאָר, אויפהענגענדיג זיין מאַנטעל. וועהרענד די פאָלגענדע סצענע ווערט עס ביסלעכווייז דונקעלער.)

נ אָ ר אַ. וואָס מאַכט איהר, דאָקטאָר ראַנק? איך האָב דערקענט אייער קלונג. געהט ניט אריין צו טאָרוואַלדען איצט. ער איז זעהר בעשעפטיגט.

ר אַ נ ק. און איהר אַליין?

נ אָ ר אַ. אָה, איהר ווייסט זעהר גוט, אז פאַר אייך האָב איך אימער צייט.

ר אַ נ ק. דאַנקע. איך וועל אויסנוצען אייער פריינדשאַפט אזוי לאַנג ווי איך וועל קענען.

נ אָ ר אַ. וואָס מיינט איהר? אזוי לאַנג ווי איהר וועט קענען?

ר אַ נ ק. אָה, יאַ! דערשרעקט דאָס אייך?

נ אָ ר אַ. איך האַלט דעם אויסדרוק אייערן פאַר זאָנדערבאַר. ערוואַרט איהר דען, אז עטוואָס זאָל פּאַסירען?

ר אַ נ ק. יאַ, עטוואָס וואָס דאַרויף בין איך לאַנג געווען פאָרבערייטעט; האָב נור ניט גערעכענט, אז דאָס וועט קומען אזוי שנעל.

נ אָ ר אַ. (אָנכאַפּענדיג זיין אָרעם) וואָס איז דאָס אזוינס, דאָקטאָר? איהר מוזט עס מיר זאָגען.

ר אַנ ק. (זיך זעצענדיג ביים קאַמין) מיט מיר געהט עס זעהר האַסטיג באַרג אַראָפּ. דערצו איז קיין הילף ניטאָ.

נ אָ ר אַ. (אָפּציהענדיג דעם אָטהעם) איהר אַליין?

ר אַ נ ק. ווער דען? צו־וואָס זיך אַליין נאַררען? איך בין בין מיינע אַלע פּאַציענטען דער, וועמיען מען דאַרף אם מייסטען בעדויערן. איך האָב אָקאָרישט צונויפגעשטעלט דעם שלום־באַלאַנס פון מיין לעבען... די אונטערשטע שורה איז: איך בין באַנ־

קראַט. עס וועט ניט פערגעהן אַ מאָנאַט, וועל איך שוין ליעגען און פוילען אין קבר.

נ אַ ר אָ. אַח, ווי הערסליך איהר דריקט זיך אויס!

ראַ נ ק. נו, דער עסק גופא, פרוי העלמער, איז אַזאַ העסלי־בער, פערשטעהט איהר! דאָס שלימסטע דערפון איז, אַז פיעלע אנדערע פאַסקודנע זאַכען מוזען אָבגע׳פּטר׳ט ווערען איידער עס קומט צו וואָס. נאָך איין לעצטע אונטערזוכונג מוז געמאַכט ווע־רען און ווען דאָס וועט זיין געטאָן, וועל איך וויסען גאַנץ גענוי ווען דער אָנהויב פון סוף קומט אָן. איין זאַך וויל איך אייך זאָגען: העלמער׳ן עקעלט אַלץ וואָס איז שרעקליך; איך וויל איהם דער־פאַר ניט האָבען ביי זיך אין מיין קראנקען־צימער.

נ אַ ר אַ. אָבער, דאָקטאָר ראַנק!

ר אַ נ ק. ניין, איך וויל איהם ניט האָבען, זאָג איך, אויף קיין פאַל ניט! איך וועל פערשליסען מיין טיר ווען איך וועל וויסען, אַז ער קומט. אַזוי גיך ווי איך וועס, אַז עס האַלט ביים סוף, וועל איך אייך שיקען אַ וויזיט־קאַרטע מיט אַ שוואַרצען ציי־כען דאַרויף. איהר וועט דאַן וויסען, אַז דאָס שרעקליכע... האָט זיך אָנגעפאַנגען.

נ אַ ר אַ. אָה, איהר זייט גאָר ניט קלוג היינט, גערא‌דע ווען איך וויל, אַז איהר זאָלט זיין ווירקליך גוט געשטימט.

ר אַ נ ק. ווען דער טויט שטעהט פאַר די אויגען? און ווען מען געהט נאָך דערביי פאַר פרעמדע זינד? וואו איז דער יושר דאַרין? און דאָך געפינט איהר אַזאַ פאַל כמעט אין יעדע פאַמיליע.

נ אַ ר אַ. (זיך פערשטאָפּענדיג די אויערן) אונזין, אונזין! זייט לוסטיג!

ר אַ נ ק. שעהן, זעהר שעהן. נאָך אַלעמען איז די גאַנצע מעשה ווירקליך צום לאַכען: מיין אָרעמער אונשולדיגער רוקען מוז אָבקומען פאַר די זינד וואָס כיין פאָטער האָט בעגאַנגען אין דער יוגענד.

נ אַ ר אַ. ער איז וואהרשיינליך געווען אַ צו גרויסער ליעבּ־

האָבער פון אספאראגוס און פון סטראסבורגער פּאסטעטען, ניין?
ר א נ ק. און אויסטערס, נאטירליך.

נ אָ ר א. און דאן די פּאַרטווייין און שאמפּאניער! עס איז טרויעריג, אז אזעלכע גוטע זאכען זאָלען אָנגרייפען דעם רוקען.

ר א נ ק. איבערהויפּט ווען דער אָנגעגריפענער האָט קיין שום הנאה דערפון ניט געהאַט.

נ אָ ר א. יא, דאס איז ערגער ווי אלץ.

ר א נ ק. (זי געגווי בעטראַכטענדיג) הם...

נ אָ ר א. (נאָך אַ קורצע פּויזע) ווארום האָט איהר גע־שמייכעלט?

ר א נ ק. געלאַכט האָט איהר.

נ אָ ר א. ניין, איהר האָט געשמייכעלט, דאָקטאָר ראנק.

ר א נ ק. (אויפשטעהענדיג) איהר זייטווירקליך ביטרער ווי איך האָב געמיינט.

נ אָ ר א. איך בין אזוי פּערריקט—אויפגערעגט הייגט.

ר א נ ק. עס זעהט כמעט אזוי אויס.

נ אָ ר א. (ארויפלעגענדיג איהרע הענט אויף זיינע שולטערן) אָה, ליעבער דאָקטאָר ראנק, דער טויט טאָר איך ניט אוועקנעה־מען פון טאָרוואַלדען און מיר.

ר א נ ק. נו, איהר וועט דעם פערלוסט לייכט אריבערטראָ־גען; וואָס די ערד דעקט צו, ווערט לייכט פערגעסען.

נ אָ ר א. (זעהט איהם אן בעזאָרגט) מיינט איהר דאָס ווירקליך?

ר א נ ק. מענשען מאכען נייע בעקאנטשאפטען און דאן...

נ אָ ר א. ווער מאכט נייע בעקאנטשאפטען?

ר א נ ק. איהר און העלמער, ווען איך וועל זיין טויט. איהר גרייט זיך שוין אָן בעצייטענס, דאכט זיך מיר. וואָס האָט פרוי לינדע דאָ נעכטען געטאָן?

נ אָ ר א. אָה, איהר זייט דאָך, לאָמיך האָפען, אויף איהר ניט אייפערזיכטיג.

ר א נ ק. יא, איך בין. זי וועט פערנעהמען מיין לײדיגען

פלאַץ אין אייער הויז. ווען איך בין אוועג, וועט דיעזע פרוי פיעלייכט — —

נ אָ ר אָ. ש...ש! ניט אזוי הויך. זי איז היער אין הויז.

ר אַ נ ק. היינט אויך? נו, אַט זעהט איהר דאָך!

נ אָ ר אָ. נור צו פערריכטען מיין קאָסטיום, — ווי אונגע־רעכט איהר זייט. (זי זעצט זיך אויפ'ן זאָפאַ) איצט זייט אָבער אַ מענש, דאָקטאָר ראַנק! איהר וועט זעהן מאָרגען ווי שעהן איך וועל טאַנצען; און דאַן וועט איהר זיך קענען איינבילדען, אז איך טו אַלעס צוליעב אייך — און, נאַטירליך, צוליעב טאָרוואַלדען אויך. (זי נעהמט אַרויס זאַכען פון אַ קעסטעל.) דאָקטאָר ראַנק, זעצט זיך אהער, איך וועל אייך וואָס ווייזען.

ר אַ נ ק. (זיך זעצענדיג) וואָס איז עס?

נ אָ ר אָ. קומט אהער, בליקט נור!

ר אַ נ ק. זיידענע זאָקען.

נ אָ ר אָ. לייב־קאָליר. זיינען זיי ניט ליעבליך, האַ? אָה, היער איז איצט אזוי טונקעל; אָבער מאָרגען — ניין, ניין, ניין! איהר טאָרט מעהר ניט זעהן ווי די פיס... איבע...ענס, ווארום ניט?

ר אַ נ ק. ה...ם!

נ אָ ר אָ. וואָס בעזועהט איהר זיי אזוי? גלויבט איהר, זיי וועלען מיר ניט זיין צום מאָס?

ר אַ נ ק. איך קען וועגען דעם ניט געבען אַ מיינונג וואָס זאָל עפּעס ווערטה זיין.

נ אָ ר אָ. (איהם אַ ווייליגקע בעטראַכטענדיג) אָ, שעמט זיך! (זי גיט איהם בלומרשט אַ קלאַפּ מיט די זאָקען) נאַט אייך.

ר אַ נ ק. און וואָס נאָך פאַר וואונדערס וועל איך זעהן?

נ אָ ר אָ. מעהר וועט איהר גאָר נישט זעהן, גאָר נישט, איהר פיהרט זיך ניט גוט גענוג אויף. (זי זוכט צווישען די זאַכען.)

ר אַ נ ק. ווען איך זיץ היער און אונטערהאַלט זיך מיט אייך, קען איך זיך איינפאַך ניט פאָרשטעלען וואָס פון מיר וואָלט גע־וואָרען ווען איך וואָלט קיינמאָל ניט אריינגעקומען דאָ אין הויז.

נ אָ ר אָ. (שמייכלענדיג) איהר פיהלט זיך דאָ צו־הויז, דאָס איז זיכער.

ר א נ ק. און צו מוזען זיך שיידען דערפון...

נ אָ ר א. אונזין, איהר וועט אונז ניט פערלאָזען.

ר א נ ק. אפילו ניט צו קענען צוריקלאָזען דעם מינדעסטען צייכען פון דאנקבארקייט: צומאָל ניט א שמערץ־אויסדרוק — נאַרנישט, הויז א ליידיגען פלאַץ, וועלכער קען אויסגעפילט ווערען דורך דעם ערשטען בעסטען וואָס קומט.

נ אָ ר א. און ווי וואָלט געווען, ווען איך זאָל ביי אייך בעטען... ניין...

ר א נ ק. וואָס?

נ אָ ר א. א שטארקען בעווייז פון אייער פריינדשאַפט.

ר א נ ק. נו, נו!

נ אָ ר א. איך מיין א זעהר, זעהר גרויסען דיענסט.

ר א נ ק. וואָלט איהר מיר ווירקליך וועלען וועניגסטענס איינמאָל אזוי גליקליך מאכען?

נ אָ ר א. אָה, איהר ווייסט ניט וואָס דאָס איז.

ר א נ ק. טו זאָגט־זשע.

נ אָ ר א. ניין, איך קען אייך ווירקליך ניט זאָגען... עס איז פיעל, צו פיעל... ניט נור א געפאלען, זאָנדערן אויך הילף און ראַטה נאָך דערצו...

ר א נ ק. געוויס גוט! איך קען מיר ניט פאָרשטעלען וואָס איהר קענט מיינען. רעדט. טרויט איהר מיר דען ניט?

נ אָ ר א. מעהר ווי יעדען אנדערן. איך וויים, אז איהר זייט מיין בעסטער און טרייעסטער פריינד. איך וועל אייך זאָגען. נו, גוט, דאָקטאָר, איהר מוזט מיר העלפען עטוואָס ניט דערלאָזען, איהר ווייסט ווי טיעף, ווי אונענדליך טאָרוואלד ליעבט מיך. ער וואלט זיך אויף א מינוט ניט פערטראכטען, ווען איהם וואָלט אויסקומען אוועקצולעגען זיין קאָפּ פאר מיר.

ר א נ ק. (זיך צורוקענדיג נעהנטער צו איהר) נאָרא, מיינט איהר, ער איז דער איינציגער, וועלכער...?

נ אָ ר א. וועלכער, וואָס?

ר א נ ק. וועלכער וואָלט גערן אוועקגעגעבען זיין לעבען פאר אייך?

נ אָ ר א. (פערדריסליך.) אָה!

ר א נ ק. איך האָב געשוואָרען אייך דאָס צו זאָגען איידער איך... נעה... איך וועל קיין בעסערע געלעגענהייט ווי דיעזע ניט געפינען. יא, נאָרא, איצט ווייסט איהר דאָס; איצט ווייסט איהר אויך, אז איהר קענט מיר פערטרויען מעהר ווי יעדען אנדערן.

נ אָ ר א. (שטעהט אויף, רוהיג און געלאַסען) זייט אזוי גוט, לאָזט מיר דורך.

ר א נ ק. (לאָזט זי דורך, אָבער בלייבט זיצען) נאָרא — —

נ אָ ר א. (צוגעהענדיג צו דער טיר) העלענע, ברענגט אריין דעם לאָמפּ. אָה, ליעבער דאָקטאָר ראַנק, דאָס איז געווען ניט שעהן פון אייך.

ר א נ ק. (אויפשטעהענדיג) וואָס איך האָב אייך געליעבט אזוי היים ווי... ווי אַנאַנדערער? איז דאָס געווען שלעכט פון מיר?

נ אָ ר א. ניין, אָבער דאָס, וואָס איהר האָט עס מיר געזאָגט. דאָס איז אויך געווען אזוי אוננעטהיג...

ר א נ ק. וואָס מיינט איהר? האָט איהר דען געוואוסט?...

(העלענע ברענגט אריין דעם לאָמפּ און געהט אַרויס.)

ר א נ ק. נאָרא... פרוי העלמער... איך פרעג אייך, האָט איהר דאָס געוואוסט?

נ אָ ר א. אָ, ווי קען איך אייך זאָגען צו איך האָב געוואוסט, צו ניט. איך קען דאָס ווירקליך ניט... אָבער אז איהר זאָלט זיין אזוי אונגעלומפּערט, דאָקטאָר ראַנק! אלעס איז ביז איצט געווען אזוי שעהן.

ר א נ ק. נון, אויף יעדען פאַל ווייסט איהר איצט, אז איך בין אייערער מיט לייב און זעעלע. זאָגט איצט וואָס איהר האָט פון מיר געוואָלט.

נ אָ ר א. (איהם אָנזעהענדיג) זאָגען איצט?

ר א נ ק. איך בעשווער אייך, זאָגט וואָס איהר דאַרפט.

נ א ר א. אָ, ניין! איצט גאָרנישט מעהר...

ר א נ ק. דאָך, דאָך! איהר טאָרט מיך נישט בעשטראָפען

אויף דיזע ארט. לאָזט מיר אייך העלפען אין אלץ וואָס איך קען.

נ אָ ר אַ. איצט זעהט איהר פאר מיר גאָרנישט מעהר טאָן. אויסערדעם, דאַרף איך ווירקליך גאָרנישט. דאָס איז אין גאַנצען נור געוועזען א פאנטאזיע פון מיר. געוויס, געוויס! (זעצט זיך אין'ם שויקעל־שטול, שמייכלענדיג צו איהם) איהר זייט א שענער מענש, דאָקטאָר! שעמט איהר זיך גאָר ניט איצט, ווען דער לאָמפּ איז אויפ'ן טיש?

ר אַ נ ק. ניין, ניט זעהר... אָבער פיעלייכט איז גלייכער, אז איך זאָל געהן... אויף אימער.

נ אָ ר אַ. אָ, ניין, דאָס טאָרט איהר ניט. איהר מוזט אונז בעזוכען ווי ביז איצט. איהר ווייסט אליין, אז טאָרוואלד קען אָהן אייך ניט אויסקומען.

ר אַ נ ק. נו, און איהר?

נ אָ ר אַ. איך? איהר ווייסט גאנץ גוט, אז איך זעה אייך אימער היער זעהר גערן.

ר אַ נ ק. אָט דאָס האָט מיך טאקע אריינגעפיהרט אין דעם אירטהום. איהר זייט א רעטעניש פאר מיר. עס האָט זיך מיר אָפט געדאכט, אז איהר זייט מיט מיר פונקט אזוי גערן ווי מיט העלמער'ן.

נ אָ ר אַ. איך? יא, אָבער פערשטעהט איהר דען ניט? עס זיינען דאָ מענשען, וועלכע מען ליעבט, און אנדערע, מיט וועל־כע מען האָט האָלד צו רעדען.

ר אַ נ ק. יא, דאָס לאָזט זיך הערען.

נ אָ ר אַ. ווען איך בין געוועזען א מיידעל האָב איך נאַטיר־ליך דעם פאָטער מעהר געליעבט ווי אלעמען. אָבער עס האָט מיר געמאכט פערגניגען זיך אריינצוגנב'ענען אין דעם צימער פון די דיענסטלייט. ערשטענס, ווייל זיי האָבען מיר קיינמאָל קיין מוסר ניט געזאָגט, און צווייטענס, איז עס געוועזען זעהר אמוזאנט צו הערען זיי רעדען.

ר אַ נ ק. אָ, איצט פערשטעה איך; זייער פלאַץ פערנעהם איך דאָס.

נ אָ ר אַ. (צולויפענדיג צו איהם) מיין ליעבער דאָקטאָר ראַנק, ניט דאָס מיין איך, אָבער איהר פערשטעהט דאָך אַז מיט טאָרוואַלדען פיהל איך זיך גענוי ווי מיט'ן פאָטער...

(העלענע קומט אריין, גיט נאָראַ'ן אַ קאַרטע, וועלכע זי בעהאַלט אין קעשענע, אויסזעהענדיג אונאָנגענעהם איבערראַשט.)

ר אַ נ ק. האָט עטוואָס אונאַנגענעהמעס פאַסירט?

נ אָ ר אַ. אָה, ניין, גאָר נישט! דאָס איז נור... נור וועגען מיין נייעם קאָסטיום.

ר אַ נ ק. דער קאָסטיום? אָן איז ער דאָך?

נ אָ ר אַ. אָה, דער... יאַ, אָבער וואָס איך מיין איז אַנאַנדער־דער, וועלכען איך האָב בעשטעלט... טאָרוואַלד טאָר דערפון ניי־ויסען...

ר אַ נ ק. אהאַ! דאָס איז אַלזאָ דער גרויסער סעקרעט.

נ אָ ר אַ. געוויס, געוויס. אָט געהט טאַקי אריין צו איהם ער איז אין דעם הינטערסטען צימער. האַלט איהם בעשעפטי־... אַזוי לאַנג ווי איהר קענט.

ר אַ נ ק. זייט אונבעזאָרגט; ער וועט פון מיר ניט ענט־רינען. (ער געהט.)

נ אָ ר אַ. (צו העלענען) ווארט ער אין קיך?

ה ע ל ע נ ע. יאַ, ער איז אריינגעקומען דורך די טרעפ פ־... הויף.

נ אָ ר אַ. האָסטו איהם ניט געזאָגט, אַז איך בין ב־... שעפטיגט?

ה ע ל ע נ ע. יאַ, אָבער דאָס האָט גאָר ניט געהאָלפען.

נ אָ ר אַ. ער מיינט טאַקי ניט אוועקצוגעהן?

ה ע ל ע נ ע. ניט פריהער איידער ער וועט האָבען גע־רעדט מיט אייך.

נ אָ ר אַ. דאַן לאָז ער אריינקומען, אָבער אין דער שטיל. און — העלענע — רייד ניט ארום דעם; דאָס איז אַן איבערראַ־שונג פאַר מיין מאַן.

ה ע ל ע נ ע. זעהר גוט, מאַדאַם, איך פערשטעה. (זי געהט.)

נ אָ ר אַ. עס קומט! עס קומט! עס קומט נאָך אַלעמען דאָך! ניין, ניין, ניין, דאָס טאָר קיינמאָל ניט געשעהן, טאָר ניט, טאָר ניט, טאָר ניט!

(זי גערט און פערגעלט העלמער׳ס טיר. העלענע לאָזט אריין קראָגשטאָדען און פערמאַכט די אַנדערע טיר. ער טראָגט אַ רייזע־מאַנטעל, הויכע שטיוועל און אַ פעלצענע היטעל.)

נ אָ ר אַ. רעדט ניט הויך, מיין מאַן איז אין דער־היים.

ק ר אָ ג ס ט א ד. גוט, אָבער וואָס ארט דאָס מיר?

נ אָ ר אַ. וואָס ווילט איהר?

ק ר אָ ג ס ט א ד. וויל זיך ביי אייך איבער עטוואָס ער־קונדיגען.

נ אָ ר אַ. שנעל, וואָס איז עס?

ק ר אָ ג ס ט א ד. איך האָב בעקומען מיין ענטלאַסונג, דאָס ווייסט איהר.

נ אָ ר אַ. איך האָב דאָס ניט געקענט פערוועהרען, הערר קראָגסטאד. איך האָב געקעמפפט פאר אייך ביז צום ענד, אָבער אומזיסט.

ק ר אָ ג ס ט א ד. ליעבט אייך אייער מאַן אזוי ווענינ? ער ווייס וואָס איך קען אויף אייך ברענגען און דאָך וואגט ער...

נ אָ ר אַ. ווי פאלט אייך נאָר איין, אז איך וואָלט איהם זאָגען?...

ק ר אָ ג ס ט א ד. אז איהר האָט דאָס ניט געטאָן ווייס איך. צו ווייזען אזוי פיעל מוטה איז ניט אין מיין פריינד טאָרוואלד העלמער׳ס נאַטור.

נ אָ ר אַ. הערר קראָגסטאַד, רעדט, איך בעט אייך, מיט מעהר רעספעקט פון מיין מאַן, איהר הערט?

ק ר אָ ג ס ט א ד. געוויס מיט אַל דעם רעספעקט וואָס איהם קומט. אָבער אזוי ווי פאר אייך איז אזוי וויכטיג צו האַלטען די זאַך געהיים, מוזט איהר איצט פערשטעהן אַ ביסעל קלערער ווי נעכטען דאָס וואָס איהר האָט געטאָן.

נ אָ ר אַ. קלערער קענט איהר מיך שוין ניט מאַכען.

קראנסטאד. יאָ, און, ראַכט זיך, אַזאַ שלעכטער יר־ריסט ווי איך.

נאָרא. וואָס אייגענטליך ווילט איהר?

קראַנסטאד. נור זעהן וואָס איהר מאַכט, פרוי העלמער. איך האָב ארום אייך געטראַכט א גאַנצען טאָג. א פּראָסטער פּראָ־צענטניק, א רעפּאָרטער פאַר געלד, בקיצור, א פערעכטליכע בעשע־פענים, ווי איך, האָב אויך א שטיקעלע פון דאָס וואָס לייט רופען א „הארץ".

נארא. דאַן בעווייזט עס; דענקט וועגען מיינע קליינע קינדערלעך.

קראַנסטאד. האָט זיך אייער מאַן געקימערט וועגען מיינע? אָבער לאָז זיין... איך האָב נור געוואָלט זאָגען, אַז איהר דאַרפט די זאַך ניט נעהמען צו ערנסט. איך וועל פאָרלויפיג קיין דאָנאָס ניט דערלאַנגען.

נאָרא. ניין, געווים ניט. איך האָב געוואוסט, אז איהר וועט דאָס ניט טאָן.

קראַנסטאד. די זאַך קען ווערען געענדיגט זעהר רוהיג. קיינער ברויכט דאָס ניט צו וויסען. עס קען בלייבען צווישען אונז דרייען.

נאָרא. מיין מאַן טאָר דערפון ניט וויסען, ניעמאלס!

קראַנסטאד. ווי קען דאָס פערמיערען ווערען? קענט איהר דען אָבצאָהלען דעם חוב?

נאָרא. ניין, ניט גלייך אויפ'ן שטעל.

קראַנסטאד. אָדער האָט איהר א מיטעל ווי אזוי צו קריעגען דאָס געלד אין די נעכסטע עטליכע טעג?

נאָרא. יערענפאלס ניט א מיטעל, וועלכען איך וואָלט וועלען בענוצען.

קראַנסטאד. און אפילו ווען איהר וואָלט אזעלכע מיטעל האָבען, וואָלט דאָס אייך גאָר ניט העלפען. וויפיעל בארע געלד איהר זאָלט מיר ניט אָנבאָטען, וועט איהר צליך ניט צוריקקריעגען אייער וועקסעל.

נ אָ ר א. וואָס־זשע מיינט איהר דערמיט צו טאָן?

ק ר אָ נ ס ט א ד. איך מיין עס נור צו האַלטען און צו בעהאַלטען ביי זיך. קיין פרעמדער זאָל דערפון גאָרנישט הערען. אויב איהר האָט דארום עפּעס א פערצווייפעלטען פלאַן אין מוח...

נ אָ ר א. און וואָס אויב איך האָב?

ק ר אָ נ ס ט א ד. טאָמער מיינט איהר אוועקצואַוואַרפען אייער מאַן מיט די קינדער...

נ אָ ר א. וואָס דאַן?

ק ר א נ ס ט א ד. אָדער איהר טראַכט נאָך ארום אַן ערגערע זאַך.

נ אָ ר א. פון וואַנען ווייסט איהר דאָס?

ק ר אָ נ ס ט א ד. דאַן זאָג איך אייך: שלאָגט זיך דאָס ארויס פון די געדאַנקען.

נ אָ ר א. פון וואַנען האָט איהר געוואוסט וואָס פאַר גע־דאַנקען איך האָב?

ק ר אָ נ ס ט א ד. די מייסטע פון אונז טראַכטען ארום דעם פריהער ווי אַלע. איך אליין האָב ארום דעם געטראַכט, נור איך האָב ניט געהאַט דעם קוראַזש דערצו.

נ אָ ר א. (מיט א דערשטיקטען קול) איך אויך ניט.

ק ר אָ נ ס ט א ד. (בערוהיגט) ניין, מען האָט ניט. איהר האָט אויך ניט דעם מוטה דערצו, ניין?

נ אָ ר א. איך האָב ניט, האָב ניט...

ק ר אָ נ ס ט א ד. דאָס וואָלט אויסערדעם געווען זעהר ריכ... ווען דער ערסטער שטורם איז איבערגעגאַנגען... איך האָב אין קעשענע א בריעף פאַר אייער מאַן...

נ אָ ר א. און וועלכען איהר זאָגט אַלץ אויס?

ק ר אָ נ ס ט א ד. אייך בעהאַנדלענדיג אזוי דעליקאַט ווי נור מעגליך.

נ אָ ר א. (שנעל) דעם בריעף אייערן טאָר ער קיינמאָל ניט קריגען. צורייסט איהם! איך וועל דאָס געלד שוין ווי עס איז קריגען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. ענטשולדיגט, פרוי העלמער, אָבער איך האָב אייך געזאָגט...

נ אָ ר א. איך רייד ניט וועגען די געלד וואָס אייך קומט. זאָגט מיר, וויפיעל נאָך פערלאַנגט איהר פון מיין מאַן — איך וועל עס קריגען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. איך פערלאַנג פון אייער מאַן קיין שום געלד ניט.

נ אָ ר א. וואָס־זשע דען פערלאַנגט איהר?

ק ר אָ ג ס ט א ד. איך וועל אייך זאָגען. איך וויל צוריק־ערווערבען מיין פּאָזיציאָן אין דער וועלט. איך וויל שטייגען. אייער מאַן מוז מיר דערצו העלפען. אין די לעצטע אַנדערהאַלבען יאָהר איז מיין לעבענסגעשיכטע געווען אונבעפלעקט; איך האָב די גאַנצע צייט געליטען ביטערע נויט. אָבער איך בין געווען צופריעדען, קעמפּפענדיג ארויפצוקלעטערן העכער און העכער, שטופּע ביי שטופּע. פון דאָרטען האָט מען מיך אראָפּגעשליידערט און איצט וועל איך מיך ניט בענוגענען מיט'ן ארויס'גנב'ענען זיך צוריק. איך מוז שטייגען העכער, זאָג איך אייך. איך מוז צוריק אריין אין באַנק און אויף א העכערע שטעלע. אייער מאַן מוז עקסטרא פאַר מיר מאַכען א שטעלע.

נ אָ ר א. ער וועט דאָס קיינמאָל ניט טאָן.

ק ר אָ ג ס ט א ד. ער וועט, ער וועט! איך קען איהם — ער וועט ניט האָבען דעם מוטה צו ענטזאַגען. און קוים בין איך אינעווייניג, דאַן וועט איהר זעהן! דאַן וועל איך זיין דעם די־רעקטאָר'ס רעכטע האַנד. נילס קראָגסטאַד, ניט טאָרוואַלד העל־מער וועט פערוואַלטען די אקציענבאַנק.

נ אָ ר א. דאָס וועט אין לעבען ניט געשעהן!

ק ר אָ ג ס ט א ד. פיעלייכט וועט איהר?...

נ אָ ר א. א י צ ט האָב איך דעם מוטה דערצו.

ק ר אָ ג ס ט א ד. אָה, איהר דערשרעקט מיך ניט. א פער־צויגענע, אויסגעבאַלעוועטע יונגע פרוי, ווי איהר...

נ אָ ר א. איהר וועט זעהן, איהר וועט זעהן.

קראנסטאד. אונטערן אייז פיעלייכט? ארונטער אין די קאלטע, שווארצע וואסער? און נעבסטען פריהלינג ארויפצושווימען העסליך, אהן האאר, אונערקענבאר...

נארא. איהר קענט מיר קיין מורא ניט אנמאכען.

קראנסטאד. איהר מיר אויך ניט. מענשען טוען אזעלכע זאכען ניט, פרוי העלמער. און נאך אלעמען, וואס פאר א נוץ וועט דאס ברענגען? איך האלט אייער מאן אין מיין קעשענע אויף יעדען פאל.

נארא. וואס? נאכהער? ווען איך בין מעהר ניט...

קראנסטאד. איהר פערגעסט אייער נאמען בלייבט אין מיינע הענד. (נארא שטעהט אהן לשון, קוקענדיג אויף איהם.) נו, איצט ווייסט איהר אלעס. מאכט ניט קיין דומהייטען. אזוי גיך ווי העלמער ערהאלט מיין בריעף, וועל איך ערווארטען צו האבען אן ענטפער פון איהם. און געדענקט, אז אייער מאן אליין האט מיך געצוואונגען צוריקצוגעהן אין אזעלכע וועגען. דאס וועל איך איהם קיינמאל ניט פערצייהען. אדיע, פרוי העלמער! (ער געהט צום קארידאר. נארא לויפט צום טיר, עפענט א ביסעל אויף און הארכט.)

נארא. ער געהט. ער ווארפט דעם בריעף ניט אין בריעפקאסטען אריין. ניין, ניין, דאס וואלט זיין אן אונמעגליכקייט. (עפענט די טיר מעהר און מעהר) וואס איז דאס? ער בלייבט שטעהן; ער געהט ניט אראפ פון טרעפ. איבערלעגט ער זיך? איז ער?... (א בריעף פאלט אריין אין קעסטעל. מען הערט קראנסטאדען ארונטערגעהענדיג פון טרעפ. נארא שרייט אויס מיט א פערשטיקטען קול. פויזע.) אין בריעפקאסטען! (געהט אויף די שפיץ פינגער צום טיר) אן איז עס! טארוואלד, טארוואלד... איצט זיינען מיר ביידע פערלארען!

(פרוי לינדע קומט אריין דורך די טיר לינקס מיט'ן קאסטיום.)

פר. לינדע. היער! איך דענק איצט וועט עס גוט זיין. זאלען מיר עס אנמעסטען?

נארא. (הייזעריג און שטיל) כריסטינע, קום אהער.

פ ר. ל י נ ד ע. (אראפּוואַרפענדיג די קלייד אויפ'ן זאָפע) וואָס? וואָס איז דאָס? דו זעהסט אוים בלייך ווי דער טויט.

נ אָ ר א. קום אהער. דו זעהסט דעם בריעף? קוק דאָרטען! דורכ'ן גלאָז פון דעם בריעף־קאַסטען.

פ ר. ל י נ ד ע. יא, יא, איך זעה.

נ אָ ר א. דער בריעף איז פון קראָגסטאַד...

פ ר. ל י נ ד ע. נאָרא, דאָס איז אַלזאָ קראָגסטאַד, וועלכער האָט דיר געבאָרגט דאָס געלד!

נ אָ ר א. יא, און איצט וועט טאָרוואַלד אַלעס אויסגעפינען.

פ ר. ל י נ ד ע. גלויב מיר, דאָס איז דאָס בעסטע פאַר אייך ביידען.

נ אָ ר א. דו ווייסט נאָך ניט אַלעס, איך האָב געפעלשט א נאָמען.

פ ר. ל י נ ד ע. גרויסער גאָט!

נ אָ ר א. נון, הער מיך אוים, כריסטינע; דו מוזט זיין מיין עדות...

פ ר. ל י נ ד ע. וואָס מיינסטו: דיין עדות? וואָס זאָל איך?...

נ אָ ר א. טאָמער ווער איך וואַהנזיניג—דאָס קען פּאַסירען...

פ ר. ל י נ ד ע. אָבער, נאָרא!

נ אָ ר א. אָדער עס טרעפט זיך מיט מיר אַנאַנדער זאַך און איך זאָל ניט קענען אליין זיין דערביי...

פ ר. ל י נ ד ע. נאָרא, נאָרא — דו ביסט אויסער זיך.

נ אָ ר א. טאָמער וויל ווער עס איז נעהמען די שולד אויף זיך, די גאַנצע שולד, פערשטעהסטו...

פ ר. ל י נ ד ע. יא, אָבער ווי קען דיר גאָר איינפאַלען?...

נ אָ ר א. דאַן מוזטו זיין אַן עדות, אַז עס איז ניט וואָהר. כריסטינע, איך בין גאָר ניט אַראָפּ פון זינען; איך ווייס וואָס איך רייד און זאָג דיר, אַז חוץ מיר האָט קיינער אין דעם ניט געשטעקט; איך אליין האָב דאָס אַלעס געטאָן. איך און ווייטער קיינער ניט. פערגעס דאָס ניט.

פ ר. ל י נ ד ע. איך וועל גערענטען. אבער איך פער־שטעה ניט וואס דו מיינסט.

נ א ר א. אה, ווי קענסט דו דאס פערשטעהן? דא וועט געשעהן א נס.

פ ר. ל י נ ד ע. א נס?

נ א ר א. יא, א נס, א וואונדער־טהאט. אבער דאס איז אזוי שרעקליך; עס טאר ניט קומען דערצו, ניט צוליעב די גאנצע וועלט!

פ ר. ל י נ ד ע. איך געה גלייך צו קראנקסטאדען און וועל מים איהם רעדען.

נ א ר א. טו דאס ניט; ער וועט דיר אנטאן עפעס בייז.

פ ר. ל י נ ד ע. אין אמאליגע יאהרען וואלט ער פאר מיר פיעל געטאן.

נ א ר א. ער?

פ ר. ל י נ ד ע. וואו וואוינט ער?

נ א ר א. א, ווי קען איך דאס וויסען? דאך האלט! (זו־כענדיג אין קעשענע) אט איז זיין וויזיט־קארטע; אבער דער בריעף, דער בריעף...

ה ע ל מ ע ר. (קלאפט פון יענער זייט טיר) נארא!

נ א ר א. (שרייט אויס דערשראקען) וואס איז, וואס ווילסטו?

ה ע ל מ ע ר. שרעק זיך ניט; מיר קומען נאך ניט אריין; די טיר איז פערמאכט. פאסטו אן דיין קלייד?

נ א ר א. יא, יא, איך פאס איהר אן. קליידט מיר אזוי גוט, טארוואלד!

פ ר. ל י נ ד ע. (האבענדיג געלעזען די קארטע) ער וואוינט נאהנט פון דאנען.

נ א ר א. אבער וואס העלפט דאס? דער בריעף איז אין קעסטעל.

פ ר. ל י נ ד ע. און דיין מאן האט דעם שליסעל?

נ א ר א. אימער.

פ ר. ל י נ ד ע. דאן מוז קראנקסטאד צוריק־פערלאנגען זיין

בריעף, אונגעצפענט. ער מוז געפינען עפּעס אן ענטשולדיגונג.

נ אָ ר אַ. אָבער דאָס איז גראָד די צייט, ווען טאָרוואלד נעהט געוואוינליך צום...

פ ר. ל י נ ד ע. לאָז איהם נים. האלט איהם בעשעפ־טיגט. איך וועל צוריקקומען אזוי גיך ווי איך וועל קענען. (זי געהט דורכ'ן קאָרידאָר.)

נ אָ ר אַ. (עפענדיג העלמער'ס טיר) טאָרוואלד!

ה ע ל מ ע ר. מעג מען ענדליך אריינגעהן צו זיך אין צי־מער? קום, ראַנק, לאָמיר גוט בעזעהן... אָבער וואָס האָט דאָס צו בעטייטען?

נ אָ ר אַ. וואָס, טאָרוואלד?

ה ע ל מ ע ר. ווי ראַנק האָט מיר די זאַך פאָרגעשטעלט, האָב איך ערווארטעט דיך צו זעהן גרויסארטיג אויסגעפּוצט.

ר א נ ק. (אויפ'ן שוועל) אזוי האָט מען מיר געגעבען צו פערשטעהן. האָב זיך, ווי עס שיינט, געאירט.

נ אָ ר אַ. ניין. קיינער וועט מיך נים זעהן אין מיין גאַנצע פראַכט ביז מאָרגען אָוועַנד.

ה ע ל מ ע ר. אָבער, ליעבסטע נאָרא, דו זעהסט אויס אזוי אָנגעשטרענגט. ניט שוין האָסטו אזוי שטארק פּראַקטיזירט?

נ אָ ר אַ. ניין, פראַקטיזירט האָב איך דערווייל נאָך גאָר נים.

ה ע ל מ ע ר. אָבער דו וועסט מוזען...

נ אָ ר אַ. געוויס, געוויס וועל איך דאָס מוזען טאָן. אָבער, טאָרוואלד, אָהן דיין הילף וועל איך גאָר־נישט קענען מאַכען: האָב אַלץ פערגעסען.

ה ע ל מ ע ר. אָ, מיר וועלען דאָס גיך וויעדער איינ־שטודירען.

נ אָ ר אַ. יאָ, העלף מיר, העלף מיר, טאָרוואלד. דו מוזט דאָס מיר צוזאָגען. אָ, איך בין אזוי אויפגערעגט דערפון... פאַר אַזאַ פּובליקום... היינט אָוועַנד מוזטו זיך אין גאַנצען איבערגע־

בען צו מיר. דו טאָרסט ניט טאָן אַ שטאָך ארביים. זאָג מיר דאָס צו, ליעבער טאָרוואַלד.

העלמער. גוט. צוגעזאָגט. דעם גאַנצען אָוונד וועל איך זיין דיין שקלאַף. קליינע, אונבעהאָלפענע בעשעפעניס! דאָך האַלט! ניט צו פערגעסען, איך מוז צוערסט... (געהט געהן צום קאָררידאָר־טיר.)

נאָרא. וואָס דאַרפסטו דאָרטען?

העלמער. מעהר נישט זעהן אויב דאָרטען זיינען ניטאָ קיין בריעף.

נאָרא. ניין, ניין — טאָרוואַלד, טו דאָס ניט!

העלמער. וואָרום ניט?

נאָרא. איך בעט דיך, טו דאָס ניט! דאָרטען איז קיין שום בריעף ניטאָ.

העלמער. זעהר גוט. איך וועל נור זעהן. (געהט נעהנער. נאָרא, ביין פיאַנאָ, שפּיעלט די ערסטע נאָטען פון די טאַראַנטעלא.)

העלמער. (זיך אָבשטעלענדיג ביין טיר) אַהאַ!

נאָרא. איך וועל מאָרגען ניט קענען טאַנצען אויב מיר מאַכען היינט ניט קיין פּראָבע.

העלמער. (קומענדיג צו איהר) ביזטו ווירקליך אַזוי נערוועז, ליעבסטע נאָרא?

נאָרא. יאַ, שרעקליך נערוועז. לאָמיר גלייך אָנפאַנגען די רעפּעטיציע. מיר האָבען צייט פאַר מיטאָג־עסען. אָ, זעץ זיך און אקאָמפּאַניר מיר, טייערער טאָרוואַלד. דו מוזט מיט מיר לערנען ווי אין די אַלטע צייטען.

העלמער. מיט'ן גרעסטען פערגניגען, אויב דיר איז עס ליעב. (זעצט זיך ביין פיאַנאָ; נאָרא כאַפּט אַרויס פון קעסטעל די טאַמבורין, טוט זיך האַסטיג אָן אין אַ לאַנגען האַלב קאָלירטען שאַל; מיט איין שפּרונג איז זי אין מיטען צימער.)

נאָרא. איצט שפּיעל פאַר מיר; איך וועל טאַנצען!

(ער שפּיעלט און זי טאַנצט. ראַנק שטעהט ביין פיאַנאָ הינטער העלמער'ן און זעהט צו.)

ה ע ל מ ע ר. (שפּיעלענדיג) לאַנגזאַמער, לאַנגזאַמער!
נ אָ ר אַ. איך קען ניט טאַנצען לאַנגזאַם.
ה ע ל מ ע ר. ניט אַזוי אויפגערעגט, ניט אַזוי האַסטיג, נאָרא!
נ אָ ר אַ. איך מוז, איך מוז!
ה ע ל מ ע ר. (אויפהערענדיג צו שפּיעלען) נאָרא, דאָס ווייסט גאָר ניט טויגען.
נ אָ ר אַ. (לאַכט און וואַרפט אַרום אין דער לופט דעם פּייקעל) האָב איך דיר ניט געזאָגט?
ר אַ נ ק. לאָז מיר שפּיעלען פאַר איהר.
ה ע ל מ ע ר. טאַקי. דאַן וועל איך בעסער קענען איהר דיריזשירען.
(ראַנק זעצט זיך ביים פּיאַנאָ און שפּיעלט; נאָראַ טאַנצט אַלץ ווילדער און ווילדער. העלמער, שטעהענדיג ביים קאַמין, מאַכט איהר רק בעמערקונגען, וועלכע זי שיינט ניט צו הערען. איהרע האָאָר פאַלט פאַנאַנדער און לאָזט זיך אַראָפּ אויף די שולטערן. זי מערקט ניט און טאַנצט. פרוי לינדע ערשיינט און בלייבט שטעהן פערוואונדערט).
פ ר. ל י נ ד ע. (אין טיר) אָה!
נ אָ ר אַ. (טאַנצענדיג) אָי, האָבען מיר דאָ שפּאַס, כריסטינע!
ה ע ל מ ע ר. ליעבע נאָרא, דו טאַנצעסט אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ פראַגע פון לעבען און טויט.
נ אָ ר אַ. עס איז, עס איז!
ה ע ל מ ע ר. ראַנק, האַלט איין! דאָס איז איינפאַך בערריקט! האַלט איין, זאָג איך!
(ראַנק האַלט איין און נאָראַ בלייבט פּלוצלונג שטעהן שטיל.)
ה ע ל מ ע ר. איך וואָלט דאָס ניט געגלויבט. דו האָסט גאַנץ איינפאַך אַלץ פערגעסען וואָס איך האָב דיר געלערנט.
נ אָ ר אַ. (אַוועקוואַרפענדיג די טאַמבורין) איצט זעהסטו אַליין, אַליין.
ה ע ל מ ע ר. דו בעדאַרפסט ווירקליך אַ לעקציאָן.

נ אָ ר אַ. דו זעהסט ווי נעטהיג דאָס איז, און נון מוזטו מיט מיר פּראַקטיזירען ביז די לעצטע מינוט. זאָגסטו מיר דאָס נ:, טאָרוואַלד?

ה ע ל מ ע ר. געוויס, געוויס.

נ אָ ר אַ. דו טאָרסט ניט טראַכטען ארום קיין שום אנדער זאַך ניט היינט און ניט מאָרגען. טאָרסט ניט עפּענען ניט איין איינציגען בריעף. טאָרסט ניט אריינבליקען אין בריעף־קאַסטען, הערסטו?

ה ע ל מ ע ר. איך זעה, דו שרעקסט זיך נאָך אימער פאר יג.עם מאָן.

נ אָ ר אַ. זעהר, זעהר!

ה ע ל מ ע ר. נאָראַ, איך קען זעהן אין דיינע אויגען — עס איז דאָ אַ בריעף פון איהם.

נ אָ ר אַ. גלויב מיר, איך וויים ניט. אָבער דו טאָרסט קיין זאַך ניט לעזען איצט. עס זאָל צווישען אונז קיין שטער ניט זיין ביז די גאַנצע זאַך איז צו־ענד.

ר אַ נ ק. (צו העלמער'ן געלאַסען) ווידערשפּרעך איהר ניט.

ה ע ל מ ע ר. (איהר ארומנעהמענדיג) דאָס קינד וועט אלעס אויספיהרען היינט. אָבער מאָרגען נאָכ'ן טאַנץ...

נ אָ ר אַ. וועסטו זיין ווידער פריי.

ה ע ל ע נ ע. (אריינקומענדיג) מאַדאַם, דאָס מיטאָג־עסען איז פאַרטיג.

נ אָ ר אַ. גרייט אָן שאַמפּאַניער, העלענע.

ה ע ל ע נ ע. זעהר גוט, מאַדאַם! (געהט אַרויס.)

ה ע ל מ ע ר. וואָס איך הער? אַ גאַנצער מאָהלצייט!

נ אָ ר אַ. יאַ, און מיר וועלען הולענען ביז אין דער פריה. (שרייענדיג אין טיר) און מאַקאַראָנען, העלענע, פיעל צוקערקעס, נור דעם מאָל.

ה ע ל מ ע ר. (איהר נעהמענדיג פאַר'ן האַנד) קום, קום. איך קען ניט זעהען דיזע ווילדע אויפרעגונג. זיי מיר ווידער אמאָל די אַלטע זיסע זינג־פייגעלע.

נאָרא. אָ, יאָ, דאָס וועל איך זיין. איצט אָבער גערט איהר אריין, איהר ביידע, אין שפּייזע־צימער. כריסטינע, דו העלף מיר צורעכט־מאַכען די האָאר.

ראַנק. (אין געהן) עס האָט דאָך ניט עפּעס פּאַסירט איך מיין... גאָרנישט... הא?

העלמער. אָה, ניין! גאָרנישט, גאָרנישט. דאָס איז נור איהר קינדערשע בעזאָרגטקייט, פון וועלכע איך האָב מיט דיר גערעדט. (זיי געהען ארויס, פון די רעכטע זייט.)

נאָרא. (צו פרוי לינדע) נו?

פר. לינדע. ער איז אוועקגעפאָהרען פון שטאָדט.

נאָרא. דאָס האָב איך געלעזען אין דיינע אויגען.

פר. לינדע. מאָרגען אָוועגד קומט ער צוריק. איך האָב פאַר איהם געלאָזען א בריעף.

נאָרא. דו האָסט דאָס ניט געדאַרפט טאָן. לאָז אַלץ געהן ווי עס געהט. און נאָך אַלעמען איז דאָ א וואונדערבאַרער צויבער אין דעם ווארטען אויפ'ן נס.

פר. לינדע. וואָס איז דאָס אייגענטליך אויף וואָס דו ווארטסט?

נאָרא. אָה, דו קענסט דאָס ניט פערשטעהן. געה אריין צו זיי אין שפּייזע־צימער. איך קום באַלד נאָך. (זי שטעהט א ווייַלע נאָכדענקענדיג, דאַן קוקט זי אויף די אוהר) פינף א זייגער! ביז האַלבע נאַכט — נאָך זיעבען שטונדען. ביז די נעכסטע מיט־טער־נאַכט — נאָך 24. דאַן איז די טאַראַנטעללאַ אָבגעטאַנצט. פיער און צוואַנציג און זיעבען? נאָך גאַנצע איין־און דרייסיג שעה צו לעבען!

העלמער. (ערשיינענדיג ביין טיר) וואו איז מיין זינג־פייגעלע?

נאָרא. (צולויפענדיג און איהם ארומנעהמענדיג) אָט, אָט איז זי.

(פּאָרהאַנג)

דריטער אַקט.

(דאָסזעלבע צימער. אין מיטען — דער טיש, מיט די שטולען אַרום, אַן אָנגעצונדענער לאָמפּ אויפ'ן טיש. די טיר וואָס פיהרט צום קאָררי־דאָר שטעהט אָפען. טאַנץ־מוזיק הערט זיך פון דעם אויבערשטען עטאַזש. פ ר ו י ל י נ ד ע מיט אַ בוך אין האַנד וויל לעזען און קען ניט. זי קוקט זיך אַלע ווײַלע אום צו דער אָפענער טיר צו, אויף עטוואָס וואַרטענדיג.)

פ ר. ל י נ ד ע. (קוקענדיג אויף איהר אוהר) ער איז נאָך ניטאָ און די צייט איז שוין באַלד אוים. ווען ער האָט נור ניט... (זי געהט אין קאָררידאָר אַריין, עפענט זעהר שטיל די טיר; טריט הער־רען זיך) קומט אריין, דאָ איז קיינער ניטאָ.

ק ר אָ ג ס ט א ד. (אויפ'ן שוועל) איך האָב געפונען אַ צע־טעלע פון אייך ביי מיר אין הויז. וואָס זאָל דאָס בעדייטען?

פ ר. ל י נ ד ע. איך מוז מיט אייך רעדען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. ווירקליך? און דאָ אין הויז?

פ ר. ל י נ ד ע. מיר קענען זיך ניט זעהן אין מיין וואוי־נונג. דאָרטען איז ניטאָ קיין בעזונדערער איינגאַנג. קומט נעהנטער אַהער. מיר זיינען דאָ גאַנץ אליין. די דיענסטלייט שלאָפען און די העלמערס זיינען אויבען אויפ'ן באַל.

ק ר אָ ג ס ט א ד. (אריינקומענדיג) אַה! די העלמערס טאַנצען אַלזאָ היינט אָוועגד! ווירקליך?

פ ר. ל י נ ד ע. אָ, יאָ! וואָרום ניט?

ק ר אָ ג ס ט א ד. גאַנץ גערוים. וואָרום טאַקע ניט?

פ ר. ל י נ ד ע. און איצט לאָמיר זיך אַ ביסעלע דורכרעדען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. וואָס האָבען מיר דעם איינער דעם אנדערן צו זאָגען?

פ ר. ל י נ ד ע. זעהר פיעל.

ק ר אָ ג ס ט א ד. איך וואָלט ניט גערעכענט...

פ ר. ל י נ ד ע. ווייל איהר האָט מיך קיינמאָל ריכטיג ניט פערשטאַנען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. וואָס איז דאָרטען געוועזען צו פערשטעהן? די איינפאַכסטע זאַך אין דער וועלט — א הערצלאָזע פרוי וואָרפט אוועק א ליעבהאָבער ווען עס מאַכט זיך איהר א בעסערע פּאַרטי.

פ ר. ל י נ דע. האַלט איהר מיך ווירקליך פאַר אזוי הערצלאָז? גלויבט איהר, אז די שיידונג איז מיר אָנגעקומען אזוי לייכט?

ק ר אָ ג ס ט א ד. וואָרום וואָס, ניין?

פ ר. ל י נ ד ע. איז עס מעגליך, אז איהר זאָלט אזוי טראַכטען?

ק ר אָ ג ס ט א ד. ווען ניט, טאָ וואָרום האָט איהר מיר דע־מאָלט געשריעבען אזא בריעף?

פ ר. ל י נ ד ע. איז עס ניט געוועזען בעסער אזוי? קוים בין איך געוועזען געצוואונגען צו שיידען זיך פון אייך, איז עס ניט געוועזען רעכט, אז איך זאָל פּרובירען מאַכען אן ענד פון אייער ליעבע צו מיר?

ק ר אָ ג ס ט א ד. אַלזאָ דאָס איז עס געוועזען? און דאָס אַלץ צוליעב געלד?

פ ר. ל י נ ד ע. איהר טאָרט ניט פערגעסען, אז איך האָב געהאַט א שוואַכע מוטער און צוויי קליינע ברידערלעך. ווי אייערע אויסזיכטען זיינען דאַן געשטאַנען, האָבען מיר אויף אייך ניט געקענט וואַרטען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. האָט דאָס אייך געגעבען א רעכט מיך אויסצובייטען אויף אַנאַנדערען?

פ ר. ל י נ ד ע. דאָס ווייס איך ניט. איך האָב אָפט גע־צווייפעלט וועגען די עהרליכקייט פון מיין האַנדלונגסווייזע.

ק ר אָ ג ס ט א ד. (אין א מילדערן טאָן) ווען איך האָב אייך געהאַט פערלאָרען, האָט די ערד אונטער מיינע פיס געשיינט צו זינקען. זעהט מיך יעצט אָן: איך בין א געשטראַנדעטער מאַן, וועלכער כאַפּט זיך אָן אָן א שטרוי.

פ ר. ל י נ ד ע. הילף קען זיין זעהר נאָהנט.

ק ר אָ נ ס ט א ד. עס איז געוועזען נאָהנט, זייט איהר געקומען און האָט מיר פערשטעלט דעם וועג.

פ ה. ל י נ ד ע. אונשולדיגער־הייט, נילס. איך האָב ביז נעכטען ניט געוואוסט, אז איך דארף פערנעהמען א פלאץ אין באַנק, וועלכער איז אייערער.

ק ר אָ נ ס ט א ד. גוט, איך גלויב אייך. אָבער איצט, אזוי ווי איהר ווייסט שוין, וועט איהר ארויסגעהן פון וועג אָדער ניט?

פ ר. ל י נ ד ע. ניין, ווייל דאָס וועט אייך ניט העלפען.

ק ר אָ נ ס ט א ד. העלפען, העלפען! ווען איך בין איהר, וואָלט איך דאָס געטאָן, צו עס וועט העלפען צו ניט.

פ ר. ל י נ ד ע. איך בין געקומען צום שכל. מיין פינסטערער לעבען און די ביטערע נויט האָבען מיך אויסגעלערנט.

ק ר אָ נ ס ט א ד. און ערפאהרונג האָט מיך ווידער געלערנט ניט גלויבען אין פיינע רייד.

פ ר. ל י נ ד ע. דאַן האָט אייך די ערפאהרונג געלערנט א זעהר פערנינפטיגע זאך. אָבער טהאָטען וועט איהר יא גלויבען?

ק ר אָ נ ס ט א ד. וואָס מיינט איהר?

פ ר. ל י נ ד ע. איהר האָט נאָר־וואָס געזאָגט, אז איהר זייט א געשטראנדעטער מענש, וועלכער כאפט זיך אָן אָן א שטרוי.

ק ר אָ נ ס ט א ד. איך האָב א גוטען גרונד פאר דאָס וואָס איך זאָג.

פ ר. ל י נ ד ע. הערט! איך בין א געשטראנדעטע פרוי. איך האָב קיינעם ניט פאר וועמען צו לעבען.

ק ר אָ נ ס ט א ד. איהר האָט געהאַט די וואהל און האָט ענטשלאָסען...

פ ר. ל י נ ד ע. איך האָב קיין שום ברירה ניט געהאַט.

ק ר אָ נ ס ט א ד. גוט, נו! וואָס ווילט איהר אויספיהרען!

פ ר. ל י נ ד ע. ווי וואָלט געווען ווען מיר ביידע געשטראנדעטע וואָלטען זיך געגעבען די הענד?

ק ר אָ נ ס ט א ד. וואָ—אָס?

פ ר. ל י נ ד ע. צוויי אויף א פּליט האָבען א גרעסערען שאַנס אויף רעטונג ווי ווען יעדער האַלט זיך אָן א בעזונדערן באַלקען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. כריסטינע!

פ ר. ל י נ ד ע. וואָס מיינסטו האָט מיך געבראַכט אהער אין שטאָדט אריין?

ק ר אָ ג ס ט א ד. האָסטו ווירקליך געטראַכט וועגען מיר?

פ ר. ל י נ ד ע. איך מוז האָבען אַן ארבייט, אניט קען איך ניט לעבען. אזוי ווייט ווי איך געדענק האָב איך געאַרבייט און דאָס איז געווען מיין איינציגע פרייד. איצט שטעה איך גאַנץ אליין אין דער וועלט אזוי שרעקליך צוועקלאָז און פערלאָזען. אין ארבייטען פאר זיך אליין איז ניטאָ קיין וואהרעס גליק. ניל, גיב מיר אַן ארבייט און איינעם פאר וועמען צו לעבען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. ניין, ניין — — דאָס קען ניט זיין. דאָס איז איינפאַך א פרוי׳ס ראָמאַנטישע אידעע פון זעלבסט־אויפאָפּפערונג.

פ ר. ל י נ ד ע. בין איך דיר ווען עס איז פאָרגעקומען ראָמאַנטיש?

ק ר אָ ג ס ט א ד. וואָלסטו ווירקליך?... זאָג מיר, ווייסטו מיין פערגאַנגענהיים?

פ ר. ל י נ ד ע. יאָ.

ק ר אָ ג ס ט א ד. און דו ווייסט וואָס מען רעדט פון מיר?

פ ר. ל י נ ד ע. האָסטו ניט נאַר־וואָס געזאָגט, אז מיט מיר וואָלסטו געווען אַנאַנדער מענש?

ק ר אָ ג ס ט א ד. דאָס איז זיכער.

פ ר. ל י נ ד ע. איז עס דען צו שפּעט?

ק ר אָ ג ס ט א ד. כריסטינע, ווייסטו וואָס דו טוסט? יאָ, דו ווייסט; איך לעז דאָס אויף דיין געזיכט. האָסטו דעם מוטה?...

פ ר. ל י נ ד ע. איך בעדאַרף אימעצען אום איהם אויפ־צופּאַסען און דיינע קינדער ברויכען א מוטער. דו בעדאַרפסט

מיך און איך — איך בעדארף דיך. נילס, איך גלויב אין די בע־סערע זייט פון דיין נאטור. צוזאמען מיט דיר האָב איך פאר קיין זאך קיין פורכט נים.

קראָנסטאד. (איהר אַנגעהמענדיג פאר'ן האַנד) א דאנק דיר, א דאנק דיר, כריסטינע! איך וועל אזוי לעבען, אז אַנדערע זאָלען מיר אָנזעהן מיט אזוינע אויגען ווי דיינע... אה, איך האָב אין גאנצען פערגעסען...

פר. לינדע. *שש...* די טאראנטעלא. איצט מוזטו געהן.

קראָנסטאד. ווארום? וואָס איז דאָס?

פר. לינדע. הערסטו ניט דעם טאַנצען אויבען? אַזוי גיך ווי דאָס איז צו ענד וועלען זיי ארונטערקומען אהער.

קראָנסטאד. אָה, יא, איך געה... אָבער איינס איז שוין צו שפּעט איצט צוריקצורופען. דו ווייסט געווים וואָס פאר א שריט איך האָב געמאכט געגען די העלמערס.

פר. לינדע. יא, נילס, איך וויים.

קראָנסטאד. און דאָך האָסטו קוראזש גענוג?...

פר. לינדע. איך וויים צו וואָס פערצווייפלונג קען א מענשען טרייבען.

קראָנסטאד. אָ, ווען איך וואָלט דאָס נור געקענט פער־מיידען!

פר. לינדע. דאָס קענסטו... דיין בריעף איז נאָך אין קאַסטען.

קראָנסטאד. ווירקליך?

פר. לינדע. יא, אָבער...

קראָנסטאד. (ווארפענדיג אויף איהר א שארפען בליק) אָה, איצט פערשטעה איך. דו ווילסט רעטען דיין פריינדין עס מעג קאָסטען וואָס עס וויל! רייד קלאָרע ווערטער... איז דאָס דיין אידעע?

פר. לינדע. נילס, א פרוי, וועלכע האָט זיך איינמאָל אויפגעאָפּפערט פאר אנדערע, טוט דאָס ניט קיין צווייטעס מאָל.

קראָנסטאד. דאן וועל איך צוריק פערלאנגען מיין בריעף.

פ ר. ל י נ ד ע. ניין, ניין!

ק ר אָ ג ס ט א ד. יא, געוויס! איך וועל ווארטען ביז העל־מער קומט ארונטער, וועל איהם זאָגען, אז ער מוז עס מיר צוריק־געבען, אז דאָס איז נור געוועזען וועגען מיין ענטלאסונג, אז איך וויל ניט ער זאָל איהם לעזען...

פ ר. ל י נ ד ע. ניין, נילס, דו טאָרסט דעם בריעף ניט צו־ריק־פערלאנגען.

ק ר אָ ג ס ט א ד. אָבער זאָג מיר, האָסטו מיך ניט צוליעב דעם אהער גערופען?

פ ר. ל י נ ד ע. יא, נעכטען. אין דעם ערשטען שרעק. אָבער דערווייל איז פערגאנגען א גאנצער טאָג און אין דעם טאָג צייט האָב איך געזעהן אונגלויבליכע זאַכען היער אין הויז. העלמער מוז אלעס וויסען; עס מוז געמאַכט ווערען א סוף צו דיעזען אונ־גליקליכען סעקרעט. זיי ביידע מוזען קומען צו א פערשטענדיגונג. זיי קענען ניט אייביג שפיעלען אין בעהעלטענעס.

ק ר אָ ג ס ט א ד. זעהר גוט, אויב דו ווילסט עס ריזיקירען. אָבער איין זאך קען א י ך י א טאָן און דאָס באלד...

פ ר. ל י נ ד ע. (האָרכענדיג) שנעל, שנעל, געה! דער טאַנץ איז צו ענדע. מיר זיינען ניט זיכער איין אויגענבליק מעהר.

ק ר אָ ג ס ט א ד. איך וועל אויף דיר ווארטען אין גאַס.

פ ר. ל י נ ד ע. גוט, גוט. און דו וועסט מיך בעגלייטען אהיים.

ק ר אָ ג ס ט א ד. איך האָב ניט געהאַט אזא גליקליכען טאָג אין מיין גאנצען לעבען! (ער געהט אַרויס. די טיר צווישען צימער און קאָרידאָר בלייבט אָפען.)

פ ר. ל י נ ד ע. (ברענגענדיג אין אָרדנונג די מעבעל און נעה־מענדיג איהר הוט און מאַנטעל) וואָס פאר א פערענדערונג! וואָס פאר א פערענדערונג! צו האָבען אימעצען פאר וועמען צו לעבען! א היים צו בעגליקען! איך וועל מוזען ארבייטען אין ערנסט. אָ, ווען זיי וואָלטען שוין קומען! (האָרכט) אה, זיי נעהען. איך מוז זיך אָנטאָן. (זי טוט זיך אָן. העלמער און נאָראַ׳ס שטימען הערען

זיך אין קאָררידאָר; אַ שליסעל דרעהט זיך אום אין שלאָס, און העלמער שלעפּט אריין נאָראַ'ן כמעט איבער געוואַלט. זי טראָגט איהר איטאַליע־נישען קאָסטיום מיט אַ שאַל איבער די שולטערן. ער איז אין אַ פראַק און טראָגט אַ שוואַרצען דאָמינאָ.)

נ אָ ר אַ. (זיך ווערענדיג) ניין, ניין, ניין! איך וועל נאָך ניט אריינגעהן! איך מוז צוריקגעהן צום באַל. איך וויל ניט אוועקגעהן אזוי פריה.

ה ע ל מ ע ר. אָבער, מיין זיסע מיידעלע!

נ אָ ר א. ליעבער, ליעבער טאָרוואַלד, זעה, נור נאָך איין איינציגע שטונדע!

ה ע ל מ ע ר. ניט איין מינוט מעהר, טייערע נאָראַ! דו געדיינקסט אונזער אָבמאַך. קום, קום אריין אין צימער. דו וועסט זיך דאָ פערקיהלען. (זי וועהרט זיך, אָבער ער פיהרט זי צערטליך אריין אין צימער.)

פ ר. ל י נ ד ע. גוטען אָוועגד אייך.

נ אָ ר אַ. כריסטינע!

ה ע ל מ ע ר. וואָס איז דאָס? איהר, פרוי לינדע? אזוי שפּעט היער?

פ ר. ל י נ ד ע. יאָ, ענטשולדיגט. איך האָב געוואָלט זעהן נאָרע'ן אין איהר באַל־קלייד.

נ אָ ר א. ביזטו היער געזעסען און וואַרטענדיג אויף מיר?

פ ר. ל י נ ד ע. יאָ; איך בין ליידער געקומען צו שפּעט. איהר זייט שוין געוועזען ארויפגעגאַנגען אויבען. האָב ניט גע־וואָלט אויסגעהן אָהנע דיך צו זעהן.

ה ע ל מ ע ר. (ארונטערנעהמענדיג נאָראַ'ס שאַל) זעהר גוט. דאַן בעטראַכט איהר. איך גלויב, זי איז ווערטה, אז מ'זאָל איהר בעזעהן... איז זי ניט ליעבליך, פרוי לינדע?

פ ר. ל י נ ד ע. יאָ, איך מוז זאָגען...

ה ע ל מ ע ר. איז זי ניט שארמאַנט? דאָס האָט יעדער גע־זאָגט. אָבער זי איז שרעקליך האַרטנעקיג, די טייבעלע. וואָס

טוט מען מיט איהר? רענקט נור! איך האָב איהר כמעט מיט געוואַלט אוועקגעריסען.

ג אָ ר אַ. אָ, טאָרוואַלד! דיר וועט נאָך א מאָל פערדריי־סען ווארום דו האָסט מיר ניט געלאָזט בלייבען; ווענינגסטענס נאָך א האלבע שטונדע.

ה ע ל מ ע ר. נו, אָט האָט איהר דאָס. איהר הערט, פרוי לינדע? זי ווערט ווילד אפפלאָדירט פאר'ן טאַנצען די טאראַנ־טעלאַ און איך מוז זאָגען, זי פערדיענט די אפפלאָדיסמענטען — אָבגלייך זי האָט פיעלייכט אריינגעלעגט צופיעל נאטור אין דער אויספיהרונג פון די אידעע, מעהר וויפיעל די קונסט האָט פיעלייכט פערלאַנגט. — אָבער יעדענפאַלס האָט זי געהאַט א גרויסען ער־פאָלג, און דאָס איז די הויפט־זאַך. קען איך איהר דען לאָזען אין זאַאַל, אז זי זאָל אליין אָבשוואַכען דעם עפעקט? אויף קיין פאל ניט! איך האָב גענומען מיין זיסע קאַפּרי־מיידעלע, מיין קאַפּריזנע קליינע קאַפּריאַנערקע — האָב איך כמעט געזאָגט — אונטערן אָרעם; איין האַסטיגער קעהר ארום, א קניקס פאַר אַלעמען אין זאַאַל און — ווי זאָגען זיי אין די ראָמאַנען? די ליעבליכע ערשיינונג איז פערשוואונדען! אן אויסגאַנג מוז אי־מער זיין עפפעקטפאָל, פרוי לינדע; אָבער נאָרא וויל דאָס ניט איינזעהן. ביי גאָט! דאָ איז וואַרם! (ער וואַרפט אראָפּ זיין מאַסקע און עפענט די טיר פון זיין צימער) וואָס? גאָר קיין ליכט ניטאָ היער? אָ, נאַטירליך, ענטשולדיגט! (ער געהט אריין צו זיך און צינדט אָן א ליכט.)

נ אָ ר אַ. (ריידענדיג מיט אַ פערשטיקטען אָטהעם) נו?

פ ר. ל י נ ד ע. איך האָב מיט איהם גערעדט.

נ אָ ר אַ. און?

פ ר. ל י נ ד ע. נאָרא, דו מוזט דיין מאַן אלעס אויסזאָגען.

נ אָ ר אַ. (כמעט שפּראַכלאָז) דאָס האָב איך געוואוסט.

פ ר. ל י נ ד ע. פאר קראָגסטאַדען האָסטו ניט וואָס מורא צו האָבען. אָבער דו מוזט אלעס קלאָר ארויסרעדען.

נ אָ ר אַ. דאָס וועל איך ניט טאָן.

פ ר. ל י נ ד ע. דאַן וועט דער בריעף רעדען.

נ אָ ר אַ. דאַנק דיר, כריסטינע. איצט ווייס איך וואָס איך האָב צו טאָן. ששש...

ה ע ל מ ע ר. (צוריקקומענדיג) נו, פרוי לינדע, האָט איהר זיך בעוואונדערט?

פ ר. ל י נ ד ע. יאָ, און איצט ווינש איך אייך אַ גוטע נאַכט.

ה ע ל מ ע ר. וואָס, שוין? געהערט דיעזע שטריקעריי צו אייך?

פ ר. ל י נ ד ע. אַ, יאַ! איך דאַנק אייך. האָב'ס ביינאַהע פערגעסען.

ה ע ל מ ע ר. איהר שטריקט אַלזאָ?

פ ר. ל י נ ד ע. יאַ.

ה ע ל מ ע ר. ווייסט איהר, איהר האָט געדאַרפט אויס־נעהען אויף קאַנוואַ.

פ ר. ל י נ ד אַ. ווירקליך? וואָרום?

ה ע ל מ ע ר. ווייל עס איז פיעל שענער. בליקט אַהער! איהר האַלט די אויסגענעהטע זאַך אין דער לינקער האַנד, אַט אַזוי, און אַרבעט מיט דער נאָדעל אין דער רעכטער האַנד אין אַ לאַנגען לייכטען שוואונג, ניין?

פ ר. ל י נ ד ע. יאַ, גלויב איך.

ה ע ל מ ע ר. אָבער שטריקען איז אימער העסליך. זעהט נור צו: אייערע הענט זיינען ענג ביי די זייטען; די נאָדלען געהען ארויף און אראָפ, עס האָט עפעס אַ כינעזישען אָנבליק... זיי האָבען אונז ווירקליך געגעבען אַ פיינעם שאַמפּאַניער היינט אָוועגד.

פ ר. ל י נ ד ע. נו, גוטע נאַכט, נאָראַ! און זיי מעהר ניט האַרטנעקיג.

ה ע ל מ ע ר. אַ קלוגעס וואָרט, פרוי לינדע.

פ ר. ל י נ ד ע. גוטע נאַכט, הערר העלמער!

ה ע ל מ ע ר. (זי בעגלייטענדיג ביז'ן טיר) גוטע נאַכט, גוטע נאַכט! איך האָף, איהר וועט קומען זיכער אַהיים. איך וואָלט

איין גערן... אָבער, ווירקליך, איהר האָט ניט ווייט צו געהן. גוטע נאַכט, גוטע נאַכט! (ער פערמאַכט די טיר) ענדליך זיינען מיר פון איהר לויז. זי איז שרעקליך לאַנגווייליג.

נ אָ ר אַ. ביזטו ניט מיעד, טאָרוואַלד?

ה ע ל מ ע ר. ניט אים מינדעסטען. איך פיהל מיך זעהר פריש. אָבער דו? דו זעהסט אויס פערמאַטערט און שלעפעריג.

נ אָ ר אַ. יאַ, זעהר מיד. איך וועל באַלד שלאָפען.

ה ע ל מ ע ר. נו, זעהסטו? בין איך דאָך גערעכט געווען דיך ניט צו לאָזען דאָרטען בלייבען לענגער.

נ אָ ר אַ. אָ, אַלץ וואָס דו טוסט איז גערעכט.

ה ע ל מ ע ר. (קוסט איהר אויפ'ן שטערן) איצט רעדט מיין פייגעלע ווי אַ פערנינפטיגער מענש. האָסטו בעמערקט ווי פרעה־ליך ראַנק איז היינט אָווענד געווען?

נ אָ ר אַ. ווירקליך? איך האָב ניט געהאַט קיין געלעגענ־הייט מיט איהם צו רעדען.

ה ע ל מ ע ר. איך אויך ניט איבריגנס; אָבער אין אַזאַ גוטע שטימונג האָב איך איהם שוין לאַנג, לאַנג ניט געזעהן. (זעהט נאָראַ'ן אָן און קומט נעהנטער צו) עס איז דאָך שעהן צוריק צו זיין אין דער־היים, צו זיין גאָר אין גאַנצען אליין מיט דיר. אָ, דו שאַרמאַנטע ווייבעלע!

נ אָ ר אַ. זעה מיך אַזוי ניט אָן, טאָרוואַלד.

ה ע ל מ ע ר. וואָס? ניט אָנזעהן מיין טייערסטען שאַץ? די ליעבליכקייט, וועלכע איז מיינע, נור מיינע, איינציג און אליין מיינע..

נ אָ ר אַ. (אַוועקגעהענדיג צו די אַנדערע זייט פון טיש) היינט אָווענד טאָרסט דו מיר אַזעלכע זאַכען ניט זאָגען.

ה ע ל מ ע ר. (געהט איהר נאָך) איך פערשטעה! דו האָסט נאָך די טאַראַנטעלאַ אין דיינע אָדערן... אָבער דאָס מאַכט דיך נאָך רייצענדער. הערך! די געסט געהען איצט אַוועג. (מילדער) נאָראַ, באַלד וועט די גאַנצע הויז זיין שטיל.

נ אָ ר אַ. 'ך האָף אַזוי.

ה ע ל מ ע ר. ווייסטו, מיין שאץ? ווען מיר זיינען צווי־שען פרעמדע — ווייסטו ווארום איך רעד מיט דיר אזוי ווייניג? ווארום איך האַלט זיך אָן א זייט? ווארום איך גיב נור אויף דיר ווען־ניט־ווען א פער'גנב'עטען בליק, — ווייסטו ווארום איך טו דאָס? ווייל איך בילד זיך איין, אז מיר ליעבען איינס דאָס אנ־דער'ע אין געהיים, אז איך בין סעקרעטנע פערלאָבט מיט דיר און אז קיינער קלערט ניט וואָס צווישען אונז געהט פאָר.

נ אָ ר א. יא, יא, יא! איך ווייס אלע דיינע געדאנקען זיי־נען מיט מיר.

ה ע ל מ ע ר. און דאָן, ווען מיר דארפען אוועקגעהן, און איך וויעל די שאַל ארום דיינע גלאַטע, צערטליכע שולטערן, ארום דיעזען העררליכען האַלז, שטעל איך מיר פאָר, אז דו ביסט מיין כלה, אז אונזער האָכצייט איז נאָר־וואָס אָבגעשפיעלט, אז איך נעהם דיך צום ערסטען מאָל אהיים, אז איך בין דאָס ערסטע מאָל אליין מיט דיר, גאַנץ אליין מיט דיר — מיט דיר אין דיין פורכט־זאמע ליעבליכקייט. — דעם גאַנצען אָווענד היינט האָב איך מיך גע־באַנגט נאָך דיר, דיר אליין. ווען איך האָב דיך בעטראַכט שוועבענדיג און זיך ראַיש בעוועגענדיג אין דער טאַראַנטעלאַ — מיין בלוט האָט געקאָכט — איך האָב עס ניט געקענט לענגער אויס־האַלטען; דאָס איז דער גרונד ווארום איך האָב דיך געצוואונגען אוועקצוגעהן.

נ אָ ר א. געה איצט, טאָרוואלד! געה אוועק פון מיר! איך קען דאָס אלעס היינט ניט אריבערטראָגען.

ה ע ל מ ע ר. וואָס מיינסטו? אָה, איך פערשטעה. דו ווילסט זיך מיט מיר רייצען! „וויל ניט, וויל ניט!" בין איך דען ניט דיין מאַן?

(א קלאַפּ אין טיר.)

נ אָ ר א. (שפרינגט אויף) האָסטו געהערט?

ה ע ל מ ע ר. (צוגעהענדיג צום קאָרידאָר) ווער איז דאָרטען?

ראנק. (פון דרויסען) דאָס בין איך. מעג איך אריינ־קומען אויף א מינוט?

העלמער. (פערדריסליך) וואָס קען ער דאָ בעדארפען? (אין דער תויך) ווארט א ווײילינקע! (עפענט) קום אריין. עס איז שעהן פון דיר זיך צו ווייזען ביי אונז.

ראנק. מיר האָט זיך געדאכט איך הער דיין שטימע; דאָס האָט מיר נעגעבען די פאנטאזיע אריינצוקומען. (קוקט זיך ארום) אָ, דאָס ליעבע, אלטע הייזעלע! ווי געמיטהליך איהר ביידע זייט דאָ!

העלמער. דו האָסט פון דעסטוועגען געפונען גענוג גע־מיטהליכקייט אויבען אויך.

ראנק. זעהר פיעל. ווארום ניט? ווארום ניט ארויס־קריעגען פון דעם לעבען אלץ וואָס מען קען? אלץ וואָס מען קען אזוי לאנג ווי מען קען. דער וויין איז געוועזען גרויסארטיג...

העלמער. איבערהויפט דער שאמפאניער.

ראנק. האָסטו דאָס בעמערקט? עס איז גאָר ניט צו גלויבען וויפיעל איך האָב געטרונקען...

נארא. העלמער האָט אויך גענוג שאמפאניער געטרונקען.

ראנק. האָט ער, ווירקליך?

נארא. יא, און דאָס מאכט איהם אימער אזוי גוט גע־שטימט.

ראנק. נו, און ווארום זאָל מען ניט האָבען א פרעהליכען אָווענד נאָך א גוט־פערבראכטען טאָג?

העלמער. גוט פערבראכט? נו, איך האָב ניט מיט וואָס צו שטאָלצירן.

ראנק. (איהם צערטליך קלאפענדיג אויפ׳ן שולטער) אָבער איך האָב יא, פערשטעהסטו.

נארא. איהר זייט וואהרשיינליך געוועזן בעשעפטיגט מיט א וויסענשאפטליכע אונטערזוכונג, ניין דאָקטאָר ראנק?

ראנק. געטראָפען.

הע ל מ ע ר. מיין גאט! גארעלע רעדט וועגען ווי־סענשאפטליכע אונטערזוכונגען!

נ א ר א. מעג איך אייך גראטולירען מיט'ן רעזולטאט?

ר א נ ק. א, יא!

נ א ר א. איז דאס רעזולטאט גוט?

ר א נ ק. דאס בעסטע אין דער וועלט אי פאר'ן ארצט, אי פאר'ן פאציענט: געוויסהייט.

נ א ר א. (שנעלל און פארשענדיג) געוויסהייט, זאגט איהר?

ר א נ ק. פאלקאמענע געוויסהייט. בין איך ניט גערעכט געווען, ווען איך האב נאכהער געהוליעט?

נ א ר א. יא, גאנץ גערעכט, דאקטאר ראנק.

ה ע ל מ ע ר. דאס זאג איך אייך אויך, אזוי לאנגזאם ווי דאס קאסט ניט צו טייער דעם קומענדיגען טאג.

ר א נ ק. נו, — אין דיעזעם לעבען קריעגט מען קיין זאך ניט אומזיסט.

נ א ר א. דאקטאר ראנק! האט איהר ניט ליעב מאסקא־ראדען?

ר א נ ק. יא, ווען עס זיינען דא פיעל לוסטיגע מאסקעס.

נ א ר א. זאגט מיר, וואס זאלען מירביידע זיין אויף דעם נעקסטען מאסקען־באל?

ה ע ל מ ע ר. אה, דו, קליינע אונערזעטליכע! טראכסט שוין וועגען דעם נעקסטען באל?

ר א נ ק. מיר ביידע? איך וועל אייך זאגען. איהר מוזט געהן אלס גוטער ענגעל.

ה ע ל מ ע ר. וואס פאר א קאסטיום אבער, וואלט זי דאר־פען אום אזוי אויסצוזעהען?

ר א נ ק. זי דארף נור טראגען איהר וואכעדיגע קלייד.

ה ע ל מ ע ר. ברילליאנט! אבער ווייסטו שוין וואס דו אליין וועסט זיין?

ר א נ ק. יא, מיין פריינד, דאס איז קלאר בערעבענט ביי מיר.

העלמער. נו?

ראנק. צום נעקסטען מאסקאראד וועל איך זיין „דער אונזיכטבארער".

העלמער. וואס פאר א קאמישע אידעע!

ראנק. עס איז דא א גרויסער שווארצער הוט — האסט דאך געהערט פון דעם אונזיכטבארען הוט. ער בעדעקט א מענשען פון אויבען אראב און קיינער קען איהם מעהר ניט זעהן.

העלמער. (אונטערדריקענדיג א שמייכעל) אין דעם ביסטו גערעכט.

ראנק. אבער איך האב דערווייל פערגעסען נאך וואס איך בין צו דיר געקומען. העלמער, גיב מיר א ציגאר, איינעם פון דיינע דונקעלע האוואנאס.

העלמער. מיט דעם גרעסטען פערגניגען. (גיט איהם דעם ציגארענטאשען.)

ראנק. (אבשניידענדיג דעם שפיץ) דאנקע.

נארא. (אנרייבענדיג א וועקסענע שוועבעלע) אט איז א ליכט!

ראנק. דאנק, א טויזענד מאל. (ער צינדט אן פון איהר האנד.) און איצט גוט נאכט!

העלמער. א גוטע נאכט דיר, מיין ליעבער יונגע!

נארא. שלאפט זאנפט, דאקטאר ראנק!

ראנק. דאנק אייך פאר'ן וואונש.

נארא. ווינשט מיר דאסזעלבע.

ראנק. איך? זעהר גוט, ווי איהר ווילט! שלאפט געזונד; און דאנק אייך פאר דאס ליכט! (ער פערבייגט זיך און געהט).

העלמער. ער האט פיעל געטרונקען.

נארא. (פערטראכט) וואהרשיינליך.

(העלמער נעהמט די שליסלען און געהט צום בריעף־קאסטען).

נארא. טארוואלד, וואס טוסטו דארטען?

העלמער. איך מוז אויסליידיגען דעם בריעף־קאסטען;

ער איז פול געפּאקט. עס וועט דאַרין ניט זיין קיין פּלאַץ פאַר די צייטונגען מאָרגען פריה.

נ אָ ר א. מיינסטו נאָך היינט ביי נאַכט צו אַרבייטען?

ה ע ל מ ע ר. אָה, ניין! האַלט, וואָס איז דאָס? אימיצער האָט דאָ געריפּעט דעם שלאָס.

נ אָ ר א. דעם שלאָס?

ה ע ל מ ע ר. דאָס איז זיכער. וואָס זאָל דאָס בעדייטען? איך קען מיר ניט פאָרשטעלען, אז פון די דיענסטלייד ווער...? היער איז א צובראָכענע האָאר־נאָדעל. נאָרא, דאָס איז איינע פון דיינע.

נ אָ ר א. (האסטיג) וואהרשיינליך די קינדער...

ה ע ל מ ע ר. דאַן מוזטו זיי פון אזעלכע שפּעסער אָבגעוואוינען. הם... הם... נא, ענדליך איז עס אָפען. (ער נעהמט אַרויס דעם גאַנצען פּאַק און רופט צו דער קיך צו) העלענע! העלענע, לעש אויס דעם לאָמפּ אין קאָררידאָר! (ער קומט צוריק, פערמאַכט די ציממער־טיר) גיב נור א בליק! וויפיעל דאָ האָט זיך אָנגעזאַמעלט. — וואָס איז דאָס?

נ אָ ר א. (ביים פענסטער) דער בריעף! אָ, ניין, ניין, טאָרוואלד.

ה ע ל מ ע ר. צוויי וויזיט־קארטען — פון ראנק.

נ אָ ר א. פון ראנק?

ה ע ל מ ע ר. (זיי בעטראַכטענדיג) „דאָקטאָר ראנק“. זיי זיינען געווען גאַנץ פון אויבען. ער האָט זיי געוויס נאָר־וואָס אריינגעוואָרפען.

נ אָ ר א. עטוואָס דאָ אויף זיי?

ה ע ל מ ע ר. א שווארצער שטריך איבער'ן נאָמען. זעה נור וואָס פאַר א שוידערהאפטער איינפאַל. עס זעהט אויס אזוי ווי ער וואָלט וועלען אָנצייגען זיין אייגענעם טויט.

נ אָ ר א. יאָ, דאָס בעדייט עס.

ה ע ל מ ע ר. ווי? דו ווייסט עטוואָס דערפון? האָט ער דיר געזאָגט?

נ אָ ר א. יא, דיזע קאַרטען בעטייטען, אַז ער האָט פון אונז גענומען דעם לעצטען אָבשיעד. ער מיינט זיך צו פערשליעסען און... שטאַרבען.

ה ע ל מ ע ר. אָרעמער קערל! איך האָב, נאַטירליך, געוואוסט, אַז מי־ וועלען איהם לאַנג ניט האָבען ביי זיך. אָבער אַזוי שנעל... און דאַן צו געהן און פערקריכען אין זיין הויל ווי אַ פערוואונדעטע חיה...

נ אָ ר א. דאָס וואָס מוז זיין, מוז זיין און וואָס וועניגער געדעט, אַלץ בעסער. איז דאָס ניט דיין מיינונג אויך, טאָרוואַלד?

ה ע ל מ ע ר. (שפּרייזענדיג איבער'ן צימער) ער איז געווען אַזוי איינגעוואַקסען אין אונזער לעבען, אַז איך קען מיר ניט פאָרשטעלען, אַז ער איז מעהר ניטאָ. ער, מיט זיינע ליידען, מיט זיין איינזאַמקייט, האָט פאָרגעשטעלט אַן ארט הינטערגרונד פון שאָטטען צו דעם זונענשיין פון אונזער גליק. איבריגענס, פיעלייכט איז עס צום בעסטען אַזוי, — איבערהויפּט פאַר איהם. (בלייבט שטעהן) פיעלייכט פאַר אונז אויך, נאָרא. איצט זיינען מירביידע אין גאַנצען אָבהענגיג איינער פון דעם אַנדערען. (ער נעהמט איהר אַרום) מיין ליעבסטע, הערצליכסטע ווייבעלע! איך פיהל אַזוי, ווי איך וואָלט דיך קיינמאָל ניט קענען האַלטען פעסט גענוג. ווייסטו, נאָרא, אָפטמאָלס ווינש איך, אַז דו זאָלסט זיין אין אַ געפאַהר אום אַז איך זאָל קענען פאַר דיך ריזיקירען לייב און לעבען.

נ אָ ר א. (רייסט זיך אַרויס פון זיין אומאַרמונג און זאָגט פעסט ענטשלאָסען.) איצט מעגסטו לעזען דיינע בריעף, טאָרוואַלד!

ה ע ל מ ע ר. ניין,ניין! ניט היינט־ביי־נאַכט. איך וויל זיין מיט דיר, זיסע ווייבעלע.

נ אָ ר א. וואָס? מיט אַ פריינד, וואָס שטאַרבט, אין די געדאַנקען?

ה ע ל מ ע ר. דו ביסט גערעכט. דאָס האָט אונז ביידען אַ שרעקליכען טרייסעל געטאָן. אונליעבע איז געקומען צווישען אונז, — געדאַנקען וועגען טויט און פערניכטונג. מיר מוזען זוכען זיי אָבצושאָקלען. ביז דאַן בלייבען מיר אָבגעזונדערט.

נ אָ ר א. (איהרע אָ־עמס ארום זיין האַלז) טאָרוואַלד, אַ גוטע, גוטע נאַכט דיר!

ה ע ל מ ע ר. (מיט אַ קוש) גוט נאַכט, מיין פייגעלע. שלאָף געזונד, נאָרא! איצט געה איך לעזען מיינע בריעף. (ער געהט אריין צו זיך אין צימער און פערמאַכט די טיר).

נ אָ ר אַ. (מיט אַ ווילדען בליק, טאַפּט זי ארום זיך, נעהמט העלמער'ס דאָמינאָ, וואַרפט עס ארויף אויף זיך, און רעדט שנעל, הייזעריג מיט געבראָכענע ווערטער:) איהם קיינמאָל מעהר ניט צו זעהן! קיינמאָל, קיינמאָל, קיינמאָל ניט צו זעהן! (זי פערדעקט זיך דעם קאָפּ מיט'ן שאַל) קיינמאָל מעהר ניט צו זעהן די קינדער! קיינמאָל ניט? אָ, די שווארצע, אייז־קאַלטע וואַסער! דער אָבגרונד... ווען דאָס וואָלט נור געווען אָבגעטאָן... איצט האָט ער דעם בריעף... ער לעזט איהם... אָ, ניין, ניין, נאָך ניט! טאָרוואַלד, זיי געזונד!... זייט געזונד, קינדערלעך... (זי לויפט ארויס אין קאָרידאָר. אין דעם זעלבען אויגענבליק רייסט העלמער אויף די טיר און בלייבט שטעהן מיט'ן בריעף אין דער האַנד).

ה ע ל מ ע ר. נאָרא!

נ אָ ר אַ. (מיט אַ געשריי) אָה!

ה ע ל מ ע ר. וואָס איז דאָס? ווייסטו וואָס אין דעם בריעף שטעהט?

נ אָ ר א. יאָ, איך וויים. לאָז מיך געהן. לאָז מיר דורך.

ה ע ל מ ע ר. (איהר צוריקהאַלטענדיג) וואוהין געהסטו?

נ אָ ר אַ. (זיך רייסענדיג) דו טאָרסט מיך ניט רעטען, טאָרוואַלד!

ה ע ל מ ע ר. (צוריקפאַלענדיג) וואהר? איז עס וואהר וואָס ער שרייבט? ניין, עס קען ניט זיין וואהר!

נ אָ ר אַ. עס איז וואהר. איך האָב דיך געליעבט איבער אַלעס אין דער וועלט.

ה ע ל מ ע ר. ע... פערדרייד מיר ניט די ציינער!

נ אָ ר אַ. (אַ טריט נעהנטער) טאָרוואַלד!...

ה ע ל מ ע ר. אונגליקליכע פרוי! וואָס האָסטו געטאָן?

נ אָ ר אַ. לאָז מיך גײן. דו טאָרסט מיך ניט רעטען! דו טאָרסט די שולד אויף זיך ניט נעהמען, הערסטו?

ה ע ל מ ע ר. איך דאַרף ניט דיינע טהעאַטראַלישע מיענען! (שליסט צו די טיר) היער זאָלסטו בלייבען און אָבגעבען רעכענשאַפט! פערשטעהסטו וואָס דו האָסט געטאָן? ענטפער! פערשטעהסט דו? הא?

נ אָ ר אַ. (איהם שטאַר אָנבליקענדיג און מיט א פעסטערע שטימע) יאָ, איצט... איצט הויב איך אָן אין גאַנצען צו פערשטעהן.

ה ע ל מ ע ר. (שפּאַצירענדיג איבער'ן צימער) אָ, וואָס פאַר א שרעקליכע ענטויישונג! גאַנצע אַכט יאָהר איז זי געווען מיין שטאָלץ, מיין פרייד — די גאַנצע צייט א פערשטעלטע, א ליגנערקע... ערגער, פיעל ערגער, א פערברעכערין. אָ, די העסליכקייט דערפון, אוה!

(נאָראַ בלייבט שטיל און בליקט איהם אָן אימער שאַרפער.)

ה ע ל מ ע ר. איך האָב געדאַרפט פאָראויס וויסען, אַז עטוואָס אַזוינס קען קומען. דיין פאָטער'ס גאַנצע אונעהרליכקייט איז צו דיר איבערגעגאַנגען בירושה: קיין מאָראַל, קיין רעליגיאָן, קיין פפליכט־געפיהל! ווי איך ווער איצט בעשטראָפט פאַר'ן אָנגעהמען זיך פאַר איהם. איך האָב דאָס געטאָן פון דיינטוועגען און אַזוי בעלוינסטו מיך.

נ אָ ר אַ. יאָ, אַזוי.

ה ע ל מ ע ר. דו האָסט פערניכטעט מיין גאַנצען גליק. דו האָסט רואינירט מיין גאַנצע צוקונפט. אָ, עס איז שרעקליך אַרום דעם צו דענקען. איך בין אין א לומפּ'ס האַנד; ער קען מיט מיר טאָן אַלץ וואָס ער וויל, פערלאַנגען, פאָדערן וואָס זיין האַרץ געלוסט און איך מוז נאָכגעבען! און דאָס אַלעס קומט אויף מיר דורך א געוויסענלאָזע פרוי.

נ אָ ר אַ. ווען איך וועל מעהר ניט זיין אין וועג, וועסטו זיין פריי.

ה ע ל מ ע ר. קיינע פיינע פראַזען, איך בעט דיך! דיין פאַ

מער האָט זיי אויך אימער געהאַט אויפ'ן צונג. וואָס פאַר א נוצען קען מיר ברענגען דיין „ניט מעהר זיין אין וועג" ווי דו רופסט דאָס? קיין ברעקעל נוצען ניט. ער קען אימער בעקאַנט מאַכען די געשיכטע. מען וועט זאָגאַר מיך פערדעכטיגען, אז איך האָב אין דעם געהאַט א האַנד. מענשען וועלען דענקען, אז דאָס איז גע־ווען מיין קאָפּ, אז איך האָב דיך אַנגערעדט. און דאָס אַלעס האָב איך דיר צו פערדאַנקען, — דיר, וועלכע איך האָב געבאַלעוועט די גאַנצע צייט זינט מיר זיינען פערהייראַטהעט. פערשטעהסטו איצט, וועניגסטענס, וואָס דו האָסט געטאָן?

נ אָ ר א. (קאַלטבלוטיג און רוהיג). יאָ.

ה ע ל מ ע ר. אונמעגליך! איך קען מיר דאָס ניט פאָר־שטעלען! אָבער מיר מוזען קומען צו א טאָלק. נעהם אראָב דעם שאַל, נעהם עס אראָב, זאָג איך דיר!... איך מוז זעהן איהם ווי עס איז צו פערשטאָפּען די מויל... א געהיימניס מוז דאָס בלייבען, וואָס דאָס זאָל ניט קאָסטען. וואָס אונז אַנבעטרעפט, מיר מוזען לעבען צוזאַמען ווי פריהער, אָבער נור פאַר דער וועלט... דו וועסט נאַטירליך בלייבען דאָ וואוינען, אָבער די קינדער וועסטו ניט ערציהען. איך וואַג ניט דיר זיי אָנצוטרויען. — אָ, דאָס צו מוז־זען זאָגען א פרוי, וועלכע איך האָב אזוי צערטליך געליעבט, ליעב פיעלייכט איצט נאָך... אָבער דאָס מוז איצט פערגעסען ווערען. פון היינט אָן און ווייטער קען מעהר קיין רייד ניט זיין פון וואָהרע גליק; רעטען, קען מען, העכסטענס, פיעלייכט נאָך די רואינען, די ברעקלעך, דעם אויסזעהן דערפון. מען קלינגט. (ער שפּרינגט אויף) וואָס איז דאָס? אזוי שפּעט? קען דאָס זיין דאָס שלימסטע? קען ער...? בעהאַלט זיך נאָרא; זאָג דו ביסט קראַנק.

(נאָרא ריהרט זיך ניט פון אָרט; העלמער געהט און עפענט די טיר).

ה ע ל ע נ ע. (האַלב אויסגעטאָן, אין קאָרידאָר) א בריעף פאַר איך מאַדאַם!

ה ע ל מ ע ר. גיב עס אהער. (כאַפּט דעם בריעף צו און פער־מאַכט די טיר.) יאָ, דאָס איז פון איהם. דו וועסט דעם בריעף ניט האָבען, איך לעז איהם אַליין!

נ אָ ר אַ. לעז, לעז.

ה ע ל מ ע ר. (ביין לאָמפּ) מיר פעהלט כמעט דער מוטרערצו. עס קען זיין, אז מיר זיינען ביידע פערלאָרען, אי דו, אי איך. אח, איך מוז וויסען! (רייסט אויף האַסטיג דעם קאָנווערט, לעזט אַ פּאָאָר שורות, בעטראַכט אַ וועקסעל אינגוועניג און שרייט אויס מיט פריידע) נאָרא! (זי וואַרפט אויף איהם אַ פאָרשענדען בליק און שווייגט.) אָ, איך מוז דאָס פון דאָס נייע לעזען. יא, יא, עס איז ריכטיג. איך בין גערעטעט. נאָרא, איך בין גערעטעט.

נ אָ ר אַ. און איך?

ה ע ל מ ע ר. נאַטירליך, דו אויך, מיר ביידע זיינען גערעטעט, ביידע! בליק נור אהער! ער שיקט דיר אָפּ דיין וועקסעל. ער שרייבט אז עס טהוט איהם לייד, ער ענטשולדיגט זיך. אַ גליקליכע ענדערונג אין זיין לעבען, זאָגט ער, האָט... אָבער וואָס שרייבט עס אויס וו אָ ס ער זאָגט? מיר זיינען גערעטעט, נאָרא. קיינער קען דיר קיין בייז מעהר ניט טאָן. אָה, נאָרא, נאָרא... אָבער צוערסט מוז פון די אויגען אוועק דאָס פערהאַסטע פּאַפּיערעל. לאָמיך נור זעהן... ניין, איך וועל בעסער ניט אָנזעהן; עס זאָל בלייבען ניט מעהר ווי אַ בייזער טרוים פאַר מיר... (ער צורייסט דעם וועקסעל מיט ביידע בריעף; וואַרפט זיי אַריין אין פייער און קוקט צו זיי ברענען) פאַרטיג, אַוועק! אָה, נאָרא, וואָס פאַר דריי טעג האָסט געמוזט איבערלעבען!

נ אָ ר אַ. שווער האָב איך געקעמפּפט די לעצטע דריי טעג.

ה ע ל מ ע ר. און אין דיין פערצווייפלונג האָסטו ניט געזעהן קיין אַנדער וועג ווי... אָבער מיר וועלען מיט פרייד וויעדערהוילען: עס איז אַריבער, אַלעס אַריבער! הערסטו ניט, נאָרא? דו קענסט דאָס, ווי עס שיינט, ניט בעגרייפען. יא, עס איז אַלעס אַוועק! וואָס האָט צו בעטייטען דער בליק אויף דיין געזיכט? דו זעהסט אויס ווי פערשטיינערט! אָה, מיין אָרעמע נאָרעלע! דו קענסט ניט גלויבען, אַז איך האָב דיר פערגעבען. איך וויים דו האָסט דאָס געטאָן אויס ליעבע צו מיר.

נ אָ ר אַ. דאָס איז וואהר.

ה ע ל מ ע ר. דו האָסט מיך געליעבט ווי א פרוי דארף ליע־
בען איהר מאַן. דו האָסט זיך נור געאירדט אין די מיטלען צום
צוועק. אָבער מיינסטו, איך ליעב דיך וועניגער, ווייל דו האָסט
ניט געוואוסט ווי זיך צו העלפען? אָה, ניין! שפּאר זיך נור אָן
אָן מיר. איך וועל דיר ראטהען און פיהרען. איך וואָלט ניט זיין
קיין וואהרער מאַן ווען דיינע הילפלאָזיגקייט אליין זאָל דיך ניט
מאכען דאָפּפּעלט טייער אין מיינע אויגען. טראכט ניט וועגען די
הארטע ווערטער, וועלכע איך האָב געזאָגט אין די ערסטע מינוטען
פון מיין שרעק, ווען מיר האָט זיך אָבגעדוכט, אז די וועלט פאלט
איין איבער מיין קאָפּ. איך האָב דיר פערגעבען, נאָרא, איך שווער
עס דיר.

נ אָ ר א. א דאנק דיר פאר דיין פערצייהונג. (זי געהט
ארויס רעכטס).

ה ע ל מ ע ר. ניין, בלייב! (בליקט אריין.) וואָס געהסטו
טאָן?

נ אָ ר א. (פון אינערן) נור אויסטאָן מיין לאַלקע־קלייד.

ה ע ל מ ע ר. גוט, טהו זיך אוים. בערוהיג זיך, מיין דער־
שראָקענע זינגפויגעלע. זיי גאנץ רוהיג. (שפּאצירענדיג אַרום טיר.)
אָ, ווי ליעבליך, ווי ניעדליך אונזער היים איז, נאָרא! היער ביזטו
זיכער; היער קען איך דיך בעשיצען ווי א פערפאָלגטע טויב וואָס
איך האָב געראַטעט פון דעם יאסטרעב׳ס גריף. איך וועל באלד,
זעהר באלד בערוהיגען דיין אָרעמע אויפגערעגטע הערצעלע; גלויב
מיר, נאָרא, זעהר באלד, מאָרגען וועט דאָס אַלעס אויסזעהן גאנץ
אנדערש — אַלעס וועט ווידער זיין ווי געוועזען. איך וועל דיר
ניט דארפען ווידער זאָגען, אז איך פערצייה דיר; דו וועסט
אליין פיהלען, אז דאָס איז וואהר. ווי וואָלט איך גאָר קענען גע־
פינען ביי זיך אזוי פיעל גרויזאמקייט דיך צו פערשטויסען, זאָגאר
דיר צו מאכען פאָרווירפע. אָ, דו פערשטעהסט זיך שלעכט אויף
אן עהרליכען מאַן׳ס הארץ, נאָרא. עס איז דאָ עטוואָס אונבע־
שרייבליך זיסעס און קיהלענדעס פאר א מאַן אין זיין פערצייהען
זיין ווייב, — אין פערצייהען איהר אויפריכטיג, פון גאנצען הא־

צען, זי ווערט זיין איינגעטהום אין א דאפפעלטען זינן. זי איז איתם אזוי ווי פון דאס־נייע געבארען; זי ווערט, עפּעס אי זיין ווייב, אין זיין קינד. דאס איז עס, וואס דו וועסט פון היינטמאל אן זיין צו מיר, דו דערשראקענער, הילפלאזער ענגעל מיינער. קי־מער זיך ארום גאר נישט, נארא, עפּען נור דיין הארץ פאר מיר, איך וועל דיר זיין אי א ווילען, אי א געוויסען (נארא קומט אריין אין וואכעדיגע קליידער און שטעלט זיך פון יענער זייט טיש) אבער וואס איז דאס? ביזט ניט געגאנגען צום בעט? האסט זיך אי־בערגעטאן?

נ א ר א. יא. טארוואלד, איצט האב איך מיך איבערגעטאן.

העלמער. אבער, ווארום איצט? אזוי שפּעט?

נ א ר א. איך וועל ניט שלאפען היינטיגע נאכט.

העלמער. אבער, ליעבע נארא...!

נ א ר א. (קוקענדיג אויף איהר אוהר) עס איז נאך גאר ניט אזוי שפּעט. זעץ זיך אנידער, טארוואלד; דו און איך האבען איינער מיט דעם אנדערן פיעל צו רעדען. (זי זעצט זיך ביי איין זייט טיש.)

העלמער. וואס האט דיין קאלטער, שטייפער אויסזעהן צו בעמיינען?....

נ א ר א. זעץ זיך. עס וועט נעהמען א צייט, איך האב מיט דיר פיעל צו רעדען. (העלמער זעצט זיך אנטקעגען איהר.)

העלמער. דו שרעקסט מיך. איך פערשטעה דיך ניט.

נ א ר א. ניין, און דאס איז די צרה. דו פערשטעהסט מיך ני[illegible]י איך האב דיך ניט פערשטאנען — ביז היינטיגען אוונד. ני[illegible]ונטערברעך מיך ניט. הער אויס וואס איך רעד מיט דיר. מי[illegible]וזען קומען צו א טאלק, טארוואלד.

העלמער. ווי מיינסטו דאס?

נ א ר א. (נאך א קורצע פויזע) פאלט דיר ניט עטוואס איין אט ווי מיר זיצען דא ביידע?

העלמער. וואס זאל מיר איינפאלען?

נ א ר א. מיר זיינען געווען פערהייראטהעט אכט יאהר.

בעקסטו נים, אז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס מירביידע, דו און איך, מאַן און ווייב, רעדען צוזאַמען אין ערנסט?

ה ע ל מ ע ר. אין ערנסט? אין ערנסט? וואָס רופסטו אין ערנסט?

נ אָ ר אַ. דורך די גאַנצע אַכט יאָהר, נאָך לענגער, זינט מיר זיינען בעקאַנט געוואָרען, האָבען מיר ווען עס איז צווישען זיך געדעט איין איינציג ערנסט וואָרט וועגען אַן ערנסטע זאַך?

ה ע ל מ ע ר. האָב איך דיר געזאָלט דרעהען אַ קאָפּ וועגען זאָרגען, וועלכע דו האָסט ניט געקענט מיר פערלייכטערען?

נ אָ ר אַ. איך רעד ניט פון זאָרגען, איך זאָג, אַז מיר ביידע צוזאַמען האָבען קיינמאָל ניט פּרובירט עטוואָס גרינדליך בעקלערן, קיין ערנסטע זאַך נים.

ה ע ל מ ע ר. אָבער, ליעבסטע נאָרא, וואָס האָבען ערנסטע זאַכען צו דיר?

נ אָ ר אַ. אָט האָבען מיר עס! דו האָסט מיך קיינמאָל ניט פערשטאַנען. מען האָט מיר געטאָן פיעל אונרעכט, טאָרוואַלד; צוערסט דער פאָטער, דאַן דו.

ה ע ל מ ע ר. וואָס, דער פאָטער און איך? מיר, וועלכע האָבען דיך געליעבט מעהר ווי אַלץ אין דער וועלט?

נ אָ ר אַ. (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) דו האָסט מיך קיינמאָל ניט געליעבט. דו האָסט עס נור געהאַלטען פאַר אַ שפּאַס צו זיין פערליעבט אין מיר.

ה ע ל מ ע ר. נאָרא, וואָס רעדסטו פאַר ווערטער?

נ אָ ר אַ. יאָ, דאָס איז אַזוי, טאָרוואַלד. ווען איך בין געווען אין דער־היים ביים פאָטער, פלעגט ער מיר איבערגעבען אַלע זיינע מיינונגען און איך האָב געהאַלטען די זעלביגע מיינונגען. האָב איך געהאַט אַנדערע, האָב איך זיי בעהאַלטען כדי איהם ניט צו ערגערן. ער פלעגט מיך רופען ליאַלקע־טאָכטער און פלעגט מיט מיר שפּיעלען ווי איך מיט מיינע ליאַלקעס. דאַן בין איך געקומען וואוינען אין דיין הויז....

ה ע ל מ ע ר. וואָס פאַר אַן אויסדרוק וועגען אונזער היירצטה?!

נ אָ ר אַ. (אונגעשטערט) איך מיין איך בין איבערגעגאַנגען פון דעם פאַטערס הענד אין דיינע. דו האָסט אַלעס געאָרדנעט נאָך דיין געשמאַק; איך האָב צוגעשטימט אָדער ־ האָב זיך גע־מאַכט, אַז איך שטים צו, — איינס פון דיביידע, אַ מאָל אי דאָס, אי יענעם; איך ווייס אַליין ניט. ווען איך בערעכען דאָס אַלעס איצטער, שיינט מיר, אַז איך האָב די גאַנצע צייט געלעבט ווי אַ בעטלער פון האַנד — צום מויל. איך האָב געלעבט פון מאַכען קונ־צען — פאַר דיר, טאָרוואַלד. אָבער אַזוי האָסטו געוואָלט. דער פאַ־טער און דו —ביידע האָט איהר מיר פיעל אונרעכט געטאָן. דו ביסט שולדיג אין דעם וואָס מיין לעבען איז געוועזן אָהן אַ צוועק.

ה ע ל מ ע ר. נאָראַ, ווי אונגערעכט, ווי אונדאַנקבאַר דו ביסט! ביזטו דען ניט געוועזן גליקליך?

נ אָ ר אַ. ניין, קיינמאָל ניט! איך האָב געמיינט, אַז איך בין, אָבער געוועזן גליקליך בין איך ניט.

ה ע ל מ ע ר. ניט.... ניט גליקליך?

נ אָ ר אַ. ניין, נור לוסטיג. און דו ביסט אימער געוועזן גוט צו מיר. אָבער אונזער הויז איז נור געוועזן אַ שפּיעל־צימער. היער בין איך געוועזן דיין לאַלקע־ווייב אַזוי ווי איך בין אין דער־היים געוועזן דעם פאַטער׳ס לאַלקע־טאָכטער. און די קינדער, ווידער, זיינע געוועזן מ י י נ ע לאַלקעס. איך האָב עס געהאַלטען פאַר אַ לוסטיגען שפּאַס ווען דו האָסט מיט מיר געשפּיעלט, גראַדע ווי די קינדער ווען איך האָב מיט זיי געשפּיעלט. דאָס איז געוועזן אונזער מאַן־און־ווייב־לעבען, טאָרוואַלד.

ה ע ל מ ע ר. אין דעם וואָס דו זאָגסט איז דאָ וואַהרהייט, ווען אויך איבערטריעבענע וואַהרהייט. אָבער פון היינט אָן מוז דאָס אַנדערס ווערען. די שפּיעל־צייט איז אַוועק, די צייט פון ערציעהונג קומט אָן.

נ אָ ר אַ. וועמעס ערציעהונג? מיינע אָדער די קינדער׳ס?

ה ע ל מ ע ר. אַלעמענס, ליעבע נאָראַ.

נ אָ ר אַ. אָה, טאָרוואַלד, ניט דו קענסט מיך לערנען צו טויגען פאַר אַ ווייב פאַר דיר.

ה ע ל מ ע ר. און דאָס זאָגסטו דו?

נ אָ ר אַ. און איך — בין איך פעהיג צו ערציהען די קינדער?

ה ע ל מ ע ר. נאָראַ!

נ אָ ר אַ. האָסטו ניט נאָר־וואָס אליין געזאָגט, אַז דו וואגסט ניט זיי מיר אָנצופערטרויען?

ה ע ל מ ע ר. אין אַן אויגענבליקליכע אויפרעגונג. ווי קענסטו דאָס איבעררערען?

נ אָ ר אַ. ניין, דו ביסט געוועזן גאַנץ גערעכט. דאָס איז אַן אויפגאבע ניט נאָך מיינע קרעפטען נאָך; דאַן מוז איך זיך נעהמען צו אַנאַנדער אויפגאבע. איך מוז זיך אליין אויסבילדען, ערציהען — מיר אין דעם צו העלפען ביזטו ניט דער מאַן. איך מוז זיך אליין דערצו נעהמען. דאָס איז דער גרונד ווארום איך געה איצט אוועק פון דיר.

ה ע ל מ ע ר. (אויפשפרינגענדיג) וואָס? דו זאָגסט יע...?

נ אָ ר אַ. אַז איך מוז שטעהן גאַנץ אליין צו קריגען אַ בעגריף פון אַלץ וואָס ארום מיר איז. דערפאַר מוזען מיר זיך שיידען.

ה ע ל מ ע ר. נאָראַ, נאָראַ!

נ אָ ר אַ. איך געה גלייך, כריסטינע וועט מיך אריינעהמען איבער־נאַכט...

ה ע ל מ ע ר. דו ביסט וואהנזיניג. איך וועל דאָס ניט ערלויבען. איך פערבאָט דיר עס.

נ אָ ר אַ. דיין פערבאָטען וואָס־עס־איז וועט מעהר ניט העלפען. איך וועל מיטנעהמען אלין וואָס מיר געהערט. פון דיר נעהם איך קיין זאַך ניט אָן. ניט איצט, ניט שפעטער.

ה ע ל מ ע ר. וואָס פאַר וואהנזין!

נ אָ ר אַ. מאָרגען געה איך אַהיים.

ה ע ל מ ע ר. אַהיים?

נ אָ ר אַ. איך מיין אַהין וואו מיין היים איז אַ מאָל געוועזען. דאָרטען וועט מיר זיין לייכטער צו געפינען וואָס צו טהאָן.

ה ע ל מ ע ר. אָה, אין דיין בלינדע אונערפאהרענהיים...

נ אָ ר אָ. איך מוז זעהן צו קריעגען ערפאהרונג.

ה ע ל מ ע ר. פערלאָזען דיין היים, דיין מאַן און דיינע קינדער? דו בערעכענסט ניט וואָס די וועלט וועט זאָגען.

נ אָ ר אָ. דארויף קען איך ניט אכטען. איך ווייס נור, אז איך מוז דאָס טהאָן.

ה ע ל מ ע ר. דאָס קען דעם אָטהעם אוועקנעהמען. איז ביי דיר רעכט צו פערלאזען דיינע הייליגסטע פליכטען?

נ אָ ר אָ. וואָס רופסטו מיינע הייליגסטע פליכטען?

ה ע ל מ ע ר. פרעגסטו דאָס? דיינע פליכטען צו דיין מאַן און קינדער.

נ אָ ר אָ. איך האָב פליכטען, וועלכע זיינען ניט ווייניגער הייליג.

ה ע ל מ ע ר. אונמעגליך, וואָס קענסטו מיינען?

נ אָ ר אָ. מיינע פליכטען געגען זיך אליין.

ה ע ל מ ע ר. דו ביסט פריהער ווי אלץ א ווייב און א מוטער.

נ אָ ר אָ. דאָס גלויב איך ניט מעהר. איך מיין, אז פריהער ווי אלץ בין איך אַ מ ע נ ש,—אזוי גוט ווי אַנאַנדערער, אָדער וועֶן ניט, וועל איך זעהן עס צו ווערען. איך ווייס, אז די מייסטע מענשען האַלטען מיט דיר און דאָס שטעהט אויך אזוי אין די ביכער. אָבער פון איצטער־אָן הער איך אויף צו זיין צופריעדען נור דער־מיט וואָס מ'זאָגט און וואָס שטעהט געשריעבען: איך מוז דאָס אליין גוט בעקלערען, אליין פערשטעהן.

ה ע ל מ ע ר. איז ביי דיר ניט קלאר וואָס דיין ראָלע איז אין דיין אייגענע הויז? האָסטו ניט אַ אונפעהלבארען פיהרער אין אזעלכע זאכען? האָסטו קיין רעליגיאָן ניט?

נ אָ ר אָ. אָה, טאָרוואלד, גוט בעטראכט, ווייס איך ניט וואָס רעליגיאָן איז.

ה ע ל מ ע ר. וואָס מיינסטו?

נ אָ ר אָ. איך ווייס נור וואָס איך האָב געהערט פון דעם פּאַסטאָר. ער האָט ערקלעהרט, אז רעליגיאָן הייסט דאָס און יענס.

ווען איך וועל אוועקגעהן פון דאַנען, און וועל זיין זעלבסטשטענדיג, וועל איך אין דעם טיעפער אריינבליקען. איך וועל זעהן צו דאָס וואס מען האָט מיר געלערנט איז וואהר, ווענינגסטענס צו פאַר מיר איז דאָס וואהר.

ה ע ל מ ע ר. אָ, דאָס איז אונערהערט! אָבער אויב רעד־ליגיאָן קען דיר ניט צוריקהאַלטען אויפ'ן גערעדען וועג, לאָמיך אויפוועקען דיין געוויסען אין דיר — דו האָסט דאָך וואהרשיינליך א זיטליכען געפיהל... אָדער — ענטפער מיר! — פיעלייכט האָסטו דאָס אויך ניט?

נ אָ ר אַ. נו, טאָרוואַלד, עס איז שווער צו זאָגען. איך ווייס ווירקליך ניט... איך בין אזוי ווי אין א טומאַן וועגען די אלע זאַכען. אלץ וואָס איך ווייס איז נור, אז מיר דענקען דאַריבער ניט ביידע גלייך. אָט הער איך אויך, אז די געזעצע זיינען אנ־דערס ווי איך האָב געמיינט; דאָס בעווייזט מיר אָבער ניט, אז די געזעצע זיינען גערעכט. עס שטעלט זיך אַרויס, אז א טאָכ־טער האָט ניט קיין רעכט צו שאַנעווען א פאָטער, וועלכער האַלט ביים שטאַרבען און א ווייב — צו ראַטעווען איהר מאַן'ס לעבען. איך גלויב דאָס ניט.

ה ע ל מ ע ר. דו רעדסט ווי א קינד. דו פערשטעהסט ניט די געזעלשאַפט, אין וועלכע דו לעבסט.

נ אָ ר אַ. ניין, איך פערשטעה ניט. איך וועל זעהן צו פער־שטעהן. איך מוז קומען צו א בעשלוס: ווער איז גערעכט — די געזעלשאַפט אָדער איך.

ה ע ל מ ע ר. נאָראַ, דו ביזט קראַנק, דו ביזט פיבעריש. מיר דאַכט זיך ביינאַהע, אז דו ביזט ניט ביים קלאָרען זינען.

נ אָ ר אַ. איך האָב אין זיך קיינמאָל ניט געפיהלט אזוי פיעל קלאָרהייט און זיכערהייט ווי איצט.

ה ע ל מ ע ר. איז ביי דיר קלאָר און זיכער, אז דו מעגסט פערלאָזען דיין מאַן און דיינע קינדער?

נ אָ ר אַ. יאָ.

ה ע ל מ ע ר. דאַן קען זיך דיין האַנדלונג נור ערקלעהרען אויף איין אַרט.

נ אָ ר אַ. אויף וועלכע?

ה ע ל מ ע ר. אַז דו ליעבסט מיך ניט מעהר.

נ אָ ר אַ. דו האָסט ריכטיג געטראָפּען.

ה ע ל מ ע ר. נאָרא, קענסטו דאָס זאָגען?

נ אָ ר אַ. עס טוט מיר זעהר לייד, טאָרוואַלד, דען דו ביזט צו מיר אימער גוט געוועזען. אָבער וואָס העלפט דאָס? איך ליעב דיך ניט מעהר.

ה ע ל מ ע ר. (זיך מיט שוועריגקייט צוריקהאַלטענדיג.) איז דער פונקט אויך ביי דיר קלאָר און זיכער?

נ אָ ר אַ. יאַ, פאָלקאָמען. דארום קען איך לענגער דאָ ניט בלייבען.

ה ע ל מ ע ר. און קענסטו מיר אויך ערקלערען ווי אַזוי איך האָב פערלאָרען דיין ליעבע?

נ אָ ר אַ. אַ, יאַ! איך קען. דאָס איז געוועזען היינט אבענד ווען דער נס איז ניט געשעהן; ווייל דאַן האָב איך מיך איבערציינגט, אַז איך האָב מיך אין דיר שטאַרק געאירערט.

ה ע ל מ ע ר. רייד קלאָרער, איך פערשטעה ניט.

נ אָ ר אַ. אויף דעם וואונדער האָב איך געדולדיג געוואַרט אַכט יאָהר; האָב נאַטירליך געוואוסט, אַז נסים געשעהן ניט יעדען טאָג. ווען דיעזער פערניכטענדער קלאַפּ איז געהאַנגען איבער מיין קאָפּ, האָב איך געזאָגט צו זיך מיט בעשטימטהייט: „איצט וועט געשעהן דער נס!" ווען קראָגסטאַד'ס בריעף איז געלעגען אין קעסטעל, האָב איך גערעכענט, אַז דו וועסט זיין צו שטאָלץ זיך אונטערצוגעבען אויף גנאַדע. האָב גערעכענט, אַז דו וועסט זאָגען. „געה און מאַך עס בעקאַנט פאַר די גאַנצע וועלט!" און אַז דאַן...

ה ע ל מ ע ר. נו? און ווען איך האָב שוין איבערגעגעבען מיין אייגענע ווייב'ס נאָמען צו שאַנדע — וואָס דאַן?

נ אָ ר אַ. דאַן האָב איך פעסט געגלויבט, אַז דו וועסט ארויסקומען און נעהמען אַלץ אויף זיך און זאָגען: „דער שולדיגער בין איך!" —

ה ע ל מ ע ר. נאָרא!

נאָרא: דו מיינסט איך וואָלט אזא'ן אָפּפער ניט אָנגענומען? נאַטירליך ניט! אָבער געגלויבט וואָלט מען דיר, ניט מיר און אזא ליעבע צו בעווייזען — האָב איך פון דיר עריוואַרטעט. דאָס איז געווען דער נס, וועלכער איז מיר געווען אזוי ליעב און שרעקליך. און דאָס ניט צוצולאָזען בין איך געווען ענטשלאָסען צו שטאַרבען.

העלמער. גערן וואָלט איך פאַר דיר אַרבייטען טאָג און נאַכט, נאָרא, ליידען נויט און שמערצען פון דיינטוועגען, אָבער קיין מאַן אָפּפערט ניט אויף זיין עהרע פאַר די פּערזאָן, וועלכע ער ליעבט.

נאָרא. מילליאָנען פרויען האָבען דאָס געטאָן.

העלמער. אָ, דו דענקסט און רעדסט ווי א קינד.

נאָרא. זעהר מעגליך. אָבער דו דענקסט און רעדסט ניט ווי דער מאַן, מיט וועלכען איך קען טהיילען מיין לעבען. ווען דיין שרעק איז געווען פערגאַנגען, — דיין שרעק פאַר זיך, ניט פאַר מיר, — ווען דו האָסט שוין פאַר די אויגען קיין פורכט ניט געהאַט, דאַן איז ביי דיר אַלעס געווען ווי גאָר ניט געשעהן. איך בין ווידער געווען דיין זינג־פייגעלע, דיין לאַלקע, וועלכע דו וועסט צוויי מאָל אזוי פיעל בעשיצען אין צוקונפט, ווייל זי איז, נעבאך, אזוי שוואַך. (זי שטעהט אויף) טאָרוואַלד, אין יענעם אויגענבליק איז מיר קלאָר געוואָרען, אז איך האָב אַכט יאָהר געלעבט מיט א פרעמדען מאַן און האָב איהם געבאָרען דריי קינדער. — אָה, איך קען דעם געדאַנקען ניט אַריבערטראָגען. איך וואָלט זיך זעלבסט צוריסען אויף שטיקער.

העלמער. (טרויעריג) איך זעה, איך זעה עס איין. אַן אַבגרונד האָט זיך געעפענט צווישען אונז. אָבער, נאָרא, קען ער קיינמאָל ניט פערמאַכט ווערען?

נאָרא. ווי איך בין איצט, טויג איך ניט צו זיין א ווייב צו דיר.

העלמער. איך האָב קראַפט צו ווערען אַנאַנדער מאַן.

נאָרא. פיעלייכט, ווען דו פערליערסט דיין לאַלקע.

ה ע ל מ ע ר. זיך שיידען — פון דיר שיידען! ניין, נאָראַ, ניין! איך קען דאָס ניט בעגרייפען.

נ אָ ר אַ. (ארייגגעהענדיג אין צימער נאָך רעכטס) אלץ מעהר גרונד איז דאָ פאַר אונזער שיידונג. (זי קומט צוריק מיט קליידער צום אויסגעהן, מיט אַ פּאַרט־מאַנטאָ אין דער האַנד, וועלכען זי לעגט אַנידער אויף אַ שטוהל.)

ה ע ל מ ע ר. נאָרא, נאָרא, ניט איצט! וואַרט ביז מאָרגען!

נ אָ ר אַ. (אָנטהוענדיג דעם מאַנטעל) איך קען ניט צוברענגען די נאכט אין אַ פרעמדען מאַן׳ס הויז.

ה ע ל מ ע ר. אָבער קענען מיר דען ניט וואוינען היער ווי ברודער און שוועסטער?

נ אָ ר אַ. (אויפזעצענדיג דעם הוט) דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָס וואָלט לאַנג ניט אנהאַלטען. זיי געזונד, טאָרוואַלד. ניין, איך וועל צו די קינדער ניט געהן. זיי זיינען אין בעסערע הענד ווי מיינע, דאָס וויים איך. ווי איך בין איצט, קען איך צו זיי גאָר נישט זיין.

ה ע ל מ ע ר. אָבער אַ מאָל, נאָראַ, שפּעטער־אַמאָל...

נ אָ ר אַ. ווי קען איך דאָס וויסען? ווער וויים וואָס פון מיר וועט ווערען?

ה ע ל מ ע ר. אָבער דו ביזט מיין ווייב, איצט און אויף אימער?

נ אָ ר אַ. הער, טאָרוואַלד! איך האָב געהערט, אַז ווען אַ ווייב געהט אוועק פון איהר מאַן — ווי איך פון דיר — איז ער אין די אויגען פון דעם געזעץ פריי פון אלע פליכטען צו איהר. צו דאָס איז אזוי, צו ניט — איך בעפריי דיך פון זיי. פיהל זיך ניט מעהר געבונדען, ווי איך וועל זיך אליין ניט פיהלען. עס מוז זיין פאָל־קאָמענע פרייהייט פון ביידע זייטען. היער איז דיין רינג, גיב מיר מיינעם.

ה ע ל מ ע ר. דאָס אויך?

נ אָ ר אַ. דאָס אויך. זעהר גוט. איצט איז אלעס צו־ענד. היער, נעהם די שליסלען! די דינסטלייט ווייסען מעהר ווי איך

אלעס דאָ אין הויז. מאָרגען, נאָך מיין פּערדייזען, וועט כריסטיאַן פּוכלען און וועט איינפּאַקען מיינע זאַכען, מען וועט זיי מיר נאָכשיקען.

העלמער. אלעס, אלעס אויס! נאָרא, ועסטו מיך אין גאַנצען פערגעסען?

נאָרא. אָה, איך וועל אָפט רענקען וועגען דיר, וועגען די קינדער און דאָס הויז.

העלמער. מעג איך דיר שרייבען, נאָרא?

נאָרא. ניין. קיינמאָל ניט, דאָס זאָלסטו ניט מהאָן.

העלמער. אָבער איך מעג דיר דאָך שיקען...

נאָרא. קיין שום זאך ניט.

העלמער. איך מעג דיר העלפען אין א נויט.

נאָרא. פון פרעמדע נעהם איך גאָר נישט.

העלמער. נאָרא, קען איך קיינמאָל ניט זיין פאר דיר מעהר ווי א פרעמדער?

נאָרא. (נעהמענדיג דעם פּאָרט־מאַנטאַ) אָ, טאָרוואַלד, דאַן וואָלט האָבען צו פּאַסירען דער וואונדער פון אלע וואונדער.

העלמער. וואָס איז דאָס?

נאָרא. מיר וואָלטען זיך ביידע מוזען אזוי פערענדערען, אז... אָבער, טאָרוואַלד, איך גלויב ניט מעהר אין נסים.

העלמער. אָ, איך וועל גלויבען. מיר מוזען זיך אזוי פערענדערען, אז...

נאָרא. אונזער צוזאַמענלעבען זאָל זיין א וואהרע הייראַטה. אדיע! (זי געהט ארויס.)

העלמער. (אַניערערפאַלענדיג אין לעהנשטול, דאָס געזיכט אין די הענד) נאָרא, נאָרא! (ער זעהט זיך אַרום) לעדיג, זי איז מעהר ניטאָ! (פּויזע. ער שפּרינגט אויף מיט א געשריי:) אָה! דער גרעסטער וואונדער!

(אונטען הערט זיך דער צומאַכען פון די גאַס־טיר.)

(פאָרהאַנג)

די ווילדע ענטע.

איבערזעצט פון א. פרומקין.

פערזאָנען:

ווערלע, גרויסהענדלער, פאבריקאַנט א. א. וו.
גרעגערס, זיין זוהן.
דער אַלטער עקדאַל.
יאַלמאַר עקדאַל, זיין זוהן, אַ פאָטאָגראַף.
גינאַ, יאַלמאַר׳ס פרוי.
העדוויג, זייער טאָכטער, 14 יאָהר אַלט.
פרוי סערבי, הויזפיהרערין ביי ווערלע׳ן.
רעללינג, אַ דאָקטאָר.
מאָלוויק, געוועזענער טהעאָלאָג.
גראַבערג, בוכהאַלטער.
פעטערסען, ווערלע׳ס דיענער.
יענסען, לויג־דיענער.
א דיקער הערר.
א הערר מיט א פליך.
א קורצזיכטיגער הערר.
זעקס אנדערע הערען, ווערלע׳ס געסט.
עטליכע משרתים.

דער ערשטער אַקט קומט פאָר ביי ווערלע׳ן אין הויז, די פיער אַנדערע אַקטען ביי יאַלמאַר עקדאַל.

ערשטער אקט.

ביי ווערלע'ן אין הויז. אַ רייך און בעקוועם איינגעאָרדענט אַר־ביימס־צימער; ביכער־שאַפּעס און טאַפּעצירטע מעבעל; אין מיטען צי־מער אַ שרייב־טיש מיט דאָקומענטען און פּראָטאָקאָלען; ברענענדע לאַמ־פּען מיט גרינע אַבאַזשורען, אַזוי אז אין צימער הערשט אַ מאַטעס ליכט. ביי דער הינטערשטער וואַנד אַן אָפענע פליגעל־טיר מיט פערוואָרפענע פאָרהאַנגען. דורך די דאָזיגע טיר זעהט מען א גרויס, עלעגאַנט צימער, וואָס איז העל בעלויכטען פון לאַמפּען און לייכטער. פאָרענט רעכטס אין אַרביימס־צימער פיהרט אַ קליינע טאַפּעטען־טיר אין קאַנטאָר. פאָ־רענט לינקס אַ קאַמין מיט אַ גליהענדען פייער פון קויהלען; ווייטער הינטען אַ דאָפּעל־טיר, וועלכע פיהרט ארין אין עסס־זאַאל.

פּעטערסען, אין אַ ליוורעע, און יענסען, אין א פראַק, מאַ־כען אָרדנונג אין אַרביימס־צימער. אין דעם גרעסערן צימער געהען ארום אַ צוויי, דריי אַנדערע משרתים, ראַמען אויף און צינדען אָן מעהר ליכט. פון עסס־זאַאל הערט זיך א גערויש פון א געשפּרעך און אַ געלעכטער פון אַ סך שטימען; מען גיט אַ קלאַפּ מיט אַ מעסער אָן אַ גלאָז; ס'ווערט רו־היג; אַ טאָאסט ווערט געהאַלטען; בראַוואָ־געשרייען, דערנאָך ווידער אַ גערויש פון געשפּרעך.

פּעטערסען (צינדט אָן אַ לאַמפּ אויפ'ן קאַמין און זעצט ארויף אַן אַבאַזשור דערויף): איהר, יענסען, הערט זיך צו; איצט שטעהט דער אלטער ביים טיש און האַלט א לאַנגען טאָאסט וועגען פראוי כערבי.

יענסען (רוקט אַרויס א לעהן־שטוהל אין פראָנט): זאָל דאָס אמת זיין, וואָס לייט זאָגען, אַז צווישען זיי ביידען איז עפּעס פאַר־האַן?

פּעטערסען: ווייס דער טייוועל.

י ע נ כ ע ן: ער איז דאָך אמאָל געווען א לעבעדיגער חברה־מאַן, זאָגט מען.

פ ע ט ע ר ס ע ן: ס'קען מעגליך זיין.

י ע נ ס ע ן: און די היינטיגע מאהלצייט, דאס מאכט ער לכבוד דעם זוהן, הייסט עס.

פ ע ט ע ר ס ע ן: יאָ. דער זוהן איז נעכטען געקומען אהיים.

י ע נ ס ע ן: כ'האָב גאָר ביז אהער ניט געוואוסט, אז הערר ווערלע האט א זוהן.

פ ע ט ע ר ס ע ן: יאָ, — ער האט א זוהן. אבער ער ליעגט שטענדיג דארט אויבען אין דער האָידאָל־פאבריק. אין די אלע יאָהרען, וואס איך דיען דאָ, איז ער קיינמאָל ניט געווען אין דערהיים.

א מ ש ר ת (אין דער טיר צום אַנדערן צימער): הערט איהר, פעטערסען, דאָ איז עפּעס אן אַלטער חברה־מאַן, וואס —

פ ע ט ע ר ס ע ן (מורמעלט): צום טייוועל, וואס פאר א גאסט קומט איצט אהער?

דער אַלטער עקדאַל בעוויזט זיך אין צימער רעכטס. ער געהט אין א אָבגעטראָגענעם מאַנטעל מיט א הויכען קאָלנער; וואָלענע פויסט־האַנדשוה; אין דער האַנד האַלט ער א שטעקען און א פּעלצען היטעלע; אונטער'ן אָרם א פּאַקעט און פּאַק־פּאַפּיר. ער האָט א רויט־ברוינעם, שמוציגען פּאָריק און א פּאָר קליינע גראָע וואָנציעס.

פ ע ט ע ר ס ע ן (געהט איהם אַנטקעגען): הערר גאָט! — וואס טהוט א י ה ר דאָ?

ע ק ד א ל (אין דער טיר): כ'מוז נעטהיג אריינגעהן אין קאַנטאָר, פעטערסען.

פ ע ט ע ר ס ע ן: דער קאנטאָר איז שוין צוגעמאכט פון א שטונדע, און —

ע ק ד א ל: כ'האָב עס שוין געהערט אונטען, פריינדעל! אָבער גראָבערג איז נאָך אינעווייניג. זייט אזוי גוט, פעטערסען, און לאָזט מיך אריין דורך די טיר דאָ. (ווייזט אָן אויף א טאָפּעטען־טיר.) כ'בין שוין אמאָל געגאַנגען מיט דעם וועג.

פ ע ט ע ר ס ע ן: נאָ, פון מיינעטוועגען! (עפענט איהם די

מיר.) אבער פערגעסט אקארשט ניט אויף ארויסצוקומען מיט דעם ריכטיגען וועג. מיר האבען געכסט.

עקדאל: כ'ווייס, כ'ווייס — הם! א דאנק, ליעבער פעטער־כען! אלטער, גוטער פריינד. א שעהנעם דאנק. (מורמעלט שטי־לערהייט) עזעלכאפ! (ער געהט אוועק אין קאנטאר, פעטערסען פער־שליסט די טיר הינטער איהם).

יענסען: איז ער אויך איינער פון די קאנטאר־לייט?

פעטערסען: ניין, דאס איז אזוי איינער, וואס שרייבט איבער'ן הויז, ווען זיי דארפען האבען, מען זאל זיי ארויסהעלפען. אבער ער איז אמאל געווען א גאנץ וואזשנער קערל, דער אלטער עקדאל.

יענסען: יא, מען קען עס אנזעהן אויף איהם.

פעטערסען: נו יא; ער איז געווען א לייטענאנט, פער־שטעהט איהר מיך!

יענסען: צום טייוועל — אט דער א לייטענאנט!

פעטערסען: יא, יא. אבער דאן האט ער זיך גענומען צום האלץ־האנדעל אדער עטוואס עהנליכעס. מען זאגט, ער האט ווער־לט'ן אמאל אזוי גוט אריינגעלייגט. ווארים דאמאלס האבען זיי ביידע בשותפות געהאלטען די האדיאל־פאבריק, פערשטעהט איהר מיך. אה, איך קען איהם גאנץ גוט, דעם אלטען עקדאל. מיר טרינ־קען אפטמאל א ביטער־ען און אויך א פלאש בייעריש צוזאמען — ביי מאדאם עריקכען.

יענסען: דער קען דאך ניט האבען קיין סך אויף צו ספענ־דען.

פעטערסען: הערט איהר, יענסען, איהר זאלט עס זא־גען! איהר קענט זיך דאך פארשטעלען, אז איך בין דאס דער כפענדער. כ'מיין, כ'איז גאר קיין עולה ניט זיך אביסעל אומצוקו־קען אויף אזעלכע לייט, וואס האבען אמאל געהאט בעסער'ע צייטען.

יענסען: ער האט, הייסט עס, געמאכט באנקראט?

פעטערסען: ניין, נאך ערגער ווי דאס. ער איז אריין אין געפענגניס.

י ע נ ס ע ן: אין געפענגנים!

פ ע ט ע ר ס ע ן: אדער פיליכט אין צוכט־הויז. (הערט זיך צו) שטיל! זיי הויבען זיך שוין אויף פון טיש.

א פּאר דיענער עפענען די טיר צום עסס־זאאל פון אינוועניג. פ ר ו י כ ע ר ב י ריידענדיג מיט א פּאר הערען, קומט אריין. נאך איהר פאלגט די גאנצע טיש־געזעלשאפט. צווישען זיי ו ו ע ר ל ע. צולעצט קומען יאלמאר עקדאל און גרעגערס ווערלע.

פ ר ו י ס ע ר ב י (פערבייגעהענדיג, צום דיענער): פעטערסען, הייסט מען זאל דערלאנגען דעם קאפע אין מוזיק־זאאל.

פ ע ט ע ר ס ע ן: זעהר גוט, פרוי סערבי.

זי און די צוויי הערען געהען אריין אין גרויסען צימער און פון דארט רעכטס אב. פעטערסען און יענסען געהען ארויס מיט דעם זעלבען וועג.

א ד י ק ע ר (צו א פּליכעוואטען): איי־איי, — א דינער! — דאס איז געוועזען א רעכט שטיקעל ארבייט!

ד ע ר פ ל י כ ע ו ו א ט ע ר: אה, מיט אביסעל גוטען ווילען קען מען אין דריי שטונדען בערג איבערקעהרען.

ד ע ר ד י ק ע ר: יא, אבער נאכהער, נאכהער, מיין ליעבער קאמערהע־ר!

א ד ר י ט ע ר ה ע ר ר: איך הער, אז דער קאפע און דער מאַראסקינא וועלען סערווירט ווערען אין מוזיק־זאאל.

ד ע ר ד י ס ע ר: בראווא! דאן וועט אונז פרוי סערבי פיליכט גאר עפּעס פארשפּיעלען.

ד ע ר פ ל י כ ע ו ו א ט ע ר (שטילערהיים): כ'האב בעסער מורא, פרוי סערבי זאל אונז גאר אין גיכען ניט אבשפּיעלען עפּעס א שטיקעל.

ד ע ר ד י ק ע ר: אי, גאט בעהיט. בערטהא וועט איהרע אלטע פריינד ניט לאזען זיצען.

זיי לאכען און געהען אריין אין הינטערשטען צימער.

ו ו ע ר ל ע (מיט א שטילען און אומעטיגען טאן): איך מיין, קיינער האט עס ניט בעמערקט, גרעגערס.

ג ר ע ג ע ר ס (קוקט איהם אן) : וואס ?

וו ע ר ל ע : דו האסט עס אויך ניט בעמערקט ?

ג ר ע נ ע ר ס : וואס האב איך דען געזאלט בעמערקען ?

וו ע ר ל ע : מיר זיינען געווען דרייצעהן ביים טיש.

ג ר ע נ ע ר ס : אזוי ? דרייצעהן ?

וו ע ר ל ע (מיט א בליק אויף יאלמאר עקדאל) : געוועהנליך זיינען מיר בלויז צוועלף. (צו די איבעריגע) ביטע, מיינע העררען!

ער און די איבערגעבליבענע, סיס אויסנאהם פון יאלמאר און גרעגערס געהען דורך'ן הינטער־גרונד רעכטס אב.

י א ל מ א ר (וועלכער האט געהערט דעם געשפרעך) : דו האסט מיך נים נעדארפט איינלאדען, גרעגערס.

ג ר ע ג ע ר ס : וואס ! ס'הייסט דאך, אז די מאהלצייט ווערט געגעבען לכבוד מ י ר. און איך זאל ניט קענען פערבעטען מיין איינציגען און בעסטען פריינד —

י א ל מ א ר : אבער איך גלויב, אז דיין פאטער איז ניט צו־פריעדען דערפון. איך קום דאך אזוי קיינמאל ניט אהער אין הויז.

נ ר ע ג ע ר ס : יא, דאס הער איך. אבער איך האב דאך דיך געמוזט זעהען און זיך דורכריידען מיט דיר ; ווארים איך וועל דאך דא לאנג ניט בלייבען, כ'פאהר דאך באלד צוריק. — אה, מיר צוויי אלטע שוהל־קאמעראדען — מיר זיינען דאך אזוי לאנג געווען געשיע־דען איינער פון אנדערן. שוין אודאי זעכצעהן, זיבצעהן יאהר, אז מיר האבען זיך ניט געזעהן !

י א ל מ א ר : איז דאס שוין אזוי לאנג ?

נ ר ע ג ע ר ס : יא, געוויס. נא, ווי געהט עס דיר ? דו זעהסט גאנץ גוט אוים. דו ביסט געווארען זעהר שטארק.

י א ל מ א ר : הם, שטארק קען מען עס אייגענטליך ניט אנרו־פען. אבער נאטירליך זעה איך אוים מענליכער ווי דאמאלכט.

נ ר ע נ ע ר ס : ווירקליך. דיין אויסערליכעס האט גארנישט געליטען.

י א ל מ א ר (מיט אן אומעטיגען טאן) : אבער דאס אינער־ליכע ! דאס זעהט גאנץ אנדעריש אוים, מעגסט מיר גלויבען ! דו

וויסט דאָך, וואָסערע שרעקליכע צרות עס זיינען געקומען איבער מיר און מיין פאַמיליע, זינט מיר האָבען זיך דאָס לעצטע מאָל געזעהן.

גרעגערס (שטילער): ווי געהט עס איצט דיין פאַטער?

יאַלמאַר: מיין ליעבער, לאָמיר בעסער גאָרנישט רעדען דערפון. מיין אָרעמער, אונגליקליכער פאַטער לעבט נאַטירליך ביי מיר. ער האָט דאָך אויף דער גאַנצער וועלט קיין אַנדערן ניט, צו וועמען זיך צו ווענדען. אָבער וויסט דו, ס'איז מיר שרעקליך שווער וועגען דעם צו רעדען. — זאָג מיר בעסער, ווי איז דאָס דיר געגאַנגען אויבען אויף דער פאַבריק?

גרעגערס: הימליש איינזאַם האָט זיך מיר געלעבט — כ'האָב געהאַט אַ סך ליידיגע צייט זיך צו גריבלען און נאָכצודענקען איבער פערשיעדענע זאַכען. — קום אַהער, מיר קענען זיך דאָך מאַכען בעקוועם דאָ. (ער זעצט זיך אריין אין אַ לעהן־שטוהל בײַם פייער און ציהט אַרונטער יאַלמאַר'ן אין אַן אַנדער שטוהל ביי זיין זייט.)

יאַלמאַר (ווייך): נאָך אַלעם דעם דאַנק איך דיר, גרעגערס, וואָס דו האָסט מיך פערבעטען ביי דיין פאַטער צום טיש; דען איצט ווייס איך וויינינגסטענס, אַז דו האָסט גאָרנישט געגען מיר.

גרעגערס (פערוואונדערט): ווי קומסטו גאָר אויף'ן געדאַנק, אַז איך האָב עפּעס געקענט האָבען געגען דיר?

יאַלמאַר: אין די ערשטע יאָהרען איז עס דאָך אַזוי געווען.

גרעגערס: אין וועלכע ערשטע יאָהרען?

יאַלמאַר: נאָכדעם ווי דאָס גרויסע אונגליק האָט פּאַסירט. און עס איז דאָך אויך געווען גאַנץ נאַטירליך. ס'האָט דאָך געהאַנגען אויף אַ האָר, און דיין פאַטער וואָלט אריינגעצויגען געוואָרען אין אַט די — אַה, אַט די שרעקליכע געשיכטען!

גרעגערס: און דערפאַר האָב איך געזאָלט האָבען עפּעס געגען דיר? ווער האָט עס דיר איינגערעדט?

יאַלמאַר: איך ווייס, אַז דו האָסט עפּעס געהאַט געגען מיר, גרעגערס; דיין פאַטער אַליין האָט עס מיר געזאָגט.

גרעגערס (ערשטוינט): מיין פאַטער! יאָ וווירקליך.

הם. — און נור דערפאר, הייסט עס, האסטו זיך גאר ניט געלאזט הע־רען די גאנצע צייט? — קיין איין ווארט ניט?

יאלמאר: יא.

גרעגערס: אפילו ניט אין דער צייט, ווען דו האסט בע־שלאסען צו ווערען א פאטאגראף?

יאלמאר: דיין פאטער האט געזאגט, אז ס'איז בעסער, איך זאל דיר גאר ניט שרייבען; וועגען קיין זאך ניט.

גרעגערס (קוקט גלייך פאר זיך): ניין, ניין — ס'קען זיין, אז ער איז גערעכט געווען. אבער זאג מיר אקארשט, יאלמאר — ביסט כאטש איינגעדמאכען בעפרידיגט מיט דיין איצטיגער לאגע?

יאלמאר (מיט א ליכטען זיפץ): אך, יא, פארוואס דען ניט; כ'קען זיך אייגענטליך ניט בעקלאגען. אין דער ערשטער צייט איז דאס מיר נאטירליך פארגעקומען אביסעל פרעמד, ווי דו קענסט זיך פארשטעלען. איך בין דאך אריינגעקומען אין גאנץ אנדערע פערהעלטניסען. אבער דערפאר האט זיך דאך אויך אלעס אנדערע, דאס גאנצע לעבען מיינס, פאלשטענדיג געענדערט. דאס גרויסע אונגליק, דער חורבן. וואס איז געקומען איבער מיין פאטער, — די שאנדע און דער סקאנדאל — גרעגערס —

גרעגערס (געריהרט): נו יא, יא.

יאלמאר: בלייבען ביים שטודירען, דערפון האב איך דאך ניט געקענט דענקען. פונ'ם גאנצען געלד איז ניט געבליבען קיין איין שילינג; אין געגענטהייל, מען איז געגוג שולדיג געבליבען, — מייסטענס דיין פאטער, גלויב איך —

גרעגערס: הם —

יאלמאר: אלזא האב איך גערעכענט, אז דאס בעסטע וואס איך קען טהאן, איז זיך אזוי מיט איין מאל, ווייסטו, ארויסצורייסען פון אלע אלטע פערהעלטניסען און פערבינדונגען. בעזונדערס האט מיך דיין פאטער צוגערעדט דערצו; און אזוי ווי ער האט זיך אזוי שטארק אינטערעסירט מיט מיר און מיר געהאלפען —

גרעגערס: ווי, מיין פאטער האט עס געטהאן?

יאלמאר: נו יא, דו ווייסט עס דאך? וואו האב איך דאן

געזאָלט נעהמען דאָס געלד זיך צו לערנען פאָטאָגראַפּירען, זיך איינ־צואָרדנען א סטודיא און זיך עטאַבלירען? דו פערשטעהסט דאָך, אז דאָס קאָסט עפּעס!

גרעגערס: און די קאָסטען פאַר דעם אַלעם האָט מיין פאָטער בעצאָהלט?

יאַלמאַר: יאָ, מיין ליעבער; דו ווייסט עס דען ניט? איך האָב פערשטאַנען, אז ער האָט דיר װעגען דעם געשריבען.

גרעגערס: קיין איין וואָרט ניט וועגען דעם, אז ער האָט געגעבען דאָס געלד דערצו. ער האָט זיך אודאי געמוזט פערגעסען אָן דעם. מיר פלעגען זיך אימער שרייבען בלויז טרוקענע געשעפטס־בריעף. אזוי — איז דאָס אַלזאָ געוועזען מיין פאָטער, וועלכער —

יאַלמאַר: יאָ, געוויס. ער האָט נור ניט געוואָלט, מען זאָל זיך דערוויסען דערפון; אָבער ער איז דאָס געוועזען. און ער איז דאָס אויך געוועזען, וואָס האָט מיר געגעבען די מעגליכקייט צו הייראטהען. אָדער פיליייכט ווייסטו דאָס אויך ניט?

גרעגערס: ניין, געוויס האָב איך דאָס ניט געוואוסט. (ער כאַפּט איהם אָן בים אָרם.) אָבער, ליעבער יאַלמאַר, כ'קען דיר גאָר ניט זאָגען, ווי דאָס אַלעס פרעהט מיך — און טהוט מיר אויך לייד. פיי־לייכט האָב איך מיין פאָטער דאָך געטהאָן אַז אונרעכט — אין גע־וויסע פּרטים. ווארים, דאָס אַלעס, זעהסטו, צייגט דאָך, אז ער האָט א האַרץ. ס'איז דאָך ווי א מין געוויסען —

יאַלמאַר: געוויסען —?

גרעגערס: יאָ, יאָ, אָדער רוף עס ווי דו ווילסט. ניין, איך נעפּין גאָר קיין ווערטער ניט פאַר מיין פרייד, אזוי וואָס צו הערען וועגען מיין פאָטער. — דו ביסט אַלזאָ פערהייראַט, יאַלמאַר. אזוי ווייט וועל איך עס קיינמאָל ניט ברייננען. נאָ, איך האָף, אז דו פיהלסט זיך גליקליך אַלס פערהייראטער מאַן?

יאַלמאַר: אַ, נאַטירליך. זי איז אזא טיכטיגע און בראווע פרוי, ווי א מאַן קען זיך נור ווינשען. און אויסערדעם איז זי אויך ניט גאָר אונגעבילדעט.

גרעגערס (אביסעל ערשטוינט): ניין — דאָס געוויס ניט.

י א ל מ א ר: דאס לעבען, פערשטעהסט דו מיך, ערציהט. דער טעגליכער אומגאנג מיט מיר —; און דאן קומען דאך גאנץ אפט אריין א פאר בעקאנטע מענשען צו אונז אין הויז. כ'פערזיכער דיר, דו וואלסט נינא'ן גאר ניט דערקענט.

נ ר ע נ ע ר ס: נינא?

י א ל מ א ר: יא, מיין ליעבער; דו האסט גאר פערגעסען, אז זי הייסט נינא?

נ ר ע נ ע ר ס: ווער הייסט נינא? כ'וויס דאך גארנישט —

י א ל מ א ר: אבער געדיינקסט דו דען ניט, אז זי איז א צייט לאנג געווען אנגעשטעלט דא ביי איך אין הויז?

נ ר ע נ ע ר ס (קוקט איהם אן): איז דאס ניט אקארשט נינא האנסען —?

י א ל מ א ר: יא, נאטירליך — נינא האנסען.

נ ר ע נ ע ר ס: — וועלכע האט געפיהרט דאס הויז ביי אונז, א יאהר פאר דעם, איידער מיין מוטער איז קראנק געווען?

י ל מ א ר: יא, געוויס. אבער, ליעבער פריינד, איך וויס דאך גאנץ בעשטימט, אז דיין פאטער האט דיר געשריבען, אז איך האב התונה געהאט.

נ ר ע נ ע ר ס (וועלכער איז אויפגעשטאנען): יא, ער האט עס מיר געשריבען; אבער ניט אז — (געהט ארום איבער'ן צימער ארויף און אראב.)ווארט אקארשט; — פיל־ייכט האט ער עס דאך געטהאן — ווען איך דיינק גוט נאך וועגען דעם. מיין פאטער שרייבט מיר אימער אזעל כע קורצע בריעף. (זעצט זיך אוועק א העלפט אויף דעם ארם פון שטוהל) הער אויס, יאלמאר, זאג מיר אקארשט —; דאס איז דאך אינטערעסאנט —; ווי איז דאס צוגעגאנגען, וואס די ביסט בעקאנט געווארען מיט נינא'ן — מיט דיין פרוי?

י א ל מ א ר: דאס איז געווען זעהר איינפאך. נינא איז דאך ניט לאנג געבליבען דא אין הויז; ס'איז דא געווען אזא איבערקער־רעניש אין יענער צייט, צוליעב דיין מוטער'ס קראנקהייט —; דאס אלעס האט נינא ניט געקענט אריבערטראגען און דערום האט זי גע־

קינדיגט און איז אוועק. דאָס איז געווען אַ יאָהר פאַר דיין מוטער'ס טויט — אָדער פיליכט איז דאָס געווען דעם זעלבען יאָהר.

גרעגערס: ס'איז געווען דעם זעלבען יאָהר. און איך בין דאַמאָלסט געווען אויבען אין דער פאַבריק. אָבער דאַן —?

יאַלמאַר: גינא האָט געוואוינט אין דער היים ביי איהר מוטער, מאַדאַם האַנסען, אַן אויסגעצייכענטע און אַרבייטסזאַמע פרוי, וועלכע האָט געהאַלטען אַ קליינע רעסטאָראַציע. זי האָט אויך געהאַט אַ צימער צו פערדינגען; אַ זעהר שעהן און בעקוועם צימער.

גרעגערס: און דו ביסט וואַהרשיינליך געווען אַזוי גליק־ליך עס צו קריגען?

יאַלמאַר: יאָ; אויך דערויף האָט מיך דיין פאָטער אויפ־מערקזאַם געמאַכט. און דאָרט, — זעהסטו, — דאָרט האָב איך זיך אייגענטליך ריכטיג בעקענט מיט גינא'ן.

גרעגערס: און דאַן זייט איהר פערליעבט געוואָרען?

יאַלמאַר: יאָ. יונגע לייט פערליעבען זיך דאָך אַזוי לייכט איינע אין די אַנדערע —; הם —

גרעגערס (שטעהט אויף און געהט אַרום אַהין און אַהער): זאָג מיר: נאָכדעם ווי דו האָסט זיך פערליעבט, ערשט דאַן האָט דיך מיין פאָטער —; כ'מיין, דאַן ערשט האָסטו זיך אָנגעהויבען נעהמען צו פאָטאָגראַפיע?

יאַלמאַר: יאָ, פּונקט דאַן. איך האָב געוואָלט וואָס גיכער צוקומען דערצו צו האָבען אַ היים. און דיין פאָטער און איך האָבען געפונען, אַז די פאָטאָגראַפיע איז דער בעסטער און לייכסטער וועג דערצו. דאָס איז אויך געווען גינא'ס מיינונג. יאָ, און אָגב איז גע־ווען נאָך אַ גרונד. גליקליכערווייזע האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז גינא האָט זיך אויסגעלערענט רעטושירען.

גרעגערס: דאָס האָט זיך דאָך אַזוי וואונדערבאַר צונויפ־געפּאַסט.

יאַלמאַר (צופריעדען, שטעהט אויף): יאָ, ניט וואָהר? דענקסטו ניט, אַז דאָס האָט זיך אויף אַ וואונדערבאַרען אופן צו־נויפגעפּאַסט?

גרעגערס: יאָ, דאָס מוז איך צוגעבען. מיין פאָטער איז פאַר דיר געוועזען א מין פאַרזעהונג, א השגחה פון הימעל.

יאַלמאַר (גערירט): ער האָט ניט פערלאָזען זיין אלטען פריינד'ס זוהן אין די טעג פון זיין נויט. וואָרים ער האָט א האַרץ, פערשטעהסטו מיך.

פרוי סערבי (קומט אריין, אַרם און אַרם מיט ווערלע'ן): קיינע איינווענדונגען, מיין ליעבער הערר ווערלע; איהר טאָרט ניט בלייבען לענגער דאָ אינעווייניג און קוקען אין די אַלע ליכט. עס טהוט אייך ניט גוט.

ווערלע (לאָזט אָב איהר אַרם און פיהרט אריבער די האַנד איבער די אויגען): ס'קען זיין, איהר זייט גערעכט.

פעטערסען און יענסען טראָגען אַרום טאַצען מיט געטרענקען.

פרוי סערבי (צו די געסט אין אנדערן צימער): זייט אזוי גוט, מיינע הערען; ווער עס וויל א גלאָז פונש, מוז זיך בעמיהען און אריינקומען אהער.

דער דיקער (קומט צו צו פרוי סערבי): מיין גאָט, איז דאָס ווירקליך וואָהר, אז איהר האָט צוגענומען ביי אונז די הערליכע פרייהייט צו רויכערן?

פרוי סערבי: יאָ, הערר קאַמערהערר. דאָ אין הערר ווערלע'ס פריוואַט-צימער איז פערבאָטען צו רויכערן.

דער פליכעוואַטער: פון ווען אַז האָט איהר דאָס איינגעפיהרט אזעלכע שאַרפע פונקטען אין דעם ציגאַר-געזעץ, פרוי סערבי?

פרוי סערבי: נאָך דעם לעצטען דינער, הערר קאַמערהערר; וואָרים דאָ האָבען זיך געוויסע פערזאָנען ערלויבט אריבערצוטרעטען די גרענעץ.

דער פליכעוואַטער: און עס איז גאָר ניט ערלויבט א קליין ביסעלע אריבערצוטרעטען די גרענעץ, פרוי בערטהאַ? ווירקליך ניט?

פרוי סערבי: איז קיין בעציהונג ניט, הערר באַללע.

די מעהרצאָהל פון די געסט האָבען זיך פערזאמעלט אין דעם ארבייטס־צימער; די משרתים טראָגען ארום גלעזער מיט פונש.

ו ו ע ר ל ע (צו יאַלמאר׳ן, וועלכער שטעהט ביי א טיש): וואס שטודירט איהר דאָרט אזוי, עקדאַל?

י א ל מ א ר: גור אן אלבום, הערר ווערלע.

ד ע ר פ ל י כ ע ו ו א ט ע ר (ארומגעהענדיג איבער׳ן צימער): אה, פאָטאָגראפיעס! יא, דאס איז וואס פאר אייך, נאטירליך.

ד ע ר ד י ק ע ר (אין א לעהן־שטוהל): האט איהר ניט מיט־געבראכט א פאר פון אייערע אייגענע?

י א ל מ א ר: ניין, טהוט מיר לייד.

ד ע ר ד י ק ע ר: איהר האט עס געדארפט טהאן; ס׳איז אזוי גוט פאר די פערדייאונג צו זיצען און קוקען אויף בילדער.

ד ע ר פ ל י כ ע ו ו א ט ע ר: און דאן טראגט דאך דאס אביסעל ביי צו דער אונטערהאלטונג, ניט וואהר?

ד ע ר ק ו ר צ ז י כ ט י ג ע ר: און יעדער בייטראג ווערט מיט דאנק אנגענומען.

פ ר ו י ס ע ר ב י: די קאמערהערען מיינען, אז ווען מען ווערט איינגעלאַדען צו א דינער, מוז מען וואס טהאן פאר׳ן עסען, וואס מען קריגט, הערר עקדאל.

ד ע ר ד י ק ע ר: אין א הויז, וואו מען עסט אזוי גוט, איז דאס אן אמת׳ער פערגניגען.

ד ע ר פ ל י כ ע ו ו א ט ע ר: דו ליעבער גאט, ווען עס האנ־דעלט זיך ווענען דעם קאמפף אום׳ס דאזיין, דאן —

פ ר ו י ס ע ר ב י: יא, דאס זייט איהר גערעכט. (זיי זעצען פאָרט דאס געשפרעך אונטער געלעכטער און שפאס.)

ג ר ע ג ע ר ס (שטילערהייט): דו מוזט אויך עפעס ריידען, יאלמאר.

י א ל מ א ר (מיט א פערקרימטער מיענע): פון וואס זאל איך דען ריידען?

ד ע ר ד י ק ע ר: דענקט איהר ניט, הערר ווערלע, אז דער

טאקאיער וויין קען בעטראכט ווערען אלס א בעריהעלטניסמעסיג גע־זונדער געטראנק פאר'ן מאגען?

וו ע ר ל ע (בייס ביייער): פאר דעם טאקאיער, וואס איהר האט היינט געטרונקען, קען איך וויניגסטענס גאראנטירען; דאס איז איינער פון די גאר, גאר פיינסטע יאהרגענג. נו, דאס האט איהר דאך געוויס אליין בעמערקט.

ד ע ר ד י ק ע ר: יא, ער האט געשמעקט מערקווירדיג דעלי־קאט.

י א ל מ א ר (אונזיכער): איז דען פארהאן אן אונטערשיעד צווישען די יאהרגענג?

ד ע ר ד י ק ע ר (לאכט): ניין, — דאס איז ניט שלעכט!

וו ע ר ל ע (שמייכעלט): ס'לוינט זיך ווירקליך ניט אוועק־צושטעלען פאר אייך איידעלע וויין.

ד ע ר פ ל י כ ע וו א ט ע ר: מיט דעם טאקאיער וויין איז פונקט ווי מיט די פאטאגראפיעס. הערר עקדאל: זיי דארפען בייי־דע האבען זונען־שיין. א־ער איז עס פיליכט ניט אזוי?

י א ל מ א ר: יא, ליכט איז אהן צווייפעל וויכטיג דערביי.

פ ר וי ס ע ר ב י: אבער דאן איז דאס דאך אקוראט ווי מיט די קאמערדע־רען. אויך זיי נויטיגען זיך שטארק אין זונען־שיין, ווי מען זאגט.

ד ע ר פ ל י כ ע וו א ט ע ר: אי, אי, דאס איז א צו אלטער וויץ!

ד ע ר ק ו ר צ ז י כ ט י ג ע ר: פרוי סערבי גיט זיך ארויס —

ד ע ר ד י ק ע ר: — און דערצו נאך אויף אונזערע קאסטען. (הויבט אויף דעם פינגער, סטראשענדיג:) פרוי בערטהא! פרוי בער־טהא!

פ ר וי ס ע ר ב י: יא, אבער דאס איז דאך זיכער, אז די יאהרגענג קענען זיין זעהר פערשיעדען. די אלטע יאהרגענג זיינען די פיינסטע.

ד ע ר ק ו ר צ ז י כ ט י ג ע ר: רעכענט איהר מיך צו די אלטע?

פ ר ו י ס ע ר ב י: אה, נאך לאנג נים.

ד ע ר פ ל י כ ע ו ו א ט ע ר: אם האט איהר אייך! אבער מ י ך, ליעבע פרוי סערבי?

ד ע ר ד י ק ע ר: יא, און מיך, צו וועלכע יאהרגענג רעכענט איהר אונז צו?

פ ר ו י ס ע ר ב י: צו די זיסע יאהרגענג, מיינע העררען.

זי זופט פון א גלאז פונש. די קאמערהערען לאכען און שפאסען מיט איהר.

ו ו ע ר ל ע: פרוי סערבי געפינט אימער אן אויסוועג — ווען זי וויל. אבער איהר טרינקט דאך גארנישט, מיינע העררען! — פע־מערסען, זעהט די גלעזער זאלען זיין פול! — גרעגערס, כ'מיינ, מיר וועלען טרינקען א גלאז צוזאמען. (גרעגערס ריהרט זיך ניט.) ווילט איהר ניט מיטהאלטען, עקדאל? איך האב ניט געהאט קיין געלע־גענהייט צו טרינקען מיט אייך ביים טיש.

בוכהאלטער ג ר א ב ע ר ג קוקט ארין דורך די טאפעטען־טיר אין צימער.

ג ר א ב ע ר ג: פארדאן, הערר ווערלע, אבער איך קען ניט ארויסגעהן.

ו ו ע ר ל ע: מען האט אייך שוין ווידער איינגעשלאסען דא אינעווייניג?

ג ר א ב ע ר ג: יא, און פלאקסטאד האט מיטגענומען די שליס־לען —

ו ו ע ר ל ע: נא, דאן געהט דורך דורך דאנען.

ג ר א ב ע ר ג: אבער דא איז נאך אימיצער —

ו ו ע ר ל ע: נו, קומט נור, קומט נור, איהר ביידע; זשענירט זיך ניט.

ג ר א ב ע ר ג און דער א ל ט ע ר ע ק ד א ל קומען ארויס פון קאנטאר.

ו ו ע ר ל ע (ניט ווילענדיג): אוף!

דאס געלעכטער און דער געשפרעך צווישען די געסט הערט אויף.

יאַלמאַר ווערט פערציטערט, דערזעהענדיג זיין פאַטער, שטעלט אוועק זיין גלאָז און דרעהט זיך אויס מיט'ן פנים צום פייער.

ע ק ד א ל (הויבט ניט אויף די אויגען, נאָר פערנייגט זיך פער־בייגעהענדיג אויף ביידע זייטען און מורמעלט): כ'בעט פערצייהונג. בין געקומען מיט א פאַלשען וועג. די טיר איז געווען פערשלאָסען. כ'בעט פערצייהונג.

ער און גראַבערג געהען ארויס דורך'ן הינטערגרונד רעכטס.

ו ו ע ר ל ע (צווישען די צייהן): דער פע־דאַמטער גראַבערג!

ג ר ע נ ע ר ס (קוקט אויף יאַלמאַר'ן מיט אַן אָפענעם מויל): דאַס איז דאָך ניט געווען — !

ד ע ר ד י ק ע ר: וואַס איז דאַס? ווער איז דאַס געווען?

ג ר ע ג ע ר ס: אַ, קיינער ניט. נור דער בוכהאַלטער און נאָך אימיצער.

ד ע ר ק ו ר צ ז י כ ט י ג ע ר (צו יאַלמאַר'ן): קענט איהר דעם מאַן?

י א ל מ א ר: כ'וויים ניט — ; כ'האַב זיך ניט צוגעקוקט —

ד ע ר ד י ק ע ר (שטעהט אויף): צום טייוועל, וואַס טהוט זיך דאַ? (ער געהט צו צו עטליכע אַנדערע, וועלכע ריידען שטיל צווי־שען זיך).

פ ר ו י כ ע ר ב י (מיט אַ שעפטשענדען טאָן צו דעם דיענער): גיט איהם עפּעס מיט; עפּעס רעכטס.

פ ע ט ע ר ס ע ן (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): זאָל געשעהן! (אָב.)

ג ר ע נ ע ר ס (שטיל און גערירהרט צו יאַלמאַר'ן): ס'איז אלזאָ ווירקליך געווען ער!

י א ל מ א ר: יאָ.

ג ר ע נ ע ר ס: און דאָך ביסטו געשטאַנען דאָ און געלייקענט, אז דו קענסט איהם!

י א ל מ א ר (מיט אַ שעפּטשענדיג, העפטיגען טאָן): אבער ווי אזוי האָב איך ג ע ק ע נ ט — !

ג ר ע נ ע ר ס: — אנערקענען דיין איינענעם פאַטער?

יאלמאר (שמערצליך): אַ, ווען דו וואלסט געווען אויף מיין פּלאַץ —

דאָס געשפּרעך צווישען די געסט, וואָס איז ביז אַהער אַנגעגאַנגען שטילערהייט, געהט פּלוצלונג איבער אין אַ געצוואונגענעם הויכען טאָן.

דער פּליכעוואַטער (געהט צו נאָהענט צו יאַלמאַר און גרעגערס, מיט אַ פריינדשאַפטליכען טאָן): אהא! דאַ ווערן אַבגע־פּרישט אלטע עראינערונגען פון דער שטודיר־צייט? וואס? איהר רויכערט גאר נים, הערר עקדאל? זאל איך אייך געבען פייער? אַ, כ'האב גאר פערגעסען, מיר טארען דאך נים —

יאלמאר: א דאנק, איך רויכער נים —

דער דיקער: האט איהר נים א קליין, שעהן געדיכטעל צו דעקלאמירען, הערר עקדאל? איהר פלעגט דאך אמאל דעקלא־מירען אזוי פיין.

יאלמאר: ליידער געדיינק איך איצט קיין זאך נים.

דער דיקער: אַך, אַ שאַד. וואס זשע טהוט מען פּאַרט, באַלדע?

ביידע הערען געהען אוועק אין הינטערשטען צימער.

יאלמאר (אומעטיג): גרעגערס, איך געה אוועק! ווען אַ מענש האט געפיהלט אויף זיין קאָפּ די צודריקענדע האנד פון דעם שיקזאל, זעהסטו — זאג דיין פאטער אדיע אין מיין נאמען.

גרעגערס: יא, יא, דו געהסט גלייך אהיים?

יאלמאר: יא. פארוואס פרעגסטו?

גרעגערס: ווייל איך וועל פיליכט שפּעטער קומען צו דיר.

יאלמאר: ניין, טהו עס נים. נים צו מיר אהיים. מיין וואוינונג איז אומעטיג און איינזאם, גרעגערס, — בעזונדערס נאך אזא גרוסארטיגען באנקעט ווי דער דא. מיר קענען זיך דאך טרעפען ערגעץ אנדערסוואו אין שטאדט.

פרוי סערבי (וועלכע איז צוגעקומען נאָהענט צו זיי, שטילערהייט): איהר געהט שוין, עקדאל?

יאלמאר: יא.

פרוי סערבי: גריסט גינא'ן.

יאלמאר: א דאנק.

פרוי סערבי: און זאגט איהר, אז איך וועל די טעג אריינקומען צו איהר.

יאלמאר: בעסטען דאנק. (צו גרעגערס): בלייב דא, איך וועל פערשווינדען אונבעמערקטערהייט.

ער געהט לאנגזאם אריין אין הינטערשטען צימער און פון דארט רעכטס ארוים.

פרוי סערבי (שטילערהייט צו דעם דיענער, וועלכער איז צוריקגעקומען): נו, האט איהר דעם אלטען עפעס מיטגעגעבען?

פעטערסען: יא, כ'האב איהם מיטגעגעבען א פלאש קאניאק.

פרוי סערבי: נא, איהר האט געקענט אויכזוכען עפעס בעסערעס פאר איהם.

פעטערסען: אה, ניין, פרוי סערבי. קיין בעסערס ווי קאניאק איז פאר איהם ניטא.

דער דיקער (אין דער טיר, מיט א נאטען־העפט אין דער האנד): זאלען מיר פיליכט שפיעלען א דועט, פרוי סערבי?

פרוי סערבי: יא! לאמיר עס טהאן.

די געסט: בראווא! בראווא!

זיי און אלע געסט געהען דורך דאס צימער רעכטס אב. גרעגערס בלייבט שטעהן ביים קאמין. ווערלע זוכט עפעס אויף'ן שרייב־טיש און עס זעהט אויס, אזוי ווי ער וואלט וועלען, גרעגערס זאל אוועקגעהן; אזוי ווי גרעגערס ריהרט זיך אבער ניט, לאזט זיך ווערלע געהן צו דער טיר.

גרעגערס: פאטער, ווילסטו ניט בלייבען א ווײלע?

ווערלע (בלייבט שטעהן): וואס איז?

גרעגערס: איך מוז עפעס ריידען מיט דיר.

ווערלע: האט עס ניט צייט, ביז מיר וועלען זיין אליין?

גרעגערס: ניין; ווארים עס קען זיך מאכען, אז מיר זאלען גראד ניט בלייבען אליין.

ווערלע (קומט צו נעהענטער): וואס הייסט דאס?

אין דער צייט, וואס דאס ווייטערע געשפרעך געהט אן, הערט מען שוואכע פיאנא־טענער פון דעם מוזיק־זאאל.

גרעגערס: ווי איז דאס מעגליך געוועזן צו לאזען די פאמי־ליע אזוי שרעקליך פעראַרימט ווערען?

ווערלע: דו מיינסט דאך ווערשיינליך די עקדאלס.

גרעגערס: יא, איך מיין די עקדאלס. ליטענאנט עקדאל איז דאך אמאל געשטאנען זעהר נאהענט צו דיר.

ווערלע: לײדער, צו נאהענט. דאס האב איך יאהרענ־לאנג געמוזט פיהלען און לײדען דערפון. דאס האב איך דאך איהם צו פערדאנקען, וואס אויך מיין גוטער נאמען, מיין רעפּוטאציע האט געקריגען א סארט פלעק אויף זיך.

גרעגערס (שטילערהייט): איז ער ווירקליך געוועזן דער איינציגער שולדיגער?

ווערלע: ווער נאך דען?

גרעגערס: ער און דו, איהר האט דאך דאן ביידע בשותפות געמאכט דעם גרויסען וואלד־מסחר.

ווערלע: אבער איז דאס ניט געוועזן עקדאל, וועלכער האט אויפגעצייכענט די קארטע פון דער געגענד, יענע פאלשע קארטע! דאס האט ער דאס אויף אן אונגעזעצליכען אופן אויסגעהאקט דאס גאנצע האלץ אויף דעם שטאאט׳ס באדען. ער אליין האט דאך געפיהרט דאס גאנצע געשעפט דארט אויבען. איך האב קיין אה־נונג ניט געהאט, וואס ליטענאנט עקדאל האט געטהאן.

גרעגערס: ליטענאנט עקדאל האט ווארשיינליך אליין קיין אהנונג ניט געהאט, וואס ער האט געטהאן.

ווערלע: דאס קען זיך זיין. אבער עס איז דאך א טהאט־זאך, אז ער איז פעראורטהיילט און איך בין בעפרייט גע־ווארען.

גרעגערס: יא, איך ווייס גאנץ גוט, אז עס האבען גע־פעהלט די בעווייזע דערצו.

ווערלע: בעפרייט איז בעפרייט. נאך וואס ריהרסטו אויף אט די אלטע געשיכטען, וועלכע האבען מיך גראה געמאכט פאר דער

צייט? ווענען דעם האסטו דאס אַט די אַלע יאָהרען דאָרט אויבען נאָכגעגריבעלט? איך קען דיר פערזיכערן, גרעגערס, דאָ אין שטאָדט זיינען די געשיכטען שוין לאַנג פערגעסען — אַזוי ווייט ווי דאס איז מיר נוגע.

גרעגערס: אָבער די אונגליקליכע פאַמיליע עקדאַל — !

ווערלע: וואס האָב איך אייגענטליך געזאָלט טהאָן פאַר די לייט? אַז עקדאַל איז אַרויס פון געפענגניס, איז ער געווען אַ געבראָכענער, פערלאָרענער מאַן, ניט מעהר צום רעטען. עס זיינען דאָ מענשען אויף דער וועלט, וועלכע געהען צו גרונד, ווען זיי קריגען בלויז אַ פּאָר שראָט־קערנער אין לייב, און זיי הויבען זיך שוין מעהר קיינמאָל ניט אויף. דו קענסט מיר גלויבען אויף'ן וואָרט, גרעגערס, איך בין געגאַנגען אַזוי ווייט ווי איך האָב נור געקענט, הגם איך האָב עס ניט געטהאָן אָפען, כדי ניט צו געבען קיין גרונד פאַר אַלערליי פערדעכטיגונגען און פּלאָפּלערייען —

גרעגערס: פערדעכטיגונגען — ? נו יאָ, פערשטעהט זיך.

ווערלע: איך האָב געזעהן עקדאַל זאָל קריגען זאַכען אָיבערצושרייבען פאַר'ן קאָנטאָר, און איך בעצאָהל איהם אַ כּח, אַ סך מעהר ווי זיין ארבייט איז ווערטה —

גרעגערס (נים קוקענדיג אויף איהם): הם; דערויין צווייפעל איך ניט.

ווערלע: דו לאַכסט? גלויבסט אפשר ניט, אַז איך זאָג דעם אמת? ביי מיר אין די ביכער שטעהט יעדענפאַלס גאָרנישט ווענען דעם; וואָרים אַזעלכע אויסגאַבען טראָג איך קיינמאָל ניט אַריין אין בוך.

גרעגערס (מיט אַ קאַלטען שמייכעל): ניין; פאַרהאַן געוויסע אויסגאַבען, וועלכע עס איז בעסער ניט אַריינצוטראָגען אין בוך.

ווערלע (איבעראַשט): וואס מיינסטו דערמיט?

גרעגערס (מיט ערקעמפּפטען מוטה): האָסטו איינגעשריבען אין די ביכער דאס, וואס עס האָט דיך געקאָסט צו מאַכען יאַלמאַר עקדאַל פאַר אַ פאָטאָגראַף?

וועדלע: איך? וואס הייסט איינגעשריבען אין די ביכער?

גרענגערס: איך ווייס איצט, אז דו האסט דאס בע־צאהלט דערפאר. און איך ווייס אויך, אז דו האסט איהם גענעבען די מעגליכקייט זיך צו עטאבלירען.

וועדלע: נו, און דאך זאגסטו, אז איך האב גארנישט גע־טהאן פאר די עקדאלס! איך קען דיר פערזיכערן, אז אט די מענשען האבען מיר פערשאפט גענוג אויסגאבען.

גרענגערס: האסטו גאר קיינע פון אט די אויסגאבען ניט אריינגעטראגען אין די ביכער?

וועדלע: פארוואס פרעגסטו דאס?

גרענגערס: א, איך האב מיינע אורזאכען דערצו. זאג מיר, איך בעט דיך — ווען דו האסט זיך אזוי ווארם אנגענומען פאר דיין אלטען פריינד'ס זוהן — איז דאס ניט געווען גראד דאן, ווען ער האט געוואלט הייראטהען?

וועדלע: יא, צום טייוועל — ווי זאל איך נאך אזויפיעל יאהרען —?

גרענגערס: דו האסט מיר דאמאלסט געשריבען א בריעף — א געשעפטס־בריעף נאטירליך, און אין א נאכשריפט איז געשטא־נען גאנץ קורץ, אז יאלמאר עקדאל האט חתונה געהאט מיט א פריי־ליין האנסען.

וועדלע: יא, און דאס איז דאך אויך געווען גאנץ ריכטיג; אזוי האט זי געהייסען.

גרענגערס: אבער דו האסט קייןווארט ניט דערמאנט דע־ריבער, אז דאס דאזיגע פרייליין האנסען איז געווען גינא האנכען — אונזער געוועזענע הויז־פיהרערין.

וועדלע (מיט א שפאטישען אבער געצוואונגענעם געלעכטער): ניין, איך האב ווירקליך ניט געדיינקט, אז דו זאלסט זיך האבען אזוי שטארק אינטערעסירט מיט אונזער געוועזענער הויז־פיהרערין.

גרענגערס: דאס האב איך טאקע ניט געטהאן. אבער — (לאזט אראב די שטימע) עס זיינען געווען דא אין הויז אנדערע, וועל־כע זיינען געווען גאנץ שטארק פעראינטערעסירט אין איהר.

ו ו ע ר ל ע: וואס מיינסטו דערמיט? (צוקאַנם) דו מיינסט דאך אקארשט נים מיך?

ג ר ע ג ע ר ם (שטיל, אבער פעסט): יאַ, איך מיין דיך.

ו ו ע ר ל ע: און דאס וואגסטו —! דאס אונטערשטעהסט דו זיך! — ווי קען ער, אט דער אונדאנקבארער מענש — דער פאטאגראף — ווי קען ער האבען די העזה צו קומען מיט אזעלכע אינסינואציעס!

ג ר ע ג ע ר ס: יאלמאר האט קיין איין ווארט ניט דערמאנט פון דעם אלעם. איך גלויב, אז ער האט גאר קיין אהנונג ניט דערפון.

ו ו ע ר ל ע: אבער פון וואנען דען האסטו עס גענומען? ווער האט דיר געקענט זאגען אזעלכע זאכען?

ג ר ע ג ע ר ס: דאס האט מיר מיין ארעמע אונגליקליכע מוטער געזאגט. דאס לעצטע מאל, וואס איך האב זי געזעהן.

ו ו ע ר ל ע: דיין מוטער! דאס האב איך זיך גלייך געקענט פארשטעלען. זי און דו — איהר האט זיך אימער געהאלטען צוזאמען. דאס האט זי באלד אין אנפאנג פערביטערט דיין הארץ געגען מיר.

ג ר ע ג ע ר ס: ניין, ס'איז געקומען פון דעם אלעם, וואס זי האט דא געהאט צו ליידען און צו דולדען, ביז זי איז צוזאמענגעבראכען און אזוי יאמערליך צו גרונד געגאנגען.

ו ו ע ר ל ע: א, זי האט גארנישט געהאט צו ליידען און צו דולדען, יעדענפאלס ניט מעהר ווי פיעל אנדערע. אבער מיט קראנקע, איבערשפאנטע מענשען איז דאך ניט אויסצוקומען. דאס האב א י ך גענוג און איבער גענוג געהאט צו פיהלען. — און איצט קומסטו נאך מיט אזא פערדאכט — קומכט און ראיעסט זיך אין אלערליי קלאנגען און פערליימדונגען געגען דיין אייגענעם פאטער. ווייסטו, גרעגערס, איך מיין, אז אין דיינע יאהרען וואלסטו זיך ווירקליך געקענט אבגעבען מיט עטוואס ניצליכערעס.

ג ר ע ג ע ר ס: יא, ס'איז די העכסטע צייט דערצו.

ו ו ע ר ל ע: דאן וואלט דיר פיליייכט אויך לייכטער געווארען אויף'ן הארצען. ווי עס שיינט איצט צו זיין. וואס קען ווערען דער־

פון, וואס דו זיצסט אזוי יאהר איין יאהר אוים דארט אויבען איז ד'ער פאבריק און פלאגסט זיך ווי אן איינפאכער קאנטאר־שרייבער און ווילסט ניט אננעהמען קיין איין שילינג איבער דיין געוועהנליכען לוין? דאס איז דאך א ריינער שגעון.

גרעגערס: יא, ווען איך וואלט נור געוועזן זיכער אין דעם!

ווערלע: איך פערשטעה דיך גאנץ גוט. דו ווילסט זיין אונאבהייננגיג, ווילסט מיר גארנישט שולדיג זיין. אבער איצט איז גראד דא א געלעגענהייט פאר דיר צו זיין אונאבהייננגיג, צו ווערען דיין אייגענער בעל הבית אין יעדער בעציהונג.

גרעגערס: ווירקליך? און אויף וואס פאר אן אופן?

ווערלע: ווען איך האב דיר געשריבען, אז דו מוזט אונבעדינגט גלייך אריבערקומען אהער — הם —

גרעגערס: יא, וואס ווילסטו אייגענטליך פון מיר? איך האב געווארט דעם גאנצען טאג דערויף, דאס אויסצוגעפינען.

ווערלע: איך וויל דיר פארשלאגען אריינצוטרעטען אלס שותף אין מיין פירמא.

גרעגערס: איך? אין דיין פירמא? אלס שותף?

ווערלע: יא, דאס הייסט דאך ניט, אז מיר וועלען מוזען שטענדיג זיין צוזאמען. דו וואלסט געקענט איבערנעהמען די געשעפטען דא אין שטאדט, און איך וואלט זיך אריבערגעצויגען אויבען אויף דער פאבריק.

גרעגערס: דאס האסטו געוואלט?

ווערלע: יא, זעהסטו, איך בין שוין מעהר ניט אזוי פעהיג צו דער ארבייט, ווי פריהער, איך בין געצוואונגען צו שוינען מיינע אויגען, גרעגערס. זיי הויבען אן ווערען שוואך.

גרעגערס: שוואך זיינען זיי דאך אימער געוועזן.

ווערלע: ניט אזוי ווי איצט — און דאן, אויסער דעם — די אומשטענדען קענען עם פיליכט מאכען ווינשענסווערטה פאר מיר צו וואוינען דארט אויבען — וויניגסטענס פאר א שטיקעל צייט.

ג ר ע ג ע ר ס: דאס וואלט מיר קיינמאל ניט ארויף אויף'ן זינען.

ו ו ע ר ל ע: הער מיך אויס, גרעגערס. עס זיינען דא געניג זאכען, וואס שיידען אונז פונאנדער — געוויס. אבער מיר זיינען דאך פארט פאטער און זוהן. איך מיין, מיר וואלטען דאך געדארפט קענען קומען צו וואס־ער עס איז פערשטענדיגונג.

ג ר ע ג ע ר ס: אויסערליך מיינסטו דאך געוויס?

ו ו ע ר ל ע: נא, זאגאר דאס וואלט שוין געווען עפעס. דענק נאך וועגען דעם, גרעגע־ס. גלויבסטו ניט, אז עס וואלט זיך געלאזט מאכען? וואס?

ג ר ע ג ע ר ס (קוקט איהם אן מיט קאלטע בליקען): דא שטעקט עפעס הינטער דעם אלעם.

ו ו ע ר ל ע: וואס הייסט?

ג ר ע ג ע ר ס: דו דארפסט מיך געוויס האבען צו וואס עס איז.

ו ו ע ר ל ע: אין אזעלכע נאהענטע פערהעלטניסען ווי אונזערע, דארף איינער אימער אנקומען צום אנדערן.

ג ר ע ג ע ר ס: יא, אזוי זאגט מען.

ו ו ע ר ל ע: איך וואלט דיך איצט גערן געוואלט האבען אויף א צייט לאנג ביי מיר אין הויז. איך בין אן איינזאמער מאן, גרעגערס, כ'האב זיך אימער געפיהלט איינזאם — מיין גאנץ לעבען לאנג; אבער אם מייסטען איצט, ווען איך הויב אן ווערן אלט. איך מוז האבען וועמען עס איז ארום מיר.

ג ר ע ג ע ר ס: דו האסט דאך פרוי סערבי.

ו ו ע ר ל ע: יא, איך האב איהר; און זי איז מיר, אזוי צו זאגען, געווארען אונענטבעהרליך; כ'קען כמעט ניט אויסקומען אהן איהר. זי איז מונטער, האט ניט קיין קאפריזען; זי ברייננט אריין לעבען אין הויז; — און דאס דארף איך אזוי נייטיג האבען.

ג ר ע ג ע ר ס: נו, יא; דאן האסט דו דאך אלעס, וואס דיין הארץ גלוסט.

ו ו ע ר ל ע: יא, אבער איך האב מורא, אז דאס קען ניט בלייבען אזוי. א פרוי אין אזעלכע פערהעלטניסען קען לייכט אויס־

נעפינען, אז די וועלט קוקט קרום אויף איהר. יא, איך מיין, אז פאר א מאן איז דאס אויך ניט קיין אנגענעהמע זאך.

ג ר ע ג ע ר ס: א, ווען א מאן ניט אזעלכע באנקעטען ווי דו, קען ער שוין פיעל ריזיקירען.

ו ו ע ר ל ע: יא, אבער ז י, גרעגערס? איך האב מורא, אז זי וועט לאנג ניט וועלען בלייבען אין דער לאגע. און זאנאר ווען זי זאל עס טהאן — ווען זי זאל זאגאר, אויס צוגעבונדענקייט צו מיר, ניט קוקען אויף דער פלאפלעריי און אויף די פערליימדונ־גען און אלע עהנליכע זאכען — דענקסטו ניט, גרעגערס, דו מיט דיין שטארקען געפיהל פאר גערעכטיגקייט —

ג ר ע ג ע ר ס (אונטערברעכט איהם): קורץ און גוט — זאג מיר איינס: דו דענקסט חתונה צו האבען מיט איהר?

ו ו ע ר ל ע: און ווען איך זאל דענקען פון אזוי וואס? וואס דאן?

ג ר ע ג ע ר ס: יא, דאס פרעג איך אויך. וואס דאן?

ו ו ע ר ל ע: וואלט עס דיר געווען שטארק דערווידער?

ג ר ע ג ע ר ס: ניין, גארנישט. אבסאלוט ניט.

ו ו ע ר ל ע: איך בין דאך ניט געווען זיכער, פיליייכט צוליעב דער עראינערונג אן דיין פערשטארבענער מוטער —

ג ר ע ג ע ר ס: איך בין ניט איבערשפאנט.

ו ו ע ר ל ע: ווי עס זאל ניט זיין, — יעדענפאלס האסטו מיר אראבגענומען א שווערען שטיין פון הארצען. ס'איז מיר זעהר, זעהר ליעב, וואס איך קען אין אט דער זאך רעכענען אויף דיין צושטי־מונג.

ג ר ע ג ע ר ס (קוקט איהם אן מיט שפאנענדע בליקען): איצט ווייס איך צו וואס דו ווילסט מיך אויסנוצען.

ו ו ע ר ל ע: דיך אויסנוצען? וואס איז דאס פאר אן אויסדרוק?

ג ר ע ג ע ר ס: א, לאמיר ניט זיין אזוי אויסקלייבעריש מיט אונזערע ווערטער — ווענינסטענס ניט אונטער פיער אויגען. (מיט א קורצען געלעכטער) נו יא! צום טייוועל! דערפאר האב איך

דאס געמוזט אונבעדינגט אראבקומען אהער אין אייגענער פערזאן. דער פרוי סערבי'ן צוליעב ווערט דא געשטעלט א פאמיליען־לעבען אויף דער סצענע. אלס דעקאראציע א בילד צווישען פאטער און זוהן! דאס וועט ווירקליך זיין עטוואס נייעס!

וו ע ר ל ע: ווי קענסטו ריידען צו מיר אין אזא טאן!

ג ר ע ג ע ר ס: ווען האבען מיר דא געהאט א פאמיליען־לעבען? קיינמאל ניט. אזוי לאנג ווי איך קען זיך ערמאנערן. אבער א י צ ט קען מען שוין דארפען אביסעל דערפון. ווארים עס וועט אהן צווייפעל האבען אן אויסגעצייכענטע ווירקונג, ווען מען וועט קענען דערצעהלען, אז דער זוהן איז אויף די פליגלען פון ליעבע און רעספעקט אראבגעקומען צום אלטען פאטער אויף דער חתונה. וואס וועט דאן בלייבען פון די אלע קלאנגען וועגען דעם, וואס די ארעמע פערשטארבענע האט געמוזט ליידען און דולדען. קיין שפור. איהר זוהן אליין פערניכטעט זיי דאך.

וו ע ר ל ע: גרעגערס, — איך גלויב, קיין מענש אויף דער וועלט איז דיר ניט אזוי דערווידער ווי איך.

ג ר ע ג ע ר ס (שטילערהייט): איך האב דיך צו גוט געזעהן פון דער נאהענט.

וו ע ר ל ע: דו האסט מיך געזעהן מיט די אויגען פון דיין מוטער. (לאזט אראב אביסעל די שטימע.) אבער דו דארפסט ניט פערגעסען, אז איהרע אויגען זיינען צייטענווייז געווען ארומגענומען מיט א נעבעל.

ג ר ע ג ע ר ס (ציטערענדיג): איך ווייס, וואס דו מיינסט דערמיט. אבער ווער איז שולדיג אין מיין מוטער'ס אונגליקליכער שוואכקייט? ווער, אויב ניט דו און אלע די — ! די לעצטע פון זיי איז געווען יענעם פרויענצימער, מיט וועמען יאלמאר עקדאל איז צונויפגעפארט געווארען, ווען דו האסט שוין ניט מעהר — א!

וו ע ר ל ע (ציהט מיט די אקסלען): ווארט פאר ווארט, — אקוראט ווי דיין מוטער וואלט דאס גערעדט..

ג ר ע ג ע ר ס (זיך ניט אומקוקענדיג אויף זיינע רייד): — און דא זיצט ער אלזא, מיט זיין גרויסער, צוטרויליכער קינדער־זעע־

לע אין רעכטענ מיטעז פון דעם בעטרוג, — לעבט אונטער אייז דאך מיט אזא פערזאן און ווייסט ניט, אז דאס, וואס ער רופט זיין היים, איז געבויט אויף א ליגען! (געהט צו א טריט נעהענטער) אז איך בליק צוריק אויף דיין גאנצער פערגאנגענהייט, דוכט זיך מיר אב. אזוי ווי איך וואלט געזעהן א שלאכט־פעלד, פול מיט ערמארדעטע מענשען־שיקזאלען.

ווערלע: איך הויב אן צו גלויבען, אז דער שפאלט צווישען אונז ביידען איז צו ברייט.

גרעגערס (פערניינט זיך, מיט זעלבסט־בעהערשונג): דאס האב איך אויך בעמערקט. און דערום נעהם איך מיין הוט און געה.

ווערלע: דו געהסט? — אוועק פון הויז?

גרעגערס: יא. ווארים איצט זעה איך ענדליך אן אויפ־גאבע, פאר וועלכע איך קען לעבען.

ווערלע: וואס איז דאס פאר אן אויפגאבע?

גרעגערס: דו וואלסט נור געלאכט, ווען דו הערסט עס.

ווערלע: אן איינזאמער מאן לאכט ניט אזוי לייכט, גרעגערס.

גרעגערס (ווייזט אן אויף דעם הינטערגרונד): זעה, פא־טער — דארט שפיעלען די קאמערהערען „בלינדע קוה" מיט דער פרוי סערבי — גוטע נאכט! — אדיע! (געהט ארויס דורך'ן הינטער־גרונד רעכטס. מען הערט דעם פרעהליכען געשפרעך און דעם געלעכטער פון דער געזעלשאפט, וועלכע בעוויזט זיך אין דעם אויסערליכען צימער)

ווערלע (מורמעלט מיט א שפאטישען טאן הינטער גרעגערס): הע —! דער שוטה! — און ער זאגט נאך, אז ער איז ניט אי־בערשפאנט!

צווייטער אקט.

יאַלמאַר עקדאַל׳ס סטודיאָ. אַ ציִמליך גרויסע שטוב. מען דערקענט גלייך, אז דאָס איז אַ דאַך־צימער. רעכטס געפינט זיך אַ משופע׳דיגער דאַך מיט גרויסע גלעזערנע שויבען, האַלב פערדעקט דורך א בלויען פאַר־האַנג. הינטען אין עק רעכטס איז די ארויסגאנגס־טיר, פאַרנט אויף דער זעלבער זייט אַ טיר, וואָס פיהרט צו דער וואוין־שטוב. אין דער וואַנד לינקס זיינען אויך דאָ צוויי טירען און צווישען זיי אַן אייזערנער אויווען. אין דער הינטערשטער וואַנד א ברייטע דאָפעל־טיר, וועלכע קען אַבגערוקט ווערען אַן א זייט. די סטודיאָ איז איינפאַך אָבער גע־מיטהליך איינגעאָרדענט און מעבלירט. צווישען די טירען רעכטס, אַבי־סעל אַבגערוקט פון דער וואַנד, שטעהט אַ זאָפאַ מיט אַ טיש און עטליכע שטוהלען; אויף׳ן טיש אַן אַנגעצונדענער לאָמפּ מיט אַן אַבאַזשור; ביים אויווען אַן אַלטער לעהן־שטוהל. פערשיעדענע פאָטאָגראפישע אַפּאַ־ראַטען און אינסטרומענטען זיינען אויפגעשטעלט דאָ און דאָרט אין צי־מער. ביי דער הינטערשטער וואנד לינקס פון דער דאָפּעל־טיר אַ שאַפע, וואו עס געפינען זיך עטליכע ביכער, שאַכטלען און פלעשער מיט כעמישע שטאָפען, אינסטרומענטען, געציִיג און אנדערע זאַכען. פאָטאָגראַפיעס און קלייניגקייטען, ווי פינזלען, פאַפּירען, א. א. וו. ליעגען אויף׳ן טיש.

ג י נ אַ זיצט אויף א שטוהל ביים טיש און נעהט. ה ע ד ו ו י ג זיצט אויף דער זאָפאַ, די הענד פאר די אויגען און די גראָבע פינגער אין די אויערן; זי לייענט א בוך.

ג י נ אַ (קוקט אַן העדוויג׳ן אַ פּאָר מאָל, ווי אין געהיימער זאָרג, דאן זאָגט זי): העדוויג! (העדוויג הערט זי ניט און גינא זאָגט העכער): העדוויג!

ה ע ד ו ו י ג (נעהמט אוועק די הענד און הויבט אויף די אויגען פון בוך): יא, מוטער?

ג י נ א: ליעבע העדוויג, געגוג דיר שוין זיצען און לעזען.

ה ע ד ו ו י ג: אך, מוטער, לאז מיר נאך אביסעלע! נור א קליין ביכעלע!

ג י נ א: ניין, ניין, דו מוזט איצט אוועקלעגען דאס בוך. דיין פאטער קען דאס ניט ליידען; ער אליין לייענט קיינמאל ניט ביי־נאכט.

ה ע ד ו ו י ג (מאכט צו דאס בוך): ניין, פאפא גיט זיך ווינציג וואס אב מיט לעזען.

ג י נ א (לעגט אוועק דאס געניעה און נעהמט א בליי־פעדער און א קליינעם העפט פון טיש): קענסט זיך פילייכט דערמאנען, וויפיעל מיר האבען היינט אויסגעגעבען אויף פוטער?

ה ע ד ו ו י ג: א קראנע און פינף און זעכציג ערע.

ג י נ א: ריכטיג. (פערשרייבט.) ס'איז שרעקליך, וויפיעל פוטער דא געהט אוועק אין הויז. — דאן אויף געוויכערטע וואורשט און קעז — לאמיך זעהן — (פערשרייבט.) און דאן אויף שינקען — הם (ציהט צונויף.) יא, דאס מאכט פונקט —

ה ע ד ו ו י ג: און דערצו דאס ביער.

ג י נ א: יא, פערשטעהט זיך. (פערשרייבט.) ווי דאס לויפט אויף! אבער דאס אלעס מ ו ז מען דאך האבען.

ה ע ד ו ו י ג: דערפאר האבען מיר ביידע דאך ניט געדארפט קיין ווארעמען מיטאג, ווייל פאפא איז ניט געוועזען אין דערהיים.

ג י נ א: יא, דאס איז זעהר גוט געוועזען. נא, און דאן האב איך דאך אויך איינגענומען אכט קראנען פופציג פאר די פאטאגראפיעס.

ה ע ד ו ו י ג: ווירקליך — אזוי פיעל האט דאס אויסגע־מאכט?

ג י נ א: אקוראט אכט קראנען פופציג.

פויזע. ג י נ א נעהמט זיך ווידער צום נעהען. ה ע ד ו ו י ג נעהמט פאפיר און א בליי־פעדער און הויבט אן צייכנען, זיך פערשטע־לענדיג מיט דער לינקער האנד.

ה ע ד ו ו י ג: איז עס ניט וואונדער־שעהן זיך פארצושטעלען,

אז פאפא איז ביי דעם רייכען הערר ווערלע אויף א גרויסארטיגען מיטאג?

נ י נ א: דו קענסט דאך ניט זאגען, אז ער איז ביי דעם רייכען הערר ווערלע. אייגענטליך האט דאך איהם דער זוהן איינגעלאדען. (נאך א קורצער פויזע): מיט דעם אלטען ווערלע האבען מיר דאך גארנישט וואס צו טהאן.

ה ע ד ו ו י ג: איך וואלט אזוי וועלען, דער פאפא זאל שוין קומען אהיים. ער האט מיר פערשפראכען, אז ער וועט בעטען ביי פרוי כערבי עפעס א גוטע זאך פאר מיר.

נ י נ א: יא, אין ד ע ם הויז איז דאס פון אלעם גוטען, דאס איז שוין איינמאל זיכער.

ה ע ד ו ו י ג (צייכענט ווייטער): אביסעלע הונגעריג בין איך דאך אויך.

דער א ל ט ע ר ע ק ד א ל, מיט א פאק פאפירען אונטער'ן ארם און אן אנדער פאקעט אין דער ראק-טאש, קומט אריין דורך די קארידאר-טיר.

נ י נ א: ווי שפעט איהר קומט עם היינט אהיים, זיידע!

ע ק ד א ל: זיי האבען פערשלאסען דעם קאנטאר.)כ'האב געמוזט ווארטען ביי גראבערג'ען. און דאן האבען זיי מיך דורכגע-לאזט — ה'ם.

ה ע ד ו ו י ג: האבען זיי דיר ווידער געגעבען עפעס צום איבערשרייבען, זיידע?

ע ק ד א ל: דעם גאנצען פאק, זעה נאר.

נ י נ א: דאס איז דאך גרויסארטיג.

ה ע ד ו ו י ג: און אין טאש האסטו נאך א פאקעט.

ע ק ד א ל: אזוי? ווייס איך וואס! דאס איז גארנישט. (שטעלט אוועק דעם שטעקען אין א ווינקעל.) דא האב איך ארבייט אויף א לאנגע צייט, נינא. (רוקט אוועק איין האלבע טיר אין הינטער-גרונד אביסעל אן א זייט.) פסט! (קוקט א ווייל אריין אינעווייניג אין צימער און רוקט פארזיכטיג צוריק צו די טיר.) הע—הע! זיי

שלאפען שוין, אלע צוזאמען, און ז י האט זיך אריינגעלייגט אין קארב. העט—העט!

ה ע ד ו ו י ג: ביסטו זיכער, זיידע, אז עס איז איהר ניט קאלט אין דעם קארב?

ע ק ד א ל: וואס פאלט דיר איין! קאלט? אין דער מאכע שטרוי? (לאזט זיך געהן צו דער אויבערשטער טיר לינקס.) די שוועלבעלאך זיינען דאך וואהרשיינליך אינעווייניג?

ג י נ א: די שוועלבעלאך שטעהען אויף׳ן קאמאד.

עקדאל געהט ארין צו זיך אין צימער.

ה ע ד ו ו י ג: ס׳איז ווירקליך גוט, וואס דער זיידע האט וויע־דער געקריגען אזוי פיעל צו שרייבען.

ג י נ א: יא, דער ארעמער, אלטער פאטער! אזוי וועט ער זיך ווייניגסטענס פערדיענען אביסעל טאשען־געלד.

ה ע ד ו ו י ג: און דאן וועט ער ניט קענען זיצען דעם גאנצען פארמיטאג אין דעם עקעלדיגען שיינק, ביי מאדאם עריקסען.

ג י נ א: יא, דאס אויך. (קורצע פויזע.)

ה ע ד ו ו י ג: ווי מיינסטו, זיי זיצען נאך ביים טיש?

ג י נ א: גאט ווייס. מעגליך אז יא.

ה ע ד ו ו י ג: אה, די אלע גוטע זאכען, וואס דער פאפא קריגט דארט צו עסען. ער וועט געוויס זיין צופריעדען און פרעה־ליך, ווען ער וועט קומען אהיים. דענקסטו ניט אזוי, מוטער?

ג י נ א: יא; אבער דו, ווען מיר וואלטען איהם נאך געקענט זאגען, אז מיר האבען פערדונגען דאס צימער.

ה ע ד ו ו י ג: אבער ד א ס איז דאך ניט נייטיג היינט אבענד.

ג י נ א: נא, עס וואלט אונז גאנץ גוט צוניץ געקומען, וויסט: און דאן שטעהט דאך דאס צימער סיי ווי סיי ליידיג.

ה ע ד ו ו י ג: ניט דאס, איך מיין, ס׳איז ניט נייטיג, ווייל פאפא וועט שוין היינט אבענד אהן דעם אויך זיין גוט אויפגעלייגט. ס׳איז דאך בעסער איבערצולאזען די מעשה מיט דעם צימער אויף אן אנדערסטמאל.

ג י נ א (קוקט אריבער צו איהר): ביסטו צופריעדען, ווען דו האכס עפּעס גוטעס צו דערצעהלען דעם פּאפּא, בשעת ער קומט אהיים אין אבענד?

העדוויג: יא; ער ווערט דאך דאן פרעהליכער.

גינא (נאכדענקענדיג פאר זיך): יא, יא, ס'איז אויך וואהר.

דער אלטער עקדאל קומט וויעדער אריין און וויל ארויסגעהן דורך די פאָרדערשטע טיר לינקס.

גינא (דרעהט זיך האַלב אום אויף'ן שטוהל): זיידע, איהר דארפט עפּעס האבען אין קיך?

עקדאל: כ'וויל וואס, יא; בלייב נור זיצען. (געהט ארויס)

גינא: ער פּאָרעט זיך דאך ניט דארט ארום די גליהענדע קויהלען. (וואַרט א רגע.) העדוויג, גיב א קוק, וואס ער טהוט.

עקדאַל קומט אַריין צוריק מיט אַ קריגעל פול מיט הייסען וואַסער.

העדוויג: האסט גענומען הייס וואסער, זיידע?

עקדאל: יא, כ'דארף עס האבען. איך מוז שרייבען, און די טינט איז געוואָרען געדיכט ווי קאַשע.

גינא: אבער, זיידע, עסט אפריהער אב נאכטמאהל. עס שטעהט דארט ווארם פאר אייך.

עקדאל: כ'קען זיך ניט פערנעהמען מיט קיין נאכטמאהל, נינא. כ'בין זעהר בעשעפטיגט, זאג איך דיר; קיינער דארף ניט אריינקומען צו מיר אין צימער — קיינער — הם!

ער געהט אריין צו זיך אין צימער. גינא און העדוויג ווארפען זיך דורך מיט בליקען.

גינא (שטילערהייט): האסטו אַ אהנונג, וואו ער האט גענומען דאס געלד דערצו?

העדוויג: ער האט געמוזט קריגען עפּעס ביי גראבערג'ן.

נינא: ס'הויבט זיך ניט אן! גראבערג שיקט דאך אימער דאס געלד צו מיר.

העדוויג: דאן האט ער אודאי געמוזט קריגען ערגעץ וואו א פלאש אויף בארג.

נינא: ארעמער זיידע; איהם בארגט קיינער גארנישט.

יאַלמאַר עקדאַל, אין אויבער־ראָק מיט אַ גראָען פּילצהוט, קומט אריין פון רעכטס.

ג י נ אַ (טהוט אַ וואַרף דאָס געגנעה און שטעהט אויף): וואס עקדאַל, ביסט שוין דאַ צוריק?

ה ע ד ו ו י ג (גלייכצייטיג, שפּרינגט אויף): ביסט שוין אזוי גיך צוריקגעקומען אהיים, פאַטער?

י אַ ל מ אַ ר (טהוט אויס דעם הוט): יאַ, די מעהרסטע געסט זיינען שוין אוועק.

ה ע ד ו ו י ג: אזוי פריה?

י אַ ל מ אַ ר: ס'איז דאָך נור געווען אַ מיטאָג. (וויל זיך אויסטהאָן דעם אויבערראָק.)

ג י נ אַ: לאָז, איך וועל דיר העלפען.

ה ע ד ו ו י ג: איך אויך. (זיי טהוען איהם אויס דעם ראָק; גינאַ הענגט איהם אויף אויף דער הינטערשטער וואַנד.)

ה ע ד ו ו י ג: זיינען דאָרט געווען אַ סך מענשען, פאַטער?

י אַ ל מ אַ ר: אַ ניין, ניט קיין סך. מיר זיינען געווען אזוי אַ צוועלף ביז פערצעהן פּערזאָן ביים טיש.

ג י נ אַ: און מיט די אַלע האָכטו גערעדט?

י אַ ל מ אַ ר: אַ יאַ, אביסעל; נאָר גרעגערס האָט מייסטענס פערבראַכט מיט מיר.

ג י נ אַ: איז גרעגערס נאָך אַלץ אזוי העסליך?

י אַ ל מ אַ ר: נאַ, שעהן זעהט ער נאָך אַלץ ניט אויס. — איז דער אַלטער נאָך ניט געקומען אהיים?

ה ע ד ו ו י ג: יאָ, דער זיידע זיצט אינעווייניג און שרייבט.

י אַ ל מ אַ ר: האָט ער עפּעס געזאָגט?

ג י נ אַ: ניין, וואָס האָט ער דען געזאָלט זאָגען?

י אַ ל מ אַ ר: האָט ער גאָרנישט דערמאָנט וועגען — ? ב'מיין איך האָב געהערט, אַז ער איז געווען ביי גראָבערג'ען. איך וועל אריינגעהן אַ ווײַלע צו איהם.

ג י נ אַ: ניין, ניין, בעסער נים.

י אַ ל מ אַ ר: פאַרוואָס ניט? האָט ער געזאָגט, אַז ער וויל ניט, איך זאָל אַריינקומען?

ג י נ אַ: ער וויל היינט אָבענד ק י י נ ע ם ניט האָבען ביי זיך —

ה ע ד ו ו י ג (מאַכט צייכענס): הם — הם!

ג י נ אַ (בעמערקט עס ניט): — ער איז געוועזען דאָ און האָט זיך אַריינגענומען היים וואַסער —

י אַ ל מ אַ ר: אַהאַ, ער זיצט און —

ג י נ אַ: יאַ, אַזוי מוז עס זיין.

י אַ ל מ אַ ר: אַך גאָט! מיין אָרעמער, אַלטער, גרייז־גראָער פאַטער —! יאַ, לאָזט איהם נור זיצען און זיך אַמאָל ווי געהעריג לאָזען וואוילגעהן.

דער אַלטער עקדאַל, אין אַ הויז־ראָק און מיט אַן אָנגעצונדענער פּיפּקע, קומט אַרויס פון זיין צימער.

ע ק ד אַ ל: שוין דאָ צוריק? מיר האָט זיך טאַקע אָבגעדוכט, אַז איך הער דיך ריידען.

י אַ ל מ אַ ר: איך בין נאָר וואָס געקומען.

ע ק ד אַ ל: דו האָסט מיך, הייסט עס, ניט געזעהן?

י אַ ל מ אַ ר: ניין. נאָר זיי האָבען געזאָגט, אַז דו ביסט דורכגעגאַנגען — בין איך גלייך אַרויס נאָך דיר.

ע ק ד אַ ל: הם — פיין פון דיר, יאַלמאַר. — ווער זיינען זיי דאָס געוועזען, אַט די אַלע הערען דאָרט?

י אַ ל מ אַ ר: אַ, פאַרשידענע לייט; דאָרט איז געוועזען דער קאַמערהערר פלאָר און קאַמערהער באַלע און קאַמערהערר קאַספּערסען און קאַמערהערר דער און דער, וואָס ווייס איך —

ע ק ד אַ ל (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ): דו הערסט, גינאַ! ער האָט פערבראַכט מיט לויטער קאַמערהערען.

ג י נ אַ: יאַ, איצט זאָגט מען, געהט עס צו גאָר גרויסאַרטיג אין דעם הויז.

ה ע ד ו ו י ג: האָבען די קאַמערהערען געזונגען, פאַטער? אָדער עפּעס דעקלאַמירט?

י א ל מ א ר: נײן, זײ האבען נור געפּלױדערט איבער אלער־לײ נארישקײטען. דאן האבען זײ געװאלט, א י ך זאל זײ װאס עס איז דעקלאמירען, נאר דאס האבען זײ בײ מיר ניט געקענט פּועל'ן.

ע ק ד א ל: זײ האבען עס בײ דיר ניט געקענט פּועל'ן?

ג י נ א: אבער דאס האכטו דאך זײ געקענט צוליעב טאן.

י א ל מ א ר: נײן, מען דארף דאך ניט גלײך יעדען אײנעם צוליעב טהאן. (שפּאצירט ארום איבער'ן צימער.) א י ך װעניג־סטענס טהו עס ניט.

ע ק ד א ל: נײן, נײן; יאלמאר'ן קען מען אזוי לײכט ניט קריגען.

י א ל מ א ר: איך װײס ניט, פאַרװאס מוז א י ך דאס גראד זארגען פאר די אונטערהאלטונג, װען איך קום אמאל אין א נאװענע צװישען מענשען. זאלען זיך די אנדערע אביסעל אנשטרײנגען! אט די חברה־לײט געהען ארום פון אײן הויז אין אנדערן, טאג אויס, טאג אײן, און פרעסען און זויפען. זײ מעגען זיך אלזא בעדאנקען און ניצליך מאכען פאר דאס גאנצע גוטע עסען, װאס זײ קריגען.

ג י נ א: אבער דאס האסטו דאך געװיס ניט געזאגט?

י א ל מ א ר (זינגענדיג): הא — הא — הא —; זײ האבען געקריגען אלער־לײ זאכען צו הערען.

ע ק ד א ל: די קאמערהערערען זאגאר?

י א ל מ א ר: נו, װאס דען? (מיט א לײכטען טאָן.) און דאן האבען מיר געהאט א קלײנעם וכוח איבער דע: טאקאיער.

ע ק ד א ל: טאקאיער? הערסטו, דאס איז א פײנער װײן!

י א ל מ א ר (בלײבט שטעהן): ע ר ק ע ן זיך זײן פײן. אבער איך װיל דיר װאס זאגען: ניט אלע יאהרגענג זײנען גלײך; עס װענדט זיך אן דעם, װיפיעל זונענשײן די װײנטרױבען האבען געהאט.

ג י נ א: זעה נאר, דו װײסט דאך אלעס, עקדאל.

ע ק ד א ל: און װעגען דעם האבען זײ דיסקוטירט?

י א ל מ א ר: זײ האבען עס פּרובירט טאן; אבער דא הא־

בען זיי געקראגנן צו וויסען, אז מיט די קאמערהערערן איז פונקט דאסזעלבע. פון זיי זיינען אויך ניט אלע יאהרגענג גלייך, — האט מען געזאגט.

ג י נ א: נא, וואס דיר קען אלעס איינפאלען!

ע ק ד א ל: הא — הא! און דאס האבען זיי געקריגען גאר אהן צערעמאניעס?

י א ל מ א ר: גלייך אין געזיכט אריין.

ע ק ד א ל: דו הערסט, גינא, ער האט עס די קאמערהערערן אריינגעזאגט גלייך אין געזיכט אריין.

ג י נ א: יא, מערקווירדיג, — גלייך אין געזיכט!

י א ל מ א ר: יא, אבער איך וויל ניט, אז מען זאל וועגען דעם ריידען. אזעלכע זאכען דערצעהלט מען ניט. די גאנצע געשיכטע איז דאך נאטירליך צוגעגאנגען אויף א פריינדשאפטליכען אופן. עס זיינען דאך געוועזן פיינע, געמיטהליכע לייט; נאך וואס זיי פערוואונדען? ניין!

ע ק ד א ל: אבער גלייך אין געזיכט —!

ה ע ד ו ו י ג (מיט א לאסטשענדען טאָן): ווי גרויסארטיג דו זעהסט אויס אין א פראק! ער פאסט דיר אזוי גוט, פאטער!

י א ל מ א ר: יא, ניט וואהר? און אט דער פאסט מיר ווירקליך אויסגעצייכענט גוט. ער ליעגט ווי אויסגעגאסען; — פילייכט אביסעלע צו ענג אונטער די ארעמס; — העלף מיר, העדוויג. (טהוט זיך אויס דעם פראק.) כ'מיין, איך וועל בערעס אנטאן מיין יאק. וואו איז ערגעץ מיין יאק, גינא?

ג י נא: דא איז זי. (ברינגט די יאק און העלפט איהם אנטהאָן.)

י א ל מ א ר: נא! פערגעס אקארשט ניט גלייך מארגען אין דער פריה אראבשיקען דעם פראק צו מאלוויק'ן.

ג י נ א (לעגט אוועק דעם פראק): וועט בעזארגט ווערן.

י א ל מ א ר (גלייכט זיך אויס די ביינער): אה, דאס איז דאך פיעל בעקוועמער. אזא לויזער און פרייער הויז־ראק פאסט זיך אויך בעסער פאר מיין גאנצער פיגור. ניט וואהר, העדוויג?

ה ע ד ו ו י ג: יא, פאטער.

יאלמאר: ווען איך פערשלייף נאך דערצו דעם האלזמוד אזוי אין צוויי פלאטערענדע עקען — זעה נור! וואס?

העדוויג: יא, דאס פאסט זיך זעהר גוט צו דיינע וואנ־ציעס און צו דיינע געדיכטע, געגרייזעלטע האר.

יאלמאר: געגרייזעלט וואלט איך עס ניט גערופען, איך וואלט גיכער געזאגט לאקען.

העדוויג: יא, ווייל די קרייזעלאך זיינען צו גרויס.

יאלמאר: דאס הייסט לאקען.

העדוויג (נאך א קורצער פויזע, צופט איהם ביי דער יאק): פאטער!

יאלמאר: נו, וואס איז?

העדוויג: א, דו ווייסט גאנץ גוט.

יאלמאר: ניין, כ'ווייס ווירקליך ניט.

העדוויג (צווישען לאכען און וויינען): א יא, פאטער, דו דארפסט זיך מעהר ניט רייצען מיט מיר.

יאלמאר: אבער וואס איז דיר דען?

העדוויג (טרייסעלט איהם): אונזין! גיב עס מיר שוין, פאטער! דו ווייסט דאך — די גוטע זאכען, וואס דו האסט מיר פערשפראכען.

יאלמאר: אך! מיין גאט — אז איך האב דאס נעקענט פערגעסען!

העדוויג: ניין, דו ווילסט זיך נור רייצען מיט מיר, פאטער! דאס איז ניט שעהן פון דיר! וואו האסטו עס אהינגעטהאן?

יאלמאר: איך האב עס ווירקליך פערגעסען. אבער וואַרט אקארשט! איך האב עפעס אנדערש פאר דיר, העדוויג. (געהט און זוכט אין די טאַשען פון פראַק.)

העדוויג (שפרינגט ארום און פּאַטשט מיט די הענד): א, מוטער, מוטער!

גינא: זעהסטו, ווען דו האסט נור אביסעל גערולד, דאן —

יאלמאר (מיט א פּאַפּיר): זעה — דא איז ער.

העדוויג: דאס דא? דאס איז דאך בלויז א שטיקעל פאפיר.

יאלמאר: דאס איז דער שפייז־צעטעל. דער גאנצער שפייז־צעטעל. דא שטעהט „מענו“; דאס הייסט שפייז־צעטעל.

העדוויג: ווייטער האסטו גארנישט?

יאלמאר: דו הערסט דאך, די אנדערע זאכען האב איך פערגעסען. אבער דו קענסט מיר גלויבען אויף'ן ווארט: אט די נאשערייען זיינען ניט מעהר ווי א נארישעס פערגניגען. זעץ זיך אקארשט אנידער דארט ביים טיש און לייען דעם שפייז־צעטעל, וועל איך דיר דערנאך בעשרייבען, וואס פאר א טעם די גערינכטען האבען. נא, — העדוויג.

העדוויג (שלינגט ארונטער די טרעהרען): א דאנק! (זי זעצט זיך אנידער, אבער לייענט ניט; גינא מאכט צו איהר מיט די הענד; יאלמאר בעמערקט עס.)

יאלמאר (געהט איבער'ן צימער ארויף און אראב): א פאמיליען־פאטער מוז נאטירליך איין זינען האבען די לעבערליכסטע, די אונגלויבליכסטע זאכען; און טאמער פערגעסט ער די מינדעסטע קליינינקייט — גלייך קריגט ער צו זעהן זויערע געזיכטער! נא, מען ווערט צו אלצדינג צוגעוואוינט. (בלייבט שטעהן ביים אויווען לעבען דעם אלטען.) האסטו שוין היינט אבענד אריינגעקוקט אהין, פאטער?

עקדאל: יא, געוויס האב איך אריינגעקוקט אהין. זי איז אריין אין קארב.

יאלמאר: ווירקליך? אין קארב? זי הויבט אלזא דאך אן זיך צוגעוועהנען דערצו.

עקדאל: יא, דאס האב איך דאך פאראויסגעזאגט. אבער, ווייסטו, עס זיינען נאך דא עטליכע קליינע זאכען —

יאלמאר: עטליכע פערבעסערונגען, יא.

עקדאל: אבער זיי מוזען געמאכט ווערן.

יאלמאר: יא, לאמיר ריידען אביסעל וועגען די פערבע־

סערונגען, פאטער. קום אהער, לאמיר זיך אנידערזעצען אויף דער זאפא.

עקדאל: יא. הם! — כ'וויל אבער אפריהער אנשטאפען מיין פיפקע; — כ'מוז זי אויך אויסרייניגען. הם.

ער געהט אריין צו זיך אין צימער.

גינא (מיט א שמייכעל צו יאלמאר'ן): די פיפקע אויסריי־ניגען, די —

יאלמאר: אך, יא, יא, גינא, לאז איהם צורוה — דעם ארע־מען, געבראכענעם אלטען. — יא, די פערבעסערונגען, — דאס בעס־טע וועט זיין זיי צו מאכען גלייך מארגען.

גינא: מארגען וועסטו דאך ניט האבען קיין צייט דערצו, עקדאל.

העדוויג (פאלט איהר אריין אין די רייד): א יא, נע־ווים, מוטער.

גינא: — ווארים דו דארפסט ניט פערגעסען די קאפיעס, וועלכע מוזען רעטושירט ווערן. זיי האבען שוין אזויפיעל מאל גע־שיקט נאך דעם.

יאלמאר: נא! אלזא ווידער די קאפיעס! זיי וועלען שוין פארטיג ווערן. זיינען פיללייכט אריינגעקומען נייע בעשטע־לונגען?

גינא: ליידער ניין; מארגען האב איך בלויז די צוויי פאר־טרעטען, ווי דו ווייסט.

יאלמאר: ווייטער גארנישט? נאטירליך, אז מען סטא־רעט זיך ניט, דאן —

גינא: אבער וואס קען איך דען מעהר טהאן? איך אנאנ־ציר דאך אין די צייטונגען אזוי ווייט ווי איך קען נור.

יאלמאר: אך, אין די צייטונגען, אין די צייטונגען! דו זעהסט דאך, צו וואס דאס נוצט. און דאס צימער איז אודאי אויך קיינער ניט געקומען אנקוקען?

גינא: ניין, נאך ניט.

יאלמאר: דאס איז דאך געווען צו ערווארטען. ווען מען

וועט זיך ניט אומקוקען, דאן —. מען מוז זיך ווירקליך א נעהם
מהאן, גינא!

העדוויג (לאזט זיך געהן צו איהם): זאל איך דיר
ברייננגען די פליים, פאטער?

יאלמאר: ניין, קיין פליים; איך דארף ניט קיין פרייד
אויף דער וועלט. (געהט ארום איבער'ן צימער.) יא, מארגען וועל
איך זיך ווירקליך נעהמען צו דער ארבייט. אין דעם זאל קיין
מאנגעל ניט זיין. איך וועל ארבייטען, אזוי לאנג ווי מיינע קרעפ־
טען וועלען מיר דיענען —

גינא: אבער ליעבער, גוטער עקדאל, דאס האב איך דאך
איבערהויפט ניט געמיינט.

העדוויג: פאטער, זאל איך פיליכט ארייננברייננגען א
פלאש ביער?

יאלמאר: ניין, גארנישט. איך דארף גארנישט פאר מיר
— ((בלייבט שטעהן.) ביער? — האסטו גערעדט פון ביער?

העדוויג: יא, פאטער; שעהן, פריש ביער.

יאלמאר: נא, — ווען דו ווילכט ניט אנדערש, קענסטו
יעדענפאלס ארייננברייננגען א פלאש.

גינא: יא, טהו עס; וועלען מיר זיך מאכען היימליך אבי־
סעל.

העדוויג לויפט צו דער טיר פון קיך.

יאלמאר (ביים אויווען, האלט זי אויף, קוקט זי אן, נעהמט
ארום איהר קאפ און דריקט זי צו צו זיך): העדוויג! העדוויג!

העדוויג (פרעהליך, מיט טרעהרען אין די אויגען): א ליע־
בער, ליעבער פאטער!

יאלמאר: ניין, רוף מיך ניט אזוי! אט בין איך געזעסען
ביי דעם רייכען מאן'ס טיש און געהאט נור זיך אין זינען, — גע־
זעכען און זיך געלאזט וואוילגעהן ביי דעם פולען רייכען טיש! —
און איך האב זאגאר ניט געקענט — !

גינא (ביים טיש זיצענדיג): אה, אונזינן, אונזינן, עקדאל!

יאלמאר: ס'איז ניט קיין אונזינן! נאר איהר דארפט ניט

קיין פאראיבעל האבען אויף מיר. איהר ווייסט דאך, אז איך האב איך זעהר ליעב.

העדוויג (אומארמט איהם): און מיך האבען דיך אזוי ליעב, אזוי אונענדליך ליעב, פאטער!

יאלמאר: און אז עס מאכט זיך אמאל, איך בין אויפגע־רעגט — גאט, — פערגעסט נים, אז איך בין א מאן, וואס ווערט פערפלייצט פון א ים פון זארגען. נא! (ווישט זיך אוים די אויגען.) קיין ביער אין אזא מאמענט. גיב מיר די פלייט.

העדוויג לויפט צו צו דער שאפע און ברענגט זי.

יאלמאר: א דאנק! דאס איז גוט. מיט דער פלייט אין דער האנד און איהר ביידע לעבען מיר — אה —!

העדוויג זעצט זיך אנידער ביים טיש לעבען גינא'ן; יאלמאר שפאנט ארויף און אראב, טהוט א שטארקען פייף און שפיעלט א בעהמי־שען פאלקס־טאנץ, אבער אין א לאנגזאמען, טרויעריגען טעמפא און מיט א געפיהלפולען אויסדרוק.

יאלמאר (האקט אב אין מיטען שפיעלען, שטרעקט אוים די לינקע האנד צו גינא'ן און זאגט מיט א ריהרענדען טאן): ווי ענג און ארים עס איז אונטער אונזער דאך, גינא — ס'איז אבער דאך א היים. און איך זאג אייך: דא איז מיר גוט!

ער הויבט ווידער אן שפיעלען; גלייך נאכדעם הערט זיך א קלאפ אין דער קארידאר־טיר.

גינא (שטעהט אויף): שטיל, עקדאל, — כ'מיין, אימיצער קומט.

יאלמאר (לעגט אוועק די פלייט אויף דער ביבער־שאפע): וואס איז שוין ווידער!

גינא געהט און עפענט די טיר.

גרעגערס ווערלע (אין קארידאר): ביטע אום פער־צייהונג —

גינא (טהוט א טראט צוריק): א!

גרעגערס: — וואוינט דא ניט דער הערר פאטאגראף עקדאל?

גינא: יא.

יאלמאר (געהט צו צו דער טיר): גרעגערס? דו ביסט דא? נו, קום נור אריין!

גרעגערס (קומט אריין): איך האב דאך דיר געזאגט, אז איך וועל אריינקומען צו דיר.

יאלמאר: אבער היינט אבענד —? דו האסט פערלאזען די געזעלשאפט?

גרעגערס: די געזעלשאפט און מיין פאטער'ס הויז. — גוטען אבענד, פרוי עקדאל. איך וויים ניט, אויב איהר דערקענט מיך?

גינא: א יא; דעם יונגען הערר ווערלע איז נים אזוי שווער צו דערקענען.

גרעגערס: נייז, איך בין עהנליך צו מיין מוטער; און איהר געדענקט איהר דאך נאך געוויס.

יאלמאר: דו ביסט אוועק פון הויז, זאגסטו?

גרעגערס: יא, כ'האב זיך אריינגעצויגען אין א האטעל.

יאלמאר: ווירקליך. נא, אז דו ביסט שוין דא, טהו זשע אויס דעם ראק און זעץ זיך אנידער.

גרעגערס: א דאנק!

טהוט אויס דעם איבער־ראָק. ער איז איבערגעטהאָן און טראָגט איצט אָן איינפאכען גראָען אנצוג פון דאָרפישען שניט.

יאלמאר: קום אהער אויף דער זאפא. מאך זיך בעקוועם.

גרעגערס זעצט זיך אויף דער זאָפא, יאַלמאַר אויף א שטוהל בייםטיש.

גרעגערס (קוקט זיך ארום אין צימער): דא האלטסטו זיך אלזא אויף, יאלמאר. דא וואוינסטו, הייסט עס.

יאלמאר: דאס דא איז די סטודיא, ווי דו זעהסט —

גינא: דא איז געראמער, און דערום זיצען מיר געוועהנ־ליך דא.

יאלמאר: מיר האבען פריהער געהאט א בעסערע וואוי־

נונג; אבער די דא האט איין גרייסען פארטהייל: דא זיינען פאר־האן אויסגעצייכענטע נעבען־פלעצער —

גינא: און דאן האבען מיר אויף דער אנדער זייט קארידאר נאך א צימער, וואס מיר קענען פערדינגען.

גרעגערס (צו יאלמאר׳ן): אה,—קווארטיראנטען האסטו אויך?

יאלמאר: ניין, נאך ניט. דאס געהט ניט אזוי שנעל, ווייסטו; מען מוז זיי אויפזוכען. (צו העדוויג׳ן): וואס הערט זיך וועגען דעם ביער, העדוויג?

העדוויג טהוט א שאקעל מיט׳ן קאפ און געהט אריין אין קיך.

גרעגערס: דאס איז אלזא דיין טאכטער?

יאלמאר: יא, דאס איז העדוויג.

גרעגערס: און זי איז אייער איינציג קינד?

יאלמאר: יא, דאס איינציגע. זי איז אונזער העכסטע פרייד אויף דער וועלט, און — (לאזט אראב די שטימע.) אויך אונזער טיעפסטער קומער, גרעגערס.

גרעגערס: וואס רעדסטו!

יאלמאר: יא, גרעגערס; ווארים זי איז אין אן ערנסטער געפאהר צו פערלירען איהר אויגענליכט.

גרעגערס: בלינד ווערן!

יאלמאר: יא. ביז איצט האבען זיך נור געוויזען די ער־שטע סימפטאמען; און עס קען נאך אוועקגעהן א לאנגע צייט. אבער דער דאקטאר האט עס אונז פאראויסגעזאגט. עס איז ניט צו העלפען.

גרעגערס: דאס איז דאך א שרעקליכעס אונגליק. ווי האט זי דאס געקריגען?

יאלמאר (זיפצט): וואהרשיינליך דורך פערערבונג.

גרעגערס (איבערראשט): פערערבונג?

גינא: עקדאל׳ס מוטער האט אויך געהאט שוואכע אויגען.

יאלמאר: יא, אזוי זאגט מיין פאטער; איך געדענק דאך איהר שוין ניט.

גרענערס: ארים קינד! און וואס זאגט זי דערצו?

יאלמאר: אך, דו קענסט זיך דאך פארשטעלען, אז מיר האבען קיין הארץ ניט איהר אזוי וואס צו זאגען. זי האט קיין אהנונג ניט פון דער געפאהר. פרעהליך און זארגלאז ווי א קליין פויגעלע פלאטער־ט זי אריין אין דעם לעבען׳ס אייביגע נאכט. (איבערוועלטיגט.) אך, דאס איז אזוי שרעקליך שווער פאר מיר, גרעגערס.

העדוויג ברייננגט אריין א טאץ מיט ביער און גלעזער און שטעלט עס אוועק אויף׳ן טיש.

יאלמאר (גלעט איהר איבער די האר): א דאנק, א דאנק, העדוויג.

העדוויג לעגט איהר ארם ארום זיין האלז און שושקעט איהם עפּעס · ארין אין אויער.

יאלמאר: ניין, איצט דארף מען ניט קיין ברויט מיט פוטער. (טהוט א קוק אויף גרעגערס) אדער פיליכט וויל גרעגערס א ביס טהאן?

גרענערס (גיט א מאך מיט דער האנד): ניין, ניין, א דאנק.

יאלמאר (נאך אלץ אומעטיג): נא, קענסט יעדענפאלס אריינברייננגען עטליבע שטיקלאך. ווען דו האסט אן אקרייטשיק איז נאך בעסער. און זיעאלעווע אקארשט ניט קיין פוטער.

העדוויג שאקעלט צופריעדען מיט׳ן קאפּ און געהט ווידער ארויס אין קיך.

גרענערס (וועלכער האט אויף איהר געקוקט): אזוי זעהט זי, דוכט זיך, אויס גאנץ פריש און געזונד.

גינא: אזוי פעהלט איהר, גאט צו דאנקען, גארנישט.

גרענערס: זי וועט מיט דער צייט געווים ווערן עהנליך צו אייך, פרוי עקדאל. ווי אלט איז זי דען איצט?

גינא: העדוויג איז גענוי פערצעהן יאהר אלט; איבערמארגען איז איהר געבורטסטאג.

גרענערס: דאן איז זי צימליך גרוים פאר איהר עלטער.

ג י נ א: יאַ, לעצטעס יאָהר האָט זי אַ שטאַרקען וואַקס געטהאָן.

ג ר ע נ ע ר ס: קוקענדיג אויף די, וועלכע וואַקסען אויף, זעהט מען אַם בעסטען ווי אַלט מען ווערט אַליין. — ווי לאַנג איז שוין, אַז איהר זייט פערהייראַט?

ג י נ א: מיר זיינען שוין פערהייראַט — יאַ, שוין באַלד פופצעהן יאָהר.

ג ר ע נ ע ר ס: זעהט נור, שוין אַזוי לאַנג!

ג י נ א (ווערט אויפמערקזאַם, קוקט איהם אָן): יאַ, ווירקליך, אַזוי איז עס.

י אַ ל מ אַ ר: יאַ, געוויס. עס פעהלען אַ פּאָר מאָנאַטען צו פופצעהן יאָהר. (בייט דעם טאָן.) ד י ר האָט די צייט געמוזט אויסזעהן זעהר לאַנג דאָרט אויבען אויף דער פאַבריק, גרעגערס.

ג ר ע נ ע ר ס: יאַ, זי האָט מיר אויסגעזעהן לאַנג, כל זמן איך האָב זי דורכגעלעבט; איצט וויים איך קוים, וואו די צייט איז אַהינגעקומען.

דער אַלטער עקדאַל קומט אריין פון זיין צימער אָהן זיין פּיפּקע, אָבער מיט זיין אַלטער מיליטער־מיץ אויף'ן קאָפּ; זיין גאַנג איז אַביסעל אונזיכער.

ע ק ד אַ ל: נאַ, יאַלמאַר, איצט קענען מיר זיך אנידערזעצען און ריידען וועגען — הם — וואָס איז שוין דאַ ווידער?

י אַ ל מ אַ ר (געהט איהם אַנטקעגען): פאָטער, אימיצער איז דאַ. גרעגערס ווערלע.— כ'וויים ניט, אויב דו געדיינקסט איהם נאָך.

ע ק ד אַ ל (קוקט אָן גרעגערס'ן, וועלכער איז אויפגעשטאַנען): ווערלע? איז דאָס דער זוהן? וואָס וויל ער פון מיר?

י אַ ל מ אַ ר: גאָרנישט. ער קומט צו מיר אויף בעזוך.

ע ק ד אַ ל: נאַ, דאַן איז אַלזאָ קיין בעזונדערעס ניט געשעהן?

י אַ ל מ אַ ר: נייז, ניין, גאָרנישט ניט.

ע ק ד אַ ל (טהוט אַ מאַך מיט די אָרעמס): ניט דערפאַר וויל איך האָב מורא, ווייסטו, נאָר —

גרעגערס (געהט צו צו איהם): כ'האב אייך נור געוואלט אבגעבען א גרוס פון די אלטע יאגד־פלעצער, הערר לייטענאנט.

עקדאל: יאגד־פלעצער?

גרעגערס: יא, דארט אויבען אין האידאל, ארום דער פאבריק.

עקדאל: אה, דארט אויבען. יא, דארט בין איך אמאל גע־וועזען גוט בעקאנט.

גרעגערס: דאמאלסט זייט איהר געוועזען א געוואלטיגער יעגער.

עקדאל: כ'בין עס געוועזען. יא. ס'קען שוין זיין, יא. איהר קוקט אויף מיין מילליטער־מיץ. איך פרעג ביי קיינעם נים, אויב איך מעג זי טראגען דא אין הויז. אזוי לאנג איך געה נים ארויס דערמיט אין די גאסען —

העדוויג ברייגנגט אריין א טעלער פוטער־ברויט און שטעלט עס אוועק אויף'ן טיש.

יאלמאר: נו, זעץ זיך, פאטער, און טרינק א גלאז ביער. זיי אזוי גוט, גרעגערס.

עקדאל מורמעלט עפעס און געהט מיט וואקעלדיגע טריט אריבער צו דער זאפא. גרעגערס זעצט זיך אויף'ן שטוהל לעבען איהם. יאלמאר אויף דער אנדער זייט פון גרעגערס. גינא זיצט אביסעל אבגערוקט פון טיש און נעהט; העדוויג שטעהט לעבען איהר פאטער.

גרעגערס: געדיינקט איהר נאך, הערר לייטענאנט, ווי יאלמאר און איך פלעגען ארויפקומען אויבען צו אייך אויף בעזוך אין זומער און צו ווייהנאכטען?

עקדאל: איהר זייט דאס געוועזען? ניין, ניין, ניין, — כ'הויב נים אן צו געדיינקען. אבער דאס מעג איך זאגען, כ'בין געוועזען א שארפער יעגער. כ'האב אויך בערען געשאסען. גאנצע ניין שטיק האב איך געשאסען.

גרעגערס (קוקט איהם אן מיט מיטגעפיהל): און איצט געהט איהר גאר קיינמאל נים אויף די יאגד?

עקדאל: א, דאס קען איך נים זאגען, מיין ליעבער. ווען

ניט ווען נעה איך שוין אויף די יאגד. פערשטעהסט זיך, ניט ווי אמאל. ווארים דער וואלד, זעהט איהר, — דער וואלד, דער וואלד — ! (טרינקט) וואס מאכט דער וואלד? איז ער שעהן?

גרעגערס: ניט אזוי פיין ווי אין אייער צייט. ער איז זעהר שיטער געווארען.

עקדאל: שיטער? (שטילער, און אזוי ווי ער וואלט זיך געשראקען.) דאס איז א געפעהרליכע זאך. דערפון קומט קיין גוטס ניט ארויס. דער וואלד איז זיך נוקם.

יאלמאר (פילט אן זיין גלאז): ביטע שעהן — נאך אביסעל, פאטער.

גרעגערס: ווי קען א מאן ווי איהר — אזא מאן פון דער פרייער לופט — לעבען אין א פערראויכערטער שטאדט, צווישען פיער ווענד?

עקדאל (לאכט שנעל און קוקט אריבער צו יאלמאר'ן): אה, דא איז ניט אזוי שלעכט, גאר ניט אזוי שלעכט.

גרעגערס: אבער וואו קענט איהר דא געפינען דאס אלעס, מיט וואס אייער הארץ איז אזוי צוזאמענגעוואקסען? די פרישע, דערקוויקענדע לופט, דאס פרייע לעבען אין וואלד און אויף די בערג, צווישען טהיערען און פויגלען — ?

עקדאל (שמייכעלט): יאלמאר, זאלען מיר עס איהם ווייזען?

יאלמאר (שנעל און אביסעל אין פערלעגענהייט): אַ, ניין פאטער; ניט היינט אבענד.

גרעגערס: וואס וויל ער מיר ווייזען?

יאלמאר: אה, ס'איז נור אזוי עפעס — דו קענסט עס אן אנדערס מאל זעהן.

גרעגערס (זעצט פארט, זיך ווענדענדיג צום אלטען): זעהט איהר, הערר לייטענאנט, איך האב געדיינקט, אז איהר וואלט איצט געדארפט מיטקומען מיט מיר ארויף אין דער פאבריק, ווארים איך פאהר דאך באלד צוריק. איהר קענט דארט אויך קריגען וואס צו טהאן, אביסעל שרייב־ארבייט. דא האט איהר דאך אבכאלוט נאר־

נישט אויף דער וועלט, וואס זאל איך דערפרעהען און דערקוויקען.

עקדאל (קוקט איהם אן ערשטוינט): איך האב גארנישט אויף דער וועלט, וואס — ?

גרעגערס: נו יא, איהר האט יאלמאר'ן; אבער דער האט דאך ווידער זיין פאמיליע. און א מאן ווי איהר, וואס האט זיך שטענדיג געפיהלט צוגעצויגען צו דעם, וואס איז פריי און ווילד —

עקדאל (טהוט א קלאפ אויף'ן טיש): יאלמאר, ער מוז עס זעהן!

יאלמאר: פאטער, לאז געמאך — צו וואס טויג עס איצט? ס'איז דאך פינסטער.

עקדאל: אומזינן! די לבנה שיינט דאך. (שטעהט אויף.) ער מוז זעהן, זאג איך. לאז מיך דורך. קום און העלף מיר, יאלמאר.

העדוויג: א יא, טהו עס, פאטער!

יאלמאר (הויבט זיך אויף): נא, פון מיינעטוועגען.

גרעגערס (צו גינא'ן): וואס האט ער דארט?

גינא: א, מיינט נור נישט, אז דאס איז עפעס בעזונדערס.

עקדאל און יאלמאר זיינען צוגעגאנגען צו דער הינטערשטער וואנד און יעדער פון זיי רוקט אוועק אן א זייט איין העלפט פון דער טיר; העדוויג העלפט דעם אלטען; גרעגערס בלייבט שטעהן ביי דער זאפא; גינא זיצט אויף אן ארט און נעהט. דורך די אפענע טיר זעהט מען א גרויסען, לאנג־אויסגעשטרעקטען בוידים פון אונרעגעלמעסיגער געשטאלט מיט ווינקלען און א פאר קוימענס, וואס קומען ארויף פון אונטען. דורך שליכטע דאך־פענסטער פאלט דאס קלארע ליכט פון דער לבנה אויף איינ־צעלנע טיילען פונ'ם גרויסען בוידים; אנדערע ליגען אין טיעפען שאטען.

עקדאל (צו גרעגערס): איהר קענט צוקומען נעהענטער, אויב איהר ווילט.

גרעגערס (געהט צו צו זיי): וואס איז דאס דען אייגענטליך?

עקדאל: איהר קענט דאך א קוק טהאן. הם.

י אַ ל מ אַ ר (אַביסעל אין פערלעגענהייט): דאָס געהערט דעם פאָטער, פערשטעהסטו מיך.

ג ר ע ג ע ר ס (ביי דער טיר, קוקט אריין אין בנידים): איהר האלט דאָך היהנער, הערר לייטענאַנט.

ע ק ד אַ ל: כ'מיין עפּעס, אז מיר האלטען היהנער. זיי זיינען איצט ארויפגעפלויגען אויף דער שטאַנג. אבער איהר זאָלט אקאָרשט אנקוקען די היהנער בייטאָג!

ה ע ד ו ו י ג: און דאָן איז אויך דאָ —

ע ק ד אַ ל: ש—ש! זאָג עס נאָך ניט.

ג ר ע ג ע ר ס: און טויבען האָט איהר אויך, ווי איך זעה.

ע ק ד אַ ל: אַ יאָ, עס ווייזט אויס, אז מיר האָבען אויך טויבען. זיי האָבען זייערע נעסט־קעסטלאָך דאָרט אויבען אונטער'ן דאָך־ווינקעל; וואָרים די טויבען, פערשטעהט איהר מיך, האָבען ליעב צו זיצען אין דער הויך.

י אַ ל מ אַ ר: דאָס זיינען ניט אזוי געוועהנליכע טויבען.

ע ק ד אַ ל: געוועהנליכע! נו, כ'מיין עפּעס אז ניט! מיר האָבען טולמער; און אַ פּאָר קראָפּפּ־טויבען האָבען מיר אויך. אבער קומט אקאָרשט אהער! זעהט איהר דעם קאַסטען דאָרט הינטען ביי דער וואַנד?

ג ר ע ג ע ר ס: יאָ; צו וואָס נוצט איהר דאָס?

ע ק ד אַ ל: דאָ ליעגען די קראָליקעס ביינאַכט, מיין ליעבער.

ג ר ע ג ע ר ס: זעה נאָר! קראָליקעס האָט איהר אויך?

ע ק ד אַ ל: יאָ, צום טייוועל! איהר קענט דאָך אליין אויך פערשטעהן, אז מיר האָבען קראָליקעס! דו, יאַלמאַר, ער פרעגט, צי מיר האָבען קראָליקעס! הם! אבער איצט קומט דער עיקר, דאָס ריכטיגע, מוז איך אייך זאָגען. א י צ ט קומט עס! געה אוועק, העדוויג. שטעלט זיך דאָ; אַט אזוי, — און איצט קוקט דאָרט ארונטער. — זעהט איהר דאָרט ניט אַ קאָרב מיט שטרוי?

ג ר ע ג ע ר ס: יאָ. און איך זעה, אַ פויגעל ליעגט אין קאָרב.

ע ק ד אַ ל: הם! — „אַ פויגעל“ —

ג ר ע ג ע ר ס: איז דאָס ניט אַן ענטע?

ע ק ד א ל (פערלעצט): נאטירליך אז ענטע.

י א ל מ א ר: אבער ו ו א ס פאר אז ענטע, דיינקסטו?

ה ע ד ו ו י ג: ס'איז ניט קיין געוועהנליכע ענטע.

ע ק ד א ל: ששש!

ג ר ע ג ע ר ס: און קיין טערקישע ענטע איז עס אויך ניט.

ע ק ד א ל: נייז, העדר — ווערלע, ס'איז ניט קיין טערקישע ענטע; ווארים דאס איז א ווילד־ענטע.

ג ר ע ג ע ר ס: ווירקליך? א ווילד־ענטע?

ע ק ד א ל: יא, יא, דאס איז עס. דער „פויגעל", ווי איהר האט געזאגט, — דאס איז די ווילד־ענטע, א ו נ ז ע ר ווילדע ענטע, מיין ליעבער.

ה ע ד ו ו י ג: מ י י ן ווילד־ענטע. ווארים זי געהערט מ י ר.

ג ר ע ג ע ר ס: און זי קען לעבען דא אויבען אויף'ן בוידים? און דא געדייהען?

ע ק ד א ל: נאטירליך האט זי א קארעטע מיט וואסער, וואו זי קען זיך ארומפליושקען.

י א ל מ א ר: זי קריגט פריש וואסער א טאג איבער א טאג.

ג י נ א (זיך ווענדענדיג צו יאלמאר'ן): אבער ליעבער עקדאל, עס ווערט דאך דא אייז־קאלט.

ע ק ד א ל: הם — ווע'לען מיר בעסער צומאכען. ס'טויג טא־קע ניט, זיי צו שטערען אין זייער נאכט־רוה. נעהם אז, הערוויג.

יאלמאר און הערוויג רוקען צו די טיר פון בוידים.

ע ק ד א ל: אז אנדערס מאל וועט איהר זי קענען זעהן ווי נעהע־יג איז, (זעצט זיך אין לעהן־שטוהל ביים אויוועז.) א, די ווילר־ענטען זיינען זעהר מערקווירדיג, קען איך אייך זאגען.

ג ר ע ג ע ר ס: אבער ווי אזוי האט איהר זי געפאנגען, הערר לייטענאנט?

ע ק ד א ל: כ'האב ניט געפאנגען. דא איז שטאדט איז פאר־האן א געוויסער מאן, וועמען מיר האבען זי צו פערדאנקען.

גרעגערס (אַביכעל איבערראַשט): דער מאַן איז דאָך געשט אַקאַרשט מיין פּאַטער?

עקדאַל: יאַ, כ'לעבען. אייער פּאַטער און ניט קיין אַנדערער. הם.

יאַלמאַר: ס'איז דאָך קאַמיש, גרעגערס, ווי דו האָסט דאָס געטראָפען.

גרעגערס: דו האָסט דאָך מיר פריהער דערציילט, אַז דו האָסט מיין פּאַטער אַלעם מעגליכע צו פערדאַנקען; האָב איך גערעכענט, פיליכט —

גינאַ: אָבער מיר האָבען דאָך די ענטע ניט געקריגען פון הערר ווערלע אַליין —

עקדאַל: דאָך האָבען מיר זי האָקען וועלע צו פערדאַנקען, נינאַ. (צו גרעגערס.) ער איז אַרויסגעפּאָהרען אויף זיין שיפעל, און דאָרט האָט ער געשאָסען אויף איהר. אָבער אייער פּאַטער האָט דאָך אַזעלכע שוואַכע אויגען. הם — איז זי נור פערוואונדעט געוואָרען.

גרעגערס: נו יאַ; האָט געמוזט קריגען אַ פּאָר שראָט־שטיקלאַך אין לייב.

יאַלמאַר: יאַ, פיליכט צוויי אָדער דריי שטיקלאַך.

העדוויג: זי האָט זיי געקריגען פּונקט אונטער'ן פליגעל און דערפאַר האָט זי ניט געקענט פליהען.

גרעגערס: איז זי, הייסט עס, אריינגעפאַלען אין וואַסער?

עקדאַל (שלעפעריג מיט אַ שווערער צונג): נו נאַטירליך. טהוען אימער אַזוי — די ווילד־ענטען. לאָזען זיך אַראָב אויף'ן גרונד, — אַזוי טיעף ווי זיי קענען נור דערלאַנגען, מיין ליעבער; בייסען זיך פעסט אין אין יבּ־גראַז און אין דעם גאַנצען טייוועלס־צייג, וואָס געפינט זיך דאָרט אונטען. און זיי קומען קיינמאָל צוריק ניט אַרויף.

גרעגערס: אָבער אייער ווילד־ענטע איז דאָך יאַ אַרויפגעקומען צוריק, הער לייטענאַנט.

עקדאַל: ער האָט געהאַט אַזאַ וואונדערבאַר שאַרפען הונד,

דער פאטער אייערער. — און אַט דער הונד — ער האָט זיך אונטער־נעטונקט און צוריק ארויפגעבראכט די ענטע.

ג ר ע ג ע ר ס (צו יאַלמאַר'ן): און דאַן האָט מען זי אייך צו־געשיקט אהער?

י אַ ל מ אַ ר: ניט גלייך; צוערשט האָט מען זי געבראכט צו דיין פאטער אין הויז; אבער דאָרט האָט זי ניט געקענט געדייהען; און פעטערסען האָט געקריגען א בעפעהל צו מאכען א סוף מיט איהר.

ע ק ד אַ ל (האַלב אין שלאָף): הם — יאַ, פעטערסען — דער עזעלקאָפּ —

י אַ ל מ אַ ר (רעדט שטילער): אזוי, זעהסטו, האבען מיר זי בעקומען; דער פאטער איז אביסעל בעקאַנט מיט פעטערסען; און הערענדיג די געשיכטע מיט דער ווילד־ענטע, האָט ער אויס־געווירקט, אז מען זאָל זי איהם איבערגעבען.

ג ר ע ג ע ר ס: און אַט דאָ אויף'ן בוידים, הייסט עס, געדייהט זי גרויסאַרטיג?

י אַ ל מ אַ ר: יאַ, נאָך ווי גוט! זי איז פעט געוואָרען. נו, זי איז דאָך שוין אזוי לאַנג דאָ איינגעוויינט, אז זי האָט שוין פערגעסען דאָס אַלטע נאַטירליכע ווילדע לעבען איהרס. און דאָס איז דאָך די הויפּט־זאַך.

ג ר ע ג ע ר ס: דאָס ביסטו גענויס גערעכט, יאַלמאַר. גיב אַכּטונג, זי זאָל קיינמאָל ניט קריגען צו זעהן קיין ים און קיין הימעל —. אבער כ'מיין, ס'איז צייט, איך זאָל געהן; דיין פאטער שלאָפט שוין.

י אַ ל מ אַ ר: אַ, צוליעב דעם —

ג ר ע ג ע ר ס: יאַ, ריכטיג — דו האָסט געזאָגט, אז דו האָסט א צימער צו פערדינגען, — א ליידיג צימער?

י אַ ל מ אַ ר: יאַ; וואָס איז דען? דו ווייסט פיליייכט אי־מיצען — ?

ג ר ע ג ע ר ס: קען א י ך קריגען דאָס צימער?

י אַ ל מ אַ ר: דו?

ג י נ א: א נייז, הערד ווערלע, א י ה ר —

ג ר ע ג ע ר ס: קעז איך האבעז דאס צימער? דאז ציה איך גלייך מארגעז אריין.

י א ל מ א ר: מיט'ן גרעסטעז פערגניגעז —

ג י נ א: אבער הער ווערלע, דאס איז אבסאלוט ניט קיין צי־מער פאר א י י ך.

י א ל מ א ר: אבער גינא, ווי קענסטו דאס זאגעז?

ג י נ א: נו, ווייל דאס צימער איז ניט גרויס גענוג אוז ניט ליכטיג גענוג, אוז —

ג ר ע ג ע ר ס: דאס מאכט גאר ניט אויס, פרוי עקדאל.

י א ל מ א ר: איך מיין, עס איז א גאנץ שעהן צימער, אוז גאר ניט אזוי שלעכט מעמבלירט.

ג י נ א: אבער דו פערגעסט די צוויי וואס וואוינעז אונטעז.

ג ר ע ג ע ר ס: וואס זיינעז זיי דעז פאר'ע מענשעז?

ג י נ א: אך, איינער איז געוועז א הויז־לעהרער —

י א ל מ א ר: א געוויסער קאנדידאט מאלוויק.

ג י נ א: — אוז דאז א דאקטאר, מיט'ן נאמעז רעללינג.

ג ר ע ג ע ר ס: רעללינג? דעם קעז איך אביסעל; ער האט א צייט לאנג פראקטיצירט אויבעז אין האידאל.

ג י נ א: דאס זיינעז א פאר ריכטיגע לעבע־יונגעז. אין אבענד געהעז זיי אפט ארויס בומלעז, אוז קומעז זעהר שפעט ביי־נאכט אהיים, אוז דאז זיינעז זיי ניט אימער אזוי —

ג ר ע ג ע ר ס: צו אזעלכע זאכעז געוואוינט מעז זיך באלד צו. איך האף, עס וועט מיר געהז, ווי דער ווילד־ענטע —

ג י נ א: הם, איך מייז, עס וואלט ניט געשאדט, איהר זאלט זיך איבער נאכט בעדיינקעז.

ג ר ע ג ע ר ס: איהר זייט, ווייזט אויס, ניט זעהר גערז מיך צו האבעז ביי אייך אין הויז, פרוי עקדאל?

ג י נ א: אך גאט, ווי פאלט אייך איין אזוי וואס?

י א ל מ א ר: יא, כ'איז ווירקליך זאנדערבאר פון דיר, גינא.

(צו גרעגערס:) אבער זאג מיר, דו רעכענסט אלזא דערווייל בלייבען אין שטאדט?

גרעגערס (מהומ זיך אן דעם אויבער־ראק): יא, איצט דענק איך צו בלייבען דא.

יאלמאר: אבער ניט ביי דיין פאטער אין הויז? וואס דיינקסטו איצט צו טהאן?

גרעגערס: יא, הערסטו, ווען איך וואלט דאס געוואוסט — דאן וואלט מיר גאר ניט געוועזען אזוי שלעכט. אבער אז מען האט דעם שלים־מזל צו הייסען גרעגערס —! „גרעגערס" — און נאך „ווערלע" אויך דערצו; האסטו ווען געהערט אזוי וואס העסליכעס?

יאלמאר: אך, איך זעה ניט איין פארוואס.

גרעגערס: עה! פוי! איך פיהל, אז איך וואלט געקענט דעם קערל, וואס הייסט אזוי, איינפאך א שפיי טהאן אין געזיכט. אבער אז מען האט שוין דאס אונגליק צו זיין גרעגערס — ווערלע דא אויף דער וועלט, ווי איך —

יאלמאר (לאכט): הא הא! ווען דו וואלכסט ניט געוועזען גרעגערס ווערלע, וואס וואלכסטו א שטייגער געוואלט זיין?

גרעגערס: ווען עס ווענדט זיך אין מיר, וואלט איך אם ליעבסטען געוואלט זיין א פלינקער הונד.

גינא: א הונד!

העדוויג (ניט ווילענדיג): אך ניין!

גרעגערס: יא, א זעלטען פלינקער הונד; אזא, וואס לאזט זיך אראב אויף'ן גרונד נאך ווילד־ענטען, ווען זיי טונקען זיך אונטער און בייסען זיך פעסט איין אין די ים־גראזען דארט אונטען אין שליים.

יאלמאר: ווייסטו וואס, גרעגערס, — איך הויב ניט אן פערשטעהן, וואס דו ווילסט זאגען דערמיט.

גרעגערס: אך, עס ליעגט גאר ניט קיין בעזונדער־עס דעריין. אלזא מארגען אין דער פריה — ציה איך אריין. (צו גינא'ן): קיין פיעל ארבייט וועט איהר מיט מיר ניט האבען; איך

מהו אלעם אליין. (צו יאַלמאַר'ן) : וועגעז דאָס איבעריגע וועלעז מיר ריידעז מאָרגעז. — גוטע נאַכט, פרוי עקדאַל. (שאָקעלט סים'ן קאָפּ צו העדוויג'ן.) גוטע נאַכט.

ג י נ א : גוטע נאַכט, הערר ווערלע!

ה ע ד ו ו י ג : גוטע נאַכט!

י א ל מ א ר (וועלכער האָט אָנגעצונדען א ליכט) : וואַרט א ווײלע, איך וועל דיר צולייכטען; ס'איז געוויס פינסטער אויף די טרעפּ.

גרעגערס און יאַלמאַר געהען ארויס דורך די קאָרידאָר־טיר.

ג י נ א (קוקט אַזוי פאר זיך, דאָס נעה־צייג אין שויס) : וואָס פאר א מאָדנע רייד, אז ער וואָלט גערן געוואָלט זיין א הונד!

ה ע ד ו ו י ג : כ'וויל דיר וואָס זאָגען, מוטער — איך גלויב, אז ער האָט געמיינט עפּעס אַנדערש דערמיט.

ג י נ א : וואָס האָט ער דען געקענט מיינען?

ה ע ד ו ו י ג : דאָס ווייס איך ניט; נאָר מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אז ער האָט איבערהויפּט געמיינט עפּעס אַנדערש איידער דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט — די גאַנצע צייט.

ג י נ א : מיינסטו אזוי? יאָ, ס'איז געווען מאָדנע.

י א ל מ א ר (קומט צוריק) : דער לאָמפּ האָט נאָך געברענט. (לעשט אויס דאָס ליכט און שטעלט עס אוועק.) נאָ, ענדליך קען מען עפּעס נעהמען אין מויל. (הויבט אָן עסען ברויט מיט פּוטער.) נאָ, זעהסטו, גינאָ, אז מען האַלט נור אָפען די אויגען, דאַן —

ג י נ א : וואָס הייסט, מען האַלט אָפען די אויגען — ?

י א ל מ א ר : יאָ, איז עס דען ניט א גליק, וואָס מיר האָבען ענדליך פערדונגען דאָס צימער? און בעדענקען נור, — צו א מענשען ווי גרעגערס — אז אַלטען, גוטען פריינד.

ג י נ א : יאָ, איך — איך ווייס ניט, וואָס איך זאָל זאָגען דערצו.

ה ע ד ו ו י ג : אך מוטער, דו וועסט זעהן; ס'וועט זיין אזוי פרעהליך!

י א ל מ א ר : דו ביסט אויך מאָדנע. אפריהער איז דיר איינ־

פאך געגאנגען אין לעבען צו פערדינגען דאס צימער; און איצט ווילסטו עס ניט.

ג י נ א: יא, עקדאל, — ווען עס וואלט נור געווען אן אנדערער —. אבער וואס, מיינסטו, וועט דער אלטער ווערלע זאגען דערצו?

י א ל מ א ר: דער אלטער ווערלע? וואס געהט דאס איהם אן?

ג י נ א: אבער דו קענסט זיך דאך פארשטעלען, אז עפעס האט דאך ווידער געמוזט פארקומען צווישען זיי; זאנסט וואלט דאך דער יונגער ניט אוועק פון הויז. דו ווייסט דאך, ווי די ביידע פערהאלטען זיך איינער צום אנדערן.

י א ל מ א ר: יא, ס'קען זיין, אבער —

ג י נ א: נו, קען נאך דער אלטער דיינקען, אז דאס שטעקט דיין קאפ דערביי —

י א ל מ א ר: זאל ער דיינקען, וואס ער וויל! דער אלטער ווערלע האט זעהר פיעל געטהאן פאר מיר. מיין גאט, — דאס לייקען איך גאר ניט. אבער דערפאר קען איך זיך דאך ניט אויף אייביג מאכען אבהענגיג פון איהם.

ג י נ א: אבער, ליעבער עקדאל, עס קען זיך מאכען, אז דער אלטער זיידע זאל ליידען דערפון; פיליייכט וועט ער נאך דורך דעם פערלירען דאס קליינע ביסעלע פערדיענסט, וואס ער האט ביי גראבערג'ן.

י א ל מ א ר: עס ווילט זיך מיר כמעט זאגען: ווען עס האלט שוין דערביי! איז עס ניט ערנידריגענד פאר א מאן ווי איך צו זעהן, ווי זיין גרייז־גראער פאטער ווערט בעהאנדעלט אזוי ווי אן ארויסגעשטויסענער? אבער איך מיין, די צייט איז באלד דערביי. (נעהמט נאך א שטיק ברויט מיט פוטער.) ה א ב איך אן אויפגאבע אין לעבען, דאן וועל איך זי אויך דורכפיהרען!

ת ע ד ו ו י ג: אך יא, פאטער! טהו עס!

ג י נ א: שש! וועק איהם ניט אויף!

י א ל מ א ר (שטילער): איך ו ו ע ל זי דורכפיהרען, זאג

איך. עס וועט אמאל קומען דער טאג, ווען —. און דערפאר איז גוט, וואס מיר האבען פערדונגען דאס צימער; ווארים דאס מאכט מיך אונאבהענגיגער. און דאס מ ו ז דער מאן, וואס האט אז אויפגאבע אין לעבען. (צום לעהן־שטוהל, מיט א ריהרענדע שטימע): ארעמער, אלטער, גרייז־גראער פאטער! — פערלאז זיך נור אויף דיין יאלמאר.—ער האט ברייטע פלייצעס;—שטארקע פלייצעס יע־דענפאלס. — אין א שעהנעם טאג וועסטו זיך אויפכאפען און — (צו גינא'ן): דו גלויבכט עס פילייכט ניט?

ג י נ א (הויבט זיך אויף): יא, געווים; אבער דערווייל לאמיר זעהן, ווי מיר זאלען איהם אריינברייגען אין בעט.

י א ל מ א ר: יא, לאמיר עס טהאן.

זיי נעהמען פארזיכטיג אן דעם אלטען.

דריטער אקט.

יאַלמאַר עקדאַל'ס סטודיאָ. אין דער פריה; דאָס טאָג־ליכט קומט אַריין דורכ'ן גרויסען פענסטער פון דעם משופּע'דיגען דאַך; דער פאָהר־האַנג איז פערצויגען אָן אַ זייט.

יאַלמאַר זיצט ביים טיש און רעטושירט אַ פאָטאָגראַפיע; מעהרערע אַנדערע בילדער ליעגען פאר זיינע אויגען. גלייך נאָכדעם קומט אַריין גינאַ אין הוט און מאַנטעל דורך די קאָרידאָר־טיר; זי טראָגט אויף'ן אָרם אַ פערדעקטען קאָרב.

יאלמאר: ביסט שוין דא צוריק, גינא?

גינא: א יא, מען מוז זיך צואיילען. (שטעלט אַוועק דעם קאָרב אויף א שטוהל און טוט זיך אויס).

יאלמאר: ביסטו געווען אינעווייניג ביי גרעגערס?

גינא: יא, כ'בין געווען. עס זעהט דאָרט אויס גרויסארטיג. קען איך דיר זאגען. ווי ער איז נור געקומען האט ער שוין געמאכט א גאנצע קאשע ביי זיך אין צימער.

יאלמאר: וואס הייסט?

גינא: ער האט דאך געוואלט אליין טאן אלצדינג, אזוי האט ער געזאגט. נו, האט ער אויך געוואלט אליין איינהייצען און האט צו־געמאכט די קלאפּע פון אויווען, אזוי אז דאס גאנצע צימער איז פול מיט רויך. אוה! דאס איז אביסעל געווען א געשטאנק, צום —

יאלמאר: ניט מעגליך!

גינא: אבער דאס שעהנסטע קומט נאך. נו, ווילט זיך איהם פערלעשען דאס פייער, און ער גיסט אריין דאס גאנצע וואש־וואסער אין אויווען, אזוי אז די גאנצע פאדלאגע שווימט אין בלאטע.

יאלמאר: דאס איז דאך א פערדרוס.

גינא: כ'האב גלייך ארויפגערופעז דעם הויז־דיענער'ס פרוי און איהר געהייסעז רייז מאכעז ביי דעם חזיר'ל; אבער ביז נאכ־מיטאג וועט מעז היינט דארט ניט קענעז אריינגעהן.

יאלמאר: וואס זשע טוט ער דערווייל?

גינא: ער האט געזאגט, אז ער געהט ארויס אביסעל אין גאס.

יאלמאר: איך בין אויך אויף א ווייל ארייז צו איהם, — נאכדעם ווי דו ביסט אוועק.

גינא: כ'האב געהערט. דו האסט דאך איהם איינגעלאדעז צום פריהשטיק.

יאלמאר: נור אזוי, א גאנץ קליינער אנבייסעז, פער־שטעהסטו. ס'איז דאך דער ערשטער טאג — ; מיר קענעז זיך דאך ניט העלפעז. דו האסט דאך געוויס וואס עס איז אין הויז.

גינא: איך וועל שויז מוזעז זעהן געפינעז עפעס.

יאלמאר: אבער עס זאל נור ניט זיין צו ווענינ, ווייל איך מייז, רעללינג און מאלוויק קומעז אויך ארויף. כ'האב גראד אנגע־טראפעז רעללינג'ן אויף די טרעפ, פערשטעהסטו מיך, און איך האב דאך געמוזט — —

גינא: וואס? זיי ביידעז אויך?

יאלמאר: מייז גאט — א פאר מעהר אדער ווענינער, דאס מאכט דאך גארנישט אויס.

דער אלטער עקדאל (עפענט זיין מיר און קוקט ארייז): ה— הער אקארשט, דו, יאלמאר — (דערזעהט גינא'ן) א!

גינא: איהר ווילט וואס, זיידע?

עקדאל: אך ניין; שויז גוט. הם! (געהט אריין צוריק).

גינא (נעהמט דעם קארב): גיב אקארשט גוט אכטונג אויף איהם, ער זאל ניט ארויסגעהן.

יאלמאר: יא, יא, כ'וועל עס טאן. — דו, גינא, אביסעלע הערינג־סאלאד וואלט געווען אויסגעצייכענט גוט; רעללינג און מאלוויק האבעז די נאכט שויז ווידער ארומגעבומעלט.

גינא: ווען זיי זאלעז מיר נור ניט אנקומעז, איידער איך בין פארטיג —

יאלמאר: נייז, געווים ניט; נעהם זיך נור צייט.

גינא: אך יא; און דערווייל קענסטו דאך נאך ארבייטען אביסעל.

יאלמאר: איך זייז דאך און ארבייט! איך ארבייט דאך אזוי שווער, ווי איך קען נאר!

גינא: דאן וועסטו דאך זיין פריי דערפון. (זי געהט ארויס מים'ן קארב אין קיך).

יאלמאר זיצט א ווייליע און פענזעלט אויף די פאטאגראפיע, נאר אבגעלאזען און אהן חשק.

עקדאל (שטעקט אריין דעם קאפ דורך די טיר, קוקט זיך אום אין סטודיא און זאגט שטילערהייט): דו, האסט וואס צו טאן?

יאלמאר: יא, איך זיץ און פלאג זיך ביי די בילדער דא —

עקדאל: יא, יא, נאטירליך, — אז דו האסט אזוי פיעל צו טהאן, דאן — הם! (געהט ארויס, די טיר בלייבט אפען).

יאלמאר (ארבייט א רגע ווייטער, ניט אויסריידענדיג קיין ווארט; דאן לייגט ער אוועק דעם פענזעל און געהט צו צו דער טיר): האסט דו צו טאן, פאטער?

עקדאל (ברומט פון אינעווייניג): אז דו האסט צו טאן, האב איך אויך צו טאן! הם!

יאלמאר: נו יא, יא. (געהט צוריק צו זיין ארבייט).

עקדאל (קומט גלייך נאכדעם ווידער צו צו דער טיר): הם; זיכסטו, יאלמאר, אזוי שטארק צו טאן האב איך גראד ניט.

יאלמאר: כ'האב געמיינט, דו זיצט און שרייבסט.

עקדאל: צים טייוועל! קען גראבערג ניט ווארטען א טאג אדער צוויי? כ'גע־ט דאך ניט אין לעבען, אזוי ווייט ווי איך וויים.

יאלמאר: נייז, און דו ביסט דאך ניט קיין שקלאף.

עקדאל: און דאן די אנדערע געשיכטע דא־ט אינעווייניג —

יאלמאר: נאטירליך, יא. דו ווילסט פילייכט אריינגעהן? זאל איך דיר אויפמאכען?

עקדאל: דאס וואלט גאר ניט שלעכט געוועז.

יאלמאר (הויבט זיך אויף): דאן וואלטען מיר דערפון לויז געווארען.

עקדאל: יא, ריכטיג. ס'מוז דאך זיין פארטיג ביז מארגען אין דער פריה. עס איז דאך מארגען? הם?

יאלמאר: יא, געוויס איז עס מארגען.

יאלמאר און עקדאל רוקען אב יעדער איינער זיין העלפט פון דער פליגעל־טיר אן א זייט. די מארגען־זונן שיינט אריין דורך די דאך־פענסטער; עטליכע טויבען פליהען ארום הין און הער; אנדערע זיצען און גירען אויף די שטאנגען; וויימער אריין אויף'ן בוידים הערט מען ווען ניט ווען, ווי די היהנער קוואקטשען.

יאלמאר: נו, געה דאך אריין, פאטער.

עקדאל (געהט אריין): און דו? קומסט ניט מיט?

יאלמאר: יא, ווייסטו וואס, — איך מיין — (דערזעהט גינא'ן ביי דער טיר פון קיך) איך? ניין; איך האב קיין צייט ניט; איך מוז ארבייטען. — אבער דער מעכאניזם איז דאך —

ער טוט א ציה א שנירעל; פון אינעווייניג לאזט זיך אראב א פאר־האנג. דער אונטערשטער טייל זיינער בעשטעהט פון א פאס אלטען זעגעל־טוך; דער אויבערשטער טייל איז געמאכט פון א שטיק אנגעצויגענעם פישער־נעץ. די פאדלאגע פון'ם בוידים זעהט זיך איצט מעהר ניט ארויס.

יאלמאר (געהט צו צום טיש): נא; איצט קען איך פיליכט זיצען א ווײלע אונגעשטערט.

גינא: ער פארעט זיך שוין ווידער דארט אינעווייניג.

יאלמאר: וואלט עס פיליכט געוועזען בעסער, ווען ער געהט ארונטער צו מאדאם עריקסען? (זעצט זיך אנידער). דו ווילסט עפעס? דו האסט דאך געזאגט —

גינא: כ'האב נור געוואלט פרעגען, אויב מיר קענען דא גרייטען צום טיש פאר'ן פריהשטיק?

יאלמאר: יא; פאר אזוי פריה האט זיך דאך קיינער ניט געמעלדעט?

גינא: ניין, איך ערווארט קיינעם ניט, אויסער די חתן־כלה, וועלכע ווילען זיך פאטאגראפירען צוזאמען.

יאלמאר: צום טייוועל! זיי האבען שוין ניט גע־ענט אויס־קלייבען קיין אנדערן טאג זיך צו פאטאגראפירען צוזאמען!

גינא: ניין, ליעבער עקדאל, איך האב זיי בעשטעלט אויף היינט נאכמיטאג, ווען דו שלאפסט.

יאלמאר: נו, איז דאך גוט! דאן עסען מיר דא.

גינא: נו יא, גוט, אבער ס'איז נאך צייט צו גרייטען צום טיש; דו קענסט איהם נאך בענוצען א היבשע ווײלע.

יאלמאר: איך מיין, דו זעהסט דאך, אז איך זיץ דא און בענוץ דעם טיש אזוי פיעל ווי איך קען נור.

גינא: דאן וועלכטו דערנאך קענען זיין פריי. (געהט ווידער ארויס אין קיך).

קורצע פויזע.

עקדאל (ביי דער טיר פון בוידים, הינטער'ן נעץ): יאלמאר!

יאלמאר: נו?

עקדאל: כ'האב מורא, מיר וועלען דאך מוזען אוועקרוקען די קארעטע מיט וואסער.

יאלמאר: דאס האב איך דאך אימער געזאגט.

עקדאל: הם — הם — הם. (געהט אוועק פון טיר).

יאלמאר ארבייט א ווײלע, כאפט א קוק צום בוידים און הויבט זיך האלב אויף.

העדוויג קומט אריין פון קיך.

יאלמאר (זעצט זיך שנעל אוועק צוריק): וואס ווילסטו?

העדוויג: כ'האב בלויז געוואלט אריינגעהן צו דיר, פאטער.

יאלמאר (נאך א קורצע פויזע): עפעס געהכטו מיר דא ארום און שנ־עקכט. פיל־ייכט האט מען דיר אנגעזאגט, דו זאלסט אכטונג געבען אויף מיר?

העדוויג: אך ניין, ס'הויבט זיך גאר ניט אן.

יאלמאר: וואס טוט די מאמא איצט אין קיך?

העדוויג: א, מאמא האלט גראד אין מיטען מאכען דעם הערינג־סאלאד. (געהט צו צום טיש). וואלט איך דיר ניט געקענט העלפען מיט וואס עס איז, פאטער?

יאלמאר: אַ ניין. איך וועל ליעבע־שט אלעס טאָן אליין — אזוי לאנג ווי מיינע קרעפטעז וועלען מיר דינען. ס׳איז ניט נייטיג, העדוויג; ווען דיין פאָטער זאָל נור זיין געזונד, —

העדוויג: אַ ניין, פּאָטער! דו דארפסט ניט ריידען אזעלכע ווערטער. (זי געהט ארום איבער׳ן צימער, בלייבט שטעהן ביי דער אָפּע־נער טיר און קוקט אַריין אין בוידים).

יאלמאר: דו, וואָס טוט ער איצט?

העדוויג: כ׳מיין, ער מאכט א נייעם וועג צו דער קאַרעטע.

יאלמאר: דאָס וועט ער קיינמאָל אליין ניט קענען מאכען. און דאָ מוז איך זיין פערורטיילט צו זיצען דאָ — !

העדוויג (געהט צו צו איהם): גיב מיר דעם פּענזעל, פאָטער. איך קען עס מאכען.

יאלמאר: אָה, אונזינן; דו וועסט זיך בלויז פערדארבען די אויגען דערמיט.

העדוויג: קיין האר אויך נימ. גיב מיר דעם פּענזעל.

יאלמאר (שטעהט אויף): יאָ, עס וועט ניט נעהמען לאנג, בלויז א מינוט אָדער צוויי.

העדוויג: נאָ, וואָס זשע קען עס שאָדען? (נעהמט דעם פּענזעל). אָט אזוי! (זעצט זיך אַנידער). און דאָ האָב איך איינס, אויף נאָכצוקוקען.

יאלמאר: אבער גיב אכטונג, דו זאָלסט זיך ניט פערדאר־בען די אויגען! הערסט, וואָס איך זאָג? איך וויל ניט זיין פער־אנטוואָרטליך דערפאר; דו נעהמסט אליין אויף זיך די פעראנט־וואָרטליכקייט — דאָס זאָג איך דיר.

העדוויג (רעטושירט): יאָ, יאָ, איך נעהם עס אויף זיך.

יאלמאר: דו ביסט זעהר פלינק, העדוויג. נור א פּאָר מי־נוטען, פערשטעהסט דו.

ער גליטשט זיך אריין צווישען דער טיר און דעם פאָרהאַנג אין בוידים. העדוויג זיצט ביי איהר אַרבייט. מען הערט, ווי יאַלמאַר און עקדאל אַמפּערן זיך אינעווייניג.

יאלמאר (בעוויזט זיך הינטער׳ן נעץ): העדוויג, גיב מיר

די צוואנג, וואס ליעגט דארט אויף דער פאליצע. און דעם האמער אויך. (ווענדעט זיך נאך אינעווייניג). נא, איצט וועסטו באלד זעהן, באטער. לאז מיך, איך וועל דיר נור ווייזען, וואס איך מיין!

העדוויג האט אראנטערגענומען דאס פערלאנגטע ווערקצייג פון דער פאפע און האט עס איהם דערלאנגט.

יאלמאר: אה, א דאנק. א גליק, הערסטו, וואס איך בין געקומען.

געהט אוועק פון הינטער דעם פארהאנג; זיי קלאפען און ריידען אינעווייניג.

העדוויג בלייבט שטעהן און קוקט זיך צו צו זיי. גלייך נאכדעם הערט זיך א קלאפ אין דער קארידאר־טיר. זי בעמערקט עס נים.

גרעגערס ווערלע (מיט א הוילען קאפ און אהן אן אויבערראק קומט אריין און בלייבט שטעהן ביי דער טיר): הם — !

העדוויג (דרעהט זיך אום און געהט איהם אנטקעגען): גוט מארגען. ביטע, קומט אריין.

גרעגערס: דאנק אייך זעהר. (קוקט צום בוידים). איהר האט, ווייזט אויס, ארבייטער דא אין הויז.

העדוויג: ניין, ס'איז נור דער פאפא און דער זיידע. איך וועל זיי זאגען, אז —

גרעגערס: ניין, ניין, טוט עס ניט; איך וועל ליעבערשט ווארטען א ווייל. (זעצט זיך אנידער אויף דער זאפא).

העדוויג: ס'איז אזוי אנגעווארפען דא — (וויל אוועקנעהמען די פאטאגראפיעס).

גרעגערס: א, לאזט זיי ליעגען. זיינען דאס בילדער, וואס דארפען ארויסגעענדיגט ווערען?

העדוויג: יא, איך האב עס געזאלט דעם פאפא צוהעלפען אביסעל.

גרעגערס: אבער איהר דארפט זיך נור ניט שטערען צו ליעב מיר.

העדוויג: א ניין!

זי רוקט צו די זאַכען צו זיך און זעצט זיך צו דער אַרבייט. גרעגערס קוקט אויף איהר, ניט רײדענדיג קיין וואָרט.

גרעגערס: האָט די ווילד־ענטע היינטיגע נאכט גוט געשלאָפען?

העדוויג: א דאנק, איך מיין אז יאָ.

גרעגערס (דרעהט זיך אום צום בוידים): בייטאָג זעהט עס גאָר אנדערש אויס ווי נעכטען ביים שיין פון דער לבנה.

העדוויג: יאָ, ס'איז זעהר פערשיעדען. אין דער פריה זעהט עס אנדערש אויס ווי נאָכמיטאָג, און ווען עס רעגענט, וויעדער אנדערש, ווי דאן, ווען דאָס וועטער איז שעהן.

גרעגערס: האָט איהר דאָס בעמערקט?

העדוויג: יאָ, דאָס זעהט מען דאָך.

גרעגערס: האָט איהר אויך ליעב צו זיין דאָרט אינעוועניג ביי דער ווילד־ענטע?

העדוויג: יאָ, ווען איך קען עס נור אויספיהרען —

גרעגערס: אבער איהר האָט דאָך געוויס ניט אזוי פיעל פרייע צייט. איהר געהט דאָך אין שולע.

העדוויג: ניין, איצט ניט מעהר. פּאַפּאַ האָט מורא, איך זאָל זיך ניט פערדארבען די אויגען.

גרעגערס: א; דאן לערענט ער געוויס אליין מיט אייך?

העדוויג: פּאַפּאַ האָט פערשפּראָכען, עפּעס צו לערנען מיט מיר; אבער ער האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט דערצו.

גרעגערס: איז דען ניטאָ קיין אנדערער, וואָס זאָל אייך אביסעל צוהעלפען?

העדוויג: יאָ, קאנדידאַט מאָלוויק; אבער ער איז ניט אימער אזוי — אזוי גאַנץ —

גרעגערס: ניכטער?

העדוויג: יאָ, ליידער!

גרעגערס: נו, דאן האָט איהר דאָך גענוג צייט פאַר אַלעס. און דאָרט אינעוועניג, דאָס איז דאָך א וועלט פאַר זיך, ניט וואַהר?

העדוויג: יא, גאנץ פאר זיך. און דאן זיינען דארט דא אזעלכע מערקווירדיגע זאכען.

גרעגערס: ווירקליך?

העדוויג: יא, דארט זיינען פארהאן גרויסע שאפעס מיט ביכער, און אין פיעל ביכער זיינען דא בילדער.

גרעגערס: אהא!

העדוויג: און דאן איז דארט דא אן אלטער קאמאד מיט שופלאדען אין דעקלאך, און א גרויסער זייגער מיט פיגורען, וואס געהען אריין און ארויס. אבער דער זייגער געהט ניט מעהר.

גרעגערס: די צייט איז אלזא געבליבען שטעהן — דארט אינעוועניג ביי דער ווילד־ענטע.

העדוויג: יא. דאן איז דארט פארהאן אן אלטער פארבען־קאסטען און נאך אזעלכע זאכען. און די אלע ביכער.

גרעגערס: און די ביכער לעזט איהר דאך געוויס?

העדוויג: אָ יא, ווען איך קען נור. אבער מייסטענס זיינען זיי ענגלישע ביכער, און דאס פערשטעה איך ניט. אבער דאן קוק איך דורך די בילדער. — דארט איז דא א זעהר גרויס בוך, דאס הייסט: „העררימאנ'ס היסטארי אף לאנדאן". דאס איז געוויס הונדערט יאהר אלט; און דארט איז פארהאן אזא מאסע בילדער! אויף'ן פאדער־בלאט שטעהט דער טויט מיט א שטונדען־גלאז, און א פרוי. דאס, דיינק איך, איז העסליך. אבער דאן זיינען אין דעם בוך דא נאך אנדערע בילדער מיט קירכען און שלעסער און גאסען און גרויסע שיפען, וואס פאהרען אויף'ן ים.

גרעגערס: אבער זאגט מיר, פון וואנען האט איהר אט די אלע זעלטענע זאכען?

העדוויג: אָ, דא האט אמאל געוואוינט אן אלטער שיפס־קאפיטאן, און ער האט זיי מיטגעבראכט מיט זיך. מען פלעגט איהם רופען „דער פליהענדער האלענדער". און דאס איז קאמיש, ווייל ער איז גאר ניט געווען קיין האלענדער.

גרעגערס: ווירקליך ניט?

הֶעדוויג: נײן. אָבער מיט אַמאָל איז ער פֿערשוואונדען; און דאָן זײנען די אַלע זאַכען איבערגעבליבען דאָ.

גרעגערס: אָבער זאָגט מיר אָקאַרשט — ווען איהר זיצט דאָרט אינעווײניג און בעקוקט די בילדער, ווילט זיך אײך גאַר ניט אַרויספֿאָהרען אַביסעל אָנקוקען די גרויסע, ווירקליכע וועלט?

הֶעדוויג: אָ נײן! איך וויל אימער בלײבען אין דערהײם און העלפֿען דעם פֿאָטער און דער מאַמאַ.

גרעגערס: רעטושירען פֿאָטאָגראַפֿיעס?

הֶעדוויג: נײן, ניט דאָס אַלײן. אַם ליעבסטען וואָלט איך געוואָלט זיך אויסלערנען גראַווירען אַזעלכע בילדער ווי די, וואָס שטעהען אין די ענגלישע ביכער.

גרעגערס: הם, — און וואָס זאָגט אײער פֿאָטער דערצו?

הֶעדוויג: מיר דוכט, אַז דער פֿאָטער וואָלט עס ניט ווע־לען; אין אַזעלכע זאַכען איז ער אַזוי מאָדנע. שטעלט זיך פֿאָר, ער רעדט דערפֿון, איך זאָל זיך אויסלערנען מאַכען קע־ב און פֿלעכטען שטרוי! אָבער איך מײן, אַז דאָס טויג דאָך צו גאַרנישט.

גרעגערס: איך מײן אויך אַזוי.

הֶעדוויג: אָבער דאָס איז דער פֿאָטער גערעכט: ווען איך וואָלט זיך געלערענט פֿלעכטען קערב, וואָלט איך דאָך איצט געקענט מאַכען דעם נײעם קאָרב פֿאַר דער ווילד־ענטע.

גרעגערס: דאָס וואָלט איהר ווירקליך געקענט, יאָ; און דאָס וואָלט דאָך געדאַרפֿט זײן אײער זאַך, עס צו טהאָן, ניט וואָהר?

הֶעדוויג: יאָ; ווארים עס איז דאָך מ י י ן ווילד־ענטע.

גרעגערס: נו געוויס.

הֶעדוויג: יאָ, יאָ, מ י ר געהערט זי. אָבער פֿאָפּאַ און דער זײדע קריגען זי אויסגעבאָרגט אַזוי אָפֿט ווי זײ ווילען.

גרעגערס: ווירקליך? וואָס טוען זײ דען מיט איהר?

הֶעדוויג: אָ, זײ פֿלעגען זי און בויען אַלערלײ בעקוועמע פֿלעצער פֿאַר איהר, און אַזוי ווײטער.

גרעגערס: כ'קען זיך פארשטעלען; ווארים די ווילד־ענטע איז דאך געווים די אנגעזעהענסטע דארט אינעווענינ.

העדוויג: יא, דאס איז זי; ווארים זי איז דאך א ווירקליך ווילדער פויגעל. און דאן איז דאך אזא רחמנות אויף איהר. די ארעמע, זי האט קיינעם ניט, פאר וועמען צו זארגען.

גרעגערס: זי האט ניט קיין פאמיליע, ווי די קראליקעס —

העדוויג: ניין. די היהנער האבען דאך אויך אזוי פיעל, מיט וועמען זיי זיינען צוזאמען אלס היהנדעלאך געוועזן; אבער זי איז אין גאנצען אבגעריסען געווארען פון אלע איהריגע. און דאן איז דאך דאס אלעס וועגען איהר אזוי וואונדערליך. קיינער קען זי ניט, און קיינער ווייס ניט, פון וואנען זי שטאמט.

גרעגערס: און דאן איז זי דאך געוועזען אין דער טיעפעניש פון ים.

העדוויג (קוקט איהם אן מיט א שנעלען בליק, אונטערדריקט א שמייכעל און זאגט): פארוואס זאגט איהר אין דער טיעפעניש פון ים?

גרעגערס: ווי דען האב איך געזאלט זאגען?

העדוויג: איהר האט געקענט זאגען „אויף'ן גרונד פון ים".

גרעגערס: קען איך ניט פונקט אזוי גוט זאגען: אין דער טיעפעניש פון ים?

העדוויג: יא; אבער מיר קלינגט עס אזוי מאדנע, ווען אנדערע ריידען וועגען דער טיעפעניש פון ים.

גרעגערס: פארוואס עפעס? זאגט מיר, פארוואס?

העדוויג: ניין, איך וויל ניט; ס'איז צו דום.

גרעגערס: אה ניין, געווים ניט. זאגט מיר נור, פארוואס איהר האט געשמייכעלט.

העדוויג: ווייל אימער, ווען איך דערמאן זיך מיט אמאל — אזוי פלוצלונג — אן דער גאנצער געשיכטע דארט אינעווענינ, קומט מיר עפעס פאר, אז דער גאנצער בוידים און אלעס, וואס געפינט זיך אין איהם, וואלט געדארפט הייסען „די טיעפעניש פון ים". — אבער דאס איז דאך אזוי דום.

גרעגערס: אַ, זאָגט עס ניט.

העדוויג: אַ יאָ. וואָרים ס׳איז דאָך ניט מעהר ווי אַ בווידים.

גרעגערס: זייט איהר אַזוי זיכער דערמיט?

העדוויג שווייגט און קוקט איהם אָן מיט אַן אָפענעם מויל.

גינאַ קומט אריין פון קיך מיט די טיש־זאַכען.

גרעגערס: איך בין געוויס צו פריה געקומען?

גינאַ: אַך, ערגעץ־וואו מוזט איהר דאָך זיין; און אויסער דעם בין איך אויך באַלד פאַרטיג. — ראַם אָב דעם טיש, העדוויג.

העדוויג נעהמט אָוועק איהרע זאַכען; זי און גינאַ גרייטען צום טיש. גרעגערס זעצט זיך אריין אין לעהן־שטוהל און בלעטערט אין אַן אַלבום.

גרעגערס: איך הער, אַז איהר קענט רעטושירען, פרוי עקדאַל.

גינאַ (מיט אַ זייטען־בליק): יאָ, איך קען.

גרעגערס: דאָס איז ווירקליך געווען אַ גליקליכע צוזאַמענטרעפונג.

גינאַ: וואָס הייסט אַ גליקליכע?

גרעגערס: ווייל עקדאַל איז געוואָרען אַ פאָטאָגראַף, מיין איך.

העדוויג: מאַמאַ קען אויך פאָטאָגראַפירען.

גינאַ: אַ יאָ, די קונסט האָב איך זיך אויך אויסגעלערענט.

גרעגערס: דאַן פיהרט איהר, הייסט עס, דאָס געשעפט?

גינאַ: יאָ, ווען עקדאַל אַליין האָט קיין צייט ניט, דאַן —

גרעגערס: ער איז זעהר אָפט פערנומען מיט זיין אַלטען פאָטער, קען איך זיך פאָרשטעלען.

גינאַ: יאָ; און דאַן קענט איהר דאָך ניט ערוואַרטען, אַז אַ מאַן ווי עקדאַל זאָל מאַכען איינפאַכע פאָרטרעטען פון אַבי וועמען.

גרעגערס: דאָס איז גאַנץ ריכטיג; אָבער קוים האָט ער זיך גענומען דערצו, דאַן —

גינא: איהר פערשטעהט דאך געוויס, דערר ווערלע, אז עק־ראל איז ניט איינער פון די געוועהנליכע פאטאג־אבען.

גרעגערס: נו יא, אבער דאך —

פון בוידים הערט זיך א שאס.

גרעגערס (ווערט אויפגעטרייסעלט): וואס איז דאס?

גינא: אוף! זיי שיסען שוין ווידער דארט!

גרעגערס: וואס, זיי שיסען אויך?

העדוויג: זיי געהען אויף דער יאגד.

גרעגערס: וואס? ! (ביי דער טיר פון בוידים). דו געהסט אויף דער יאגד, יאלמאר?

יאלמאר (הינטער'ן נעץ): דו ביסט דא? כ'האב גאר נישט געוואוסט ־ערפון; איך בין געוועזן אזוי פערנומען — (צו העדוויגען) און דו זאגסט אונז גארנישט! (קומט אריין אין סטודיא).

גרעגערס: דו געהסט ארום אויף'ן בוידים און שיסט?

יאלמאר (ווייזט א דאפעל־רעהריגען פיסטויל): אך, נור מיט דעם דא.

גינא: יא, דו און דער זיידע, איהר וועט נאך אמאל אנמאכען עפעס א צרה מיט אייער פיקסטויל.

יאלמאר (מיט א טאן פון פערדרוס): איך מיין, איך האב דיר שוין געזאגט, אז אזא מין שיס־געוועהר הייסט פיסטויל.

גינא: אך, דאס איז אויך ניט פיעל בעסער.

גרעגערס: ביסטו, הייסט עס, געווארען א יעגער אויך, יאלמאר?

יאלמאר: נור ווען ניט ווען א קליינע יאגד אויף קראליקעס. מייסטענס דעם פאטער צוליעב, פערשטעהסטו.

גינא: די מענער זיינען ווירקליך קאמיש. זיי מוזען אימער האבען עפעס, מיט וואס זיך צו פערשטרייען.

יאלמאר (אין כעס): יא, יא, מיר מוזען אימער האבען עפעס, מיט וואס זיך צו צערשטרייען!

גינא: נו יא, אט דאס זאג איך דאך טאקע.

יאלמאר: הם. (צו גרעגערס) דו פערשטעהסט, גליקליכער־

ווייזע ליעגט דער בוידים אזוי, אז קיינער קען אונז ניט הערען, ווען מיר שיסען. (לייגט אוועק דעם פיסטויל אויף דער אויבערשטער פאליצע פון דער ביכער־שאפע). טשעפע ניט דעם פיסטויל, העדוויג! איין רעהר איז געלאדען; גיב אכטונג.

גרעגערס (קוקט אריין דורך'ן נעץ): א יאגד־געוועהר האכטו אויך, ווי איך זעה.

יאלמאר: דאס איז דעם פאטער'ס אלטער ביקס. שיסען קען מען שוין דערמיט ניט; עפעס איז דארט קאליע געווארען ביים שלאס. אבער דאך איז גאנץ אינטערעסאנט עס צו האבען; מיר קענען עס צייטענווייז פונאנדער־נעהמען און רייניגען און אויסשמי־רען מיט ביינער־פעטס און עס צוריק צונויפשטעלען —. פערשטעהט זיך, בייסטענס גיט זיך דער פאטער אב מיט אזעלכע זאכען.

העדוויג (לעבען גרעגערס): איצט קענט איהר זעהן די ווילד־ענטע ווי געהעריג איז.

גרעגערס: איך קוק דאס גראד אויף איהר. מיר דוכט, איין פליגעל הענגט איהר אביסעל אראב.

יאלמאר: נא, דאס איז דאך קיין וואונדער ניט; זי איז דאך געשאסען געווארען אין דעם פליגעל.

גרעגערס: און דאן שלעפט זיך ביי איהר איין פוס אביסעל נאך. אדער איז דאס ניט אזוי?

יאלמאר: פיליכט א קליין ביסעלע.

העדוויג: ביי דעם פוס האט זי דער הונד אנגענומען מיט זיינע צייהן.

יאלמאר: אבער ווייטער האט זי אבסאלוט קיין פעהלער ניט. און דאס איז ווירקליך א וואונדער, נאכדעם ווי זי האט געקרי־גען א היבש ביסעל שראט אין לייב און איז געוועזן ביים הונד צווי־שען די צייהן.

גרעגערס (מיט א בליק אויף העדוויג): — און געוועזן אין דער טיעפעניש פון ים — אזוי לאנג.

העדוויג (שמייכעלט): יא.

גינא (מאַכט אָרדנונג ביים טיש): די אייבינגע ווילד־ענטע! וואָס פאר א ווענען מען מאַכט דאָס דא פון איהר!

יאַלמאַר: הם; — וועט באלד זיין געגרייט?

גינא: יא, גלייך. העדוויג, קום, וועסט מיר העלפען אביסעל.

גינאַ און העדוויג געהן ארויס אין קיך.

יאַלמאַר (מיט אַ נידעריגער שטימע): איך מיין, ס'איז בעסער דו זאלסט ניט שטעהן דארט און קוקען אויף מיין פאטער; ער וויל דאָס ניט ליידען.

גרעגערס געהט אַוועק פון דער בוידים־טיר.

יאַלמאַר: אויסערדעם דענק איך, עס וועט זיין אם בעס־טען צו צומאַכען די טיר, איידער די אנדערע קומען אריין. (פּאַטשט מיט די הענד) הוש—הוש! אריין אינעווייניג! (ציהט ארויף דעם פאָר־האַנג און רוקט צונויף די טירען). אַט די אלע איינריכטונגען זיינען מיין אייגענע ערפינדונג. עס איז ווירקליך זעהר אמוזירענד צו האָ־בען אזעלכע זאכען, מיט וועלכע מען קען זיך פערנעהמען און וועל־כע מען קען פון צייט צו צייט ברייננען אין ארדנונג, ווען זיי ווערען קאַליע. און דאן איז דאָס אבסאָלוט נייטיג אויך, ווייל גינא וויל אויף קיין פאַל ניט האָבען קיין קראַליקעס און היהנער אין סטודיא.

גרעגערס: געוויס; און דיין פרוי בעזארגט, הייסט עס, דא אלעס?

יאַלמאַר: אין אלגעמיין לאָז איך איבער די אלטעגליכע קליינינגקייטען פון דעם געשעפט אויף איהר; ווארים דאן קען איך זיך אריינכאַפּען אין דער וואוין־שטוב און נאכדיינקען איבער זאכען, וועלכע זיינען וויכטיגער.

גרעגערס: וואָסערע זאכען זיינען דאָס, יאַלמאַר?

יאַלמאַר: מיך וואונדערט נור, וואָס דו האָסט זיך ביז אהער ניט נאָכגעפרעגט דערויף. אדער האָסטו פיליייכט גאר ניט געהערט פון דער ערפינדונג?

גרעגערס: ערפינדונג? ניין.

יאַלמאַר: ווירקליך? נאָך ניט? נו נאַטירליך, דארט אויבען אין די וועלדער און די וויסטעניישען —

ג ר ע ג ע ר ס: דו האָסט אלזא געמאַכט אַן ערפינדונג?

י אַ ל מ אַ ר: נאָך ניט אַין גאַנצען געמאַכט; אָבער איך האַלט שוין דערביי. דו קענסט זיך דאָך פאַרשטעלען, אז ווען איך האָב בעשלאָסען זיך צו אָפּגעבען פאַר די פאָטאָגראַפיע, איז דאָס ניט געוועזען מיט דער אבזיכט צו זיצען דאָ און אראָבנעהמען בילדער פון אלערליי געוועהנליכע מענשען.

ג ר ע ג ע ר ס: ניין, דאָס האָט אויך דיין פרוי נור וואָס געזאָגט.

י אַ ל מ אַ ר: איך האָב געשוואָרען, אז אויב איך האָב שוין יאָ אָבגעגעבען מיינע קרעפטען אויף אַזאַ האַנדווערק, מוז איך עס אויפהויבען אַ ז ו י הויך, אז עס זאָל ווערען ביידע זאַכען, אי אַ קונסט אי אַ וויסענשאַפט. און דערפאַר האָב איך בעשלאָסען צו מאַכען די ערפינדונג.

ג ר ע ג ע ר ס: און אין וואָס בעשטעהט די ערפינדונג? וואָס בעצוועקט זי?

י אַ ל מ אַ ר: נאָך אַזעלכע איינצעלהייטען דאַרפסטו זיך נאָך ניט נאָכפרעגען. דערצו, פערשטעהסטו מיך, פאָדערט זיך צייט. און דאַן דאַרפסטו ניט דענקען, אז דאָס טרייבט מיך די אייטעלקייט, דער פּוסטער שטאָלץ דערצו. אָ ניין, ס'איז די לעבענס־אויפגאַבע, וועלכע שטעהט מיר טאָג און נאַכט פאַר די אויגען.

ג ר ע ג ע ר ס: וואָס פאַר אַ לעבענס־אויפגאַבע?

י אַ ל מ אַ ר: דו פערגעסט דעם גרייז־גראָען מאַן מיט די זילבער־האָר?

ג ר ע ג ע ר ס: דיין אָרעמער פאָטער? יאָ, אָבער וואָס קענסטו דען טהאָן פאַר איהם?

י אַ ל מ אַ ר: איך קען דערוועקען זיין זעלבסט־געפיהל, מאַכען עס פון טויט לעבעדיג, דערמיט וואָס איך וועל דעם נאָמען עקדאַל צוריקברייגען צו עהרע און אנזעהן.

ג ר ע ג ע ר ס: דאָס איז אַלזאָ דיין לעבענס־אויפגאַבע?

י אַ ל מ אַ ר: יאָ. איך וויל רעטען דעם שיפבריכיגען מאַן. ווארים שיפבריכיג איז ער שוין געווען דאַן, ווען דער סאַמע ערשטער

שטורם האט איבער איהם אויסגעבראכען. אין דער שרעקליכער צייט פון דער אונטערזוכונג, איז ער שוין ניט געווען ער אליין. דער פיס־טויל דארט — וואס מיר בענוצען איצט צו אונזער יאגד אויף די קראליקעס — הערסטו, אט דער פיסטויל האט שוין געשפיעלט א ראלע אין דער טראגעדיע פון דעם הויז עקדאל.

גרעגערס: דער פיסטויל? ווירקליך?

יאלמאר: ווען דאס אורטהייל איז ארויסגעגעבען געוואָ־רען, און ער האט געדארפט געהן אין געפענגניס, — האט ער געהאט דעם פיסטויל אין דער האנד —

גרעגערס: ווירקליך — ?

יאלמאר: יא; אבער ער האט ניט געהאט קיין מוטה. ער איז געווען פייג. אזוי געבראכען, אזוי רואינירט איז ער שוין דאמאלס געווען אין זיין זעעלע. א, קענסטו דאס בעגרייפען? אז אפיציער — א מאן, וועלכער האט געשאסען ניין בערען, און וואס שטאמט אב פון צוויי אויבערסט־לייטענאנטס — נאטירליך פון דעם איינעם נאך׳ן אנדערן — . קענסטו דאס בעגרייפען, גרעגערס?

גרעגערס: א, איך בעגרייף עס זעהר גוט.

יאלמאר: איך ניט. און צום צווייטען מאל האט דער פיס־טויל געשפיעלט א ראלע אין דער געשיכטע פון אונזער הויז. ווען מען האט איהם אנגעטאן אין די גראע קליידער און ער איז געזעסען הינטער שלאס און ריגעל, — א, מעגסט מיר גלויבען, דאס זיינען געווען שרעקליכע צייטען פאר מיר. איך האב דאן געהאלטען די פארהאנגען איבער מיינע ביידע פענסטער ארונטערגעלאזען. ווען איך האב ארויסגעקוקט אויף דרויסען, האב איך געזעהן, אז די זונן שיינט ווי געווענליך. כ׳האב עס ניט געקענט בעגרייפען. איך האב געזעהן, ווי מענשען געהען ארום אין די גאסען, לאכען און ריידען איבער גלייכגילטיגע זאכען. כ׳האב עס ניט געקענט בעגרייפען. מיר האט זיך געדוכט, אז דאס גאנצע דאזיין, אלעס וואלט זיך געדארפט אבשטעלען, ווי ביי א זונען־פינסטערניש.

גרעגערס: פונקט דאסזעלבע האב איך געפיהלט, ווען מיין מוטער איז געשטארבען.

יאלמאר: אין אזא שטונדע האט יאלמאר עקדאל אנגע־שטעלט דעם פיסטויל געגען זיין אייגענער ברוסט.

גרעגערס: דו האסט אויך געוואלט — !

יאלמאר: יא.

גרעגערס: אבער דו האסט ניט אויסגעשאסען?

יאלמאר: ניין. אין דעם ענטשיידענדען מאמענט האב איך געוואונען דעם זיעג איבער זיך אליין. איך בין געבליבען לעבען. אבער גלויב מיר, מען מוז האבען מוטה, אונטער אזעלכע אומשטענדען אויסצוקלייבען דאס לעבען.

גרעגערס: נא, דאס העננגט אב, ווי מען קוקט דערויף.

יאלמאר: יא, ווירקליך, מען מוז האבען מוטה דערצו. אבער דאס איז געווען אם בעסטען אזוי; ווארים איצט וועל איך באלד מאכען מיין ערפינדונג; און דאן — דאס גלויבט דאקטאר רעללינג אזוי ווי איך — וועט דער פאטער קריגען די ערלויבניש, ווידער צו טראגען זיין מונדיר. איך וועל עס פאדערן אלס מיין איינציגען לוין.

גרעגערס: אלזא דאס האט ער עס געמיינט וועגען זיין מונדיר — ?

יאלמאר: יא, וועגען דעם טראכט ער און נאך דעם שטרעבט ער די גאנצע צייט. דו קענסט זיך גאר ניט פארשטעלען, ווי מיין הארץ ווערט אין מיר צוריסען, קוקענדיג אויף איהם. יעדעס מאל, ווען מיר האבען א שטיקעל יום טוב ביי אונז אין שטוב, א קליינעם פאמיליען־פעכט — גינא'ס און מיין חתונה־טאג אדער־וואס עס זאל ניט זיין — דאן קומט דער אלטער מאן אריין, אנגעטאן אין זיין לייטענאנט־מונדיר פון די טעג פון גליק. אבער קוים הע־ט זיך נור א קלאפ אין דער קארידאר־טיר, — ווארים ער טאר זיך ניט ווייזען פאר פרעמדע — דאן לויפט ער אריין צוריק צו זיך אין צימער, אזוי שנעל ווי זיינע אלטע פיס ט־אגען איהם. אז א זוהן דארף דאס צוזעהן, — הערסטו, דאס הארץ קען איינפאך פלאצען פאר שמערץ.

נ ר ע ג ע ר ס: און ווען אונגעפעהר דענקסטו, וועט דיין ער־פינדונג פארטיג ווערן?

י א ל מ א ר: אבער מיין גאט, ווי קענסטו זיך ביי מיר נאכ־פרעגען נאך אזעלכע איינצעלהייטען? אז ערפינדונג, דאס איז א זאך, וואס מען האט גאר אליין ניט אין גאנצען ביי זיך אין די הענד. עס הענגט צום גרעסטען טייל אב פון אינספיראציאן, — פון איינ־געבונג, — און ס'איז אזוי גוט ווי אונמעגליך פאראויס צו בערעכע־נען, ווען די אינספיראציאן וועט קומען.

ג ר ע ג ע ר ס: אבער עס געהט דאך פארווערטס?

י א ל מ א ר: נאטירליך געהט עס פארווערטס. איך גיב זיך יעדען טאג אב מיט דער ערפינדונג; איך בין פול מיט איהר. יע־דען נאכמיטאג, נאך'ן עסען, פערשפאר איך זיך אין דער וואוין־שטוב, וואו איך קען רוהיג און אונגעשטער־ט נאכדענקען. אבער מען מוז מיך נור ניט צוטרייבען, דאס ברייגנט קיין נוצען; אזוי זאגט רעללינג אויך.

נ ר ע ג ע ר ס: דענקסטו ניט, אז אט די אלע געשיכטען דארט אויף'ן בוידים רייסען דיך אוועק און צושטרייען דיך צופיעל?

י א ל מ א ר: ניין, ניין, אין געגענטייל. דאס דארפסטו ניט זאגען. איך קען דאך ניט אימער און אייביג ארומגעהן מיט דיזעל־בע אנשטרייגענדע געדאנקען. איך מוז דערביי האבען נאך עפעס, אויסצופילען די צייט פוןווארטען. די אינספיראציאן, די איינגע־בונג, מוזטו וויסען, — אז זי דארף קומען, קומט זי.

ג ר ע ג ע ר ס: מיין ליעבער יאלמאר, מיר קומט כמעט פאר, אז דו האכט עטוואס פון דער ווילד־ענטע אין דיר.

י א ל מ א ר: פון דער ווילד־ענטע? וואס מיינסטו דערמיט?

ג ר ע ג ע ר ס: דו ביכט אונטערגעגאנגען און האסט זיך פעסט איינגעביסען אין דעם גראז דארט טיעף אונטען.

י א ל מ א ר: מיינסטו פיללייכט דעם שאס, וועלכער האט נאך א דאר געקענט זיין טוידטליך, וואס האט געטראפען מיין פאטער אין פליגעל — און מיר אויך?

נ ר ע ג ע ר ס: ניט דאס גראד. איך וויל ניט זאגען, אז דו

האסט געקריגען א שאס, אבער דו ביסט אריינגעפאלען אין א גיפטיגען זומפ, יאלמאר; א קראנקהייט וואס גנב'ט זיך אריין שטילערהייט האסטו אין דיין קערפער, און דאן ביכט פערזונקען געווארען צו שטארבען אין דער פינסטער.

י א ל מ א ר: איך? שטארבען אין דער פינסטער! הער אויס, גרעגערס, דו האסט ווירקליך געמעגט אויפהערען ריידען אזעלכע אונזיניגע רייד.

ג ר ע ג ע ר ס: זיי נור רוהיג; איך וועל דיר צוריק שטעלען אויף די פיס. איך האב איצט אויך אן אויפגאבע אין לעבען; פון נעכטען אן.

י א ל מ א ר: זעהר שעהן, — אבער איך בעט דיך, מ י ך לאז צורוה. איך קען דיר פערזיכערן, אז אבגעזעהן פון מיין לייכט ערקלערליכע מעלאנכאליע, נאטירליך — בין איך אזוי צופריעדען, ווי א מענש קען זיך נור ווינשען צו זיין.

ג ר ע ג ע ר ס: אט דאס וואס דו ביסט צופריעדען, — דאס קומט אויך פון דעם גיפט.

י א ל מ א ר: נא, נא, מיין ליעבער, גוטער גרעגערס, איך בעט דיך, הער אויף צו ריידען פון קראנקהייט און גיפט; צו אזעלכע געשפרעכען בין איך ניט געוואוינט. ביי מיר אין הויז רעדט מען קיינמאל ניט צו מיר פון אונאנגענעהמע זאכען.

ג ר ע ג ע ר ס: אה, ד א ס קען איך זיך לייכט פארשטעלען.

י א ל מ א ר: יא, דען עס שאדעט מיר נור. און דא איז נ י ט א קיין זומפ־לופט, ווי דו דריקסט זיך אויס. דאס הויז פון דעם ארעמען פאטאגראף האט א נידעריגען דאך, — דאס ווייס איך גאנץ גוט — און מיינע מיטלען זיינען בעשרענקט. אבער איך בין אן ערפינדער, און איך בין אין דערזעלבער צייט א פאמיליען־פאטער. ד א ס הויבט מיך אויף איבער די קלעגליכע פערהעלטניסען.
— אך, אט קומט שוין דאס פריהשטיק!

ג י נ א און ה ע ד ו ו י ג ברינגען אריין פלעשער מיט ביער, א קאראפין מיט בראנפען, גלעזער און אנדערע כלים. אין דערזעלבער צייט קומען ר ע ל ל י נ ג און מ א ל ו ו י ק אריין פון דעם קארידאר; זיי

געהען ביידע אַהן הוט און אויבערראָק. מאָלוויק איז אָנגעטאָהן אין פּוּזאַרצען.

ג י נ אַ (שטעלט אוועק די זאַכען אויף'ן טיש): נאַ, ד י ביי־רע קומען ריכטיג צו דער צייט.

ר ע ל ל י נ ג: מאָלוויק האָט זיך איינגערעדט, אז ער הערט דעם ריח פון הערינג־סאַלאַה, און עס איז איהם שוין ניט געווען איינצוהאַלטען. — נאָך אמאָל גוט מאָרגען, עקדאָל.

י אַ ל מ א ר: גרעגע־ס, לאָמיך דיר פאָרשטעלען דעם הערר קאַנדידאַט מאָלוויק; דאָקטאָר — אָך רעללינג, דעם קענסטו דאָך.

ג ר ע ג ע ר ס: יאָ, אביסעל.

ר ע ל ל י נ ג: אָ, הערר ווערלע דער יונגער! יאָ, מיר ביידע פלעגען זיך אָפּט ארומרייכען דאָ־ט אויבען אין דער האָידאָל־פּאָב־ריק. איהר האָט זיך נור וואָס ארייננעצויגען אהער?

ג ר ע ג ע ר ס: היינט אין דערפריה.

ר ע ל ל י נ ג: און אונטער איך וואוינען מאָלוויק און איך; אידר האָט אַלזאָ ניט וויט צו געהן צום דאָקטאָר און צום פּאַסטאָר, אויב איהר וועט זיך נייטיגען אין דעם.

ג ר ע ג ע ר ס: א שעהנעם דאַנק. דאָס קען זיך גראָד מאַכען; ווייל נעכטען זיינען מיר געווען דרייצעהן ביים טיש.

י אַ ל מ א ר: אָ, דו הויבסט שוין ווידער אָן מיט דיינע אונ־היימליכע געשיכטען!

ר ע ל ל י נ ג: דו קענסט זיין גאַנץ רוהיג, עקדאָל; דיך וועט עס זיכער ניט טרעפען.

י אַ ל מ א ר: איך האָף אז ניט, צוליעב מיין פאַמיליע. אָבער לאָמיר זיך איצט זעצען צום טיש און עסען און טרינקען און פרעה־ליך זיין.

ג ר ע ג ע ר ס: זאָלען מיר ניט ווארטען אויף דיין פאָטער?

י אַ ל מ א ר: ניין, ער וויל, מען זאָל איהם זיין עסען אריינ־טראָגען שפּעטער צו איהם אין צימער. אַלזאָ קומט!

די מענער זעצען זיך צום טיש, עסען און טרינקען. גינאָ און העד־וויג געהען אריין און ארויס און בעדיענען זיי.

רעללינג: איהר האט געדאַרפט זעהן מאַלוויק'ן נעכטען פרוי עקדאל; ער איז געווען אין אַ שעהנעם צושטאַנד.

גינא: ווירקליך? נעכטען ווידער?

רעללינג: איהר האט איהם גאָר ניט געהערט, ווען איך בין ביינאכט מיט איהם אהיים געקומען?

גינא: ניין, כ'האב גאָרנישט געהערט.

רעללינג: זעהר גוט; ווארים מאַלוויק איז געווען עקעלהאַפט די נאַכט.

גינא: איז דאָס אמת, מאַלוויק?

מאַלוויק: לאָמיר מאַכען אַ שטריך אונטער די פּאַסירונגען פון דער נאַכט. אַזוי וואָס הענגט דאָך ניט אָב פון מיין בעסערן איך.

רעללינג (צו גרעגערס): עס קומט איבער איהם ווי אַ מין כשוף, און דאַן מוז איך ארויסגעהן מיט איהם הוליען. ווארים אונזער מאַלוויק איז דעמאָניש, פערשטעהט איהר מיך.

גרעגערס: דעמאָניש?

רעללינג: מאַלוויק איז דעמאָניש, יאָ.

גרעגערס: הם.

רעללינג: און דעמאָנישע נאַטורען זיינען ניט געשאַפען דערצו, דורכצוגעהן די וועלט גראַד אויף זייער'ע פיס; זיי מוזען ווען ניט ווען אראָבגעהן אביסעל פון וועג. — נאַ, און איהר האלט עס נאָך אַלץ אויס דאָרט אויבען אין דער שרעקליכער, פערדריסליכער פאַבריק?

גרעגערס: ביז איצט האָב איך עס אויסגעהאלטען.

רעללינג: נו, און האָט איהר אויך איינגעמאַנט די פאָדערונג, מיט וועלכער איהר פלעגט זיך ארומטראַגען?

גרעגערס: די פאָדערונג? (פערשטעהט איהם.) אַך יאָ —

יאַלמאַר: דו האסט איינגעמאַנט פאָדערונגען, גרעגערס?

גרעגערס: אַך, אונזינן.

רעללינג: יאָ, געוויס האָט ער דאָס געטהאן; ער איז ארומגעגאַנגען פון איין אָרים הייזעל צום אַנדערן און האָט פאָרגע־

לעגט עטוואס, וואס ער האט אנגערופען „די אידעאלע פאדערונג".

גרעגערס: איך בין נאך דאמאלסט געוועז יונג.

רעללינג: איהר זייט גערעכט; איהר זייט געוועז זעהר יונג, און די אידעאלע פאדערונג, — די האט מען אייך קיינמאל ניט אויסגעצאהלט, אזוי לאנג ווי איך בין דארט געוועז.

גרעגערס: שפעטער אויך ניט.

רעללינג: נא, מסתמא זייט איהר געווארען קליגער און איהר לאזט אראב עטוואס פון דער סומע.

גרעגערס: קיינמאל ניט, ווען איך האב צו טהאן מיט אן עכטען, ריכטיגען מענשען.

יאלמאר: ניין, דאס איז טאקע גאנץ פערנינפטיג. — אביסעל פוטער, גינא!

רעללינג: און א שטיקעל שפעק פאר מאלוויק'ן.

מאלוויק: אוה, ניט קיין שפעק!

עס הערט זיך א קלאפ אין דער בוידים־טיר.

יאלמאר: עפען די טיר, העדוויג; דער זיידע וויל ארויס־געהן.

העדוויג געהט צו און עפענט אביסעל די טיר. דער אלטער עקדאל קומט אריין מיט א פרישען פעל פון א קראליק; זי פערמאכט די טיר הינטער איהם.

עקדאל: גוט מארגען, מיינע הערען! כ'האב היינט געהאט א גוטע יאגד. כ'דאב געשאסען איינס פון די גרויסע.

יאלמאר: און דו האסט עס אבגעשונדען, איידער איך בין געקומען — !

עקדאל: כ'האב עס אויך איינגעזאלצען. ס'איז גוט, ווייך פלייש, דאס פלייש פון קראליקעס; און דערצו אזוי זיס, ווי צוקער. — גוטען אפעטיט, מיינע הערען. (געהט אריין צו זיך אין צימער.)

מאלוויק (הויבט זיך אויף): ענטשולדיגט — ; איך קען ניט — ; איך מוז שוין ארונטער געהן —

רעללינג: טרינק אביסעל סאדא־וואסער, מענש!

מ א ל ו ו י ק (געהט שנעל אוועק): אוף — אוף! (אב דורך די קארידאר־טיר.)

ר ע ל ל י נ ג (צו יאלמאר'ן): לאמיר טרינקען א שנעפסיל פאר דעם אלטען יעגער.

י א ל מ א ר (קלאפט אָן מיט איהם): פאר דעם אונערשראָ־קענעם ספאָרטסמאן ביים ראנד פון קבר.

ר ע ל ל י נ ג: פאר דעם גרייז־גראָען — (טרינקט.) יא, זאג מיר אקאָרעט, — האט ער גראָע אדער ווייסע האר?

י א ל מ א ר: ס'איז אזוי, מיטעלמעסיג; נאר סיי ווי סיי האט ער שוין קיין סך האר ניט אויף'ן קאפ.

ר ע ל ל י נ ג: נא, מיט פאלשע האר קומט מען אויך דורך די וועלט! הערסטו, עקדאל, אין גרונד גענומען ביסטו דאך א גליק־ליכער מענש; דו האָסט דיין שעהנע לעבענס ־ אויפגאבע, פאר וועלכער דו קענסט שטרעבען —

י א ל מ א ר: און איך שטרעב אויך — דאס קענסטו מיר גלויבען.

ר ע ל ל י נ ג: און דאן האסטו דיין פלינקע פרוי, וועלכע געהט ארום אין איהרע פילצשיך, אזוי שטיל, מיט איהר שאקלענדיגען גאנג אריין און ארויס, און היט דיך אב און מאכט דיר אלעם בעק־וועם.

י א ל מ א ר: יא, גינא. (שאָקעלט איהר צו מיט'ן קאפ.) דו ביסט א גוטע חבר'טע אויף מיין לעבענס־וועג.

ג י נ א: אַ, צו וואס טויג איך זיצען דאַ און רידען איבער מיר!

ר ע ל ל י נ ג: און דאן דיין העדוויג, עקדאל!

י א ל מ א ר (געריהרט): דאס קינד, יא! דאס קינד פאר אלצדינג! העדוויג, קום אהער צו מיר. (גלעט איהר איבער די האָר.) וואס פאר א טאג איז מארגען, הא?

ה ע ד ו ו י ג (צופט איהם ביים ראָק): אַ ניין, זאלסט גארנישט זאגען, פאטער!

י א ל מ א ר: עס שניידט מיר ווי מיט א מעסער אין הארצען,

וועז איך דענק, אז עס וועט זיין אזוי ווענינ; בלויז א קליינער יום־טוב דארט אויף'ן בוידים —

העדוויג: אך, אבער דאס איז דאך גראד אזוי שעהן!

רעללינג: דו ווארט נור ביז די מערקווירדיגע ערפינדונג וועט ארוים אויף דער וועלט, העדוויג!

יאלמאר: יא, דאן — דאן וועסטו זעהן — ! העדוויג, איך בין ענטשלאסען צו פעזיכערן דיין צוקונפט. עס וועט דיר גוט זיין, אזוי לאנג ווי דו וועסט לעבען. איך וועל פארדערן עטוואס פאר דיר— וואס עס זאל ניט זיין. דאס וועט זיין דעם ארעמען ערפינדער'ס איינציגער לוין.

העדוויג (לייגט ארום דעם ארם ארום זיין האלז און שעפטשעט): א דו ליעבער, ליעבער פאטער!

רעללינג (צו גרעגערס): נא, דענקט איהר ניט, אז עס איז גאנץ שעהן, אלס אבוועקסלונג אמאל צו זיצען ביי א גוט בעזעצטען טיש אין קרייז פון א גליקליכער פאמיליע?

יאלמאר: יא, אט די שטונדען ביים טיש וויים איך ווירקליך ווי צו שעצען.

גרעגערס: איך פאר מיין טייל פיהל זיך ניט גוט אין זומפ־לופט.

רעללינג: זומפ־לופט?

יאלמאר: א, דו פאנגסט שוין ווידער אן מיט דעם אונזינן!

נינא: דא איז, גאט ווייס, ניטא קיין זומפ־לופט, הערר ווערלע. וואו־ים דא ווערט יעדען ליעבען טאג געלופטערט.

גרעגערס: דעם געשטאנק, וואס איך מיין, לופטערט איהר נעווים ניט אוים.

יאלמאר: געשטאנק?

נינא: יא, וואס זאגסטו דערצו, עקדאל?

רעללינג: פארדאן, — זייט איהר עס ניט אקארשט אליין, דער וואס ברייננט ארונטער דעם געשטאנק פון די מינען דארט אויבען?

גרעגערס: פאר אייך פּאסט טאקע צו רופען געשטאנס דאס, וואס איך ברייננ אהער אין הויז.

רעללינג (געהט צו צו איהם): הערט אויס, הערר ווערלע דער יונגער, איך בין אייך שטארק חושד, אז איהר טראגט נאך אלץ ארום אייער „אידעאלע פאדערונג" אונפערקירצט מיט זיך אין אייער הינטערשטער קעשענע.

גרעגערס: אין דער ברוסט טראג איך זי ארום!

רעללינג: נא צום טייוועל, פון ווינעטווענען מענט איהר זי טראגען וואו איהר ווילט, — אבער איך ראטה אייך ניט צו שפּיעלען דא דעם איינמאהנער, אזוי לאנג ווי איך בין דא.

גרעגערס: און אויב איך וועל עס דאך טהאן?

רעללינג: דאן וועל איך אייך ארונטער־שליידערן פון אלע טרעפּ, פערשטעהט איהר מיך!

יאלמאר (הויבט זיך אויף): אבער רעללינג!

גרעגערס: יא, ווארפט מיך נור ארויס —

גינא (שטעלט זיך צווישען זיי): דאס געהט ניט, רעללינג. אבער איך מוז אייך זאגען, הערר ווערלע, איהר האט ניט געהארפט קומען ריידען פון געשטאנק, נאך דעם גאנצען שמוץ, וואס איהר האט אנגעמאכט דארט אין אויווען.

עס הערט זיך א קלאפען אין דער קארידאר־טיר.

העדוויג: מוטער, אימיצער קלאפט.

יאלמאר: אט האסטו דיר, מיר וועלען נאך באלד האבען די גאנצע גאס דא!

גינא: לאז מיך נור — (געהט צו און עפענט די טיר, ווערט א פערציטערטע און טרעט אב צוריק.) א! גאט!

דער אלטער ווערלע, אין א פעלץ, טהוט א טריט אריין אין צימער.

ווערלע: ענטשולדיגט, אבער מיר דוכט, מיין זוהן וואוינט דא אין הויז.

גינא (מיט א געדריקטער שטימע): יא.

יאלמאר (קומט צו נעהענטער): ווילט איהר ניט זיין אזוי פריינדליך, הערר ווערלע — ?

ווערלע: א דאנק, איך וויל בלויז ריידען מיט מיין זוהן.

גרעגערס: יא. וואס איז געשעהן? דא בין איך.

ווערלע: איך האב צו רעדען עפּעס מיט דיר, אין דיין צימער.

גרעגערס: אין מיין צימער? נו — (וויל געהן).

גינא: ניין, ניין, אייער צימער איז ניט אין א צושטאנד —

ווערלע: נו, דאן זאל זיין אויף דרויסען אין קארידאר; איך מוז ריידען מיט דיר עטליכע ווערטער אונטער פיער אויגען.

יאלמאר: דאס קען אויך דא געשעהן, הערר ווערלע. קום אריין אין דער וואוין־שטוב, רעללינג.

יאלמאר און רעללינג געהען ארויס רעכטס. גינא נעהמט מיט העד־וויג'ן מיט זיך אין קיך.

גרעגערס (נאך א קורצער פּויזע): נא, איצט זיינען מיר אליין.

ווערלע: דו האסט נעכטען אבענד געלאזט פאלען עטליכע ווערטער—. און אזוי ווי דו האסט זיך אריינגעצויגען צו די עקדאל'ס, מוז איך דערפון דרינגען, אז דו האסט וואס עס איז אין זינען געגען מיר.

גרעגערס: איך וויל עפענען יאלמאר עקדאל'ן די אויגען,— דאס האב איך אין זינען. ער זאל זעהן זיין לאגע, ווי זי איז, — דאס איז אלעס.

ווערלע: איז דאס די לעבענס־אויפגאבע, וועגען וועלכער דו האסט נעכטען גערעדט?

גרעגערס: יא. דו האסט מיר ניט איבערגעלאזט קיין אנדערע.

ווערלע: דאס האב איך, הייסט עס פערגיפטעט דיין מוח, גרעגערס?

גרעגערס: דו האסט פערגיפטעט מיין גאנצעס לעבען. איך רייד שוין ניט וועגען די אלע געשיכטען מיט דער מוטער — . אבער דיר האב איך דאס צו פערדאנקען, וואס איך געה ארום, געיאגט און געפּלאגט פון א שולד־בעלאדענעם געוויסען.

וועלרע: אהן מיט דיין געוויכטן הייסט עס, איז ניט נאר גלאט, ווי?

גרעגערס: איך האב געדארפט ארויסטרעטען געגען דיר, דאמאלס ווען ס'איז אוועקגעלעגט געווארען די פאסטקע פאר ליי־טענאנט עקדאל. איך האב איהם געדארפט ווארענען; ווארים איך האב געהאט אן אהנונג, וואוהין דאס וועט פיהרען.

וועלרע: יא, דאן איז געוועזן די צייט צו ריידען.

גרעגערס: איך האב ניט געהאט דעם מוטה דערצו; אזוי פייג און איינגעשראקען בין איך געוועזן. כ'האב אזוי מורא געהאט פאר דיר — דאמאלסט און נאך א לאנגע צייט נאכדעם.

וועלרע: ווייזט אויס, די מורא איז איצט אריבער.

גרעגערס: יא, גליקליכערווייזע. דאס אונרעכט, וואס איז בעגאנגען געווארען געגען דעם אלטען עקדאל, פון מיר און פון — אנדערע, דאס קען קיינמאל ניט גוט געמאכט ווערען; אבער יאלמאר'ן קען איך בעפרייען פון דעם ליגען און דער נארעריי, דורך וועלכע ער געהט צו גרונד.

וועלרע: דענקסטו, אז דו וועסט דערמיט טאן א גוטע טהאט?

גרעגערס: איך בין פעסט איבערצייגט דעריין.

וועלרע: דו מיינסט, הייסט עס, אז פאטאגראף עקדאל איז דער מאן, דיר צו דאנקען פאר אזא פריינדשאפט?

גרעגערס: יא, ער איז דער מאן דערצו.

וועלרע: הם, — מיר וועלען דאך זעהן.

גרעגערס: און אויסער דעם — אויב איך זאל נאך ווייטער לעבען, מוז איך זעהן געפינען עפעס א רפואה פאר מיין קראנקען געוויסען.

וועלרע: דאס וועט קיינמאל ניט געזונד ווערן. דיין גע־וויסען איז פון קינדהייט אן געוועזן קראנק. דאס איז א ירושה פון דיין מוטער, גרעגערס; — דאס איינציגע, וואס זי האט דיר איבער־געלאזט.

גרעגערס (מיט א שפאטישען שמייכעל): דו קענסט איהר

נאך אלץ ניט מוחל זיין פאר וואס דו האסט א טעות געהאט אין חשבון, מיינענדיג, אז זי ברייננגט מיט א פערמעגען מיט זיך?

וו ע ר ל ע: לאמיר ניט ריידען פון זאכען, וואס געהערען ניט אהער. — דו האלטסט זיך אלזא ביי דיין בעשלוס, ארויפצופיהרען דיין עקדאל'ן אויף די שפור, וועלכע דו געפינסט פאר די ריכטיגע?

ג ר ע נ ע ר ס: איך האלט זיך פעסט דערביי.

וו ע ר ל ע: אויף אזא'ן אופן וואלט איך געלענט פערשפארען דעם גאנג אהער. ווארים איצט איז דאך געווים נוצלאז צו פרעגען, אויב דו ווילסט צוריקקומען צו מיר אהיים?

ג ר ע נ ע ר ס: ניין.

וו ע ר ל ע: און אין די פירמא טרעטסטו אויך ניט אריין?

ג ר ע נ ע ר ס: ניין.

וו ע ר ל ע: גוט. אבער אזוי ווי איך דענק פון דאס ניי צו הייראטען, מוז דאס פערמעגען צוטיילט ווערן צווישען אונז.

ג ר ע נ ע ר ס (האסטיג): ניין, איך וויל עס ניט.

וו ע ר ל ע: דו ווילסט עס ניט?

ג ר ע נ ע ר ס: ניין, צוליעב מיין געוויסען טאר איך עס ניט.

וו ע ר ל ע (נאך א קורצער פויזע): פאהרסטו צוריק ארויף אין דער פאבריק?

ג ר ע נ ע ר ס: ניין; איך בעטראכט זיך פאר ארויסגעטראטען פון דיין דיענסט.

וו ע ר ל ע: אבער וואס דענקסטו דען צו טאן?

ג ר ע נ ע ר ס: דורכפיהרען מיין לעבענס־אויפגאבע — ווייטער גארנישט.

וו ע ר ל ע: נו, און דאן? פון וואס ועסטו לעבען?

ג ר ע נ ע ר ס: איך האב אבגעשפארט עטוואס פון מיין געהאלט.

וו ע ר ל ע: יא, ווי לאנג וועט דאס אנהאלטען?

ג ר ע נ ע ר ס: איך דענק, עס וועט אויסהאלטען מיין צייט.

וו ע ר ל ע: וואס מיינסטו דערמיט?

ג ר ע נ ע ר ס: איצט ענטפער איך מעהר אויף קיין זאך ניט.

וערלע: אלזא אדיע, גרעגערס.

גרעגערס: אדיע.

ווערלע אב.

יאלמאר: (קוקט אריין): איז ער שוין אוועק?

גרעגערס: יא.

יאלמאר און רעללינג געהען אריין. גינא און העדוויג קומען אויך אריין פון קיך.

רעללינג: דער פריהשטיק איז אלזא געגאנגען קאפוט.

גרעגערס: טו זיך אן, יאלמאר; דו מוזט מאכען א לאנגען שפאציר מיט מיר.

יאלמאר: מיט פערגניגען. וואס האט דיין פאטער געוואלט? האט זיך דאס געהאנדעלט וועגען מיר?

גרעגערס: קום אקארשט. מיר וועלען ריידען אויף'ן וועג. איך געה נור ארונטער זיך אנטאן מיין פאלטא.. (געהט ארויס דורך די קארידאר־טיר).

גינא: דו דארפסט ניט געהן מיט איהם, עקדאל.

רעללינג: ניין, טו עס ניט; בלייב דא.

יאלמאר (נעהמט זיין הוט און אויבער־ראק): וואס הייכט פארוואס ניט? ווען א יוגענד־פריינד פיהלט דאס בעדירפניס אויסצוגיכען פאר מיר דאס הארץ אונטער פיער אויגען — !

רעללינג: אבער צום טייוועל, — זעהסטו דען ניט, אז דער בחור איז צודרעהט, פעררוקט און משוגע אויף טויט?

גינא: יא, אט הערסטו שוין. זיין מוטער האט אויך צייטענווייז געהאט אזעלכע פעררוקטע אנפאלען.

יאלמאר: אלץ נויטיגער מוז ער האבען דאס וואכזאמע אויג פון א פריינד. (צו גינא'ן.) זעה נור דער מיטאג זאל זיין פארטיג אין דער צייט. אדיע דערווייל.

געהט ארויס דורך די קארידאר־טיר.

רעללינג: עס איז ווירקליך אז אונגליק, וואס דער מענש איז ניט געגאנגען צום טייוועל דארט אין איינער פון די האידאלמינען.

ג י נ א: גרויסער גאט! — פארוואס זאגט איהר דאס?

ר ע ל ל י נ ג (מורמעלט): נו יא — איך האב מיר מיינע גרינ־דע דערצו!

ג י נ א: דענקט איהר, אז דער יונגער ווערלע איז ווירקליך פעררריקט?

ר ע ל ל י נ ג: ניין, ליידער ניט; ער איז ניט פעררריקטער ווי די מייסטע אנדערע מענשען. נאר איין קראנקהייט שטעקט זיכער אין איהם.

ג י נ א: וואס פעהלט איהם דען?

ר ע ל ל י נ ג: יא, כ'וועל אייך זאגען, פרוי עקדאל. ער ליי־דעט פון א שארפען עהרליכקייטס־פיבער.

ג י נ א: עהרליכקייטס־פיבער?

ה ע ד ו ו י ג: איז דאס אזא סארט קראנקהייט?

ר ע ל ל י נ ג: יא, ס'איז א נאציאנאלע קראנקהייט; נאר זי איז ניט עפּידעמייש; ווייזט זיך נור אין איינצעלנע פעלע. (שאקעלט צו מיט'ן קאפּ צו גינא'ן.) בעסטען דאנק פאר'ן פריהשטיק. (געהט ארויס דורך די קארידאר־טיר).

ג י נ א (געהט ארום אונרוהיג אהין און אהער): אוי, — אט דער גרעגער ווערלע — ער איז פון איביער אן געוועזן א מיאוס'ע בריאה.

ה ע ד ו ו י ג (שטעהט ביים טיש און קוקט אויף איהר מיט פאר־שענדע בליקען): עפּעס קומט דאס מיר אלעס אזוי מאדנע פאר!

פיערטער אקט.

יאַלמאַר עקדאַל׳ס סטודיאַ. ס׳איז נור וואָס אראָבגענומען געוואָרען אַ פאָטאָגראַפיע; אַ קאַמעראַ מיט אַ טוך דעריבער, אַ געשטעל, אַ פּאָר שטוהלען, אַ סאַלאָן־טיש און אַנדערע זאַכען שטעהען פּאָרענט אויף דער ביהנע. נאַכמיטאָגס־ליכט; די זונן האַלט ביים אונטערגעהן, אביסעל שפּעטער הויבט אָן ווערען פינסטערלאַך.

גינאַ שטעהט אין דער אָפענער קאָרידאָר־טיר, מיט אַ קעסטעל און אַ נאַסער גלאָז־פּלאַטע אין דער האנד, און רעדט מיט אימיצען אויף דרויסען.

גינאַ: יאַ, גאַנץ בעשטימט. אז איך זאָג צו, האַלט איך וואָרט. דער ערשטער טוץ וועט זיין פאַרטיג מאָנטאָג. — אדיע, אדיע!

מען הערט, ווי אימיצער געהט ארונטער די טרעפּ. גינאַ פערמאַכט די טיר, לייגט אַריין די פּלאַטע אין קעסטעל און רוקט עס אַריין אין דער צוגעדעקטער קאמערא.

העדוויג (קומט אַריין פון קיך): זיי זיינען שוין אוועק?

גינאַ (ראַמט אויף): יאַ, גאָט זיי דאַנק, וואָס איך בין ענד־ליך לויז פון זיי.

העדוויג: אבער קענסטו זיך ערקלערען, פאַרוואָס דער פּאַפּא איז נאָך ניטאָ אין דערהיים?

גינאַ: ביסטו זיכער, אז ער איז ניט אונטען ביי רעללינג׳ן?

העדוויג: ניין, דאָ־ט איז ער ניטאָ; איך בין נאָר וואָס ארונטערגעלאָפען מיט די הינטערשטע טרעפּ און האָב זיך נאָכגע־פרעגט.

גינאַ: און דאָ שטעהט זיין עסען און ווערט קאַלט.

הערוויג: יאָ, כ'קען עס גאָר ניט פֿאַרשטעהן. פּאַפּאַ קומט דאָך אימער אַזוי פּינקטליך אַהיים צום עסען!

גינאַ: אַ, ער וועט גלייך קומען, דו וועסט זעהן.

העדוויג: יאָ, ווען ער זאָל שוין אַמאָל קומען; אַלעס קומט מיר עפּעס פּאַר אַזוי מאָדנע היינט.

גינאַ (רופֿט אויס): אָט איז ער!

יאַלמאַר קומט אַריין דורך די קאָרידאָר־טיר.

העדוויג (געהט איהם אַנטקעגען): פּאַטער! אַה, ווי לאַנג מיר האָבען געוואַרט אויף דיר!

גינאַ (קוקט איהם אָן פֿון דער זייט): דו האָסט זיך אָבער נישקשה'דיג לאַנג געזאַמט, עקדאַל.

יאַלמאַר (ניט אַ קוק מהוענדיג אויף איהר): כ'האָב זיך לאַנג געזאַמט, יאָ.

ער טוט זיך אויס דעם אויבער־ראָק; גינאַ און העדוויג ווילען איהם העלפֿען, ער טוט אַ מאַך מיט דער האַנד און לאָזט זיי ניט.

גינאַ: דו האָסט פֿילייכט געגעסען מיטאָג מיט ווערלע'ן?

יאַלמאַר (הענגט אויף דעם ראָק): ניין.

גינאַ (געהט צו דער טיר פֿון קיך): דאַן וועל איך דיר אַריינברענגען דאָס עסען.

יאַלמאַר: ניין, לאָז זיין. איך וויל גאַרנישט עסען.

העדוויג (קומט צו נעהענטער צו איהם): פֿיהלסט ניט גוט פּאַטער?

יאַלמאַר: גוט? אַ יאָ, צו דערליידען. מיר האָבען געמאַכט אַן אָנשטרענגענדען שפּאַציר, גרעגערס און איך.

גינאַ: דו האָסט ניט געדאַרפֿט געהן אַזוי וויים, עקדאַל; דו ביסט ניט געוואוינט דערצו.

יאַלמאַר: הם! פֿאַרהאַן גענוג זאַכען אויף דער וועלט, צו וואָס אַ מאַן מוז געוואוינט ווערן. (געהט אַרום איבער'ן צימער) איז דאָ ווער געוועזען אין דער צייט, וואָס איך בין ניט געוועזען אין דערהיים?

גינאַ: קיינער ניט אויסער די חתן־כלה.

יאלמאר: קיין נייע בעשטעלונגען?

גינא: ניין, היינט נים.

העדוויג: דו וועסט זעהן, פאטער, מארגען וועט שוין אי־מיצער קומען.

יאלמאר: לאמיר האפען, אז יא! ווארים מארגען דענק איך זיך נעהמען ערנסט צו דער ארבייט.

העדוויג: מארגען! דו האסט זיך גאר פערגעסען, וואס פאר א טאג מארגען איז?

יאלמאר: א יא, ס'איז וואהר — . אלזא איבערמארגען. פון איצט אן וויל איך אלצדינג טאן אליין; כ'וויל די גאנצע ארבייט אליין בעזארגען.

גינא: אבער צו וואס טויג דאס דיר? דערמיט וועסטו זיך בלויז פערומערן דאס לעבען. איך גיי דאך אן מיט'ן פאטאגראפירען, און דו קענסט זיך אבגעבען מיט דיין ערפינדונג.

העדוויג: און דאן מיט דער ווילד־ענטע, פאטער, — און מיט אלע היהנער און קראליקעס און — !

יאלמאר: דערמאן מיר גאר ניט אט די אלע נארישקייטען! פון מארגען אן וועל איך מעהר קיין פוס ניט אריינשטעלען אין בוידים.

העדוויג: אבער פאטער, דו האסט דאך מיר פערשפראכען צו מאכען מארגען א קליינעם יום טוב —

יאלמאר: הם, דאס איז וואהר. נא, דאן אלזא פון איבער־מארגען אן. דער פערדאמטער ווילד־ענטע וואלט איך אם ליעבסטען געוואלט אבדרעהען דעם האלז!

העדוויג (שרייט): דער ווילד־ענטע!

גינא: האט מען ווען געהערט אזוי וואס!

העדוויג (טרייסעלט איהם): אבער, פאטער, — ס'איז דאך מיין ווילד־ענטע!

יאלמאר: דערפאר טו איך דאך דאס ניט. איך האב ניט קיין הארץ דערצו. — כ'האב ניט קיין הארץ צוליעב דיר, העדוויג. אבער טיעף ביי מיר אינווענינג פיהל איך, אז איך וואלט עס געמוזט

טאָן. איך וואָלט אונטער מיין דאַך ניט געדאַרפט דולדען אַ בעשע־פעניש, וואָס איז געוועזן אין ד י הענד.

ג י נ אַ : אָבער, גאָט מיינער, דערפאַר וואָס דער זיידע האָט זי געקריגען פון דעם פּראָסטען משרת פּעטערסען —

י אַ ל מ אַ ר (געהט אַרום איבער׳ן צימער) : עס זיינען פאַרהאַן געוויסע פאָדערונגען — ווי זאָל איך זיי אָנרופען ? לאָמיך זאָגען— אידעאַלע פאָדערונגען, וועלכע אַ מאַן קען ניט אָוועקלעגען אַן אַ זייט און ער זאָל דערביי ניט שעדיגען זיין זעעלע.

ה ע ד ו ו י ג (געהט איהם נאָך) : אָבער בערעכען פאַרט, די ווילד־ענטע — די אָרעמע ווילד־ענטע !

י אַ ל מ אַ ר (בלייבט שטעהן) : דו הערסט דאָך, איך וועל זי שוינען, דיר צוליעב. קיין האָר וועט איהר ניט געקרימט ווערען — נאָ, ווי געזאָגט, איך וועל זי שוינען. פאַרהאַן גרעסערע אויפגאַבען צו ערפילען, ווי אָט די דאָ. אָבער איצט מוזט דו אָביסעל אַרויסגעהן שפּאַצירען, העדוויג, ווי געוועהנליך; ס׳איז גראָד גענוג דונקעל פאַר דיר.

ה ע ד ו ו י ג : ניין, איך האָב איצט קיין לוסט ניט צו שפּאַ־צירען.

י אַ ל מ אַ ר : יאָ. טו עס; דו פינטעלסט אַזוי מיט די אויגען; אָט די אַלע דאַמפּפען זיינען ניט גוט פאַר דיר. עס וועהט אַ שווערע לופט דאָ אונטער דעם דאַך.

העדוויג : נו גוט; כ׳וועל אַרונטערלויפען מיט די הינ־טערשטע טרעפּ און אַרויסגעהן אַ ווײַלע שפּאַצירען. — מיין מאַנ־טעל און מיין הוט ? — אַ, זיי זיינען אינעווענינג ביי מיר אין צי־מער. אָבער פאַטער — דו וועסט דאָך דער ווילד־ענטע גאָר קיין שלעכטס ניט טאָן, אין דער צייט וואָס איך וועל זיין אין דרויסען ?

י אַ ל מ אַ ר : קיין איין פעדער פון איהר קאָפּ זאָל ניט אַנגע־ריהרט ווערען ! (דריקט זי צו צו זיך) דו און איך, העדוויג — מיר ביידע ! נאָ, געה שוין.

העדוויג טוט אַ שאָקעל מיט׳ן קאָפּ צו איהרע עלטערן און געהט אַרויס דורך די קיך.

יאלמאר (געהט ארום, ניט אויפהויבענדיג די אויגען):
גינא!

גינא: יא?

יאלמאר: פון מארגען אן — אדער לאמיר זאגען פון איבערמארגען אן — וואלט איך וועלען אליין פיהרען דאס ווירטהשאפטס־בוך.

גינא: דאס ווירטשאפטס־בוך ווילכטו איצט אויך פיהרען?

יאלמאר: יא, אדער ווענינגסטענס האבען א בעגריעף פון די געלדער, וואס קומען אריין.

גינא: אך, מיין גאט, דאס קען דאך געמאכט ווערען איינס און צוויי.

יאלמאר: עס איז קוים צו גלויבען. מיר קומט פאר, אז דאס געלד האלט ביי דיר אן מערקווירדיג לאנג. (בלייבט שטעהן און קוקט זי אן). ווי קומט דאס?

גינא: דאס קומט דערפאר, ווייל העדוויג און איך דארפען אזוי ווייניג האבען.

יאלמאר: איז אמת, אז דער פאטער קריגט אזוי גוט בעצאהלט פאר די שרייב־ארבייטען, וואס ער מאכט פאר דעם אלטען ווערלע?

גינא: איך וויים ניט, אויב דאס איז גוט בעצאהלט אדער ניט. איך וויים דאך ניט די פרייזען פון אזעלכע זאכען.

יאלמאר: נו, וואס קריגט ער, אונגעפעהר? לאמיך הערען!

גינא: דאס איז זעהר פערשיעדען; עס וועט וואהרשיינליך אויסכאכען אזוי פיעל וויפיעל ער קאסט אונז, מיט אביסעל טאשען־געלד דערצו.

יאלמאר: וויפיעל ער קאסט אונז! און דאס האסטו מיר ביז אדער ניט געזאגט!

גינא: נייז, ווי האב איך דאס דיר געקענט זאגען? דו ביסט דאך געוועזן אזוי צופריעדען, מיינענדיג, אז ער בעקומט אלעס פון דיר.

י א ל מ א ר: און ער קרינט עס פון ווערלע?

ג י נ א: נו יא, זעהסטו, דער אלטער ווערלע האט נענוג, עס פעהלט איהם נים.

י א ל מ א ר: צינד אן דעם לאמפ!

ג י נ א (צינדט אן): און דאן ווייסען מיר דאך גאר ניט, אויב דאס איז ווערלע אליין; עס קאן דאך פונקט אזוי גוט זיין גראבערג —

י א ל מ א ר: נאך וואס אט דער אויכרייד מיט גראבערג'ן?

ג י נ א: כ'ווייס ניט; כ'האב נור געדענקט —

י א ל מ א ר: הם!

ג י נ א: ניט א י ך האב דאך דעם אלטען פער־שאפט די שרייב־ארבייט. דאס איז געווען בערטא, ווען זי איז אנגעקומען אהין אין הויז.

י א ל מ א ר: מיר דוכט, דיין שטימע ציטערט.

ג י נ א (זעצט ארויף דעם אבאזשור אויף'ן לאמפ): מ י י ן שטימע?

י א ל מ א ר: און דיינע הענד טרייסלען זיך. אדער פיליכט נים?

ג י נ א (פעסט): זאג ארויס אפען, עקדאל. וואס האט ער וועגען מיר דערצעהלט?

י א ל מ א ר: איז עס אמת — ק ע ן עס אמת זיין, אז — אז צווישען דיר און ווערל'ע'ן איז געווען א מין פער־העלטניס, בעת דו האסט געדיענט דארט ביי זיי אין הויז?

ג י נ א: דאס איז ניט וואהר. ניט דאמאלסט — דאס ניט. ווערלע איז מיר נאכגעלאפען; דאס קען איך ניט לייקענען. און זיין פרוי דאט געגלויבט, אז עפעס שטעקט הינטער דעם, און דער־פאר האט זי געמאכט א גאנצען האקוס־פאקוס און א גרויסען טא־ראראם און האט מיך געשלאגען און מיך געזידעלט אזוי לאנג, ביז וואנען איך בין אוועק פון הויז.

י א ל מ א ר: אבער דערנאך? שפעטער?

ג י נ א: יא, דאן בין איך געקומען אהיים. און די מוטער—

זי איז ניט געווען אזא ראיעלע פרוי, ווי דו האסט געדענקט, עס־דאל; און זי האט גערעדט און גערעדט איבער מיר און מיר פאר־געזאגט אלע גליקען; ווארים ווערלע איז דאך שוין געווען אז אלמן דאן.

יאלמאר: נו, און דאן?

גינא: יא, ס'איז בעסער, דו זאלסט עס וויסען. ער האט מיך ניט אבגעלאזט, ביז וואנען ער האט אויסגעפיהרט וואס ער האט געוואלט.

יאלמאר (גיט א פאטש מיט די הענד): און דאס איז די מוטער פון מיין קינד! ווי האסטו מיר געקענט פערשווייגען אזא זאך?

גינא: יא, דאס איז געווען ניט ריכטיג פון מיר; איך האב עס דיר שוין לאנג געדארפט זאגען.

יאלמאר: גלייך האסטו עס מיר געדארפט זאגען; — דאן וואלט איך דאך געוואוסט, וואס פאר א סארט פרוי דו ביסט געווען.

גינא: אבער וואלסטו דאן דאך געהייראט מיט מיר?

יאלמאר: ווי קענסטו גאר דענקען פון אזוי וואס?

גינא: ניין, גראד דערפאר האב איך דיר דאמאלסט גארנישט געטארט זאגען. ווארים איך האב דאך שוין דאן אזוי פיעל געהאל־טען פון דיר, ווי דו ווייסט. און איך האב זיך דאך ניט געקענט אליין מיט מיינע אייגענע הענד אונגליקליך מאכען —

יאלמאר (געהט ארום): און דאס איז די מוטער פון מיין העדוויג! און צו וויכען, אז אלעס, וואס איך זעה דא פאר מיינע אויגען — (טוט א זעץ מיט'ן פוס אן א שטוהל) — מיין גאנצע היים — האב איך צו פערדאנקען א בעגינסטיגטען פארגענגער! א, אט דער פערפיהרער ווערלע!

גינא: טוט דיר לייד פאר די פערצעהן, פופצעהן יאהר, וואס מיר האבען געלעבט צוזאמען?

יאלמאר (שטעלט זיך אנטקעגען איהר): זאג מיר: האט דיך ניט יעדען טאג, יעדע שטונדע געפלאגט דאס געוויסען, פארוואס

די האכט מיך ווי א שפין איינגעשפונענע אין א נעץ פון ליגען און בעהעלטעניש? ענטפער מיר דערויף! האסטו ניט נעקרעבצט פאר הרטה און געוויסענביסען?

ג י נ א: אה, ליעבער עקדאל, איך האב געהאט גענוג און איבער גענוג צו טהאן, זיך אבגעבענדיג מיט'ן הויז און מיט דער טעגליכער ארבייט —

י א ל מ א ר: דו האכט אלזא קיינמאל גאר ניט א קלער געטאן וועגען דיין פערגאנגענהייט?

ג י נ א: ניין; איין גאט וויים, אז איך האב שוין כמעט פערגעסען, די דאזיגע אלטע אינטריגעס.

י א ל מ א ר: אה. אט די אבגעטעמפטע, געפיהללאזע רוה! דאס אליין רעגט מיך שרעקליך אויף. בערעכען נור — אפילו קיין געוויסענביסע ניט!

ג י נ א: אבער זאג מיר נור, עקדאל, — וואס וואלט געווארען פון דיר, ווען דו וואלסט ניט געקריגען אזא פרוי ווי איך?

י א ל מ א ר: אזא — !

ג י נ א: יא; ווארים דו ווייסט דאך, אז איך בין אימער געווען אביסעל פראקטישער און איינגעראלטענער פון דיר. נו, עס פערשטעהט זיך פון זיך אליין, איך בין דאך מיט א פאר יאהר עלטער.

י א ל מ א ר: וואס עס וואלט פון מיר געווארען?

ג י נ א: דו האכט זיך דאך דאן אויעגעלאזט אויף אלערליי שלעכטע וועגען, ווען מיר האבען זיך צום ערשטען מאל געטראפען; דאס קענסטו דאך ניט אבלייקענען.

י א ל מ א ר: צט דאס רופסטו שלעכטע וועגען? אה, דו ווייסט ניט, וואס א מאן מאכט דורך, ווען ער טרויערט און ווערט פערצווייפעלט; — און בעזונדערס א מאן מיט מיין פייערדיגען נעמיטה.

ג י נ א: נא נא, דאס קען זיך גאנץ מעגליך זיין. און איך האב גאר קיין טענות ניט צו דיר; ווארים דו ביסט דאך געווארען אזא הארציג גוטער מאן, אזוי באלד ווי דו האכט נור געהאט א

הויז און א היים. — און איצט האבען מיר שוין אנגעהויבען פיהלען אזוי פיין און בעקוועם, העדוויג און איך; מיר האבען שוין געוואלט אין גיכען אנהויבען פערוועגדען אביסעלע מעהר אויף עסען און קליידער פאר אונז —

יאלמאר: אין דעם זומפּ פון די פערבארגעגישען, יא!

גינא: אך, האט דער שווארץ יאהר געדארפט אנטראגען אט דעם עקעלהאפטען מענשען אהער אין הויז!

יאלמאר: אויך מיר האט זיך געדוכט, אז עס איז אזוי גוט דא אין אונזער היים. ס'איז געווען א טעות. פון וואנען זאל איך איצט נעהמען די נייטיגע שפאנקראפט אריבערצופיהרען די ערפינדונג אין די וועלט פון דער ווירקליכקייט? פיליכט וועט זי שטארבען מיט מיר. און דאן וועט דאס זיין דיין פערגאנגענהייט, גינא, וואס האט זי ערמארדעט.

גינא (האלט ביי וויינען): ניין, דאס דארפסטו ניט זאגען, עקדאל. איך, וועלכע האב מיין לעבען-לאנג נור געהאט אין זינען דאס בעסטע פאר דיר —

יאלמאר: איך פרעג — וואס וועט איצט ווערן פון'ם טרוים פון דעם פאמיליען-פאטער? ווען איך בין געלעגען אינעווייניג אויף דער זאפא און האב זיך געגריבעלט איבער דער ערפינדונג, האט מיר דאס הארץ געזאגט, אז זי וועט פע־צעהרען מיין לעצטע ביסעל לעבענס-קראפט. איך האב געפיהלט, אז דער טאג, ווען איך וועל האלטען דעם פאטענט אין דער האנד, — אז אט דער טאג וועט זיין מיין — מיין אבשיעדס-טאג. און עס איז אימער געווען מיין טרוים, אז דו זאלסט בלייבען אלס די רייכע אלמנה פון דעם פער־שטארבענעם ערפינדער.

גינא (ווישט זיך אויס די טרעהרען): ניין, דו דארפסט ניט ריידען אזוי, עקדאל. זאל מיך גאט גאר ניט לאזען דערלעבען דעם טאג, ווען איך זאל בלייבען אן אלמנה!

יאלמאר: א, ס'איז דאך אלץ איינס; איצט איז דאך אלעס פערביי. אלעס!

גרעגערס ווערלע עפענט פארזיכטיג די קארידאר־טיר און קוקט אריין.

גרעגערס: קען איך אריינקומען?

יאלמאר: יא, קום אריין.

גרעגערס (קומט אריין מיט א שטראהלענדען, צופריעדענעם געזיכט און שטרעקט אויס זיינע ביידע הענד צו זיי): נו, איהר ליעבע מענשען —! (קוקט פון איינעם צום אנדערן און שעפטשעט צו יאל־מאר'ן) נאך ניט געשעהן?

יאלמאר (אין דער הויך): עס איז געשעהן!

יאלמאר: איך האב איבער־געלעבט די ביטערסטע שטונדע פון מיין לעבען.

גרעגערס: אבער אויך די ערהאבענסטע, דענק איך.

יאלמאר: נא, פאר־לויפיג האבען מיר עס אראבגע'פטר'ט.

גינא: זאל איך גאט פערצייהען, העֶר ווערלע.

גרעגערס (שטארק פערוואונדערט): אבער איך פערשטעה נים.

יאלמאר: וואס פערשטעהסטו ניט?

גרעגערס: אזא גרויסע אברעכנונג, — אן אברעכנונג, אויף וועלכער עס דארף געגרינדעט ווערן א גאנץ נייע לעבענס־פיה־רונג, — א לעבענס־פיהרונג, א צוזאמענלעבען אין וואהרהייט און אויפריכטיגקייט —

יאלמאר: יא, כ'ווייס שוין; כ'ווייס עס גאנץ גוט.

גרעגערס: איךהאב זיכער ערווארטעט, אז ווען איך וועל אריינקומען אהער, וועט מיר אנטגעגענשטראהלען א ליכט פון אומ־געשטאלטונג פון מאן און פרוי. און איצט זעה איך קיין אנדער זאך ניט, נאר א טעמפע, שווערע, מרה־שחורה'דיגע —

גינא: אה, דאס איז דאס?

נעהמט ארונטער דעם אבאזשור פון לאמפ.

גרעגערס: איהר ווילט מיך ניט פערשטעהן, פרוי עקדאל. נו יא; איך מוז נאך נעהמען א צייט —. אבער דו, יאלמאר! דו

מוזט דאך זיכער פיהלען א מין העכערע איינוויזיהנונג נאך דער גרוי־
כער אברעכנונג.

יאלמאר: יא נאטירליך. דאס הייסט — געוויסערמאסען.

גרעגערס: ווארים קיין זאך אין דער וועלט קען דאך ניט פערגליכען ווערן דערמיט — צו פערגעבען א זינדעריז און זי אויפהויבען צו זיך אין ליעבע.

יאלמאר: דענקסטו, אז א מאן קען אזוי לייכט איבערקומען די ווירקונג פון דעם ביטערן טראפען, וואס איך האב נור וואס אויסגעטרונקען?

גרעגערס: ניין, א געוועהנליכער מאן ניט; דאס קען זיך זיין. אבער א מאן ווי דו — !

יאלמאר: יא, ליעבער גאט, דאס וויים איך גאנץ גוט. אבער דו מוזסט מיך אויפמונטערן, גרעגערס. ס'נעהמט צייט, פערשטעה־
סטו מיך.

גרעגערס: דו האסט פיעל פון דער ווילד־ענטע אין דיר, יאלמאר.

רעללינג איז אריינגעקומען דורך די קארידאר־טיר.

רעללינג: זעה נאר; מען רעדט שוין ווידער פון דער ווילד־ענטע?

יאלמאר: יא, פון דעם אלטען ווערלע'ס יאגד־אפפער מיט דעם צובראכענעם פליגעל.

רעללינג: דעם אלטען ווערלע'ס — ? פון איהם רעדט איהר דאס?

יאלמאר: פון איהם און — פון אונז.

רעללינג (מיט א נידעריגער שטימע צו גרעגערס): כאפט אייך דער טייוועל!

יאלמאר: וואס זאגסטו דארט?

רעללינג: כ'האב בלויז אויסגעדריקט א וואונש פון טיע־
פען הארצען, אז אט דער באבסקער דאקטאר דא זאל זיך אבטראגען פון דאנען אזוי גיך ווי מעגליך. בלייבט ער דא, איז ער דער ריכטיגער מאן אייך ביידען משוגע צו מאכען.

גרעגערס: זייביידעז מאכט מעז ניט משוגע, הערר רעל־לינג. פון יאלמאר'ן וויל איך גאר ניט ריידעז. איהם קענעז מיר. אבער אויך זי האט אין גרונד פון איהר וועזעז עטוואס טריי־האר־ציגעס, עטוואס פעסטעס —

גינא (האלב וויינענדיג): הלואי וואלט איהר מיר געלאזט ווייטער זיין דאס, וואס איך בין!

רעללינג (צו גרעגערס): איז עס צו גראב אייך צו פרעגעז, וואס איהר ווילט אייגענטליך דא אין הויז?

גרעגערס: איך וויל לעגעז דעם גרונד צו א וואהרער הייראט.

רעללינג: איהר געפינט אלזא, אז עקדאל'ס הייראט איז ניט גוט גענוג, ווי זי איז.

גרעגערס: זי איז אהן צווייפעל פונקט אזא גוטע הייראט ווי, ליידער, אזוי פיעל אנדערע. אבער א וואהרע הייראט איז זי נאך ניט.

יאלמאר: דו, רעללינג, דו האסט קיינמאל ניט געהאט קיין אויג פאר די אידעאלע פאדערונג.

רעללינג: דומהייטעז, מיין ליעבער! אבער ענטשולדיגט, הערר ווערלע: וויפיעל, — אזוי נור, אן ערך — וויפיעל וואהרע הייי־ראטען האט איהר שוין געזעהעז אין אייער לעבען?

גרעגערס: איך גלויב קוים, צי איך האב געזעהן איין איינ־ציגע.

רעללינג: איך אויך ניט.

גרעגערס: אבער איך האב געזעהן אונצעהליגע הייראטען פון דעם פערקעהרטעז סארט. און איך האב געהאט די געלעגענהייט זיך צו צוקוקעז פון דער נאהענט און זעהעז, וואס פאר א חורבן אזא מין הייראט קען אנמאכען אין צוויי מענשליכע זעעלען.

יאלמאר: דער גאנצער מאראלישער גרונד קען פער־שווינ־דען ביי א מאן אונטער די פיס; דאס איז שרעקליכער פון אלצ־דינג.

רעללינג: איך בין דאך קיינמאל ניט געוועזן וואס מען

רופט פערהייראט; דערפאר קען איך ניט אורטיילען איבער אם די זאכען. אבער אזויפיעל ווייס איך דאך, אז צו א הייראט געהערט אויך דאס קינד. און דאס קינד זאלט איהר צורוה לאזען.

יאלמאר: אה, — העדוויג! מיין ארעמע העדוויג!

רעללינג: יא, העדוויג'ן זאלט איהר אזוי גוט זיין ארויסלאזען פון דעם גאנצען עסק. איהרביידע זייט דערוואקסענע מענשען; איהר מעגט זיך אייך אין גאט'ס נאמען ארומרייסען און טהאן מיט אייער פערהייראטען לעבען וואס איהר ווילט. אבער מיט העדוויג'ן מוזט איהר זיין פארזיכטיג, זאג איך אייך; זאנסט קענט איהר זי גאנץ לייכט אונגליקליך מאכען.

יאלמאר: אונגליקליך!

רעללינג: יא, אדער זי אליין קען זיך נאך אונגליקליך מאכען — און פיליכט אנדערע מיט איהר.

גינא: אבער ווי אזוי קענט איהר דאס וויסען, רעללינג?

יאלמאר: ס'איז דאך ניט קיין באלדיגע געפאהר פאר איהרע אויגען?

רעללינג: דאס האט גארנישט צו טהאן מיט די אויגען. אבער העדוויג איז אין א קריטישען עלטער. זי קען זיך ארייננעהמען אין קאפ אלע מעגליכע דומע געשיכטען.

גינא: יא, דאס איז וואהר, — איך האב עס שוין בעמערקט! אפט הויבט זי אן אזוי ווילד ארומצושארען מיט'ן פייער אין קיך, דאס רופט זי זיך שפיעלען אין א שרפה. צייטענווייז האב איך שטארק מורא, זי זאל ווירקליך ניט אונטערצינדען דאס הויז.

רעללינג: זעהט איהר שוין; איך האב עס געוואוסט.

גרעגערס (צו רעללינג): אבער ווי ערקלעהרט איהר זיך דאס?

רעללינג (אונפריינדליך): זי געפינט זיך אין אן איבערגאנגס־צושטאנד; איהר קאנסטיטוציאן בייט זיך.

יאלמאר: אזוי לאנג ווי דאס קינד האט מיך —! אזוי לאנג ווי איך בין נאך ניט פערפאלען —!

עס הערט זיך א קלאפ אין טיר.

נ י נ א : שטיל, עקדאל; אימיצער איז אין קארידאר. (רופט:) אריין!

פרוי סערבי אין א גאסטן־קאסטיום, קומט אריין.

פ ר ו י ס ע ר ב י : גוטען אבענד!

נ י נ א (געהט איהר אנטקעגען): זעה נאר, דאס ביסטו, בערטהא?

פ ר ו י ס ע ר ב י : געווים בין איך עס. אבער איך קום פילייכט ניט אין א פאסענדער צייט.

י א ל מ א ר : א נייז; א שליח פון י ע נ ע ם הויז —

פ ר ו י ס ע ר ב י (צו גינא'ן): דעם אמת געזאגט, האב איך ניט גערעכענט אין דער צייט צו טרעפען דיינע מענער אין דער־היים; דערפאר בין איך ארויפגעלאפען, זיך אביסעל דורכשמועסען מיט דיר און זאגען זיי־געזונד.

נ י נ א : זיי־געזונד? דו פאהרסט אוועק?

פ ר ו י ס ע ר ב י : יא, מארגען אין דערפריה; — ארויף אין האידאל. הערר ווערלע איז היינט נאכמיטאג אוועקגעפאהרען. (פון דער זייט צו גרעגערס.) כ'קען אייך זאגען אדיע אין זיין נאמען.

נ י נ א : איי, וואס דו זאגסט!

י א ל מ א ר : אזוי? הערר ווערלע איז שוין אוועקגעפאהרען? און איצט פאהרט איהר איהם נאך?

פ ר ו י ס ע ר ב י : יא, וואס זאגט איהר ד ע ר צ ו, עקדאל?

י א ל מ א ר : איך זאג: היט זיך!

ג ר ע ג ע ר ס : איך וועל עס דיר ערקלעהרען. מיין פאטער האט חתונה מיט פרוי סערבי.

י א ל מ א ר : האט חתונה מיט איהר!

נ י נ א : אך, בערטהא; אלזא דאך ענדליך!

ר ע ל ל י נ ג (מיט אביסעל א ציטערענדער שטימע): דאס איז דאך געווים ניט וואהר?

פ ר ו י ס ע ר ב י : יא, מיין ליעבער רעללינג. דאס איז ווירק־ליך וואהר.

ר ע ל ל י נ ג: איהר האט אלזא ווידער אמאל התונה?

פ ר ו י ס ע ר ב י: יא, עס זעהט אוים אזוי. ווערלע האט ארויסגענומען א הייראטס־שיין, און מיר וועלען מאכען א גאנץ שטילע האכצייט אויבען אין האידאל.

ג ר ע ג ע ר ס: דאן מוז איך אייך אלס גוטער שטיפזוהן ווינשען גליק.

פ ר ו י ס ע ר ב י: איך דאנק אייך, — אויב איהר מיינט עס אויפריכטיג. און איך האף, אז עס וועט זיין מיט גליק אי פאר ווערלע'ן, אי פאר מיר.

ר ע ל ל י נ ג: דאס קענט איהר גאנץ בעשטימט האפען. הערר ווערלע שכור'ט זיך קיינמאל ניט אז — אזוי ווייט ווי א י ך ווייס; און ער האט אויך זיכער ניט די געוואוינהייט זיינע פרויען צו שלא־גען, ווי דער זעליגער פערד־דאקטאר פלעגט טהאן.

פ ר ו י ס ע ר ב י: אך, לאזט כערבי'ן רוהען, וואו ער רוהט. ער האט דאך אויך געהאט זיינע גוטע זייטען.

ר ע ל ל י נ ג: אבער הערר ווערלע האט די בעסערע זייטען, — ניטוואהר?

פ ר ו י ס ע ר ב י: ער האט יעדענפאלס ניט פערשוועגדעט דאס בעסטע אין זיך. דער מאן, וואס טהוט ד א ס, דער מוז אויך טראגען די פאלגען דערפון.

ר ע ל ל י נ ג: היינט אבענד געה איך אוים מיט מאלוויק'ן.

פ ר ו י ס ע ר ב י: איהר טארט עס ניט טהאן, רעללינג. טהוט עס ניט; — מיר צוליעב.

ר ע ל ל י נ ג: דאס קען שוין אנדערש ניט זיין. (צו יאל־מאר'ן): אויב דו ווילסט געהן מיט אונז, טא קום.

ג י נ א: ניין, א שעהנעם דאנק. עקדאל געהט ניט מיט אויף א ז ע ל כ ע וואנדערונגען.

י א ל מ א ר (אין כעס, מיט א נידעריגער שטימע): א, האלט דאס מויל!

ר ע ל ל י נ ג: אדיע, פרוי — ווערלע.

געהט ארויס דורך די קארידאר־טיר.

ג ר ע נ ג ע ר ס (צו פרוי סערבי): עס ווייזט אויס, אז איהר און דאקטאר רעללינג קענט זיך צימליך גוט.

פ ר ו י ס ע ר ב י: יא, מיר קענעז זיך שוין זייט יאהרען צוריק. כ׳איז געוועז א צייט, ווען עס האט עפּעס געקענט ווערן צווישען אונז.

ג ר ע נ ג ע ר ס: א גליק פאר אייך, וואס עס איז גארנישט גע־ווארען דערפון.

פ ר ו י ס ע ר ב י: יא, דאס מעגט איהר נאך אמאל זאגען. אבער איך האב זיך שטענדיג געהיט דערפאר צו האנדלען נאך בלויזע איינדריקע. א פרוי דארף זיך אויך ניט אזוי גלאט אוועק־ווארפען.

ג ר ע נ ג ע ר ס: האט איהר גאר קיין מורא ניט, אז איך קען געבען מיין פאטער א ווינק וועגען אט דער אלטער בעקאנטשאפט אייערער?

פ ר ו י ס ע ר ב י: וואס הייסט? איך האב עס איהם אליין דערצעהלט!

ג ר ע נ ג ע ר ס: ווירקליך:

פ ר ו י ס ע ר ב י: אייער פאטער ווייסט יעדע קלענסטע קלייניגקייט, וואס מען קען נור מיט א שיין פון וואהרהייט זאגען איבער מיר. איך האב איהם אלעס דערצעהלט. דאס איז געוועזן די ערשטע זאך, וואס איך האב געטהאן, ווי איך האב נור בעמערקט וואס ער איז אויסען.

ג ר ע נ ג ע ר ס: דאן זייט איהר אפענהערציגער ווי דאס רוב מענשען, דענק איך.

פ ר ו י ס ע ר ב י: אפענהערציג בין איך שטענדיג געוועזן. דערמיט קומען מיר פרויען אם ווייטסטען.

י א ל מ א ר: וואס זאגסטו דערצו, גינא?

ג י נ א: אה, מיר פרויען זיינען דאך אזוי פערשיעדען. די איינע האנדעלט אזוי, די אנדערע אנדערש.

פ ר ו י ס ע ר ב י: יא, גינא, אבער איך מיין, עס איז אם קליגסטען צו טהאן, ווי איך האב געטהאן. און ווערלע האט אויך

גארנישט בעהאלטען פון מיר, וואס זיין פערזאן אנבעלאנגט. זעה־
כטו, ד א ס גראד האט אונז אם מייסטען אזוי פעסט פער־בונדען.
איצט קען ער זיצען און ריידען מיט מיר אזוי אפען, ווי א קינד.
דערצו האט ער פריהער קיינמאל קיין געלעגענהייט ניט געהאט.
ער, דער געזונדער, לעבענס־קרעפטיגער־מאן, האט אין זיין גאנצער
יוגענד און זיינע בעסטע יאהרען קיין אנדער זאך ניט געהערט ווי
נור דרשות פול מיט מוסר און שטראף־רייד. און אפטמאל האבען
זיך אט די דרשות געדרעהט בלויז ארום איינגערעדטע זאכען —
וועניגכטענס, ווי איך קען אורטהיילען דערפון, וואס איך האב גע־
הערט.

ג י נ א : יא, דאס איז ווירקליך וואהר.

ג ר ע ג ע ר ס : אויב די דאמען האבען בדעה אנצוגעהן מיט
ד ע ם געשפרעך, דאן וועל איך בעסער אוועקגעהן.

פ ר ו י ס ע ר ב י : ניין, צוליעב דעם דארפט איהר ניט
אוועקגעהן. איך וועל מעהר קיין ווארט ניט ריידען. אבער איך האב
אייך נור געוואלט קלאר מאכען, אז איך בין ניט אנגעגאנגען מיט
קיין בעהעלטענישען אדער מיט וואס פאר עס איז הינטערוועגען.
עס קען פיליייכט אויסקוקען, אז איך מאך דא אן אונגעהייער גרויס
גליק; און אין א געוויכען זינן איז דאס ווירקליך אזוי. אבער איך
מיין דאך, אז איך נעהם ניט מעהר איידער איך גיב. איך וועל
איהם קיינמאל ניט פערלאזען. און איהם דיענען און ניצליך זיין,
דאס קען איך בעכער ווי יערע אנדערע; בעזונדערס איצט, ווען
ער וועט באלד זיין הילפלאז.

י א ל מ א ר : הילפלאז וועט ער זיין?

ג ר ע ג ע ר ס (צו פרוי סערבי) : נו יא, אבער רעדט דא
ניט דערפון.

פ ר ו י ס ע ר ב י : עס האט קיין זינן ניט מעהר זיך צו בע־
האלטען דערמיט, ווי גערן ער זאל עס ניט וועלען. ער ווערט
בלינד.

י א ל מ א ר (ציטערט אויף) : ער ווערט בלינד? דאס איז
דאך מאדנע. — ער ווערט אויך בלינד?

נ י נ א: ווענינ מענשען ווערען בלינד!

פ ר ו י ס ע ר ב י: און מען קען זיך פארשטעלען, וואס דאס בעטייט פאר א געשעפטסמאן. נו, איך וועל פרובירען צו בענוצען מיינע אייגען פאר איהם, אזוי גוט ווי איך וועל נור קענען. אבער איצט מוז איך שוין געהן; איך האב נאך אזויפיעל צו טהאן. — יא, נאך עפעס; אייך, עקדאל, האב איך איבערצוגעבען, אז אויב ווע־לע קען אייך מיט וואס עס איז דיענען, דארפט איהר זיך בלויז ווענדען צו גראבערג'ן.

נ ר ע נ ע ר ס: דעם אנבאט וועט יאלמאר עקדאל געוויס צו־ריקווייזען מיט דאנק.

פ ר ו י ס ע ר ב י: ווירקליך? מיר דוכט, פריהער איז ניט נעוועזען אזוי —

ג י נ א: נייז, בערטהא, עקדאל דארף איצט גארנישט האבען פון הערר ווערלע.

י א ל מ א ר (לאנגזאם און מיט בעטאנונג): ווילט איהר אזוי גוט זיין אבגעבען אייער צוקינפטיגען מאן א גרוס פון מיר און איהם זאגען, אז איך האב בדעה גאר אין גיכען אריבערצוגעהן צו הערר גראבערג —

נ ר ע נ ע ר ס: וואס! דאס ווילסטו?

י א ל מ א ר: — אריבערצוגעהן צו הערר גראבערג, זאג איך, און פערלאנגען א רעכנונג פון דער סומע, וואס איך בין שולדיג זיין פרינציפאל. איך וויל בעצאהלען אט דעם עהרען־חוב! אבער גענוג. איך וויל בעצאהלען אלעס מיט פינף פראצענט צינזען.

נ י נ א: אבער, ליעבער עקדאל, איין גאט ווייסט דאך, אז מיר האבען ניט דאס געלד דערצו.

י א ל מ א ר: זייט אזוי גוט און זאגט אייער חתן, אז איך ארבייט פלייסיג אויף מיין ערפינדונג. זאגט איהם אויך, אז דאס, וואס האלט מיך אויף די פיס ביי אט דער אנשטרענגענדער בעשעפ־טיגונג, איז דער וואונש לויז צו ווערען פון א פיינליכער שולדען־לאסט. דערפאר מאך איך די ערפינדונג. דעם גאנצען פראפיט וועל

איך פערוועגדען דערויף, זיך צו בעפרייען פון מיינע געלדליכע בער־פליכטונגען צו אייער צוקינפטיגען מאן.

פ ר ו י ס ע ר ב י: דא אין הויז איז שוין וואס עס איז פאר־געקומען.

י א ל מ א ר: יא, אזוי איז דאס.

פ ר ו י ס ע ר ב י: נו אלזא, אדיע. איך וואלט נאך געוואלט ריידען מיט דיר וועגען עפּעס אנדערש, גינא; אבער מיר קענען עס לאזען אויף אן אנדערס מאל. אדיע!

יאלמאר און גרעגערס פערנייגען זיך, ניט אויסריידענדיג קיין ווארט. גינא בעגלייט פרוי סערבי'ן ביז דער טיר.

י א ל מ א ר: ניט אריבער די שוועל, גינא!

פרוי סערבי געהט אוועק; גינא פערמאכט די טיר הינטער איהר.

י א ל מ א ר: נא, גרעגערס; ענדליך האב איך דאך אראבגע־ווארפען אט די דריקענדע שולדען־לאסט פון זיך.

ג ר ע ג ע ר ס: דו וועסט עס יעדענפאלס אין גיכען קענען טהאן.

י א ל מ א ר: איך דענק, מיין האלטונג קען אנגערופען ווערען קארעקט.

ג ר ע ג ע ר ס: דו ביסט דער מאן, פאר וועלכען איך האב דיך אימער געהאלטען.

י א ל מ א ר: אין געוויסע פעלע איז עס אונמעגליך ניט צו קוקען אויף די אידעאלע פאדערונגען. דאך אבער אלס פאמיליען פאטער קומט עס מיר אן זעהר שווער. ווארים דו מעגסט מיר גלויבען, עס איז ניט קיין שפאס פאר א מאן אהן מיטלען צו וועלען בע־צאהלען א לאנג־יעהריגען חוב, אויף וועלכען עס ליעגט, אזוי צו זא־גען, דער שטויב פון דער פערגעסענהייט. אבער עס קען אנדערש ניט זיין; דער מענש איז מיר פאדערט אויך זיין רעכט.

ג ר ע ג ע ר ס (לעגט ארויף זיין האנד אויף יאלמאר'ס שולטער): ליעבער יאלמאר, — איז עס ניט גוט געווען, וואס איך בין געקומען?

י א ל מ א ר: יא.

ג ר ע נ ג ע ר ס: ביסטו ניט צופריעדען, וואס דו ווייסט איצט דעם גאנצען אמת וועגען די אלע פערהעלטניסען?

י א ל מ א ר (אביסעל אונגעדולדיג): יא, געוויס. אבער איין זאך רייצט אויף מיין געפיהל פון גערעכטיגקייט.

ג ר ע נ ג ע ר ס: און וואס איז דאס אזוינס?

י א ל מ א ר: דאס, וואס — אבער איך ווייס ניט, אויב איך קען זיך אזוי פריי אויסדריקען וועגען דיין פאטער.

ג ר ע נ ג ע ר ס: אויף מיר דארפסטו גארנישט קוקען; קענסט זאגען וואס דו ווילסט.

י א ל מ א ר: נו גוט. איך מיין, איז עס ניט פיינליך צו דענקען, אז ניט א י ך, נאר ע ר פערווירקליכט איצט די וואהרע הייראט?

ג ר ע נ ג ע ר ס: אבער ווי קענסטו זאגען אזא זאך?

י א ל מ א ר: עס איז דאך אזוי. דיין פאטער און פרוי סערבי נעהמען איצט איין אין א הייראטס־לעבען, וואס איז בעגרינדעט אויף פולען צוטרוי, אויף דער פולער און גאנצער אפענהערציגקייט פון ביידע זייטען. זיי בעהאלטען גארנישט איינער פון אנדערן; זייער פערהעלטניס איז בעגרינדעט, אויב איך קען זיך אזוי אויסדריקען, אויף געגענזייטיגע פערגעבונג פון זייערע זינד.

ג ר ע נ ג ע ר ס: נו יא, און ווייטער?

י א ל מ א ר: יא, וואס נאך? איז דען דאס ניט אלעס, וואס מען דארף? לויט דיינע אייגענע ווערטער דארף מען דאך נור איבערקומען אט די שוועריגקייט, אום צו גרינדען אן אמת'ע הייראט.

ג ר ע נ ג ע ר ס: אבער דאס איז דאך גאר עפעס אנדערש, יאלמאר. דו ווילסט דאך געוויס ניט פערגלייכען דיך און דיין פרוי מיט אט די ביידע —? דו פערשטעהסט דאך, וואס איך מיין.

י א ל מ א ר: קענסט זאגען וואס דו ווילסט, אבער אין אט דער גאנצער געשיכטע איז דא עפעס, וואס פערלעצט און קרענקט מיין געפיהל פון גערעכטיגקייט. עס זעהט עפעס אויס, אזוי ווי עס וואלט איבערהויפט ניט געווען קיין השגחה, קיין גערעכטע ארדנונג אויף דער וועלט.

ג י נ א: אום גאטעס ווילען, עקדאל, אזעלכע ווערטער דארפסטו ניט ריידען!

ג ר ע ג ע ר ס: הם; לאמיר בעסער לאזען צורוה די גאנצע פראגע.

י א ל מ א ר: פון דער אנדערער זייט ווידער קומט מיר פאר, אזוי ווי איך וואלט געזעהן די גערעכטע האנד פון'ם שיקזאל. ער ווערט בלינד.

ג י נ א: א, דאס איז דאך נאך ניט אזוי זיכער.

י א ל מ א ר: ס'איז גאר קיין צווייפעל ניטא אין דעם. יעדענפאלס, וואלטען מיר ניט געדארפט אין דעם צווייפלען; ווארים גראד אין דעם פאקט זעהט מען די גערעכטע בעלוינונג, די פערדיענטע שטראף. ער האט אמאל בלינד געמאכט א מענשען וואס האט זיך איהם פערטרויט.

ג ר ע ג ע ר ס: ליידער האט ער פיעלע בלינד געמאכט.

י א ל מ א ר: און איצט קומט דאס אונדערבארימדיגסטע, געהיימניספולע שיקזאל און פאדערט ווערלע'ס אייגענע אויגען.

ג י נ א: א, ווי קענסטו זאגען אזעלכע שרעקליכע זאכען! מיר נעהמט אן א שוידער.

י א ל מ א ר: עס שאדט ניט צו פערטיעפען זיך אמאל אין די טונקעלע זייטען פון דעם דאזיין.

העדוויג מיט הוט און מאנטעל, לויפט אריין פרעהליך און אחן אן אטהעם דורך די קארידאר טיר.

ג י נ א: ביסט שוין דא צוריק?

ה ע ד ו ו י ג: יא. כ'האב ניט געוואלט געהן ווייטער. און דאס איז גראד גוט געווען; ווארים איך האב געטראפען אימיצען ביי דער טיר.

י א ל מ א ר: געוויס די פרוי סערבי.

ה ע ד ו ו י ג: יא.

י א ל מ א ר (געהט ארויף און אראב): איך האף, אז דו האסט זי געזעהן צום לעצטען מאל.

פויזע. העדוויג קוקט מיט אונרוהיגע בליקען פון איינעם צום אנ-

דערן, אזוי ווי זי וואָלט וועלן אויספאָרשען, אין וואס פאר א שטימונג זיי געפינען זיך.

העדוויג (קומט צו נעהענטער, מיט א לאַשטשענדער מיענע): פאָטער!

יאלמאר: נו — וואס איז, העדוויג?

העדוויג: פרוי סערבי האט עפּעס מיטגעבראכט פאר מיר.

יאלמאר (בלייבט שטעהן): פאר דיר?

העדוויג: יאָ; עפּעס פאר מאָרגען.

גינא: בערטהא האט דיר איטער געבראכט עפּעס א קליי־ניגקייט צו דיין געבורטסטאג.

יאלמאר: וואס איז דאס?

העדוויג: א, דאס דארפסטו נאָך איצט ניט וויסען. די מאמא וועט עס מיר מאָרגען אין דערפריה דערלאַנגען אין בעט.

יאלמאר: אַה, אימער אָט די בעהעלטענישען הינטער מיין רוקען!

העדוויג (שנעל): ניין, דו קענסט עס זעהן, אויב דו ווילסט. ס'איז א גרויסער בריעף. (נעהמט ארויס דעם בריעף פון דער מאַנטעל־קעשענע.)

יאלמאר: א בריעף אויך?

העדוויג: יאָ, נור א בריעף. דאס איבעריגע קומט וואהרשיינליך שפּעטער. אבער בערעכען נור — א בריעף! איך האב נאָך קיינמאל ניט געקריגען קיין בריעף. און דאָ אויף'ן קאָנ־ווערט שטעהט „פריילין". (לייענט) „פריילין העדוויג עקדאל". שטעל זיך פאָר — דאס בין איך!

יאלמאר: לאָמיך זעהן דעם בריעף.

העדוויג (דערלאנגט איהם דעם בריעף): דאָ איז ער.

יאלמאר: דאס איז ווערלע'ס האנדשריפט.

גינא: ווייסטו עס זיכער, עקדאל?

יאלמאר: נא, זעה אליין.

גינא: אַה, דו מיינסט, איך פערשטעה זיך אויף אזעלכע זאכען?

יאלמאר: מעג איך עפענען דעם בריעף — און איהם לע־זען?

העדוויג: יא געוויס, אויב דו ווילסט!

גינא: ניין, ניט איצט, עקדאל; ער איז דאך בעשטימט פאר מארגען.

העדוויג (שטילערהייט): אך, לאז איהם דורכלעזען דעם בריעף! ס'איז געוויס עפעס גוטס; און דאן וועט דער פאטער זיין צופריעדען, און עס וועט דא ווידער ווערן לוסטיג.

יאלמאר: איך קען איהם אלזא עפענען?

העדוויג: יא, זיי אזוי גוט, פאטער. איך בין אזוי נייגיעריג צו וויסען, וואס עס איז.

יאלמאר: גוט. (עפענט דעם בריעף, נעהמט ארויס א פאפיר, לעזט עס דורך און ווערט שטארק צוטראגען.) וואס איז דאס — ?

גינא: וואס שטעהט דען דא?

העדוויג: א יא, פאטער — זאג עס אונז!

יאלמאר: זיי שטיל! (לעזט עס נאך אמאל דורך; ער איז געווארען בלייך, נאר ער מאכט זיך מוטה און זאגט): ס'איז א געשענק־בריעף, העדוויג.

העדוויג: ווירקליך! וואס קריג איך פאר א געשענק?

יאלמאר: לעז אליין.

העדוויג געהט צו צום לאמפ און לייענט א ווייל.

יאלמאר (מיט א נידעריגער שטימע, דריקט צונויף די פויס־טען): די אויגען! די אויגען! — און דערצו נאך דער בריעף!

העדוויג (הערט אויף לעזען): יא, אבער מיר דוכט, דאס איז גאר בעשטימט פאר'ן זיידען.

יאלמאר (נעהמט צו ביי איהר דעם בריעף): גינא, — פער־שטעהסטו דאס?

גינא: איך הויב דאך ניט אן צו וויסען, וואס דא טהוט זיך; לאמיך הערען, וואס דאס איז.

יאלמאר: ווער־לע שרייבט צו העדוויג'ן, אז איהר אלטער זיידע דארף זיך מעהר ניט פלאגען מיט די שרייב־ארבייטען; ער־

קען פון איצט אן קריגען פון דעם קאנטאר הונדערט קראנען א מאנאט

ג ר ע נ ע ר ס: אהא!

ה ע ד ו ו י ג: הונדערט קראנען, מוטער! דאס האב איך גע־לעזען.

ג י נ א: דאס איז דאך א גליק פאר'ן יידען!

י א ל מ א ר: — הונדערט קראנען א מאנאט, אזוי לאנג ווי ער וועט זיך נייטיגען אין דעם. — דאס הייסט נאטירליך, אזוי לאנג ער לעבט.

ג י נ א: נא, דאן איז ער דאך פערזארגט, דער ארימער אלטער.

י א ל מ א ר: אבער איצט קומט עס. דאס האסטו ניט גע־לייענט, העדוויג. דערנאך זאל אט דער געשענק איבערגעהן צו דיר.

ה ע ד ו ו י ג: צו מיר? דאס גאנצע?

י א ל מ א ר: דיזעלבע סומע איז דיר גענזיכערט פאר דיין גאנצען לעבען, שרייבט ער. דו הערסט, גינא?

ג י נ א: יא, איך הער.

ה ע ד ו ו י ג: בערעבען נור — אזויפיעל געלד וועל איך קרי־גען! (טרייסעלט איהם.) פאטער, פאטער, ביסטו ניט צופריעדען—?

י א ל מ א ר (ווייכט איהר אויס): צופריעדען! (געהט ארום איבער'ן צימער.) א, וואס פאר א אויסזיכטען — וואסערע פערספעק־טיווען עפענען זיך אויף פאר מיר! ס'איז העדוויג; ז י האט ער דאס אין זינען מיט אזא רייכער מתנה!

ג י נ א: נו יא, ס'איז דאך העדוויג'ס געבורטסטאג —

ה ע ד ו ו י ג: און דו וועסט עס דאך סיי ווי סיי קריגען, פא־טער! דו ווייסט דאך גאנץ גוט, אז איך וועל דאס גאנצע געלד אב־געבען דיר און דער מוטער.

י א ל מ א ר: דער מוטער! דא האבען מיר עס.

ג ר ע ג ע ר ס: יאלמאר, דאס איז א פאסטקע פאר דיר.

י א ל מ א ר: דענקסטו, אז דאס איז ווידער א פאסטקע?

ג ר ע ג ע ר ס: דיינט אין דערפריה, ווען ער איז דא געווען,

האט ער געזאגט: יאלמאר עקדאל איז ניט דער מאן, פאר וועלכען דו האלטסט איהם.

י א ל מ א ר: נים דער מאן — !

ג ר ע ג ע ר ס: דו וועסט שוין זעהן, האט ער געזאגט.

י א ל מ א ר: דו וועסט זעהן, הייסט עס, אז מען קען מיך אבקויפען מיט געלד — !

ה ע ד ו ו י ג: אבער מוטער, וואס איז דאס?

ג י נ א: געה און טהו אוים דעם מאנטעל און דעם הוט.

העדוויג געהט האלב וויינענדיג ארוים דורך די קיך־טיר.

ג ר ע ג ע ר ס: יא, יאלמאר, — איצט איז די צייט צו ווייזען ווער עס איז גערעכט, ער אדער איך.

י א ל מ א ר (צורייסט לאנגזאם דאס פאפיר אין צווייען, לייגט אוועק ביידע שטיקער אויף'ן טיש און זאגט): דאס איז מיין ענטפער.

ג ר ע ג ע ר ס: דאס האב איך ערווארטעט.

י א ל מ א ר (געהט צו צו גינא'ן, וועלכע שטעהט ביים אויווען, און זאגט מיט א נידעריגער שטימע): און איצט אפען ארוים מיט אלצדינג. אויב דאס פערהעלטניס צווישען דיר און איהם האט פאל־שטענדיג אויפגעהערט דאן, ווען דו האסט אנגעהויבען אזוי שטארק האלטען פון מיר, ווי דו רופסט עס, — פארוואס האט ער אונז דא־מאלסט נעגעבען די מעגליכקייט צו הייראטען?

ג י נ א: ער האט אודאי געדענקט, אז ער וועט קענען זיין אן איינגעהער ביי אונז אין הויז.

י א ל מ א ר: נור דאס? האט ער ניט קיין מורא געהאט פאר א געוויסער מעגליכקייט?

ג י נ א: איך פערשטעה ניט, וואס דו מיינסט.

י א ל מ א ר: איך וויל וויסען, אויב — דיין קינד האט א רעכט צו לעבען אונטער מיין דאך.

ג י נ א (טהוט זיך א שטעל אויף, איהרע אויגען בליצען): ד ו פרעגסט דאס!

י א ל מ א ר: דו זאלסט מיר נור ענטפערן אויף דער א י י־נ ע ר פראגע: געהערט העדוויג צו מיר — אדער — ? — נא!

נ י נ א (קוקט איהם אָן מיט קאַלטע, טראַציגע בליקען): איך ווייס ניט.

י אַ ל מ אַ ר (טהוט אַ ציטער): דו ווייסט ניט!

נ י נ אַ: ווי קען א י ך דאָס וויסען? אזא איינע ווי א י ך —

י אַ ל מ אַ ר (שטיל, קעהרט זיך אום מיט'ן רוקען צו איהר): דאַן האָב איך גאָר ניט וואָס צו טהאָן מעהר דאָ אין הויז.

ג ר ע ג ע ר ס: בעדענק זיך, יאַלמאַר!

י אַ ל מ אַ ר (טהוט זיך אָן דעם אויבער־ראָק): דאָ איז זיך גאָר־נישט דאָ וואָס צו בעדענקען, פאַר אַ מאַן ווי איך בין.

ג ר ע ג ע ר ס: אָ, דאָ איז דאָ אונענדליך פיעל צו בעדענקען. איהר דריי מוזט זיך האַלטען צוזאַמען, אויב דו ווילסט זיך דער־שלאָגען צו דער אָפּפער־שטימונג פון דער גרויסער פערגעבונג.

י אַ ל מ אַ ר: איך וויל עס גאָרניט. קיינמאָל, קיינמאָל ניט! מיין הוט! (נעהמט דעם הוט.) מיין היים ליעגט אַרום מיר צושמע־טערט אויף שטיקער. (ברעכט אויס אין טרעהרען.) גרעגערס, איך האָב מעהר קיין קינד ניט!

ה ע ד ו ו י ג (וועלכע האָט אויפגעעפענט די טיר פון קיך): וואָס זאָגסטו דאָ! (געהט צו צו איהם.) פאָטער, פאָטער!

נ י נ אַ: נאָ, זעהסטו!

י אַ ל מ אַ ר: קום ניט נאָהענט צו מיר, העדוויג! געה אַוועק, — ווייט אַוועק. איך קען דיין אָנבליק ניט פערטראָגען. אָ, די אויגען —! אַדיע. (לאָזט זיך געהן צו דער טיר.)

ה ע ד ו ו י ג (הענגט זיך אָן פעסט אָן איהם און שרייט הויך אויף'ן קול): ניין! ניין! געה ניט אַוועק פון מיר!

נ י נ אַ (רופט): קוק אָן דאָס קינד, עקדאַל! קוק אָן דאָס קינד!

י אַ ל מ אַ ר: איך וויל ניט! איך קען ניט! איך מוז אַרויס־געהן; — אַוועק פון דעם אַלעם! (רייסט זיך אָב פון העדוויג'ן און געהט אַרויס דורך די קאָרידאָר־טיר.)

ה ע ד ו ו י ג (מיט אַ פערצווייפעלטען בליק): ער געהט אַוועק פון אונז! ער וועט שוין קיינמאָל ניט צוריקקומען!

ג י נ אַ: ווייז ניט, העדוויג. דער פֿאַטער וועט זיכער קומען צוריק.

העדוויג (וואַרפֿט זיך שלוכצענדיג אויף דער זאָפֿא): ניין, ניין, ער וועט קיינמאָל ניט קומען צוריק צו אונז אהיים.

גרעגערס: גלויבט איהר מיר, פֿרוי עקדאַל, אז איך האָב נור געמיינט דאָס בעסטע?

ג י נ אַ: יאָ, איהר האָט עס אודאי געמיינט; אָבער פֿונדעסט־וועגען זאָל אייך גאָט מוחל זיין דערפֿאַר.

העדוויג (ליעגט אויף דער זאָפֿא): אָ, איך וועל עס ניט איבערלעבען! וואָס האָב איך איהם געטהאָן? מוטער, דו מוזט איהם צוריקברייננגען אהיים!

ג י נ אַ: יאָ, יאָ; זיי נור רוהיג, וועל איך ארויסגעהן זעהן, וואו ער איז. (טהוט זיך אָן דעם מאַנטעל.) פּיליכט איז ער אריין צו רעללינג'ן. אָבער דו מוזט ניט ליעגען דאָ און שרייען. זאָגסטו מיר צו?

העדוויג (מיט אַ קראַמפּפּהאַפּטען געוויין): יאָ, איך וועל אויפהערען, כ'וועל אויפהערען; אבי דער פֿאַטער זאָל נור צוריק־קומען!

גרעגערס (צו גינאַ'ן, וועלכע וויל געהן): וואָלט ניט בע־סער געווען, איהר זאָלט איהם אפֿריהער לאָזען אויסצוקעמפּפען זיין שמערצענס־קאַמפּף ביז'ן ענד?

ג י נ אַ: אַך, דאָס קען ער טהאָן דערנאָך. פֿריהער פֿון אַלצ־דינג מוזען מיר בערוהיגען דאָס קינד. (געהט אַרויס דורך די קאָרי־דאָר־טיר.)

העדוויג (זעצט זיך אויף און ווישט זיך אָב די טרעהרען): איצט מוזט איהר מיר זאָגען, וואָס דאָס אַלעס בעדייט. פֿאַרוואָס וויל דער פֿאַטער מעהר ניט וויסען פֿון מיר?

גרעגערס: איהר דאַרפֿט זיך ניט נאָכפֿרעגען נאָך דעם, ביז וואַנען איהר וועט זיין גרויס און דערוואַקסען.

ה ע ד ו ו י ג (שלוכצט) : אבער איך קען דאך ניט אימער בלייבען אזוי שרעקליך פעראומערט, ביז איך וועל זיין גרויס און דערוואקסען. — איך וויים שוין, וואס דאס איז. — פיליייכט בין איך ניט דעם פאפא'ס ריכטיג קינד.

ג ר ע ג ע ר כ (אונרוהיג) : ווי האט ד א ס געקענט פאר־קומען?

ה ע ד ו ו י ג: די מאמא האט דאך מיך געקענט געפינען. און איצט האט זיך דער פאפא פיליייכט דערוואוסט דערפון. כ'האב שוין געלייענט ווענען אזעלכע זאכען.

ג ר ע ג ע ר ס: נא, און אויב דאס זאל זיין אזוי —

ה ע ד ו ו י ג: איך מיין, ער וואלט מיך פונדעסטוועגען גע־קענט פונקט אזוי ליעב האבען. יא, פיליייכט נאך מעהר. די ווילד־ענטע האבען מיר דאך אויך געקרינען אלס געשענק, און דאך האב איך זי אזוי שטארק ליעב.

ג ר ע ג ע ר ס (דרעהט אום דעם געשפרעך) : יא, ריכטיג! די ווילד־ענטע! לאמיר שמועסען אביסעל פון דער ווילד־ענטע, העד־וויג.

ה ע ד ו ו י ג: די ארעמע ווילד־ענטע! די וויל ער אויך ניט מעהר האבען פאר די אויגען. שטעלט זיך נור פאר, איהר אבצודרע־העז דעם האלז!

ג ר ע ג ע ר ס: א, ער וועט דאס ניט טהאן.

ה ע ד ו ו י ג: ניין, אבער ער האט עס געזאגט. און איך דענק, אז עס איז געווען אזוי העסליך פון דעם פאפא, דאס צו זאגען; ווארים יעדען אבענד דערמאן איך די ווילד־ענטע אין מיין געבעט און בעט גאט, ער זאל זי אבהיטען פון טויט און פון אלדאס בייז.

ג ר ע ג ע ר ס (קוקט זי אן) : זאגט איהר אייער געבעט יע־דען אבענד?

ה ע ד ו ו י ג: יא.

ג ר ע ג ע ר ס: ווער האט עס אייך געלערענט צו טהאן?

ה ע ד ו ו י ג: איך אליין. איינמאל איז דער פאפא געווען א ז ו י קראנק און האט געהאט פיאוועקעס אויף׳ן האלז, און האט גע־זאגט, אז ער קעמפפט מיט׳ן טויט.

ג ר ע ג ע ר ס: נו, און — ?

ה ע ד ו ו י ג: דאן האב איך געבעטען גאט פאר איהם, ווען איך בין געלעגען אין בעט. און זייט דאן בין איך געבליבען דערביי.

ג ר ע ג ע ר ס: און איצט בעט איהר אויך פאר די ווילד־ענטע?

ה ע ד ו ו י ג: איך האב געדענקט, עס איז אם בעסטען אריינ־צונעהמען די ווילד־ענטע אין דעם געבעט; ווארים זי איז דאך איז דער ערשטער צייט געווען אזוי קראנק.

ג ר ע ג ע ר ס: אין דערפריה זאגט איהר אויך א געבעט?

ה ע ד ו ו י ג: ניין, דאס ניט.

ג ר ע ג ע ר ס: פארוואס׳ עפעס אין דערפריה ניט?

ה ע ד ו ו י ג: אין דערפריה איז דאך ליכטיג, און עס איז ניטא פאר וואס זיך צו שרעקען.

ג ר ע ג ע ר ס: און דער ווילד־ענטע, וועלכע איהר האט אזוי שטארק ליעב, האט אייער פאטער געוואלט אראבדרעהען דעם האלז?

ה ע ד ו ו י ג: ניין, ער האט געזאגט, עס וואלט געווען אם בעסטען פאר איהם, ווען ער טהוט עס. אבער מיר צוליעב וועט ער זי שוינען. און דאס איז דאך געווען פריינדליך פון דעם פאפא.

ג ר ע ג ע ר ס (אביסעל נעהענטער): אבער אשטייגער ווען א י ה ר זאלט א י ה ם צוליעב פרייוויליג אויפאפפערען די ווילד־ענטע?

ה ע ד ו ו י ג (שטעהט אויף): די ווילד־ענטע!

ג ר ע ג ע ר ס: ווען איהר זאלט אפפערוויליג אבגעבען פאר איהם דאס בעסטע, וואס איהר האט און וואס איהר קענט אויף דער וועלט?

ה ע ד ו ו י ג: גלויבט איהר, אז ד א ס וואלט געהאלפען?

ג ר ע ג ע ר ס: פרואווט עס, העדוויג.

ה ע ד װ י ג (שפּילערהיים, מיט לײכטענדע אויגען): יאָ, איך וויל עס פּראָוועז.

ג ר ע ג ע ר ס: דענקט איהר, אַז איהר האָט װירקליך דעם קוראַזש דערצו?

ה ע ד װ י ג: איך װעל בעטען דעם זיידען, ער זאָל פאַר מיר דערשיסען די װילד־ענטע.

ג ר ע ג ע ר ס: יאָ, טהוט דאָס. אָבער זאָגט אייער מוטער קיין וואָרט ניט וועגען דעם.

ה ע ד װ י ג: פאַרוואָס ניט?

ג ר ע ג ע ר ס: זי פערשטעהט אונז ניט.

ה ע ד װ י ג: די װילד־ענטע? איך װעל עס פּראָווען מאָר־גען אין דערפריה!

גינאַ קומט אַריין דורך די קאָרידאָר־טיר.

ה ע ד װ י ג (געהט איהר אַנטקעגען): האָסטו איהם געפונען, מוטער?

ג י נ אַ: ניין, אָבער איך האָב געהערט, אַז ער איז געװען בײ רעללינג'ן און האָט איהם מיטגענומען.

ג ר ע ג ע ר ס: װייסט איהר עס זיכער?

ג י נ אַ: יאָ, דעם הויז־דיענער'ס פרוי האָט עס מיר געזאָגט. מאָלוויק איז אויך מיטגעגאַנגען, האָט זי געזאָגט.

ג ר ע ג ע ר ס: און דאָס הײנט אָבענד, װען ס'איז אַזוי נייר־טיג געװען פאַר זיין זעעלע צו קעמפּפען אין איינזאַמקייט — !

ג י נ אַ (טהוט אויס איהרע זאַכען): יאָ, די מענער זיינען אַזוי פערשיעדען. גאָט װייס, וואו רעללינג האָט איהם ערגעץ פער־שלעפּט! איך בין אַריבערגעלאָפען צו מאַדאַם עריקסען; אָבער ד אָ ר ט זיינען זיי ניט געװען.

ה ע ד װ י ג (קעמפּפט מיט די טרערען): אַ, װאָס װעט זיין, אויב ער װעט מעהר גאָר ניט צוריקקומען אַהיים!

ג ר ע ג ע ר ס: ער װ ע ט צוריקקומען אַהיים. איך װעל איהם מאָרגען אין דערפריה אויפזוכען; און דאַן װעט איהר זעהן,

װ ו י ער װעט אהײם קומען. איהר קענט זיך פערלאזען דערױף, העדװיג, און שלאפט רוהיג. גוטע נאכט.

ער געהט ארױס דורך די קארידאר־טיר.

ה ע ד װ י ג (װארפט זיך שלוכצענדיג גינא'ן אויף'ן האלז): מוטער, מוטער!

ג י נ א (קלאפט איהר אין פלײצע און זיפצט): אך יא, רעל־לינג האט רעכט געהאט. אזוי געהט עס, װען פערריקטע לײט קומען און לײגען פאר זײער „אינטריקאטע" פאדערונג.

פינפטער אקט.

יאַלמאַר עקדאַל׳ס סטודיאָ. א קאַלט, גראָה מארגען־ליכט. נאַסער שנעע ליטגט אויף די גרויסע שויבען פונ׳ם דאַך־פענסטער.

גינאַ, אנגעטאן אין א קיכען־פאַרטוך, קומט אריין פון קיך מיט א שטויב־בעזים און אַ וויש־טוך; זי געהט צו דער טיר פון דער וואוין־שטוב. אין דערזעלבער רגע קומט העדוויג שנעל אריין דורך די קארידאר־טיר.

גינא (בלייבט שטעהן): נו?

העדוויג: א, מוטער, איך מיין, ער איז אונטען ביי רעל־לינג —

גינא: זעהסטו שוין!

העדוויג: — ווייל דעם הויז־דיענער׳ס פרוי זאגט, זי האט געהערט, אז רעלינג האט מיטגעבראכט צוויי מיט זיך, ווען ער איז ביינאכט אהיים געקומען.

גינא: דאס האב איך טאקע געדענקט.

העדוויג: אבער וואס טויג עס, אז ער וויל ניט ארויפ־קומען צו אונז?

גינא: וועל איך וועניגסטענס ארונטערגעהן און ריידען מיט איהם.

דער אַלטער עקדאַל אין אַ שלאַפראק און פאַנטאָפעל און מיט אַן אנגעצונדענער פּיפּקע, בעוויזט זיך ביי דער טיר פון זיין צי־מער.

עקדאל: דו, יאלמאר—. איז יאלמאר ניטא אין דערהיים?

גינא: ניין, ער איז ארויס אין גאס.

עקדאל: אזוי פריה? און אין אזא פערריקטען שנעע־

שטורם? נו, יא; ווי ער וויל זיך; איך קען דאך אליין מאכע: פיין מארגען־שפּאציר. (ער רוקט אב די טיר פון בוידים און א זייט; העדוויג העלפט איהם; ער געהט אריין; זי מאכט צו די טיר הינטער איהם.)

ה ע ד ו ו י ג (מיט א נידעריגער שטימע): שטעל זיך פאר, מוטער, ווען דער ארימער זיידע וועט הערען, אז דער פאטער וויל אונז פערלאזען.

ג י נ א: אַה, אונזינן. דער זיידע טאר קיין ווארט ניט הערען וועגען דעם. א גליק, וואס ער איז נעכטען ביי דעם גאנצען סקאנ־דאל ניט געוועזען אין דערהיים.

ה ע ד ו ו י ג: יא, אבער —

ג ר ע ג ע ר ס קומט אריין דורך די קארידאר־טיר.

ג ר ע ג ע ר ס: נא? האט איהר אויסגעפונען וואו ער איז?

ג י נ א: מען זאגט, ער איז אונטען ביי רעללינג.

ג ר ע ג ע ר ס: ביי רעללינג! איז ער ווירקליך אויסגעווע־זען מיט אט די צוויי מענשען?

ג י נ א: יא, וואהרשיינליך.

ג ר ע ג ע ר ס: יא, אבער ע ר, וואס האט זיך אזוי גע־נויטיגט אין ערנסטע עטליכע שטונדען פאר זיך. אין איינזאמ־קייט —

ג י נ א: יא, איהר מעגט עס נאך אמאל זאגען.

ר ע ל ל י נ ג קומט אריין פון קארידאר.

ה ע ד ו ו י ג (געהט איהם אנטקעגען): איז דער פאטער ביי אייך אין צימער?

ג י נ א (גלייכצייטיג): איז ער דארט?

ר ע ל ל י נ ג: יא, געוויס איז ער דארט.

ה ע ד ו ו י ג: און איהר זאגט אונז גארנישט!

ר ע ל ל י נ ג: יא, איך בין א בעסטיע. אבער צוערשט האב איך געמוזט די אנדערע בעסטיע האלטען אין צוים,—דעם דעמאנישען נאטירליך; און דאן בין איך אזוי פעכט אנשלאפען געווארען, אז —

ג י נ א: וואס זאגט עקדאל היינט?

ר ע ל ל י נ ג: ער זאגט גארנישט.

ה ע ד ו ו י ג: רעדט ער גאר נים?

ר ע ל ל י נ ג: קיין איינציג ווארט נים.

ג ר ע ג ע ר ס: נו, יא; דאס קען איך זעהר גוט פערשטעהן.

ג י נ א: אבער וואס זשע טוט ער פארט?

ר ע ל ל י נ ג: ער ליעגט אויף דער זאפא און כראפעט.

ג י נ א: א, אזוי? יא, עקדאל כראפעט זעהר שטארק.

ה ע ד ו ו י ג: ער שלאפט? קען ער שלאפען?

ר ע ל ל י נ ג: יא, עס זעהט אזוי אוים.

ג ר ע ג ע ר ס: דאס איז צו בעגרייפען; נאך דעם זעעלען־קאמפף, וועלכער האט איהם פערמאטערט —

ג י נ א: און דאן איז ער דאך נים געוואוינט דערצו, זיך ארומצוטרייבען ביינאכט אין דרויסען.

ה ע ד ו ו י ג: פיללייכט איז דאס גוט, וואס ער קען שלאפען, מוטער.

ג י נ א: נאטירליך איז דאס גוט. און מען דארף זעהן איהם נים צו פריה אויפצואוועקען. איך דאנק אייך, רעללינג. איצט מוז איך אבער אביסעל צוראמען און ריין מאכען, און דאן — . קום, העלף מיר, העדוויג.

גינא און העדוויג געהען אריין אין וואוין־צימער.

ג ר ע ג ע ר ס (דרעהט זיך אום צו רעללינג'ן): קענט איהר מיר ערקלער־ען די גייסטיגע אומוועלצונג, וואס קומט איצט פאר אין יאלמאר עקדאל?

ר ע ל ל י נ ג: אסור אויב איך האב בעמערקט, אז אין איהם קומט איבערהויפט פאר א גייסטיגע אומוועלצונג.

ג ר ע ג ע ר ס: וואס! אין אזא קריזים, ווען זיין גאנץ לעבען בעקומט א נייע גרונדלאגע—? ווי קענט איהר גאר דענקען, אז אזא פערזענליכקייט ווי יאלמאר—?

ר ע ל ל י נ ג: אך, פערזענליכקייט — ער! אויב ער האט ווען געהאט וואסער עס איז נייגונג צו די אבנארמאלע ענטוויקלונגען,

וועלכע איהר רופט פערזענליכקייט, קען איך אייך פערזיכערן, אז עס איז פאלשטענדיג אויסגעוואַרצעלט געוואָרען פון איהם נאָך אין זיינע אינגעלשע יאהרען.

ג ר ע ג ע ר ס: ד אַ ס וואָלט דאָך געווען מערקווירדיג, — אז מען בערעכענט די ליעבפולע ערציהונג, וואס ער האָט בעקומען.

ר ע ל ל י נ ג: ביי יענע צוויי שטאלצע, היסטערישע יונגפרוי־טאנטען, מיינט איהר?

ג ר ע ג ע ר ס: איך קען אייך נור זאגען, אז דאס זיינען געווען פרויען, וועלכע האָבען קיינמאָל ניט פערגעסען די אידעאַלע פאָדערונג; נאר איהר וועט דאָך אודאי ווידער חוזק מאַכען פון מיר.

ר ע ל ל י נ ג: ניין, איך בין ניט אויפגעלעגט דערצו. איבריגענס וויים איך אַלעס גאַנץ גענוי; ווארים ער האָט זיך גאר ניט געקענט גענוג אנדערצעהלען וועגען אָט די „צוויי זעעלען־מוטערס״ זיינע. אבער איך דענק, אז ער האָט ניט קיין סך, פאר וואָס זיי צו דאַנקען. עקדאַל׳ס אונגליק איז, וואס ער איז אין זיין קרייז אימער געהאַלטען געוואָרען פאר אַ שיינענדעס ליכט —

ג ר ע ג ע ר ס: און איז ער דאָס פיליכט ניט? אין דער טיעפקייט פון זיין נשמה, מיין איך?

ר ע ל ל י נ ג: א י ך האָב קיינמאָל גאָר נישט בעמערקט דערפון. אז זיין פאָטער האָט געגלויבט אין דעם, איז קיין וואונדער ניט; דער אַלטער ליטענאַנט איז דאָך זיין לעבען לאַנג געווען אַ דומקאָפּ.

ג ר ע ג ע ר ס: ער איז זיין לעבען לאַנג געווען אַ מאַן מיט אַ קינדערשער נשמה; אבער דאָס פערשטעהט איהר דאָך ניט.

ר ע ל ל י נ ג: נו, זאָל זיין אזוי. אבער ווען דער ליעבער, זיסער יאַלמאַר איז מיט מיה און נויט געוואָרען אַ סטודענט, דאַן האָט ער אויך צווישען זינע חברים אנגעהויבען שיינען אלס דאָס גרויסע צוקונפטס־ליכט. שעהן איז ער דאָך געווען, — דאָס האָט געצויגען, — רויט און ווייס, — אזוי ווי די קליינע מיידלאַך האָבען גראָד ליעב צו זעהן די יונגע לייט; און ווייל ער האָט אויך געהאַט אַ לייכט־גע־

ריהרטען געמיטה און א ראי־געווינענדען טאן אין זיין שטימע, און ווייל ער האט איזוי שעהן געקענט דעקלאמירען די פערזען און די געדאנקען פון אנדערע —

ג ר ע ג ע ר ס (מיט כעס): רעדט איהר ווירקליך פון יאלמאר עקדאל?

ר ע ל ל י נ ג: יא, מיט אייער ערלויבניש; ווארים אזוי זעהט ער אויס אינעווייניג, דער געץ, פאר וועמען איהר וואלגערט זיך אין שטויב.

ג ר ע ג ע ר ס: כ׳מיין, איך בין דאך אויך ניט אזוי שטאק־בלינד.

ר ע ל ל י נ ג: יא; יעדענפאלס ניט ווייט דערפון. איהר זייט א קראנקער מאן, איהר אויך, פערשטעהט איהר מיך.

ג ר ע ג ע ר ס: דאס זייט איהר גערעכט.

ר ע ל ל י נ ג: יא. אייער פאל איז א קאמפליצירטער. צו־ערשט קומט, ווי געזאגט, דאס פלאגענדע עהרליכקייטס־פיבער; און דאן, — וואס איז נאך ערגער, — געהט איהר אימער ארום אין א דעליריום פון פערגעטערונג; איהר מוזט אימער האבען עפעס צו בעוואונדערן אויסער־האלב אייערע אייגענע אנגעלעגענהייטען.

ג ר ע ג ע ר ס: פערשטעהט זיך, אז איך מוז עס זוכען אויסער־האלב מיין אייגענעם איך.

ר ע ל ל י נ ג: אבער איהר נארט זיך אזוי מיאוס אב אין די גרויסע וואונדער־היות, וואס איהר זעהט און הערט כלומר׳שט ארום אייך. דא זייט איהר ווידער אמאל געקומען אין אן ארים הייזעל מיט אייער אידעאלער פאדערונג; אין דעם הויז וואוינען ניט קיין צאהלונגס־פעהיגע לייט.

ג ר ע ג ע ר ס: אויב איהר האט ניט קיין בעסערע מיינונג פון יאלמאר עקדאל, וואס פאר א פערגניגען קענט איהר האבען אימער און שטענדיג צו זיין צוזאמען מיט איהם.

ר ע ל ל י נ ג: מיין גאט, איך בין דאך, מיט רעספעקט צו מעלדען, א מין דאקטאר; נו, מוז איך דאך אויפפאסען אויף די ארעמע קראנקע, וועלכע וואוינען מיט מיר אין איין הויז.

ג ר ע ג ע ר ס: אַ, ווירקליך! יאַלמאַר עקדאַל איז, הייסט עס, אויך קראַנק?

ר ע ל ל י נ ג: דאָס רוב מענשען זיינען ליידער קראַנק.

ג ר ע ג ע ר ס: און וואָס פאַר אַ הייל־מיטעל ווענדעט איהר אָן אין יאַלמאַר'ס פאַל?

ר ע ל ל י נ ג: מיין געוועהנליכען מיטעל. איך זעה אויפצו־האַלטען דעם לעבענס־ליגען אין איהם.

ג ר ע ג ע ר ס: דעם לעבענס־ליגען? האָב איך ריכטיג גע־הערט —?

ר ע ל ל י נ ג: יאָ, איך האָב געזאָגט: דעם לעבענס־ליגען. וואָרים דער לעבענס־ליגען, פערשטעהט איהר מיך, איז דער סטי־מולירענדער, רייצענדער פרינציפּ.

ג ר ע ג ע ר ס: קען איך פרעגען, מיט וואָס פאַר אַ לעבענס־ליגען יאַלמאַר איז אנגעשטעקט?

ר ע ל ל י נ ג: ניין, אַ דאַנק; אַזעלכע געהיימניסע זאָג איך ניט אויס קיין באַבסקע דאָקטוירים. איהר וואָלט געווען אימ־שטאַנד איהם נאָך מעהר צו פערפושען. אָבער די מעטאָדע איז אונפעהלבאַר. איך האָב זי אויך אנגעווענדעט ביי מאָלוויק'ן. איהם האָב איך געמאַכט „דעמאָניש". ד א ס איז דער בלאַטער, וואָס איך האָב א י ה ם געמוזט אַרויפזעצען אויפ'ן נאַקען.

ג ר ע ג ע ר ס: איז ער דען ניט דעמאָניש?

ר ע ל ל י נ ג: וואָס, צום טייפעל, הייסט דען דעמאָניש? דאָס איז דאָך ניט מעהר ווי אַ קוידערוועלש, אַ פּוסט וואָרט, וואָס איך האָב ערפונען, אום איהם צו דערהאַלטען ביים לעבען. ווען ניט דאָס, וואָלט דער אָרעמער, גוטער מענש שוין מיט יאָהרען צוריק אונטער־געגאַנגען אין זעלבסט־פעראַכטונג און פערצווייפלונג. און דאָן דער אַלטער לייטענאַנט! אָבער דער האָט זיך נאַטירליך אויסגעפונען זיין אייגענע הייל־מיטעל.

ג ר ע ג ע ר ס: לייטענאַנט עקדאַל? וואָס איז מיט איהם?

ר ע ל ל י נ ג: יאָ, שטעלט זיך נור פאָר אַט דעם אַלטען בע־רען־יעגער, וואָס לויפט אַרום דאָרט אויף דעם פינסטערן בוידים און

שיסט קראליקעס! איך זאג אייך, ס'איז ניטא אויף דער וועלט קיין גליקליכער יעגער, ווי אט דער אלטער מאן, ווען ער קען זיך דארט ארומיאגען צווישען די אלע אלטע שמאטעס. די פיער, פינף פערטריקענטע ווייהנאכטס־בוימער, וועלכע ער האט אנגעקליבען, זיינען ביי איהם פונקט ווי דער גאנצער, גרויסער, פרישער האידאל־וואלד. דער האהן מיט די היהנער זיינען פאר איהם וואלד־העהנער און וואלד־היהנער אויף די שפיצען פון די טאנענבוימער; און די קראליקעס, וועלכע שפרינגען ארום איבער'ן בוידים, דאס זיינען די בערען, מיט וועלכע ער ראנגעלט זיך — ער, דער מוטהיגער מאן פון דער פרייער לופט!

גרעגערס: יא, דער אונגליקליכער, אלטער לייטענאנט; ער האט זיך געמיזט אבזאגען פון פיעלע פון זיינע יוגענד־אידעאלען.

רעללינג: איידער איך פערגעס זיך אן דעם, יונגער הערר ווערלע, — בענוצט ניט דאס פרעמד־ווארט: אידעאלען. מיר האבען דאך דאס אויסגעצייכענטע נאציאנאלע ווארט: ליגענס.

גרעגערס: דענקט איהר, אז דיביידע זאכען זיינען פערוואנדט איינע מיט דער אנדערער?

רעללינג: יא, אונגעפעהר ווי טיפוס און פויל־פיבער.

גרעגערס: איך וועל ניט רוהען, ביז וואנען איך וועל האבען ארויסגעראטעוועט יאלמאר'ן פון אייערע לאפעס!

רעללינג: דאס וואלט געווען דאס ערגסטע פאר איהם. נעהמט אוועק ביי א מענשען דעם לעבענס־ליגען, און איהר נעהמט ביי איהם אין דערזעלבער צייט אוועק דאס גליק. (צו העדוויג'ן, וועלכע קומט ארויס פונ'ם וואוין־צימער.) נא, קליינע ווילד ענטען־מוטער, איצט וועל איך ארונטער־געהן און זעהן, אויב דער פאפא ליעגט נאך און דענקט נאך איבער דער מערקווירדיגער ערפינדונג זיינער.

געהט ארויס דורך די קארידאר־טיר.

גרעגערס (געהט צו נאהענט צו העדוויג'ן): איך קען זעהן אן אייך, אז עס איז נאך ניט געשעהן.

העדוויג: וואס? — אה, מיט דער ווילד־ענטע. ניין.

ג ר ע ג ע ר ס: דיזר מוטה האט איך פערלאזען. ווען עס איז נעקומען די צייט צו האנדלען, ניט וואהר?

ה ע ד ו ו י ג: ניין, ד א ס ניט. נאר אז איך האב זיך היינט אין דערפריה אויפגעכאפט און זיך דערמאנט אן דעם, וואס מיר האבען גערעדט, איז מיר די זאך פארגעקומען אזוי מאדנע.

ג ר ע ג ע ר ס: מאדנע?

ה ע ד ו ו י ג: יא, איך וויים ניט — . נעכטען אבענד, גלייך אויפ'ן ערשטען מאמענט, איז מיר די זאך פערגעקומען אזוי וואונדער־שעהן; אבער ווען איך האב זיך איבערגעשלאפען און דאן ווידער נאכגעדענקט דעריבער, דוכט מיר, אז עס לוינט זיך ניט.

ג ר ע ג ע ר ס: נו יא; ווי האט איהר דען געקענט אויפוואקסען דא אין דעם הויז, און גאר ניט זיין בעשעדיגט אינערליך!

ה ע ד ו ו י ג: דאס קימערט מיך ניט. ווען דער פאפא זאל נור ארויפקומען —

ג ר ע ג ע ר ס: אה, ווען איהר האלט נור אפען די אויגען און זעהט דאס, וואס גיט דעם לעבען זיין ווערטה, — ווען איהר האט נור דעם עכטען, פרעהליכען אפפער־מוטה, דאן וואלט איהר שוין געזעהן, ווי ער וואלט ארויפגעקומען צו אייך. אבער איך גלויב נאך אין אייך, העדוויג.

ער געהט ארויס דורך די קארידאר־טיר.

העדוויג געהט ארום א ווייל'ע איבער'ן צימער; דאן וויל זי ארויס־געהן אין קיך; אין דערזעלבער רגע הערט זיך א קלאפ פון אינעווייניג אין דער טיר פון בוידים. העדוויג געהט צו און עפענט אביסעל; דער א ל ט ע ר ע ק ד א ל קומט ארויס; זי רוקט צוריק צו די טיר.

ע ק ד א ל: הם, ס'איז א היבשעם פערגניגען צו מאכען דעם מארגען־שפאציר אליין.

ה ע ד ו ו י ג: האסט גאר ניט קיין לוכט צו געהן אויף דער יאגד, זיידע?

ע ק ד א ל: ס'איז ניט קיין יאגד־וועטער היינט. ס'איז אזוי פינסטער דארט; מען זעהט קוים, וואס טוט זיך פאר די אויגען.

ה ע ד ו ו י ג: דו ווילסט גאָר קיינמאָל ניט שיסען עפּעס אַנ־דערש ווי די קראַליקעס?

ע ק ד א ל: די קראַליקעס זיינען, הייסט עס, ניט גוט גענוג?

ה ע ד ו ו י ג: יאָ, אָבער די ווילד־ענטע, צום ביישפּיעל?

ע ק ד א ל: דאַ—האַ! האָסט מורא, אַז איך וועל דיר דערשי־סען די ווילד־ענטע דיינע? קיינמאָל אין לעבען ניט. קיינמאָל ניט!

ה ע ד ו ו י ג: ניין, דו וואָלסט עס וואַהרשיינליך ניט געקענט; ווילד־ענטען, זאָגט מען, איז שווער צו שיסען.

ע ק ד א ל: כ'וואָלט עס ניט געקענט? כ'מיין עפּעס, אַז איך קען עס!

ה ע ד ו ו י ג: ווי וואָלסטו געטאָן, זיידע; — איך מיין ניט מיט מ י י ן ווילד־ענטע, נאָר מיט אַנדערע?

ע ק ד א ל: כ'וואָלט געזעהן, זיי צו טרעפען אונטער דער ברוסט, פערשטעהסטו מיך; דאָס איז דאָס זיכערסטע. און דאַן מוז מען שיסען א נ ט ק ע ג ע ן די פעדערן, ניט א ו י ף די פעדערן.

ה ע ד ו ו י ג: שטאַרבען זיי דאַן, זיידע?

ע ק ד א ל: יאָ, געוויס שטאַרבען זיי — ווען מען שיסט נור ריכטיג. נאָ; כ'מוז אַריינגעהן און זיך אָביסעל אַרומוואַשען. הם— כ'ווייס שוין — הם.

געהט אַריין צו זיך אין צימער.

העדוויג וואַרט א ווייל'ע, כאַפּט א קוק אויף דער טיר פון וואוין־צימער, דאַן געהט זי צו צו דער ביכער־שאַפע, שטעלט זיך אויף די שפּיץ פינגער, נעהמט אַראָב דעם דאָפּעל־רעהריגען פּיסטויל פון דער פּאָליצע און בעטראַכט איהם. ג י נ א, מיט'ן בעזים און שטויב־טוך, קומט אַרויס פון דער וואוין־שטוב. העדוויג לעגט שנעל און אונבעמערקט אַוועק דעם פּיסטויל.

ג י נ א: וואָס שטעהסטו און ראַיעסט זיך אין פּאַפּאַ'ס זאַכען, העדוויג?

ה ע ד ו ו י ג (געהט אַוועק פון דער ביכער־שאַפע): כ'האָב בלויז געוואָלט אָביסעל צוראַמען.

ג י נ א: נעה בעסער אריין אין קיך און זעה, אז דער קאפע זאל זיין ווארם. איך וועל מיטנעהמען זיין פריהשטיק אויף א טאץ, ווען איך וועל ארונטערגעהן צו איהם.

העדוויג געהט ארויס. גינא הויבט אָן אויסקעהרען און ריין מאַכען אין סטודיא. — אין א ווײַלע ארום עפענט זיך לאנגזאם די קארידאר־טיר, און יאַלמער קוקט אריין; ער געהט אנגעטאָן אין דעם אויבער־ראק, אבער אהן א הוט; ניט ארומגעוואשען, און זיינע האָר זיינען צושויבערט און ניט פערקאמט; זיינע אויגען זיינען קליין און מאַט.

ג י נ א (בלייבט שטעהן מיט'ן בעזים אין דער האַנד און קוקט איהם אן): אַך, ווירקליך, עקדאל, — דו ביכט דאך געקומען?

י א ל מ א ר (קומט אריין און ענטפערט מיט א טעמפער שטימע): איך קום — אום גלייך ווידער צו פערשווינדען.

ג י נ א: יא, יא, איך קען זיך פארשטעלען. אבער גאָט, — ווי דו זעהסט אויס!

י א ל מ א ר: ווי איך זעה אויס!

ג י נ א: און דיין שעהנער ווינטער־ראק! נא, דער איז שוין קאפוט.

ה ע ד ו ו י ג (אין דער קיך־טיר): מוטער, זאל איך—?

(דערזעהט יאלמאר'ן, טוט א געשריי פאר פריוד און לויפט צו צו איהם.)

א, פאטער, פאטער!

י א ל מ א ר (קעהרט זיך אב און מאַכט מיט דער האַנד): אוועק, אוועק, אוועק! (צו גינא'ן.) נעהם זי צו פון מיר, זאג איך!

ג י נ א (מיט א נידעריגען טאָן): געה אריין אין שטוב, העדוויג.

העדוויג געהט שטיל ארויס.

י א ל מ א ר (איילענדיג, ציהט ארויס דעם שופלאַד פון טיש): איך מוז האבען מיינע ביכער מיט מיר. וואו זיינען מיינע ביכער?

ג י נ א: וועלכע ביכער?

י א ל מ א ר: מיינע וויסענשאפטליכע ווערק, נאטירליך — די טעכנישע צייט־שריפטען, וועלכע איך דארף האבען פאר דער ערפינדונג.

גינא (זוכט אין דער ביכער־שאפע): זיינען עס אט די דא אזה טאוולען?

יאלמאר: יא, געווים.

גינא (לעגט אוועק א הויפען מיט העפטען אויפ'ן טיש): זאל זיי העדוויג פאר דיר אויפשניידען?

יאלמאר: איך דארף ניט, מען זאל זיי פאר מיר אויפשניידען.

קורצע פויזע.

גינא: עס בלייבט אלזא דערביי, אז דו געהסט אוועק פון אונז, עקדאל?

יאלמאר (ראיעט צווישען די ביכער): דאס פערשטעהט זיך דאך פון זיך אליין, שיינט מיר.

גינא: נו, יא!

יאלמאר (העפטיג): איך קען דאך ניט זיין דא מיין הארץ זאל יעדע שטונדע דורכגעשטאכען ווערען ווי מיט א מעסער.

גינא: זאל דיר גאט פערצייהען, וואס דו גלויבסט אויף מיר אזעלכע שלעכטע זאכען.

יאלמאר: בעווייז מיר — !

גינא: מיר דוכט, דו דארפסט בעווייזען.

יאלמאר: נאך אזא פערגאנגענהייט ווי דיינע? פאראהאן געוויסע פאדערונגען — איך וואלט זיי כמעט געקענט אנרופען אידעאלע פאדערונגען —

גינא: און דער זיידע? וואס וועט ווערען פון דעם ארעמען מאן?

יאלמאר: איך ווייס אליין מיין פליכט; דער הילפלאזער געהט מיט מיר. איך וויל ארויסגעהן אין שטאדט און זעהן ארראנזשירען — הם — (מיט א האלבען מויל.) האט אימיצער פיליכט געפונען מיין הוט אויף די טרעפ?

גינא: ניין. האסטו פערלארען דעם הוט?

יאלמאר: איך האב איהם נאטירליך געהאט אויפ'ן קאפ ביינאכט, ווען איך בין אהיים געקומען; איז דעם קען גאר קיין צוויי־

פעל ניט זיין; נאר היינט אין דערפריה האב איך איהם ניט געקענט געפינען.

ג י נ א: גאט מיינער, וואו ביסטו דען געווען מיט אט די צוויי בומלער?

י א ל מ א ר: א, פרעג מיך ניט אזעלכע אונוויכטיגע זאכען. דענקסטו, אז איך בין אין א שטימונג זיך צו דערמאנען אן איינצעל־הייטען?

ג י נ א: ווען דו האסט זיך נור וויניגסטענס ניט פערקיהלט, עקדאל!

געהט ארויס אין קיך.

י א ל מ א ר (רעדט מיט א נידעריגען, פערביטערטען טאָן צו זיך אליין, בעת ער לעדיגט אויס דאָס טיש־קעסטעל): דו ביסט א שורקע, רעללינג! — אז אויסוואורף ביסטו! — אה, דו אונפערשעהמטער פערפיהרער! — ווען איך וואלט נור געקענט געפינען אימיצען, וואס זאל דיר אריינשטעכען א מעסער אין הארצען!

ער לעגט אוועק עטליכע אלטע בריעף אָן א זייט, געפינט דאָס צוריסע־נע פאפיר פון נעכטען, נעהמט עס און קוקט זיך צו צו די שטיקער; הער־ענדיג ווי גינא קומט, לעגט ער זיי שנעל אוועק אָן א זייט.

ג י נ א (שטעלט אוועק א טאָץ מיט קאפע און אנדערע זאכען אויפ'ן טיש): דא איז אביסעל ווארעמס, אויב דו האסט לוסט דערצו. און דא האסטו אויך ברויט מיט פוטער און א שטיקעל געפעקעלט פלייש.

י א ל מ א ר (קוקענדיג פון דער זייט אויף דער טאָץ): געפעקעלט פלייש? ניין, קיינמאל ניט אונטער דעם דאך! אמת, ס'איז שוין באלד פיער און צוואנציג שעה, אז איך האב ניט געהאט קיין ביסעל נארהאפטע שפייז אין מויל; אבער דאָס מאכט ניט אויס. — מיינע נאָטיצען! מיינע אנגעפאנגענע לעבענס־עראינערונגען! וואו איז ערגעץ מיין טאג־בוך און מיינע וויכטיגע פאפירען? (עפענט די טיר פון דער וואוין־שטוב, אבער טרעט אָב צוריק) דארט איז זי אויך דא!

ג י נ א: אבער גאט מיין גאָט, ערגעץ־וואו מוז דאך דאס קינד זיין!

י א ל מ א ר: געה ארויס.

ער מאכט פלאץ. העדוויג קומט ארויס א דערשראקענע אין סטודיא.

י א ל מ א ר (מיט דער האנד אויף דער טיר־קליאמקע, זאגט צו גינא׳ן): אין די לעצטע אויגענבליקען, וואס איך פערברענג דא אין מיין געוועזענער היים, ווינש איך ניט געשטערט צו ווערען פון פרעמדע פערזאנען —

געהט אריין אין שטוב.

ה ע ד ו ו י ג (מיט א שפרונג צו דער מוטער, פרעגט מיט א שטילער ציטערנדער שטימע): מיינט ער דאס מיך?

ג י נ א: בלייב אין קיך, העדוויג; אדער ניין, — געה בעסער אריין אין דיין אייגען צימער. (רעדט צו יאלמאר׳ן בעת זי געהט אריין צו איהם) ווארט א ווייל, עקדאל; ווארף ניט אזוי ארום אין קאמאד; איך וויים וואו אלעס ליעגט.

ה ע ד ו ו י ג (שטעהט א רגע אונבעוועגליך, דערשראקען און צוטומעלט, און בייסט צונויף די ליפען, אום ניט ארויסצופלאצען מיט א געוויין. דאן דריקט זי קראמפפהאפט צוזאמען די האנד און זאגט שטילערהיים): די ווילד־ענטע!

זי רוקט זיך שטילערהייט צו צו דער ביכער־שאפע און נעהמט אראב דעם פיסטויל פון דער פאליצע; דאן עפענט זי אביסעל אויף די טיר פון בוידים, גליטשט זיך אריין און ציהט צו די טיר הינטער זיך.

מען הערט, ווי י א ל מ א ר און ג י נ א קריגען זיך ארום אינעווייניג אין וואוין־צימער.

י א ל מ א ר (קומט ארויס מיט עטליכע שרייב־העפטען און אלטע לויזע פאפירען, וועלכע ער לעגט אוועק אויף׳ן טיש): אך, וואס טויג דער טשעמאדאן! איך האב דאך טויזענדערליי זאכען מיטצושלעפען.

ג י נ א (געהט איהם נאך מיט׳ן טשעמאדאן): טו לאז דערווייל איבער אלע אנדערע זאכען און נעהם בלויז מיט א העמד און א פאר אונטער־הויזען.

י א ל מ א ר: אה! — אט די אנשטרענגענדע פארבערייטונגען —! (טוט אויס דעם אויבער־ראק און ווארפט איהם אוועק אויף דער זאפא).

ג י נ א: און דא שטעהט דער קאפע און ווערט קאלט.

י א ל מ א ר: הם. (טוט ניט ווילענדיג א זופ און דאן נאך איד־נעם).

ג י נ א (ווישט אפ די פארענטשעס פון די שטוהלען): שווערעד פון אלץ וועט דיר זיין צו געפינען אזא גרויסען בוידים פאר די קראליקעס.

י א ל מ א ר: וואס! אט די אלע קראליקעס זאל איך אויך מיטשלעפען מיט זיך?

ג י נ א: יא, כ'מיין, דער זיידע קען דאך ניט אויסקומען אהן די קראליקעס.

י א ל מ א ר: ער וועט זיך מוזען צו געוועהנען דערצו. א י ך מוז אויפאפפערן עפעס גרעסערע זאכען ווי קראליקעס.

ג י נ א (שטויבט אב די ביכער־שאפע): זאל איך דיר אריינלע־גען די פלייט אין טשעמאדאן?

י א ל מ א ר: ניין. קיין פלייט פאר מיר. אבער גיב מיר דעם פיסטויל.

ג י נ א: דעם פיסטויל ווילסטו מיטנעהמען?

י א ל מ א ר יא, מיין געלאדענעם פיסטויל.

ג י נ א (זוכט איהם): ער איז ניטא. ער האט איהם אודאי אריינגענומען מיט זיך.

י א ל מ א ר: איז ער אויף'ן בוידים?

ג י נ א: געוויס איז ער דארט.

י א ל מ א ר: הם — דער איינזאמער אלטער מאן.

ער נעהמט א שטיקעל ברויט מיט פוטער, עסט עס און טרינקט אויס די טאס קאפע.

ג י נ א: ווען מיר וואלטען ניט פערדונגען דאס צימער. וואלסטו געקענט אריינציהען אהין.

י א ל מ א ר: איך זאל וואוינען אונטער א י י ן דאך מיט — ! קיינמאל — קיינמאל ניט!

ג י נ א: אבער וואלסטו ניט געקענט בלייבען א טאג אדער

צווי אין דער וואויוושטוב? דאָרט וואָלסטו דאָך געקענט זיין אַליין פאַר זיך.

י אַ ל מ אַ ר: קיינמאָל ניט צווישען אַט די ווענד!

ג י נ אַ: אָבער אונטען ביי רעלינג און מאַלוויק?

י אַ ל מ אַ ר: דערמאָן מיר ניט די נעמען פון אַט די מענשען! ביי פערגעהט דער אַפּעטיט, ווען איך דענק נור פון זיי! — אַ ניין, איך מוז ארויסגעהן אין שטורם און אין דער זאַוויערוכע, — ארומגעהן פון הויז צו הויז און זוכען אַן אָבדאַך פאַר דעם פאָטער און פאַר מיר.

ג י נ אַ: אָבער דו האָסט דאָך גיט קיין הוט, עקדאַל! דו האָסט דאָך פערלאָרען דיין הוט.

י אַ ל מ אַ ר: אַ, די צוויי אויסוואורפען, פערדאָרבען ביז'ן ביין! אַ הוט מוז געשאַפען ווערן. (נעהמט אַ צווייטעס שטיק ברויט מיט פוטער.) עטוואָס מוז געטאָן ווערן. וואָרים איך האָב קיין לוסט ניט, צו פערשווענדען מיין לעבען אין גאַרנישט. (זוכט עפּעס אויף'ן טאַץ).

ג י נ אַ: וואָס זוכסטו?

י אַ ל מ אַ ר: פוטער.

ג י נ אַ: כ'וועל דיר גלייך ברייגנען.

געהט אַריין אין קיך.

י אַ ל מ אַ ר (רופט איהר נאָך): ס'איז ניט נייטיג; כ'קען עסען טרוקען ברויט.

ג י נ אַ (ברייננגט אריין אַ פוטערניצע מיט פוטער): דאָ האָסטו, ס'איז גאַנץ פרישע פוטער.

זי גיסט איהם אָן נאָך אַ טאָס קאַפע; ער זעצט זיך אַנידער אויף דער זאָפאַ, שמירט אָן נאָך פוטער אויף דאָס ברויט, עסט און טרינקט אַ ווײלע שווייגענדיג.

י אַ ל מ אַ ר: וואָלט איך געקענט פאַר אַ טאָג אָדער צוויי וואוינען דאָרט אין שטוב, אהן דעם איך זאָל בעלעסטיגט ווערן פון אימיצען, — ווער עס זאָל ניט זיין?

ג י נ אַ: יאָ. זיכער וואָלסטו געקענט. ווען דו ווילסט נור.

יאלמאר: ווארים איך זעה גאר קיין מעגליכקייט ניט אזוי אויף איינמאל ארויסצוקריגען דעם פאטער'ס אלע זאכען.

גינא: און אויסער דעם מוזטו דאך איהם אפריהער זאגען, אז דו ווילסט מעהר ניט וואוינען מיט אונז צוזאמען.

יאלמאר (רוקט אוועק די ליידיגע טאס פון זיך): יא, דאס אויך; אט די גאנצע פערפלאנטערטע געשיכטע פון דאס ניי פונאנדער־לעגען — . איך מוז זיך מישב זיין וואס צו טאן; כ'מוז האבען צייט אבצוכאפען דעם אטהעם; איך קען ניט נעהמען אויף זיך די גאנצע לאסט אין איין איינציגען טאג.

גינא: און דער־צו נאך אין אזא עקעלהאפטען וועטער ווי היינט.

יאלמאר (ריהרט אן ווערלע'ס בריעף): איך זעה, דאס פא־פיר וואלגערט זיך נאך דא ארום.

גינא: איך האב עס ניט אנגעריהרט.

יאלמאר: מיך געהט דאך די שמאטע גארנישט אן —

גינא: נא, איך האב זיכער ניט די אבזיכט צו ציהען וואסערע עס איז נוצען דערפון.

יאלמאר: — אבער עס דארף פונדעסטוועגען ניט פער־לארען געהן; ווען איך וועל זיך ארויסציהען, קען עס נאך אין דעם מיש־מאש לייכט —

גינא: איך וועל שוין אכטונג געבען דערויף, עקדאל.

יאלמאר: דער געשענק־בריעף געהערט פאר אלע זאכען דעם פאטער; און עס איז זיין זאך צו בעשליסען, אויב ער וויל מא־כען נוצען דערפון אדער ניט.

גינא (זיפצט): יא, דער ארעמער, אלטער פאטער!

יאלמאר: פון זיכער־הייט וועגען — . וואו קריג איך ערגעץ א שטיקעל פאפ?

גינא (געהט צו צו דער ביכער־שאפע): אט איז דער פאפ־טאפ.

יאלמאר: און א בערשטעל?

גינא: דא איז אויך דאס בערשטעל.

ברייננגט איהם די זאַכען.

י אַ ל מ אַ ר (נעהמט אַ שערעל) : נור א פּאַס פּאַפּיר אויף דער אנדערער זייט. (שערט אָב און בעשמירט מיט פּאַפּ.) איך בין ווייט, ווייט דערפון, צו לייגען די האנד אויף פרעמדעס אייגענטהום, — דערצו נאָך פון א נויט־בעדערפטיגען אלטען מאן. נאַ, און אויך ניט אויף דאָס אייגענטהום פון אן אנדערן. — נאַ. זאָל עס דערווייל ליעגען דאַ. און ווען עס וועט זיך אבטריקענען, נעהם עס צו. איך וויל דעם דאָקומענט מעהר ניט האָבען פאר די אויגען. קיינמאָל ניט!

גרעגערס ווערלע קומט אריין פון קאָרידאָר.

ג ר ע ג ע ר ס (אַביסעל פערוואונדערט) : וואָס, — דו זיצסט דאַ, יאַלמאַר?

י אַ ל מ אַ ר (שטעהט שנעל אויף) : איך האָב זיך געמוזט צו־זעצען פאר מיעדקייט.

ג ר ע ג ע ר ס : דו האָסט אויך געגעסען פריהשטיק, ווי איך זעה.

י אַ ל מ אַ ר : אויף דער קערפּער פאָדערט צייטענווייז זיין רעכט.

ג ר ע ג ע ר ס : וואָס האָסטו בעשלאָסען צו טאָן?

י אַ ל מ אַ ר : פאר אזא מאן ווי איך איז דאַ נור א י י ן וועג. איך נעהם דאַ צונויף אלע מיינע נייטיגע זאכען. אבער דו פער־שטעהסט דאָך, — דאָס מאַכט זיך ניט אזוי שנעל.

ג י נ אַ (אַביסעל אונגעדולדיג) : זאָל איך דיר צוגרייטען די שטוב דאָרט, אָדער זאָל איך איינפּאקען דעם טשעמאָדאן?

י אַ ל מ אַ ר (נאָך א פערדריסליכען זייטען־בליק אויף גרעגערס) : פּאַק איין — און גרייט צו די שטוב!

ג י נ א (נעהמט דעם טשעמאָדאן) : נו, יאַ; כ'וועל אלזא אריינ־לעגען דאָס העמד און די אנדערע זאכען.

געהט אריין אין די וואוין־שטוב און מאַכט צו די טיר הינטער זיך.

ג ר ע ג ע ר ס (נאָך א קורצער פּויזע) : איך האָב זיך קיינ־מאָל ניט פאָרגעשטעלט, אז דאָס וועט זיך אזוי ענדיגען. איז עס פאר דיר ווירקליך א נויטווענדיגקייט צו פערלאָזען הויז און היים?

י אַ ל מ אַ ר (געהט אַרום אונרוהיג איבער'ן צימער): וואָס דען, דענקסטו, זאָל איך טאָן? — איך בין ניט געשאַפען צו זיין אונגליקליך, גרעגערס. ארום מיר מוז אַלעס זיין שעהן און רוהיג און פריעדליך.

ג ר ע ג ע ר ס: אבער קענסטו עס דען איצט ניט האָבען? פּרוביר עס אָקאָרשט. מיר דוכט, איצט האָסטו דאָ אַ פעסטען גרונד צו בויען דערויף, — הויב אָן פון דאָס ניי. און פערגעס ניט, אַז דו האָסט נאָך צו לעבען פאַר דיין ערפינדונג.

י אַ ל מ אַ ר: אך, רייד מיר ניט פון דער ערפינדונג. עס האָלט נאָך גאַנץ ווייט מיט איהר.

ג ר ע ג ע ר ס: ווירקליך!

י אַ ל מ אַ ר: יאָ, מיין גאָט, וואָס קען איך דען אייגענטליך ערפינדען? די אַנדערע האָבען דאָך מיר שוין כמעט אַלצדינג אויס-געכאַפּט. עס ווערט שווערער פון טאָג צו טאָג —

ג ר ע ג ע ר ס: און דו האָסט דאָך אריינגעלעגט אַזוי פיעל ארבייט אין דעם.

י אַ ל מ אַ ר: אך! אַט דער וויסטער רעללינג, דער האָט עס מיך געבראַכט דערצו.

ג ר ע ג ע ר ס: רעללינג?

י אַ ל מ אַ ר: יאָ, ער האָט עס מיך צוערשט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף מיין טאַלאַנט פאַר וועלכער עס איז בעדייטענדער ערפינדונג אין דער פאָטאָגראַפיע.

ג ר ע ג ע ר ס: אהאַ, — דאָס איז אַלזאָ געווען רעללינג!

י אַ ל מ אַ ר: אַ, איך בין געווען אַזוי גליקליך דעריבער. ניט אַזוי שטאַרק איבער דער ערפינדונג אַז און פאַר זיך, נאָר דערפאַר ווייל העדוויג האָט געגלויבט אין דעם, — געגלויבט מיט דער גאַנ-צער קראַפט פון איהר קינדער-זעעלע. — דאָס הייסט, — איך, נאַר וואָס איך בין, האָב זיך אימער איינגערעדט, אַז זי גלויבט אין דעם.

ג ר ע ג ע ר ס: קענסטו זיך ווירקליך פאָרשטעלען, אַז העד-וויג איז געווען פאַלש צו דיר?

י אַ ל מ אַ ר: איצט קען איך אַלעס דענקען. העדוויג שטעהט

מיר אין וועג. זי נעהמט מיר אוועק די זונן פון מיין גאנצען לעבען.

גרעגערס: העדוויג! מיינסטו ווירקליך העדוויג'ן? ווי קען זי אוועקנעהמען די זונן פון דיר?

יאלמאר (ניט ענטפערענדיג אויף דער פראגע): אַ, איך קען דיר גאר ניט זאגען, ווי ליעב איך האב דאס קינד געהאט! ווי גליקליך איך האב זיך געפיהלט יעדעס מאל, ווען איך פלעג קומען אהיים אין מיין ארעמער וואוינונג, און זי פלעגט מיר אנטקעגען פליהען מיט איהרע ליעבע, פינטעלענדע אויגען. אַ, לייכט־גלויביגער נאר וואס איך בין געווען! איך האב זי אונענדליך געליעבט. און אזוי האב איך זיך אליין אריינגעלעבט אין דעם חלום, אין דער איינבילדונג, אז אויך זי ליעבט מיך פונקט אזוי אונענדליך.

גרעגערס: און דו מיינסט, אז דאס איז ווירקליך געווען ניט מעהר ווי אן איינבילדונג!

יאלמאר: ווי קען איך דאס וויסען? פון גינא'ן קען איך דאך גארנישט ארויסקריגען. און אויסערדעם האט זי דאך אבסאלוט ניט קיין געפיהל פאר דער אידעאלער זייט פון די סכסוכים אונזערע. אבער פאר דיר מוז איך עפענען מיין הארץ, גרעגערס. אט דער מורא'דיגער צווייפעל — ; פיליכט האט מיך העדוויג קיינמאל ניט ליעב געהאט פון גאנצען הארצען.

גרעגערס: דערויף קענסטו נאך פיליכט קריגען א בעווייז. (הערט זיך צו.) אבער וואס איז דאס? מיר דוכט, די ווילד־ענטע שרייט.

יאלמאר: זי קוואקעט. דער פאטער איז אויף'ן בוידים.

גרעגערס: ווירקליך? (ער שטראהלט פאר פרייד) איך זאג דיר, דו קענסט נאך האבען א בעווייז, אז די ארעמע, מיספערשטאנענע העדוויג האט דיך ליעב!

יאלמאר: אך, וואס פאר א בעווייז קען זי מיר געבען? איך גלויב מעהר ניט אין קיין פערזיכערונג פון דער זייט.

גרעגערס: העדוויג וויים נאך ניט, וואס אבנארען הייסט.

יאלמאר: א גרעגערס, גראד אין דעם בין איך ניט זיכער. ווער וויים, אויב גינא און אט די פרוי סערבי פלעגען ניט זיצען דא און

זיך שושקען איבער אלע מעגליכע זאכען? און העדוויג האלט גע־
וועהנליך אפען די אויערן, דאס כ'עגסטו זיכער זיין. פיליכט איז
דער געשענק־בריעף גאר ניט געווען אזא איבעראשונג באר איהר.
איך קען ניט זאגען זיכער, נאר מיר דוכט, אז איך האב עפעס בע־
מערקט אן איהר.

ג ר ע ג ע ר ס: וואס פאר א בייזער גייסט איז פארט אריין
אין דיר!

י א ל מ א ר: מיינע אויגען האבען זיך געעפענט. גיב אקארשט
אכטונג; — דו וועסט זעהן, דער געשענק־בריעף איז נור אן אנ־
פאנג. פרוי סערבי האט זיך אימער שטארק אינטערעסירט מיט העד־
וויג'ן; און איצט האט זי דאך די מאכט צו טאן פאר דאס קינד,
וואס זי וויל. זיי קענען זי צונעהמען פון מיר, ווען זיי וועלען נור
וועלען.

ג ר ע ג ע ר ס: העדוויג וועט קיינמאל, קיינמאל ניט אוועק־
געהן פון דיר.

י א ל מ א ר: זיי נור ניט אזוי זיכער דערמיט. ווען זיי
וועלען דא שטעהן און מיט פולע הענד ווינקען צו איהר —? אך,
און איך האב זי אזוי אונענדליך ליעב געהאט! איך האב דאך
דאס גערעכענט פאר מיין העכסטעס גליק, זי פארזיכטיג אנצונעהמען
ביי דער האנד און זי פיהרען ווי מען פיהרט א שרעקעדיג קינד דורך
א גרויס, פינסטער און ליידיג צימער! איצט פיהל איך נור די גרוי־
זאמע געוויסהייט, — אז דער ארעמער פאטאגראף אין זיין דאך־
שטיבעל איז פאר איהר קיינמאל ווירקליך און אין דער אמת'ן גאר־
נישט געווען. זי האט זיך נור אויף א כיטרען אופן בעמיהט אזוי
לאנג זיך צו האלטען גוט מיט איהם, ביז די צייט וועט קומען.

ג ר ע ג ע ר ס: דאס גלויבסטו דאך אליין ניט, יאלמאר.

י א ל מ א ר: דאס איז דאך טאקע דאס שרעקליכסטע אין
דער געשיכטע, וואס איך וויים אליין ניט, וואס איך זאל גלויבען, —
און איך וועל עס קיינמאל ניט וויסען. אבער קענסטו דען ווירקליך
צווייפלען, אז דאס איז אזוי ווי איך זאג? הא־הא! דו פערלאזט
זיך צופיעל אויף דער אידעאלער פאדערונג, מיין גוטער גרעגערס!

ווען די אנדערע זאלען קומען — די מיט די פולע הענד — און רו־
פען דעם קינד: פערלאז איהם; ביי אונז וועסטו געניסען דאס
לעבען —

גרעגערס (שנעל): נו יא, וואס דאן — ?

יאלמאר: ווען איך וואלט זי דאן געפרעגט: העדוויג,
ביסטו גרייט, זיך פון מיינעטוועגען אבצוזאגען פון דעם דאזיגען
לעבען? (לאכט שפאטיש) יא, א שעהנעם דאנק — דו וואלסט שוין
געהערט, וואס פאר אן ענטפער איך וואלט געקריגען.

עס הערט זיך א שאס אויף'ן בוידים.

גרעגערס (מיט א געשריי פון פרייד): יאלמאר!

יאלמאר: זעה נאר; ער געהט שוין ווידער אויף דער
יאגד.

גינא (קומט אריין): אך עקראל, איך מיין, דער זיידע
דונערט דאס דארט אליין אויף'ן בוידים.

יאלמאר: איך וועל א קוק טאן —

גרעגערס (לעבהאפט, געריהרט): ווארט א ווייל ע!
ווייסטו, וואס דאס איז געוועזן?

יאלמאר: יא, געוויס ווייס איך עס.

גרעגערס: ניין, דו ווייסט עס ניט. אבער איך ווייס עס.
דאס איז געוועזן דער בעוויין!

יאלמאר: וואס פאר א בעוויין?

גרעגערס: ס'איז געוועזן א קינד'ס קרבן. זי האט בע־
וואוינען דיין פאטער צו שיסען די ווילד־ענטע.

יאלמאר: צו שיסען די ווילד־ענטע!

גינא: א, דענק נור — !

יאלמאר: אבער צו וואס פאר א צוועק?

גרעגערס: זי האט דיר געוואלט אפפערן דאס בעסטע,
וואס זי האט אויף דער וועלט; ווארים דאן, האט זי געמיינט,
וועסטו זי צוריק ליעב קריגען.

יאלמאר (ווייך, געריהרט): א, ארים קינד!

גינא: וואס איהר קען איינפאלען!

גרענגערס: זי האט נור גע׳וואלט געווינען צוריק דיין ליעבע, יאלמאר; אהן איהר האט זי ניט געקענט לעבען.

גינא (קעמפפט מיט די טרעהרען): איצט זעהסטו שוין אליין, עקדאל!

יאלמאר: גינא, וואו איז זי?

גינא (שלוכצט): דאס ארם קינד, — זי זיצט אודאי אויף דרויסען אין קיך.

יאלמאר (געהט אריבער, רייסט אויף די קיך־טיר און זאגט): העדוויג, — קום! קום אריין צו מיר! (קוקט זיך אום) ניין, דא איז זי ניטא.

גינא: דאן איז זי ביי זיך אין צימערל.

יאלמאר (פון דרויסען): ניין, דא איז זי אויך ניטא. (קומט אריין) זי האט געמוזט ארויסגעהן אין גאס.

גינא: יא, דו האסט דאך זי אין ערגעץ ניט געוואלט האבען דא אין הויז.

יאלמאר: א, ווען זי זאל נור באלד קומען אהיים, — איך זאל איהר קענען זאגען — . איצט ווערט אלעס צוריק גוט, גרענגערס; איצט גלויב איך אויך, אז מיר קענען אנפאנגען א נייע לעבען.

גרענגערס (רוהיג): איך האב עס געוואוסט; כ׳האב געוואוסט, אז דאס קינד וועט אלעס צוריק אויפריכטען.

דער אלטער עקדאל בעוויזט זיך ביי דער טיר פון זיין צימער; ער געהט אין פולען מונדיר און איז פערנומען אנצושנאלען זיין שווערד.

יאלמאר (ערשטוינט): פאטער! דו ביסט דארט?

גינא: האט איהר דאס געשאסען ביי אייך אין צימער?

עקדאל (אין כעס, קומט צו נעהענטער): אזוי גאר, יאלמאר? דו געהסט, הייסט עס, אליין אויף דער יאגד?

יאלמאר (געשפאנט און צומישט): ניט דו האסט עס אלזא געשאסען דארט אויף׳ן בוידים?

עקדאל: איך געשאסען? הם!

ג ר ע ג ע ר ס (שרייט אויס צו יאַלמאַר'ן) : דאָס האָט זי אליין געשאָסען די ווילד־ענטע!

י אַ ל מ אַ ר: וואָס הייסט דאָס! (לויפט צו צו דער טיר פון בוידים, רוקט זי האסטיג אָב אָן א זייט, קוקט אריין און שרייט אויס אויף'ן קול): העדוויג!

ג י נ אַ (לויפט צו צו דער טיר): גרויסער גאָט, וואָס איז דאָס!

י אַ ל מ אַ ר (געהט אריין): זי ליעגט אויף דער ערד!

ג ר ע ג ע ר ס: אויף דער ערד? ! (געהט אריין צו יאַלמאַר'ן).

ג י נ אַ (צו גלייכער צייט): העדוויג! (אינעווענינ אויף'ן בוידים) ניין, ניין, ניין!

ע ק ד אַ ל: האַ־האַ! זי געהט אויך אויף דער יאגד?

יאַלמאַר, גינאַ און גרעגערס טראָגען אריין העדוויג'ן אין סטודיאָ; אין דער אַראָבהענגענדער רעכטער האַנד האַלט זי דעם פיסטויל, פעסט צוגעפגעדריקט צווישען די פינגער.

י אַ ל מ אַ ר (צומישט): דער פיסטויל איז לויז־געגאַנגען. זי האָט זיך אליין געטראָפען. רוף צו הילף! הילף!

ג י נ אַ (לויפט ארויס אין קאָרידאָר און שרייט ארונטער): רעללינג! רעללינג! דאָקטאָר רעללינג! קומט ארויף אזוי שנעל ווי איהר קענט!

יאַלמאַר און גרעגערס לעגען אַוועק העדוויג'ן אויף דער זאָפאַ.

ע ק ד אַ ל (שטילערהיים): דער וואלד איז זיך נוקם!

י אַ ל מ אַ ר (אויף די קניע, לעבען איהר): זי וועט באַלד קומען צו זיך. זי וועט באלד קומען צו זיך — ; יאָ, יאָ, יאָ.

ג י נ אַ (וועלכע איז אריינגעקומען, צו זיך): וואו האָט זי זיך געטראָפען? איך קען גאָרנישט זעהן —

ר ע ל ל י נ ג קומט צולויפען און גלייך נאָך איהם מ אָ ל ו ו י ק; דער לעצטער אָהן אַ וועסט און האַלזטוך, מיט אָן אָפענעם ראָק.

ר ע ל ל י נ ג: וואָס איז דאָ געשעהן?

ג י נ אַ: זיי זאָגען, העדוויג האָט זיך געשאָסען.

י אַ ל מ אַ ר: קום און העלף!

ר ע ל ל י נ ג: זיך געשאָסען! (רוקט אַוועק דעם טיש אַן אַ זייט און הויבט זי אָן צו אונטערזוכען).

י א ל מ א ר (ליגט נאָך אַלץ אויף די קניע און קוקט ארויף צו איהם פול מיט אַנגסט): ס'איז דאָך ניט געפעהרליך? ווי, רעללינג? זי בלוטעט דאָך כמעט גאר ניט. עס קען דאָך ניט זיין געפעהרליך?

ר ע ל ל י נ ג: ווי אזוי איז דאס געשעהן?

י א ל מ א ר: אָה, וואס וויים איך —!

ג י נ א: זי האט געוואלט שיסען די ווילד־ענטע.

ר ע ל ל י נ ג: די ווילד־ענטע?

י א ל מ א ר: דער פיסטויל האט געמוזט לויז־געהן.

ר ע ל ל י נ ג: הם. אזוי.

ע ק ד א ל: דער וואלד איז זיך נוקם. אבער איך האב דאָך קיין מורא ניט. (געהט אַרויף אויף'ן בוידים און פערמאַכט די טיר הינטער זיך).

י א ל מ א ר: נו רעללינג —; פארוואס זאגסטו גארנישט?

ר ע ל ל י נ ג: די קויל איז איהר אריין אין ברוסט.

י א ל מ א ר: יא, אבער זי וועט דאָך קומען צו זיך?

ר ע ל ל י נ ג: דו זעהסט דאָך, אז העדוויג לעבט מעהר ניט.

ג י נ א (מיט אַן אויסברוך פון טרעהרען): אַ, דאס קינד! דאס קינד!

ג ר ע ג ע ר ס (הייזעריג): אין דער טיעפעניש פון ים —

י א ל מ א ר (שפרינגט אויף): ניין, ניין, זי מוז לעבען! אַ, אום גאָטעס ווילען, רעללינג, — נור איין איינציגען אויגענבליק; — נור אזוי לאנג איך זאל איהר קענען זאגען, ווי שטארק, ווי אונענד־ליך איך האב זי די גאנצע צייט ליעב געהאט!

ר ע ל ל י נ ג: די קויל האט איהר געטראָפען אין הארץ. אי־נערליכע פערבלוטונג. זי איז געשטארבען אויף'ן שטעל.

י א ל מ א ר: און איך, איך האב זי פעריאגט פון זיך ווי א חיה! און א דערשראָקענע איז זי פערקראָכען דארט אינעווענינג אויף'ן בוידים און איז געשטארבען אוים ליעבע צו מיר. (שלוכצענ־דיג) קיינמאל דאס ניט צו קענען גוט מאכען! איהר קיינמאל ניט

צו קענען זאגען — ! דריקט צונויף די פויסטען און שרייט ארויף אזיבען) א, דו דארט אויבען — ! — אויב דו ביסט דארט דא! פארוואס האסטו מיר דאס געטאן!

גינא: שטיל, שטיל, רעד ניט אזעלכע שרעקליכע רייד. איך מיין, מיר האבען קיין רעכט ניט געהאט זי צו האלטען ביי זיך.

מאלוויק: דאס קינד איז ניט טויט, עס שלאפט.

רעללינג: אונזינען!

יאלמאר (ווערט רוהיג, געהט צו צו דער זאפא, ליגט אריבער די ארעמס איינעם איבער׳ן אנדערן און קוקט אויף העדוויג׳ן): דא ליגט זי אזוי פערגליווערט און שטיל.

רעללינג (פרואווט ארויסצענעהמען דעם פיסטויל ביי איהר פון דער האנד): זי האלט איהם אזוי פעסט, אזוי פעסט.

גינא: ניין, ניין, רעללינג, צוברעכט איהר ניט די פינגער; זאל זי האלטען דעם פיקסטויל.

יאלמאר: זי זאל איהם מיטנעהמען מיט זיך.

גינא: יא. לאזט איהר. אבער דאס קינד דארף ניט ליעגען דא אזוי, אלע זאלען קוקען אויף איהר. מען דארף זי ארייננטראגען צו איהר, אין איהר אייגענעם צימער. נעהם אן, עקדאל.

יאלמאר און גינא נעהמען העדוויג׳ן צווישען זיך.

יאלמאר (בשעת זיי טראגען איהר): א גינא, גינא, קענסטו עס אויסהאלטען?

גינא: איינער מוז העלפען דעם אנדערן. ווארים איצט, מיין איך, געהערט זי אונזביידען.

מאלוויק (שטרעקט אויס די ארעמס און מורמעלט): געלויבט איז דער הערר אין הימעל; צו ערד זאלסטו ווערן; צו ערד זאלסטו ווערן —

רעללינג (שעפטשעט): האלט מויל. מענש איינער; דו ביסט דאך שכור.

יאלמאר און גינא טראגען ארויס דעם טויטען קערפער דורך די טיר פון קיך. רעללינג פערמאכט די טיר הינטער זיי. מאלוויק רוקט זיך ארויס אין קארידאר.

ר ע ל ל י נ ג (געהט צו צו גרעגערס און זאגט): קיינער וועט מיר ניט איינריידען, אז דאס איז געווען א צופעליגער שאס.

ג ר ע ג ע ר ס (וועלכער איז געשטאנען אין א קראמפפענדען שווי־דער, פערגליווערט פון שרעק): ווער קען זאגען, ווי דאס שרעקליכע האט פאסירט?

ר ע ל ל י נ ג: דער פולווער האט פערסמאליעט די טאליע פון איהר קלייד. זי האט זיך אודאי געמוזט צולייגען דעם פיסטויל צו דער ברוסט און האט אויסגעשאסען.

ג ר ע ג ע ר ס: העדוויג איז ניט אומזיסט געשטארבען. האט איהר געזעהן, ווי דער שמערץ האט פריי געמאכט אלעס ערהאבענע אין איהם?

ר ע ל ל י נ ג: דאס רוב מענשען ווערן ערהאבען, ווען זיי שטעהען אין טרויער פאר א טויטען קערפער. אבער ווי לאנג, מיינט איהר, וועט די ערליכקייט אנהאלטען ביי א י ה ם?

ג ר ע ג ע ר ס: פארוואס זאל זי ניט אנהאלטען און וואקסען זיין לעבען לאנג?

ר ע ל ל י נ ג: אין דריי פערטעל יאהר וועט די קליינע העד־וויג פאר איהם זיין ניט מעהר ווי א שעהנע זאך צו דעקלאמירען.

ג ר ע ג ע ר ס: און דאס דערוועגט איהר זיך צו זאגען אויף יאלמאר עקדאל!

ר ע ל ל י נ ג: מיר וועלען נאך ריידען וועגען דעם, ווען דאס ערשטע גראז אויף איהר קבר וועט פערוויאנעט ווערן. דאן וועט איהר איהם הערען ריידען מיט א געשוואלענער שטימע איבער „דעם קינד, וואס איז אזוי פריה אבגעריסען געווארען פון'ם פאטער'ס הארץ"; דאן וועט איהר זעהן, ווי ער וועט זיך איינוויקלען אין געפיהלפול־קייט און זעלבסט־בעוואונדערונג און מיטלייד מיט זיך אליין. איהר ווארט אקארשט!

ג ר ע ג ע ר ס: אויב א י ה ר זייט גערעכט, און איך בין אומ־גערעכט, דאן איז ניט ווערטה צו לעבען אויף דער וועלט.

ר ע ל ל י נ ג: אה, דאס לעבען וואלט געקענט זיין גאנץ שעהן, ווען מיר וואלטען נור געקענט פטור ווערען פון די דאזיגע

פערדאמטע מאהנערס, וועלכע האקען אונז ארעמע לייט אב די טיהען מיט זייער אידעאלער פארערונג.

נ ר ע נ ע ר ס (קוקט גלייך פאר זיך): אויב אזוי, ראן בין איך צופריעדען, וואס מיר איז בעשעהרט צו זיין דאס, וואס איך בין.

ר ע ל ל י נ ג: מעג איך פרעגען. — וואס איז אייך בעשעהרט צו זיין?

נ ר ע נ ע ר ס (לאזט זיך געהן): דער דרייצעהנטער ביים טיש.

ר ע ל ל י נ ג: אהָ, דער טייוועל זאל עם וויסען.

ע נ ד ע

העניריק איבסען

געזאַמעלטע דראַמען

העדדאַ גאַבלער
דער בוימייסטער

פערלאג: מייזעל עט קאמפ.
422 גרענד סט.
ניו יארק.

COPYRIGHT

MAX N. MAISEL, PUBLISHER

1910.

העדדאַ גאַבּלער

איבערזעצט פון א. ים.

פערזאָנען:

זשאָרזש טעסמאן.

הערדא טעסמאן, זיין פרוי.

פרייליין יוליא טעסמאן, זיין טאנטע.

פרוי עלווסטעד.

ריכטער בראק.

עילערט לאוובארג.

בערטא, א דיענסט ביי די טעסמאנס.

האנדלונגס־פלאץ אין טעסמאן׳ס ווילא, אין מעריב־טייל
פון קריסטיאנא.

ערשטער אקט.

אַ גערױמער, שעהנער און געשמאקפול־מעבלירטער זאַאל, דעקאָרירט אין טונקעלע קאָלאָרען. צום הינטערגרונד, אַ ברײטער דורכגאַנג, בעהאַנגען מיט פונאַנדער־געעפענטע גאַרדינען, װאָס פיהרט צו אַ קלענערן צימער, דעקאָרירט אויפ'ן זעלבען אַרט װי דער זאַאל. אין װאַנט, רעכטס פון זאַאל, א רוק־טיר װאָס פיהרט צום קאָרידאָר. אין דער װאַנט אַנטקעגען, לינקס, א גלעזערנע טיר אויך בעהאַנגען מיט פונאַנדער־געעפענטע גאַרדינען. דורך די שױבען זעהט זיך א טײל פון דער װעראַנדאַ אין דרויסען, און בױמער בעדעקט מיט הערבסט־בלעטער. א האלבּרונדער טיש, בעדעקט, מיט שטוהלען ארום, שטעהט גאַנץ פון פאָרענט. בײ דער רעכטער װאַנד שטעהט א ברײטער אויװען פון דונקעלען פּאָרצעלײ, אַ לעהן־שטוהל, אַ װיכער פוס־האַלטער און צװײ פוס־בײנקלעך. אַ קושעטקע מיט א קלײן רונד טישעל פון פאָרענט פערנעהמט דעם פאָדערסטען װינקעל רעכטס. פון פאָרענט לינקס, עטװאָס אָבגערוקט פון װאַנד, שטעהט אַ זאָפאַ. װײטער אַװעק פון דער גלעזערנער טיר שטעהט אַ פּיאַנאָ. אויף יעדער זײט פון'ם דורכגאַנג אַן עטאַזשערקע מיט טעראַ קאָטטא און מאַזשאָליקא קונסט־זאַכען. — בײ דער הינטערסטער װאַנד פון מיטעלצימער, אַ זאָפאַ מיט אַ טיש און אַ פּאָר שטוהלען. איבער דער זאָפאַ הענגט א פּאָרטרעט פון אַ בילד־שעהנעם, עלטערען מאַן אין אַ גענעראַל'ס מונדיר. איבער'ן טיש איז א הענג־לאָמפּ מיט אַן אַבאַזשיר פון אָפּאַל־גלאָז. אין זאַאל שטעהען אויסגעפּוצט אײניגע בוקעטען אין װאַזאָנען און גלעזער. אַנדערע ליעגען אויפ'ן טיש. די דיעלען אין בײדע צימערן זײנען בעדעקט מיט דיקע טעפּיכער. פריהמאָרגען ליכט. די זון שײנט אַרײן דורך די גלעזערנע טיר.

פריילין יוליאנא טעסמאן, אין הוט און מיט'ן זונען־שירם אין האנד, קומט אריין פון קארידאר, הינטער איהר געהט בערטא, וועלכע טראגט א בוקעט איינגעוויקעלט אין פאפיער. פריילין טעסמאן איז א ליעבליכע דאמע מיט אן אנגענעהמען אויסזעהן, ארום פינף און זעכציג יאהר אלט. זי איז נעט אבער איינפאך געקליידעט אין א גרויען גאס־קאסטיום. בערטא — א מיטעל עלטערליכע פרוי, איינפאך און עטוואס דארפיש אין איהר בענעהמען.

פריילין טעסמאן: (שטעלט זיך אב הארט ביי דער טיר, הארכט זיך צו און זאגט שטיל) אויף מיין ווארט! מיר דאכט אז זיי ריהרען זיך נאך ניט.

בערטא: (אויך שטיל) איך האב דאך אייך געזאגט, פריילין. פערגעסט ניט ווי שפעט די שיף איז אנגעקומען לעצטע נאכט. היינט, ווען זיי זיינען אנגעקומען א היים! ליעבער גאט, וויפיעל פעק די יונגע באלעבאסטע האט געמוזט פונאנדער פאקען איידער זי האט געקענט געהן שלאפען!

פריילין טעסמאן: נו, נו, לאזען זיי זיך אויס־שלאפען. מען דארף נור זעהן זיי זאלען דא קריגען עפעס א ביסעל פרישע מארגען־לופט, ווען זיי וועלען אויפשטעהן.

(זי געהט צו און עפענט אויף די גלעזערנע טיר.)

בערטא: (שטעהט ביי'ם טיש און וויים ניט וואס צו טהון מיט'ן בוקעט וואס זי האלט אין האנד) אזוי וואהר איך לעב, דא איז שוין גאר קיין פלאץ ניט געבליבען. איך רעכען, איך וועל עס אוועק־שטעלען אט דא, פריילין. (זי שטעלט עס אוועק אויפ'ן פיאנא.)

פריילין טעסמאן: נו, האסטו שוין איצט א נייע באלעבאסטע, מיין ליעבע בערטא. און גאט וויים ווי שווער מיר איז געווען זיך צו שיידען מיט דיר.

בערטא: (וויל זיך צעוויינען) און איהר מיינט, אז מיר איז עס ניט שווער געווען, פריילין? נאך די אלע געבענשטע יאהרען, וואס איך בין געווען ביי אייך און פריילין רינא.

פריילין טעסמאן: מען מוז נעהמען ווי עס געהט,

בערטא. אנדערש האָט מען ניט געקענט מאַכען. זשארזש, פער־שטעהסטו, קען אָהן דיר ניט אויסקומען — ער קען אבסאָלוט ניט. ער איז אזוי געוועהנט דו זאָלסט ארום געהן ארום איהם, זינט ער איז געוועזן א קליינער אינגעל.

ב ע ר ט א: אָך, פריילין יוליא, איך קען אָבער ניט פער־געסען אז פריילין רינא ליעגט נעבאך הילפלאָז אין דער היים, און האָט נור די נייע דיענסט־מיידעל ארום זיך. יענע וועט זיך קיינ־מאָל ניט אויסלערנען ווי ארומצוגעהן ארום א קראנקע.

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: אָה, איך וועל שוין זעהען זי אויסצולערנען. און, פערשטעהסטו, דעם גרעסטען טייל וועל איך נאטירליך נעהמען אויף זיך. דו דארפסט ניט זיין אונרוהיג ווע־גען מיין ארימער שוועסטער, מיין ליעבע בערטא.

ב ע ר ט א: יאָ, דאָ איז אָבער נאָך עפּעס אנדערש, פריי־לין. איך בין אין איינע ציטערניש טאָמער וועל איך ניט קענען האָווירען דער יונגער באַלעבאָסטע.

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: אה, נו, די ערשטע צייט קענען פאָרקומען אזעלכע זאכען —

ב ע ר ט א: זי וועט מסתמא זיך פיהרען געפעהרליך גרויס־ארטיג.

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: נו, אויף דעם דארפסטו זיך ניט וואונדערן — גענעראל גאבלער'ס טאָכטער! בערעכען צו וואָס פאר א סאָרט לעבען זי איז געוועזן געוועהנט אין איהר פאָטער'ס צייט. געדענקסטו ווי מיר פלעגען זיי זעהן רייטענדיג אראָב גאַס צוזאמען מיט'ן גענעראל? אין דעם לאנגען שווארצען רייט־קאָס־טיום, מיט פעדערן אין איהר הוט?

ב ע ר ט א: יא, געוויס — איך געדענק עס שוין גוט! אָבער דו ליעבער גאָט, מיר וואָלט זיך קיינמאָל ניט גע'חלום'ט דאמאָלס, אז זי און דער יונגער זשאָרזש וועלען זיין א פּאָאָר.

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: מיר אויך ניט. אָבער נוט וואָס ס'איז געקומען צו רייד, בערטא, גראָד בעת עס איז מיר ארויף

אויפ'ן זין — אין דער צוקונפט זאָלסטו מעהר ניט זאָגען דער יונגער זשאָרזש. דו מוזט זאָגען דר. טעסמאַן.

ב ע ר ט א: יא, די יונגע מאדאם האָט שוין אויך גערעדט וועגען דעם — נעכטען ביי נאכט — דיזעלבע מינוט ווי זיי זיינען נור אריינגעקומען אין שטוב. איז עס טאקע אמת, פריילין?

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: יאָ, אודאי איז עס אמת. שטעל זיך דיר פאָר, בערטא — א אוניווערזיטעט אין אויסלאנד האָט איהם געגעבען דעם טיטול דאָקטאר — בעת ער איז געווען אויף דער רייזע, פערשטעהסט. איך האָב קיין וואָרט ניט געוואוסט וועגען דעם, ביז ער האָט עס מיר אליין דערצעהלט ארונטערגעהענדיג פון שיף.

ב ע ר ט א: יא, יא, ער איז געלערנט גענוג, איז ער. איך האָב אָבער ניט גערעכענט אז ער וועט זיך נעהמען היילען קראנקע אויך.

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: ניין, ניין, אזא סאָרט דאָקטאָר איז ער ניט. (שאָקעלט בעדייטונגספול מיט'ן קאָפּ) אָבער איך וויל דיר זאָגען, אז באלד, קען זיין, וועלען מיר איהם דארפען רופען מיט נאָך א גרעסערען טיטול.

ב ע ר ט א: וואָס איהר רעדט! און וואָס פאר א נאָמען קען דאָס זיין?

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: (מיט א שמייכעל) ה'ם, וואָלסט טאקע וועלען וויסען! (גערירהרט) אך, מיין גאָט — ווען מיין זעליגער ברודער וואָלט געקענט ארויסקוקען פון קבר און זעהען וואָס פאר א מענש זיין קליין אינגעל איז געוואָרען! (קוקט זיך ארום) אָבער זעה נור בערטא, צו וואָס האָסטו דאָס געטהון? פאר וואָס האָסטו אראָבגענומען אלע איבערצוגען פון די מעבעל?

ב ע ר ט א: די מאדאם האָט מיר געהייסען. זי קען ניט פערטראָגען, זאָגט זי, קיין איבערצוגען אויף די שטוהלען.

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: ווילען זיי דען געברויכען אָט דעם צימער פאר זייער געוועהנליכען זאאל?

ב ע ר ט א: יאָ, אַזוי האָב איך פערשטאַנען — פון דער מאַ־ראַם. דער יונגער זשאָרזש — דער דאָקטאָר — האָט גאָרניט געזאָגט.

(זשאָרזש טעסמאַן קומט אריין פון רעכטס אין הינטערצימער, זינגענדיג צו זיך און טראָגענדיג א לעדיגען שעפּעטעל אין האַנד. ער איז פון מיטלען געוואוקס מיט א יונגען אויסזעהען פון א מאַן פון עטליכע און דרייסיג, א ביסעל דיקלעך מיט א רונדען, אָפענעם און פרעהליכען פּנים, מיט בלאָנדע האָאַר און א באָרד. ער טראָגט ברילען און איז עטוואָס נאכלעסיג אָנגעטאָן אין א בעקוועמען הויז־אָנצוג.)

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: גוט מאָרגען, גוט מאָרגען, זשאָרזש.

ט ע ס מ א ן: (שטעהענדיג אין טיר) טאַנטע יוליאַ! ליעבע טאַנטע יוליאַ! (געהט צו צו איהר און דריקט איהר ווארעם די האַנד) געקומען פון אזוי ווייט — און אזוי פריה! הא?

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: נו, געוויס, איך האָב דאָך גע־מוזט קומען זעהען וואָס איהר מאַכט.

ט ע ס מ א ן: ניט קוקענדיג וואָס דו האָסט זיך לעצטע נאכט אפילו ניט אויסגערוהט ווי געהעריג איז?

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: אָה, דאָס איז ביי מיר גאָר־נישט.

ט ע ס מ א ן: נו, איך האָף דו ביסט אָנגעקומען בשלום אהיים פון דער שיף, הא?

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: גאַנץ זיכער, א דאַנק גאָט. ריכטער בראַק איז געווען אזוי פריינדליך מיך צו בעגלייטען ביז צו מיין טיר.

ט ע ס מ א ן. אונז האָט אזוי באַנג געטאָן וואָס מיר האָבען דיך ניט געקענט מיטנעהמען אין דער קאַרעטע. דו האָסט דאָך אליין געזעהן וויפיעל קאַסטענס העדדאַ האָט געמוזט שלעפּען מיט זיך.

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: יאָ, זי האָט ווירקליך געהאט א מאסע קאסטענס.

ב ע ר ט א: (צו טעסמאן) זאָל איך אפשר ארייננעהן זעהען צי איך קען עפּעס טהאָן פאר דער מאדאם?

ט ע ס מ א ן: ניין, א דאנק, בערטא, ס'איז ניט נויטיג. זי האָט געזאָגט, זי וועט אָנקלינגען אויב זי דארף עפּעס.

ב ע ר ט א: (געהט נאָך רעכטס) גוט.

ט ע ס מ א ן: אָבער קום נאָר אהער — נעהם מיט אָט דעם שעפּעטעל.

ב ע ר ט א: (נעהמט עס) איך וועל עס אוועקלעגען אויפ'ן בוידים.

(זי געהט ארויס דורך די טיר פון קאָרידאָר.)

ט ע ס מ א ן: שטעל זיך פאָר, טאנטע, איך האָב געהאט דעם גאנצען שעפּעטעל פול אָנגעשטאָפּט מיט איבערגעשריבענע דאָקומענטען. דו וואָלסט גאָר ניט געקענט גלויבען וויפיעל איך האָב אָנגעזאמעלט אין די אלע ארכיוועז וואָס איך האָב אונטער־זוכט — מערקווירדיגע אַלטע זאכען, פון וועלכע קיין מענש האָט נאָר ניט געוואוסט —

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: יאָ, עס זעהט אויס, זשאָרש, אז דו האָסט ניט פערגיידעט די צייט אויף דיין האָכצייטס־רייזע.

ט ע ס מ א ן: ניין, דאָס מעג איך זאָגען. אָבער טהו דאָך אויס דיין הוט, טאנטע. קום, לאָז מיך אויפמאכען די בענדער, הא?

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: (בעת ער טהוט עס) אך, גאָט — דאָס איז אקוראט ווי דו וואָלסט נאָך אלץ געוועזן אין דער היים ביי אונז.

ט ע ס מ א ן: (האַלט איהר הוט אין האַנד, בעקוקט איהם פון אַלע זייטען) זעה נור אָבער, וואָס פאר א צאצקעדיגען הוט דו האָסט עס איינגעהאנדעלט!

פ ר י י ל י ן ט ע ס מ א ן: דאָס האָב איך געקויפט פון העדדא'ס וועגען.

טעסמאן: פון הערדא׳ס וועגען, הא?

פריילין טעסמאן: יאָ, כדי הערדא זאָל זיך ניט דארפען שעהמען מיט מיר, ווען עס זאָל זיך אונז מאכען צו געהן אין גאס צוזאמען.

טעסמאן: (גלעט איהר באק) דו רעכבענסט אלץ אויס, טאנטע יוליא. (לעגט אוועק דעם הוט אויף א שטוהל נעבען טיש) און איצטער — ווייסטו וואָס — לאָמיר זיך גאָר אוועקזעצען בע־קוועמליך אויפ׳ן זאָפע און שמועסען א ביסעל ביז הערדא וועט אריינקומען.

(זיי זעצען זיך. זי שטעלט אוועק איהר זונען־שירם אין א ווינ־קעל פון דער זאָפע.)

פריילין טעסמאן: (נעהמט זיינע ביידע הענד און קוקט אויף איהם) ווי עס פרעהט מיך דיך וויעדער צו זעהען א לע־בעדיגען, א גאנצען פאר מיינע אויגען, זשאָרזש! מיין זשאָרזש — מיין ארימען ברודער׳ס אייגען קינד!

טעסמאן: און מיך פרעהט עס אויך דיך וויעדער צו זעהן, טאנטע יוליא! דו, וועלכע ביזט געוועזען פאר מיר א פאָטער און א מוטער אין איין פערזאָן.

פריילין טעסמאן: יא, איך ווייס אז דיינע אלטע טאנטעס וועלען דיר אימער בלייבען איינגעבאקען אין הארצען.

טעסמאן: און וואָס מאכט עפעס טאנטע רינא? קיין בעסערונג ניט, הא?

פריל. טעסמאן: אך, ניין — פאר איהר קען מען שוין קיין בעסערונג ניט ערווארטען. זי ליעגט דאָרט הילפלאָז, אזוי ווי זי איז די אלע יאָהרען געלעגען. הלואי זאָל נור גאָט געבען זי זאָל זיך נאָך האלטען ביי מיר. טאָמער פערליר איך זי, וועל איך ניט וויסען וואָס צו טהאָן מיט זיך, זשאָרזש — בעזאָנדערס איצטער אז איך האב שוין ארום דיר אויך ניט וואָס צו טהון.

טעסמאן: (גלעט איהר אויפ׳ן שולטער) נו, נו, נו!

פריל. טעסמאן: (פלוצלינג ענדערענדיג איהר טאָן)

ווי איך דענק מיר אָבער, אז אַט ביזטו א פערהייראַטער מאַן, זשאָרזש! און אז דו ביזט דער, וואָס האָט געוואונען הערדאַ נאבלער — די שעהנע הערדאַ גאַבלער! בערעכען נור — זי, נאָך וועלכער עס האָבען זיך געיאָגט אזויפיעל קאוואַליערען!

ט ע ס מ א ן: (זינגט אונטער א ביסעל און שמייכעלט צופריע־דען) יא, איך שטעל מיר פאָר, אז איך האָב עטליכע גוטע פריינד אין שטעדטיל, וואָס זיינען מיך גוט מקנא — הא?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: היינט אזא לאַנגע האָכצייט־רייזע וואָס דו האָסט געמאַכט! איבער פינף — כמעט זעקס מאָנאַט —

ט ע ס מ א ן: נו, פאַר מיר איז עס אויך געווען א שטור־דיום־רייזע. איך האָב זיך געדאַרפט גריבלען אין אזוי פיעל אלטע ארכיוועןאון האָב געמוזט אזוי פיעל ביכער דורכלעזען, טאַנטע.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: א, יא, איך שטעל מיר פאָר. (פערטרויליך און א ביסעל שטילער) אָבער הער נור, זשאָרזש — האָסט דו מיר גאָרניט צו דערצעהלען — גאָר ניט ספּעציעלעס?

ט ע ס מ א ן: וועגען אונזער רייזע?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: יא.

ט ע ס מ א ן: ניין, איך וויים ניט קיין אנדער זאַך, א חוץ וואָס איך האָב דיר געשריעבען אין מיינע בריעף. איך האָב גע־קריגען דעם טיטול דאָקטאָר — אָבער דאָס האָב איך דיר שוין דערצעהלט געסטערן.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: יא, יא, דאָס האָסטו שוין דער־צעהלט. אָבער וואָס איך מיין, איז — האָסטו ניט עפּעס — עפּעס וועלכע ערוואַרטונגען—?

ט ע ס מ א ן: ערוואַרטונגען?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: ס'הייסט, — פערשטעהסט ניט, זשאָרזש? — איך בין דאָך דיין אלטע טאַנטע!

ט ע ס מ א ן: נו, אודאי האָב איך ערוואַרטונגען.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: אַך!

ט ע ס מ א ן: איך האָב די בעסטע אויסזיכטען באַלד צו ווערען א פּראָפעסאָר.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: יאָ, א פּראָפעסאָר —

ט ע ס מ א ן: ווירקליך, איך קען זאָגען, אז איך בין זיכער דערמיט. אָבער, מיין ליעבע טאנטע, מיר דאכט אז דו ווייסט דאָס שוין!

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: (לאכט צו זיך) יא, געוויס ווייס איך. דעריין ביזטו גערעכט. (אין אַנאַנדער טאָן) אָבער מיר האָבען גערעדט וועגען דיין רייזע. עס האָט געמוזט קאָסטען א שעהן ביסעל געלד, זשאָרזש?

ט ע ס מ א ן: נו, פערשטעהסטו מיך, דאָס גרויסע סטיפענדיום וואָס איך האָב געקראגען האָט א רעכט ביסעל אויסגעהאָלפען.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: איך זעה נור ניט איין ווי אזוי דאָס האָט געקענט קלעקען פאר צווייען.

ט ע ס מ א ן: ניין, דאָס קען מען טאקע אזוי לייכט ניט איינזעהן, הא?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: און איבערהויפּט ארומרייזען מיט א דאמע — איך הער אז דאָס מאכט זעהר גרויסע אויסגאבען.

ט ע ס מ א ן: יאָ, גאנץ געוויס — דאָס קאָסט א ביסעל טייערער. אָבער העדדא האָט געמוזט מאכען די רייזע, טאנטע! זי האָט ווירקליך געמוזט. אנדערש האָט זיך דאָס ניט געפּאסט.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: ניין, ניין, איך רעכען אז ניט. אָהן א האָכצייט־רייזע גערעט עס ניט היינטיגע צייטען. אָבער זאָג מיר נור, האָסטו שוין גוט ארומגעקוקט דאָס הויז?

ט ע ס מ א ן: יא, מעגסט שוין זיכער זיין, אז איך האָב עס געטהאָן. פון בעגינען אָן בין איך אויף די פיס.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: און ווי געפעלט עס דיר אין גאנצען?

ט ע ס מ א ן: אויסגעצייכענט! גאָר אויסגעצייכענט!

נישט מעהר, איך בעגרייף ניט, וואָס וועלען מיר טהאָן מיט די צווייטע צימערן וואָס צווישען אָט דעם הינטערסטען זאַאַל און העדדא׳ס שלאָף־צימער. ,

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: (לאכט) אָ, מיין ליבער זשאָרזש, איך מיין, אז זיי וועלען אייך אויך צוניץ קומען — מיט דער צייט.

ט ע ס מ א ן: אך, געווים, דו ביסט גאנץ גערעכט, טאנטע יוליא! דו מיינסט פאר די ביכער פון מיין ביבליאָטעק וואָס וואקסט — הא?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: טאקע יאָ, מיין ליעב קינד. איך האָב טאקע געטראכט וועגען דיין ביבליאָטעק...

ט ע ס מ א ן: דערהויפט בין איך צופריעדען פון העדדא׳ס וועגען. נאָך איידער מיר זיינען פערלאָבט געוואָרען פלעגט זי אָפט זאָגען, אז זי וואָלט אנדערשוואו ניט געוואָלט וואָהנען, ווי נור אין דעם שטאאט־ראטה פאלק׳ס וויללא.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: יאָ, עס איז געווען א גליק וואָס דאָס הויז האָט זיך פערקויפט; אקוראט נאָכדעם ווי איהר זייט אָבגעפאָהרען.

ט ע ס מ א ן: יאָ, טאנטע יוליא, מיר האָבען ווירקליך געהאט מזל, אפשר ניט — הא?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: אָבער די קאָסטען, מיין ליעבער זשאָרש! דאָס וועט דיר בעטרעפען א שעהנע מטבעה.

ט ע ס מ א ן: (קוקט אויף איהר אומעטיגלעך) יא, איך רעכען אזוי, טאנטע!

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: אך, גאָט!

ט ע ס מ א ן: וויפיעל רעכענסטו דאך? אזוי אן ערך? — הא?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: איך האָב קיין בעגריף ניט, איידער אלע רעכנונגען זיינען אריינגעקומען.

ט ע ס מ א ן: נו, גליקליכערווייזע האָט ריכטער בראַק אויס־

נעפיהרט פאר מיר די בעסטע בעדינגונגען — אזוי האָט ער גע־שריבען אין א בריעף צו הערדא'ן.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן : יא, דאגה נור נים, מיין קינד. — א חוץ דעם, פאר די מעבעל און אלע טעפיכער האָב איך גוט־געזאָגט.

ט ע ס מ א ן : דו האָסט גוט־געזאָגט ? דו, מיין ליעבע טאנ־טע יוליא ? וואָס פאר א סאָרט ערבות האָסטו געקענט געבען ?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן : איך האָב געגעבן אין משכון אונזער יעהרליכע הכנסה.

ט ע ס מ א ן : (שפרינגט אויף) וואָס ? דיין און טאנטע רינא'ס הכנסה !

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן : יא, איך האָב קיין אנדער פלאן ניט געקענט געפינען, פערשטעהסטו.

ט ע ס מ א ן : (שטעלט זיך אויף אַנטקעגען איהר) צי ביזטו פון זינען אראָב, טאנטע ! דיין הכנסה — דאָס איז דאָך דאָס איי־ציגע, פון וואָס דו און טאנטע רינא האָבען צו לעבען.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן : נו, נו ,ווער ניט אזוי אויפגע־רעגט וועגען דעם. דו ווייסט, עס איז אינגאנצען נישט מעהר ווי א פאָרמאליטעט — ריכטער בראק האָט אליין געזאָגט. ער טאקי איז געווען אזוי פריינדליך דורכצופיהרען דעם גאנצען עסק פאר מיר. עס איז נישט מעהר ווי א פאָרמאליטעט, האָט ער געזאָגט.

ט ע ס מ א ן : יא, דאָס אלעס מעג זיך זיין גאנץ רעכט. אָבער דאָך —

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן : איצט וועסטו האָבען דיין איי־נענעם געהאלט, וועסטו קענען אָבצאָהלען. און, גוטער גאָט, וואָס איז דאָרטען אז מיר וועלען אויך אָבצאָהלען א ביסעל ! דיר צו־העלפען א ביסעל פון אָנהויב — ! וואָס איז, עס וואָלט אונז נור געמאכט פערגעניגען.

ט ע ס מ א ן : אך, טאנטע — וועסטו קיינמאָל ניט מיעד ווערען צו אָפּפערען זיך פאר מיר !

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: (שטעהט אויף און לעגט איהר האנד אויף זיינע אקסלען) האב איך דען עפּעס אנדערע פריידען אויף דער וועלט, ווי זעהן עס זאָל דיר גוט געהן, מיין ליעב קינד? דו האָסט דאָך ניט געהאט ניט קיין פאָטער, ניט קיין מוטער אויף וועמען זיך אָנצושפּארען. איצטער האָבען מיר שוין געגרייכט אונזער ציעל, זשאָרזש! מאנכעסמאָל האָט אויסגעקוקט טרויעריג גענוג; אָבער איצטער, א דאנק גאָט, דארפסט שוין גאָר קיין מורא ניט האָבען.

ט ע ס מ א ן: יא, עס איז ווירקליך וואונדערבאר, ווי אלעס האָט זיך אויסגעדרעהט צום בעסטען.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: יא, און אלע דיינע געגנער — אלע וואָס זיינען דיר געשטאנען אין וועג — זיי אלע ליעגען איצט אונטער דיינע פיס. זיי זיינען געפאלען, זשאָרזש! דער, וואָס איז געוועזען דיין געפעהרליכסטער געגנער — ער איז געפאלען טיעפער פאר אלעמען. איצטער ליעגט ער ווי ער האָט זיך אויסגעבעט — דער ארימער, פערפיהרטער מענש.

ט ע ס מ א ן: האָסטו עפּעס געהערט וועגען עילערט? זינט מיין אוועקפאָהרען, מיין איך.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: איך האָב נור געהערט זאָגענדיג, אז ער האָט אָבגעדרוקט א נייעם בוך.

ט ע ס מ א ן: וואָס! עילערט לאָוובאָרג! נישט לאנג — הא?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: יא, אזוי זאָגט מען. וויים גאָט צי זיין בוך קען עפּעס האָבען א ווערטה! אך, אָבער ווען דיין נייעס בוך וועט ערשיינען — דאָס וועט זיין וואָס אנדערש, זשאָרזש! וועגען וואָס וועט זיך דאָרט האנדלען?

ט ע ס מ א ן: עס וועט בעהאנדלען די הויזליכע אינדוסטריען פון בראבאנט אין מיטעלאלטער.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: שטעל זיך נאָר פאָר — אז דו זאָלסט קענען שרייבען איבער אזא געגענשטאנד!

ט ע ס מ א ן: איבריגענס, עס קען נאָך נעהמען א שטיק צייט איידער דאָס בוך וועט זיין פערטיג. איך מוז פריהער אלע זאַמלונגען אין אָרדנונג ברייגנען, פערשטעהסטו מיך.

פ ר י י ל. ט ע מ מ ס א ן: יא, זאמלען און ברייגנען אין אָרדנונג — דעריין קען דיך קיינער ניט אריבערשטייגען. דערויף ביזטו געבוירען; ניט אומזיסט ביזטו מיין ארימען ברודער'ס ליבליכער זוהן.

ט ע ס מ א ן: איך קוק שוין ארויס מיט אונגעדולד אויף דער צייט, ווען איך וועל זיך קענען זעצען ארבייטען אויף דעם. איבערהויפּט איצט, אז איך האָב מיין אייגען, פּראכטפול הויז וואו צו ארבייטען.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: און מעהר ווי אלץ איצט, אז די האָסט די פרוי וואָס דיין הארץ האָט בעגעהרט, מיין ליעבער זשאָרזש.

ט ע ס מ א ן: (נעהמט זי ארום) אה, יא, יא, טאנטע יוליא! העדדא — זי איז דאָס בעסטע פון אלץ! (קוקט אויף דעם ארויס־גאנג) מיר דאכט אז אָט קומט זי — הא?

(העדדא קומט אריין פון לינקס דורכ'ן מיטעלסטען צימער. זי איז א פרוי פון א יאָהר ניין און צוואנציג. דאָס געזיכט און פיגור, עדעל און אריסטאָקראַטיש. איהר הויטפארב איז בלייך־מאַטעווע. איהרע שטאָהל־גרויע אויגען דריקען אויס א קאלטע, קלאָרע רוהיגקייט. איהרע האָר האָבען אַן אַנגענעהמע מיטעל־ברוינע פאַרב, אָבער זיי זיינען ניט בעזאָנדערס געדיכט. זי איז אָנגעטאָן אין א געשמאַקפולען, עטוואָס לויזען מאָרגען־אנצוג.)

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: (געהט איהר אַנטקעגען) גוט מאָרגען, מיין ליעבע העדדא! גוט מאָרגען און הערצליכען ווילקאָמען!

ה ע ד ד א: (גיט איהר די האנד) גוט מאָרגען, ליעבע פריי־לין טעסמאן! אזוי פריה שוין צום בעזוך! דאָס איז זעהר פריינדליך פון אייך.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: (פיהלט זיך א ביסעל אין א פער־

לעגענחיים) האָט די יונגע פרוי גוט געשלאָפען אין איהר נייע חיים?

ח ע ד ר א: אָה, יא, דאנקע. ציעמליך גוט.

ט ע ס מ א ן: (לאכט) ציעמליך! נו, דאָס געפעלט מיר, העדדא! דו האָסט געשלאָפען ווי א שטיין ווען איך האָב זיך אויפגעכאפט.

ה ע ד ד א: גליקליכערוויז. עס פערשטעהט זיך, מען מוז זיך ערשט צוגעוועהנען צו די נייע אומשטענדען, ביסלעכוויז, פריילין טעסמאן. (קוקט לינקס) אך, די דיענסט איז געגאנגען און האָט געעפענט די טיער צו דער וועראנדא און האָט אריינגעלאָזט א גאנצען שטראָם פון זונען־שיין.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: (געהט צום טיר) נו, וועלען מיר עס צומאכען.

ה ע ד ד א: ניין, ניין, ניט דאָס! טעסמאן, זיי אזוי גוט און פערציה די גארדינען. דאָס וועט געבען א ווייכערע ליכט.

ט ע ס מ א ן: (נעבען טיר) שוין גוט, שוין גוט, אָט שוין, העדדא. איצט ועסטו האָבען אי שאָטען, אי פרישע לופט.

ה ע ד ד א: יא, פרישע לופט איז דאָ אודאי נויטיג, צו אָט די אלע פעק בלומען — אָבער — פאר וואָס זיצט איהר ניט, פריי־ליין טעסמאן?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: ניין, איך דאנק אייך. אז איך האָב שוין געזעהן, אז דאָ ביי אייך איז אלעס אין אָרדנונג, א דאנק גאָט, מוז מען שוין אָנהויבען צו געהן א היים, מיין שוועסטער ליעגט דאָרט, נעבאך, און ווארט אויף מיר.

ט ע ס מ א ן: גיב איהר מיין בעסטען גרוס, טאנטע, און זאָג איהר אז איך וועל זיך אריינכאפען זי זעהען שפעטער ביי טאָג.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: יא, יא, איך וועל איהר זיכער איבערגעבען. יא, מחשבות׳ן, זשאָרזש, (זוכט אין טאש פון קלייד) איך האָב שיער ניט פערגעסען. איך האָב דאָ עפעס פאר דיר.

טעסמאן: וואס אזוינס, טאנטע, — הא?

פריידל טעסמאן: (נעחמט ארויס א פלאך פעקיל, איינגעוויקעלט אין ציטונג פאפיער און דערלאנגט איהם) קוק נור, מיין ליעב קינד.

טעסמאן: (עפענט דאס פעקעל) נו, איך זאג אייך! האסטו עס ווירקליך געהאלטען פאר מיר, טאנטע יוליא! זעה נור, העדדא! איז עס ניט ריהרענד — הא?

העדדא: (נעבען דער עטאזשערקע, רעכטס) נו, וואס איז?

טעסמאן: מיינע אלטע מארגען־שיך! מיינע פאנטאפעל.

העדדא: טאקע. איך געדענק אז דו האסט זיי אפט דערמאנט, ווען מיר זיינען געוועזען אויף דער רייזע.

טעסמאן: יא, זיי האבען מיר זעהר געפעהלט. (געהט צו צו איהר) איצט קענסטו זיי זעהען, העדדא!

העדדא: (געהט צום אויוועז צו) א דאנק, עס אינטערעסירט מיך ניט.

טעסמאן: (געהט איהר נאך) בערעכען נור — אין בעטליעגענדיג א קראנקע האט עס טאנטע רינא אויסגענעהט פאר מיר. אה, דו קענסט זיך ניט פארשטעלען וויפיעל עראינערונגען עס זיינען דערמיט פערבונדען.

העדדא: (ביים טיש) פאר מיר ניט.

פריידל טעסמאן: געוויס ניט פאר העדדא'ן, זשארזש.

טעסמאן: יא, אבער איצטער אז זי געהערט שוין צו אונזער פאמיליע, האב איך געקלערט —

העדדא: (שלאגט איהם איבער) מיט דער דיענסט וועלען מיר קיינמאל ניט קענען אויסקומען, טעסמאן.

פריידל טעסמאן: מיט בערטא'ן ניט קענען אויסקומען?

ט ע ס מ א ן: וואָס הייסט, מיין טייערע? וואָס פאַלט דיר עפּעס איין — האַ?

ה ע ד ד אַ: (אָנצייגענדיג) זעה נור! זי האָט געלאָזען איהר אלטען הוט זיך ארומוועלגערען אויף א שטוהל.

ט ע ס מ א ן: (אין שרעק, ווארפט ארונטער די פאַנטאָפעל אויף ד'רערד) אָבער, העדדא —!

ה ע ד ד א: שטעל זיך נאָר פאָר אז אימיצער זאָל אריינקומען און דאָס דערזעהען!

ט ע ס מ א ן: אָבער, העדדא — דאָס איז דאָך טאנטע יו־ליא'ס הוט.

ה ע ד ד א: אזוי?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: (נעהמט דעם הוט) יא, געוויס איז עס מיינער, און קיין אלטער איז ער אויך ניט, מאדאם העדדא.

ה ע ד ד א: ווירקליך, איך האָב זיך ניט גוט צוגעקוקט צו איהם, פריילין טעסמאן.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: (טהוט אָן דעם הוט) איך קען דיר זאָגען, אז עס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב איהם אָנגע־טאָן — וואהרהאפטיג צום ערשטען מאָל.

ט ע ס מ א ן: און עס איז טאקי א שעהנער הוט אויך — גאָר א פראכט!

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: אָה, ס'איז גאָר ניט אזא גרויסע זאך, זשאָרזש. (זוכט ארום זיך) מיין פאראסאָל — ? אך, דאָ. (נעהמט עס), דאָס איז אויך מיינער — (מורמעלט) ניט בערטא ס.

ט ע ס מ א ן: א נייער הוט און א נייער פאראסאָל! שטעל זיך פאָר, העדדא!

ה ע ד ד א: ווירקליך זעהר שעהן.

ט ע ס מ א ן: יא, ניט וואהר — האַ? אָבער טאנטע, קוק זיך נור גוט איין אויף העדדא'ן איידער דו געהסט. זעה ווי שעהן זי איז!

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: אך, מיין ליעב קינד, דאָס איז

קיין נייעס ניט. העדדא איז אלעמאל געווען שעהן. (זי פערנייגט זיך און געהט ארויס.)

ט ע ס מ א ן: (געהט איהר נאך) יא, אבער האסטו בע־מערקט ווי געזונד זי זעהט אוים? ווי זי איז געווארען פול און רונד אויף דער רייזע?

ה ע ד ד א: (געהט דורכ'ן צימער) אך, לאז דאך צו־רוה — !

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: (איז געבליבען שטעהן און דרעהט זיך אום) פולער געווארען?

ט ע ס מ א ן: יא, דו קענסט עס אזוי גוט ניט בעמערקען, ווייל זי טראגט יעצט אט די קלייד; אבער איך, וועלכער קען זעהען —

ה ע ד ד א: (גיבען דער גלעזערנער טיר, אונגעדולדיג) אך, דו קענסט גארנישט זעהען.

ט ע ס מ א ן: דאס מוז זיין די בערג־לופט אין טיראל —

ה ע ד ד א: (שלאגט איהם איבער, קורץ) איך בין פונקט די איינענע, ווי ווען איך בין ארויסגעפאהרען.

ט ע ס מ א ן: אזוי זאגסט דו, איך בין אבער גאנץ זיכער אז דו ביזט ניט. האלסט דו ניט מיט מיר, טאנטע?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: (קוקט אויף איהר מיט צונויפגע־לעגטע הענד) העדדא איז ליעבליך — ליעבליך — ליעבליך. (געהט צו צו איהר, בויגט איהר ארונטער דעם קאפ מיט ביידע הענד און קושט זי אויף די האר) גאט בענש און בעשיץ העדדא טעסמאן — פון זשארזש'ס וועגען.

ה ע ד ד א: (בעפרייט זיך פון איהר, פארזיכטיג) אך, לאזט מיך לויז!

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: (געפיהלפול, רוהיג) איך וועל אייך קומען זעהן יעדען טאג.

ט ע ס מ א ן: יא, ועסט קומען, טאנטע? הא?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: אדיע — אדיע!

(זי געהט ארויס דורכ'ן פארצימער, טעסמאן בעגלייט זי. די

מיר בלייבט האלב־אָפען. עס הערט זיך ווי טעסמאן ווידערהאָלט זיין גרוס צו טאנטע רינא און דאנקט איהר נאָך אמאָל פאר די פאנטאָפעל.)

(העדדא שפּאַצירט ארום איבער'ן צימער, הויבט אויף איהרע אָרעמס און דריקט צונויף די פויסטען, שטארק ערבימערט. דאן רוקט זי אָב האַסטיג די גאַרדינען פון דער גלעזערנער טיר, און קוקט ארויס. באלד קעהרט זיך טעסמאן אום און מאכט צו די טיר הינטער איהם.)

ט ע ס מ א ן: (הויבט אויף די פאַנטאָפעל פון ד'רערד) וואָס קוקסטו, העדדא?

ה ע ד ד א: (ווידער רוהיג און בעהערשט) איך קוק נור אויף די בלעטער. זיי זיינען אזוי געל — אזוי פערוועלקט.

ט ע ס מ א ן: (וויקעלט ארום די פאַנטאָפעל און לעגט זיי אוועק אויפ'ן טיש) נו, מיר זיינען דאָך שוין א שטיק אין סעפטעמבער.

ה ע ד ד א: (ווידער אונרוהיג) יא, בערעכען נור! שוין אין — סעפטעמבער.

ט ע ס מ א ן: מיינסטו ניט, אז טאנטע יוליא איז עפּעס היינט געווען אזוי זאָנדערבאר? אזוי פייערליך געשטימט? קענסטו בעגרייפען וואָס איז מיט איהר געווען דער מעהר? הא?

ה ע ד ד א: איך קען זי דאָך כמעט גאָר ניט. איז זי דען ניט אָפט אזוי?

ט ע ס מ א ן: ניין, ניט ווי זי איז היינט געווען.

ה ע ד ד א: (געהט אוועק פון דער גלעזערנער טיר) מיינסטו אז זי האָט פאריבעל גענומען וועגען דעם הוט?

ט ע ס מ א ן: אָה, ניט זעהר. אפשר עטוואָס, גלייך אין מאָמענט.

ה ע ד ד א: אָבער וואָס איז עס טאקע פאר א וועג צו נעהמען און לאָזען דעם הוט זיך ארומוועלגערען דאָ אין זאאל! אזא זאך טוט מען ניט.

ט ע ס מ א ן: נו, מעגסט שוין זיכער זיין, אז טאנטע יוליא וועט דאָס שוין נאָך א מאָל ניט טהאָן.

הערדא: יערענפאלס וויל איך שוין זעהן זיך אימערשט־טען מיט איהר.

טעססמאן: יא, מיין ליעבע, גוטע הערדא, הלואי וואָלסט דו עס טאקע טהון.

הערדא: ווען דו געהסט אריין צו זיי היינט נאָכמיטאָג, קענסטו זיי איינלאדען אויף היינט אין אָבענד.

טעססמאן: יאָ, איך וועל עס אודאי טהון. און דו וואָלסט נאָך עפּעס קענען טהון, וואָס עס וואָלט דערפרעהען איהר הארץ.

הערדא: וואָס איז עס?

טעססמאן: ווען דו וואָלסט נור ביי זיך געקענט פועל'ן צו זאָגען „דו" צו איהר. דו וועסט עס מיר טהון, הערדא? הא?

הערדא: ניין, ניין, טעססמאן — דאָס זאָלסטו פון מיר ניט פערלאנגען. איך האָב שוין דיר דאָס געזאָגט. איך וועל זיך סטארען זי רופען „טאנטע", אָבער דו מוזט זיך בענוגענען דער־מיט.

טעססמאן: נו, יא. מיר האָט זיך געדאכט, איצט אז דו געהערסט שוין צו דער פאמיליע —

הערדא: ה'ם — איך זעה ניט איין פאר וואָס — (זי געהט צו דעם מיטעלסטען אריינגאנג.)

טעססמאן: (נאך א קורצער פויזע) איז דיר עפּעס, הערדא? הא?

הערדא: איך קוק נור אויף מיין אלטע פּיאנאָ. זי פּאסט דאָ גאָר ניט צו אלע איבעריגע זאכען.

טעססמאן: ווי נור איך וועל קריגען מיין ערשטען גע־האַלט וועלען מיר קענען זעהען וועגען אומבייטען זי.

הערדא: ניין, ניין — ניט בייטען. איך וויל זיך מיט איהר ניט שיידען. ווי איז א שטייגער, ווען מיר שטעלען זי אוועק אין דעם מיטעלסטען צימער און קויפען אן אנדערע אוועקצושטעלען דאָ אויף איהר אָרט? איך מיין, ווען מען וועט קענען

ט ע ס מ א ן: (אומעטיגליך) יא, עס פערשטעהט זיך, מען קען עס טהון.

ה ע ד ד א: (נעהמט דעם בוקעט פון פיאנאָ) די בלומען זיינען דאָ ניט געוועזן נעכטען ביי נאכט ווען מיר זיינען אָנגעקומען.

ט ע ס מ א ן: טאנטע יוליא האָט זיי געמוזט ברייננגען פאר דיר.

ה ע ד ד א: (בעקוקט דעם בוקעט) א וויזיט־קארטע. (נעהמט ארויס און לעזט.) „וועל ווידער אריינגעהן שפּעטער ביי טאָג“. קענסטו טרעפען פון ווען דאָס איז?

ט ע ס מ א ן: ניין. פון וועמען? הא?

ה ע ד ד א: דער נאָמען איז „פרוי עלווסטעד“.

ט ע ס מ א ן: איז עס ווירקליך? לאנדריכטער עלווסטעד'ס פרוי? געוועזענע פריילין ריזינג.

ה ע ד ד א: יא, עס שטימט. די פרוי מיט די אויפרעגענדע האָר, מיט וועלכע זי פלעגט זיך אימער גרויס האלטען. איך הער, אז דו ביזט אמאָל געוועזן ניט גלייכגילטיג צו איהר.

ט ע ס מ א ן: (לאכט) אָה, דאָס האָט ניט לאנג אָנגעהאלטען, און עס איז געוועזן איידער איך האָב דיך געקענט, העדדא. אָבער וואָס זאָגסטו דערצו, וואָס זי איצט גראָד אין שטאָדט!

ה ע ד ד א: עס איז זאָנדערבאר, אז זי זאָל אונז מאכען א וויזיט. איך האָב זי כמעט ניט געזעהן זינט מיר האָבען פערלאָזען די שוהל.

ט ע ס מ א ן: איך האָב זי אויך ניט געזעהען, גאָט ווייס ווי לאנג. עס איז מיר א וואונדער ווי אזוי זי האלט עס אויס צו לעבען אין אזא פערוואָרפענעם העק, הא?

ה ע ד ד א: (דענקט נאָך און זאָגט דאן פּלוצלונג) זאָג מיר טעסמאן — איז עס ניט ערגיץ דערביי, וואו ער — אָט דער עילערט לאוובארג וואָהנט?

ט ע ס מ א ן: יא, ער איז טאקע ערגיץ אין יענעם געגענד.

(בערטא קומט אריין דורכ'ן פאָרצימער)

ב ע ר ט א: גנעדיגע פרוי, די דאמע וועלכע האָט א ווײלע פריהער געבראכט די בלומען, איז איצט ווידער דאָ. (ווײזט מיט'ן פינגער) אָט די בלומען וואָס איהר האלט אין האנד.

ה ע ד ד א: אה, זי איז דאָ? נו, זײט אזוי גוט, פיהרט זי ארײן.

(בערטאַ עפענט די טיר פאר מאדאם עלווסטעד און געהט אַלײן ארויס. — מאַדאַם עלווסטעד איז א פרוי מיט אַ צארטער פיגור און שעהנע, ווײכע געזיכטסציגען. איהרע אויגען זײנען העל־בלוי, גרויסע, רונדע, עמוואָס ארויסגעשטארצט, מיט א שרעקעדיגען, פראגענדיגען אויסדרוק. איהרע האָר זײנען מערקווירדיג העל, כמעט פלאקסענע, אונגעוועהנליך געדיכט און גרייזעלדיג. זי איז עטליכע יאָהר אינגער פאר העדדאַ. זי טראָגט אַ טונקעלע בעזוך־קלייד, געשמאַקפול אָבער ניט אקוראט נאָך דער לעצטער מאָדע.)

ה ע ד ד א: (געהמט איהר אויף ווארעם) וואָס מאכט איהר, מײן ליעבע פרוי עלווסטעד? עס פרעהט מיך זעהר איך ווידער צו זעהען.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (נערוועז, זוכט זיך צו בעהערשען) יא, עס איז שוין זעהר לאנג, זינט מיר האָבען זיך געזעהען.

ט ע ס מ א ן: (גיט איהר די האנד) און מיר אויך, הא?

ה ע ד ד א: איך דאנק פאר די פראכטפולע בלומען —

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אה, ניטאָ פאר וואָס—. איך וואָלט ארײנגעגאנגען גלײך געסטערן נאָך מיטאָג, נור איך האָב געהערט, אז איהר זײט געווען פערדײזט —

ט ע ס מ א ן: זײט איהר אקאָרשט געקומען אין שטאָדט, הא?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: איך בין אָנגעקומען געסטערן ארום מיטאָג־צײט. אה, איך בין געווען גאנץ פערצווייפעלט, ווען איך האָב געהערט, אז איהר זײט ניטאָ צו הויז.

ה ע ד דא: גאנץ פערצווייפעלט! ווארום דען?

ט ע ס מ א ן: אָבער, מיין ליעבע פרוי רייזינג — איך מיין פרוי עלווסטעד —

ה ע ד ד א: איך האָף אז עס האָט גאָרנישט פּאסירט?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, עפּעס. און איך קען דאָ ניט קיין אנדער ליעבעדיג בעשעפענים צו ווענדען זיך צו.

ה ע ד ד א: (לעגט אוועק דעם בוקעט אויפ'ן טיש) קומט, לאָמיר זיך דאָ זעצען אויפ'ן זאָפע —

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: איך בין צו אויפגערעגט צו קענען זיצען.

ה ע ד ד א: נו, דאָך. קומט אָט דאָ. (זי ציהט זי ארונטער אויפ'ן זאָפע און זעצט זיך נעבען איהר.)

ט ע ס מ א ן: נו, וואָס איז, פרוי עלווסטעד?

ה ע ד ד א: האָט עפּעס וואָס פּאסירט ביי אייך צו הויז?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא און—ניין. אָה, איך וואָלט אזוי ניט וועלען איהר זאָלט מיך מיספערשטעהען —

ה ע ד ד א: דאן איז דער בעסטער פּלאַן איהר זאָלט אונז דערצעהלען די גאנצע מעשה, פרוי עלווסטעד.

ט ע ס מ א ן: איך רעכען אז צוליעב דעם זייט איהר נעקומען — הא?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, יא, געוויס. נו, אלזאָ, מוז איך אייך דערצעהלען — אויב איהר ווייסט שוין דאָס ניט אליין — אז עילערט לאָוובאָרג איז אויך דאָ אין שטאָדט.

ה ע ד ד א: לאָווּבאָרג — !

ט ע ס מ א ן: וואָס! איז עילערט לאָווּבאָרג צוריקגעקומען? דענק נור, העדדא!

ה ע ד ד א: יא, נו, איך הער.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ער איז שוין דאָ א וואָך צייט. שטעלט זיך נור פאָר — א גאנצע וואָך! איינער אליין אין אָט דער שרעקליכער שטאָדט! וואו ער קען קומען צו א נסיון אויף יעדען שריט און טריט.

הערדא: אבער, מיין ליעבע פרוי עלווסטעד — וואס נעהמט איהר זיך אזוי צום הארצען וועגען איהם אייגענטליך?

פרוי עלווסטעד: (קוקט אויף איהר דערשראָקען און זאגט שנעל) ער איז געוועזן די קינדער'ס לעהרער.

הערדא: אייערע קינדער'ס?

פרוי עלווסטעד: מיין מאן'ס קינדער. איך האב קיינע.

הערדא: אייערע שטיף־קינדער, הייסט עס?

פרוי עלווסטעד: יא.

טעסמאן: (עטוואס אונזיכער) איז ער, הייסט עס, גע־וועזן — איך ווייס ניט ווי דאס אויסצודריקען — איז ער געוועזן — גענוג רעגעלמעסיג אין זיין אויפפיהר צו קענען פערנעהמען אזא שטעלע? הא?

פרוי עלווסטעד: פאר די לעצטע צוויי יאהר האט מען אנקעגען זיין אויפפיהר גאר ניט געקענט אויסזעצען.

טעסמאן: אזוי? דענק נור, הערדא!

הערדא: איך הער.

פרוי עלווסטעד: גארניט אויסזעצען, איך קען איך פערזיכערן. אין יעדער הינזיכט. דאך אבער — איצט אז איך ווייס, אז ער איז דא אין אט דער גרויסער שטאָדט — און מיט א גרויסער סומע געלט אין די הענד — שרעק איך זיך פאר איהם געפעהרליך.

טעסמאן: ווארום איז ער ניט פערבליבען וואו ער איז געוועזן? ביי אייך און אייער מאן? הא?

פרוי עלווסטעד: נאכדעם ווי זיין בוך איז ער־שיענען, איז ער געוואָרען צו־אונרוהיג, צופיעל אויפגערעגט צו קענען בלייבען ביי אונז.

טעסמאן: יא, טאקע, טאנטע יוליא האט מיר געזאָגט, אז ער האט ארויסגעגעבען א בוך.

פרוי עלווסטעד: יא, א גרויס בוך, אין וועלכען

עס ווערט בעהאנדעלט דער פּארטשרים פון דער ציוויליזאציע — אין בּרייטע שטריכען, אזוי צו זאָגען — און עס האָט געמאכט אזא אויפּרוהר —

ט ע ס מ א ן: האָט עס ווירקליך געהאט אזא ערפאָלג? דאָס מוז זיין אן ארבייט וואָס איז געלעגען ביי איהם נאָך פון אמאָל, פון זיינע בעסערע צייטען.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: גאָר פון אמאָל, מיינט איהר?

ט ע ס מ א ן: יא.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ניין, ער האָט עס אינגאנצען אָנגעשריבען פאר דער צייט וואָס ער איז געווען ביי אונז. — אין פערלויף פון לעצטען יאָהר.

ט ע ס מ א ן: איז עס ניט א פרעהליכע נייעס, העדדא? דענק נור!

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אך, יא — ווען דאָס זאָל נור אָנהאלטען!

ה ע ד ד א: האָט איהר איהם געזעהען דאָ אין שטאָדט?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ניין, נאָך ניט. איך האָב גע־האט די גרעסטע שוועריגקייט אויסצוגעפינען זיין אדרעס. ערשט היינט אין דער פריה האָב איך עס ענדליך אויסגעפונען.

ה ע ד ד א: (קוקט אויף איהר פאָרשענד) איהר ווייסט, מיך חדוש'ט א ביסעל אויף אייער מאן — ה'ם —

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (מיט א נערוועזען צוק) אויף מיין מאן? וואָס?

ה ע ד ד א: פאר וואָס ער שיקט אייך אין שטאָדט אויף אזא שליחות — פאר וואָס ער איז אליין ניט געקומען אכטונג געבען אויף זיין פריינד.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אך, ניין, ניין — מיין מאן האָט קיין צייט ניט דערצו, א חוץ דעם, איך — איך האָב דאָ וואָס איינ־צוקויפען.

ה ע ד ד א: (מיט א לייכטען שמייכעל) אָה, דאָס איז עפּעס אנדערש.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (שטעהט אויף שנעל און אונרוהיג) אלזאָ, איך בעט אייך זעהר, הערר טעסמאן — אויב עילערט לאווד־באָרג וועט אריינקומען צו אייך, נעהמט איהם אויף פריינדליך! און איך בין זיכער אז ער וועט קומען. איהר זייט דאָך אמאָל געווען אזעלכע גרויסע גוטע פריינד. און דערצו זייט איהר דאָך פעראינטערעסירט אין דעמזעלבען שטודיום — אין דעמזעל־בען צווייג פון וויסענשאַפט — אויף ווי וויט איך פערשטעה.

ט ע ס מ א ן: וועניגסטענס, זיינען מיר געווען פריינד.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: דעריבער בעט איך דאָס אזוי שטארק, אז איהר — איהר אויך — זאָלט האָבען אן אויג אויף איהם. אָה, איהר וועט עס מיר פערשפּרעכען, הערר טעסמאן — ניט וואהר?

ט ע ס מ א ן: איך פערזיכער אייך, אז איך וועל טהאָן פאר עילערט'ן אלץ וואָס איך קען נור. איהר מעגט זיך פערלאָזען אויף מיר.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אָה, ווי זעהר, זעהר פריינדליך דאָס איז פון אייער זייט! (דריקט איהם די האַנד) איך דאנק, איך דאנק! (דערשראָקען) איהר פערשטעהט, מיין מאן האלט אזוי פיעל פון איהם.

ה ע ד ד א: (שטעהט אויף) דו האָסט געדארפט שרייבען צו איהם, טעסמאן. אפשר וועט ער ניט וועלען קומען צו דיר אונגעבעטען.

ט ע ס מ א ן: יאָ, אפשר איז עס טאקי רעכט, העדדא? הא?

ה ע ד ד א: און וואָס שנעלער, אלץ בעסער. און פאר וואָס מאקע ניט גלייך?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (מיט געבעט) אָה, ווען איהר וואָלט עס געטהאָן!

ט ע ס מ א ן: איך וועל די מינוט שרייבען. האט איהר זיין אדרעס, פרוי — פרוי עלוואסטעד?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא. (נעהמט ארויס א בלעטיל פאַפיער פון איהר טאש און דערלאנגט איהם) אט איז עס.

ט ע ס מ א ן: גוט גוט. אט געה איך אריין — (זוכט עפּעס ארום זיך) יא, וואו זיינען מיינע פאנטאָפעל? אך, דאָ. (נעהמט דעם פעקיל און וויל געהן.)

ה ע ד ד א: זעה נור איהם אָנצושרייבען א ווארימען, פריינדליכען בריעף. און א רעכט לאנגען אויך.

ט ע ס מ א ן: יא, איך וועל.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אָבער, איך בעט אייך, דערמאָהנט נור ניט מיט קיין וואָרט, אז איך האָב עס אויפגעטהאָן.

ט ע ס מ א ן: ניין ווי קענט איהר גאָר דענקען, אז איך וואָלט דאָס געטהאָן? הא?

(ער געהט ארויס רעכטס דורך דעם מיטעלסטען צימער.)

ה ע ד ד א: (געהט צו צו פרוי עלווסטעד, שמייכעלט און זאָגט אין א נידעריגע שטימע) נו, אָט האָבען מיר געטראָפען צוויי האזען מיט איין קלאפּ.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: וואָס מיינט איהר דערמיט?

ה ע ד ד א: האָט איהר ניט פערשטאנען אז איך האָב געוואָלט ער זאָל אוועקגעהן?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, שרייבען דעם בריעף —

ה ע ד ד א: און כדי איך זאָל מיט אייך קענען ריידען אליין.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (צוטראָגען) וועגען דעמזעלבען געגענשטאנד?

ה ע ד ד א: יא, פונקט אזוי.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (ענגסטליך) אָבער עס איז ניטאָ מעהר וואָס צו רעדען, פרוי טעסמאן! אבסאָלוט ניטאָ!

ה ע ד ד א: אה, יא, עס איז דאָ. זעהר פיעל מעהר —

איך זעה עס. זעצט זיך אַט דאָ און מיר וועלען זיך גאַנץ בעקוועם און פערטרויליך דורכשמועסען.

(זי צווינגט פרוי עלווסטעד זיך צו זעצען אין דעם לעהן־שטוהל וואָס נעבען אויוועז, און זעצט זיך אַליין אויף איינעם פון די פוס־בייִנקלעך.)

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (ענגסטיג, קוקט אויף איהר זייגער) אָבער, מיין ליעבע פרוי טעסמאַן — איך האָב ווירקליך גאָר געדאַרפט אוועקגעהן.

ה ע ד ד אַ: אה, וואָס האָט איהר זיך אזוי צו איילען? נו, דערצעהלט מיר עפּעס ווי עס געהט איך ביי אייך אין הויז.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אָה, וועגען דעם וואָלט איך בעסער וואָס וועניגער וועלען רעדען.

ה ע ד ד אַ: אָבער מיט מיר, מיין ליעבע — ? מיר זיינען דאָך געגאַנגען אין איין שוהל.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יאָ, אָבער איהר זייט געווען איין קלאַס העכער פאַר מיר. אָה, ווי איך האָב דאַן מורא געהאַט פאַר אייך!

ה ע ד ד אַ: מורא געהאַט פאַר מיר?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יאָ, שרעקליך. וואָרים ווען מיר מיר פלעגען זיך בעגעגענען אויף די טרעפּ, פלעגט איהר מיר אַלעמאָל רייסען פאַר די האָאַר.

ה ע ד ד אַ: פלעג איך עס טהאָן, ווירקליך?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יאָ, און איינמאָל האָט איהר געזאָגט, אז איהר וואָלט וועלען מיר פערברענען די האָאַר אויפ׳ן קאָפּ.

ה ע ד ד אַ: אה, דאָס זיינען אַלץ געווען קינדערייען, פערשטעהט זיך.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יאָ, אָבער איך בין דאַמאָלס געווען אזוי נאַריש. — און אויסער דעם, זינט פון דער שוהל

האָבען מיר זיך אזוי דערוויטערט איינע פון די אנדערע. אונזע־רע רייזען זיינען געוועזען אזוי ווייט פערשיעדען.

ה ע ד ד א: נו, גוט, מיר מוזען זעהען זיך ווידער צונויפ־צוקומען. איצט האָרכט נור! אין שוהל פלעגען מיר זיך „דו"־צען און פלעגען רופען איינע די אנדערע ביים ערשטען נאָמען —

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ניין, איך בין זיכער אז איהר האָט א טעות.

ה ע ד ד א: איך האָב שוין גאָר ניט קיין טעות! איך געדענק עס גאנץ קלאָר. איז לאָמיר איצטער אָבפרישען אונזער אַל־טע פריינדשאַפט. (רוקט צו דאָס פוס־בייגקעל נעהנטער צו פרוי עלווסטעד.) נו, אָט אזוי! (קושט איהר אין באק) איהר מוזט מיר זאָגען „דו" און מיך רופען העדדא.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (דריקט און גלעט איהר די הענד) אה, ווי גוט און ליעבליך איהר זייט! איך בין ניט געוועהנט צו אזא ליעבליכקייט.

ה ע ד ד א: זעהסטו! און איך וועל דיר אויך זאָגען „דו", ווי אין די אמאָליגע צייטען, און וועל דיך רופען מיין ליעבע טהאָרא.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: מיין נאָמען איז טייא.

ה ע ד ד א: אַך. געוויס! איך מיין טייא. (קוקט אויף איהר מיט מיטלייד) אזוי, ביזט ניט געוועהנט צו גוטסקייט און ליעבליכקייט, טייא? אין דיין אייגענער היים אויך ניט?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אה, ווען איך וואָלט געהאט א היים! איך האָב אָבער ניט — איך האָב קיינמאָל ניט געהאט קיין היים.

ה ע ד ד א: (קוקט אויף איהר א מינוט) מיר האָט זיך גע־דאכט כמעט אזוי.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (קוקט האָפנונגסלאָז פאָר זיך) יא — יא — יא.

ה ע ד ר א: איך געדענק ניט גענוי — ביזט דאכט זיך פון אָנהויב אָנגעקומען צו הערר עלווסטעד אלס הויז־דאמע?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אייגענטליך בין איך אָנגעקו־מען צו איהם אלס גובערנאַנטין. נור זיין פרוי — זיין זעליגע פרוי — איז געווען א קרענקליכע, איז זעלטען־ווען ארונטער פון כעט. נו, האָב איך געמוזט אויפפאסען אויפ׳ן הויז אויך.

ה ע ד ר א: און דאן — ענדליך — ביזטו געוואָרען די באלעבאָסטע פון הויז?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (אומעטיגלעך) יא, איך בין גע־וואָרען.

ה ע ד ר א: לאָמיר זעהען — אן ערך ווי לאנג צוריק איז עס?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: זינט מיין חתונה?

ה ע ד ר א: יא.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: עס איז פינף יאָהר.

ה ע ד ר א: טאקע, עס מוז שוין זיין אזוי לאנג.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אָה, די דאָזיגע פינף יאָהר —! יערענפאלס די לעצטע צוויי אָדער דריי יאָהר! אך, ווען איהר קענט זיך דאָס פאָרשטעלען —

ה ע ד ר א: (גיט איהר א לייכטען פאטש איבער׳ן האנד) „איהר“? פע, טייא!

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, יא, איך וועל פרובירען — אָה, ווען דו וואָלסט זיך נור געקענט פאָרשטעלען און פערשטעהן—

ה ע ד ר א: (זאכט) עילערט לאָווכאָרג איז געווען אין דיין נאכבארשאפט ארום דריי יאָהר, ניט וואהר?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (קוקט איהר אָן אונזיכער) עי־לערט לאָווכאָרג? יא, — ער איז געווען.

ה ע ד ר א: האָסטו איהם געקענט פון פריהער, דאָ אין שטאָדט?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד : כמעט גאָר ניט. איך מיין — איך האָב געהערט זיין נאָמען, נאַטירליך.

ה ע ד ד א : אָבער דו האָסט איהם אָפט געזעהן דאָרט׳ן אויפ׳ן לאנד?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד : יא, ער פלעגט קומען צו אונז יעדען טאָג. דו פערשטעהסט, ער פלעגט קומען לערנען מיט די קינדער, דען שפּעטער־צו האָב איך ניט געקענט טהאָן אלעס אליין.

ה ע ד ד א : יא, דאָס פערשטעהט זיך. — און דיין מאן? איך שטעל מיר פאָר אז ער איז אָפט ניטאָ אין דער היים?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד : יא, דו ווייסט דאָך, אלס לאַנד־ריכטער האָט ער א סך ארומצופאָהרען אין זיין בעצירק.

ה ע ד ד א : (שפּאַרט זיך אָן אן זייט שטוהל) טייא, מיין ארימע, ליבע טייא — איצט מוזטו מיר אלעס דערצעהלען — גענוי ווי די זאך שטעהט.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד : נו, דאן מוזטו מיר שטעלען פראגען.

ה ע ד ד א : וואָס פאר א סאָרט מענש איז דיין מאַן, טייא? איך מיין, פערשטעהסט, אין געוועהנליכען לעבען. איז ער גוט צו דיר?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד : (אויסווייכענדיג) איך בין זי־כער, אז זיין מיין איז א גוטער אין אלץ וואָס ער טהוט.

ה ע ד ד א : מיר דאכט, אז ער מוז גאָר אין גאנצען זיין צו־אלט פאר דיר. עס מוז אודאי זיין אן אונטערשיעד פון צוואנ־ציג יאָהר צווישען איך, איז עס ניט אזוי?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד : (אונרוהיג) יא, דאָס איז אויך ריכטיג. ער איז מיר אין אלץ צו־ווידערליך! מיר האָבען ניט גע־מיינשאפטליך צווישען אונז קיין איינציגען געדאנקען. קיין פונקט פון סימפאטיע צווישען איהם און מיר.

ה ע ד ד א : אָבער ליעבט ער דיך דען ניט וויפיעל עס איז? אויף זיין אייגענעם שטיינער?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: איך ווייסווירקליך נים. איך דענק אז ער האלט מיך בלויז פאר א ניצליך אייגענטום. און דער־צו קאָנען נים פיעל מיך אויסצוהאלטען. איך בין נים טייער.

ה ע ד ד א: דאָס איז פון דיר א נארישקייט.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) עס קען אנדערש נים זיין — נים מיט איהם. איך דענק נים אז איהם אהרט פאר וועמען עס איז, א חוץ פאר זיך אליין — און אפשר פיעל־ווינציג פאר די קינדער.

ה ע ד ד א: און פאר עילערט לאָוובאָרג, טייא?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (קוקט אויף איהר) פאר עילערט לאָוובאָרג? ווי קומט דיר דאָס אויפ'ן זינען?

ה ע ד ד א: אָבער, מיין טייערע, מיר דאכט, אויב ער קען דיך שיקען פון זיינעטוועגען אזא מהלך אהער אין שטאָדט — (צמויבעלט קוים צו בעמערקען) אויסערדעם, האָסטו עס דאָך אליין געזאָגט טעסמאן'ען.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (מיט א נערוועזען צוק) האָב איך אזוי געזאָגט? יא, מסתמא האָב איך. (העפטיג אָבער נים הויך) ניין — איך וועל דיר בעסער אלץ גלייך ערקלערען! דען די זאך מוז ארויסקומען יעדענפאלס.

ה ע ד ד א: וואָס הייסט, מיין ליבע טייא? —

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: נו, אלזא, קורץ און גוט: מיין מאן האָט נים געוואוסט אז איך פאָהר.

ה ע ד ד א: וואָס! דיין מאן האָט עס נים געוואוסט!

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ניין, עס פערשטעהט זיך אז נים. דעם אמת גערעדט, איז ער אליין גאָר צו־הויז נים געוועזן — ער איז געוועזן אויף דער רייזע. אה, העדדא, איך האָב עס שוין מעהר נים געקענט אויסהאלטען! איך האָב ווירקליך נים געקענט — לעבען דאָרטען ווייטער גאָר אינגאנצען איינע אליין.

ה ע ד ד א: נו, איז וואָס דאן?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: האָב איך מיר איינגעפאקט ווי

פיעל עס איז פון מיינע זאכען — דאָס נויטיגסטע וואָס איך האָב געמוזט — אזוי שטיל ווי מעגליך. און האָב פערלאָזט דאָס הויז.

העדדא: האָסט קיינעם גאָרנישט געזאָגט?

פרוי עלווסטעד: ניין — און האָב גענומען די באהן דירעקט אהער.

העדדא: אך, מיין ליעבע, גוטע טייא — בערעכען, אז דו זאָלסט וואגען טהאָן אזא זאך!

פרוי עלווסטעד: (שטעהט אויף און געהט ארום אין צימער) וואָס דען האָב איך אנדערש געקענט טהאָן?

העדדא: אָבער וואָס דענקסטו וועט דיין מאן זאָגען, ווען דו קומסט ווידער אהיים?

פרוי עלווסטעד: (נעבען טיש, קוקט אויף איהר) קומען צוריק צו איהם?

העדדא: עס פערשטעהט זיך.

פרוי עלווסטעד: איך וועל קיינמאָל ניט געהן צוריק צו איהם.

העדדא: (שטעהט אויף און געהט צו צו איהר) הייסט עס, דו האָסט פערלאָזען דיין היים אין גאנצען אויף אייביג?

פרוי עלווסטעד: יא, עס איז מיר קיין אנדער זאך ניט געבליבען צו טהאָן.

העדדא: אָבער דאך — נעהמען און אנטלויפען אזוי אָפען.

פרוי עלווסטעד: אה, אזעלכע זאכען קען מען בסוד ניט האלטען.

העדדא: אָבער וואָס קלערסטו וועלען מענשען זאָגען וועגען דיר, טייא?

פרוי עלווסטעד: זיי מעגען זאָגען וואָס זיי ווילען — מיך אהרט ניט. (זעצט זיך מיעד און אומעטיג אויפ'ן זאָפאַ) איך האָב געטהאָן דאָס וואָס איך האָב געמוזט.

ה ע ד ד א: (נאָך א קורצער פּאוזא) און וואָס זיינען דיינע פּלענער איצטער? וואָס דענקסטו צו טהאָן?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: איך וויים נאָך ניט. איך וויים נור איינס, אז איך מוז לעבען דאָ וואו עילערט לאָווכאָרג איז — אויב איך קען איבערהויפּט לעבען.

ה ע ד ד א: (נעהמט א שטוהל פון ארום טיש, זעצט זיך נעבען איהר און גלעט איהר די הענד) מיין ליעבע טייא — ווי אזוי איז ענטשטאנען אָט די — די פריינדשאפט־פערהעלטנים — צווישען דיר און עילערט לאָווכאָרג?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אה, עס איז אויסגעוואקסען ביסלעכווייז. איך האָב געקריגען אויף איהם א געוויסען איינפלוס.

ה ע ד ד א: אזוי?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ער האָט אויפגעגעבען זיינע אלטע געוועהנהייטען, ניט ווייל איך האָב איהם געבעטען ער זאָל דאָס טהאָן; דאָס האָב איך קיינמאָל ניט געוואגט. עס פערשטעהט זיך, ער האָט געזעהן ווי זיי זיינען מיר צו־ווידערליך, האָט ער זיי אוועקגעוואָרפען.

ה ע ד ד א: (פערשטעלט א ניט־ווילענדיג שפּאָטישען שמייכעל) דו האָסט איהם, הייסט עס, ארויסגעצויגען פון זומפּף — ווי עס רעדט זיך — מיין קליינע טייא.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ער זאָגט עס אליין, יעדענפאלס. ער ווייעדער, פון זיין זייט, האָט פון מיר געמאכט א ווירקליכען מענשען — ער האָט מיך געלערנט דענקען און פערשטעהן אזויפיעל זאכען.

ה ע ד ד א: האָט ער ד י ר אויך געגעבען שטונדען, הייסט עס?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: נון, מען קען עס ניט אָנרופען אקוראט שטונדען. אָבער ער פלעגט רעדען מיט מיר — רעדען וועגען אזויפיעל פערשיעדענע זאכען. און דאן איז געקומען די

שעהנע גליקליכע צייט, ווען איך האָב אָנגעהויבען נעהמען אנטייל אין זיין ארבייט — ווען ער האָט מיר ערלויבט איהם צו העלפען!

ה ע ד ד א: אזוי — ער האָט דיך געלאָזען?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא! ער האָט קיינמאָל אָהן מיין הילף גאָרנישט ניט געשריבען.

ה ע ד ד א: איהר זייט, הייסט עס, געווען צווישען זיך גוטע קאמעראדען?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (היציג) קאמעראדען! יא, שטעל זיך פאָר, העדדא — פונקט דאָס אייגענע וואָרט וואָס ער האָט געברויכט! — אה, איך האָב זיך געראַרפּט שעצען פּאָלקאָם גליקליך. און דאָך קען איך עס ניט, וואָרים איך וויים ניט ווי לאנג דאָס וועט אָנהאלטען.

ה ע ד ד א: אזוי וועניג קענסטו זיך אויף איהם פערלאָזען?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (אומעטיגלעך) דער שאָטען פון א פרוי שטעהט צווישען עילערט לאָוובאָרג און מיר.

ה ע ד ד א: (קוקט אויף איהר ענגסטיג) ווער קען דאָס זיין?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: איך וויים נים. איינע, וועלכע ער האָט געקענט אין זיין — אין זיין פערגאנגענהייט. אזא איינע, וועמען ער האָט קיינמאָל אינגאנצען ניט געקענט פערגעסען.

ה ע ד ד א: וואָס האָט ער דיר געזאָגט — וועגען דעם?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: איינמאָל נור — אזוי פערבייגעהענדיג — האָט ער דערמאָהנט וועגען דעם.

ה ע ד ד א: נו, און וואָס האָט ער דאן געזאָגט?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ער האָט געזאָגט, אז ווען זיי זיינען זיך פונאנדערגעגאנגען, האָט זי געוואָלט איהם שיסען מיט א פיסטאָלעט.

ה ע ד ד א: (קאלט און בעהערשט) אַך, אונזין! מיינער טחוט דאָ ניט אזוינע זאכען.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ניין, דעריבער דענק איך אז דאָס האָט געמוזט זיין יענע רויט־האָריגע זינגערקע, מיט וועלכער ער האָט א געוויסע צייט —

ה ע ד ד א: יא, זעהר מעגליך.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: וואָרים איך געדענק ווי מען פלעגט זאָגען אויף איהר אז זי טראָגט זיך ארום מיט אָנגעלאָדענע וואפען.

ה ע ד ד א: אָה — דאן איז עס זיכער, אז זי האָט דאָס געמוזט זיין.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (ברעכט די הענד) און איצט שטעל זיך נור פאָר, העדדא — איך האָב געהערט, אז די דאָזיגע זינגערקע — אז זי איז ווידער דאָ אין שטאָדט! אָה, איך וויים ניט וואָס צו טהאָן —

ה ע ד ד א: (קוקט צום הינטערסטען צימער צו) שא! אָט קומט טעסמאן: (שטעלט זיך אויף און זאָגט איהר שטיל) טייא — דאָס אלעס מוז בלייבען צווישען אונז.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (שפרינגט אויף) אה, יא — יא! אום גאָטעס ווילען — !

(זשאָרזש טעסמאן מיט א בריעף אין האנד, קומט אריין פון הינטערסטען צימער.)

ט ע ס מ א ן: נו, שוין — די מגילה איז פארטיג.

ה ע ד ד א: דאָס איז גוט. פרוי עלווסטעד וויל שוין טאקע אוועקגעהן. ווארט א מינוט — איך וועל מיט דיר צוגעהן ביז'ן טויער.

ט ע ס מ א ן: דענקסטו ניט, העדדא, אז בערטא וואָלט געקענט אוועקטראָגען דעם בריעף אויף דער פּאָסט?

ה ע ד ד א: (נעהמט דעם בריעף) איך וועל איהר זאָגען.

(בערטא געהט אריין פון קאָרידאָר.)

ב ע ר ט א: ריכטער בראק איז דרויסען און לאָזט פרעגען צי די מאַדאַם וויל איהם אויפנעהמען.

העדדא: יא, בעט ריכטער בראק אריין. און זעהם נור — לעגט אוועק דעם בריעף אויף דער פּאסט.

בערטא: (נעהמט דעם בריעף) יאָ, מאדאם.

(זי עפענט די טיר פאר ריכטער בראַק און געהט אליין ארויס. בראק איז א מאַן פון פינף און פערציג, דיקלעך אָבער גוט געבויט און שעהן־ריהרעוודיג. ער האָט א קיילעכיג געזיכט מיט אַן אריסטאָקראַטישען פּראָפיל; קורצע, גאנץ שווארצע האָאר, זאָרגפעלטיג פערקאַמט; לעבהאפטע און פינקעלדיגע אויגען, דיקע ברעמען און שנור־בארד. געקליידעט אין אַן עלעגאנטען אָנצוג, וועלכער איז א ביסעל צו־יונגענדליך פאר זיין עלטער. ער טראָגט אַ בריל, וועלכע ער נעהמט אלע ווייל אַרונטער.)

ריכטער בראק: (פערנייגט זיך מיט'ן הוט אין האַנד) מעג מען וואגען אָבצושטאטען א וויזיט אזוי פריה?

העדדא: געוויס מעג מען.

טעסמאן: (דריקט איהם די האַנד) איהר זייט ווילקאָמען צו יעדער צייט (שטעלט איהם פאָר:) ריכטער בראק — פרייליין ריזינג.

העדדא: אך! —

בראק: (פערנייגט זיך) זעהר אנגענעהם —

העדדא: (קוקט אויף איהם און לאכט) עס איז א פערגעניגען אייך אָנצוקוקען ביי טאָג, הערר ריכטער!

בראק: געפינט איהר אז איך זעה אויס אנדערש?

העדדא: עטוואָס יונגער, גלויב איך.

בראק: איך דאנק בעסטענס.

טעסמאן: אָבער וואָס דענקט איהר וועגען העדדא — הא? זעהט זי ניט אויס בליהענד? זי איז ווירקליך —

העדדא: אָה, לאָז מיך געמאך. דו האָסט נאָך ניט בעדאנקט ריכטער בראק פאר זיין מיהע וואָס ער האָט זיך גענומען —

בראק: אך, אונזין — דאָס איז פאר מיר געווען א פערגעניגען —

ה ע ד ד אַ: יאָ, איהר זייט אַן אמת'ער פריינד. אָבער טייאַ וואָרט מיט אונגעדולד אויפקצוגעהן — נו, צום ווידערזעהן, הערר ריכטער. איך קום באַלד צוריק.

(זיי זעגענען זיך. פּרוי עלוועסמעד און העדדאַ געהען ארויס דורך די פאַרצימער טיר.)

ב ר א ק: נו — איז אייער פרוי עפּעס צופריעדען —

ט ע ס מ א ן: יאָ, מיר קענען אייך גאָר ניט אָבדאַנקען. נאַטירליך, זי מיינט אז מען וועט דאַרפען איינינע זאַכען איבער־שטעלען און וואָס־עס־איז נאָך צו קריגען. מיר וועלען נאָך מו־זען איינקויפען פערשיעדענע קלייניגקייטען.

ב ר א ק: אזוי גאָר?

ט ע ס מ א ן: מיר וועלען אָבער אייך ניט מעהר בעמיהען וועגען די איבעריגע זאַכען. העדדא זאָגט אז זי וועט שוין אַליין אויפפּאַסען דערויף. — אפשר וועלען מיר זיך צו־זעצען, הא?

ב ר א ק: דאַנקע, מען קען זיצען א ווייל. (זעצט זיך נע־בען טיש) איך האָב מיט אייך וועגען עפּעס געוואָלט רעדען, מיין ליעבער טעסמאַן.

ט ע ס מ א ן: אזוי? אָה, איך פערשטעה! (זעצט זיך איצטער, רעכען איך, קומט אויף דער רייה דער ערנסטער טייל פון דער שמחה, הא?

ב ר א ק: אָה, די געלד־פראַגע האָט נאָך צייט; הגם, אז עס האָט שוין דערביי, וואָלט איך דערמאָנט, אז מיר האָבען גע־דאַרפט זיין א ביסעל מעהר עקאָנאָמיש.

ט ע ס מ א ן: אָבער איהר ווייסט דאָך, אז דאָס האָט ניט געקענט געהן! דענקט נור וועגען העדדא, מיין ליעבער מענש! איהר קענט דאָך זי אזוי גוט — איך האָב אויף קיין פאַל איהר ניט געקענט אָנמוטען א געמיין־בעל־הבית'שען לעבען.

ב ר א ק: ניין, ניין — דאָס איז טאַקע די צרה.

ט ע ס מ א ן: און דאַן — גליקליכערווייז — קען עס דאָך לאַנג ניט דויערן ביז איך בעקום מיין שטעלע.

ב ר א ק: יא, איהר בּערשטעהט — אזוינע זאכען טרעפט אז זיי פּערציהען זיך א שטיק צייט.

ט ע פּ מ א ן: האָט איהר געהערט עטוואָס בעשטימטעס, הא?

ב ר א ק. גאנץ בעשטימטעס נים — (האקט זיך אָב) יא, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען? — איך האָב פּאר אייך א שטי־קעל נייעס.

ט ע ס מ א ן: נו, וואָס?

ב ר א ק: אייער אלטער פריינד, עילערט לאָווּבאָרג, איז דאָ ווידער אין שטאָדט.

ט ע ס מ א ן: דאָס וויים איך שוין.

ב ר א ק: אזוי! פון וועמען האָט איהר זיך דערוואוסט?

ט ע ס מ א ן: דורך יענע דאמע, וועלכע איז אקאָרשט ארויסגעגאנגען מיט העדדא.

ב ר א ק: ווירקליך? ווי האָט זי געהייסען? איך האָב נים גוט געהערט.

ט ע ס מ א ן: פרוי עלווסטעד.

ב ר א ק: אהא — לאנדריכטער עלווסטעד׳ם פרוי? עס פערשטעהט זיך — ער האָט געוואוינט דאָרטען אין זייערע גע־גענדען.

ט ע ס מ א ן: און שטעלט זיך נור פּאָר — צו מיין גרוי־סער פרייד הער איך אז ער איז ווידער געוואָרען א גאנץ אנ־שטענדיגער מענש!

ב ר א ק: יא, אזוי זאָגט מען.

ט ע ס מ א ן: און דאן האָט ער אָבגעדרוקט א נייעס בוך, הא?

ב ר א ק: יא, אזוי איז עס.

ט ע ס מ א ן: און איך הער, אז ער האָט געמאכט א גע־וויסען רושם!

ב ר א ק: גאָר אן אונגעוועהנליכען רושם.

ט ע ס מ א ן: שטעלט זיך פאר! איז עס ניט גוטע נייעס? א מאן מיט אזא אויסערגעוועהנליכען טאלאנט. — עס האט מיר אזוי לייד געטהאן ווען איך האב געדענקט אז ער איז שוין געווען איינגאנצען א פערפאלענער.

ב ר א ק: דאס האבען אלע אזוי געדענקט.

ט ע ס מ א ן: איך קען אבער גאר ניט פערשטעהן צו וואס ער וועט זיך איצטער נעהמען! וואו וועט ער געפינען זיך צו פערדיננען אויפ'ן לעבען, הא?

ה ע ד ד א: (איז אריינגעקומען דורך די פארצימער־טיר, אונטערבאפענדיג די לעצטע ווערטער. זאגט צו בראק מיט א שפאטישען געלעכטער:) טעסמאן זארגט זיך נאכאנאנד פאר אלעמען פון וואנען זיי וועלען נעהמען צו לעבען.

ט ע ס מ א ן: נו, זעהסטו, מיין טייערע, — מיר האבען גערעדט וועגען דעם ארימען עילערט לאוובארג.

ה ע ד ד א: (גיט אויף איהם א שנעלען קוק) אך, אזוי? (זעצט זיך אין לעהנשטוהל נעבען אויוועך און פרעגט גלייכגילטיג) וואס איז דען דער מעהר מיט א י ה ם?

ט ע ס מ א ן: נו, זיין פערמעגען האט ער אודאי שוין לאנג אויסגעבראכט, און ער קען דאך ניט אנשרייבען אלע יאהר א נייעס בוך — הא? נו, קען איך ווירקליך ניט פערשטעהן וואס עס קען ווערען פון איהם.

ב ר א ק: וועגען דעם פונקט קען איך אייך אפשר עטוואס דערצעהלען.

ט ע ס מ א ן: ווירקליך!

ב ר א ק: איהר מוזט געדענקען אז זיינע קרובים האבען א היבש ביסעל איינפלוס.

ט ע ס מ א ן: אח, צום אונגליק האבען זיינע קרובים זיך איינגאנצען אבגעזאגט פון איהם.

ב ר א ק: פריהער אבער האבען זיי איהם אנגערופען די האפנונג פון דער פאמיליע.

ט ע ס מ א ן: פריהער יא! ער האָט אָבער געמאַכט א סוף פון אלעם.

ה ע ד ד א: ווער ווייס? (מיט א לייכטען שמייכעל) איך הער אז דאָרט׳ן אין׳ם לאַנדריכטער עלווסטעד׳ס הויז איז ער גאָר א נייער מענש געוואָרען —

ב ר א ק: און דאַן דאָס בוך וואָס ער האָט איצט אָבגע־דרוקט —

ט ע ס מ א ן: יא, איך האָף אז זיי וועלען געפינען פאר איהם עפּעס וואָס צו טהאָן. איך האָב איהם אקאָרשט געשריבען. איך האָב איהם געבעטען, ליעבע העדדא, ער זאָל קומען אונז בע־זוכען נאָך היינט אין אָווענד.

ב ר א ק: אָבער, מיין ליעבער פריינד, היינט אין אָווענד מוזט איהר דאָך גאָר זיין ביי מיר אויף מיין בחור׳שע וועטשערינקע. איהר האָט דאָס מיר פערשפּראָכען נאָך לעצטע נאַכט אויפ׳ן שיף־בריק.

ה ע ד ד א: האָסטו פערגעסען, טעסמאן?

ט ע ס מ א ן: יא, איך האָב אינגאַנצען פערגעסען.

ב ר א ק: עס מאַכט ניט, וואָרים איהר מעגט זיין זיכער, אז ער וועט ניט קומען.

ט ע ס מ א ן: פאר וואָס דענקט איהר אזוי, הא?

ב ר א ק: (עטוואָס אומרוהיג, שטעהט אויף און שפּארט זיך אָן הינטערן שטוהל) מיין ליעבער טעסמאן — און איהר אויך, מאַ־דאַם טעסמאן — איך רעכען אז איך טאָר אייך ניט האַלטען אין דונקעלען וועגען עפּעס, וואָס — וואָס —

ט ע ס מ א ן: וואָס איז נוגע עילערט׳ן —?

ב ר א ק: וואָס איז נוגע אייך ביידען.

ט ע ס מ א ן: נו, מיין ליעבער ריכטער, ארויס דערמיט!

ב ר א ק: איהר מוזט זיין פאָרבערייט פאר דעם פאַל, אז אייער קריגען די שטעלע קען אָבגעלעגט ווערען אויף לענגער ווי איהר ווינשט אָדער ערוואַרטעט.

ט ע ס מ א ן: (שפרינגט אויף אונרוהיג) איז עפּעס דאָ און אָבהאלט אין דעם, הא?

ב ר א ק: עס קען זיין, אז די שטעלע וועט אוועקגעגעבען ווערען ערשט נאָך דעם ווי עס וועט געהאלטען ווערען א קאָנקורס־נער עקזאמען —

ט ע ס מ א ן: א קאָנקורסנער עקזאמען! דענק נור, העד־דא!

ה ע ד ר א: (שפּארט זיך אָן טיעפער אין שטוהל) אהא — אהא!

ט ע ס מ א ן: ווער קען אָבער זיין מיין קאָנקורענט? גע־ווים ניט צווישען מיר אגן —?

ב ר א ק: גראָד יא — עילערט לאָוובאָרג.

ט ע ס מ א ן: (נעהמט צונויף די הענד) ניין, ניין — עס איז גאנץ אונבעגרייפליך! גאנץ אונמעגליך! הא?

ב ר א ק: ה'ם — מיר קענען אָבער דאָך ערוואַרטען.

ט ע ס מ א ן: אָך, אָבער, הערר ריכטער, דאָס וואָלט דאָך געהייסען בעגעהן אנטקעגען מיר אן אונגלויבליכע עולה. (זשעסטי־קולירט שטאַרק מיט די הענד) וואָרים, בעדענקט נור — איך בין א פערהייראטער מאן! מיר האָבען געהייראט; מיר האָבען גע־באָרגט געלד אפילו פון טאנטע יוליא. אך מיין גאָט! זיי האָ־בען מיר אזוי גוט ווי פערשפּראָכען די שטעלע — הא?

ב ר א ק: נא, נא — ס'איז קיין צווייפעל, אז איהר וועט ענדליך קריגען די שטעלע; נאָר ניט אָהן א קאָנקורסיע.

הע ד ר א: (שטייט אין איהר לעהנשטוהל) שטעל זיך פאָר, טעסמאן, דאָס קען זיין אינטערעסאנט אלס א געוויסער ספּאָרט.

ט ע ס מ א ן: אָבער, מיין ליעבסטע העדדא, ווי אזוי קענ־סטו רעדען אזוי גלייכגילטיג וועגען דעם?

ה ע ד ר א: (ווי פריהער) איך בין גאָר ניט גלייכגילטיג. איך בין העכסט נייגיריג צו זעהען ווער עס וועט געווינען.

ב ר א ק: יעדענפאלס, מאדאם טעסמאן, איז עס בעסער

ווען איהר ווייסט ווי די זאך שטעהט. איך מיין — איידער איהר נעהמט זיך איינקויפען די אלע קליינינקייטען, ועלכע איך העך אז איהר ווילט.

ה ע ד ד א: דאס קען ניט מאכען קיין אונטערשיעד.

ב ר א ק: אזוי? דאן האב איך מעהר גאר ניט וואס צו זאגען. אדיע! (צו טעסמאן) איך וועל זיך ארייננכאפען צו אייך געהענדיג צוריק פון מיין נאכמיטאג שפאצירגאנג און וועל אייך מיטנעהמען צו זיך אהיים.

ט ע ס מ א ן: יא, יא — אייערע נייעס האט מיך גאר צו־טומעלט.

ה ע ד ד א: (אהינטער בויגענדיג זיך אין שטוהל, שטרעקט אויס איהר האנד) אדיע, הערר ריכטער! געדענקט־זשע ארייננצו־קומען נאך מיטאג.

ב ר א ק: איך דאנק פיעל מאל. אדיע, אדיע!

ט ע ס מ א ן: (בעגלייט איהם צו דער טיר) אדיע, מיין ליע־בער ריכטער! איהר מוזט מיר ווירקליך ענשולדיגען —

(ריכטער בראק געהט ארויס דורך דעם פארצימער.)

ט ע ס מ א ן: (געהט איבער'ן צימער) אה, העדדא — מען טאר קיין מאל זיך ניט ארייננלאזען אין ריזיקאלישע אונטערנעהמונ־גען. הא?

ה ע ד ד א: (קוקט אויף איהם מיט א שמייכעל) טהוסט ד ו דאס?

ט ע ס מ א ן: יא, העדדא — מען קען ניט זאגען, עס איז געווען ריזיקאליש צו געהען הייראטען און איינפיהרען א הויז אויף בלויזע ערוואַרטונגען.

ה ע ד ד א: און דריין ביזטו אפשר גערעכט.

ט ע ס מ א ן: נו, יעדענפאלס האבען מיר אונזער פראכט־פאלע היים, העדדא! דענק נור, די היים, וועגען וועלכער מיר האבען ביידע געטרוימט — די היים, אין וועלכער מיר זיינען געווען פערליעבט, וואלט איך כמעט געקענט זאגען. הא?

הערדא: (שטעהט אויף לאנגזאם און מיעד) עס איז געווען א טייל פון אונזער אבמאך, אז מיר זאלען אריין אין „גצזעלשאפט“ — האלטען אן אפען הויז.

טעסמאן: ווען דו וואלסט נור געוואוסט ווי איך האב אויסגעקוקט אויף דעם! רעגק נור — דיך צו זעהען אלס ווירטהין — אין א געקליבענעם קרייז! הא? נו, נו —-פאר דערווייל וועלען מיר זיך מוזען בעגעהן אהן געזעלשאפט, העדדא — די טאנטע יוליא ועלען מיר נור וועןנינט-וועןאיינלאדען. אה, איך האב געהאפט, אז דו וועסט קענען פיהרען גאר א גאנץ אנדער לעבען — !

הערדא: קיין דיענער אין ליווריע, פערשטעהט זיך, וועל איך דערווייל נים קענען האבען.

טעסמאן: אך, ליידער נים. ווענען האלטען א דיענער איז איצט גאר נים וואס צו רעדען.

הערדא: און דעם רייט-פערד וואס איך האב געזאלט האבען —

טעסמאן: (דערשראקען) דעם רייט-פערד!

הערדא: ווענען דעם, הייסט עס, דארף איך איצט גאר נים טראכטען.

טעסמאן: ניין, גאט בעוואהר! דאס איז זעלבסט-פערשטענדליך.

הערדא: (געהט דורכ׳ן צימער) נו, איין זאך צום ווענינסטען וועל איך דאך האבען צו פערברייננען די צייט דערמיט דערווייל.

טעסמאן: (שטראהלט פאר פרייד) א דאנק גאט דערפאר! און וואס איז עס אזוינס, העדדא? הא?

הערדא: (אין מיטעלסטען דורכגאנג, קוקט אויף איהם מיט אונטערדריקטען צארן) דאס זיינען מיינע פיסטאלעטען, זשארזש.

טעסמאן: (אין שרעק) דיינע פיסטאלעטען!

הערדא: (מיט א קאלטען בליק) גענעראל גאבלער'ס פּי־סטאָלעטען.

(זי געהט ארויס דורך דעם מיטעלסטען צימער, לינקס.)

טעסמאן: (לויפט צו דעם מיטעלסטען דורכגאנג און שרייט צו איהר:) ניין, אום גאָטעס ווילען, הערדא, טייערינקע — טשעפּע ניט יענע געפעהרליכע זאכען! טהו דאָס ניט, פון מיינעטוועגען, הערדא! הא?

צווייטער אקט.

א צימער ביי טעסמאן ווי אין ערשטען אקט. נור די פּיאנאָ פעהלט, און אַנשטאָט איהר שטעהט אַן עלעגאַנטער קליינער שרייבטיש מיט ביכער־פּאָליצעס. נעבען דער זאָפא לינקס שטעהט א קלענערער טיש. פון אַלע בלומען־בוקעטען איז נור געבליבען פרוי עלווסטעד'ס בוקעט, פאָרענט אויפ'ן גרויסען טיש. — עס איז נאָכמיטאָג.

העדדאַ, איבערגטאָן אין א עמפּפאַנגס־אנצוג, איז אליין אין צימער. זי שטעהט נעבען דער אָפענער גלעזערנער טיר און לאָדט אָן א רעוואָלווער. דער צווייטער פון דער פּאָר ליעגט אין א אָפענעם פּיסטאָלעטען־שאַכטעל אויפ'ן שרייב־טיש.

העדדא: (קוקט ארונטער אין גאָרטען און רופט:) אזוי, זייט איהר שוין ווידער דאָ, הערר ריכטער!

בראק: (רופט פון ווייטען) יא, ווי איהר זעהט, מאדאַם טעסמאַן!

העדדא: (הויבט אויף דעם פּיסטאָלעט און ציעלט) אָט דערשיס איך אייך, הערר בראק!

בראק: (רופט פון אונטען) ניין, ניין, ניין! ציעלט ניט פונקט אויף מיר!

העדדא: אָט דאָס קריגט מען ווען מען גנב'ט זיך הינ־טער ארום. (זי שיעסט אויס.)

בראק: (קומט נעהנטער) זייט איהר פון זינען אראָב — !

העדדא: וועה מיר — האָב איך אייך אפשר געטראָ־פען?

בראק: (נאָך אלץ פון דרויסען) ווארפט דאָך אוועק די נאַ־רישע קונצען!

ה ע ד ד א: נו, קומט אריין, הערר ריכטער.

(ריכטער בראק, אנגעטאָן ווי פאר א מענער־אבענד, קומט אריין דורך די גלעזערנע טיר. ער פראגט א לייכטען איבערראָק אויפ'ן אָרעם.)

ב ר א ק: צום טייפעל — האָט איך נאָך ניט דערעכען דער דאָזיגער ספאָרט? וואָס שיעסט איהר אייגענטליך?

ה ע ד ד א: אָך, איך שיעס נור גלאט אזוי אין דער לופט.

ב ר א ק: (נעהמט זאכט ארויס דעם פיסטאָלעט ביי איהר פון האנד) ערלויבט מיר, מאדאם! (קוקט אויף דעם) אָה, דעם פיסטאָלעט קען איך גוט! (קוקט זיך ארום) נו, אין דעם שפיעל וועלען מיר היינט מעהר ניט שפיעלען.

ה ע ד ד א: אָבער, אין הימעל'ס נאָמען, וואָס וואָלט איהר געוואָלט איך זאָל טהאָן מיט זיך?

ב ר א ק: האָט איהר גאָר ניט געהאט קיין בעזוכער?

ה ע ד ד א: (מאכט צו די גלעזערנע טיר) קיין איינציגען ניט. איך רעכען אז אלע פון אונזער קרייז זיינען נאָך אויפ'ן לאנד.

ב ר א ק: און איז טעסמאן אויך ניט צו הויז?

ה ע ד ד א: (נעבען שרייב־טיש, לעגט אריין דעם פיסטאָלעט־שאַכטעל אין טיש־קעסטיל און פערמאכט עס.) ניין. גלייך נאָך אָנבייסען איז ער אוועקגעלאָפען צו זיין מאנטע. ער האָט אייך ניט ערווארט אזוי פריה.

ב ר א ק: ה'ם — ווי נאריש דאָס איז געוועזן פון מיין זייט וואָס איך האָב וועגען דעם ניט געדענקט!

ה ע ד ד א: (דרעהט אום דעם קאָפּ א קוק צו טהאָן אויף איהם) פאר וואָס נאריש?

ב ר א ק: ווייל אויב איך וואָלט געדענקט וועגען דעם, וואָלט איך געקומען א ביסעל — פריהער.

ה ע ד ד א: (געהט אריבער דעם צימער) דאן וואָלט איהר קיינעם ניט געפונען אייך אויפצונעהמען; וואָרים איך בין גע־

תען אין מיין צימער די גאנצע צייט גאב׳ן אנבייסען, און האב זיך איבערגעטאן.

ב ר א ק: און איז דארט ניטא עפעס א שמאלינקער שפעל־טעל, דורך וועלכען מיר וואלטען זיך געקענט דורכשמועסען?

ה ע ד ר א: איהר האט פערגעסען צו לאזען דאס מאכען.

ב ר א ק: דאס איז געווען נאך א שטיק נארישקייט פון מיין זייט.

ה ע ד ר א: נו, מיר מוזען אלזא זיך דא אוועקזעצען — און ווארטען. טעסמאן וועט וואהרשיינליך נאך ניט קומען צוריק אזוי גיך.

ב ר א ק: עס מאכט ניט; איך וועל ניט זיין אונגעדולדיג.
(העדדא זעצט זיך אין א ווינקעל פון זאפע. בראק לעגט אוועק זיין איבערראק אויפ׳ן הינטען פון נעהנסטען שטוהל, און זעצט זיך אנידער, האלטענדיג דעם הוט אין האנד. א קורצע פאוזע. זיי קוקען זיך ביידע אן.)
ה ע ד ר א: נו?
ב ר א ק: (אין דעמזעלבען טאן) נו?
ה ע ד ר א: איך האב געפרעגט צוערשט.

ב ר א ק: (בויגט זיך א ביסעל צו פארענט) לאמיר געמיטליך א ביסעל פלוידערן, מאדאם העדדא.

ה ע ד ר א: (שפארט זיך אב א ביסעל מעהר אויף הינטען אין זאפע) זעהט עס ניט אויס ווי א גאנצע אייביגקייט זינט אונזער לעצטען געשפרעך? נאטירליך, איך רעכען ניט די עטליכע ווער־טער פון געסטערן אווענד און היינטיגען פריהמארגען.

ב ר א ק: איהר מיינט זינט אונזער לעצטען אינטימען גע־שפרעך? אונטער פיער אויגען?

ה ע ד ר א: נו, יא — אויב איהר רופט עס אזוי.

ב ר א ק: עס איז ניט אוועק א טאג ווען איך האב ניט גע־וואונשען איהר זאלט שוין ווידער זיין צו הויז.

ה ע ד ד א: און עס איז ניט אוועק א טאָג, וואָס איך האָב זיך ניט געוואונשען דאָס אייגענע.

ב ר א ק: איהר? ווירקליך, מאדאם הערדא? און איך האָב געמיינט אז איהר האָט זיך אזוי פּראכטפאָל אמוזירט אויף אייער רייזע!

ה ע ד ד א: אה, יא, איהר מעגט עס מיינען!

ב ר א ק: אָבער טעסמאן'ס בריעף זיינען דאָך געווען אזעלכע פרעהליכע.

ה ע ד ד א: אך, ט ע ס מ א ן! ער, זעהט איהר, דענקט אז קיין זאך איז ניט אזוי אנגענעהם ווי צו ראָיען זיך אין ביבליאָטעקען און קאָפּירען אלטע פּארמעט־בלעטער, אָדער ווי עס הייסט דאָרטען.

ב ר א ק: (א ביסעל שטעכעדיג) נא, דאָס איז זיין בערוף אין לעבען — וועניגסטענס א טייל פון זיין בערוף.

ה ע ד ד א: יא, נאטירליך; און פאר אזעלכען מעג עס זיין אינטערעסאנט — אָבער איך! אָה, מיין ליעבער הער בראק, ווי שטערבליך לאנגווייליג מיר איז געווען.

ב ר א ק: (סימפּאטיש) איז עס ווירקליך אזוי געווען? איהר מיינט עס ערנסט?

ה ע ד ד א: יא, איהר קענט עס דאָך פערשטעהן — ! ארומפאָהרען גאנצע זעקס מאָנאט, ניט בעגעגענדיג איין מענשען, וועלכער וויים כאָטש וויפיעל עס איז וועגען א ו נ ז ע ר קרייז, אָדער קען עפּעס זאָגען וועגען די זאכען וואָס אינטערעסירען אונז.

ב ר א ק: יא, יא — מיר וואָלט דאָס אויך געמאנגעלט.

ה ע ד ד א: און דאן, דאָס העכסט אונערטרעגליכסטע פון אלץ —

ב ר א ק: נו?

ה ע ד ד א: איז דאָס אייביגע זיין אין דער געזעלשאפט פון — איין און דערזעלבער פּערזאָן —

ב ר אַ ק: (שאָקעלט צושטימענד מיט'ן קאָפּ) אין דער פריה, בייטאָג און ביינאכט, יא — אין אלע מעגליכע צייטען.

ה עַ ד ד אַ: איך האָב געזאָגט „אייביג“.

ב ר אַ ק: גאנץ ריכטיג. איך זאָל עס אָבער דענקען, אז מיט אונזער פּאָרטרעפליכען טעסמאן וואָלט מען געקענט —

ה ע ד ד א: טעסמאן איז — א ספּעציאליסט, מיין ליעבער ריכטער.

ב ר א ק: דאָס קען מען ניט אָבלייקענען.

ה ע ד ד אַ: און מיט ספּעציאליסטען ארומצורייזען איז נאָר ניט אמוזאנט. ניט אויף לאנג, יעדענפאלס.

ב ר א ק: אפילו ניט מיט דעם ספּעציאליסט — וועלכען עס טרעפט אז מען האָט ל י ע ב?

ה ע ד ד א: פוי — געברויכט ניט דעם חלשות'דיגן וואָרט.

ב ר א ק: (איבערראַשט) וואָס זאָגט איהר, מאדאם העדדא?

ה ע ד ד אַ: (האלב לאכעדיג, האלב בייזלעך) פּרובירט נור אמאָל! מעהר גאָר נישט הערען ווי די געשיכטע פון ציוויליזאַציע, אין דער פריה, ביי טאָג און ביי נאכט —

ב ר א ק: אייביג.

ה ע ד ד א: יא, יא, יא! און דאן די מעשה מיט דער הויזליכער אינדוסטריע פון מיטעלאלטער — דאָס איז דאָס עקעלהאפטיגסטע פון אלעם!

ב ר א ק: (קוקט איהר אָן פאָרשענדיג) זאָגט מיר אָבער — וויבאלד אזוי, ווי זאָל איך זיך ערקלערען אייער —? ה'ם —

ה ע ד ד א: מיין הייראטען מיט זשאָרזש טעסמאן, מיינט איהר?

ב ר א ק: נו, יא, לאָמיר עס אזוי אויסדריקען.

ה ע ד ד א: מיין גאָט, איז דאָס ביי אייך אזא וואונדער?

ב ר א ק: יא און ניין — מאדאם העדדא.

ה ע ד ד א: איך האָב פּאָזיטיוו זיך אָנגעטאנצט ביז צום מיעד ווערען, מיין ליעבער ריכטער. מיין טאָג איז געווען צו ענד

— (ליבט אויפציטערנדיג) יָה, ניין! — דאָס וועל איך ניט זאָגען, און דענקען אויך ניט!

בראק: איהר האָט גאַנץ זיכער קיין גרונד ניט דאפיר.

העדדא: אַך, גרינדע — (בעטראַכט איהם גענוי) און זשאָרזש טעסמאַן — נאָך אַלעמען מוזט איהר צוגעבען אז ער איז א העכסט קאָרעקטער מענש.

בראק: אז ער איז קאָרעקט און רעספּעקטאבעל — דערויין איז קיין צווייפעל ניט.

העדדא: און איך זעה ניט אין איהם קיין זאַך וואָס זאָל זיין אבסאָלוט לעכערליך. — זעהט איהר?

בראק: לעכערליך? נ־ניין — איך קען עס ניט זאָגען —

העדדא: נו, און ער איז יעדענפאַלס א זעהר פלייסיגער פאָרשער. איך זעה ניט איין, פאַרוואָס ער זאָל ניט קענען ווען עס איז זיך ארויפארבייטען.

בראק: (קוקט אויף איהר ניט זיכער) איך האָב געגלויבט אז איהר, אזוי גוט ווי יעדער אנדערער, ערוואַרטעט ער זאָל ארויפשטייגען ביז׳ן העכסטען שטאַפּעל.

העדדא: (מיט א מיעדען אויסדרוק) יאָ, אזוי האָב איך ערוואַרטעט — און דאַן, וויבאַלד ער איז געווען אזוי ענטשלאָסען מיט אַלע זיינע קרעפטען מיך צו בעזאָרגען, זעה איך ווירקליך ניט איין, פאַר וואָס איך זאָל ניט האָבען אָנגענומען זיין האַנד.

בראק: יאָ — אויב איהר קוקט אויף דעם פון דער זייט —

העדדא: דאָס איז געווען מעהר וויפיעל מיינע אנדערע פערעהרער זיינען געווען בערייט צו טהאָן פאַר מיר, מיין ליעבער בראַק.

בראק: (לאַכט) נו, איך קען ניט ענטפערען פאַר אַלע אַיבעריגע, אָבער וואָס עס בעטרעפט מיך אליין, ווייסט איהר גאַנץ גוט, אז איך האָב אימער געהאט — א געוויסע אכטונג פאַר דעם

באנד פון עהע — פאר דער עהע אלס און אינסטיטוציע, מאדאם הערדא.

הערדא: (שפאסהאפטיג) את, אויף אייך, גלויבט מיר זי־כער, האב איך קיינמאל קיין האפנונגען ניט געהאט.

בראק: אלץ וואס איך פערלאנג, איז אן אנגענעהמער און אינטימער קרייז, וואו איך קען זיין בעהילפיג מיט ראטה און טהאט, און בין פריי אריין־און־ארויס צו געהן — ווי א פערטרוי־טער פריינד —

הערדא: פון דעם בעל־הבית פון הויז, מיינט איהר?

בראק: (פערגייגט זיך) אויפריכטיג געזאגט — פון דער בעל־הבית'טע די ערשטע זאך; עס פערשטעהט זיך פון בעל־הבית אויך, צווייטענס. אזא דרייווינקעלדיגע פריינדשאפט — אויב איך קען עס אזוי אנרופען — איז ווירקליך זעהר אנגענעהם פאר אלע דריי, לאזט מיר אייך זאגען.

הערדא: יא, איך האב זיך פיעל מאל געוואונשען צו האבען וועמען עס איז א דריטען אויף אונזערע רייזען. אך — דאס זיצען זאלבענאנד אין דער קופעע —!

בראק: צום גליק איז אייער האכצייטס־רייזע שוין פאר־איבער.

הערדא: (שאקעלט מיט'ן קאפ) ניין, נאך לאנג, לאנג ניט. איך בין נור אנגעקומען דערווייל אויף א סטאנציע אונטער־וועגס.

בראק: נו, דאן שפרינגט מען ארויס און מען בעוועגט זיך א ביסעל, מאדאם הערדא.

הערדא: איך שפרינג קיינמאל ניט ארויס.

בראק: ווירקליך ניט?

הערדא: ניין — ווארים אימער געפינט זיך ווער עס איז, וואס —

בראק: (לאכט) וואס וואלט כאפען א קוק אויף אייערע קנעבלעך, מיינט איהר?

העדדא: יא, ריכטיג.

בראק: נו, אָבער מיין גאָט —

העדדא: (מאכט אוועק מיט'ן האנד) דאָס וויל איך ניט. איך בלייב שוין בעסער זיצען וואו איך בין, אין צווייען.

בראק: אָבער ווי איז א שטייגער, ווען א דריטע פּערזאָן שפּרינגט אריין און זעצט זיך צו צו דעם פּאָריל?

העדדא: אה — דאָס איז שוין עפּעס אנאנדער זאך.

בראק: א פערטרויטער, סימפּאטישער פריינד —

העדדא: וועלכער קען אונטערהאלטען און פיהרען גע־שפּרעכען וועגען אלע מעגליכע געגענשטאנדען —

בראק: און איז א ברעקיל ניט קיין ספּעציאליסט...

העדדא: (זיפצט אויף) יא, דאָס וואָלט טאקע געווען אן ערלייכטערונג.

בראק: (הערט ווי עס עפענט זיך די פאָדערסטע טיר און קוקט אהין צו) דער דריי־עק איז געשלאָסען.

העדדא: און דער צוג פאָהרט ווייטער.

(זשאָרזש טעסמאן, אין א גרויען אַנצוג מיט א ווייכען פילצע־נעם הוט, קומט אריין פון קאָרידאָר. ער טראָגט אייניגע ניט־געבונדע־נע ביכער אונטער'ן אָרעם און אין די טאַשען.)

טעסמאן: (געהט צו צום טיש נעבען דער זאָפע אין ווינ־קעל) פוה — וואָס פאר א שווערע משא אָט די אלע ביכער זיינען אין א הייסען טאָג! (לעגט זיי אויפ'ן טיש) איך בין פּאָזיטיוו פערשוויצט, העדדא. אך, זעהט נור! איהר זייט שוין דאָ, מיין ליעבער ריכטער, הא? בערטא האָט מיר גאָר ניט געזאָגט.

בראק: (שטעהט אויף) איך בין אריינגעקומען דורכ'ן גאָרטען.

העדדא: וואָס פאר־א ביכער האָסטו דאָרטן?

טעסמאן: (שטעהט און קוקט זיי דורך) עטליכע נייע ביכער וועגען מיינע ספּעציעלע שטודיען — וועלכע איך מוז נויטיג האָבען.

ה ע ד ד א: וועגען דיין ספעציאליטעט?

ב ר א ק: יא, ביכער אויף זיין ספעציאליטעט, מאראם טעסמאן. (בראק און העדדא שמייכלען איינע צו די אנדערע פער־טרויליך.)

ה ע ד ד א: ברויכסטו נאך מעהר ביכער פאר דיין ספע־ציאליטעט?

ט ע ס מ א ן: יא, מיין ליעבע העדדא, מען קען קיינמאל ניט האבען צופיעל. מען מוז נאטירליך זיין בעקאנט מיט אלעם וואס איז געשריבען און געדרוקט אין דעם פאך.

ה ע ד ד א: יא, איך דענק אז מען מוז.

ט ע ס מ א ן: (זוכט צווישען די ביכער) זעה נור — איך האב מיר איינגעשאפט עילערט לאוובארג'ס בוך אויך. (דערלאנגט איהר דאס בוך) ווילסט אפשר ווען עס דורכקוקען, העדדא, הא?

ה ע ד ד א: ניין, א דאנק. אדער — אפשר שפעטער.

ט ע ס מ א ן: איך האב אביסעל ארייגעקוקט אין איהם געהענדיג אהיים.

ב ר א ק: נו, וואס דענקט איהר וועגען דעם בוך אלס ספע־ציאליסט?

ט ע ס מ א ן: איך דענק, אז עס צייגט ארוים א מערקוויר־דיג געזונטען פערשטאנד. ער האט קיינמאל פריהער אזוי גוט ניט געשריבען. (נעהמט צונויף די ביכער) איצטער וויל איך דאס אלעס אריינטראגען צו מיר אין קאבינעט. איך וואלט שוין וועלען אויפ־שניידען די בלעטער. — און דאן מוז איך זיך איבערטאן. (צו בראק) איך מיין, אז מיר האבען נאך צייט צו געהן, הא?

ב ר א ק: אה, ניין, איהר דארפט זיך ניט אנהויבען צו איילען.

ט ע ס מ א ן: אלזא גוט, וועל איך מיר נעהמען צייט. (ער געהט מיט די ביכער, שטעלט זיך אב אין דורכגאנג און קעהרט

זיך אום) יא, ווייסטו, הערדא — טאנטע יוליא וועט היינט אין אבענד ניט קומען.

הערדא: זי קומט ניט? אפשר צוליעב דער געשיכטע מיט'ן הוט?

טעסמאן: אָה, א האָר ניט דעריבער. ווי קענסטו גאָר טראכטען אזא זאך אויף טאנטע יוליא — בערעכען נור! דער פאקט איז, אז טאנטע רינא איז זעהר קראנק.

הערדא: זי איז אלעמאָל קראנק.

טעסמאן: יא, אָבער היינט פיהלט זי נעבעך א סך ערגער ווי אלעמאָל.

הערדא: נו, אויב אזוי, איז עס נישט מעהר ווי רעכט, אז איהר שוועסטער זאָל בלייבען מיט איהר. איך וועל שוין אריבערטראָגען דעם שאָדען.

טעסמאן: און דו קענסט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען ווי צופריעדען טאנטע יוליא איז — ווייל דו האָסט זיך אזוי גוט ערהאָלט אויף דער רייזע.

הערדא: (שטעהט אויף, האלב־לויט) אך, די דאָזיגע אייביגע טאנטעס!

טעסמאן: וואָס?

הערדא: (געהט צו דער גלעזערנער טיר) נאָרנישט.

טעסמאן: נו, גוט. (ער געהט ארויס דורכ'ן מיטעלסטען צימער רעכטס.)

בראק: וועגען וואָס פאר א הוט האָט איהר דאָס גערעדט?

הערדא: אך, דאָס איז א שטיקעל געשיכטע וואָס האָט זיך אָבגעשפּיעלט מיט פריילין טעסמאן היינט אין דער פריה. זי האָט געהאט אוועקגעלעגט איהר הוט אויף יענעם שטוהל דאָרטן — (זי קוקט אויף איהם און שמייכעלט) — און איך האָב זיך געמאכט, ווי איך וואָלט גערענקט אז דאָס איז דער דיענסט'ס.

בראק: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) אָבער, מיין ליעבע מאדאם

העדדא, ווי אזוי דאָט איהר געקענט טהאָ׳ אזא זאך? און ווע־
מען? — אזא ליעבענסווירדיגער עלטערער דאמע!

העדדא: (געהט איבער׳ן צימער נערוועז) יא, איהר ווייסט — אזא שגעון קומט אויף מיר אָן מיט איין מאָל, און איך קען עס ניט גובר זיין. (וואַרפט זיך אַנידער אויפ׳ן לעהנשטוהל ביים אויוועז) אה, איך ווייס ניט ווי זיך דאָס צו ערקלערען.

בראק: (הינטער דעם לעהנשטוהל) איהר זייט אין אמת׳ן נים גליקליך — דאָס איז די זאך.

העדדא: (קוקט גלייך אַנטקעגען) איך ווייס קיין אורזאך ניט פאר וואָס איך זאָל זיין — גליקליך. קענט איהר מיר אפשר זאָגען?

בראק: יא — צווישען אנדערע, דערפאר ווייל איהר האָט געקריגען די היים, וועלכע איהר האָט אקוראט געוואונשען.

העדדא: (קוקט אויף איהם און לאכט) איהר גלויבט אויך אין דער דאָזיגער לעגענדע?

בראק: איז עס דען ניט אמת?

העדדא: אַה יא, עטוואָס אמת שטעקט אין דעם.

בראק: נו?

העדדא: אָט דאָס שטעקט אין דעם, וואָס איך האָב געברויכט טעסמאַן׳ען אויף צו בעגלייטען מיך אהיים פון בעלע־לעצטען זומער —

בראק: לײדער איז מיר אויסגעקומען צו געהן מיט אנאנדער וועג.

העדדא: דאָס איז אמת. איך ווייס אז איהר זייט געגאנגען מיט אַנאנדער וועג לעצטען זומער.

בראק: (לאכט) שעהמען זאָלט איהר זיך, מאדאם העדדא! נו, אלזאָ — איהר און טעסמאַן —?

העדדא: יא, איין אבענד האָט זיך געמאכט אז מיר זיינען דאָ פערביינגעגאנגען; טעסמאַן, דער אומגליקליכער נע־

בעך, האָט זיך געדרעהט אין דרייען מאטערענדיג זיך אנצופיהרען א געשפּרעך — נו, האָב איך רחמנות געהאט אויף דעם געלעהר־טען מאן —

ב ר א ק: (שמייכעלט צווייפעלהאפטיג) א י ה ר האָט רחמנות געהאט? ה׳ם?

ה ע ד ד א: יא, עס האָט מיר ווירקליך לייד געטהאָן. און אזוי זיך — כדי איהם ארויסצוהעלפען פון א פערלעגענהייט — איז מיר לייכטזיניג איינגעפאלען איהם צו זאָגען, אז איך וואָלט גע־וואָלט וואוינען אין אָט דער ווילא.

ב ר א ק: מעהר גאָרנישט?

ה ע ד ד א: מעהר גאָרנישט י ע נ ע ם אָבענד.

ב ר א ק: אָבער נאָכהער?

ה ע ד ד א: און מיין לייכטזיניגקייט האָט געהאט פאָלגען, מיין ליעבער בראק.

ב ר א ק: ליידער טרעפט דאָס צו־אָפט, מאדאם העדדא.

ה ע ד ד א: איך דאנק אייך! איהר זעהט אלזאָ, אז אָט דער חשק צו דעם מיניסטער פאלק׳ס ווילא איז געוואָרען דער ערשטער באנד פון סימפּאטיע צווישען זשאָרזש טעסמאן און מיר. דערפון איז ארויסגעקומען אונזער פערלאָבונג, אונזער חתונה, און אונזער הייראט־רייזע, און אלע איבעריגע זאכען. יא, יא, מיין ליעבער בראק — ווי מען בעט זיך אויס, אזוי ליעגט מען, ווילט זיך מיר זאָגען.

ב ר א ק: דאָס איז גרויסארטיג! און אין אמת׳ן איז אייך גאָרניט אָנגעגאנגען די גאנצע זאך?

ה ע ד ד א: ניין, גאָט איז מיין עדות אז ניט.

ב ר א ק: אָבער איצטער? איצט ווען מיר האָבען אלץ אזוי היימיש איינגעאָרדענט דאָ פאר אייך?

ה ע ד ד א: אָה — אין אלע צימערן, דוכט זיך, שמעקט מיט לאַוועגדער און געטריקענטע ראָזען. — נור אפשר האָט עס טאנטע יוליא געבראכט דעם ריח מיט זיך.

ב ר אַ ק: (לאַכט) ניין, איך דענק אז דאָס איז געבליבען א ירושה פון דער פערשטאָרבענער פרוי מיניסטאָרין פאלק.

ה ע ד ד אַ: יאַ, עס הערט זיך טאַקע אין דעם א גערוך פון שטערבליכקייט. עס דערמאָהנט מיך אָן א בלומען־קראַנץ — אויף מאָרגען נאָכ'ן באַל. (לעגט צונויף די הענד אונטער'ן קאָפּ, שפּארט זיך אָן הינטען אויפ'ן שטוהל און קוקט אויף איהם) אה, מיין ליעבער בראק — איהר קענט זיך ניט פאָרשטעלען ווי שרעקליך איך וועל זיך דאָ לאַנגווייל ען.

ב ר א ק: פאר וואָס זאָלט איהר אויך ניט געפינען זיך עפּעס אַ בערוף אין לעבען, מאַדאם העדדאַ?

ה ע ד ד אַ: א בערוף — וואָס זאָל האבען עטוואס אנצי־הענדעס פאר מיר?

ב ר א ק: עס פערשטעהט זיך, אויב מעגליך.

ה ע ד ד אַ: גאָט ווייס וואָס פאר א מין בערוף דאָס וואלט געקענט זיין. איך קלער מיר אָפט צי וואָלט ניט — (האקט זיך איבער) אָבער דאָס וועט אויך ניט געהן.

ב ר א ק: ווער קען וויסען? לאָמיר הערען וואָס דאָס איז.

ה ע ד ד אַ: איך מיין, איך זאָל ניט זעהען, אז טעסמאַן זאָל זיך אריינלאָזען אין דער פּאָליטיק.

ב ר א ק: (לאַכט) טעסמאַן? ניין, ווירקליך דאָס איז ניט פאר איהם — ניט פאר זיין כאראַקטער.

ה ע ד ד אַ: ניין, איך האָב מורא אז ניט. — ווען איך וואָלט איהם דאָך געקענט ברייננען דערצו?

ב ר א ק: יאַ, — אָבער וואָס פאר א צופריעדנשטעלונג וואָלט איהר געקענט האָבען דערפון? אויב ער טויג זיך ניט פאר אזא מין זאַך, איז פאר וואָס זאָלט איהר איהם דוקא וועלען אריינ־טרייבען אין דעם?

ה ע ד ד אַ: ווייל מיר איז לאַנגווייליג, זאָג איך דאָך אייך! (נאָך א פּאוזע) דיינקט איהר, הייסט עס, אז עס איז גאָר אונמעג־ליך טעסמאַן זאָל ווען עס איז קענען ווערען א מיניסטער?

ב ר א ק: ה'ם — פערשטעהט איהר מיך, מיין ליעבע מאַדאם העדדא — כדי צו קענען ווערען א מיניסטער, וואָלט ער ערשטענס געדאַרפט זיין א היבש רייכער מאן.

ה ע ד ד א: (שטעהט אויף אונגעדולדיג) יא, אַט דאָ ליעגט דער הונד בעגראָבען! עס איז דער קבצנ'ישער יחוס, אין וועלכען איך האָב זיך דאָ אריינגעדרעהט —! (געהט איבער'ן צימער) אַט דאָס איז עס, וואָס מאכט דאָס לעבען אזוי יאמערליך! אזוי לעכערליך דורכאויס! — דען אַט דאָס איז עס.

ב ר א ק: און איך וואָלט געזאָגט, אז דער פעהלער געפינט זיך גאָר אנדערסוואו.

ה ע ד ד א: וואו דען?

ב ר א ק: איהר האָט קיינמאָל ניט דורכגעמאכט אין אייער לעבען קיין ווירקליך אויפמונטערענדע ערפאהרונג.

ה ע ד ד א: איהר מיינט עפעס ערנסטעס?

ב ר א ק: יא, איהר מעגט עס אזוי אָנרופען. נור אפשר שטעהט אייך איצטער וואָס פאָר.

ה ע ד ד א: (טהוט א וואָרף מיט'ן קאָפּ) אה, איהר דענקט פון די אונאננעהמליכקייט וועגען דער טרויעריגער פראָפעסאָרשטעלע? ניין, דאָס מוז בלייבען טעסמאן'ס אייגענער עסק. איך פערזיכער אייך, אז איך וועל עס ניט האָבען אין זינען אפילו איין מינוט.

ב ר א ק: ניין, ניין, דערפון רעד איך ניט. נור ווי איז א שטייגער, אז איהר וואָלט איצטער געקריגען וואָס אין א ערעלען לשון הייסט — אן ערנסטע פעראנטוואָרטליכקייט? (ער שמייכעלט) אזוי צו זאָגען, א נייע פעראנטוואָרטליכקייט, מאדאם העדדא?

ה ע ד ד א: (בייז) שווייגט שטיל! אזא מין זאך וועט קיינמאָל ניט פאסירען!

ב ר א ק: (פאָרזיכטיג) נו, וועגען דעם וועלען מיר נאָך רעדען — א יאָהר שפּעטער, העכסטענס.

העדרא: (שארף) פאר אזעלכע זאכען האָב איך קיין נייגונג ניט, הערר ריכטער. קיינע פעראנטוואָרטליכקייטען פאר מיר!

בראק: זייט איהר דען אזוי פערשיעדען פון דעם כלל פרויען, אז איהר האָט גאָר קיין נייגונג ניט פאר אזוינע פליכטען, וועלכע — ?

העדרא: (ביי דער גלעזערנער טיר) אָה, שווייגט שטיל, זאָג איך אייך! — אָפט דאכט מיר, אז עס איז דאָ נור איין זאך אויף דער וועלט, פאר וועלכער איך האָב עפּעס א נייגונג.

בראק: (טרעט צו נעהנטער צו איהר) און וואָס איז עס, אויב איך מעג פרעגען?

העדרא: (שטעהט קוקענדיג דרויסען) זיך לאנגווייליגען צום טויט. איצט ווייסט איהר שוין. (קעהרט זיך אום, קוקט צום מיטעלסטען צימער צו און לאכט) יא, פונקט ווי איך האָב געקלערט! אָט קומט דער פּראָפּעסאָר.

בראק: (זאכט, אין א טאָן פון ווארנונג) נאָ, נא, נא, מאדאם העדרא!

(זשאָרזש טעסמאן, אָנגעטאָן צום אבענד, מיט די האנדשוה און הוט אין האנד, קומט אריין פון רעכטס דורכ'ן מיטעלסטען צימער.)

טעסמאן: העדדא, איז ניט געקומען קיין נאכריכט פון עילערט לאָווּבאָרג? הא?

העדדא: ניין.

טעסמאן: דאן וועסטו זעהען אז ער וועט דאָ באלד אליין זיין.

בראק: און איהר דענקט ווירקליך אז ער וועט קומען?

טעסמאן: יא, איך בין כמעט זיכער אז ער וועט. ווארים דאָס וואָס איהר האָט אונז דערצעהלט היינט אין דער פריה האָט אודאי געמוזט זיין ניט מעהר ווי ליטישע רייד.

בראק: דענקט איהר אזוי?

טעסמאן: יעדענפאלס האָט טאנטע יוליא געזאָגט אז

זי גלויבט ניט, אז ער וועט ווען עס איז מיר נויטיקער שטעהען אין וועג. שטעלט זיך נאָר פאָר!

ב ר א ק: נו אויב אזוי, איז גאנץ גוט.

ט ע ס מ א ן: (לעגט אוועק זיין הוט און האַנדשוה אויף א שטוהל רעכטס) יא, אָבער איהר וועט מיר מוזען לאָזען ווארטען אויף איהם אזוי לאנג ווי מעגליך.

ב ר א ק: מיר האָבען נאָך גענוג צייט. קיינע פון מיינע געסט וועלען ניט קומען פריהער פאר זיעבען אָדער האלב־אכט.

ט ע ס מ א ן: דאן קענען מיר אונטערהאלטען הערדא'ן דערווייל און זעהען וואָס ס'וועט זיין, הא?

ה ע ד ד א: (לעגט אוועק בראק'ס הוט און איבערראָק אויף דער ווינקעל־זאָפע) און אין ערגסטען פאַל קען הער לאָווּבאָרג בלייבען דאָ מיט מיר.

ב ר א ק: (וויל אליין נעהמען זיינע זאכען) אך, ביטע, מאדאם טעסמאן! — וואָס מיינט איהר אייגענטליך מיט „אין ערגסטען פאל“?

ה ע ד ד א: אויב ער וועט ניט געהן מיט אייך און טעסמאן.

ט ע ס מ א ן: (קוקט אונענטשלאָסען אויף איהר) אָבער, מיין ליעבע הערדא — דענקסטו אז עס פאסט זיך אז ער זאָל דאָ בלייבען מיט דיר, הא? פערגעס ניט אז טאנטע יוליא קען ניט קומען.

ה ע ד ד א: ניין, אָבער פרוי עלווסטעד וועט קומען. מיר דריי קענען פערברייננגען צוזאמען ביי א גלעזיל טהעע.

ט ע ס מ א ן: אָה, יא, דאָס איז שוין רעכט.

ב ר א ק: (שמייכעלט) און אפשר וואָלט דאָס טאקע נעווען דער זיכערסטער פּלאן פאר איהם.

ה ע ד ד א: פאר וואָס עפּעס?

ב ר א ק: נו, איהר געדענקט דאָך, מאדאם טעסמאן, ווי איהר פלעגט אבלאכען פון מיינע קליינע ווטשערינקעס. איהר פלעגט זאָגען, אז זיי פאסען זיך נור פאר מענשען מיט גאנץ שטרענגע פּרינציפּען.

הערדא: אבער הער לאָווובאָרג׳ס פּרינציפּען זיינען איצט אָהן צווייפעל שטרענג געגוג. א זינדיגער וואָס האָט תשובה געטהאָן —

(בערטא בעווייזט זיך אין אריינגאנגס טיר.)

בערטא: מאדאם, איין הערר איז געקומען וועלכער פרעגט אויב איהר זייט צו הויז.

הערדא: לאָזט איהם אריין.

טעסמאן: (שטיל) איך בין זיכער אז דאָס איז ער! שטעלט זיך פאָר!

(עילערט לאָווובאָרג קומט אריין פון קאָרידאָר. ער איז שלאַנק און מאָגער; פון דיזעלבע יאָהרען ווי טעסמאן, ער זעהט אָבער אויס עלטער און עטוואָס אָבגעלעבט. די האָר אין דער באָרד זיינען שווארץ־ברוין, דאָס געזיכט לאַנג און בלאַס מיט רוטיליכע פלעקען אויף די באַקען. ער איז געקליידעט אין א עלעגאנטען שווארצען בעזוך־אנצוג, נאָך גאָר א נייעס. טראָגט טונקעלע האַנדשוה און א צילינדערהוט אין האַנד. ער שטעלט זיך אָב נעבען טיר, פערנייגט זיך שנעל, פיהלט זיך עטוואס אין פערלעגענהייט.)

טעסמאן: (געהט צו צו איהם און דריקט איהם ווארעם די האַנד) נו, מיין ליעבער עילערט — אָט אזוי טרעפען מיר זיך ענדליך ווידער!

עילערט לאָווובאָרג: (רעדט מיט א שטילער שטימע) איך דאַנק דיר פאַר דיין בריעף, טעסמאן. (געהט צו צו הערדא) קען איך אייך אויך געבען די האַנד, מאדאם טעסמאן?

הערדא: (נעהמט זיין האַנד) עס פרעהט מיך אייך צו זעהן, הערר לאָווובאָרג. (אָנצייגענדיג מיט׳ן האַנד) איך ווייס ניט, אויב די ביידע העררען —?

לאָווובאָרג: (פערנייגט זיך לייכט) הערר ריכטער בראַק גלויב איך.

בראַק: (פערנייגט זיך אויך) אה, יא — אמאָלינע צייטען —

טעסמאן: (צו לאָובאָרג, ארויפלעגענדיג די הענד אויף זיינע אקסלען) און איצט קענסטו זיך דאָ ביי אונז פיהלען אינ־גאנצען היימיש, עילערט! ניט וואהר, הערדרא? — וואָרים איך הער אז דו מיינסט וויעדער זיך צו בעזעצען אין שטאָדט, הא?

לאָובאָרג: יא, איך דענק אזוי.

טעסמאן: גאנץ רעכט, גאנץ רעכט. הער נור, איך האָב שוין געקריגען דיין נייען בוך; איך האָב אָבער נאָך קיין צייט ניט געהאט איהם צו לעזען.

לאָובאָרג: דו מעגסט זיך פארשפּאָרען די טרחה.

טעסמאן: וואָס עפּעס?

לאָובאָרג: ווייל עס איז דאָרטן גאָרנישט ניטאָ.

טעסמאן: בערעכען נור — ווי אזוי קענסטו דאָס זאָ־גען?

בראק: ווי איך הער, לויבט מען דאָס בוך גאָר זעהר פיעל.

לאָובאָרג: דאָס איז וואָס איך האָב געוואָלט; דא־רום האָב איך דאָס בוך געשריבען אזוי, אז יעדער איינער זאָל קע־נען דערמיט איינשטימען.

בראק: דאָס איז זעהר קלוג פון אייער זייט.

טעסמאן: יא, אָבער, מיין ליעבער עילערט —!

לאָובאָרג: וואָרים איך האָב איצטער בדעה צו גע־ווינען פאר זיך א פּאָזיציע פון דאָס־ניי — איך וויל וויעדער אָנ־הויבען פון אָנפאנג.

טעסמאן: (אביסעל אין פערלעגענהייט) אה, אָט דאָס ווילסטו טהאָן?

לאָובאָרג: (שמייכעלט, לעגט אוועק זיין הוט און נעהמט ארויס פון טאש פון ראָק א פּאקעט איינגעוויקעלט אין פּאפּיער) ווען אָט דאָס וועט זיין געדרוקט, זשאָרזש טעסמאן, וועסטו עס מוזען לעזען. וואָרים דאָס איז דאָס אמת'ע בוך — דאָס בוך, אין וועלכען איך האָב אריינגעלעגט מיין ריכטיגען „איך“.

טעסמאן: ווירקליך? וואָס איז עס דען?

לאָובאָרג: דאָס איז די פּאָרטזועצונג.

טעסמאן: די פּאָרטזועצונג? פון וואָס?

לאָובאָרג: פון דעם בוך.

טעסמאן: פון דעם נייען בוך?

לאָובאָרג: פערשטעהט זיך.

טעסמאן: וואָס הייסט, מיין ליבער עילערט — גרייכט ניט דיין בוך ביז דער לעצטער צייט?

לאָובאָרג: יא, עס גרייכט טאקע, אָבער דיעזעס האנ־דעלט וועגען דער צוקונפט.

טעסמאן: וועגען דער צוקונפט! אָבער, מיין גאָט, וועגען דעם וויסען מיר דאָך גאָרנישט!

לאָובאָרג: ניין, דאָך לאָזט זיך שוין עפּעס זאָגען וועגען דעם. (עפענט דעם פּאקעט) טהו נור א קוק —

טעסמאן: אָבער דאָס איז דאָך ניט דיין האנדשריפט.

לאָובאָרג: איך האָב עס דיקטירט. (מישט די בלעטער) עס צופאלט אין צוויי טיילען. דער ערשטער טייל רעדט וועגען די ציוויליזירענדע קרעפטען פון דער צוקונפט. און אָט איז דער צווייטער טייל — (לויפט דורך די בלעטער ביז׳ן ענד) אין דעם האנדעלט זיך וועגען דעם וואהרשיינליכען גאנג פון דער ענט־וויקלונג.

טעסמאן: מערקווירדיג! מיר וואָלט קיינמאָל אויפ׳ן זין ניט ארויף זאָ־וואס צו שרייבען.

הערדא: (שטעהט ביי דער גלעזערנער טיר און קלאפּט מיט די פינגער אויף די שויבען) ה׳ם — איך מיין עפּעס, אז ניט.

לאָובאָרג: (פערוויקעלט דעם מאנוסקריפּט אין דעם פּאַ־פּיער און לעגט עס אוועק אויפ׳ן טיש) איך האָב עס געבראכט מיט זיך, דענקענדיג אז איך וועל קענען דיר לעזען א ביסעל פון דעם היינט אין אבענד.

טעסמאן: דאָס איז געוועז זעהר שעהן פון דיר, עי־לערט. אָבער היינט אין אָבענד — ? (קוקט אויף בראק׳ן) איך

זעה ניט ווי מיר וועלען עס קענען איינאָרדנען —

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: נו גוט, וועט זיין אנאנדער צייט. עס איז קיין איילעניש.

ב ר א ק: איך מוז אייך דערצעהלען, הערר לאָווב‎אָרג — היינט אין אבענד וועלען זיך צונויפקלויבען א קליינע קאָמפּאניע ביי מיר אין הויז — הויפּטזעכליך לכבוד טעסמאן׳ען, פערשטעהט איהר —

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: (זוכט זיין הוט) אה, אויב אזוי וועל איך אייך ניט פערהאלטען —

ב ר א ק: ניין, הערט אָבער — ווילט איהר ניט מיר טהון דעם געפאלען און מיטגעהן מיט אונז?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: (קורץ און שארף) ניין, איך קען ניט — איך דאנק אייך זעהר.

ב ר א ק: אך וואָס — קומט דאָך! מיר וועלען האָבען א געקליבענעם קליינעם קרייז מענשען. און איך פערזיכער אייך אז מיר וועלען „לעבען א טאָג“ — ווי מאדאם העדר — ווי מאדאם טעסמאן זאָגט.

ל א ו ו ב אָ ר ג: דעריין איז ביי מיר קיין ספק ניט. דאָך אָבער —

ב ר א ק: און דאן קענט איהר מיטנעהמען אייער מאנו־סקריפּט און איהם לעזען פאר טעסמאן׳ען ביי מיר אין הויז. איך וואָלט אייך געגעבען א צימער אינגאנצען פאר אייך.

ט ע ס מ א ן: יא, בעטראכט נור, עיילערט — פארוואָס זאָלסטו דאָס ניט טהאָן? הא?

ה ע ד ד א: (מישט זיך אריין) אָבער, טעסמאן! ווען הערר לאָווב‎אָרג וויל עס ניט — איך בין זיכער הערר לאָווב‎אָרג איז מעהר צופריעדען צו בלייבען דאָ און עסען וועטשערע מיט מיר.

ל א ו ו ב אָ ר ג: (קוקט אויף איהר) מיט אייך, מאדאם טעסמאן?

ה ע ד ד א: און מיט פרוי עלווסטעד.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: אח — (לייכט) איך האָב זי געזעהן א מינוט היינט אין דער פריה.

ה ע ד ד א: איהר האָט זי געזעהן? נו, זי קומט היינט אין אבענד. און דעריבער זייט איהר כמעט פערפליכטעט דאָ צו בלייבען, הערר לאָובאָרג, וואָרים אויב ניט, וועט זי ניט האָבען ווער עס זאָל זי בעגלייטען א היים.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: דאָס איז ריכטיג. איך דאנק אייך זעהר, מאדאם טעסמאן — וויבאלד אזוי בלייב איך.

ה ע ד ד א: דאן וועל איך געהן עפּעס אָנזאָגען דער דיענסט.

(זי געהט צו דער טיר פון קאָרידאָר און קלינגט. בערטא קומט אריין. העדדא זאָגט איהר עפּעס אין דער שטיל און צייגט איהר אָן אויף'ן מיטעלסטען צימער. בערטא שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ און נעהמט ארויס.)

ט ע ס מ א ן: (זאָגט אין דערזעלבער צייט צו לאָובאָרג) זאָג מיר, עילערט — איז עס וועגען אָט דעם נייען געגענשטאנד — וועגען דער צוקונפט — וואָס דו וועסט האלטען דיינע פּאָרטרעגע?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: יא.

ט ע ס מ א ן: ביים בוכהענדלער האָט מען מיר געזאָגט, אז דו וועסט געבען א קורס לעקציעס היינטיגען פריהלינג.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: יא, דאָס איז מיין אבזיכט. איך האָף אז דו וועסט אויך מיר קיין פעראיבעל ניט האָבען, טעסמאן.

ט ע ס מ א ן: אָה ניין, ניט א האָר! אָבער — ?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: איך קען אפילו פערשטעהן, אז דאָס מוז דיר זיין אונאנגענעהם.

ט ע ס מ א ן: (אומעטיג) אה, איך קען דאָך ניט ערווארטען אז צוליעב מיר זאָלסטו —

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: איך וועל נור ווארטען ביז דו וועסט האָבען פריהער געקראָגען דיין שטעלע.

ט ע ס מ א ן: ווע‏סטו ווארטען? יא, אָבער — אָבער — ווילסטו ניט קאָנקורירען מיט מיר? הא?

ל אָ ו ב אָ ר ג: ניין; מיך קימערט נור דער מאָראַלער זיעג.

ט ע ס מ א ן: אַך, גאָט — איז דאָך טאַנטע יוליא פאָרט גערעכט געוועזן! אה יא, איך האָב עס געוואוסט! העדדא! בערעכען נור — עילערט לאָובאָרג מיינט ניט צו שטעהן אין אונ־זער וועג!

ה ע ד ד א: (שארף) אין א ו נ ז ע ר וועג? איך בעט דיך לאָז מ י ך ארויס פון חשבון.

(זי געהט צום מיטעלסטען צימער צו, וואו בערטא שטעלט אוועק אויפ'ן טיש א טאַץ מיט גראַפינען און גלעזער. העדדא שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ און קומט צוריק אין פאָדערסטען צימער. בערטא געהט ארויס.)

ט ע ס מ א ן: (אין דערזועלבער צייט) און איהר, ריכטער בראַק — וואָס זאָגט איהר צו דעם? הא?

ב ר א ק: יא, איך זאָג, אז א מאָראַלער זיעג — ה'ם — קען זיך זיין א גאַנץ פיינע זאַך —

ט ע ס מ א ן: יא, געוויס. אָבער דאָך —

ה ע ד ד א: (קוקט אויף טעסמאַן מיט א קאַלטען שמייכעל) דו שטעהסט דאָרטען און קוקסט ווי פערטויבט פון א דונערשלאַג —

ט ע ס מ א ן: יא — אַזוי פיהל איך — איך הויב אָן צו דענקען —

ב ר א ק: זעהט איהר דען ניט, מאַדאַם טעסמאַן, אז מיר האָבען אָקאָרשט אויסגעמידען א גרויסען דונער־שטורעם?

ה ע ד ד א: (צייגט אָן אויפ'ן מיטעלסטען צימער) ווילט איהר אפשר, מיינע הערען, טרינקען א גלאָז קאַלטען פונש?

ב ר א ק: (קוקט אויף זיין אוהר) אָן אבשיעד טרונק? יא, דאָס איז גאָר ניט קיין נארישע זאַך.

ט ע ס מ א ן: א קאפיטאלנער געדאנק, העדדא! פונקט די ריכטיגע זאך! איצט, אז ס'איז מיר אראב א יאך —

ה ע ד ד א: וועט איהר אויך נים נעהמען א ביסעל, הערר לאָובאָרג?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: (מיט א בעוועגונג פון ענטזאגונג) ניין, איך דאנק. נים פאר מיר.

ב ר א ק: מיין גאָט — קאלטער פונש איז דאך זיכער נים קיין גיפט.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: אפשר נים פאר אלעמען.

ה ע ד ד א: איך וועל דערווייל אונטערהאלטען הערדן לאָובאָרג'ן.

ט ע ס מ א ן: יא, יא, ליעבע העדדא, טהו דאָס.

(ער און בראק געהען אין מיטעלסטען צימער, זעצען זיך אנידער, טרינקען פונש, רויכערען ציגארעטען און פיהרען אָן א לעבעדיגען געשפרעך. עילערט לאָובאָרג בלייבט שטעהן נעבען אויוועך. העדדא געהט צו צום שרייבטיש.)

ה ע ד ד א: (אין עטוואס א העכערער שטימע) וואָלט איהר הישק האָבען אָנקוקען איינינע פאָטאָגראפיען, הערר לאָובאָרג? איהר ווייסט, אז איך מיט טעסמאן'ען האָבען געמאכט א רייזע דורך טיראָל, פאָהרענדיג צוריק א היים?

(זי נעהמט אן אלבום און לעגט עס אוועק אויפ'ן טיש נעבען זאָפע, אין א ווינקעל פון וועלכער זי זעצט זיך אנידער. עילערט לאָוובאָרג געהט צו, שטעלט זיך אָב און קוקט אויף איהר. דאן נעהמט ער אַ שטוהל זעצט זיך נעבען איהר לינקס, מיט'ן רוקען צום מיטעלסטען צימער.)

ה ע ד ד א: (עפענט דעם אלבום) זעהט איהר די קייט פון פעלזען בערג, הערר לאָובאָרג? דאָס איז די אָרטלער גרופע. טעסמאן האָט אונטערגעשריעבען דעם נאָמען. אָט שטעהט עס: „די אָרטלער גרופע נעבען מעראן".

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: (וועלכער האָט די גאנצע צייט פון איהר

די אויגען ניט אראָבגענומען, זאָגט שטיל און לאנגזאם) הערדא — גאבלער !

הערדא: (קוקט האססיג אויף איהם) אה ! שטיל !

לאָווּבאָרג: (וויעדערהאָלט ווייך) הערדא גאבלער !

הערדא: (קוקט אין אַלבום) אזוי האָב איך געהייסען א־מאָל — ווען מיר האָבען זיך געקענט איינער מיט דעם אנדערן.

לאָווּבאָרג: און איך מוז זיך איצטער לערנען מעהר קיינמאָל ניט זאָגען הערדא גאבלער — קיינמאָל ניט, זאָלאנג איך וועל לעבען.

הערדא: (אַלץ בלעטערנדיג דעם אלבום) יא, איהר מוזט זיך לערנען. און איך מיין אז איהר מוזט בעצייטענס אָנהויבען צו פּראקטיצירען. וואָס פריהער אַלץ בעסער, מיין איך.

לאָווּבאָרג: (ערביטערט) הערדא גאבלער פערהייראַטעט ! און מיט ווער — מיט זשאָרזש טעסמאן !

הערדא: יא, אזוי געהט די וועלט.

לאָווּבאָרג: אָה, הערדא, הערדא — ווי קומסט דו זיך אזוי אווּעקצו־וואַרפען !

הערדא: (קוקט איהם אָן שארף) וואָס ! דאָס ערלויב איך ניט !

לאָווּבאָרג: וואָס מיינסטו ?

(טעסמאן קומט אריין אין צימער און געהט צו דער זאָפע.)

הערדא: (הערט ווי ער קומט אין זאָגט אין א גלייכגילטיגען טאָן) און אָט דאָס, הערר לאָווּבאָרג, איז א בליק־קארטע פון וואַל ד'אמפּעצצאָ. קוקט נור אָן אָט די בערג־שפּיצען ! (קוקט ליעבליך אויף טעסמאן) ווי הייסען אָט די שפּיצען־בערג, מיין ליע־בער ?

טעסמאן: לאָמיר זעהען. אה, דאָס זיינען די דאָלאָ־מיטען.

הערדא: יא, טאקע ! דאָס זיינען די דאָלאָמיטען, הערר לאָווּבאָרג.

ט ע ס מ א ן: ליעבע העדדאַ, — איך האָב דיר געוואָלט פרעגען צי זאָל איך דיר אפשר דאָך ברייננגען א ביסעל פונש? פאַר דיר אליין יעדענפאלס, הא?

ה ע ד ד א: יא, ברייננ; און פיליייכט אויך עטליכע קיכ־לעך.

ט ע ס מ א ן: קיינע ציגארעטען?

ה ע ד ד א: ניין.

ט ע ס מ א ן: זעהר גוט.

(ער געהט צום מיטעלסטען צימער, רעכטס. בראַק זיצט אין מי־טעלסטען צימער און וואַרפט אלע ווייל אן אויג אויף העדדא און לאָוובאָרג.)

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: (ווייך אזוי ווי פריהער) ענטפער מיר, העדדא, ווי אזוי האָסטו דאָס געקענט טהאָן?

ה ע ד ד א: (לכּנים אריינגעטאָן אין אלבום) אויב איהר וועט ווייטער מיר זאָגען „דו“, וועל איך צו אייך ניט רעדען.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: טאָר איך ניט זאָגען „דו“ אפילו ווען מיר זיינען אליין?

ה ע ד ד א: ניין. איהר מעגט עס טראַכטען, אָבער איהר מוזט עס ניט זאָגען.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: אה, איך פערשטעה. עס איז א בעליידי־גונג אנטקעגען זשאָרזש טעסמאַן, וועמען איהר — ליעבט.

ה ע ד ד א: (קוקט אויף איהם און שמייכעלט) ליעבע? א שעהנע אידעע.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: הייסט עס אז איהר ליעבט איהם ניט!

ה ע ד ד א: איך וויל אָבער ניט וויסען פון קיין סאָרט אונטריייהייט! געדענקט עס.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: העדדא — ענטפערט מיר נור איין זאַך —

ה ע ד ד א: שא!

(טעסמאַן קומט אריין מיט א קליינעם טאַץ פון מיטעלסטען צי־מער.)

טעסמאן: היער! אָט קומען די גוטע זאכען. (שטעלט אוועק דעם טאץ אויפ'ן טיש.)

העדדא: פאר וואָס סערווירסט דו אליין?

טעסמאן: (גיסט אָן די גלעזער) ווייל עס מאכט מיר אזוי פיעל פערגעניגען דיך צו בעדיענען, העדדא.

העדדא: דו האָסט אָנגעגאָסען צוויי גלעזער. הערר לאָוובאָרג האָט געזאָגט אז ער וויל קיינע —

טעסמאן: יא, אָבער פרוי עלווסטעד וועט דאָ באלד זיין, ניין?

העדדא: יא, קירצליך — פרוי עלווסטעד —

טעסמאן: האָסט שוין פערגעסען וועגען איהר? הא?

העדדא: מיר זיינען געוועזען אזוי אריינגעטאָהן אין אָט די פאָטאָגראפיעס. (זי צייגט איהם א בילד) געדענקסטו דאָס דאָזיגע קליין דערפיל?

טעסמאן: אָך, דאָס איז דאָס דערפיל גלייך אונטער דעם ברענער פאסס. דאָרטן האָבען מיר גענעכטיגט —

העדדא: — און בעגעגענט די לוסטיגע קאָמפאניע טוריסטען.

טעסמאן: יא, דאָס איז דער פּלאַץ. דענק נור — ווען מיר וואָלטען דיך געקענט האָבען מיט אונז, עילערט! הא? (ער געהט צוריק אין מיטעלסטען צימער און זעצט זיך נעבען בראק.)

לאָוובאָרג: ענטפערט מיר אָט די איין זאך, העדדא —

העדדא: וואָס?

לאָוובאָרג: איז אין אייער פריינדשאפט צו מיר אויך ניט געווען קיין ליעבע? קיין פונק ניט — ניט א שאָטען פון ליעבע?

העדדא: איך וויים ניט אויב עס איז געווען. מיר שיינט עס אקוראט ווי מיר וואָלטען געווען צוויי גוטע קאַמעראַדען — צוויי גאנץ אינטימע פריינד. (שמייכעלט) איהר בעזאָנדערס זייט געווען זעהר אָפענהערציג.

ל אַ ו ו ב אַ ר ג: דאָס האָט איהר דאָך געוואָלט.

ח ע ד ד א: ווען איך קוק צוריק אויף דער גאנצער זאַך, איז עס איז ווירקליך געווען עטוואס שעהנעס, עטוואס בעצויבערענדעס — עטוואָס מוטהיגעס — אין — אין יענער געהיימער אינטימקייט — אין דער קאמעראדשאפט, פון וועלכער קיין לעבעדיגער מענש האָט קיין ברעקיל אהנונג ניט געהאט.

ל אַ ו ו ב אַ ר ג: יא, יא, העדדא! ניט וואהר? ווען איך פלעג קומען נאָכמיטאָג צו אייער פאָטער — און ער, דער גענעראל, איז געזעסען דאָרטן ביים פענסטער און האָט געלעזען זיין צייטונג — אומגעקעהרט מיט'ן רוקען צו אונז —

ה ע ד ד א: און מיר ביידע אויף דער זאָפע אין ווינקעל —

ל אַ ו ו ב אַ ר ג: אלעמאָל מיט דעם זעלבען אילוסטרירטען צייטונגס-בלאט פאַר אונז —

ה ע ד ד א: יא, ווייל מיר האָבען ניט געהאט קיין אלבום.

ל אַ ו ו ב אַ ר ג: יא, העדדא, און ווען איך האָב זיך מתודה געווען פאר אייך — האָב אייך דערצעהלט אזוינע זאכען וועגען זיך, וועלכע קיין אנדערער האָט דאמאָלס ניט געוואוסט! איך פלעג דאָרט זיצען און אייך דערצעהלען פון מיינע „טייערע" מעשים, ווי איך האָב פערהולטעוועט מיינע טעג און נעכט. אה, העדדא — וואָס פאר א קראפט האָט געשטעקט אין אייך, וואָס האָט מיך געצוואונגען זיך מודה צו זיין פאר אייך אין די דאָזיגע זאכען?

ה ע ד ר א: דענקט איהר אז דאָס איז געווען אין מיר אזא קראפט?

ל אַ ו ו ב אַ ר ג: ווי קען איך עס אנדערש ערקלערען? און די אלע — די אלע פערשטעלטע פראגען, וואָס איהר פלעגט מיר שטעלען —

ה ע ד ר א: וועלכע איהר האָט פון דעסטוועגען אזוי קלאָר פערשטאנען —

ל אַ ו ו ב א ר ג: ווי אזוי האָט איהר געקענט זיצען און

מיר שטעלען אזוינע פראגען? צויספרעגען מיך אזוי פראגע און פריי —

ה ע ד ד א: אין א פערשטעלטער פארם, נעדענסט, זייט מוחל.

ל א ו ו ב א ר נ: יא, אבער דאך גאנץ פריי. נעהמען מיך אויפ׳ן פערהער וועגען — אלע זיעבען זאכען?

ה ע ד ד א: און ווי אזוי האט איהר מיר געקענט ענטפע־רען, הערר לאוובארג?

ל א ו ו ב א ר נ: יא, אט דאס איז טאקע וואס איך קען ניט פערשטעהן — ווען איך קוק צוריק אויף דעם. זאגט מיר אבער איצ־טער, העדדא — איז אין גרונד פון אונזער פריינדשאפט ניט גע־ווען קיין ליעבע? האט איהר ניט פון אייער זייט געפיהלט ווי איהר וואלט געוועזן אימשטאנד אבצוואוואשען אלע מיינע פלעקען — אזוי ווי איהר האט אויסגעהערט מיין וידוי? איז עס ניט אזוי?

ה ע ד ד א: ניין, ניט גאר אזוי.

ל א ו ו ב א ר נ: וואס זיינען געווען אייערע מאטיוועז דער־ביי?

ה ע ד ד א: מיינט איהר אז דאס איז אזוי גאר אונמעגליך צו ערקלערען, אז א יונג מיידעל — ווען עס האט זיך גראד אזוי געמאכט — און קיינער האט ניט געוואוסט —

ל א ו ו ב א ר ג: נו?

ה ע ד ד א: זאל וועלען כאפען א קוק ווען־ניט־ווען אין א וועלט, וועגען וועלכער —

ל א ו ו ב א ר נ: וועגען וועלכער —?

ה ע ד ד א: — וועגען וועלכער עס איז איהר פערבאטען עפעס צו וויסען?

ל א ו ו ב א ר נ: איז ד א ס געווען די זאך?

ה ע ד ד א: טיילווייז. טיילווייז דוכט זיך מיר כמעט.

לאָובּבּאָרג: קאמעראדשאפט אין דעם דורשט נאָך לע־בּען. אָבער פארוואָס זאָל כאָטשע דאָס ניט האָבען אָנגעהאלטען?

העדדא: די שולד איז געווען אייערע.

לאָוובּאָרג: איהר האָט אָבגעשניטען מיט מיר.

העדדא: יא, ווען אונזער פריינדשאפט האָט געדראָהט זיך צו ענטוויקלען אין עטוואָס מעהר ערנסטעס. שעהמען זאָלט איהר זיך, עילערט לאָובּאָרג! ווי אזוי האָט איהר געקאָנט טהאָן אזא אונרעכט אייער — אייער אָפּענהערציגען קאמעראד?

לאָוובּאָרג: (קוועטשט צונויף די הענד) אָה, פארוואָס האָט איהר ניט אויסגעפיהרט אייער דראָהונג? פארוואָס האָט איהר מיך ניט דערשאָסען?

העדדא: ווייל איך האָב אזוי מורא פאר א סקאנדאל.

לאָוובּאָרג: יא, העדדא, איהר זייט א פייגלינג אין גרונד הארצען.

העדדא: א שרעקליכער פייגלינג. (ענדערט איהר טאָן) פאר אייך איז עס אָבער געווען א גליק. און איצט האָט איהר געפונען א טרייסט פאר אייער צער ביי די עלוועסטעדס.

לאָוובּאָרג: איך ווייס אז טייא האָט זיך פערטרויט פאר אייך.

העדדא: און אפשר האָט איהר זיך אויך פערטרויט פאר איהר וועגען אונז?

לאָוובּאָרג: ניט א וואָרט. זי איז צו־דום צו פערשטעהן אזוינע זאכען.

העדדא: דום?

לאָוובּאָרג: זי איז דום אין אזוינע זאכען.

העדדא: און איך בין א פייגלינג. (זי בויגט זיך צו צו איהם, ניט קוקענדיג איהם אין געזיכט, און זאָגט שטיל:) איצטער וועל איך אייך עפּעס פערטרויען.

לאָוובּאָרג: (געשפאנט) נו?

ה ע ד ר א: דער פאקט וואָס איך האָב ניט געוואגט איך צו דערשיסען —

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: יא!

ה ע ד ר א: דאָס איז ניט געווען מיין ערנסטע פיינהייט — יענעם אבענד.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: (קוקט אויף איהר א מינוט, פערשטעהט זי און מורמעלט ליידענשאפטליך) אה, העדדא! העדדא גאבלער! איצט הויב איך אָן צו זעהען א פערבאָרגענעם גרונד אין אונזער קאמעראדשאפט! דו און איך —! דאָס האָט דאָס לעבען גע־שפּארט אין דיר, נאָך אלעם דעם —

ה ע ד ר א: (שטיל מיט א שארפען בליק) היט זיך! גלויבט דאָס ניט!

(עס הויבט אָן צו ווערען דונקעל. בערטא עפענט די אריינגאנגס טיר פון דרויסען.)

ה ע ד ר א: (מאַכט צו דעם אַלבאָם מיט אַ קלאַפּ און רופט אויס שמייכלענדיג) אך, ענדליך! מיין ליעבינקע טייא — קום נור אהער!

(פרוי עלווסטעד קומט אַריין פון קאָרידאָר, אָנגעטאָן אין אַ באל־קלייד. די טיר ווערט צוגעמאכט הינטער איהר.)

ה ע ד ר א: (אויפ'ן זאָפע, שטרעקט אויס איהרע אָרעמס צו איהר) מיין זיסע טייא — דו קענסט זיך ניט פאָרשטעלען ווי איך האָב געגאַרט נאָך דיר!

(פרוי עלווסטעד, גריסט זיך פערבייגעהענדיג מיט די הערען אין מיטעלסטען צימער, דאַן געהט זי צו צום טיש און גיט העדדאַ'ן די האַנד. עילערט לאוובאַרג איז אויפגעשטאַנען. ער און פרוי עלוו־סטעד גריסען איינער דעם אַנדערן שטיל פערנייגענדיג זיך.)

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: זאָל איך אריינגעהן און רעדען צו דיין מאַן א ווייל׳ע.

ה ע ד ר א: אה, ס'איז גאָר ניט נויטיג. לאָז יענע צוויי דאָרטן צורוה. זיי וועלען באלד אוועקגעהן.

פרוי עלווסטעד: געהען זיי דען אוועק?

העדדא: יא, אויף א וועטשערינקא.

פרוי עלווסטעד: (שנעל צו לאָווובאָרג) איהר געהט דאָך נים?

לאווובארג: ניין.

העדדא: הערר לאווובארג בלייבט דאָ מיט אונז.

פרוי עלווסטעד: (נעהמט א שטוהל און וויל זיך זעצען נעבען איהם) אָה, ווי גוט דאָ איז!

העדדא: ניין, א דאנק דיר, מיין קליינע טייא! ניט דארטן! זיי אזוי גוט און קום אריבער אהער צו מיר. איך וויל זיצען צווישען אייך.

פרוי עלווסטעד: זאָל זיין אזוי, ווי דו ווילסט. (זי געהט ארום דעם טיש און זעצט זיך אויפ'ן זאָפע, רעכטס פון העדדא. לאווובארג זעצט זיך ווידער אויף זיין שטוהל.)

לאווובארג: (נאָך א קורצער פּאַוזע, צו העדדא) איז זי ניט שעהן, א פערגניגען צו קוקען?

העדדא: (גלעטענדיג איהר לייכט די האָאר) נור צו קוקען?

לאווובארג: יא. ווארים מיר ביידע — זי און איך — מיר זיינען צוויי אמת'ע קאמעראדען. מיר האָבען אן אבסאָלוטען פערטרויען איינער דעם אנדערן; און מיר קענען דעריבער זיצען און רעדען גאנץ אָפענהערציג —

העדדא: ניט פערשטעלטערהייט, הערר לאווובארג?

לאווובארג: נו —

פרוי עלווסטעד: (זאכט, טוליעט זיך שטארק צו העדדא'ן) אה, ווי גליקליך איך בין, העדדא! ווארים, דענק נור, ער זאגט אז איך האָב איהם אויך בעגייסטערט.

העדדא: (קוקט אויף איהר מיט א שמייכעל) אה, זאָגט ער דאס, ליעבסטע?

לאווובארג: און ווי בראוו זי איז, מאדאם טעסמאן!

פרוי עלווסטעד: מיין גאָט — בין איך בראוו?

לאובארג: זעהר — ווען עס האנדעלט זיך וועגען אייער קאמעראד.

העדדא: אך יא — מוטה! ווען מען האט נור מוטה!

לאובארג: איז וואס? וואס מיינט איהר?

העדדא: דאן וואלט דאס לעבען אפשר עפעס ווערטה גע־ווען, נאך אלעם דעם. (בייט איבער שנעל דעם טאן) נו איצטער, מיין ליעבסטע טייא, מוזטוווירקליך נעהמען א גלאז קאלטען פונש.

פרוי עלווסטעד: ניין, איך דאנק — איך טרינק אזעלכע זאכען קיינמאל ניט.

העדדא: נו, דאן איהר, הערר לאובארג.

לאובארג: איך אויך ניט, א דאנק.

פרוי עלווסטעד: ניין, ער טרינקט אויך ניט.

העדדא: (קוקט אויף איהם פעסט) און אויב איך זאג, אז איהר זאלט?

לאובארג: וואלט גארנישט העלפען.

העדדא: (לאכט) דאן האב איך, ארימע בעשעפענים, גאר קיין קראפט ניט איבער אייך?

לאובארג: ניט אין דער הינזיכט.

העדדא: איך מיין ערנסט, מיר דאכט אז איהר האט עס געדארפט טהאן — פון אייערטוועגען אליין.

פרוי עלווסטעד: אך, העדדא! —

לאובארג: ווי אזוי קומט עס אויס?

העדדא: אדער גיכער פון ליטענס וועגען.

לאובארג: ווירקליך?

העדדא: אויב ניט וועלען ליטען אייך חושד זיין, אז אין אייער טיעפען הארצען — פיהלט איהר זיך אליין נאך ניט זיכער — אז איהר טרויט זיך אליין ניט.

פרוי עלווסטעד: (זאכט) אה, איך בעט דיך, העד־דא —

ל א ו ו ב א ר ג: לייט מעגען מיינען וואָס זיי ווילען — דערוויילע.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (פרעהליך) יא, לאָזען זיי!

ה ע ד ד א: איך האָב עס קלאָר געזעהן אויף ריכטער בראק'ס געזיכט א מינוט פריהער.

ל א ו ו ב א ר ג: וואָס האָט איהר געזעהען?

ה ע ד ד א: זיין פערעכטליכען שמייכעל, ווען איהר האָט ניט געוואגט געהן מיט זיי אין מיטעלסטען צימער.

ל א ו ו ב א ר ג: נ י ט ג ע ו ו א ג ט? עס פערשטעהט זיך, אז איך האָב בעסער געוואָלט פערבלייבען דאָ און רעדען מיט א י י ך.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: דאָס איז דאָך גאנץ נאטירליך, העדדא.

ה ע ד ד א: אבער בראק האָט דאָס ניט געקענט טרעפען. און איך האָב אויך געזעהען ווי ער האָט געשמייכעלט און געקוקט אויף טעסמאן בעת איהר האָט ניט געוואגט אָנצונעהמען די איינלאדונג צו זיין מיזעראבלער וועטשערינקע.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: ניט געוואגט! איהר זאָגט אז איך האָב ניט געוואגט?

ה ע ד ד א: א י ך זאָג עס ניט. אבער אזוי האָט ריכטער בראק דאָס פערשטאנען.

ל א ו ו ב א ר ג: נו, לאָז ער.

ה ע ד ד א: וועט איהר אלזאָ ניט געהן מיט זיי?

ל א ו ו ב א ר ג: איך וועל דאָ בלייבען מיט אייך און טייא.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, העדדא — ווי אזוי קענסטו גאָר צווייפלען דעריין?

ה ע ד ד א: (שמייכעלט און שאָקעלט דעם קאָפּ צושטימענד) אלזאָ, פעסט ווי א פעלז! געטריי צו אייערע פרינציפּען פון היינט אָן אויף אייביג! אה, אָט אזוי דארף א מאן זיין! (קעהרט זיך אום צו פרוי עלווסטעד און גלעט זי) נו, וואָס האָב איך דיר גע-

זאָגט ווען דו ביסט געקומען צו אונז היינט אין דער פריה אזא פערקלאָגטע —

ל א ו ו ב א ר ג: (איבערראַשט) א פערקלאָגטע!

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (א פערציטערטע) העדדא — אַך, העדדא — !

ה ע ד ד א: אַט קענסטו אליין זעהען! דו האָסט קיין גרונד ניט אזוי געפעהרליך זיך צו שרעקען — (האַקט זיך איבער נו! איצטער קענען מיר זיצען אלע דריי און פערבריינגען!

ל א ו ו ב א ר ג: (אויפכאַפענדיג זיך) אבער וואָס מיינט אַט דאָס אלעס, מאַדאַם טעסמאַן?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אַך, מיין גאָט, העדדא! וואָס טהוסטו?

ה ע ד ד א: ווער ניט אויפגערעגט! דער שרעקליכער ריכטער בראַק זיצט און קוקט אויף דיר.

ל א ו ו ב א ר ג: אזוי, איז זי געווען אין טוידט־שרעקעניס! איבער מיר!

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (שטיל, מיט א פערוויינטער שטימע) אה, העדדא — איצט האָסטו אלעס רואינירט!

ל א ו ו ב א ר ג: (קוקט אויף איהר א מינוט פעסט. דאס געזיכט איז איהם געוואָרען פערקרימט) הייסט עס, אַט אזוי האָט דאָס מיין קאַמעראַד מיך אָפענהערציג געטרויט?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (מיט געבעט) אַך, מיין ליעבסטער פריינד — דו מוזט מיר נור אויסהערען —

ל א ו ו ב א ר ג: (נעהמט א גלאָז פונש, ברייננט עס צו די ליפען און זאָגט אין א נידעריגער, הייזעריגער שטימע) לחיים, טייא! (טרינקט אויס די גלאָז, שטעלט זי אַוועק און נעהמט די צווייטע.)

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (שטיל) אה, העדדא, העדדא — ווי אזוי האָסטו דאָס געקענט טהאָן?

ה ע ד ד א: איך האָב עס געטהאָן? איך? ביזטו משוגע?

ל א ו ו ב א ר ג: אַט טרינק איך איינס צו אייער געזונד

אויך, מאדאם טעכמאן. א דאנק פאר דער װארהייט, הוררא פאר דער װארהייט! (טרינקט אויס די גלאז און וויל אנגיסען נאך איינע.)

העדדא: (לעגט איהר האנד ארויף אויף זיין ארעם) נא, נא, — גענוג פאר איצטער. געדענקט אז איהר געהט אויף דער וועטשערינקע.

פרוי עלווסטעד: ניין, ניין, ניין!

העדדא: שא! זיי זיצען און קוקען אויף דיר.

לאוובארג: (שטעלט אװעק די גלאז) איצט, טייא — דערצעהל מיר דעם אמת —

פרוי עלווסטעד: יא.

לאוובארג: האט דיין מאן געוואוסט אז דו ביזט נאכ־געפאהרען נאך מיר?

פרוי עלווסטעד: (ברעכט די הענד) אה, העדדא — דו הערסט וואס ער פרעגט?

לאוובארג: איז עס געווען אבגעמאכט צווישען דיר און איהם, אז דו זאלסט קומען צופאהרען אין שטאדט און אכטונג געבען אויף מיר? אפשר האט דאס דער לאנדריכטער אליין דיך איינגעירעדט אהער צו קומען? אדא, מיין טייערע — ער דארף מיך אודאי האבען אין זיין ביורא! אדער פעהל איך איהם צו א האנד אין קארטען?

פרוי עלווסטעד: (שטיל, ליידענד) אה, לאװבארג, לאװבארג — !

לאוובארג: (כאפט א גלאז און וויל זי אנגיסען) מיר וועלען מאכען לחיים פאר דעם אלטען לאנדריכטער אויך!

העדדא: (לאזט איהם ניט) איצט ניט מעהר. געדענקט אז איהר דארפט לעזען אייער מאנוסקריפט פאר טעסמאן'ען.

לאוובארג: (רוהיג, שטעלט אוועק די גלאז) עס איז גע־װען דום פון מיין זייט, די גאנצע זאך, טייא — אזוי דאס אויפ־צופאבען, מיין איך. זיי ניט אין כעס אויף מיר, מיין ליעבע, ליע־בע קאמעראדין. דו וועסט זעהען — אי דו, אי די איבעריגע —

אז אויב איך בין אמאָל געפאַלען — בין איך איצט ווידער אויפ־געשטאַנען! דיר צו פערדאַנקען טייאַ!

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (שוינט פאר פרייד) אך, גאָט זיי דאַנק — !

(אין צווישענצייט האָט בראַק געקוקט אויף די אוהר. ער און טעסמאַן שטעהען אויף און קומען אריין אין זאַאַל.)

ב ר אַ ק: (נעהמט זיין הוט און ראָק) אלזאָ, מאדאם טעס־מאַן, ס'איז געקומען אונזער צייט.

ה ע ד ד אַ: יאַ, איך רעכען אז ס'איז געקומען.

ל אַ ו ו ב אַ ר ג: (שטעהט אויף) מיין צייט אויך, העדר ריכ־טער.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (זאַכט און בעטענדיג) אָה, לאָוו־באַרג, טהו דאָס ניט!

ה ע ד ד אַ: (קנייפּט איהר אין אָרעם) זיי קענען דיך הערען!

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (מיט אַ אונטערדריקטען געשריי) אוי!

ל אַ ו ו ב אַ ר ג: (צו בראַק) איהר זייט געווען אַזוי פריינד־ליך מיך איינצולאַדען.

ב ר אַ ק: נו, קומט איהר דאָך?

ל אַ ו ו ב אַ ר ג: יאַ, איך דאַנק בעסטענס.

ב ר אַ ק: עס פרעהט מיך זעהר —

ל אַ ו ו ב אַ ר ג: (צו טעסמאַן, לעגט אריין דעם מאַנוסקריפּט צו זיך אין טאַש) איך וואָלט דיר וועלען ווייזען אַ פּאָר שטעלען איי־דער איך גיב עס אריין אין דרוק.

ט ע ס מ אַ ן: דענק נור — דאָס וועט זיין גרויסאַרטיג. אָבער, מיין ליעבע העדדאַ, ווער וועט בעגלייטען פרוי עלווסטעד אַהיים? האַ?

ה ע ד ד אַ: אָה, מיר קענען שוין געפינען אַ וועג.

ל אַ ו ו ב אַ ר ג: (קוקט אויף די דאַמען) פרוי עלווסטעד? נאַטירליך, איך וועל אריינקומען און זי מיטנעהמען. (געהט צו נעהנ־

פעד) אזוי אונגעפעהר ארום צעהן, מאדאם טעסמאן? איז עס רעכט?

ט ע ס מ א ן: נו, אלזאָ, איז אלעס גוט. דו דארפסט אָבער מיך ניט ערווארטען אזוי פריה, העדדא.

ה ע ד ד א: אה, דו קענסט פערבלייבען אזוי לאנג — אזוי לאנג ווי דו ווילסט נור.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (זוכט צו פערבארגען איהר אנגסט) נו דאן, הערר לאָווּבאָרג — וועל איך דאָ בלייבען ביז וואנען איהר קוממט.

ל א ו ו ב א ר ג: (מיט'ן הוט אין האַנד) יא, ביטע, פרוי עלווסטעד.

ב ר א ק: און איצט, מיינע הערען, געהט אָב דער צוג! איך האָף מיר וועלען לעבען א טאָג, ווי א געוויסע שעהנע דאמע האָט עס אויסגעדריקט.

ה ע ד ד א: אך, ווען די שעהנע דאמע וואָלט געקענט דער־ ביי זיין אונגעזעהען — !

ב ר א ק: פאר וואָס אונגעזעהען?

ה ע ד ד א: כדי צו הערען א ביסעל פון אייערע לוסטיגע ווערטלעך, פון ערשטער האנד, הערר בראַק.

ב ר א ק: (לאכט) איך וואָלט ניט געראטהען די שעהנע דאמע דאָס צו פּרובירען.

ט ע ס מ א ן: (לאַכט מיט) נאָ, דו ביזט א וואווילינקע, העד־ דא! דענק נור!

ב ר אַ ק: נו, אדיע, אדיע, מיינע דאמען.

ל א ו ו ב א ר ג: (פערנייגט זיך) אלזאָ, ארום צעהן אוהר.

(בראַק, לאָווּבאָרג און טעסמאן געהען ארויס דורך די טיר פון קאָרידאָר. אין דערזעלבער צייט קוממט בערטאַ אַריין פון מיטעלסטען צימער מיט אַן אָנגעצונדענעם לאָמפּ, וועלכען זי שטעלט אוועק אויפ'ן זאַאַל־טיש. געהט ארויס דורך דעמזעלבען וועג וואָס זי איז געקוממען).

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (איז אויפגעשטאַנען און געהט

אונגרוהיג ארום אין צימער) העדדא — העדדא — וואס קען דערפון ווערען?

העדדא: אום צעהן אוהר וועט ער דאָ זיין. איך קען איהם שוין זעהען — מיט וויין־טרויב בלעטער אין די האָר — צו־היצט און פורכטלאָז —

פרוי עלווסטעד: אה, ווען ער קומט נאָר אזוי!

העדדא: און דאן, זעהסטו — דאן וועט ער ווידער האָ־בען געוואונען די מאכט איבער זיך. דאן וועט ער זיין א פרייער מענש זיין גאנצען לעבען.

פרוי עלווסטעד: אה, גאָט! — ווען ער וואָלט נאָר קומען, אזוי ווי דו זעהסט איהם איצטער!

העדדא: ער וועט קומען, ווי איך זעה איהם — אזוי און ניט אנדערש! (שטעהט אויף און געהט צו טייא) דו קענסט אין איהם צווייפלען אזוי לאנג ווי דו ווילסט; איך גלויב אין איהם. און איצטער וועלען מיר פּרובירען —

פרוי עלווסטעד: דו האָסט עפּעס א פערבאָרגענעם מאָטיוו דעריין, העדדא!

העדדא: יא, איך האָב. איך וויל באַטש איינמאָל אין מיין לעבען האָבען די מאכט איבער דעם שיקזאל פון א מענשען.

פרוי עלווסטעד: האָסטו דען ניט די מאכט?

העדדא: איך האָב ניט, און האָב קיינמאָל ניט געהאט.

פרוי עלווסטעד: איבער דיין מאן אויך ניט?

העדדא: דענקסטו אז דאָס איז ווערטה די מיה? אָה, ווען דו וואָלסט געקענט פערשטעהן ווי אָרים איך בין. — יך האָט דער שיקזאל גראד געמאכט אזוי רייך! (נעהמט איהר לווי־דענשאַפטליך ארום) איך דענק, איך מוז דיר אבברענען די האָאר נאָך אלעם דעם.

פרוי עלווסטעד: לאָז מיך לויז! לאָז מיך לויז! איך האָב מורא פאר דיר, העדדא!

ב ע ר ט א (שטעהט אין טיר) טהעע איז פערטיג אין שפייז־צימער, מאדאם.

ה ע ד ד א: זעהר גוט. מיר קומען גלייך.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ניין, ניין, ניין! איך וועל בע־סער געהן אהיים אליין! שוין גלייך!

ה ע ד ד א: אונזין! ערשטענס וועסטו טרינקען א גלעזיל טהעע, דו קליינע נארעלע. און דאן — אום צעהן אוהר — וועט דאָ זיין עילערט לאָוובאָרג — מיט וויינטרויב בלעטער אין די האָאָר.

(זי שלעפט פרוי עלווסטעד כמעט מיט געוואַלט צום מיטעלסטען דורכגאנג.)

דריטער אקט.

דערזעלבער צימער ביי טעסמאן. די פאָרהאַנגען זיינען פערצויגען איבער דעם מיטעלסטען דורכגאנג און אויך איבער דער גלעזערנער טיר. דער לאָמפּ, האַלב אויסגעדרעהט, אונטער אַן אַבאַזשור, ברענט אויפ'ן טיש. אין אויווען מיט אַן אָפען טירעל איז געווען א פייער, וועלכער איז איצט כמעט אויסגעלאָשען.

פרוי עלווסטעד, איינגעהילט אין א גרויסער שאַל, מיט די פיס אויף א פוס־ביינקעל, זיצט נעבען אויווען אָנגעשפּאַרט אויף הינטען אין לעהנשטוהל. העדדא, אין גאנצען אן אָנגעטאָנענע, ליעגט און שלאָפט אויפ'ן זאָפע, צוגעדעקט מיט א דעקע.

פ ר ו י   ע ל ו ו ס ט ע ד : (זעצט זיך אויף פּלוצלונג און הערט זיך צו געשפּאַנט. דאַן פאַלט זי צוריק אויף הינטען א מיעדע און קרעכצט צו זיך אליין) נאָך ניטאָ! אה, גאָט — אָה גאָט — נאָך ניטאָ!

(בערטאַ קומט אריין פאָרזיכטיג דורך די קאָרידאָר־טיר. זי האַלט א בריעף אין האַנד.)

פ ר ו י   ע ל ו ו ס ט ע ד : (קעהרט זיך אום און זאָגט געשפּאַנט) נו, איז ווער געקומען?

ב ע ר ט א : (זאַכט) יא, א מיידעל האָט אָקאָרשט געבראכט אָט דעם בריעף.

פ ר ו י   ע ל ו ו ס ט ע ד : (שנעל, שטרעקט אויס די האַנד) א בריעף! גיט עס מיר!

ב ע ר ט א : ניין, מאדאם, עס איז פאר דר. טעסמאן.

פ ר ו י   ע ל ו ו ס ט ע ד : אַך, אזוי.

ב ע ר ט א: פריילין טעכמאן׳ס דיענסט האָט עס געבראכט. איך וועל עס אוועקלעגען דאָ אויפ׳ן טיש.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, לעגט עס אוועק.

ב ע ר ט א: (לעגט אוועק דעם בריעף) איך רעכען איך וועל בעסער פערלעשען דעם לאָמפּ. ער רויכערט.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, לעשט איהם אויס. עס מוז שוין באלד טאָגען.

ב ע ר ט א: (לעשט אויס דעם לאָמפּ) עס טאָגט שוין, מאדאם.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, גרויסער טאָג! און קיינער איז נאָך ניט געקומען — !

ב ע ר ט א: זאָל גאָט שומר ומציל זיין, מאדאם — איך האָב מיר געקלערט אז ס׳וועט אזוי זיין.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: איהר האָט געקלערט אזוי?

ב ע ר ט א: יא, ווען איך האָב געזעהן, אז א געוויסע פערזאָן איז געקומען צוריק אין שטאָדט — און אז ער איז אוועקגעגאנגען מיט זיי. ווארים מיר האָבען זיך שוין פריהער גענוג אָנגעהערט וועגען יענעם העררן.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: רעדט ניט אזוי הויך. איהר וועט אויפוועקען די מאדאם טעסמאן.

ב ע ר ט א: (קוקט צו דער זאָפע און זיפצט) ניין, ניין — לאָז זי שלאָפען, נעבעך. זאָל איך ניט ארויפלעגען א ביסעל האָלץ אויפ׳ן פייער?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: א דאנק, ניט פון מיינטוועגען.

ב ע ר ט א: נו, זאָל זיין. (זי געהט זאכט ארויס דורך די קאָרידאָר־טיר).

ה ע ד ד א: (כאפט זיך אויף פון דעם קלאַפּ פון דער טיר און קוקט זיך ארום) וואס איז — ?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: דאס איז נור געווען די דיענסט—

ה ע ד ד א: (קוקט זיך ארום) אָה, מיר זיינען דאָ — ! יא,

איצט נערענק איך. (זעצט זיך אויף גלייך אויפ׳ן זאָפע, ציהט זיך און רייבט די אויגען) ווי שפּעט איז עס, טייא?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (קוקט אויף איהר אוהר) ס׳איז נאָך זיעבען.

ה ע ד ד א: ווען איז טעסמאַן געקומען אהיים?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ער איז ניט געקומען.

ה ע ד ד א. נאָך ניט געקומען אהיים?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (שטעהט אויף) קיינער איז ניט גע־קומען.

ה ע ד ד א: בערעכען נור, ווי מיר זיינען דאָ געזעסען און געוואַרט ביז פיער פאַרטאָג —

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (ברעכט די הענד) און ווי אזוי האָב איך געוואַרט און אויסגעקוקט אויף איהם!

ה ע ד ד א: (גענעצט און זאָגט פערשטעלענדיג דאס מויל מיט דער האנד) נו, נו — מיר האָבען זיך געקענט פאַרשפּאָרען די טרחה.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: האָסטו כאָטש געשלאָפען א ביסעל?

ה ע ד ד א: אָה, יא; איך גלויב אז איך האָב געשלאָפען גאַנץ גוט. און דו ניט?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ניט איין רגע. איך האָב ניט גע־קענט, העדדא! אפילו ווען עס וואָלט מיר געגאַנגען אום לעבען.

ה ע ד ד א: (שטעהט אויף און געהט צו איהר צו) שאַ, שאַ, שאַ! ס׳איז גאָר ניטאָ פאַר וואָס זיך צו שרעקען. איך פערשטעה גאַנץ גוט וואס עס האָט פּאַסירט.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: איז וואס דענקסטו? קענסטו מיר ניט זאָגען?

ה ע ד ד א: פאַרוואָס ניט — עס פערשטעהט זיך, אז די שמחה ביי ריכטער בראַק האָט זיך פערצויגען גאַנץ שפּעט —

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, יא — דאָס איז שוין קלאָר. דאָך אָבער —

הערדא: און דאן, פערשטעהסטו, האָט טעססמאַן ניט געד וואָלט קומען אהיים און אויפוועקען אונז אין מיטען נאכט. (לאַכט) אפשר האָט ער דערצו אויך טאקע ניט געוואָלט זיך צייגען — גלייך נאָך דער הוליאנקע.

פרוי עלוועסטעד: אויב אזוי אבער — איז וואו האָט ער געקענט געהן?

הערדא: עס פערשטעהט זיך אז ער איז מסתמא אוועק־געגאנגען צו זיין טאנטע און האָט דארט געשלאָפען. זיי האָבען דאָרט זיין אלטען צימער אימער גרייט פאר איהם.

פרוי עלוועסטעד: ניין, ער קען ניט זיין ביי זיי, וואָרים אָט ערשט איז געקומען פאר איהם א בריעף פון פריילין טעססמאן. דארט׳ן ליעגט עס.

הערדא: ווירקליך? (קוקט אויפ׳ן אדרעס) יא, טאקע, עס איז געשריבען מיט טאנטע יוליא׳ס אייגענער האנד. נו, אויב אזוי איז ער געבליבען אין בראק׳ס הויז. און וואָס אנבעטרעפט עילערט לאָווכאָרג — זיצט ער מיט וויין־טרויב בלעטער אין די האָאר און לעזט פאָר זיין מאנוסקריפט.

פרוי עלוועסטעד: אָה, הערדא, דו זאָגסט זיך אָב זאכען, אין וועלכע דו הויבסט אליין ניט אָן צו גלויבען.

הערדא: דו ביזט אויף אן אמת א קליינער דומקאָפּ, טייא.

פרוי עלוועסטעד: אך, יא, איך האָב מורא אז איך בין.

הערדא: ווי שרעקליך־מיעד דו זעהסט אוים.

פרוי עלוועסטעד: יא, איך בין שטערבליך מיעד.

הערדא: נו, אלזאָ, דו מוזט טהאָן וואָס איך הייס דיר. דו מוזט געהן אין מיין צימער און זיך אניעדערלעגען פאר א ווייל.

פרוי עלוועסטעד: אָה, ניין, ניין — איך וועל ניט קענען איינשלאָפען.

ה ע ד ד א : איך בין זיכער אז דו וועסט קענען.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד : גוט, אָבער דיין מאן וועט דאָך אודאי גלייך קומען, און איך וויל גלייך וויסען —

ה ע ד ד א : איך וועל זעהן אז דו זאָלסט וויסען גלייך ווי ער קומט.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד : זאָגסטו מיר דאס צו, העדדא?

ה ע ד ד א : פערלאָז זיך אויף מיר. דו געה נור אריין און שלאָף זיך דורך דערווייל.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד : א דאנק; איך וועל פּרובירען.

(זי געהט אָב דורך דעם מיטעלסטען צימער. העדדא געהט צו צו דער גלעזערנער טיר און רוקט אב די פארהאנגען. אין צימער שטראָמט אריין א העלע ליכטיגקייט פון גרויסען טאָג. זי נעהמט דאן א קליי־נעם האנד־שפּיעגעל פון שרייבטיש, קוקט זיך איין און מאַכט צורעכט איהרע האָאר. דערנאָך געהט זי צו דער קאָרידאָר־טיר און טהוט א דריק א גלאָק־קנעפּיל. אין א ווײַלע ארום בעווייזט זיך בערטא אין טיר.)

ב ע ר ט א : האָט איהר עפּעס געוואָלט, מאדאם?

ה ע ד ד א : יא, איהר מוזט אריינלעגען אביסעל מעהר האָלץ אין אויוען. מיך טרייסעלט פון קעלט.

ב ע ר ט א : וועה מיר — אָט שוין מאַך איך ווארעם. (זי שאָרט צוזאַמען די קויהלען און לעגט ארויף א שיים האָלץ. שטעלט זיך אָב און האָרכט.) דאס האָט מען געקלונגען די פאָדערסטע טיר, מאַדאם.

ה ע ד ד א : דאן געהט צו דער טיר. איך וועל אכטונג גע־בען אויפ'ן פייער.

ב ע ר ט א : עס וועט שנעל אויסברענען.

(זי געהט ארויס דורך די קאָרידאָר־טיר. העדדא שטעלט זיך אויף די קניע און לעגט אריין נאָך עטליכע שייטלעך האָלץ אין אויוען. נאָך א קורצער פּאַוזע קומט זשאָרזש טעסמאן אריין פון קאָרידאָר. ער זעהט אויס מיעד און האָט אַן ערנסט געזיכט. ער גנב'ט זיך אריין אויף

די שפּיק־פינגער אין מיטעלכטען דורכגאנג און וויל זיך דורכרוקן דורך די גאַרדינען).

העדדא: (ביים אוויוען, ניט קוקענדיג אויף איהם) גוט מאָרגען.

טעסמאן: (קעהרט זיך אום) העדדא! (געהט צו צו איהר) מיין גאָט — אזוי פריה ביזטו שוין אויף? הא?

העדדא: יא, איך בין היינט אויפגעשטאנען זעהר פריה.

טעסמאן: און ביי מיר איז קיין ספק ניט געווען אז דו שלאָפסט נאָך גאנץ געשמאק. דענק נור, העדדא!

העדדא: רייד ניט אזוי הויך. פרוי עלווסטעד האָט זיך צוגעלעגט אין מיין צימער.

טעסמאן: איז פרוי עלווסטעד דאָ געווען די גאנצע נאכט?

העדדא: יא, אזוי ווי קיינער איז ניט געקומען זי אב־געהמען.

טעסמאן: יא, דאָס איז ריכטיג.

העדדא: (מאכט צו דאָס טירעל פון אוויוען און הויבט זיך אויף) נו, האָסטו עפּעס גוט פערבראכט ביי ריכטער בראק?

טעסמאן: ביסטו געווען אונרוהיג וועגען מיר? הא?

העדדא: ניין, מיר פאלט קיינמאָל ניט איין צו זיין אונ־רוהיג. אָבער איך האָב דיר געפרעגט, צי דו האָסט גוט פער־בראכט?

טעסמאן: אָה, יא — איין מאָל פאר אלע מאָל. איבער־הויפּט אין אנפאנג פון אבענד, בעת עילערט לאָוובאָרג האָט מיר פארגעלעזען א טייל פון זיין בוך. מיר זיינען אנגעקומען אויף מעהר ווי א שטונדע צו פריה — דענק נור! און בראק האָט געהאט נאָך פערשיעדענעס איינצוריכטען — האָט עילערט דערווייל געלעזען פאר מיר.

העדדא: (זעצט זיך ביים טיש, רעכטס) נו, דערצעהל מיר —

ט ע ס מ א ן: (זעצט זיך אויף א פוס־ביינקעל נעבען אויזזוען) אַה, הערדא! דו קענסט גאָר ניט בעגרייעפען וואס פאר א בוך דאס וועט זיין! איך גלויב אז דאס איז איינע פון די מערקווירדיגסטע זאכען, וואס זיינען ווען עס איז געשריבען געווארען. דענק נור!

ה ע ד ד א: יא, יא; דאס געהט מיך ניט אָן —

ט ע ס מ א ן: איך מוז זיך פאר דיר מודה זיין, הערדא. ווען ער האָט געענדיגט לעזען — איז אויף מיר אנגעקומען א שרעקליכער געפיהל.

ה ע ד ד א: א שרעקליכער געפיהל?

ט ע ס מ א ן: איך האָב מקנא געוועזן עילערט'ן פאר וואָס ער האָט געקאנט אנשרייבען אזא בוך. דענק נור, הערדא!

ה ע ד ד א: יא, יא, איך דענק.

ט ע ס מ א ן: און דאָן אבער ווי טרויעריג עס איז צו דענקען, אז טראָץ אלע זיינע פעהיגקייטען איז ער נאָך אלעם דעם דאָך א פערפאלענער.

ה ע ד ד א: דו מיינסט מסתמא צו זאגען, אז ער האָט מעהר לעבענס־מוטה איידער אלע איבעריגע?

ט ע ס מ א ן: ניין, גאָר ניט דאָס — איך מיין אז ער קען ניט נעהמען זיינע פערגעניגענס מיט א מאָס.

ה ע ד ד א: און וואס איז פון דער גאנצער זאך געוואָרען — צום סוף?

ט ע ס מ א ן: נו, דעם אמת געזאגט, הערדא, דענק איך אז אם בעסטען וואָלט מען עס קענען אָנרופען א הוליאנקע פון שכורים

ה ע ד ד א: האָט ער געהאט ווייך־טרויב בלעטער אין די האָר?

ט ע ס מ א ן: ווייך־טרויב בלעטער? ניין, איך האָב אזוינס אויף איהם ניט געזעהן. נור ער האָט געהאלטען א לאנגע, פערדרעהטע רעדע אין עהרע פון דער פרוי וועלכע האָט איהם בעגייס־

טערט אין דער ארבייט — יא, אַט דעם אויסדרוק האָט ער גע־
ברויכט.

ה ע ד ר א: האָט ער זי אנגערופען ביים נאָמען?

ט ע ס מ א ן: ניין, דאָס האָט ער ניט געטהאָן. איך קען
מיר אבער אנדערש ניט דענקען סיידען נור אז ער האָט געמיינט
פרוי עלוּוסטעד. נו מעגסט זיין זיכער אז ער האָט זי געמיינט.

ה ע ד ר א: נו, און וואו האָסטו זיך מיט איהם געשיידט?

ט ע ס מ א ן: אויפ׳ן וועג אין שטאָדט אריין. מיר האָבען
פערלאָזט דאס הויז — ווענינגסטענס די וואס זיינען פערבליבען ביז
צו לעצט — אלע צוזאמען; און בראק איז מיט אונז מיטגעגאנ־
גען כאפּען אביסעל פרישע לופט. דאן, פערשטעהסטו, האָבען מיר
אָבגערעדט אָבצופיהרען עילערט׳ן אהיים, וואָרים ער האָט געהאט
גענומען א קאפּעטשקע צו־פיעל.

ה ע ד ר א: איך רעכען אזוי.

ט ע ס מ א ן: איצט אבער קומט דער זאנדערבארער טייל
פון דער מעשה, אדער איך האָב ריכטיגער געדארפט זאגען, דער
טרויעריגער טייל דערפון. איך זאָג דיר.אז איך שעהם מיך, פון עי־
לערט׳ס וועגען, דיר צו דערצעהלען —

ה ע ד ר א: אַך, דערצעהל שוין —!

ט ע ס מ א ן: נו, איז ווען מיר זיינען שוין באלד געוועזן נע־
בען שטאָדט, בין איך צופעליג געבליבען אביסעל פון הינטען. עט־
ליכע מינוטען נור — שטעל זיך פאָר!

ה ע ד ר א: יא, מיין גאָט, אבער — ?

ט ע ס מ א ן: און ווען איך בין דאן זיי נעכגעלאָפען —
וואס דענקסטו האָב איך געפונען ליעגענדיג אויפ׳ן וועג? הא?

ה ע ד ר א: אַך, ווי אזוי זאָל איך עס וויסען?

ט ע ס מ א ן: דו זאָלסט עס נור קיינעם ניט זאגען, העד־
דא! דו הערסט! פערשפּרעך עס מיר פון עילערט׳ס וועגען.
(שלעפּט ארויס א פּאקעט, איינגעוויקעלט אין פּאפּיער, פון זיין טאש־
רענס נור — אַט דאָס האָב איך געפונען!

ה ע ד ד א: איז דאס ניט דער פּאַקעט, וואס ער האָט דאָ געהאַט מיט זיך געסטערן?

ט ע ס מ א ן: יא, דאס איז אין גאנצען דער טייערער מאַנוסקריפּט זיינער, וועלכער וואָלט געווען פערפאַלען אויף אייביג! און ער איז געגאַנגען און האָט עס פערלאָרען און האָט גאָר ניט געוואוסט וועגען דעם. דענק נור, העדדא! אזא טרויעריגע —

ה ע ד ד א: אבער פאר וואס האָסטו איהם גלייך ניט צוריקגעגעבען דעם פּאַקעט?

ט ע ס מ א ן: דאס האָב איך ניט געוואַגט צו טהון — אין דעם צושטאַנד אין וועלכען ער איז געווען —

ה ע ד ד א: האָסטו ניט דערצעהלט קיינעם פון די איבעריגע אז דו האָסט עס געפונען?

ט ע ס מ א ן: אָך, גאָט בעהיט! דאָס קענסט דאָך פערשטעהן, אז איך וואָלט עס ניט געטהאָן ,טאקע פון עילערט'ס וועגען אליין.

ה ע ד ד א: הייסט עס, אז קיינער וויים ניט, אז עילערט לאוובערג'ס מאנוסקריפּט געפינט זיך ביי דיר?

ט ע ס מ א ן: ניין, און קיינער ט אָ ר עס אויך ניט וויסען.

ה ע ד ד א: און וואס האָסטו איהם געזאגט נאכהער?

ט ע ס מ א ן: מעהר איז מיר שוין גאָר ניט אויסגעקומען מיט איהם צו רעדען; ווארים ווען מיר זיינען אריינגעקומען אין די גאסען, האָט ער, מיט נאָך א צוויי, דריי פון די אנדערע, זיך ארויסגעדרעהט פון אונטער אונזערע הענד און איז פערשוואונדען. דענק נור!

ה ע ד ד א: ווירקליך? זיי האָבען איהם אודאי געמוזט אבפיהרען אהיים.

ט ע ס מ א ן: יא, עס זעהט אזוי אויס. און בראַק איז אויך געווען אוועקגעגאנגען.

ה ע ד ד א: און וואו האָסטו זיך ארומגעטריבען זייט דאַן?

ט ע ס מ א ן: איך און נאָך א פּאָר אנדערע זיינען אוועק אהיים צו איינעם פון די לוסטיגע חברה־לייט און האָבען ביי איהם געטרונקען אונזער פריה־מארגען קאפע; אדער אפשר דארף מען עס בעסער רופען אונזער נאכט־קאפע, האַ? נו, איצטער אז איך האָב זיך אביכעל אבגערוהט און דער ארימער עילערט האָט שוין געהאט צייט דורכצושלאָפען זיך א ביסעל, מוז איך געהן איהם דאס אוועקצוטראָגען.

ה ע ד ד א: (שטרעקט אויס די האנד נאָכ'ן פּאַקעט) ניין — גיב עס איהם נאָך ניט! איך מיין, ניט אין אזא איילע. לאָז מיך דאָס דורכלעזען אפריהער.

ט ע ס מ א ן: ניין, מיין ליעבסטע העדדא, איך טאָר עס ניט, ווירקליך איך טאָר ניט.

ה ע ד ד א: דו טאָרסט ניט?

ט ע ס מ א ן: ניין — ווארים דו קענסט זיך פאָרשטעלען ווי פערצווייפעלט ער וועט זיין ווען ער שטעהט אויף און כאַפּט זיך אז ער האָט ניט דעם מאנוסקריפּט. דו מוזט וויסען, אז ער האָט ניט קיין קאָפּיע דערפון. ער האָט עס מיר אליין געזאגט.

ה ע ד ד א: (קוקט אויף איהם פאָרשענד) לאָזט זיך דען אזא זאך ניט רעפּראָדוצירען? ווידער אָנשרייבען?

ט ע ס מ א ן: ניין, איך דענק ניט אז מען וואָלט עס געקענט. דען די בעגייסטערונג, פערשטעהסט —

ה ע ד ד א: יא, יא — איך רעכען אז עס הענגט אָב פון דעם — (ליינט) אבער, גוט וואָס איך האָב זיך דערמאָנט — דאָ איז פאראן א בריעף פאר דיר.

ט ע ס מ א ן: דענק נור! —

ה ע ד ד א: (דערלאנגט עס איהם) עס איז געקומען היינט גאנץ פריה.

ט ע ס מ א ן: עס איז פון טאנטע יוילא! וואס קען עס זיין? (ער לעגט אוועק דעם פּאַקעט אויף דעם אנדער פּוסבייגקעל, עפענט אויף דעם בריעף, קוקט איהם שנעל דורך און שפּרינגט אויף)

אַה, העדדא, — זי שרייבט אז די צרימע טאַנטע האַלט ביים שטאַרבען!

העדדא: נו, דאָס איז דאָך ניט אונערוואַרטעט.

טעסמאַן: און אויב איך וויל זי נאָך זעהען, מוז איך זיך צואיילען. איך'ל גלייך אַריבערלויפען.

העדדא: (האַלט זיך איין צו שמייכלען) דו וועסט לויפען?

טעסמאַן: אַה, מיין ליעבסטע העדדא — ווען דו וואָלסט נעקענט ביי זיך פועל'ן מיט צוגעהן מיט מיר! דענק נור!

העדדא: (שטעהט אויף און זאָגט איבערדריסיג, אָוועקמאַכענדיג מיט'ן האַנד) ניין, ניין, בעט מיך ניט. איך וויל ניט קוקען אויף קראַנקהייט און טוידט. מיך עקעלט פון אַלערליי העסליכקייטען.

טעסמאַן: נו, נו, אַלזאָ —! (ער פאַדעט אַרום) מיין הוט? — מיין אויבעררעק? — אַה, אין קאָרידאָר — הלואי זאָל איך נור ניט קומען צו־שפּעט העדדא! האַ?

העדדא: אָה אז דו וועסט לויפען — (בערטא בעוויזט זיך אין אַריינגאַנגס־טיר.)

בערטא: ריכטער בראַק איז דרויסען און פרעגט אויב ער מעג אַריינקומען.

טעסמאַן: איצטער, אזוי פריה? ניין, איך קען איהם אויף קיין פאַל ניט זעהען.

העדדא: אבער איך קען. (צו בערטא:) בעט ריכטער בראַק ער זאָל אַריינקומען. (בערטא געהט אָב.)

העדדא: (האַסטיג, שטיל) דעם פּאַקעט, טעסמאַן! (זי כאַפּט עס צו פון שטוהל.)

טעסמאַן: יא, גיב עס מיר!

העדדא: ניין, ניין, איך וועל עס האַלטען ביז דו וועסט צוריק קומען.

(זי געהט צו צום שרייבטיש און לעגט עס אוועק אין ביכער־שאַנ־

טעל. טעסמאן שטעהט אַף אויפגערעגטער פון איילעניש און קען ניט ארויפציהען זיינע האנדשוה.

ריכטער בראַק (קומט אריין פון קאָרידאָר.)

העדדא: (שאָקעלט צו איהם מיט'ן קאָפּ) נא, איהר זייט אבער א פריהער פויגעל.

בראק: יא, מיינט איהר ניט? (צו טעסמאן:) און איהר זייט שוין אויך אויף די פיס?

טעסמאן: יא, איך מוז שנעל געהן צו מיינע טאנטעס. דענקט נור — די קראנקע ליעגט א מינוט פאר'ן טוידט — די ארימע בעשעפעניס, נעבעך.

בראק: מיין גאָט, ווירקליך? דאן וויל איך אייך אויף קיין פאל ניט פערהאלטען. אין אזא קריטישען מאָמענט —

טעסמאן: יא, איך מוז ווירקליך זיך איילען. אדיע! אדיע! (לויפט ארויס דורך די קאָרידאָר־טיר.)

העדדא: (צוגעהענדיג) ווי עס שיינט איז ביי אייך אין הויז געווען גאנץ לעבעדיג לעצטע נאכט, הערר בראק.

בראק: גלויבט מיר, מאדאם העדדא, אז איך האָב זיך נאָך ניט אויסגעטאָן זייט געסטערן.

העדדא: אזוי, איהר אויך ניט?

בראק: ניין, ווי איהר זעהט מיך אָן. אבער וואס האָט אייך טעסמאן ערצעהלט וועגען לעצטער נאכטס־פּאסירונגען?

העדדא: אָה, עפּעס א לאנגווייליגע געשיכטע. אז זיי זיינען געגאנגען און האָבען ערגיץ וואו געטרונקען קאפע.

בראק: איך האָב שוין געהערט וועגען דער קאפע־חברה. עילערט לאוובארג שטעל איך מיר פאָר איז מיט זיי צוזאמען ניט געווען?

העדדא: ניין, זיי האָבען איהם נאָך פריהער אבגעפיהרט אהיים.

בראק: טעסמאן איז אויך געווען מיט זיי?

ה ע ד ד א: ניין, ווער עס איז פון די אנדערע, האָט ער גע־זאָגט.

ב ר א ק: (שמייכעלט) זשאָרזש טעססמאַן איז ווירקליך א כשר'ה נשמה, מאַדאַם העדדאַ.

ה ע ד ד א: יא, דאס ווייס גאָט. שטעקט אבער נאָך וואס הינטער דעם?

ב ר א ק: יא, אפשר שטעקט עפּעס.

ה ע ד ד א: גוט, אלזא, זעצט זיך אנידער, מיין ליעבער ריכטער, און דערצעהלט אייער געשיכטע בהרחבה.

(זי זעצט זיך ביי דער לינקער זייט פון טיש. בראַק נעבען איהר ביי דער לינקער זייט.)

ה ע ד ד א: נו, אלזאָ.

ב ר א ק: איך האָב געהאט ספּעציעלע אורזאכען לעצטע נאכט אכטונג צו געבען וואו מיינע געסט — אדער ריכטיגער גע־זאָגט איינינע פון זיי — געהען.

ה ע ד ד א: צווישען די אנדערע, אפשר אויך וואו עילערט לאָווּבאָרג געהט?

ב ר א ק: אָפען געזאָגט — יא.

ה ע ד ד א: איצט מאַכט איהר מיר ווירקליך נייגידיג —

ב ר א ק: ווייסט איהר וואו ער און נאָך א פּאָר אנדערע האָבען געענדיגט די נאכט, מאַדאַם העדדאַ?

ה ע ד ד א: אויב עס איז ניט צו־מיאוס צו רעדען וועגען דעם, דאן דערצעהלט.

ב ר א ק: אָה, ניין, עס איז גאָר ניט צו־מיאוס. קורץ, זיי זיינען זיך אוועקגעגאנגען אויף א בעזונדערס־פרעהליכען אבענד.

ה ע ד ד א: פון דעם לעבעדיגען סאָרט?

ב ר א ק: פון דעם סאמע לעבעדיגסטען —

ה ע ד ד א: דערצעהלט, דערצעהלט, הערר בראַק —

ב ר א ק: לאָווּבאָרג אזוי גוט ווי די אנדערע זיינען נאָך פריהער איינגעלאַדען געוואָרען. איך האָב געוואוסט וועגען דער

נאנצער זאך. ער האט אבער ענטזאגט די איינלאדונג; דען ווי איהר ווייסט איז ער דאך איצט געווארען אנ'אנדער מענש.

העדדא: דארט ביי די עלווסטעד'ס, יא. ער איז אבער געגאנגען, נאך אלעם דעם?

בראק: נו, איהר זעהט, מאדאם העדדא — אונגליקליכערוויז איז אויך איהם אנגעקומען דער גייסט לעצטע נאכט ביי מיר אין הויז —

העדדא: יא, איך הער אז ער האט זיך בעגייסטערט.

בראק: גאר גוואלטיג בעגייסטערט. נו, קלער איך, אז דאס האט מסתמא געאנדערשט זיין געדאנק; דען מיר מאנסבילזייגען לײדער ניט אלעמאל אזוי פעסט אין אונזערע פרינציפען ווי מיר זאלען זיין.

העדדא: אה, איך בין זיכער אז איהר, הערר בראק, זייט אן אויסנאהמע פון דעם כלל. אבער מכח לאוובארג'ן — ?

בראק: קורץ און גוט — די ענדע איז געווען אז ער איז אריינגעפאלען אין מאמזעל דיאנא'ס סאלאן.

העדדא: אין מאמזעל דיאנא'ס?

בראן: מאמזעל דיאנא האט עס געגעבען דעם „אבענד" פאר א געקליבענעם קרייז פון איהרע פערעהרער און פריינדינען.

העדדא: איז זי א פרוי וואס האט רויטע האאר?

בראק: עס שטימט.

העדדא: א געוויסע — זינגערקע?

בראק: אה, יא — ווען זי איז ניט פערנומען מיט עפעס אנדערש. דערהויפט אבער איז זי א מעכטיגע יעגערין — פון מענער, מאדאם העדדא. איהר האט אודאי געמווזט הערען פון איהר. עילערט לאווּבארג איז געווען איינער פון איהרע העכסט ענטוזיאסטישע בעשיצער — אין די צייטען פון זיין אמאליגען גלאנץ.

העדדא: און וואס איז פון דעם אלעם געווארען?

בראק: ווי עס שיינט, ווייט ניט ליעבליך. נאך א העכסט צערטליכען עמפפאנג, זעהט עס אויס, איז מען געקומען צו קלעפ—

העדדא: לאוובארג און זי?

בראק: יא. ער האט זי אדער איהרע פריינדינען בעשולדינט, אז זיי האבען איהם בערויבט. ער האט ערקלערט, אז זיין געלד־טאש איז איהם פערשוואונדען — און נאך אנדערע זאכען אויך. קורץ, עס שיינט אז ער האט דארט געמאכט א שרעקליכען אויפרוהר.

העדדא: און וואס איז פון דעם אלעם געווארען?

בראק: עס איז געווארען אן אלגעמיינע רייסעריי, אין וועלכער עס האבען זיך בעטייליגט די דאמען אזוי גוט ווי די הערען. צום גליק איז די פאליציי ענדליך אנגעקומען אויף דער סצענע.

העדדא: די פאליציי אויך?

בראק: יא. איך שטעל מיר פאר אז דער שפאס וועט עילערט לאוובארג'ן קאסטען טייער, פערריקטער קערל וואס ער איז.

העדדא: פאר וואס עפעס?

בראק: מען זאגט אז ער האט זיך געשטעלט דאגעגען מיט געוואלט — אז ער האט א פאליציאנט צושלאגען דעם קאפ און צערריסען דעם ראק. נו, האבען זיי איהם מיט די איבעריגע אוועקגעפיהרט אין פאליציי־הויז.

העדדא: פון וואנען האט איהר זיך דאס אלעס דערוואוסט?

בראק: פון דער פאליציי אליין.

העדדא: (קוקט גלייך פאר זיך) אט אזוי איז עס גאר צוגעגאנגען. ער האט אלזא ניט געהאט קיין וויין־טרויב בלעטער אין זיינע האאר.

בראק: וויין־טרויב בלעטער, מאדאם העדדא?

העדדא: (בייטענדיג דעם טאן) איצט זאגט מיר נור, הערר ריכטער — וואס איז געוועזען אייער ווירקליכער גרונד פאר וואס איהר האט אזוי גענוי נאכגעשפיהרט עילערט לאוובארג'ס יעדען טריט?

בראק: ערשטענס איז עס פאר מיר גאר ניט קיין גלייב־

גילטיגע זאך אין פאל ווען עס שטעלט זיך ארויס אין פאליציי־
געריכט, אז ער איז געקומען אהין גלייך פון מיין הויז.

הערדרא: דענקט איהר אז די זאך וועט קומען אין גע־
ריכט?

בראק: גאנץ געוויס. דאך וואלט איך זיך וועגען דעם
אליין נאך ניט אזוי שטארק געקימערט. איך האב אבער גערע־
כענט, אז אלס פריינד פון דער פאמיליע, איז עס מיין פליכט צו
צושטעלען איך און טעסמאנען א פולען בעריכט וועגען זיינע ביי־
נאכטיגע העלדישקייטען.

הערדרא: ווארום דען, הערר בראק?

בראק: ווארום? ווייל איך האב א שארפען חשד אז ער
וויל אייך געברויכען פאר א מין שירם־וואנד...

הערדרא: ווי אזוי קענט איהר גאר אזוי־וואס דענקען!

בראק: מיין גאט, מיר זיינען דאך ניט בלינד, מאדאם
העדדא. געדענקט מיינע ווערטער! אט די פרוי עלווסטעד וועט
זיך ניט אנדויבען איילען אוועקצופאהרען פון שטאדט.

הערדרא: נא, און אפילו אויב דיביידע האבען עפעס א
שיכות צווישען זיך, מיין איך אז עס זיינען פאראן גענוג אנדערע
פלעצער וואו זיי קענען זי דצוזאמענקומען.

בראק: אין קיין איינציגער פאמיליע ניט. פון איצט אן,
אזוי ווי פריהער, וועט יעדעס אנשטענדיג הויז זיין פערשלאסען
פאר עילערט לאוובארגען.

הערדרא: און אזוי דארף אויך מיין הויז זיין, מיינט איהר?

בראק: יא, איך בין זיך מודה, אז עס וואלט מיר זעהר
שמערצליך געווען אויב די דאזיגע פערזאן וואלט געהאט די פריי־
הייט פון דיזען הויז. ווי איבערפליסיג, ווי צודרינגליך ער וואלט
זיין, ווען ער זאל זיך דא ארייַנשטופען —

הערדרא: — אין דעם דריי־עק?

בראק: ריכטיג. דאס וואלט פאר מיר געמיינט, בלייבען
איינפאך היימלאז.

ה ע ד ד א: (קוקט אויף איהם מיט א שמייכעל) דאס הייסט אז איהר ווילט זיין דער „איינציגער האָהן אין קאָרב“ — אָט דאָס איז אייער צוועק.

ב ר א ק: (שאָקעלט לאנגזאם מיט'ן קאָפּ און זאָגט אין א גידע־ריגע שטימע) יא, דאָס איז מיין צוועק. און פאר דעם וויל איך קעמפּפען — מיט אלע מיטלען וועלכע שטעהען מיר צום האנד.

ה ע ד ד א: (איהר שמייכעל פערשווינדעט) איך זעה אז איהר זייט א געפעהרליכע פערזאָן — ווען עס קומט צום פונקט.

ב ר א ק: דענקט איהר אזוי?

ה ע ד ד א: איך הויב אָן אזוי צו דענקען. און איך בין העכסט צופריעדען צו דענקען — אז איהר האָט אויף מיר ניט קיין סאָרט בייטש.

ב ר א ק: (לאכט צווייריייטיג) יא, יא, מאדאם העדדא — דעריין זייט איהר אפשר גערעכט. ווען איך וואָלט עס געהאט, ווער ווייסט וואס איך וואָלט געקענט טהאָן דערמיט?

ה ע ד ד א: נא, נא, הערר ריכטער! דאָס קלינגט שוין כמעט ווי א דראָהונג.

ב ר א ק: (שטעהט אויף) אה, ווייט דערפון! דער דריי־עק, פערשטעהט איהר, מוז, ווען מעגליך, פרייוויליג צונויפגעשטעלט ווערען.

ה ע ד ד א: אין דעם שטים איך מיט אייך איין.

ב ר א ק: נו, איצט האָב איך שוין אבגעזאגט אלעם וואס איך האָב געהאט צו זאָגען, און מען דארף שוין אָנהויבען געהן צוריק אין שטאָדט אריין. אדיע, מאדאם העדדא. (ער געהט צו דער גלעזערנער טיר).

ה ע ד ד א: (שטעהט אויף) געהט איהר דורכ'ן גארטען?

ב ר א ק: יא, דער וועג איז פאר מיר דער קירצערער.

ה ע ד ד א: און דערצו איז עס אויך א הינטערוועג.

ב ר א ק: גאנץ ריכטיג. איך האָב גארנישט דאגעגען הינ־טערוועגען. אָפּטמאָל זיינען זיי גאנץ פיקאנט.

ה ע ד ד א : איהר מיינט וועט אימיצער איבט זיך אין שיסען און עס לויפען די קוילען ?

ב ר א ק : (אין טיר, לאַבענדיג צו איהר) אָה, קיינער, רענק איך, דערשיסט ניט זיינע עופות אין קאַרב.

ה ע ד ד א : (לאַכט אויך) אָה, ניט ווען עס איז דאָ נור איין „האָהן אין קאָרב".

(פערנייגען זיך לאַבענדיג איינער צום אַנדערן צום אבשיעד. ער געהט אב. זי פערמאַכט די טיר הינטער איהם. ה ע ד ד א, וועלכע איז געוואָרען גאַנץ ערנסט, שטעהט א ווײַלע און קוקט ארויס. אַ ווײַלע שפּעטער געהט זי און קוקט דורכ'ן פארהאַנג אין מיטעלסטען צימער אריין. דאַן געהט זי צום שרייבטיש, נעהמט ארויס לאוובארג'ס פּאַ־קעט פון ביכער־שאַכטעל און וויל עס נעהמען לייענען. מען הערט ווי בערטאַ רעדט הויך אין קאָרידאָר. העדדא קעהרט זיך אום און האָרכט צו. דאַן פערשליסט זי האַסטיג דעם פּאַקעט אין שופלאַד און לעגט אוועק דעם שליסעל אויפ'ן שרייבגעצייג.)

(עילערט לאוובארג, אין א שווערען מאַנטעל מיט'ן הוט אין האַנד רייסט אויף די טיר. ער זעהט אויס אביסעל צוטומעלט און אויפגע־רעגט.)

ל א ו ו ב א ר ג : (קוקט צום קאָרידאָר צו) און איך זאָג אייך אז איך מוז און וועל אריין. אָט!

(ער מאַכט צו די טיר, קעהרט זיך אום, דערזעהט העדדא'ן, קאָנ־טראָלירט זיך באַלד און פערנייגט זיך.)

ה ע ד ד א : (ביים שרייבטיש) נו, הערר לאוובארג, איהר קומט אביסעל שפּעטלעך אבצונעהמען טייא'ן.

ל א ו ו ב א ר ג : איהר מיינט גיכער, אז ס'איז אביסעל צו־פריה צו קומען צו אייך. איך בעט אום ענטשולדיגונג!

ה ע ד ד א : ווי אזוי ווייסט איהר אז זי איז נאָך דאָ?

ל א ו ו ב א ר ג : זיי האָבען מיר געזאגט אויף איהר קוואר־טיר, אז זי איז אוועקגעבליבען די גאַנצע נאַכט.

ה ע ד ד א : (געהט צו צום רונדען טישעל) האָט איהר עפּעס

געמערקט אויף די לייטע פון הויז ווען זיי האבען איידָ דאס גע־זאגט?

לאוובארג: (קוקט זי אן פערוואונדערט) עפעס גע־מערקט אויף זיי?

העדדא: איך מיין, האט עס אויסגעזעהען ווי זיי וואלטען עס בעטראכט פאר זאנדערבאר?

לאוובארג: (כאפט זיך גלייך) אה, יא, געוויס! איך שלעפ זי אריין אין בלאטע מיט מיר צוזאמען! איבעריגס האב איך קיין זאך ניט בעמערקט. — טעסמאן איז נאך ניט אויפגע־שטאנען?

העדדא: ניין, איך גלויב נים.

לאוובארג: ווען איז ער געקומען אהיים?

העדדא: זעהר שפעט.

לאוובארג: האט ער אייך עפעס דערצעהלט?

העדדא: יא, איך האב פערשטאנען אז איהר האט גע־האט א העכסט פרעהליכען אבענד ביי ריכטער בראק.

לאוובארג: מעהר גארנישט?

העדדא: ניין, איך גלויב נים. איבעריגס בין איך געווען אזוי שרעקליך שלעפעריג —

פרוי עלווסטעד: (קומט אריין, געהט צו איהם צו) אה, לאוובארג! ענדליך דאך — !

לאוובארג: יא, ענדליך און צו־שפעט!

פרוי עלווסטעד: (קוקט אויף איהם בעזארגט) וואס איז צו־שפעט?

לאוובארג: אלץ איז צו־שפעט איצטער. מיט מיר איז שוין אויס.

פרוי עלווסטעד: אה ניין, ניין — זאג דאס נים!

לאוובארג: דו וועסט זאגען דאס אייגענע, ווען דו וועסט הערען —

פרוי עלווסטעד: איך וויל גארנישט ניט הערען!

ה ע ד ד א: אפשר וואָלט איהר וועלען רעדען מיט איהר אַליין? דאַן געה איך אוועק.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: ניין, בלייבט דאָ — איהר אויך. איך בעט אייך.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, איך וויל אָבער גאַרנישט הערען, זאָג איך דיר.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: ניט וועגען לעצטער נאכט'ס פּאסירונגען וויל איך רעדען.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: וועגען וואָס דען? —

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: איך וויל זאָגען, אז אונזערע וועגען מוזען זיך פון איצט אָן שיידען.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: שיידען זיך!

ה ע ד ד א: (רעדט זיך ארויס ניט ווילענדיג) איך האָב עס געוואוסט!

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: דו קענסט פאר מיר מעהר גאָר ניט טהאָן, טייא.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: און דו קענסט דאָס זאָגען! איך קען דיר מעהר ניט נוצען! דארף איך דיר ניט העלפען איצטער אזוי גוט ווי פריהער? וועלען מיר דען ניט פאָרטזעצען ארבייטען צוזאמען?

ל א ו ו ב אָ ר ג: פון איצט אָן און ווייטער וועל איך מעהר קיין ארבייט ניט טהאָן.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (פערצווייפעלט) איז וואָס זאָל איך איצט טהאָן מיט מיין לעבען?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: דו מוזט זעהען צו לעבען דיין לעבען אקו־ראט ווי דו וואָלסט מיך גאָר קיינמאָל ניט געקענט.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: דו ווייסט דאָך, אז דאָס קען איך ניט טהאָן!

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: זעה נור צי דו קענסט ניט, טייא. דו מוזט צוריק געהן א היים —

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (אין חעכסטער אויפרעגונג) קיינ־מאָל אויף דער וועלט ניט! וואו דו ביזט דאָרט וועל איך אויך זיין. איך וועל זיך ניט לאָזען אזוי אוועק טרייבען! איך בלייב דאָ! איך וויל זיין מיט דיר ווען דאָס בוך וועט ערשיינען.

ה ע ד ד א: (האַלב הויך, געשפּאַנט) אך יא, — דאָס בוך!

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: (קוקט אויף איהר) מיינער און טייא'ס בוך. דען אזוי איז די זאַך.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, איך פיהל אז אזוי איז עס. און דערפאַר האָב איך א רעכט צו זיין מיט דיר ווען עס וועט ער־שיינען! איך וויל זעהן מיט מיינע אויגען ווי אלע וועלען דיר וויע־דער אָבגעבען עהרע און אכטונג. און די פרייד — די פרייד וויל איך זיך מיט דיר טיילען!

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: טייא — אונזער בוך וועט קיינמאָל ניט ערשיינען.

ה ע ד ד א: אה!

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: קיינמאָל ניט ערשיינען?!

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: עס ק ע ן קיינמאָל ניט ערשיינען.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (מיט גרויס שמערץ, ווי דאָס האַרץ זאָגט איהר) לאָווכאָרג, וואָס האָסטו געטהאָן מיט'ן מאַנו־סקריפּט?

ה ע ד ד א: (קוקט אויף איהם געשפּאַנט) יא, דער מאַנו־סקריפּט — ?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: וואו איז עס?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: אָה, טייא — פרעג מיך ניט וועגען דעם!

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, יא, איך וויל וויסען. איך פאָדער דו זאָלסט מיר גלייך זאָגען.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: דער מאַנוסקריפּט — נו יא — איך האָב צערריסען דעם מאַנוסקריפּט אויף טויזענד שטיקלעך.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (שרייט) אָה ניין, ניין! —

ה ע ד ד א: (ניט ווילענדיג) אָבער דאָס איז דאָך ניט —

לאוובארג: (קוקט אויף איהר) ניט אמת, דערגסט איהר?

העדדא: (בעהערשט זיך) אָה יא, נאטירליך — וויבאלד איהר זאָגט אזוי. עס האָט אָבער געקלונגען אזוי אונוואהרשיינ־ליך.

לאָוובאָרג: עס איז אָבער דאָך אמת.

פרוי עלווסטעד: (ברעכט די הענד) אָה גאָט — אָה גאָט, העדדא — ער האָט צעררים איין ווערק אויף שטיקלעך!

לאָוובאָרג: איך האָב מיין אייגען לעבען צעררים אויף שטיקלעך. פאר וואָס זאָל איך אויך ניט צעררייסען מיין לעבענס־ארבייט — ?

פרוי עלווסטעד: און דו האָסט עס געטהאָן לעצ־טע נאכט?

לאָוובארג: יא, זאָג איך דיר! כ'האָב עס צעררים אויף טויזענד שטיקליך — האָב עס אריינגעוואָרפען אין פיאָרד — ווייט ארוים. דאָרט איז דאָ וועניגסטענס פרישעם ים־וואסער — זאָלען זיי דאָרטען שווימען — שווימען מיט'ן פלוס און מיט'ן ווינד. און דאן שפעטער וועלען זיי זינקען — טיעפער און טיעפער ווי איך אליין וועל זינקען, טייא!

פרוי עלווסטעד: ווייסטו, לאָוובאָרג, אז דאָס וואָס דו האָסט געטהאָן מיט'ן בוך — אז איך וועל דענקען פון דעם ביז דעם טאָג פון מיין טוידט אקוראט ווי דו וואָלסט געטוידטעט א קליין קינד.

לאָוובארג: יא, דו ביזט גערעכט. עס איז א מין קינ־דער־מאָרד.

פרוי עלווסטעד: ווי האָסטו עס געקענט טהאָן—! האָט ניט דאָס קינד געהערט מיר אויך?

העדדא: (כמעט אונהערבאר) אָה, דאָס קינד —

פרוי עלווסטעד: (אטהעמט שווער) שוין אלעס פאָראיבער. יא, יא, איצט וועל איך נעהן, העדדא.

ה ע ד ד א: דו פֿאַהרסט דאָך ניט אוועק פֿון שטאָדט?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ר: אָה, איך ווייס ניט וואָס איך וועל טהאָן. איך זעה מעהר גאַרנישט ווי חושך פֿאַר מיר (זי געהט אוועק דורך די קאָרידאָר טיר.)

ה ע ד ד א: (שטעהט א מינוט ווארטענדיג) וועט איהר זי ניט בעגלייטען אהיים, הערר לאָווּבאָרג?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: איך? דורך די גאסען? וואָלט איהר וועלען אז מענשען זאָלען זי זעהען ווי זי געהט מיט מיר?

ה ע ד ד א: נאטירליך איך ווייס ניט וואָס נאָך עס האָט פּאסירט לעצטע נאכט. אָבער צי דען קען עס שוין גאָר ניט ווי־דער גוט ווערען?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: עס וועט זיך ניט ענדיגען מיט לעצטער נאכט — איך ווייס עס גאנץ גוט. און די זאך איז, וואָס איך האָב איצטער מעהר גאָר קיין געשמאק ניט פֿאר דעם סאָרט לעבען. איך וויל ניט אָנפֿאנגען פֿון דאָס נייע. זי האָט געבראָכען מיין מוטה און מיין קראפֿט זיך אויסצוקעמפּפֿען מיין לעבען.

ה ע ד ד א: (קוקט גלייך פֿאַר זיך) יעדענפֿאלס אָבער, ווי האָט איהר געקענט אזוי אכזריות׳דיג זי בעהאנדלען?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: אה, זאָגט ניט אז עס איז געווען אכזריות׳־דיג!

ה ע ד ד א: נעהמען און פֿערניכטען וואָס עס האָט אָנגע־פֿילט איהר גאנצער נשמה פֿאר מאָנאטען און יאָהרען! איהר רופֿט עס ניט אונדערבארמליך?!

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: אייך קען איך דערצעהלען די ווארהייט, העדדא.

ה ע ד ד א: די ווארהייט?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: אפֿריהער פֿערשפּרעכט מיר — גיט מיר אייער עהרען־וואָרט — אז דאָס וואָס איך פֿערטרוי אייך איצטער זאָל טייא קיינמאָל ניט וויסען.

ה ע ד ד א: איך גיב אייך מיין וואָרט.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: גוט. איצט לאָזט מיר אייך דערצעהלען, אז דאָס וואָס איך האָב אקאָרשט געזאָגט איז ניט געווען אמת.

ה ע ד ר א: מכח דעם מאנוסקריפט?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: יא. איך האָב עס ניט צעריסען אויף שטיקלעך — און ניט אריינגעוואָרפען אין פיארד.

ה ע ד ר א: ניין, ניין — אָבער — וואו איז עס דען?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: איך האָב עס אָבער אלץ איינס פערניכטעט — לחלוטין פערניכטעט, העדרא!

ה ע ד ר א: איך פערשטעה ניט.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: טייא האָט געזאָגט, אז איהר זעהט אויס וואָס איך האָב געטהאָן ווי א קינדער־מאָרד.

ה ע ד ר א: יא, אזוי האָט זי געזאָגט.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: אָבער הרג'נען זיין קינד — דאָס איז נאָך ניט דאָס ערגסטע וואָס א פאָטער קען טהאָן.

ה ע ד ר א: ניט דאָס ערגסטע?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: ניין. איך האָב געשאנעוועט טייא'ן און האָב ניט געוואָלט זי זאָל הערען דאָס ערגסטע.

ה ע ד ר א: וואָס איז דען דאָס ערגסטע?

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: שטעלט זיך פאָר, העדרא, אז א מאן קומט אהיים — א שעה פאר טאָג — צו זיין קינד'ס מוטער, נאָכדעם ווי ער האָט פערבראכט א נאכט אין ווילדער אויסגעלאסענהייט, און זאָגט: „הערך — איך בין געווען דאָרטן און דאָרטן, אין דעם פלאַץ און אין יענעם. און איך האָב מיטגענומען מיט זיך אונזער קינד — אין דעם פלאַץ און אין יענעם. און איך האָב פערלאָרען דאָס קינד — לחלוטין פערלאָרען עס. דער טייוועל וויים אין וועלכע הענד ער האָט געקענט אריינפאלען — ווער עס האָט געקענט ארויפלעגען זיינע לאַפּעס אויף איהם".

ה ע ד ר א: גוט — אָבער אז מען בערעכענט זיך צום סוף — איז עס דאָך געווען נישט מעהר ווי א בוך —

לאָוובאָרג: טייא'ס ריינע נשמה איז געוועזן אין דעם בוך.

העדדא: יא, אזוי פערשטעה איך עס.

לאָוובאָרג: און איהר קענט אויך פערשטעהן, אז פאר איהר און מיר צוזאמען איז שוין קיין צוקונפט ניט מעגליך.

העדדא: אויף וואָס פאר א וועג, אלזאָ, מיינט איהר זיך איצטער צו נעהמען?

לאָוובאָרג: קיין וועג ניט. איך וועל נור זעהן מאַכען א סוף פון אלעם — און וואָס גיכער, אלץ בעסער.

העדדא: (געהט צו צו איהם א טריט נעהנטער) עילערט לאָוובאָרג — הערט זיך צו צו מיר — ווילט איהר ניט זעהן — ניט זעהן דאָס צו טהאָן שעהן?

לאָוובאָרג: שעהן? (שמייכעלט) מיט ווייַנטרויב־בלעטער אין די האָאר, ווי איהר פלעגט טרוימען אמאָל, אין די אלטע צייטען? —

העדדא: ניין, ניין. אין די ווייַנטרויב־בלעטער גלויב איך ניט מעהר. אָבער דאָך, שעהן זאָל עס זיין! כאָטשע איין מאָל! — אדיע! איהר מוזט איצט אוועקגעהן — און קומט אהער מעהר קיינמאָל ניט.

לאָוובאָרג: אדיע, מאדאם טעסמאן. און גריסט זשאָרש טעסמאן. (ער האלט שוין ביים געהן.)

העדדא: ניין, וואַרט נאָך! איך מוז אייך געבען אן אנדענקען אויף מיטצונעהמען.

(זי געהט צו צום שרייבטיש, עפענט דעם שופלאָד און דאָס פיסטאָלעטען־שאכטעל; דאן קעהרט זי זיך אום צו לאוובארג מיט איינעם פון די פיסטאָלעטען.)

לאָוובאָרג: (קוקט אויף איהר) אָה דאָס? איז דאָס דער אנדענקען?

העדדא: (שאָקעלט לאנגזאם מיט'ן קאָפּ) דערקענט איהר עס? אמאָל איז עס שוין געווען אָנגעשטעלט אויף אייך.

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: איהר האָט עס דאן בעדארפט געברויכען.

ה ע ד ר א: נעהמט עס און געברויכט א י ה ר דאָס איצ־טער.

ל א ו ו ב א ר ג: (לעגט אריין דעם פּיסטאָלעט אין זיין בוזים־קעשענע) איך דאנקע!

ה ע ד ר א: און ש ע ה ן זאָלט איהר עס מאכען, עילערט לאָווּבאָרג. פערשפּרעכט מיר דאָס!

ל אָ ו ו ב אָ ר ג: אדיע, העדדא גאבלער. (ער געהט ארויס דורך די קאָרידאָר־טיר.)

(העדדאַ הערט זיך צו א ווײלע ביי דער טיר. דאַן געהט זי צו צום שרייבטיש, נעהמט ארויס דעם מאנוסקריפּט, קוקט אריין אונטערן מאַנטעל, ציהט האַלב ארויס עטליכע בלעטער און קוקט אויף זיי. דער־נאָך געהט זי אריבער און זעצט זיך אין לעהן־שטוהל נעבען אויוועןן מיט'ן פּאקעט אויף איהר שויס. א ווײלע ארום עפענט זי אויף דאָס טירעל פון אויוועז, און דאן דעם פּאקעט.)

ה ע ד ר א: (ווארפט אריין איינעם פון די בויגענס אין פייער און מורמעלט צו זיך:) איצט פערברען איך דיין קינד, טייא! איך פערברען עס, דו געגרייזעלטע האָר! (ווארפט אריין נאָך עטליכע בויגענס אין אויוועז) דיין קינד און עילערט לאָווּבאָרג'ס. (ווארפט די איבריגע אריין) איך פערברען — איך פערברען דיין קינד.

פיערטער אקט.

דיזעלבע צימערן אין טעסמאן'ס הויז. אבענד. אין זאַאל איז טונקעל. דער הינטערצימער איז בעלויכטען פון'ם הענגלאָמפּ איבערן טיש. די פאָרהאנגען אויף דער גלעזערנער טיר זיינען פעסט פערצויגען.

הערדא, אָנגעטאָן אין שווארצען, שפּאצירט ארום הין און צוריק אין טונקעלען צימער. דאן געהט זי אריין אין הינטערסטען צימער און פערשווינדט א ווייל ע לינקס. עס הערט זיך ווי זי נעהמט א פּאָר טענער אויפ'ן פּיאַנאָ. באַלד קומט זי ווידער ארויס און קעהרט זיך אום צוריק אין זאַאל.

בערטא קומט אריין פון רעכטס, דורכ'ן מיטעלסטען צימער, מיט אן אנגעצונדענעם לאָמפּ, וועלכען זי שטעלט אוועק אויפ'ן טיש נעבען ווינקעל זאָפע אין זאַאל. איהרע אויגען זיינען רויט פון וויינען און זי טראָגט שווארצע בענדער אויף איהר הייבעל. זי געהט ארויס שטיל און פאָרזיכטיג רעכטס. הערדא געהט צו צו דער גלעזערנער טיר, רוקט דעם פאָרהאנג אַ ביסעל אָן א זייט און קוקט ארויס אין די פינסטערניש.

א ווייל ע שפּעטער קומט אריין פריילין טעסמאן, אין טרויערקליידער מיט א הוט און א שלייער, פון קאָרידאָר. הערדא געהט איהר אנטקעגען און שטרעקט איהר אויס די האנד.

פריילין טעסמאן: יא, הערדא, איך קום איצט אין טרויער און אַ פערדאומערטע; דען מיין אָרימע שוועסטער האָט ענדליך געפונען רוה.

הערדא: ווי איהר זעהט, האָב איך שוין געהערט די נייעס. טעסמאן האָט מיר געשיקט א קארטע.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: יא, ער האָט מיר פערשפּראָכען דאָס צו טהאָן. דאָך האָב איך גערעכענט, אז דאָ צו העדדא'ן — אין דעם הויז פון לעבען — מוז איך אליין ברייגגען די נאכריכט פון טוידט.

ה ע ד ד א: דאָס איז זעהר שעהן פון אייך.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: אה, רינא האָט אונז ניט געדארפט פערלאָזען גראָד איצטער. איצט איז ניט די צייט העדדא'ס הויז זאָל זיין א הויז פון טרויער.

ה ע ד ד א: (בייט אום דעם געשפּרעך) זי איז געשטאָרבען גאנץ רוהיג, ניט וואהר, פרייליין טעסמאן?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: אָה, איהר ענדע איז געווען אזוי רוהיג, אזוי שעהן. און זי איז געווען אזוי גליקליך וואָס זי האָט געקענט זעהען יעארגע'ן נאָך אמאָל — און זיך זעגענען מיט איהם. — איז ער נאָך ניט געקומען?

ה ע ד ד א: ניין. ער האָט געשריבען, אז עס קען זיין ער וועט זיך פערזאמען. אָבער ווארום זיצט איהר ניט?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: ניין, איך דאנק, מיין ליעבע, ליעבע העדדא. איך וואָלט גערן געזעסען א ווייל, איך האָב אָבער אזויפיעל צו טהאָן. איך מוז פּאָרבערייטען פאר מיין טייערער שוועסטער'ס רוה, אזוי גוט ווי איך קען. שעהן אויסגעבעט און זויבער זאָל זי ליעגען אין איהר קבר.

ה ע ד ד א: קען איך אייך אפשר העלפען מיט עטוואָס?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: אה, דו מוזט גאָר ניט טראכטען וועגען דעם! העדדא טעסמאן דארף זיך ניט מישען אין אזעלכע טרויעריגע ארבייט. אפילו איהרע געדאנקען דארפען זיך ניט אָבשטעלען אויף דעם — ניט ביי איצטיגער צייט.

ה ע ד ד א: מען קען ניט אלעמאָל זיין דער בעל־הבית איבער די אייגענע געדאנקען —

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: (זעצט פאָרט) אה, יא — אזוי געהט עס אויף דערוועלט. צו הויז וועלען מיר געהען תכריכים.

און דאָ וועט מען מסתמא אויך באַלד עפּעס נעהען — אָבער אַנ־
אַנדער סאָרט געגעה, א דאַנק גאָט!

(זשאָרזש טעסמאַן קומט אריין דורכ'ן קאָרידאָר־טיר.)

ה ע ד ד א: אה, ביזט געקומען — ענדליך!

ט ע ס מ א ן: דו ביזט דאָ, טאַנטע יוליא? מיט העדדא'ן?
דענק נור!

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: איך האָב זיך שוין געקליבען
אוועקגעהן, מיין ליעבער יונג. נו, האָסטו געטהאָן אַלץ וואָס דו
האָסט פערשפּראָכען?

ט ע ס מ א ן: ניין; איך האָב מורא אז א העלפט דערפון
האָב איך אפשר פערגעסען. מאָרגען וועל איך אריינגעהן צו דיר
וויעדער. דער קאָפּ איז מיר היינט אזוי פערדרעהט, אז איך קען
מיינע געדאַנקען ניט צוזאַמענהאַלטען.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: אָבער, מיין ליעבער זשאָרזש,
דו מוזט זיך ניט נעהמען אזויפיעל צום הארצען.

ט ע ס מ א ן: איך מוז ניט? — ווי מיינסטו דאָס?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: אפילו אין דיין שמערץ מוזטו
זיך פרעהען, ווי איך — זיך פרעהען וואָס זי איז געקומען צו איהר
רוה.

ט ע ס מ א ן: אה יא, יא — דו דענקסט וועגען טאַנטע
רינא.

ה ע ד ד א: איהר וועט איצט פיהלען איינזאַם, פריילין
טעסמאַן.

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: אין אָנהויב, יא. איך האָף אָבער
אז עס וועט ניט דויערן זעהר לאַנג. איך מיין אז איך וועל באַלד
האָבען א שכן פאַר דער אָרימער רינא'ס קליינעם צימער.

ט ע ס מ א ן: ווירקליך? ווער, דענקסטו, וועט עס נעה־
מען, הא?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: אה, עס געפינט זיך שוין אַן

אַרימער אינוואַליד, אָדער עפּעס אנאנדערער וואָס דאַרף מען זאָל ארום איהם ארומגעהן, לײדער גאָטעס.

ה ע ד ד א: און איהר וואָלט ווירקליך נעהמען אויף זיך ווידער אזא לאַסט?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: א לאַסט! זאָל דיר גאָט פערציהען פאר דײנע רײד, קינד — עס איז פאר מיר ניט געווען קײן לאַסט.

ה ע ד ד א: אָבער ווען איהר וואָלט געדאַרפט ארומגעהן ארום א גאַנץ פרעמדען? —

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: אה, מיט קראַנקע מענשען ווערט מען שנעל בעפרײנדעט; און איך מוז נויטווענדיג האָבען אימעצען פון וועמענס וועגען צו לעבען. נו, געלויבט דער איבערשטער דאָ אין הויז קען אויך באַלד עפּעס זיין, ביי וואָס אן אלטע טאַנטע קען צוניץ קומען.

ה ע ד ד א: אָה, זאָרגט זיך ניט וועגען קײן זאַך דאָ ביי אונז.

ט ע ס מ א ן: יא, שטעל זיך נור פאָר ווי גוט עס וואָלט געווען אונז דרייען, ווען —

ה ע ד ד א: ווען —?

ט ע ס מ א ן: (אונרוהיג) אה, גאָרנישט. עס וועט שוין גוט זיין. מיר וועלען האָפען, הא?

פ ר י י ל. ט ע ס מ א ן: יא, יא, איהר ביידע ווילט אודאי רעדען צווישען זיך. (שמייכעלט) און אפשר האָט אויך העדדא דיר וואָס צו דערצעהלען, זשאָרזש. אדיע! איך מוז געהן אהיים צו רינא. (קעהרט זיך אום ביי דער טיר) ווי זאָנדערבאר דאָס איז זיך פאַרצושטעלען, אז איצט איז רינא צוגלייך אי ביי מיר, אי ביי מיין זעליגען ברודער!

ט ע ס מ א ן: יא, שטעל זיך דאָס פאָר, טאַנטע יוליא! הא?

(פרײלין טעסמאַן געהט ארויס דורך די קאָרידאָר־טיר.)

ה ע ד ד א: (קוקט נאָך טעסמאַן׳ען קאַלט און פאַרשעמט מיט די אויגען) איך גלויב כמעט אז דו נעהמסט זיך מעהר צום האַרצען דיין טאַנטע רינאַ׳ס טוידט, איידער טאַנטע יוליא אליין.

ט ע ס מ א ן: אה, עס איז נים דאָס אליין. וועגען עילערט׳ן בין איך דאָס אזוי שרעקליך אונרוהיג.

ה ע ד ד א: (האסטיג) ווייסטו עפּעס נייעס וועגען איהם?

ט ע ס מ א ן: איך בין אריינגעגאנגען היינט נאָכמיטאָג אויף זיין קווארטיר כדי איהם צו זאָגען אז זיין מאַנוסקריפּט געפינט זיך אין גוטע הענד.

ה ע ד ד א: נו, האָסט איהם ניט געטראָפען?

ט ע ס מ א ן: ניין. ער איז ניט געווען אין דער היים. שפּעטער אָבער האָב איך בעגעגענט פרוי עלווסטעד, האָט זי מיר געזאָגט, אז ער איז דאָ געווען היינט אין דער פריה.

ה ע ד ד א: יא, גלייך נאָכדעם ווי דו ביזט געווען אוועקגעגאנגען.

ט ע ס מ א ן: און ער האָט געזאָגט, אז ער האָט צעררי׳סען דעם מאַנוסקריפּט אויף שטיקלעך, הא?

ה ע ד ד א: יא, אזוי האָט ער געזאָגט.

ט ע ס מ א ן: נו, מיין גאָט, ער האָט אודאי געמוזט זיין אויסער זיך! און דו האָסט געוויס געדעכענט, אז ס׳איז בעסער איהם דאָס ניט אָבצוגעבען, העדדא?

ה ע ד ד א: ניין, ער האָט עס ניט בעקומען.

ט ע ס מ א ן: אָבער דו האָסט איהם, פערשטעהט זיך, געזאָגט אז מיר האָבען עס?

ה ע ד ד א: ניין. (שנעל) האָסטו געזאָגט פרוי עלווסטעד?

ט ע ס מ א ן: ניין; איך האָב איהר דאָס ניט געוואָלט זאָגען. אָבער א י ה ם האָטסטו יא געדאַרפט זאָגען. דענק נור, אין פערצווייפלונג קען ער זיך נאָך עפּעס א מעשה אָנטהאָן! גיב מיר נור דעם מאַנוסקריפּט, העדדא, און איך וועל עס איהם די מינוט אוועקטראָגען. וואו איז עס?

ה ע ד ר א : (קאלט און אונבעוועגליך, שטעהט אנגעשפארט אויפ'ן לעהן־שטוהל) איך האָב עס ניט.

ט ע ס מ א ן : ד ו ה אָ ס ט ע ס נ י ט ? וואָס מיינ־ כמו דערמיט ?

ה ע ד ר א : איך האָב עס פערברענט — ביז'ן לעצטען בלע־ טיל.

ט ע ס מ א ן : (כאַפּט זיך אויף אַ דערשראָקענער) פ ע ר־ ב ר ע נ ט ! האָסט פערברענט עילערט'ס מאנוסקריפּט !

ה ע ד ר א : שריי ניט אזוי ! די דיענסט וועט דיך דער־ הערען.

ט ע ס מ א ן : פערברענט ! אך, ליעבער גאָט — ! ניין, ניין, ניין ! עס קען ניט זיין !

ה ע ד ר א : עס איז אָבער דאָך אַ פאקט.

ט ע ס מ א ן : ווייסטו וואָס דו האָסט געטאָהן, העדרא ? דאָס הייסט דאָך אונגעזעצליך פער־כאפּען פרעמדען אייגענטום. דענק נור ! דו פרעג נור ריכטער בראק, וועט ער דיר זאָגען וואָס דאָס הייסט.

ה ע ד ר א : איך ראטה דיר דו זאָלסט וועגען דעם ניט רע־ דען — ניט צו ריכטער בראק און אויך ניט צו קיין אנדערן.

ט ע ס מ א ן : אָבער ווי אזוי האָסטו געקענט טהאָן אזא אונערהערטע זאך ? ווי איז דאָס דיר איינגעפאלען ? וואָס פאר א שגעון איז אויף דיר אָנגעקומען ? ענטפער מיר נור דאָס — הא ?

ה ע ד ר א : (אונטערדריקט א קוים־בעמערקליכען שמייכעל) איך האָב עס געטהאָן פון דיינעטוועגען, זשאָרזש.

ט ע ס מ א ן : פון מיינעטוועגען ? !

ה ע ד ר א : היינט אין דער פריה, ווען דו האָסט מיר דער־ צעהלט וועגען וואָס ער האָט דיר פאָרגעלעזען —

ט ע ס מ א ן : יא, יא — איז וואָס ?

ה ע ד ר א : האָסטו מודה געווען, אז דו האָסט איהם מקנא געווען זיין ווערק.

ט ע ס מ א ן: נו, עס פערשטעהט זיך, אז איך האָב עס ניט געמיינט בוכשטעבליך.

ה ע ד ד א: קיין אונטערשיעד ניט — איך האָב ניט געקענט אריבערטראָגען דעם געדאנק, אז אימיצער זאָל דיך אריבערשטייגען.

ט ע ס מ א ן: (שרייט אויס מיט א געפיהל געמישט פון צווייפעל און פרייד) הערדא! אה, איז דאָס אמת וואָס דו זאָגסט? יא — אָבער — איך האָב פריהער ניט בעמערקט דו זאָלסט אָט אזוי האָבען ארויסגעצייגט דיין ליעבע. דענק נור!

ה ע ד ד א: יא, איך קען עס דיר גראָדע אזוי גוט זאָגען — גלייך איצטער — (האלט זיך אָב אונגעדולדיג) ניין, ניין. דו קענסט פרעגען טאנטע יוליא. ז י וועט דיר זאָגען שנעל גענוג.

ט ע ס מ א ן: אה, מיר דאכט זיך כמעט אז איך פערשטעה דיך, העדדא! (קלאפּט צונויף די הענד) ליעבער גאָט! מיינסט דאָס טאקע אויף אן אמת! הא?

ה ע ד ד א: שריי דאָך ניט אזוי. די דיענסט קען דיך דערהערען.

ט ע ס מ א ן: (לאכט און קען זיך ניט איינהאלטען פון שמחה) די דיענסט! ווי מאָדנע דו ביזט, העדדא. עס איז דאָך נור מיין אלטע בערטא! וואָס הייסט? איך וועל בערטא׳ן אליין דערצעהלען.

ה ע ד ד א: (דריקט צונויף איהרע הענד אין פערצווייפלונג) אה, איך וועל עס ניט אויסהאלטען — איך וועל דאָס אלעס ניט אויסהאלטען!

ט ע ס מ א ן: וואָס איז, העדדא? הא?

ה ע ד ד א: (קאַלט, קאָנטראָלירט זיך) אָט דעם גאנצען — אונזין, זשאָרזש.

ט ע ס מ א ן: אונזין! וואָס פאר אן אונזין זעהסטו אין דעם וואָס איך פרעה זיך מיט די נייעס? און פערקעהרט — אפשר וועל איך עס בעסער ניט דערצעהלען בערטא׳ן.

ה ע ד ר א: אה, — פאַרוואָס טאַקע ניט דאָס אויך?

ט ע ס מ א ן: ניין, ניין, דערווייל ניט! אָבער טאַנטע יוליאַ מוז איך עס גאַנץ געוויס דערצעהלען. און דאָס אויך, וואָס דו האָסט מיך אָנגעהויבען רופען זשאָרזש! דענק נור! אַך, ווי טאַנטע יוליאַ וועט זיין גליקליך — אַזוי גליקליך!

ה ע ד ר א: ווען זי וועט הערען אז איך האָב פערברענט עילערט לעוובאָרג׳ס מאַנוסקריפט פון דיין טובה וועגען?

ט ע ס מ א ן: ניין, אגב — וועגען דער מעשה מיט׳ן מאַנוסקריפט — נאַטירליך דאַרף קיינער ניט וויסען וועגען דעם. אָבער אַז דו ברענגסט (פון ליעבע) פאַר מיר, העדדאַ — דעריין מוז איך טיילען מיין פרייד מיט טאַנטע יוליאַ! איך וואָלט נור וועלען וויסען, צי דאָס איז אַ געוועהנליכע זאַך ביי יונגע פרויען? האַ?

ה ע ד ר א: איך דענק, אַז די פראַגע האָסטו אויך געדאַרפט פרעגען ביי טאַנטע יוליאַ.

ט ע ס מ א ן: דאָס וועל איך טאַקע פרעגען ווען עס איז. (ווערט אונרוהיג און ווידער אומעטיג) און דאָך דער מאַנוסקריפט — דער מאַנוסקריפט! ליעבער גאָט! עס איז שרעקליך צו דענקען וואָס וועט איצטער ווערען פון דעם אָרימען עילערט׳ן.

(פרוי עלווסטעד, אַנגעטאָן ווי אין ערשטען אקט, אין אַ הוט און מאַנטעל קומט אריין פון קאָרידאָר־טיר.)

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (גריסט זיי האסטיג און זאָגט אין אויפרעגונג) אָה, ליעבע העדדאַ, ענטשולדיג וואָס איך קום ווידער.

ה ע ד ר א: וואָס האָט דיר פּאַסירט, טייאַ?

ט ע ס מ א ן: ווידער עפּעס וועגען עילערט לעוובאָרג — האַ?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יאָ! איך האָב שרעקליך מורא, אַז איהם האָט אודאי געטראָפען עפּעס אַן אומגליק.

ה ע ד ר א: (כאַפּט איהר אָן ביים האנד) אח — דו דענקסט אַזוי?

ט ע ס מ א ן: אָבער, מיין גאָט — פאַר וואָס דענקט איהר אַזוי, פרוי עלוואָסטעד?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אויף מיין קוואַרטיר האָב איך געהערט מענשען רעדען וועגען איהם — באַלד ווי איך בין אַריינגעקומען. אָה, עס געהען אַרום וועגען איהם היינט די אונגלויבליכסטע געשיכטען.

ט ע ס מ א ן: יאַ, מאַלט אייך, איך האָב עס אויך געהערט! און איך קען דאָך עדות זאָגען אַז ער איז לעצטע נאַכט געגאַנגען דירעקט אַהיים שלאָפען. בערעכענט נור!

ה ע ד ד א: נו, וואָס האָבען זיי געזאָגט אויף דיין קוואַרטיר?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אָה, איך האָב פון זיי גאָרנישט געקענט אויסגעפינען אויף קלאָר. ענטוועדער זיי האָבען אַליין קיין זאַך בעשטימט ניט געוואוסט, אָדער אפשר — ווי זיי האָבען מיך דערזעהן, האָבען זיי אויפגעהערט רעדען; און איך האָב קיין מוטה ניט געהאַט צו פרעגען.

ט ע ס מ א ן: (געהט אַרום אונרוהיג) מיר מוזען האָפען — מיר מוזען האָפען אַז איהר האָט זיי שלעכט פערשטאַנען, פרוי עלוואָסטעד.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ניין, ניין; איך בין זיכער, אַז דאָס האָבען זיי גערעדט וועגען איהם. און איך האָב עפּעס געהערט וועגען אַ האָספּיטאַל, אָדער —

ט ע ס מ א ן: אַ האָספּיטאַל?

ה ע ד ד א: ניין — עס קען ניט זיין!

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אָה, איך האָב געפיהלט אַזאַ טויטדס-שרעקניש! איך בין אַוועק אויף זיין קוואַרטיר און האָב זיך דאָרט נאָכגעפרעגט אויף איהם.

ה ע ד ד א: און דו האָסט זיך געקענט בעשליסען דאָס צו טהאָן, טייאַ!

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: וואָס דען האָב איך געקענט

סהאָן? איך האָב די אונזיכערהייט שוין מעהר ניט געקענט אריי־בערטראָגען.

ט ע ס מ א ן: אָבער דאָרטן האָט איהר איהם אויך ניט גע־פונען, הא?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ניין, זיי האָבען דאָרטן קיין זאך ניט געוואוסט וועגען איהם. ער איז ניט געווען צו־הויז, האָבען זיי געזאָגט, זינט געסטערן נאָכמיטאָג.

ט ע ס מ א ן: זינט געסטערן! בערעכענט נור, ווי אזוי קענען זיי דאָס זאָגען?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אה, איך בין זיכער אז עפּעס א שרעקליכע זאך האָט איהם געמוזט פּאסירען.

ט ע ס מ א ן: מיין ליעבע העדדא — וואָס דענקסטו, ווען איך זאָל אריבערגעהן זיך נאָכפרעגען — ?

ה ע ד ד א: ניין, ניין — דו מיש זיך נור ניט אריין אין דעם.

(ריכטער בראק, מיט'ן הוט אין האנד, קומט אריין פון קאָרידאָר־טיר, וועלכע בערטא האָט געעפענט פאר איהם. ער האָט אן ערנסטען אויסזעהן און פערנייגט זיך שוויגענדיג.)

ט ע ס מ א ן: אָה, דאָס זייט איהר, מיין ליעבער ריכטער, הא?

ב ר א ק: יא, איך האָב אונבעדינגט געמוזט קומען אייך זעהן נאָך היינט אין אָבענד.

ט ע ס מ א ן: איך קען אויף אייך זעהן, אז איהר האָט שוין געהערט די נייעס וועגען טאנטע רינא.

ב ר א ק: יא, דאָס אויך צווישען אנדערע זאכען.

ט ע ס מ א ן: איז עס ניט טרויעריג, הא?

ב ר א ק: יא, מיין ליעבער טעסמאן, דאָס ווענדט זיך ווי איהר קוקט אויף דעם.

ט ע ס מ א ן: (קוקט איהם אָן אונזיכער) האָט עפּעס נאָך וואָס פּאסירט?

ב ר א ק: יא.

ה ע ד ד א: (געשפּאַנט) עטוואָס טרויעריגעס, הערר ריכ־מער?

ב ר א ק: דאָס הענגט אויף אָב ווי מען קוקט אויף דעם, מאדאם טעסמאַן.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (קען שוין מעהר זיך ניט איינ־האַלטען) אָה! עס איז געוויס עטוואָס וועגען עילערט לאָווכאָרג!

ב ר א ק: (טהוט אויף איהר א קוק) פון וואנען נעהמט איהר עס, מאדאם? האָט איהר אפשר שוין עפּעס געהערט — ?

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (צוטומעלט) ניין, גאָרנישט, אָבער —

ט ע ס מ א ן: אה, אום גאָטעס ווילען, דערצעהלט שוין!

ב ר א ק: (צוקט מיט די אקסלען) נו — ליידער — עילערט לאָווכאָרג'ן האָט מען היינט אָבגעפיהרט אין האָספּיטאל. ער איז אין א געפעהרליכען צושטאנד.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (מיט א געשריי) אך גאָט! אך גאָט! —

ט ע ס מ א ן: אין האָספּיטאל! און ער איז געפעהרליך!

ה ע ד ד א: (כאַפּט זיך ארויס ניט ווילענדיג) אזוי שנעל, אלזאָ —

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (קלאָגט) און מיר זיינען זיך פונאנדערגעגאנגען אין כעס, העדדא!

ה ע ד ד א: (זאָגט איהר אין דער שטיל) טייא — טייא — זיי פאָרזיכטיג!

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (שענקט איהר ניט קיין אכטונג) איך מוז געהן צו איהם! איך מוז איהם נאָך זעהן ביים לעבען!

ב ר א ק: עס איז אומזיסט, מאדאם. מען לאָזט צו איהם קיינעם ניט צו.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אה, דאן זאָגט מיר ווענינגסטענס וואָס האָט פּאסירט מיט איהם? וואָס איז געוועזען?

טעסמאן: איהר מיינט דאָך ניט, אַז ער האָט זיך אליין — האַ?

העדדא: יאַ, איך בין זיכער אַז ער האָט עס אַליין גע־טהאָן.

טעסמאן: העדדאַ — ווי אַזוי קענסטו — ?

בראק: (ניט אָרונטערנעהמענדיג פון איהר די אויגען) איהר האָט ליידער ריכטיג געטראָפען, מאַדאַם טעסמאַן.

פרוי עלווסטעד: אַך, ווי שרעקליך!

טעסמאן: אליין, הייסט עס, בערעכענט נור!

העדדא: ער האָט זיך דערשאָסען!

בראק: ווידער ריכטיג געטראָפען, מאַדאַם טעסמאַן.

פרוי עלווסטעד: (זוכט זיך צו בעהערשען) ווען האָט עס פּאַסירט, הערר בראַק?

בראק: היינט נאָכמיטאָג — צווישען דריי און פיער.

טעסמאן: אָבער, מיין גאָט, וואו האָט ער עס געטהאָן, האַ?

בראק: (עטוואָס צוריקהאַלטענדיג זיך) וואו? נו — מסתמא אויף זיין קוואַרטיר.

פרוי עלווסטעד: ניין, דאָס קען ניט זיין; דען איך בין דאָרט געוועזען צווישען זעקס און זיעבען.

בראק: נו, דאַן האָט ער געמוזט זיין ערגיץ אַנדערסוואו. איך ווייס ניט גענוי. איך ווייס נור, אַז מען האָט איהם געפונען — ער האָט זיך געשאָסען — אין ברוסט.

פרוי עלווסטעד: אַה, ווי שרעקליך! ער זאָל שטאַרבען מיט אַזאַ טוידט!

העדדא: (צו בראַק) אין ברוסט האָט ער זיך געשאָסען?

בראק: יאַ — ווי איך האָב אייך געזאָגט.

העדדא: ניט אין די שלייפען?

בראק: אין דער ברוסט, מאַדאַם טעסמאַן.

ה ע ד ד א: יא, יא — אין ברוסט איז אויך א גוטער פּלאץ.

ב ר א ק: ווי מיינט איהר, מאדאם טעסמאן?

ה ע ד ד א: (אָבוויזענדיג) אה גאָרנישט — גאָרנישט.

ט ע ס מ א ן: און די וואונד, זאָגט איהר, איז א געפעהרליכע, הא?

ב ר א ק: יא, אבסאָלוט טוידטליך. ביי דער צייט מוז ער שוין זיין געשטאָרבען.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, יא, איך פיהל עס. עס איז א סוף! א סוף! אה, העדדא — !

ט ע ס מ א ן: זאָגט מיר נור, ווי אזוי האָט איהר עס אלעס זיך דערוואוסט?

ב ר א ק: (קורץ) דורך איינעם פון דער פּאָליציי. א מענשען מיט וועמען איך האָב געוויסע געשעפטען.

ה ע ד ד א: (מיט אַ קלאָרע שטימע) ענדליך אמאָל א ווירדיגע טהאט!

ט ע ס מ א ן: (אַ דערשראָקענער) מיין גאָט, העדדא! וואָס רעדסטו?

ה ע ד ד א: איך זאָג אז אין דער טהאט איז דאָ עטוואָס שעהנעס.

ב ר א ק: ה'ם, מאדאם טעסמאן —

ט ע ס מ א ן: שעהנעס! דענק נור!

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אה, העדדא, ווי קענסטו רעדען וועגען שעהנקייט אין אזא טהאט?

ה ע ד ד א: עילערט לאָוובאָרג האָט אליין אָבגעמאכט זיינע חשבונות מיט'ן לעבען. ער האָט געהאט דעם מוטה צו טהאָן — די איינציג ריכטיגע זאך.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: ניין, גלויב ניט אז א ז ו י איז דאָס צוגעגאנגען! ער איז מסתמא ניט געווען ביים זין ווען ער האָט דאָס געטהאָן.

טעסמאן: אין פערצווייפלונג!

העדדא: דאָס איז ניט אזוי. איך בין איבערצייגט דער־ריין.

פרוי עלווסטעד: יא, יא! אין וואהנזין! פונקט ווי בעת ער האָט צעררויסען אונזער מאנוסקריפּט.

בראק: (טהוט זיך א כאַפּ) דעם מאנוסקריפּט? האָט ער עס צעררויסען?

פרוי עלווסטעד: יא, לעצטע נאכט.

טעסמאן: (רעדט אין דער שטיל) אָה, העדדא, מיר וועלען דאָס ניט אריבערטראָגען.

בראק: ה'ם, זעהר זאָנדערבאר.

טעסמאן: (געהט ארום איבער'ן צימער) ווען מען דענקט נור אז עילערט זאָל אזוי אוועקגעהן פון דער וועלט! און ניט לאָזען נאָך זיך דאָס בוך, וואָס וואָלט אונשטערבליך געמאכט זיין נאָמען —

פרוי עלווסטעד: אך, ווען מען וואָלט עס געקענט ווידער צוזאמענשטעלען!

טעסמאן: יא, ווען מען וואָלט עס נור געקאָנט! וואָס וואָלט איך ניט געגעבען דערפאר —

פרוי עלווסטעד: אפשר קען מען, הערר טעסמאן.

טעסמאן: וואָס מיינט איהר?

פרוי עלווסטעד: (זוכט אין איהר קלייד־טאש) קוקט זיך נור איין. איך האָב געהאלטען אלע לויזע פאפּיערלעך, פון וועלכע ער פלעגט דיקטירען צו מיר.

העדדא: (געהט צו א טריט נעהנטער) אך —!

טעסמאן: איהר האָט זיי געהאלטען, פרוי עלווסטעד, הא?

פרוי עלווסטעד: יא, איך האָב זיי דאָ. איך האָב זיי אריינגעלעגט אין קעשענע ווען איך בין אוועקגעפאהרען פון דער היים. און אָט זיינען זיי דאָ נאָך —

ט ע ס מ א ן: אה, לאָזט מיר זיי נור א קוק טהאָן!

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: (דערלאַנגט איהם א פּעקיל פּאַפּיערען) זיי זיינען אָבער אין אזא אונאָרדנונג — אַלעס צומישט.

ט ע ס מ א ן: דענקט נור, ווען מיר וואָלטען דאָך עפּעס געקענט ארויסברייננגען פון דעם! אפשר ווען מיר זאָלעןביידע צונויפלעגען אונזערע קעפּ —

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אה, יא — לאָמיר עס ווענינ־סטענס פּרובירען —

ט ע ס מ א ן: מיר וועלען עס דורכפיהרען! מיר מ ו ז ע ן! איך גיב אָב מיין לעבען פאר דער אויפגאבע.

ה ע ד ד א: דו, זשאָרזש? דיין לעבען?

ט ע ס מ א ן: יא, אָדער ריכטיגער געזאָגט — וויפיעל צייט איך קען נור אָבשפּארען. מיינע אייגענע זאמלונגען מוזען דערוויילע ווארטען. העדדא — דו פערשטעהסט, הא? איך בין דאָס שולדיג עילערט'ס אנדענקען.

ה ע ד ד א: פּיליכט.

ט ע ס מ א ן: אלזאָ, מיין טייערע פרוי עלווסטעד, לאָמיר זיך איינגאנצען אָבגעבען דערצו. וואָס איז די פּעולה צו גריבלען זיך איבער דאָס וואָס איז שוין פערפאלען, הא? מיר מוזען זעהען צו בעהערשען אונזער טרויער וויפיעל מעגליך, און —

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: יא, יא, הערר טעסמאן, איך וועל טהאָן דאָס בעסטע וואָס איך קען.

ט ע ס מ א ן: גוט, אלזאָ, קומט אהער. איך קען ניט רוהען ביז וואנען מיר וועלען האָבען דורכגעקוקט די אלע נאָטיצען. וואו זאָלען מיר זיך זעצען? דאָ? ניין, דאָרטן, אין הינטערשטען צימער. ענטשולדיגט מיר, מיין ליעבער ריכטער. קומט נור מיט מיר, פרוי עלווסטעד.

פ ר ו י ע ל ו ו ס ט ע ד: אה, ווען דאָס וואָלט נור מעגליך געווען!

(טעסמאן און פרוי עלווסטעד געהען אין הינטערשטען צימער.

זי מחוט אויס איהר הוט און מאנטעל. זיי זעצען זיך ביידע אוועק ביים טיש אונטער'ן הענגלאמפ און פערטיעפען זיך באלד אונטערזובענ־דיג פלייסיג די פאפיערען. העדדא געהט אריבער צום אויוועז און זעצט זיך אין לעהן־שטוהל. באלד געהט בראק צו צו איהר.)

ה ע ד ד א: (אין א נידעריגע שטימע) אה, וואס פאר א גע־פיהל פון פרייהייט אט די טהאט עילערט לאוובארג'ס גיט איינעם איבער.

ב ר א ק: פרייהייט, מאדאם העדדא? נו, נאטירליך, פאר איהם איז עס א בעפרייאונג —

ה ע ד ד א: איך מיין פאר מיר. עס גיט מיר א געפיהל פון פרייהייט, ווען איך וויים, אז אין דער וועלט איז נאך מעגליך צו בעגעהן אזא פרייוויליג מוטהיגע טהאט — א טהאט פון פרייער נאטירליכער שעהנקייט.

ב ר א ק: (שמייכעלט) ה'ם — מיין ליעבע מאדאם העד־דא — ׳

ה ע ד ד א: אה איך וויים וואס איהר ווילט זאגען. דען איהר זייט אויך א סארט ספעציאליסט, ווי — נו, איהר ווייסט דאך!

ב ר א ק: (קוקט אויף איהר פעסט) עילערט לאוובארג איז אייך געוועזן טייערער איידער איהר וואלט עס וועלען זיך אליין מודה זיין. האב איך א טעות?

ה ע ד ד א: איך ענטפער ניט אויף אזוינע פראגען. איך וויים נור אז עילערט לאוובארג האט געהאט דעם מוטה צו לעבען זיין אייגענעם לעבען אויף זיין אייגענעם אופן. און דאן — די לעצטע גרויסע טהאט, מיט איהר שעהנקייט! אה! א מענש זאל האבען דעם ווילען און די קראפט אוועקצוווארפען דעם באנקעט פון לעבען — אזוי פריה.

ב ר א ק: עס טרוט מיר לייד, מאדאם העדדא — איך האב אבער מורא אז איך וועל מוזען רויבען פון אייך א שעהנע איינ־בילדונג.

ה ע ד ד א: אַן איינבילדונג?

ב ר א ק: וועלכע וואָלט יעדענפאלס ניט לאנג אָנגעהאלטען.

ה ע ד ד א: וואָס מיינט איהר דערמיט?

ב ר א ק: עילערט לעָווכאָרג האָט זיך ניט געשאָסען — — פרייוויליג.

ה ע ד ד א: ניט פרייוויליג?

ב ר א ק: ניין. די זאַך האָט ניט פאסירט גענוי ווי איך האָב עס דערצעהלט.

ה ע ד ד א: (געשפּאַנט) האָט איהר עטוואָס פערשוויגען? זאָגט וואָס איז עס?

ב ר א ק: פון דער אָרימער פרוי עלוועסטעד'ס וועגען האָב איך די פאקטען אביסעלע אידעאליזירט.

ה ע ד ד א: וואָס זיינען די פאקטען?

ב ר א ק: ערשטענס, אז ער איז שוין געשטאָרבען.

ה ע ד ד א: אין האָספּיטאל?

ב ר א ק: יא — ניט קומענדיג צו בעזינונג.

ה ע ד ד א: וואָס נאָך האָט איהר פערשוויגען?

ב ר א ק: דאָס — אז דער פאל איז ניט פאָרגעקומען אין זיין קווארטיר.

ה ע ד ד א: אה, דאָס איז קיין אונטערשיעד ניט.

ב ר א ק: און אפשר יא. דען איך מוז אייך דערצעהלען — עילערט לעָווכאָרג'ן האָט מען געפונען א דערשאָסענעם אין — אין מאמזעל דיאַנאַ'ס פּריוואט־צימער.

ה ע ד ד א: (וויל אויפשפּרינגען, זינקט אָבער ווידער צוריק) דאָס איז אונמעגליך, העדר בראק! ער האָט ד אָ ר ט ן ניט געקענט היינט ווידער זיין.

ב ר א ק: ער איז דאָרט געוועזן היינט נאָכמיטאָג. ער איז דאָרט געגאנגען, דאָט ער געזאָגט, אויפצו־מאָהנען עפּעס וואָס זיי זאָלען האָבען געראָט אוועקגענומען ביי איהם. ער האָט עפּעס ווילד גערעדט וועגען א פערלאָרען קינד —

ה ע ד ר א: אה — דאָס אַלזאָ איז געווען די אורזאַך —

ב ר א ק: איך האָב געקלערט אז ער האָט מסתמא געמיינט זיין מאַנוסקריפּט; דאָ הער איך אָבער אז ער האָט עס אליין פערניכטעט. שמעל איך מיר פאָר, אז דאָס האָט געמוזט זיין נעלדר־טאַש.

ה ע ד ר א: יא, דאָס האָט עס געמוזט זיין. הייסט עס דאָרטען — דאָרטען האָט מען איהם געפונען?

ב ר א ק: יא, דאָרטען. מיט אַן אָבגעפייערטען פּיסטאָלעט אין זיין בוזים־קעשענע. דער קויל איז געפאַלען אין א לעבענס־געפעהרליכען אָרט.

ה ע ד ר א: אין דער ברוסט — יא.

ב ר א ק: ניין — אין בויך.

ה ע ד ר א: (קוקט אויף איהם מיט אַן אויסדרוק פון עקעל) דאָס נאָך אויך! אָה, וואָס פאר א פלוך איז עס, אז יעדע זאַך, צו וואָס איך ריהר זיך צו, ווערט לעכערליך און געמיין!

ב ר א ק: עס איז דאָ פאראַן נאָך א פּונקט, מאַדאַם הערדא — נאָך אַן אונאַנגענעהמער שטריך אין דער זאַך.

ה ע ד ר א: און וואָס איז עס?

ב ר א ק: דעם פּיסטאָלעט וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך —

ה ע ד ר א: (אָהן אָטהעם) נו? וואָס וועגען דעם?

ב ר א ק: האָט ער געמוזט האָבען גע׳גנב׳ט.

ה ע ד ר א: (שפּרינגט אויף) גע׳גנב׳ט! דאָס איז ניט אמת! ער האָט עס ניט גע׳גנב׳ט!

ב ר א ק: עס איז ניטאָ קיין אנדער ערקלערונג. ער האָט עס געמוזט האָבען גע׳גנב׳ט — שאַ!

(טעסמאַן און פרוי עלווסטעד זיינען אויפגעשטאַנען פון טיש אין הינטערסטען צימער און קומען אריין אין זאַאַל.)

ט ע ס מ א ן: (מיט די פּאַפּיערען אין ביידע הענד) הערדא, מען זעהט כמעט גאָרניט פאר יענעם לאָמפּ. רענק נור!

ה ע ד ר א: יא, איך רענק.

טעסמאן: וואָלסטו אונז ערלויבען זיצען ביי דיין שרייב־טיש, הא?

העדדא: פון מיינעטוועגען. (שנעל) ניין, ווארט א ווייל! לאָמיך איהם פריהער אָבריינינגען!

טעסמאן: אָה, דו דארפסט זיך נים בעמיהען, העדדא. עס איז דאָ גענוג פּלאַץ.

העדדא: ניין, ניין, לאָז מיך איהם אָבריינינגען, זאָג איך! איך וועל נעהמען אַט די זאכען און זיי אוועקלעגען אויפ'ן פּיאַנאָ. שוין!

(זי האָט ארויסגענומען א געגענשטאנד, צוגעדעקט מיט נאָטען־בלעטער, פון אונטער דער ביכער־פּאָליצע, לעגט ארויף אויף דעם נאָך נאָטען־בלעטער און טראָגט עס אלעס אוועק אין מיטעלסטען צימער לינקס. טעסמאן לעגט אוועק די שטיקלעך פּאַפּיער אויפ'ן שרייבטיש און רוקט איבער אהין דעם לאָמפּ פון ווינקעל־טיש. ער און פרוי עלווסטעד זעצען זיך און געהען אָן מיט זייער ארבייט. העדדא קעהרט זיך אום.)

העדדא: (שטעהט אונטער פרוי עלווסטעד'ס שטוהל, שפּיעלט זיך לייכט מיט איהרע האָאר) נו, מיין זיסע טייא — ווי געהט עס מיט עילערט לאָוובאָרג'ס מאָנומענט?

פרוי עלווסטעד: (קוקט אויף איהר מוטהלאָז) אָה, עס וועט זיין שרעקליך שווער צו ברייננגען עס צוריק אין אָרדנונג.

טעסמאן: מיר מוזען עס אויספיהרען. איך בין ענטשלאָסען. און דאָן — ברייננגען אין אָרדנונג אנאנדערנס פּאַפּיערען איז פּונקט די ריכטיגע ארבייט פאר מיר.

(העדדא געהט אריבער צום אויוון און זעצט זיך אויף איינעם פון די פוס־בייגקלעך. בראק שטעהט נעבען איהר אָנגעשפּארט אויף א לעהן־שטוהל.)

העדדא: (שטילערהייט) וואָס האָט איהר געזאָגט וועגען דעם פּיסטאָלעט?

בראק: (זאכט) אז ער האָט איהם געמוזט גנב'ענען.

ה ע ד ר א: פאר וואָס עפּעס דוקא גע׳גנב׳ט?

ב ר א ק: ווייל עס טאָר ניט זיין קיין אנדער ערקלערונג, מאדאם הערדא.

ה ע ד ר א: ווירקליך?

ב ר א ק: (טהוט א קוק אויף איהר) עס פערשטעהט זיך עי־לערט לאָובאָרג איז דאָ געוועזן היינט אין דער פריה. אפשר ניט?

ה ע ד ר א: יא.

ב ר א ק: זייט איהר געווען אליין מיט איהם?

ה ע ד ר א: יא, א געוויסע צייט.

ב ר א ק: זייט איהר ניט ארויסגעגאנגען פאר א ווילע בעת ער איז דאָ געוועזן?

ה ע ד ר א: ניין.

ב ר א ק: דערמאָנט זיך נור. זייט איהר ניט ארויסגעגאנ־גען פאר א רגע?

ה ע ד ר א: יא, אפשר נור פאר א מינוט — אין קאָרידאָר אריין.

ב ר א ק: און וואו איז געלעגען אייער פיסטאָלעטען־שאכ־טעל אין יענער צייט?

ה ע ד ר א: עס איז געווען פערשלאָסען אין —

ב ר א ק: נו, מאדאם הערדא?

ה ע ד ר א: דאָס שאכטעל איז געשטאנען דאָרט אויפ׳ן שרייבטיש.

ב ר א ק: נו, ס׳איז ניט נויטיג. איך האָב געזעהן דעם פיסטאָלעט, וואָס מען האָט געפונען אין עילערט לאָובאָרג׳ס קע־שענע, און איך האָב איהם גלייך דערקענט: עס איז דער אייגע־נער וואָס איך האָב געזעהן געסטערן — און פריהער אויך.

ה ע ד ר א: האָט איהר איהם מיט זיך?

ב ר א ק: ניין, די פאָליציי האָט איהם.

ה ע ד ר א: וואָס וועט די פאָליציי מיט איהם טהאָן?

ב ר א ק: זיי וועלען זוכען ביז זיי וועלען געפינען צו וועמען ער געהערט.

ה ע ד ד א: דענקט איהר אז זיי וועלען אויסגעפינען?

ב ר א ק: (בויגט זיך אריבער צו איהר און זאָגט שטיל) ניין, העדדא גאבלער — כל זמן איך וועל שווייגען, וועלען זיי ניט אויסגעפינען.

ה ע ד ד א: (קוקט אויף איהם א דערשראָקענע) און אויב איהר וועט נ י ט שווייגען — איז וואָס דאן?

ב ר א ק: (צוקט מיט די אקסלען) עס בלייבט אלעמאָל די מעגליכקייט, אז מען האָט דעם פיסטאָלעט גע'גנב'ט.

ה ע ד ד א: (פעסט) בעסער דער טוידט איידער דאָס.

ב ר א ק: (שמייכעלט) אזעלכע זאכען ז אָ ג ט מען — אָבער מען טהוט עס ניט.

ה ע ד ד א: (ניט ענטפערענדיג) און ווי איז אויב ער האָט ניט גע'גנב'ט דעם פיסטאָלעט, און מען געפינט אויס דעם אייגענטהימער? וואָס איז יעמאָלט?

ב ר א ק: נו, העדדא — דאן קומט דער סקאנדאל.

ה ע ד ד א: דער סקאנדאל!

ב ר א ק: יא, דער סקאנדאל — פאר וועלכען איהר שרעקט זיך אזוי געפעהרליך. מען וועט אייך נאטירליך, בריינגען פאר'ן געריכט — אי אייך, אי מאמזעל דיאנא'ן. זי וועט דארפען ערקלערען ווי אזוי די זאך איז פאָרגעקומען — צי עס איז געווען א צופעליגער שאָס, אָדער א מאָרדטהאט? צי דער פיסטאָלעט האָט אויסגעשאָסען בעת ער האָט איהם געוואָלט ארויסשלעפען פון קעשענע, כדי איהר צו סטראשען? אָדער זי האָט ארויסגעריסען דעם פיסטאָלעט פון זיין האנד, האָט איהם דערשאָסען, און אריינגעלעגט עס צוריק אין זיין קעשענע? גלויבען אויף איהר קען מען עס; דען זי איז א סערפעריליך־שטארקע, יונגע פערזאָן — אָט די מאמזעל דיאנא.

העדדא: אָבער איך האָב גאָרנישט צו טהאָן מיט דעם גאנצען עקעלהאפטען עסק.

בראק: ניין, איהר וועט אָבער דארפען ענטפערן אויף דער פראגע: ווארום האָט איהר געגעבען עילערט לאָווגבאָרג'ן דעם פיסטאָלעט? און וואָס פאר־א שלוסען וועלען מענשען ציהען פון דעם פאקט וואָס איהר האָט עס איהם געגעבען?

העדדא: (לאָזט איהר קאָפּ ארונטערזינקען) דאָס איז אמת. דאָס האָב איך ניט איבערגעטראכט.

בראק: צום גליק איז אין דעם קיין געפאהר ניטאָ אזוי לאנג ווי איך זאָג גאָרנישט.

העדדא: אזוי, הייסט עס, בין איך ביי אייך אין די הענד דערר בראק. פון איצט אָן און ווייטער וועל איך מוזען טאנצען נאָך אייער פייפעל.

בראק: (רעדט צו איהר זאנפט) ליעבסטע העדדא — גלויבט מיר — איך וועל מיין פּאָזיציע ניט מיסברויכען.

העדדא: דאָך בין איך אלץ ביי אייך אין די הענד. אב־רענגיג פון אייער ווילען און פערלאנג. א שקלאַף, א שקלאַף, הייסט עס! (שטעהט אויף האסטיג) ניין, איך קען ניט אריבער־טראָגען דעם געדאנק דערפון! קיינמאָל ניט!

בראק: (קוקט זי אָן שפּאסהאפטיג) מען ווערט געוועהנט צו דאָס וואָס מען קען ניט העלפען.

העדדא: (ערווידערט זיין בליק) יא, פיליכט. (געהט אריבער צום שרייבטיש. זי אונטערדריקט א ניטווילענדיגען שמייכעל און מאַכט נאָך טעסמאן'ס אָרט רעדען) נו גיט עס זיך דיר איין, זשאָרזש? הא?

טעסמאן: גאָט ווייס, מיין טייערע. אין בעסטען פאל איז עס אן ארבייט אויף מאָנאטען.

העדדא: (ווי פריהער) דענק נור! (זי פיהרט דורך מיט די הענד דורך פרוי עלווסטעד'ס האָאר) זעהט עס דיר ניט אויס

זאַנדערבאַר, טייאַ? דו זיצט זיך דאָ מיט טעסמאַן — פּונקט ווי דו פּלעגסט זיצען מיט עילערט לאָוובאָרג'ן?

פרוי עלווסטעד: אַך, ווען איך וואָלט נור געקענט בעגייסטערן דיין מאַן אויפ'ן זעלביגען אופן!

העדדא: אָה, דאָס וועט אויך קומען — מיט דער צייט.

טעסמאַן: יאַ, ווייסטו, העדדא — איך דענק ווירקליך אַז איך הויב אָן צו פיהלען עפּעס דערגלייכען. ווילסטו אָבער ניט זיך געהן זעצען צוריק מיט בראַק'ן?

העדדא: קען איך אייך ביידען גאָרנישט העלפען?

טעסמאַן: ניין, גאָרנישט. (קעהרט אום דעם קאָפּ) איך פערלאָז זיך אויף אייך, מיין ליעבער בראַק, אַז איהר וועט אונטערהאַלטען העדדא'ן.

בראַק: (מחוט א בליק אויף העדדא) אַך אַוודאי, מיט'ן גרעסטען פערגעניגען.

העדדא: דאַנקע. איך בין אָבער מיעד היינט אין אבענד. איך וועל געהן זיך צולעגען אביסעל אויפ'ן זאָפאַ.

טעסמאַן: יאַ, טהו דאָס, ליעבסטע. האַ?

(העדדא געהט אין הינטערסטען צימער און פערציהט די גאַרדינען. א קורצע פּאַוזע. פּלוצלינג הערט זיך ווי זי שפּיעלט אויפ'ן פּיאַנאַ א ווילדען טאַנץ.)

פרוי עלווסטעד: (כאַפּט זיך אויף פון שטוהל) אָה — וואָס איז דאָס?

טעסמאַן: (לויפט צו דער אריינגאַנג-טיר) אַך, מיין ליעבסטע העדדא — שפּיעל דאָך ניט היינט אבענד קיין טאַנץ-מוזיק! דענק נור וועגען טאַנטע רינאַ! און וועגען עילערט'ן אויך!

העדדא: (רוקט ארויס דעם קאָפּ צווישען די גאַרדינען) און וועגען טאַנטע יוליאַ, און וועגען אַלע איבריגע. נאָך דעם וועל איך רוהיג זיין. (פערמאַכט די גאַרדינען ווידער.)

טעסמאַן: (ביים שרייבטיש) עס איז ניט גוט פאַר איהר

צוזעהן ווי מיר זיצען ביי אַם דער טרויעריגער ארבייט. איך וועל איך זאָגען וואָס, פרוי עלווסטעד — איהר דארפט נעהמען דעם לעדיגען צימער ביי טאנטע יוליא, און דאן וועל איך אריבערקומען אין אָווענד און מיר וועלער ד אָ ר ט ן קענען זיצען און ארבייטען — הא?

ה ע ד ד א: (אין מיטעלסטען צימער) איך הער וואָס דו זאָגסט, טעסמאן. ווי אָבער וועל איך דאָ אליין פערברייננגען די אבענדען?

ט ע ס מ א ן: (בלעטערט די פאפיערען) אה, איך רעכען אז ריכטער בראק וועט זיין אזוי גוט און אריינקומען פון צייט צו צייט, אפילו ווען איך וועל ניט זיין צו־הויז.

ב ר א ק: (אין לעהן־שטוהל רופט אויס פרעהליך) יעדען ליעבען אבענד, מיטן גרעסטען פערגעניגען אין דער וועלט, מאדאם טעסמאן! מיר וועלען זיך אמוזירען גרויסארטיג, מירביידע!

ה ע ד ד א: יא מיינט איהר ניט, אז מיר וועלען פיין פערברייננגען, הערר בראק? איצט אז איהר זייט „דער איינציגער האָהן אין קאָרב“ —

(עס הערט זיך אַ שאָס אינעווייניג. טעסמאן, פרוי עלווסטעד און בראַק שפרינגען אויף.)

ט ע ס מ א ן: אה, זי שפיעלט שוין ווידער מיט די פיסטאָלעטען.

(ער שלעפט אוועק די גארדינען און לויפט אריין. נאָך איהם פרוי עלווסטעד. העדדא ליעגט אויסגעצויגען אויפ'ן זאָפע אַ טויטע. טומעל און געשרייען. בערטא קומט אריין אַ דערשראָקענע פון רעכטס.)

ט ע ס מ א ן: (שרייט צו בראק) זי האָט זיך דערשאָסען! זי האָט זיך געשאָסען אין די שלייפען! שטעלט זיך פאָר!

ב ר א ק: (האַלב אונמעכטיג אין לעהן־שטוהל) אָך גאָט! — אזעלכע זאכען טהוט מען דאָך ניט.

ע נ ד ע.

דער בוימייסטער

איבערזעצט פון א. גאָלדווין.

COPYRIGHT

Max N. Maisel, Publisher

1916.

איינלייטונג

פון מאַרים ווינטשעווסקי

1.

זיי זיינען זיך דאָרטען געזעסען, די צוויי,
דורך הערבסט־טעג און ווינטער־טעג, געהענדיג ראַש,
און פּלוצלונג אַ שׂרפה דאָס הויז האָט ביי זיי
פערברענט, און איצט גראָבען זיך ביידע אין אַש.

ווייל דאָרטען אין אַש ליעגט אַ דימענט פערשאַרט,
דער דימענט, ער ווערט ניט אין פייער פערברענט,
מען דאַרף איהם נור זוכען, ער ליעגט און ער וואַרט
פאַר איהם אָדער איהר, צווישען חרוב'ע ווענט.

און דאָך צי'ס געפינט דער יוואוועל זיך, צי ניט,
צוויי זאַכען גיט נ י ט זיי דאָס לעבען צוריק:
זי רעטעט פון בראַנד מעהר איהר גלויבען שוין ניט,
אין פייער אויף אייביג פערליערט ע ר זיין גליק.

— הענריק איבסען.

אויף דיעזען געדיכט, וועלכעס איבסען האָט געשריבען מיט יאַהרען פריהער, האָט ער, ווי מען זאָגט, געבויט זיין דראַמא „סאָלנעס“. אויב דער לעזער געהערט צו דעם קלוגען קלאַס (עס זיינען דאָ דריי קלאַסען לעזער: דער נאַררישער, וועלכער לעזט די איינלייטונג פאַר דעם ווערק, דער קלוגער וועלכער לעזט זי נאָכדעם, און דער קלינסטער, וועלכער לעזט זי גאָר ניט; דער

לעצטער איז פאר אונז שוין צו קלוג, אבער אויב אונזער לעזער געהערט, ווי געזאגט, צום קלוגען קלאס) און ער וועט לעזען דיעזע ציילען נאכדעם ווי ער וועט האבען געלעזען דאס דראמא גופא, וועט ער זעהן, אז דאס ציטירטע געדיכטעלע איז ווירקליך דער פונדאמענט פון „בוימייסטער סאלנעס“.

האלווארד און אלינא סאלנעס — „די צוויי“ — גראבען זיך כסדר אין די אש פון א שרפה, וואס האט פערוויסטעט זייער הויז און איז געווען די סבה דערפון, וואס זייערע צוויי קינדערלעך זיינען געשטארבען אין דער ערסטער קינדהייט. דערביי איז גאנץ זיכער, אז וואס זיי זאלען ניט זוכען אין די א ש

„ז י רעטעט פון בראנד מעהר איהר גלויבען שוין נים,

„אין פייער אויף אייביג פערליערט ע ר זיין גליק.“

און דאך איז פאר איהר א לעבען נור א לעבען מיט אן אמונה, און זיינס — נור מיט גליק פאר א באזים.

ווי דער קלוגער לעזער ווייס שוין, איז אלינא געקנאטען און געבאקען פון לויטער אמונה. זי קוקט אויף דעם גאנצען לעבען ווי אויף א לאנגע רייהע פון פליכטען, ווי אויף א פרוזדור לטרקלין פאר יענע וועלט, וואו דער מענש, ספּעציעל דער מענש אהן זינד — אן עופעלע, למשל, ווי איהרע צוויי — לעבט אין אייביגע, געט־ליכע פריידען, עטוואס גליקליכער ווי א מלאך, ווייל ער איז גע־ווען אויף דער ערד, עטוואס קלענער ווי גאט, ווייל ער איז א ילוד אשה, און ווען זי טראכט וועגען איהרע צוויי געשטארבענע עופע־לעך, זעהט זי אין זיי מלאכים׳לעך אין גן־עדן, וועלכע זי איז פון גאנצען הארצען מקנא זייער פריהצייטיגען טויט. נור אזוי לאנג ווי זי מוז נעבעך צוברענגען די עטליכע יאהר אויף אונזער זינדי־גער ערד, איז פאר איהר דא נור איין איינציגע זאך צו טאן און דאס איז, צו ערפילען איהרע פיעלע פליכטען אזוי גיך ווי זי דער־זעהט זיי. די שווערסטע און די וויכטיגסטע פליכט ביי איהר אין דער אויפפאסען אויף איהר מאן, וועלכען זי פערשטעהט ניט. ער קומט איהר פאר קראנק, האלב־משוגע, אונפעראנטווארטליך פאר זייגע מעשים און איהר פליכט איז אויף איהם אויפצופאסען. דאן

האלט זי, אז מאקע דורך זיין קראנקהייט, כמעט־משוגעת און אונגעראנטוואָרטליכקייט איז ער פעהיג זיך צו פערליעבען אין די ערסטע בעסטע, אָדער ערגסטע, אויב איהר ווילט, מיידעל אָדער ווייבעל און איהר פליכט בעשטעהט אין דעם, אז זי, הגם זי האָט א רעכט צו זיין אייפערזיכטיג, זאָל ניט זיין אין וועג, אז זי זאָל זיך ערלויבען, פיעלייכט א סארקאסטישען שמייכעל, אָבער ניט קיין שום בעמערקונג, וואָס זאָל קענען אָנגערופען ווע־רען א דירעקטער טאדעל. וואָס איז האלווארד צו איהר? וואָס איז זי צו האלווארד? כמעט גאָר נישט. אויב זי ליעבט איהם — און דאָס איז צווייפעלהאפט — איז דאָס נור אלס פליכט, ווייל זי איז זיין ווייב און זי האָט ביים אלטאר פערשפּראָכען „צו ליעבען אין געהאָרכען“. זיכער איז, אז זי פיהלט זיך גליקליכער, רוהיגער, ווארעמער, פרייער אין דער געזעלשאפט פון זייער הויז־דאָקטאָר, וועלכער, ווי דר. ראנק ביי נאָרא, שיינט צו זיין אויך זייער הויז־פריינד, און מען קען ניט זאָגען, אז זי ליעבט אפילו איהם. יעדענ־פאלס איז איהר אמונה א קראנקע, ניט קיין זעהר פעסטע, ניט אַן אמונה וואָס קען רעגולירען א לעבען, נור אזעלכע וואָס קען פאָרבערייטען צום טויט. די געזונדע אמונה איז געבליבען אין די אש.

דאָס איז אלינא סאָלנעס.

האלווארד איז א גאנץ אנדער סאָרט מענש, הגם ער גראָבט זיך אויך אין די זעלביגע אש, פון די זעלביגע שרפה, הגם ער, ווי זי, איז זינט יענער שרפה ניט מעהר קיין נאָרמאלער מענש.

ער איז איינגעבילדעט, אז דער בראנד אויף זיין הויז איז געקומען ווייל אין גרונד הארצען האָט ער געוואָלט, האָט ער גע־ווינשט, אז דאָס הויז זאָל אָבברענען, מחמת דער אויפבויען פון דעם נייעם בנין אויף דעם אָרט פון דעם אלטען וועט בעטייטען דעם אויפבויען פון זיין גרויסער רעפוטאציע, פון זיין גרויסען שם פאר א מייסטער אין זיין פאך, ווי דאָס איז ווירקליך געווען דער פאל.

אויף דעם אופן איז די שרפה, וועלכע האָט געמאכט א וועג

פאר דעם גרויסען בוימייסטער סאָלנעס — א מין יחיד בדורו — געוועזן דער מלאך המות פאר זיינע צוויי קינדערלאך, נאָך וועלכע ער האָט שוין מעהר קיין קינדער ניט געהאט, דער פערניכטער פון זיין ווייב׳ס קאריערע אלס א „בוימייסטערין פון קינדערשע נשמה׳לעך״ ווי ער רופט איהר. ער איז אָבער אין דאָס אלץ איי־געגטליך ניט אבסאָלוט זיכער און ער, ווי אלינא, האלט זיך אין איין גראָבען אין די אש פון יענער שרעקליכער שרפה. דאָרטען איז בעגראָבען דער דימענט, וואָס איז ז י י ן גליק, וואָס איז א י ה ר פעסטער, געזונדער גלויבען.

אָבער ווער איז סאָלנעס?

ער איז א „זעלבסטגעמאכטער״ קינסטלער, אן אווטאָדידאקט. ניט אכטענדיג אויף דעם, וואָס ער בויט בעסער פאר אלעמען, העכער פאר אלעמען, שעהנער פאר אלעמען, האָט ער אפילו ניט דעם טיטעל ארכיטעקט. ער האָט טאקע אויך ניט די וויסענשאפט אין איהר גאנצע טהעאָרעטישע פולקייט. ווי דער ווילנער בעל־הבית׳ל איז געוועזן א זשעניע א חזן אָהן א דיפלאָם פון א שול, אָהן א קאנסערוואטאָריום און אָהן די פעהיגקייט צו לעזען נאָטען, אזוי איז סאָלנעס געוועזן א בוימייסטער, פאר וועלכען יעדער בוי־פּאָרטאטש האָט געהאט מעהר שול, מעהר בוך־קענטניסע, מעהר מעטהאָדע.

און דער ווערן א בוימייסטער איז אָנגעקומען ניט לייכט. איהם האָט אין אָנהויב טאקע געפעהלט דער דיפלאָם כדי זיך לייכט צו עראָבערן די אָנערקענונג פון אלע ארומיגע מענשען. דערפאר אָבער האָט ער געמוזט קעמפפען; אין דעם קאמפף האָט ער געמוזט זיין ניט איבריגס סקרופולעז, ווייל ער איז געוועזן גע־צוואונגען אין זיין האסטיג־געהען צו זיין ציעל דאָ און דאָרטען אימיצען אניעדערצוואווארפען, איבער איהם אריבערצושפּריזען און ווייטער צו מארשירען, ווייטער, ווייטער...

חוץ דעם איז ער ארויס אויף זיין קאריערע מיט אן אידעאל פאר די אויגען, וועלכער האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויעזען איבער זיינע קרעפטען. ניט הייזקעס, הייזער אָדער אפילו פּאלאצען וועט

ער בויען פאר מענשעלעך, מענשען און מענער! ניין, ניט הייזער פאר פּראָסטע מענשען ווי ער אליין, (און ווער רעדט פון שטאלען פאר בהמות, כאַטדאָלעס פאר פערד אָדער בודקעס פאר הינט?) דאָס אַלץ איז ניט זיין עסק אינ'ם לעבען. ער וועט בויען קירכען און טעמפּלען פאר געטער און מוזען, פאר די הייליגקייט און די קונסט. ער וועט די קירכען בויען הויך, מיט גרויסע קופּאָלאָס און הויכע, הויכע טורעמס אויף זיי, און הויכע, הויכע שפּיצען אויף די טורעמס, מיט א גאָלדענעם קנעפעל ארום דעם שפּיץ, וואו ער אליין וועט שטעהן, דער קאָפּ אין די וואָלקענס, די פעהנדעל אין דער האנד און א וועלט אונטער איהם, פול מיט בעוואונדערונג, כמעט מיט פער־געטערונג, בשעת דער ווינד טראָגט פאנאנדער זיין נאָמען צום מזרח און צום מערב, צום צפון און צום דרום. הללויה!

האָט זיך ארויסגעשטעלט אז דאָס איז איבער זיינע כחות און מעהר ווי א י נ מ אָ ל איז ער אזוי הויך ניט געגאנגען, האָט ער אזוי הויך ניט געבויט, און יענעם איינציגען מאָל האָט זיין שטרעבען צום אידעאל כמעט איהם געקאָסט דעם לעבען. פון דענס־מאָל אָן איז ער א מענטש מיט אלעמען צוגלייך, נור א זשעניע.

און דאָ קומט זיין הויפּט־צרה.

פון דער נאַטור א מענטש און ניט מעהר, פון דער ערציעהונג א בוימייסטער אָהן א דיפּלאָם, ד. ה. אָהן א געשריבענע און גע־חתמ'עטע הכמה פון ערגיץ אן אוניווערזיטעט אויף בוי־קונסט, קריעגט כאָלנעס, וואָס עלטער ער ווערט, אַלץ מעהר מורא, אז זיין חזקה אויף דעם גרויסען נאָמען קען פון איהם אוועקגענומען ווערען פון אימיצען ארום איהם, וועלכער וועט קומען ענטוועדער מיט א כתב אין האנד, אָדער מיט חוצפּה אין זיך און וועט זיך פּראָקלאַמירען פאר דעם אמת'ען בוימייסטער, פאר דעם ווירק־ליכען קינסטלער, ערקלערענדיג איהם, סאָלנעסען, פאר א געוועזענעם, פאר אן אויסגעשפּילטען טרומף, פאר א פּאר־א־יאָהריגען לות.

פון וואנען אָבער וועט ער, דער נייער, ווער וויים, קומען? פון וואנען וועט ער זיך נעהמען? זיכער ניט פון צווישען די

אלטע, זיכער ניט פון די רייהען פון די געוועזענע. וועד דען וועט דאס, אלזא, זיין ? דאס וועט זיין א יונגער, איינער וואס איז דער־ווייל אפשר נאך אן עופע'לע, אן עופע'לע אין א קעסטעלע פון פּימסענהאלץ, וואס שווימט נאך ארום אויף די וואסערן פון טייך נילוס, אבער אזעלכער, וואס מוז פריהער אדער שפעטער קומען און דערלאנגען א פאסיר־צעטעל און זאגען : „דו גהה אין תחום אריין ; איך בין דער פיהרער !"

און סאלנעס זיצט און ציטערט, טראכטענדיג אט־אט קלאפט אן אין טיר דער יונגער דור ! דער יונגער דור מיט'ן פאסיר־צעטעל אין דער האנד !

ערגער ווי אלץ איז, וואס ער זעהט, ווי איהם דוכט זיך, ניט נור דעם יונגען דור כמעט פאר די אויגען, נור ער זעהט אויך אין איהם א מין נוקם ונוטר, וואס דארף זיך מיט איהם, סאלנעס'ען, אברעכענען פאר א פאסירצעטעל, וואס ער אליין האט געגעבען דעם דור פ א ר איהם, בעת ער איז ארויף אויף דעם טהראן פון זיין צייט און האט צום ערסטען מאל אריינגענומען דעם שרביט הזהב אין זיין האנד. בקיצור, ער האט ביי זיך צוויי בראוויקס, אן אלטען, גרייז־גרויען פאטער און זיין יונגען אמביציעזען זוהן.

אי דער, אי יענער איז איהם א דארן אין אויג. דער אלטער דערמאנט איהם, אז איבער זיין קערפער, דורך זיין פאל, האט סאלנעס אריבערגעשפּרייזט, זיך ניט נעהמענדיג די מיה דעם ארונטערגעווארפענעם אויפצוהויבען פון דער ערד, בשעת ער איז ארויסגעפאהרען צו זיין נייעם קעניגרייך. דער יונגער, ראגנאר בראוויק, שיינט איהם צו קריכען אויף זיין פלאץ, מעהר נישט סאלנעס גלויבט ניט שטארק אין זיין כח, אין זיין פעהיגקייט, אז ער זאל ווירקליך קענען פערנעהמען דעם דאזיגען פלאץ, — ער, ראגנאר, א פראסטער צייכנער, ווי דער אלטער בראוויק אליין.

מורא האבענדיג — מעהר אדער וועניגער, ווי אמאל — פאר ראגנאר בראוויק, געפינט ער איין טאג, אז דער יונגער מאן האט א כלה, א געוויסע קאייא פאסלי. עטוואס דערשראקען, מאלט ער זיך אויס אזא בילד : אט האט ראגנאר חתונה מיט קאייא, ער

חויבט אָן צו ווערן א גרעסערער בעל־הוצאה, ער נעהמט בויען אויף זיין אייגענעם חשבון, און מיט דער צייט ווערט ער דאָס דער דאָזיגער נייער דור, פאַר וועלכען ער האָט די גאַנצע צייט מורא געהאַט. עס איז קלאָר, אז ראַגנאַר טאָר אַזוי גיך ניט הייראַטען. ווי אָבער מאַכט מען אז ער זאָל ניט קענען? סאָלנעס פרובירט. ער טוט אַזוי: ער נעהמט קאַייאַ פאָסלי אריין צו זיך אין אָפּיס אלס בוכהאַלטערין. אין אָנהויב איז ראַגנאַר אַליין דערמיט צופריעדען: זיין כלה איז נעבען איהם, ער איז אימער אין איהרע ד׳ אמות. א ל ע זיינען צופריעדען. מיט דער צייט ווערט דאָס נאָך בעסער, — בעסער פאַר סאָלנעס׳ען: קאַייאַ פאָסלי, ראַגנאַר בראָוויק׳ס כלה פערליעבט זיך אין האַלוואַרד סאָלנעס, דעם גרויסען בוימייכטער! פערשטעהט זיך, סאָלנעס האָט ניט און קען ניט האָבען קיין שום געפיהל, וואָס זאָל האָבען ערגיץ א שייכות מיט ליעבע פאַר זיין בוכהאַלטערין, אָבער ער ווייזט דאָס ניט ארויס. פערקעהרט, ער לאָזט איהר די איללוזיע, אז איהר שטילע ליעבע האָט געפונען אָן אָבקלאַנג אין זיין האַרצען, מעהר נישט... נו, וואָס איז דאָ צו רעדען, זיין „סאָציאַלע שטעלונג“, אַלינאַ, ראַגנאַר, די וועלט... שש...!

דאָס טוט סאָלנעס דורכאויס ניט בערעכענט, במזיד, א שטייגער וועלענדיג בעטריגען די אָרעמע מיידעל. ניין, דאָס טוט זיך ביי איהם כמעט אַליין, דאָס טוט דער שרעק פאַר׳ן קומעדיגען קלאַפּ אין טיר. פּשוט, וואָס מעהר קאַייאַ איז זיינע אַלץ לענגער וועט דויערן די צייט ביז איהר חתונה מיט ראַגנאַר, אַלץ שפּעטער וועט קומען ראַגנאַר בראָוויק׳ס זעלבסטשטענדיגקייט און זיין קאָנקורענץ.

פון דעסטוועגען קען דאָס נור אָבגעלעגט, ניט אָבגעמעקט ווערן. אפשר ניט קאַייאַ, אָבער ראַגנאַר הויבט אָן צו וועלען ענדליך מאַכען א סוף פון דעם חתן־כלה פערהעלטניס און צו שטעלען חופּה. דאַן דער אַלטער: ער האָט מורא פאַר א קלאַפּ אין זיין טיר ניט פון ערגיץ א דור, נור טאַקע פונ׳ם מלאך־המות, און דערפאַר וויל ער זעהען זיין זוהן וואָס גיכער ניט נור חתונה געהאַט, נור

אויף עטאבלירט. איי ער האָט ניט קיין דיפּלאָם? האָט דען סאָלנעם געהאַט? האָט ער אליין געהאַט? אָט איז געקומען א יונגע פּאָאר פאָלק נאָך א פּלאָן פאר א הייזקע, ראגנאר האָט עס שוין געצייכענט און לאָז נור סאָלנעס געבען דארויף זיין הסכמה (גע־שריעבען) און ראגנאר איז א „געמאכטער מאן".

דער אלטער פּרעסט, ער האָט ניט קיין צייט. ער בעט רחמים: הערר סאָלנעס, אָנאָ, הושיעה נאָ! אָבער סאָלנעס וויל פון קיין זאך ניט הערען. קאַייאַ? יא, זי בעט אויך, אָבער איהר גיט מען א גלעט אין בעקעלע און זי פערגעסט אָן ראגנאר, דעם אלטען, די צוקונפט, אָן אלץ...

2.

אויף דיעזען פונקט הויבט זיך אָן דאָס דראמא. און טאקע מיט א קלאַפּ אין טיר, און ווירקליך פון דעם נייעם דור, מעהר ניט פון אנאנדער מין, ווי דער, וועלכער פלעגט דעם בוימייסטער ביז איצט קומען צו־חלום.

אין טיר קלאַפּט אָן הילדא וואנגעל.

ווער און וואָס איז זי?

הילדא איז א מיידעל, צוויי־דריי און צוואנציג יאָהר אלט, מיט א שטאַרקען כאַראַקטער, מיט א ווילען, וואָס איגנאָרירט גע־וועהנליך יעדען שטער אין וועג, מיט א סך ענטהוזיאזמוס אין זיך און — ועל כולם! — א גרויסע אידעאליסטקע.

דיעזע הילדאַ האָט געזעהען דעם בוימייסטער נור איינמאָל פריהער, איינמאָל אין איהר לעבען. דאָס איז אָבער געוועזען דעם אין איינציגען מאָל ווען סאָלנעס האָט עררייכט די העכסטע מדרגה אין זיין קאַריערע, ווען ער האָט דערגרייכט ביז'ן סאַמע שפּיץ פון א הויכען טורעם, אויף א הויכען קופּאָלאָ, אויף א גרויסען טעמפּעל.

זי האָט איהם אויף דעם אופן געזעהען אין זיין גלאַנץ, און זי, יעמאָלט צוועלף יאָהר אלט, מיט איהר בלוטיונגען, כמעט קינדערשען ענטהוזיאזמוס, אָבער שוין רייפען אידעאליזמוס, —

צייטיג געגנוג צו בויען פאר זיך די פיינסטע לופט־שלעסער, האָט זיך אין געדאַנקען מיט איהם פער׳קנס׳ט און האלווארד סאָלנעס, דער גרויסער, „וועלטבעריהמטער“ בוי־מייסטער, דער וואָלקען־קלעטערער, דער אויבערמענש איז געוואָרען איהרער, הילדא׳ס, הילדא וואַנגעל׳ס, און וואָס געהט איך אָן ווי אלט זי איז? א חוצפה אביסעל!

טאָמער האָט נאָך וואָס געפעהלט, איז סאָלנעס יענעם טאָג פון זיין טריומף געקומען צו־גאַסט צו איהר פאָטער, דר. וואַנגעל, און האָט איהר, הילדא׳ן געקוסט, און טאַקע מעהר ווי איינמאָל... ער האָט איהר, פערשטעהט איהר מיך, אריינגענומען דעם קאָפּ צווישען זיינע הענד און האָט איהר געקוסט, אָבער און ווידער, און נאָך אמאָל, — ער, דער גאָט, איהר, הילדען...

אָבער ער פאָהרט אוועג. זי גיט איהם צעהן יאָהר צייט צוריק צו קומען נאָך איהר, נאָך די כלה פון זיין גייסט, פון זיין רוהם, פון זיין גלאַנץ־פערזאָרע. זי וואַרט אויף איהם, ווי א פרומער איד אויף משיח׳ן, א שטיינער, אָט־אָט קומט ער.

א טאָג נאָך א טאָג געהט אוועג, איין וואָך נאָך די אנדערע, עס בייטען זיך אָב חדשים, יאָהרען, עס פערגעהען די גאַנצע צעהן יאָהר און גאָר ניט... אין קול ואין קשב... ער קומט ניט.

אנאַנדער מיידעל וואָלט אין אזא פאַל זיך בעגנוגענט מיט דענקען און גאהרען און הליט׳ן און אויסגעהן מיט די כחות... זי וואָלט געוואָרען מאָגערער און בלייכער, מיט אויגען וואָס זינקען אלץ טיפער אין שאַרבען אריין, און וואָס קריגען אונטער זיך אלץ בלייערע און דונקעלערע פאַסען. זי וואָלט געזיפצט און גע־שלוכצעט אין קישען אריין, און וואָלט אזוי לאַנג געקוקט אויף די לבנה ביז זי וואָלט געוואָרען אזוי בלייך ווי די לבנה אליין.

ניט אזא מיידעל איז הילדא וואַנגעל. קומט ניט דער באַרג צום נביא, געהט דער נביא צום באַרג... בקיצור, הילדא נעהמט איהר עטליכע זיבבען זאכען, און מינ׳ן העקעל־פעקעל איבער׳ן פּלייצע אויף א לאַנגען שטעקען, קומט זי נ ע ה מ ע ן דעם מאַן, אויף וועלכען זי האָט איצט א צעדניעהרינע חזקה.

און דאָס איז דער קלאַפּ אין טיר בעת דאָס שווישפּיעל הויבט זיך דאָ אָן.

אַ שווישפּיעל? ניין, דאָ הויבט זיך אָן אַ טראַגעדיע, און אַ טראַגעדיע ניט אין דעם אויסלאַז, ווי אין געוועהנליכע טרויער־שפּיעלען, נור אין דעם אָנהויב, הגם דער אויסלאַז איז געווען טראַגיש גענוג. זי בעשטעהט אָט אין וואָס.

ווען הילדאַ און סאָלנעס טרעפען זיך איצט צום צווייטען מאָל אין זייער לעבען, געפינען זיי ביידע, אַז אין די צעהן יאָהר צייט זיינען זיי, איך וואָלט זאָגען, אוועג־געוואקסען איינער פון דעם אַנדערן.

ביידע זיינען געוואָרען צעהן יאָהר עלטער, אָבער ווערהענד הילדאַ די יונגינקע אידעאַליסטק ע ל ע איז היינט אַ יונגע אידע־אַליסטקע, איז סאָלנעס לאַנג שוין ניט מעהר קיין וואָלקען־קלעטע־רער, האָט ער זיך שוין לאַנג געזעגענט מיט זיינע יוגענד־אידעאַ־לען, איז ער שוין לאַנג ניט מעהר קיין טעמפּעל־בויער און איהם אינטערעסירט שוין לאַנג ניט מעהר ניט די הויכקייט פון אַ טור־רעם, ניט די הייליגקייט פון אַ טעמפּעל, ניט די געטליכקייט אין ביידע, צ ו וועלכע מען דאַרף אַרויפבליקען און א י ן ווועלכע מען דאַרף אַריינבליקען. ער איז דערביי עלטער, פיעל עלטער געוואָרען און פערטיעפטער אין זיך, אין זיין פערגאַנגענהייט, אין די שׂרפה, אין די כּאָיגען פון דער שׂרפה און אנשטאָט זיך הויבען אין דער הויך און צו שוועבען אין די הימלען ,ווי הילדאַ האָט ערוואַרטעט, גראָבט ער זיך אין אש... אין טונקעלע אש, ניעדריג, אונטער די פיס... אַ וואָרעם וואָלט דאָס געקענט...

און די קוסען! יענע לײדענשאַפטליכע קוסען, מיט ווע‍לכע ער האָט זי — ווי זי גלויבט — פער׳קנס׳ט; יענע הייליגע, הימ־לישע קוסען, וועלכע זי האָט צעהן לאַנגע יאָהר נאָך אַנאַנד טעגליך איבערגעקוסט זיי אימער פון דאָס ניי, איבערקעהרענדיג פון איין ליפּ אויף די אַנדערע, — יענע קוסען, אַך, ער האָט זיי שוין — דאָס זעהט זי, די אָרעמע, אַלץ מעהר און מעהר איין — לאַנג, לאַנג פערגעסען און זיינע פּראָזאאיש־געוואָרענע ליפּען זיינען

איצט מעהר און נאָהענטערע קרובים מיט'ן ציבוק פון דער פּיפּקע ווי מיט איהר, הילדען, מיט איהר און איהר אונפּערגעסליכען תנאים פון פאר צעהן יאָהרען...

און — אָרעמער, בלינדער אידעאַליזמוס! — דאָ איז פאַראַן נאָך אנאַנדער צרה.

פאר צעהן יאָהרען, אין דער צייט פון איהר עלית נשמה, האָט זי איהר העלד, איהר גאָט געזעהען ניט נור אין זיעבעטען הימעל, נור אליין — בגפו — אָהן אימיצען ביי זיין טיש. און טאַקע ווי קומט א גאָט צו האָבען א ווייב? העכסטענס איז לעבען איהם דענקבאר אן אונבעפלעקטע יונגפרוי, א הילדא־מאריא, א נשמה, וואָס קען און וועט קיינמאָל ניט האָבען קיין שום שייכות מיט אנאַנדערען ווי א רוח הקדש; העכסטענס, קען מען זיך ארום א גאָט פאָרשטעלען א פמליא של מעלה, דאָס הייסט א פאמיליע פון לייטער געפליגעלטע מלאכים; אָבער א גאָט מיט א פרוי, און א פרוי א פּיטיט'ען בשר ודם, וואָס קאָכט און באַקט; א גאָט מיט קינדער, אפילו געשטאָרבענע, — דאָס וואָלט קיין הילדא אין דער וועלט זיך ניט קענען פאָרשטעלען.

און דאָ גלייך ביין ערסטען צוזאמענשטויס פון דעם מיידעל־שען אידעאַליזמוס מיט די רויהע, גראָבע, וואָכעדיגע ווירקליכ־קייט, ווייזט זיך ארויס, אז... פערקנייטשט איין פינגער... אז

ע ר ס ט ע נ ס, איז דאָ א ווייב, א געוויסע מרה־שחורה'דיגע אלינא, מיט פליכטען און קריסטליכע מדות א. אז. וו.

צ ו ו י י ט ע נ ס — פערקנייטשט נאָך א פינגער — אז דיע־זע אלינא האלט זיך פאר איהר גאָט'ס בעל־הבית'טע און האָט איהם כסדר אין די געדאנקען, פונקט ווי ער איהר האָט אויפ'ן געוויסען... דאָס איז אָבער נאָך ניט אלעס: קנייטשט און צעהלט ווייטער:

ד ר י ט ע נ ס, איז פון דער דאָזיגער אלינא שוין דערפאר אליין שווער צו עמאַנציפּירען דעם גאָט, ווייל זי איז פריינדליך און העפליך און וואָס מען רופט אויף טייטש צופאָרקאָמענד. וואָלט זי געזידעלט, וואָלט דער עסק א סך לייכטער געווען, ווי

עס איז לייכטער צו קעמפּפֿען געגען דעם בייזען ווינד ווי געגען די פריינדליכע אָבער וואַרעמע שטראַהלען פון דער זון.

פ י ע ר ט ע נ ס , איז דער גאָט אזוי שוואַך לגבי די וואָס בוקען זיך פאר איהם און אזוי שטייף לגבי די וואָס זיינען מורד אין איהם, אז ער גלעט איבער'ן בעקעלע א קאייא פּאַסלי, וועלכע ער ליעבט ניט און ער טרעט אונטער די פיס א ראגנאר בראָוויק, וועלכען ער האסט גאָר ניט.

פינפטענס, זעקסטענס, זיעבעטענס און אזוי ווייטער ביז עס בלייבט שוין ניט מעהר קיין פינגער צו קנייטשען, איז דער גאָט נאָך מענשליכער ווי ביי די גריעכען יופּיטער בן קראָנאָס מימות עולם ושנים קדמוניות. עס ווייזט זיך ארויס, אז סאָלנעס האָט זיך צוריקגעקעהרט צו דער ערד פון וואַנען ער שטאַמט און אז דאָ שטעהט פאר הילדען ניט אזא ארבייט, פאר וועלכער הערקולעס אליין וואָלט זיך פערטראַכט.

אָבער זי פערצווייפעלט ניט. ניט הילדא! אָה, ניין!

אמת, זי וועט סאָלנעס'ען ניט אָבנעהמען פון אלינען. „וואָס איך וואָלט געקענט טאָן געגען א פרעמדע פרוי, זאָגט זי, קען איך ניט טאָן געגען איינע, וואָס איך קען, וואָס האָט מיך פריינד־ליך ארייננענומען אונטער איהר דאַך," אפילו ווען אויך נור אלס פליכט, נור ווייל זי האָט „געמוזט".

יא, זי וועט איהם פיזיש געוויס ניט אָוועקנעהמען פון זיין ווייב, אָבער זי וועט איהם עמאַנציפּירען פון זיך אליין, זי וועט אויסלעזען כּאָלנעס דעם העלד, דעם גאָט, פון דעם גלות, אין וועל־כען ער געפינט זיך ביי סאָלנעס דעם מענשען, דעם קליינליכען מענשען מיט דער פּיפּקע אין מויל, מיט די קאָפּ אראָבגעלאָזען, מיט די פיס אין אלטע אש פון א פערגעסענע שרפה.

און זי נעהמט זיך צו דער ארבייט.

צום גליק, אָדער צום אונגליק ווערט אָקאָרשט געענדיגט דער בנין פון א נייע הויז, וואו עס איז דאָ א הויכער טורעם, מיט א הויכען שפּיץ. מאָרגען דאַרף אויף דעם טורעם אויפגעהאַנגען ווערן א בלומענקראַנץ. הילדא בעשליסט, אז דאָס מוז ע ר טאָן, ער,

איהר סאָלנעס, דער אמאָליגער. הויך, הויך, הימעל־הויך מוז ער ארויפשטייגען, ער, מיט'ן קראנץ אין דער האנד, מיט די געדאנקען — זיינע און איהרע — אין דער הויך, זעהר הויך, דאָרטען וואו די אטמאָספערע איז ריין און פריש און קלאָר און אייביג־קינדריש, אייביג עהרליך, אייביג זויבער... ארויף מוז ער, אהין מוז ער! און ווידער אמאָל וועט זי איהם זעהן אויפ'ן גאניקעל ארום דעם שפּיץ, דערהויבען און ערהאבען, און ווידער אמאָל וועט זי הערען יענעם וואונדערבארען פאר־צעהן־יאָהריגען געזאנג אין דער לופט...

שווער און לאַנגזאַם געהט די ארבייט, אָבער זי געהט.

ביסלעכוויז, צאָלוויז הויבט איהם זיין גוטע פעע אלץ מעהר ארויף, אלץ מעהר ארויס פון דעם זומפּ אין וועלכען ער האָט געהאלטען ביין פערזונקען ווערען פאר איהר קומען. זיין גייסט שטעהט לאַנגזאַם. פּאַמעלאך אויף תחית המתים. אין סאָלנעס'עס הארצען פאנגט אָן זיך צו רעגען א געפיהל פון ליידענשאפטליכער ליעבע צו דער גוטער פעע, וועלכע ער האָט אין אָנהויב גאָר ניט פערשטאנען. אין זיין ברוסט וואקסט ביסלעכוויז אויס א וואונש זיך צו בעפרייען פון דעם טויט, צו וועלכען ער איז צוגעבונדען.

מיט איין פינגערל פון איהר האנד, מיט איין שמייכעלע אויף איהרע ליפּען, מיט איין רעגונג פון איהר גרויסע, טיעפע אמונה אין זיין געטליכקייט, אין זיין העלדישקייט הויבט זי איהם אויף אזוי הויך, אז ער וואגט זיך שוין אויף די סטאָלבאָוואניע פונ'ם טורעם, קלעטערענדיג אלץ העכער און העכער מיט'ן קראנץ איבער'ן אָרעם, מיט איהר ליעבע פאר די אויגען... חוץ וואָס זי הויבט איהם ארויף פון אנאנדער זומפּ: זי צווינגט איהם ענדליך צו געבען זיין געשריבענע הסכמה אויף ראגנאר'ס פּלאן פאר די יונגע פאר פאָלק.

הורראה! דער אלטער, דער אמאָליגער, גרויסער בוימייסטער סאָלנעס! אָט איז ער שוין אויפ'ן טורעם, אונגעשטערט פון די אנגכט־געשרייען פון זיין גוטע, קליינליכע פרוי, אונגעהינדערט פון דעם שפּאָט פון דער אונגלויביגער מאסע, צווישען וועלכע עס הערט

זיך דער שפּאַט פון ראַגנאַר בראָוויק אַם מייסטען, אונגעהינדערט פון די אייגענע אַנגסט אין דער שוואַכער ברוסט, וועלכע וואָלט פּלאַצען אויפ׳ן אָרט, ווען ניט, אין געדאַנקען, הילדאַ׳ס פעסטע אומאַרמונג, ווען ניט הילדאַ׳ס פּאַנצער און איהר שילד איבער דער דאָזיגער ברוסט.

ער שטייגט און שטייגט. ער איז שוין אויבען. אָבער... עס זיינען דאָ זאַכען, גוטע הילדאַ, וואָס מען קען מעהר ווי א י י נ ־ מ אָ ל ניט טאָן אויב זיי זיינען א י ב ע ר ד י כ ח ו ת. אפילו א „פאַוסט“ ביי געטהע וויעדערהאָלט זיך ניט, קריעת ים סוף ביי משה׳ן וויעדערהאָלט זיך ניט, און ווען שלמה פּרובירט טאָן דאָס וואָס ער האָט זיך געקענט ערלויבען גלייך ווי ער האָט פון גאָט געקראָגען זיין דיפּלאָם אויף חכמה, ווערט ער א ניזק.

סאָלנעס קען איצט ניט מעהר טאָן וואָס איהם האָט זיך איינגעגעבען מיט צעהן יאָהר צוריק און ווען ער דערגרייכט דעם סאַמע שפּיץ, פאַלט ער אַרונטער און ווערט גע׳הרג׳עט...

פון דעסטוועגען, הילדאַ פאַלט ביי זיך ניט אַראָב. דער גע־הרג׳עטער גאָט איז איהר נאָך אימער ליעבער ווי דער לעבעדיגער מענש און בשעת ער פאַלט און זיין פרוי יאָמערט, און אַנגסט־געשרייען הערען זיך פון אַלע זייטען, זעהט הילדאַ נור דעם ש ט י י ג ע ן פון איהר העלד, הערט זי דעם געזאַנג און די האַרפען אין דער לופט, און מיט ענטציקונג רופט זי אויס:

„מיין, מיין בוימייסטער!“

זי האָט געזיעגט, די ליעבע האָט געזיעגט!

דער בוימייסטער

פערזאנען:

ה אָ ל װ א ר ד ס אָ ל נ ע ס, בױ־מײסטער.

אַ ל י נ אַ ס אָ ל נ ע ס, זײן פרױ.

ד ר. ה ע ר ד א ל.

ק נ ו ט ב ר אָ ו י ק, אַ געװעזענער אַרכיטעקט, איצט בעשעפטיגט בײ סאָלנעסען.

ר א ג נ א ר ב ר אָ ו י ק, זײן זוהן, אַ צײכנער.

ק א י אַ פ אָ ס ל י, זײן פלימעניצע, אַ בוכהאַלטערין.

פ ר ײ ל י ן ה י ל ד ע װ א נ ג ע ל.

א ײ נ י ג ע ד א מ ע ן.

אַ ן ע ו ל ם א י ן ג אַ ס.

די האַנדלונג קומט פאָר אין און אַרום סאָלנעס׳ס הױז.

ערשטער אקט

אַן איינפאַך־מעבלירטעס אַרבייט־צימער ביי ה אָ ל וו אָ ר ד ס אָ ל נ ע ס אין הויז. פון לינקער זייט, פליגעל־טירען צום פאָרצימער. פון רעכטער זייט, אַ טיר, וואָס פיהרט אין די אינווייניגסטע צימערען פון הויז. פון דער הינטערשטער וואַנד, אַן אָפענע טיר אין אַ צימער וואו עס אַרבייטען די צייכנער. פון פאָרענט, לינקס אַ שרייבטיש מיט ביכער, פּאַפּירען און שרייב־מאַטעריאַל. ווייטער הינטער די טירען אַן אויווען. אין ווינקעל פון רעכטער זייט, אַ זאָפע, אַ טיש און אַ שטוהל אָדער צוויי. אויפ׳ן טיש, אַ פלאַש מיט וואַסער און אַ גלאָז. פון פאָרענט, רעכטס אַ קליין טישעל, אַ שאָקעל־שטוהל און אַ לעהנשטוהל. אָנגעצונדענע לאָמפּען מיט אַבאַזשורען אויפ׳ן טיש ביי די צייכנער, אויפ׳ן טיש אין ווינקעל און אויפ׳ן שרייבטיש.

אין צימער פון די צייכנער זיצען ק נ ו ט ב ר אָ וו י ק און זיין זוהן ר אַ ג נ אַ ר, פערנומען מיט פּלענער און רעכענונגען. ביים שרייב־טיש שטעהט ק אַ י אַ פ אָ ס ל י, שרייבענדיג אין קאָנטאָ־בוך. קנוט בראָוויק איז אַן אַלטער, מאָגערער מאַן מיט ווייסע האָר און באָרד. ער טראָגט אַן אַלטען, אָבער ריינעם, שוואַרצען סורדוט, ברילען און אַ פערגעלטען ווייסען האַלזטוך. ראַגנאַר בראָוויק איז אַ בלאָנדער, גוט־געקליידעטער יונגערמאַן, אין די דרייסיגער, אַ ביסעל איינגעבויגען. קאַיאַ פאָסלי — אַ יונג מיידעל פון איבער 20 יאָהר, צאַרט, מיט אַ קראַנקליכען אויסזעהען, געקליידעט איינפאַך און ציכטיג. זי טראָגט אַ גרינעם דאַשעק איבער די אויגען. אַלע דריי אַרבייטען אַ ווײלע שטילערהייד.

ק נ ו ט ב ר אָ וו י ק: (גיט זיך מיט אַמאָל אַ הויב פון טיש ווי פערצווייפעלט; ער אָטעמט שווער, קומענדיג נעהענטער צו דער טיר) ניין, איך קען דאָס שוין מעהר ניט אריבערטראָגען.

ק אַ י אַ : (צוגעהענדיג צו איהם) דו פיהלסט זיך היינט אבענד זעהר שלעכט, ניט אמת, אָנקעל?

ב ר אָ וו י ק : אָה, עס זעהט אויס, אַז מיר ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג.

ר אַ ג נ אַ ר : (הויבט זיך אויף און געהט צו צו איהם) דו וואָלסט בעסער אהיים געגאנגען, פאָטער. פרוביר זיך דורכשלאָ־פען —

ב ר אָ וו י ק : (אונגעדולדיג) אפשר זיך לעגען אין בעט? דו ווילסט, איך זאָל דערשטיקט ווערען, אַ?

ק אַ י אַ : געה־זשע אביסעל שפּאַצירען.

ר אַ ג נ אַ ר : טאַקע אַזוי. איך וועל אויך געהן מיט דיר.

ב ר אָ וו י ק : (האַסטיג) איך געה ניט ביז ער וועט קומען! איך האָב בעשלאָסען היינט אבענד זיך אויסצוטענה'ן מיט — (מיט אַ טאָן פון פערשטיקטער ביטערקייט) — מיט איהם — מיט דעם פרינציפּאַל.

ק אַ י אַ : (מיט אַנגסט) אָה, ניין, אָנקעל — וואַרט דאָך אַ ביסעל אײדער דו טוסט ד אָ ס!

ר אַ ג נ אַ ר : טאַקע, פאָטער, וואַרט בעסער צו.

ב ר אָ וו י ק : (אָטעמט שווער) האַ — האַ —! א י ך האָב ניט פיעל צייט צו וואַרטען.

ק אַ י אַ : (זיך צוהערענדיג) שש! איך הער איהם געהן אויף די טרעפּ. (אַלע דריי געהען צוריק צו דער אַרבייט. אַ קורצע פּאַוזע.)

ה אַ ל וו אַ ר ד ס אָ ל נ ע ס : (קומט אַריין פון פאָרדער־צימער. ער איז אַ מאַן אין די מיטעלע יאָהרען, געזונד און שטאַרק געבויט, מיט קורץ־געשאָרענע, געגרייזעלטע האָר, אַ טונקעלען שנור־באָרד און געדיכטע ברעמען. ער טראָגט אַ גרויליך־גרינע רעק, פּער־קנעפּעלט, מיט אַ שטעהענדיגען קאָלנער און ברייטע לאַצען. אויפ'ן קאָפּ אַ ווייכער גרויער הוט און אַ פּאָר פּאָרטפּאָליעס אונטער זיין אָרעם.)

ס אָ ל נ ע ס : (שטעהענדיג נעבען טיר און ווייזענדיג מיט'ן

פינגער אויף דעם צימער פון די צייכנער, שטילערהייד) זיינען זיי שוין אוועק?

ק אַ י אַ : (ווייך, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ) ניין.

(זי נעהמט אַראָב דעם דאַשעק פון איבער די אויגען. ס אָ ל נ ע ס געהט דורך דעם צימער, גיט אַ וואָרף זיין הוט אויף אַ שטוהל, לעגט די פּאָרטאָפּאָליעס אויפ'ן טיש ביי דער זאָפע, און געהט צו צום שרייב־טיש.)

ק אַ י אַ : (זעצט פאָרט איהר שרייבען, נור זי זעהט אויס נערוועז און צעטראָגען).

ס אָ ל נ ע ס : (אין דער הויך) וואָס פערשרייבט איהר דאָס, פריילין קאַיאַ?

ק אַ י אַ : (גיט זיך אַ וואָרף) אָה, עס איז נור עפּעס, וואָס...

ס אָ ל נ ע ס : לאָזט מיר אַ קוק טאָן, פריילין פאָסלי. (בויגט זיך צו צו איהר, מאַכט זיך אַז ער קוקט אין בוך און זאָגט שטי־דערהייד) קאַיאַ!

ק אַ י אַ : (ווייך, פאָרטזעצענדיג דאָס שרייבען) וואָס איז?

ס אָ ל נ ע ס : וואָרום נעהמט איהר אימער אַרונטער דעם דאַשעק, ווען איך קום אַריין?

ק אַ י אַ : (אין זעלבען טאָן ווי פריהער) ווייל מיט איהם זעה איך אויס העסליך.

ס אָ ל נ ע ס : (שמייכלענדיג) אזוי, ווילט איהר, הייסט עס, ניט אויסזעהן העסליך, קאַיאַ?

ק אַ י אַ : אין קיין פאַל ניט. ניט אין א י י ע ר ע אויגען.

ס אָ ל נ ע ס : (גלעט לייכט איהרע האָר) אָרעמע, אָרעמע קאַיאַלע.

ק אַ י אַ : (אַנבויגענדיג דעם קאָפּ) שש! זיי קענען נאָך דערהערען.

ס אָ ל נ ע ס : (שפּאַצירט אַרום אויף דער רעכטער זייט פון צימער, דרעהט זיך אום און שטעהט אַ ווײלע ביים צימער פון די צייכנער) האָט מען זיך דאָ אימיצער נאָכגעפרעגט אויף מיר?

ר א ג נ א ר : (הויבט זיך אויף) יא, דאָס יונגע פּאָר פּאָלק, וואָס ווילען זיך לאָזען בויען א ווילא נעבען לאָוסטראַנד.

ס אָ ל נ ע ס : (ברומענדיג) אה, יענע צוויי! זיי מוזען ווארטען. איך בין נאָך אַליין ניט זיכער וועגען דעם פּלאַן.

ר א ג נ א ר : (קומענדיג נעהענטער, איינגעהאַלטען) זיי האָבען געוואָלט באַלד זעהן די צייכנונגען.

ס אָ ל נ ע ס : (ווי פריהער) נו יאָ, פערשטעהט זיך, זיי אַלע ווילען אַלץ אויף גיך.

ב ר אָ ו ו י ק : (אַרויפקוקענדיג) זיי זאָגען, זיי וואָלטען שוין זעהר וועלען אַריינציהען אין אַן אייגענער היים.

ס אָ ל נ ע ס : יא, יא — דאָס וויסען מיר! דעריבער זייענען זיי צופריעדען צו נעהמען וואָס עס מאַכט זיך. זיי בעקומען א דאַך איבער זייערע קעפּ — אַן אַדרעס, אָבער ניט וואָס מען קען רופען א היים. ניין, איך דאנקע! אויב אַזוי, לאָזען זיי געהן ערגעץ אַנדערסוואו. זאָגט זיי דאָס, ווען זיי וועלען נאָך אַמאָל קומען.

ב ר אָ ו ו י ק : (רוקט אַרויף די ברילען אויפ'ן שטערען און קוקט אויף איהם פארוואונדערט) ערגעץ אַנדערש. זייט איהר בערייט אויפצוגעבען די ארבייט?

ס אָ ל נ ע ס : (אומגעדולדיג) יא, יא, דער טייפעל זאָל דאָס נעהמען! אויב עס מוז אַזוי זיין — בעסער דאָס, איידער בויען אָהן א שום טאָלק. (אַרויספּלאַצענדיג) און דאן קען איך נאָך די לייטע זעהר ווינציג.

ב ר אָ ו ו י ק : די לייטע זיינען זיכער געננג. ראגנאר קען זיי. ער איז דאָרט אַן איינגעהער אין הויז. גאַנץ זיכערע מענשען.

ס אָ ל נ ע ס : אָה, זיכער — זיכער! ניט דאָס בין איך אויסען. מיין גאָט — פערשטעהט איהר מיך אויך ניט? (מיט כעס) איך וועל גאָר ניט האָבען צו טאָן מיט די פ ר ע מ ד ע מענשען. פון מיינטוועגען מעגען זיי זיך ווענדען צו וועמען זיי ווילען.

ב ר אָ ו ו י ק : (זיך אויפהויבענדיג) מיינט איהר דאָס ווירקליך?

ס אָ ל נ ע ס : (בלאָזט זיך) יא, געווים — זאָל דאָס מאָל זיין אזוי. (שפּאַציערט איבער'ן צימער.)

ב ר אָ ו ו י ק : (וואַרפט זיך איבער מיט אַ בליק מיט ראַגנאַרען, וועלכער מאַכט אַ ווארנונגס־צייכען. דאַן קומט ער אַרויס אין פאָדערשטען צימער) קען איך מיט אייך רעדען עטליכע ווערטער?

ס אָ ל נ ע ס : געוויס.

ב ר אָ ו ו י ק : (צו קאַיאַ'ן) געה אריין אהין אויף אַ ווײַלע, קאַיאַ.

ק אַ י אַ : (אונרוהיג) אה, אָבער אָנקעל —

ב ר אָ ו ו י ק :טו, ווי איך הייס דיר, מיין קינד, און פערמאַך די טיר הינטער זיך.

(קאַיאַ געהט אַהז חשק אין צימער פון די צייכנער, זעהט אָן סאָלנעסען בעטענדיג און מאַכט צו די טיר.)

ב ר אָ ו ו י ק : (שטילער) איך וויל ניט אז די אָרעמע קינדער זאָלען וויסען, ווי קראַנק איך בין.

ס אָ ל נ ע ס : יא, איהר זעהט זעהר שלעכט אויס די לעצטע צייט.

ב ר אָ ו ו י ק : באלד וועל איך אינגאַנצען ניט זיין אויף דער וועלט. מיינע כחות געהען אויס פון טאָג צו טאָג.

ס אָ ל נ ע ס : זעצט זיך.

ב ר אָ ו ו י ק : איך דאַנק אייך — אויב איהר ערלויבט.

ס אָ ל נ ע ס : (אַוועקשטעלענדיג דעם לעהנשטוהל בעקוועמער) אָט דאָ, ביטע. נו?

ב ר אָ ו ו י ק : (זעצט זיך שווערליך) דאָס וויל איך מיט אייך רעדען וועגען ראַגנאַרען. עס ליעגט מיר אַ לאַסט אויפ'ן קאָפּ. וואָס וועט פון איהם ווערען?

ס אָ ל נ ע ס : נו, נאַטירליך, בלייבט ער ביי מיר אזוי לאַנג ווי ער וויל נוֹר אַליין.

בראוויק: דאָס איז טאקע וואָס איהם געפעלט ניט. ער פיהלט, אז ער קען מעהר ביי אייך ניט פערבלייבען.

סאָלנעס: פאַר וואָס? מיר דאכט, עס געהט איהם דאָ גאנץ גוט, אויב ער וויל מעהר געהאלט וועל איך גערן...

בראוויק: ניין, ניין, ניט דאָס איז דער עיקר. (אונגעדולדיג) פריהער אָדער שפּעטער מוז ער דאָך אויך האָבען די מעגליכקייט צו טאָן עפּעס זעלבסטשטענדיג.

סאָלנעס: (ניט קוקענדיג אויף איהם) דענקט איהר, אז ראגנאר האָט גענוג טאלאנט צו ארבייטען זעלבסטשטענדיג?

בראוויק: ניין, אָט דאָס איז טאקע דער אומגליק — איך האָב אָנגעהויבען צווייפלען אין דעם יונג, ווייל איהר האָט נאָך קיין מאָל קיין איין גוט וואָרט וועגען איהם ניט געזאָגט. און דאָך, שיינט מיר, אז אין איהם זאָל עפּעס זיין — עס איז אונמעגליך, אז ער זאָל גאָר קיין טאלאנט ניט האָבען.

סאָלנעס: אָבער ער האָט נאָך גאָרנישט געלערנט — אויסער, נאטירליך, צו צייכנען.

בראוויק: (קוקט אויף איהם מיט פערבאָרגענעם האַס און זאָגט הייזערדיג) איהר האָט זעהר וועניג געלערנט, ווען איך האָב אייך בעשעפטיגט. דאָך האָט דאָס אייך ניט צוריקגעהאלטען פון נעהמען זיך צו דער ארבייט — (אָטעמט שווער) שטייגען הויך, און ארויסנעהמען דעם ווינד פון מיינע זעגלען — פון מיינע און פיעלע אנדערע.

סאָלנעס: יא, זעהט איהר — מיינע אומשטענדען זיינען געוועזען גינסטיגע.

בראוויק: דאָ זייט איהר גערעכט. דער שיקזאל איז געוועזען גוט צו אייך. אָבער ווי האָט איהר דאָס הארץ צו לאָזען מיך אוועקגעהן פון דער וועלט — ניט האָבענדיג געזעהען וואָס ראגנאר קען אויפטאָן? און דאן וואָלט איך טאקע זעהר וועלען זיי זעהען פערהייראטעט — איידער איך שטארב.

סאָלנעס: (שאַרף). הייסט עס, זי וויל דאָס אזוי?

בראוויק: ניט אזוי קאיא ווי ראגנאר. ער רעדט וועגן

גען דעם יעדען טאָג. (בעטענדיג) אָה, איהר מוזט — איהר מוזט איהם העלפען קריגען עפּעס זעלבסטשטענדיגע ארבייט! איך מוז זעהן וואָס דער יונג קען אויפטאָן. איהר הערט?

ס אָ ל נ ע ס: (צורייצט) איהר קענט דאָך ניט ערוואַרטען אַז איך זאָל איהם קריגען בעשטעלונגען פון דער לבנה!

ב ר אָ ו ו י ק: איצט האָט ער גראָד אַ געלעגענהייט צו קריגען אַ גוטע בעשטעלונג, אַן אויסגעצייכענטע שטיקעל אַר־בייט.

ס אָ ל נ ע ס: (אונרוהיג און צומישט) האָט ער ווירקליך?

ב ר אָ ו ו י ק: ווען א י ה ר זאָלט געבען אייער צושטימונג.

ס אָ ל נ ע ס: וואָס פאַר אַן ארבייט מיינט איהר?

ב ר אָ ו ו י ק: (אַ ביסעל צוריקגעהאַלטען) ער קען קריגען צו בויען יענע ווילאַ ביי לאַווסטראַנד.

ס אָ ל נ ע ס: יענע! אָבער יענע וויל איך דאָך אליין בויען!

ב ר אָ ו ו י ק: אָה, אָבער איהר ווילט דאָך דאָס ניט זעהר שטאַרק.

ס אָ ל נ ע ס: (ווערענדיג אויפגערעגט) איך וויל דאָס ניט! איך! ווער וואגט דאָס צו זאָגען?

ב ר אָ ו ו י ק: איהר האָט דאָס ערשט אליין געזאָגט.

ס אָ ל נ ע ס: אָה, קימערט זיך ניט וועגען דעם וואָס איך ז אָ ג. — וואָלטען זיי דען געגעבען ראַגנאַרען די ארבייט?

ב ר אָ ו ו י ק: יאָ. פערשטעהט איהר מיך, ער קען די פאַמיליע. און דאַן האָט ער — נור אַזוי צום שפּאַס — געמאַכט צייכנונגען, אויסרעכענונגען און אַזוי ווייטער —

ס אָ ל נ ע ס: זיינען זיי צופריעדען מיט די צייכנונגען? איך מיין די מענשען, וואָס דאַרפען דאָרט וואָהנען?

ב ר אָ ו ו י ק: יאָ, ווען איהר זאָלט זיי נור דורכקוקען און זאָגען אַז זיי זיינען גוט.

ס אָ ל נ ע ס: דאַן וואָלטען זיי נעלאָזט ראַגנאַרען בויען זייער היים?

ב ר אָ ו ו י ק: זיי זיינען זעהר צופרידען מיט זיין פּלאַן. זיי האַלטען עס פאַר גאַנץ אָריגינעל.

ס אָ ל נ ע ס: אהא! אָריגינעל! ניט די אַלטמאָדישע זאַכען, וואָס א י ך ברייננ געוועהנליך ארוים.

ב ר אָ ו ו י ק: עס האָט זיי געשיינט צו זיין א נ ד ע ר ס.

ס אָ ל נ ע ס: (מיט איינגעהאַלטענע אויפגערעגטקייט) הייסט עס, זיי זיינען געקומען אהער צו ראגנארען — ווען איך בין דאָ ניט געווען!

ב ר אָ ו ו י ק: זיי זיינען געקומען צו א י י ך — און צו דערזעלבער צייט, נאָכצופרעגען אויב איהר ווילט זיך ניט צוריק־ציהען —

ס אָ ל נ ע ס: (מיט כעס) צוריקציהען זיך! איך!

ב ר אָ ו ו י ק: אין פאַל איהר וואָלט דענקען, אז ראגנאר'ס צייכנונגען...

ס אָ ל ע נ ס: איך! צוריקציהען זיך פון אייער זוהנ'ס וועגען!

ב ר אָ ו ו י ק: זיי האָבען געמיינט זיך צוריקציהען פון דעם אָבמאַך.

ס אָ ל נ ע ס: אָה, עס איז אַלץ איינס. (לאַכט מיט כעס) הייסט עס, אַזוי איז דאָס, האַ? האַלוואַרד סאָלענס דאַרף שוין זעהן זיך צוריקציהען! מאַכען פּלאַץ פאַר די יונגע! פּיליַיכט פאַר די גאָר יונגענקע! ער דאַרף מאַכען פּלאַץ! פּלאַץ! פּלאַץ!

ב ר אָ ו ו י ק: ווארום דען, מיין גאָט! עס איז דאָך זיכער דאָ פּלאַץ פאַר מעהר ווי איין מענשען.

ס אָ ל נ ע ס: אָה, עס איז גאָר ניטאָ אַזוי פיעל איבעריג פּלאַץ, ווי איהר מיינט. נור ווי די זאַך זאָל ניט זיין — איך וועל זיך קיין מאָל ניט צוריקציהען! איך וועל קיין מאָל קיינעם קיין פּלאַץ ניט אָבטרעטען! קיין מאָל נימז פּרייוויליג! קיין מאָל אין מיין לעבען וועל איך ד א ס ניט טאָן!

ב ר אָ ו ו י ק: (הויבט זיך אויף מיט מיה) דאן זאָל איך, הייסט עס, אוועקגעהן פון דער וועלט אָהן א שום געוויסהייט? אָהן

א שיין פון גליק? אָהן א שום גלויבען און פערטרויען אין ראגנא־רען? ניט האָבענדיג געזעהן כאָטש איין שטיקעל ארבייט זיינע? מוז עס אזוי זיין?

כאָלנעס: (קעהרט זיך אום האַלב אָן אַ זייט און מורמעלט) ה'ם — פרעגט מיך אצונד נישט מעהר.

בראָוויק: אָבער איין זאַך ענטפערט מיר: מוז איך אוועק פון'ם לעבען אין אזא פאָלשטענדיגען דלות?

סאָלנעס: (שווינט צו קעמפפען מיט זיך אַליין; ענדליך זאָגט ער אין אַ שטילען אָבער בעשלאָסענעם טאָן) איהר מוזט אוועק פון לעבען אזוי גוט ווי איהר קענט.

בראָוויק: נו, זאָל זיין אזוי. (געהט דורכ'ן צימער).

סאָלנעס: (געהט איהם נאָך, האַלב פערצווייפעלט) פער־שטעהט איהר דען ניט, אז איך קען ניט אנדערש? וואָס איך בין, בין איך, און איך קען מיין נאטור ניט ענדערען!

בראָוויק: ניין, ניין, דאָס קענט איהר מסתמא ניט. (ער וואַקעלט און שפּאַרט זיך אָן אָן זאָפאַ־טיש) קען איך קריגען א גלאָז וואסער?

סאָלנעס: געוויס, געוויס! (גיסט אָן אַ גלאָז וואַסער און דערלאַנגט איהם).

בראָוויק: איך דאנק אייך (טרינקט און שטעלט צוריק אוועק די גלאָז).

סאָלנעס: (געהט צו און עפענט די טיר פון די צייכנער'ס צימער) קומט אריין און פיהרט אוועק אייער פאָטער אהיים.

(ראגנער הויבט זיך שנעל אויף. ער און קאיא קומען אריין אין ארבייט־צימער).

ראגנאר: וואָס איז געשעהן, פאָטער?

בראָוויק: גיב מיר דיין האנד. איצטער קענען מיר געהן.

ראגנאר: גוט. און דו, קאיא, האָסט זיך אויך געדארפט אָנטון און געהן.

ס אָ ל נ ע ס : פריילין פאָסלי מוז דאָ בלייבען א ווייל‏ע. איך וויל זי זאָל אָנשרייבען א בריעף.

ב ר אָ ו ו י ק : (קוקט אויף סאָלנעסען) גוטע נאכט. שלאָפט רוהיג — אויב איהר קענט.

ס אָ ל נ ע ס : גוטע נאכט.

(ב ר אָ ו ו י ק און ר אג נ א ר געהען ארויס דורכ'ן פאָרדער־צימער. ק א י א געהט צו צום שרייב־טיש. ס אָ ל נ ע ס שטעהט מיט אַן אָראַבגעלאָזענעם קאָפּ ביי דער רעכטער זייט פון לעהנשטוהל).

ק א י א : (אונזיכער) מיינט איהר טאקע א בריעף ? —

ס אָ ל נ ע ס : (קורץ) ניין, געווים ניט. (קוקט אויף איהר שטרענג) קאיא !

ק א י א : (שטיל, מיט אַנגסט) נו ?

ס אָ ל נ ע ס : (ווייזט אָן, בעפעהלענדיג, אויף א פּלאַץ) קומט אהער ! שנעל !

ק א י א : (ניט איילענדיג) יאָ.

ס אָ ל נ ע ס : (ווי פריהער) נעהענטער !

ק א י א : (פאָלגענדיג) וואָס ווילט איהר פון מיר ?

ס אָ ל נ ע ס : (קוקט אויף איהר א ווײלע) דארף איך עס א י י ך דאנקען פאר דאָס אלעס ?

ק א י א : ניין, ניין, גלויבט עס ניט !

ס אָ ל נ ע ס : אָבער, זאָגט דעם אמת — איהר ווילט חתונה האָבען ?

ק א י א : (ווייך) ראגנאר און איך זיינען פערלאָבט שוין פיער—פינף יאָהר, און דעריבער —

ס אָ ל נ ע ס : און דעריבער, דענקט איהר, איז שוין צייט, עס זאָל נעמען אַן ענדע. ניט וואהר ?

ק א י א : ראגנאר און דער אָנקעל זאָגען איך ז א ל. דענס איך, אז איך וועל מוזען נאָכגעבען.

ס אָ ל נ ע ס : (עדעלער) קאיא, האָט איהר ניט, אין גרונד גענומען, אביסעל ליעב ראגנארען ?

ק א י א: איך האָב ראגנארען אַמאָל זעהר ליעב געהאַט — איידער איך בין צו אייך געקומען.

ס אָ ל נ ע ס: אָבער איצט שוין ניט מעהר? גאָר אין גאַנ־צען ניט?

ק א י א: (ליידענשאַפטליך, אויסשטרעקענדדיג צו איהם איהרע צוזאַמענגעלעגטע הענד) אָה, איהר ווייסט גאנץ גוט אז איצט איז דאָ נור איינער, וועמען איך ליעב! איין איינציגער אין דער גאַנ־צער וועלט. איך וועל שוין מעהר קיין מאָל קיין אנדערען ניט ליעבען!

ס אָ ל נ ע ס: יאָ, איהר זאָגט אזוי און דאָך געהט איהר אוועק — און לאָזט מיך אליין מיט אזוי פיעל זאכען אויף מיין קאָפּ.

ק א י א: אָבער, קען איך דען ניט בלייבען מיט אייך, אפילו ווען ראגנאר —?

ס אָ ל נ ע ס: (צוריקוווייזענדדיג דעם געדאַנק) ניין, ניין, דאָס איז אונמעגליך. אויב ראגנאר וועט מיך פערלאָזען און אָנ־פאנגען ארבייטען זעלבסטשטענדיג, דאן וועט ער אייך געוויס אליין דארפען.

ק א י א: (ברעכענדדיג די הענד) אָה, איך ק ע ן זיך פון אייך ניט שיידען! עס איז דורכאויס אונמעגליך!

ס אָ ל נ ע ס: אויב אזוי, זעהט זשע, טרייבט ארויס די נארישע געדאנקען פון ראגנארס קאָפּ. האָט זיך מיט איהם חתונה ווי פיעל איהר ווילט — (ענדערט דעם טאָן) איך מיין — לאָזט איהם ניט אוועקווארפען די גוטע שטעלע, וואָס ער האָט ביי מיר, ווייל אזוי קען איך א י י ך אויך האַלטען, ליעבע קאיא.

ק א י א: אָה, יאָ, ווי גוט דאָס וואָלט געווען, ווען עס זאָל נור מעגליך זיין.

ס אָ ל נ ע ס: (נעהמט ארום איהר קאָפּ מיט ביידע הענד. שטיל) ווייל איך ק ע ן אָהן אייך ניט זיין, איהר פערשטעהט. איך מוז אייך יעדען טאָג האָבען נעבען זיך.

ק א י א: (נערוועז ענטציקט) מיין גאָט! מיין גאָט!

ס אָ ל נ ע ס : (קושט איהרע האָאָר) קאיאַ — קאיאַ !

ק א י א : (זינקט ארונטער נעבען איהם) אָה, ווי גוט איהר זייט צו מיר ! ווי אונבעשרייבליך גוט איהר זייט !

ס אָ ל נ ע ס : (היציג) שטעהט אויף ! אום גאָטעס ווילען שטעהט אויף ! מיר דאכט, איך הער אימעצען קומען !

(ער העלפט איהר אויפשטעהן. זי שלעפּט זיך צו צום שרייב־טיש. פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס קומט אריין פון טיר רעכטס. זי זעהט אויס מאָגער און אויסגעצעהרט פון צרות, אָבער עס זיינען אין איהר דאָ סימנים פון אַמאָליגער שעהנהייט. בלאָנדע לאָקען. געשמאַקפאָל געקליי־דעט אין גאַנצען אין שוואַרצען. רעדט שטיל און אין אַ וויינענדיגער שטימע.)

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (אין טיר) האלווארד !

ס אָ ל נ ע ס : (קעהרט זיך אום) דאָס ביסט דו, ליעבע — ?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (ווארפענדיג א בליק אויף קאיאַ'ן) איך האָב מורא, איך שטער אייך.

ס אָ ל נ ע ס : דורכאויס ניט. פריילין פאָסלי האָט נור א קורצען בריעף צו שרייבען.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : יאָ, דאָס זעה איך.

ס אָ ל נ ע ס : וואָס ווילסט דו, אלינאַ ?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : איך האָב דיר נור געוואָלט זאָגען, אז דר. הערדאַל איז אין גאַסט־צימער. וועסט פיללייכט אריינגעהן זיך זעהן מיט איהם, האלווארד ?

ס אָ ל נ ע ס : (קוקט אויף איהר מיט פערדאַכט) ה'ם — איז דער דאָקטאָר אזוי שטארק גערן מיט מיר צו רעדען ?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : נו, ניט גראָד זעהר שטארק, ער איז אייגענטליך געקומען צו מיר. אָבער, אז ער איז שוין דאָ, וואָלט ער דיך אויך וועלען זעהן.

ס אָ ל נ ע ס : (לאַכט צו זיך אַליין) יאָ, וואהרשיינליך. נו בעט איהם, ער זאָל ווארטען א ווײַלע.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : וועסט דו שפּעטער אריין קומען ?

ס אָ ל נ ע ס : פיליכט, שפּעטער, שפּעטער, ליעבע אלינע, באלד.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (ווארפט נאָך אַ מאָל אַ בליק אויף קאַיאַ'ן.) נו, זאָלסט דו שוין ניט פערגעסען, האלווארד. (געהט ארויס און פערמאַכט די טיר הינטער זיך.)

ק אַ י אַ : (ווייך) מיין גאָט, מיין גאָט — די גנעדיגע פרוי מוז אודאי האָבען עפּעס אַ שלעכטע מיינונג וועגען מיר!

ס אָ ל נ ע ס : אָה, ניט אַ האָאר! ניט ערגער ווי אימער, יעדענפאלס. אָבער בעסער געהט איצט אוועק, קאַיא.

ק אַ י אַ : יא, יא, איצט מוז איך געהן.

ס אָ ל נ ע ס : (שטרענג) און געדענקט צו ברענגען אין אָרד־נונג יענע געשיכטע פאר מיר, איהר הערט?

ק אַ י אַ : אָה, ווען עס וואָלט זיך נור ווענדען אָן מיר. —

ס אָ ל נ ע ס : איך ו ו י ל דאָס האָבען אין אָרדנונג גע־בראַכט, זאָג איך! און טאקע מאָרגען — ניט איין טאָג שפּעטער!

ק אַ י אַ : (דערשראָקען) אויב עס קען אנדערש ניט זיין, בין איך בערייט צו מאַכען אַן ענדע מיט איהם.

ס אָ ל נ ע ס : (מיט כעס) אַן ענדע מאַכען? זענט איהר פערריקט? איהר ווילט גאָר מאַכען אַן ענדע?

ק אַ י אַ : (פערצווייפעלט) יא, אויב נויטהיג. ווייל איך מ ו ז — איך מ ו ז בלייבען מיט אייך! איך קען פון אייך ניט אוועקגעהן! דאָס איז גאָר — גאָר אונמעגליך!

ס אָ ל נ ע ס : (ארויספּלאַצענדיג מיט אַ מאָל) אָבער צום טייפעל — וואָס וועט דאַן זיין וועגען ראגנארען! ראגנאר איז עס דאָך וועלכען איך...

ק אַ י אַ : (קוקט אויף איהם מיט צושראָקענע אויגען) הייסט עס, אז די הויפּט זאך איז צוליעב ראגנאר'ן וואָס איהר — וואָס איהר...

ס אָ ל נ ע ס : (ווערענדיג געלאַסענער) ניין, ניין, געוויס ניט! איהר פערשטעהט מיך אויך ניט. (עדעל און ווייך) געוויס זייט א י ה ר דאָס, וועמען איך וויל האלטען — אייך הויפּטזעכליך,

קאיא. נור טאקע דערפאר מוזט איהר זעהן, אז ראגנאר זאָל נים אוועקוואַרפען זיין שטעלע. נו — איצט געהט אהיים.

ק א י א : יאָ, יאָ, — א גוטע נאכט !

ס אָ ל נ ע ס : א גוטע נאכט. (ווי זי געהט אַוועק) אַך ! ווארט א ווײלע ! זיינען ראגנאר׳ס צייכנונגען דאָרטען ?

ק א י א : איך האָב ניט בעמערקט, ער זאָל זיי האָבען גע־נומען מיט זיך.

ס אָ ל נ ע ס : נו, געהט זשע אריין און זוכט זיי מיר אויס. אפשר וועל איך זיי איבערקוקען.

ק א י א : (גליקליך) אָה, יא, איך בעט אייך, טוט עס !

ס אָ ל נ ע ס : פון אייערט וועגען, ליעבע קאיא. נו, גיט־זשע מיר זיי גלייך !

ק א י א : (געהט געשווינד אריין אין צימער פון די צייכנער, זוכט מיט אַנגסט אין טיש־קעסטעל, נעהמט אַרויס אַ פּאָרטפאָליע און ברענג עס אַריין) אָט דאָ זיינען אלע צייכנונגען.

ס אָ ל נ ע ס : גוט. לעגט זיי דאָרט אַוועק אויפ׳ן טיש.

ק א י א : (אַוועקלעגענדדיג די פּאָרטפאָליע) איצט, א גוטע נאכט . (מיט אַ טאָן פון געבעט) און ז׳ענקט וועגען מיר צו ג׳טען.

ס אָ ל נ ע ס : אָה, דאָס טוה איך אימער. אַ גוטע נאכט, ליעבע קאיאלע. (קוקט רעכטס) נו, איצט געהט, געהט שוין !

(פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס און ד ר. ה ע ר ד ע ל קומען אריין דורך די טיר רעכטס. ער איז אַן עלטערער, דיקער מאַן מיט אַ רונ־דען, גוטען געזיכט, ראַזירט, מיט דינע, העלע האָר און גאָלדענע ברילען).

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (נאָך אַלץ שטעהענדיג אויפ׳ן שוועל) האלווארד, איך קען דעם דאָקטאָר שוין לענגער ניט פערהאלטען.

ס אָ ל נ ע ס: נו ,קומט אריין דאָ.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (צו קאַיאַ׳ן, וועלכע פערדרעהט דעם לאָמפּ אויפ׳ן שרייב טיש) האָט איהר שוין אָנגעשריבען דעם בריעף, פריילין פאָסלי ?

ק א י א : (צומישט) דעם בריעף — ?

ס אָ ל נ ע ס : יא, עס איז געווען א גאַנץ קורצער.

פרוי סאָלנעס: ער האָט געמוזט זיין זעהר קורץ.

סאָלנעס: איצט קענט איהר געהן, פרייליין פאָסלי, און קומט אין צייט מאָרגען פריה.

קאַיאַ: געוויס וועל איך קומען אין צייט. א גוטע נאַכט, גנעדיגע פרוי. (זי געהט אַרויס דורכ'ן פאָרדערצימער.)

פרוי סאָלנעס: דו מוזט זיין זעהר צופריעדען מיט איהר, האַלוואַרד, — מיט פרייליין פאָסלי.

סאָלנעס: יאָ, ווירקליך. זי איז נוצליך אין פערשיעדענע הינזיכטען.

פרוי סאָלנעס: אַזוי זעהט עס אויס.

דר. הערדעל: איז זי א גוטע בוכהאַלטערין אויך?

סאָלנעס: נו געוויס, עפּעס פּראַקטיקע האָט זי דאָך געהאַט אין די צוויי יאָהר. און דאַן איז זי אַזוי גוטמוטיג און געהאָרזאַם.

פרוי סאָלנעס: יאָ, דאָס מוז זיין זעהר אנגענעהם —

סאָלנעס: יאָ. בפרט ווען מען איז ניט געוועהנט דערצו.

פרוי סאָלנעס: (מיט מילדען פאָרוואורף) האַלוואַרד, קענסט דו דאָס זאָגען?

סאָלנעס: אָ, ניין, ניין, ליעבע אלינע; פערצייה מיר.

פרוי סאָלנעס: עס מאַכט ניט אויס. נו, דאָקטאָר, וועט איהר קומען טהיי טרינקען מיט אונז?

דר. הערדעל: איך דאַרף נור איין קראַנקען בעזוכען, און דאַן קום איך צוריק.

פרוי סאָלנעס: איהר זייט זעהר ליעבענסווירדיג. (זי געהט אַרויס דורך די טיר רעכטס.)

סאָלנעס: איהר איילט זיך, דאָקטאָר?

דר. הערדעל: ניין, דורכאויס ניט.

סאָלנעס: קענען מיר זיצען און שמועסען אביסעל?

דר. הערדעל: מיט דעם גרעסטען פערגעניגען.

סאָלנעס: לאָמיר זשע זיך אַנידערזעצען. (ווייזט דעם

דאָקטאָר אויף דעם שאָקעל־שטוהל און אליין זעצט ער זיך אין לעהנ־שטוהל ; מיט אַ פאַרשעגדען בליק) זאָגט, האָט איהר עפּעס בעמערקט אויף אלינען ?

ד ר. ה ע ר ד ע ל : איהר מיינט נאַר־וואָס, ווען זי איז דאָ געוועזן ?

ס אָ ל נ ע ס : יאָ. אין איהר בענעהמען צו מיר. האָט איהר גאָרניט געמערקט ?

ד ר. ה ע ר ד ע ל : (שמייכלענדיג) נו, הערט — דאָס מוז יעדערער מערקען. אייער פרוי — ה'ם —

ס אָ ל נ ע ס : נו ?

ד ר. ה ע ר ד ע ל : אז אייער פרוי איז ניט שטארק פער־ליעבט אין דיעזער פריילין פאָסלי.

ס אָ ל נ ע ס : איז דאָס אלעס ? ד אָ ס האָב איך אויך בעמערקט.

ה ע ר ד ע ל : און עס איז מיר אייגענטליך קיין וואונדער ניט.

ס אָ ל נ ע ס : וואָס איז אייך ניט קיין וואונדער ?

ה ע ר ד ע ל : וואָס זיא איז ניט שטארק צופריעדען, אז איהר זאָלט גאנצע טעג געבען זיך האָבען אַן אַנדער פרויענצימער.

ס אָ ל נ ע ס : נו, אין דעם, קען זיין, זייט איהר גערעכט. און אלינע אויך. אָבער ד אָ ס — דאָס קען אנדערש ניט זיין.

ה ע ר ד ע ל : קענט איהר דען ניט קריגען קיין בוכהאלטער ?

ס אָ ל נ ע ס :דעם ערשטען־בעסטען וואָס וואָלט זיך מאכען ? ניין, א דאנק אייך — דערמיט קען איך קיינמאָל ניט זיין איינ־שטימיג.

ה ע ר ד ע ל : אָבער אויב אייער פרוי — ? איך מיין, ווי איז, אַ שטייגער, אויב דאָס איז פאר אייער פרוי, מיט איהר שוואַ־כען געזונד, אַ צו־גרויסע אויפרעגונג ?

ס אָ ל נ ע ס : נו, דאַן, קומט מיר אויס צו זאָגען, אז מען קען דערצו גאָר ניט העלפען. איך מ ו ז האלטען קאיא פאסלי. קיינער קען ניט פערנעהמען איהר שטעלע.

ד ר. ה ע ר ד ע ל : קיינער ניט ?

ס אָ ל נ ע ס : ניין, קיינער ניט.

ה ע ר ד ע ל : (צ. ר. קענדדיג נעהענטער זיין שטוהל). הערט זיך אויס, מיין ליעבער הערר סאָלנעס. מעג איך פרעגען אַן אינטימע פראַגע ?

ס א ל נ ע ס : ביטע.

ה ע ר ד ע ל : פרויען, פערשטעהט איהר מיך, האָבען אין געוויסע הינזיכטען אַ פערדאַמט שאַרפען אינסטינקט.

ס אָ ל נ ע ס : דאָס האָבען זיי ווירקליך, קיין צווייפעל ניט. אָבער — ?

ה ע ר ד ע ל : נו, גוט. הערט זשע ווייטער. ווען אייער פרוי קען אזוי ניט ליידען אָט די קאַיאַ פאָסלי — ?

ס אָ ל נ ע ס : נו, איז וואָס ?

ה ע ר ד ע ל : האָט זי דען ניט גאָר — גאָר קיין שום שאָטען פון אַן אורזאַך פאַר אַזאַ אינסטינקטיווע שנאה ?

ס אָ ל נ ע ס : (קוקט אויף איהם זיך אויפהויבענדיג) אָהאָ !

ה ע ר ד ע ל : האָט ניט קיין פעראיבעל — אָבער ה אָ ט זי נים ?

ס אָ ל נ ע ס : (קורץ און שאַרף) ניין.

ד ר . ה ע ר ד ע ל : אַזוי גאָר, קיין שום אורזאַך ?

ס אָ ל נ ע ס : קיינע, אויסער איהר אייגענע פערדעכטיגע נאַטור.

ה ע ר ד ע ל : איך וויים, אַז איהר האָט פיעלע פרויען געקענט אין אייער לעבען.

ס אָ ל נ ע ס : דאָס לייקען איך ניט.

ה ע ר ד ע ל : און איינינע פון זיי האָט איהר גאַנץ גערן געהאַט.

ס אָ ל נ ע ס : אָה, יאָ, דאָס איז אויך אמת.

ה ע ר ד ע ל : אָבער, וואָס אַנבעלאַנגט פריילין פאָסלי — ? הייסט עס, איז דאָס גאָר ניט דער פאַל ?

ס אָ ל נ ע ל : ניין, ניט פון מ י י ן זייט.

ה ע ר ד ע ל : אָבער, פון דער אַנדערער זייט ?

ס אָ ל נ ע ם :   אַזעלכע פראַגען, שיינט מיר, האָט איהר קיין רעכט ניט צו פרעגען, דאָקטאר.

ה ע ר ד ע ל :   אמת, אָבער, פערשטעהט איהר, מיר שמועסען דאָך וועגען אייער פרוי׳ס אינסטינקטיווען געפיהל.

ס אָ ל נ ע ם :   גאַנץ ריכטיג. און, דעם אמת זאָגענדיג (רעדט שטילער), איז אלינעם אינסטינקטיווער געפיהל, ווי איהר רופט עס, אין אַ געוויסען זינן גאָרניט אזוי ווייט פון וועג.

ה ע ר ד ע ל :   אה, זעהט איהר שוין !

ס אָ ל נ ע ם :   (זעצט זיך) דר. הערדעל — איך וועל אייך דערצעהלען אַ זאָנדערבארע געשיכטע — אויב איהר האָט חשק אויסצוהערען.

ה ע ר ד ע ל :   זאָנדערבארע געשיכטען הער איך אימער גערן.

ס אָ ל נ ע ם :   נו, גוט. איך רעכען איהר געדענקט נאָך, אז איך האָב אריינגענומען קנוט בראָוויק מיט זיין זוהן צו זיך — ווען דעם אלטענ׳ס געשעפטען האָבען אָנגעהויבען צו געהן זעהר שלעכט.

ה ע ר ד ע ל :   יע, דאָס ווייס איך.

ס אָ ל נ ע ם :   אין גרונד גענומען זיינען זיי, ווייסט איהר,ביידע זעהר פעהיגע מענשען. יעדער פון זיי האָט טאלאנט אין זיין פאַך. נו, האָט זיך אָבער דעם זוהן פערגלוסט אַ חתן צו ווערען; און אז ער איז געוואָרען אַ חתן האָט ער שוין נאַטירליך, געוואָלט חתונה האָבען און אָנפאַנגען בויען זעלבסטשטענדיג. אזוי זיינען שוין אלע יונגע לייט.

ה ע ר ד ע ל :   (לאַכענדיג) יאָ, זיי האָבען אַ שלעכטע געוועהנ־הייט צו וועלען חתונה האָבען.

ס אָ ל נ ע ם :   גאַנץ ריכטיג. עס האָט אָבער, פערשטעהט זיך, פאַר מ י ר ניט געלוינט; ווייל איך האָב אליין נעדארפט האָבען ראַגנארען — און דעם אלטען אויך. ער איז אויסגעצייכענט גוט אויף אויסצורעכענען דעם אויסהאַלט פון געשפאַנטקייט און

די קובישע מאַסען — מיט די אַלע איבעריגע פּערדרעהעניסען דאָר־
טען, פערשטעהט איהר מיך.

ה ע ר ד ע ל : אַה, יאָ. דאָס איז אַהן צווייפעל זעהר וויכטיג.

ס אָ ל נ ע ס : געווים. אָבער ראגנאר האָט זיך איינגע־
שפּארט, אז ער וויל ניט אנדערש ווי אָנפאנגען ארבייטען פאר זיך. עס האָבען קיין רייד ניט געהאָלפען.

ה ע ר ד ע ל : און ער איז פון דעסטוועגען דאָך געבליבען ביי אייך.

ס אָ ל נ ע ס : אָט וועל איך אייך דערצעהלען ווי אזוי דאָס איז געוואָרען. איין מאָל איז אָט די מיידעל, קאיא פאָסלי, געקומען אהער זיי זעהען וועגען עפּעס — פריהער איז זי דאָ קיין מאָל ניט געווען — און ווען איך האָב בעמערקט ווי שטארק פערליעבט זיי זיינען איינס אין צווייטען, איז מיר אריין אַ געדאנק אין קאָפּ: ווען עס גיט זיך מיר איין ארייצוקריגען זי אהער אין ביורא, וואָלט דאַן ראגנאר אפשר אויך געבליבען ביי מיר.

ה ע ר ד ע ל : דאָס איז טאקע גאָר ניט געווען קיין שלעכטער איינפאַל.

ס אָ ל נ ע ס : יא. אָבער דאמאָלסט האָב איך קיין איינציג וואָרט ניט געזאָגט וועגען דעם. איך בין נור געשטאנען און האָב געקוקט אויף איהר, און געהאַלטען אין איין שטארקען ו ו ע ל ע ן, אז איך זאָל זי קענען דאָ האָבען. דאַן האָב איך צו איהר גערערט אַ פּאָר פריינדליכע ווערטער — וועגען פערשיעדענע זאכען. און זי איז זיך אוועק געגאנגען.

ה ע ר ד ע ל : נו ?

ס אָ ל נ ע ס : קורץ און גוט, אויף מאָרגען, שפּעט אין אָבענד, ווען ראגנאר און בראָוויק זיינען שוין געווען אוועקגעגאנ־
גען אהיים, איז זי נאָך אַ מאָל געקומען און האָט זיך אזוי בענומען פונקט ווי איך וואָלט שוין געהאט אָבגעמאכט מיט איהר.

ה ע ר ד ע ל : אָבגעמאכט ? וועגען וואָס ?

ס אָ ל נ ע ס : טאקע וועגען דאָס, וואָס איך האָב זיך אריינ־

גענומען אין זין, אָבער האָב קיין איין איינציג וואָרט ניט געזאָגט.

ה ע ר ד ע ל : דאָס איז מערקווירדיג.

ס אָ ל נ ע ס : יא, ניט וואהר ? זי האָט זיך נאָכגעפרעגט, וואָס זי האָט דאָ צו טאָן, צי זי קען גלייך אויף מאָרגען אָנפאנגען א. ז. וו.

ה ע ר ד ע ל : דענקט איהר ניט, אז זי האָט דאָס געטאָן, כדי צו קענען זיין צוזאמען מיט איהר חתן ?

ס אָ ל נ ע ס : דאָס האָב איך אויך געקלערט אין אָנפאנג. אָבער ניין, ניט דאָס איז געווען די אורזאך. זי האָט זיך פון א י ה ם אין גאנצען דערווייטערט, ווי נור זי איז אהער צו מיר געקומען.

ה ע ר ד ע ל : וואָס, זי איז דאן אריבערגעגאנגען צו אייך ?

ס אָ ל נ ע ס : יא, אין גאנצען. מאכט זיך א מאָל אז איך גיב א קוק אויף איהר, ווען זי שטעהט צו מיר מיט'ן רוקען, מערק איך, אז זי פיהלט עס. זי פלאטערט און ווערט אן אויפגעציטערטע ווי נור איך קום צו צו איהר. וואָס דענקט איהר וועגען דעם ?

ה ע ר ד ע ל : הם — דאָס לאָזט זיך שוין ערקלערען.

ס אָ ל נ ע ס : נו גוט, אָבער ווי ערקלערט איהר די אנדער זאך — וואָס זי האָט געגלויבט אז איך האָב איהר געזאָגט דאָס, וואָס איך האָב נור געוואָלט און פערלאנגט — שטיל —אין זיך — נור פאר מיר אליין ? וואָס זאָגט איהר דערצו ? קענט איהר דאָס ערקלערען, הערר דאָקטאָר ?

ה ע ר ד ע ל : ניין, דאָס נעהם איך זיך ניט אונטער.

ס אָ ל נ ע ס : איך האָב עס פריהער געוואוסט. דערפאר טאקע האָב איך קיין מאָל ניט געוואָלט רעדען וועגען דעם. אָבער נאָך אלעם דעב איז עס, פערשטעהט איהר מיך, א פערפלוכטע אָנ־שיקעניש אויף מיין קאָפּ. איך מוז אָט אזוי כסדר, טאָג איין טאָג אויס זיך בענעהמען פונקט ווי איך וואָלט — און עס איז טאקע אויך א פערברעכען געגען דער ארעמער מיידעל. (הײַסטיג) אָבער איך ק ע ן ניט אנדערש. דען אויב ז י וועט ענטלויפען פון מיר — דאן וועט ראגנאר אויך אוועקגעהן.

ה ע ר ד ע ל : און איהר האָט אייער פרוי ניט דערצעהלט דעם גאַנצען אמת וועגען דער געשיכטע ?

ס אָ ל נ ע ס : ניין.

ה ע ר ד ע ל : אָבער דו, ליעבער גאָט, פאַרוואָס דען ניט ?

ס אָ ל נ ע ס : (קוקט זיך איין אין איהם און זאָגט שטיל) יוייל איך געפין א מין — אַ מין אנגענעהמע זעלבסט־קוועלעריי אין דעם וואָס איך לאָז אלינען מיר צו טהאָן אַן אונרעכט.

ה ע ר ד ע ל : (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) איך הייב ניט אָן פער־שטעהן וואָס איהר מיינט.

ס אָ ל נ ע ס : בערשטעהט איהר מיך, עס קומט אוים, ווי איך וואָלט דערמיט אָבגעצאָהלט א קליינעם טהייל פון א גרויסען, שרעקליכען חוב —

ה ע ר ד ע ל : א חוב צו אייער פרוי ?

ס אָ ל נ ע ס : יא ; און דאָס העלפט א ביסעל צו בערוהי־גען דעם געמיטה. עס לאָזט זיך א ווייִלע לייכטער אטעמען, פער־שטעהט איהר.

ה ע ר ד ע ל : נאַ, דער גוטער יאָהר וויים עס. איך הייב ניט אָן זעהען —

ס אָ ל נ ע ס : (הויבט זיך אויף, אונטערברעכענדיג) נו, נו, נו, מיר וועלען מעהר וועגען דעם ניט רעדען. (ער געהט איבער'ן ציי־מער, קעהרט זיך אום און שטעלט זיך אָב ביים טיש. קוקט אויפ'ן דאָקטאָר מיט אַ גנבי'שען שמייכעל) איהר דיינקט, וואהרשיינליך, אז איצט האָט איהר ביי מיר אַלעס ארויסגעצויגען, דאָקטאר ?

ה ע ר ד ע ל : (אביסעל געררייצט) ארויסגעצויגען ? איך הייב נאָך א מאָל ניט אָן צו וויסען וואָס איהר מיינט, העך סאָלנעס.

ס אָ ל נ ע ס : אה, קומט ארויס אָפען ; איך האָב עס דאָך גאַנץ קלאָר געזעהן.

ה ע ר ד ע ל : וואָס האָט איהר געזעהן ?

ס אָ ל נ ע ס : (שטיל און לאַנגזאַם) אז איהר האָט פון מיר שטילערהייט קיין אויג ניט אראָבגענומען.

ה ע ר ד ע ל : איך ! און צוליעב וואָס, אום גאָטעס ווי־לען — זאָל איך ד אָ ס טאָן ?

ס אָ ל נ ע ס : ווייל איהר דענקט אז איך — (ליידענשאַפטליך) נו, צום טייפעל — איהר דענקט וועגען מיר דאָס זעלבע וואָס אַלינע דענקט.

ה ע ר ד ע ל : און וואָס דענקט דען אייער פרוי וועגען אייך?

ס אָ ל נ ע ס : (בעהערשט זיך ווידער) זי האָט אָנגעפאנגען דענקען, אז איך בין — ווי זאָל איך דאָס זאָגען ? — קראנק.

ה ע ר ד ע ל : קראנק ! איהר ! מיר האָט זי וועגען דעם קיין וואָרט ניט געזאָגט. און וואָס דענקט זי דען איז מיט אייך, ליבער הערר סאָלנעס ?

ס אָ ל נ ע ס : (בויגט זיך אָן איבער'ן שטוהל און זאָגט זעהר שטיל) אַלינע טראָגט זיך ארום מיט'ן געדאנק, אז איך בין משוגע. אָט ו ו אָ ס זי דענקט.

ה ע ר ד ע ל : (זיך אויפהויבענדיג) אָבער, ליעבער הערר סאָלנעס — !

ס אָ ל נ ע ס : אזוי וואהר ווי איך לעב, זי דענקט עס ! אזוי איז דאָס. און זי האָט דאָס אייך אויך איינגערעדט. אָה, איך פערזיכער אייך, דאָקטאָר — איך מערק עס אוי אייך גאנץ דייט־ליך. מיך נארט מען ניט אזוי לייכט, מוז איך אייך זאָגען.

ה ע ר ד ע ל : (קוקט אויף איהם פערוואונדערט) קיין מאָל — הערר סאָלנעס — קיין מאָל איז דאָס מיר אויף די געדאנקען ניט געקומען.

ס אָ ל נ ע ס : (מיט אַן אונגלויבליכען געלעכטער) אזוי ? ווירקליך ניט ?

ה ע ר ד ע ל : ניין, קיין מאָל ניט. און אייער פרוי האָט וועגען דעם אויך געוויס ניט געטראכט. איך וואָלט דאָס כמעט גע־קענט שווערען.

ס אָ ל נ ע ס : נו, דאָס וואָלט איך אייך גראָד ניט געראטהען. ווייל אין א געוויסען זינן, זעהט איהר, האָט זי פיליכט — פיליכט א שטיקעל גרונד אזוי צו דענקען.

ה ע ר ד ע ל : גנעהם, נו. איך מוז ווירקליך זאָגען —

ס אָ ל נ ע ס : (אונטערברעכענדיג איהם, מיט אַ מאַך מיט דער האַנד) נו, נו, ליעבער דאָקטאָר, לאָמיר וועגען דעם מעהר ניט רעדען. זאָל יעדער פון אונז בלייבען ביי זיין מיינונג. (געהט איבער אין אַביסעל אַ לוסטיגען טאָן.) אָבער, הערט נור, דאָקטאר — הם —

ה ע ר ד ע ל : נו ?

ס אָ ל נ ע ס : אויב איהר גלויבט טאקע ניט, אז איך בין — קראנק — און משוגע — און אזוי ווייטער — — —

ה ע ר ד ע ל : איז דאַן וואָס ?

ס אָ ל נ ע ס : דאַן שטעל איך מיר פאָר אז איהר מיינט אודאי אז איך בין אַן אויסערגעוועהנליך גליקליכער מענש.

ה ע ר ד ע ל : איז דאָס נור אַן איינבילדונג ?

ס אָ ל נ ע ס : (לאַכט) ניין, ניין ! גאָט בעהיט ! דענקט נור — צו זיין דער בוימייסטער סאָלנעס ! האלווארד סאלנעס ! א קליינינקייט !

ה ע ר ד ע ל : נו, איך מוז אייך זאָגען, מיר דאכט ווירקליך אז איך האָט זעהר געגליקט.

ס אָ ל נ ע ס : (אונטערדריקט אַ טרויעריגען שמייכעל) יאָ. אין דער הינזיכט קען איך זיך ניט בעקלאָגען.

ה ע ר ד ע ל. יא, ערשטענס, האָט אויף אייער מזל אָבגע־ברענט יענער אבשייליכער אלטער רויבער־שלאָס, און דאָס איז זי־כער געוועזן א גרויס גליק.

ס אָ ל נ ע ס : (ערנסט) עס איז געוועזן די היים פון אלינעס עלטערן, פערגעסט דאָס ניט, דאָקטאָר.

ה ע ר ד ע ל : יאָ, פאר אייער פרוי האָט דאָס געמוזט זיין אַ שרעקליכער קלאַפּ.

ס אָ ל נ ע ס : זי האָט דאָס נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט פערגעסען, ניט אין די גאנצע דרייצעהן — פיערצעהן יאָהר.

ה ע ר ד ע ל : אה, וואָס איז נאָכדעם געקומען האָט געמוזט זיין דאָס שרעקליכסטע פאר איהר.

ס אָ ל נ ע ס : איינס מיט'ן אנדערען.

ה ע ר ד ע ל : אבער איהר — איהר זעלבסט זייט ערהויבען געוואָרען פון יענעם חורבן. איהר האָט אָנגעפאנגען אלס ארעמער אינגעל פון דאָרף — און איצט זייט איהר דער גרעסטער אין אייער פאך. איהר ווייסט, הערר סאָלנעס, אייך האָטווירקליך זעהר געגליקט.

ס אָ ל נ ע ס : (קוקט אויף איהם מיט צווייפעל) יא, אָבער טאקע דאָס שרעקט דאָך מיך אזוי.

ה ע ר ד ע ל : ווי? איהר שרעקט זיך, ווייל עס גליקט אייך?

ס אָ ל נ ע ס : עס שרעקט מיך — עס שרעקט מיך יעדע מינוט. ווייל דער מזל מוז זיך פריהער אָדער שפעטער אומדרעהען, פערשטעהט איהר.

ה ע ר ד ע ל : אך, אונזין פאר וואָס זאָל זיך דער מזל אומדרעהען?

ס אָ ל נ ע ס : (פעסט און זיכער) די יוגענד!

ה ע ר ד ע ל : עט! די יוגענד! איך רעכנ, אז א י ה ר זייט נאָך אויך ניט אָבגעלעבט. אָה ניין — אייער פּאָזיציאָן דאָ איז איצט דאכט זיך פעסטער, ווי זי איז ווען עס איז געווען.

ס אָ ל נ ע ס : דער מזל ו ו ע ט זיך אומדרעהן, איך ווייס עס — איך פיהל אז עס קומט. אימעצער וועט זיך אריינגעהמען אין זינען און וועט זאָגען : גיב מ י ר א געלעגענהייט! און דאן וועלען אַלע איבעריגע קומען מיט טענות נאָך איהם, און וועלען אויסשטרעקען זייערע פויסטען אויף מיר און שרייען : מאַך פלאַץ — מאַך פלאַץ — מאַך פלאַץ! יא, אָט ווי איהר זעהט, דאָקטאר, באלד וועט די יוגענד קומען און אָנקלאַפּען ביי מיר אין טיר —

ה ע ר ד ע ל : (לאַכענדיג) נו, איז וואָס אז זיי וועלען?

ס אָ ל נ ע ס : וואָס וועט זיין אויב זיי וועלען? דאן וועט זיין דער סוף פון'ם בוימייסטער סאָלנעס.

(עס הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר לינקס).

ס אָ ל נ ע ס : (דערשראָקען) וואָס איז ד אָ ס? איהר האָט געהערט?

הערדעל: אימעצער קלאפּט אין טיר.

סאָלנעס: (הויך) אריין!

(הילדא וואַנגעל קומט אַריין פון פאָרצימער. זי איז פון מיטעלער וואוקס, שלאַנק און אַביסעל פערברענט פון זונן; טראָגט אַ רייזע־קאָסטיום, דאס קלייד ארויפגעשפּילעט, אַ מאטראָזען־קאָלנער, אָפען ביים האַלז און אַ קליינע מאַטראָזען־היטעלע אויפ׳ן קאָפּ. אַ רענצעל אויף די פּלייצעס, אַ שאַל אין אַ רימען און אַ לאַנגען אַלפּען־שטאָק).

הילדא: (געהט גלייך צו צו סאָלנעסען, איהרע אויגען פונקלען פון גליק) גוטען אָבענד!

סאָלנעס: (קוקט אויף איהר, ניט וויסענדיג ווער זי איז) גוטען אָבענד —

הילדא: (לאַכט) איך גלויב, איהר דערקענט מיך ניט!

סאָלנעס: איך מוז דאָס צוגעבען — אין דעם אויגענבליק —

הערדעל: (קומט נעהענטער) אָבער איך דערקען איך, פרייליין —

הילדא: (צופריעדען) אָך, דאָס זייט איהר —!

הערדעל: יא, געוויס בין איך עס. (צו סאָלנעסען) מיר האָבען זיך דעם זומער געטראָפען אין די בערג. (צו הילדא׳ן) וואָס איז געוואָרען מיט די איבעריגע דאמען?

הילדא: אָה, זיי זיינען אוועק געפאָהרען נאָך וועסט.

הערדעל: זיי האָבען ניט שטארק ליעב געהאט די שפּאַסען וואָס מיר פלעגען האָבען אין די אבענדען.

הילדא: ניין, איך דענק, אז ניט שטארק.

הערדעל: (מאַכט מיט׳ן פינגער צו איהר) און איך האָב מורא מען קען ניט זאָגען, אז איהר האָט ניט אביסעל קאָקעטירט מיט אונז.

הילדא: נו, דאָס איז דאָך געווען מעהר שפּאסהאפטיג איידער צו זיצען מיט יענע אלטע ווייבער און שטריקען זאָקען.

הערדעל: (לאַכט) אין דעם בין איך מיט אייך פאָלקאָם איינשטימיג!

ס אַ ל נ ע ס: איהר זייט דאָס היינט אַבענד געקומען אין שטאָדט?

ה י ל ד אַ: יאַ, איך בין נאָר־וואָס אָנגעקומען.

ה ע ר ד ע ל: איינע אַליין, פריילין וואנגעל?

ה י ל ד א: געוויס.

ס אַ ל נ ע ס: וואנגעל? איז אייער נאָמען וואנגעל?

ה י ל ד א: (קוקט אויף איהם צופריעדען און פערוואונדערט) יא, געוויס איז דאָס מיין נאָמען.

ס אַ ל נ ע ס: דאן זייט איהר אודאי די טאָכטער פון דעם בעציר־דאָקטאָר פון לייסאנזשער?

ה י ל ד א: (ווי פריהער) יא, וועמענס דען טאָכטער זאָל איך זיין?

ס אַ ל נ ע ס: אָ, אויב אזוי האָבען מיר זיך מסתמא בעגעגענט יענעם זומער, ווען איך האָב געבויעט א טורעם אויף דער אַלטער קירכע.

ה י ל ד א: (מעהר ערנסט) יא, געוויס האָבען מיר זיך דאן בעגעגענט.

ס אַ ל נ ע ס: עס איז שוין א לאנגע צייט צוריק.

ה י ל ד א: (קוקט אויף איהם שטרענג) עס איז פונקט די צעהן יאָהר.

ס אַ ל נ ע ס: איך דענק, איהר האָט נאָך דאן געמוזט זיין נאָר א קינד.

ה י ל ד א: (לייכטזיניג) א יאָהר צוועלף אָדער דרייצעהן.

ה ע ר ד ע ל: זייט איהר עס דאָס ערשטע מאָל דאָ אין שטאָדט, פריילין וואנגעל?

ה י ל ד א: יא, טאקע דאָס ערשטע מאָל.

ס אַ ל נ ע ס: און איהר קענט דאָ קיינעם ניט?

ה י ל ד א: קיינעם ניט אויסער אייך. און נאַטירליך, אויך אייער פרוי.

ס אַ ל נ ע ס: אזוי, איהר קענט זי אויך?

ה י ל ד א : אָבער גאַנץ ווייניג. מיר האָבען פערבראַכט א פּאָר טעג צוזאַמען אין דעם קור־אָרט.

ס אָ ל נ ע ס : אַה, דאָרט אין די בערג.

ה י ל ד א : זי האָט געזאָגט אז איך קען איהר בעזוכען, ווען איך קום אין שטאָדט. (שמייכעלט) אַזוי ווי איך האָב נויטיג געהאַט זי זאָל עס זאָגען.

ס אָ ל נ ע ס : א חידוש וואָס זי האָט עס קיינמאָל ניט דער־מאָנט.

(הילדא שטעלט דעם שטאָק ביים אויווען, נעהמט ארונטער דאָס רענצעל און לעגט עס צוזאַמען מיט'ן פלעד אויף דער זאָפע. הערדעל וויל איהר העלפען. סאָלנעס שטעהט און קוקט אויף איהר.)

ה י ל ד א : נו, איצט מוז איך ביי אייך בעטען ערלויבעניס צו פערברייננגען דאָ די נאַכט.

ס אָ ל נ ע ס : דאָס וועלען מיר שוין קענען לייכט אויספיהרען.

ה י ל ד א : איך האָב ניט קיין אנדערע קליידער אויסער די וואָס איך טראָג, א חוץ אַלטע וועש אין רענצעל; וואָס מען וועט מוזען געבען וואַשען; ווארים עס איז זעהר קויטיג.

ס אָ ל נ ע ס : אַה, וועגען דעם וועלען מיר שוין זעהן. איצט וויל איך נור אָנזאָגען מיין פרוי —

ה ע ר ד ע ל : דערווייל וועל איך געהן בעזוכען מיין פּאַ־ציענט.

ס אָ ל נ ע ס : יא, געהט, און קומט שפּעטער צוריק.

ה ע ר ד ע ל : (לוסטיג, וואַרפענדיג א בליק אויף הילדאן) אָה, דאָס וועל איך שוין טאָן, איהר מעגט זיין זיכער ! (לאַכט) הייסט עס אייער נבואה איז מקוים געוואָרען, הערר סאָלנעס !

ס אָ ל נ ע ס : ווי הייסט ?

ה ע ר ד ע ל : די יונגענד איז ו ו י ר ק ל י ך נעקומען קלאַפּען אין טיהר.

ס אָ ל נ ע ס : (לעבהאַפט) אָבער גאָר אויף אַן אנדער אַרט.

ה ע ר ד ע ל : יא, אויף אַן אנדער אַרט, דאָס קען מען ניט לייקענען. (ער געהט ארויס דורכ'ן פּאַרציטער).

ס אַ ל נ ע ם : (עפּענט די טיר רעכטס און רעדט צו אימעצען אין זייטיגען צימער) אַלינע ! זיי אַזוי גוט און קום אַריין. דיינע אַ בעקאַנטע איז דאָ — פרײלין וואַנגעל.

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ם : (ווייזט זיך אין טיר) ו ו ע ר, זאָגסטו איז דאָ ? (דערזעהט הילדען) אַך, דאָס זייט איהר, פרײ־לין וואַנגעל ? (געהט צו איהר צו און גיט איהר די האַנד) זייט איהר, הייסט עס, דאָך געקומען אין שטאָדט.

ס אַ ל נ ע ם : פרײלין וואַנגעל איז אַקאָרשט אָנגעקומען און זי וואָלט דאָ וועלען איבערנעכטיגען.

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ם : דאָ, ביי אונז ? מיט פערגעניגען.

ס אַ ל נ ע ם : פערשטעהסט, אום צו ברענגען איהרע זאַ־כען אביסעל אין אָרדנונג.

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ם : איך וועל טאָן אַלעס וואָס איז מעג־ליך פאַר אייך. עס איז ניט מעהר ווי מיין פליכט. אייער קאַסטען ווערט, וואהרשיינליך, אָנקומען שפּעטער ?

ה י ל ד ע : איך האָב ניט קיין קאַסטען.

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ם : נו, עס וועט שוין רעכט זיין. דער־ווייל מוזט איהר מיר ענטשולדיגען ; איך וועל אייך דאָ לאָזען מיט מיין מאַן אַליין און וועל איך געהן זעהן מען זאָל אייך צוגריי־טען אַ בעקוועמעם צימער.

ס אַ ל נ ע ם : קענען מיר איהר ניט געבען איינס פון די קינדער־צימערן ? זיי זיינען דאָך אַלעמאָל צוגעגרייט.

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ם : אָה, יאָ, דאָרט האָבען מיר איבער־גענוג פּלאַץ. (צו הילדאן) זיצט און רוהט זיך דערווייל אָב. (זי געהט אַרויס רעכטס).

(הילדא, פערלעגט די הענד פון הינטען, געהט אַרום און בעקוקט פערשיעדענע זאַכען. סאָלנעס שטעהט פון פאָרענט ביים טיש, אויך פערלעגט די הענד אויף הינטען און קוקט איהר נאָך).

ה י ל ד א : (שטעלט זיך אָב און קוקט אויף איהם) האָט איהר עטליכע קינדער־צימערן ?

ס אַ ל נ ע ם : עס זיינען פאַרהאַנען דריי קינדער־צימערן אין הויז.

ה י ל ד א : ווירקליך ? דאן מוזט איהר האָבען א סך קינדער.

ס אַ ל נ ע ם : ניין, מיר האָבען גאָר קיין קינדער ניט. נור איצט קענט א י ה ר דערווייל דאָ זיין דאָס קינד.

ה י ל ד א : אויף היינטיגע נאכט, יא. איך וועל ניט שרייען. איך האָב ברעה צו שלאָפען ווי א געהרג׳עטע.

ס אַ ל נ ע ם : איך דענק, איהר מוזט זיין זעהר מיעד.

ה י ל ד א : אָה, ניין. אָבער יעדענפאלס — עס איז אזוי גוט צו ליעגען און חלומ׳ען.

ס אַ ל נ ע ם : איהר חלומ׳ט אָפט ביינאכט ?

ה י ל ד א : אָה, יא. כמעט אימער.

ס אַ ל נ ע ם : וועגען וואָס חלומ׳ט איהר אם מעהרסטען ?

ה י ל ד א : היינט זאָג איך דאָס אייך ניט. פיעלייכט אן אנדערס מאָל. (זי שפּאַצירט ווידער איבער׳ן צימער, שטעלט זיך אָב ביים שרייב־טיש און פּאַרעט זיך אַביסעל ביי די ביכער און פּאַפּירען.)

ס אַ ל נ ע ם : (צוקומענדיג) איהר זוכט עפּעס ?

ה י ל ד א : ניין, איך קוק נור דורך די אלע זאכען. (קעהרט זיך אום) עס איז פיעלייכט ניט ערלויבט ?

ס אַ ל נ ע ם : אָה, ביטע, ביטע !

ה י ל ד א : שרייבט א י ה ר דאָס אין דעם גרויסען קאָנטאָ־בוך ?

ס אַ ל נ ע ם : ניין, מיין בוכהאלטערין.

ה י ל ד א : א פרויענצימער ?

ס אַ ל נ ע ם : (שמייכעלט) יא.

ה י ל ד א : איהר בעשעפטיגט זי דאָ ?

ס אַ ל נ ע ם : געוויס.

ה י ל ד א : זי איז פערהייראט ?

ס אַ ל נ ע ם : ניין, זי איז א פריילין.

ה י ל ד א : אזוי !

ס אָ ל נ ע ם : אָבער זי וועט וואהרשיינליך אין גיכען הייראטען.

ה י ל ד א : דאָס איז גוט פאַר א י ה ר.

ס אָ ל נ ע ם : אָבער ניט אזוי גוט פאַר מ י ר. דאָן וועל איך קיינעם ניט האָבען מיר ארויסצוהעלפען.

ה י ל ד א : קענט איהר דען ניט קריגען אַן אנדערע, וואָס זאָל זיין פונקט אזוי גוט ?

ס אָ ל נ ע ם : פיעלייכט ווילט א י ה ר דאָ בלייבען און — און שרייבען אינ׳ם קאָנטאָ־בוך ?

ה י ל ד א : (קוקט איהם אָן פון אויבען ביז אַראָב) יא, איך מיין עפּעס ! ניין, איך דאנק אייך — אזעלכע זאכען זיינען ניט פאַר מ י ר — (שפּאַצירט אַביסעל איבער׳ן צימער און זעצט זיך אַוועק אויף דעם שאָקעל־שטוהל, סאָלנעס געהט צו צום טיש. הילדא זעצט פאָרט:) ווייל עס מוז דאָך דאָ זיין עפּעס אנדערש צו טאָן אויסער ד ע ם אויך. (קוקט אויף איהם, שמייכלענדיג) דענקט איהר ניט אזוי?

ס אָ ל נ ע ם : פערשטעהט זיך. צוערשט און הויפּטזעכליך ווילט איהר, וואהרשיינליך מאַכען א טור איבער די קראָמען און זיך אויספּוצען נאָך דער לעצטער מאָדע.

ה י ל ד א : (לוסטיג) ניין, ד אָ ס, גלויב איך, קען איך אויס־לאָזען.

ס אָ ל נ ע ם : אזוי ?

ה י ל ד א : וואָרום איהר דארפט וויסען, אז איך האָב שוין אויסגעבראכט מיין גאנץ געלד.

ס אָ ל נ ע ם : (לאַכט) הייסט עס, ניט קיין געלד און ניט קיין קאסטען !

ה י ל ד א : ניט דאָס און ניט יענעס. אָבער איצט מאַכט דאָס מיר ניט אויס.

ס אָ ל נ ע ם : זעהט איהר, פאַר ד אָ ס געפעלט איהר מיר גראָד.

ה י ל ד א : נור פאַר דאָס ?

ס אַ ל נ ע ס : פאַר דאָס צווישען אַנדערעס. (זעצט זיך אין לעהנשטוהל) אייער פאָטער לעבט נאָך ?
ה י ל ד אַ : יא, מיין פאָטער לעבט.
ס אַ ל נ ע ס : דענקט איהר פיליכט, דאָ צו שטודירען ?
ה י ל ד א : ניין, דאָס איז מיר קיין מאָל אויפ'ן געדאַנק נים געקומען.
ס אַ ל נ ע ס : אָבער, איהר פערבלייבט דאָ פאַר א לענגערע צייט, האָף איך.
ה י ל ד א : דאָס איז נעוועגדט אָן געוויסע אומשטענדען. (זי זיצט א ווײַלע, שאָקעלט זיך און קוקט אויף איהם האַלב ערנסט, האַלב מיט א פערבאָרגענעם שמייכעל. דאַן נעהמט זי אַרונטער איהר הי־טעלע און לעגט עס אויפ'ן טיש לעבען זיך). הערר סאָלנעס !
ס אַ ל נ ע ס : יא ?
ה י ל ד א : האָט איהר זעהר א שלעכטען זכרון ?
ס אַ ל נ ע ס : א שלעכטען זכרון ? ניין, דאכט זיך אז ניט.
ה י ל ד א : איז פאַר וואָס זאָגט איהר מיר גאָר ניט וועגען דעם וואָס האָט פאַסירט דאָרט אויבען ?
ס אַ ל נ ע ס : (פאַר אַ אויגענבליק איבערראַשט) דאָרט אין ליסענזשער ? (גלייכגילטיג) מיר דאכט, עס איז ניטאָ פיעל, וואָס צו זאָגען וועגען דעם.
ה י ל ד א : (קוקט אויף איהם מיט אַ פאָרוואורף) ווי קענט איהר דאָס זאָגען ?
ס אַ ל נ ע ס : נו, דאַן רעדט א י ה ר צו מ י ר וועגען דעם.
ה י ל ד א : ווען דער טורעם איז פערטיג געוואָרען, האָבען מיר געהאַט א גרויסען יום־טוב אין שטאָדט.
ס אַ ל נ ע ס : יא, י ע נ ע ם טאָג וועל איך ניט אזוי גיך פערגעסען.
ה י ל ד א : (לאַכט) ניין ? דאָס איז זעהר שעהן פון אייך.
ס אַ ל נ ע ס : שעהן ?
ה י ל ד א : ביי דער קירך איז דאַן געוועזען מוזיק — און

פיעלע, פיעלע הונדערטער מענשען. מיר, די שוהל־מיידלעך זיינען געװעזען געקליידעט אין ווייסען ; און מיר האָבען אַלע געטראָגען פאָהנען.

ס אָ ל נ ע ס : אָה יא, די פאָהנען געדענק איך גוט !

ה י ל ד א : דאן זייט איהר ארויפגעשטיגען אויף דעם ברעטער־געשטעל, גלייך צום סאמע שפּיץ ; איהר האָט מיט זיך געהאט א גרויסען קראַנץ ; און איהר האָט איהם אויפגעהאָנגען העט אויבען אויפ׳ן וועטערפאָהן.

ס אָ ל נ ע ס : (שלאָגט איהר קורץ איבער) אין יענע צייטען פלעג איך דאָס אימער טאָן. עס איז אַן אַלטער מנהג.

ה י ל ד א : עס איז געװעזען אַזוי וואונדערבאר שפּאַנענד צו שטעהן אונטען און אַרויפצוקוקען צו אייך. שטעלט זיך פּאָר ווען ער פאַלט אַרונטער ! ער — דער בוימייסטער אַליין !

ס אָ ל נ ע ס : (אַזוי ווי ער וואָלט ניט וועלען זי זאָל רעדען וועגען דעם) יא, יא, דאָס האָט אויך לייכט געקענט פּאַסירען. וואָרום איינע פון יענע אין ווייסען אָנגעטאָנענע קליינענקע טייפלען — זי האָט זיך אַזוי ווילד בענומען און האָט צו מיר אַזוי אַרויפגעשריען —

ה י ל ד א : (שטראַהלענדיג מיט פערגניגען) „עס לעבע דער בוימייסטער סאָלנעס“, יא !

ס אָ ל נ ע ס : — און זי האָט אַזוי געמאכט מיט איהר פאָהן הין און צוריק — אַז דער קאָפּ האָט זיך מיר שיער ניט פערדרעהט, קוקענדיג דערויף.

ה י ל ד א : (שטילער און ערנסט) יענער קליינענקער טייפעל — דאָס בין א י ך געווען.

ס אָ ל נ ע ס : (קוקט זיך איין אין איהר) איצט בין איך זיכער דעריין. דאָס האָט א י ה ר טאקע געמוזט זיין.

ה י ל ד א : (ווידער לעבהאַפט) אָה, עס אַז געװען אַזוי שפּאַנענד ! איך האָב מיר ניט געקענט גלויבען, אַז אין דער גאנצער וועלט איז דאָ א בוימייסטער, וועלכער זאָל קענען בויען אַזא אונגעהייער הויכען טורעם. און דאַן אַז איהר זאָלט אַליין שטעהן

אויפ'ן אלערהעכסטען שפּיץ ! אַווירקליכער לעבעדיגער מענש ! און עס זאָל אייך גאָרניט שווינדלען ! דאָס האָט אייגענטליך גע־מאַכט, אז עס זאָל — אז עס זאָל אַ צווייטען שווינדלען צו דענקען וועגען דעם.

כ אָ ל נ ע ס : ווי קענט איהר זיין אזוי זיכער, אז מיר האָט ניט — ?

ה י ל ד א : (צוריקהייזענדיג דעם געדאַנק) אָה ניין ! געוויס ניט ! דאָס האָב איך געפיהלט. ווייל, זאָנסט וואָלט איהר ניט געקענט שטעהן אויבען און זינגען.

ס אָ ל נ ע ס : (קוקט אויף איהר פערוואונדערט) זינגען ? האָב איך געזונגען ?

ה י ל ד א : יא, איך קלער עפּעס אזוי.

ס אָ ל נ ע ס : (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) איך האָב קיין מאָל אין מיין לעבען קיין איין טאָן ניט געזונגען.

ה י ל ד א : יא, איהר האָט דאן געזונגען, עס האָט זיך גע־הערט ווי הארפען אין דער לופט.

ס אָ ל נ ע ס : (נאָכדענקענדיג) עס איז עפּעס זעהר וואונ־דערבאר — די גאַנצע געשיכטע.

ה י ל ד א : (בלייבט שטיל אַ ווײלע, קוקט אויף איהם און זאָגט שטיל) אָבער דאן — נאכהער — דאן האָט פּאסירט דאָס וויכ־טיגסטע.

ס אָ ל נ ע ס : דאָס וויכטיגסטע ?

ה י ל ד א : (לעבהאַפט) יא, אָן דעם דארף איך אייך געוויס ניט דערמאָנען ?

ס אָ ל נ ע ס : אָ, יא, דערמאָנט מיך אָן דעם אויך אביסעל.

ה י ל ד א : געדענקט איהר ניט אז מען האָט צו אייער עהרע געגעבען אַ גרויסארטיגען מאָלצייט אין קלוב ?

ס אָ ל נ ע ס : יא, געוויס. עס האָט געמוזט זיין דעם זעל־בען נאָכמיטאג, ווייל דעם צווייטען פריהמאָרגען בין איך פון דאָרט אוועקגעפאָהרען.

ה י ל ד א : און פון קלוב זיינט איהר געווען געלאדען צו אונז אויפ'ן אבענד.

ס אָ ל נ ע ס : גאַנץ ריכטיג, פריילין וואַנגעל. עס איז מערקווירדיג, ווי גוט איהר געדענקט די אַלע קלייניגקייטען.

ה י ל ד א : קלייניגקייטען! דאָס געפעלט מיר! איז דאָס אפשר אויך א קלייניגקייט, וואָס איך בין געווען א ל י י ן אין צימער ווען איהר זייט געקומען?

ס אָ ל נ ע ס : זייט איהר געווען אליין?

ה י ל ד א : (ניט ענטפערענדיג) איהר האָט מיך ד אַ ן ניט גערופען, קליינעכקער טייפעלע.

ס אָ ל נ ע ס : ניין, איך האָב אַז ניט.

ה י ל ד א : איהר האָט געזאָגט אַז איך בין וואונדערשעהן אין מיין ווייס קלייד און, אַז איך זעה אויס ווי א קליינע פּרינצעסין.

ס אָ ל נ ע ס : געוויס האָט איהר טאקע אזוי אויסגעזעהן, פריילין וואַנגעל. — און דערצו נאָך האָב איך זיך געפיהלט אזוי לייכט און פריי יענעם טאָג —

ה י ל ד א : און דאַן האָט איהר געזאָגט, אַז ווען איך וועל אויסוואקסען, וועל איך זיין א י י ע ר פּרינצעסין.

ס אָ ל נ ע ס : (לאַכט אַביסעל) ע, ע, — ד אָ ס האָב איך אויך געזאָגט?

ה י ל ד א : יא, יא, איהר האָט דאָס געזאָגט. און ווען איך האָב געפרעגט ווי לאַנג איך וועל דאַרפען וואַרטען, האָט איהר מיר געענטפערט אַז איהר וועט צוריקקומען אין צעהן יאָהר ארום, ווי א נישט־גוטער, און איהר וועט מיך אַוועקפיהרען — אין שפּאַניען אָדער עפּעס אן אנדער לאַנד. און דאָרט, האָט איהר מיר פערשפּראָכען צו קויפען א קעניגרייך.

ס אָ ל נ ע ס : (ווי פריהער) יע, נאָך א גוטען מיטאָג איז מען געוועהנליך זעהר פרייגעביג אין געלט אנגעלעגענהייטען. אָבער האָב איך דאָס טאקע אַלעס ג ע ז אָ ג ט ?

ה י ל ד א : (לאַכט צו זיך אַליין) יאָ, און איהר האָט מיר אַפילו געזאָגט ווי דאָס קעניגרייך וועט הייסען.

ס אָ ל נ ע ס : נו, ווי ? —

ה י ל ד א : עס האָט געדארפט הייסען דאָס קעניגרייך פון אַפּעלסיניע.

ס אָ ל נ ע ס : נו, דאָס איז אַ גאַנץ אַפּעטיטנער נאָמען.

ה י ל ד א : מיר איז עס גאָרניט געגעווען געפעלען ; עס האָט אויסגעזעהן, ווי איהר ווילט זיך איבער מיר נור לוסטיג מאכען.

ס אָ ל נ ע ס : געוויס איז דאָס ניט געוועזען מיין אבזיכט.

ה י ל ד א : ניין, איך האָף אז ניט, נעהמענדיג אין אנבעטראכט וואָס איהר האָט נאכהער געטאָן —

ס אָ ל נ ע ס : וואָס האָב איך דען, אום גאָטעס ווילען, נאכהער געטאָן ?

ה י ל ד א : נו, מעהר פעהלט ניט, נאָר איהר זאָלט ד אָ ס איך האָבען פערגעסען ! מיר דאכט, אזא זאַך מוז מען, ניט ווילענדיג, געדענקען.

ס אָ ל נ ע ס : גיט מיר נור עפּעס א סמן זיך צו דערמאָהנען, אפשר דאן —

ה י ל ד א : (קוקט זיך איין אין איהם) איהר זייט צוגעגאנגען און האָט מיך געקושט, בוימייסטער.

ס אָ ל נ ע ס : (הויבט זיך אויף פון שטוהל מיט אן אָפען מויל) א י ך האָב עס געטאָן ?

ה י ל ד א : נו, געוויס. איהר האָט מיך אָנגענומען מיט ביידע הענד, און האָט צוריקגעבויגען מיין קאָפּ, און האָט מיך גע־קושט — פיעלע מאָל.

ס אָ ל נ ע ס : נו, ווירקליך, ליעבע פריילין וואנגעל — !

ה י ל ד א : (הויבט זיך אויף) איהר מיינט דאָך דאָס ניט צו לייקענען ?

ס אָ ל נ ע ס : יאָ, איך לייקען דאָס ענטשיעדען !

ה י ל ד א : (קוקט אויף איהם מיט פעראַכטונג) אָה, אזוי !

(זי קעהרט זיך אָב און געהט לאַנגזאַם צום אויוועז, וואו זי בלייבט

שטעהן אונבעוועגליך, איהר געזיכט אָבגעקעהרט פון איהם און די הענד פערלעגט אויף הינטען. אַ קורצע פּאַוזע.)

ס אַ ל נ ע ם : (געהט צו צו איהר פאַרזיכטיג פון הינטען) פּריי־ליין וואַנגעל!

ה י ל ד א : (בלייבט שטיל, און אונבעוועגליך).

ס אַ ל נ ע ם : שטעהט ניט ווי אַ סטאַטוע. אייך האָט זיך דאָס אַלעס געמוזט חלומ'ען, (לעגט זיין האַנד אויף איהר ארעם) הערט מיך אויס —

ה י ל ד א : (מאַכט אַן אונגעדולדיגע בעוועגונג מיט'ן ארעם).

ס אַ ל נ ע ם : (ווי עס וואָלט איהם פּלוצלונג אַריין עפּעס אַ געדאַנק) אָבער —! ווארט אַ ווייל'ע! עס שטעקט עפּעס הינטער דעם אַלעס... גלויבט מיר!

ה י ל ד א : (ריהרט זיך ניט).

ס אַ ל נ ע ם : (שטיל, נור מיט נאַכדרוק אין די ווערטער) איך האָב דאָס אַלעס געמוזט ט ר א כ ט ע ן. איך האָב עס געמוזט וו ע ל ע ן — פ ע ר ל א נ ג ע ן — האָב געמוזט ל ו ס ט ה אַ־ב ע ן עס צו טאָן. און דאַן — איז עס ניט מעגליך אַז דאָס איז די ריכטיגע ערקלערונג?

ה י ל ד א : (שווייגט נאָך אַלץ).

ס אַ ל נ ע ם : (אונגעדולדיג) נו, צום טייפעל — דאַן, ה אַ ב א י ך דאָס געטאָן!

ה י ל ד א : (קעהרט אום איהר קאָפּ אַביסעל און קוקט ניט אויף איהם) הייסט עס, איהר גיט עס ענדליך צו?

ס אַ ל נ ע ם : יאָ, אַלעס וואָס איהר ווילט.

ה י ל ד א : אַז איהר האָט מיך ארומגענומען?

ס אַ ל נ ע ם : אָה, יאָ!

ה י ל ד א : און מיר דעם קאָפּ צוריקגעבויגען?

ס אַ ל נ ע ם : זעהר וויט צוריק.

ה י ל ד א : און מיך געקושט?

ס אַ ל נ ע ם : יאָ, געוויס.

ה י ל ד א : פיעל מאָל.

ס אָ ל נ ע ס : ווי פיעל איהר ווילט נור אליין.

ה י ל ד א : (קעהרט זיך שנעל אום צו איהם און האָט וויעדער דעם שטראַהלענדען אויסדרוק פון גליק אין איהרע אויגען) נו, זעהט איהר, איך האָב עס דאָך פון אייך ארויסגעקראָגען.

ס אָ ל נ ע ס : (מיט א לייכטען שמייכעל) יא, דענקט נור — איך זאָל אזא זאַך פערגעסען !

ה י ל ד א : (וויעדער אַביסעל אָנגעבלאָזען, טרעט פון איהם אָב) אָה, איהר האָט, וואהרשיינליך, פיעלע געקושט אין אייער לעבען.

ס אָ ל נ ע ס : ניין, ד אָ ס מוזט איהר וועגען מיר ניט דענקען.

(הילדא זעצט זיך אין לעהנשטוהל.)

ס אָ ל נ ע ס : (בלייבט שטעהן אָנגעשפארט אָן שאָקעל־שטוהל און קוקט אויף איהר אויפמערקזאַם) פריילין וואנגעל ?

ה י ל ד א : יא ?

ס אָ ל נ ע ס : ווי אזוי איז דאָס ג ע ו ו ע ז ע ן ? וואָס איז פון דעם אלעמען ארויסגעקומען — צווישען אונז ביידע, מיין איך ?

ה י ל ד א : ווייטער איז גאָרניט ארויסגעקומען. איהר ווייסט דאָס גאַנץ גוט. ווייל דאן זיינען די אנדערע געסט געקו־מען — און דאן — עט !

ס אָ ל נ ע ס : ריכטיג ! די אנדערע זיינען געקומען. דענקט נור, אז ד אָ ס האָב איך אויך פערגעסען !

ה י ל ד א : אָה, איהר האָט אין דער ווירקליכקייט גאָרניט פערגעסען ; איהר שעהמט זיך נור אביסעל ; איך בין זיכער, אז אזעלכע זאכען פערגעסט מען ניט.

ס אָ ל נ ע ס : ניין, דאָס קען מען זיך פאָרשטעלען.

ה י ל ד א : (קוקט אויף איהם, וויעדער לעבהאַפט) פיעלייכט האָט איהר אויך פערגעסען אין וואָס פאר א טאָג דאָס איז גע־שעהן ?

ס אָ ל נ ע ס : אין וואָס פאר א טאָג ?

ה י ל ד א : יא, אין וואָס פאַר אַ טאָג האָט איהר אויפ־נעהאָנגען דעם קראַנץ אויפ'ן טורעם ? אָה ? זאָגט שנעל !

ס אָ ל נ ע ס : הם — גאָט ווייסט, דעם דאטום האָב איך פערגעסען. איך וויים נור, אז דאָס איז געווען פאַר צעהן יאָהרען, אזוי ארום הערבסט.

ה י ל ד א : (שאָקעלט עטליכע מאָל לאַנגזאַם מיט'ן קאָפּ). דאָס האָט פאַסירט פאַר צעהן יאָהרען — דעם נייִנצעהנטען סעפּ־טעמבער.

ס אָ ל נ ע ס : יא, עס האָט געמוזט זיין ארום יענער צייט. אזוי — אזוי, דאָס געדענקט איהר אויך ! (בלייבט שטיל אַ ווײַלע) אָבער ווארט נור — ! געווים — היינט האָבען מיר אויך דעם נייִנצעהנטען סעפּטעמבער.

ה י ל ד א : יא, און די צעהן יאָהר זיינען אריבער. און איהר זייט ניט געקומען, ווי איהר האָט מיר פערשפּראָכען.

ס אָ ל נ ע ס : וואָס איך האָב אייך פערשפּראָכען ? איהר מוזט מיינען, ווי איך האָב אייך אָנגעשראָקען ?

ה י ל ד א : איך האָב דאָס גאָרניט געהאַלטען פאַר אָן אָנ־שרעקען.

ס אָ ל נ ע ס : נו, דאַן איז עס געווען אביסעל לוסטיג גע־מאכט זיך.

ה י ל ד א : איז דאָס אלעס, וואָס איהר האָט געוואָלט זיך לוסטיג מאכען איבער מיר ?

ס אָ ל נ ע ס : און פיעלייכט אום צו האָבען מיט אייך אבי־סעל שפּאַס. איך קען זיך, כ'לעבען, ניט עראינערען. אָבער עפּעס אזעלכעס האָט עס געמוזט זיין ; ווייל איהר זייט דאָך דאמאלס נאָך געווען אַ קינד.

ה י ל ד א : אָה, פיעלייכט בין איך גאָרניט געווען אזא קינד. גאָר ניט אזאַ קעצעלע ווי איהר שטעלט זיך פאָר.

ס אָ ל נ ע ס : (קוקט אויף איהר, פאָרשענדיג) האָט איהר, ווירקליך, די גאַנצע צייט ערנסט ערוואַרטעט, אז איך וועל צוריק־קומען ?

ה י ל ד א : (פערבאָרגט א האלב־רייצענדען שמייכעל) געוויס! דאָס האָב איך פון אייך ערוואַרטעט.

ס אָ ל נ ע ס : אז איך וועל צוריקקומען צו אייך אהיים און אייך צונעמען?

ה י ל ד א : יא, ווי א ניט־גוטער.

ס אָ ל נ ע ס : און מאכען פון אייך א פרינצעסין?

ה י ל ד א : דאָס האָט איהר מיר דאָך פערשפּראָכען.

ס אָ ל נ ע ס : און אייך טאקע געבען א קעניגרייך?

ה י ל ד א : (קוקט צום באַלקאָן) וואָרום דען ניט? עס דאַרף גראָד ניט זיין א געוועהנליך, ריכטיג קעניגרייך.

ס אָ ל נ ע ס : ווי דען? עפּעס אנדערס פּונקט אזוי גוט?

ה י ל ד א : מינדעסטענס אזוי גוט. (קוקט אויף איהם אַן אוי־גענבליק) איך האָב געדענקט, אז אויב איהר קענט בויען די העכסטע קירכען־טורעמס אין דער וועלט, וועט איהר דאָך געוויס קענען מאכען עפּעס א מין קעניגרייך.

ס אָ ל נ ע ס : (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) איך פערשטעה אייך ניט גוט, פריילין וואנגעל.

ה י ל ד א : ווירקליך ניט? מיר ווייזט דאָס אלעס אויס אזוי איינפאַך.

ס אָ ל נ ע ס : ניין, איך ווייס ניט, צי איהר מיינט ערנסט, וואָס איהר זאָגט, אָדער איהר שפּאסט עס מיט מיר.

ה י ל ד א : פיליייכט מאַך איך זיך לוסטיג? ווי איהר דאַן?

ס אָ ל נ ע ס : גאַנץ ריכטיג. מיר מאכען זיך ביידע לוס־טיג. (קוקט אויף איהר) שוין לאנג ווי איהר ווייסט, אז איך בין פערהייראַט?

ה י ל ד א : איך האָב אימער געוואוסט. אָבער, וואָרום פרעגט איהר ד אָ ס?

ס אָ ל נ ע ס : (לייכט) אָה, עס איז מיר גראָד געקומען אויפ'ן זינען. (קוקט אויף איהר ערנסט. שטיל) נאָך וואָס זייט זאיהר געקומען?

הילדא: ווייל איך וויל מיין קעניגרייך. די צייט איז אוים.

סאָלנעס: (לאַכט, ניט ווילענדיג) איהר זייט אן אנטיק.

הילדא: (לוסטיג) אהער מיין קעניגרייך, בוימייסטער! (קלאַפּט מיט די פינגער) מיין קעניגרייך ארויף אויפ׳ן טיש!

סאָלנעס: (רוקט נעהענטער צו דעם שאַקעל שטוהל און זעצט זיך.) נו, לאָמיר רעדען ערנסט. נאָך וואָס זייט איהר געקומען? וואָס ווילט איהר דאָ ווירקליך טאָן?

הילדא: אָה, צוערסט וויל איך ארומגעהן און בעטראַכטען אלעס וואָס איהר האָט דאָ אויפגעבויט.

סאָלנעס: דאָס וועט אייך געבען גענוג מאָציאָן.

הילדא: יא, איך וויים, איהר האָט זעהר, זעהר פיעל געבויט.

סאָלנעס: ווירקליך — מעהרסטענס אין די לעצטע יאָהרען.

הילדא: פיעלע קירכען־טורעמס אויך? אונגעהייער הויכע?

סאָלנעס: ניין, איך בוי ניט מעהר קיין קירכען־טורעמס — קיין קירכען אויך נים.

הילדא: וואָס דען בויט איהר איצט?

סאָלנעס: היימען פאַר מענשען.

הילדא: (נאָכדענקענדיג) וואָלט איהר געקענט בויען א קליינעם — א קליינענקען קירכען־טורעם איבער די דאָזיגע היימען!

סאָלנעס: (הויבט זיך אויף) וואָס מיינט איהר דערמיט?

הילדא: איך מיין — עטוואָס, וואָס זאָל זיך ערהויבען פריי אין דער לופט. מיט א וועטערפאָהן אויף א שווינדעלדיגע הויך.

סאָלנעס: (טראַכט אַביסעל) עס איז אזוי מערקווירדיג, אז איהר זאָלט ד אָ ס זאָגען — ווייל דאָס איז וואָס איך וואָלט מאַכען אם ליעבסטען געמאכט.

הילדא: (אונגעדולדיג) ווארום זשע טהוט איהר עס ניט?

ס אָ ל נ ע ס : (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) ניין, די מענשען ווילען עס ניט.

ה י ל ד א : דענקט נור — ז י י ווילען עס ניט !

ס אָ ל נ ע ס : (לייכטער) נור יעצט בוי איך א נייע היים פאר זיך אליין — אָט דאָ אנטקעגען.

ה י ל ד א : פאר זיך אליין ?

ס אָ ל נ ע ס : יא, עס איז כמעט געענדיגט. און אויף דעם הויז איז פאראן א טורעם.

ה י ל ד א : א הויכער טורעם.

ס אָ ל נ ע ס : יא.

ה י ל ד ע : זעהר הויך ?

ס אָ ל נ ע ס : מען וועט געווים זאָגען, אז ס'איז צו הויך, ווענינגסטענס פאר א וואָהנונג.

ה י ל ד א : מאָרגען, גלייך אין דער פריה געה איך דאָס בעטראכטען.

ס אָ ל נ ע ס : (זיצט מיט דער האַנד אונטערשפּאַרענדיג דאָס געזיכט און בעטראַכט זי) זאָגט מיר, פריילין וואַנגעל, וואָס איז אייער נאָמען, אייער פאָרנאָמען, מיין איך ?

ה י ל ד א : נו, הילדא.

ס אָ ל נ ע ס : (ווי פריהער) הילדא ? הא ?

ה י ל ד א : געדיינקט איהר ד אָ ס ניט ? איהר אליין האָט מיך גערופען הילדא, יענעם טאָג, ווען איהר האָט זיך שלעכט בענומען.

ס אָ ל נ ע ס : אזוי ?

ה י ל ד א : נור דאן האָט איהר געזאָגט „ק ל י י נ ע ה י ל ד א" און מיר איז עס ניט געווען געפעלען.

ס אָ ל נ ע ס : אזוי, אייך איז דאָס ניט געווען געפעלען, פריילין הילדא ?

ה י ל ד א : ניין, ניט ביי אזא געלעגענהייט. אָבער — „פרינצעסין הילדא" — דאָס, דענק איך, וועט קלינגען גאַנץ שעהן.

ס אָ ל נ ע ם : נעוויס, פרינצעסין הילדא פון — פון — ווי האָט געהייסען דאָס קעניגרייך?

ה י ל ד א : טפו! איך וויל גאָר ניט האָבען צו טאָן מיט י ע נ ע ם נארישען קעניגרייך. איך וויל גאָר אַן אנדער מין קעניגרייך!

ס אָ ל נ ע ם : (שפּארט זיך אָן אין שטוהל און קוקט נאָך אַלץ אויף איהר) דאָס איז זאָנדערבאר. וואָס מעהר איך דענק וועגען דעם, אַלץ מעהר צייגט זיך מיר אויס, אַז איך בין ארומגעגאנגען די אַלע יאָהרען, פּלאגענדיג זיך מיט — ה'ם —

ה י ל ד א : מיט וואָס?

ס אָ ל נ ע ם : מיט דער אנשטרענגונג זיך אָן עטוואָס צו דערמאָנען — עפּעס אָן איבערגעלעבטע זאך, וואָס איך האָב ווארשיינליך פערגעסען. נור איך האָב קיין מאָל ניט געהאט דעם קלענסטען בעגריף, וואָס דאָס איז אזוינס געוועזען.

ה י ל ד א : איהר וואָלט געדארפט מאכען א קניפּעל אין אייער טאשענטוך, בוימייסטער.

ס אָ ל נ ע ם : דאן וואָלט איך געדארפט ברעכען דעם קאָפּ אויסצוגעפונען, וואָס דער קניפּעל מיינט.

ה י ל ד א : אָה, יא, עס זיינען, ווארשיינליך פּאראַנען אזעלכע מינים נישט-גוטע אויך אויף דער וועלט.

ס אָ ל נ ע ם : (הויבט זיך לאַנגזאַם אויף) עס איז א גרויס גליק, וואָס איהר זייט איצט געקומען.

ה י ל ד א : (קוקט טיעף אין זיינע אויגען) א י ז עס א גליק!

ס אָ ל נ ע ם : ווייל איך בין דאָ געווען אזוי עלענד און האָב אויף אַלעם געקוקט אזוי הילפלאָז. (שטילער) איך מוז אייך זאָגען, איך האָב זיך אָנגעהויבען אזוי צו שרעקען — זיך מורא'דיג צו שרעקען פאר דער יונגענד.

ה י ל ד א : (אַביסעל מיט פּערדרוס) עט! — פאר דער יוגענד דארפט איהר זיך גאָרניט שרעקען!

ס אָ ל נ ע ם : דאָך! דאָך! גראָד פאר א י ה ר. אָט

דערפאר מאַכט האָב איך זיך אזוי אָבגעשלאָסען און פערשפּארט. (געהיימניספאָל) איך זאָג אייך, די יוגענד וועט אמאָל קומען און דונערען ביי מיין טיר! און זיי וועלען זי אויפברעכען!

הילדא: דאן, דענק איך, וואָלט איהר געדאַרפט געהן און עפענען די טיר פאר דער יוגענד.

סאָלנעס: עפענען די טיר?

הילדא: נו, יא. לאָזט זיי אריינקומען צו אייך אויף א פריינדליכען אופן.

סאָלנעס: ניין, ניין, ניין! די יוגענד — פערשטעהט איהר מיך, דאָס איז די אָברעכענונג. זי קומט, ווי אונטער א נייעם באַננער אָנצוקינדיגען אז די ראָד פון מזל האָט זיך אומגעדרעהט.

הילדא: (הויבט זיך אויף, קוקט אויף איהם און זאָגט צוגויפציהענדיג די ליפּען) קען איך אייך נוצליך זיין, בוימייסטער?

סאָלנעס: יא, איהר געווים! ווייל איהר קומט, דאכט זיך אויך אונטער א נייעם באַנער. יוגענד געגען יוגענד —!

דר. הערדעל: (קומט אריין דורכ'ן פאָרדערצימער) ווי, איהר און פריילין וואַנגעל זייט נאָך אַלץ דאָ?

סאָלנעס: יא. מיר האָבען געהאַט אונענדליך פיעל, וועגען וואָס צו רעדען.

הילדא: אי אלטעס, אי נייעס.

הערדעל: ווירקליך?

הילדא: עס איז געווען זעהר אמיזאַנט. דער בוימייסטער האָט אזא וואונדערבארען זכרון. ער געדענקט יעדע קלייניגקייט.

פרוי סאָלנעס: (קומט אריין פון דער טיר רעכטס) פריילין וואַנגעל, אייער צימער איז שוין פאַרטיג פאר אייך.

הילדא: אָה, ווי גוט איהר זייט צו מיר!

סאָלנעס: (צו פרוי סאָלנעס) דאָס קינדער־צימער?

פרוי סאָלנעס: יא, דאָס מיטעלסטע. אָבער צוערסט לאָמיר געהן עסען.

ס אַ ל נ ע ס : (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ צו הילדאַן) הילדא וועט שלאָפען אין קינדער־צימער.

פ ר ו י : ס אַ ל נ ע ס : (קוקט אויף איהם) הילדא ? !

ס אַ ל נ ע ס : יא, פריילין וואַנגעל'ס נאָמען איז הילדא. איך האָב זי נאָך געקענט אלס קינד.

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ס : אזוי גאָר האלווארד ? נו קומט, דאָס עסען איז אויפ'ן טיש. (זי נעהמט דר. הערדעל'ס אָרעם און געהט מיט איהם ארויס רעכטס. הילדע האָט דערווייל צונויפגענומען איהרע רייזע זאכען.)

ה י ל ד א : (מילד און שנעל צו סאָלנעסען) איז עס אמת, וואָס איהר האָט געזאָגט ? א י ך ק ע ן איך נוצליך זיין ?

ס אַ ל נ ע ס : (נעהמט ביי איהר די זאַכען) איהר זייט אפּור־ראט די, וועלכע איך האָב אזוי נויטיג געדארפט האָבען.

ה י ל ד אַ : (קוקט אויף איהם מיט אַ גליקליכען פערוואונדער־טען בליק און קלאַמערט צונויף די הענט) אָה, גאָט, ווי פּראַכטפאָל! —

ס אַ ל נ ע ס : (נייגעריג) וואָס ?

ה י ל ד א : איצט האָב איך מיין קעניגרייך !

ס אַ ל נ ע ס : (ניט ווילענדיג) הילדא — !

ה י ל ד א : (ווידער צונויפציהענדיג די ליפּען) כ מ ע ט,— האָב איך געוואָלט זאָגען. (זי געהט ארויס רעכטס, סאָלנעס נאָך איהר.)

צווייטער אקט

אַ שעהן פערפוצטער קליינער זאַל אין סאָלנעס' הויז. פון הינטען אַ גלעזערנע טיר וואָס פיהרט צו אַ ווערענדאַ און צום גאָרטען. רעכטס אַ גרויסער ווינקעל־פענסטער, אויף וועלכען עס שטעהען וואַזאָנעס. אין לינקען ווינקעל אַ וואַנד, געבוים, ווי דאָס פענסטער רעכטס, אין וועל־כער עס איז דאָ אַ טיר, געשפּאַלירט ווי די וואַנד. פון ביידע זייטען געוועהנליכע טירען. פון פאָרענט רעכטס אַ קאָנסאָל־טיש מיט אַ שפּיגעל איבער איהם. אַ רייכע אויסשטעלונג פון בלומען און פלאַנצען. פון פאָרענט לינקס אַ סאָפאַ מיט אַ טיש און שטוהלען. ווייטער פון הינטען אַ ביכער־שראַנק. פאַר דעם ווינקעל־פענסטער אַ קליינער טיש מיט שטוה־לען. עס איז פריהמאָרגען.

סאָלנעס זיצט ביי אַ טישעל, אויף וועלכען עס ליעגט ראַגנאַר בראָוויק'ס פּאָרטפּאָליא אָן אָפענער. ער בלעטערט די צייכנונגען און בעטראַכט איניגע פון זיי גענוי. פרוי סאָלנעס געהט שטילערהייד אַרום מיט אַ קליינעם וואַסער־קאַן און בעשפּריצט די בלומען. זי איז געקליידעט אין שוואַרצען ווי פריהער. איהר הוט, מאַנטעל און שירם ליגען אויף אַ שטוהל ביים שפּיגעל. סאָלנעס טהוט אַ קוק אויף איהר פון צייט צו צייט, ווען זי בעמערקט עס ניט. קיינער פון זיי רעדט ניט קיין וואָרט. קאַיאַ פאָסלי קומט שטיל אַריין פון דער לינקער טיר.

ס אָ ל נ ע ס : (קעהרט זיך אום און זאָגט צו איהר אין אַ גלייכגילטיגען טאָן) אַך, דאָס זייט איהר?

ק אַ י אַ : איך האָב איך נור געוואָלט זאָגען, אז איך בין שוין געקומען.

ס אָ ל נ ע ס : גוט. ראַגנאַר איז שוין אויך דאָ?

ק אַ י אַ : ניין, נאָך ניט. ער האָט געמוזט וואַרטען אַ ווײלע אויפ'ן דאָקטאָר. ער קומט אָבער באַלד זיך ערקונדיגען —

ס אָ ל נ ע ס: וואָס מאַכט דער אַלטער?

ק אַ י אַ: ניט גוט. ער האָט געבעטען, איהר זאָלט איהם ענטשולדיגען, וואָס ער וועט היינטיגען טאָג מוזען בלייבען אין דער היים.

ס אָ ל נ ע ס: גאַנץ ריכטיג. זאָל ער נור זיך אויסרוהען. און איהר נעהמט זיך צו אייער ארבייט.

ק אַ י אַ: יאָ. (זי בלייבט שטעהן אין ט״ר.) ווילט איהר רעדען מיט ראַגנאַרען, ווען ער וועט קומען?

ס אָ ל נ ע ס: ניין. דאַכט זיך, איך האָב איהם גאָר ניט וואָס צו זאָגען.

(קאַיאַ געהט אַוועק אין דער לינקער זייט. סאָלנעס בלעטערט ווייטער אין די צייכנונגען.)

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: (ביי די וואַזאָנעס) ווער ווייס, ער וועט אפשר איצטער אויך שטאַרבען?

ס אָ ל נ ע ס: (קוקט איהר אָן) אויך? ווער נאָך דען?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: (ניט ענטפערענדיג) יאָ, יאָ, קענסט זיך פערלאָזען דערויף, האַלוואַרד, דער אַלטער בראָוויק וועט אויך שטאַרבען. דו וועסט זעהן.

ס אָ ל נ ע ס: ליעבע אַלינאַ, דענקסטו ניט אַז דו וואָלסט געדאַרפט זיך דורכגעהן אביסעל שפּאַצירען?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: יאָ, איך דענק אַז איך דאַרף טאַקע. (זי פּאָרעט זיך ווייטער מיט די בלומען.)

ס אָ ל נ ע ס: (איינגעבויגען איבער די צייכנונגען) זי שלאָפט נאָך?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: (קוקט איהם אָן) דו זיצסט דאָ און קלערסט עס אַלץ וועגען פריילין וואַנגעל?

ס אָ ל נ ע ס: (גלייכגילטיג) זי איז מיר גראַד, צופעליג, געקומען אויף די געדאַנקען.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: פריילין וואַנגעל איז שוין לאַנג אויפגעשטאַנען.

ס אָ ל נ ע ס: אַזוי?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם : ווען איך בין אריינגעגאַנגען זי זעהן, איז זי געווען פערנומען איינאָרדנענדיג איהרע זאַכען.. (זי שטעלט זיך ביים שפּיגעל און הויבט אָן לאַנגזאַם אָנטאָן דעם הוט.)

ס אָ ל נ ע ם : (נאָך אַ קורצער פּאַוזע) ענדליך איז אונז דאָך צוניץ געקומען איינס פון אונזערע קינדער־צימער, אַלינאַ.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם : יאַ, ס'איז צוניץ געקומען.

ס אָ ל נ ע ם : מיר דאַכט עס איז אַלץ בעסער, איידער זיי זאָלען איינגאַנצען שטעהן פּוסט.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם : די ראָזיגע פּוסטקייט איז שרעקליך. דאָס איז אמת.

ס אָ ל נ ע ם : (פערמאַכט די פּאָרטפאָליא מיט די צייכנונגען, שטעהט אויף און געהט צו צו איהר) דו וועסט זעהן, אַלינאַ, אַז נאָך דעם וועט אונז זיין אַ סך בעסער. עס וועט זיין בעקוועמער. דאָס לעבען וועט זיין לייכטער — ספּעציעל פאַר ד י ר.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם : (קוקט איהם אָן) נאָך דעם?

ס אָ ל נ ע ם : יאַ, גלויב מיר, אַלינאַ —.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם : דו מיינסט ווייל ז י איז דאָ געקומען?

ס אָ ל נ ע ם : (זיך צוריקהאַלטענדיג) איך מיין, נאַטירליך, ווען מיר וועלען אריינציהען אין דאָס נייע הויז.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם : (נעהמט איהר מאַנטעל) אַה, דו גלויבסט עס, האַלוואַרד? עס וועט דאַן בעסער זיין?

ס אָ ל נ ע ם : איך קען עס מיר אַנדערש ניט פאָרשטעלען. און דו דענקסט דען ניט אַזוי?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם : איך האָף גאָר ניט אויף דאָס נייע חויז.

ס אָ ל נ ע ם : (אומעטיג) עס פערדריסט מיך זעהר ווען דו זאָגסט עס. ווארים דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב עס הויפּטזעכליך פון דיינעט וועגען געבויט. (ער וויל איהר העלפען אָנטאָן דעם מאַנטעל.)

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם : (ווייזט צוריק זיין חילף) דער אמת

איז, אז דו טוסט צופיל פון מיינעטוועגען.

ס אַ ל נ ע ס : (מיט היץ) ניין, ניין, זאָג עס ניט, אלינא! איך קען ניט הערען אזעלכע ווערטער פון דיר!

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ס : נו, אויב אזוי וועל איך דאָס שוין מעהר ניט זאָגען, האַלוואַרד.

ס אַ ל נ ע ס : איך בלייב אָבער ביי מיין מיינונג. דו וועסט שוין זעהן ווי פיעל בעסער עס וועט פאר דיר זיין אין דער נייער וואוינונג.

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ס : אָך גאָט — פאר מיר בעסער! —

ס אַ ל נ ע ס : (היטציג) יא, געוויס! דו קענסט זיין זיכער אין דעם! ווייל דאָרטען, פערשטעהסטו, וועט זיין אזוי פיעל, וואָס וועט דיך דערמאָנען אָן דיין אייגענער היים...

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ס : אָן די היים פון מיין פאָטער און מוטער — וואָס איז אָבגעברענט געוואָרען ביז'ן גרונד ——

ס אַ ל נ ע ס : (שטיל) יא, יא, מיין אָרעמע אלינא, דאָס איז פאר דיר געוועזען א שרעקליכער קלאַפּ.

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ס : (מיט א וויינענדיגער שטימע) דו מעגסט בויען וויפיעל דו ווילסט, האַלוואַרד — פאר מ י ר קענסט דו קיינמאָל קיין ריכטיגע היים ניט אויפבויען!

ס אַ ל נ ע ס : (שפּאַנט איבער'ן צימער) נו, אויב אזוי, לאָמיר וועגען דעם מעהר ניט רעדען.

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ס : מיר רעדען וועגען דעם זאָנסט אויך קיינמאָל ניט, ווייל דו שטופּסט דעם געדאַנק שטענדיג אוועק פון זיך...

ס אַ ל נ ע ס : (בלייבט מיט אַמאָל שטעהן און קוקט אויף איהר) איך? פאַרוואָס זאָל א י ך דאָס דען טאָן? אוועקשטופּען דעם געדאַנק?

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ס : אָח, האַלוואַרד, איך פערשטעה דיך גאַנץ גוט. דו ווילסט מיך שאַנעווען, און געפינען תּרוצים פאר מיר אויך וויפיעל דו קענסט נור.

ס אַ ל נ ע ם : (ערשטוינט) פאַר דיר! רעדסטו וועגען ד י ר וועגען זיך אַליין, אַלינאַ?

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ם : נו, יאָ, וועגען וועמען דען זאָל איך רעדען?

ס אַ ל נ ע ם : (ניט ווילענדיג צו זיך אַליין) נאָך ד אָ ס האָט געפעהלט!

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ם : וועגען דאָס אַלטע הויז וואָלט איך גאָרניט געזאָרגט. איין מאָל האָט דאָס אומגליק געדאַרפט קומען, דאַן...

ס אַ ל נ ע ם : דאָס האָסט דו רעכט. פון קיין אומגליק אַנטלויפט מען ניט, ווי מען זאָגט.

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ם : אָבער דאָס שרעקליכע, וואָס איז ארויסגעקומען, פונ'ם פייער — ! דאָס איז עס! ד אָ ס, דאָס!

ס אַ ל נ ע ם : (היציג) ניט טראַכט וועגען דעם, אַלינאַ!

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ם : אָה, ד אָ ס איז גראָד, וועגען וואָס איך מוז טראַכטען. און איצט מוז איך עס טאַקע ארויסרעדען אויך, ווייל איך קען עס שוין מעהר ניט אריבערטראָגען! און דאַן, וואָס איך קען מיר אַליין קיין מאָל ניט פערגעבען!...

ס אַ ל נ ע ם : (שרייט אויס) וואָס, דו קענסט ד י ר ניט פערגעבען?

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ם : יאָ, וואָרים איך האָב דאָך געהאַט צווייערליי פליכטען: צו דיר און צו די קינדער. איך האָב זיך געדאַרפט שטאַרקען, ניט צוטומעלט ווערן אין שרעק — אָדער פון יסורים, וואָס איך האָב פערלאָרען מיין היים. (ברעכט די הענד.) אָה, ווען איך וואָלט דאָס נאָר געקענט, האַלווארד!

ס אַ ל נ ע ם : (קומט נעהענטער, גערירט און מילד) אַלינאַ, דו מוזט מיר פערשפּרעכען, מעהר זיך אין אזוינע געדאַנקען ניט אריין צו לאָזען. פערשפּרעך דאָס מיר!

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ם : דו ליעבער גאָט! —— פערשפּרעכען! פערשפּרעכען קען מען אַלעס...

ס אַ ל נ ע ם : (פרעסט צוזאַמען די הענד און געהט איבער'ן

צימער) אָה, מען קען פערצווייפלען! קיין איין שטראהל פון דער זון! ניט צום מאָל אַ העלער שיין צו בעלייכטען אונזער היים!

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: דאָס א י ז ניט קיין היים, האָל־ווארד.

ס אָ ל נ ע ס: אָה, ניין. דאָס איז דער גאנצער אמת. (מיט אַ שווערען געמיט) און גאָט ווייס, אויב דו האָסט ניט רעכט, אַז עס וועט אונז אין דעם נייען הויז אויך ניט בעסער זיין!

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: עס וועט קיין מאָל ניט בעסער זיין, פונקט אזוי פוסט, פונקט אזוי עלענד, דאָרטען ווי דאָ.

ס אָ ל נ ע ס: (מיט היטץ) אָבער, אום גאָטעס ווילען, צו וואָס האָבען מיר עס געבויט? קענסטו מיר ערקלערען?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: ניין, אויף דער פראגע מוזט דו אליין ענטפערען.

ס אָ ל נ ע ס: (קוקט אויף איהר ערשטוינט) וואָס מיינסט דו ד ע ר מ י ט, אלינא?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: וואָס איך מיין?

ס אָ ל נ ע ס: יא, צום טייפעל —! דו האָסט עס געזאָגט אזוי מאָדנע — ווי עס וואָלט אין דעם געווען עפּעס אַ פערבאָר־גענער געדאנק.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: ניין, גאָרנישט; דו מעגסט זיין זיכער...

ס אָ ל נ ע ס: (קומט צו נעהענטער) אָה, עס איז ניט נעט־היג — איך וויים וואָס איך וויים. איך האָב אָפען מיינע אויגען, און מיינע אויערען, אלינא, קענסט זיך פערלאָזען אויף מיר!

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: וואָס רעדסטו דען? ו ו אָ ס איז עס אזוינס?

ס אָ ל נ ע ס: (שטעלט זיך קעגען איהר) ווילסטו מיר איינ־ריידען, אַז דו געפינסט ניט עפּעס אַ פערבאָרגענעם געדאנק אין יעדען אונשולדיגען וואָרט, וואָס איך רעד ארוים?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: א י ך, זאָגסט דו? איך טו דאָס?

ס אָ ל נ ע ס: (לאַכט) חא־חא־חא! עס איז גאָר קיין

וואונדער ניט, אלינא! ווען דו מוזט זיך קווענקלען מיט א קראנקען מאן אין הויז.

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ס: (מיט אנגסט) ק ר אַ נ ק? דו ביסט קראנק, האַלווארד?

ס אַ ל נ ע ס: (פּלאַצט אַרויס) אָדער מיט א האלב־פּעררי־טען מאַן! א משוגענעם מאַן! רוף מיך, ווי דו ווילסט!

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ס: (טאַפּט אָן א שטוהל און זעצט זיך) האַלווארד — אום גאָטעס ווילען!

ס אַ ל נ ע ס: אָבער, איהר האָט ביידע א טעות, אי דו, אי דער דאָקטאָר. ניט דאָס איז די צרה מיט מיר. (ער שפּאַצירט אַרום אין צימער. פרוי סאָלנעס קוקט איהם נאָך מיט אַנגסט. ענדליך געהט ער צו צו איהר. רוהיג) אין גרונד גענומען פעהלט מיר גאָר נישט.

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ס: ניין, ניט וואהר? וואָס זשע איז דאָך מיט דיר?

ס אַ ל נ ע ס: די צרה איז, וואָס איך פיהל אָפט, ווי איך זינק אַרונטער אונטער דעם שווערען לאַסט פון שולדען...

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ס: שולדען, זאָגסט דו? אָבער דו ביסט דאָך קיינעם גאָר נישט שולדיג, האַלווארד!

ס אַ ל נ ע ס: (מילד, מיט געפיהל) איך בין ד י ר שול־דיג אָן אונענדליכען חוב — ד י ר, ד י ר, אלינא.

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ס: (הויבט זיך לאַנגזאַם אויף) וואָס שטעקט הינטער אַלעם דעם? זאָג מיר בעסער גלייך.

ס אַ ל נ ע ס: עס ש ט ע ק ט גאָר ניט הינטער דעם. איך האָב דיר קיין מאָל קיין שלעכטס ניט געטאָן. יעדענפאלס ניט, וויסענדיג אָדער ווילענדיג. און דאָך — און דאָך דאכט מיר, אז עפּעס א שווערע שולד ליעגט אויף מיר און בויגט מיך צו דער ערד.

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ס: א שולד געגען מ י ר?

ס אַ ל נ ע ס: הויפּטזעכליך געגען דיר.

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ס: אויב אזוי, ביסט דו טאקע קראנק,

האָלוואַרד.

ס אָ ל נ ע ס : (מיט אַ שווערען געטישטה) אָפּנים עס מוז אַזוי זיין, אָדער ניט ו ו י י ט דערפון. (ער קוקט אויף דער טיר רעכטס, וועלכע עפענט זיך) אה, איצט ווערט ליכטיג!

ה י ל ד א ו ו א נ ג ע ל : (קומט אריין; זי האָט אביסעל געענדערט איהר קאָסטיום, דאָס קלייד איז אַראָפּגעלאָזען).

ה י ל ד א : גוט מאָרגען, בוי־מייסטער!

ס אָ ל נ ע ס : (פערנייגט זיך) האָט איהר גוט געשלאָפען?

ה י ל ד א : וואונדערבאר גוט! ווי אין א וויגעל. אה — איך בין געלעגען און האָב זיך אויסגעצויגען — ווי א פּרינצעסין!

ס אָ ל נ ע ס : (שמייכעלט) הייסט עס, ס'איז אייך געווען גאַנץ בעקוועם?

ה י ל ד א : איך מיין עפּעס אַזוי.

ס אָ ל נ ע ס : און איהר האָט וואהרשיינליך געטרוימט אויך?

ה י ל ד א : געוויס. אָבער דאָס איז געווען שרעקליך.

ס אָ ל נ ע ס : אַזוי?

ה י ל ד א : יא, דען עס האָט זיך מיר געחלומ'ט אַז איך בין אַראָבגעפאַלען פון אַן אונגעהייער הויכער פעלזענוואַנד. חלומ'ט זיך אייך קיינמאָל ניט אַזעלכע חלומות?

ס אָ ל נ ע ס : אָה, יא. מאַנכעס מאָל...

ה י ל ד א : עס איז אַזוי שפּאַנענד — ווען מען פאַלט און פאַלט...

ס אָ ל נ ע ס : עס פיהלט זיך ווי דאָס בלוט וואָלט ווערען פערקיהלט.

הי ל ד א : ציהט איהר אַרויף די פיס אונטער זיך, ווען איהר פאַלט?

ס אָ ל נ ע ס : יא, אַזוי הויך ווי איך קען נור.

ה י ל ד א : איך טו עס אויך.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (נעהמט איהר שירם) איצט מוז איך

געהן אין שטאָדט, האַלוואַרד. (צו הילדען) און איך וועל זעהן איינ־קויפען פ א ר א י י ך איינינגע זאַכען.

ה י ל ד אַ : (ווייל זי אַרומנעהמען) אַך, ליעבע, טייערע פרוי סאַלנעס! איהר זייט ווירקליך צו גוט צו מיר! שרעקליך גוט...

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (זיך לויז מאַכענדיג פון איהר) אַה, דורכאויס ניט. עס איז נישט מעהר ווי מיין פליכט און דאַרום טו איך עס גערן.

ה י ל ד אַ : (בעליידיגט, בלאָזט אָן די ליפען) איבריגענס, דענק איך, אַז איך קען אַזוי אויך אַרויסגעהן אין גאַס, איצט אַז איך האָב מיין קאָסטיום אָביסעל צורעכט געמאַכט. אָדער איהר דענקט אַז ניט?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : דעם אמת זאָגענדיג, דענק איך, אַז מען וואָלט אייך אָנגעקוקט אָביסעל.

ה י ל ד אַ : (מיט פעראַכטונג) עט! נישט מעהר ווי דאָס? עס וואָלט מיר נור שפּאַס געמאַכט.

ס אָ ל נ ע ס : (מיט פערשטיקטען פערדרוס) יאָ, אָבער מענשען קענען זיך נאָך אַריינגנעהמען אין קאָפּ, אַז א י ה ר זייט אויך משוגע.

ה י ל ד אַ : משוגע? זיינען דען דאָ אין שטאָדט פאַראַנען אַזוי פיעל משוגעים?

ס אָ ל נ ע ס : (ווייזט אויף זיין שטערען) דאָ זעהט איהר איינעם, יעדענפאַלס.

ה י ל ד אַ : איהר — הערר סאָלנעס!

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : אָבער, ליעבער האַלוואַרד!

ס אָ ל נ ע ס : האָט איהר דען דאָס נאָך ניט בעמערקט?

ה י ל ד אַ : ניין, דאָס האָב איך געוויס ניט בעמערקט. (זי בעדענקט זיך און שמייכעלט) און דאָך —— אין איין איינציגען פונקט פיליייכט.

ס אָ ל נ ע ס : נאַ, דו הערסט, אַלינאַ?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : וואָס איז עס פאַר א פונקט, פרייליין וואַנגעל?

ה י ל ד א : ניין, איך וועל ניט זאָגען.
ס אָ ל נ ע ס : אָה, יא. זאָגט עס!
ה י ל ד א : ניין, א דאַנק אייך, אזוי פעררי̇קט בין א י ך ניט.
פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : ווען דו וועסט בלייבען אליין מיט פריילין וואנגעל, וועט זי דאָס דיר שוין זאָגען, האַלוואַרד.
ס אָ ל נ ע ס : אזוי דענקסט דו?
פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : יא, געוויס. דו קענסט דאָך זי אזוי גוט פון פריהער. נאָך אלס קינד, זאָגסט דו. (אָב דורך די טיר לינקס.)
ה י ל ד א : (נאָך א קליינער פּאוזע) האָט אייער פרוי מיך זעהר פיינד?
ס אָ ל נ ע ס : האָט איהר דען עפּעס בעמערקט?
ה י ל ד א : און איהר אליין האָט דאָס דען ניט בעמערקט?
ס אָ ל נ ע ס : (אויסוויי̇כענדיג) אלינא איז געוואָרען אזוי שעמעדיג מיט פרעמדע מענשען די לעצטע פּאָר יאָהר.
ה י ל ד א : ווירקליך?
ס אָ ל נ ע ס : אָבער ווען איהר וואָלט זי געקענט — זי איז אזוי פיין, אזוי טריי, אזוי גוטהערציג.
ה י ל ד א : (אונגעדולדיג) אָבער אויב זי איז דאָס אלעס, פאַר וואָס זשע האָט זי אזוי גערעדט פון פליכט?
ס אָ ל נ ע ס : פון פליכט?
ה י ל ד א : זי האָט געזאָגט, זי וועט געהן אין שטאָדט און מיר עטוואָס קויפען, ווייל עס איז איהר פ ל י כ ט. אָך, איך קען ניט ליידען דאָס העסליכע וואָרט פליכט!
ס אָ ל נ ע ס : וואָרום דען?
ה י ל ד א : עס קלינגט אזוי קאַלט, שאַרף און שטעכעדיג. פליכט — פליכט — פליכט. דוכט זיך אייך ניט אז עס שטעכט אייך דורך?
ס אָ ל נ ע ס : הם — איך האָב ווענען דעם ניט נאָכגע־דענקט.
ה י ל ד א : אָבער עס איז דאָך אזוי! און אויב זי איז

טאקע אזוי גוט — ווי אַ'הר זאָגט — צו וואָס דאַרף זי אַזוי רעדען?

ה י ל ד א : אָבער, מיין גאָט, ווי דען וואָלט איהר וועלען זי זאָל האָבען געזאָגט?

ה י ל ד א : זי האָט געקענט זאָגען, אַז זי טוט עס ווייל איך געפעל איהר זעהר. אונגעפעהר אזוי האָט זי געקענט זאָגען — עפּעס אזוינס וואָס וואָלט געווען ווארעם און הערצליך, פערשטעהסט איהר מיך.

ס אָ ל נ ע ס : (קוקט זי אָן) הייסט עס, אָט אזוי האָט איהר עס געוואָלט האָבען?

ה י ל ד א : יא, פּונקט אויף א ז א ארט. (זי געהט אַרום אין צימער, שטעלט זיך אָפּ ביי אַ ביכער־שראַנק און קוקט אויף די ביכער.) איהר האָט א סך ביכער!

ס אָ ל נ ע ס : יא, איך האָב מיר איינגעשאַפט א היבש ביסעל.

ה י ל ד א : און איהר לעזט זיי טאקע אַלע?

ס אָ ל נ ע ס : אמאָל פלעג איך עס פּרובירען. לעזט איהר?

ה י ל ד א : ניין, קיין מאָל ניט. איך האָב עס אויפגעגעבען. עס איז אין גאַנצען, מיר דוכט, אַן איבעריגע זאַך.

ס אָ ל נ ע ס : אקוראַט אזוי פיהל איך אויך וועגען דעם.

ה י ל ד א : (געהט וויעדער אַרום, שטעלט זיך אָב ביים קליינעם טישעל, עפענט די פּאָרטפּאָליע און בלעטערט דאָרט) זיינען ז'אָס אַל'ץ אייערע צייכנונגען?

ס אָ ל נ ע ס : ניין. עס האָט זיי געמאכט א יונגערמאַן, וועלכער ארבייט ביי מיר.

ה י ל ד א : איינער, וועמען איהר האָט געלערנט?

ס אָ ל נ ע ס : אָה, יא. אָהן צווייפעל האָט ער פון מיר אויך עטוואָס נעלערנט.

ה י ל ד א : (זעצט זיך) דאַן מוז ער זיין זעהר געשיקט, (בעטראַכט די צייכנונגען) ניט וואהר?

ס אָ ל נ ע ס : אָה, ניט שלעכט. פאַר מ י י ן צוועק —

הילדא: אָה, יא — איך בין זיכער אַז ער איז שרעקליך געשיקט!

סאַלנעס: זעהט איהר דאָס ארויס פון זיינע צייכנונגען?

הילדא: עט — פון אָט די פּאַטשקעריי! אָבער איין מאָל האָט ער ביי איך געלערנט, דאָן...

סאָלנעס: אָה, וואָס קעהר זיך אָן צו דעם — זיינען דאָ פיעלע, וואָס האָבען ביי מיר געלערנט און זיינען דאָך ניט ווייט אוועק.

הילדא: (קוקט אויף איהם און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) ניין, איך קען פאַר קיין פאַל ניט פערשטעהן, ווי איהר קענט זיין אַזוי נאַריש?

סאָלנעס: נאַריש? זעה איך דען אויס אַזוי נאַריש?

הילדא: נו, גאַנץ געוויס. אויב איהר זייט צופריעדען זיך אָבצוגעבען דערמיט און לערנען אָט די אַלע לייטע...

סאָלנעס: (לייכט אויפּבאַפּענדיג זיך) יא, פאַר וואָס דען ניט?

הילדא: (שטעהט אויף האַלב לאַכענדיג און האַלב ערנסט) אַך, ניין, בוימייסטער! צו וואָס נוצט עס? קיינער, אויסער א י י ך, דאַרף ניט האָבען דאָס רעכט צו בויען. איהר מוזט שטעהן גאַנץ אַליין! איהר אַליין דאַרפט אַלעס טהאָן. איצט ווייסט איהר שוין?

סאָלנעס: (ניט ווילענדיג) הילדא! —

הילדא: נו!

סאָלנעס: ווי אַזוי איז דאָס איך געקומען אויף די געדאַנקען?

הילדא: דענקט איהר דען, אַז איך בין אַזוי שטאַרק אונגערעכט?

סאָלנעס: ניין. ניט דאָס האָב איך געמיינט. נור איצט וועל איך איך עפּעס זאָגען.

הילדא: נו?

סאָלנעס: איך האָב זיך אָהן אָן אויפהער — שטיל און איינזאַם — ארומגעטראָגען מיט דיעזען געדאַנק.

ה י ל ד א : נו, דאָס איז, דאַכט מיר, גאַנץ נאַטירליך.

ס אָ ל נ ע ס : (קוקט אויף איהר פאָרשענד) אפשר האָט איהר דאָס שוין בעמערקט?

ה י ל ד א : ניין, ווירקליך ניט.

ס אָ ל נ ע ס : אָבער פריהער — ווען איהר האָט געזאָגט, אז איהר האַלט מיך פאר עטוואָס צודרעהט? אין איין פונקט, האָט איהר געזאָגט...

ה י ל ד א : אָה, דאַן האָב איך געדענקט וועגען גאָר עפּעס אנדערס.

ס אָ ל נ ע ס : וועגען וואָס אַנדערס?

ה י ל ד א : איך וועל אייך ניט אויסזאָגען.

ס אָ ל נ ע ס : (שפּאַציערט איבער'ן צימער) ווי איהר ווילט זיך. (בלייבט שטעהן ביים פענסטער) קומט אהער, איך וויל אייך עפּעס ווייזען.

ה י ל ד א : (צוקומענדיג) וואָס איז דאָס אזוינס?

ס אָ ל ע נ ס : איהר זעהט — דאָרט אין גאָרטען —— ?

ה י ל ד א : יא?

ס אָ ל נ ע ס : (ווייזט מיט'ן פינגער) דאָרט פונקט איבער'ן גרויסען שטיינ־פעלד?

ה י ל ד א : דאָס נייע הויז מיינט איהר?

ס אָ ל ג ע ס : וואָס האַלט זיך אין בויען, יא. און כמעט געענדיגט.

ה י ל ד א : דאַכט מיר, עס האָט זעהר א הויכען טורעם.

ס אָ ל נ ע ס : דאָס ברעטער־געשטעל איז נאָך ניט ארונטערגענומען געוואָרען.

ה י ל ד א : איז דאָס אייער נייע הויז?

ט אָ ל נ ע ס : יא.

ה י ל ד א : דאָס הויז, אין וועלכען איהר וועט באַלד אריינציהען?

ס אָ ל נ ע ס : יא.

הילדא: (קוקט אויף איהם) זיינען אין יענעם הויז אויך פאראנען קינדער־צימערן?

סאלנעס: דריי, פונקט ווי דא.

הילדא: און קיינע קינדער?

סאלנעס: און עס וועלען שוין קיינמאל קיין קינדער ניט זיין.

הילדא: (האלב שמייכלענדיג) נו, בין איך ניט געווען גערעכט — ?

סאלנעס: אין וואס — ?

הילדא: אז איהר זייט דאך — עטוואס פערריקט.

סאלנעס: וועגען דעם האט איהר דאס געטראכט?

הילדא: יא, וועגען די אלע פוסטע קינדער־צימערן, אין וועלכע איך בין געשלאפען.

סאלנעס: (שטילער) מיר האבען געהאט קינדער — אלינא און איך.

הילדא: (קוקט אויף איהם געשפאנט) איהר האט.....?

סאלנעס: צוויי קליינע אינגעלעך. זיי זיינען געווען אין איין עלטער.

הילדא: א צווילינג, הייסט עס?

סאלנעס: יא, א צווילינג. עס איז שוין אין דעם עלף אדער צוועלף יאהר.

הילדא: פארזיכטיג) אוןביידע זיינען — ? איהר האט, הייסט עס, ביידע קינדער פערלארען?

סאלנעס: (שטיל, בעוועגט) א דריי וואכען האבען מיר זיי געהאט. אדער כמעט אזוי פיעל צייט. (פלאצט ארוים) אה, הילדא, איך קען אייך גאר ניט זאגען ווי גוט עס איז פאר מיר, וואס איהר זייט געקומען! דען איצט האב איך ענדליך צו וועמען צו רעדען!

הילדא: קענט איהר דען ניט רעדען צו — צו איהר?

סאלנעס: ניט וועגען דעם. ניט אזוי ווי איך וויל

און מוז רעדען. (מיט אַ שווערע געסיטשה) און אויך ניט וועגען נאָך פיעלע אַנדערע זאַכען.

הילדא: (מיט אַן אונטערדריקטער שטימע) איז דאָס אַלעס, וואָס איהר האָט געמיינט בעת איהר האָט געזאָגט, אַז איהר דאַרפט מיך האָבען?

סאָלנעס: דאָס איז געווען די הויפּט־זאַך וואָס איך האָב געמיינט — ווענינגסטענס נעכטען. ווייל היינט בין איך שוין ניט אַזוי זיכער —— (אונטערברעכט זיך) קומט אהער און לאָמיר זיך אַוועקזעצען, הילדא. זעצט זיך דאָרט אויפ׳ן זאָפּא — אַזוי אַז איהר זאָלט קענען קוקען אין גאָרטען. (הילדאַ זעצט זיך אין אַ ווינקעל אויפ׳ן זאָפּא. סאָלנעס ברייננט צו אַ שטוהל) ווילט איהר מיך אויסהערען?

הילדא: יא, איך וועל אייך זעהר, זעהר גערן אויסהערען.

סאָלנעס: (זעצט זיך) אויב אַזוי, וועל איך אייך אַלעס דערציילען.

הילדא: איצט קען איך זעהן אי דעם גאָרטען, אי אייך, בוימייסטער. אַלזאָ, איצט דערצעהלט. הויבט אָן!

סאָלנעס: (ווייזט אויפ׳ן פענסטער) אָט דאָרט אין דרויסען, אויפ׳ן בערגעל — וואו איהר זעהט דאָס נייע הויז —

הילדא: נו?

סאָלנעס: דאָרט האָבען מיר, איך און אַלינא, געוואוינט די ערשטע יאָהרען נאָך אונזער חתונה. דאָרט אויבען איז געשטאַנען אַן אַלט הויז, וואָס האָט בעלאַנגט צו איהר מוטער; מיר האָבען דאָס גע׳ירש׳נט; און דערצו אויך דעם גאַנצען, גרויסען גאָרטען.

הילדא: איז אויף יענעם הויז אויך געווען אַ טורעם?

סאָלנעס: ניין, אפילו קיין שפור ניט. פון דרויסען האָט עס אויסגעזעהען ווי אַ גרויסער, פינסטערער און העסליכער, הילצערנער קאַסטען; נור אינוועניג איז פון דעסטוועגען געווען גאַנץ נעט און בעקוועם.

הילדא: האָט איהר ארונטערגעריסען די אַלטע גע־ביידע?

סאָלנעס: ניין, עס איז פערברענט געוואָרען.

הילדא: אינגאנצען?

סאָלנעס: יא.

הילדא: איז עס פאר אייך געווען א גרויסער אונגליק?

סאָלנעס: עס ווענדעט זיך, ווי מען קוקט דערויף. אַלס בוימייסטער האָב איך אין גאנצען צו פערדאנקען דעם פייער —

הילדא: נו, נור — ?

סאָלנעס: עס איז געווען באַלד נאָך דעם ווי די צוויי אינגעלעך זיינען געבאָרען געוואָרען.

הילדא: דער אָרעמער צווילינג, יא.

סאָלנעס: זיי זיינען געקומען געזונד און שטארק אויף דער וועלט, און זיי זיינען אזוי גוט געוואקסען, אז מען האָט עס געקענט מערקען פון טאָג צו טאָג.

הילדא: קליינע קינדערלעך וואקסען זעהר שנעל אין אָנהויב.

סאָלנעס: עס איז געווען דאָס שענסטע בילד אין דער וועלט צו זעהן אַלינאַן ליעגענדיג מיט זיי ביידען אין איהרע אָרעמס.... אָבער דאַן איז געקומען די נאכט פון דעם פייער...

הילדא: (געשפאנט) וואָס זשע איז געשעהן? זאָגט, איז אימיצער אומגעקומען?

סאָלנעס: ניין, דאָס ניט. יעדער איז גערעטעט גע־וואָרען פון הויז...

הילדא: נו, וואָס קומט ווייטער? ——

סאָלנעס: דער שרעק האָט אַלינאַ'ן זעהר ערשיטערט. דער ליארעם, דאָס אנטלויפען פון הויז, די איילענעס, און דערצו נאָך די אייז־קאַלטע לופט יענע נאכט, ווייל מען האט זיי געמוזט ארויסטראָגען אזוי ווי זיי זיינען געלעגען, אי איהר אי די קינ־דער ——

הילדא: און זיי האָבען עס ניט אריבערגעטראָגען?

ס אַ ל נ ע ס : אַה, ז י י האָבען עס גראד אריבערגעטראָגען. נור אַלינאַ האָט בעקומען דאָס פיבער און עס איז אריין אין די מילך. זי האָט נור געוואָלט זיי אַליין זויגען. ווייל דאָס איז געווען איהר פליכט, האָט זי געזאָגט. און אונזערעביידע אינגעלעך — זיי —— (ער פרעססט צונויף די הענד) זיי — אַה!

ה י ל ד א : זיי האָבען דאָס ניט אריבערגעטראָגען?

ס אַ ל נ ע ס : ניין, דאָס האָבען זיי ניט אריבערגעטראָגען. און אָט אזוי האָבען מיר זיי פערלאָרען.

ה י ל ד א : דאָס האָט פאר איך געמוזט זיין שרעקליך שווער.

ס אַ ל נ ע ס : שווער גענוג פאר מיר. אָבער צעהן מאָל שווערער פאַר אַלינאַן (ער פרעסט צונויף די הענד אין איינגעהאַלטענער אויפרעגונג) אַה, אז אַזעלכע זאכען זאָלען טרעפען אויף דער וועלט! (קורץ און פעסט) פון דעם טאָג אָן וואָס איך האָב זיי פערלאָרען, האָב איך מעהר קיין הארץ ניט צו בויען קירכען.

ה י ל ד א : האָט איהר ניט גערן געבויט דעם קירכען־טורעם ביי אונז אין שטאָדט?

ס אַ ל נ ע ס : ניט גערן. איך געדענק, ווי פריי און לייכט איך האָב געפיהלט ווען דער טורעם איז געווען געענדיגט.

ה י ל ד א : א י ך געדענק דאָס אויך.

ס אַ ל נ ע ס : און יעצט וועל איך שוין קיין מאָל ניט, — קיין מאָל ניט בויען עפּעס אזעלכעס, ניט קיין קירכען און ניט קיין קירכען־טורעמס.

ה י ל ד א : (שאָקעלט לאַנגזאַם מיט'ן קאָפּ) נור הייזער וואו מענשען זאָלען וואָהנען.

ס אַ ל נ ע ס : היימען פאר מענשען, הילדא.

ה י ל ד א : אָבער היימען מיט הויכע טורעמס און מיט שפּיצען אויף זיי.

ס אַ ל נ ע ס : דאָס אם ליעבסטען (געהט איבער אין אַ לייכטען טאָן) נאָר, ווי איך האָב פריהער געזאָגט, דאָס פייער האָט מיך אויפגעריכט — אלס בוימייסטער, מיין איך.

ה י ל ד א :פּאַרוואָס רופט איהר זיך ניט אַרכיטעקט, ווי די אַנדערע ?

ס אָ ל נ ע ס : איך האָב דערצו ניט קיין גענוג סיסטעמאַ־טישע בילדונג. דאָס מעהרסטע וואָס איך קען, האָב איך אַליין אויסגעפונען.

ה י ל ד א : אָבער טראָץ דעם זייט איהר הויך געשטיגען, בוימייסטער.

ס אָ ל נ ע ס : יע, צו פערדאַנקען דעם פייער. כמעט דעם גאַנצען גאָרטען האָב איך צוטהיילט אין בוי־פּלעצער פאַר ווילאַס; און ד אָ ר ט האָב איך געקענט בויען ווי איך האָב געוואָלט. אַזוי בין איך זעהר שנעל פאָרווערטס געגאַנגען.

ה י ל ד א : (קוקט אויף איהם פאָרשענד) איהר מוזט זיין זעהר אַ גליקליכער מענש, אַז עס געהט אייך אַזוי.

ס אָ ל נ ע ס : (פינסטער) גליקליך ? איהר זאָגט עס אויך — ווי אַלע אַנדערע ?

ה י ל ד א : יא, איך דענק, איהר זייט עס. ווען איהר וואָלט נור קענען אויפהערען דענקען וועגען די צוויי קינדערלעך, דאַן . . .

ס אָ ל נ ע ס : (לאַנגזאַם) די צוויי קינדערלעך — זיי קען איך ניט אַזוי גרינג פערגעסען, הילדא.

ה י ל ד א : (עטוואָס אונזיכער) פיהלט איהר נאָך אַלץ דעם פערלוסט אַזוי שטאַרק — נאָך אַזוי פיעל לאַנגע יאָהרען ?

ס אָ ל נ ע ס : (קוקט זי פעסט אָן, ניט ענטפערענדיג) אַ גליק־ליכער מענש, האָט איהר ג ע ז אָ ג ט.

ה י ל ד א : יא, אָבער זייט איהר דען ניט גליקליך אין אַנ־דערע הינזיכטען ?

ס אָ ל נ ע ס : (קוקט אַלץ אויף איהר) ווען איך האָב אייך דאָס אַלעס דערצעהלט וועגען פייער — הם —

ה י ל ד א : נו ?

ס אָ ל נ ע ס : איז ניט געווען דעריין איין ספּעציעלער גע־דאַנק, וואָס איז אייך געוואָרען אויפפאַלענד ?

ה י ל ד א : (טראכט, אוז קען ניט דערטראכטען) ניין, וואָס פאר א געדאנק זאָל דאָס זיין ?

ס אָ ל נ ע ס : (מיט איינגעהאַלטענער בעטאָנונג) נור דורך דעם פייער האָב איך געקענט קומען דערצו צו בויען מענשליכע היימען. בעקוועמע, שעהנע און ליכטיגע היימען, וואו פאָטער און מוטער מיט זייערע מתנות קינדער קענען וואָהנען זיכער און צופריערען, פיהלענדיג וואָס פאר א גוטע זאך עס איז צו לעבען אויף דער וועלט, און דער עיקר צו געהערען איינער צום צווייטען, ווי אין די גרויסע, אזוי אין די קלענערע אנגעלעגענהייטען.

ה י ל ד א : (מיט היטץ) נו, און איז עס דען ניט א גרויס גליק פאר איך צו קענען בויען אזעלכע פראכטפאָלע היימען ?

ס אָ ל נ ע ס : אָבער דער פּרייז, הילדא ! דער שרעקליכער פּרייז, וואָס איך האָב געמוזט בעצאָהלען, כדי צו קומען דערצו !

ה י ל ד א : אָבער קענט איהר דאָס שוין ק י י ן מ אָ ל ניט פערגעסען ?

ס אָ ל נ ע ס : ניין, כדי צו קענען בויען היימען פאר אנ־דערע, האָב איך געמוזט פערלירען — אויף אייביג פערלירען — די האָפנונג צו האָבען אן אייגענע היים. איך מיין א היים פאר א מהנה קינדערלעך — און פאר א פאָטער און מוטער אויך.

ה י ל ד א : (פאָרזיכטיג) אָבער, האָט איהר דאָס דען ג ע ־ מ ו ז ט טאָן ? און ווי זאָגט איהר, אויף אייביג ?

ס אָ ל נ ע ס : (שאָקעלט לאַנגזאַם מיט'ן קאָפּ) ד אָ ס איז געווען דער פּרייז פאר דעם גליק, וועגען וועלכען מענשען רעדען אזוי פיעל. (אָטהעמט שווער) ד אָ ס גליק — ה'ם — ד אָ ס גליק האָט מען בילינער ניט געקענט קויפען, הילדא.

ה י ל ד א : (ווי פריהער) אָבער קען דאָס דען ניט נאָך א מאָל גוט ווערען.

ס אָ ל נ ע ס : ניין, קיין מאָל ניט. דאָס איז נאָך א פאָלגע פון'ם פייער — און פון אלינא'ס קראנקהייט דערנאָך.

ה י ל ד א : (קוקט אויף איהם מיט אן אונבעשטימטען אויס־דרוק) און דאך בויט איהר אָט די קינדער־צימערן ?

ס אָ ל נ ע ס : (ערנסט) האָט איהר קיין מאָל ניט געמערקט, הילדא, ווי דאָס אונמעגליכע — רייצט און רופט ?

ה י ל ד א : (נאָכדענקענדיג) דאָס אונמעגליכע ? (בעלעבט) געוויס ! פיהלט איהר אויך אזוי ?

ס אָ ל נ ע ס : יא, אזוי פיהל איך.

ה י ל ד א : דאן מוז אין אייך אויך שטעקען עפּעס א נישט־גוטער.

ס אָ ל נ ע ס : פארוואָס א נישט־גוטער ?

ה י ל ד א : ווי דען וואָלט א י ה ר דאָס רופען ?

ס אָ ל נ ע ס : (הויבט זיך אויף) עס קען זיין, אז איהר זייט גערעכט. (האסטיג) אָבער ווי אזוי זאָל איך ניט ווערען א נישט־גוטער, אז דיר געהט אזוי אימער — אין אלעס —אין אלעס !

ה י ל ד א : ווי מיינט איהר דאָס ?

ס אָ ל נ ע ס : (שטיל, אינערליך בעוועגט) בעטראכט גוט, וואָס איך זאָג אייך, הילדא. אלעס, אין וואָס איך האָב געהאט ערפאָלג, דאָס בויען און שאפען — די גאנצע פּראכט, זיכערקייט, לוסטיגע בעקוועמליכקייט — יא, אפילו ערהאבענקייט — (פּרעסט צונויף די הענד) אָה, ווי שרעקליך עס איז צו דענקען וועגען דעם...

ה י ל ד א : וואָס איז אזוי שרעקליך ?

ס אָ ל נ ע ס : וואָס פאר דאָס אלעס מוז איך אָבקומען, אָבצאָהלען — ניט מיט געלד, נור מיט מענשליכען גליק. און ניט נאָר מיט מיין אייגען גליק, נור מיט דעם גליק פון אנדערע מענשען אויך. יא, יא, איהר זעהט, הילדא ? אָט, דאָס איז דער פּרייז וואָס מיין גליק האָט מיך געקאָסט — מיך און אנדערע. און טאָג איין טאָג אויס מוז איך צוזעהן ווי מען צאָהלט פאר מיר דעם פּרייז אויפ׳ס ניי. וויעדער און וויעדער — אימער וויעדער !

ה י ל ד א : (הויבט זיך אויף און קוקט זיך איין אין איהם) איצט ווייס איך וועגען וואָס איהר דענקט — וועגען א י ה ר.

ס אָ ל נ ע ס : יאָ, הויפּטזעכליך וועגען אלינא׳ן. ווייל אלינא — אויך זי האָט געהאט א בערוף אין לעבען, פּונקט ווי איך האָב געהאט מיין בערוף. (זיין שטימע ציטערט) אָבער איהר בערוף

האָט געמיזט ווערן צודריקט, צוריבען און פערניכטעט, כדי מיינער זאָל קענען זיך דורכרייסען א וועג און דערגרייכען דאָס, וואָס זעהט אויס ווי א גרויכער זיעג. דען איהר מוזט וויסען, אז אלינא האָט אויך געהאט א טאַלאַנט צו בויען.

הילדא: זי? צום בויען?

סאָלנעס: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) ניט קיין הייזער און טורעמס, און טורעם־שפּיצען — ניט די אלע זאכען מיט וועלכע איך פערנעהם זיך...

הילדא: וואָס דען?

סאָלנעס: (מילד און בעוועגט) צו בויען קינדערשע נשמה־לעך, הילדא. אויפצובויען קינדערשע נשמה'לעך, פאָלקאָם באַלאַנסירט און אין שעהנע, עדעלע פאָרמען. זיי זאָלען קענען זיך דערהויבען און ווערען אויפריכטיגע דערוואקסענע מענשליכע נשמות. צו דעם האָט אלינא געהאט טאַלאַנט. און אָט דאָס אלעס ליעגט איצט אונבענוצט און אוננוצבאר אויף אייביג — קיין שום טובה קומט קיינעם דערפון ניט ארויס — פונקט ווי דער חורבן, וואָס בלייבט נאָך א שרפה.

הילדא: יא, אָבער ווען אפילו עס איז אזוי — !

סאָלנעס: עס איז אזוי! עס איז! איך וויים עס!

הילדא: נו, גוט, אָבער יעדענפאלס איז עס דאָך ניט **אייער** שולד.

סאָלנעס: (ווארפט זיין בליק אויף איהר, און שאָקעלט לאַנגזאַם מיט'ן קאָפּ) אה, **דאָס** איז טאקע די גרויסע, שרעקליכע פראגע. **דאָס** איז דער צווייפעל, וואָס נאָגט מיך בייטאָג און ביינאכט.

הילדא: דאָס?

סאָלנעס: יא. שטעלט זיך פאָר, אז עס איז געווען **מיין** שולד — אין א געוויסען זינן.

הילדא: אייער שולד! דאָס פייער!

סאָלנעס: אין גאנצען; אלין מיט אנאנדער. און דאָך, אפשר — בין איך טאקע גאָר ניט שולדיג געווען אין דעם.

ה י ל ד א : (קוקט אויף איהם מיט א פערזאָרגטער מינע) אך, בוימייסטער — אויב איהר קענט אזוי רעדען, האָב איך מורא, איהר זייט טאַקע פאַרט קראַנק.

ס אָ ל נ ע ס : ה'ם — איך גלויב ניט, אז איך וועל וועןִ עס איז זיין קלאָר אין דעם פונקט.

(ראַגנאַר בראָוויק עפענט פאָרזיכטיג די טיר לינקס. הילדא קומט איהם אַנטקעגען).

ר א ג נ א ר : (דערזעהענדיג הילדען) אך — ענטשולדיגט, הערר סאָלנעס. (מאַכט אַ בעוועגונג צוריק צו געהן.)

ס אָ ל נ ע ס : ניין, ניין, געהט ניט אוועק. לאָמיר פערטיג ווערען דערמיט.

ר א ג נ א ר : אָה, יא — ווען מיר וואָלטען נור געקענט.

ס אָ ל נ ע ס : ווי איך הער, איז אייער פאָטער ניט בעסער ?

ר א ג נ א ר : מיין פאָטער ווערט וואָס א מאָל שוואַכער, און דעריבער בעט איך אייך זעהר און זעהר איהר זאָלט שרייבען א פאָר גוטע ווערטער אויף איינעם פון די פלענער ! דער פאָטער זאָל האָבען צו לעזען איידער ער...

ס אָ ל נ ע ס : (האסטיג) וועגען אייערע צייכנונגען דאַרפט איהר מיט מיר מעהר גאָרניט רעדען !

ר א ג נ א ר : האָט איהר זיי דורכגעקוקט ?

ס אָ ל נ ע ס : יאָ, יאָ, איך האָב דורכגעקוקט.

ר א ג נ א ר : און זיי טויגען ניט ? און איך טויג, הייסט עס, אויך ניט ?

ס אָ ל נ ע ס : (אויסמיידענדיג אַן ענטפער) בלייבט דאָ ביי מיר, ראַגנאַר. איהר קענט אַלעס האָבען, ווי איהר ווילט. און דאַן קענט איהר הייראַטען קאַיאַן און לעבען רוהיג — און אפשר גליקליך אויך, ווער ווייסט ? נור דענקט ניט וועגען בויען אויף אייער אייגענער רעכענונג.

ר א ג נ א ר : נו, נו, דאַן מוז איך געהן אהיים און איבער־געבען דעם פאָטער, וואָס איהר האָט געזאָגט — איך האָב איהם

בערשפּראָכען דאָס צו טאָן. איז אָט דאָס אַלץ וואָס איך קען זאָגען מיין פאָטער איידער ער שטארבט ?

ס אָ ל נ ע ם : (קעמפּפט מיט זיך) אָה, זאָגט איהם — זאָגט איהם וואָס איהר ווילט — פון מיינעט וועגען. דאָס בעסטע איז אָבער, איהם גאָרנישט צו זאָגען! (פּלאָצט פּלוצלונג אַרויס) איך ק ע ן אנדערש ניט האנדלען, ראגנאר!

ר א ג נ א ר : קען איך צוריקנעהמען די צייכנונגען?

ס אָ ל נ ע ם : יא, נעהמט זיי. געוויס! זיי ליעגען דאָרט אויפ'ן טיש.

ר א ג נ א ר : (געהט צום טיש) איך דאנק אייך.

ה י ל ד א : (ליעגט איהר האַנד אויף דער פּאָרטפּאָליע) ניין, ניין; לאָזט זיי דאָ.

ס אָ ל נ ע ם : צו וואָס?

ה י ל ד א : ווייל איך וויל זיי אויך דורכקוקען.

ס אָ ל נ ע ם : אָבער, איהר ה אָ ט דאָך זיי... (צו ראגנארען) נו, לאָזט זיי דאָ.

ר א ג נ א ר : מיט פערגניגען.

ס אָ ל נ ע ם : און געהט גלייך אהיים צו אייער פאָטער.

ר א ג נ א ר : יא, איך רעכען, אז איך מוז געהן.

ס אָ ל נ ע ם : (ווי פערצווייפעלט) ראגנאר — איהר ט אָ ר ט ניט פערלאנגען פון מיר צו טאָן דאָס, וואָס איך קען ניט! איהר הערט, ראגנאר? איהר ט אָ ר ט עס ניט!

ר א ג נ א ר : ניין, ניין, ענטשולדיגט — (ער פערנייגט זיך און געהט אַרוים דורך די טיר אין ווינקעל).

ה י ל ד א : (זעצט זיך אויף א שטוהל ביים שפּיגעל. קוקט בייז אויף סאָלנעסען) דאָס איז געווען זעהר ניט שעהן פון אייער זייט.

ס אָ ל נ ע ם : איהר דענקט אויך אזוי?

ה י ל ד א : יא, עס איז געווען שרעקליך מיאוס און שלעכט, און גרויזאם אויך דערצו.

ס אָ ל נ ע ם : אָה, — איהר פערשטעהט ניט מיין לאגע.

ה י ל ד א : און דאָך — ניין, א י ח ר דאַרפט אַזוי ניט זיין.

ס אָ ל נ ע ס : איהר האָט אַליין ערשט נאַר־וואָס געזאָגט, אַז קיינער אויסער מ י ר דאַרף ניט האָבען דאָס רעכט צו בויען.

ה י ל ד א : זאָ־וואָס מעג א י ך זאָגען — אָבער ניט א י ה ר .

ס אָ ל נ ע ס : איך גיכער פון אַלע. איך, וועלכער האָב אַזוי טייער בעצאָהלט פאַר מיין איצטיגע לאַגע.

הי ל ד א : אה, יא, איהר האָט בעצאָהלט מיט דאָס, וואָס איהר רופט הויזליכע רוה — און דערגלייכען.

ס אָ ל נ ע ס : און דערצו נאָך מיט דעם פריעדען פון מיין זעעלע.

ה י ל ד א : (הויבט זיך אויף) זעעלען־פריעדען ! (מיט געפיהל) יא, יא, דאָ האָט איהר רעכט ! ארעמער בוימייסטער, איהר מיינט, אַז —

ס אָ ל נ ע ס : (מיט אַ שטילען געלעכטער) זעצט זיך נור ווידער אַוועק, און איך וועל אייך דערצעהלען עפּעס אַ שפּאַס.

ה י ל ד א : (זעצט זיך ; געשפּאַנט) נו ?

ס אָ ל נ ע ס : עס קלינגט אַזוי לעכערליך און קליינליך ; ווייל, פערשטעהט איהר מיך, די גאַנצע געשיכטע דרעהט זיך אַרום אַ שפּאַלט אין אַ קוימען.

ה י ל ד א : ווייטער גאַרניט ?

ס אָ ל נ ע ס : אין אָנהויב ניט מעהר ווי דאָס. (ער רוקט צו אַ שטוהל און זעצט זיך לעבען איהר.)

ה י ל ד א : (אונגעדולדיג, קלאַפּט זיך אין קניע) נו, דערצעהלט וועגען דעם שפּאַלט אין קוימען !

ס אָ ל נ ע ס : איך האָב דעם שפּאַלט בעמערקט אַ לאַנגע צייט פאַר׳ן פייער. יעדעס מאָל, ווען איך פלעג ארויפגעהן אויפ׳ן בוידים, פלעג איך אַ קוק טאָן צי ער איז נאָך דאָרט.

ה י ל ד א : נו, און ער איז געוועזן ?

ס אָ ל נ ע ס : יאָ; ווייל קיינער, אויסער מיר האָט וועגען דעם ניט געוואוסט.

ה י ל ד א : און איהר האָט גאָרנישט געזאָגט ?

ס אָ ל נ ע ס : גאָרנישט.

ה י ל ד א : און האָט גאָר ניט געדענקט צו פעררריכטען דעם קוימען ?

ס אָ ל נ ע ס : אָה, יא, געדענקט האָב איך וועגען דעם, אָבער ווייטער ווי צום דענקען בין איך קיין מאָל ניט געקומען. יעדעס מאָל, ווען איך האָב געוואָלט אָנפאַנגען עפּעס טאָן, פלעגט מיך עפּעס א מין אונבעקאנטע קראַפט צוריקהאַלטען. איך פלעג טראַכטען : ניט היינט, מאָרגען ! און עס איז פון דעם קיין מאָל גאָרנישט ארוים געקומען.

ה י ל ד א : אָבער, פאַרוואָס דאָט איהר עס געהאַלטען אין איין אָבלעגען ?

ס אָ ל נ ע ס : ווייל אין קאָפּ האָט זיך ביי מיר ארומגעדרעהט א געדאַנק. (לאַנגזאַם און שטיל) דורך אָט דעם קליינעם שפּאַלט אין קוימען וועל איך זיך אפשר ארויפאַרבייטען — אַלס בוימייסטער.

ה י ל ד א : (קוקט גלייך פאַר זיך) דאָס האָט געמוזט זיין שפּאַנענד !

ס אָ ל נ ע ס : כמעט אונווידערשטעהליך, — גאַנץ אונווידערשטעהליך. ווייל דאַן איז עס מיר פאָרגעקומען אזוי לייכט און איינפאַך. איך האָב געוואָלט עס זאָל פּאַסירען אין מיטען ווינטער — פאַר מיטאָג. איך האָב געזאָלט פאָהרען שפּאַצירען מיט אלינא'ן אין א שליטען. די דיענסטען אין דער היים זאָלען האָבען שטאַרק אָנגעהייצט דעם אויוועו.

ה י ל ד א : ווארים יענעם טאָג האָט אודאי געדאַרפט זיין א ביטערע קעלט ?

ס אָ ל נ ע ס : יא, א בייסענדע קעלט, — און זיי וואָלטען, נאַטירליך, געוואָלט אז אלינא זאָל דאָס הויז געפינען וואַרעם און געמיטליך ווען זי וועט צוריק קומען.

ה י ל ד א : זי מוז הפנים בטבע זיין א פערפראָרענע ?

ס אָ ל נ ע ס : יא, דאָס איז אמת. און ווען מיר וואָלטען אהיים געפאָהרען, האָבען מיר בעדארפט זעהן דעם רויך.

ה י ל ד א : נור דעם רויך ?

ס אָ ל נ ע ס : דעם רויך צוערשט . אָבער צוקומענדיג צום טויער פון גארטען, האָט דער, אַלטער האָליץ־קאסטען געדארפט אינגאנצען זיין אין פלאמען. אָט אזוי, פערשטעהט איהר, האָב איך עס געוואָלט האָבען.

ה י ל ד א : אָה, ווארום האָט עס טאקע ניט פּאסירט אזוי !

ס אָ ל נ ע ס : דאָס קענט איהר אזוי לייכט זאָגען, הילדא.

ה י ל ד א : גוט, אָבער איצטער, הערט נור, בוימייסטער ! זייט איהר זיכער אז דאָס פייער האָט געטראָפען צוליעב דעם שפּעל־טעל אין קוימען ?

ס אָ ל נ ע ס : אין געגענטהייל — איך בין גאנץ זיכער, אז דער שפּאלט אין קוימען האָט גאָר קיין שייכות ניט געהאט צום פייער.

ה י ל ד א : וואָס !

ס אָ ל נ ע ס : עס אז אויך זיכער דערוויזען געוואָרען, אז דאָס פייער האָט זיך אָנגעהויבען פון א קליידער־אלמער — גאָר אין א גאנץ אנדער טייל פון הויז.

ה י ל ד א : צו וואָס־זשע נוצען די אַלע פלוידערייען וועגען דעם שפּאלט אין קוימען ?

ס אָ ל נ ע ס : מעג איך נאָך א ווײלע רעדען צו אייך, הילדא ?

ה י ל ד א : יא, אויב איהר וועט נור רעדען פערשטענדיג —

ס אָ ל נ ע ס : איך וועל פּרובירען (רוקט נעהענטער צו זיין שטוהל.)

ה י ל ד א : אלזאָ, ארויס מיט דער שפּראך בוימייסטער !

ס אָ ל נ ע ס : (פערטרויליך) גלויבט איהר ניט, הילדא, אז עס זיינען פאראנען איינצעלנע, אויסערוועהלטע מענשען, וועלכע זיינען בעגאבט מיט דער קראפט און פעהינקייט צו ו ו י נ ש ע ן

עפּעס, צו בעגעהרען, צו וועלען וואָס עס איז, אַזוי שטאַרק און אַזוי בעפעהלעריש, אַז עס מוז ענדליך געשעהען? גלויבט איהר ניט אין דעם?

הילדא: (מיט אַן אונבעשטימטען אויסדרוק אין די אויגען) אויב דאָס איז ווירקליך אַזוי, וועלען מיר אין גיכען זעהן צי איך בין איינע פון די אויסערוועהלטע.

סאָלנעס: איינער אַליין קען מען קיין גרויסע זאַכען ניט אויפטהון. דאָס ניט. די העלפער און דיענער — זיי מוזען טהאָן זייער חלק, אום עס זאָל זיין אַן ערפאָלג. זיי קומען אָבער קיינמאָל ניט אַליין. מען מוז זיי רופען אונאויפהערליך — אינזיך, אינעווענינ, פערשטעהט איהר?

הילדא: וואָס זיינען דאָס פאַר העלפער און דיענער?

סאָלנעס: אָה, וועגען דעם קענען מיר אַן אַנדערס מאָל רעדען. איצט לאָמיר זיך נור האַלטען ביי דער געשיכטע מיט'ן פייער.

הילדא: דענקט איהר ניט, אַז דאָס פייער וואָלט יעדענפאַלס געטראָפען, אפילו ווען איהר וואָלט דאָס ניט געוואונשען?

סאָלנעס: ווען דאָס הויז וואָלט געווען דעם אַלטען קנוט בראָוויק'ס, וואָלט עס קיין מאָל ניט אָבגעברענט אַזוי בעקוועמליך פאַר איהם. איך בין זיכער אין דעם; ווייל ער ווייסט ניט ווי אַזוי צו רופען די העלפער, — און די בעדיענער אויך ניט. (שטעהט אויף אין אויפגערעגטער) אַלזאָ, ווי איהר זעהט, הילדא, בין איך דאָך שולדיג אין דעם, וואָס צוויי קינדערלעך האָבען פערלאָרען זייער לעבען. און דענקט איהר ניט אַז איך בין אויך שולדיג אין דעם, וואָס אַלינאַ איז ניט געוואָרען דאָס, וואָס זי האָט געדאַרפט ווערען, און וואָס זי האָט אַם ליעבסטען געוואָלט ווערען?

הילדא: יאָ, אָבער אויב דאָס איז אינגאַנצען די ארבייט פון די העלפערס און דיענער?...

סאָלנעס: ווער אָבער האָט גערופען די העלפערס און דיענער? דאָס האָב איך געטהון! און זיי זיינען געקומען און האָבען זיך אונטערוואָרפען אונטער מיין ווילען. (ווערט אַלץ

מעהר און מעהר אויפגערעגט) אַט ד אַ ס רופען מענשען „האָבען גליק“ ; איך וועל אייך אָבער זאָגען, ווי עס פיהלט זיך צו האָבען אזא גליק. עס פיהלט זיך ווי א גרויסע רויהע וואונד דאָ אויף מיין ברוסט. די העלפערס און די דיענער האלטען אין איין שינדען שטיקער הויט פון אנדערע מענשען כדי צו פערמאכען מיין וואונד. אָבער, די וואונד פערהיילט זיך דאָך ניט — קיין מאָל ניט, קיין מאָל ניט ! אָה, ווען איהר וואָלט וויסען ווי אזא וואונד קען עס אָפטמאָל צופּען און ברענען !

ה י ל ד א : (קוקט איהם אויפמערקזאַם אָן) איהר ז י י ט קראנק, בוימייסטער. זעהר קראנק, דוכט מיר.

ס אָ ל נ ע ס : זאָגט בעסער מ ש ו ג ע, ווארום דאָס איז דאָס וואָס איהר מיינט.

ה י ל ד א : ניין, איך דענק ניט אז די צרה איז עפּעס מיט אייער מוח.

ס אָ ל נ ע ס : מיט ו ו אָ ס דען איז די צרה ? ארויס מיט דער שפּראך !

ה י ל ד א : איך קלער מיר, צי זייט איהר ניט געקומען אויף דער וועלט מיט א קרענקליכען געוויסען.

ס אָ ל נ ע ס : א קרענקליכער געוויסען ? וואָס פאר־א שווארץ־יאָהר איז דאָס ?

ה י ל ד א : איך מיין, אז אייער געוויסען איז שוואך — צר־עדעל געבויט, אזוי צו זאָגען — ער האָט ניט די קראפט א זאך פעסט אָנצופּאסען — א הויב טהאָן און פערטראָגען עפּעס שווע־רעס.

ס אָ ל נ ע ס : (ברומט) הם ! — מעג איך אייך פרעגען, וואָס פאר א סאָרט געוויסען מוז דען איינער האָבען ?

ה י ל ד א : איך וואָלט וועלען, אז א י י ע ר געוויסען זאָל זיין א געזונטער דורך־און־דורך.

ס אָ ל נ ע ס : אזוי ? א געזונטער, הא ? איז אייער איי־גענער געוויסען א געזונטער ?

ה י ל ד א : יא, איך דענק אז ער איז. איך האָב קיין מאָל ניט געמערקט אז ער איז עס ניט.

ס אָ ל נ ע ס : איך רעכען אָבער, אז ער איז נאָך קיין מאָל ניט געשטעלט געוואָרען אויף א שווערער פּראָבע.

ה י ל ד א : (מיט אַ ציטער אויף די ליפּען) אָה, עס איז גאָר ניט אזוי לייכט נעווען אוועקצוגעהן פון מיין פאָטער — איך האָב איהם אזוי ליעב!

ס אָ ל נ ע ס : אָך, א גרויסע מעשה! אויף א מאָנאט אָדער צוויי —

ה י ל ד א : איך גלויב ניט אז איך וועל ווען עס איז געהן צוריק אהיים.

ס אָ ל נ ע ס : קיינמאָל ניט? איז פאר וואָס זייט איהר אוועק געגאנגען פון איהם?

ה י ל ד א : (האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס) האָט איהר שוין ווייעדער פערגעסען, אז די צעהן יאָהר האָבען זיך געענדיגט?

ס אָ ל נ ע ס : אָך, אונזינן. האָט עפּעס פּאסירט ביי אייך אין דער היים? הא?

ה י ל ד א : (ערנס) עס איז עפּעס געווען אין מ י ר, וואָס האָט מיך נעיאָגט און געטריבען אהער — און געצויגען און גע־שלעפּט.

ס אָ ל נ ע ס : (היציג) אָט האָט איהר עס! אָט האָט איהר עס, הילדא! אין אייך שטעקט אויך עפּעס א „גישט גוטער“, אזוי ווי אין מיר. ווארום, פערשטעהט ייהר [illegible] איז דער נישט גוטער אין מענשען — ער איז דאָס, וואָס רופט צו די אויסערליכע קרעפטען. און דאן מוז מען נאכגעבען, צי מען וויל, צי מען וויל ניט.

ה י ל ד א: איך הויב אָן צו דענקען איהר האָט רעכט, בוי־מייסטער.

ס אָ ל נ ע ס : (שפּאַצירט איבער'ן צימער) אָה, עס זיינען דאָ א סך, א סך טייוואָלים אויף דער וועלט, הילדא, וועלכע מען זעהט קיינמאָל ניט!

הילדא: טייוואָלים אויך?

סאָלנעס: (בלייבט שטעהן) גוטע טייוואָלים און שלעכטע טייוואָלים, בלאָנדע, טייוואָלים און שווארצע טייוואָלים. ווען מען וואָלט נור אימער געקענט וויסען צי דאָס זיינען די בלאָנדע אָדער די שווארצע, וואָס זיינען אויף אייך אָנגעשיקט געוואָרען! (שפּאַצירט אַרום) אָה — אָה! דאַן וואָלט דאָס געווען אַ גאַנץ פּשוט'ע מעשה.

הילדא: (פאָלגט איהם נאָך מיט די אויגען) אָדער ווען מען וואָלט האָבען אַ ווירקליך שטאַרקען, פאָלקאָם געזונדען געוויסען — אַזוי אַז מען זאָל וואַגען צו טאָן וואָס מען וויל.

סאָלנעס: (שטעלט זיך אָב ביים גרעסערען טיש) איך גלויב, אַז אין דער הינזיכט זיינען דאָס רוב מענשען פּונקט אַזעלכע שוועכלינגע, ווי איך בין.

הילדא: עס קען זיין.

סאָלנעס: (שפּארט זיך אָב אָן טיש) אין די סאַגאַ־ביכער — האָט איהר ווען עס איז געלעזען די אַלטע סאַגאַ־ביכער?

הילדא: אָה, יאָ! ווען איך פלעג לעזען ביכער, האָב איך —

סאָלנעס: אין יענע ביכער לעזט מען וועגען וויקינגען, וועלכע פלעגען זעגלען אין פרעמדע לענדער און דאָרטען פּלינדערען, ברענען און הרג'נען מענשען —

הילדא: און פלעגען אוועקפיהרען מיט זיך די פרויען —

סאָלנעס: — און האָבען זיי געהאַלטען אין פלען —

הילדא: — זיי האָבען זיי צו זיך אהיים גענומען אויף זייערע שיפען —

סאָלנעס: —און האָבען זיך מיט זיי בענומען, ווי — ווי די ערגסטע נישט־גוטע.

הילדא: (קוקט גלייך פאַר זיך מיט אַ האַלב־פערשלייערטען בליק) איך מיין, אַז דאָס, האָט געמוזט זיין זעהר שפּאַנענד.

סאָלנעס: (מיט אַ קורצען טיעפען געלעכטער) אוועקרייבען פרויען, האַ?

הילדא: **נערוויבט צו ווערען.**

סאַנעס: (קוקט אויף איהר אַן אויגענבליק) **גאַר אזוי!**

הילדא: (איבערברעכענדיג דעם געשפּרעך) קענען וואָס האָט איהר דאָס געהערט וועגען די וויקינגען, בוימייסטער?

סאָלנעס: אנקעגען דעם, אַז, די ענע חברה, אויב איהר ווילט, האָבען אודאי געמוזט האָבען אַ געזונטען געוויסען! ווען זיי זיינען צוריק אהיים געקומען האָבען זיי געקענט פרעסען און זויפען, און זיך פיהלען גליקליך ווי קינדער. און די פרויען אויך! אָפט פלעגט טרעפען, אז די פרויען האָבען בשום אופן ניט געוואָלט אַוועקגעהן פון זיי. קענט איהר דאָס בעגרייפען, הילדא?

הילדא: די פרויען פערשטעה איך אויסגעצייכענט.

סאָלנעס: אָהאָ! אפשר וואָלט איהר אליין אויך געקענט טהאָן אזא זאַך?

הילדא: ווארום דען ניט?

סאָלנעס: לעבען — מיט אייער איינענעם פרייען ווילען — מיט אזא מין גראָבען קערל?

הילדא: אויב איך וואָלט זיך פערליעבט אין אזא גראָבען קערל —

סאָלנעס: וואָלט איהר זיך דען געקענט פערליעבען אין אזא מאַן?

הילדא: אַך גאָט, איהר ווייסט גאַנץ גוט אז מען קען ניט אויסקלייבען אין ועמען זיך צו פערליעבען.

סאָלנעס: (קוקט אויף איהר נאָכדענקענד) אָה ניין, איך רעכען אז דער טייוועל-גוטער, וואָס זיצט אין מענשען איז פעראַנטוואָרטליך דערפאַר.

הילדא: (האַלב לאַכענדיג) און אַלע אנדערע געבענשטע שדים, מיט וועלכע איהר זייט אזוי גוט בעקאַנט — אי די בלאָנדע, אי די שווארצע.

סאָלנעס: (רוהיג און ווארעם) דאן ווינש איך אייך, אז די טייוואָלים זאָלען זיין זעהר פאָרזיכטיג, ווען זיי וועלען פאַר אייך אויסקלייבען, הילדא.

ה י ל ד א: פאַר מיר האָבען זיי שוין אויסגעקליבען — איין מאָל פאַר אַלע מאָל.

ס אָ ל נ ע ס: (קוקט אויף איהר ערנסט) הילדא, איהר זייט ווי אַ ווילדער פויגעל פון וואלד!

ה י ל ד א: דורכאויס ניט. איך בעהאַלט זיך ניט אין די קוסטען.

ס אָ ל נ ע ס: ניין, ניין, אהר זייט גיכער עהנליך צו אַ רויב־פויגעל.

ה י ל ד א: דאָס שוין גיכער. (זעהר הייס) און פאַרוואָס מאַקע ניט אַ רויב פויגעל? ווארום זאָל א י ך ניט געהן אויף געיעג — אַזוי גוט ווי אַנדערע? אוועקשלעפּען דאָס רויב וואָס איך בעגעהר — אויב איך קען נור איינגראָבען אין איהם מיינע נעגעל און אוספיהרען מיט איהם וואָס איך וויל.

ס אָ ל נ ע ס: הילדא, — איהר ווייסט וואָס איהר זייט?

ה י ל ד א: יא, איך רעכען, איך מוז זיין, אַ מאָדנער סאָרט פויגעל.

ס אָ ל נ ע ס: ניין. איהר זייט, ווי דער אָנקומענדער פריה־מאָרגען. ווען איך קוק אויף אייך — דאַכט זיך מיר, אַז איך קוק אויף דעם אויפגאַנג פון דער זון.

ה י ל ד א: זאָגט מיר, בוימייסטער — זייט איהר זיכער, אַז איהר האָט מיך קיין מאָל ניט גערופען צו זיך? איך מיין, אינוועניג, אין זיך?

ס אָ ל נ ע ס: (מילד און לאַנגזאַם) איך הויב אָן צו גלויבען, אַז מסתמא האָב איך —

ה י ל ד א: צו וואָס האָט איהר מיך גענדארפט?

ס אָ ל נ ע ס: איהר זייט די י ו ג ע נ ד, הילדא.

ה י ל ד א: (שמייכעלט) די יוגענד, פאַר וועלכער איהר שרעקט זיך אַזוי?

ס אָ ל נ ע ס: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) און נאָך וועלכער אין הארצען בענק איך דאָך אַזוי שטאַרק.

ה י ל ד א: (הויבט זיך אויף, געהט צו צום טישעל און נעהמט

ראגנארס פארטפאליע. האלט דאס פאר זיינע אויגען) מיר האבען גערעדט וועגען די צייכנונגען —

ס אָ ל נ ע ס : (קורץ, צוריק ווייזענדיג זיי מיט דער האנד) לעגט עס אוועק! איך האב שוין גענוג געקוקט אויף זיי.

ה י ל ד א : יא, אבער איהר דארפט אויפשרייבען, אייער הסכמה אויף זיי.

ס אָ ל נ ע ס : אנשרייבען מיין הסכמה אויף זיי? קיין מאל נים!

ה י ל ד א : אבער דער ארעמער אלטער האלט ביים שטאר־בען! קענט איהר איהם און זיין זוהן ניט מאכען עטוואס פער־גניגען איידער זיי שיידען זיך איינער פון צווייטען? און, אפשר קען ער נאך קריגען דעם אנטראג זיי דורצופיהרען אויך.

ס אָ ל נ ע ס : יא, דאס וואלט ער טאקע געקראגען. ער האט איך שוין בעוואָרענט דערמיט. — ער, מיין שעהנער יונגערמאן!

הי ל ד א : אבער, אום גאטעס ווילען, אויב עס האלט שוין דערביי — קענט איהר דען ניט א מאל זאגען א שטיקעל ליגען?

ס אָ ל נ ע ס : א ליגען? (מיט כעס) — הילדא, נעהמט אוועק פון מיינע אויגען אט די טייוועלשע צייכנונגען!

ה י ל ד א : (האלט די פארטפאליע נעהענטער צו זיך) נו, נו, נו — עסט מיך ניט אויף — איהר רעדט וועגען נישט־גוטע — מיר דאכט אבער אז איהר בענעהמט זיך אליין ווי א נישט־גוטער. (קוקט זיך ארום) וואו האלט איהר אייער טינט און פעדער?

ס אָ ל נ ע ס : דא אין צימער איז נישטא קיין טינט און פעדער.

ה י ל ד א : (געהט צו דער טיר) אבער אין קאנטאר, וואו דאס פרייילין איז —

ס אָ ל נ ע ס : ווארט נור, הילדא! — איהר מיינט אז איך דארף זאגען א ליגען? יא, צוליעב דעם אלטען וואלט איך דאס גע־דארפט טהאן — איך האב אין מיין צייט איהם צודריקט, מיט די פיס געטראטען. —

ה י ל ד א : איהם אויך?

ס אָ ל נ ע ס : איך האָב געדאַרפט מאַכען פּלאַץ פאַר זיך. אָבער אָט דער ראַגנאַר — איהם טאָר מען אויף קיין פאַל ניט, דערלאָזען אויפשטייגען.

ה י ל ד א : ארעמער קערל, פאַר איהם דאַרף מען זיך געוויס ניט שרעקען. אויב ער איז אַ פוסטע כלי —

ס אָ ל נ ע ס : (קומט נעהענטער, קוקט אויף איהר און זאָגט שטיל) אויב ראַגנאַר בראָוויק וועט נור קריגען די מעגליכקייט, וועט ער מ י ך אַראָב וואַרפען צו דער ערד. ער וועט מיך צודריקען, ווי איך האָב צודריקט זיין פאָטער.

ה י ל ד א : אייך צודריקען ? האָט ער דען די פעהיגקייטען דערויף ?

ס אָ ל נ ע ס : יאָ, איהר מעגט זיך פערלאָזען אויף דעם. ער האָט די פעהיגקייט ! ער איז די י ו ג ע נ ד, וואָס שטעהט פאַרטיג אָנצוּקלאַפּען ביי מיר אין טיר — צו מאַכען אַ סוף פון האַל־ווארד סאָלנעס !

ה י ל ד א : (קוקט אויף איהם מיט שטילען פאָרוואורף) און דאָך ווילט איהר איהם פערשטעלען דעם וועג. פע, בוימייסטער !

ס אָ ל נ ע ס : דער קאַמפף, וועלכען איך האָב דורכגעמאַכט האָט מיר געקאָסט גענוג בלוט פון מיין הארצען — און איך האָב מורא, אז די העלפער און די דיענער וועלען מיר שוין אויך מעהר ניט פאָלגען.

ה י ל ד א : דאַן מוזט איהר זיך בעגעהן אָהן זיי. מען קען אַנדערש ניט מאַכען.

ס אָ ל נ ע ס : עס איז פאַרפאַלען, הילדא. דאָס מזל מוז זיך איבערדרעהען. אַביסעל פריהער אָדער אַביסעל שפּעטער — די אָברעכענונג איז אונדערבאַרמליך.

ה י ל ד א : (אין אַנגסט, פערדעקט די אויגען) רעדט ניט אַזוי! איהר ווילט מיר נעהמען דאָס לעבען ? איהר ווילט צונעהמען דאָס, וואָס איז מיר טייערער ווי דאָס לעבען ?

ס אָ ל נ ע ס : און וואָס איז עס, וואָס איז אייך טייערער ווי דאָס לעבען ?

ה י ל ד א : דער בעגעהר אייך צו זעהען א גרויסען. צו זעהן אייך מיט א קראנץ אין דער האנד, הויך, הויך אויף א קירכען טורעם. (וויעדער רוהיג) ארוים מיט'ן בליישטיפט ! א בליישטיפט האט איהר דאך ביי זיך !

ס א ל נ ע ס : (נעהמט ארוים א בריעפענטאש) איך האב דא א בליישטיפט.

ה י ל ד א : (לעגט די פארטפאליע אויפ'ן סאפא־טיש) גוט, איצט לאמיר זיך ביידע דא אוועקזעצען, בוימייסטער. (סאלנעס זעצט זיך ביים טיש, הילדא שטעהט הינטער איהם אנגעשפארט אן שטוהל) און איצט וועלען מיר אנשרייבען אויף די צייכנונגען. מיר מוזען שרייבען עפעס זעהר ליעבעס אוןווארעמעס — פאר אט דעם העסליכען רואר — אדער ווי ער הייסט דארט !

ס א ל נ ע ס : (שרייבט עטליכע ווערטער, קעהרט אום דעם קאפ און קוקט אויף איהר) זאגט מיר איין זאך, הילדא.

ה י ל ד א : וואס ?

ס א ל נ ע ס : אויב איהר האט געווארט אויף מיר די גאנצע צעהן יאהר.

ה י ל ד א : איז וואס ?

ס א ל נ ע ס : פארוואס האט איהר ניט געשריבען צו מיר ? איך וואלט אייך דאך געקענט ענטפערען.

ה י ל ד א : (האסטיג) ניין, ניין, גראד דאס האב איך ניט געוואלט.

ס א ל נ ע ס : ווארום ניט ?

ה י ל ד א : איך האב מורא געהאט אז די גאנצע זאך וואלט דאן איבערגעפיהרט געווארען. — אבער, מיר האבען דאך געוואלט עפעס אויפשרייבען אויף די צייכנונגען, בוימייסטער.

ס א ל נ ע ס : יא, מיר האבען געוואלט.

ה י ל ד א : (בייגט זיך אריבער און קוקט איבער זייז אקסעל בעת ער שרייבט), געדענקט נור ! ווארעם און ליעבליך ! אה ווי איך האס איהם — ווי איך האס דיעזען רואלד —

ס אָ ל נ ע ם :   (שרייבענדיג) האָט איהר גוירקליך קיין מאָל קיינעם ניט נעליעבט ?

ה י ל ד א :   וואָס זאָגט איהר ?

אָ ל נ ע ם :   האָט איהר גאָר קיינמאָל קיינעם ניט געליעבט?

י ל ד א :   איהר מיינט, וואהרשיינליך, קיין אנדערען ?

ס אָ ל נ ע ם :   (קוקט אויף איהר) יא, קיין אנדערען. קיין מאָל ניט ? אין דיא גאנצע צעהן יאָהר ? קיין איין מאָל ניט ?

ה י ל ד א :   אָה, יא, מאנכעס מאָל, ווען איך בין געוועזן שטארק אויפגעבראכט אויף איך פאר וואָס איהר קומט נישט.

ס אָ ל נ ע ם :   דאן האָט איהר זיך יאָ אינטערעסירט מיט פ׳נדערע אויך ?

ה י ל ד א :   א קליין ביסעל — פאר א וואָך אָדער צוויי. אך, אין הימעל׳ס ווילען, בוימייסטער : איהר ווייסט דאָך, ווי אזוי די זאכען קומען פאָר.

ס אָ ל נ ע ם :   הילדא — מיט וואָס פאר א צוועק זייט איהר אהער געקומען ?

ה י ל ד א :   פערלירט ניט קיין צייט מיט רעדען. דער ארע־מער אַלטער קען דערוויל אוועקשטארבען.

ס אָ ל נ ע ם :   ענטפערט מיר, הילדא. וואָס ווילט איהר פון מיר ?

ה י ל ד א :   איך וויל מיין קעניגרייך.

ס אָ ל נ ע ם :   הם — (ער גיט אַ שנעלען בליק אויף דער טיר לינקס און זעצט פאָרט זיין שרייבען אויף די צייכנונגען. אין דער זעלבער מינוט קומט אריין פרוי סאָלנעס ; זי האַלט אין האַנד עטלי־כיי פעקלער.)

פ ר ו י   ס אָ ל נ ע ם :   דאָ זיינען איינינע זאכען, וואָס איך האָב פאַר אייך געבראכט, פריילין וואנגעל. די גרעסערע פעקלעך וועט מען שפעטער צושיקען.

ה י ל ד א :   אָה, ווי זעהר, זעהר ליעב דאָס איז פון אייער זייט !

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם : בלויז מיין איינפאַבע פּליבט. ווייטער גאָרנישט.

ס אָ ל נ ע ם : (איבערלעזענדיג וואָס ער האָט געשריבען) אלינאַ !

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם : יאַ ?

ס אָ ל נ ע ם : האָסט דו בעמערקט, צי די — די בוכהאַלטערין איז דאָרטען ?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם : יאַ, געוויס, איז ז י דאָרטען.

ס אָ ל נ ע ם : (לעגט אריין די צייכנונגען אין פּאָרטפּאָליע) ה'ם —

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ם : זי איז געשטאַנען ביים שרייב־טיש, ווי זי שטעהט געוועהנליך, ווען א י ך געה דורך דאָס צימער.

ס אָ ל נ ע ם : (שטעהט אויף) דאן וועל איך דאָס איהר געבען און איהר זאָגען, אז . . .

ה י ל ד א : (נעהמט ביי איהם די פּאָרטפּאָליע) אָה, ניין. ערלויבט מ י ר צו האָבען דאָס פערגעניגען ! (געהט צום טיר, אָבער קעהרט זיך אום) ווי רופט מען זי ?

ס אָ ל נ ע ם : זי הייסט פרייליין פאָסלי.

ה י ל ד א : אָך, דאָס קלינגט אזוי קאַלט ! איך מיין, איהר פאָר־נאָמען ?

ס אָ ל נ ע ם : קאַיאַ — גלויב איך.

ה י ל ד א : (עפענט די טיר און רופט) קאַיאַ, קומט אריין ! שנעל ! הערר סאָלנעס וויל מיט אייך רעדען.

ק אַ י אַ : (ווייזט זיך אין טיר. קוקט אויף איהם ערשטוינט) אָט בין איך — !

ה י ל ד א : (דערלאַנגט איהר די פּאָרטפּאָליע) אָט, קאַיאַ ! איהר קענט דאָס אהיים נעהמען ; הערר סאָלנעס האָט שוין אָנגעשריבען.

ק אַ י אַ : אָה, ענדליך !

ס אָ ל נ ע ם : גיט דאָס דעם אַלטען אזוי שנעל, ווי מעגליך.

ק אַ י אַ : איך געה דערמיט גלייך אהיים.

ס אָ ל נ ע ס : יאָ, יאָ, שנעל. איצט וועט שוין ראַננאַר קענען בויען זעלבשטענדיג.

ק אַ י אַ : אַך, קען ער קומען אייך בעדאַנקען פאַר אַלעס...?

ס אָ ל נ ע ס : (האַרט) איך וויל ניט קיין דאַנק ! זאָגט דאָס איהם פון מיינעט וועגען.

ק אַ י אַ : גוט, גוט, איך וועל —

ס אָ ל נ ע ס : און זאָגט איהם, אויך, אז פון איצט אָן נויטיג איך זיך ניט מעהר אין איהם. און אין אייך אויך ניט.

ק אַ י אַ : (ווייך און ציטערנדיג) אין מיר אויך ניט ?

ס אָ ל נ ע ס : איצט וועט איהר זיך שוין דאַרפען פערנעהמען מיט אַנדערע זאַכען ; און דאָס איז זעהר גוט פאַר אייך. נו, געהט אַהיים מיט די צייכנונגען, פריילין פאָסלי. שנעל ! איהר הערט ?

ק אַ י אַ : (ווי פריהער) גוט, הערר סאָלנעס. (זי געהט אַוועק).

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : גאָט ! וואָס פאַר אַ גניבישע אויגען זי האָט.

ס אָ ל נ ע ס : זי ! אָט די אָרעמע בעשעפענים ?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : אָה, איך ווייס וואָס איך זעה, האַלווארד — דו זאָגסט זיי אָב ווירקליך ?

ס אָ ל נ ע ס : יאָ.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : איהר אויך ?

ס אָ ל נ ע ס : האָסט דו דאָס דען ניט פערלאַנגט ?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : אָבער, ווי קענסט דו זיך בעגעהען אָהן א י ה ר ? — אָה, דו מוזט שוין אודאי האָבען אָנגעגרייט אַן אַנדערע, האַלווארד.

ה י ל ד אַ : (לוסטיג) נו, א י ך יעדענפאַלס בין ניט די פּערזאָן אויף צו שטעהן ביים שרייב טיש.

ס אָ ל נ ע ס : עס מאַכט ניט, עס מאַכט ניט — עס וועט שוין רעכט זיין, אַלינאַ. איצט דאַרפסטו נור דענקען וועגען אריינציהען אין דעם נייען הויז — אַזוי שנעל ווי מעגליך. היינט אָבענד וועלען מיר אויפהענגען דעם קראַנץ — (צו הילדאַ'ן) — גאַנץ

אויבען, אויפ'ן שפיץ פון טורעם. וואס זאגט איהר ד ע ר צ ו, פריילין הילדא ?

ה י ל ד א : (קוקט אויף איהם מיט פינקלענדע אויגען) עס וועט זיין פראכטפאל צו זעהן איהם ווידער אזוי הויך !

ס א ל נ ע ס : מיך !

פ ר ו י ס א ל נ ע ס : אום גאטעס ווילען, פריילין וואנגעל, שטעלט זיך דאס גאר ניט פאר, אזא זאך ! מיין מאן ! — איהם שווינדעלט דאך אזוי !

ה י ל ד א : א י ה ם שווינדעלט ! ניין, איך ווייס גאנץ גוט אז איהם שווינדעלט נים.

פ ר ו י ס א ל נ ע ס : אה, יא, עס איז דאך אזוי.

ה י ל ד א : איך האב איהם אבער אליין געזעהן גאנץ אויבען אויף א הויכען קירכען־טורעם !

פ ר ו י ס א ל נ ע ס : יא, איך האב געהערט רעדען דערפון. אבער עס איז גאנץ אונמעגליך...

ס א ל נ ע ס : (האסטיג) אונמעגליך — אונמעגליך, יא ! איך בין אבער דאך געשטאנען העט אויבען !

פ ר ו י ס א ל נ ע ס : אה, ווי קענסט דו דאס גאר זאגען, האלווארד. דו קענסט אפילו ניט פערטראגען ארויס צו געהן אייפ'ן באלקאן, דא אויפ'ן צווייטען עטאזש. דו ביסט אימער אזוי געוועז.

ס א ל נ ע ס : היינט אווענד, וועסט דו פיליייכט זעהן גאר עפעס אנדערס.

פ ר ו י ס א ל נ ע ס : (מיט אנגסט) ניין, ניין ! דאס וועל איך, מיט גאטס הילף, ניט דערלעבען צו זעהן. איך וועל באלד שרייבען צום דאקטאר און איך בין זיכער, אז ער וועט דאס ניט דערלאזען.

ס א ל נ ע ס : ווארום, אלינא . . . !

פ ר ו י ס א ל נ ע ס : אה, דו ווייסט אז דו ביסט קראנק, האלווארד ! דאס אליין איז א סמן ! אך גאט — אך גאט ! (זי געהט שנעל ארויס רעכטס.)

הילדא: (קוקט זיך גוט איין אין איהם) איז דאָס אמת, אָדער ניט?

סאָלנעס: אז עס שווינדעלט מיר?

הילדא: אז מיין בוימייסטער וואגט ניש ט — קען ניש ט שטייגען אזוי הויך ווי ער בוים?

סאָלנעס: איהר קוקט גאָר אויף דעם פון אזא שטאַנד־פונקט?

הילדא: יא.

סאָלנעס: מיר דאכט, אז ס'איז אין מיר קיין ווינקעלע ניט געבליבען, אויף וועלכען איהר זאָלט קיין שליטה ניט האָבען.

הילדא: (קוקט צום ווינקלפענסטער) אלזא, דאָרט אויבען, אזש דאָרט אויבען... !

סאָלנעס: (קומט נעהענטער צו איהר) איהר קענט האָבען דאָס אויבערסטע צימער אין טורעם, הילדא — דאָרט קענט איהר וואָהנען ווי א פּרינצעסין.

הילדא: (מיט אַן אונבעשטימטען געמיש פון ערנסט און שפּאַס) יא, דאָס האָט איהר מיר טאקע פערשפּראָכען.

סאָלנעס: האָב איך עס ווירקליך פערשפּראָכען?

הילדא: פע, בוימייסטער! איהר האָט געזאָגט, אז איך וועל זיין א פּרינצעסין, און אז איהר וועט מיר געבען א קעניגרייך, און דאן האָט איהר גענומען — נו, מעהר זאָג איך ניט!

סאָלנעס: (פאָרזיכטיג) זייט איהר גאָר זיכער, אז דאָס איז ניט א חלום, אַן איינבילדונג, וואָס האָט זיך איך אריינגעהאקט אין קאָפּ?

הילדא: (שאַרף) און איהר מיינט אז איהר האָט דאָס, אפשר, גאָרניט געטהון?

סאָלנעס: איך ווייס עס קוים אליין. (מילדער) אָבער ד א ס ווייס איך איצט אויף זיכער, אז איך...

הילדא: אז איהר...? זאָגט עס גלייך!

סאָלנעס: אז איך האָב עס געדארפט טאָן.

ה י ל ד א : (שרייט אויס מונטער) דערצעהלט מיר ניט אז א י י ך קען אמאָל שווינדלען דער קאָפּ!

ס אָ ל נ ע ס : הייסט עס, היינט אוועגד הענגען מיר אויף דעם קראנץ — פּרינצעסין הילדא.

ה י ל ד א : (מיט אַ ביטערען צוק פון די ליפּען) איבער אייער נייער היים, יא!

ס אָ ל נ ע ס : איבער דעם נייעם הויז, וואָס וועט קיין מאָל ניט זיין קיין ה י י ם פ א ר מ י ר. (ער געהט ארוים דורך די טיר אין גאָרטען).

ה י ל ד א : (קוקט גלייך פאַר זיך מיט אַ ווייטען אויסדרוק אויף איהר געזיכט, און מורמעלט צו זיך אליין. די איינציגע ווער־טער וואָס מען הערט זיינען) — שרעקליך שפּאנענד —

דריטער אקט

א גרויסע, ברייטע וועראַנדע פאַר סאָלנעסעס וואָהנונג. אַ טהייל פון הויז מיט אַן אַרויסגאַנג אויף דער וועראַנדע זעהט זיך לינקס. אַ פּאַרענצע ארום דער וועראַנדע אויף דער רעכטער זייט. פון הינטען, פון דער שמאָלער זייט פון דער וועראַנדע — טרעפּ וואָס פיהרען אַראָב אין גאָרטען. הויכע, אַלטע בוימער פערשפּרייטען זייערע צווייגען איבער דער וועראַנדע צום הויז. ווייט, אויף דער רעכטער זייט, צווישען די בוימער, זעהט זיך עטוואָס דער אונטערשטער טהייל פון דער נייער ווילאַ און אַ שטיקעל פון'ם טורעם מיט דעם ברעטער־געשטעל ארום איהם. אין הינטערגרונד איז דער גאָרטען ארומגעצוימט מיט אַן אַלטען הילצערנעם פּאַרקאַן. פון דרויסען פון פּאַרקאַן, אַ גאַס מיט נידריגע, איינגעפאַלענע הייזער. אויף דער וועראַנדע, לעבען וואַנד פון הויז, שטעהט אַ גאָרטען־באַנק, און פאָר דער באַנק, אַ לאַנגער טיש. פון דער אַנדער זייט טיש, אַ שאָקעל־שטוהל און עטליכע געוועהנליכע שטוהלען. דאָס גאַנצע מעבעל איז פון געפלאָכטענעם שטרוי.

דער אווענד־הימעל איז בעדעקט מיט וואָלקענס, בעלויכטען פון דער זון. פרוי סאָלנעס, איינגעוויקעלט אין אַ גרויסען, ווייסען טוך זיצט אין לעהנשטוהל און קוקט רעכטס. באַלד קומט הילדא וואנגעל אויף די טרעפּ פון גאָרטען. זי איז געקליידעט ווי אין פאָריגען אַקט און טראָגט איהר היטעלע. אויף דער ברוסט טראָגט זי אַ בוקעט פון עטליכע געוועהנליכע פעלד־בלומען.

פ ר ו י   ס אָ ל נ ע ס : (קעהרט עטוואָס אום דעם קאָפּ) איהר האָט ארום געשפּאַצירט אין גאָרטען, פריילין וואנגעל?

ה י ל ד א : יאָ, איך האָב איהם ארום געקוקט

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : איהר האָט אויך בלוטען געפונען, ווי איך זעה.

ה י ל ד א : יא, געוויס. עס זיינען דאָ אזוי פיעל דאָרט צווישען די קוסטען.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : ווירקליך ? אזוי שפעט אין יאָהר ? איך געה כמעט קיין מאָל ניט ארונטער אהין.

ה י ל ד א : (קומט נעהענטער) וואָס ! איהר לויפט נאָר ניט יעדען טאָג ארונטער אין גאָרטען ?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (מיט אַ שוואַכען שמייכעל) איך „לויף" שוין יעצט איבערהויפט ניט.

ה י ל ד א : אָבער דאָך, געהט איהר דען ניט אמאָל אראָב אָנצוקוקען דעם גאַנצען פראכט וואָס געפינט זיך דאָרטען ?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : עס איז מיר אינגאַנצען געוואָרען אזוי פרעמד. איך האָב כמעט מורא נאָך אַ מאָל דאָס אָנצוקוקען.

ה י ל ד א : אייער אייגענעם גאָרטען !

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : עס דאכט זיך מיר, אז ער איז ניט מעהר מ י י נ ע ר .

ה י ל ד א : וואָס מיינט איהר ? —

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : ניין, ניין, ער איז ניט — ניט ווי ער איז געווען, ווען מיינע עלטערען האָבען געלעבט. זיי האָבען איועקגענומען אזוי פיעל — אזוי פיעל האָבען זיי אוועקגענומען פון'ם גאָרטען, פריילין וואנגעל. בערעכענט נור — זיי האָבען דאָס צושטיקעלט — און אויסגעבויט הייזער פאר פרעמדע מענשען. פאר מענשען וועלכע איך קען גאָר ניט. און ז י י קענען זיצען און קוקען אויף מיר פון זייערע פענסטער.

ה י ל ד א : (מיט אַ מונטערן אויסדרוק) פרוי סאָלנעס !

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : יא ?

ה י ל ד א : מעג איך אַ ווײַלע בלייבען דאָ מיט אייך ?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : מיט פערגעניגען, אויב איהר ווילט נור.

ה י ל ד א : (רוקט צו אַ שטוהל נעהענטער צום לעהנשטוהל און

זעצט זיך) אח — דאָ קען מען זיך באָדען אין דער זון, ווי אַ קאַץ.

פרוי סאָלנעס: (לעגט לייכט איהר האַנד אויף הילדא'ס נאקען) עס איז זעהר שעהן פון אייער זייט, וואָס איהר ווילט מיט *מיר* זיצען אַ ווײַלע. איך האָב געמיינט איהר ווילט אריינגעהן צו מיין מאַן.

הילדא: צו וואָס דארף איך איהם?

פרוי סאָלנעס: איהם העלפען, האָב איך געדענקט.

הילדא: אָה, ניין. איבריגענס איז ער דאָרט איצט ניטאָ. ער שטעהט לעבען די ארבייטער און ער זעהט אויס אזוי בייז, אז איך האָב גאָר מורא געהאט צו רעדען צו איהם.

פרוי סאָלנעס: אין גרונד גענומען איז ער אזא גוטער און מילדער מענש.

הילדא: ער!

פרוי סאָלנעס: אין אמת'ן קענט איהר איהם נאָך ניט גוט, פרייליין וואַנגעל.

הילדא: (קוקט אויף איהר ליעבליך) זייט איהר צופריעדען מיט דעם געדאנק אריינצוציהען אין דעם נייעם הויז?

פרוי סאָלנעס: איך *מוז* זיין צופריעדען; ווייל האַלווארד וויל דאָס —

הילדא: אָה, זיכער, ניט גראָד נור אויס דעם גרונד.

פרוי סאָלנעס: יא, יא, פרייליין וואַנגעל; דען עס איז איינפאך מיין פליכט זיך אונטערצוגעבען צו איהם. אָפט מאָל אָבער איז עס שרעקליך שווער צו צווינגען דעם געדאנק זיך אונטערצוגעבען.

הילדא: יא, *דאָס* מוז ווירקליך זיין זעהר שווער.

פרוי סאָלנעס: איהר מעגט מיר גלויבען, — ווען מען האָט אזוי פיעל פעהלערן וויפיעל איך האָב —

הילדא: ווען מען האָט אזוי פיעל דורכגעליטען, ווי איהר...

פרוי סאָלנעס: פון וואַנען ווייסט איהר דאָס?

הילדע: אייער מאַן האָט מיר דערצעהלט.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : מיט מיר רעדט ער זעהר זעלטען וועגען ד י זאכען. — יא, איך קען אייך זאָגען, פריילין וואנגעל, איך האָב שוין צופיעל דורכגעמאכט אין מיין לעבען.

ה י ל ד א : (קוקט אויף איהר מיטפיהלענד און שאָקעלט לאַנג־זאַם מיט׳ן קאָפּ) ארעמע פרוי סאָלנעס. ערשטענס האָט איהר גע־האט די שרפה...

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (מיט א זיפץ), יא, אלע מ י י נ ע זאכען זיינען דאן פערברענט געוואָרען.

ה י ל ד א : און דאן איז געקומען נאָך עטוואָס ערגערעס.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (קוקט אויף איהר פאַרשענד) ער־גערעס ?

ה י ל ד א : דאָס ערגסטע פון אלץ.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : אָה, די אינגעלאך. אָבער ד אָ ס,

ה י ל ד א : (מילד) איהר האָט פערלאָרען די צוויי אינ־געלעך.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : אָה, די אינגעלעך. אָבער ד אָ ס, זעהט איהר איז גאָר עפּעס אנדערס. דערביי איז געווען גאָטס ווי־לען ; און ביי אזא זאך מוז מען זיך אונטערווארפען, און נאָך גאָט דאנקען.

ה י ל ד א : און איהר טוט דאָס ?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : ליידער, ניט אימער. איך וויים גאנץ גוט, אז עס איז מיין פליכט, און דאָך ק ע ן איך עס ניט.

ה י ל ד א : ניין. דאָס, דענק איך, איז גאנץ נאטירליך.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : און זעהר אָפט מוז איך מיר אליין זאָגען, אז עס איז געווען א גערעכטע שטראָף פאר מיר...

ה י ל ד א : ווארום דען ?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : ווייל איך בין ניט געווען שטארק גענוג אין מיין אונגליק.

ה י ל ד א : אָבער, איך קען ניט בעגרייפען, ווי...

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : אָך, ניין, פריילין וואנגעל — רעדט צו מיר ניט מעהר וועגען די צוויי קינדער. וועגען ז י י דאר־

פען מיר זיך נור פרייהען ; זיי איז יעצט אזוי גוט, אזוי גוט. ניין, עס זיינען פאראנען קליינע שאדענס אין לעבען, וואס רייסען דאס הארץ — ווען מען פערלירט אזוינע זאכען, וואס אנדערע מענשען בעטראכטען עס כמעט פאר גארנישט.

הילדא: (לעגט איהרע הענד אויף פרוי סאלנעסעס קניע, און קוקט אויף איהר ליעבליך) ליעבע פרוי סאלנעס — זאגט מיר, וואס פאר א קליינע זאכען מיינט איהר!

פרוי סאלנעס: ווי איך האב אייך שוין געזאגט, לויטער קלייניגקייטען. אלע אלטע פארטרעטען וואס זיינען פערברענט געווארען אויף די ווענד ; אלע זיידענע קליידער, וואס האבען פון דורי־דורות געהערט צו דער פאמיליע. דער מוטער׳ס און גרויס־מוטערס שפּיצען — דאס איז אויך פערברענט געווארען. און בעטראכט נור — די גאלד־ציערונג אויך! (טרויעריג) און דאן, אלע ליאלקעס.

הילדא: די ליאלקעס?

פרוי סאלנעס: (טרערען שטיקען זי) איך האב געהאט ניין וואונדערשעהנע ליאלקעס.

הילדא: און זיי זיינען אויך פערברענט געווארען?

פרוי סאלנעס: אלע. אה, ווי שווער מיר איז געווען — ווי שווער!

הילדא: האט איהר דען די אלע ליאלקעס בעהאלטען, נאך פון זינט איהר זייט געווען א קליין קינד!

פרוי סאלנעס: בעהאלטען, ניין. איך און די ליאלקעס זיינען אימער געווען צוזאמען.

הילדא: אפילו ווען איהר זייט אויסגעוואקסען?

פרוי סאלנעס: יא, א לאנגע צייט נאך דעם.

הילדא: און נאך אייער התונה אויך?

פרוי סאלנעס: אה, יא. ווען ער איז דערביי ניט געווען, דאן — זיי זיינען אבער אלע פערברענט געווארען, די ליעבינקע. קיינער האט זיך נישט געקימערט זיי צו ראטעווען. אה, עס איז אזוי טרויעריג. לאכט ניט פון מיר, פריילין וואנגעל.

הילדא: איך לאך שוין נאָר נים.

פרוי סאַלנעם: אין א געווימען זינן, קען מען זאָגען, האָבען זיי אויך געהאט לעבען אין זיך. איך פלעג זיי טראָגען אונ־טער מיין הארץ — ווי קליינע ניט־געבוירענע קינדערלעך.

(דר. הערדעל געהט ארוים דורך די טיר מיט'ן הוט אין האַנד און דערזעהט פרוי סאַלנעם מיט הילדא'ן.)

דר. הערדעל: אזוי, פרוי סאַלנעם, איהר זיצט זיך דאָ און ערקעלטעט זיך?

פרוי סאַלנעם: די לופט איז היינט אזוי מילד און ווארעם.

הערדעל: יא, יא. אָבער וואָס קומט דאָ היינט פאָר? איך האָב געקראָגען אייער בריוועל.

פרוי סאַלנעם: (הויבט זיך אויף) יא, איך מוז מיט אייך עפּעס רעדען.

הערדעל: גוט, דאן לאָמיר פיליכט ארייננעהן אין הויז. (צו הילדא'ן) איהר זייט נאָך אלץ אין אייערע בערג־קליידער, פריילין?

הילדא: (שטעהט אויף, לוסטיג) געווים, אין פולער פאָר־מע! היינט וויל איך אָבער ניט קלעטערן און ברעכען דעם גע־ניק. מיר ביידע, דאָקטאר, וועלען זיך גאַנץ שטיל שטעהן אונטען און ארויפקוקען.

הערדעל: אויף וואָס וועלען מיר קוקען?

פרוי סאַלנעם: (דערשראָקען, מילד, צו הילדא'ן) שטיל, שטיל — אום גאָטעם ווילען! ער קומט. זעהט, רעדט איהם אָב פון דעם איינפאל. און לאָמיר זיין פריינד, פריילין וואַנ־געל. קענען מיר דאָס ניט זיין!

הילדא: (פאַלט איהר אויפ'ן האלז) אך, ווען מיר וואָלטען דאָס נור קענען!

פרוי סאַלנעם: (בעפרייט זיך עדעל). אָט, אָט! אָט קומט ער, דאָקטאר. איך וויל מיט אייך עפּעס רעדען.

הערדעל: איז עס וועגען איהם?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : נו, געווים וועגען א י ה ם. קומט אריין.

(זי און דער דאָקטאר געהען אריין אין הויז. אין דער זעלבער צייט קומט סאָלנעס אויף די טרעפּ פון גאָרטען. הילדא קוקט אויס ערנסט).

ס אָ ל נ ע ס : (קוקט אויף דער הויז־טיר, וועלכע פערמאַכט זיך פאָרזיכטיג פון אינעווייניג) איהר האָט בעמערקט, הילדא ? אזוי שנעל, ווי איך קום, געהט זי אוועק.

ה י ל ד א : איך האָב בעמערקט אז אזוי שנעל ווי איהר קומט, מאכט איהר זי זאָל אוועקגעהן.

ס אָ ל נ ע ס : עס קען זיין. אָבער איך קען דערצו גאָר־ניט העלפען. (קוקט אויף איהר אויפמערקזאַם) איך איז קאַלט, הילדא ? עס זעהט אזוי אויס.

ה י ל ד א : איך בין אָקאָרשט ארויף געקומען פון א קבר.

ס אָ ל נ ע ס : וואָס הייסט ד אָ ס ?

ה י ל ד א : — אז איך בין דורך־און־דורך געפראָרען געוואָרען, בוימייסטער.

ס אָ ל נ ע ס : (לאַנגזאַם) מיר דאכט, איך פערשטעה...

ה י ל ד א : נאָך וואָס זייט איהר איצט געקומען אהער ?

ס אָ ל נ ע ס : איך האָב איך דערזעהן פון דער ווייטענס.

ה י ל ד א : דאן, האָט איהר דאָך ז י אויך געמוזט זעהן?

ס אָ ל נ ע ס : איך האָב געוואוסט אז זי וועט אוועקגעהן אזוי באלד ווי איך וועל נור צוקומען.

ה י ל ד א : טוט עס אייך זעהר לייד, וואָס זי מיידעט אייך אזוי אוים ?

ס אָ ל נ ע ס : אין א געוויסער הינזיכט געפין איך אין דעם אן ערלייכטערונג.

ה י ל ד א : נישט צו זעהן זי פאר אייערע אויגען ?

ס אָ ל נ ע ס : יא.

ה י ל ד א : נישט צוצוקוקען כסדר, ווי זי נעהמט זיך צום הארצען די געשיכטע מיט די אינגעלעך ?

ס אָ ל נ ע ס: יא, דאָס הויפּטזעכליך.

(הילדא געהט, די הענד פערלעגט אויף הינטען, איבער דער ווע־ראנדע, שטעלט זיך אָב ביי דער פּאַרענצע און קוקט אַריבער אין גאָרטען.)

ס אָ ל נ ע ס: (נאָך אַ קורצער פּאָוזע) האָט איהר געהאט אַ לאנגען געשפּרעך מיט איהר?

(הילדא שטעהט אָהן בעוועגונג און ענטפערט ניט.)

ס אָ ל נ ע ס: איך פרעג צי איהר האָט געהאט אַ לאנגען גע־שפּרעך?

(הילדא איז שטיל ווי פריהער.)

ס אָ ל נ ע ס: וועגען וואָס האָט זי גערעדט, הילדא?

(הילדא איז אַלץ שטיל.)

ס אָ ל נ ע ס: ארעמע אלינא, מסתמא וועגען די אינגעלעך.

(הילדא. אַ נערוועזער ציטער געהט איהר דורך, דאַן שאָקעלט זי אַ פּאָר מאָל שנעל מיט'ן קאָפּ.)

ס אָ ל נ ע ס: זי וועט דאָס קיין מאָל ניט פערגעסען, קיין מאָל אין לעבען ניט. (קומט נעהענטער צו איהר) איצט שטעהט איהר נאָך אַ מאָל ווי אַ סטאַטוע; פּונקט ווי איהר זייט געשטאַנען נעכ־טערען אָווענד.

ה י ל ד א: (קעהרט זיך אום און קוקט אויף איהם מיט גרויסע ערנסטע אויגען) איך פאָהר אַוועק!

ס אָ ל נ ע ס: (שאַרף) איהר פאָהרט אַוועק!

ה י ל ד א: יא.

ס אָ ל נ ע ס: איך וועל דאָס אייך ניט ערלויבען!

ה י ל ד א: וואָס האָב איך ד אָ איצט צו טאָן?

ס אָ ל נ ע ס: איינפאַך ז י י ן דאָ, הילדא!

ה י ל ד א: (מעסט איהם אָב מיט אַ קוק) עס וואָלט זיין ניט שלעכט. אָבער איהר ווייסט דאָך, אז מיט דעם וועט עס זיך ניט ענדיגען.

ס אָ ל נ ע ס: (אונאיבערלעגט) איז נאָך בעסער!

ה י ל ד: (צוהיצט) איך קאַן נישט טאָן קיין שלעכטס צו

א פערזאָן, וועלכע איך ק ע ן! איך קען ביי איהר נישט צו נעהמען, וואָס געהערט צו איהר.

ס אָ ל נ ע ס: ווער הייסט עס אייך דען טאָן?

ה י ל ד א: (פאַרטזעצענדיג) ביי א פרעמדער, יא! דאָס איז גאָר עפּעס אנדערס. ביי אזא, וועלכע איך האָב קיין מאָל נישט געזעהן. אָבער מיט איהר בין איך דאָך געקומען אין אזא נאָהענ־טער בעריהרונג!... ניין, אָה ניין! פוי!

ס אָ ל נ ע ס: יא, אָבער איך האָב אייך קיין מאָל ניט פאַרגעשלאָגען איהר זאָלט דאָס טאָן.

ה י ל ד א: אָה, בוימייסטער, איהר ווייסט גאַנץ גוט וואָס די ענדרע וואָלט געוועזן. און דערפאר טאקע פאָהר איך אוועק.

ס אָ ל נ ע ס: און וואָס וועט ווערען פון מיר, ווען איהר וועט אוועקפאָהרען? צו וואָס וועל איך ד א ן דארפען לעבען—?

ה י ל דא: (מיט אַן אונבעשטימטען אויסדרוק אין די אויגען) מיט א י י ך האַלט עס געווים ניט אזוי שלעכט. איהר האָט אייערע פליכטען צו איהר. לעבט צוליעב די פליכטען.

ס אָ ל נ ע ס: צו שפּעט. דיזע מעכטע — דיזע — דיזע —

ה י ל ד א: — טייוואָלים —

ס אָ ל נ ע ס: יא, דיזע טייוואָלים! און דער נישט־גוטער אין מיר, אויך — זיי האָבען פון איהר דאָס גאַנצע לעבענס־בלוט ארויסגעצאפּט. (ער לאַכט פערצווייפעלט) זיי האָבען דאָס געטאָן צו־ליעב מיין גליק! יא, יא! (מיט אַ שווערען געמיטה) און איצט איז זי טויט — פון מיינעט וועגען. און איך בין לעבעדיגערהייט צוגעשמידט מיט קייטען צו א טויטער פרוי. (אין ווילדער אַנגסט) איך — איך, וועלכער ק ע ן ניט לעבען אָהן לעבענס־פרייד!

ה י ל ד א: (רוקט זיך איבער אויף דער אַנדער זייט טיש און זעצט זיך אויף דער באַנק, מיט די עלענבויגען אויפ׳ן טיש, און דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן די הענד, זיצט און קוקט אויף איהם אַ ווײַלע) וואָס וועט איהר ווייטער בויען?

ס אַ ל נ ע ס: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) איך גלויב ניט, אז איך וועל איבערהויפּט שוין פיעל בויען.

ה י ל ד א: קיינע בעקוועמע, גליקליכע היימען פאר פאָטערס און מוטערס און מחנות קינדער?

ס אַ ל נ ע ס: איך וויס ניט צו מען וועט דאָס דאַרפען אין דער צוקונפט.

ה י ל ד א: ארעמער בוימייסטער! און איהר האָט גאַנצע צעהן יאָהר דערויף געארבייט — דאָס לעבען אָבגעגעבען נור דערויף.

ס אַ ל נ ע ס: יא, איהר האָט רעכט, הילדא.

ה י ל ד א: (פּלאַצט אַרויס) אָה, דאָס אַלעס קומט מיר פאָר אזוי נאריש, אזוי נאריש!

ס אַ ל נ ע ס: אַלעס וואָס?

ה י ל ד א: נישט צו קענען אָנכאַפּען דאָס אייגענע גליק — דאָס אייגענע לעבען! נור דערפאַר וואָס אַ וועלכע עס איז בעקאַנטע פּערזאָן שטעהט אין וועג!

ס אַ ל נ ע ס: אַ פּערזאָן, וועלכע מען האָט קיין רעכט ניט אָבצושטופּען אָן אַ זייט.

ה י ל ד א: איך וואָלט וועלען וויסען, צי קיינער האָט ווירקליך ניט דאָס רעכט? און דאָך — אָך, ווען מען וואָלט געקענט איבערשלאָפען די גאנצע געשיכטע! (זי לעגט פלאַך די הענד אויפ'ן טיש, לאָזט די לינקע זייט פון קאָפּ רוהען אויף די הענד, און פערמאַכט די אויגען).

ס אַ ל נ ע ס: (דרעהט ארום דעם לעהנשטוהל און זעצט זיך ביים טיש) האָט א י ה ר געהאַט אַ בעקוועמע, גליקליכע היים, דאָרט ביי אייער פאָטער, הילדא?

ה י ל ד א: (נישט ריהרענדיג זיך, ווי האַלב פערשלאָפען) איך האָב נור געהאַט אַ שטייגעל.

ס אַ ל נ ע ס: און איהר זייט בעשלאָסען נישט צוריקצוקעהרען זיך אהין?

הילדא: (ווי פריהער) דערווילדער פויגעל וויל קיין מאָל ניט אין שטייג אריין.

סאָלנעס: בעסער שוועבען אין די פרייע לופט...

הילדא: (אלץ ווי פריהער) דער רויב פויגעל ליעבט צו שוועבען —

סאָלנעס: (קוקט אויף איהר). ווער עס האָט נור דעם וויקינג־גייסט אין זיך...

הילדא: (אין איהר נאַטירליכע שטימע; עפענט די אויגען, נור ריהרט זיך גישט) און די אנדער זאך? זאָגט, וואָס איז געווען די אנדער זאך?

סאָלנעס: א געזונדען געוויסען.

הילדא: (זעצט זיך גלייך אויף דער באַנק; איהרע אויגען פינקלען וויעדער מיט פרייד. שאָקעלט איהם צו) איך וויים, וואָס איהר וועט בויען נעכסטענס!

סאָלנעס: דאן ווייסט איהר מעהר ווי איך אליין, הילדא.

הילדא: יא, די בוימייסטער זייגען אזוינע נאַרישע מענשען.

סאָלנעס: אלזאָ, וואָס וועט דאָס זיין?

הילדא: (שאָקעלט ווידער מיט'ן קאָפּ) דער שלאָס.

סאָלנעס: וואָס פאר א שלאָס?

הילדא: מיין שלאָס, נאַטירליך?

סאָלנעס: איצט ווילט איהר שוין גאָר א שלאָס?

הילדא: זייט איהר מיר ניט שולדיג א קעניגרייך, וואָלט איך וועלען וויסען?

סאָלנעס: אזוי בעהויפּטעט איהר, וועניגסטענס.

הילדא: גוט, איהר זייט מודה אז איהר זייט מיר שולדיג א קעניגרייך. און מיר דאכט אז מען קען ניט האָבען קיין קעניגרייך אָהן א קעניגליכען שלאָס!

סאָלנעס: (מעהר און מעהר בעלעבט) יא, געוועהנליך געהען דיביידע זאכען צוזאַמען.

הילדא: גוט. דאַן בוים איהם אויף פאַר מיר, אַט די מינוט!

סאָלנעס: (לאַכענדיג) אזוי, איהר מוזט אַט דאָס אויך האָבען גלייך אין מינוט?

הילדא: גאַנץ געוויס! ווייל איצט זיינען די צעהן יאָהר אויס, און איך וויל מעהר נישט ווארטען. אַלזאָ — אהער דעם שלאָס, בוימייסטער!

סאָלנעס: עס איז גאָר נישט קיין שפאַס אייך עפּעס שולדיג צו זיין, הילדא.

הילדא: וועגען דעם האָט איהר פריהער געדאַרפט טראַכטען. איצט איז שוין צו שפּעט. אַלזאָ — (זי קלאַפּט אויפ'ן טיש) דעם שלאָס אהער אויפ'ן טיש! עס איז מיין שלאָס! איך וויל עס גלייך האָבען!

סאָלנעס: (מעהר ערנסט, בויגט זיך אַריבער צו איהר, מיט די הענד אויפ'ן טיש) וואָס פאַר אַ כאַרט שלאָס האָט איהר זיך פאַרגעשטעלט, הילדא?

(איהר אויסדרוק ווערט אַלץ מעהר פערשלעהערט. זי זעהט אויס ווי זי וואָלט טיעף אריינקוקען אין זיך זעלבסט.)

הילדא: (לאַנגזאַם) מיין שלאָס זאָל שטעהן הויך — גאַנץ אויבען — מיט אַ פרייען אויסבליק אויף אַלע זייטען — אזוי, אַז איך זאָל קענען ארויסקוקען ווייט — ווייט ארום.

סאָלנעס: און, אָהן צווייפעל, מוז אויף איהם זיין אַ הויכער טורעם?

הילדא: אַן אונגעהייער הויכער טורעם, און אויפ'ן רעכ־טען שפּיץ פון טורעם מוז זיין אַ באַלקאָן, און איך וועל אויף איהם שטעהן —

סאָלנעס: (כאַפּט זיך ניט ווילענדיג ביים שטערען) ווי אזוי קענט איהר ליעב האָבען צו שטעהן אויף אזא שווינדעלדיגער הויך? —

הילדא: יאָ, איך וויל! גראַד דאָרט אויבען וויל איך שטעהן און אַראָפּקוקען אויף די אנדערע — אויף די, וועלכע בויען

קירכען, און היימען פאר פאטערס און מוטערס און מחנות קינדער. און א י ה ר מעגט אויך ארויפקומען און דאָס אַנקוקען.

ס אַ ל נ ע ס : (שטיל) מעג דער בוימייסטער ארויפקומען צו דער פרינצעסין ?

ה י ל ד א : אויב דער בוימייסטער וויל.

ס אַ ל נ ע ס : (ווייכער). דאַן, גלויב איך, וועט דער בוי־מייסטער קומען.

ה י ל ד א : (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) דער בוימייסטער — ער ו ו ע ט קומען.

ס אָ ל נ עס : ער וועט אָבער מעהר קיינמאָל ניט קענען בויען — דער ארעמער בוימייסטער.

ה י ל ד א : (מונטער) יא, יא, ער וועט ! מיר ביידע וועלען זיך נעהמען פאר דער ארבייט צוזאמען. און דאַן וועלען מיר בויען דאָס שעהנסטע — דאָס אַלערשעהנסטע, וואָס גיט אויף דער וועלט !

ס אַ ל נ ע ס : (געשפאַנט) הילדא, זאָגט מיר וואָס איז דאָס אזוינס ?

ה י ל ד א : (קוקט אויף איהם, שמייכלענדיג, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, פערשפּיצט די ליפּען און רעדט ווי צו אַ קינד). די בוימייסטער — זיי זיינען זעהר — זעהר נאַרעשע מענשען.

ס אַ ל נ ע ס : יא, אידאי זיינען זיי נאַרעש. אָבער זאָגט זשע מיר וואָס איז דאָס — דאָס שענסטע אויף דער וועלט, וואָס מיר ביידע דארפען צוזאַמען בויען ?

ה י ל ד א : (איז שטיל אַ ווײלע, דאַן זאָגט זי מיט אַן אונבעשטימטען אויסדרוק אין די אויגען). ל ו פ ט ־ ש ל ע ס ע ר.

ס אַ ל נ ע ס : לופט־שלעסער ?

ה י ל ד א : (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ). לופט־שלעסער, א ! ווייסט איהר וואָס פאר א מין זאך א לופט־שלאָס איז ?

ס אָ ל נ ע ס : איהר זאָגט, עס איז דאָס שענסטע אויף דער וועלט.

ה י ל ד א : (הויבט זיך האַסטיג אויף און גיט אַ מאַך אַוועק

מיט דער האַנד). פערשטעהט זיך! לופט־שלעסער — זיינען אַזוי בעקוועם אויף צו בעהאַלטען זיך אין זיי. און עס איז אויך אַזוי לייכט זיי צו בויען — (קוקט אויף איהם צאַרטליך) איבערהויפט פאַר די בוימייסטערס — וועלכע האָבען אַ — אַ שווינדעלדיגען געוויסען.

סאָלנעס: (הויבט זיך אויף). פון היינט אָן בויען מיר ביידע צוזאַמען, הילדאַ.

הילדאַ: (מיט אַ שמייכעל פון צווייפעל). אַ ריכטיגען לופט־שלאָס?

סאָלנעס: יאָ, אַ לופט־שלאָס מיט אַ שטאַרקען פונדאַמענט אונטער איהם.

(ראַגנאַר בראָוויק קומט אַרויס פון הויז; ער טראָגט אַ גרויסען גריגעם קראַנץ, בעפּוצט מיט בלומען און זיידענע בענדער).

הילדאַ: (שרייט אויס מיט פרייד). דער קראַנץ! אָה, דאָס וועט זיין פּראַכטפאָל!

סאָלנעס: (פערוואונדערט). איהר האָט געבראַכט דעם קראַנץ, ראַגנאַר?

ראַגנאַר: איך האָב פערשפּראָכען דעם ווערקמייסטער דאָס איך וועל ברייננגען.

סאָלנעס: (ערלייכטערט). אה, אויב אַזוי, שטעל איך מיר פאָר אַז אייער פאָטער פיהלט זיך בעסער?

ראַגנאַר: ניין.

סאָלנעס: האָט איהם גאָר ניט ערמונטערט דאָס, וואָס איך האָב אָנגעשריבען?

ראַגנאַר: עס איז געקומען צו שפּעט.

סאָלנעס: צו שפּעט!

ראַגנער: ווען זי איז דערמיט געקומען, איז ער שוין ניט געווען ביי די געדאַנקען. ער האָט געקריגען די אַפּאָפּלעקסיע.

סאָלנעס: אויב אַזוי געהט־זשע שנעל אַהיים צו איהם! זייט דאָך לעבען אייער פאָטער!

ראַגנאַר: ער דאַרף מיך שוין מעהר נישט.

סאָלנעס: אָבער דאָך, איהר מוזט זיין לעבען איהם.

ראגנאר: זי זיצט ביי זיין בעט.

סאָלנעס: (עטוואָס אונזיכער). קאַיאַ?

ראגנער: (קוקט אויף איהם פינסטער). יא — קאַיאַ.

סאָלנעס: געהט אהיים, ראגנאר, צו איהר און צו איהם. גיט מיר דעם קראַנץ.

ראגנאר: (אונטערדריקט אַ שפּאָטישען שמייכעל). איהר מיינט דאָך ניט אפשר אליין...?

סאָלנעס: איך וועל מיט דעם אליין ארונטערגעהן (ער נעהמט ביי איהם דעם קראַנץ) און איצט געהט אהיים; מיר דארפען אייך דאָ היינט ניט.

ראגנאר: איך וויים, אז איהר דארפט מיך מעהר נישט; נור היינט בלייב איך דאָ.

סאָלנעס: נו בלייבט, אויב איהר ווילט.

הילדא: (ביי דער פּאַרענצע). בוימייסטער — איך וועל דאָ שטעהן און קוקען אויף אייך.

סאָלנעס: אויף מיר!

הילדא: עס וועט זיין שרעקליך שפּאַנענד.

סאָלנעס: (שטיל). מיר וועלען וועגען דעם שפּעטער רעדען, הילדא. (ער געהט אַרונטער די טרעפּ מיט'ן קראַנץ, ווייטער אוועק אין גאָרטען אריין).

הילדא: (קוקט איהם נאָך, דאן אומקעהרענדיג זיך צו ראגנארען) איך מיין, איהר האָט איהם וויניגסטענס געמעגט דאנקען.

ראגנאר: איהם דאנקען! איהם האָב איך געדארפט דאנקען?

הילדא: יא, געוויס האָט איהר נעדארפט!

ראגנאר: איך דענק, איך האָב ניכער אייך גע־דארפט דאנקען.

הילדא: ווי קענט איהר דאָס זאָגען?

ראגנאר: (ניט ענטפערענדיג) אָבער, איך ראטה אייך

איהר זאָלט זיין פּאָרזיכטיג, פרײלען וואנגעל! איהר קענט איהם נאָך ניט ריכטיג.

הילדא: (פייערדיג). אָה, איך קען איהם בעסער פאר יעדען איינעם!

ראגנאר: (לאַכט פערביטערט). איהם דאנקען, בעת אז ער האָט מיך פון יאָהר צו יאָהר געהאלטען געבונדען! בעת אז ער האָט געמאכט אז מיין פאטער זאָל צווייפלען אין מיר, אז איך זאָל אליין אין זיך צווייפלען! און דאָס אלעס, נור כדי ער זאָל.....!

הילדא: (ווי עס וואָלט איהר עפּעס איינפאַלען). כדי ער זאָל....? זאָגט מיר גלייך!

ראגנאר: כדי ער זאָל זי קענען האלטען ביי זיך.

הילדא: (שפּרינגט אויף צו איהם). דאָס מיידעל ביים שרייבטיש?

ראגנאר: יא.

הילדא: (דראָהענד, מיט צונויפגעפּרעסטע הענד). דאָס איז ניט אמת! איהר דערצעהלט פאלשע זאכען וועגען איהם!

ראגנאר: איך וואָלט עס אליין אויך ניט געגלויבט ביז היינט, ווען זי האָט דאָס מיר אליין געזאָגט.

הילדא: (אויסער זיך). וואָס האָט זי געזאָגט? איך וויל עס וויסען! גלייך!

ראגנאר: זי האָט געזאָגט, אז ער האָט בעהערשט איהרע געפיהלען, אז אלע איהרע געדאַנקען געהערען צו איהם און זי קען זיך קיין מאָל פון איהם ניט אוועקרייסען. אז זי וועט בלייבען דאָרט, וואו ער איז....

הילדא: (מיט פלאַמענדע אויגען). מען וועט עס איהר ניט לאָזען!

ראגנאר: (פאָרשענדיג). ווער וועט זי ניט לאָזען?

הילדא: (שנעל). ער וועט עס אויך ניט!

ראגנאר: ניין, נאַטירליך ניט. איצט פערשטעה איך די גאַנצע געשיכטע. איצט וואָלט זי נור געווען — אין וועג.

הילדא: איהר פערשטעהט נאָרנישט, אויב איהר קענט

אזוי רעדען! ניין, א י ך וועל אייך ערקלערען, וואָרום ער האָט זיך אזוי געהאַלטען אָן איהר.

ר א ג נ א ר: נו גוט, וואָרום?

ה י ל ד א: כדי א י י ך צו האַלטען ביי זיך.

ר א ג נ ע ר: האָט ער דאָס אייך געזאָגט?

ה ל ד א: ניין, נור אזוי איז עס! עס מ ו ז אזוי זיין! (ווילד) איך וויל, — איך ו ו י ל, אז עס זאָל אזוי זיין!

ר א ג נ א ר: און גראַד, ווען איהר זייט געקומען, האָט ער זי אָבגעלאָזען.

ה י ל ד א: אייך — אייך האָט ער אָבגעלאָזען! וואָס, מיינט איהר, קימערט ער זיך אום פרעמדע מיידלעך, ווי זי איז?

ר א ג נ א ר: (דענקט נאָך). איז עס מעגליך, אז די גאַנצע צייט האָט ער פאר מיר מורא געהאט?

ה י ל ד א: ע ר מורא געהאט! אזא הויכע מיינונג דאַרפט איהר וועגען זיך ניט האָבען.

ר א ג נ א ר: אָה, ער האָט שוין לאַנג געמוזט בעמערקען, אז איך טויג אויך אויף עפּעס. איבעריגענס, א פּייגלינג — דאָס, זעהט איהר איז ער פון דער נאַטור.

ה י ל ד א: ע ר! אודאי! דאָס דערצעהלט אימעצען אַנדערש!

ר א ג נ א ר: אין א געוויסען זינן איז ער א פּייגלינג — ער, דער גרויסער בוימייסטער. ער האָט קיין מורא ניט אוועקצוראַבע־זוען ביי אַנדערע זייער לעבענס־גליק — ווי ער האָט דאָס געטאָן מיט מיר און מיין פאַטער. אָבער ווען עס קומט פאָר ארויף צו־קלעטערען אויף א שטיקעל ברעטער־געשטעל, וועט ער זיך אויס־דרעהען מיט אַלע מיטלען!

ה י ל ד א: אָה, איהר וואָלט איהם געדאַרפט זעהן אזוי הויך, אזוי הימעל־הויך, ווי איך האָב איהם איין מאָל געזעהן!

ר א נ נ א ר: איהר האָט דאָס געזעהן?

ה י ל ד א: גאַנץ געוויס האָב איך עס געזעהן. ווי פריי

אין גרויס ער האָט אויסגעזעהן, שטעהענדיג דאָרט און צובינדענדיג דעם קראַנץ צו דער קירכען־פּאָהן.

ר א ג נ א ר : איך ווייס, אז ער האָט דאָס געוואגט איין מאָל אין זיין לעבען — איין איינציג מאָל. מיר יונגע דערצעהלען עס צווישען זיך ווי א טראַדיציע. אָבער קיין מאכט אין דער וועלט קען איהם ניט בעוועגען דאָס נאָך אמאָל צו טאָן.

ה י ל ד א : היינט טוט ער דאָס ווידער!

ר א ג נ א ר : (שפּאָטיש). יא, איך מיין עפּעס!

ה י ל ד א : וועלען מיר זעהן!

ר א ג נ א ר : ניט איהר און ניט איך וועלען דאָס זעהען.

ה י ל ד א : (קען זיך ניט קאָנטראָלירען). איך ו ו ע ל עס זעהן! איך ו ו י ל און מ ו ז עס זעהן!

ר א ג נ א ר : ער וועט דאָס אָבער נישט טאָן. ער וועט איינפאך ניט וואגען. אָט די שוואכקייט האָט ער — ער, דער גרויסער בוימייסטער.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (קומט אַרויס פון הויז אויף דער וועראַנדע, קוקט זיך אַרום). ער איז דאָ ניטאָ? וואו איז ער אוועק־געגאנגען?

ר א ג נ א ר : הערר סאָלנעס איז דאָרט מיט די ארבייטער.

ה י ל ד א : ער האָט גענומען דעם קראַנץ מיט זיך.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (מיט אנגסט). מיטגענומען דעם קראַנץ! אָך גאָט — אָך גאָט! בראָוויק — איהר מוזט אַראָבגעהן צו איהם! זעהט, ער זאָל צוריק קומען!

ר א ג נ א ר : זאָל איך איהם זאָגען, אז איהר ווילט מיט איהם רעדען, גנעדיגע פרוי?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : אָה, איך בעט אייך! — ניין, ניין, זאָגט איהם ניט פון מ י ר! זאָגט, אז אימעצער איז דאָ, ער זאָל גלייך קומען.

ר א ג נ א ר : גוט, גוט. איך וועל איהם זאָגען, גנעדיגע פרוי. (ער געהט אַרונטער די טרעפּ אין גאָרטען אַריין).

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : אַך, פרײלען װאַנגעל, איהר קענט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, װי בעזאָרגט איך בין װעגען איהם.

ה י ל ד א : איז עס דען אַזױ נעפעהרליך, אַז מען זאָל דאַרפען זיך אַזױ שרעקען דעריבער?

פ ר ו י ס אָ ל ע נ ס : אָה, געװיס; איהר קענט דאָך עס פערשטעהן. בעטראַכט נור — װען ער װאָלט עס מײנען ערנסט! װען ער װאָלט װירקליך װעלען קלעטערען אױפ׳ן ברעטער־געשטעל!

ה י ל ד א : (געשפאַנט). און איהר דענקט, ער װעט דאָס טאַקע טאָן?

פ ר ו י ס אָ ל ע נ ס : מען קען קײן מאָל ניט װיסען, װאָס איהם קען אײנפאַלען. אױף איהם איז אַלעס צו גלױבען.

ה י ל ד א : אהא, א י ה ר דענקט אפשר אױך, אַז ער איז ניט אַזױ — נישט אין גאַנצען...?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : אָה, איך װײס שױן אַלײן ניט, װאָס צו דענקען װעגען איהם. דער דאָקטאָר דערצײהלט מיר אַלערלײ מעשות. און אױסער דעם, װען איך דערמאָן זיך פערשײדענע זאַכען װאָס איך אַלײן האָב געהערט פון איהם...

ד ר. ה ע ר ד ע ל :,(שטעקט ארײן דעם קאָפּ דורך די טיר). ער קומט באַלד?

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : אַזױ דענק איך. איך האָב געשיקט נאָך איהם.

ה ע ר ד ע ל : (קומענדיג נעהנטער). איך האָב מורא איהר װעט מוזען ארײנגעהן, מאַדאַם —

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : נײן, נײן, איך בלײב דאָ װאַרטען אױף האַלװאַרדען.

ה ע ר ד ע ל : עס זײנען אָבער געקומען צו אײך אַ פּאָר דאַמען מיט אַ װיזיט.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : אַך גאָט! נאָך ד אָ ס האָט געפעהלט! און גראָד איצט!

ה ע ר ד ע ל : זײ זײנען, אײגענטליך, געקומען זעהען די צערעמאָניע.

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ס : גוט, גוט, איך דענק מען מוז דאָך געהן צו זיי. עס איז מיין פליכט.

ה י ל ד א : קענט איהר דען ניט בעטען די דאמען זיי זאָלען אוועק געהן?

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ס : ניין, דאָס געהט ניט. איין מאָל זיינען זיי שוין געקומען, איז עס מייז פליכט זיי אויפצונעהמען. נור בלייבט א י ה ר דערוויייל אין דרויסען — און רעדט מיט איהם, ווען ער וועט קומען.

ה ע ר ד ע ל : און פערהאַלט איהם מיט א געשפּרעך אַזוי לאַנג, ווי מעגליך....

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ס : יא, ליעבע פריילען וואנגעל, — האַלט איהם אַזוי פעסט ווי איהר קענט נור.

ה י ל ד א : דענקט איהר ניט, אז עס וואָלט זיין בעסער איהר זאָלט דאָס טאָן?

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ס : יא, גאָט וויים, אז דאָס איז מיין פליכט. נור ווען מען האָט אַזוי פיעל פערשידענע פליכטען...

ה ע ר ד ע ל : (קוקט ארויס אין גאָרטען). אָט קומט ער!

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ס : און איך מוז ארייננעהן.

ה ע ר ד ע ל : (צו הילדען). זאָגט איהם גאָרנישט וועגען דעם אז א י ך בין דאָ.

ה י ל ד א : אָה, ניין! איך מיין, אז איך וועל שוין געפינען עפּעס אנדערעס וועגען וואָרה צו רעדען מיט'ן בוימייסטער.

פ ר ו י ס אַ ל נ ע ס : און האַלט איהם נור פעסט. איך דענק, א י ה ר קענט עס טאָן אם בעסטען.

(פרוי סאָלנעס און דאָקטאר הערדעל געהען אריין אין הויז, הילדא בלייבט שטעהן אויף דער וועראַנדע).

ס אָ ל נ ע ס : (קומט אַרויף אויף די טרעפּ). איך הער, אז אימעצער דארף מיך דאָ.

ה י ל ד א : יא, איך בין דאָס, בוימייסטער.

ס אָ ל נ ע ס : אַזוי, איהר זייט עס, הילדא. און איך האָב זיך שוין געשראָקען, טאָמער איז עס אלינא אָדער דער דאָקטאָר.

ה י ל ד א : עס זעהט אויס, א י ה ר זייט זעהר א שרע־
קעדינגער.

ס אַ ל נ ע ר : דענקט איהר אזוי?

ה י ל ד א : יא, מען זאָגט איהר האָט מורא ארום צו קלע־
טערן — אויף די געשטעלען ארום א געביידע, הייסט עס.

ס אַ ל נ ע ס : נו, דאָס אז דאָך א גאַנץ ספּעציעלע זאַך.

ה י ל ד א : איז עס, אלזאָ, אמת, אז איהר האָט דערפאר
מורא?

ס אַ ל נ ע ס : יא, דאָס איז אמת.

ה י ל ד א : איהר האָט מורא, איהר וועט אראָפּ פאַלען און
דעם געניק ברעכען?

ס אַ ל נ ע ס : ניין, דאָס ניט.

ה י ל ד א : וואָס־זשע דען?

ס אַ ל נ ע ס : איך שרעק זיך פאר דער אָברעכענונג, הילדא.

ה י ל ד א : די אָברעכענונג! (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ). דאָס
פערשטעהע איך ניט.

ס אַ ל נ ע ס : זעצט זיך, וועל איך אייך עפּעס דערצעהלען.

ה י ל ד א : גוט! דערצעהלט! (זעצט זיך אויף א טאַבורעט
ביי דער פאַרענצע און קוקט אויף איהם מיט ערוואַרטונג).

ס אַ ל נ ע ס : (וואַרפט זיין הוט אויפ'ן טיש). ווי אייך איז
בעוואוסט, האָב איך אָנגעפאַנגען מיין קאַריערע מיט בויען קירכען.

ה י ל ד א : (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ). דאָס וויים איך וואויל.

ס אַ ל נ ע ס : ווייל, פערשטעהט איהר, אלס אינגעל בין
איך געוואַקסען אין א פרום הויז אין א דאָרף. און מיר האָט
זיך געדאַכט, דאָס עס גיט גאָרניט קיין ערהאבענערע זאַך פאר מיר,
ווי צו בויען קירכען.

ה י ל ד א : יא, וואָרום דען ניט?

ס אַ ל נ ע ס : און דאָס מוז איך אייך זאָגען, אז איך האָב
געבויט די קליינע, אָרעמע קירכען מיט אזא עהרליכקייט, וואַרעמ־
קייט און ערנסטע איבערגעבענהייט אז — אז...

ה י ל ד א : אז — ? וואָס?

ס אָ ל נ ע ס: אַז איך דענק, ער האָט געדאַרפט זיין צו־פריעדען מיט מיר.

ה י ל ד א: ע ר? וואָס פאַר אַן ע ר?

ס אָ ל נ ע ס: ער, פערשטעהט זיך, — פאַר וועמען די קירכען זיינען געווען בעשטימט! ער, פאַר וועמענס רוהם און עהרע זיי זיינען געבויט געוואָרען.

ה י ל ד א: אזוי! אָבער ווייסט איהר דען בעשטימט אַז — אַז ער איז ניט געווען — צופריעדען מיט אייך?

ס אָ ל נ ע ס: (שפּאָטיש). ער צופריעדען מיט מ י ר? ווי קענט איהר דאָס גאָר זאָגען, הילדא? ער, וועלכער האָט דערלאָזען, אַז דער נישט־גוטער זאָל אין מיר געוועלטיגען וויפיל ער וויל אַליין. ער, וועלכער האָט זיי געהייסען זיין גרייט מיך צו דיענען בייטאָג און ביינאַכט — אַלע די — די...

ה י ל ד א: טייוואָלים?

ס אָ ל נ ע ס: יע, ביידערליי. אָה ניין, ער האָט מיר געגעבען צו פיהלען גאַנץ דייטליך, אַז ער איז מיט מיר נישט צופריעדען. (געהיימניספאָל). ד אָ ס, זעהט איהר, איז, אייגענטליך, געווען די אורזאַך, וואָס ער האָט געלאָזט אָבברענען דאָס אַלטע הויז.

ה י ל ד א: איז ד אָ ס געווען די אורזאַך?

ס אָ ל נ ע ס: יאָ, איהר פערשטעהט דאָס דען ניט? ער האָט מיר געוואָלט געבען די מעגליכקייט צו ווערען אַ גרויסער מייסטער אין מיין פאַך, אום איך זאָל פאַר איהם בויען אַלץ שעהנערע קירכען. אין אָנפאַנג האָב איך נישט פערשטאַנען וואוהין ער האָט געצוינגען; נור מיט אמאָל איז דאָס מיר קלאָר געוואָרען.

ה י ל ד א: ווען איז דאָס געווען?

ס אָ ל נ ע ס: עס איז געווען ווען איך האָב געבויט דעם קירך־טורעם דאָרט, אין לייסאַנזשער.

ה י ל ד א: אזוי האָב איך גערעכנט.

ס אָ ל נ ע ס: ווייל, פערשטעהט איהר, הילדא — דאָרט אין דער פרעמדער פלעג איך אונגעשטערט ארומגעהן און זיך גריבלען אין זיך אַליין. דאַן האָב איך איינגעזעהן גאַנץ קלאָר, וואָרום ער

האָט ביי מיר צוגענומען די קינדערלעך. ער האָט דאָס געטאָן, אום קיין זאך זאָל מיך נישט צובינדען צו זיך. קיינע אזעלכע זאכען, ווי ליעבע און גליק, פערשטעהט איהר מיך. איך האָב נור גע־דארפט זיין א בוימייסטער — ווייטער גאָרנישט. און מיין גאנץ לעבען האָב איך געדארפט פערברייננגען אין ב:יען פאר איהם. (לאַכט) נאָר לאָמיך אייך זאָגען, דערפון איז גאָרנישט ארויסגע־קומען.

ה י ל ד א : וואָס האָט איהר דען געטאָן?

ס אָ ל נ ע ס : צוערשט האָב איך זיך געגריבעלט און אויס־געפרובירט מיין אייגען הארץ —

ה י ל ד א : און דאן?

ס אָ ל נ ע ס : דאן האָב איך געטאָן דאָס א ו נ מ ע ג ־ ל י כ ע — איך אקוראט ווי ע ר!

ה י ל ד א : דאָס אונמעגליכע?

ס אָ ל נ ע ס : פריהער האָב איך קיין מאָל ניט געקענט ארויז־קלעטערען הויך און פריי. אָבער י ע נ ע ם טאָג האָב איך עס געטאָן.

ה י ל ד א : (שפּרינגט אויף). יאָ, יאָ, איהר האָט עס געטאָן

ס אָ ל נ ע ס : און ווען איך בין דאָרט געשטאַנען, העכער איבער אלעס, און האָב אויפגעהאנגען דעם קראַנץ אויף דער וועט־טער־פאָהן, האָב איך צו איהם געזאָגט: הער מיך אויס, איצטער, דו מעכטיגער! פון היינט אָן וועל איך אויך זיין א פרייער בוימייסטער — איך אין מיין קרייז, פונקט ווי דו אין דיינעם. איך וועל מעהר קיינמאָל ניט בויען קיין קירכען פאר דיר — נור היימען פאר מענשען.

ה י ל ד א : (מי־ ־רויסע פּינקלענדע אויגען). ד אָ ס איז געוועז דער געזאַנג, וואָס איך האָב דאָרט אויבען געהערט.

ס אָ ל נ ע ס : אָבער נאכהער איז געקומען זיין רייהע.

ה י ל ד א : וואָס מיינט איהר דערמיט?

ס אָ ל נ ע ס : (קוקט אויף איהר מוטהלאָז). בויען היימען פאר מענשען — איז קיין גראָשען ניט ווערטה, הילדא.

הילדא: זאָגט איהר דאָס איצטער?

סאָלנעס: יא, איצטער זעה איך דאָס איין. מענשען דארפען נישט אָט די היימען זייערע — אויף צו זיין דאָרט גליקליך. איך וואָלט אויך נישט געדארפט אזא היים, ווען איך וואָלט עס געהאט. (מיט אַ שטילען, ביטערען געלעכטער). איהר זעהט, דאָס איז דער רעזולטאט פון דער גאנצער געשיכטע, ווי ווייט צוריק איך זאָל נישט בליקען. עס איז גאָרנישט ווירקליך געבויט, און עס איז אויך גאָרנישט געאָפּפערט, כדי צו האָבען די געלעגענהייט צום בויען. גאָרנישט, גאָרנישט! די גאנצע זאך איז גאָרנישט!

הילדא: וועט איהר שוין מעהר קיין מאָל גאָרנישט ניט בויען?

סאָלנעס: (מיט הייטערקייט). אין געגענטהייל, ערשט איצט וועל איך אָנפאנגען!

הילדא: וואָס? וואָס וועט איהר בויען? זאָגט גלייך!

סאָלנעס: איך גלויב, אז עס גיט נור איין מעגליכער וואוין־פּלאַץ פאר מענשליכען גליק — און דאָס איז וואָס איך וועל איצטער בויען.

הילדא: (קוקט איהם פעסט אָן). בוימייסטער — איהר מיינט אונזערע לופט־שלעסער.

סאָלנעס: די לופט־שלעסער — יא.

הילדא: איך האָב מורא, עס וועט אייך אָנהויבען שווינדלען, איידער מיר וועלען ארויפגעהן א האלבען וועג.

סאָלנעס: ניין, ניט ווען איך קען ארויפשטייגען האנד אין האנד מיט אייך, הילדא.

הילדא: (מיט אַן אויסדרוק פון אונטערדריקטען צאָרן). נור מיט מיר? וועט ניט זיין נאָך ווער עס איז זיערביי?

סאָלנעס: ווענען נאָך מיינט איהר דען?

הילדא: אָה — יענע מיידעל — די קאיא, וואָס ביים שרייבטיש. די ארעמע — ווילט איהר דען ניט זי אויך מיטנעהמען?

סאָלנעס: אהא! וועגען איהר האָט עס אלינא מיט אייך גערעדט?

הילדא: איז עס אזוי, אָדער נים?

סאָלנעס: (האַסטיג). אוּף אַזעלכע פראַגען ענטפער איך נים! איהר מוזט אין מיר גלויבען אונבעדינגט, אינגאַנצען!

הילדא: גאַנצע צעהן יאָהר האָב איך אין אייך אַזוי פעסט געגלויבט — אַזוי פעסט.

סאָלנעס: איהר מוזט אין מיר ווייטער אויך גלויבען!

הילדא: יא, דאַן לאָזט מיך אייך וויעדער זעהען שטע־הענדיג אויבען, הויך און פריי!

סאָלנעס: (שווערמוטהיג). אָה, הילדא — נים יעדען טאָג קען איך דאָס טאָן.

הילדא: (ליידענשאַפטליך). איך וויל איר זאָלט עס טאָן! איך וויל עס! (בעטענדיג). נור, נאָך איין איינציגען מאָל, בוי־מייסטער! טוט דאָס אונמעגליכע נאָך איין מאָל!

סאָלנעס: (קוקט איהר טיעף אָן). אויב איך וועל דאָס פּרובירען, הילדא, דאַן וועל איך שטעהן אויבען און רעדען צו איהם ווי דאַמאָלסט.

הילדא: (אַלץ מעהר געשפּאַנט). וואָס וועט איהר איהם זאָגען?

סאָלנעס: איך וועל איהם זאָגען: הער מיך אויס, אלמעכטיגער הערר — דו קענסט מיך משפּט'ן, ווי דו ווילסט. אָבער פון איצט אָן וועל איך בויען נור דאָס שעהנסטע אויף דער וועלט —

הילדא: (ענטציקט). יא — יא!

סאָלנעס: — וועל דאָס בויען צוזאַמען מיט א פּרינ־צעסין, וועלכע איך ליעב....

הילדא: יא, זאָגט איהם דאָס! זאָגט עס איהם!

סאָלנעס: יא. און דאַן וועל איך איהם זאָגען: איצט געה איך אַרונטער און וועל זי אַרומנעהמען און זי קושען —

הילדא: פיעל מאָל! זאָגט עס!

סאָלנעס: פיעל, פיעל מאָל, וועל איך זאָגען.

הילדא: און דאַן — ?

ס אַ ל נ ע ס: דאַן וועל איך אַ מאַך טאָן מיט מיין הוט און אַרונטערקומען צוריק אויף דער ערד — און טאָן ווי איך האָב איהם געזאָגט.

ה י ל ד א: (מיט אויסגעשטרעקטע הענט). איצט זעה איך איך ווידער, ווי דאַן, ווען עס האָט זיך געהערט געזאַנג אין דער לופט.

ס אַ ל נ ע ס: (קוקט אויף איהר, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזען). ווי אַזוי זייט איהר געוואָרען דאָס, וואָס איהר זייט, הילדא?

ה י ל ד א: ווי אַזוי האָט איהר פון מיר געמאַכט דאָס וואָס איך בין?

ס אַ ל נ ע ס: (קורץ און פעסט). די פּרינצעסין זאָל בעקומען איהר שלאָס...

ה י ל ד א: (פרייליך, פּאַטשענדיג מיט די הענד). אַך, בוי־מייסטער! — מיין וואונדער — וואונדערשעהנער שלאָס! אונזער לופט־שלאָס!

ס אַ ל נ ע ס: אויף אַ פעסטען פונדאַמענט.

(אַן עולם מענשען, וועלכען מען זעהט אונדייטליך דורך די בוי־מער, האָט זיך פערזאַמעלט אויפ'ן גאַס. פון וויטענס, הינטער דעם נייעם הויז הערט מען מוזיק פון בלאָז־אינסטרומענטען).

(פרוי סאָלנעס מיט אַ ווייסען פוטערנעם קראַגען, דאָקטאָר הערדעל, וועלכער טראָגט איהר ווייסען טוך אויף דער האַנד, און איי־ניגע דאַמען, קומען אַרויס אויף דער וועראַנדע. ראגנאר בראוויק קומט אין דער זעלבער צייט אַרויף אויף די טרעפּ).

פ ר ו י ס אַ ל ע נ ס: וועלען מיר האָבען מוזיק אויך?

ר א נ נ א ר: יא, גנעדיגע פרוי. דאָס וועלען זיין די מוזיקאַנטען פון דעם בוי־אַרבייטער פעראיין. (צו סאָלנעסען) דער ווערקמייסטער לאָזט איך וויסען, אַז ער איז שוין פאַרטיג אַרויף צו געהן מיט'ן קראַנץ.

ס אַ ל נ ע ס: (נעהמט זיין הוט) גוט, איך וועל אַליין אַרויף בערגעהן.

פ ר ו י   ס אָ ל נ ע ס : (מיט אַנגסט) וואָס דאַרפסטו דו דאָרטען אונטען, האַלוואַרד?

ס אָ ל נ ע ס : (קורץ) איך מוז זיין דאָרטען אונטען מיט די ארבייטער.

פ ר ו י   ס אָ ל נ ע ס : יא, אונטען — אָבער נור אונטען.

ס אָ ל נ ע ס : דאָרטען שטעה איך אַלעמאָל, ביי וואָכעדיגע געלעגענהייטען. (ער געהט ארונטער די טרעפּ, ווייט אַוועק דורכ'ן גאָרטען.)

פ ר ו י   ס אָ ל נ ע ס : (רופט איהם נאָך איבער דער פּאַרענצע) בעט דעם מאַן, ער זאָל זיין זעהר פאָרזיכטיג, ווען ער ווערט ארויף! פערשפּרעך עס מיר, האַלוואַרד.

ה ע ר ד ע ל : (צו פרוי סאָלנעס) אהר זעהט, אז איך האָב געהאַט רעכט? יענע דומהייט איז איהם שוין ארויס פון זינען.

פ ר ו י   ס אָ ל נ ע ס : אָה וואָס פאַר א שטיין עס איז מיר אראָב פון הארצען! שוין צוויי מאָל זיינען ביי אונז ארבייטער ארונטערגעפאַלען און דער'הרג'עט געוואָרען אויפ'ן אָרט. (ווענדעט זיך צו הילדא'ן) איך דאנק אייך, פריילין וואנגעל, א י ה ר האָט איהם אזוי גוט בעאיינפלוסט. איך וואָלט אויף איהם קיין מאָל ניט געקענט אזוי ווירקען.

ה ע ר ד ע ל : (לוסטיג) יא, יא, פריילין וואנגעל, א י ה ר ווייסט שוין ווי צו מאַכען א שטאַרקען איינדרוק אויף איינעם, ווען איהר נעהמט זיך דערצו.

(פרוי סאָלנעס און דאָקטאָר הערדעל געהען צו די דאַמען, וועלכע שטעהען נעהענטער צו די טרעפּ און קוקען אַריבער אין גאָרטען. הילדאַ בלייבט שטעהן ביי דער פּאַרענצע פון פאָרינט. ראַגנאַר געהט צו צו איהר.)

ר א ג נ א ר : (מיט אַן אונטערדריקטען געלעכטער, שטיל) פריילין וואנגעל, איהר זעהט אַלע יונגע לייט דאָרט, אויף דער גאַס?

ה י ל ד א : יא.

ר א נ נ א ר : דאָס זיינען מיינע קאַמעראַדען, וועלכע זיינען געקומען אָנקוקען דעם בוימייסטער.

ה י ל ד א : צו וואָס ווילען זיי איהם דען אָנקוקען?

ר א נ נ א ר : זיי ווילען זעהן, ווי ער וואַגט ניט ארויפצו־קריכען אויף זיין אייגען הויז.

ה י ל ד א : אזוי, ד אָ ס איז עס וואָס די בחורים ווילען זעהן, הא?

ר א נ נ א ר : (טראָציג און שפּאָטיש) ער האָט אונז אזוי לאַנג געהאַלטען אונטען. איצט ווילען מיר זעהן, ווי ע ר בלייבט אויך אַמאָל גאַנץ רוהיג אונטען.

ה י ל ד א : דאָס וועט איהר ניט זעהן — ניט דאָס מאָל!

ר א נ נ א ר : (לאַכט) אזוי? וואו דען וועלען מיר איהם זעהן?

ה י ל ד א : הויך, אויבען ביי דער וועטער־פאָהן! דאָרט וועט איהר איהם זעהן!

ר א נ נ א ר : (לאַכט) איהם! יא, מען מעג זיך ריכטען!

ה י ל ד א : ער וויל גרייכען דעם שפּיץ — אלזא, אויפ'ן שפּיץ זאָלט איהר איהם זעהן.

ר א נ נ א ר : ע ר ו ו י ל, אָה יא! דאָס גלויב איך שוין. ער ק ע ן עס אָבער איינפאַך ניט. דער קאָפּ וואָלט זיך איהם פערדרעהען נאָך איידער ער וואָלט קומען אויפ'ן העלפט וועג. ער וואָלט מוזען ארונטערקריכען צוריק אויף אַלע פיער.

ה י ל ד א : (ווייזענדיג איבער'ן וועג) איהר זעהט! דער ווערקמייסטער קריכט ארויף אויפ'ן לייטער.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : און דעם קראַנץ, פערשטעהט זיך, מוז ער נאָך אויך טראָגען. אָה, איך האָף, אז ער וועט זיין פאָר־זיכטיג!

ר א נ נ א ר : (קוקט אריבער, ניט גלויבענדיג זיינע אויגען און רופט אויס) אָבער דאָס איז דאָך...

ה י ל ד א : (יובעלט) דאָס איז דער בוימייסטער אליין!

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (שרייט אויס אין גרויס שרעק) יא,

דאָס איז האָלוואָרד ! אָך ! דו ליעבער גאָט — ! האָלוואָרד ! האָל־וואָרד !

ה ע ר ד ע ל : שטיל ! שרייט ניט צו איהם !

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : (האַלב פון זינען) איך מוז געהן צו איהם ! איך מוז איהם ארונטערנעהמען אונטען.

ה ע ר ד ע ל : (האַלט זי צו) קיינער זאָל זיך ניט ריהרען ! קיין גערויש !

ה י ל ד א : (אונבעוועגליך, פאָלגט נאָך סאָלנעססען מיט די אויגען) ער קלעטערט און קלעטערט, העכער און העכער ! זעהט ! נור, זעהט !

ר א ג נ א ר : (אָהן אַן אָטהעם) איצט מ ו ז ער זיך אומ־קעהרען. עס איז גאָר ניט מעגליך.

ה י ל ד א : ער קלעטערט און קלעטערט. באלד איז ער אויבען.

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס : איך וועל שטארבען פון שרעק. איך קען דאָס ניט אריבערטראָגען !

ה ע ר ד ע ל : קוקט־זשע ניט אהין.

ה י ל ד א : ער שטעהט שוין אויף די אויבערשטע ברעטער ! גאַנץ אויבען !

ה ע ר ד ע ל : קיינער זאָל זיך ניט ריהרען ! איהר הערט !

ה י ל ד א : (מיט שטאַרקער פרייד, שטיל אין זיך) ענדליך ! ענדליך ! איצט זעה איך איהם וויעדער גרויס און פריי !

ר א נ נ א ר : (במעט אָהן לשון) אָבער דאָס איז דאָך אונ.....

ה י ל ד א : אזוי האָב איך איהם געזעהן די גאַנצע צעהן יאָהר. ווי פעסט ער שטעהט ! עס איז פון דעסטוועגען שרעקליך שפּאַנענד. זעהט, איצט הענגט ער אויף דעם קראַנץ אויפ׳ן שפּיץ טורעם !

ר א נ נ א ר : עס קומט מיר פאָר, אזוי ווי איך וואָלט זעהן עטוואָס גאַנץ אונמעגליכעס.

ה י ל ד א : יא, דאָס איז דאָך טאַקע דאָס א ו נ מ ע נ ־

ל י כ ע, וואָס ער טוט יעצט! (מיט דעם אונבעשרייבליכען אויסדרוק אין די אויגען) זעהט איהר נאָך אימעצען געבען איהם?

ר אַ ג נ אַ ר: עס איז דאָרט קיינער ניטאָ.

ה י ל ד אַ: יאָך, דאָרט איז דאָ אימעצער, מיט וועמען ער רעדט זיך איבער.

ר אַ ג נ אַ ר: איהר האָט אַ טעות.

ה י ל ד אַ: און דעם געזאַנג אין דער לופטען הערט איהר אויך נים?

ר אַ ג נ אַ ר: דאָס מוז זיין דער ווינד צווישען די בוימער.

ה י ל ד אַ: איך הער אַ געזאַנג — אַ שטאַרקען געזאַנג! (זי שרייט אין ווילדען יובעל) זעהט, זעהט! אָט מאַכט ער מיט זיין הוט! אָה, גריסט איהם, גריסט איהם צוריק! עס איז שוין געענדיגט! (זי רייסט אַראָב ביים דאָקטאָר דאָס ווייסע טוך, פאָכט עס אין דער לופטען און שרייט צו סאָלנעסען) עס לעבע דער בוימייסטער סאָלנעס!

ה ע ר ד ע ל: הערט אויף! הערט אויף! אום גאָטעס ווילען —!

(די דאַמען פאָכען מיט די טאַשענטיכלעך. פון גאַס הערט מען הורראַה-געשרייען; פּלוצלונג ווערט אַלעס שטיל, און דער גאַנצער עולם ברעכט אויס אין אַ געשריי פון שרעק; פון צווישען די בוימער זעהט מען דייטליך ווי אַ מענשליכער קערפּער פאַלט אַרונטער צוזאַמען מיט די ברעטער און שטיק האָלץ.)

פ ר ו י ס אָ ל נ ע ס: (און די דאַמען גלייכצייטיג) ער פאַלט! ער פאַלט!

(פרוי סאָלנעס שוואַנקט און פאַלט אָהנמעכטיג ריקווערטס. זי ווערט אונטערגעכאַפּט פון די דאַמען אין דעם אַלגעמיינעם רעש און געפּילדער. דער עולם אויפ'ן גאַס ברעכט דורך דעם פּאַרקאַן און וואַרפט זיך אַריין אין גאָרטען. דאָקטאָר הערדעל לויפט אַרונטער. אַ קורצע פּאוזע.)

ה י ל ד אַ: (קוקט גלייך אַרויף און זאָגט ווי פערשטיינערט) מ י י ן בוימייסטער.

ר אַ ג נ אַ ר : (שפּאַרט זיך אָב, ציטערענדיג, אָן פּאַרענצע) ער מוז זיין צושמעטערט אויף שטיקער — טויט אויפ׳ן אָרט.

אַ ד אַ מ ע : (בשעת מען טראָגט פרוי סאָלנעס אין הויז אַריין) לויפט אַרונטער נאָכ׳ן דאָקטאָר — !

ר אַ ג נ אַ ר : איך קען זיך ניט ריהרען —

אַ צ ו ו י י ט ע ד אַ מ ע : דאַן רופט אימעצען !

ר אַ ג נ אַ ר : (פּרובירט אויסרופען) וואָס הערט זיך ? ער לעבט ?

אַ ש ט י מ ע : (אונטען אין גאָרטען) הערר סאָלנעס איז טויט !

אַ נ ד ע ר ע ש ט י מ ע ן : (נעהענטער) דער קאָפּ אינ־גאַנצען צושמעטערט — ער איז געפאַלען גלייך אויף די שטיינער.

ה י ל ד אַ : (קעהרט זיך אום צו ראַגנאַרען, שטיל) איצט זעה איך איהם שוין ניט אויבען.

ר אַ ג נ אַ ר : עס איז שרעקליך. נאָך אַלעמען האָט ער דאָס דאָך ניט געקענט.

ה י ל ד אַ : (ווי בעצויבערט, מיט שטילען טריאומף). אָבער ביז צום שפּיץ איז ער דאָך געקומען ! און איך האָב האַרפען ג ע ־ ה ע ר ט דאָרט אויבען. (זי פאָכט אין דער לופטען מיט׳ן טוך און שרייט ווילד) מ י י ן — מ י י ן בוימייסטער !

ע נ ד ע .

הענריק איבסען

געזאַמעלטע דראַמען

ראזמערסהאָלם
די פרוי פון ים

פערלאג: מייזעל עט קאָ.
422 Grand Street, New York
1910

COPYRIGHT

Max N. Maisel, Publisher

1910.

ראזמערסהאָלם

איבערזעצט פון א. גאָלדווין.

פּערזאָנען:

יאָהאנעס ראָזמער, אייגענטימער פון ראָזמערסהאָלם, געוועזענער גייסטליכער.

רעבעקא וועסט, פיהרט יאָהאַנעס ראָזמער'ס הויז.

רעקטאָר קראָלל, ראָזמער'ס שוואָגער.

אולריק ברענדעל.

פּעטער מאָרטענסגארד.

פרוי העלזעט, עקאָנאָמקע אין ראָזמערסהאָלם.

די האַנדלונג קומט פאָר אין ראָזמערסהאָלם, א גוט נאָהענט פון א קליינער פיאָרד־שטאָדט אין די וועסט פון נאָרוועגיען.

ערשטער אקט.

א געראַוימיג, בעקוועמעס צימער אין ראָזמערסהאָלם, מיט אלטמאָדישער אויסשטאַטונג.

רעכטס, פון פאָרענט ביי דער וואַנד, אַן אויווען, אויף וועלכען עס שטעהען ווילדע בלומען און צווייגלעך פון בערעזיווע בוימער. ווייטער פון הינטען אַ טיר. אין דער הינטערשטער וואַנד אַ פליגעל־טיר וואָס פיהרט אין פאָדער־צימער. אין דער לינקער וואַנד אַ פענסטער, אויף וועלכען עס שטעהען אַ סך בלומען־טעפּ, נאָהענט צום אויווען אַ טיש מיט אַ סאָפאַ און פאָטעלען. אויף די ווענד אַרום און אַרום נייע און אלטע בילדער פון פּרעדיגער, אָפיציערען און בעאַמטע אין זייערע מונדירען. דאָס פענסטער איז אָפען, ווי אויך די טיר, וואָס פיהרט אין פאָדער־צימער און די טיר פון פאָדער־צימער צום גאַס. עס זעהט זיך אַן אַלעע מיט גרויסע, אַלטע בוימער, וואָס פיהרט צום הויז. א זומער־אבענד, נאָך זונען־אונטערגאַנג.

רעבעקא וועסט זיצט אין א לעהנשטוהל ביים פענסטער און שטריקט אַ גרויסען, ווייסען, וואָלענעם טוך, וועלכער איז שוין כמעט פארטיג. פון צייט צו צייט קוקט זי, ווי וואַרטענדיג אויף אימיצען, דורך די בלומענטעפּ ארויס צום פענסטער. באַלד קומט אריין פרוי העלזעט פון דער רעכטער זייט.

פרוי העלזעט: איך מיין עס איז שוין דאכט זיך צייט גרייטען צום טיש, א יאָ, פריילין?

רעבעקא וועסט: יא, טוט עס טאקע. דער פּאַסטאָר דאַרף שוין באלד קומען.

פרוי העלזעט: פיהלט איהר ניט א צוג־ווינד דאָ וואו איהר זיצט, פריילין?

רעבעקא: יא, דאָ איז א ביסעל א צוג. אפשר וואָלט איהר צומאכען דאָס פענסטער.

(פרוי העלזעט פערמאַכט די טיר פון פאָדערצימער, דאן געהט זי צום פענסטער.)

פרוי העלזעט (קוקט ארויס, וויל צומאכען דאָס פענסטער): זעהט, געהט דאָס ניט דער הערר פאסטאָר, דאָרט איבער'ן וועג?

רעבעקא: (שנעל) וואו? (שטעהט אויף) יא, דאָס איז ער. (הינטער די פאָרהאַנגען) שטעלט זיך אָן א זייט — זאָל ער אונז ניט זעהן.

פרוי העלזעט (אָברוקענדיג זיך פון פענסטער): בע־טראכט נור, פריילין, ער האָט שוין ווידער אָנגעהויבען צו געהן מיט'ן וועג וואָס פערביי דעם מיהל.

רעבעקא: ער איז פאָרגעסטערן אויך געגאנגען אויף יענעם וועג. (קוקט אַרויס צווישען פאָרהאַנג און פענסטער) איצט נאָר לאָמער זעהן צי —

פרוי העלזעט: — ער וועט וואגען געהן איבער דעם בריקעל?

רעבעקא: דאָס איז טאקע וואָס איך וויל זעהן. (נאָך א קורצער פויזע) ניין, ער קעהרט זיך אום. ער געהט ווידער אויבען ארום. (געהט אַוועק פון פענסטער). וויפיעל וועג ער לעגט אָן!

פרוי העלזעט: יאָ, דו ליעבער גאָט. קיין חדוש ניט וואָס דער הערר פאסטאָר וויל ניט געהן איבער יענעם בריקעל. א פלאץ, וואו עס האָט פאסירט אזא זאך, איז —

רעבעקא (צוזאַמענלעגענדיג איהר אַרבייט): דאָ אין ראָזמערסהאָלם געדענקט מען זעהר לאנג די טויטע.

פרוי העלזעט: און איך, פריילין, וואָלט גיכער געזאָגט, אז די טויטע געדענקען זעהר לאנג ראָזמערסהאָלם.

רעבעקא (קוקט אויף איהר): די טויטע?

פרויִ העלזעט: יא, עס זעהט אויס, אז זיי קענען זיך ניט איינגאנצען אוועקרייסען פון די, וועמען זיי האבען דא איבערגעלאזען.

רעבעקא: ,ווי אזוי איז דאס אייך איינגעפאלען?

פרוי העלזעט: ווען ניט דאס, מיין איך, וואלט קיין ווייסער פערד ניט געווען.

רעבעקא: אבער, מיין ליעבע פרוי העלזעט, וואס איז עס פאר א געשיכטע מיט'ן ווייסען פערד?

פרוי העלזעט: אה, איך האב ניט ליעב צו רעדען וועגען דעם. און אויסער דעם גלויבט איהר דאך ניט אין אזוינע זאכען.

רעבעקא: גלויבט איהר אין דעם?

פרוי העלזעט (פערמאכט דאס פענסטער): אה, פרויי־לין, איהר וועט נור לאכען פון מיר. (ארויסקוקענדיג דורכ'ן פענ־סטער) זעהט נור! געהט ניט דער הערר פאסטאר וויעדער ארונטער מיט'ן וועג וואס ביים מיהל?

רעבעקא (ארויסקוקענדיג): יענער מאן דארט? (קומט צו צום פענסטער) ניין, דאס איז דער רעקטאר.

פרוי העלזעט: יא, דאס איז ער טאקע.

רעבעקא: נו, דאס איז פיין! אט וועט איהר זעהן, אז ער קומט אהער.

פרוי העלזעט: יא, ער געהט גלייך איבער'ן ברי־קעל! און זי איז דאך געווען זיין לייבליכע שוועסטער! נו, איצט וועל איך שוין געהן גרייטען צום טיש, פריילין וועסט. (אב רעכטס).

(רעבעקא שטעהט א ווייל ביים פענסטער. זי גריסט אימיצען און פערנייגט זיך, לאכענדיג. עס פאנגט אן צו ווערען פינסטער.)

רעבעקא (געהט צו דער טיר רעכטס): ליעבע פרוי העל־זעט, זעהט עס זאל זיין עפעס אן עקסטרא געריכט צום אבענד־ברויט. איהר ווייסט דאך וואס דער רעקטאר האט ליעב.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט. (פון יענער זייט טיר): גנעויס, פריילין, איך וועל דאָס שוין בעזאָרגען.

ר ע ב ע ק א (עפענט די טיר צום פאָדערצימער): ענדליך — אך, ווי עס פרעהט מיך אייך צו זעהן, מיין ליעבער רעקטאָר!

ר ע ק ט אָ ר ק ר א ל ל (אין פאָרדערצימער, אוועקשטעלענדיג דעם שטעקען): איך דאנק אייך! שטער איך אייך, הייסט עס, ניט?

ר ע ב ע ק א: א י ה ר? ווי קענט איהר דאָס זאָגען?

ק ר אָ ל ל (קומט אריין אין צימער): ליעבענסווירדיג ווי אימער. (קוקט זיך ארום) איז ראָזמער אויבען ביי זיך אין צימער?

ר ע ב ע ק א: ניין, ער איז געגאנגען שפאציערען. ער האָט זיך פערזאמט אביסעל לענגער ווי געוועהנליך, אָבער ער מוז שוין באלד קומען. (ווייזט אויף דער סאָפא) ווילט איהר ניט זיצען א ווייל ביז ער קומט?

ק ר אָ ל ל (אוועקלעגענדיג דעם הוט): איך דאנק! (זעצט זיך און קוקט ארום דאָס צימער): ווי שעהן און בעקוועם איהר האָט געמאכט דאָס אלטע צימער. איבעראל בלומען!

ר ע ב ע ק א: ראָזמער האָט אזוי ליעב עס זאָלען אומעדום זיין פרישע בלומען.

ק ר אָ ל ל: און איהר אויך וואהרשיינליך, ניט וואהר?

ר ע ב ע ק א: יא, זייער זיסער אראָמאט ווירקט אויף מיר בערוהיגענד. פריהער, ווי איהר ווייסט, האָבען מיר זיך געמוזט ענטזאגען פון דעם פערגעניגען.

ק ר אָ ל ל (שאָקעלט טרויעריג מיט'ן קאָפּ): די ארעמע בעאטע האָט ניט געקענט פערליידען דעם גערוך פון בלומען.

ר ע ב ע ק א: און אויך ניט די פארבען. זיי פלעגען איהר נעבען א קאָפּ־שווינדעל.

ק ר אָ ל ל: איך געדענק, איך געדענק. (אין א לייכטערן טאָן) נו, וואָס הערט זיך עפּעס דאָ?

ר ע ב ע ק א: אָה, דאָ געהט זיך אלעס אין א געוועהנליכען,

שטילען גאנג; איין טאָג איז פונקט ווי דער אנדערער — און ווי נעהמ עס ביי אייך? וואָס מאכט אייער פרוי?

קראָלל: אך, מיין פריילין וועסט, לאָמיר ניט רעדען וועגען מיינע עסקים. אין א פאמיליע איז אימער דאָ עפּעס, וואָס נעהט ניט, ווי עס דארף צו זיין; בפרט נאָך היינטיגע צייטען.

רעבעקקא (נאָך אַ קורצער פויזע זעצט זיך אין אַ לעהנשטוהל נעבען דער סאָפא): ווי קומט עס וואָס איהר זייט קיינמאָל ניט געוועזען ביי אונז אין דער גאנצער צייט פון די פייערטעג?

קראָלל: אָה, מען קען דאָך ניט שטענדיג בעלעסטיגען מענשען. —

רעבעקקא: ווען איהר וואָלט געוואוסט, ווי איהר האָט אונז געפעהלט —

קראָלל: אויסער דעם בין איך געווען אוועקגעפאָהרען.

רעבעקקא: יא, אויף א פּאָר וואָכען. מיר האָבען גע־הערט וועגען אייך. אויף פּאָליטישע פערזאמלונגען?

קראָלל (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): יא, וואָס זאָגט איהר דערצו? האָט איהר ווען עס איז געדענקט, אז איך וועל אויף דער עלטער ווערען א פּאָליטישער אגיטאטאָר?

רעבעקקא (שמייכעלט): נו, איהר זייט אימער געוועזען א שטיקעל אגיטאטאָר, רעקטאָר קראָלל.

קראָלל: יא, אזוי זיך, פאר מיין פערזענליכען פערגע־ניגען. אָבער איצט, קען איך אייך זאָגען, איז דאָס שוין מעהר קיין שפּאס ניט. — איהר לעזט א מאָל די ראדיקאלע צייטונגען?

רעבעקקא: נו יא, ליעבער רעקטאָר; איך וועל ניט לייקענען, אז —

קראָלל: מיין ליעבע פריילין וועסט, איך האָב גאָרניט דאגעגען דעם — גאָר נישט, וואָס אנבעטרעפט אייך.

רעבעקקא: געוויס ניט. עס ווילט זיך דאָך וויסען וואָס עס קומט פאָר. עס ווילט זיך מיטגעהן מיט דער צייט —

קראָלל: און עס פערשטעהט זיך, אז מיר וואָלט קיינמאָל ניט איינגעפאלען צו ערווארטען אז איהר, אלס פרוי, זאָלט זיך

טהעטיג איינשטעלען פאר דער אָדער יענער פּארטיי אין אָט דעם בירגערליכען קאמפּף — איך וואָלט כמעט געקענט זאָגען אין אָט דעם ב י ר ג ע ר ־ ק ר י ע ג, — וואָס בושעוועט איצט ביי אונז. אָבער, איהר האָט דאָך וואהרשיינליך געלעזען ווי די דאָזיגע העררען פון „פאָלק" האָבען מיך בעהאנדעלט? וועלכע פּרעכהייטען זיי האָבען זיך ערלויבט אין בעצוג צו מיר?

ר ע ב ע ק א : יא, אָבער מיר דאכט, אז איהר האָט זיי גע־צאָהלט מיט דער זעלבער מטבעה.

ק ר אָ ל ל : יא, אָבגעצאָהלט האָב איך, כאָטש איך אליין זאָג עס. זיי האָבען מיר געגעבען צו שמעקען פּולווער, און זיי וועלען באלד אויסגעפינען, צו זייער בעדויערען, אז איך בין ניט דער מענש וואָס שטעלט אונטער די אנדער באַק — (רייסט איבער דעם געשפּרעך) אָבער הערט, הערט—לאָמיר היינט אָוועקנ ניט פער־פיהרען קיין שמועס וועגען דעם — עס איז צו טרויעריג און פער־דראָסיג.

ר ע ב ע ק א : נו, יאָ, לאָמיר עס לאָזען.

ק ר אָ ל ל : איצט זאָגט מיר נור, ווי לעבט זיך אייך דאָ אין ראָזמערסהאָלם, זינט איהר זייט געבליבען אליין? זינט אונזער ארעמע בעאטע —

ר ע ב ע ק א : א דאנק; מיר לעבט זיך גאנץ גוט. פער־שטעהט זיך, אז אין פיעלע הינזיכטען פיהלט זיך א שרעקליכע פוסטקייט — א גרויסער שמערץ און א בענקעניש. אָבער זאָנסט —

ק ר אָ ל ל : דענקט איהר דאָ צו פערבלייבען? — איך מיין אויף שטענדיג?

ר ע ב ע ק א : אַך, ליעבער רעקטאָר, אייגענטליך האָב איך וועגען דעם אין גאנצען ניט געטראכט. איך האָב זיך שוין אזוי צוגעוואָהנט דאָ אין הויז, אז איך פיהל זיך ווי אן אייגענער מענש.

ק ר א ל ל : וואָס הייסט? אודאי זייט איהר דאָ אן אייגע־נער מענש.

ר ע ב ע ק א : און אזוי לאנג ווי הערר ראָזמער וועט דענ־

קען, אז איך קען איהם זיין נוצליך — וועל איך וואהרשיינליך דאָ פערבלייבען.

ק ר אָ ל ל (קוקט אויף איהר געריהרט) : איהר ווייסט, עס איז ווירקליך זעהר שעהן פון א פרוי צו אָפּפּערען איהר גאנצע יוגענד פאר אנדערע, ווי איהר האָט עס געטאָן.

ר ע ב ע ק א : וואָס דען האָב איך געקענט טהאָן מיט מיין לעבען?

ק ר אָ ל ל : ערשטענס, אייער אונערמיעדליכע איבערגע־בענהייט צו אייער פאראליזירטען און קאפריזנעם שטיף־פאָטער —

ר ע ב ע ק א : דענקט ניט, אז דאָקטאָר וועסט איז געווען אזא לאסט, בעת מיר האָבען געוואוינט אין פינמארקען. דאָס האָבען איהם די האָרטיגע שרעקליכע שיף־רייזען אזוי קראנק גע־מאכט. אָבער נאָכדעם ווי מיר זיינען אהער געקומען — נו יא, די לעצטע צוויי יאָהר פאר'ן טויט זיינען געווען גאנץ שווערע.

ק ר אָ ל ל : און די יאָהרען נאָכדעם — זיינען זיי דען ניט געווען נאָך שווערער?

ר ע ב ע ק א : אָה, ווי קענט איהר דאָס זאָגען? איך האָב דאָך אזוי הערצליך ליעב געהאט בעאטען. — און ווען זי, נעבעך, האָט זיך אזוי שטארק גענויטיגט אין אויפפאסונג און גוטער בע־נעהמונג —

ק ר אָ ל ל : ווי שעהן דאָס איז פון אייער זייט, צו דענקען וועגען איהר אזוי ליעבליך!

ר ע ב ע ק א (רוקט זיך צו נעהענטער) : ליעבער רעקטאָר, אידר זאָגט דאָס מיט אזא אָפענהערציגען טאָן, אז איך קען מיר ניט פאָרשטעלען הינטער דעם זאָל זיין פערבאָרגען עפּעס אן אונ־פריינדליכער געפיהל.

ק ר א ל ל : אן אונפריינדליכער געפיהל? — וואָס הייסט?

ר ע ב ע ק א : נו, עס וואָלט ניט מעהר געווען ווי נאטירליך, ווען אייך וואָלט וועה געטאָן צוזעהן, ווי א פרעמדע פיהרט די ווירטהשאפט דאָ אין ראָזמערסהאָלם.

ק ר אָ ל ל : אָבער, אום גאָטעס ווילען — !

ר ע ב ע ק א : איהר פיהלט אָבער ניט אזוי ? (נעהמט זיין האַנד) : דאַנק איך, ליעבער רעקטאָר, פיעל, פיעל מאָל.

ק ר אַ ל ל : ווי אזוי האָט איך גאָר געקענט קומען אזא געדאַנק אין קאָפּ אריין ?

ר ע ב ע ק א : איך האָב אָנגעהויבען אביסעל מורא צו האָבען ,ווען איהר האָט אויפגעהערט אונז צו בעזוכען.

ק ר אַ ל ל : אויב אזוי, זיינט איהר געגאַנגען אויף א גאַנץ פאַלשען סליאַד, פריילין וועסט. און אויסער דעם, איז דאָך דאָ קיין וויכטיגע ענדערונג סיי ווי סיי ניט פאָרגעקומען. אפילו בעת די אָרעמע בעאטע האָט נאָך געלעבט — איהרע לעצטע אונגליקליכע יאָהרען — האָט איהר דאָך אויך אַלעס אליין געפיהרט.

ר ע ב ע ק א : דאַן איז דאָס נור געווען א מין הערשאַפט אין בעאטע'ס נאָמען.

ק ר אַ ל ל : ווי די זאַך זאָל ניט זיין, — ווייסט איהר, פריילין וועסט — פון מיין זייט וואָלט איך גאָרנישט געהאט דאַגעגען, ווען איהר — אָבער איך שטעל מיר פאָר אז איך דאַרף וועגען אזעלכע זאכען ניט רעדען.

ר ע ב ע ק א : וועגען וואָס דאַרפט איהר ניט רעדען ?

ק ר אַ ל ל : ווען עס זאָל זיך אזוי מאכען, אז איהר זאָלט פערנעהמען דעם לעדיגען אָרט —

ר ע ב ע ק א : איך פערנעהם דעם אָרט, וועלכען איך וויל האָבען, הערר רעקטאָר.

ק ר אַ ל ל : פאַקטיש, יאָ ; אָבער ניט אין —

ר ע ב ע ק א (שלאָגט איהם איבער, מיט אַן ערנסטער מינע) שעמען מעגט איהר זיך, הערר קראַלל ! ווי קענט איהר שפּאַס טרייבען וועגען אזעלכע זאכען !

ק ר אַ ל ל : פטור נו, אונזער גוטער יאָהאַנעס ראָזמער דענקט אודאי, אז איהם האָט שוין גענוג געקלעקט צו זיין פערהייראטעט. אָבער פון דעסטוועגען —

ר ע ב ע ק א : איהר רעדט שוין ווירקליך גאָר אויסען וועג, הערר רעקטאָר.

ק ר אָ ל ל: דאָך — זאָגט מיר נור, פריילין וועכט, — אויב עס איז ערלויבט צו פרעגען, — ווי פיעל, איינענטליך, זייט איהר אלט?

ר ע ב ע ק א: עס טוט מיר לייד, אָבער איך מוז זאָגען, הערר רעקטאָר, אז מיר איז שויד געווארען ניין און צוואנציג. מיר געהט דער דרייסיגטער.

ק ר אָ ל ל: אזוי—אזוי. און ראָזמער — ווי פיעל איז ער' אלט? אָט וועלען מיר זעהן: ער איז מיט פינף יאָהר יונגער פון מיר. איז ער, הייסט עס, אלט גוטע דריי און פיערציג יאָהר. מיר דאכט, דאָס וואָלט זיך זעהר גוט געפאסט.

ר ע ב ע ק א (שטעהט אויף): געווים, געווים; עס וואָלט זיך זעהר געפאסט. — ווערט איהר פערבלייבען ביי אונז אויף אבענדברויט?

ק ר אָ ל ל: איך דאנק; איך האָב גערעכענט בלייבען, איך האָב עטוואָס צו בעשפרעכען מיט אונזער גוטען פריינד. — און איך מיין, פריילין וועסט, אז אויב איהר וועט זיך ווידער אריינ־נעהמען אזוינע מאָדנע געדאנקען אין קאָפּ, וועל איך מוזען אָפטער ארויסקומען אהער — ווי אין די אמאָליגע צייטען.

ר ע ב ע ק א: יא, יא, איך בעט אייך! (דריקט איהם די הענד) איך דאנק אייך! ווי ליעבליך און גוט איהר זייט!

ק ר אָ ל ל (בייזליך): בין איך? נו, אין דער היים הער איך עס ניט.

(יאָהאנעס ראָזמער קומט אריין דורך די טיר רעכטס).

ר ע ב ע ק א: הערר ראָזמער, איהר זעהט, ווער עס איז דאָ?

ר אָ ז מ ע ר: פרוי העלזעט האָט מיר שוין געזאָגט.

(קראָלל שטעהט אויף.)

ר אָ ז מ ע ר (זאָגט שטיל און מילד, דריקענדיג זיינע הענד): עס פרעהט מיך זעהר דיך ווידער דאָ צו זעהן, ליעבער קראָלל. (לעגט די האַנד אויף זיין שולטער און קוקט איהם אין די אויגען) מיין טייערער, אלטער פריינד! איך האָב געוואוסט, אז פריהער אָדער שפעטער וועלען אונזערע בעציהונגען צוריק גוט ווערען.

ק ר אַ ל ל: אָבער, גוטער מענש, — ביסט דו דען אויך גע־ווען אזוי נאריש זיך איינצובילדען, אז עפּעס איז פאַרגעקומען?

ר ע ב ע ק א (צו ראָזמערען): יאָ, דענקט נור, עס איז נאָך אלעם נור געווען אן איינבילדונג!

ר אָ ז מ ע ר: איז עס ווירקליך אזוי, קראָלל? פאר וואָס־זשע האָסט דו אונז גאָר אין גאנצען פערלאָזען?

ק ר אָ ל ל (שטיל און ערנסט): ווייל מיין אנוועזענהייט וואָלט דיך אימער געווען דערמאָנט דיינע אונגליקליכע יאָהרען — און אָן דעם לעבען, וואָס האָט זיך געענדיגט אין מיהל־טייך.

ר אָ ז מ ע ר: דער געדאנק איז געווען א גוטער, — דו בע־רעכענסט דאָך אימער דעם צווייטען. נור דערפאר זיך דערוויי־טערען איז ניט געווען נויטיג. — קום, לאָמיר זיך זעצען אויף דע־סאָפּא. (זיי זעצען זיך) ניין, כ׳לעבען. מיר איז גאָר ניט שווער צו דענקען וועגען בעאטען. מיר רעדען וועגען איהר יעדען טאָג. אונז דאכט זיך כמעט, אז זי איז נאָך אלץ דאָ מיט אונז.

ק ר אָ ל ל: ווירקליך?

ר ע ב ע ק א (צינדט אָן דעם לאָמפּ): יאָ, אונז דאכט זיך ווירקליך אזוי.

ר אָ ז מ ע ר: דאָס איז גאנץ נאטירליך. מיר זיינען ביידע געווען אזוי צוגעבונדען צו איהר. און אי רעבעק — אי פריילין וועסט, אי איך ווייסען אז מיר האָבען פאר איהר געטהאָן אלעס, וואָס איז נור געווען מעגליך. מיר קענען זיך אליין קיין פאָרווירפע ניט מאכען. — דעריבער פיהל איך נור א רוהיגע צערטליכקייט, ווען איך דענק וועגען בעאטע׳ן.

ק ר אָ ל ל: איהר ליעבע, גוטע מענשען! פון איצט אָן וועל איך אָנפאנגען קומען צו אייך יעדען טאָג.

ר ע ב ע ק א (זעצט זיך אין לעהנ־שטוהל): געדענקט, איהר וועט מוזען האלטען וואָרט.

ר אָ ז מ ע ר (עטוואָס אונזיכער): ליעבער קראָלל, איך וואָלט זעהר געוואָלט אז אונזערע בעציהונגען זאָלען קיין מאָל זיך ניט געווען ענדערען. פון זינט מיר קענען זיך, איז ווי בעשערט

געווען, דו זאָלסט אימער זיין מיין בעל יועץ — נאָך פון דער צייט ווען איך בין געווען א סטודענט.

ק ר אָ ל ל: יאָ, און איך בין אימער געווען שטאָלץ מיט מיין אמט. — אָבער גיבט עס דען איצט עטוואָס בעזאָנדערעס?

ר אָ ז מ ע ר: עס זיינען דאָ אייניגע זאכען, וועלכע איך וואָלט זעהר שטארק וועלען מיט דיר איבעררעדען, פריי — גאנץ אָפּענהערציג.

ר ע ב ע ק א: אך יא, הערר ראָזמער. דאָס מוז זיין א גרויסע טרייסט — צווישען אלטע פריינד —

ק ר אָ ל ל: אָה, איך קען דיר זאָגען, אז איך האָב נאָך מעהר וועגען וואָס צו רעדען מיט דיר. איך רעכען, אז דו ווייסט אז איך בין איצט געוואָרען א פּאָליטישער טהוער?

ר אָ ז מ ע ר: יא. ווי אזוי האָט עס פּאסירט?

ק ר אָ ל ל: איך האָב דאָס געמוזט ווערען ניט ווילענדיג. עס איז געוואָרען אונמעגליך צו שטעהן אזוי און צוקוקען און גאָרניטט ניט טהאָן. איצט, ווען די ראדיקאַלען האָבען, לײדער, געקראָגען די מאכט — איז געקומען די צייט צו טהאָן עפּעס. דעריבער האָב איך געזעהן אז דער קליינער קרייז פון אונזערע פריינד אין שטאָדט זאָל זיך ענגער צוזאמענשליסען. איך זאָג דיר, עס איז שוין לאנג צייט!

ר ע ב ע ק א (מיט א ליובטען שמייכעל): דענקט איהר ניט אז עס איז שוין עטוואָס צו שפּעט?

ק ר אָ ל ל: עס איז קיין צווייפעל ניט, אז עס וואָלט געווען פיעל בעסער, ווען מיר וואָלטען געוועזן אָבגעשטעלט דעם שטראָם מיט א צייט צוריק. נור ווער האָט געקענט פאָראויסזעהן, וואָס עס וועט פּאסירען? יעדענפאלס ניט איך. (שטעהט אויף און שפּרייזט ארום איבער'ן צימער). אבער איצט האָב איך ווירקליך געעפענט די אויגען; ווייל דער רעבעלירענדער גייסט האָט שוין דורכגעדרונגען אפילו אין דער שולע.

ר אָ ז מ ע ר: אין דער שולע? אָבער, געוויס ניט אין ד י י ן שולע?

ק ר אָ ל ל : אָט דאָס איז עס טאקע — אין מיין אייגענער שולע. ווי געפעלט עס דיר? איך האָב ענטדעקט אז די אינגלעך פון העכערען קלאס — דאָס הייסט א טהייל פון די אינגלעך — האָבען שוין אריבער א האלב יאָהר א געהיימען פעראיין און דאָרט לעזען זיי מאָרטענסגארד'ס ציימונג!

ר ע ב ע ק א : דעם „לייכט־טורעם"?

ק ר אָ ל ל : יא. געזונדע שפּייז פאר'ן גייסט פון צוקינפ־טיגע רעגירונגס־בעאמטע, וואָס, ניט? דאָס טרויעריגסטע איז וואָס דעם בונט און די פערשווערונג געגען מיר האָבען געמאכט די פעהיגסטע אינגלעך פון קלאָס, און אָן א זייט שטעהען נור די גולם'ס, וואָס שטעהען די נידעריגסטע אין קלאָס.

ר ע ב ע ק א : און איהר נעהמט זיך דאָס אזוי צום הארצען, רעקטאָר?

ק ר אָ ל ל : צי נעהם איך זיך דאָס צום הארצען! ווען מען שטעלט זיך מיר אנקעגען און מען צערשטערט די ארבייט פון מיין גאנצען לעבען! (שטילער) נור איך וואָלט כמעט געקענט זאָ־גען אז מיך ארט שוין ניט אזוי וועגען דער שולע—דען עס איז נאָך דאָ עפּעס ערגערעס הינטער דעם. (קוקט זיך אַרום) דאָ קען אונז קיינער ניט הערען?

ר ע ב ע ק א : אָה ניין, פערשטעהט זיך, אז נים.

ק ר אָ ל ל : אלזאָ, מוז איך אייך זאָגען, אז די מחלוקות און דער בונט האָבען זיך פערקליבען צו מיר אין הויז, — אין מיין אייגענער, רוהיגער היים. זיי האָבען צושטערט דעם פריעדען פון מיין פאמיליען־לעבען.

ר אָ ז מ ע ר (שטעהט אויף) : וואָס! ביי דיר אין הויז — ?

ר ע ב ע ק א (געהט צו צום רעקטאָר) : אָבער, ליעבער רעק־טאָר, וואָס איז דען פּאָרגעקומען?

ק ר אָ ל ל : וואָלט איהר גלויבען, אז מיינע אייגענע קינ־דער — קורץ — לאָוריץ איז אליין דער אָנפיהרער פון דעם בונט אין שולע; און הילדא האָט אויסגעשטיקט א רויטען בייטעל צו האלטען אין איהם דעם „לייכט־טורעם".

ר אָ ז מ ע ר : איך וואָלט זיכער קיינמאָל זיך ניט פאָרגע־שטעלט, אז ביי דיר אין הויז —

ק ר אָ ל ל : ניין, און ווער וואָלט זיך דאָס יא געקענט פאָר־שטעלען? ביי מיר אין הויז, די ריכטיגע היים פון געהאָרכזאמקייט און אָרדנונג — וואו עס האָט אלע מאָל געהערשט איין ווילען, און נישט מעהר ווי איין ווילען. —

ר ע ב ע ק א : ווי קוקט אייער פרוי דערויף?

ק ר אָ ל ל : אך, דאָס איז דאָס אונגליקליכסטע פון אלעס. מיין פרוי, וועלכע האָט איהר גאנצען לעבען, סיי אין גרויסע זא־כען, סיי אין קליינינגקייטען, געטהיילט מיינע מיינונגען און איינ־געשטימט מיט מיינע אנשויאונגען — איז זי איצט ווירקליך אין פיעלע הינזיכטען געניינגט זיך צו שטעלען אויף די קינדער'ס זייט. און זי בעשולדיגט מ י ך אין דעם, וואָס האָט פאסירט. זי זאָגט, אז איך אונטערדריק די קינדער. אזוי ווי דאָס וואָלט ניט נויטיג געווען. — נו, ווי איהר זעהט, איז קיין שלום ניטאָ ביי מיר אין הויז. נור, עס פערשטעהט זיך, איך רייד וועגען דעם אזוי וועניג ווי מעגליך. וועגען אזעלכע זאכען איז דאָס בעסטע צו פערשוויי־גען. (געהט אַרום איבער'ן צימער) אך, יא, יא. (שטעלט זיך בײם פענסטער, די הענד פערלעגט אויף הינטען, און קוקט אַרויס).

ר ע ב ע ק א (געהט צו צו ראָזמערען און זאָגט שנעל און שטיל, אזוי אז דער רעקטאָר זאָל ניט דערהערען) : טהו דאָס איצטער!

ר אָ ז מ ע ר (אויך שטיל) : ניין, ניט היינט.

ר ע ב ע ק א (ווי פריהער) : יאָ, גראד היינט! (זי געהט צו צום טיש און מאַכט צו רעכט דעם לאָמפּ.)

ק ר אָ ל ל (קומט אַנטקעגען) : אָ, מיין ליעבער ראָזמער, איצט ווייסטו שוין, ווי דער גייסט פון היינטיגער צייט האָט מיט זיין שאָטען פערשטעלט מיין פאמיליען לעבען און ווי אויך מיין עפענטליכען לעבען. זאָל איך דען ניט בעקעמפּפען אָט דעם שרעק־ליכען און פערדערבליכען אנארכיסטישען גייסט מיט אלע מעגליכע וואפען וועלכע שטעהען מיר צום האנד? קעמפּפען אנטקעגען דעם

װעל איך — דערין קענסטו מיר געטרויען — מיט װאָרט און מיט שריפט.

ר אָ ז מ ע ר : האָסט דו װעלכע עס איז האָפנונג אָבצר שטעלען דעם שטראָם אויף אזא אופן ?

ק ר אָ ל ל : יעדענפאלס װעל איך ערפילען מיין בירגערליכע פליכט צו מיין פאָטערלאנד. און איך האלט אז עס איז די פליכט פון יעדען רעכט־דענקענדען מענשען, װעלכער האָט עטװאָס פאט־ריאָטיזם אין זיך, צו טהאָן דאָס זעלבע. אין פאקט — דאָס איז די הויפט־אורזאך פאר װאָס איך בין היינט געקומען צו דיר.

ר אָ ז מ ע ר : אָבער, מיין ליעבער קראָלל, װאָס מיינסט דו דערמיט ? װאָס קען איך — ?

ק ר אָ ל ל : דו קענסט העלפען דיינע אלטע פריינד. טהו װי מיר טהוען, לעג צו דיין האנד אויף װיפיעל דו קענסט.

ר ע ב ע ק ק א : אָבער רעקטאָר קראָלל, איהר װייסט דאָך װי אונאנגענעהם עס איז פאר הערן ראָזמער זיך צו מישען אין עפענטליכען לעבען.

ק ר אָ ל ל : ער מוז בייקומען די אונבעקװעמליכקייט. — דו פאָלגסט ניט גענוג נאָך די פאסירונגען, ראָזמער. איך בין װייט ניט דער מענש צו רעדען מיט פעראכטונג װעגען פאָרשונגען איבער פאמיליען־אָבשטאמונג און דערגלייכען; אָבער ליידער איז איצט ניט די צייט פאר אזעלכע געשמאק־בעשעפטיגונגען. דו קענסט דיר ניט פאָרשטעלען, װאָס עס טהוט זיך ביי אונז אין לאנד. עס איז קוים געבליבען איין איינציגער אָנגענומענער געדאנק, װאָס איז ניט איבערגעקעהרט געװאָרען מיט'ן קאָפּ אראָב. עס װעט זיין א ריעזען־ארבייט װיעדער ארויסצורייסען אלע טעות'ן מיט'ן װאָרצעל.

ר אָ ז מ ע ר : איך צװייפעל ניט אין דעם. איך בין אָבער ניט דער מענש זיך אונטערצונעהמען אזא אויפגאבע.

ר ע ב ע ק ק א : און אויסערדעם, דוכט מיר, אז הערר ראָזמער האָט אָנגעהויבען קוקען מיט א ברייטערען בליק אויפ'ן לעבען, איי־דער פריהער.

ק ר אַ ל ל (פּקרוזאַנדערנ) :   אַ בריימערען בליק?

ר ע ב ע ק א :   יאָ, אָדער אַ פריערען בליק, אויב איהר ווילט — נים אַזוי איינזייטיג.

ק ר אַ ל ל :   וואָס זאָל דאָס בעדייטען, ראַזמער?   דו ביזט דאָך זיכער נים אַזוי שוואך צו ווערען בעאיינפלוסט פון דעם צופאַל, וואָס די פיהרער פון די מאסען האָבען געוואונען אַ צייטווייליגען זיעג?

ר אַ ז מ ע ר :   מיין ליעבער קראָלל, דו ווייסט דאָך ווי וועניג איך פערשטעה אין פּאָליטיק־זאכען.   איך מוז אָבער מודה זיין, אז מיר שיינט דאָס אין די לעצטע עטליכע יאָהרען האָבען מענשען אָנגעהויבען ארויסצוצייגען מעהר זעלבשטענדיגקייט אין דענקען.

ק ר אַ ל ל :   ווירקליך!   און דו נעהמסט עס אָן פאר זיכער, אז דאָס מוז זיין אַ מעלה!   אָבער יעדענפאלס האָסטו אַ גרויסען טעות, מיין פריינד.   הער זיך נור צו צו די מיינונגען, וואָס געהען ארום ביי די ראַדיקאַלען, ווי דאָ אין דאָרף אַזוי אויך אין שטאָדט. זיי זיינען ניט מעהר און ניט וועניגער ווי די חכמות, וועלכע ווערען נעשריבען אין „לייכט־טורעם“.

ר ע ב ע ק א :   יאָ, מאָרטענסגארד האָט אַ גרויסען איינ־פלוס אויף פיעל מענשען דאָ ארום.

ק ר אַ ל ל :   יאָ, בעטראַכט נור!   אַ מענש מיט אַזאַ שמוי־ציגער פערגאַנגענהייט — אַ מענש, וועלכען מען האָט ענטזאָגט פון זיין שטעלע אלס לעהרער צוליעב זיין אונזיטליכער אויפפיה־רונג!   און אַזאַ חברה־מאַן נעהמט זיך שפּיעלען אַ ראָלע פון אַ פאָלקס־פיהרער!   און עס געהט איהם אויך!   ער האָט ווירקליך אָן ערפאָלג!   איך הער, אז ער וויל פערגרעסערען זיין צייטונג. איך ווייס פון אַ זיכערער קוועלע, אז ער זוכט אַ פעהיגען מיט־ארבייטער.

ר ע ב ע ק א :   מיך וואונדערט, וואָרום איהר מיט אייערע פריינד שטעלען ניט ארויס אָן אָפּאָזיציע אנטקעגען איהם.

ק ר אַ ל ל :   טאקע דאָס ווילען מיר איצט טהאָן; מיר האָבען היינט אָבגעקויפט די „אַמטסצייטונג“.   וועגען געלד איז קיין

מניעה ניט, אָבער — (ווענדעט זיך צו ראָזמערען) איצט קום איך צום אמת'ען ציעל פון מיין בעזוך. די גאנצע שווערקייט איז אין דער ליטונג פון דער צייטונג — אין דער רעדאקציאָן. — זאָג מיר, ראָזמער, האלסט דו עס ניט פאר דיין פליכט, צו נעהמען עס אויף זיך — אוים מיטגעפיהל צו דער זאך?

ר אָ ז מ ע ר (כמעט דערשראָקען): איך!

ר ע ב ע ק א: אָה, ווי קענט איהר גאָר דענקען וועגען אזא זאך?

ק ר אָ ל ל: איך קען גאנץ גוט פערשטעהן דיין שרעק פאר די עפענטליכע פערזאמלונגען, און דיין ווידערווילען ארויסצושטע־לען זיך אלס א ציעל־ברעט פאר זייערע פיילען. אָבער א רעדאק־טאָר'ס ארבייט איז א מעהר צוריק־געצויגענע, אָדער, בעסער גע־זאגט —

ר אָ ז מ ע ר: ניין, ניין, ליעבער פריינד, פערלאנג דאָס גאָרניט פון מיר.

ק ר אָ ל ל: איך וואָלט גאנץ צופרידען געווען אליין פרו־בירען מיינע קרעפטען אויך אין דער ריכטונג, נור איך וויים, אז דאָס וועט זיך מיר בשום אופן ניט איינגעבען. איך האָב שוין אזוי אויך ארבייט איבער'ן קאָפּ. — אָבער דו, אָהן א פּראָפעסיאָן וועלכע האלט דיך צוגעבונדען — עס פערשטעהט זיך, מיר אלע וואָלטען דיר געהאָלפען וויפיעל מיר וואָלטען געקענט.

ר אָ ז מ ע ר: איך קען ניט, קראָלל. איך טויג ניט דערצו.

ק ר אָ ל ל: דו טויגסט ניט? דאָס זעלבע האָסט דו גע־זאגט, ווען דיין פאָטער האָט פאר דיר געקראָגען די אמט דאָ אין קירך —

ר אָ ז מ ע ר: און איך בין טאקע געווען גערעכט. דערפאר האָב איך עס אויפגעגעבען.

ק ר אָ ל ל: אָה, זיי נור אזוי געשיקט אלס רעדאקטאָר, ווי דו ביסט געווען אלס פרעדיגער, וועלען מיר שוין זיין צופריעדען.

ר אָ ז מ ע ר: מיין ליעבער קראָלל, איך מוז דיר זאָגען איין מאָל פאר אלע מאָל, דאָס איך קען עס ניט טהאָן.

ק ר אָ ל ל: נו, טו גיב אונז צום ווענינגסטען דיין נאָמען.

ר אָ ז מ ע ר: מיין נאָמען?

ק ר אָ ל ל: יא, בלויז דער נאָמען פון יאָהאנעס ראָזמער וועט זיין א גרויסער געווינס פאר דער צייטונג. אונז אלעמען האלט מען פאר שטרענג־פארטייאישע מענשען — מיך, הער איך, רופט מען זאָגאר אַן געפעהרליכער פאנאטיקער — דעריבער קענען מיר ניט ערווארטען, אז די צייטונג זאָל אונטער אונזער אייגענעם נאָמען האָבען אן ערפאָלג ביי די פערפיהרטע מאסען. דו, דאַ־געגען, האָסט זיך אימער געהאלטען וויט פון קאמפף. יעדען איז בעוואוסט דיין מילדער, אָפענהערציגער כאראקטער, — דיין פיינער ארט דענקען, דיין פאָלקאָמענע עהרליכקייט; און דאן האָסט דו נאָך אלץ דעם פרעסטיזש פון א געוועזענעם גייסטליכען; און, ענדליך, דער בעריהמטער נאָמען פון דיין פאמיליע!

ר אָ ז מ ע ר: אָה, מיין נאָמען —

ק ר אָ ל ל (צייגט אויף די בילדער): די ראָזמערס פון ראָז־מערהאָלם — גייסטליכע, מיליטער־פיהרער, הויכגעשטעלטע רע־גיערונגס־בעאמטע. אלע, אָהן אויסנאהמע, עהרענמענער, — א מישפחה, וועלכע איז שוין באלד פאר צוויי הונדערט יאָהר איינע פון די גרעסטע מיוחסים אין אונזער געגענד. (לעגט איהם די האַנד אויף'ן שולטער) ראָזמער, דו ביסט פערפליכטעט צו זיך אליין און צו די טראדיציעס פון דיין שטאם אנטהייל צו נעהמען אין דער ארבייט פון בעשיצען דאָס, וואָס איז ביז איצט פערהייליגט געוואָ־רען אין אונזער געזעלשאפט. (קעהרט זיך אום) וואָס זאָגט א י ה ר, פריילין וועסט?

ר ע ב ע ק א (לאַכט שטיל, ווי צו זיך אַליין): מיין ליעבער רעקטאָר, איך קען אייך ניט זאָגען ווי לעכערליך די גאנצע זאך קומט ביי מיר אויס.

ק ר אָ ל ל: וואָס זאָגט איהר? לעכערליך?

ר ע ב ע ק א: יא, לעכערליך. דען איהר מוזט מיר ערלוי־בען אייך צו דערצעהלען אָפענהערציג —

ר אַ ז מ ע ר (שנעל): ניין, ניין, זיי שטיל! נאָך ניט איצטער!

ק ר אַ ל ל (קוקט דאָס אויף איהר, דאָס אויף איהם): אָבער, אום גאָטעס ווילען, ליעבע פריינד! — (רייסט איבער) הם! —

(פרוי העלזועט קומט אריין פון דער טיר רעכטס).

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: אין קיך־אריינגאנג איז געקומען א מאן, וועלכער זאָגט אז ער וויל זעהן דעם הערר פאסטאָר.

ר אַ ז מ ע ר: (ערלייכטערט) נו, גוט. בעט איהם אריין אהער.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: אהער אין גאסט־צימער?

ר אַ ז מ ע ר: יא, געוויס.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: ער זעהט אָבער ניט אויס אזוי, אז מען זאָל איהם קענען ארייןלאָזען אין גאסט־צימער.

ר ע ב ע ק א: ווי זעהט ער דען אויס, פרוי העלזעט?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: אָה, עס איז ניט פיעל וואָס אָנצו־זעהן אויף איהם, פריילין.

ר אַ ז מ ע ר: האָט ער ניט געזאָגט ווי מען רופט איהם?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: יא, ער האָט, דאכט זיך, געזאָגט, אז ער הייסט העקמאן אָדער עפּעס אזא מין נאָמען.

ר אַ ז מ ע ר: דער נאָמען איז מיר ניט בעקאנט.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: נאָכדעם האָט ער געזאָגט, אז מען רופט איהם אולדריק אויך.

ר אַ ז מ ע ר (פערוואונדערט): אולריק־העטמאן! אזוי האָט ער געזאָגט?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: יא, יא, ער האָט געזאָגט העטמאן.

ק ר אַ ל ל: דעם נאָמען האָב איך שוין זיכער געהערט —

ר ע ב ע ק א: האָט ניט אונטער דעם נאָמען געוועהנליך געשריבען — דער דאָזיגער מאָדנער מענש —

ר אַ ז מ ע ר (צו קראָלל'ען): דאָס איז אולריק ברענדעלס פסעוודאָנים.

קראָלל: דער אויסוואורף אולריק ברענדעל — גאנץ ריכטיג.

רעבעקא: הייסט עס, אז ער לעבט נאָך.

ראָזמער: איך האָב געהערט, אז ער פאָהרט ארום מיט א חברה ארומרייזענדע אקטיאָרען.

קראָלל: דאָס לעצטע מאָל, ווען איך האָב וועגען איהם געהערט, איז ער געווען אין א פערבעסערונגס־אנשטאלט.

ראָזמער: בעט איהם אריין אהער, פרוי העלזעט.

פרוי העלזעט: אָה, גוט. (געהט אוועק).

קראָלל: ווילסטו ווירקליך אריינלאָזען אזא מענשען צו דיר אין הויז?

ראָזמער: דו ווייסט דאָך, אז ער איז אמאָל געווען מיין לעהרער.

קראָלל: יא, איך וויים, אז ער פלעגט דאָ קומען און דיר אריינקלאפען אין קאָפּ אריין אלערליי רעוואָלוציאָנערע געדאנקען און אז דיין פאָטער האָט איהם ענדליך מיט א בייטש ארויסגעיאָגט פון הויז.

ראָזמער (עטוואָס ביטער): מיין פאָטער איז געווען א שטרענגער דיסציפּלינאריסט ביי זיך אין דער היים, אזוי גוט ווי אין זיין רעגימענט.

קראָלל: דו מעגסט איהם אין זיין קבר דערפאַר דאנקבאר זיין, ליעבער ראָזמער! — יא!

(פרוי העלזעט עפענט די טיר רעכטס און לאָזט אריין אולריק ברענדעל, געהט אוועק און פערמאַכט די טיר הינטער זיך. ער איז א שעהנער מאַן מיט גרויע האָאר און באָרד, איז אָבגעצערט אָבער ריהרעדיג און לעבהאַפט. אָנגעטהאָן איז ער ווי א ריכטיגער שלעפּער. אַן אָבגעטראָגענער סורדוט, צוקריטטע שיך, קיין העמד זעהט מען נים. אויף די הענד אַלטע שוואַרצע האַנדשוה; אונטער׳ן אָרעם א צוקנייטשטער, ווייכער, שמוציגער הוט; אין האַנד א שפּאַציער־שטעקעל.)

ברענדעל (קוקט פריהער אונבעשלאָסען, נאָכדעם געהט ער

שנעל צו צום רעקטאָר און גיט איהם די האַנד) : א גוטען אָוועגר, יאָהאנעס !

ק ר אָ ל ל : ענטשולדיגט —

ב ר ע נ ד ע ל : האָסטו ערוואַרטעט מיך נאָך א מאָל צו זעהען ? און דערצו נאָך אין אָט דעם פערהאסטען מויער ?

ק ר אָ ל ל : ענטשולדיגט — (ציינט) אָט ־ד אָ ר ט —

ב ר ע נ ד ע ל (קעהרט זיך אום) : ריכטיג. אָט איז ער. יאָהאנעס — מיין יונג — דו, מיין ליעבסטער פון אלע ! —

ר אָ ז מ ע ר (גיט איהם די האַנד) : מיין אלטער לעהרער !

ב ר ע נ ד ע ל : ניט קוקענדיג אויף געוויסע שמערצליכע עראינערונגען, האָב איך דאָך ניט געוואָלט פארבייגעהן ראָזמערס־האָלם און ניט מאכען דיר א קורצען וויזיט.

ר אָ ז מ ע ר : איהר זייט דאָ הערצליך ווילקאָמען. איהר מעגט זיין זיכער דעריין.

ב ר ע נ ד ע ל : אה, דיעזע רייצענדע דאמע — ? (פּיגור־ניגט זיך) פרוי ראָזמער, נאטירליך ?

ר אָ ז מ ע ר : פריילין וועסט.

ב ר ע נ ד ע ל : וואהרשיינליך א נאָהענטע קרובה ? און דער אונבעקאנטער הערר ? — א קאָלעגע, ווי איך זעה.

ר אָ ז מ ע ר : רעקטאָר קראָלל.

ב ר ע נ ד ע ל : קראָלל ? קראָלל ? ווארט נור ! — זייט איהר ניט געוועזן א סטודענט פון פילאָלאָגיע אין אייערע יונגע יאָהרען ?

ק ר אָ ל ל : יא, גאַנץ געוויס בין איך געוועזן.

ב ר ע נ ד ע ל : דאָנער וועטער ! האָב איך דאָך דיך געקענט !

ק ר אָ ל ל : ענטשולדיגט —

ב ר ע נ ד ע ל : ביסט דו ניט געוועזן —

ק ר אָ ל ל : ענטשולדיגט —

ב ר ע נ ד ע ל : איינער פון יענע גוטע און פרומע לייט, וועלכע האָבען מיך ארויסגעשטויסען פון דעם דיסקוסיאָנס־פער־איין ?

ק ר אָ ל ל : זעהר מעגליך. אָבער איך ענטזאג זיך פון יעדער נעהענטערער בעקאנטשאפט.

ב ר ע נ ד ע ל : גוט, גוט! נאָך בעליעבען, הערר דאָקטאָר! מיר איז דאָס אלץ איינס. אולריק ברענדעל בלייבט דער זעלבער, טראָץ אלעם.

ר ע ב ע ק א : איהר זייט אויף אייער וועג אין שטאָדט אריין, הערר ברענדעל?

ב ר ע נ ד ע ל : די גנעדיגע דאמע האָט געטראָפּען. אין געוויסע צייטען בין איך געצוואונגען דעם קאמפּף אום'ס דא־זיין צו קעמפּפען. איך טהו דאָס ניט גערן; אָבער — בקיצור — די צווינגענדע נויטוועגדיגקייט —

ר אָ ז מ ע ר : אָבער, ליעבער הערר ברענדעל, וועט איהר מיר ניט ערלויבען אייך מיט עטוואָס צו העלפען? אויף אירגענד וועלכען שטייגער מיין איך —

ב ר ע נ ד ע ל : אָה! אזא פאָרשלאָג צו מיר! ווילסט דו דען צושטערען דעם באנד, וועלכער בינדט אונז צוזאמען? קיין מאָל ניט, יאָהאנעס, קיין מאָל ניט!

ר אָ ז מ ע ר : וואָס רענקט איהר דען צו טהאָן אין שטאָדט? גלויבט מיר, עס וועט אייך ניט לייכט זיין —

ב ר ע נ ד ע ל : לאָז דאָס צו מיר, מיין יונג. דער גורל איז געוואָרפען. אזוי ווי איך שטעה דאָ פאר דיר, קלייב איך זיך אין א וויטען וועג — א ברייטערער ווי אלע מיינע פריהעריגע שטריט־ציגע צוזאמענגענומען. (צום רעקטאָר) מעג איך דעם הערר פּראָפּעסאָר פרעגען — צווישען אונז רעדענדיג — צי איז פאראן אין אייער געאכטעטער שטאָדט א גראמער, איינינגער־מאסען אנשטענדיגער און בעקוועמער פערזאמלונגס־לאָקאל?

ק ר אָ ל ל : דער זאל פון דעם ארבייטער־פעראיין איז דער גרעסטער.

ב ר ע נ ד ע ל : און האָט דער הערר דאצענט אירגענד וועלכען אָפּיציעלען איינפלוס אין דיעזען, אהן צווייפעל, ניצליכען פעראיין?

ק ר אָ ל ל : איך האָב מיט איהם גאָרניט צו טהאָן.

ר ע ב ע ק א (צו ברענדלען) : איהר דארפט זיך ווענדען צו פעטער מאָרטענסגארד.

ב ר ע נ ד ע ל : פארדאָן, מאדאם — וואָס איז דאָס פאר אן אידיאָט?

ר אָ ז מ ע ר : ווארום דענקט איהר גראד, אז ער איז אן אידיאָט?

ב ר ע נ ד ע ל : הער איך דען ניט גלייך נאָכ'ן נאָמען, אז ער איז פלעבעיער?

ק ר אָ ל ל : דעם ענטפער האָב איך ניט ערוואַרטעט.

ב ר ע נ ד ע ל : אָבער איך וועל זיך בעהערשען. ניטאָ קיין אנדער ברירה. ווען איינער שטעהט — אזוי ווי איך — אויפ'ן ווענדע־פונקט פון זיין קאריערע. — עס איז בעשלאָסען, איך וועל אריינגעהן אין פערבינדונגען מיט יענעם חברה־מאן — איך וועל מיט איהם פיהרען דירעקטע אונטערהאנדלונגען —

ר אָ ז מ ע ר : שטעהט איהר ווירקליך און אין ערנסט אויף א ווענדע־פונקט?

ב ר ע נ ד ע ל : ווייס דען ניט מיין טייערער יונג, אז וואו אולריק ברענדעל זאָל ניט שטעהן, שטעהט ער ערנסט? — יא, יאָהאנעס, איצט וועל איך אויף זיך אָנטהאָן גאָר א נייעם מענ־שען — איך וועל אראָבווארפען די צוריקגעצויגענע אָבגעשלאָסענ־קייט, אין וועלכער איך בין ביז איצט געווען.

ר אָ ז מ ע ר : ווי אזוי? —

ב ר ע נ ד ע ל : איך האָב בדעה אָנצונעהמען דאָס לעבען ביד חזקה. איך וויל ארויסטרעטען, זיך ארויסצייגען. מיר לעבען אין א שטורעמדיגער צייט — איך וויל אויך מיין חלק ארויפלעגען אויף דעם מזבח פון פרייהייט.

ק ר אָ ל ל : א י ה ר אויך?...

ב ר ע נ ד ע ל (צו אַלע) : איז די ווערטהע געזעלשאפט וויפיעל עס איז בעקאנט מיט מיינע געדרוקטע שריפטען?

ק ר אָ ל ל : ניין, איך מוז זיך מודה זיין, אז —

רעבעקא: איך האָב געלעזען איינינע. מיין ערציהער האָט זיי נעהאט אין זיין ביבליאָטעק.

ברענדעל: שעהנע דאמע, דאן האָט איהר אומזיסט פערלאָרען צייט. דען איך מוז איך זאָגען אז עס איז הוילע פלוי־דעריי.

רעבעקא: אזוי גאָר?

ברענדעל: דאָס וואָס איהר האָט געלעזען, יא. די יעניגע פון מיינע ווערקע, וועלכע האָבען עפּעס א ווערטה קען קיין מאן און קיין פרוי ניט. קיינער ניט, אויסער מיר.

רעבעקא: ווי קומט עס?

ברענדעל: ווייל זיי זיינען ניט געשריבען.

ראָזמער: אָבער, ליעבער הערר ברענדעל —

ברענדעל: דו ווייסט דאָך, מיין יאָהאנעס, אז איך בין א שטיקעל סיבאריט, א פיינשמעקער. איך בין דאָס געוועזען מיין גאנץ לעבען. איך האָב ליעב הנאה צו האָבען איינער אליין. דען דאמאלסט האָב איך צוויי מאָל — צעהן מאָל אזוי פיעל הנאה. אלזאָ, פערשטעהסט, ווען גאָלדענע חלומות האָבען זיך אראָבגעלאָזט אין מיך איינגעוויקעלט אין זייער נעבעל, — ווען נייע, שווינדלענ־דיגע, מעכטיגע געדאנקען זיינען אין מיר געבוירען געוואָרען, און האָבען מיך ארומגענומען מיט זייערע בעגייסטערענדע פליגלען, — האָב איך זיי פערקערפּערט אין פּאָעמען, נביאות און בילדער, — אין גראָבע שטריכען, אזוי צו זאָגען, פערשטעהסט דו מיך.

ראָזמער: יא, יא.

ברענדעל: אָה, וועלכע פערגעניגענס, וועלכע נע־רוויטונגען איך האָב דאן גענאָסען! דאָס געהיימניספאָלע גליק פון שאַפען — אין גראָבע שטריכען, ווי געזאָגט — בייפאל, דאנק־באַרקייט, רוהם, לאָרבער־קראנצען, — דאָס אלעס האָב איך צו־גענומען מיט פולע הענד, וועלכע האָבען געציטערט פאר פרייד. איך האָב זיך אָנגעזעטיגט אין מיינע געהיימע פאָרשטעלונגען מיט אזא בעגייסטערונג — אָה! אזוי שטארק! אזוי בערוישענד!

קראָלל: הם —

ר אָ ז מ ע ר: און איהר האָט גאָרניט אָנגעשריבען?

ב ר ע נ ד ע ל: קיין איין וואָרט ניט. אָט די זעלענלאָזע בעשעפטיגונג פון דעם סקריבלער האָט מיך אימער געעקעלט. און צו וואָס האָב איך דען געדארפט פּראָפּאגירען מיינע אייגענע אי־דעאלען, אז איך האָב זיי געקענט געניטען אין זייער גאנצער ריינ־קייט איינער אליין? איצט אָבער וועל איך זיי ברייננגען פאר א קרבן. גלויב מיר, איך פיהל, ווי א מוטער, ווען זי גיט איבער איהרע יונגע טעכטער אין די אָרעמס פון זייערע חתנים. דאָך אָבער וועל איך זיי אלץ איינס אָפּפערען אויף דעם מזבח פון פריי־הייט. א רייהע פון גוט אויסגעארבייטע פּאָרטרעגע, איבער'ן גאנ־צען לאנד —

ר ע ב ע ק א (לעבהאַפט): דאָס איז זעהר נאָבעל פון אייך, הערר ברענדעל! איהר גיט אָב דאָס טהייערסטע, וואָס איהר פערמאָגט.

ר אָ ז מ ע ר: דאָס איינציגע.

ר ע ב ע ק א (קוקט פיעל־בעדייטענד אויף ראָזמערען): ווי פיעל זיינען פאראן וואָס טהוען אזוי פיעל — וואָס ו ו א נ ע ן אזוי פיעל צו טהאָן?

ר אָ ז מ ע ר (ענטפערט אויף איהר בליק): ווער ווייס?

ב ר ע נ ד ע ל: מיינע צוהערער זיינען געריהרט. דאָס דערפרעהט מיין הארץ און שטארקט מיין ווילען. אלזאָ, איצט נעהם איך זיך פאר מיין ארבייט. דאָך — נאָך א י י ן זאָך. (צום רעקטאָר) קענט איהר מיר ניט זאָגען, הערר פּרעצעפּטאָר, — איז פאראן ביי אייך אין שטאָדט א טעמפּערענץ געזעלשאפט? א גע־זעלשאפט פאר אבסאָלוטער טעמפּערענץ? נאטירליך, איז עס פאראן?

ק ר אָ ל ל: יא, צום דיענען, עס איז פאראן און איך בין דער פּאָרזיצענדער.

ב ר ע נ ד ע ל: איך האָב עס געזעהן אויף אייער פּנים! נו, עס איז גאָרניט אוממעגליך אז איך זאָל אריינקומען צו אייך און זיך פערשרייבען פאר א מיטגליעד אויף א וואָך צייט.

קראַלל: ענטשולדיגט — מיר נעהמען ניט אריין קיין מיטגליעדער ביי דער וואָך.

ברענדעל: „אלא באַננע הוירע", הערר פעדראגאַג. אולריק ברענדעל האָט זיך קיינמאָל ניט געשטופט אין אזא מין געזעלשאפט. (קעהרט זיך אום) אָבער איך וועל זיך מעהר ניט פערזאמען אין דיעזען הויז, וואָס איז אזוי רייך אין עראינערונגען. איך מוז געהן אין שטאָדט און זיך אויסזוכען א פאסענדע וואָהנונג. איך האָף, דאָרט איז דאָ אן אנשטענדיגער האָטעל?

רעבעקא: וועט איהר עפּעס טרינקען, איידער איהר געהט?

ברענדעל: וואָס זשע, אייגענטליך, מיין גנעדיגע?

רעבעקא: א טאסע טהעע, אָדער —

ברענדעל: איך דאנק דער וואָהלטהעטיגער בעל־הבית־טע — אָבער איך האָב ניט ליעב צו עקספלואטירען די פריוואטע גאסטפריינדליכקייט. (מאַכט אַ גריסענדע בעוועגונג מיט דער האַנד) זייט געזונד, מיינע הערשאפטען! (געהט צו דער טיר, נור ער קעהרט זיך אום) אך, איך האָב גאָר פערגעסען, — יאָהאנעס, פאסטאָר ראָזמער, — ווילסט דו אפּשר מיט עטוואָס דיענען דיין געוועזענעם לעהרער אין נאָמען פון אלטער פריינדשאפט?

ראָזמער: יא, מיט'ן גאנצען הארצען.

ברענדעל: גוט, לייה זשע מיר — אויף א טאָג אָדער צוויי — א געפּרעסטע העמד מיט מאנזשעטען.

ראָזמער: דאָס אלעס?

ברענדעל: ווייל, פערשטעהסטו מיך, איך רייז צו־פוס — דאָס מאָל. מיין קופערט שיקט מען מיר נאָך.

ראָזמער: יא, אָבער דארפט איהר ניט נאָך עפּעס?

ברענדעל: גוט, ווייסט דו וואָס — אפשר קענסט דו מיר אָבלאָזען אן אלטען צוגעטראָגענעם זומער־ראָק?

ראָזמער: יא, יא, געוויס.

ברענדעל: און אויב צו א ראָק געהערען א פּאָר אנ־שטענדיגע שטיוועל —

ר אָ ז מ ע ר: דאָס וועט זיך אויך געפינען. אזוי שנעל ווי איהר וועט אונז לאָזען וויסען אייער אדרעס וועלען מיר עס אייך אלעס צושיקען.

ב ר ע נ ד ע ל: אונטער קיינע אומשטענדען! קיינע קלאָ־פּאָטען פון מיינעט־וועגען! אזעלכע קלייניגקייטען קען איך מיט־נעהמען מיט זיך.

ר אָ ז מ ע ר: ווי איהר ווילט. קומט זשע מיט מיר ארויף אויבען.

ר ע ב ע ק א: לאָזט מיך געהן. איך און פרוי העלזועט וועלען עס שוין בעזאָרגען.

ב ר ע נ ד ע ל: איך וועל קיינמאָל ניט דערלאָזען, אז אזא געשעצטע דאמע — !

ר ע ב ע ק א: אָה, אונזינן! קומט נור, הערר ברענדעל. (זי געהט אַרויס אין דער טיר רעכטס).

ר אָ ז מ ע ר (פערהאלט ברענדלען): זאָגט, קען איך אייך ניט מיט נאָך עטוואָס דיענען?

ב ר ע נ ד ע ל: איך ווייס ווירקליך ניט מיט וואָס. אָה, צום טייפעל, — איך האָב זיך איצט דערמאָנט! יאָהאנעס, אפשר האָסט דו גראָד ביי זיך אכט קראָן?

ר אָ ז מ ע ר: לאָמיר זעהן (עפענט דעם פּאָרטמאָנע) דאָ זיינען צוויי צעהנקראָנדיגע.

ב ר ע נ ד ע ל: עס מאכט ניט! איך קען זיי נעהמען. איך קען זיי אימער אויסבייטען אין שטאָדט. דערווייל א דאנק דיר. געדענק, אז דו האָסט מיר געבאָרגט צוויי צעהנערלעך. א גוטע נאכט, מיין טהייערער, ליעבער יונג! א גוטע נאכט, מיין ווער־טהער הערר! (ער געהט צו דער טיר רעכטס, וואו ראָזמער געזעגענט זיך מיט איהם און פערמאַכט נאָך איהם די טיר.)

ק ר אָ ל ל: מיין גאָט! — דאָס איז אלזאָ דער אולריק ברענדעל, וועלכען מען האָט א מאָל פּאָראויסגעזאָגט אזא גלענ־צענדע צוקונפט!

ר אָ ז מ ע ר (שטיל): ער האָט יעדענפאלס געהאט דעם

מומה צו לעבען נאָך זיין אייגענעם פערשטאנד. מיר דאכט, אז דאָס איז אויך ניט זעהר לייכט.

קראָלל: וואָס? אזא לעבען ווי זיינס! עס לאָזט זיך מיר כמעט גלויבען, אז ער האָט בכח דיר ווידער א מאָל צו פערדרעהען דעם קאָפּ.

ראָזמער: אָה, ניין, איצט איז מיין קאָפּ גאנץ קלאָר וועגען אלע פונקטען.

קראָלל: איך וואָלט זעהר וועלען דאָס גלויבען, מיין ליעבער ראָזמער. דו ווערסט דאָך אזוי שרעקליך לייכט בעאיינפלוסט.

ראָזמער: לאָמיר זיך זעצען. איך וויל מיט דיר עפּעס רעדען.

קראָלל: נו, לאָמיר זיך זעצען. (זיי זעצען זיך אויף דער כאָפּאַ).

ראָזמער (נאָך א קורצער פּויזע): דענקסטו ניט, אז מיר פיהרען דאָ אן אנגענעהם און בעקוועם לעבען?

קראָלל: יא, איצט לעבסטו אנגענעהם און בעקוועם — און פריעדליך. דו האָסט איצט געקראָגען א היים, ראָזמער. און איך האָב מיינע פערלאָרען.

ראָזמער: זאָג דאָס ניט, מיין טהייערער פריינד. די וואונד וועט נאָך פערהיילט ווערען מיט דער צייט.

קראָלל: קיינמאָל אין לעבען ניט. דער גיפט וועט בלייבען. עס וועט שוין קיינמאָל ניט זיין ווי א מאָל.

ראָזמער: הער מיך אוים, קראָלל. מיר זיינען געוועזען שטארקע פריינד לאנגע, לאנגע יאָהרען. ווי דענקסט דו, איז עס מעגליך אז אונזער פריינדשאפט זאָל צוריסען ווערען?

קראָלל: איך וויים ניט פון קיין זאך אין דער וועלט, וואָס וואָלט קענען אונז צושיידען. ווי קומט דיר אזא געדאנק אין קאָפּ אריין?

ראָזמער: דו לעגסט אזוי פיעל געוויכט אויף איינינקייט אין מיינונגען און אנזיכטען.

קראָלל: גאנץ געוויס; אָבער מיר ביידע זיינען דאָך פּאַק־

מיש איינשטימיג — יערענפאלס בנוגע צו די וויכטיגע הויפט־פראגען.

ראזמער (שטיל): ניין, איצט שוין ניט.

קראלל (וויל אויפשפרינגען): וואס איז דאס?

ראזמער (האלט איהם צו): ניין, דו מוזט בלייבען זיצען. איך בעט דיך, קראלל.

קראלל: וואס זאל עס בעדייטען? איך פערשטעה דיך ניט. רעד איינפאכע ווערטער!

ראזמער: א נייער זומער האט אויפגעבליהט אין מיין נשמה. איך קוק מיט אויגען, וועלכע זיינען וויעדער יונג געווארען. און איצט אלזא שטעה איך —

קראלל: וואו, וואו, ראזמער?

ראזמער: וואו דיינע קינדער שטעהען.

קראלל: דו? דו! אונמעגליך! וואו, זאגסטו, שטעהסט דו?

ראזמער: אויף דער זעלבער זייט, ווי לאוריץ און הילדא.

קראלל (לאזט אראב דעם קאפ): א רענעגאט! יאהאנעס ראזמער א רענעגאט!

ראזמער: איך האב זיך געדארפט פיהלען אזוי גוט — אזוי גליקליך מיט דעם, וואס דו רופסט מיין רענעגאטסטווא. נור, פון דעסטוועגען האב איך פיעל געליטען; ווייל איך האב געוואוסט, אז דיר וועט דאס פערשאפען גרויסע יסורים.

קראלל: ראזמער — ראזמער! דאס איז איבער מיינע קרעפטען! (קוקט אויף איהם אומעטיגליך) אה, ווען איך בערעכען אז אויך דו קענסט ביי זיך פועל'ן אנטהייל צו נעהמען אין דער ארבייט פון פערדארבען און רואינירען אונזער אונגליקליך לאנד!

ראזמער: אין דער בעפרייאונגס־ארבייט וויל איך אנ־טהייל נעהמען.

קראלל: אה, יא, איך וויים. אזוי רופען עס סיי די פער־פיהרערס, סיי די פערפיהרטע. נור, דענקסט דו דען, אז מען קען

ערוואַרטען וועלכע עס איז בעפרייאונג פון דעם גייסט, וועלכער פערגיפטעט איצט אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען?

ראַזמער: איך האָב ניט שטאַרק ליעב דעם גייסט, וועל־כער האַלט איצט ביי אונז אין שטייגען, אָבער אויך ניט קיינע פון די געגנערישע פּאַרטייען. איך וועל פּרובירען צוזאַמענצוברענגען מענשען פון ביידע זייטען, וויפיעל איך וועל נור קענען — און זיי פעראייניגען אזוי נאָהענט ווי מעגליך. איך וועל מיין גאַנץ לעבען און מיינע אַלע קרעפטען אָבגעבען דערויף; — צו שאַפען ביי אונז אין לאַנד א ריכטיגע דעמאָקראַטיע.

קראַלל: הייסט עס, דו דענקסט ניט, אז מיר האָבען שוין גענוג דעמאָקראַטיע! איך, פון מיין זייט, דענק פערקעהרט, אז מיר ווערען שוין גאַנץ היבש אַרונטערגעשלעפּט אין אזא בלאָטע, וואו נור דער געמיינער עולם האָט ביז איצט זיך געקענט פיהלען גוט.

ראַזמער: טאַקע דערפאַר וויל איך אויפוועקען די דעמאָ־קראַטיע צו איהר ריכטיגער אויפגאַבע.

קראַלל: וואָס פאַר אַן אויפגאַבע?

ראַזמער: די אויפגאַבע צו מאַכען, אז אַלע מענשען פון דיעזען לאַנד זאָלען זיין נאָבעל.

קראַלל: אַלע מענשען — ?

ראַזמער: יעדענפאַלס, אזוי פיעל, ווי עס איז מעגליך.

קראַלל: דורך וועלכע מיטלען?

ראַזמער: דורך בעפרייען זייער געדאַנק און לייטערען זייער ווילען.

קראַלל: דו ביסט א טרוימער, ראַזמער. וועסט דו זיי בעפרייען? וועסט דו זיי לייטערען?

ראַזמער: ניין, מיין טהייערער פריינד — איך וועל זיי נור פּרובירען וועקען דערצו. טהאָן מוזען זיי עס אַליין.

קראַלל: און דו דענקסט, אז זיי קענען עס?

ראַזמער: יא.

קראַלל: מיט זייערע אייגענע קרעפטען?

ראָזמער: יא, נור מיט זייערע אייגענע קרעפטען. קיין אנדער קראפט איז ניטאָ.

קראַלל (הויבט זיך אויף): פאסט עס אזוי צו רעדען פאר א גייסטליכען?

ראָזמער: איך בין שוין מעהר ניט קיין גייסטליכער.

קראַלל: יא, אָבער — דער גלויבען פון דיינע עלטערען?

ראָזמער: ער איז שוין ניט מעהר מיינער.

קראַלל: ניט מעהר! —

ראָזמער (הויבט זיך אויף): איך האָב איהם אויפגעגעבען. איך האָב איהם געמוזט אויפגעבען, קראַלל.

קראַלל (בעהערשט זיין אויפרעגונג): אָה, אודאי — יא, יא. איינס קומט, מסתמא, מיט'ן אנדערען. איז דאָס אפשר געווען די אורזאך וואָס דו האָסט פערלאָזען די קירך?

ראָזמער: יא. אזוי שנעל, ווי עס איז מיר קלאָר געוואָרען — ווי איך האָב זיך איבערצייגט, אז דאָס איז ניט קיין פאראיבערגעהענדער אָנפאַל פון סקעפּטיציזם, נור אן איבערצייגונג וועלכע איך האָב ניט געקענט און ניט געוואָלט אראָבוואַרפען פון זיך — דאן האָב איך גלייך פערלאָזען די קירך.

קראַלל: הייסט עס, אז דו האָסט די גאנצע צייט געהאט אזוינע געדאנקען! און מיר — דיינע פריינד, האָבען גאָר ניט געהערט דערפון. ראָזמער — ראָזמער, — ווי האָסט דו געקענט בעהאלטען פון אונז דעם טרויעריגען אמת?

ראָזמער: ווייל איך האָב דאָס געהאלטען פאר א זאך, וואָס געהט נור מיר אליין אָן. און א חוץ דעם האָב איך ניט געוואָלט פערשאפען דיר און מיינע אנדערע פריינד קיין אוננויטיגע יסורים. איך האָב געדענקט, אז איך וועל מיר דאָ ווייטער לעבען שטיל און גליקליך ווי פריהער. איך האָב געוואָלט לעזען, זיך פערטיפען אין די אלע וויסענשאפטען, וועלכע זיינען ביז איצט פאר מיר געווען א בוך מיט זיעבען זיעגלען. איך האָב זיך געוואָלט מאכען גאנץ היימיש אין דער גרויסער וועלט פון וואַרהייט און פרייהייט, וועלכע האָט זיך פאר מיר געעפענט.

קראָלל: רענעגאַט! יעדעס וואָרט בעווייזט עס. אָבער צי וואָס ביסט דו זיך מודה אין דיין געהיימער רענעגאַטסטוואָ? און ווארום גראָד איצט?

ראַזמער: דו אליין האָסט מיך געטריבען דערצו, קראָלל.

קראָלל: איך? איך האָב דיך געטריבען—!

ראַזמער: ווען איך האָב געהערט פון דיין געוואלטיגען ארויסטרעטען אויף דער פּלאַטפאָרם — ווען איך האָב געלעזען אלע דיינע גיפטיגע רעדעס וואָס דו האָסט געהאלטען — אלע דיינע ביטערע אָנפאלען אויף דיינע געגנער — די העסליכע זידלערייען וועלכע דו האָסט אויסגעגאָסען אויף זיי — אָה, קראָלל, אז דו — דו זאָלסט קומען דערצו! — דאן האָב איך קלאָר דערזעהן מיין פליכט. די מענשען ווערען שלעכט אין אָט דעם קאמפף. פריעדען, פרייד און פערגעבונג מוזען צוריק אריינגעבראכט ווערען אין אונזערע הערצער. דערפאר וויל איך איצט ארויסקומען און אָפען ערקלערען, וואָס איך בין. איך וועל אויך פּרובירען מיין כּח. קענסט דו ניט — פון דיין זייט — מיר העלפען אין דעם, קראָלל?

קראָלל: קיינמאָל אין לעבען וועל איך ניט שליכען קיין שלום מיט די פערניכטענדע קרעפטען אין דער געזעלשאפט.

ראַזמער: דאן לאָמיר כאָטש קעמפפען מיט אנשטענדיגע וואפען — אויב מיר מוזען שוין יא קעמפפען.

קראָלל: ווער עס געהט ניט מיט מיר אין די גרינדליכע לעבענס־פראגען, דעם קען איך ניט מעהר, בין איהם ניט שולדיג קיין אכטונג.

ראַזמער: גילט דאָס פאר מיר אויך?

קראָלל: דו האָסט אליין געבראָכען מיט מיר, ראָזמער.

ראַזמער: אָבער איז דאָס דען א בראָך?

קראָלל: דאָס! דו האָסט געבראָכען מיט אלע, וועלכע זיינען ביז איצט געווען דיינע פריינד. דו מוזט ליידען די פאָלגען.

(רעבעקא וועסט קומט אריין פון דער רעכטער זייט, און שטעלט ברייט די טיר.)

רעבעקא: נו, שוין; ער איז איצט אויס'ן וועג צו זיין

גרויסען אָפּפּער. און מיר קענען געהן צום טיש. זייט אזוי גוט, הערר רעקטאָר.

קראָלל (נעהמט זיין הוט): א גוטע נאכט, פריילין וועסט. איך האָב דאָ מעהר גאָר ניט וואָס צו טהאָן.

רעבעקא (נייגעריג): וואָס מיינט דאָס? (פערמאַכט די טיר און קומט נעהענטער): האָט איהר שוין גערעדט?

ראָזמער: ער ווייס אלעס.

קראָלל: מיר ווען דיך ניט אָבלאָזען, ראָזמער. מיר וועלען דיך צווינגען צוריק צו קומען צו אונז.

ראָזמער: איך קען קיינמאָל ניט זיין וואו איך בין געוועזן.

קראָלל: דאָס וועלען מיר זעהן. דו ביסט ניט דער מענש וואָס קען לאנג שטעהן אליין.

ראזמער: נאָך אלעמען וועל איך גאָרניט זיין אזוי גאנץ אליין — מיר זיינען צוויי צו פערטראָגען די איינזאמקייט דאָ.

קראָלל: אה—! (אַ פערדאכט זעהט זיך אויף זיין געזיכט) נאָך דאָס אויך! בעאטעס ווערטער—!

ראָזמער: בעאטעס—?

קראָלל (שטויסט אָב דעם געדאַנק): ניין, ניין — דאָס איז געוועזן מיאוס — פערצייה מיר.

ראָזמער: וואָס? וואָס מיינסט דו?

קראָלל: פרעג ניט, פו! פערגיב מיר. א גוטע נאכט! (געהט צו דער אַריינגאַנגס־טיר).

ראָזמער (געהט איהם נאָך): קראָלל! אונזער פריינד־שאפט טאָר זיך אזוי ניט ענדיגען. איך וועל מאָרגען קומען צו דיר.

קראָלל (אין פאָרדער־צימער; קעהרט זיך אום): דו זאָלסט קיינמאָל ניט אריבערטרעטען די שוועל פון מיין הויז. (ער נעהמט זיין שטעקען און געהט אַרויס פון הויז. ראָזמער שטעהט אַ ווייל־ע אין טיר. דאַן פערמאַכט ער זי און געהט צום טיש).

ראָזמער: עס מאַכט ניט אויס, רעבעקא. מיר וועלען דאָס אריבערטראָגען, מירביידע געטרייע פריינד — דו און איך.

ר ע ב ע ק א: וואָס, דענקסט דו, האָט ער געמיינט ווען ער האָט געזאָגט „דאָס איז געווען מיאוס"?

ר אָ ז מ ע ר: קימער זיך ניט וועגען דעם, טהייערע. ער האָט אַליין ניט געגלויבט אין דעם, וואָס ער האָט געמיינט. מאָרגען וועל איך גערן צו איהם. א גוטע נאכט!

ר ע ב ע ק א: אזוי פריה געהסט דו היינט ארויף? נאָך דעם אַלעם?

ר אָ ז מ ע ר: היינט ווי געוועהנליך. איך פיהל זיך אזוי בעפרייט, וואָס דאָס איז שוין פאָראיבער. ווי דו זעהסט, — בין איך גאַנץ רוהיג, רעבעקא. נעהם דו עס אויך רוהיג. א גוטע נאכט!

ר ע ב ע ק א: א גוטע נאכט, טהייערער פריינד! שלאָף געזונד!

(ראָזמער געהט ארויס דורכ'ן פאָרצימער. מען הערט זיינע טריט אויף די טרעפּ. רעבעקאַ געהט צו און גיט אַ ציה דאָס גלאָקענ-שטריקעל לעבען אויוון. באַלד קומט אַריין פרוי העלזעט פון דער רעכטער זייט).

ר ע ב ע ק א: איהר קענט צוריק צונעהמען פונ'ם טיש, פרוי העלזעט. דער פּאַסטאָר וויל גאָרנישט — און דער רעקטאָר איז אהיים געגאנגען.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: דער רעקטאָר איז אוועקגעגאנגען? וואָס האָט מיט איהם פּאסירט?

ר ע ב ע ק א (נעהמט איהר שטיקעריי): ער האָט געזאָגט, אז עס וועט באַלד אויסברעכען א שטארקער שטורם —

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: ס'ארא איינפאל! עס איז היינט אָוועט אפילו קיין איין וואָלקענדעל ניטאָ אויפ'ן הימעל.

ר ע ב ע ק א: לאָמיר האָפען, אז ער וועט ניט אָנגעגעגנען דעם ווייסען פערד! איך האָב מורא, מיר וועלען באַלד עפּעס הערען וועגען די זאכען.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: גאָט זאָל איך מוחל זיין, פריילין! רעדט ניט אזעלכע שרעקליכע ווערטער.

רעבעקא: יא, יא, יא.

פרוי העלזעט (מילד): דענקט איהר ווירקליך, פריי־לין, אז אימיצער וועט פון אונז די צייטען אוועקגעהן?

רעבעקא: ניין, ווארום זאָל איך דאָס דענקען? נור, עס זיינען דאָ אזוי פיעל פערשיעדענע מינים ווייסע פערד אויף דער וועלט, פרוי העלזעט. — נו, א גוטע נאכט, איך וועל געהן צו זיך אין צימער.

פרוי העלזעט: א גוטע נאכט, פריילין.

(רעבעקא געהט אַרויס רעכטס מיט איהר שטריקעריי.)

פרוי העלזעט (דרעהט איין דעם לאָמפּ, שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און מורמעלט צו זיך אַליין): מיין גאָט — מיין גאָט! אָט די פריילין וועסט! וואָס׳ארא זאכען זי זאָגט א מאָל!

צווייטער אקט.

יאָהאַנעס ראָזמער׳ס קאבינעט. לינקס אַן ארייגאנגס טיר. אין דער הינטערשטער וואַנד א טיר מיט א פערצוויגענעם פארהאנג, וואָס פיהרט אין ראָזמער׳ס שלאָף־צימער. רעכטס א פענסטער און לעבען דעם א שרייב טיש, בעדעקט מיט ביכער און פאפירען. ביכער־שראַנקען און פּאָליצעס מיט ביכער ארום און ארום. דאָס מעבעל איז איינפאך. לינקס אַן אלט־מאָדישע סאָפא מיט אַ טיש.

יאָהאַנעס ראָזמער, אין א שטוב־ראָק, זיצט אויף א שטוהל מיט א הויכער ווענטעל ביים שרייב־טיש. ער שניידט און קעהרט איבער די בלעטער אין א בראָשורע, און לעזט וואו ניט וואו עטליכע ווערטער.

א קלאפּ אין טיר לינקס.

ראזמער: (ריהרט זיך ניט) אריין!

רעבעקא: (קומט אריין אָנגעטאָן אין א מאָרגען־ראָק) גוט מאָרגען.

ראזמער: (קעהרענדיג די בלעטער אין דער בראָשורע) גוט מאָרגען, טייערע. דו ווילסט עפּעס?

רעבעקא: איך האָב נור געוואָלט וויסען, צי דו האָסט גוט געשלאָפען.

ראזמער: אָה, איך האָב געהאט אזא גוטע, רוהיגע נאכט! — (קעהרט זיך אום) און דו?

רעבעקא: אָה, יא. איך דאנק דיר — אזוי געגען פריה מאָרגען —

ראזמער: איך געדענק שוין ניט ווען איך זאָל זיך האָבען געפיהלט אזוי לייכט, ווי איצט. איך בין אזוי צופריעדען, וואָס איך האָב ענדליך ארויסגערעדט.

ר ע ב ע ק א: יא, ס'איז א שארען וואָס דו האָסט אזוי לאנג געשוויגען, ראזמער.

ר א ז מ ע ר: איך פערשטעה אליין ניט, ווי איך האָב גע־קענט זיין אזא פיינגלינג.

ר ע ב ע ק א: עס איז אייגענטליך ניט געווען אוים פייג־הייט —

ר א ז מ ע ר: אָה, יא, טייערע — ווען איך טראכט זיך גוט איין, זעה איך ארוים, אז אין גרונד געגומען האָט אין דעם גע־שטעקט עטוואָס פייגהייט.

ר ע ב ע ק א: אלץ בראוועד איז עס, וואָס דו האָסט ענדליך געמאכט דעם שריט. (זעצט זיך אויף א שטוהל ביים שרייבטיש לעבען איהם) אָבער איצט וויל איך דיר עפּעס דערצעהלען, וואָס איך האָב געטאָן — און זאָלסט דערפאר ניט זיין אין כעס אויף מיר.

ר א ז מ ע ר: אין כעס? ווי קענסטו דאָס גאָר דענקען—?

ר ע ב ע ק א: יא, עס איז אפשר געווען אונבעזאָנען פון מיין זייט, אָבער —

ר א ז מ ע ר: לאָמיך הערען וואָס דאָס איז אזוינס.

ר ע ב ע ק א: געסטערן אָוועגד, ווען אולריק ברענדעל איז אוועקגעגאנגען, — האָב איך איהם געגעבען א בריוועל צו פּעטער מארטענסגארד.

ר אָ ז מ ע ר: (אין צווייפעל) אָבער, מיין ליעבע רעבעקא — נו, וואָס האָסטו איהם געשריבען?

ר ע ב ע ק א: איך האָב געשריבען, אז ער וועט דיר טהאָן א טובה, אויב ער וועט אכטונג געבען אויף דעם אונגליקליכען מענשען און העלפען איהם מיט וואָס ער וועט קענען.

ר א ז מ ע ר: דאָס, טייערע, האָסטו ניט געדארפט טהאָן. דו האָסט ברענדלען נור געשאדעט דערמיט. און מאָרטענסגארד איז ניט דער מענש, מיט וועלכען איך וואָלט וועלען האָבען צו טהאָן. דו ווייסט דאָך, וואָס עס איז אמאָל פאָרגעקומען צווישען אונז.

ר ע ב ע ק א: אָבער דענקסטו ניט, אז עס וואָלט געווען בע־סער דו זאָלסט זיך מיט איהם איבערבעטען?

ר אָ ז מ ע ר: איך? מיט מאַרטענסנאַרד'ן? אויף וואָס־ער אופן מיינסטו עס?

ר ע ב ע ק אַ: דו ווייסט דאָך, אז איצט קענסטו זיך ניט פיה־לען אבסאָלוט זיכער — נאָכדעם, ווי דו האָסט איבערגעריסען מיט דיינע אלטע פריינד.

ר אָ ז מ ע ר: (קוקט אויף איהר און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) קענסטו ווירקליך גלויבען, אז קראָלל, אָדער די אנדערע וועלען זוכען נקמה צו נעהמען פון מיר? אז זיי וואָלטען פעהיג געוועזן אויף—?

ר ע ב ע ק אַ: אין דער ערשטער היץ פון כעס, מיין ליעבער—. מען קען גאָרניט וויסען. איך דענק — לויט דעם ווי דער רעקטאָר האָט דאָס אויפגענומען —

ר א ז מ ע ר: אָה, דו דאַרפסט דאָך איהם בעסער קענען. קראָלל איז דורך און דורך אַן עדעלמאַן. איך וועל היינט פאָהרען אין שטאָדט און רעדען מיט איהם. איך וועל מיט זיי אלעמען רע־דען. אָה, דו וועסט זעהן ווי לייכט עס וועט צוגעהן —

(פרוי העלזעט קומט אריין אין דער טיר לינקס.)

ר ע ב ע ק אַ: (הויבט זיך אויף) וואָס איז, פרוי העלזעט?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: רעקטאָר קראָלל איז אונטען אין פאָר־דערצימער.

ר א ז מ ע ר: (הויבט זיך שנעל אויף) קראָלל!

ר ע ב ע ק אַ: דער רעקטאָר! איז עס מעגליך —

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: ער וויל וויסען צי ער קען ארויפקו־מען רעדען מיט'ן העררן פאַסטאָר?

ר א ז מ ע ר: (צו רעבעקאַ'ן) וואָס האָב איך דיר געזאָגט? — געוויס קען ער ארויפקומען. (געהט צו דער טיר און שרייט ארונ־טער) קום אַרויף, ליעבער פריינד! עס פרעהט מיך זעהר דיך צו זעהן!

(ראָזמער שטעהט און האַלט אָפען די טיר. פרוי העלזעט געהט ארויס. רעבעקאַ ציהט צונויף דעם פאָרהאַנג אויף דער טיר, און פאַנגט אָן צו מאַכען אָרדנונג אין צימער.)

(רעקטאָר קראָלל קומט אריין מיט זיין הוט אין האַנד.)

ר א ז מ ע ר: (שטיל מיט געפיהל) איך האָב געוואוסט, אז דאָס האָט ניט געקענט זיין דאָס לעצטע מאָל —

ק ר א ל ל: היינט זעה איך די זאך אין א גאנץ אנדער ליכט, ווי געסטערן.

ר א ז מ ע ר: אה, יא, קראלל; איך האָב געוואוסט אז עס וועט אזוי זיין. איצט, ווען דו האָסט געהאט צייט זיך איבערצולעגען.

ק ר א ל ל: דו פערשטעהסט מיך שלעכט גאָר איינגאנצען. (לעגט זיין הוט אויפ'ן טיש) עס איז זעהר וויכטיג איך זאָל רעדען צו דיר, אליין.

ר א ז מ ע ר: ווארום זאָל פריילין וועסט ניט—?

ר ע ב ע ק א: ניין, ניין הערר ראזמער, איך געה שוין.

ק ר אָ ל ל: (קוקט אויף איהר פון קאָפּ ביז די פיס) איך מוז ביי אייך בעטען ענטשולדיגונג, פריילין וועסט, וואָס איך בין אזוי פריה געקומען. וואָס איך האָב אייך איבערראשט נאָך איידער איהר האָט צייט געהאט —

ר ע ב ע ק א: (ערשטוינט) וואָס מיינט איהר? געפינט איהר עס פאר ניט פאסענד, וואָס איך טראָג א מאָרגענראָק ארום הויז?

ק ר א ל ל: גאָט זאָל היטען! איך וויים איבערהויפּט ניט, ווי עס פיהרט זיך איצט אין ראָזמערסהאָלם.

ר א ז מ ע ר: אָבער, קראלל — דו ביסט עפּעס היינט גאָר ניט דער אייגענער!

ר ע ב ע ק א: א גוטען טאָג אייך, רעקטאָר קראָלל. (זי געהט ארויס לינקס).

ק ר א ל ל: מיט דיין ערלויבעניש — (זעצט זיך אויף דער סאָפא.)

ר אָ ז מ ע ר: יא, קראלל, זעץ זיך און לאָמיר זיך פריינדליך דורכרעדען. (ער זעצט זיך אויף א שטוהל פונקט אנקעגען דעם רעקטאָר.)

קראלל: פון געבטען אָן האָב איך קיין אויג ניט צוגע־מאכט. איך בין געלעגען און געטראכט די גאנצע נאכט.

ראזמער: און וואָס זאָגסטו וועגען דעם היינט?

קראלל: דאָס וועט זיין א לאנגע געשיכטע, ראזמער. איך וועל אָנהויבען מיט א סאָרט פאָררעדע. איך קען דיר דערצעהלען נייעס וועגען אולריק ברענדעל.

ראזמער: ער איז געוועזען ביי דיר?

קראלל: ניין. ער איז פארפאָהרען אין א געמיינעם שיינק — אין די ניעדריגסטע געזעלשאפט פערשטעהט זיך — און האָט געטרונקען און די אנדערע טראקטירט אזוי לאנג ווי ער האָט גע־האט פאר וואָס. נאָכדעם האָט ער אָנגעפאנגען צו שימפפען די גאנ־צע קאָמפאניע, ווי א באנדע ניעדריגע טויגעניכטסען — אין דעם ראָט ער, איבריגענס, רעכט געהאט — אָבער זיי האָבען דערפאר אידם אָנגעבראָכען די ביינער און איהם ארויסגעוואָרפען אין רינ־שטאָק אריין.

ראזמער: דאָס הייסט אז ער איז א פערפאלענער, נאָך אלעם דעם.

קראלל: ער האָט דעם ראָק אויך פערזעצט; נור איך האָב געהערט, אז מען האָט עס פאר איהם אויסגעלעזט. קענסטו טרעפען ווער?

ראזמער: אפשר דו?

קראלל: דער געאכטעטער הערר מאָרטענסגארד.

ראזמער: אָה—אזוי?

קראלל: איך הער, דאָס דעם ערשטען וויזיט האָט הערר ברענדעל געמאכט צום „אידיאָט“ און „פלעבעיער“.

ראזמער: נו, דאָס איז נאָך געוועזען א גליק פאר איהם—

קראלל: אוראי איז עס געוועזען. (בייגט זיך אריבער דעם טיש צו ראזמער'ען) און איצט קומען מיר צו א פונקט, וועגען וועל־כען איך בין פערפליכטעט דיך צו וואָרנען אין נאָמען פון אונזער אלטער — פון אונזער געוועזענער פריינדשאפט.

ר א ז מ ע ר: מיין ליעבער קראלל, וואָס קען ד אָ ס זיין אזוינס?

ק ר א ל ל: דער פונקט איז אָט דער: דאָ אין שטוב טהוען זיך אָב זאכען הינטער דיינע פּלייצעס.

ר א ז מ ע ר: ווי קענסטו דאָס דענקען? מיינסטו דערמיט רעב— פריילייִן וועסט?

ק ר א ל ל: ריכטיג. פון איהר זייט קען איך עס גאנץ גוט פערשטעהן. זי איז שוין אזוי לאנג געוואָהנט געוואָרען צו זיין; דאָ די גאנצע בעל הבית'טע. אָבער פון דעסטוועגען —

ר א ז מ ע ר: מיין ליעבער קראלל, דו האָסט אינגאנצען א טעות. זי און איך — מירביידע האָבען קיינע געהיימניסען ניט איינער פון צווייטען, וועגען קיין געגענשטאנד וואָס קען נור געבען.

ק ר א ל ל: האָט זי דיר דערצעהלט, אז זי האָט אָנגעהויבען צו פיהרען א קאָרעספּאָנדענציע מיט דעם רעדאקטאָר פון "עם „לייכט־טורעם"?

ר א ז מ ע ר: אָה, דו מיינסט די פּאָר שורות, וואָס זי האָט געשיקט מיט אולריק ברענדלען?

ק ר א ל ל: הייסט עס, אז דו האָסט זיך דערוואוסט וועגען דעם. און דו ביסט צופריעדען, זי זאָל אריינגעהן אין פערבינדונגען מיט א סקאנדאליסט א שרייבערעל, וואָס לאָזט קיין וואָך ניט אויס, ער זאָל פון מיר ניט חוזק מאכען אי אלס לעהרער, אי אלס געזעלשאפטליכער טהוער?

ר א ז מ ע ר: מיין טייערער קראלל, איך גלויב ניט, אז ס'איז איהר ווען ארויף אויפ'ן זין די זייט פון דער פראגע. און דאן, האָט זי דאָך, נאטירליך, די פולע פרייהייט צו טהאָן וואָס זי וויל, פונקט אזוי ווי איך.

ק ר א ל ל: אזוי גאָר? און דאָס קומט וואהרשיינליך פון דער נייער ריכטונג, וואָס דו האָסט איצט אָנגענומען—? דען פריי־לייִן וועסט טהיילט דאָך געוויס דיינע מיינונגען?

ר אָ ז מ ע ר: יא, זי האָט דיעזעלבע מיינונגען. מיר האָבען

ביידע צוזאמען אויסגעארבייט אונזער וועג, ווי געטרייע קאמע־ראדען.

ק ר א ל ל: (קוקט אויף איהם און שאקעלט לאנגזאם מיט'ן קאפּ) אך, דו בלינדער, פערפיהרטער מענש!

ר א ז מ ע ר: איך? ווארום זאגסטו דאס?

ק ר א ל ל: ווייל איך וואג ניט, — איך ו ו י ל ניט דיינ־קען דאס ערגסטע. ניין, ניין לאמיך איינגאנצען ארויסרעדען. — דו שעצט ווירקליך מיין פריינדשאפט, ראזמער? און מיין אכטונג אויך? ניט וואהר?

ר א ז מ ע ר: אויף דער פראגע דארף איך דאך ניט ענטפע־רען.

ק ר א ל ל: יא, עס זיינען אבער פאראן אנדערע פראגען, וואס פאדערען יא אן ענטפער — א פולע ערקלערונג פון דיין זייט. — ווערסטו זיך לאזען, איך זאל דיך נעהמען אויפ'ן פערהער? —

ר א ז מ ע ר: אויף א פערהער?

ק ר א ל ל: יא; ווערסטו מיר ערלויבען איך זאל דיך אויס־פרעגען וועגען אייניגע זאכען און וועלכע עס וועט דיר פיליכט זיין ניט אנגענעהם זיך צו דערמאהנען? פערשטעהסטו, אט די רע־נעגאטסטווא דיינע — נו, אט די בעפרייאונג, ווי דו רופסט עס — איז פערבונדען מיט אזוי פיעל אנדערע זאכען, וועגען וועלכע דו מוזט געבען אן ערקלערונג, טאקע פון דיינעטוועגען אליין.

ר א ז מ ע ר: ליעבער קראלל — פרעג וואס דו ווילסט. איך האב גארניט וואס צו בעהאלטען.

ק ר א ל ל: אויב אזוי, זאג זשע מיר — וואס רעכנסט דו איז געווען די ריכטיגע, די ענדליכע אורזאכע פון בעאטע'ס זעלבסט־מארד?

ר א ז מ ע ר: האסט דו דען וועלכען עס איז צווייפעל וועגען דער זאך? אדער ריכטיגער געזאגט, קענסטו דען פרעגען די אור־זאך פון דעם, וואס א קראנקע, אונגליקליכע, אונפעראנטווארט־ליכע פערזאן טהוט?

ק ר א ל ל: ביסט דו זיכער, אז בעאטע איז געווען אינגאנ־

צען אונפעראנטוואָרטליך? די דאָקטוירים, יערענפאלס, זיינען דורכאוים ניט געווען איבערצייגט אין דעם.

ר א ז מ ע ר: ווען די דאָקטוירים וואָלטען זי אמאָל געווען געזעהן אין אזא צושטאנד, ווי איך פלעג איהר אָפט זעהן טעג און נעכט נאָכאנאנד, וואָלטען זיי קיין ספיקות ניט געהאט.

ק ר א ל ל: איך האָב אויך קיין ספיקות ניט געהאט — דאַמאָלסט.

ר אָ ז מ ע ר: אָה, ניין, לײדער איז ניט געווען די קלענסטע אורזאך צו צווייפלען. איך האָב דיר דערצעהלט פון איהרע אָנפאַלען פון ווילדער לײדענשאפט, וועלכע זי האָט ערוואַרטעט איך זאָל מיט איהר טהיילען. אָה, ווי דאָס פלעגט מיך שרעקען! און דאַן די לעצטע יאָהרען, איהרע גרונדלאָזע, פערצעהרענדע זעלבסטבעשולדיגונגען —

ק ר א ל ל: יא, ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אז זי מוז בלייבען קינדערלאָז איהר גאנצען לעבען.

ר א ז מ ע ר: יא, בעטראַכט נור! אזא שרעקליכער, קוועלענדער פּיין וועגען אַ זאך וואָס זי האָט אבסאָלוט ניט געקענט העלפען! — ווי אזוי האָסטו זי געקענט האלטען פעראנטוואָרטליך פאר איהרע טהאטען?

ק ר א ל ל: ה'ם — קענסטו דיך ערינערן צי דו האָסט געהאט אין יענער צייט ביי זיך אין הויז אזוינע ביכער, אין וועלכע עס האנדעלט זיך וועגען דעם צוועק פון הייראט — לויט די „פאָרגעשריטענע" אידעען פון היינטיגער צייט?

ר א ז מ ע ר: איך געדענק, אז פרייליין וועסט האָט מיר געליהען אזא ווערק. ווי דו ווייסט, האָט איהר דער דאָקטאָר געלאָזען זיין ביבליאָטעק. אָבער, מיין ליעבער קראלל, דו דענקסט דאָך ניט, אז מיר זיינען געווען אזוי אונפאָרזיכטיג אז מיר זאָלען לאָזען מיין אָרעמע קראַנקע פרוי זיך אָנשטעקען מיט אזעלכע אידעען? איך פערזיכער דיר, אז מיר האָבען אין דעם קיין שולד ניט געהאט. דאָס האָבען איהרע אייגענע ערשיטערטע נערווען זי געטריבען אויף דעם ווילדען וועג.

קראלל: איין זאך קען איך דיר, יערענפאלס, זאגען; און דאס איז: אז די ארעמע, אנגעשטרענגטע, ליידענדע בעאטע האט געמאכט אן ענדע צו איהר לעבען, כדי דו זאלסט קענען לעבען גליקליך — לעבען פריי און לויט דיין אייגענעם ווילען.

ראזמער: (שפרינגט האלב אויף פון שטוהל) וואס מיינסטו דערמיט?

קראלל: הער מיך אויס רוהיג, ראזמער; דען איצטער קען איך רעדען וועגען דעם. אין דעם לעצטען יאהר פון איהר לעבען איז זי צוויי מאל געקומען צו מיר אויסגיסען איהר ביטער הארץ און איהר פערצווייפלונג.

ראזמער: וועגען דער זעלבער זאך?

קראלל: ניין. דאס ערשטע מאל איז זי געקומען און מיר געזאגט, אז דו ביסט אויפ'ן וועג צו ווערען אן אפיקורס — אז דו ווילסט אוועקווארפען דעם גלויבען פון דיינע עלטערען.

ראזמער: (היציג) וואס דו זאגסט איצט איז אונמעגליך, קראלל! גאנץ אונמעגליך! דו מוזט האבען א טעות.

קראלל: ווארום?

ראזמער: ווייל, ווען בעאטע האט געלעבט, האב איך נאך אליין געקעמפפט מיט זיך אליין אין צווייפעל: און דעם קאמפף האב איך אויסגעקעמפפט נור מיט זיך אליין, גאנץ אין דער שטיל. איך גלויב ניט אז אפילו רעבעקא —

קראלל: רעבעקא?

ראזמער: נו, יא — פריילין וועסט. איך רופ איהר רעבעקא, ווייל עס איז בעקוועמער.

קראלל: איך האב דאס בעמערקט.

ראזמער: אלזא, עס איז מיר גאנץ אונבעגרייפליך, ווי אזוי בעאטע האט זיך געקענט אריינגעהמען דעם געדאנק אין קאפ אריין. און פארוואס האט זי ניט גערעדט צו מיר אליין וועגען דעם? זי האט דאס קיינמאל ניט געטהאן — זי האט קיינמאל קיין איין ווארט ניט געזאגט.

ק ר א ל ל: די אָרעמע, זי האָט מיך אזוי געבעטען, או איך זאָל מיט דיר רעדען.

ר א ז מ ע ר: פארוואָס זשע האָסטו עס ניט געטהאָן?

ק ר אָ ל ל: אין יענער צייט האָב איך ניט אויף קיין אויגענ־בליק געצווייפעלט, אז זי איז פון זינען. אזא בעשולדיגונג געגען א מאן, ווי דו! — און דאן איז זי נאָך אמאָל געקומען—אן ערך א מאָנאט שפּעטער. דאָס מאָל האָט זי אויסגעזעהן רוהיגער; אָבער ווען זי איז אוועקגעגאנגען האָט זי געזאָגט: „איצט קען מען שוין באלד ערוואַרטען דעם ווייסען פערד אין ראָזמערסהאָלם“.

ר א ז מ ע ר: יא, יא, דער ווייסער פערד — זי האָט אָפט גערעדט וועגען דעם.

ק ר א ל ל: און, ווען איך האָב פּרובירט צו צערשטרייען איהרע טרויעריגע געדאנקען, האָט זי נור געענטפערט: „איך האָב שוין ניט לאנג צו לעבען, ווייל יאָהאנעס מוז גלייך הייראטען רע־בעקאן.“

ר אָ ז מ ע ר: (כמעט אָהן לשון) וואָס זאָגסט דו—? איך זאָל הייראטען—?

ק ר א ל ל: דאָס איז געוועזען א דאָנערשטאג בייטאָג — און שבת אָוועגד האָט זי זיך אראָבגעוואָרפען פון בריק אין מיהל־טייך אריין.

ר אָ ז מ ע ר: און דו האָסט אונז קיינמאָל ניט געוואָרענט!

ק ר א ל ל: דו ווייסט גאנץ גוט, ווי אָפט זי פלעגט זאָגען, אז זי פיהלט, איהר סוף קומט באלד.

ר א ז מ ע ר: יא, איך וויים. אָבער פון דעסטוועגען — האָסט דו אונז ג ע ד א ר פ ט וואָרנען!

ק ר א ל ל: איך האָב געדענקט וועגען דעם, אָבער ווען עס איז שוין געוועזען צו שפּעט.

ר א ז מ ע ר: אָבער פארוואָס האָסטו ניט שפּעטער—? פאר־וואָס האָסטו גאָרניט געזאָגט וועגען דער גאנצער געשיכטע?

ק ר אָ ל ל: צו וואָס האָב איך געדארפט קומען דיר מאכען שמערצען, און דיך נאָך מעהר קוועלען? איך האָב דאָס אלעס גע־

האלטען פאר פוסטע, ווילדע איינבילדונגען — ביז נעכטען אָוועגד.

ר אָ ז מ ע ר: הייסט עס, איצטער האָסטו געביטען דיין מיי־נונג?

ק ר אָ ל ל: האָט בעאטע ניט רעכט געהאט, ווען זי האָט געזאָגט, אז דו ווילסט פערלאָזען דעם גלויבען פון דיינע עלטערען?

ר א ז מ ע ר: (קוקט אונבעוועגליך, גלייך פאר זיך) איך קען עס ניט פערשטעהן. עס איז די אונבעגרייפליכסטע זאך אין דער וועלט.

ק ר אָ ל ל: אונבעגרייפליך אָדער ניט — אָבער עס איז דאָך אזוי. און איצט פרעג איך דיך, ראָזמער, — ווי פיעל אמת איז דאָ אין איהר צווייטער בעשולדיגונג? די לעצטע, מיין איך.

ר א ז מ ע ר: בעשולדיגונג! איז ד אָ ס געווען א בעשול־דיגונג?

ק ר א ל ל: אפשר האָסטו ניט בעמערקט ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט. זי האָט געזאָגט, זי מוז שטארבען. ווארום?

ר א ז מ ע ר: כדי איך זאָל קענען הייראטען רעבעקאן—

ק ר א ל ל: דאָס זיינען ניט פונקט איהרע ווערטער. בעאטע האָט געברויכט אַן אנדער אויסדרוק. זי האָט געזאָגט: „איך האָב שוין ניט לאנג צו לעבען; דען יאהאנעס מ ו ז ג ל י י ך היי־ראטען רעבעקאן”.

ר א ז מ ע ר: (קוקט אויף איהם אַן אויגענבליק, דאן הויבט ער זיך אויף) איצט פערשטעה איך דיך, קראלל.

ק ר אָ ל ל: וואָס פאר אַן ענטפער גיסט דו?

ר א ז מ ע ר: (שטיל און בעהערשענדיג זיך) אויף אזא אונ־ערהערטער—? דער איינציגער פאסענדער ענטפער וואָלט געווען צו ווייזען די טיר.

ק ר א ל ל: (הויבט זיך אויף) זעהר גוט.

ר אָ ז מ ע ר: (שטעלט זיך איהם אנקעגען) הער מיך אויס. אריבער א יאָהר — זינט בעאטע האָט אונז פערלאָזען — האָבען רעבעקא וועסט און איך געלעבט גאנץ אליין אין ראָזמערסהאָלם. די גאנצע צייט האָסט דו געוואוסט בעאטעס בעשולדיגונג געגען

אונז, און דאָך האָב איך קיינמאָל ניט בעמערקט אז דו זאָלסט זיין דאגעגען רעבעקא'ס וואָהנען ביי מיר אין הויז.

קראלל: איך האָב ניט געוואוסט ביז נעכטען אָווענד, אז דאָס וואָהנען צוזאממען א פריידענקענדער מאן מיט אן עמאנציפיר־טער פרוי.

ראזמער: אהו! — דו גלויבסט אלזאָ ניט, אז ביי די פריידענקענדע און עמאנציפירטע זיינען פאראן ריינע געדאנקען? דו גלויבסט ניט, אז זיטליכקייט קען ביי זיי זיין א נאטירליכער גע־פיהל?

קראלל: איך האָב ניט קיין גרויסען צוטרויען צו דער זיטליכקייט, וועלכע איז ניט בעגרינדעט אויף דער לעהרע פון דער קירך.

ראָזמער: די מיינונג ווילסטו אָנווענדען אויף רעבעקאן מיט מיר? אויף די פערהעלטניסע צווישען אונז ביידען — ?

קראלל: נעהמענדיג אין אכט אפילו אייך ביידען, קען איך דאָך ניט אָבטרעטען פון מיין מיינונג, אז עס איז ניטאָ קיין מורא'דיג טיעפער אָבגרונד צווישען פרייען געדאנק —און — ה'ם.

ראזמער: און וואָס?

קראלל: און פרייער ליעבע — אז דו ווילסט שוין יא ווי־סען.

ראָזמער: (שטיל) און דו שעמסט זיך ניט מיר דאָס צו זאָגען? דו, וועלכער האָסט מיך געקענט פון מיין פריהערסטער יוגענד!

קראלל: אָט טאקע דערפאר. איך וויים, ווי ליכט דו ווערסט בעאיינפלוסט פון די מענשען, צווישען וועלכע דו געפינסט זיך. און די רעבעקא דיינע — נו, אָט די פריילין וועסט — אין אמת'ען ווייסען מיר ווענען איהר זעהר ווענינ, אָדער גאָרניט. אין קורצען, ראָזמער — איך וועל דיך ניט אָבלאָזען. און דו אליין מוזט זעהען בעצייטענס זיך רעטען.

ראָזמער: זיך רעטען? ווי—?

(פרוי העלזעט קוקט אריין דורך די טיר רעכטס).

ר אָ ז מ ע ר: וואָס ווילט איהר?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: איך האָב געוואָלט בעטען פרייליין וועסט אראָבגעהן אונטען.

ר א ז מ ע ר: פרייליין וועסט איז דאָ ניטאָ.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: ניטאָ דאָ? (קוקט זיך אום אין צי־מער) נו, דאָס איז מאָדנע. (אָב.)

ר א ז מ ע ר: דו האָסט געזאָגט—?

ק ר א ל ל: הער מיך אויס. איך וועל ניט פרובירען אויס־צוגעפינען די געהיימניסע, וועלכע זיינען דאָ פאָרגעקומען ביי בע־אטעס לעבען — און וועלכע קומען דאָ נאָך אפשר איצט פאָר — די ביסט געוועזען זעהר אונגליקליך אין דיין פערהייראטען לעבען. און דאָס מוז מען, וואהרשיינליך, אָננעהמען פאר א געוויסע ענטשו־לדיגונג —

ר א ז מ ע ר: אָה, ווי וועניג דו קענסט מיך אויף אַן אמת'ן!

ק ר אָ ל ל: שלאָג מיר ניט איבער. וואָס איך מיין איז דאָס: אויב דיין איצטיגער ארט לעבען מיט פרייל. וועסט מוז אָנהאלטען ווייטער, דאַן איז עס אבסאָלוט נייטיג — אז די ענדערונג פון דיינע מיינונגען — דיין אונגליקליכער פאל־אראָב — וואָס איהר בייזער איינפלוס האָט מיטגעבראכט, זאָל פערדעקט ווערען. לאָז מיך אויס־רעדען! לאָז מיך אויסרעדען! איך זאָג, אויב עס מוז שוין יא אזוי זיין, איז דאַן, אין הימעל'ס ווילען, דענק דיר און גלויב דיר ווי דו ווילסט און וואָס דו ווילסט וועגען אלעם אויף דער וועלט. נור האלט דיינע מיינונגען ביי זיך. די זאכען זיינען נאָך אלעמי־ריין פערזענליכע אנגעלעגענהייטען. עס איז ניט נייטיג פונאנדער־פויקען זיי אין אלע עקען לאנד.

ר א ז מ ע ר: איך פיהל אן אבסאָלוטע נויטווענדיגקייט ארויסצוטרעטען פון א פאַלשער און צווייִדייטיגער לאגע.

ק ר אָ ל ל: דו האָסט אָבער א פליכט געגענאיבער די טראַ־דיציעס פון דיין שטאם, ראזמער! דאָס מוזט דו גערענקען! ראז־מערסהאָלם איז פון אלטע, אלטע צייטען אָן געוועזען די היים פון אָרדנונג און זיטליכקייט, — און פון אכטונג צו דעם וואָס איז אנער־

קענט און אָנגענומען בײַ דער בעסטער געזעלשאַפט. אויפ'ן גאַנ־צען געגענד ליעגט דער שטעמפּעל פון ראָזמערסהאָלם. עס וואָלט גע־פיהרט צו א געפעהרליכער אונפעררינכטבארער גערראנקען־פערווי־רונג ווען מען זאָל זיך דערוויסען, אז דו האָסט געבראָכען מיט דאָס וואָס איך וואָלט אָנגערופען די מיט־געבאָרענע אידעע פון דער פאַ־מיליע ראָזמער.

ר א ז מ ע ר: מיין ליבער קראָלל, איך קען אויף דער זאך אזוי ניט קוקען. איך געפין, אז עס איז מיין הייליגע פליכט אריין צו ברענגען עטוואָס ליכט און פרייד אַט דאָ, וואו די פאמיליע ראָז־מער איז פון דור־דורות געוועזן א צענטער פון פינסטערניש און אונ־טערדריקונג.

ק ר א ל ל: (קוקט אויף איהם שטרענג) יא, דאָס וואָלט זיין א ווירדיגע לעבענס־אויפגאַבע פאר א מאַן, מיט וועלכען דער שטאַם ענדיגט זיך! ניין, ראָזמער, לאָז עס בעסער צורוה; די אויפגאַ־בע איז ניט פאר דיר. דו ביסט געבוירען צו זיין א רוהיגער געלעהר־טער.

ר אָ ז מ ע ר: עס קען זיין. אָבער איך וויל אויך אמאָל נעה־מען אן אנטהייל אין דעם קאמפף פון לעבען.

ק ר א ל ל: ווייסט דו וואָס פאר א בעדייטונג אָט דער לע־בענסקאמפף וועט האָבען פאר דיר? עס וועט הייסען א קאמפף אויף לעבען און טויט מיט אלע דיינע פריינד.

ר א ז מ ע ר: (רוהיג) זיי זיינען דאָך ניט אלע אזוי פאנאַ־טיש, ווי דו.

ק ר א ל ל: דו ביסט גאַנץ נאַיוו, ראָזעמער. גאָר ניט קיין פראקטישער מענש. דו האָסט קיין בעגריף ניט וואָס פאר א גע־וואלטיגער שטורם עס וועט אויסברעכען אנקעגען דיר.

(פרוי העלזעט קוקט אריין פון דער טיר לינקס.)

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: פריילין וועסט וויל וויסען —

ר אָ ז מ ע ר: וואָס איז?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: אונטען איז דאָ א מאַן, וועלכער וואָלט וועלען רעדען א פּאָר ווערטער מיט'ן הערר פאסטאָר.

ראזמער: דער, וואס איז דא געווען געסטערן אווענד?

פרוי העלזעט: ניין, דאס איז — דער מארטענס־גארד.

ראזמער: מארטענסגארד?

קראלל: אהא! אזוי ווייט איז עס געקומען? — שוין!

ראזמער: וואס וויל ער פון מיר? פאר וואס האט איהר איהם ניט אוועקגעשיקט?

פרוי העלזעט: פריילין וועסט האט געזאגט, איך זאל איך פרעגען צי ער קען ארויפקומען.

ראזמער: זאגט איהם, אז איך בין פערנומען —

קראלל: (צו פרוי העלזעט) הייסט איהם ארויפקומען, פרוי העלזעט.

(פרוי העלזעט געהט אב)

קראלל: (נעהמט זיין הוט.) איך ציה זיך צוריק פון שלאכטפעלד — פארלויפיג. אבער די הויפט שלאכט וועט ערשט קומען.

ראזמער: אויף מיין עהרענווארט, קראלל — איך האב גארניט צו טהאן מיט מארטענסגארד'ן.

קראלל: איך גלויב דיר ניט. פון איצט אן וועל איך דיר וועגען קיין שום זאך און אין קיין שום פערהעלטנים ניט גלויבען. מיר זיינען איצטער אויף מעסערשטעך. מיר וועלען זעהן צי מיר קענען דיך ניט מאכען אונשעדליך.

ראזמער: אה, קראלל — ווי ניעדעריג, ווי אונגעהויער ניעדעריג דו ביסט געזונקען!

קראלל: איך? און דו דענקסט, אז דו האסט א רעכט עס מיר צו זאגען! געדענק בעאטען!

ראזמער: דו קלאפסט נאך אלץ אויף דעם?

קראלל: ניין. דאס רעטעניש מיט'ן מיהל־טייך מוזט אליין לעזען נאך דיין אייגענעם געוויסען — אויב דו האסט נאך אזא זאך.

(פעטער מארטענסגארד קומט אריין פון דער לינקער טיר. קר

אין א קליינער, קרעפּטיגער מאַן מיט דינע, רויטליכע האָר און באָרד.)

קראַלל: (גיט אויף איהם אַ קוק מיט חאָס) אח, דאַ האָבען מיר דעם „לייכט-טורעם"—ברענענדיג אין ראַזמערהאָלם! (פערשפּיעלט זיין ראָק) נו, איצט קען איך שוין מעהר ניט צווייפלען, וואָס פאר א וועג איך דארף נעהמען.

מאַרטענסגארד: (רוהיג) דער „לייכט-טורעם" וועט אימער זיין בערייט צו בעלייכטען פאר'ן רעקטאָר זיין וועג אהיים.

קראַלל: יא, איהר האָט שוין לאנג בעוויזען אייער גוטען ווילען. עס איז, איבריגענס, פאראן א נעבאָט, וועגען פאלש עדות זאָגען געגען אונזער נאכבאר.

מאַרטענסגארד: דער העדר רעקטאָר דארף מיך ניט לערנען די צעהן געבאָט.

קראַלל: אפילו ניט דעם זיעבעטען?

ראַזמער: קראַלל — !

מאַרטענסגארד: ווען מען זאָל מיך דארפען לערנען, וואָלט עס גיכער געווען דעם העדר פאסטאָרס אויפגאבע.

קראַלל: (מיט פערדעקטען שפּאָט) דעם העדר פאסטאָרס? יא, אָהן צווייפעל איז פאסטאָר ראַזמער דער מאן דערפאר. — זאָל זיין מיט גליק, מיינע העררען! (ער געהט און גיט אַ קלאַפּ מיט דער טיר הינטער זיך).

ראַזמער: (קוקט אויף דער פערמאַכטער טיר און זאָגט צו זיך אליין) נו, נו — זאָל זיין אזוי. (קעהרט זיך אום) העדר מאַרטענסגארד, ווילט איהר זיין אזוי גוט און מיר זאָגען, וואָס האָט אייך געבראכט צו מיר?

מאַרטענסגארד: אייגענטליך בין איך געקומען צו פרייליין וועסט. איך האָב איהר געוואָלט אָבדאנקען פאר דעם פריינדליכען בריעף, וועלכען איך האָב נעכטערן ערהאלטען פון איהר.

ראַזמער: איך ווייס, אז זי האָט אייך געשריבען. האָט איהר זי שוין געזעהען?

מאַרטענסגארד: יא, אויף א ווײלע. (מיט אַ לייכטען

שמייכעל) איך הער, אז דאָ אין ראָזמערסהאָלם איז פאָרגעקומען א געוויסע ענדערונג אין מיינונגען.

ראָזמער: מיינע מיינונגען האָבען זיך געענדערט אין פיעל הינזיכטען. איך מעג זאָגען כמעט אין אלע.

מאָרטענסגארד: פריילין וועסט האָט מיר שוין געזאָגט, דערפאר טאקע האָט זי געוואָלט איך זאָל ארויפגעהן און איבער רעדען מיט׳ן הערר פאסטאָר.

ראָזמער: וועגען וואָס, הערר מאָרטענסגארד?

מארטענסגארד: מעג איך פערעפענטליכען אין „לייכט־טורעם“, אז איהר האָט געענדערט אייערע אנשויאונגען — אז איהר שטעהט צו צו דער פארטיי פון פרייהייט און פאָרטשריט?

ראָזמער: געווים מעגט איהר עס טהאָן. איך בעט אייך זאָגאר דאָס צו פערעפענטליכען.

מארטענסגארד: דאן וועלען מיר עס האָבען אין צווייטען מאָרגען פריה. עס וועט ארויסרופען א גרויסע סענסאציע, ווען מען וועט זיך דערוויסען, אז פאסטאָר ראזמער פון ראזמערסהאלם איז בערייט צו קעמפפען פאר דער אויפקלעהרונג אויך אין דעם זינן.

ראזמער: איך פערשטעה אייך נים.

מארטענסגארד: איך מיין, אז פאר אונזער פארטיי איז עס א גרויסע מאָראלישע שטיצע ווען מיר געווינען אן ערנסטען קריסטליך־געזאָנענעם אנהענגער.

ראזמער: (עטוואָס ערשטוינט) ווייסט איהר אלזאָ נים? פריילין וועסט האָט דאָס אייך נים געזאָגט?

מארטענסגארד: וואָס, פאסטאָר ראזמער? פריילין וועסט האָט זיך זעהר געאיילט. זי האָט געזאָגט, איך זאָל ארויף געהן און אויסהערען דאָס איבריגע פון אייך אליין.

ראזמער: אויב אזוי, קען איך אייך זאָגען, אז איך האָב זיך אין גאנצען בעפרייט, און אין אלע הינזיכטען. איך האָב געבראָכען מיט אלע דאָגמען פון דער קירך. פון איצט אָן האָבען זיי פאר מיר קיין בעדייטונג נים.

מ אַ ר ט ע נ ס ג א ר ד : (קוקט אויף איהם פערוואונדערט)
נו ! ווען דער הימעל זאָל אראָב פאלען אויף דער ערד וואָלט דאָס מיך ניט מעהר — ! פּאסטאָר ראָזמער אליין ערקלעהרט — !

ר אָ ז מ ע ר : יא, איך שטעה איצט, וואו איהר זייט גע־שטאנען פאר יאָהרען לאנג. איהר מעגט דאָס אויך פּערעפענטלי־כען מאָרגען אין „לייכט־טורעם“.

מ אַ ר ט ע נ ס ג א ר ד : דאָס אויך ? ניין, מיין ליעבער פּאס־טאָר, — ענטשולדיגט — איך דענק ניט אז ס'איז קלוג צו בעריה־רען די זייט פון דער זאך.

ר אָ ז מ ע ר : דאָס ניט בעריהרען ?

מ א ר ט ע נ ס ג א ר ד : ניט איצט, מיין איך.

ר אָ ז מ ע ר : איך פערשטעה ניט.

מ אַ ר ט ע נ ס ג א ר ד : נו, זעהט איהר, הערר פּאסטאָר — איהר זייט וואהרשיינליך ניט אזוי גוט בעקאנט מיט אלע פערהעלט־ניסען, ווי איך. אָבער, וויבאלד איהר זייט איבערגעגאנגען צו דער פּארטיי פון פרייהייט — און, ווי איך הער פון פריילין וועסט, ווילט איהר נעהמען א טהעטיגען אנטהייל אין דער בעוועגונג — בין איך זיך משער, אז איהר וואָלט וועלען זיין אזוי פיעל נוצליך ווי מעגליך, אי פאר דער זאך אין אלגעמיין, אי פאר אָט ד ע ר ספּעציעלער בעוועגונג.

ר אָ ז מ ע ר : יא, דאָס איז מיין ערנסטער וואונש.

מ אַ ר ט ע נס ג א ר ד : גוט; אָבער איצט מוז איך אייך זאָ־גען, פּאסטאָר ראָזמער, אז אויב איהר וועט אָפען ארויסקומען און ערקלעהרען, אז איהר האָט איבערגעריסען מיט דער קירך, דאן פער־בינדט איהר זיך די הענד גלייך פון אָנהויב אָן.

ר אָ ז מ ע ר : אזוי דענקט איהר ?

מ אַ ר ט ע נ ס ג א ר ד : יא; גלויבט מיר, אז איהר וועט דאָן ניט פיעל קענען אויפטראָן פאר דער זאך, ניט אין דעם געגענד יערענפאלס, און אויסער דעם — פריידענקער האָבען מיר שוין גע־נוג, פּאסטאָר ראָזמער — מעג איך כמעט זאָגען, שוין צופיעל. וואָס די פּארטיי דארף, איז א קריסטליכען עלעמענט — אזוינעם, וועל־

כען יעדער מוז אבמען. דעריין נויטיגען מיר זיך שטארק. דערפאר האָט איך אייך געראטהען, איהר זאָלט מאכען א שווייג וועגען די זאכען, וואָס געהען ניט אָן דעם פובליקום. דאָס איז, ווענינגסטענס מיין מיינונג וועגען דעם.

ר אָ ז מ ע ר: איך פערשטעהע. דאן, הייסט עס, אויב איך וועל עפענטליך ערקלערען מיינע בעציהונגען צו דער קירך, וועט איהר ניט וואגען צו האָבען צו טהאָן מיט מיר?

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) איך וואָלט דאָס ניט וועלען ריזיקירען, הערר פאסטאָר. די לעצטע צייט האָב איך מיר געמאכט א רעגעל ניט צו שטיצען קיינעם אָדער קיין זאך, וואָס איז אקטיוו פיינדליך צו דער קירך.

ר אָ ז מ ע ר: הייסט עס, אז איהר האָט זיך אליין צוריקגעקעהרט צו דער קירך?

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד: דאָס האָט מיט קיינעם ניט צו טהאָן אויסער מיר.

ר אָ ז מ ע ר: אזוי גאָר. איצט פערשטעה איך אייך.

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד: פאסטאָר ראָזמער, איהר מוזט געדענקען, אז איך — בעזאָנדערס איך — האָב ניט קיין פולע פרייהייט צו האנדלען, ווי איך וויל.

ר אָ ז מ ע ר: וואָס בינדט אייך דען?

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד: דער פאקט וואָס איך בין א געבראנדמארקטער מענש.

ר אָ ז מ ע ר: אָה — ווירקליך.

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד: א געבראנדמארקטער מענש, הערר פאסטאָר. איהר וואָלט דאָס בעזאָנדערס געדארפט געדענקען. ווייל הויפטזעכליך האָב איך אייך צו פערדאנקען פאר'ן סקאנדאל, וואָס האָט מיך געבראנדמארקט.

ר אָ ז מ ע ר: ווען איך וואָלט דאן געשטאנען, וואו איך שטעה איצט, וואָלט איך אייער חטא מילדער בעהאנדעלט.

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד: דעריין צווייפעל איך ניט. איצט איז שוין אָבער צו שפעט. איהר האָט מיך געבראנדמארקט איין

מאָל פאר אלע מאָל — געבראנדמארקט אויפ'ן גאנצען לעבען. איך רעדען אז איהר קענט גאָר ניט בעגרייפען וואָס דאָס מיינט. נור איצטער וועט איהר אפשר באלד אליין פיהלען דעם שמערץ דערפון, הערר פאסטאָר.

ראָזמער: איך?

מאָרטענסגארד: יא. איהר דענקט דאָך ניט, אז רעקטאָר קראָלל און זיין קרייז וועלען ווען עס איז מוחל זיין אזא אָבטריניגונג ווי אייערע? און איך הער, אז די „אמטס־צייטונג" וועט אָנהויבען ארויסצוטרעטען זעהר שארף. עס וועט ניט לאנג נעהמען און איהר וועט אויך ווערען א געבראנדמארקטער מענש.

ראָזמער: אין פערזענליכע אנגעלעגענהייטען פיהל איך זיך זיכער, הערר מאָרטענסגארד. געגען מיין לעבען קען מען גאָר ניט אויסזעצען.

מאָרטענסגארד: (מיט א כיטרען שמייכעל) דאָס איז בּרייט געזאָגט, הערר ראָזמער.

ראָזמער: עס קען זיין; אָבער איך האָב א רעכט דאָס צו זאָגען.

מאָרטענסגארד: אפילו אויב איהר זאָלט זיך אזוי גוט צוקוקען צו אייער פיהרונג, ווי איהר האָט זיך אמאָל צוגעקוקט צו מיינער?

ראָזמער: אייער טאָן איז זעהר א מאָדנער. וועגען וואָס ניט איהר עס אָנצוהערען? עטוואָס בעשטימטעס?

מאָרטענסגארד: יא, עטוואָס בעשטימטעס. נור איין זאך, אָבער דאָס קען ווערען גאנץ שלים, ווען עס זאָל אריין פאלען אין די מיילער פון בייזע געגנער.

ראָזמער: ווילט איהר זיין אזוי גוט און מיר זאָגען וואָס דאָס איז אזוינס?

מאָרטענסגארד: קענט איהר עס אליין ניט טרעפען, הערר פאסטאָר?

ראָזמער: ניין, געוויס ניט. איך האָב ניט די קלענסטע אהנונג.

מ אַ ר ט ע נ ס ג א ר ד: נו, אויב אזוי מוז איך דערמיט אַרויסקומען. — איך האָב אַ זאָנדערבארען בריעף, וועלכער איז געשריבען געוואָרען אין ראָזמערסהאָלם.

ר אָ ז מ ע ר: איהר מיינט פריילין וועסט'ס בריעף? איז ער דען אזוי זאָנדערבאר?

מ אַ ר ט ע נ ס ג א ר ד: ניין, דער בריעף איז ניט זאָנ־דערבאר. אָבער איך האָב בעקומען אן אנדער בריעף פון דיעזען הויף.

ר אָ ז מ ע ר: אויך פון פריילין וועסט?

מ אַ ר ט ע נ ס ג א ר ד: ניין, הערר פאסטאָר.

ר אָ ז מ ע ר: נו, פון וועמען זשע דען? פון וועמען?

מ אַ ר ט ע נ ס ג א ר ד: פון דער זעליגער פרוי ראָזמער.

ר אָ ז מ ע ר: פון מיין פרוי! איהר האָט ערהאלטען א בריעף פון מיין פרוי?

מ אַ ר ט ע נ ס ג א ר ד: יאָ.

ר אָ ז מ ע ר: ווען?

מ אַ ר ט ע נ ס ג א ר ד: נאָהענט פאר פרוי ראָזמער'ס טוידט. ארום א יאָהר און א האלב צוריק. אָט דעם בריעף רוף איך עס זאָנדערבאר.

ר אָ ז מ ע ר: איהר מוזט מסתמא וויסען, אז מיין פרוי איז אין יענער צייט געווען עטוואָס געריהרט אין די געדאנקען.

מ אַ ר ט ע נ ס ג א ר ד: יא, איך וויים, אז פיעלע האָבען אזוי געדענקט. אָבער, איך דענק ניט, אז מען קען עס מערקען פון דעם בריעף. ווען איך רוף עס זאָנדערבאר, מיין איך עס אין אן אנ־דער זינן.

ר אָ ז מ ע ר: און וואָס, אין הימעלס נאָמען, האָט מיין אונגליקליכע פרוי איך געקענט שרייבען?

מ אַ ר ט ע נ ס ג א ר ד: איך האָב דעם בריעף אין דער היים. זי פאנגט אונגעפעהר אָן, אז זי לעבט אין גרויס אנגסט און שרעק; עס זיינען פאראן אזוי פיעל שלעכטע מענשען אין דעם

נענענד, שרייבט זי; און די מענשען דענקען נור וועגען דעם, ווי איך צו ברענגען שאדען און שמערצען.

ראַזמער: מיר?

מאַרטענסגארד: יאַ, אזוי שרייבט זי. און דאַן קומט דאָס זאָנדערבארסטע! זאָל איך פאָרטזעצען, הערר פאסטאָר?

ראַזמער: יא, נעווים! דערצעהלט מיר אלעס, האלט קיין זאך ניט צוריק.

מאַרטענסגארד: די זעליגע פרוי בעט מיך, איך זאָל זיין גוטהערציג. זי וויים, שרייבט זי, אז עס איז געוועזען דעם הערר פאסטאָר'ס שולד, וואָס מען האָט מיך אראָבגעזעצט פון מיין שטעלע אלס לעהרער; און זי בעשווערט מיך מיט אלעס וואָס איז היילינ, איך זאָל ניט נעהמען קיין ראכע.

ראַזמער: ווי אזוי האָט זי דען געדענקט, אז איהר האָט געקענט נעהמען ראכע?

מאַרטענסגארד: אין בריעף שטעהט, אז אויב איך וועל הערען לייטישע רייד וועגען זינדיגע מעשים אין ראַזמערס־האָלם, זאָל איך ניט גלויבען; די קלאנגען פערשפרייטען נור שלעכ־טע מענשען, וועלכע ווילען איך אונגליקליך מאכען.

ראַזמער: דאָס אלעס שטעהט אין בריעף!

מאַרטענסגארד: מיין הערר, איהר קענט עס אליין לעזען, אויב איהר ווילט.

ראַזמער: אָבער איך פערשטעה ניט —! וועגען וואָס האָט זי זיך איינגעבילדעט טראָגען זיך ארום די שלעכטע קלאנגען?

מאַרטענסגארד: ערשטענס, אז דער הערר פאס־טאָר האָט אוועקגעוואָרפען דעם גלויבען פון זיינע עלטערען. אייער פרוי האָט עס אבסאָלוט געלייקענט דאמאָלס. און דאַן — הם —

ראַזמער: וואָס דאַן?

מאַרטענסגארד: און דאַן שרייבט זי — שוין אביי־סעל ניט קלאָהרליך, אז זי וויים ניט פון קיינע זינדיגע אינטריגעס אין ראַזמערסהאָלם; אז גענען איהר איז קיינמאָל קיין אונרעכט ניט בעגאנגען געוואָרען. און אויב עס וועלען ארומגעהן קלאנגען

װענען אזעלכע זאכען, בעט זי מיך, איך זאָל װעגען דעם ניט שרײַ־
בען אין „לײכט־טורעם“.

ר אָ ז מ ע ר: איז קײן נאָמען ניט דערמאָנט?

מ אָ ר ט ע נ ס נ א ר ד: נײן.

ר אָ ז מ ע ר: װער האָט אײך געבראכט דעם בריעף?

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד: איך האָב פערשפּראָכען דאָס ניט צו זאָגען. מען האָט עס מיר געבראכט א געװיסען טאָג צו אבענד צו.

ר אָ ז מ ע ר: װען איהר װאָלט געװען גלײך נאָכגעפרעגט, װאָלט איהר ערפאהרען, אז מײן אונגליקליכע, אָרימע פרוי איז דאן ניט אין גאנצען געװען פעראנטװאָרטליך פאר איהרע טהאטען.

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד: איך האָב זיך טאקע נאָכגעפרעגט, הערר פּאסטאָר. אָבער איך מוז זאָגען, אז איך האָב ניט בעקומען אזא אײנדרוק.

ר אָ ז מ ע ר: נײן? אָבער צו װאָס, אײגענטליך, דער־צעהלט איהר מיר גאָר איצט װעגען דעם אלטען ניט גאנץ קלאָהרען בריעף?

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד: כדי אײך צו דערװײזען די נויט־װענדיגקײט פון צו זײן זעהר פארזיכטיג, פּאסטאָר ראָזמער.

ר אָ ז מ ע ר: אין מײן ארט לעבען, מײנט איהר?

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד: יא. איהר מוזט געדענקען, אז פון איצט אָן, זײט איהר שוין ניט מעהר קײן זײטיגער מענש.

ר אָ ז מ ע ר: איהר האָט, הײסט עס, בעשלאָסען בײ זיך, אז איך מוז טאקע האָבען עפּעס װאָס איך דארף פארבעהאלטען?

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד: איך זעה ניט אײן, פארװאָס א פרײגעזאָנענער מענש זאָל ניט געניסען פון לעבען װיפיעל עס איז איהם מעגליך. אָבער, װי איך האָב אײך פריהער געזאָגט, זײט פּאָרזיכטיג. זאָל נור ארױס עפּעס א קלאנג, װעלכער איז געגען די איצטיגע פּאָראורטהײלע, דאן קענט איהר זײן זיכער, אז די גאנצע ליבעראלע בעװעגונג װעט פון דעם לײדען. — א גוטען טאָג, פּאס־טאָר ראָזמער!

ר אָ ז מ ע ר: א גוטען טאָג.

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד : איצט נעה איך גלייך אין דרוקע־ריי, און וועל אריין שטעלען די גרויסע נייעס אין „לייכט־טורעם“.

ר אָ ז מ ע ר : יא ; פערפעהלט קיין זאך ניט.

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד : איך וועל גאָר ניט פערפעהלען פון דעם, וואָס דאָס פּובליקום דאַרף וויסען ! (ער פערנייגט זיך און געהט. ווערהרענד ער געהט ארונטער די טרעפּ, בלייבט ראָזמער שטעהן ביי דער טיר. מען הערט ווי די הויז טיר פערמאַכט זיך).

ר אָ ז מ ע ר : (אין טיר, רופט מיט א ווייכער שטימע) רעבעקא ! רע—. הם. (הויך) פרוי העלזעט — איז פריילין וועסט ניטאָ דאָרטען ?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט : (פון פאָדערצימער) ניין, הערר פאַסטאָר, זי איז דאָ ניטאָ.

(דער פאָרהאַנג אויף דער טיר אין הינטערגרונד ווערט פערצויגען אויף א זייט. רעבעקאַ בעוויייזט זיך אין טיר).

ר ע ב ע ק א : ראָזמער !

ר אָ ז מ ע ר : (דרעהט זיך אום) וואָס ! דו ביסט געווען אין מיין צימער ! מיין ליעבע, וואָס האָסטו דאָרטען געטהאָן ?

ר ע ב ע ק א : (צוקומענדיג צו איהם) איך האָב זיך אונטער־געהערט.

ר אָ ז מ ע ר : אָה, רעבעקא, ווי אזוי האָסטו דאָס געקענט טהאָן ?

ר ע ב ע ק א : איך האָב מיר ניט געקענט העלפען. ער האָט עס געזאָגט מיט אזא האס — וועגען מיין מאָרגען - ראָק —

ר אָ ז מ ע ר : דו ביסט דאָרט, הייסט עס, געווען אויך ווען קראָלל—?

ר ע ב ע ק א : יא. איך האָב געוואָלט וויסען וואָס עס טהוט זיך ביי איהם אין די געדאנקען.

ר אָ ז מ ע ר : איך וואָלט דאָך דיר געווען דערצעהלט.

ר ע ב ע ק א : איך גלויב קוים, אז דו וואָלסט מיר אלעס דערצעהלט. און געוויס ניט מיט זיינע ווערטער.

ר אָ ז מ ע ר : האָסטו דען אלעס געהערט ?

רעבעקא: כמעט אלעס, דענק איך. איך האָב געמוזט ארונטערגעהן אויף א ווײלע, ווען מאַרטענסגאַרד איז געקומען.

ראָזמער: און דאן ביסטו צוריק געקומען — ?

רעבעקא: זײ אויף מיר ניט אין כעס, ליעבער פריינד!

ראָזמער: סהו וואָס דו אלײן געפינסט פאר רעכט. דו האָסט די פולע פרײהײט. — אָבער, וואָס זאָגסט דו צו דעם אלעס, רעבעקא? — אָה, מיר דאכט איך האָב זיך קײנמאָל ניט אזוי גע־נויטיגט אין דיר ווי יעצט!

רעבעקא: מיר בײדע זײנען געווען פאָרבערײטעט אויף דאָס, וואָס האָט געמוזט אמאָל קומען.

ראָזמער: נײן, נײן — ניט אויף דאָס.

רעבעקא: ניט דערצו?

ראָזמער: איך האָב גוט געוואוסט, אז אונזער שעהנע און ריינע פרײנדשאפט וועט ווען עס איז שלעכט אויסגעטײטשט און בעשמוצט ווערען. ניט פון קראָללען — אויף איהם האָב איך קײן מאָל אזא זאך ניט געקענט גלויבען — נור פון די אלע אנדערע ליט מיט די פערגרעבטע נשמות און ציינישע אויגען. אָה יא — איך האָב געהאט גענוג גרונד צו האלטען אונזער פערבינדונג אזוי געטריי אין געהיים ווי מעגליך. עס איז געווען א געפעהרליכע גע־היימניס.

רעבעקא: אך, וואָס דארף אונז ארען, וואָס די אלע ליט ווע‍לען דענקען! מיר וויסען דאך ביי זיך אין הארצען, אז מיר זײנען אונשולדיג.

ראָזמער: אונשולדיג? איך? יא, דאָס האָב איך אויך געדענקט, — ביז היינט. אָבער איצט — איצט, רעבעקא —?

רעבעקא: נו, און איצט?

ראָזמער: ווי זאָל איך מיר ערקלעהרען בעאטעס שרעק־ליכע בעשולדיגונג?

רעבעקא: (האסטיג) אָה, רעד ניט פון בעאטען! דענק ניט מעהר וועגען בעאטען! דו האָסט ערשט יעצט אנגעהויבען

צו בעפרייען זיך פון דעם שווערען דרוק וואָס זי לעגט ארויף אויף דיר, אפילו אין קבר.

ר אָ ז מ ע ר : זינט איך האָב דאָס אלעס ערפּאהרען, איז זי עפּעס אויף א שרעקליכען אופן ווי נאָך אמאָל לעבעדיג געוואָרען פאר מיר.

ר ע ב ע ק א : אָה, ניין. דאָס ניט, ראָזמער! דאָס ניט!

ר אָ ז מ ע ר : יאָ, איך זאָג דיר. מיר מוזען זעהן צו אונטערזוכען די זאַך ביז אין גרונד. וואָס האָט איהר געקענט פיהרען דערצו, זי זאָל אויסטייטשען זאכען אזוי געפעהרליך ?

ר ע ב ע ק א : דו הויבסט דאָך זיכער ניט אָן צו צווייפלען, אז זי איז געוועזען כמעט משוגע ?

ר אָ ז מ ע ר : אָה, יאָ — וועגען דעם טאקע קען איך מעהר ניט זיין אזוי זיכער. און אויסער דעם — אויב אפילו זי איז געוועזן —

ר ע ב ע ק א : אויב זי איז געוועזן ? נו, וואָס דאַן ?

ר אָ ז מ ע ר : איך מיין — וואו זאָלען מיר זוכען די ריכטיגע אורזאַך, וואָס האָט איהר קראנקען געמיטה געפיהרט צו וואהנזינן !

ר ע ב ע ק א : אָה, נאָך וואָס זאָל מען זיך גריבלען אין פּראָבלעמען, וועלכע קיינער קען ניט פערענטפערען ?

ר אָ ז מ ע ר : איך קען מיר ניט העלפען, רעבעקא. ווי שטארק איך זאָל דאָס ניט וועלען, קען איך זיך דאָך ניט בעפרייען פון דעם צווייפעל, וואָס נאָגט מיך אזוי.

ר ע ב ע ק א : אָבער עס קען ווערען געפעהרליך — דאָס אייביגע גריבלען זיך אין איין טרויעריגער זאַך.

ר אָ ז מ ע ר : (שפּאצירט ארום אונרוהיג און פערטראַכט) איך האָב זיך געמוזט אליין מיט עפּעס פערראטהען. זי האָט געמוזט בעמערקען, ווי גליקליך איך האָב זיך אָנגעהויבען צו פיהלען, זינט דו ביסט געקומען צו אונז.

ר ע ב ע ק א : יאָ, אָבער ליעבער, און אפילו אויב זי האָט ?

ר אָ ז מ ע ר : זיי זיכער, זי האָט בעמערקט, אז מיר האָבען

געלעזען די זעלבע ביכער — און דער אינטערעס פון דיסקוטירען צו־זאמען אלע נייע אידעען האט אונז געבראכט נאהענט איינס צום צווייטען. דאך קען איך עס ניט פערשטעהען! איך האב זיך אזוי פיעל געמיהט איהר צו שאנעווען. ווען איך קוק צוריק, דאכט מיר, אז איך האב עס געמאכט פאר מיין לעבענס - אויפגאבע צו בע־האלטען פון איהר אלע אונזערע אינטערעסען. האב איך עס ניט געטהאן, רעבעקא?

ר ע ב ע ק א: יא, יא; געווים האסטו עס געטהאן.

ר א ז מ ע ר: און דו אויך; און דאך — ! אה, עס איז שרעקליך צו דענקען וועגען דעם! זי איז דא הפנים ארומגעגאנגען פול מיט איהר קראנקהאפטער ליידענשאפט — קיינמאל א וואָרט ניט זאגענדיג — בעמערקענדיג יעדע זאך — און אלעם אויסטייט־שענדיג פאלש.

ר ע ב ע ק א: (דריקט צונויף די הענד) אה, איך האב קיין מאל ניט געדארפט קומען קיין ראזמערסהאלם.

ר א ז מ ע ר: אז מען בערעכענט זיך וואס זי האט דא גע־מוזט שטילערהייד איבערליידען! די אלע שרעקליכע זאכען וועגען אונז, וועלכע איהר קראנקער מוח האט געמוזט ערפינדען! האט זי דיר קיין מאל גארניט געזאגט, וואס האט דיר געקענט מאכען נאכצודענקען?

ר ע ב ע ק א: (ווי ערשטוינט) מיר! דענקסטו, אז איך וואלט דא געווען פערבליבען איין טאג, ווען זי וואלט עס געטהאן?

ר א ז מ ע ר: ניין, ניין, נאטירליך ניט. — אה, ס'ארא קאמפף זי האט געמוזט דורכמאכען! און דערצו נאך איינע אליין, רעבעקא; פערצווייפעלט און גאנץ אליין! — און דאן ענדליך דער הארץ־רייסענדער — אנקלאגענדער זיעג — אין מיהל־טייך. (ווארפט זיך אנידער אויף א שטוהל ביים שרייב טיש, מיט די עלענבויגענס אנגעשפארט אן טיש און דעם קאפ אויף די הענד).

ר ע ב ע ק א: (קומט פארזיכטיג צו צו איהם פון הינטען) הער זיך איין, ראזמער. ווען דו וואלסט געווען בכח צוריק צו רופען בע־אטען — צו זיך — אין ראזמערסהאלם — וואלסט דו עס געטהאן?

ר אָ ז מ ע ר: אָח, ווי אַזוי זאָל איך וויסען וואָס איך וואָלט געטהאָן אָדער ניט געטהאָן! איך קען וועגען גאָרנישט טראַכטען אויסער וועגען אָט דער איין זאַך — וועלכע מען קען ניט צוריק רופען.

ר ע ב ע ק אַ: דו האָסט נור־וואָס געדאַרפט אָנפאַנגען צו לעבען, ראָזמער. דו האָסט אָנגעפאַנגען. דו האָסט זיך בעפרייט אין אַלע זייטען. דו האָסט זיך געפיהלט אַזוי לייכט און צופריעדען —

ר אָ ז מ ע ר: אָה, יאָ, — דאָס איז אַלעס אמת. און פּלוצלונג איז געקומען אָט דער שרעקליכער קלאַפּ.

ר ע ב ע ק אַ: (הינטער איהם, לעגט איהרע הענט אויף דעם ווענטעל פון שטוהל) ווי שעהן עס איז געווען ווען מיר פלעגען זיי־צען פאַר־נאַכט אונטען אין צימער און העלפען איינער דעם צוויי־טען אויסלעגען אונזערע נייע לעבענס פּלענער! דו האָסט געוואָלט זיך שטרענג נעהמען צו דער ארבייט אין דער וועלט — אין דער לע־בעדיגער וועלט פון היינטיגען טאָג, ווי דו פלעגסט זאָגען. ווי אַ שליח פון פרייהייט האָסט דו געוואָלט געהן פון הויז צו הויז; צו בע־זיעגען די גייסטער און די ווילענס פון מענשען, צו שאַפען ארום זיך ערעל־לייט — אין אַלע ווייטערע און ווייטערע קרייזען. ערעל־לייט.

ר אָ ז מ ע ר: גליקליכע ערעל־לייט.

ר ע ב ע ק אַ: יאָ, גליקליכע.

ר אָ ז מ ע ר: ווייל נור דאָס גליק ערעלט דעם גייסט, רע־בעקאַ.

ר ע ב ע ק אַ: דענקסטו ניט, אַז שמערץ טהוט עס אויך? אַ גרויסער שמערץ?

ר אָ ז מ ע ר: יאָ, ווען מען קען עס דורכמאַכען — אַריבער־קומען — אַוועקגעהן דערפון.

ר ע ב ע ק אַ: אָט דאָס מוזט דו טהאָן.

ר אָ ז מ ע ר: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, שווער מוטיג) איך וועל

דאָס קיין מאָל ניט אַריבערקומען אין גאַנצען. עס וועט אימער בליי־בען אַ צווייפעל, — אַ פראַגע. איך וועל שוין קיין מאָל ניט וויסען פון דער בריטקייט פון דער נשמה, וואָס מאַכט דאָס לעבען אַזוי וואונדערשעהן און זיס!

ר ע ב ע ק אַ: (בייגט זיך אַריבער איבער זיין שטוהל און זאָגט מילדער) וואָס האָסטו אין זינען, ראָזמער?

ר אָ ז מ ע ר: (קוקט אַרויף צו איהר) פריערליכע, גליקליכע אונשולד.

ר ע ב ע ק אַ: (מאַכט אַ שריט צוריק) אונשולד.

(אַ קורצע פּאוזע).

ר אָ ז מ ע ר: (מיט די עלענבויגען אויפ'ן טיש, אונטערהאַל־טענדיג דעם קאָפּ, קוקט גלייך פאַר זיך) און וואָס פאַר אַן אונגעוועהנ־ליכע קראַפט זי האָט בעוויזען אריינצודרינגען אין תוך אריין! ווי סיסטעמאַטיש זי האָט עס אַלעס צוזאַמענגעשטעלט! — צו־ערשט הויבט זי אָן צווייפלען אין מיין געטרייהייט צום אַלטען גלוי־בען — ווי אַזוי האָט דאָס איהר געקענט איינפאַלען? אָבער עס איז איהר דאָך איינגעפאַלען, און עס איז געוואָרען ביי איהר אַ זיכער־ער פאַקט. און דאַן — יאָ, דאַן, פערשטעהט זיך, איז איהר שוין געווען גאַנץ לייכט צו רעכענען אַלעס איבריגע פאַר מעגליך. (זעצט זיך אין שטוהל און פיהרט דורך זיינע פינגער דורך די האָאָר). אָה, די אַלע שרעקליכע איינבילדונגען! איך וועל פון זיי קיין מאָל ניט לויז ווערען. איך פיעל עס, איך וויים עס. יעדע מינוט וועלען זיי זיך אַ טראַג טהאָן פאַר מיינע געדאַנקען, און מיר צוריק בריינ־גען דעם געדאַנק פון דער געשטאָרבענער!

ר ע ב ע ק אַ: ווי דער ווייסער פערד פון ראָזמערס האָלם.

ר אָ ז מ ע ר: יאָ, ווי דער ווייסער פערד אַרומלויפענדיג אין דער פינסטערניש — אין דער שטילקייט.

ר ע ב ע ק אַ: און צוליעב אָט דער טרויעריגער איינבילדונג פון נעהירען ווילסטו לאָזען פאַלען די אומפּאַסונג פון דער לעבע־דיגער וועלט, וואָס דו האָסט אָנגעהויבען צו בענעהמען?

ר אָ ז מ ע ר: דו מעגסט גאַנץ זיכער דענקען, אַז עס איז

שוועה. יאָ, שווער, רעבעקאַ. אָבער איך האָב קיין ברירה נים. ווי קען איך ד אָ ס ווען עס איז פערגעסען?

ר ע ב ע ק אַ: (הינטער'ן שטוהל) אריינטרעטענדיג אין נייע פערהעלטניסע.

ר אָ ז מ ע ר: (ערשטוינט, קוקט אַרויף) נייע פערהעלטניסע?

ר ע ב ע ק אַ: יאָ, אין נייע פערהעלטניסע צו דער אויסער־ליכער וועלט. דו דאַרפסט לעבען, ארבייטען, זיין טהעטיג. ניט זיצען דאָ און זיך גריבלען, זיך ברעכען דעם קאָפּ איבער א רעטעניש, וועלכע קען קיין מאָל ניט קלאָהר ווערען.

ר אָ ז מ ע ר: (הויבט זיך אויף) נייע פערהעלטניסע? (שפּרייזט דורכ'ן צימער, שטעלט זיך אָב ביי דער טיר, דאַן קומט ער צוריק) איין פראַגע קומט מיר אויפ'ן געדאַנק. פּאַלט דיר ניט איין די זעלבע פראַגע, רעבעקאַ?

ר ע ב ע ק אַ: (אָטהעמט שווער) לאָמיך — הערען — וואָס דאָס איז אזוינס.

ר אָ ז מ ע ר: וואָס פאַר א פאָרם, דענקסטו, וועלען א ו נ ־ ז ע ר ע פערהעלטניסע אָננעהמען נאָך היינטיגען טאָג?

ר ע ב ע ק אַ: איך גלויב, אז אונזער פריינדשאַפט וועט אָנהאַלטען — וואָס עס זאָל ניט פּאַסירען.

ר אָ ז מ ע ר: דאָס איז ניט גענוי וואָס איך האָב געמיינט. די זאַך וואָס האָט אונז צוערשט צוזאַמען געבראַכט און וואָס עס בינדט אונז אזוי נאָהענט צוזאַמען — אונזער ביידענס גלויבען אין א ריינער פריינדשאַפט צווישען מאַן און פרוי.

ר ע ב ע ק אַ: יאָ, יאָ, וואָס וועגען דעם?

ר אָ ז מ ע ר: איך מיין, אז אזאַ פערהעלטניס ווי אונזערע — פאָדערט זי דען ניט א רוהיג, גליקליך און פריעדליך לעבען?

ר ע ב ע ק אַ: איז וואָס דאַן?

ר אָ ז מ ע ר: אָבער פאַר מיר עפענט זיך איצט א לעבען פון קאַמפּף און אונרוהע און שטאַרקע אויפרעגונגען. דען איך וו ע ל לעבען מיין לעבען, רעבעקאַ! איך וועל זיך ניט לאָזען צודריקען פון שרעקליכע מעגליכקייטען. איך וועל מיר ניט לאָזען פאָרשריי־

בען מיין לעבענסלויף, ניט פון די לעבעדיגע — און ניט פון קיין אנדערען.

ר ע ב ע ק א : ניין, ניין לאז זיך ניט! זיי א פאלקאם פרייער מענש, ראזמער!

ר א ז מ ע ר : אבער קענסט דו ניט טרעפען, וואס איך האב אין זין? ווייסט עס ניט? זעהסטו ניט, ווי איך וואלט זיך אם בעסטען געקענט בעפרייען פון די אלע קוועלענדע עראינערונגען — פון דער גאנצער אונגליקליכער פערגאנגענהייט?

ר ע ב ע ק א : ווי אזוי?

ר א ז מ ע ר : דורך דעם, וואס איך וואלט אנטקעגען איהר אוועקגעשטעלט א נייע, לעבעדיגע ווירקליכקייט.

ר ע ב ע ק א : (באפט זיך אן אן שטוהל) א לעבעדיגע? וואס מיינסטו?

ר א ז מ ע ר : (דערנעהערט זיך) רעבעקא, ווען איך וואלט דיך יעצט פרעגען — וואלסט דו וועלען זיין מיין צווייטע פרוי?

ר ע ב ע ק א : (א ווײַלע אהן לשון, דאן שרייט זי אויס מיט פרייד) דיין פרוי! דיין — ! איך!

ר א ז מ ע ר : קום לאמיר עס פרובירען, מיר ביידע וועלען זיין איינס. דער טויטערס פלאץ דארף לענגער ניט בלייבען לעדיג.

ר ע ב ע ק א : איך — אויף בעאטעס פלאץ!

ר א ז מ ע ר : דאן וועט זי ווערען אויסגעמעקט פון ספר הזכרונות אין גאנצען — אויף אימער און אויף אייביג.

ר ע ב ע ק א : (מילד, ציטערענדיג) גלויבסט דו עס, ראזמער?

ר א ז מ ע ר : עס מוז אזוי זיין! עס מ ו ז! איך קען ניט — איך וועל ניט דורכגעהן מיין גאנצען לעבען מיט א טויטען קערפער אויף מיינע פלייצעס. העלף מיר דאס אראבצואווארפען, רעבעקא. און לאמיר דערשטיקען אלע עראינערונגען אין פרייהייט, אין פריידען, אין ליידענשאפט. דו וועסט פאר מיר זיין די איינציגע פרוי, וועלכע איך האב ווען עס איז געהאט.

ר ע ב ע ק א : (בעהערשט זיך) דו זאלסט קיין מאל וועגען דעם מעהר ניט רעדען. איך וועל קיין מאל ניט זיין דיין פרוי.

ראַזמער: וואָס! קיין מאָל נים! דערשראָקן דען ניט, אַז דו וואָלסט מיך געקענט ליעבען? איז שוין דען ניט פאַראַן עטוואָס ליעבע אין אונזער פריינדשאַפט?

רעבעקא: (פערשטעלט די אויערען מיט די הענד, ווי אין שרעק) רייד ניט אַזוי, ראַזמער! רייד ניט אַזעלכע זאַכען!

ראַזמער: (כאַפּט אָן איהר אָרעם) יאָ, יאָ, עס וואַקסט אַזאַ מעגליכקייט אין אונזערע פערהעלטניסע. אָה, איך זעה אין דיר אַז דו פיהלסט עס אויך. ניט וואהר, רעבעקא?

רעבעקא: (ווידער פעסט און ענטשלאָסען) הער מיך אויס. איך זאָג דיר, אויב דו וועסט בעשטעהן דערויף, וועל איך אוועקגעהן פון ראַזמערסהאָלם.

ראַזמער: אוועקגעהן! דו! דו קענסט ניט. עס איז אונמעגליך.

רעבעקא: עס איז נאָך מעהר אונמעגליך, אַז איך זאָל זיין דיין פרוי. איך קען דאָס קיין מאָל אין לעבען ניט ווערען.

ראַזמער: (קוקט אויף איהר ערשטוינט) דו זאָגסט „דו קענסט ניט" און עפּעס זאָגסט דו עס אַזוי מאָדנע. וואָרום קענסטו ניט?

רעבעקא: (נעהמט אָן זיינע ביידע הענד) ליעבער פריינד, אי צוליעב דיר, אי צוליעב מיר — פרעג ניט פאַרוואָס. (לאָזט אָב זיינע הענד) פרעג ניט, ראַזמער. (געהט צו דער טיר לינקס).

ראַזמער: פון איצט אָן קען איך וועגען קיין אנדער זאַך ניט טראַכטען אויסער וועגען דער איינער פראַגע, — וואָרום?

רעבעקא: (קעהרט זיך אום און קוקט אויף איהם) דאַן איז אַלעס געענדיגט.

ראַזמער: צווישען מיר מיט דיר?

רעבעקא: יאָ.

ראַזמער: צווישען אונז ביידען וועט קיין מאָל ניט זיין אַלעס געענדיגט. דו וועסט ראַזמערסהאָלם קיינמאָל ניט פערלאָזען.

רעבעקא: (מיט דער האַנד אויפ'ן חענטעל פון דער טיר)

ניין, איך וועל דאס אפשר, ניט טהאן. אויב אבער דו וועסט מיך נאך אמאל פרעגען, — איז אלעס געענדיגט.

ר א ז מ ע ר: אלעס געענדיגט? ווי אזוי?

ר ע ב ע ק א: ווייל דאן וועל איך געהן אויפ'ן זעלבען וועג ווי בעאטע איז געגאנגען. איצט ווייסטו שוין, ראזמער!

ר א ז מ ע ר: רעבעקא?

ר ע ב ע ק א: (ביי דער טיר, שאקעלט לאנגזאם מיט'ן קאפ) איצט ווייסטו שוין. (זי געהט ארויס).

ר א ז מ ע ר: (קוקט, ווי פון א דונער געטראפען, אויף דער טיר און זאגט צו זיך אליין) וואס — איז — דאס?

דריטער אקט.

ג גאַסט צימער אין ראָזמערסהאָלם. דאָס פענסטער און די אריינ־
גס־טיר זיינען אָפען. די זון שיינט אין דרויסען. פאָרמיטאָג־צייט
רעבעקא וועסט, אָנגעטהאָן ווי אין ערשטען אַקט, שטעהט
ביים פענסטער. זי בעשפּריצט און ברייגגט אין אָרדנונג די בלומען.
איהר שטריקעריי ליגט אויפ'ן לעהנשטוהל. פרוי העלזעט געהט
אַרום און שטויבט אָב דאָס מעבעל מיט אַ פעדער־באַרשט.

רעבעקא (נאָך אַ קורצען שטילשווייגען): איך פערשטעה
ניט וואָרום דער פּאַסטאָר בלייבט אזוי לאַנג אויבען.

פרוי העלזעט: אָה, דאָס טרעפט זיך אָפט. איך דענק
אָבער, ער וועט שוין באַלד אַרונטערקומען.

רעבעקא: האָט איהר איהם געזעהן?

פרוי העלזעט: כ'האָב נור געכאַפּט א קוק, ווען איך
האָב איהם ארויפגעבראַכט די קאַפע. ער איז געווען ביי זיך אין
שלאָף־צימער און האָט זיך געהאַלטען אין אָנטהאָן.

רעבעקא: איך פרעג, ווייל נעכטען איז ער געווען ניט
מיט אַלעמען.

פרוי העלזעט: ער האָט ניט גוט אויסגעזעהן. איך
דענק, עס איז אפשר עפּעס פאָרגעקומען צווישען איהם מיט זיין
שוואָגער.

רעבעקא: וואָס, דענקט איהר, האָט עס געקענט זיין?

פרוי העלזעט: דאָס קען איך אייך ניט זאָגען. פיעל־
לייכט האָט דער מאָרטענסגארד עפּעס אָנגעמאַכט א קריעג צווי־
שען זיי.

ר ע ב ע ק א: עס איז מעגליך. קענט איהר זיך עפּעס מיט אַם דעם פעטער מאַרטענסגארד?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: יאָ, אודאי! ווי קענט איהר עס גאָר רענקען? מיט אזא חברה־מאַן.

ר ע ב ע ק א: איהר מיינט, ווייל ער גיט ארויס אזא געמיינע ציימונג?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: אָה, ניט נאָר דאָס אליין. — איהר האָט דאָך מסתמא געהערט, פריילין, אז ער האָט געהאַט א קינד מיט א פערהייראטהע פרוי, וואָס דער מאַן האָט איהר אוועקגע־וואָרפען?

ר ע ב ע ק א: יאָ, איך האָב געהערט וועגען דעם. אָבער דאָס האָט געמוזט זיין נאָך לאַנג איידער איך בין געקומען אהער.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: עס איז אמת, ער איז דאַן נאָך געווען זעהר יונג; און זי האָט געדאַרפט מעהר פערשטעהן. ער האָט אפילו געוואָלט מיט איהר חתונה האָבען; נור נאַטירליך, האָט ער דאָס ניט געקאָנט טהאָן. און מען קען ניט זאָגען, ער האָט טהייער בעצאָהלט דערפאַר — אָבער, מיין גאָט, מאַרטענסגארד האָט זיך דאָס א ביסעל ארויפגעארבייט זייט דאַן! איצט זיינען שוין דאָ א סך מענשען וואָס לויפען א י ה ם נאָך.

ר ע ב ע ק א: דאָס רוב פון די אָרימע מענשען קומען צו איהם בעת זיי זיינען עפּעס אין א צרה.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: אָה, און אנדערע אפשר אויך, א חוץ די אָרימע לייט —

ר ע ב ע ק א (קוקט אויף איהר גנב'יש): אזוי גאָר?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט (ביי דער סאָפא, שטויבענדיג געשווינד): אפשר אזעלכע וואָס איהר וואָלט אויף זיי גאָר ניט געטראַכט, פריילין.

ר ע ב ע ק א (בעשעפטיגט מיט די בלומען): געהט שוין געהט, דאָס איז נור אייערער א געדאַנק, פרוי העלזעט. אויף געוויס קענט איהר עס ניט וויסען.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: איהר רענקט איך קען ניט, פריילין?

אָבער איך זאָג אייך, אַז איך ווייס שוין גראד. און — אויב איהר ווילט שוין יאָ וויסען — האָב איך אמאָל אַליין געבראכט אַ בריעף צו מארטענס־גארדען.

ר ע ב ע ק א (קעהרט זיך אום): ניין — ווירקליך?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: יאָ, געוויס האָב איך. און דער בריעף איז טאקע געשריבען געוואָרען דאָ אין ראָזמערסהאָלם.

ר ע ב ע ק א: ווירקליך, פהוי העלזעט?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: יאָ, אַזוי איז דאָס. און עס איז גע־וועזען געשריבען אויף גוטען פאפיער. און עס איז געלעגען אויף דעם אַ פיינער רויטער זיעגעל אויך.

ר ע ב ע ק א· און מען האָט דאָס א י י ך געגעבען אוועק־צוטראָגען? אויב אַזוי, ליעבע פרוי העלזעט, איז גאָרניט שווער צו טרעפען ווער עס האָט עס געשריבען.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: אדרבה?

ר ע ב ע ק א: דאָס האָט מסתמה די אָרימע פרוי ראָזמער אין איהר קראנקען צושטאנד —

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: דאָס זאָגט איהר אַזוי, פריילין, נים איך.

ר ע ב ע ק א: אָבער וואָס איז געוועזען אין בריעף? אָה, איך האָב נאָר פארגעסען — א י ה ר קענט עס נים וויסען.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: הם; און ווי, אַ שטייגער, אַז איך האָב עס יאָ געוואוסט?

ר ע ב ע ק א: האָט זי אייך דען דערצעהלט, וואָס זי האָט געשריבען?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: ניין, דאָס האָט זי גראָד ניט געטהאָן. אָבער ווען מאָרטענסגאָרד האָט עס איבערגעלעזען, האָט ער מיך אָנגעפאנגען אַזוי אויסצופרעגען פון אַלע זייטען, אַז איך האָב זיך לייכט אָנגעשטויסען וואָס דאָרט איז געוועזען.

ר ע ב ע ק א: וואָס זשע, דענקט איהר, איז דאָרט געוועזען? אָה, ליעבע, גוטע פרוי העלזעט, דערצעהלט דאָך מיר.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: אָה, ניין, פריילין. פאַר קיין זאַך אין דער וועלט נים.

ר ע ב ע ק א: אָה, מ י ר מעגט איהר געוויס דערצעהלען. מיר ביידע זיינען דאָך אַזעלכע גוטע פריינד.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: גאָט זאָל מיך אָבהיטען, איך זאָל אייך עפּעס דערצעהלען וועגען ד ע ם, פריילין. איך קען אייך נור זאָגען, אַז מען האָט דער אָרימער, קראַנקער פרוי איינגערעדט זעהר שרעקליכע זאכען.

ר ע ב ע ק א: ווער האָט עס איהר איינגערעדט?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: שלעכטע מענשען, פריילין ווערסט. שלעכטע מענשען.

ר ע ב ע ק א: שלעכטע — ?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: יאָ, איך זאָג עס נאָך א מאָל. זיי האָבען געמוזט זיין אמת שלעכטע מענשען.

ר ע ב ע ק א: און ווער, דענקט איהר, האָט עס געקענט זיין?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: אָה, איך ווייס שוין גוט וואָס צו דענ־קען. אָבער גאָט זאָל מיך היטען, א י ך זאָל עפּעס זאָגען. ניטאָ וואָס צו רעדען, אין שטאָדט איז פאַראַן א געוויסע דאַמע — הם!

ר ע ב ע ק א: איך זעה עס אַרויס, אַז איהר מיינט די פרוי קראָלל.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: אָה, זי איז א וואוילע, איז זי. אנט־קעגען מיר שפּיעלט זי אימער די גרויסע דאַמע. און אייך האָט זי אויך ניט איבעריגעס ליעב.

ר ע ב ע ק א: דענקט איהר, אַז פרוי ראָזמער איז געווען ביים פולען פערשטאַנד, ווען זי האָט געשריבען דעם בריעף צו מאָרטסגאַרד'ן?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: א מענשענס פערשטאַנד איז א מאָדנע זאַך, פריילין. אין גאַנצען פון זינען, דענק איך, איז זי ניט געווען.

ר ע ב ע ק א: זי איז אָבער זעהר פערצווייפעלט געוואָרען ווען זי האָט אויסגעפונען אַז זי וועט קיינמאָל קיין קינדער ניט האָבען. ד אָ ס האָט איהר אַראָפּגעפיהרט פון זינען.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: יאָ, די אָרימע פרוי. ד אָ ס איז געווען אַ שרעקליכער קלאַפּ פאַר איהר.

ר ע ב ע ק א (נעהמט זיך צו דער שטריקעריי און זעצט זיך אויף אַ שטוהל ביים פענסטער): אָבער נאָך אַלעמען — דענקט איהר ניט, אַז דאָס איז געווען אַ גוטע זאַך פאַר'ן פּאַסטאָר, פרוי העלזועט?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: וואָס, פריילין?

ר ע ב ע ק א: וואָס עס זיינען ניט געווען קיין קינדער. דענקט איהר ניט אַזוי?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: הם, איהר מעגט מיר גלויבען, איך וויים ניט וואָס צו זאָגען דערצו.

ר ע ב ע ק א: אָה, יאָ, גלויבט מיר, עס איז געווען אַ גליק פאַר איהם. פּאַסטאָר ראָזמער איז ניט דער מענש צו הערען קינדער־געוויין ביי זיך אין הויז.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: קינדער וויינען ניט אין ראָזמערסהאָלם, פריילין.

ר ע ב ע ק א (קוקט איהר אָן): זיי וויינען ניט?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: ניין. פון זינט מענשען קענען געדענקען האָט מען קיין מאָל ניט געהערט קיין קינד וויינען דאָ אין הויז.

ר ע ב ע ק א: דאָס איז זעהר זאָנדערבאַר.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: יאָ, ניט וואהר? אָבער דאָס איז אַזוי אין דער גאַנצער משפחה. און דאַן איז דאָ נאָך אַ זאָנדערבאַרע זאַך. ווען זיי וואַקסען אויף, לאַכען זיי קיין מאָל ניט. קיין מאָל אין זייער גאַנצען לעבען ניט.

ר ע ב ע ק א: אָה, ווי אויסערגעוועהנליך —

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: האָט איהר ווען עס איז געהערט אָדער געזעהען דעם הערר פּאַסטאָר לאַכען, פריילין?

ר ע ב ע ק א: ניין, איצט אַז איך דענק וועגען דעם, גלויב איך כמעט אַז איהר זייט גערעכט. נור איך דענק, אַז קיינער לאַכט ניט פיעל אין דעם געגענד.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: ניין, זיי לאַכען נים. מען זאָגט, עס האָט זיך אָנגעהויבען אין ראָזמערסהאָלם. און דאַן האָט זיך דאָס

מסתמא פערשפרייט ארום און ארום, גלייך ווי דאס וואלט געווען אנשטעקענד.

ר ע ב ע ק א: איהר זייט זעהר א קלוגע, פרוי העלזעט.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: אה, פריילין, איהר דארפט ניט זיצען דארטען און מאכען הוזק פון מיר. (הערט זיך צו) שש — שש — דער הער פאסטאר קומט ארונטער. ער האט ניט ליעב צו זעהן ווי מען שטויבט ארום אין הויז.

(אב רעכטס).

(י א ה א נ ע ס ר א ז מ ע ר קומט אריין פון פארדער־צימער מיט זיין הוט און שטעקען אין האנד).

ר א ז מ ע ר: גוט מארגען רעבעקא.

ר ע ב ע ק א: גוט מארגען, מיין טייערער. (אין א סעקונדע ארום — שטריקענדיג) דו נעהסט שפאצירען?

ר א ז מ ע ר: יא.

ר ע ב ע ק א: עס איז א שעהנער טאג.

ר א ז מ ע ר: ביסט היינט אין דער פריה ניט ארייננעקומען צו מיר.

ר ע ב ע ק א: ניין — ניט היינט.

ר א ז מ ע ר: מיינסטו ווייטער אויך ניט אריינצוקומען?

ר ע ב ע ק א: אה, דאס וויים איך נאך ניט.

ר א ז מ ע ר: איז עפעס אנגעקומען פאר מיר?

ר ע ב ע ק א: די „אמטס־צייטונג" איז אנגעקומען.

ר א ז מ ע ר: די „אמטס־צייטונג"?

ר ע ב ע ק א: דארט ליעגט זי אויפ'ן טיש.

ר א ז מ ע ר (לעגט אוועק זיין הוט און שטעקען): איז שוין עפעס דא — ?

ר ע ב ע ק א: יא.

ר א ז מ ע ר: און דו האסט עס מיר ניט ארויפגעשיקט?

ר ע ב ע ק א: דו וועסט עס ניט פערשפעטיגען איבערצו־לעזען.

ראַזמער: אָה, אַזוי? (נעהמט דיצייטונג און לעזט, שמע־הענדיג ביים טיש)

— וואָס! — „מיר קענען אונזערע לעזער ניט גענוג וואָרנען געגענאיבער כאַראַקטערלאָזע רענעגאַטען" (קוקט אויף איהר) זיי רופען מיר רענעגאַט, רעבעקאַ.

רעבעקא: זיי דערמאָנען ניט קיין נאָמען.

ראַזמער: דאָס איז אַלץ איינס. (לעזט ווייטער) „געהיימע פעררעטהער צו דער גוטער זאַך" — „יודאַס־נאַטורען, וועלכע זיינען זיך מודה מיט אַ קופּערנעם שטערען אין זייער רענעגאַטסטוואָ, אַזוי שנעל ווי זיי מיינען אַז עס איז געקומען דער בעקוועמסטער און פּראָפּיטליכסטער מאָמענט". „אַ שענדליכער אַטענטאַנט אויף דעם בעריהמטען אַנדענקען פון די ווירדיגע אור־עלטערען" — „ערוואַרטענדיג אַ פּאַסיגע בעלוינונג פון דער פּאַרטיי, וועלכע האָט די מאַכט אין דיעזען אויגענבליק". (ער לעגט אַוועק די צייטונג אויפ'ן טיש) און זיי קענען זאָגען אַזוינע זאַכען וועגען מיר! — מענשען, וועלכע האָבען מיך אַזוי לאַנג און אַזוי גוט גע־קענט! זאַכען, וועלכע זיי גלויבען אַליין ניט. זאַכען, אין וועלכע, זיי ווייסען, אַז עס איז קיין איין אמת וואָרט ניטאָ — דאָך דרוקען זיי עס.

רעבעקא: דאָס איז נאָך ניט אַלעס.

ראַזמער (נעהמט נאָך אַמאָל די צייטונג): „אונערפאַהרענהייט און פעלערהאַפטע אורטהיילס־קראַפט די איינציגע ענט־שולדיגונג" — „פערערבליכער איינפלוס — וואָס גרייכט אודאי ביז אַזוינע זאַכען, וועלכע מיר ווילען דערווייל ניט מאַכען פאַר אַ געגענשטאַנד פון עפענטליכער דיסקוסיאָן אָדער בעשולדיגונגען". (קוקט אויף איהר) וואָס איז דאָס?

רעבעקא: דאָס איז גאַנץ קלאָהר געציעלט אויף מיר.

ראַזמער (לעגט אַוועק די צייטונג): רעבעקאַ, אַזוי פיה־רען זיך ניט קיין אַנשטענדיגע מענשען.

רעבעקא: יאָ, זיי האָבען זיך ניט וואָס צו בעקלאָגען אויף מאָרטענסגאַרדען

ר אָ ז מ ע ר (שפּריזט אַרום אין צימער): עפּעס מ ו ז געשעהן. ווען מען זאָל עס אַזוי ווייטער לאָזען געהן, וועט אַלעס וואָס איז גוט אין דער מענשליכער נאַטור געהן צו גרונד. אָבער דאָס וועט ניט אָנגעהן! אָה, ס'אַרא פרייד — ס'אַרא פרייד עס וואָלט זיין פאַר מיר אריינצובריינגען עטוואָס ליכט אין אָט דער פינסטערניש און העסליכקייט!

ר ע ב ע ק א: (הויבט זיך אויף) אַך יאָ, ראָזמער. אין דעם האָסט דו א גרויסען און ערהאַבענעם צוועק, פאַר וועלכען צו לעבען.

ר אָ ז מ ע ר: דענק נור, ווען איך וואָלט זיי געקענט דערוועקען זיך צו זעהן אין זייער ריכטיגען געשטאַלט; לערנען זיי חרטה צו האָבען און שעמען זיך פאַר זיך אַליין; פעראייניגען זיי אין גענענזייטיגער מאַלעראַנץ — אין ליעבע, רעבקאַ!

ר ע ב ע ק א: אָ, לעג אריין אין דעם דיין גאַנצע קראַפט, וועסט דו מוזען האָבען אַן ערפאָלג.

ר אָ ז מ ע ר: איך דענק, אַז עס מוז זיין מעגליך צו האָבען אַן ערפאָלג. אָה, וואָס פאַר א פרייד עס וואָלט דאַן געוועזען צו לעבען! אַוים ביזוויליגע רייסערייען; בלויז אַ שטרעבען נאָכציטהאָן ניטעס. אַלע אויגען געריכטעט אויפ'ן זעלבען ציעל. יעדער געדאַנק, יעדער ווילען שטרעבט פאָרווערטס — אין דער הויך — יעדערער דורך דעם וועג וואָס זיין נאַטור שרייבט איהם פאָר. גליק פאַר אַלע — דורך אַלע. (גיט צופעליג אַ קוק דורכ'ן פענסטער, מהומ צי צימער און זאָגט שווערמוטהיג) אה! ניט דורך מיר.

ר ע ב ע ק א: ניין — ? — ניט דורך דיר?

ר אָ ז מ ע ר: אויך ניט פאַר מיר.

ר ע ב ע ק א: אָה, ראָזמער, דערלאָז ניט אַזעלכע צווייפלען זאָלען דיך אָנגרייפען.

ר אָ ז מ ע ר: גליק — טהייערע רעבעקאַ — גליק איז פריי־הער פאַר אַלץ די רוהיגע, פריידליכע זיכערקייט פון אונשולד.

ר ע ב ע ק א (קוקט גלייך פאַר זיך): יאָ, אונשולד —

ר אָ ז מ ע ר: אָה, ד ו קענסט ניט וויסען וואָס שולד מיינט. אָבער איך —

ר ע ב ע ק א: דו ווענינער פאר אלעמען!

ר אָ ז מ ע ר (ווייזט אויף דרויסען פון פענסטער): דער מיחל־טייך.

ר ע ב ע ק א: אָה, ראָזמער — !

(פ ר ו י ה ע ל ז ע ט קוקט אַריין דורך די טיר).

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: פריילין ווּעסט.

ר ע ב ע ק א: באַלד, באַלד ניט איצטער.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: נור איין וואָרט, פריילין.

(ר ע ב ע ק אַ געהט צו דער טיר. פ ר ו י ה ע לְ ז ע ט זאָגט איהר עפּעס. זיי סוד'ען זיך אַ ווײַלע צוזאַמען. פ ר ו י ה ע ל ז ע ט שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ און געהט ארויס).

ר אָ ז מ ע ר (אונרוהיג): איז עס פאר מיר עפּעס?

ר ע ב ע ק א: ניין, נור ווירטשאַפטס־אנגעלעגענהייטען. — דו דארפסט געהן אויף דער פרישער לופט, ליעבער ראָזמער. דו זאָלסט מאַכען אַ לאַנגען, לאַנגען שפּאַציער.

ר אָ ז מ ע ר (נעהמט זיין הוט): יאָ, קום. לאָמיר געהן צוזאמען.

ר ע ב ע ק א: ניין, טהייערער, איצט קען איך ניט. דו מוזט געהן אליין. אָבער דו זאָלסט זיך ארויסשלאָגען פון קאָפּ די אלע אומעטיגע געדאנקען. פערשפּרעך דאָס מיר.

ר אָ ז מ ע ר: איך האָב מורא, איך וועל זיי שוין קיין מאָל ניט קענען ארויסשלאָגען פון קאָפּ.

ר ע ב ע ק א: אַך, אַזעלכע גרונדלאָזע איינבילדונגען זאָלען דאָס מיך אזוי שטארק אָנגרייפען!

ר אָ ז מ ע ר: איך האָב מורא זיי זיינען גאָרניט אזוי גרונדלאָז, רעבעקאַ. די גאַנצע נאַכט בין איך ניט געשלאָפען און האָב אליץ געטראַכט וועגען דעם. אפשר איז בעאַטע נאָך אלעמען גע־ווען גערעכט.

ר ע ב ע ק א: אין וואָס?

ר אָ ז מ ע ר: וואָס זי האָט גערענקט, אז איך ליעב דיך, רעבעקאַ.

ר ע ב ע ק אַ: גערעכט אין ד ע ם!

ר אָ ז מ ע ר (לעגט זיין הוט אויפ'ן טיש): די פראַגע, וואָס לאָזט מיך ניט רוהען איז די: צי האָבען מיר ביידע זיך אַליין ניט גענאַרט די גאַנצע צייט, רופענדיג אונזער פערהעלטניס פריינד־שאַפט?

ר ע ב ע ק א: דו מיינסט, אַז מיר האָבען דאָס געמעגט רו־פען —?

ר אָ ז מ ע ר: ליעבע. יאָ, רעבעקאַ, דאָס איז וואָס איך מיין. זאָגאַר ווען בעאַטע האָט געלעבט, זיינען אַלע מיינע געדאַנקען גע־ווען מיט דיר. נור צו דיר האָט מיר געצויגען דאָס האַרץ. נור לעבען דיר האָב איך געפונען די שטילע זעליגקייט פון פאָלקאָמענער צופריעדענהייט. טראַכט עס נור איבער, רעבעקאַ, — האָבען מיר ניט פון אָנהויב אָן געפיהלט איינס פאַר'ן צווייטען אַ מין זיסע, געהיימע, קינדעריש ליעבע — אָהן בעגעהרען, אָהן חלומות? האָסט דו ניט אַזוי געפיהלט? זאָג מיר.

ר ע ב ע ק א (קעמפפט מיט זיך אליין): אָה — איך ווייס ניט וואָס צו ענטפערען.

ר אָ ז מ ע ר: און אָט דעם ענג־צוזאַמענגעבונדענעם לעבען, איינער אין צווייטען, איינער פאַר'ן צווייטען, האָבען מיר אָנגע־נומען פאַר פריינדשאַפט. ניין, רעבעקאַ — אונזער צוגעבונדענ־קייט איז געווען אַ גייסטיגע הייראַט — אפשר פון אָנפאַנג אָן. דעריבער פיהלט זיך מיין נשמה שולדיג. איך האָב קיין רעכט ניט געהאַט אויף אַזאַ גליק — דאָס איז געווען אַ זינד גענגן בעאַטען.

ר ע ב ע ק א: קיין רעכט ניט געהאַט צו לעבען גליקליך? גלויבסטו דאָס, ראָזמער?

ר אָ ז מ ע ר: זי האָט געקוקט אויף אונזער פערהעלטניס מיט די אויגען פון א י ה ר ליעבע — זי האָט דאָס געאורטיילט פון שטאַנדפּונקט פון א י ה ר ליעבע. אונבעדינגט. בעאַטע האָט אַנדערש ניט געקענט אורטהיילען.

רעבעקא: אָבער ווי קענסטו זיך בעשולדיגען פאר בעאַטע'ס פאַלשער פאַרשטעלונג?

ראָזמער: די ליעבע צו מיר — איהר ארט ליעבע— האָט זי געטריבען אין מיהל־טייך. דאָס איז א פעסטגעשטעלטער פאקט, רעבעקא. און דאָס איז וואָס איך קען קיינמאָל ניט פערגעסען.

רעבעקא: אָה, דענק וועגען קיין זאַך ניט אויסער דער ערהאבענער, גרויסער אויפגאַבע, צו וועלכער דו האָסט געווידמעט דיין לעבען.

ראָזמער (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): דאָס קען קיין מאָל ניט דורכגעפיהרט ווערען, מיין טייערע. ניט דורך מיר, ניט נאָך דעם אַלעם, וואָס איך האָב זיך דערוואוסט.

רעבעקא: ווארום ניט דורך דיר?

ראָזמער: ווייל קיין זאַך קען ניט זיעגען, וואָס האָט זיך אָנגעפאנגען אין זינד.

רעבעקא (אויפגערעגט): אָה, דאָס זיינען נור אוראַלטערליכע צווייפלען — אוראַלטערליכע אנגסטען — אוראַלטערליכע איבערטראַכטונגען. מען זאָגט, אז די טויטע קומען צוריק אין ראָזמערסהאָלם אין געשטאַלט פון לויפענדע, ווייסע פערד. איך דענק, דאָס בעווייזט אַז עס איז אמת.

ראָזמער: זאָל עס זיין אזוי; וואָס איז דער אונטערשיעד, וויבאַלד איך קען זיך ניט בעפרייען פון דעם געפיהל? און גלויב מיר. רעבעקא, עס איז ווי איך זאָג דיר. די זאַך, וואָס דאַרף געווינען א דויערענדען זיעג, מוז האָבען פאר א פיהרער א גליקליכען, אַן אונשולדיגען מענשען.

רעבעקא: איז דיר די גליקזעליגקייט אזוי נויטיג, ראָזמער?

ראָזמער: גליקזעליגקייט? יאָ, טהייערע — עס איז.

רעבעקא: דו, וועלכער קענסט קיין מאָל ניט לאַכען?

ראָזמער: יאָ, טראָץ דעם. גלויב מיר, איך האָב גרויסע אַנלאַגען פאר גליקזעליגקייט.

ר ע ב ע ק אַ: נו, געה שפּאַצירען, טייערער. אַ גוטען, לאַנגען שפּאַציר. דו הערסט? — אַט האָסט דו דיין הוט, און דיין שטאָק אויך.

ר אָ ז מ ע ר (נעהמט ביידע זאַכען): אַ דאַנק. און דו ווילסט ניט געהן מיט מיר?

ר ע ב ע ק אַ: ניין, ניין. איך קען ניט איצט.

ר אָ ז מ ע ר: נו, גוט, גוט, דו ביסט יעדענפאַלס מיט מיר.

(ער געהט אַרויס דורך די אַריינגאַנגס־טיר. ר ע ב ע ק אַ וואַרט אַ ווייליע, פאַרזיכטיג איהם נאָכקוקענדיג פון הינטער דער אָפענער טיר; דאַן געהט זי צו דער טיר רעכטס).

ר ע ב ע ק אַ (עפענט די טיר און זאָגט שטיל): איצט, פרוי העלזעט. איצט קענט איהר איהם אַריינלאָזען. (זי געהט צו צום פענסטער).

(אין אַ סעקונדע אַרום קומט ר ע ק ט אָ ר ק ר אָ ל ל אַריין פון דער טיר רעכטס. ער פערנייגט זיך שטיל און פאָרמאַל, און האַלט זיין הוט אין דער האַנד).

ק ר אָ ל ל: ער איז אַוועקגעגאַנגען?

ר ע ב ע ק אַ: יאָ.

ק ר אָ ל ל: זאַמט ער זיך געוועהנליך לאַנג?

ר ע ב ע ק אַ: יאָ. אָבער היינט קען מען זיך דערויף ניט פערלאָזען. אַלזאָ, אויב איהר ווילט איהם ניט בעגעגענען —

ק ר אָ ל ל: ניין, ניין. איך וויל מיט אייך רעדען — גאַנץ אַליין.

ר ע ב ע ק אַ: דאַן לאָמיר בעסער קיין צייט ניט פערלירען. זיצט, רעקטאָר.

(זי זעצט זיך אויפ'ן לעהנשטוהל ביים פענסטער. רעקטאָר קראָלל זעצט זיך אויף אַ שטוהל לעבען איהר).

ק ר אָ ל ל: פריילין וועסט — איהר קענט זיך קוים פאָרשטעלען, ווי טיעף און שמערצליך איך נעהם זיך דאָס צום האַרצען — אַט די ענדערונג אין יאָהאַנעס ראָזמער.

ר ע ב ע ק א : מיר האָבען ערוואַרטעט, אז עס וועט אַזוי זיין — אין אָנפאַנג.

ק ר אָ ל ל : נור אין אָנפאַנג ?

ר ע ב ע ק א : ראָזמער איז געווען זיכער, אז פריהער אָדער שפּעטער וועט איהר זיך אָנשליסען אָן איהם.

ק ר אָ ל ל : איך ?

ר ע ב ע ק א : איהר און זיינע אַלע אַנדערע פריינד.

ק ר אָ ל ל : אה, אָט זעהט איהר ! דאָס צייגט ווי שוואַך זיין אורטהיילס־קראַפט איז אין אַלעס וואָס איז נוגע צו מענשען און דעם פּראַקטישען לעבען.

ר ע ב ע ק א : אָבער נאָך אַלעמען — איין מאָל פיהלט ער די נויטוועגדיגקייט זיך צו בעפרייען פון אַלע זייטען —

ק ר אָ ל ל : יאָ, וואַרט אָבער — דאָס איז טאַקע וואָס איך גלויב ניט.

ר ע ב ע ק א : וואָס דען גלויבט איהר ?

ק ר אָ ל ל : איך גלויב, אז דאָס זייט איהר שולדיג אין דעם אַלעם.

ר ע ב ע ק א : דאָס האָט אייך אייער פרוי איינגערעדט, רעק־טאָר קראָלל.

ק ר אָ ל ל : עס מאַכט ניט אויס וועך עס האָט עס מיר איינ־גערעדט. איין זאַך איז זיכער, אז איך האָב א פערדאַכט — א העכסט־שטאַרקען פערדאַכט — ווען איך איבערלעג מיר די אַלע זאַכען און שטעל צונויף אַלעס, וואָס איך ווייס וועגען אייער בע־נעהמונג, זינט איהר זייט אהער געקומען.

ר ע ב ע ק א (קוקט אויף איהם) : מיר דאַכט איך קען זיך דערמאָהנען אָן א צייט, ווען איהר האָט געהאַט זעהר א שטאַרקען גלויבען אין מיר, רעקטאָר קאָרלל. איך וואָלט עס כמעט געקענט אָנרופען א וו א ר ע מ ע ן גלויבען.

ק ר אָ ל ל (מיט אַן אונטערדריקטער שטימע) : וועמען האָט איהר ניט געקענט בע'כשופ'ען, ווען איהר האָט זיך נור אָבגעלעגט דערויף.

ר ע ב ע ק א : האָב איך זיך אָבגעלעגט ?

ק ר אַ ל ל : יאָ, איהר האָט. איך בין שוין מעהר ניט אזא נאַר צו גלויבען, אז עס איז עפּעס געווען אַן ערנסטער געפיהל אין דער זאַך. איהר האָט איינפאַך געוואָלט זיך בויען א נעסט אין ראַזמערסהאָלם — זיך בּעסט בעזעצען דאָ — און דערצו האָב איך איך געדאַרפט העלפען. איצט זעה איך עס ארוים.

ר ע ב ע ק א : איהר האָט שוין הפנים גאָר אין גאַנצען פערגעסען, אז בעאטע האָט מיך געבעטען און איז צוגעשטאַנען צו מיר איך זאָל קומען אהער.

ק ר אַ ל ל : יאָ, ווען איהר האָט זי אויך בע׳כשופ׳ט. קען מען דען אָנרופען דעם געפיהל וועלכען זי האָט געהאַט צו אייך פריינדשאַפט ? עס איז געווען א מין פערהייליגונג — כמעט א פערגעטערונג. עס האָט זיך ענטוויקעלט אין א מין — ווי זאָל איך עס אָנרופען — א מין פערצווייפעלטער ליידענשאַפט. — יאָ, דאָס איז דער ריכטיגער וואָרט דערפאַר.

ר ע ב ע ק א : זייט אזוי גוט און דערמאָנט זיך אין וואָס פאַר א צושטאַנד אייער שוועסטער איז דאַן געווען. וואָס אָנבעטרעפט מיך, דענק איך, קיינער קען מיך ניט בעשולדיגען, אז איך בין היסטעריש.

ק ר אַ ל ל : ניין; דאָס זייט איהר געווים ניט. אָבער דאָס מאַכט אייך נאָך מעהר געפעהרליך פאַר די יעניגע, וועלכע איהר ווילט אריינקריגען אין אייערע הענד. עס איז זעהר לייכט פאַר אייך אָבצואווענען אייערע אַלע טהאַטען און אויסצורעכענען די רעזולטאַטען — טאַקע ווייל אייער הארץ איז אזוי קאַלט.

ר ע ב ע ק א : קאַלט ? זייט איהר אזוי זיכער אין דעם ?

ק ר אַ ל ל : איך בין איצט גאַנץ זיכער דעריין. אז ניט וואָלט איהר ניט געקענט זיצען דאָ יאָהר־איין, יאָהר־אויס, אזוי פעסט פערפאָלגענדיג אייער ציעל. יאָ, יאָ — איהר האָט ערריכט וואָס איהר האָט געוואָלט. איהר האָט איהם און אַלעס איבריגע אין אייער מאַכט. אָבער אום דאָס אַלעס דורכצופיהרען

האָט איך ניט געצערט אפילו וואָס איהר האָט איהם געמאכט אונ־גליקליך.

ר ע ב ע ק א : דאָס איז ניט אמת. ניט איך האָב עס גע־טהאָן — איהר אליין האָט איהם אונגליקליך געמאכט.

ק ר אָ ל ל : איך ?

ר ע ב ע ק א : יאָ, מיט דעם, וואָס איהר האָט געמאכט ער זאָל זיך איינבילדען, אז ער איז פעראנטוואָרטליך פאר בעאטע׳ס שרעקליכען סוף.

ק ר אָ ל ל : פיהלט ער עס דען אזוי שטארק ?

ר ע ב ע ק א : ווי קענט איהר עס גאָר צווייפלען ? אזא צארטער געמיטה, ווי זיינער —

ק ר אָ ל ל : איך האָב געמיינט, אז א זאָגענאנטער עמאנצי־פירטער מאן שטעהט העכער איבער אלע אזעלכע בעזינונגען. — אָבער אָט זעהט איהר דאָך! אָה, יאָ — איך בין מודה, אז איך האָט עס פאָראויסגעזעהן. דער וואָס שטאמט אָפּ פון די מענער, וועלכע קוקען ארונטער אויף אונז פון אָט די וואנד — ווי אזוי קען ער האָפען צו קענען אזוי לייכט זיך אָוועקרייסען פון אלעס, וואָס איז איהם איבערגעגעבען געוואָרען בירושה כסדר פון דור צו דור ?

ר ע ב ע ק א (קוקט אראָב, פערטראכט) : יאָהאנעס ראָזמער׳ס גייסט איז טיעף איינגעוואָרצעלט אין די טראדיציעס פון זיין שטאם. דאָס איז גאנץ זיכער.

ק ר אָ ל ל: יאָ. איהר האָט געדראָפּט נעהמען אָט דעם פאקט אין אָנבעטראכט, אויב איהר האָט געפיהלט וויפיעל עס איז ליעבשאפט צו איהם. אָבער אזעלכע איבערלעגונגען זיינען אָהן צווייפעל צו הויך פאר אייך. עס איז אזא גרויסער חלוק צווישען אייערע פאָרגענגער און זיינע.

ר ע ב ע ק א : וואסערע פאָרגענגער מיינט איהר ?

ק ר אָ ל ל : איך רייד וועגן אייער אָבשטאמונג — אייערן פאמיליען־פאָרגענגער, פריילין וועסט.

ר ע ב ע ק א: אָה, ווירקליך! יאָ, עס איז אמת, אַז איך קום ארויס פון זעהר איינפאַכע מענשען. אָבער פון דעסטוועגען—

ק ר אָ ל ל: איך רעד ניט וועגען שטאַנד און יחוס. איך בעציה זיך אויף אייער מאָראַלישע אָבשטאַמונג.

ר ע ב ע ק א: מאָראַלישע? אין וואָס פאַר א זין?

ק ר אָ ל ל: די אומשטענדען פון אייער געבורט.

ר ע ב ע ק א: וואָס מיינט איהר?

ק ר אָ ל ל: איך דערמאָן עס נור דערפאַר, ווייל ד אָ ס ער־קלעהרט אייער גאַנצע אויפפיהרונג.

ר ע ב ע ק א: איך פערשטעה דאָס ניט. איהר מוזט עס ערקלעהרען.

ק ר אָ ל ל: איך האָב ווירקליך ניט געדענקט, אַז איהר וועט פאָדער־ען אַן ערקלעהרונג. עס וואָלט זאָנסט געוועזען זעהר זאָנ־דערבאַר וואָס איהר האָט דערלאָזט, אַז דאָקטאָר וועסט זאָל אייך אדאָפּטירען —

ר ע ב ע ק א: (שטעהט אויף) אָה! איצט פערשטעה איך.

ק ר אָ ל ל: און וואָס איהר האָט אָנגענומען זיין נאָמען. אייער מוטערס פאַמיליען־נאָמען איז געוועזען גאַמוויק.

ר ע ב ע ק א (שפּרייזט איבער'ן צימער): מיין פאָטער'ס נאָ־מען איז געוועזען גאַמוויק, הערר רעקטאָר.

ק ר אָ ל ל: אייער מוטערס פּראָפעסיע האָט איהר געמוזט זעהר אָפט ברענגען אין בעריהרונג מיט'ן בעצירק־דאָקטאָר.

ר ע ב ע ק א: יאָ, ריכטיג.

ק ר אָ ל ל: און דאַן נעהמט ער אייך אריין צו זיך אין הויז. אַזוי באַלד ווי אייער מוטער איז געשטאָרבען. ער בענעהמט זיך מיט אייך זעהר שטרענג; און דאָך בלייבט איהר ביי איהם. איהר ווייסט, אַז ער וועט אייך קיין גראָשען ניט לאָזען — און ווירקליך האָט איהר דאָך גאָרנישט בעקומען אויסער דעם אַלמער ביכער — און דאָך זייט איהר ביי אירם; איהר לײַדעט פון איהם; איהר פּאַסט איהם אויף ביז אין דער לעצטער מינוט.

ר ע ב ע ק א (שטעהט בייים טיש און קוקט אויף איהם מיט כעס):

און איהר ערקלעהרט דאָס אַלעס, אַננעהמענדיג, אַז עס איז געווען עפּעס אונזיטליכעס, עפּעס פערברעכערישעס אין מיין געבורט ?

ק ר אָ ל ל : איך שרייב צו אייער זאַרגפעלטיגקייט פאַר איהם צו דעם נאַטירליכען אינסטינקט פון אַ קינד צו זיינע עלטערן. אין דער ווירקליכקייט האַלט איך אייער גאַנצע בענעהמונג אַלס אַ פאָלגע פון אייער אָבשטאַמונג.

ר ע ב ע ק א (האַסטיג) : אָבער עס איז קיין איינציג אמת וואָרט ניטאָ אין אַלעס, וואָס איהר זאָגט! און איך קען דער־ווייזען! דאָקטאָר וועסט איז ניט געקומען אין פינמארק ביז אַ צייט נאָכדעם ווי איך בין געבאָרען געוואָרען.

ק ר אָ ל ל : ענטשולדיגט, פריילין וועסט. ער האָט זיך דאָרט בעזעצט מיט אַ יאָהר פריהער איידער איהר זייט געבאָרען געוואָ־רען. איך האָב דאָס אויסגעפונען אויף זיכער.

ר ע ב ע ק א : איהר האָט אַ טעות זאָג איך! איהר זייט לחלוטין אין טעות!

ק ר אָ ל ל : פאָרגעסטערען האָט איהר מיר געזאָגט, אַז אייך איז ניין־און־צוואַנציג יאָהר — אַז אייך געהט דער דרייסיגסטער.

ר ע ב ע ק א : ווירקליך! האָב איך אַזוי געזאָגט?

ק ר אָ ל ל : יאָ, אַזוי האָט איהר געזאָגט. און פון דעם קען איך אויסרעכענען, אַז —

ר ע ב ע ק א : האַלט! איהר דאַרפט מעהר ניט רעכענען. איך וועל אייך בעסער גלייך זאָגען: איך בין מיט אַ יאָהר עלטער ווי איך גיב זיך אַרויס.

ק ר אָ ל ל (שמייכעלט, ווי ניט גלויבענדיג): אַזוי גאָר? איך בין ערשטוינט. וואָס קען זיין די אורזאַך דערפון?

ר ע ב ע ק א : ווען איך בין געוואָרען פינף־און־צוואַנציג יאָהר אַלט, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס איז אביסעל צו אַלט פאַר אַן אונפערהייראַטער פרויענצימער. און דעריבער האָב איך אָנגעהויבען צו לייקענען מיינע יאָהרען.

ק ר אָ ל ל : איהר? אַן עמאַנציפּירטע פרוי! האָט איהר דען וועלכע עס איז פאָראורטיילע וועגען הייראַטס־עלטער?

ר ע ב ע ק א : יאָ, דאָס איז פּין מיין זייט געווען זעהר נאַריש — און אויך לעכערליך. אָבער עס פערבלייבט אימער עפּעס א נארישקייט, פון וועלכער מען קען זיך ניט בעפרייען. אזוי זיינען מיר.

ק ר אָ ל ל : נו, זאָל זיין אזוי; אָבער מיין חשבון איז נאָך אלעמען ריכטיג. ווייל דאָקטאָר וועסט איז דאָרט געווען אויף א קורצען בעזוך א יאָהר פריהער איידער ער האָט בעקומען די שטעלע.

ר ע ב ע ק א (פּלאַצט אויס) : דאָס איז ניט אמת!

ק ר אָ ל ל : עס איז ניט אמת?

ר ע ב ע ק א : ניין. מיין מוטער האָט וועגען דעם קיין מאָל קיין וואָרט ניט געזאָגט.

ק ר אָ ל ל : קיין מאָל ניט?

ר ע ב ע ק א : ניין, קיין מאָל ניט. און דאָקטאָר וועסט אויך ניט; קיין איין איינציגען וואָרט ניט וועגען דעם!

ק ר אָ ל ל : צי איז דאָס אפּשר ניט דערפאַר, ווייל זיי האָבען ביידע געהאַט אורזאַכען צו לייקענען א יאָהר? גראָד ווי א י ה ר האָט געטאָן, פריילין וועסט. פּיליכט איז עס ביי אייך א פאַמיליען־פעהלער?

ר ע ב ע ק א (שפּרייזט אַרום, ברעכענדיג די הענד) : עס איז אוממעגליך. איהר ווילט עס מיר ניר איינרעדען. דאָס קען קיין מאָל ניט זיין אמת. עס ק ע ן נ י ט זיין! קיין מאָל אין דער וועלט ניט!

ק ר אָ ל ל (הויבט זיך אויף): אָבער, ליעבע פריילין וועסט, וואַרום, אום גאָטעס ווילען, זיי איהר אזוי שטאַרק אויפגערעגט? איך שרעק זיך פאַר אייך כמעט. וואָס זאָל איך דענקען, וואָס זאָל איך גלויבען?

ר ע ב ע ק א : גאָרנישט! איהר דאַרפט גאָרנישט דענקען און ניט גלויבען.

ק ר אָ ל ל : דאַן מוזט איהר מיר טאַקע ערקלעהרען וואַרום איהר נעהמט זיך אָט די זאַך — די מעגליכקייט — אזוי געפעהרליך צום הארצען?

ר ע ב ע ק א (בעהערשט זיך): עס איז גאנץ איינפאך, רעק־טאָר קראָלל. איך וויל ניט מען זאָל מיך רעכענען פאר אן אוננגע־זעצליך קינד.

ק ר אָ ל ל : ווירקליך! נו, גוט, לאָמיר זיך דערווייל צו־פריעדען שטעלען מיט דער ערקלעהרונג. נור אויב אזוי, האָט איהר נאָך, הפנים, פּאָראורטהיילע אין דער הינזיכט אויך?

ר ע ב ע ק א : יאָ, הפנים אז איך האָב טאַקע.

ק ר אָ ל ל : אה, איך שטעל מיר פאָר, אז אזוי מוז זיין די מעשה מיט דעם גרעסטען טייל פון דאָס וואָס איהר רופט „עמאנ־ציפּאציע". איהר האָט זיך אָנגעלעזען מיט א געוויסער צאָהל נייע אידעען און מיינונגען. איהר האָט בעקומען א ברעקעל ידיעה פון די לעצטע ענטדעקונגען אויף פערשיעדענע געביעטען — ענטדע־קונגען וואָס דוכט זיך אז זיי קעהרען איבער געוויסע פּרינציפּען, וועלכע מען האָט ביז יעצט געהאלטען פאר פעסט און אונאנגרייפ־באר. אָבער די גאנצע זאך איז ביי אייך ניט מעהר ווי א שטיקעל קאָפּ־ארבייט, פריילין וועסט — אן אויבערפלעכליכע איינשאפונג. עס איז ניט אריין אין אייער בלוט.

ר ע ב ע ק א : (פערטראַכט) אפשר זייט איהר גערעכט.

ק ר אָ ל ל: יאָ, קוקט זיך נור איין טיעף אין זיך אליין, וועט איהר זעהן! אויב דאָס איז דער פאַל מיט אייך, קען מען זיך שוין פאָרשטעלען ווי עס האלט מיט יאָהאנעס ראָזמער. עס איז פשוט'ע, אוננגעמילדערטע משוגעת — עס הייסט, לויפען מיט פער־מאכטע אויגען אין אומגליק — ווען ע ר דענקט ארויסצוטרע־טען אָפען און זיך ערקלעהרען פאר א רענעגאט! בעטראכט נור — א מאן מיט אזא עמפּפינדליכער נאטור! שטעלט אייך פאָר — ער, פערשטויסען און פערפאָלגט פון דעם קרייז, צו וועלכען ער האָט אימער געהערט — אָפען געשטעלט פאר אונדערבארימליכע אָנ־גריפען פון די בעסטע מענשען פון דער געמיינדע! ער איז ניט — ער קען קיין מאָל ניט זיין דער מענש דאָס אַלעס איבערצוטראָגען.

ר ע ב ע ק א : ער מוז עס אריבערטראָגען. איצט איז פאַר איהם שוין צו שפּעט צוריק צו טרעטען.

קראָלל: עס איז גאָר ניט צו שפּעט. אויף קיין פאַל ניט. וואָס איז געשעהן, קען פערשווינען ווערן — אָדער, ווינציגסטענס, קען מען עס ערקלעהרען פאַר אַן איבערגאַנגס־שגעון, ווי בעדויערנסווערטה דאָס זאָל ניט זיין. נור איין זאַך איז אומבעדינגט נויטווענדיג.

רעבעקקא: און וואָס איז עס אַזוינס?

קראָלל: איהר מוזט זעהן, ער זאָל גנזעצליך מאַכען די בעציהונג, פּריילין וועסט.

רעבעקקא: זיין בעציהונג צו מיר?

קראָלל: יאָ, איהר מוזט זעהן, ער זאָל עס טהאָן.

רעבעקקא: דאָס הייסט, אַז איהר קענט זיך אבסאָלוט ניט בעפּרייען פון דעם געדאַנק, אַז אונזערע בעציהונגען נויטיגען זיך צו ווערען גנזעצליך, ווי איהר רופט עס?

קראָלל: אין דעם ענין וואָלט איך בעסער צו טיעף ניט געוואָלט אריינקריכען. מיר דוכט אָבער, איך האָב בעמערקט, אַז אין ערגעץ איז ניט אַזוי גרינג דורכצוברעכען אַלע זאָגענאַנטע פאָראורטהיילע, ווי אין — ה'ם —

רעבעקקא: יאָ, — אָפען גערעדט — אַזוי רענק איך.

רעבעקקא: (געהט דורכ'ן צימער און קוקט אַרויס אין פענסטער) איך וואָלט כמעט קענען זאָגען — הלואי וואָלט איהר רעכט געהאַט, רעקטאָר קראָלל.

קראָלל: וואָס מיינט איהר דערמיט? איהר זאָגט עס אַזוי מאָדנע.

רעבעקקא: אַך, נו, — לאָמיר אויפהערען רעדען וועגען דעם. אַה, אָט קומט ער.

קראָלל: שוין! דאַן וועל איך געהן.

רעבעקקא: (געהט צו צו איהם). ניין—איך בעט אייך, בלייבט דאָ. איך האָב עפּעס, וואָס איך וויל איהר זאָלט הערען.

ק ר אָ ל ל : ניט איצטער. איך פיהל מיך ניט בכח זיך צו זעהן מיט איהם.

ר ע ב ע ק א : איך בעט אייך, בלייבט, טהוט עס! ווען ניט, וועט איהר שפּעטער חרטה האָבען. דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך בעט ביי אייך עפּעס.

ק ר אָ ל ל : (קוקט אויף איהר ערשטוינט און לעגט אַוועק זיין הוט) נו, גוט, פריילין וועסט — זאָל זיין אזוי.

(אַ קורצעס שטיל־שווייגען, דאַן קומט אַריין יאָהאַנעס ראָזמערס פון פאָדערצימער).

ר אָ ז מ ע ר : (דערזעהט דעם רעקטאָר און שטעלט זיך אָב אין טיר) וואָס! — ד ו ביזט דאָ!

ר ע ב ע ק א : ער האָט ניט געוואָלט מיט דיר זיך בעגעגע־נען, ליעבער.

ק ר אָ ל ל : (ניט ווילענדיג) „דו" !

ר ע ב ע ק א : יאָ, רעקטאָר קראָלל, ראָזמער און איך זאָגען „דו" איינער דעם אַנדערן. דאָס איז אַ רעזולטאַט פון אונזער „בע־ציהונג".

ק ר אָ ל ל : איז עס ד אָ ס, וואָס איהר האָט געוואָלט, איך זאָל הערען ?

ר ע ב ע ק א : דאָס — און נאָך עטוואָס.

ר אָ ז מ ע ר : (קומט נעהנטער) וואָס איז די אַבזיכט פון דיין בעזוך ?

ק ר אָ ל ל : איך וויל נאָך אַמאָל פּראָבירען דיך אָבצוהאַל־טען, און דיך צוריק צו געווינען.

ר אָ ז מ ע ר : (ווייזט אויף דער צייטונג) נאָך דעם וואָס איז דאָרטען געשריעבען ?

ק ר אָ ל ל : איך האָב עס ניט געשריעבען.

ר אָ ז מ ע ר : האָסטו זיך גענומען די קלענסטע מיהע ניט צו דערלאָזען עס זאָל ערשיינען ?

ק ר אָ ל ל : דאָס וואָלט געהייסען ניט טריי זיין דער זאַך,

וועלבער איך דיען, און א חוץ דעם איז עס ניט געלעגען אין מיין האנד.

רעבעקא: (צורייסט די צייטונג אין קליינע שטיקלעך, צו־קנייטשט זיי און וואַרפט זיי הינטער דעם אויוועז) נאַ! איצט איז עס ניטאָ פאַר די אויגען. זאָל עס ארויס פון קאָפּ אויך. דען עס ־עט מעהר אזוינס ניט זיין, ראָזמער.

קראָלל: אָה, ווען איהר קענט עס נור זיכער אויספיהרען!

רעבעקא: קום, לאָמיר זיך זעטצען. אלע דריי. און דאַן וועל איך אייך אלעס דערצעהלען.

ראָזמער: (זעצט זיך אַוועק מעכאַניש) וואָס איז געוואָרען מיט דיר, רעבעקא? די אוננאטירליכע רוהיגקייט — וואָס איז דאָס?

רעבעקא: די רוהיגקייט פון ענטשלאָסענהייט. (זעצט זיך) ביטע, זעצט זיך אויך, הערר רעקטאָר.

(רעקטאָר קראָלל זעצט זיך אויף דער סאָפאַ).

ראָזמער: ענטשלאָסענהייט, זאָגסטו? וואָס פאַר ענטשלאָסענהייט?

רעבעקא: איך וועל דיר צוריקקעהרען דאָס, וואָס דו דאַרפסט אום צו לעבען דיין לעבען. טייערער פריינד, דו וועסט צוריק קריגען דיין גליקליכע אונשולד!

ראָזמער: וואָס קענסטו דערמיט מיינען?

רעבעקא: איך האָב דיר נור עפּעס צו דערצעהלען. דאָס וועט זיין גענוג.

ראָזמער: אלזאָ?

רעבעקא: ווען איך בין אהער געקומען פון פינמארק — צוזאמען מיט דאָקטאָר וועסט — האָט זיך מיר געדאַכט, אז עס עפענט זיך פאַר מיר א גרויסע, נייע וועלט. דער דאָקטאָר האָט מיך געלערענט א סך פערשיעדענע זאכען — די אלע ברעקלעך ידיעות פון לעבען, וואָס איך האָב דאַן פערמאָגט (אָנגעשטרענגט און קוים וואָס מען הערט זי) און דאַן —

קראָלל: און דאַן?

ר אָ ז מ ע ר : אָבער — דאָס ווייס איך דאָך אַלעס, רעבעקא.

ר ע ב ע ק א : (בעתערשט זיך) יאָ, יאָ — דו ביזט געראַבט, דו ווייסט גענוג וועגען דעם.

ק ר אָ ל ל : (קוקט אויף איהר הארט) אפשר זאָל איך בעסער אוועקגעהן.

ר ע ב ע ק א : ניין, איך בעט אייך, בלייבט דאָ זיצען, ליעבער רעקטאָר. (צו ראָזמערען) נו, אַזוי איז עס אַלזאָ געווען — איך האָב געוואָלט נעהמען מיין טהייל אין דעם לעבען פון דער נייער צייט, וועלכע איז אָנגעקומען מיט איהרע אַלע נייע אידעען. — איין מאָל האָט מיר רעקטאָר קראָלל דערצעהלט, אז אולריק ברענדעל האָט געהאַט א גרויסען איינפלוס אויף דיר, ווען דו ביזט נאָך געווען א אינגעל. איך האָב געדענקט, אז עס וועט מיר זיכער מעגליך זיין פאָרטצוזעצען זיין ארבייט.

ר אָ ז מ ע ר : דו ביזט אהער געקומען מיט א געהיימער אבזיכט ?

ר ע ב ע ק א : מירביידע, האָב איך געדענקט, וועלען אין פרייהייט מארשירען פאָרווערטס זייט ביי זייט. אימער פאָרווערטס. אימער ווייטער און ווייטער צום פראָנט. אָבער צווישען דיר און פאָלקאָמענער בעפרייאונג האָט זיך ערהויבען יענע פינסטערע וואנד, וועלכע איז געווען אונמעגליך דורכצוברעכען.

ר אָ ז מ ע ר : וואָס פאר א וואנד מיינסטו ?

ר ע ב ע ק א : איך מיין דיעזעס, ראָזמער: דו האָסט געקענט ארייננוואקסען אין פרייהייט נור אין קלאָרען פרישען זונען־שיין — אָבער דאָ האָסטו געשמאכט און געוועלקט אין דער פינסטערניש פון אזא הייראַט.

ר אָ ז מ ע ר : דו האָסט פריהער קיין מאָל צו מיר ניט גערעדט אין דעם טאָן וועגען מיין הייראַט.

ר ע ב ע ק א : ניין, איך האָב ניט געוואגט, דען איך וואָלט דיך דערמיט אָבגעשראָקען.

ק ר אָ ל ל : (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ צו ראָזמערען) דו הערסט ?

ר ע ב ע ק א : (זעצט פאָרט) אָבער איך האָב גאנץ גוט געזע־

העז וואו דיין רעטונג ליעגט — דיין איינציגע רעטונג. און דאן האָב איך זיך גענומען פאַר דער ארבייט.

ר אָ ז מ ע ר : האָסט זיך גענומען פאַר דער ארבייט? אויף וועלכען אופן?

ק ר אָ ל ל : מיינט איהר דערמיט—?

ר ע ב ע ק א : יאָ, ראָזמער. (הויבט זיך אויף) זייט רוהיג, איהר אויך, רעקטאָר קראָלל. איצט אָבער מוז עס ארויסקומען. ניט דו ביזט עס געווען, ראָזמער. דו ביזט אונשולדיג. דאָס בין איך געווען, וועלכע האָט פערנארט — וועלכע האָט ענדליך פערנארט בעאָטען אויף די וועגען פון וואהנזינן —

ר אָ ז מ ע ר : (שפּרינגט אויף) רעבעקא!

ק ר אָ ל ל : (הויבט זיך אויף פון סאָפאַ) אויף די וועגען פון וואהנזין!

ר ע ב ע ק א : אוי די וועגען וואָס האָבען געפיהרט צום מיהל־טייך. איצט ווייסט איהר עס, איהרביידע.

ר אָ ז מ ע ר : (ווי בעטויבט) אָבער איך פערשטעה ניט. וואָס זאָגט זי? איך פערשטעה א וואָרט ניט—!

ק ר אָ ל ל : אָה יאָ, ראָזמער, איך פאַנג אָן צו פערשטעהן.

ר אָ ז מ ע ר : אָבער וואָס האָסטו געטהאָן? וואָס האָסט דו איהר געקענט זאָגען? עס איז דאָך גאָרניט געווען — אבסאָלוט גאָרניט, וואָס צו דערצעהלען!

ר ע ב ע ק א : זי האָט זיך דערוואוסט, אז דו האלסט זיך אין בעפרייען פון אלע אלטע פאָראורטהיילע.

ר אָ ז מ ע ר : אָבער אין יענער צייט איז דאָס דאָך גאָרניט געווען דער פאַל.

ר ע ב ע ק א : איך האָב געוואוסט אז עס וועט באלד אזוי זיין.

ק ר אָ ל : (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ צו ראָזמערען) אהא!

ר אָ ז מ ע ר : און דאן? וואָס ווייטער? איצט מוז איך אלעס וויסען.

רעבעקא: אין א צייט אַרום — האָב איך זיך געבעטען ביי איהר, זי זאָל מיך לאָזען אוועקפאָהרען פון ראָזמערסהאָלם.

ראָזמער: ווארום האָסטו דאן געוואָלט אוועקפאָהרען?

רעבעקא: איך האָב ניט געוואָלט פאָהרען; איך האָב געוואָלט דאָ בלייבען. נור איהר האָב איך געזאָגט, אז עס וואָלט זיין דאָס בעסטע פאר אונז אלעמען אז איך זאָל אוועקפאָהרען בעצייטענס. איך האָב געגעבען אָנצוהערען, אז אויב איך וועל דאָ ווייטער בלייבען, קען איך ניט — קען איך ניט קאווירען — וואָס עס קען טרעפען.

ראָזמער: אָט דאָס, הייסט עס, איז וואָס דו האָסט געזאָגט און געטהאָן!

רעבעקא: יאָ, ראָזמער.

ראָזמער: אָט דאָס איז וואָס דו רופסט „זיך נעהמען פאר דער ארבייט“.

רעבעקא: (אין א געבראָכענער שטימע) יאָ, אזוי האָב איך עס גערופען.

ראָזמער: (נאָך א פויזע) האָסטו איצט שוין אין אלעם זיך מודה געווען, רעבעקא?

רעבעקא: יאָ.

קראָלל: ניט אין אלעם.

רעבעקא: (קוקט אויף איהם דערשראָקען) וואָס נאָך קען דען זיין?

קראָלל: האָט איהר ניט ענדליך געגעבען בעאַטען צו פערשטעהן, אז עס איז געווען נויטיג — ניט נור ראַטהזאַם, נאָר נויטהיג — אי פאר אייך, אי פאר ראָזמערען, אז איהר זאָלט ערגעץ וואו אייעקפאָהרען — אזוי שנעל ווי מעגליך? — הא?

רעבעקא: (שטיל און ניט דייטליך) אפשר האָב איך עפּעס אזוינס געזאָגט.

ראָזמער: (זינקט אַרונטער אין לעהנשטוהל ביים פענסטער) און אין אָט דעם געוועב פון ליגען און בעטרוג האָט מיין אונגליקליכע, קראַנקע פרוי געגלויבט! אזוי פעסט געגלויבט! אזוי אונ־

ערשיטערליך ! (קוקט ארויף צו רעבעקא׳ן) און זי האָט זיך קיין מאָל ניט געווענדעט צו מיר. קיין מאָל מיר קיין וואָרט ניט געזאָגט! אָה, רעבעקא — איך זעה דאָס אין דיינע אויגען, דו האָסט איהר אָבגערעדט דערפון!

ר ע ב ע ק א : זי האָט זיך אריין גענומען אין קאָפּ, אז אלס קינדערלאָזע פרוי האָט זי קיין רעכט ניט דאָ צו פערבלייבען, און דאן האָט זי זיך איינגעבילדעט, אז עס איז איהר פליכט צו דיר זיך צו בעזייטיגען.

ר אָ ז מ ע ר : און דו — דו האָסט קיין זאך ניט געטהאָן, אום איהר ארויס צו שלאָגען פון קאָפּ דעם געדאנק ?

ר ע ב ע ק א : ניין.

ק ר אָ ל ל : אפשר האָט איהר נאָך פערשטארקט דעם געדאנק אין איהר ? ענטפערט מיר ! האָט איהר דאָס ניט געטהאָן ?

ר ע ב ע ק א : איך גלויב, אז זי האָט מיך געקענט אזוי פערשטעהן.

ר אָ ז מ ע ר : יא, יא, — און זי האָט אלעם זיך געבויגען פאר דיין ווילען. און זי האָט זיך בעזייטיגט. (שפּרינגט אויף) ווי האָסט די עס געקענט — ווי אזוי האָסט דו געקענט שפּילען אזא טייפעלשע שפּיעל ?

ר ע ב ע ק א : עס האָט זיך מיר געדאכט אז איך מוז דאָ אויסקלייבען צווישען אייערע ביידענס לעבענס, ראָזמער.

ק ר אָ ל ל : (שטרענג און איינדרוקספול) ניט א י ה ר האָט געדארפט אויסקלייבען !

ר ע ב ע ק א : (היציג) דענקט איהר דען, אז איך האָב די גאנצע צייט געהאַנדעלט קאַלט, אויסגערעכענט און רוהיג ! איך בין דאן ניט געווען די זעלבע פרוי, ווי איך בין יעצט, בעת איך שטעה דאָ פאר אייך און דערצעהל אייך אלעס. אויסער דעם, איך גלויב, אז אין אונז זיינען פאראנען צוויי סאָרטען ווילענס ! איך האָב געוואָלט בעאטע זאל אוועק, אויף איין אופן, אדער אויף אנאנ־דערען ; איך האָב אָבער קיינמאָל ווירקליך ניט געגלויבט, אז דאָס

וועט אמאָל געשעהן. טאפּענדיג מיין וועג אלץ ווייטער, ביי יעדען שריט וואָס איך האָב אונטערנומען, האָט ווי עפּעס געשריען אין מיר: ניט ווייטער! קיין שריט ניט ווייטער! און דאָך האָב איך זיך ניט **געקענט** אָבשטעלען. איך האָב **געמוזט** געהן א קליין ביסעלע ווייטער. נאָך א האָרעלע ווייטער. און דאן נאָך א האָרעלע — רק איין האָרעלע ווייטער — און דאן איז עס געקו־מען. אָט אזוי פּאסירען געוועהנליך אזעלכע זאכען.

(א קורצעס שטיל־שווייגען).

ראָזמער: (צו רעבעקאַ'ן) וואס דענקסט דו וועט איצט זיין מיט דיר? נאָך דאָס?

רעבעקא: איצט מוז זיין וואָס עס וויל זיך. עס מאכט מיר ניט שטארק אויס.

קראָלל: קיין איין וואָרט פון חרטה! איז עס מעגליך, אז איהר פיהלט גאָר קיין חרטה?

רעבעקא: (ווייזט קאַלט צוריק די פראַגע) ענטשולדיגט, רעקטאָר קראָלל, דאָס איז א זאך, וועלכע איז קיינעם ניט נוגע אוי־סער מיך. וועגען דעם מוז איך צורעכט קומען מיט זיך אליין.

קראָלל: (צו ראָזמערען) און דאָס איז די פרוי, מיט וועל־כער דו וואָהנסט אונטער איין דאך — אין די נעהענסטע בעציהונ־גען! (קוקט זיך אַרום אויף די בילדער) אָה — ווען די פערשטאָר־בענע וואָלטען איצט געקענט א קוק טהאָן אויף אונז!

ראָזמער: דו געהסט צוריק אין שטאָדט?

קראָלל: (נעהמט זיין הוט) יא. וואָס שנעלער, אלץ בע־סער.

ראָזמער: (טהוט דאָס זעלבע) געה איך אויך מיט דיר.

קראָלל: דו געהסט! אָך, יא, איך בין געוועזן זיכער, אז מיר האָבען דיך ניט אין גאנצען פערלאָרען.

ראָזמער: אלזאָ קום, קראָלל, קום!

(ביידע געהען ארויס דורך דעם פאָדערצימער, ניט קוקענדיג אויף רעבעקאַ'ן).

(אין א ווײַלע אַרום גײט רעבעקאַ פּאַרזיכטיג צו צום פענסטער און קוקט אַרויס דורך די בלומען).

ר ע ב ע ק א: (רעדט צו זיך אַליין שטילערהייד) זהיינט אויך ניט איבערן בריקעל. ער גײט אַרום און אַרום. קיין מאָל ניט איבער'ן מיהל - טייך. קיין מאָל ניט. (גײט אַוועק פון פענסטער) אזוי, אזוי! (גײט צו און גיט אַ ציה דאָס שנירעל פון גלאָק. פרוי העלזעט קומט אַריין פון דער רעכטער זייט).

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: וואָס איז, פריילין?

ר ע ב ע ק א: פרוי העלזעט, ווילט איהר זיין אַזוי גוט און זעהן מען זאָל מיר אַראָבנעהמען דעם קופער פון בוידעם.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: אייער קופער?

ר ע ב ע ק א: יא, איהר ווייסט דאָך, דעם ברוינעם לעדער־נעם קופער.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: יא, יא. אָבער גאָט איז מיט אייך — פאָהרט איהר ערגעץ אויף א רייזע, פריילין?

ר ע ב ע ק א: יא, איצט פאָהר איך אויף א רייזע.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: און גלייך באלד!

ר ע ב ע ק א: אזוי שנעל ווי איך וועל זיך פערפּאַקען.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: איך האָב נאָך קיינמאָל אזעלכעס ניט געהערט! אָבער איהר וועט דאָך, פערשטעהט זיך, באלד קו־מען צוריק, פריילין?

ר ע ב ע ק א: איך וועל שוין קיין מאָל ניט צוריק קומען.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: קיין מאָל ניט! אך, מיין גאָט, וואָס וועט פון אלעם ווערען אין ראָזמערסהאָלם, ווען איהר וועט אוועק־פאָהרען, פריילין? און דער אָרעמער פאַסטאָר האָט ערשט אָנגע־הויבען צו פיהלען זיך אזוי גוט און בעקוועם.

ר ע ב ע ק א: יא, אָבער איך האָב זיך היינט דערשראָקען, פרוי העלזעט.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: זיך דערשראָקען! אך, גאָט! ווי האָט עס פּאַסירט?

ר ע ב ע ק א: מיר האָט זיך געדאַכט איך האָב געזעהן עפּיס

ווי א בלישץ פון די ווייסע פערד.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט : ווייסע פערד ! אין מיטען העלען טאָג !

ר ע ב ע ק א : אה, זיי זיינען פאראן ווי פריה, אזוי שפעט — די ווייסע פערד פון ראָזמערסהאָלם. (בייט אום דעם טאָן) נו, — ווע־נען דעם קופער, פרוי העלזעט.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט : יא, יא. דער קופער.

(ביידע געהען ארויס רעכטס).

פיערטער אקט.

דאָס גאסט צימער אין ראָזמערסהאָלם. שפּעט אין אָבענד. אן אָנ־געצונדענער לאָמפּ מיט אן אַבאזשור אויפ'ן טיש. רעבעקאַ וועסט שטעהט בײם טיש און פּאַקט איין קלײניקײטען אין אַ האַנד־טאַש. איהר מאַנטעל, הוט און דער װײסער געשטריקטער טוך הענגען אויף דער סאָפאַ.
פרוי העלזעט קומט ארײן פון רעכטס.

פרוי העלזעט: (רעדט שטיל און פיהלט זיך אונבעקװעם). אלע אײערע זאכען זײנען שוין ארונטערגענומען, פרײלין. זײ זײנען אין קיך־דורכגאנג.

רעבעקא: זעהר גוט. האָט איהר בעשטעלט די קארעטע?

פרוי העלזעט: יא, דער קוטשער וויל וויסען, ווען ער זאָל קומען.

רעבעקא: איך רעכענ ארום עלף א זײגער. די שיף געהט אָב אין מיטען נאכט.

פרוי העלזעט: (שטאמלענדיג) נו, און דער הערר פּאסטאָר? אפשר וועט ער נאָך ביז דאן ניט זײן געקומען?

רעבעקא: איך וועל סיי ווי סיי פאָהרען. אויב איך וועל איהם ניט זעהן, קענט איהר איהם איבערגעבען, אז איך וועל איהם שרײבען — א לאַנגען בריעף. זאָגט עס איהם.

פרוי העלזעט: יא, שרײבען — דאָס מעג טאקע זײן גאנץ גוט. אָבער, אָרעמע פרײלין וועסט — איך רעכענ דאָך, אז איהר האָט געדארפט זעהן מיט איהם רעדען נאָך אמאָל.

רעבעקא: אפשר יא. און דאָך — אפשר טאקע ניט.

פרוי העלזעט: אה — וואָס איך האָב דערלעבט! דאָס האָב איך מיר קײן מאָל ניט געדענקט!

ר ע ב ע ק א: וואָס דען האָט איהר גערענקט, פרוי העלזעט?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: נו, אודאי האָב איך געהאלטען דעם הערר פאסטאָר פאר א מעהר געשטעלטען מענשען.

ר ע ב ע ק א: מעהר געשטעלט?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: יא, דאָס איז וואָס א י ך זאָג.

ר ע ב ע ק א: אָבער וואָס מיינט איהר דען, ליעבע פרוי העלזעט?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: איך מיין וואָס איז ריכטיג און אמת, פריילין. ער האָט זיך ניט געדארפט פון דעם אזוי ארויסדרעהן. ער האָט עס ניט געדארפט.

ר ע ב ע ק א: (קוקט איהר אָן) קומט נאָר אהער, פרוי העל־זעט, זאָגט מיר קלאָר: וואָס דענקט איהר איז די סבה וואָס איך פאָהר אוועק?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: נו, גאָט זאָל ניט שטראָפען פאר די רייד, מסתמא מוז עס אזוי זיין, פריילין. אך, יא, יא! איך דענק אָבער, אז פונ׳ם הערר פאסטאָר׳ס זייט איז עס ניט אזוי שעהן. מאָר־טענסגארד האָט כאָטש געהאט א תירוץ: א י ה ר מאן האָט נאָך געלעבט; האָבען זיי ניט געקענט חתונה האָבען, ווי שטארק זיי זאָ־לען עס ניט געוועזען ווילען. אָבער דער הערר פאסטאָר, — ה׳ם!

ר ע ב ע ק א: (מיט אַ שוואַכען שמייכעל) האָט איהר געקענט גלויבען אזא זאך אויף מיר און אויף פאסטאָר ראָזמער?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: ניין, קיין מאָל אין לעבען נים. ווע־ניגסטענס, — ביז היינט, מיין איך.

ר ע ב ע ק א: און היינט?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: נו, נאָך די אלע שרעקליכע זאכען, וואָס מען דערצעהלט מיר די צייטונגען שרייבען וועגען דעם הערר פאכטאָר —

ר ע ב ע ק א: אהא!

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: א מאן, וועלכער קען אריבערגעהן צו מאָרטענסגארד׳ס רעליגיאָן — מיין גאָט, וועגען איהם קען איך אלעם גלויבען.

ר ע ב ע ק א : אָה, יאָ, איך מיין אזוי. אָבער וואָס איז וועגן מיר ? וואָס קענט איהר זאָגען אויף מיר ?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט : גאָט זאָל היטען, פריילין — איך זעה נים איין וואס מען קען האָבען געגען א י י ך. עס איז ניט אזוי לייכט פאר אן עלענדער פרוי אימער זיך אויסצוהיטען, דאָס איז זיכער. — מיר זיינען אלע ניט מעהר ווי מענשען, פרייל. ווערסט.

ר ע ב ע ק א : דאס איז גאנץ ריכטיג, פרוי העלזעט. מיר זיינען אלע ניט מעהר ווי מענשען. — וואס הערט איהר זיך צו ?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט (שטיל) אָה, מיין גאָט, — מיר דאכט, אז ער קומט.

ר ע ב ע ק א (שפרינגט אויף) : אלזאָ, נאָך אלעמען — ! (ענטשלאָסען) נו, נו; זאָל זיין אזוי.

(יאהאנעס ראזמער קומט אריין פון פאָדערצימער).

ר א ז מ ע ר (זעהט דעם האנד־טאָש און די אנדערע זאכען, ווענדט זיך צו רעבעקא און פרעגט) וואס מיינט דאָס ?

ר ע ב ע ק א : איך פאָהר אוועק.

ר א ז מ ע ר : גלייך ?

ר ע ב ע ק א : יאָ. (צו פרוי העלזעט) אלזא, עלף אזייגער.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט : גוט, פריילין (געהט ארויס רעכטס).

ר א ז מ ע ר : (נאָך א קורצער פאוזע) וואהין פאָהרסטו, רע־בעקא ?

ר ע ב ע ק א : נאָך נאָרד, מיט דער שיף.

ר א ז מ ע ר : נאָרד ? וואס ציהט דיך נאָך נאָרד ?

ר ע ב ע ק א : פון דאָרט בין איך געקומען.

ר אָ ז מ ע ר : אָבער איצט האָסט דאָך דאָרט קיינע פער־בינדונגען ניט.

ר ע ב ע ק א : איך האָב דאָ אויך ניט קיינע.

ר א ז מ ע ר : וואָס דענקסטו צו טאָן ?

ר ע ב ע ק א : איך ווייס ניט. איך וויל נור וואס גיכער אי־בערקומען די גאנצע געשיכטע.

ר א ז מ ע ר : איבערקומען ?

ר ע ב ע ק א: ראזמערסמאלם האָט מיך צובראכען.

ר א ז מ ע ר: (ווערט אויפמערקזאם) דו זאגסט דאָס?

ר ע ב ע ק א: עס האָט מיך אין גאנצען צובראכען, גאנץ האָפנונגסלאָז. איך האָב געהאט א פרייען, שטארקען ווילען, ווען איך בין אהער געקומען. איצט האָב איך איינגעבויגען מיין קאָפּ אונטער א פרעמדען געזעץ — פון היינט אָן, פיהל איך, אז איך האָב צו קיין זאך מעהר קיין מוטה ניט.

ר א ז מ ע ר: פאר וואס ניט? וואס פאר א געזעץ איז עס, וואס דו זאגסט — ?

ר ע ב ע ק א: אָה, ליעבער, לאָמיר איצט וועגען דעם ניט רעדען. — וואס האָט פאסירט צווישען דיר מיט'ן רעקטאָר?

ר א ז מ ע ר: מיר האָבען געשלאָסען פריעדען.

ר ע ב ע ק א: אך, יא, הייסט עס, דערמיט האָט זיך עס געענדיגט.

ר א ז מ ע ר: ער האָט צוזאמען געבראכט אלע אונזערע אלטע פריינד ביי זיך אין הויז. זיי האָבען מיר קלאָר געמאכט, אז די ארבייט פון אויסעדעלען דעם מענשליכען גייסט איז ניט פאר מיר. און א חוץ דעם איז עס אן און פאר זיך האָפנונגסלאָז, רעבעקא. — איך וועל עס לאָזען צורוה.

ר ע ב ע ק א: יא, יא — אפשר איז דאָס דאס בעסטע.

ר א ז מ ע ר: אָט דאָס זאָגסטו איצטער? דענקסטו איצטער אזוי?

ר ע ב ע ק א: איך בין געקומען צו דעם געדאנק די לעצטע פאָר טעג.

ר א ז מ ע ר: דו זאגסט א ליגען, רעבעקא.

ר ע ב ע ק א: א ליגען — !

ר א ז מ ע ר: יא, דו זאגסט א ליגען. דו האָסט קיין מאָל ניט געגלויבט אין מיר. דו האָסט קיין מאָל ניט געגלויבט, אז איך בין שטארק גענוג דורכצופיהרען די זאך ביז צום זיעג.

ר ע ב ע ק א: איך האָב געגלויבט, אז מיר ביידע צוזאמען וואלטען עס געקענט טהאָן.

ר א ז מ ע ר: דאס איז ניט אמת. דו האָסט געדענקט, אז דו אליין וואלסט געקענט ערדייכען עטוואָס גרויסעס אין לעבען; און אז דו וואָלסט מיך געקענט אויסנוצען פאר דיינע צוועקען. איך האָב געזאָלט זיין א ניצליכער אינסטרומענט אין דיינע הענד — דאס איז וואס דו האָסט געדענקט.

ר ע ב ע ק א: הער מיך אויס, ראזמער —.

ר א ז מ ע ר: (זעצט זיך גלייכגילטיג אויף דער סאָפא). אך, וואס איז די פּעולה? איך קען עס איצט זעהן דורך און דורך. איך בין געוועזן ווי א האנדשוה ביי דיר אין די הענד.

ר ע ב ע ק א: הער זיך צו, ראזמער. הער אויס וואס איך האָב צו זאגען. דאס וועט זיין דאס לעצטע מאָל. (זעצט זיך אויף א שטוהל לעבען סאָפא). איך האָב גערעכענט דיר שרייבען וועגען אלעם, ווען איך וועל זיין צוריק אין נאָרד. אבער איך מיין, אז דאָס גלייכסטע וועט זיין דו זאָלסט עס איצטער הערען.

ר א ז מ ע ר: האָסטו אין נאָך וואס זיך מודה צו זיין?

ר ע ב ע ק א: דאָס גרעסטע קומט ערשט.

ר א ז מ ע ר: דאס גרעסטע?

ר ע ב ע ק א: וועגען וואס דו האָסט קיין מאָל קיין פערדאכט ניט געהאט. וואס עס ווארפט ליכט און שאָטען אויף אלעם איבעריגע.

ר א ז מ ע ר: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) איך פערשטעה דאך גאָר אין גאנצען ניט.

ר ע ב ע ק א: עס איז גאנץ אמת, אז איך האָב א מאָל גע־פלאָנעוועט צו פערפעסטיגען זיך אין ראָזמערסהאלם. איך בין גע־ווען זיכער, אז איך וועל זיך איינקעהרען ווי עס דארף צו זיין. אויף איין אופן, צי אויף דעם אנדערן — פערשטעהסטו.

ר א ז מ ע ר: נו, דו האָסט ערדייכט דיין צוועק.

ר ע ב ע ק א: איך גלויב, איך האָב אלעס געקענט ערדייכען אין יענער צייט — אלעס אין דער וועלט. דען איך האָב נאָך גע־האט מיין פורכט־לאָזען פריי געבארענעם ווילען. מיר האָט פאר קיין זאך ניט געארט — איך האָב זיך ניט געשראָקען פאר קיין

מענשליכען צובונד. — אבער דאן האָט זיך אנגעפאנגען עפּעס, וואס האָט געבראכען מיין ווילען און האָט מיך אזוי טרויעריג ניי־דערגעשלאָגען אויף מיין גאנצען לעבען.

ר אָ ז מ ע ר : וואָס האָט זיך אָנגעהויבען ? רייד ניט פער־שטעלט.

ר ע ב ע ק א : עס איז אויף מיר אָנגעקומען אָט די ווילדע ניט - קאָנטראָלירבארע ליידענשאפט. אָה, ראָזמער !

ר אָ ז מ ע ר : א ליידענשאפט ? דו ! נאָך וואָס ?

ר ע ב ע ק א : נאָך דיר.

ר אָ ז מ ע ר : (פּרובירט אויפשפּרינגען) וואָס איז דאָס ?

ר ע ב ע ק א : (שטעלט איהם אָב) זיץ שטיל, ליעבער ; איך האָב נאָך וואָס צו דערצעהלען !

ר אָ ז מ ע ר : און דו מיינסט דערמיט צו זאָגען, אז דו האָסט מיך געליעבט — אויף אָט אזא אופן ?

ר ע ב ע ק א : איך האָב געדענקט, אז דאָס קען הייסען ליע־בע דאמאָלסט. יא, איך האָב געדענקט, אז דאָס איז געווען ליע־בע. אָבער עס איז ניט געווען דאָס. עס איז געווען א ווילדע אונ־קאָנטראָלירבארע ליידענשאפט.

ר אָ ז מ ע ר : (שווער) רעבעקא, דערצעהלסטו מיר דאָס אלעס ווירקליך וועגען זיך — וועגען זעלבסט ?

ר ע ב ע ק א : יא, וואָלסטו דאָס גלויבען, ראָזמער ?

ר אָ ז מ ע ר : דאן הייסט עס, צוליעב דעם — אונטער דעם איינפלוס פון דעם — האָבט דו — האָסט דו „זיך גענומען צו דער ארבייט", ווי דו רופסט עס ?

ר ע ב ע ק א : עס איז אנגעקומען אויף מיר, ווי א שטורם אויפ'ן ים. עס איז געווען ווי איינער פון יענע שטורמס וועלכע מיר האָבען אמאָל ווינטער צייט אין נאָרד. ער כאפּט דיך אן — און רייכט דיך מיט — וואהין ער וויל. קענסט זיך איהם ניט שטעלען דאגעגען.

ר אָ ז מ ע ר : און אזוי האָט עס הינגעריסען די אָרעמע בעאטע אין מיהל - טייך אריין.

ר ע ב ע ק א: יא, דען עס איז געווען א קאמפף אויף לע־בען און טוידט אין יענער צייט צווישען מיר און בעאַטען.

ר אָ ז מ ע ר: גאַנץ געוויס ביזטו געווען די שטאַרקסטע אין ראָזמערסהאָלם. שטאַרקער ווי בעאַטע מיט מיר צוזאַמען.

ר ע ב ע ק א: איך האָב דיך ניט פערשטאַנען און דאַרום בין איך געווען זיכער, אז איך קען דיך קיין מאָל ניט קריגען, ביז דו וועסט ניט זיין א פרייער מענש אי אין אומשטענדען — אי אין גייסט.

ר אָ ז מ ע ר: אָבער איך פערשטעה דיך ניט, רעבעקא. דו אליין — און דיין גאַנצע פיהרונג זיינען א רעטעניש פאַר מיר. איך בין פריי איצטער — אי אין גייסט, אי אין אומשטענדען. דו האָסט ערריכט דעם רעכטען ציעל, וועלכען דו האָסט זיך געשטעלט פון אָנהויב אָן. און דאָך —

ר ע ב ע ק א: איך בין קיין מאָל ניט געווען ווייטער פון מיין ציעל, ווי איצט.

ר אָ ז מ ע ר: און דאָך, זאָג איך — ווען איך האָב דיך געס־טערן געבעטען — געבעטען — צו זיין מיין פרוי — האָסט דו אויסגעשריען, ווי אין שרעק, אז דאָס קען קיין מאָל ניט זיין.

ר ע ב ע ק א: איך האָב אויסגעשריען אין פערצווייפלונג, ראָזמער.

ר אָ ז מ ע ר: ווארום?

ר ע ב ע ק א: ווייל ראָזמערסהאָלם האָט אונטערגעגראָבען מיינע כחות. די פליגלען פון מיין אמאָליגען פורכטלאָזען ווילען זיינען דאָ אונטערגעהאקט געוואָרען. ער איז פערקריפעלט געוואָ־רען! די צייט איז שוין פאָריבער ווען איך האָב געהאט מוטה פאַר אלעס אין דער וועלט. איך האָב פערלאָרען די קראַפט פון טהאַט, ראָזמער.

ר אָ ז מ ע ר: דערצעהל מיר, ווי עס איז געקומען דערצו.

ר ע ב ע ק א: עס איז געקומען פון מיין לעבען צוזאַמען מיט דיר.

ר אָ ז מ ע ר: אָבער ווי? ווי אזוי?

ר ע ב ע ק א: ווען איך בין דאָ געבליבען אליין מיט דיר, — און דו ביזט ווידער געקומען צו זיך —

ר אָ ז מ ע ר: יאָ, יאָ?

ר ע ב ע ק א: דען דו ביזט קיינמאָל ניט געווען דיך אינגאנ־צען כל זמן בעאטע האָט געלעבט —

ר אָ ז מ ע ר: איך האָב מורא, אין דעם האָסטו רעכט.

ר ע ב ע ק א: אָבער ווען איך בין דאָ געבליבען לעבען אליין מיט דיר, — אין רוה, אין איינזאַמקייט — ווען דו האָסט מיר בע־וויזען אלע דיינע געדאנקען גאָרנישט ניט צוריק האַלטענדיג — יעדען צאַרטען און עדעלען געפיהל, אזוי ווי ער איז געקומען צו דיר — דאן איז אויף מיר אָנגעקומען די גרויסע ענדערונג. דו פער־שטעהסט, ביסלעכווייז. כמעט אונבעמערקבאר — אָבער ענדליך מיט אזא איבערוועלטיגענדער שטאַרקייט, אז עס האָט דערגרייכט ביז אין דער טיפעניש פון מיין נשמה.

ר אָ ז מ ע ר: אָה, איז דאָס וואהר, רעבעקא?

ר ע ב ע ק א: אלעס איבריגע — דער שרעקליכער, פון תאוה בערוישטער בעגעהר — איז אוועק ווייט, ווייט פון מיר. אלע בעטויבענדע לײדענשאַפטען זיינען געבליבען רוהיג און אנטשוויגען. רוה האָט זיך בעזעצט אין מיין נשמה — א שטילקייט ווי אויף איינעם פון די הויכע בערג שפּיצען אין נאָרדען אונטער די מיטען־נאַכטיגער זון.

ר אָ ז מ ע ר: דערצעהל מיר נאָך. דערצעהל מיר אלעס וואָס דו קענסט.

ר ע ב ע ק א: עס איז שוין ניטאָ פיעל מעהר צו דערצעהלען, ליעבער. נאָר אָט דאָס איז געווען — ל י ע ב ע, וואָס איז געבאָ־רען געוואָרען אין מיר. די גרויסע, זעלבסט־אָפּפערענדע ליעבע, וועלכע שטעלט זיך צופריעדען מיט אזא לעבען, ווי מירביידע האָ־בען געפיהרט.

ר אָ ז מ ע ר: אָה, ווען איך וואָלט נור געהאַט דעם קלענ־סטען פערדאַכט וועגען דעם אלעם!

ר ע ב ע ק א: ווי עס איז, איז דאָס בעסטע. געסטערן, —

ווען דו האָסט מיר געפרעגט, צי איך וויל זיין דיין פרוי, — האָב איך אויסגעשריען מיט פרייד —

ר אָ ז מ ע ר : יא, ווירקליך, רעבעקא! איך האָב אזוי פע־שטאנען דיין אויסגעשריי.

ר ע ב ע ק א : פאר א מאָמענט, יא. איך האָב זיך געהאט פערגעסען. דאָס האָט מיין אלטער, מונטערער ווילען געקעמפפט צו זיין פריי. אָבער ער האָט שוין מעהר קיין ענערגיע ניט — קיין קראפט אויסצוהאלטען.

ר אָ ז מ ע ר : ווי אזוי דערקלערסטו דאָס, וואָס האָט מיט דיר פאסירט?

ר ע ב ע ק א : דאָס האָט דער ראָזמער'שער בליק אויפ'ן לעבען — אָדער ד י י ן בליק אויפ'ן לעבען, יעדענפאלס — אָנ־געשטעקט מיין ווילען.

ר אָ ז מ ע ר : אָנגעשטעקט?

ר ע ב ע ק א : און איהם קראנק געמאכט. עס האָט איהם פערשקלאפט צו געזעצען, וועלכע האָבען פריהער איבער מיר קיין מאכט ניט געהאט. דו — דאָס לעבען מיט דיר — האָט אויסגע־עדעלט מיין גייסט —

ר אָ ז מ ע ר : אָה, ווען איך וואָלט עס געקענט גלויבען!

ר ע ב ע ק א : דו מעגסט עס מיט זיכערהייט גלויבען! די ראָזמערישע לעבענס אנשויאונג עדעלט אויס. אָבער — (שאָקעלט מיט'ן קאָפ) אָבער — אָבער —

ר אָ ז מ ע ר : אָבער? וואָס?

ר ע ב ע ק א : אָבער עס טויטעט דאָס גליק.

ר אָ ז מ ע ר : דענקסט דו אזוי, רעבעקא?

ר ע ב ע ק א : מיין גליק, יעדענפאלס.

ר אָ ז מ ע ר : יא. אָבער ביסטו אזוי זיכער אין דעם? ווען איך זאָל דיך איצט נאָך אמאָל פרעגען —? ווען איך זאָל דיך שטארק בעטען?

ר ע ב ע ק א : אָה, טייערער — רייד קיינמאָהל ניט מעהר

וועגען דעם ! עס איז אונמעגליך ! — דו מוזט וויסען, ראָזמער, איך האָב א — א פערגאַנגענהייט הינטער זיך.

ר אָ ז מ ע ר : נאָך מעהר, ווי דו האָסט מיר דערצעהלט ?

ר ע ב ע ק א : יא. עפּעס אנדערש און עפּעס מעהר.

ר אָ ז מ ע ר : (מיט א שוואַכען שמייכעל) איז עס ניט מאָד־נע, רעבעקא ? אזא מין געדאנק איז מיר קיינמאָל געקומען אין קאָפּ.

ר ע ב ע ק א : ווירקליך ? און דאָך ? זאָגאר דאן ?

ר אָ ז מ ע ר : איך האָב דאָס קיינמאָל ניט געגלויבט. איך האָב זיך נור געשפּיעלט דערמיט — אין מיינע געדאנקען, פער־שטעהסט.

ר ע ב ע ק א : אויב דו ווילסט, וועל איך דיר גלייך אלעס דערצעהלען.

ר אָ ז מ ע ר : ניין, ניין ! איך וויל קיין וואָרט ניט הערען. וואָס עס זאָל ניט זיין — קען איך עס פערגעסען.

ר ע ב ע ק א : אָבער א י ך קען ניט.

ר אָ ז מ ע ר : אָה, רעבעקא— !

ר ע ב ע ק א : יא, ראָזמער — ד אָ ס איז דאָס שרעקליכ־סטע : אז איצט, ווען דאָס גאנצע גליק פון לעבען איז אין מיינע הענד — איצט האָט זיך געביטען מיין הארץ און מיין אייגענע פער־גאַנגענהייט שניידט מיך אָב דערפון.

ר אָ ז מ ע ר : דיין פערגאַנגענהייט איז טויט, רעבעקא ! עס האַלט דיך ניט מעהר — עס איז ניט קיין טהייל פון דיר — ווי דו ביזט איצטער.

ר ע ב ע ק א : אָה, דו ווייסט דאָך, אז דאָס זיינען נור פראַ־זען, ליעבער. און די אונשולד ? פון וואנען זאָל איך דאָס נעהמען ?

ר אָ ז מ ע ר : (אומעטיג) אָה, — די אונשולד.

ר ע ב ע ק א : יא, די אונשולד ! דאָס איז דער קוואַל פון פריעדען און גליק. ד אָ ס איז די גרינדליכע וואַרהייט, וואָס דו האָסט געדאַרפט איינפּלאַנצען אין דעם קומענדען דור פון גליקלי־כע עדעל־מענער —

ר אָ ז מ ע ר : אָה, אָן דעם דערמאַן מיר גאָר ניט. עס איז נע־ען מעהר ניט ווי א פאר דער צייט געבאָרענער טרוים, רעבעקא, — אן אונרייפע אידעע, אין וועלכער איך אליין גלויב שוין איצט ניט, אה, ניין, מיר קענען ניט ווערען אויסגעעדעלט פון דרויסען, רעבעקא.

ר ע ב ע ק א : (ווייך) אפילו ניט דורך רוהיגע ליעבע, ראָז־מער ?

ר אָ ז מ ע ר : ((פערטראַכט) יא, ד אָ ס וואָלט געווען די גרעסטע זאך — די ערהאבענסטע כמעט אין לעבען, — ווען עס ו ו אָ ל ט ז י י ן אזוי. (בעוועגט זיך אונרוהיג) אָבער ווי קען איך זיין זיכער וועגען דעם ? ווי אזוי קען איך זיך איבערצייגען ?

ר ע ב ע ק א : גלויבסט דו מיר ניט, ראָזמער ?

ר אָ ז מ ע ר : אָה, רעבעקא — ווי ק ע ן איך דיר גלויבען, אין גאנצען ? דו, וועלכע האָסט די גאנצע צייט פערדעקט, פערבע־האַלטען אזוי פיעל זאכען ! — איצט קומסטו ארויס מיט עפּעס נייעס. אויב דו האָסט עפּעס א בעהאלטענע כונה, זאָג מיר דייטליך וואָס דו מיינסט. ווילסטו מיט דעם עפּעס עררייכען ? דו ווייסט, אז איך וויל מיט צופרידענהייט טהאָן פאר דיר אלעס מעגליכע.

ר ע ב ע ק א : (ברעכט די הענד) אָה, אָט דער טויטענדער צווייפעל —! ראָזמער — ראָזמער ! —

ר אָ ז מ ע ר : יא, איז עס ניט שרעקליך, רעבעקא ? איך קען עס אָבער ניט העלפען, איך וועל שוין קיין מאָל ניט קענען אראָבוואַרפען דעם צווייפעל. איך קען קיין מאָל ניט זיין זיכער, אז דו ביסט מיינע אין ריינער, פאָלקאָמענער ליעבע.

ר ע ב ע ק א : איז דען ביי דיר אליין, אין דער טיעפעניש פון דיין נשמה, ניטאָ עפּעס, וואָס זאָל עדות זאָגען פאר דער ענדע־רונג, וואָס איז געקומען אין מיר ? עפּעס וואָס זאָגט דיר, אז דו ביזט די אורזאך דערפון — דו אליין ?

ר אָ ז מ ע ר : אָה, רעבעקא, — איך גלויב שוין ניט מעהר אין מיין קראפט צו קענען ענדערען וועמען עס איז. מיין גלויבען

אין זיך איז אין גאנצען טוידט. איך גלויב שוין ניט מעהר, ניט אין זיך און ניט אין דיר.

ר ע ב ע ק א: (קוקט אויף איהם טרויעריג) ווי זשע וועסטו קענען לעבען דיין לעבען?

ר אָ ז מ ע ר: דאָס וויים איך ניט. איך קען זיך דאָס גאָר ניט פאָרשטעלען. איך דענק ניט, אז איך וועל ק ע נ ע ן לעבען— און איך וויים ניט פון קיין זאך אין דער וועלט, צוליעב וואָס עס לוינט צו לעבען.

ר ע ב ע ק א: אָה, דאָס לעבען —דאָס לעבען וועט זיך בע־נייען. לאָמיר זיך האלטען פעסט אן דעם, ראָזמער — מיר וועלען זעהן ווי זיי זיך באלד שיידען דערמיט.

ר אָ ז מ ע ר: (שפרינגט אויף אונרוהיג) גיב זשע מיר צו־ריק מיין גלויבען! מיין גלויבען אין ד י ר, רעבעקא! מיין גלויבען אין דיין ליעבע! בעווייזע! איך מוז האָבען בעווייזע!

ר ע ב ע ק א: בעווייזע? ווי קען איך דיר געבען בע־ווייזע? —

ר אָ ז מ ע ר: דו מ ו ז ט! (שפּאַצירט איבער'ן צימער) איך קען ניט אריבערטראָגען אָט די וויסטקייט — די שרעקליכע פוסט־קייט — די — די —

(אַ שטאַרקער קלאַפּ אין טיר פון פאָדערצימער).

ר ע ב ע ק א: (שפּרינגט אויף פון שטוהל) אָה — דו האָסט געהערט?

(די טיר עפענט זיך. אולריק ברענדיל קומט אריין. ער טראָגט אַ ווייסע העמד, אַ שוואַרצען ראָק, אַ גוטע פּאָר שטיוועל און די הויזען אריינגעשטעקט אין די שטיוועל. זאָנסט איז ער געקליידעט ווי אין ערשטען אַקט. ער זעהט אויס אויפגערעגט).

ר אָ ז מ ע ר: אה, דאָס זייט איהר, הערר ברענדעל?

ב ר ע נ ד ע ל: יאָהאנעס, מיין יונג — איך בעגרים דיך — און זיי געזונד!

ר אָ ז מ ע ר: וואהין געהט איהר אזוי שפּעט?

ב ר ע נ ד ע ל: אראָפּבאַרג.

ראַזמער: ווי—?

ברענדעל: איך געה אהיים, מיין ליעבער תלמיד. איך האָב זיך פערביינקט נאָך דער מעכטיגער ניכטיגקייט.

ראַזמער: עפּעס האָט אייך געמוזט פּאסירען, הערר ברענדעל! וואָס איז עס?

ברענדעל: הייסט עס, דו בעמערקסט די ענדערונג? יא — געוויס קענסטו עס מערקען. ווען איך בין צום לעצטען מאָל געוועזען דאָ אין די צימערען — בין איך פאר דיר געשטאנען ווי א פארמעגליכער מענש און זיך געקלאפּט אין בוזים־קעשענע.

ראַזמער: ווירקליך! איך פערשטעה ניט ריכטיג —

ברענדעל: אָבער, ווי דו זעהסט מיך היינט אבענד, בין איך אן ארונטערגעזעצטער קעניג אויף דעם בארג אש, וואָס איז אמאָל געוועזען מיין פּאלאץ.

ראַזמער: אויב איך קען פאר אייך עפּעס טהאָן —

ברענדעל: דו האָסט נאָך אלץ דיין קינדערש הארץ, יאָהאנעס. קען איך ביי דיר קריגען א הלואה?

ראַזמער: יא, יא, מיט'ן גרעסטען פערגניגען!

ברענדעל: קענסט דו מיר אפשר אנטלייהען א פּאָאר אידעאלען?

ראַזמער: וואָס זאָגט איהר?

ברענדעל: איינעם אָדער צוויי אוועקגעוואָרפענע אי־דעאלען. דו וואָלסט פערדיענט אן אמת'ע מצוה. ווארום איך בין אין גאנצען אויסגעליידיגט, מיין יונג. רואינירט, א בעטלער געוואָרען.

רעבעקא: האָט איהר ניט געהאלטען אייער פּאָרטראג?

ברענדעל: ניין, בעצויבערענדע דאמע. וואָס זאָגט איהר דערצו? איך בין שוין גאָר געוועזען גרייט צו שיטען פון פולער האנד — מיט אמאָל, מאך איך די שמערצליכע ענדעקונג, אז איך בין באנקראָט.

רעבעקא: אָבער אייערע אלע ניט־געשריבענע ווערק?

ברענדעל: פינף און צוואנציג יאָהר בין איך געזעסען ווי א נייץ־האלז אויף זיין אייזערנעם געלד־קאסטען. און דאן —

געסטערן — וגען איך עפען דעם קאסטען און וויל צייגען די אוצרות — איז דארט גארנישט ניטא! די „ציינער פון דער צייט“ האבען זיי צעמאהלען אויף שטויב. עס איז געווען „ניקס מיט גארנישט אין דעם גאנצען געשעפט“.

ר א ז מ ע ר: אבער, זייט איהר דען אזוי זיכער אין דעם?

ב ר ע נ ד ע ל: עס קען קיין ספק ניט זיין דעריין, מיין ליעבער מענש. דער פרעזידענט האט מיך אין דעם איבערצייגט.

ר א ז מ ע ר: דער פרעזידענט?

ב ר ע נ ד ע ל: נו, נו, — איז זיין האהיים. גאנץ נאך בע־ליעבען.

ר א ז מ ע ר: וועמען מיינט איהר?

ב ר ע נ ד ע ל: פעטער מארטענסגארד, פערשטעהט זיך.

ר א ז מ ע ר: וואס?

ב ר ע נ ד ע ל: (געהיימניספאל) שא, שא! פעטער מאר־טענסגארד איז דער הארר און פיהרער פון דער צוקונפט. איך בין קיינמאל ניט געשטאנען פאר א גרעסערען מאנארך. פעטער מאר־טענסגארד ווייס דעם סוד פון אלמעכטיגקייט. ער קען טהון אלעס, וואס ער וויל

ר א ז מ ע ר: אה, גלויבט עס ניט.

ב ר ע נ ד ע ל: יא, מיין יונג! דען פעטער מארטענסגארד וויל קיינמאל ניט מעהר, ווי ער קען טהאן. פעטער מארטענסגארד האט בכח צו לעבען אהן אידעאלען, און דאס, זעהסט דו, — ד א ס איז טאקע דער גרויסער סוד פון טהאט און זיעג. דאס איז דער סך הכל פון דער חכמה פון דער גאנצער וועלט. באסטא!

ר א ז מ ע ר: (שטיל) איצט פערשטעה איך — ווארום איהר נעהט פון דאנען אוועק ארעמער ווי איהר זייט געקומען.

ב ר ע נ ד ע ל: ביען! נעהם זשע א ביישפיעל פון דיין אלטען לעהרער, רייב אראב אלעס וואס ער האט אמאל אנגעדרוקט אויף דיין מוח. בוי ניט דיין הויז אויף זאמד. און קוק אין פאראוים — און זעה נאך דעם וועג — איידער דו בויסט אויף את דער אויס־געצייכענטער בעשעפעניש, וועלכע גיט צו זיסקייט צו דיין לעבען.

ר ע ב ע ק א: מיינט איהר דאָס מיך ?

ב ר ע נ ד ע ל : יא, מיין בעצויבערענדע מערמויד.

ר ע ב ע ק א : ווארום קען מען אויף מיר ניט בויען ?

ב ר ע נ ד ע ל : (קומט אַ טריט נעהענטער) איך פערשטעה, אז מיין געוועזענער תלמיד דארף דורכפיהרען צום זיעג א גרויסע זאך.

ר ע ב ע ק א : און אויב אזוי—?

ב ר ע נ ד ע ל : דער זיעג איז זיכער. אָבער — הערט מיין; ווארט — אונטער איין אבסאָלוט נויטיגער בעדינגונג.

ר ע ב ע ק א : וועלכע איז—?

ב ר ע נ ד ע ל : (נעהמט איהר צערטליך ביי דער האַנד) אז די פרוי, וועלכע ליעבט איהם, זאָל מיט פרייד אריינגעהן אין קיך און אָבהאקען איהר צארטען, וויס־ראָזען קליינעם פינגערל — ד אָ — אָט פונקט דאָ ביים מיטעלסטען גליעד. דיטאָ, זאָל די אויבען־דערמאַהנטע ליעבענדע פרוי —וויעדער מיט פרייד — אָבשניידען איהר וואונדער ־ שעהן פאָרמירטען, לינקען אויער. (לאָזט איהר אָפּ, און ווענדעט זיך צו ראָזמערען) זיי געזונד, מיין זיעגענדער יאָהאַ־נעס.

ר אָ ז מ ע ר : איהר געהט שוין ? אין אזא פינסטערע נאכט ?

ב ר ע נ ד ע ל : די פינסטערע נאכט איז דאָס בעסטע. פריע־דען צו דיר. (ער געהט).

(אַ קורצער שפיל ־ שווייגען אין צימער).

ר ע ב ע ק א : (אָטהעמט שווער) אָה, ווי ענג און שטיקענ־די לופט איז דאָ ! (געהט און עפענט די פענסטער און בלייבט דאָרט שטעהן).

ר אָ ז מ ע ר : (זעצט זיך אין לעהנשטוהל ביים אויווען) נאָך אלעמען איז קיין אנדער אויסוועג ניטאָ, רעבעקא. איך זעה שוין. דו מוזט אוועק פאָהרען.

ע ב ע ק א : יא, איך האָב קיין ברירה ניט.

ראַזמער: לאָמיר אַם בעסטען אויסנוצען אונזער לעצטע שטונדע. קום אהער און זעץ זיך לעבען מיר.
רעבעקאַ: (געהט צו און זעצט זיך אויף דער סאָפאַ). וואָס ווילסט דו מיר זאָגען, ראַזמער?
ראַזמער: ערשטענס, וויל איך דיר זאָגען, אַז דו דאַרפסט גאָרניט זאָרגען וועגען דיין צוקונפט.
רעבעקאַ: (שמייכעלט) ה׳ם, צוקונפט.
ראַזמער: איך האָב שוין לאַנג אַלעס איינגעאָרדענט. וואָס עס זאָל ניט פּאַסירען, ביזטו פערזאָרגט.
רעבעקאַ: דאָס אויך, מיין טייערער?
ראַזמער: דו האָסט זיכער דאָס געמעגט פערשטעהן.
רעבעקאַ: עס איז שוין זעהר לאַנג, זינט איך האָב געטראַכט וועגען אַזעלכע זאַכען.
ראַזמער: יאַ, יאַ, דו האָסט געדענקט, אַז אונזערע בעציהונגען וועלען אימער בלייבען ווי געוועזן.
רעבעקאַ: יאַ, אַזוי האָב איך געדענקט.
ראַזמער: איך אויך. אָבער ווען איך זאָל שטאַרבען —
רעבעקאַ: אָה, ראַזמער — דו וועסט לעבען לענגער פאַר מיר.
ראַזמער: מיין ניכטסווירדיג לעבען ליעגט דאָך אין מיינע הענד.
רעבעקאַ: וואָס איז דאָס! דו דענקסט דאָך ניט וועגען —!
ראַזמער: דענקסטו אַז עס וואָלט געוועזן אַזאַ וואונדער? נאָך דעם טרויעריגען, קלעגליכען דורכפאַל! איך, וועלכער האָב געדאַרפט דורכפיהרען אַ גרויסע מיסיאָן צום זיעג — בין איך ניט אַנטלאָפען פון שלאַכט נאָך איידער זי האָט זיך ריכטיג אָנגעפאַנגען?
רעבעקאַ: נעהם צוריק אויף דעם קאַמפּף, ראַזמער! פּרוביר נאָר — און דו וועסט זעהן, אַז דו וועסט זיעגען. דו וועסט פערעדלען הונדערטער — טויזענדער גייסטער. פּרוביר נור!

ר אָ ז מ ע ר: אָה, רעבעקא — איך, וועלכער גלויב שוין ניט מעהר אין מיין איינענער מיסיאָן!

ר ע ב ע ק א: אָבער דיין מיסיאָן האָט שוין אויסגעהאלטען די פּראָבע. דו האָסט אויסגעעדעלט איין מענשליכען וועזען, וועניגסטענס — מיך האָסט דו אויסגעעדעלט אויף מיין גאנצען לעבען.

ר אָ ז מ ע ר: אךְ — ווען איך וואָלט געקענט וואגען דיר צו גלויבען.

ר ע ב ע ק א: (דריקט צונויף די הענד) אָה ראָזמער, — ווייסט דו פון קיין זאך ניט — פון גאָרניט, וואָס וואָלט דיך געקענט מאַכען גלויבען אין דעם?

ר אָ ז מ ע ר: (שפּרינגט אויף ווי דערשראָקען) רייד ניט דערפון! לאָז עס, רעבעקא! קיין וואָרט ניט מעהר.

ר ע ב ע ק א: יא, דאָס איז גענוי, וועגען וואָס מיר מוזען רעדען. ווייסטו פון עפּעס, וואס וואָלט דערשטיקט דעם צווייפעל? דען איך ווייס פון קיין זאך ניט.

ר אָ ז מ ע ר: עס איז גוט פאר דיר, וואָס דו ווייסט ניט.— עס איז גוט פאר אונז ביידען.

ר ע ב ע ק א: ניין, ניין, — דו וועסט מיך דערמיט ניט אָב'פּטר'ן! אויב דו ווייסט פון עפּעס, וואָס וואָלט מיר געקענט ריין וואשען אין דיינע אויגען, מאָהן איך עס ווי מיין רעכט, דו זאָלסט עס מיר זאָגען.

ר אָ ז מ ע ר: (ווי געצוואונגען צו רעדען גענען זיין ווילען) דאן, לאָמיר זעהן. דו זאָגסט, אז אין דיר שטעקט א גרויסע ליעבע; אז דורך מיר איז דיין גייסט אויסגעעדעלט געוואָרען. איז עס אמת? איז דיין חשבון ריכטיג, רעבעקא? זאָלען מיר פּרובירען מאכען דעם סך הכל? זאָג!

ר ע ב ע ק א: איך בין פערטיג.

ר אָ ז מ ע ר: צו יעדער צייט?

ר ע ב ע ק א: ווען דו ווילסט. וואָס שנעלער, אלין בעסער.

ר אָ ז מ ע ר: דאן, לאָמיר זעהען, רעבעקא, — ווען דו

זאָלסט — צוליעב מיר — היינט אבענד — (אונטערברעכט זיך) אָה, ניין, ניין !

ר ע ב ע ק א: יא, ראָזמער! יא! זאָג מיר, און דו וועסט זעהן.

ר אָ ז מ ע ר: האָסטו דעם מוטה — האָסטו דעם ווילען — מיט פרייד, ווי אולריק ברענדעל האָט געזאָגט — צוליעב מיר, היינט אבענד — מיט פרייד — געהן דעמזעלבען וועג, אויף וועלכען בעאטע איז געגאנגען ?

ר ע ב ע ק א: (שטעהט לאנגזאַם אויף פון סאָפא; כמעט אָהן אַ קול) ראָזמער — !

ר אָ ז מ ע ר: יא, רעבעקא, דאָס איז די פראגע, וועלכע וועט מיך אימער פערפאָלגען, ווען דו וועסט שוין זיין אוועקגעפאָהרען. יעדע שעה אין טאָג וועט דאָס צו מיר צוריק קומען. אָה, מיר דאכט, אז איך זעה דיך פאר מיינע אויגען. דו שטעהסט דאָרט, אויפ'ן בריקעל — פונקט אין דער מיט. אָט בויגסטו זיך אריבער איבער דער פארענצע — עס ציהט דיך שווינדעלדיג ארונטער, ארונטער צום שטראָמיגען וואסער! ניין, — דו כאפסט זיך צוריק. דו האָסט ניט דעם מוטה צו טהאָן דאָס, וואָס זי האָט געוואגט.

ר ע ב ע ק א: אָבער, ווען איך האָב דעם מוטה ? און דעם ווילען צו טהאָן דאָס מיט פרייד ? וואָס דאן ?

ר אָ ז מ ע ר: דאן וואָלט איך דיר געמוזט גלויבען. איך וואָלט צוריקגעקראָגען מיין גלויבען אין מיין מיסיאָן. דעם גלויבען אין מיין קראפט אויסצועדלען מענשליכע גייסטער. דעם גלויבען, אז דער מענשליכער גייסט לאָזט זיך אויסעדלען.

ר ע ב ע ק א: (הויבט לאנגזאָם אויף איהר טוך, און טהוט עס אָן אויפ'ן קאָפּ; זאָגט ענטשלאָסען:) דו וועסט צוריק קריגען דיין גלויבען.

ר אָ ז מ ע ר: האָסטו דעם ווילען און דעם מוטה דערצו, רעבעקא ?

ר ע ב ע ק א : דאָס וועסטו זעהן מאָרגען — אָדער שפּעטער — ווען זיי וועלען געפינען מיין קערפּער.

ר אָ ז מ ע ר : (לעגט צו די האַנד צום שטערן) עס שטעקט אין דעם א שרעקליכער רייץ—!

ר ע ב ע ק א : דען איך וויל דאָרט ניט בלייבען ליעגען — ניט לענגער ווי עס איז נויטיג. דו מוזט זעהן, מען זאָל מיך געפינען.

ר אָ ז מ ע ר : (שפּרינגט אויף) אָבער דאָס אלעס — איז ניט מעהר ווי משוגעת. פאָהר — אָדער בלייב ! איך וועל דאָס מאָל דיר אויך גלויבען בלויז אויפ׳ן וואָרט.

ר ע ב ע ק א : פּראָזען, ראָזמער ! לאָמיר ניט זוכען מעהר, טייערער, אויסצודרעהען זיך ווי פּייגלינגע ! ווי קענסט דו מיר, נאָך היינטיגען טאָג, גלויבען בלויז אויפ׳ן וואָרט ?

ר אָ ז מ ע ר : איך וויל ניט זעהן דיין ניעדערלאגע, רעבעקא !

ר ע ב ע ק א : עס וועט ניט זיין קיין ניעדערלאגע.

ר אָ ז מ ע ר : יאָ, עס וועט זיין. דו וועסט קיין מאָל ביי זיך ניט פּועל׳ן צו געהן אויף בעאטעס וועג.

ר ע ב ע ק א : דו דענקסט אז ניט ?

ר אָ ז מ ע ר : קיין מאָל ניט. דו ביזט ניט ווי בעאטע. דו ביזט ניט אונטער דער מאכט פון א פאלשער לעבענס־אנשויאונג.

ר ע ב ע ק א : איך בין אָבער אונטער דער מאכט פון דער ראָזמערסהאָלמ׳שער לעבענס ־ אנשויאונג — איצטער. וואָס איך האָב געזינדיגט — איז ניט מעהר ווי רעכט איך זאָל גוט־מאכען.

ר אָ ז מ ע ר : (קוקט איהר אָן) איז דאָס דיין שטאנד־פונקט ?

ר ע ב ע ק א : יא.

ר אָ ז מ ע ר : (ענטשלאָסען) נו, גוט ; א י ך שטעה פעסט אויף אונזער עמאנציפּירטען שטאנדפּונקט, רעבעקא. עס איז ניטאָ קיין ריכטער איבער אונז ; און דערפאר מוזען מיר זיך אליין משפּט׳ן.

ר ע ב ע ק א : (פערשטעהט איהם שלעכט) יא, דאָס איז אמת

— דאָס אויך. מיין טוידט וועט רעטען דאָס בעסטע וואָס איז אין דיר.

ר אָ ז מ ע ר: אָה, עס איז גאָר נים געבליבען אין מיר וואָס צו רעטען.

ר ע ב ע ק א: יא, עס איז געבליבען. אָבער איך — נאָך היינטיגען טאָג — קען איך נור זיין א בייזער ים־גייסט, וואָס שלעפּט ארונטער די שיף, וועלכע דארף דיך טראָגען פאָרוועררטס. איך מוז זיך ווארפען אין ים. צו וואָס זאָל איך דאָ פערבלייבען, אויף דער וועלט, שלעפּענדיג נאָך זיך מיין צוקאליעטשעטען לע־בען? צו וואָס זיך גריבלען און גריבלען וועגען דעם גליק, וואָס מיין פערגאנגענהייט האָט מיך געמאכט פערלירען אויף אייביג? איך מוז אויפגעבען די שפּיעל, ראָזמער.

ר אָ ז מ ע ר: אויב דו געהסט — געה איך מיט דיר.

ר ע ב ע ק א: (שמייכעלט כמעט אונבעמערקט, קוקט אויף איהם און זאָגט ווייכער) יא, קום מיט מיר — און זעה —

ר אָ ז מ ע ר: איך געה מיט דיר, זאָג איך.

ר ע ב ע ק א: צום בריקעל, יא. דו ווייסט דאָך, אז דו וואגסט קיין מאָל ניט ארויף צו געהן אויף איהם.

ר אָ ז מ ע ר: האָסטו עס בעמערקט?

ר ע ב ע ק א: (טרויעריג און צובראָכען) יא. — דאָס האָט טאקע געמאכט מיין ליעבע האָפנונגלאָז.

ר אָ ז מ ע ר: רעבעקא — איצט לעג איך מיין האנד אויף דיין קאָפּ — (ער טהוט עס) — און איך מאך דיך פאר מיין אמת'ער פרוי.

ר ע ב ע ק א: (נעהמט זיינע ביידע הענד און בויגט אָן איהר קאָפּ אויף זיין ברוסט) א דאנק, ראָזמער. (לאָזט איהם אָב) און איצט וועל איך געהן — צופריעדען.

ר אָ ז מ ע ר: מאן און פרוי דארפען געהן צוזאמען.

ר ע ב ע ק א: נור ביז'ן בריק, ראָזמער.

ר אָ ז מ ע ר: און אויף איהם אויך. אזוי ווייט ווי דו וועסט געהן וועל איך אויך געהן מיט דיר. דען איצטער וואג איך.

ר ע ב ע ק א : ביזט דו אבסאָלוט זיכער, אז דאָס איז דער בעסטער וועג פאַר דיר ?

ר אָ ז מ ע ר : איך בין זיכער, אז דאָס איז דער איינציגער וועג.

ר ע ב ע ק א : אפשר נארסטו זיך ? אפשר איז עס נאָר א פאלשע איינבילדונג ? איינער פון די „ווייסע פערד“ פון ראָז־מערסהאָלם.

ר אָ ז מ ע ר : עס קען זיין. דען מיר קענען פון זיי קיין מאָל ניט אנטלויפען — מיר פון דיזען הויז.

ר ע ב ע ק א : דאן בלייב דאָ, ראָזמער !

ר אָ ז מ ע ר : דער מאן מוז געהן מיט זיין פרוי, ווי די פרוי מיט איהר מאן.

ר ע ב ע ק א : יא, אָבער פריהער זאָג מיר נור דאָס : געהסט דו נאָך נאָך מיר ? אָדער איך געה נאָך נאָך דיר ?

ר אָ ז מ ע ר : די פראגע וועלען מיר שוין קיינמאָל ניט בע־קלערען.

ר ע ב ע ק א : איך וואָלט אָבער וועלען וויסען.

ר אָ ז מ ע ר : מיר געהען איינער מיט דעם אנדערען, רע־בעקא — איך מיט דיר, און דו מיט מיר.

ר ע ב ע ק א : איך דענק, אז דאָס איז כמעט די וואהרהייט.

ר אָ ז מ ע ר : דען איצט זיינען מיר ביידע איינס.

ר ע ב ע ק א : יא, מיר זיינען איינס. קום ! מיר געהען צו־פריעדען.

(זיי געהען געאַרעמט דורך דעם פאָדערצימער, און עס זעהט זיך ווי זיי פערקירעווען לינקס. די טיר בלייבט אָפען).

(דאָס צימער בלייבט לעער אַ ווייל. דאן עפענט זיך די טיר רעכטס דורך פרוי העלזעט).

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט : פרייל. וועסט — די קאַרעטע איז — (קוקט זיך אַראָב) ניטאָ ? צוזאמען אין דרויסען אזוי שפעט ? נו— איך מוז זאָגען—! ה׳ם ! (געהט אַרויס אין פאָדערצימער, קוקט זיך ארום און קומט צוריק אריין). ניטאָ אויף דער גארטען ־ באנק. נו,

נו. (געהט צו צום פענסטער און קוקט ארויס) אָה, מיין גאָט ! וואָס איז ד אָ ר ט פאר א ווייסע זאך — ! זיי שטעהען ביירע אויפ'ן בריקעל ! גאָט, פערגיב די זינדיגע נשמות — זיי האָבען זיך אומ־געוועמט ! (שרייט אויס הויך) אך — ארונטער — ביירע ! אראָב אין טייך ! הילף ! הילף ! (איהרע קניע ציטערען; זי כאפט זיך אָן אָן שטוהל, און ציטערט ; זי קען קוים רעדען). ניין. דאָ איז קיין הילף ניטאָ. — דאָס טויטע ווייב האָט זיי צוגענומען.

ענדע

די פרוי פון ים.

איבערזעצט פון א. ים.

פערזאָנען:

דאקטאר וואנגעל, א בעצירק־ארצט.

עללידא, זיין צווייטע פרוי.

באָלעטע }
הילדע } זיינע טעכטער פון דער ערשטער פרוי.

ארנהאָלם, א פראָפעסאר.

לינגסטראנד.

באלעסטעד.

א פרעמדער.

יוננע לייט פון שטאָדט.

טוריסטען און זומער־געסט.

די האנדלונג קומט פאָר זומערצייט אין א קליין פיאָרד־שטעדטעל אין צפון נאָרוועגיען.

ערשטער אקט.

ד ר. ו ו א נ ג ע ל'ס הויז מיט א גרויטער ווערענדע לינקס. פארענט און ארום הויז א גארטען. נעבען דער ווערענדע א פלאג־שטאנג; רעכטס אין גארטען, א זומער־ביידעל מיט א טיש און שטוהלען. אין הינטערגרונד, א צוים פון קוסטעס מיט א קליינער ארייננאנג־טיר. הינטער'ן צוים פיהרט א וועג צום וואסער־ברעג מיט רייהען בוימער אויף ביידע זייטען. צווישען די בוימער זעהט זיך דער פיארד און גאר פון ווייטען — א רייהע בערג און הויכע בערג־שפיצען. א ווארימער און העל־קלארער זומערמארגען.

ב א ל ע ס ט ע ד, א מאן פון מיטעלע יאהרען, געקליידט אין אן אלטען סאמעטענעם זשאקעט מיט א ברייט־ראנדיגען הוט, שטעהט אונטען ביים פלאג־שטאנג און מאכט צו רעכט דאס שטריק. די פלאג ליעגט אויף דער ערד. אביסעל פון ווייטען שטעהט א בילד־שטענדעל מיט אן אנגעצויגענעם לייוואנד. אויף א פעלד־שטוהל דערביי ליעגען פינזלען, א מאלער־ברעטעל און א פארב־קעסטעל.

ב א ל ע ט ע קומט ארויס דורך די טיר פון גארטען־צימער אויף דער ווערענדע. זי טראגט א גרויסע וואזע מיט בלומען און שטעלט עס אוועק אויפ'ן טיש.

ב א ל ע ט ע: נו, באלעסטעד, וועט איהר עס קענען צו־רעכט מאכען?

ב א ל ע ס ט ע ד: גאנץ גרויס, פריילין. זעהר לייכט. — מעג מען פרעגען, צי איהר ערווארט היינט געסט?

ב א ל ע ט ע: יא, מיר ערווארטען היינט אין דער פריה דעם פראפעסאר ארנהאלם. ער איז נעכטען ביי נאכט אנגעקו־מען אין שטאדט.

באלעסטעד: ארנהאָלם? וואַרט א מינוט — האָט ניט געהייסען ארנהאָלם אָט דער, וואס איז דאָ געוועזן הויז־לעהרער מיט עטליכע יאהר צוריק?

באָלעטע: יא, טאקע דער און ניט קיין אנדערער.

באלעסטעד: זעה נור, זעה! קומט ער, הייסט עס, ווידער אהער אין דעם געגענד?

באָלעטע: דערפאר טאקע ווילען מיר אויפהעננגען דעם פלאג.

באלעסטעד: אהא, גערעכט. דאס פאסט זיך טאקע.

באָלעטע געהט צוריק אריין אין גארטען־צימער. אין אָ וויילע ארום קומט לינגסטראנד איבער׳ן וועג און שטעלט זיך אָב פעראינטערעסירט, דערזעהענדיג דאס בילד־שטענדעל און די מאַלער־געציי. ער איז א מאגערער יונגערמאַנטשיק מיט א קרענקליכען אויסזעהען, געקליידט איינפאך אבער נעט.

לינגסטראנד (אויף יענער זייט פון צוים): גוט מאָרגען.

באלעסטעד (קעהרט זיך אום): אה, — גוט מאָרגען! (ציהט אַרויף די פלאַג) הא־האָ — דער באלאָן הויבט זיך אויף! (פערפעסטיגט די שטריק און הויבט זיך אָן פאָרען ארום דעם בילדער־שטענדעל) גוט מאָרגען, מיין העררר. נאָר דוכט זיך, איך האָב ניט געהאט דאָס פערגניגען —

לינגסטראנד: איהר זייט געוויס א מאלער, א יאָ?

באלעסטעד: יאָ, נאטירליך. פארוואָס זאָל איך ניט זיין קיין מאלער?

לינגסטראנד: אָה, איך זעה. מעג איך מיר נעהמען די פרייהייט אריינצוקומען אויף א ווײַלע?

באלעסטעד: איהר ווילט אפשר זיך צוקוקען?

לינגסטראנד: יאָ, איך וואָלט זעהר גערן זיין.

באלעסטעד: אך, פיעל צו זעהן איז ניטאָ. אבער איך ביטע זעהר. קומט נור אריין.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: מיין בעסטען דאנק. (ער קומט אריין דורך די גארטען־טיר).

ב א ל ע ס ט ע ד (מאַלט): איך האלט איצט ביי׳ן פיאָרד, אַט דאָ צווישען די אינזלען.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יאָ, איך זעה.

ב א ל ע ס ט ע ד: אָבער עס פעהלט נאָך די פיגור. ס׳איז ניט צו קריגען דאָ אין שטאָדט קיין מאָדעל.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: וועט דאָ נאָך קומען א פיגור אויך?

ב א ל ע ס ט ע ד: יאָ, דאָ אין פאָדערגרונד אויפ׳ן פעלז דארף ליעגען א האלב־טויטע ים־פרוי.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: פארוואָס מוז זי עפעס זיין האלב־טויט?

ב א ל ע ס ט ע ד: זי האָט פערבלאָנזשעט אהער פון ים און קען ניט געפינען איהר וועג צוריק. ליעגט זי דאָ אין דעם געזאלצליכען וואסער און געהט אויס ביסלעכווייז, פערשטעהט איהר מיך.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: אָה, אזוי?

ב א ל ע ס ט ע ד: די דאמע דאָ פון דעם הויז האָט מיר ארויפגעפיהרט אויפ׳ן געדאנק צו מאָלען אזא מין זאך.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: און ווי וועט איהר אָנרופען דאָס בילד, ווען עס וועט זיין פארטיג?

ב א ל ע ס ט ע ד: איך דענק דאָס זאָל הייסען: דער ים־פרוי׳ס סוף.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: גרויסארטיג. — איהר קענט זיכער מאכען עטוואָס שעהנעס דערפון.

ב א ל ע ס ט ע ד (קוקט איהם אָן): זייט איהר אפשר אליין אויך פון זעלבען פאך?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: איהר מיינט א מאלער?

ב א ל ע ס ט ע ד: יאָ.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ניין. דאָס בין איך ניט. אָבער איך וויל ווערען א סקולפטאָר. איך הייס האַנס לינגסטראַנד.

באלעסטעד: אזוי, איהר ווילט ווערען א סקולפטאר? יא, יא, די סקולפטור איז אויך א שעהנע, הערליכע קונסט. — איך גלויב, איך האב איך געזעהן איינינע מאל אויפ'ן גאס. האלט איהר זיך דא אויף שוין לאנג?

ליננסטראנד: ניין, איך בין דא ערשט א צוויי וואכען. איך האף אבער, אז איך וועל דא קענען פערבלייבען דעם גאנצען זומער.

באלעסטעד: אזוי, פערברייננען דא דעם זומער־סעזאן, הא?

ליננסטראנד: איך מוז דא זעהן אנקלייבען א ביסעל כחות.

באלעסטעד: איהר זייט, גאט בעהיט, ניט קראנק?

ליננסטראנד: יא, אייגענטליך בין איך פון דער נאטור א ביסעל קראנקליך. ניט געפעהרליך חס ושלום. איך פיהל נור עפעס א קלעמונג אויפ'ן הארצען.

באלעסטעד: עט — אויך מיר א זאך! דאך וואלט איהר בעסער געדארפט ארייננעהן זעהן א גוטען דאקטאר.

ליננסטראנד: איך האב טאקע געקלערט, אז עס וועט זיך מאכען א געלעגענהייט צו פרעגען דעם דאקטאר וואנגעל.

באלעסטעד: יא, דאס זאלט איהר טאקע טהאן. (קוקט ארויס לינקס) אט קומט שוין ווידער אן א שיף פול אנגעשטאפט מיט פאסאזשירען. דאס ארומרייזען האט זיך אין די לעצטע עטליכע יאהר ענטוויקעלט גאר אהן א שיעור.

ליננסטראנד: יא, ווי איך זעה איז דא א געוואלטיג־גרויסער פערקעהר.

באלעסטעד: מיר האבען דא זומער־געסט אויך א גאנצע מאסע. אפטמאל האב איך מורא, אז אונזער גוטע שטאדט זאל ניט פערלירען איהר אייגענטימליכען כאראקטער צוליעב דעם דאזיגען ערב רב.

ליננסטראנד: זייט איהר א היגער א געבוירטיגער?

באלעסטעד: ניין, דאס ניט. אבער איך האב זיך דא

אקלאַ — אַקלימאַטיזירט. איך פיהל זיך צוגעבונדען צו דעם אָרט מיט די בענדער פון צייט און געוועהנהייט.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: שוין א לאַנגע צייט, הייסט עס, אז איהר וואוינט דאָ?

ב א ל ע ס ט ע ד: נו, אן ערך פון א יאָהר זיעבעצעהן — אכטצעהן. איך בין אריבערגעקומען אהער מיט שיווע׳ס טעאטער־קאָמפּאַניע. מיר זיינען אָבער אריינגעפאַלען אין א פינאַנציעלע פערלעגענהייט, און די גאַנצע קאָמפּאַניע איז צעפאַלען און זיך צעשפּרייט אין אלע עקען פון דער וועלט.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: איהר אליין אָבער זייט דאָ געבלי־בען?

ב א ל ע ס ט ע ד: איך בין געבליבען. און נאָך אלעם דעם איז עס פאַר מיר געווען צום גוטען. אין יענער צייט, פערשטעהט איהר מיך, בין איך געווען בעשעפטיגט אלס סצענען־מאַלער.

באַלעסטע קומט ארויס מיט אַ שאָקעל־שטוהל, ווערלכען זי שטעלט אוועק אויף דער ווערענדע.

ב אַ ל ע ס ט ע (רעדט אריין אין גאַרטען־צימער): הילדע — זעה נור, צי דו קענסט ניט געפינען דעם געשטריקטען פוס־האַלטער פאַר׳ן פּאַפּאַ.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד (געהט צו צום ווערענדע און פערנייגט זיך): גוט מאָרגען, פריילין וואַנגעל!

ב אַ ל ע ס ט ע (געבען פאַרענצע): אַי, זעה נור — דאָס זייט איהר, הערר לינגסטראַנד? גוט מאָרגען! ענטשולדיגט אַן אויגענבליק — איך וויל נור — (געהט אריין אין הויז).

ב א ל ע ס ט ע ד: זייט איהר בעקאַנט מיט דער פאַמיליע?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: פון וויטען. איך האָב א פּאָר מאָל געטראָפען די פריילינס ביי בעקאַנטע אין הויז. דאַן האָב איך פערביינגערענדיג גערעדט מיט דער מאדאם — אונלענגסט אויפ׳ן קאָנצערט אין „פּראָספּעקט". זי האָט געזאָגט, איך זאָל אמאָל קו־מען זי בעזוכען.

באלעסטעד: איהר ווייסט וואָס איך וויל זאָגען— די בעקאנטשאפט זאָלט איהר זעהן ענטוויקלען.

לינגסטראנד: יא, איך וויל מאקע אריינגעהן צו זיי צום בעזוך — איך מיין זיי מאכען א וויזיט. ווען איך וואָלט נור געהאט עפּעס אן אויסרייד —

באלעסטעד: ווייס איך וואָס — אן אויסרייד —. (קוקט ארויס לינקס.) הימעל־דונער־וועטער! (פּאַקט צוזאמען זיינע זאַכען.) דער דאמפ־שיף שטעהט שוין ביים בריק. איך מוז געהן אין האָטעל. אפשר דארף מיך האָבען אימיצער פון די אָנגעקור־מענע. לאָזט מיר אייך זאָגען, אז איך בין אויך א האָאָר־שערער און א פריזער.

לינגסטראנד: איהר! — איהר זייט א פנים גאָר א פיעלזייטיגער מענש.

באלעסטעד: אין די קליינע שטעדטלעך מוז מען קע־נען אין אלערליי פאכען זיך אק — אקלימאטיזירען. טאָמער דארפט איהר ווען עס איז עפּעס־וואָס אין דעם האָאָר־פאך — א ביסעל פּאָמאדע אָדער דערגלייכען, זאָלט איהר זיך נאָכפרעגען אויף דעם טאנץ־לעהרער באלעסטעד.

לינגסטראנד: טאנץ־לעהרער — ?

באלעסטעד: דער פּרעזידענט פון דער מוזיקאנטען־געזעלשאפט, אויב אייך געפעלט בעסער. היינט אבענד גיבען מיר קאָנצערט אין „פּראָספּעקט". אדיע, — אדיע! (ער געהט מיט די מאָלער־געצייג דורך די גארטען־טיר אָב לינקס.)

הילדע קומט ארויס מיט׳ן פּוס־האָלטער. באָלעטע ברייגגט נאָך בלומען, לינגסטראנד גריסט הילדע׳ן פון גארטען ארויף.

הילדע (ביי דער פּאַרענצע, ניט ענטפערענדיג אויף זיין גרוס): באָלעטע זאָגט, אז איהר האָט זיך היינט „אָטוואזשעט" אריינצוקומען.

לינגסטראנד: יא, איך האָב זיך גענומען די פריי־הייט אריינצוקומען אויף א מינוט.

הילדע: איהר האָט היינט שוין גענומען אייער מאָרגענ־שפּאַציער?

לינגסטראנד: אַך, ניין — פון דעם שפּאַציערגאַנג איז היינט גאָרנישט געוואָרען.

הילדע: האָט איהר זיך שוין געבאָדען?

לינגסטראנד: איך בין געוועזען אַ פּאָר מינוט אין וואַסער. איך האָב דאָרט אונטען געזעהען די מאדאם, אייער מוטער. זי איז געגאַנגען אין איהר באַד־צימער.

הילדע: ווער איז דאָרט געגאַנגען?

לינגסטראנד: אייער מאמא.

הילדע: אַך, אַזוי, אַזוי. (זי שטעלט אַוועק דאָס פוס־ביינקעל נעבען שאָקעל־שטוהל.)

באָלעטטע (בכיון וועלענדיג אונטערברעכען דעם געשפּרעך): האָט איהר אפשר דרויסען אויפ'ן פיאָרד בעמערקט פּאַפּא'ס שיפעל?

לינגסטראנד: יא, מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך האָב געזעהן אַזאַ שיפעל זעגלען צום ברעג צו.

באָלעטטע: דאָס איז געוועזען פּאַפּא. ער איז געוועזען דאָרטען אויף די אינזלען בעזוכען פּאַציענטען. (פערנעהמט זיך מאַכען אַן אָרדנונג אויפ'ן טיש.)

לינגסטראנד (שטעלט אַ טריט ארויף אויף די טרעפּ פון וועראַנדע): אַך, אָבער האָט איהר דאָ שעהנע בלומען — !

באָלעטטע: אַ יאָ, דאָס זעהט אויס שעהן?

לינגסטראנד: אָ, דאָס זעהט אויס הימעל שעהן. עס זעהט אויס ווי עס וואָלט געווען אַ יום טוב דאָ אין הויז.

הילדע: דאָס איז עס טאַקע.

לינגסטראנד: איך האָב מיר געקלערט אַז עס איז אַזוי. עס איז אודאי היינט אייער פּאַפּא'ס געבורטסטאָג?

באָלעטטע (וואָרנענדיג, צו הילדע'ן): הם — הם!

הילדע (ניט נעהמענדיג איהר אין אַכט): ניין, מאַמא'ס.

לינגסטראנד: אזוי, דער געבורטסטאג פון דער מאַדאם, אייער מוטער?

באַלעטע (אין דער שטיל, געערגערט): אָבער, הילדע — !

הילדע (אין דעמזועלבען טאָן): לאָז מיך צורוה! (צו לינגסטראנד'ן) איהר געהט אודאי איצט א היים פריהשטיקען?

לינגסטראנד (געהט ארונטער די טרעפּ): יא, איך וועל טאַקע באַלד מוזען נעהמען עפּעס איבערבייסען.

הילדע: איך שטעל מיר פאָר, איהר לעבט דאָרט אין האָטעל א גוטען טאָג?

לינגסטראנד: איך שטעה שוין ניט מעהר אין האָטעל. ס'איז געוועזן צו־טייער פאַר מיר.

הילדע: וואו וואוינט איהר דען איצטער?

לינגסטראנד: איך וואוין איצטער ביי מאדאם יענסען.

הילדע: ביי וועלכער מאדאם יענסען?

לינגסטראנד: ביי דער העבאַם.

הילדע: נו, ענטשולדיגט מיר, הערר לינגסטראנד, איך האָב איצט ווירקליך קיין צייט צו —

לינגסטראנד: אַך, איך האָב דאָס אודאי ניט נעדארפט זאָגען.

הילדע: וואָס האָט איהר ניט געדארפט?

לינגסטראנד: דאָס, וואָס איך האָב אקאָרשט געזאָגט.

הילדע (מיט אַ שטרענגען בליק, מעסט איהם אָב פון קאָפּ ביז די פיס): איך הויב אייך גאָר ניט אָן צו פערשטעהן.

לינגסטראנד: ניין, ניין. נו, איצט מוז איך זאָגען א גוטען טאָג, פרייליינס.

באַלעטע (געהט ארויף אויף די טרעפּ): אדיע, אדיע, הערר לינגסטראנד! פאַר היינט מוזט איהר אונז שוין ענטשולדיגען — . אָבער אנאנדערשט מאָל שפּעטער — ווען איהר וועט

האָבען געגוג צייט — און לוסט — דאן קומט אריין גוט מאָרגען ביטען דעם פאפא און — אונז אלעמען.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד : יא, איך דאנק איך זעהר. דאָס וועל איך זעהר גערן טהאָן.

ער פערנייגט זיך און געהט אוועק דורך די גארטען־טיר. בעת ער געהט פערביי דרויסען אויפ'ן וועג לינקס, פערנייגט ער זיך נאָך אַמאָל צו דער ווערענדע צו.

ה י ל ד ע (האלב הויך) : אדיע, מאָסיאָ! גריסט פון מיר די מוטער יענסען גאָר פריינדליך.

ב אָ ל ע ט ע (אין דער שטיל, שאָקעלט זי בוי'ם אָרעם) : היל־דע — ! דו אונאַרטיג מיידעל! ביסטו פון זינען? ער האָט דאָך גאַנץ לייכט דיר געקענט הערען.

ה י ל ד ע : א שפאס! — דו מיינסט מיך אהרט עפעס?

ב אָ ל ע ט ע (קוקט ארויס רעכטס) : אָט קומט דער פאפא.

דאָקטאָר וואנגעל, אין א רייזע־אַנצוג מיט א קליינעם רייזע־זעַקעל אין דער האַנד, קומט ארויף מיט'ן קליינעם פוס־וועג פון רעכטס.

ו ו א נ ג ע ל : נו, אָט בין איך צוריק, קינדערלעך! (ער געהט צו צו דער גארטען־טיר.)

ב אָ ל ע ט ע (געהט איהם אַנטקעגען אונטען אין גארטען) : אך, ווי גוט, וואָס דו ביזט שוין דאָ.

ה י ל ד ע (געהט אויך ארונטער צו איהם) : האָסטו איצט זיך שוין געמאַכט פריי פאר'ן גאנצען טאָג, פאפא?

ו ו א נ ג ע ל : אך ניין, איך מוז שפעטער א ווײַלע אויף א פאָר מינוט נאָך ארונטערגעהן אין קאבינעט. — זאָגט מיר נור — ווייסט איהר ניט צי ארנהאָלם איז שוין אָנגעקומען?

ב אָ ל ע ט ע : יא, ער איז אָנגעקומען נעכטען ביי־נאכט. מיר האָבען געשיקט נאָך איהם אין האָטעל.

ו ו א נ ג ע ל : געזעהן האָט איהר איהם נאָך ניט?

ב אָ ל ע ט ע : ניין. ער וועט אָבער געוויס אריבערקומען צו אונז נאָך היינט אין דער פריה.

ו ו א נ ג ע ל : יא, דאָס וועט ער געוויס טהאָן.

הילדע (צופּט איהם): פּאפּא, איצט קוק זיך ארום.

וואנגעל (קוקט צו דער ווערּאנדע צו): יא, איך זעה שוין, קינד. — עס איז גאָר היבש יום טוב'דיג דאָ.

באָלעטע: א יאָ, פּאפּא, מיר האָבען עס שעהן איינגעאָרדענט?

וואנגעל: יא, דאָס מוז איך צוגעבען. — איז — זיינען מיר אליין אין הויז?

הילדע: יא, זי איז ארויסגעגאנגען —

באָלעטע (שלאָגט איהר שנעל איבער): מאמא באָדט זיך.

וואנגעל (קוקט ליעבליך אויף באָלעטע און גלעט איהר דעם קאָפּ. דערנאָך זאָגט ער א ביסעל צוריקגעהאלטען): הערט זיך צו, מיידלעך — וועט עס אזוי בלייבען פּערפּוצט דעם גאנצען טאָג? און די פאָהן וועט אויך א גאנצען טאָג פלאטערן?

הילדע: עס פערשטעהט זיך אזוי, פּאפּא!

וואנגעל: הם — יא. אָבער זעהט נאָר —

באָלעטע (פינטעלט מיט די אויגען און שמייכעלט צו איהם): עס פערשטעהט זיך, אז מיר האָבען דאָס אלעס געמאכט צוליעב פּראָפעסאָר ארנהאָלם. ווען אזא גוטער פריינד קומט צום ערשטען מאָל צו דיר צו גאסט —

הילדע (לאכט און צופּט איהם): בעדענק נור, פּאפּא, — באָלעטעס אלטער לעהרער!

וואנגעל (האלב שמייכלענדיג): איהר זייט מיר ביידע א פּאָר שעהנע חברה'טעס. — און פערקעהרט רעדענדיג, איז עס דאָך אויך גאנץ נאטירליך, אז מיר זאָלען זיך דערמאָנען אָן איהר, וועלכע איז שוין מעהר ניטאָ מיט אונז. פון דעסטוועגען אָבער — קום נור אהער, הילדע! (ער גיט איהר דאָס רייזע־זעקעל) דאָס דארף מען אוועקטראָגען אין קאבינעט אריין. — ניין, קינדער, דאָס געפעלט מיר ניט. איך מיין די פאָרם, פערשטעהט איהר. אז מיר זאָלען אלע יאָהר דאָס אייגענע — . נו, וואָס איז אָבער דאָ צו רעדען? א פּנים אז אנדערש קען מען ניט.

הילדע (וויל שוין געהן מיט'ן רייזע־זעקעל דורכ'ן גארטען

ערנקעב, שטעלט זיך אָבער אָב, דרעהט זיך אום אָן צייגט אָן): זעה נאָר ווער עס קומט דאָרטען. דאָס איז זיכער דער פּראָפעסאָר.

באָלעטע (קוקט אַהינצו): יענער דאָרטען? (לאַכט) האָכטו אָבער אַן אויג! מיינען אויף אָט דעם בעיאהרטען מאַן, אז דאָס איז ארנהאָלם!

וואנגעל: ווארט נור, קינד. יאָ, ביי גאָט, איך גלויב, אז דאָס איז ער! — יא געוויס, דאָס איז ער!

באָלעטע (קוקט אַהינ־צו מיט א שטילער פערוואונדערונג): יא, כ'לעבען. איך גלויב אויך — !

ארנהאָלם, אין אַן עלעגאנטען מאָרגען־אַנצוג, מיט גאָלדענע ברוי־לען און מיט א דינעם שטאָק, בעוויייזט זיך דרויסען אויפ'ן וועג לינקס. ער זעהט אויס אַ ביסעל אויסגעמאַטערט. ער קוקט אריין אין גארטען, גריסט אלעמען פריינדליך און קומט אריין דורך די גארטען־טיר.

וואנגעל (געהט איהם אַנטקעגען): ווילקאָמען, ליעבע־ארנהאָלם! הערצליך ווילקאָמען אין אָט דעם אלטען געגענד וויע־דער!

ארנהאָלם: איך דאנק זעהר, איך דאנק זעהר, ליעבער הערר דאָקטאָר, איך דאנק טויזענדער מאָל! (זיי שאָקלען איינער די אנדערע די הענד און געהען דורכ'ן גאָרטען.) און אָט זיינען אויך די קינדער! (דערלאנגט זיי די האַנד און קוקט זיי אָן) אָט דיביידע, איך וואָלט זיי קוים ווידער דערקענט.

וואנגעל: יא, איך מיין עפּעס, אז ניט.

ארנהאָלם: נו, ווי רעדט מען עס — באָלעטע'ן אפשר דאָך — יא, באָלעטע'ן וואָלט איך יא דערקענט.

וואנגעל: דאָך מיין איך, אז ניט. עס איז דאָך שוין אכט — ניין יאָהר זינט אידר האָט זיי געזעהען, אך יא, פאר דער צייט האָט זיך דאָ א היבש ביסעל געענדערט.

ארנהאָלם (קוקט זיך ארום): קיין גרויסע ענדערונגען זעה איך דאָ אייגענטליך ניט. א חוץ וואָס די בוימער זיינען א ביסעל צוגעוואקסען, און דאָס גאָרטען־שטיבעל איז דאָ צוגעקומען—

ו ו א נ ג ע ל: אך ניין, אויסערליך —

א ר נ ה א ָ ל ם (האַבענדיג): און דאן, נאטירליך, האָט איהר איצט צוויי דער־וואקסענע טעכטער אין הויז, וועלכע ס איז שוין צייט אויסצוגעבען.

ו ו א נ ג ע ל: נו, דערווייל, מאָלט אייך, איז נור איינע צייט אויסצוגעבען.

ה י ל ד ע (האלב הויך): הערט זיך נאָר צו צום פאפא!

ו ו א נ ג ע ל: איצטער דענק איך וועלען מיר זיך צוזעצען אויף דער וועראנדע. דאָרט איז א ביסעל קיהלער איידער דאָ. קומט, איך בעט אייך.

א ר נ ה א ָ ל ם: איך דאנק זעהר. א דאנק, ליעבער דאָק־טאָר. (זיי געהען ארויף. וואנגעל דערלאנגט אַרנהאָלם'ען דעם שאָקעל־שטוהל.)

ו ו א נ ג ע ל: אַט אזוי — איצט מאכט זיך נור גאנץ בעקוועם און רוהט זיך אָב א ביסעל. עס זעהט טאקע אויס, ווי איהר וואָלט זיך געהאט אָנגעשטרענגט דורך די רייזע.

א ר נ ה א ָ ל ם: אה, דאָס איז גאָרנישט. דאָ אין דעם גע־גענד —

ב א ָ ל ע ט ע (צו וואַנגעל): זאָלען מיר אפשר ברייגנען אביסעל סאָדא־וואסער מיט פרוכט־זאפט אין גארטען־שטיבעל. דאָ דרויסען וועט זיכער באלד ווערען צו־װארעם.

ו ו א נ ג ע ל: יא, טהוט עס, קינדער, ברייגגט אונז סאָ־דא־וואסער מיט זאפט. און אפשר אויך א ביסעל קאָניאק.

ב א ָ ל ע ט ע: קאָניאק אויך ברייגגען — ?

ו ו א נ ג ע ל: א ביסעל נור. טאָמער וועט זיך וועלען.

ב א ָ ל ע ט ע: זאָל זיין אזוי. הילדע, דו טראָג ארונטער דאָס רייזע־זעקעל אין קאבינעט.

באָלעטע געהט אין גאָרטען־צימער און פערשליסט די טיר הינטער זיך. הילדע נעהמט דאָס רייזע־זעקעל און געהט אוועק דורכ'ן גארטען הינטער'ן הויז לינקס.

א ר נ ה א ָ ל ם (וועלכער האָט ניט אראָבגענומען די אויגען פון

באַלעטע): דאָס איז דאָך ווירקליך א וואויל — וואָס פאר צוויי שעהנע מיידלעך זיי זיינען ביי איך אויסגעוואַקסען!

וואנגעל (זעצט זיך): א יאָ, דענקט איהר ניט אזוי?

ארנהאָלם: איך בין איינפאך איבערראשט פון באָלעטע. און פון הילדע'ן אויך. — נו, און איהר אליין, ליעבער דאָקטאָר — דענקט איהר טאקע צו בלייבען דאָ וואוינען אייער גאנצען לעבען?

וואנגעל: אך יאָ, איך מיין אזוי וועט עס שוין מוזען אויסקומען. איך בין דאָ געבוירען און ערצויגען געוואָרען, דאָ האָב איך געלעבט אזוי גליקליך מיט דער, וועלכע האָט אונז אזוי פריה פערלאָזען — מיט דער פרוי, וועלכע איהר האָט געקענט נאָך פון אמאָל, ארנהאָלם.

ארנהאָלם: יא — יא.

וואנגעל: און איצט לעב איך אזוי גליקליך מיט דער פרוי, וועלכע איז מיר בעשטערט געוואָרען אנשטאט יענע. יא, איך קען זאָגען, אז ארום און ארום האָב איך זיך ניט וואָס צו בעקלאָגען אויף מיין מזל.

ארנהאָלם: אָבער קיין קינדער פון אייער צווייטער פרוי האָט איהר ניט?

וואנגעל: מיר האָבען געהאט א קליין יונגעל מיט א צוויי — צוויי און א האלב יאָהר צוריק. ער האָט זיך אָבער ביי אונז לאנג ניט געהאלטען. ער איז געשטאָרבען בעת ער איז אלט געוועזן פיער — פינף מאָנאט.

ארנהאָלם: איז אייער פרוי היינט ניטאָ צו הויז?

וואנגעל: יא, זי מוז שוין באלד קומען. זי איז זיך געגאנגען באָדען. זי געהט זיך באָדען יעדען ליעבען טאָג, די גאנצע צייט, וואָס פאר א וועטער עס זאָל ניט זיין.

ארנחאָלם: איז זי עפעס ניט געזונד?

וואנגעל: אזוי אייגענטליך קלאגט זי זיך אויף גאָרנייטס. נישט מעדר וואָס פאר די לעצטע פאָר יאָהר איז זי געוועזן מערקווירדיג נערוועז. דאָס הייסט, פון צייט צו צייט. איך קען ניט

קלוג ווערען, וואָס דער מעהר איז מיט איהר דאָן. אָבער באָדען זיך אין ים, זעהט איהר, דאָס איז פאר איהר דאָס לעבען.

א ר נ ה אָ ל ם: איך געדענק עס נאָך פון אמאָל.

וו א נ ג ע ל (מיט אַ קוים בעמערקבארען שמייכעל): יא, איהר קענט דאָך עללידאַ'ן זינט דאמאָלסט, ווען איהר זייט געווען א לעהרער דאָרט אין שאָלדוויקען.

א ר נ ה אָ ל ם: גאַנץ ריכטיג. זי פלעגט אָפט קומען צום בעזוך אין דעם פאסטאָר'ס הויז. און איך פלעג זי אויך אָפט זעהען אין איהר פאָטערס הויז, ווען איך פלעג קומען צו איהם אין לייכט־טורעם מיט איהם פערברייננגען.

וו א נ ג ע ל: דאָס לעבען דאָרטען, ווי איהר קענט זיך פאָרשטעלען, האָט געמאכט אויף איהר א טיעפען איינדרוק. די מענשען דאָ אין שטאָדט קענען עס גאָר ניט בעגרייפען. זיי רופען איהר „די פרוי פון ים“.

א ר נ ה אָ ל ם: וואָס איהר זאָגט!

וו א נ ג ע ל: יא. אָט דעריבער — איך בעט אייך, רעדט מיט איהר פון די אלטע צייטען, ליעבער ארנהאָלם. דאָס וועט איהר פיעל גוטעס טהאָן.

א ר נ ה אָ ל ם (קוקט איהם אָן מיט צווייפעל): האָט איהר א געוויסען גרונד פאר וואָס איהר דענקט אזוי?

וו א נ ג ע ל: גאַנץ זיכער האָב איך אזא גרונד.

(עללידאַ'ס שטימע הערט זיך אין גארטען רעכטס).

ע ל ל י ד א: ביזטו דאָ, וואנגעל?

וו א נ ג ע ל (שטעהט אויף): יא, מיין ליעבע.

עללידא, אין א ברייטען, לייכטען מאַנטעל און מיט נאַסע, איבער די שולטערן אויסגעשפרייטע האָאָר, קומט צום גארטען־שטיבעל דורך די בוימער. ארנהאָלם שטעהט אויף.

וו א נ ג ע ל (שמייכעלט און שטרעקט אויס צו איהר די הענד): זעהט נור — אָט קומט די ים־פרוי!

ע ל ל י ד א (געהט שנעל ארויף אויף דער ווערפאנדע און נעהמט

אָן זייגע הענד) : גאָט צו דאנקען וואָס דו ביזט דאָ! ווען ביזטו געקומען?

וואנגעל: אקאָרשט איצט; א קליינע ווײלע צוריק.

(צייגט אָן אויף ארנהאָלם) : נו, ווילסטו זיך גאָר ניט גריסען מיט אן אלטען בעקאנטען — ?

עלליד א (גיט ארנהאָלם'ען די האַנד) : דאָ זייט איהר אל־זאָ? ווילקאָמען! און ענטשולדיגט וואָס איך בין ניט געווען צו הויז —

ארנהאָלם: עס מאכט ניט — איך בעט אייך שטערט זיך ניט פון מיינעטוועגען.

וואנגעל: איז דאָס וואסער געווען גוט קיהל היינט?

עלליד א: קיהל! אַך גאָט, דאָ איז דאָס וואסער קיינ־מאָל ניט קיהל. ס'איז אזוי לעבליך און פלאך. אוה! דאָ אין די פיאָרדען איז דאָס וואסער קרענקליך.

ארנהאָלם: קרענקליך?

עלליד א: יא, עס איז קרענקליך. און איך גלויב אז עס מאכט אויך איינעם קרענקליך.

וואנגעל (שמייכעלט) : נא, דו גיסט אָבער א שעהנע רעקאָמענדאציע די היגע בעדער.

ארנהאָלם: מיר דוכט זיך גיכער, אז איהר, פרוי וואנגעל, שטעהט אין א בעזונדער פערהעלטניס צום ים און צו אלעס, וואָס קומט פון ים.

עלליד א: יא, דאָס קען זיין. מיר דוכט זיך כמעט אליין אזוי. — אָבער זעהט נור דעם יום־טוב'דיגען פאראד, וואָס די מיידלעך האָבען געמאכט לכבוד אייך!

וואנגעל (אין פערלעגענהייט) : הם — . (קוקט אויפ'ן זייגער) איצט אָבער מוז איך באלד געהן —

ארנהאָלם: איז עס ווירקליך פון מיין כבוד וועגען — ?

עלליד א: געוויס איז דאס פון אייערטוועגען. אזא פאראד מאכען מיר ניט אלע טאָג — אוה, ווי הייס און שטיקענד

ס'איז דאָ אונטער'ן דאַך! (געהט ארונטער אין גארטען) קומט אריבער אָט דאָ! דאָ קען מען ווענינסטענס כאפען א ביסעל לופט. (זי זעצט זיך אין גארטען־שטיבעל.)

אַ ר נ ה אָ ל ם (געהט נאָך איהר): דאָ, מיין איך, בלאָזט ווירקליך א גאנץ פריש לופטעל.

ע ל ל י ד א: יא, פאר איך, וואס איז צוגעוועהנט צו דער פערשטיקטער לופט פון דער הויפט־שטאָדט. איך האָב געהערט, אז אין זומער איז דארטען איינפאך גאנץ שרעקליך.

ו ו א נ ג ע ל (וועלכער איז אויך ארונטערגעגאנגען אין גאר־טען): הם, ליעבע עללידא, איצט וועסטו מוזען פאר א ווײלע אליין אונטערהאלטען אונזער ליעבען פריינד.

ע ל ל י ד א: האָסטו וואס צו טהאן?

ו ו א נ ג ע ל: יא, איך מוז ארונטערגעהן אין קאבינעט. און דאן מוז איך דאך זיך אביסעל איבערטאָן. איך וועל זיך אבער לאנג נים זאמען —

אַ ר נ ה אָ ל ם (זעצט זיך אין גארטען־שטיבעל): איהר דארפט זיך צופיעל נים איילען, ליעבער דאקטאר. אייער פרוי און איך וועלען שוין ווי עס איז פערטרייבען די צייט.

ו ו א נ ג ע ל (שאקעלט צו מיט'ן קאָפּ): אָ יא, דעריין צווייפעל איך נים. נו, אלזאָ, אויף ווידערזעהען! (געהט אוועק לינקס דורכ'ן גארטען.)

ע ל ל י ד א (נאָך א קליינער פּאוזע): רעדט איהר נים, אז דאָ איז גאנץ גוט צו זיצען?

אַ ר נ ה אָ ל ם: איך פאר מיין טייל פיהל דאָ גאנץ גוט.

ע ל ל י ד א: דאס זומער־שטיבעל רופט זיך מ י י ן זומער־שטיבעל, דען איך האָב עס געלאזט בויען. אדער ריכטיגער געזאגט — וואנגעל האָט עס געבויט פון מיינטוועגען.

אַ ר נ ה אָ ל ם: און איהר זיצט דא מעהרסטענטיילס?

ע ל ל י ד א: יא, איך זיץ דאָ דעם גרעסטען טייל פון טאָג.

אַ ר נ ה אָ ל ם: עס פערשטעהט זיך, מיט די מיידלעך?

ע ל ל י ד א: ניין, די מיידלעך זיינען מעהרער אויף דער וועראַנדע.

א ר נ ה אָ ל ם: און וואַנגעל?

ע ל ל י ד א: אַך, וואַנגעל געהט ארום די גאַנצע צייט. באַלד איז ער ביי מיר און באַלד איז ער דאָרטן ביי די קינדער.

א ר נ ה אָ ל ם: האָט א י ה ר דאַס אַזוי איינגעפיהרט?

ע ל ל י ד א: איך דענק, אַז אָט דער איינפיהר שטעלט אונז אַלעמען צופריעדען. מיר קענען פון דאַנען רעדען איינער צום אַנדערן — ווען עס מאַכט זיך אַמאָל, אַז מיר האָבען איינער דעם אַנדערן וואָס צו זאָגען.

א ר נ ה אָ ל ם (זיצט א ווײַלע פערטראַכט): ווען איך בין לעצטען מאָל געווען ביי אייך — דאָרט אין שאַלדרוויקען, מיין איך — ה'ם — דאָס איז שוין א היבש שטיקעל צייט — .

ע ל ל י ד א: עס איז שוין גוטע צעהן יאָהר זינט איהר זייט ביי אונז דאָרטן געווען.

א ר נ ה אָ ל ם: יאָ, אין דעם ערך. אָבער ווען איך שטעל מיר זיך פאָר, ווי איהר זייט געווען אין לייכט-טורעם! די „גע-צענדריענערין", ווי דער אַלטער פאַסטאָר פלעגט אייך רופען, ווייל אייער פאָטער האָט אייך געגעבען דעם נאָמען פון א שיף, אנ-שטאָט א קריסטליכען נאָמען.

ע ל ל י ד א: נו, און וואָס — ?

א ר נ ה אָ ל ם: איז וואָלט איך מיר געקענט דענקען וואָס איהר ווילט, נור ניט צו טרעפען אייך דאָ ווידער אַלס פרוי וואַנגעל.

ע ל ל י ד א: נו, דאַמאָלסט איז דאָך וואַנגעל נאָך ניט גע-ווען קיין — . דאַמאָלסט האָט דאָך נאָך געלעבט די קינדערס' ערשטע מוטער. זייער אמת'ע מוטער — .

א ר נ ה אָ ל ם: נאַטירליך, נאַטירליך. אָבער ווען דאָס וואָלט אפילו ניט געווען דער פאַל — ווען ער וואָלט דאַמאָלסט געווען א פרייער מענש — וואָלט איך אויך ניט געקענט גלויבען, אַז דאָס קען פּאַסירען.

ע ל ל י ד א: איך אויך ניט. קיינמאָל אין לעבען ניט — דאמאָלסט.

א ר נ ה אָ ל ם: וואנגעל איז גאנץ געווים אזא בראוועד מענש. אזא עהרליכער, גוטהערציגער און פריינדליכער צו אלע מענשען —

ע ל ל י ד א (ווארעם און מיט הארץ): יא, דאס איז ער ווירקליך!

א ר נ ה אָ ל ם: — אבער איך מיין, אז ער איז אזוי פער־שיידען פון אייך, ווי הימעל און ערד.

ע ל ל י ד א: דעריין זייט איהר גערעכט. דאס איז ער טאקע.

א ר נ ה אָ ל ם: נו, איז ווי אזוי האָט דאָס פאסירט? ווי אזוי איז דאס געקומען?

ע ל ל י ד א: אך, ליעבער ארנהאָלם, פרעגט מיך ניט וועגען דעם. איך וועל עס אייך דאך ניט קענען ערקלערען. און אפילו ווען איך וואלט עס געקענט, וועט איהר דאך קיינמאָל ניט אימשטאנד זיין צו בעגרייפען און פערשטעהן דאס מינדסטע דערפון.

א ר נ ה אָ ל ם: ה'ם — (אין א נידעריגערן טאָן): האָט איהר ווען עס איז דערצעהלט אייער מאן עפּעס וועגען מיר? איך מיין נאטירליך וועגען דעם ניט־געלונגענעם שריט, וואס איך האָב אמאָל ניט אויסגערעכענטערהייט געמאכט?

ע ל ל י ד א: ניין. ווי קענט איהר דאס גאר דענקען! קיין וואָרט האָב איך איהם ניט געזאָגט פון — פון דעם וואָס איהר מיינט.

א ר נ ה אָ ל ם: דאס פרעהט מיך. דען איך האָב זיך גע־פיהלט אביסעל אין א פערלעגענהייט דענקענדיג טאמער האָט איהר — .

ע ל ל י ד א: דאס איז גאר איבעריג. איך האָב איהם נור געזאגט, וואס ס'איז אויך טאקע אמת, אז איך האָב אייך ז ע ה ר גערן געהאט, און אז איהר זייט געוועזן מיין טרייעסטער און בעס־טער פריינד, וואָס איך האָב דאָרטן געהאט.

א ר נ ה אָ ל ם: איך דאנק אייך. איצט אָבער זאָגט מיר,

— ווארום האָט איהר מיר קיינמאָל ניט געשריבען זינט איך בין אוועקגעפאהרען?

עללידא: איך האָב גערענקט, אז עס וועט אייך אפשר זיין אונאנגענעהם צו הערען פון איינער, וועלכע — וועלכע האָט ניט געקענט ערפילען אייער וואונש, ווי איהר האָט דאָס געוואלט. איך האָב געמיינט, אז איך וועל דערמיט נור אויפרייסען אן אלטע וואונד.

ארנהאָלם: ה'ם — . יא, יא, דעריין האָט איהר טאקע אפשר רעכט געהאט.

עללידא: אָבער פאר וואָס האָט איהר קיינמאָל ניט געשריעבען?

ארנהאָלם: (קוקט זי אָן און שמייכעלט מיט א לייכטען פארוואורף): איך? האָב איך דען געקענט מאכען דעם אנפאנג? אפשר דערוועקען דעם חשד, אז איך וויל ווידער פערפיהרען עט־וואס נייעס? נאכדעם ווי איך האָב געקריגען אזא אָבשניט?

עללידא: נו יא, דאס פערשטעה איך אויך גאנץ גוט. — האט איהר שפעטער גאר ניט געטראכט וועגען אנאנדער פער־בינדונג?

ארנהאָלם: קיינמאָל ניט. איך בין געבליבען טריי מיינע עראינערונגען.

עללידא (האלב שפאסענדיג): אך וואס! לאָזט די אלטע אומעטיגע עראינערונגען צו רוה. איך מיין, אז איהר האָט בעסער געדארפט זערען צו ווערען א גליקליכער בעלבית'ל.

ארנהאָלם: נו, דאן וואלט איך זיך געדארפט אביסעל צואיילען, פרוי וואנגעל. פערגעסט ניט — ס'איז אפשר א שאנד צו דערצעהלען — איך בין שיין אריבער זיעבען און דרייסיג.

עללידא: נו יא, דארפט איהר זיך שוין געווים צואיי־לען. (שווייגט א ווייל, דאן זאגט זי ערנסט און מיט א געדריקטער שטימע:) איצט הערט זיך צו, ליעבער ארנהאָלם — איך וויל איך איצט עפעס זאגען, וואס איך וואלט דאמאָלסט פאר מיין

מויל ניט געבראכט, ווען עס וואלט מיר אפילו גענאנגען אום לעבען.

א ר נ ה אָ ל ם: וואס קען עס זיין?

ע ל ל י ד א: בעת איהר, ווי איהר האָט אקארשט געזאגט, האָט געמאכט דעם אונגעלונגענעם שריט — דאן האָב איך איך אנדערש נ י ט ג ע ק ע נ ט ענטפערן, ווי איך האָב געענטפערט.

א ר נ ה אָ ל ם: איך וויים. איהר האָט מיר מעהר איידער אייער פריינדשאפט ניט געקענט געבען. דאס וויים איך דאך.

ע ל ל י ד א: איהר ווייסט אבער ניט, אז מיין גאנצער געדאנק און אלע מיינע געפיהלען זיינען דאמאָלסט געריכטעט גע־ווען ערגעץ אנדערסוואו.

א ר נ ה אָ ל ם: דאמאָלסט!

ע ל ל י ד א: יא, דאמאָלסט.

א ר נ ה אָ ל ם: אבער דאס איז דאך אונמעגליך! איהר מוזט א טעות האָבען אין דער צייט! איך גלויב, אז איהר האָט דאמאָלסט נאָך וואנגעל'ן גאר ניט געקאנט.

ע ל ל י ד א: איך רעד ניט פון וואנגעל'ן.

א ר נ ה אָ ל ם: ניט פון וואנגעל'ן? אבער אין יענער צייט — אין שאָלדוויקען — איך קען זיך ניט דערמאָנען קיין איין איינציגען מענשען דאָרטן, מיט וועלכען איך זאל קענען דענקען אז איהר זייט געווען פערלאָבט.

ע ל ל י ד א: יא, יא — דאס איז שוין ריכטיג. די גאנצע זאך איז געווען אזוי ווילד — איינפאך פעררי‍קט צו ווערען.

א ר נ ה אָ ל ם: דערצעהלט־זשע מיר דאך מעהר וועגען דעם!

ע ל ל י ד א: אך, עס איז גענוג ווען איהר ווייסט, אז איך בין דאמאָלסט געווען פערבונדען. נו, און דאס ווייסט איהר שוין איצטער. —

א ר נ ה אָ ל ם: און אויב איהר וואָלט דאמאָלסט ניט גע־ווען פערבונדען?

ע ל ל י ד א: וואס וואלט ד א ן געווען?

א ר נ ה אָ ל ם: וואלט אייער ענטפּער אויף מיין בּויעף געווען דאן אנאנדערער?

ע ל ל י ד א: ווי קען איך עס וויסען? ווען וואנגעל איז געקומען, איז דער ענטפּער אויסגעפּאלען אנדערש.

א ר נ ה אָ ל ם: איז צוליעב ועלכען צוועק דערצעהלט איהר מיר, אז איהר זייט געווען פערבּונדען?

ע ל ל י ד א (שטעהט אויף אין א מין אויפרעגונג און אַנגסט): ווייל איך מוז האָבען א מענשען, פאר וועמען איך זאל זיך קענען פערטרויען. ניין, ניין, בּלייבּט נור זיצען.

א ר נ ה אָ ל ם: אייער מאן, הייסט עס, ווייס גאר ניט פון דער מעשה?

ע ל ל י ד א: איך האָבּ איהם גלייך אין אנהויבּ דערצעהלט, אז פריהער איז מיין הארץ געלעגען ערגעץ אנדערסוואו. ער האָט ווייטער ניט געפרעגט, און מיר האָבּען דעם פּונקט שפּעטער מעהר ניט בּעריהרט. אין גרונד גענומען איז עס ... מעהר ניט געווען ווי מישוגעת. און דאן האָט גלייך גענומען א סוף דערצו. יא, דאָס הייסט — אין א געוויסער בּעציהונג.

א ר נ ה אָ ל ם (שטעהט אויף): נור אין א געוויסער בּעציהונג? ניט גאר אין גאנצען!

ע ל ל י ד א: יא, יא, געוויס! אַך, מיין גאָט, עס איז גאָר ניט אזוי ווי איהר מיינט, ליעבּער ארנהאָלם. עס איז גאר אין גאנצען אן אונבּעגרייפליכע זאך. איך ווייס ניט, ווי איך זאל דאָס אייך דערצעהלען. איהר וועט נור דענקען, אז איך בּין קראנק געוועזען — אדער איינגאנצען פון זינען.

א ר נ ה אָ ל ם: אבּער, בּעסטע פרוי וואנגעל, — איצטער מוזט איהר ווירקליך אלץ ארויסזאגען.

ע ל ל י ד א: נו גוט! איך וועל עס פּרוּבּירען. ווי וואלט איהר, אלס פערשטענדיגער מענש, זיך ערקלערען, וואס — (קוקט ארויס און האַקט זיך איבּער) ווארט בּיז שפּעטער. אט קומט דא ווער.

עס זעהט זיך ווי לינגסטראנד גיזהט אויפ'ן וועג און קומט ארויין

אין גארטען. אין לאַטץ שטעקט ביי איהם א בלום און ער טראָגט א גרויסען שעהנעם בוקעט, ארומגעוויקעלט מיט פּאַפּיער און א זיידען בענדעל. ער שטעהט א ווײלע אונענטשלאָסען אויף דער וועראַנדע.

ע ל ל י ד א (טרעט ארויס פון זומער־שטיבעל): איהר זוכט געוויס די מיידלעך, הערר לינגסטראנד?

ל י נ ג ס ט ר א נ (דרעהט זיך אום): אה, די מאדאם איז דאָ. (גריסט זי און קומט צו נעהענטער) ניין, ניט דאָס. איך זוך ניט די יונגע דאמען. אייך אליין זוך איך, פרוי וואנגעל. איהר האָט דאָך מיר ערלויבט אייך צו בעזוכען —

ע ל ל י ד א: יא געוויס האָב איך. איהר זייט אונז אלעמאָל ווילקאָמען.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: איך דאנק פיעל מאָל. און אזוי ווי עס קומט צום גליק אויס, אז דא איז היינט א יום טוב אין הויז —

ע ל ל י ד א: אזוי, איהר ווייסט דאָס?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא. און דעריבער וויל איך מיר נעה־מען די פרייהייט און אייך געבען אָט דאָס — (ער פערנייגט זיך און דערלאנגט איהר דעם בוקעט.)

ע ל ל י ד א (שמייכעלט): אָבער, בעסטער הערר לינגסטראנד, וואלט עס ניט געווען ריכטיגער, ווען איהר גיט איבער אייערע שעהנע בלומען דעם הערר פּראָפעסאר ארנהאָלם אליין? דען אייגנעטליך איז ער דאָס, צוליב וועמען —

ל י נ ס ט ר א נ ד (קוקט אונבעשטימט אויף זיי ביידען) ענט־שולדיגט, אבער איך קאן ניט דעם פרעמדען העררן. עס איז נור — איך האָב עס געבראכט אלס געבורטסטאג־געשענק, מאדאם.

ע ל ל י ד א: א געבורטסטאג? דאן האָט איהר א טעות, הערר לינגסטראנד. דא ביי אונז איז היינט קיינעמס געבורטסטאג ניט.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד (שמייכעלט רוהיגלעך): אה, איך ווייס שוין גוט. נור איך האָב ניט גערעכענט, אז דאס ווערט געהאל־טען בסוד.

ע ל ל י ד א: וואס ווייסט איהר דען?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: אז עס איז דער מאדאם׳ס געבורטס־טאג.

ע ל ל י ד א: מיינער?

א ר נ ה אָ ל ם (קוקט אויף איהר פערוואונדערט) היינט? זי־כער ניט. ניין.

ע ל ל י ד א (צו לינגסטראנד): ווי פאלט עס אייך איין?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: פרייליין הילדע האָט ארויסגעגעבען דעם סוד. איך בין דא שוין פריהער געווען א קליינע ווייל, האָב איך געפרעגט די יונגע דאמען וועגען וואס דא איז אזוי אויסגע־פוצט מיט בלומען, און די פאָהן וואס הענגט —

ע ל ל י ד א: יא נו, און — ?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: — און פרייליין הילדע האָט געענט־פערט: היינט איז מאמא׳ס געבורטסטאג.

ע ל ל י ד א: מאמא׳ס —! אָך, אזוי.

א ר נ ה אָ ל ם: אהא! (ער און עללידא קוקען זיך איבער פערשטעהענדיג) יא, פרוי וואנגעל, ווען דער יונגער מאן וויים עס שוין —

ע ל ל י ד א (צו לינגסטראנד): יא, וויבאלד אז איהר ווייסט שוין, איז —

ל י נ ג ס ט ר א נ ד (פרעזענטירט ווידער דעם בוקעט) מעג איך זיך ערלויבען צו גראטולירען —

ע ל ל י ד א (נעהמט די בלומען): איך דאנק אייך זעהר שעהן. ווילט איהר ניט א ווייל זיך צוזעצען, הערר לינגסטראנד? (עללידא, אַרנהאָלם און לינגסטראנד זעצען זיך אין זומער־שטיבעל) די מעשה מיט מיין געבורטסטאג האָט בעדארפט בלייבען א סוד, הערר פראפעסאָר.

א ר נ ה אָ ל ם: איך פערשטעה שוין. מיר פרעמדע האָבען עס ניט געדארפט וויסען.

ע ל ל י ד א (לעגט אוועק דעם בוקעט אויפ׳ן טיש): טאקע ריכטיג. עס איז ניט פאר פרעמדע.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: אויף מיין וואָרט, איך וועל עס קיין לעבעדיגען מענשען ניט זאגען.

ע ל ל י ד א: אך, ניט אין דעם זין האָב איך עס געמיינט. — נו, ווי געהט עס אייך, אלזאָ? איך מיין, אז איהר זעהט שוין אויס אביסעל בעסער ווי פריהער.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא, עס געהט מיר ניט שלעכט. דאן נעכסטען יאהר, ווען איך וועל אפשר קענען פאהרען אין די דרום־לענדער —

ע ל ל י ד א: דאס איז דאך א בעשטימטע זאך, ווי די מיידלעך דערצעהלען מיר.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא, איך האָב אין בערגען א פריינד, וואס שטיצט מיך. און ער האָט מיר צוגעזאגט צו העלפען נעכ־סטען יאהר.

ע ל ל י ד א: ווי אזוי זיינט איהר צו איהם געקומען?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: אה, דאָס איז געווען א זעהר גליקלי־כער צופאל. איך בין אמאל געפאהרען אויף איינעם פון זיינע שיפען.

ע ל ל י ד א: אזוי? האָט איהר דאמאָלסט געוואלט ווערען א מאטראָז?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ניין, דאס האָב איך גאר ניט געוואלט. אבער ווען מיין מוטער איז געשטארבען, האָט מיין פאטער ניט געוואלט איך זאל ארומגעהן לעדיג אין דער היים, און ער האָט מיך אוועקגעשיקט אויפ'ן ים. דאן האָבען מיר געליטען שיפברוך אין קאנאל פאָהרענדיג א היים. און דאס איז פאר מיר געווען א טובה.

א ר נ ה אָ ל ם: ווי אזוי מיינט איהר עס?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: דורך דעם דאזיגען שיפברוך האָב איך בעקומען מיין חילאת — די שוואכקייט אויף דער ברוסט. איך בין געלעגען א לאנגע צייט אין דעם אייז־קאלטען וואסער איי־דער מען איז געקומען און מיך ארויסגעראטעוועט. נו, דאן האָב

איך דאך געמוזט איינגעבען דעם ים. — יא, דאס איז פאר מיר ווירקליך געווען א גרויס גליק.

א ר נ ה אָ ל ם: אזוי? מיינט איהר דאָס?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא, דען מיין קראנקהייט איז ניט קיין געפעהרליכע. און איצט קען איך דאך ווערען א סקולפטאר, נאָך וואָס איך האָב געגלוסט פון מיין גאנצען הארצען. בעטראכט נור — מאָדעלירען מיט דעם וואונדערבארען ליים, וועלכער גיט זיך אזוי שעהן אונטער די פינגער!

ע ל ל י ד א: און וואס ווילט איהר אייגענטליך מאָדעלירען, ים־מענער אָדער ים־פרויען? אָדער גאָר אלטע וויקינגען?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ניין, קיינע ניט פון די זאכען. איך וויל אבער פרובירען, אזוי באלד ווי איך וועל זיין אימשטאנד מאַכען א גרויס ווערק. א גרופע, ווי מען רופט עס.

ע ל ל י ד א: נו גוט, — אבער וואס וועט דען די גרופע פאָרשטעלען?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: דאס וועט זיין עפּעס, וואס איך האָב אליין דורכגעלעבט.

א ר נ ה אָ ל ם: יא, יא — האלט זיך נור אָן דעם.

ע ל ל י ד א: אבער וואס פאָרט וועט עס זיין?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: איך האָב זיך מיר פאָרגעשטעלט דאָס זאָל זיין א יונגע מאטראזען־פרוי, וועלכע ליעגט און שלאָפט א מערקווירדיג־אונרוהיגען שלאָף, און עס חלום׳ט זיך איהר אין שלאָף. איך גלויב, איך וועל עס קענען אזוי אויסארבייטען, אז מען זאָל קענען זעהען אויף איהר, ווי זי חלום׳ט.

א ר נ ה אָ ל ם: און דאס וועט זיין אלעס?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ניין, דערביי דארף זיין נאָך א פיגור, אן ערשיינונג, ווי מען רופט עס. דאָס זאָל זיין איהר מאַן, וועמען זי איז געווען אונטריי, בעת ער איז אוועק. און ער איז דער־טרונקען געווארען אין ים.

א ר נ ה אָ ל ם: ווי זאגט איהר?

ע ל ל י ד א: ער איז דערטרונקען געווארען?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא, ער איז דערטרונקען געווארען רייד־זענדיג אויפ'ן ים. דאס וואונדערבארע דערביי איז דאס, וואס ער קומט דאך אהיים. עס איז ביי נאכט און ער שטעהט דא נע־בען בעט און קוקט אויף איהר. ער מוז דארט שטעהן א נאסער, ווי איינער וועמען מען האט ארויסגעצויגען פון וואסער.

ע ל ל י ד א (שפארט זיך אן אויף הינטען אין שטוהל): וואס פאר א וואונדערליכע זאך! (מאכט צו די אויגען) אה, איך קען עס זעהען לעבעדיג פאר מיינע אויגען.

א ר נ ה א ל ם: אבער אום גאטעס ווילען, הערר—הערר—! איהר האט דאך געזאגט, אז דאס וועט זיין עפעס, וואס איהר האט אליין דורכגעלעבט.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא, דאס האב איך טאקע דורכגעלעבט.

דאס הייסט: אין א געוויסער בעציהונג.

א ר נ ה א ל ם: איהר האט אליין דורכגעלעבט, ווי א טויטער איז געקומען —!

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: נו יא, איך מיין דאך נים, אז איך האב עס דורכגעלעבט דירעקט. עס פערשטעהט זיך, נים אויסער־ליך. אבער דאך אזוי —

ע ל ל י ד א (מונטער, געשפאנט) דערצעהלט מיר אלץ וואס איהר ווייסט און קענט דערצעהלען. איך וויל די זאך גוט פער־שטעהן.

א ר נ ה א ל ם (לאכענדיג): יא, דאס איז די ריכטיגע מעשה פאר אייך. עפעס נור וואס האט א ים־שטימונג אין זיך.

ע ל ל י ד א: אלזא, ווי איז עס געווען, הערר לינגסטראנד?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: עס איז געווען, פערשטעהט איהר, אזוי. דאמאלסט ווען מיר האבען געוואלט זעגלען אהיים פון אזא שטאדט, וואס הייסט האליפאקס, האבען מיר געמוזט איבערלאזען אונזער באטסמאן אין שפיטאל, און אויף זיין פלאץ האבען מיר מיר דאן גענומען איינעם אן אמעריקאנער. דער דאזיגער נייער באטסמאן —

ע ל ל י ד א: דער אמעריקאנער?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יאָ; דער דאזיגער אמעריקאנער האָט געליהען ביים קאפּיטאן א פּאק אלטע צייטונגען און האָט זיי נאכ־אנאנד געלעזען. ער האָט געוואלט זיך אויסלערנען נארוועגיש, האָט ער געזאָגט.

ע ל ל י ד א: נו, איז וואס? —

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: איינמאָל אין אבענד איז געווען א שטורעמדיג וועטער. אלע מאטראזען זיינען געווען אויפ'ן דעק, א חוץ דער באָאטסמאן און איך. ער האָט זיך געהאט פערשטאָ־כען א פוס און דאָט ניט געקענט ארויפקלעטערן; און איך בין נאָך ניט געווען מיט אלעמען, און בין געלעגען אין מיין בעטעל. נו, איז ער זיך געזעסען דארט אין זיין ווינקעל און געלעזען איינעם פון די אלטע בלעטער —

ע ל ל י ד א: נו, נו?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: מיט איין מאָל הער איך, ווי ער האָט א מאָדנעם ברום געטאָן, און ווען איך האָב א קוק געטאָן אויף איהם, דאָב איך דערזעהן, אז ער איז געווארען בלייך ווי קאלך. דאן האָט ער פאר כעס צוקרימפּעלט דאס בלאט און צעררימען אויף טויזענד שטיקלעך. אבער דאס האָט ער געטאָן גאנץ שטיל, גאר שטילערהייט.

ע ל ל י ד א: האָט ער דען גארנישט געזאגט? גארנישט גערעדט?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ניט גלייך. אין א ווײלע ארום אבער האָט ער געזאגט צו זיך אליין: זי האָט חתונה געהאט. מיט אנ־אנדערען. בעת איך בין געווען אוועק.

ע ל ל י ד א (שליסט צו די אויגען און זאגט גאנץ שטיל): האָט ער דאס געזאגט?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא. און שטעלט זיך נור פאָר — ער האָט עס געזאגט אין ריכטיגע נאָרוועגיש. ער האָט לייכט זיך גע־קענט אויסלערנען שפּראכען, אָט דער מאן.

ע ל ל י ד א: און וואס איז געווען דאן? וואס האָט פּאַ־סירט דערנאָך?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: איצט קומט דאָס מערקווירדיגסטע, וואָס איך וועל קיינמאָל אין לעבען ניט פערגעסען. אזוי זיצענדיג האָט ער געזאָגט — און דאָס אויך גאנץ שטיל —: „אבער זי איז מיינע, און מיינע וועט זי בלייבען. און זי וועט נאָך מיר נאכ־געהן, אפילו ווען איך זאל אהיים קומען און זי נעהמען ווי א דער־טרונקענער פון שווארצען מעער“.

ע ל ל י ד א (גיסט זיך אָן א גלאָז וואסער, איהר האנד ציטערט): אך, ווי פערשטיקט דאָ איז היינט —

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: און געזאָגט האָט ער דאָס מיט אזא שטארקער ווילענס־קראפט, אז איך האָב מיר געטראכט, ער וועט עס געוויס אויך קענען אויספיהרען.

ע ל ל י ד א: ווייסט איהר ניט, וואס איז פון דעם מאן געווארען?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: אך, מאדאם, ער איז שוין געוויס ניט מעהר צווישען די לעבעדיגע.

ע ל ל י ד א (שנעל): ווארום גלויבט איהר אזוי?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ווייל מיר האָבען דאך דערנאָך געליטען שיפברוך אין קאנאל. איך האָב זיך געראטעוועט אין דעם גרויסען שיפעל צוזאמען מיט'ן קאפיטאן און נאָך פינף. דער שטורמאַן איז געגאנגען אין דעם אנדער שיפעל; דאָרט איז אויך געוועזען אָט דער אמעריקאנער און נאָך א מאן.

ע ל ל י ד א: און מען האָט פון זיי שפעטער גארנישט גע־הערט?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ניין, מאדאם, קיין וואָרט ניט. מיין שטיצער האָט עס מיר דאָ ניט לאנג אין א בריעף געשריעבען. אָבער גראד דעריבער האָב איך געקריגען אזא שטארקען חשק צו מאכען דערפון א קונסטווערק. די אונטרייע מאטראָזען־פרוי זעה איך א לעבעדיגע פאר די אויגען; און אויך דעם נקמה־נעהמער, וועלכער איז דערטרונקען געווארען און קומט דאָך צוריק אהיים פון ים. איך זעה זיי ביידען גאנץ דייטליך פאר מיינע אויגען.

ע ל ל י ד א: איך אויך. (זי שטעהט אויף) קומט — לאָ־

מיר ארייננעהן. אדער בעסער ארונטערגעהן צו וואנגלען! איך געפין, אז דאָ איז זעהר שטיקענד און שווער (זי געהט ארויס פון זומער־שטיבעל.)

ל י נ ג ס ט ר א נ ד (ווערכער איז אויך אויפגעשטאַנען): איך, פאר מיין טייל, דאנק אייך. איך האָב נור געוואלט אבשטאַטען א קורצען וויזיט לכבוד דעם געבורטסטאג.

ע ל ל י ד א : נו, זאל זיין ווי איהר ווילט. (דערלאנגט איהם די האנד) אדיע, און א שעהנעם דאנק אייך פאר די בלומען.

ליננסטראנד פערנייגט זיך און געהט אוועק דורך די גארטען־טיר.

א ר נ ה אָ ל ם (שטעהט אויף און געהט צו עללידא׳ן): איך זעה, אז די געשיכטע האָט אייך אנגעריהרט ביים הארצען, ליעבע פרוי וואנגעל.

ע ל ל י ד א : אַך יא, איהר מעגט עס זאגען, אויבוואָהל —

א ר נ ה אָ ל ם : אבער אין גרונד גענומען האָט איהר דאך געראפט זיין צוגעגרייט דערצו.

ע ל ל י ד א (קוקט איהם אָן איבערראשט): איך האָב גע־דארפט זיין צוגעגרייט?

א ר נ ה אָ ל ם : יא, איך דענק אזוי.

ע ל ל י ד א : צוגעגרייט אז ער וועט קענען צוריקקומען—? אז ער וועט קענען צוריקקומען אויף אזא אופן?

א ר נ ה אָ ל ם : אבער וואס טהוט זיך מיט אייך — ! איז עס אט די בבא־מעשה פון דעם צודרעהטען סקולפטאר, וואס האָט אייך — ?

ע ל ל י ד א : אַך, ליעבער ארנהאָלם, ער איז אפשר גארניט אזוי צו־דרעהט, ווי איהר מיינט.

א ר נ ה אָ ל ם : הייסט עס, די אונזיניגע מעשה מיט דעם טויטען האָט אייך אזוי אויפגערודערט? און איך, איך האָב גע־מיינט —

ע ל ל י ד א : וואס האָט איהר געמיינט?

א ר נ ה אָ ל ם : איך האָב נאטירליך געמיינט, אז איהר

פערשטעלט זיך דאָס נור פאר איהם. איהר זייט געזעסען און זיך געערגערט, וואס איהר האָט זיך דערוואוסט, אז דא אין הויז וועט אנגעפיהרט א פאמיליען־יום־טוב הינטער אייער רוקען; אז אייער מאן און זיינע קינדער לעבען אין עראינערונגען, אין וועלכע איהר קענט ניט קיין טייל נעהמען.

ע ל ל י ד א: אך, ניין, ניין. דאס מעג זיך זיין ווי עס וויל זיך. איך האָב ניט קיין רעכט צו פערלאנגען, אז מיין מאן זאל אינגאנצען נור זיין פארטאָן מיט מיר.

א ר נ ה אָ ל ם: און איך האָב גערעכענט, אז איהר האָט יא אזא רעכט.

ע ל ל י ד א: יא, אבער פאקטיש האָב איך עס ניט. דאס איז די זאך. איך אליין לעב אויך אין א וועלט — וועלכע איז פאר זיי פערשלאָסען.

א ר נ ה אָ ל ם: איהר! (רוהיגער) מעג איך דערפון פערשטעהן — אז איהר — איהר — האָט אייגענטליך ניט ליעב אייער מאן?

ע ל ל י ד א: אה, ניין, ניין. איך האָב איהם ליעב געקראָגען פון גאנצען הארצען. און טאקע דעריבער איז עס אזוי שרעקליך — אזוי אונערקלערליך, אזוי אינגאנצען אונבעגרייפליך —!

א ר נ ה אָ ל ם: אויב אזוי מוזט איהר מיר איצט פערטרויען אלע אייערע זאָרגען און קיין זאך ניט בעהאלטען פון מיר. ווילט איהר עס טהאָן, פרוי וואנגעל?

ע ל ל י ד א: איך קען ניט, ליעבער פריינד. ווענינסטענס איצט ניט. אפשר שפעטער אמאָל.

(באָלעטע בעוויזט זיך אויף דער וועראנדע און געהט ארונטער אין גארטען.)

ב אָ ל ע ט ע: איצט קומט דער פאפא פון קאבינעט. זאלען מיר אפשר אלע צוזאמען זיך זעצען אין גארטען־צימער?

ע ל ל י ד א: יא, דאס וועלען מיר טהאָן.

(וואנגעל, אין אנאנדער אנצוג, בעוויזט זיך, צוזאמען מיט הולדע'ן, לינקס הינטער'ן הויז.)

װ ו א נ ג ע ל: אָט אזוי! אָט בין איך — אינגאנצען א פרייער מענש. נו, איצט װעלען מיר קריגען עפּעס א גוטען, סיזי־לען טרונק, אז ס׳זאל האָבען א טעם!

ע ל ל י ד א: װאַרט נור א װײלע. (זי געהט אריין אין זו־מער־שטיבעל און ברענגט דעם בוקעט.)

ה י ל ד ע: אי זעה נור, װאס פאר א װאונדערבארע בלו־מען! װאו האָסטו זײ געקריגען?

ע ל ל י ד א: איך האָב זײ געקריגען פון דעם סקולפּטאר לינגסטראנד, מײן ליעבע הילדע.

ה י ל ד ע (איבערראשט): פון לינגסטראנד?

ב אָ ל ע ט ע (אומרוהיג): איז לינגסטראנד שוין װיעדער דאָ געװעזען?

ע ל י ד א (האלב שמײכלענדיג): יא, ער איז דאָ געװעזען און דאָט דאָס געבראכט. א געבורטסטאָג־געשענק, פערשטעהסט?

ב א ל ע ט ע (קוקט אויף הילדע׳ן): אָהע—!

ה י ל ד ע (מורמעלט): דער עזעל!

װ ו א נ ג ע ל (אין א שמערצליכע פערלעגענהייט): ה׳ם — יא, זעה נור — איך מוז דיר זאָגען, מײן ליעבע, גוטע, אײנציגע עללידא —

ע ל ל י ד א (אָבהאקענדיג): נו, קומט קינדער! מיר װעלען מײנע בלומען ארײנשטעלען אין װאסער צוזאמען מיט די אנדערע. (זי געהט ארויף אויף דער װעראַנדע.)

ב א ל ע ט ע (אין דער שטיל צו הילדע׳ן): אין אמת׳ן איז זי דאָך א ליעבליכע.

ה י ל ד ע (ניעדריג, מיט א בײזען אויסדרוק): דאָס זײנען נור אָנשטעלען! זי טהוט עס נור כדי פּאפּא׳ן צו געפעלען.

װ ו א נ ג ע ל (אויבען אויף דער װעראנדע, דריקט עללידא׳ן די האנד): א דאנק — א דאנק! א הערצליכען דאנק דיר, עללידא!

ע ל ל י ד א (פאָרעט זיך ארום די בלומען): אך וואָס — פאר וואָס זאָל איך אויך ניט מיטהעלפען ווען מען פייערט — דער מאמע'ס געבורטסטאָג?

א ר נ ה אָ ל ם: ה'ם —.

ער געהט ארויף צו וואנגעל און עללידאַ. באלעטע און הילדע בלייבען אונטען אין גאָרטען.

צווייטער אקט.

אויפ׳ן „פּראָספּעקט“, א וועלדיל אויף א בארג הינטער׳ן שטאָדט. עטוואָס ווייטער פון הינטען שטעהט אַ וואַך־טורעם און אַ וועטערפאָהן. ארום און ארום דעם וואַך־טורעם ליעגען גרויסע שטיינער אויף צום זיצען. אונטען, טיעף אין הינטערגרונד, זעהט זיך דער אויסגעריבענער פּיאָרד מיט אינזלען און ארויסגעשטעקטע שפּיצען לאַנד. דער אָפּענער ים דארף זיך ניט זעהען. עס איז א זומערדיגע נאַכט, האַלבליכטיג. ווייט אַוועק איבער די בארג־שפּיצען שעמערט אין דער לופט אַ געלבליך־רויטער שיין. פון פוס פון בארג רעכטס קומט ארויף א דומפער קלאַנג פון געזאַנג פון אַ קווארטעט.

יונגעלייט פון שטאָדט, דאַמען און הערען, קומען אין פּאָרלעך פון רעכטס, שפּאַצירען פארביי דעם וואַך־טורעם און געהען אוועק לינקס. באלעסטעד קומט אָן אלס פיהרער פון א קאָמפּאַניע אויסלענדישע טוריסטען. ער איז בעלאַדען מיט די שאַלען און רייזע טאַשען פון די דאמען.

באלעסטעד (צייגט ארויף־צו מיט׳ן שטאָק): וואוי־איע מעסיע ע מאַדאַם — דאָרטען ע סיטוע אנקאָר אין אָטר באַרג. סע־לא נו וואולאָן אויף מאָנטע ע ארונטער. — (ווייטער רעדט ער צו זיי אין ענגליש, און פיהרט די קאָמפּאַניע ארוים לינקס.)

הילדע קומט שנעל ארויף־בארג רעכטס, בלייבט שטעהן און קוקט אהינטער. באַלד נאָכדעם קומט באָלעטע ארויף מיט׳ן זעלבען וועג.

באָלעטע: אָבער, קינד איינע, פאַר וואָס זאָלען מיר אוועקלויפען פון לינגסטראנד?

הילדע: ווייל איך קען עס ניט אויסהאלטען צו געהן אזוי לאנגזאם בארג־ארויף. זעה נור, זעה ווי ער קאראבקעט זיך ארויף.

ב אָ ל ע ט ע: דו ווייסט דאָך, אז ער איז אזא שוואכער.

ה י ל ד ע: דענקסטו אז זיין קראנקהייט איז א נעפעהר־ליכע?

ב אָ ל ע ט ע: יא, איך בין זיכער אין דעם.

ה י ל ד ע: ער איז היינט נאכמיטאג געווען ביים פּאפּא. איך וואלט וועלען וויסען, וואס דער פּאפּא האלט פון איהם.

ב אָ ל ע ט ע: פּאפּא האָט מיר געזאָגט, אז ער האָט א פערהארטונג פון די לונגען — אדער עפּעס פון דעם סאָרט. ער וועט ניט לאנג ציהען, האָט פּאפּא געזאגט.

ה י ל ד ע: האָט ער דאס ווירקליך געזאגט? בערעכען נור — אקוראט דאסזעלבע האָב איך אויך געדענקט.

ב אָ ל ע ט ע: אבער אום גאָטעם ווילען, זעה אז ער זאָל אויף דיר גאר נישט מערקען.

ה י ל ד ע: אָך, וואס דיר פאלט איין. (אין א נידריגערן טאָן) זעה נור, האנס איז שוין מיט גליק ארויפגעקלעטערט. האנס — דענקסטו ניט אז מען קען עס איהם אויפ׳ן פּנים אנ־זעהן, אז ער הייסט האנס?

ב אָ ל ע ט ע (שעפּטשעט): איצט אבער זאלסטו זיין ארטיג, איך ראטה דיר.

לינגסטראנד קומט פון רעכטס מיט א זונענשירם אין דער האַנד.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: איך מוז בעטען די דאמען אום ענט־שולדיגונג, וואס איך קען ניט געהען אזוי שנעל ווי זיי.

ה י ל ד ע: א זונענשירם האָט איהר זיך נאָך אויך איינגע־שאפט?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: עס איז אייער מוטער׳ס. זי האָט גע־זאגט, אז איך קען עס געברויכען פאר א שטעקען, דען איך האָב מיינעם ניט מיטגעבראכט.

ב אָ ל ע ט ע: זיינען זיי נאָך אונטען, פּאפּא און די איבע־ריגע?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא. אייער פאטער איז אויף א מינוט אריין אין רעסטאָראן, די אנדערע זיצען דרויסען און הערען זיך

צו צו דער מוזיק. שפּעטער וועלען זיי אויך ארויפקומען, האָט געזאָגט אייער מוטער.

ה י ל ד ע (שטעהט אוף קוקט אויף איהם): איהר מוזט איצט זיין היבש מיעד.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא. מיר דוכט זיך טאקע, אז איך בין אביסעל מיעד. איך דענק, איך וועל זיך גאר א ביסעל צוזעצען.

(ער זעצט זיך אויף א שטיין פון פאָרענט רעכטס.)

ה י ל ד ע (שטעהט איהם אנטקעגען): ווייסט איהר אז אונטען ביי דער מוזיק־קאפּעלע וועט מען שפּעטער טאנצען?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא, איך האָב געהערט, ווי מען האָט גערעדט דערפון.

ה י ל ד ע: איך האָף, אז איהר האָט פערגניגען פון טאנצען.

ב אָ ל ע ט ע (וועלכע איז געגאנגען קלייבען בלומען צווישען די גראָז): אך, הילדע — לאָז דאָך דעם הערר לינגסטראנד א ביסעל אָבכאפּען דעם אָטעם.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד (צו הילדע'ן) יא, פריילין, איך וואלט גערן געטאנצט — ווען איך וואלט געקענט.

ה י ל ד ע: אה, אזוי. האָט איהר זיך קיינמאָל ניט געלערנט?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ניין, דאס אויך ניט. אבער ניט דאס האָב איך גאר געמיינט. איך האָב געמיינט, אז איך קען ניט צוליב מיין ברוסט.

ה י ל ד ע: צוליעב אייער „חולאת", ווי איהר רופט עס?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא, צוליב דעם.

ה י ל ד ע: זייט איהר זעהר פערזארגט, וואס איהר האָט די חולאת?

לי נ ג ס ט ר א נ ד: אך, ניין, דאס קען איך ניט זאגען, (שמייכעלט) דען גראָד צוליב דעם רעכען איך, אז אלע מענשען זיינען אזוי גוט און פריינדליך צו מיר.

ה י ל ד ע: און אויסער דעם, איז עס גאר ניט קיין געפעהרליכע קראנקהייט.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ניין, עס איז א האָר ניט געפעהרליך. אזוי האָב איך אויך פערשטאנען פון אייער פאטער.

ה י ל ד ע: און עס וועט אינגאנצען איבערגעהן, אזוי באלד ווי איהר וועט קענען מאכען די רייזע.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא, דאן וועט עס איבערגעהן.

ב אָ ל ע ט ע (מיט בלומען) זעהט נור, הערר לינגסטראנד — אט די בלום זאלט איהר ארײנשטעקען אין לאַטיז.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: אך, איך דאנק אייך טויזענד מאָל, פרײלין! דאס איז פון אייך שוין צו־גוט.

ה י ל ד ע (קוקט ארונטער רעכטס): אָט קומען זיי ארויף אויף דעם וועג פון אונטען!

ב אָ ל ע ט ע (קוקט אויך ארונטער): ווען זיי ווייסען נור וואו זיך צו פערקירעווען. ניין, זיי געהען פאַלש.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד (שטעהט אויף): איך וועל ארונטער געהן דאָ צום ברעג און וועל זיי רופען.

ה י ל ד ע: איהר וועט אבער מוזען גוט שרייען.

ב אָ ל ע ט ע: ניין, דאס טויג ניט. איהר וועט זיך נור ווידער איינמאטערן.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: אך, אראָב בארג געהט זיך לייכט. (ער געהט אָב רעכטס.)

ה י ל ד ע: בארג אראָב, יא. (קוקט איהם נאָך) איצט שפרינגט ער אפילו אונטער און ער דענקט גאר ניט, דער חכם, אז ער וועט וויעדער מוזען ארויפגעהן.

ב אָ ל ע ט ע: נעבעך — !

ה י ל ד ע: ווען לינגסטראנד וואלט זיך דיר ערקלערט אין ליעבע, וואלסטו איהם אנגענומען?

ב אָ ל ע ט ע: ביסטו משוגע געווארען?

ה י ל ד ע: נו, איך מיין, פערשטעהט זיך, ווען ער וואלט ניט געהאט זיין חולאת, און ווען ער וואלט ניט געמוזט אזוי שנעל שטארבען. וואלסטו איהם דאן גענומען?

באַלעטע: איך רעכען, אז דו דארפסט איהם נעה־מען.

הילדע: פע, ניט פאר מיר! ער האָט דאָך ניט קיין גראָשען ביי דער נשמה, און האָט אליין גיט פון וואס צו לעבען.

באַלעטע: טאָ פאר וואס גיסטו זיך שטענדיג אב מיט איהם אזוי פיעל?

הילדע: דאָס טהו איך דאָך נור צוליעב זיין חולאת.

באַלעטע: דערווייל האָב איך נאָך ניט געזעהן דו זאלסט מיט איהם אזויפיעל מיטלייד האָבען.

הילדע: דאס האָב איך טאקע ניט. איך געפין אבער א געוויסען רייץ אין דעם.

באַלעטע: אין וואס?

הילדע: איהם אנצוקוקען און צו הערען איהם דערצעה־לען, אז זיין חולאת איז ניט געפעהרליך. און דאן אז ער וועט פאהרען אין אויסלאנד און וועט ווערען א קינסטלער. ער גלויבט אין דעם אזוי שטארק און פיהלט דערביי אזוי גליקליך. און דאָך וועט דערפון גארנישט ניט ארויסקומען. קיינמאָל ניט. דען ער וועט ניט לאנג לעבען. אט דאָס זיך פארצושטעלען געפין איך איז זעהר שפאנענד.

באַלעטע: שפאַנענד?

הילדע: יא, אט דאָס געפין איך איז שפאַנענד — איך נעהם מיר אט די פרייהייט.

באַלעטע: פע, הילדע, דו ביסט גאָר א שלעכטע!

הילדע: יא, אט אזוי וויל איך, — טהו מיר עפעס! (קוקט ארונטער) נו, ענדליך! ארנהאָלם האָט אפנים ניט זעה־ליעב הויך צו קלעטערן. (דרעהט זיך אויס) אך, ווייסטו וואס איך האָב היינט צו מיטאג ביי ארנהאָלם'ען בעמערקט?

באַלעטע: וואָס?

הילדע: דענק ניר, דו — עס הויבען אָן ביי איהם אויס־צוקריכען די האָאר — אט דאָ אויבען אין מיטען קאָפּ.

באַלעטע: אך, אונזין! דאָס איז געוויס ניט אמת.

ה י ל ד ע: עס איז דאך אזוי. און ער האָט אויך רונצלען ארוםביידע אויגען. אך גאָט, באַלעטע, — און דו ביזט געווען אזוי „פערליאַבעט“ אין איהם, ווען ער איז נאָך געווען דיין לעה־רער!

ב אַ ל ע ט ע (לאַכט): יא, בעגרייפסטו עס? איך געדענק, איך האָב אמאָל פערגאסען ביטערע טרערען, ווייל ער האָט גע־זאָגט, אז באַלעטע איז ניט קיין שעהנער נאָמען.

ה י ל ד ע: בערעכען נור! (קוקט ווייעדער ארונטער) דו, דערלאנג נור א קוק דארטען! די „פרוי פון ים“ געהט זיך און רעדט מיט איהם, ניט מיט'ן פאפא. — עס וואלט מיר ניט וואונ־דערן ווען אט די ביידע האָבען געווארפען אן אויג איינער אויפ'ן אנדערן.

ב אַ ל ע ט ע: שעמען זאלסטו זיך, דו! ווי קענסטו זאגען אויף איהר אזא זאך? מיר האָבען דאך אנגעהויבען אויסצוקוכען מיט איהר אזוי גוט —

ה י ל ד ע: נו יא, רעד זיך נור עפעס איין, דו קינד איינע! ניין, די פערהעלטנים צווישען איהר און אונז וועט קיינמאָל ניט זיין קיין גוטע. זי פאסט זיך ניט צו אונז, און מיר פאסען זיך ניט צו איהר. גאָט ווייס פאר וואס פאפא האָט איהר אריינגעשלעפט צו אונז אין הויז. איך וואלט זיך ניט וואונדערן, ווען זי זאל מיט איין מאָל דאָ ביי אונז אראָב פון זינען.

ב אַ ל ע ט ע: אראָב פון זינען! ווי קומט צו דיר אזא געדאנק?

ה י ל ד ע: זעהסטו, דאָס וואָלט גאָר ניט געווען אזוי מערק־ווירדיג. איהר מוטער איז אויך געווען געריהרט. זי איז געשטאָר־בען א משוגענע, דאס ווייס איך.

ב אַ ל ע ט ע: יא, גאָט ווייס וואו דו שטעקסט דיין נאָז ניט אריין אומעטום. דו פלוידער עס נור ניט אויס ווייטער, איך בעט דיך. איצט זיי נור ארטיג — דעם פאפא צוליעב, הערסטו, הילדע?

וואנגעל, עללידא, ארנהאָלם און לינגסטראנד קומען ארויף פון רעכטס.

ע ל ל י ד א (צייגט מיט'ן האנד אויפ'ן הינטערגרונד): עס ליעגט אָט דארטן.

א ר נ ה אָ ל ם: יא געוויס, דארטן מוז עס זיין.

ע ל ל י ד א: דארטן ליעגט דער ים.

ב אָ ל ע ט ע (צו ארנהאָלם): געפינט איהר ניט, אז דאָ אויבען איז זעהר שעהן?

א ר נ ה אָ ל ם: איך געפין אז דאָ איז גרויסארטיג. א פראכטפולער בליק.

ו ו א נ ג ע ל: איהר זייט געוויס דאָ אויבען פריהער קיינמאָל ניט געוועזען?

א ר נ ה אָ ל ם: ניין, קיינמאָל ניט. אין מיין צייט, גלויב איך ניט, אז מען האָט דאָ געקענט דורכגעהן. עס איז אפילו קיין פוס־שטעג דאָ ניט געוועזן.

ו ו א נ ג ע ל: און קיין אויסגעלעגטע פלעצער אויך ניט. דאס אלץ האָבען מיר געקריגען די לעצטע פאָר יאהר.

ע ל ל י ד א: דאָרט אריבער אויף די „לאָצענקופע" איז דער אויסבליק נאָך גרויסארטיגער.

ו ו א נ ג ע ל: זאלען מיר אפשר דארט אריבערגעהן?

ע ל ל י ד א (זעצט זיך אויף א שטיין רעכטס): א דאנק. איך ניט. איהר קענט אייך געהן, איך וועל דאָ בלייבען זיצען און ווארטען אויף אייך.

ו ו א נ ג ע ל: גוט, וועל איך דא בלייבען מיט דיר. די מיידלעך קענען ארומפיהרען דעם הערר ארנהאָלם איהם וויזען דעם פלאַץ.

א ר נ ה אָ ל ם: אח, זעהר גערן. איז דא א וועג וואס פיהרט דאָרטן ארויף?

ב אָ ל ע ט ע: אָה, יאָ. דארט איז א שעהנער, ברייטער וועג.

ה י ל ד ע: דער וועג איז אזוי ברייט אז צוויי מענשען קענען בעקוועם געהן ארם אין ארם.

א ר נ ה א ל ם (שפאַסענדיג): אזוי גאָר, קליינע פריילין, האָ? (צו באַלעטע:) לאָמיר ביידע פּרובירען, צי זי האָט רעכט.

ב אַ ל ע ט ע (אונטערדריקט א שמייכעל): גוט. לאָמיר פּרובירען. (זיי געהען אוועק געאַרעמט לינקס.)

ה י ל ד ע (צו לינגסטראנד): זאָלען מיר אויך — ?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: געאַרעמט — ?

ה י ל ד ע: ווארום דען ניט? פון מיינטוועגען, גערן.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד (נעהמט איהר אַרעם און לאַכט צופריעדען): דאס איז אבער ווירקליך שרעקליך קאָמיש!

ה י ל ד ע: קאָמיש?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא, עס זעהט דאָך פונקט אויס ווי מיר וואלטען געוועזן פערלאָבט.

ה י ל ד ע: איהר האָט אודאי נאָך קיינמאָל ניט געשפּאַצירט מיט א דאַמע געאַרעמט, הערר לינגסטראנד. (זיי געהען אוועק לינקס.)

ו ו א נ ג ע ל (שטעהט הינטען נעבען וואַך־טורעם): ליעבע עללידא, איצט האָבען מיר א ווײַלע צייט פאַר אונז אליין —

ע ל ל י ד א: יא, קום און זעץ זיך דאָ נעבען מיר.

ו ו א נ ג ע ל (זעצט זיך): דאָ איז אזוי פריי און שטיל. נו, לאָמיר זיך אביסעל דורכשמועסען.

ע ל ל י ד א: פון וואס?

ו ו א נ ג ע ל: וועגען דיר. און וועגען אונזער פערהעלטניס, עללידא. איך זעה וואויל, אז אזוי קען עס ווייטער ניט געהן.

ע ל ל י ד א: וואס וואלסטו געוואלט עס זאל זיין אנשטאט דעם?

ו ו א נ ג ע ל: פולען צוטרויען, מיין ליעבע, א צוזאמענלעבען — ווי פריהער.

ע ל ל י ד א: אך, ווען דאס וואלט געקענט זיין! עס איז אבער אינגאַנצען אונמעגליך!

ו ו א נ ג ע ל: איך דענק אז איך פערשטעה דיך. פון עטליכע ווערטער וואס דו האָסט געלאָזט פאלען היע און דאָ,

עללידא (מיט היטץ): ניין, דו פערשטעהסט ניט! זאג ניט אז דו פערשטעהסט מיך — !

וואנגעל: דאָך. דו ביזט אַן עהרליכע נאַטור, עללידא. דו האָסט א געטריי הארץ —

עללידא: יא, דאס האָב איך.

וואנגעל: יעדע פערהעלטניס, אין וועלכער דו זאלסט זיך קענען פיהלען זיכער און גליקליך, מוז זיין א גאנצע און א פאלקעמענע.

עללידא (קוקט איהם אָן געשפאַנט): נו, און — ?

וואנגעל: דו ביזט ניט דערצו געשאפען געווארען צו זיין א מאנ'ס צווייטע פרוי.

עללידא: ווי קומסטו עפּעס אויף דעם מיט א מאָל?

וואנגעל: דער געדאנק איז מיר אָפט דורכגעפלויגען דורכ'ן קאָפּ, נור היינט איז עס מיר אינגאנצען קלאָר געווארען. דער עראינערונגס-יום-טוב פון די קינדער — דו האָסט דעריין גע-קוקט אויף מיר ווי אויף א מיטשולדיגען — נו יא, א מאנ'ס ער-אינערונגען קענען ניט ווערען אזוי אויסגעלאָשען. ווענינגסטענס, ניט מיינע עראינערונגען. איך בין ניט אזעלכער.

עללידא: דאָס ווייס איך. אָך, דאס ווייס איך אזוי גוט.

וואנגעל: פון דעסטוועגען אבער האָסטו א טעות. דיר דוכט זיך כמעט ווי די קינדער'ס מוטער וואלט נאָך געלעבט, ווי זי וואָלט אַן אומבעמערקטע געשטאנען צווישען אונז. דו מיינסט, אז מיין הארץ איז צוטיילט גלייך צווישען דיר און איהר. און אָט דער געדאנק עמפּערט דיך. דו זעהסט, אזוי צו זאגען, עטוואס אומבאראלישעס אין אונזער פערהעלטניס. און טאקע דערי-בער קענסטו ניט — אדער ווילסטו ניט מעהר מיט מיר לעבען אלס מיין פרוי.

עללידא (שטעהט אויף): האָסטו דאס אלעס געזעהן, וואנגעל? אריינגעקוקט אין דאס אלעס?

וואנגעל: יא, היינט האָב איך ענדליך גאַנץ טיעף אריינגעקוקט אין דעם — ביז צום גרונד.

עללידא: ביז צום גרונד, זאגסטו. אך, גלויב דאס גאר נים.

וואנגעל (שטעהט אויף): איך וויים זעהר וואויל, אז דאס איז נאָך ניט אלעס, ליעבע עללידא.

עללידא (אין אנגסט): דו ווייסט, אז עס איז דאָ נאָך עפּעס מעהר?

וואנגעל: יא, אז דו קענסט ניט פערטראגען די אומשטענדען, וואס רינגלען דיך דא ארום. די בערג דריקען דיך אין ליעגען ווי א שווערע משא אויף דיין נשמה. דאָ איז ניט גענוג ליכט פאר דיר. דער הימעל איבער דיר איז דאָ ניט ווייט גענוג. די לופט איז דאָ ניט שטארק און ניט ריין גענוג פאר דיר.

עללידא: דעריין האָסטו ווירקליך רעכט. טאג און נאכט, זומער און ווינטער, פיהל איך עס — א ביינקעניש, וואס ציהט מיך צום ים.

וואנגעל: דאָס וויים איך וואויל, ליעבע עללידא. (לעגט ארויף די האנד אויף איהר קאָפּ) און דעריבער זאָל דאָס אָרימע קראנקע קינד וויעדער געהן דאָרטן, וואו עס פיהלט זיך אין דער היים.

עללידא: ווי מיינסטו דאָס?

וואנגעל: גאנץ איינפאך. מיר קלייבען זיך איבער.

עללידא: זיך איבערקלייבען!

וואנגעל: יא. מיר וועלען אריבערפאָהרען אין א וועלכען עס איז פּלאץ ביים אָפענעם ים — אין א פּלאץ וואו דו וועסט געפינען פאר זיך א היים, ווי דיין הארץ געלוסט.

עללידא: אך, מיין ליעבער, גיב אויף דעם געדאנק אויף אייביג! דאָס איז אינגאנצען אונמעגליך. דו קענסט אין ערגעץ אין דער וועלט ניט לעבען אזוי גליקליך ווי דאָ.

וואנגעל: וועגען מיר רעדט מען ניט. און אויסערדעם, — גלויבסטו אז איך קען דאָ לעבען גליקליך — אָהן דיר?

ע ל ל י ד א: אָבער איך בין דאָך דאָ; און איך בלייב דאָ. דו האָסט מיך דאָך.

וואנגעל: האָב איך דיך, עללידא?

ע ל ל י ד א: אָך, רעד ניט פון יענער זאַך. אָט דאָ האָסטו אַלעס, פון וואָס־וועגען דו לעבסט און שטרעבסט. דאָ ליגט די גאַנצע טהעטיגקייט פון דיין לעבען.

וואנגעל: וועגען דעם רעדט מען ניט, זאָג איך דיר. מיר וועלען אוועקפאָהרען פון דאַנען. מיר וועלען פאָהרען ערגעץ וואו צום ים. דאָס איז ביי מיר פעסט בעשלאָסען, ליעבע עללידא.

ע ל ל י ד א: און וואָס רעכענסטו וועלען מיר דערביי געווינען?

וואנגעל: דו וועסט דאָרט ווידער געווינען דיין געזונד און די בערוהיגונג פון דיין נשמה.

ע ל ל י ד א: איך גלויב קוים. און דו אליין? דאַרפסט אויך דענקען וועגען זיך. וואָס וועסט דו דערביי געווינען?

וואנגעל: איך וועל דיך ווידער געווינען, דו ליעבע.

ע ל ל י ד א: אָבער דאָס קענסטו ניט! ניין, ניין, דאָס קענסטו ניט, וואנגעל! אָט דער געדאַנק איז דאָך דאס שרעקליכע — דאָס, וואָס מאַכט מיר צום פערצווייפלען.

וואנגעל: אָט דאָס דאַרף מען ערשט פּראָבירען. אויב דאָ פערפאָלגען דיר אַזוינע געדאַנקען, דאַן איז פאַר דיר קיין אַנדער רעטונג ניטאָ, ווי צו אַנטלויפען פון דאַנען! און וואָס שנעלער, אַלץ בעסער. דאָס איז אַ פעסט בעשלאָסענע זאַך, הערסטו.

ע ל ל י ד א: ניין! איך וועל דיר בעסער שוין אַלעס גלייך ארויסזאָגען! ריכטיג ווי עס איז.

וואנגעל: יאַ, יאַ — טהו דאָס טאַקע!

ע ל ל י ד א: דען דו דאַרפסט זיך ניט מאַכען אומגליקליך פון מיינעטוועגען. איבערהויפּט נאָך, אַזוי ווי דאָס וועט אונז קיין נוצען ניט בריינגען.

וואנגעל: איך האָב איצט דיין וואָרט, אַז דו וועסט מיר אַלעס דערצעהלען — אַקוראַט ווי די זאַך איז.

ע ל ל י ד א: איך וועל דיר דאָס דערצעהלען אזוי גוט ווי איך קען, און אזוי גענוי ווי איך מיין, אז איך ווייס עס. קום אהער און זעץ זיך צו צו מיר. (זיי זעצען זיך אויף די שטיינער.)

וואנגעל: נו, עללידא? אלזאָ — ?

עללידא: יענעם טאָג, ווען דו ביסט דאָרטן געקומען און מיך געפּרעגט צי איך קען און וויל זיין דיינע, האָסטו מיט מיר גערעדט אזוי אָפען און אזוי עהרליך וועגען דיין ערשטער הייראַט. דו האָסט געזאָגט, אז זי איז געווען זעהר א גליקליכע.

וואנגעל: און אזוי איז זי טאקע געוועזען.

עללידא: יא, יא, מיין ליעבער — איך גלויב דיר. ניט צוליעב דעם דערמאָן איך דאָס איצטער. איך וויל דיר נור דערמאָנען, אז איך פון מיין זייט בין אויך אויפריכטיג געווען מיט דיר. דען איך האָב דיר דערצעהלט אָהן א שום אָבהאַלט, אז איך האָב אמאָל אין מיין לעבען געהאַט געליעבט אן אנדערען. אז עס איז צווישען אונז געקומען אזוי ווייט ווי ביז צו — צו א געוויכען פאָרט פערלאָבונג.

וואנגעל: צו א געוויסען סאָרט — ?

עללידא: יא, עטוואָס דערגלייכען. נו, דאָס האָט אָבער געדויערט גאָר א קורצע צייט. ער איז אָבגעפאָהרען. און שפּעטער האָב איך געמאַכט א סוף פון דער גאנצער זאַך. איך האָב דאָס דיר אַלעס דערצעהלט.

וואנגעל: אָבער, ליעבע עללידא, צו וואָס דען וועקסטו ווידער אויף אָט די אַלטע געשיכטען? אין גרונד איז מיר די גאנצע זאַך גאָר ניט אָנגעגאַנגען. און איך האָב דאָך קיינמאָל אפילו ניט געפּרעגט ווער דאָס איז געווען.

עללידא: יא, דו האָסט ניט געפּרעגט. דו ביזט אלעמאָל אויסגערעכענט מיך ניט צו פערלעצען.

וואנגעל: (שמייכעלט): נו, אין דעם פאַל — איך האָב אליין געקענט אונגעפעהר טרעפען זיין נאָמען.

עללידא: זיין נאָמען!

וואנגעל: אין שאלדוויקען און דעם געגענד ארום זיי־

נען ניט געווען אזויפיל מען זאל קענען איבערקלייבען. אדער, ריכטיגער געזאגט, עס איז מעהר ניט געווען ווי איין איינציגער —

עללידא: דו מיינסט אוודאי, אז דאס איז געווען — ארנהאלם.

וואנגעל: יא, אפשר ניט — ?

עללידא: ניין.

וואנגעל: אזוי? ניין? דאן קען איך ניט קלוג ווערען.

עללידא: ערעינערסט זיך ס'איז אמאל געקומען, שפעט אין הערבסט, א גרויסער אמעריקאנער שיף אין שאלדוויקען פאר רעמאנט?

וואנגעל: יא, איך עראינער מיך גאנץ גוט. אויף דעם דאזיגען שיף האט מען איין פריהמארגען געפונען דעם קאפי־טאן אן ערמארדעטען אין קאיוטע. איך בין דארט אליין געווען און געפאלמעסט דעם קערפער.

עללידא: יא, דאס קען זיין.

וואנגעל: מען האט דאן גערעדט, אז דער צווייטער שטורמאן האט דאס איהם ערמארדעט.

עללידא: דאס קען קיינער ניט זאגען! ווייל עס איז קיינמאל ניט בעוויזען געווארען.

וואנגעל: עס האט דאך אין דעם קיין ספק ניט געקענט זיין, ווארים אז ניט, פארוואס האט ער זיך געווארפען אין וואסער?

עללידא: ער האט זיך ניט געווארפען אין וואסער. ער איז אנטלאפען אויף א שיף וואס איז געגאנגען ארויף אין צפון.

וואנגעל (ערשטוינט): פון וואנען ווייסטו דאס?

עללידא (מיט אנשטרענגונג): יא, וואנגעל — דער צווייטער שטורמאן: מיט איהם בין איך דאס געווען—פערלאבט.

וואנגעל (שפרינגט אויף): וואס זאגסטו? קען דאס מעגליך זיין!

עללידא: יא, אזוי איז עס. עס איז דאס געווען.

וואנגעל: אבער אום גאטעס ווילען, עללידא — ! ווי

האָט עס דיר געקענט אזא זאך איינפאלעי — צו פערלאָבען זיך מיט אזעלכען! מיט א ווילד־פרעמדען כ׳ענש׳ן! — ווי האָט ער געהייסען?

עללידא: דאמאָלסט האָט ער זיך גערופען פרימאן. שפּעטער, אין זיינע בריעף, האָט ער זיך אונטערגעשריבען אלפרעד דזשאנסטאן.

וואנגעל: און פון וואנען האָט ער געשטאמט?

עללידא: פון פינמארק, האָט ער געזאָגט. געבוירען איז ער אייגענטליך אין פינלאנד. אַנגעקומען אהער איז ער אלס קינד — מיט זיין פאָטער, גלויב איך.

וואנגעל: הייסט עס, ער איז געוועזן א קוואן.

עללידא: יא, אזוי רופט מען זיי, דאכט זיך.

וואנגעל: וואָס ווייסטו אויסער דעם וועגען איהם?

עללידא: איך וויים נור, אז ער איז גאנץ יונג געוואָרען א מאטראָז, און אז ער האָט דורכגעמאכט ווייטע רייזען.

וואנגעל: אויסער דעם גאָרנישט?

עללידא: ניין, מיר האָבען קיינמאָל וועגען אזוינע זאכען ניט גערעדט.

וואנגעל: פון וואָס דען האָט איהר גערעדט?

עללידא: מייסטענס פלעגען מיר רעדען וועגען ים.

וואנגעל: אה —! פון ים הייסט עס?

עללידא: פון שטורעם און פון רוה. פון פינסטערע נעכט אויף׳ן ים. פון ים אין זון־העלע בליסטשענדיגע טעג פלעגען מיר אויך רעדען. אָבער מייסטענס האָבען מיר גערעדט פון די וואלפיש און פון די דעלפינען און ים־הינד, וואָס ליעגען אויף די ים־פעלזען און ווארעמען זיך אין זון. און דאן האָבען מיר גערעדט פון די אדלערן און די מעווען און אלע אנדערע ים־פויגלען. — און בעטראכט נור — איז עס ניט זאָנדערבאר — ווען מיר פלעגען רעדען פון אזעלכע זאכען, פלעגט מיר פאָרקומען אזוי ווי אָט די אלע ים־טירען און ים־פויגלען וואָלטען געוועזן זיינע קרובים.

וואנגעל: און דו —?

ע ל ל י ד א: יא, מיר האָט זיך כמעט אויסגעוויזען, ווי איך וואָלט אויך געוואָרען זייער אלעמענס א קרובה.

וו א נ ג ע ל: יא, יא — און אזוי, הייסט עס, אזוי האָסט זיך מיט איהם פערלאָבט?

ע ל ל י ד א: יא, ער האָט געזאָגט, איך זאָל עס טהון.

וו א נ ג ע ל: אז דו זאָלסט? האָסט דען ניט געהאט קיין אייגענעם ווילען?

ע ל ל י ד א: ניט ווען ער איז געווען נעבען מיר. אָ, — דערנאָך איז עס מיר פאָרגעקומען גאָר אונבעגרייפליך.

וו א נ ג ע ל: פלעגסט זיך אָפט טרעפען מיט איהם?

ע ל ל י ד א: ניין, ניט זעהר אָפט. איינמאָל איז ער געווען דאָרטען ביי אונז און האָט אָנגעקוקט דעם לייכט־טורעם. דעמאָלט בין איך מיט איהם בעקאַנט געוואָרען. שפעטער פלעגען מיר זיך ווען ניט־ווען טרעפען. אָבער דאן האָט פּאסירט די געשיכטע מיט'ן קאפיטאן. און ער האָט געמוזט אוועק.

וו א נ ג ע ל: יא, — דערצעהל מיר נאָך וועגען דעם!

ע ל ל י ד א: אין א געוויסען פריהמאָרגען קריג איך פון איהם א צעטעל, און דאָרט איז געשטאנען איך זאָל ארויסקומען צו איהם אין בראַט־האָמער, — דו ווייסט, דער לאנד־שפּיץ צווישען דעם לייכט־טורעם און שאָלדרוויקען.

וו א נ ג ע ל: יא געוויס, געוויס — די פלעצער געדענק איך גוט.

ע ל ל י ד א: איך זאָל דאָרט גלייך ארויסקומען, האָט ער געשריבען; ער האָט עפּעס מיט מיר וואָס צו רעדען.

וו א נ ג ע ל: און דו ביזט געגאַנגען?

ע ל ל י ד א: יא, איך האָב געמוזט געהן. נו, דאן האָט ער מיר דערצעהלט, אז אין יענער נאכט האָט ער דעם קאפּיטאן דערשטאָכען.

וו א נ ג ע ל: דאָס האָט ער אליין געזאָגט? פשוט גענומען און זיך מודה געווען!

ע ל ל י ד א: ער האָט אָבער געזאָגט, אז ער האָט נור גע־טהון וואָס איז געווען גוט און גערעכט.

וו א נ ג ע ל: גוט און גערעכט! וואָס איז דען געווען זיין גרונד פאר וואָס ער האָט איהם דערשטאָכען?

ע ל ל י ד א: ער האָט מיר ניט געוואָלט זאָגען דעם גרונד. ער האָט געזאָגט, אז ס'איז ניט פאר מיינע אויערן אזא זאך צו הערען.

וו א נ ג ע ל: און דו האָסט איהם געגלויבט אויפ'ן וואָרט?

ע ל ל י ד א: יא, עס איז מיר גאָר אויפ'ן זינען ניט געקו־מען איהם ניט צו גלויבען. נו, עוקר זיין האָט ער דאָך געמוזט. אָבער, ווען עס איז געקומען צום געזעגענען זיך. — ניין, דו קענסט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, וואָס איהם איז איינגעפאלען צו טהון.

וו א נ ג ע ל: נו, לאָמיך הערען!

ע ל ל י ד א: ער האָט ארויסגענומען א בונד שליסלען פון קעשענע, האָט ארונטערגענומען א רינג פון זיין פינגער, וועלכען ער האָט געוועהנליך געטראָגען, און האָט אויך אראָבגענומען א קליינעם רינג ביי מיר פון פינגער. די ביידע רינגען האָט ער אָנ־געהאנגען צוזאמען מיט די שליסלען, און דאן האָט ער געזאָגט, אז מיר ביידע מוזען זיך פער'קנס'ן צום ים.

וו א נ ג ע ל: פער'קנס'ן זיך!

ע ל ל י ד א: יא, אזוי האָט ער געזאָגט. און דאן האָט ער מיט אלע כחות אריינגעוואָרפען די ביידע רינגען מיט'ן בונד שליס־לען ווייט אוועק אין ים.

וו א נ ג ע ל: און דו, עללידא? דו האָסט איינגעשטימט דערצו?

ע ל ל י ד א: יא, שטעל זיך נור פאָר — עס איז מיר דע־מאָלסט פאָרגעקומען, אז דאָס אלעס האָט אזוי געמוזט זיין און ניט אנדערש. — אָבער, א דאנק גאָט, — דאן איז ער אוועקגע־פאָהרען!

וו א נ ג ע ל: און ווען ער איז אוועקגעפאָהרען —?

ע ל ל י ד א: נו, דו קענסט דאָך פערשטעהן, אז איך בין

באלד געקומען צום שכל און האָב איינגעזעהן ווי נאַריש און זינלאָז די גאַנצע זאַך איז געווען.

וואַנגעל: דו האָסט פריהער גערעדט וועגען בריעף. האָסטו געהערט פון איהם, הייסט עס, דערנאָך אויך?

עללידא: יא, איך האָב געהערט פון איהם. צוערשט האָב איך בעקומען פון איהם א פּאָר קורצע צייל̇ען פון ארכאַנגעל. ער האָט נור געשריבען, אז ער האָט בדעה צו פאָהרען נאָך אמע־ריקא, און האָט מיר אָנגעגעבען די אדרעסע וואו איהם צו שיקען מיין ענטפער.

וואַנגעל: און דו האָסט עס געטאָן?

עללידא: גלייך. איך האָב, פערשטעהט זיך, געשרי־בען, אז צווישען אונז איז אַלעס אויס, און אז ער זאָל מעהר ניט דענקען וועגען מיר, אזוי ווי איך וויל מעהר קיינמאָל ניט דענקען וועגען איהם.

וואַנגעל: און טראָץ דעם האָט ער פונדעסטוועגען דיר ווידער געשריבען?

עללידא: יא, ער האָט ווידער געשריבען.

וואַנגעל: און וואָס האָט ער געענטפערט אויף דאָס, וואָס דו האָסט איהם געגעבען צו פערשטעהן?

עללידא: אויף דאָס האָט ער קיין וואָרט ניט געענט־פערט. עס איז אויסגעקומען ווי איך וואָלט איבערהויפּט איהם גאָרנישט אָבגעזאָגט. ער האָט געשריבען גאַנץ רוהיג, איך זאָל נור אויף איהם וואַרטען. אזוי באַלד ווי ער וועט קענען מיך נעה־מען צו זיך, וועט ער מיר לאָזען וויסען, און דאַן זאָל איך גלייך קומען.

וואַנגעל: ער האָט, הייסט עס, דיך ניט געוואָלט פריי לאָזען?

עללידא: ניין. דאַן האָב איך ווידער געשריבען. כמעט וואָרט פאַר וואָרט ווי דאָס ערשטע מאָל. אפשר נאָך אבי־סעל הארטער.

וואַנגעל: נו, און דאַן האָט ער נאָכגעגעבען?

ע ל ל י ד א: אך ניין. ער האָט געשריבען ווידער אזוי רו־היג ווי פריהער. קיין וואָרט ניט פון דעם וואָס איך האָב אָבגעשני־טען מיט איהם. דאן האָב איך איינגעזעהן, אז ס'איז ארויסגעוואָר־פען און האָב שוין מעהר קיינמאָל צו איהם ניט געשריבען.

ו ו א נ ג ע ל: און דו האָסט פון איהם שוין מעהר גאָרנישט געהערט?

ע ל ל י ד א: יא, איך האָב דערנאָך געקריגען פון איהם נאָך דריי בריעף. איינמאָל האָט ער מיר געשריבען פון קאליפאָרניע, און נאָך אמאָל פון כינא. דער לעצטער בריעף, וואָס איך האָב פון איהם בעקומען, איז געוועזן פון אויסטראַליען. פון דאָרט האָט ער געשרי־בען אז ער וויל געהן אין די גאָלד־מינען. זייט דאן אָבער האָט ער שוין מעהר פון זיך ניט געלאָזט הערען.

ו ו א נ ג ע ל: דער מענש האָט געהאט איבער דיר אן אונגע־וועהנליכע מאכט, עללידא.

ע ל ל י ד א: אך יא, יא. דער שרעקליכער מענש!

ו ו א נ ג ע ל: אָבער דו טאָרסט מעהר וועגען דעם ניט דענ־קען. מעהר קיינמאָל ניט! דו מוזט עס מיר פערשפרעכען, מיין ליעבע, טייערע עללידא! איצט וועל איך פּרובירען פאר דיר אנ־אנדער הייל־מיטעל. א פרישערע לופט איידער דאָ אין די פיאָרדען. די זאלציגע, שטארקענדע ים־לופט! נו, וואָס זאָגסטו דערצו?

ע ל ל י ד א: אך, רעד ניט דערפון! רענק ניט וועגען אזא זאך! דערמיט וועט מיר ניט זיין געהאָלפען, איך פיהל עס גאַנץ גוט. איך וועל פון דער לאסט דאָרטען אויך ניט לויז ווערען.

ו ו א נ ג ע ל: וואָס פאר א לאסט, מיין ליעבע — וואָס מיינ־סטו אייגענטליך דערמיט?

ע ל ל י ד א: דאָס שרעקליכע, מיין איך. אָט די אונבע־גרייפליכע מאכט איבער מיין געמיטה —

ו ו א נ ג ע ל: אָבער פון דער מאכט ביזטו דאָך שוין לויז געוואָרען, שוין לאנג, זינט דו האָסט מיט איהם אָבגעשניטען. דאָס איז דאָך שוין לאנג פאָראיבער!

ע ל ל י ד א (שפּרינגט אויף): ניין, די צרה איז, וואָס ס'איז נאָך ניט פּאַראיבער!

ו ו א נ ג ע ל: נאָך ניט פּאַראיבער, זאָגסטו?

ע ל ל י ד א: ניין, וואנגעל — עס איז ניט פּאַראיבער! און איך האָב מורא אז עס וועט קיינמאָל ניט זיין פּאַראיבער. קיינמאָל אין לעבען ניט!

ו ו א נ ג ע ל (מיט אַ פערשטיקטער שטים): ווילסטו דערמיט זאָגען, אז טיעף אין דיין הארצען האָסטו קיינמאָל דעם פרעמדען ניט געקענט פערגעסען?

ע ל ל י ד א: איך האָב איהם געהאט פערגעסען. אָבער דאַן, מיט איין מאָל, איז מיר פּאַרגעקומען ווי ער איז וויעדער דאָ.

ו ו א נ ג ע ל: ווי לאנג איז שוין דאָס?

ע ל ל י ד א: עס איז איצט אַן ערך דריי יאָהר — אָדער עפּעס מעהרער. עס איז געוועזען אין דער צייט ווען איך האָב ערוואַר־טעט דאָס קינד.

ו ו א נ ג ע ל: אהא! אין יענער צייט, הייסט עס? יא, עללידא — איצט הויבט מיר אָן אַלעס קלאָר צו ווערען.

ע ל ל י ד א: דו האָסט אַ טעות, מיין ליעבער! וואָס אויף מיר איז דאַן אָנגעקומען, דאָס — אָ, איך גלויב, מען קען אין דעם קיינמאָל ניט קלאָר ווערען.

ו ו א נ ג ע ל (קוקט אויף איהר פול מיט שמערצען): זיך דאָס פּאַרצושטעלען — דריי גאַנצע יאָהר ביזטו דאָ ארומגעגאנגען — מיט ליעבע אין הארצען פאר אן אנדערן. פאר אן אנדערן! ניט פאר מיר — ניין, פאר אן אנדערן!

ע ל ל י ד א: אָ, דו האָסט אינגאַנצען אַ טעות. איך פיהל ניט קיין ליעבע פאר קיין אַנדערן אויסער פאר דיר.

ו ו א נ ג ע ל (מיט אַ געדריקטער שטים): פאר וואָס ־ען האָסטו אָט די גאַנצע צייט ניט געוואָלט מיט מיר לעבען אלס מיין פרוי?

ע ל ל י ד א: צוליעב דעם שרעק, וואָס עס קומט פון דעם פרעמדען מענשען.

װאַנגעל: דעם שרעק?

עללידא: יאָ, שרעק. אַ שרעק, װאָס איז אַזױ גרױליך, װי דער ים אַלײן קען נור געבען. דען איצטער, װאַנגעל, זאָלסטו הערען —

די יונגע לײט פון שטאָדט קומען צוריק פון לינקס, פערגײיגען זיך און געהען אװעק רעכטס. מיט זײ צוזאמען קומען אַרנהאָלם, באָלעטע, הילדע און לינגסטראַנד.

באָלעטע (פערבײגעהענדיג): װאָס, איהר געהט נאָך אַלײן דאָ ארום שפּאַצירען?

עללידא: יאָ, עס איז אַזױ שעהן און קיהל דאָ אין דער הױך.

אַרנהאָלם: מיר פון אונזער זײט װעלען איצט ארונטער געהן און טאַנצען.

װאַנגעל: גוט, גוט. מיר קומען אױך באַלד ארונטער.

הילדע: אַדיע, דערװײלע!

עללידא: הערר לינגסטראַנד — אַך, װאַרט נור אַן אױ־גענבליק.

לינגסטראַנד בלײבט שטעהן. אַרנהאָלם, באָלעטע און הילדע געהען אװעק רעכטס.

עללידא (צו לאַנגסטראַנד): װילט איהר אױך טאַנצען?

לינגסטראַנד: נײן, מאַדאַם, איך גלױב אַז איך טאָר נים.

עללידא: יאָ, עס איז בעסער איהר זאָלט זיך אָבהיטען. די דאָזיגע ברוסט־קראַנקהײט — איהר זײט דאָס נאָך ניט איבער־געקומען?

לינגסטראַנד: נײן, נאָך ניט אינגאַנצען.

עללידא (זיך עטװאָס צוריקהאַלטענדיג): װי לאַנג אַן ערך איז עס שױן זינט איהר האָט די רײזע געמאַכט?

לינגסטראַנד: װען איך האָב בעקומען די חולאת?

עללידא: יאָ, די רײזע, פון װעלכער איהר האָט הײנט אין דער פריה דערצעהלט.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: אָך, דאָס איז שוין אזוי גוט ווי — ווארט נור, דאָס איז שוין אזוי לאנג און אזוי ברייט ווי ריכטיג גע־טע דריי יאָהר.

ע ל ל י ד א: דריי יאָהר, הייסט עס.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: אָדער א ביסעל לענגער. מיר האָבען פערלאָזען אמעריקא אין פעברואר. אין מערץ האָבען מיר געהאט דעם שיפברוך. מיר זיינען אריין אין די שטורם־ווינדען פון די טאָג־און־נאכט גלייכער תקופה.

ע ל ל י ד א: (קוקט אויף וואנגעל'ען): הייסט עס, אום יע־נער צייט איז עס געוועזען —

ו ו א נ ג ע ל: אָבער, ליעבע עללידא — ?

ע ל ל י ד א (צו לינגסטראנד): מיר ווע'לען איך מעהר ניט אויפהאלטען, געהט זיך אייך. אָבער ניט טאנצען!

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ניין, נור צוקוקען. (ער געהט אוועק רעכטס.)

ו ו א נ ג ע ל: ליעבע עללידא — פאר וואָס האָסטו איהם אויסגעפרעגט וועגען דער רייזע?

ע ל ל י ד א: רזשאהנסטאן איז געוועזען מיט איהם אויפ'ן שיף. איך בין איבערצייגט דעריין.

ו ו א נ ג ע ל: פון וואנען דרינגסטו דאָס?

ע ל ל י ד א (ניט ענטפערענדיג): ער האָט זיך אויפ'ן שיף דערוואוסט, אז איך בין פערהייראט מיט אן אנדערן, אונטער דער צייט וואָס ער איז געווען אוועק. און דאן — אין דערזעלבער שעה איז דאָס אויף מיר אָנגעקומען!

ו ו א נ ג ע ל: דער שרעק?

ע ל ל י ד א: יאָ. מיט איינמאָל האָב איך איהם דאן פלוצלונג דערזעהן שטעהענדיג א לעבעדיגער פאר מיינע אויגען. אָדער ריכ־טיגער, שטעהענדיג א ביסעל אָהן א זייט. ער קוקט ניט אויף מיר, נור ער שטעהט דאָרטן.

ו ו א נ ג ע ל: ווי האָט ער דיר אויסגעזעהן?

ע ל ל י ד א: אָט אזוי ווי איך האָב איהם געזעהן דאָס לעצטע מאָל.

ו ו א נ ג ע ל: פאר צעהן יאָהרען?

ע ל ל י ד א: יא, דאָרטען אין בראטהאמער. דייטליכער ווי אלץ זעה איך זיין האלזטוך־שפּילקע מיט'ן גרויסען בלוי־ווייסען פּערל. דער פּערל איז ערגליך צו דעם אויג פון א טויטען פיש. און עס קוקט אויף מיר אזוי שטאַר.

ו ו א נ ג ע ל: אום גאָטעס ווילען — דו ביזט מעהר קראנק ווי איך האָב געמיינט. קראנקער איידער דו דענקסט אליין, עללידא.

ע ל ל י ד א: יא, יא — העלף מיר אויב דו קענסט! דען איך פיהל ווי דאָס דריקט מיר אלץ מעהר און מעהר צוזאמען.

ו ו א נ ג ע ל: און אין אזא צושטאנד געהסטו דאָ ארום שוין גאנצע דריי יאָהר. דו טראָגסט אין זיך אָט דעם בעהאלטענעם פּיין און האָסט מיר גאָרניט געזאָגט.

ע ל ל י ד א: אָבער איך האָב דאָך דאָס דיר ניט געקענט זאָגען! ביז אָט דעם אויגענבליק — ווען איך האָב עס געמוזט זאָגען פון דיינטוועגען אליין. ווען איך וואָלט דיר דאָס אלעס פערטרויט, וואָלט איך דיר אויך געמוזט פערטרויען — דאָס וואָס מען קען פאר'ן מויל ניט ארויס ברייינגען.

ו ו א נ ג ע ל: וואָס מען קען פאר'ן מויל ניט ארויס ברייינגען — ?

ע ל ל י ד א (אויסמיידענדיג): ניין, ניין ניין! פרעג ניט! נאָך איין זאך נור, דאן נישט מעהר. — וואנגעל, — ווי זאָלען מיר זיך דאָס ערקלערען—, דאָס רעטעניש מיט דעם קינד'ס אויגען — ?

ו ו א נ ג ע ל: ליעבסטע, בעסטע עללידא, איך פערזיכער דיר, אז דאָס איז נור געווען איין איינבילדונג פון דיין זייט. דאָס קינד האָט נעהאט פונקט אזעלכע אויגען ווי אנדערע נאָרמאלע קינדער.

ע ל ל י ד א: ניין, דאָס האָט עס ניט געהאט! אז דו זאָלסט עס ניט האָבען געקענט זעהען! דעם קינד'ס אויגען האָבען געביטען די פארב אקוראט ווי דער ים. איז דער פיאָרד געלעגען רוהיג אין דעם ליכט פון דער זון, זיינען דעם קינד'ס אויגען אויך אזוי געווען.

אין שטורם־וועטער, דאָס גלייכען. אַך, איך האָב עס שוין גוט געזעהן, אפילו אויב דו האָסט עס ניט געזעהן.

וואַנגעל (נאָכגעבענדיג): ה'ם — זאָל זיין אזוי. אָבער אפילו ווען עס איז געווען אזוי, איז וואָס דערפון?

עללידא (אין דער שטיל, זיך צורוקענדיג נעהענטער צו איהם): אזעלכע אויגען האָב איך שוין אמאָל פריהער געזעהן.

וואַנגעל: ווען? און וואו —?

עללידא: דאָרט, אין בראטהאמער. פאר צעהן יאהרען.

וואַנגעל (שפּרינגט אויף א טריט צוריק): וואָס זאָל דאָס —?

עללידא (שטיל ציטערענדיג): דאָס קינד האָט געהאט דעם פרעמדען'ס אויגען.

וואַנגעל (מהוט ניט ווילענדיג א געשריי): עללידא — !

עללידא (כאפּט זיך פאר'ן קאָפּ אין פערצווייפלונג): איצט ווערסטו פערשטעהן פארוואָס איך וויל מעהר מיט דיר ניט לעבען ווי דיין פרוי, — פארוואָס איך טאָר מיט דיר ניט לעבען. (זי קעהרט זיך שנעל אָב און לויפט אראָב פון בארג רעכטס.)

וואַנגעל (לויפט איהר נאָך און רופט): עללידא, — עללידא! מיין ארעמע, אומגליקליכע עללידא!

דריטער אקט.

אַ זוניגער ווינקעל אין וואַנגעל'ס גאָרטען. דער אָרט איז פייכט, זומפיג און פערשטעלט פון גרויסע אלטע בוימער. רעכטס זעהט זיך דער ראַנד פון אַ פערפליעסנעטען טייך. אַ נידעריגער, אָפענער צוים טיילט אָב דעם גאָרטען פון דעם פוס־וועג און דעם פיאָרד אין הינטערגרונד. גאַנץ הינטען זעהט זיך אַ קייט פון בערג און פעלזען־שפּיצען הינטער'ן פיאָרד. שפּעט נאָכמיטאג, געגען אבענד. באָלעטע זיצט און נעהט אויף אַ שטיינערנע באַנק לינקס. אויף דער באַנק ליעגען אַ פּאָר ביכער און אַ נעה־קאָרב. הילדע און לינגסטראַנד, ביידע מיט פישער־געציייג, שטעהען ביי'ם ראַנד פון טייך.

הילדע (מאַכט אַ צייכען צו לינגסטראנד): שטעהט רוהיג: איך זעה דאָרטען אַ גרויסען.

לינגסטראַנד (קוקט אהינצו): וואו איז ער?

הילדע (ציינט מיט'ן האַנד): זעהט איהר נים — דאָרט אונטען איז ער. און קוקט נור דאָ! אַט איז דאָך נאָך איינער! (קוקט דורך צווישען די בוימער): אוה — אַט קומט ער און דער־שרעקט זיי!

באָלעטע (הויבט אויף דעם קאָפּ): ווער קומט?

הילדע: דיין פּראָפעסאָר, מאַדאַם!

באָלעטע: וואָס עפּעס מיינער?

הילדע: מיינער איז ער אַ דאַנק גאָט קיינמאָל נים גע־וועזען.

ארנהאָלם זעהט זיך רעכטס צווישען די בוימער.

ארנהאָלם: זיינען איצט דאָ פיש אין אָט דעם טייך?

הילדע: יאָ, עס שווימען דאָ ארום אַ פּאָר בעיאָהרענטע קאַראַשען.

א ר נ ה אָ ל ם: קוקט זיך נור איין, די אלטע קאראשען לע־בען נאָך?

ה י ל ד ע: זיי זיינען הארטע יונגען. נו וועלען מיר זעהען צי מיר קענען ניט אָב׳פטר׳ן א פּאָריל אזוינע.

א ר נ ה אָ ל ם: מיר דאכט איהר האָט עס בעסער געדארפט פּרובירען דאָרטן אויפ׳ן פיאָרד.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ניין, דער טייך—ער איז אזוי צו זאגען עפּעס מעהר געהיימניספול.

ה י ל ד ע: יא, דאָ איז עס מעהר שפּאנענד. קומט איהר דאָס איצטער פון באָדען זיך?

א ר נ ה אָ ל ם: טאקע גלייך. איך קום דירעקט פון די בע־דער.

ה י ל ד ע: איהר זייט מסתמא ניט געגאנגען ווייטער ווי ביז די שטריק?

א ר נ ה אָ ל ם: יא, איך בין ניט קיין בריה א שווימער.

ה י ל ד ע: קענט איהר שווימען אויפ׳ן רוקען?

א ר נ ה אָ ל ם: ניין.

ה י ל ד ע: איך קען. (צו לינגסטראנד:) לאָמיר פּרובירען דאָרטן אויף דער אנדער זייט.

זיי געהען ארום דעם טייך רעכטס.

א ר נ ה אָ ל ם (געהט צו נעהענטער צו באָלעטע׳ן): איהר זיצט זיך אליין, באָלעטע?

ב אָ ל ע ט ע: אָך יא, געוועהנליך זיץ איך מיר אליין.

א ר נ ה אָ ל ם: איז ניטאָ אייער מוטער דאָ אונטען אין גאָר־טען?

ב אָ ל ע ט ע: ניין, איך גלויב, זי איז אוועק שפּאצירען מיט׳ן פּאפּא.

א ר נ ה אָ ל ם: ווי פיהלט זי זיך היינט?

ב אָ ל ע ט ע: איך ווייס ווירקליך ניט. איך האָב פערגעסען צו פרעגען.

א ר נ ה אָ ל ם: וואָס פאר׳ע ביכער האָט איהר דאָ?

באַלעטע: אָה, איינס איז אַ באָטאַנישעס בוך און דאָס אנדערע איז אַ געאָגראַפיע.

אר נה אַלם: לעזט איהר גערן אַזעלכע ביכער?

באַלעטע: יאָ, ווען איך האָב נור צייט דערצו. עס בער־שטעהט זיך, די ערשטע זאך אָבער מוז איך בעזאָרגען די הויז ווירטשאַפט.

אר נה אַלם: אָבער העלפט דען אייך ניט אייער מוטער — אייער שטיעפמוטער — ?

באַלעטע: ניין, די ווירטשאַפט איז מיין זאך. איך האָב דאָס געמוזט בעזאָרגען די צוויי יאָהר וואָס דער פאָטער איז געווען אליין. און דאַן איז דאָס שוין דערנאך אויך אַזוי געבליבען.

אר נה אַלם: אבער איהר האָט נאך אַלץ אַזוי ווי פריהער אַ גרויסע לוסט צום לעזען?

באַלעטע: יאָ, איך לעז אַלע ניצליכע ביכער, וואָס איך קען נור קריגען. עס ווילט זיך דאך עפּעס וויסען וועגען דער וועלט. דאָ לעבען מיר דאך אַזוי אינגאַנצען אָן אַ זייט פון אַלץ וואָס קומט פאָר, — אָדער אַזוי גוט ווי אינגאַנצען.

אר נה אַלם: אָבער, ליעבע באַלעטע, דאָס דאַרפט איהר ניט זאָגען.

באַלעטע: עס איז אָבער אַזוי. איך געפין אַז מיר לעבען ניט פיעל אנדערש איידער די קאַראַשען דאָרט אונטען אין טייך. זיי האָבען דירעקט נעבען זיך דעם פיאָרד, וואו די גרויסע פרייע פיש־מחנות שווימען אריין און ארויס; אָבער די ארימע צאַהמע הויז־פיש וויסען פון דעם גאָר ניט, און קענען מיט זיי קיינמאָל ניט מיט־שווימען.

אר נה אַלם: איך מיין, אַז עס וואָלט זיי גאָר ניט אַזוי וואויל בעקומען, ווען זיי וואָלטען ארויסגעשוואומען אין פיאָרד.

באַלעטע: אָה, מיר דאַכט, אַז זיי האָבען אַלץ איינס געמענט ריזיקירען.

אר נה אַלם: איבעריגענס קענט איהר דאך ניט זאָגען, אַז דאָ זיצט מען שוין גאָר אָן אַ זייט פון לעבען. יעדענפאַלס ניט אין

זומער. איצטער איז דאָך דאָ גראָד א מין פערזאמלונגס־פּלאַץ פון וועלט־לעבען. כמעט א צענטער פון פערבייגעהענדיגע שטראָמען.

באָלעטע (שמייכעלנ׳): יא, איהר אליין געהט דאָ איצט פערביי אין שטראָם — אייך איז גרינג צו מאכען שפּאס פון אונז.

ארנהאָלם: איך מאכען שפּאס פון אייך —? ווי קומט עס אייך ארויף אויפ׳ן זינען?

באָלעטע: נו, אָט די אלע רייד וועגען א פערזאמלונגס־פּלאַץ און א צענטער פון וועלט־לעבען, דאָס האָט איהר דאָך נור געהערט זאָגען פון די לייט דאָ אין שטאָדט. זיי רעדען נאָכאנאנד אזוי.

ארנהאָלם: יא, דעם אמת געזאָגט, האָב איך עס טאקע בעמערקט.

באָלעטע: אין גרונד גענומען איז קיין וואָהר וואָרט אין דעם ניטאָ. ניט פאר אונז, וועלכע לעבען דאָ שטענדיג. וואָס האָבען מיר דערפון, וואָס די גרויסע, פרעמדע וועלט געהט דאָ פערביי אויפ׳ן וועג צו דער מיטען־נאכט־זון דאָרטען וויטער? מיר אליין טאָרען דאָך ניט מיטגעהן. פאר אונז איז ניט קיין מיטען־נאכט־זון. אָך ניין — מיר מוזען זיך צופריעדענשטעלען צו פערברייגנען רוהיג אונזער לעבען דאָ אין אונזער קאראשען־טייך.

ארנהאָלם (זעצט זיך נעבען איהר): זאָגט מיר נור, ליעבע באָלעטע — האָט איהר עפּעס־וואָס — איך מיין עפּעס בעשטימטעס, צו וואָס איך ציהט דאָס הארץ אָט דאָ אין דער היים?

באָלעטע: אך יא, אפשר איז דאָ עפּעס.

ארנהאָלם: און וואָס אייגענטליך איז עס? צו וואָס ציהט אייך אזוי דאָס הארץ?

באָלעטע: אוועקצוגעהן — דאָס איז די ערשטע זאך.

ארנהאָלם: דאָס איז, הייסט עס, ערשטענס?

באָלעטע: יא. און דאן וואָלט איך געוואָלט עפּעס מעהר לערנען. עפּעס א ריכטיגע ידיעה האָבען וועגען אלערליי זאכען.

ארנהאָלם: דאמאלסט, ווען איך האָב מיט אייך גע־

לערנם, האָט אייער פאָטער אָפּט געזאָגט, אז ער וואָלט אייך ערלויבט צו שטודירען.

באָלעטע: אך יא, דער אָרעמער פאפא — ער זאָגט א סך זאכען. אָבער ווען עס קומט צום פונקט, דאן — ניטאָ קיין ריכטי־גע ענערגיע ביי'ם פאפא.

ארנהאָלם: יא, דעריין זייט איהר לײדער געראָטען. דאָס פעהלט איהם א היבש ביסעל. האָט איהר אָבער ווען עס איז גערעדט מיט איהם דערפון ? איך מיין, ערנסט אריינגעטענה'ט מיט איהם ?

באָלעטע: ניין, דאָס האָב איך אייגענטליך טאקע ניט געטהון.

ארנהאָלם: ווייסט איהר, דאָס האָט איהר ווירקליך יאָ געדארפט טהון. איידער עס וועט ווערען צו שפעט, באָלעטע. וואָ־רום טהוט איהר דאָס ניט ?

באָלעטע: אָה, מסתמא ווייל אין מיר איז אויך ניטאָ קיין ריכטיגע ענערגיע. דעריין בין איך א פנים געראָטען אין טאטען.

ארנהאָלם: ה'ם, איך האָב מורא, אז דעריין זייט איהר אונגערעכט צו זיך אליין.

באָלעטע: אך, לײדער ניין. דערצו האָט פאפא אזוי וועי־ניג צייט צו דענקען וועגען מיר און מיין צוקונפט — און האָט אויך קנאפּוואָס לוסט דערצו. אזוינע זאכען לעגט ער אָב אָן א זייט, ווען ער קען נור. וואָרים ער איז דאָך אזויפיעל פערנומען מיט עללידא'ן —

ארנהאָלם: מיט וועמען — ? ווי מיינט איהר — ?

באָלעטע: איך מיין, ער און מיין שטיעפמוטער — (האָקט זיך אָב) פאפא און מאמא האָבען געננוג צו טהון מיט זיך אליין, ווי איהר זעהט.

ארנהאָלם: נו, אויב אזוי האָט איהר דאָך נאָך מעהר גרונד צו זוכען אוועקצוגעהן פון די היגע פערהעלטניסען.

באָלעטע: יא, אָבער איך גלויב, אז איך האָב ניט קיין רעכט אוועקצוגעהן — פערלאָזען דעם פאפא.

ארנהאָלם: אָבער, ליעבע באָלעטע, ווען־עס־איז וועט

איהר עס דאָך מוזען טהון. דעריבער מיין איך, אז וואָס גיכער איהר וועט עס טהון, אלץ בעסער.

באָלעטע: יא, עס בלייבט טאקע ניט קיין אנדער זאך וואָס צו טהון. איך מוז דאָך אמאָל דענקען וועגען זיך אליין אויך; איך מוז אמאָל פּרובירען זיך אליין ווי עס איז בעזאָרגען. ווען דער פאָטער וועט מעהר ניט זיין, האָב איך דאן קיינעם ניט, אויף וועמען זיך צו פערלאָזען. — און דאך — איך שרעק זיך פאר'ן געדאנק צו פערלאָזען מיין ארעמען פאטער.

ארנהאָלם: אייך שרעקט דאָס — ?

באָלעטע: יא, צוליעב דעם פאטער אליין.

ארנהאָלם: אָבער, מיין גאָט — און וואָס איז דער מעהר מיט אייער שטיעפמוטער? זי בלייבט דאָך ביי איהם.

באָלעטע: דאָס איז ריכטיג. אָבער זי טויג זיך גאָר ניט צו די אלע זאכען, אין וועלכע מיין מוטער איז געוועזן אזוי געשיקט. עס זיינען פאראן אזויפיעל זאכען וואָס זי זעהט ניט, — אָדער וואָס זי וויל אפשר ניט זעהן, וואָס עס אהרט איהר ניט — איך וויים ניט ווי דאָס צו זאָגען.

ארנהאָלם: ה'ם — איך גלויב, איך פערשטעה שוין, וואָס איהר ווילט דערמיט זאָגען.

באָלעטע: דער ארעמער פאפּא — ער איז א שוואכער מענש אין געוויסע פּרטים. איך רעכען, אז איהר האָט דאָס שוין אליין בעמערקט. גענוג צו טראָן האָט ער אויך ניט, אויסצופילען זיין גאנצע צייט. נו, און זי אליין איז גאָר ניט אימשטאנד צו זיין א שטיצע פאר איהם. איבעריגענס, אין דעריין איז ער טיילווייז טאקע אליין שולדיג.

ארנהאָלם: ווי אזוי מיינט איהר?

באָלעטע: אה, פאפּא וואָלט שטענדיג וועלען זעהען ארום זיך פרעהליכע פּנים'ער. אין דויז, זאָגט ער מוז זיין זונענשיין און לוסטיגקייט. איז דעריבער האָב איך מורא, אז ער לאָזט איהר צו אָפט נעהמען אזא מעדיצין, וועלכע טהוט איהר קיין גוטס ניט אם ענדע.

אַרנהאָלם: גלויבט איהר דאָס אויף אַן אמת?

באַלעטע: יא, איך קען נים לויז ווערען פון דעם געדאַנק. דען זי איז אָפּטמאָל אזוי זאָנדערבאַר. (מיט היטץ): אָבער איז עס גוט און גערעכט אזוי, איך זאָל מוזען בלייבען שטעקען דאָ צו הויז? אין גרונד גענומען האָט דאָך פּאַפּא קיין ברעקעל נוצען ניט דערפון. און איך פיהל, אז איך האָב דאָך פליכטען צו זיך אליין אויך.

אַרנהאָלם: איהר ווייסט, ליעבע באַלעטע, אַט די זאכען האָבען מיר געדאַרפט א ביסעל גענויער בעשפּרעכען.

באַלעטע: אך, וויפיעל דאָס קען שוין העלפען! איך דענק, אז מיר איז שוין בעשערט דאָ צו בלייבען אין דעם קאַראַשען־טייך.

אַרנהאָלם: גאָר ניט געזאָגט. דאָס הענגט נור אָב פון אייך אליין.

באַלעטע (מונטער): מיינט איהר אזוי?

אַרנהאָלם: יא, גלו־ט מיר — דאָס ליעגט אינגאַנצען אין אייערע הענד.

באַלעטע: ווען דאָס וואָלט נור אזוי זיין —! וואָלט איהר אפשר ווע'לען רעדען א גוט וואָרט פאר מיר צום פּאַפּא?

אַרנהאָלם: פאַר וואָס ניט? אָבער פריהער פאר אלין וואָלט איך געוואָלט אָפענהערציג און גאַנץ פריי מיט אייך אליין רע־דען, ליעבע באַלעטע. (קוקט זיך ארום לינקס) שטיל! איך וויל ניט זיי זאָלען עפּעס בעמערקען. מיר וועלען נאָך רעדען דערפון שפּע־טער.

עללידא קומט פון לינקס. זי איז אָהן א הוט, נור זי האָט א גרויסע שאל אריבערגעוואָרפען איבער'ן קאָפּ און די שולטערן.

עללידא (מיט אַן אונרוהיגער מונטערקייט): אַט דאָ איז גוט! דאָ איז פּראַכטפול!

אַרנהאָלם (שטעהט אויף): האָט איהר געמאכט א שפּאַציער?

עללידא: יא, יא, א לאַנגען, לאַנגען, וואונדערפולען שפּאַ־

ציער אויף די בערג — מיט וואנגעל׳ען און איצט וועלען מיר זיך א ביסעל שיפען אויפ׳ן וואסער.

באלעטע: ווילסטו זיך ניט צוזעצען?

עללידא: ניין, א דאנק. ניט זיצען.

באלעטע (רוקט זיך אָב אן א זייט אויפ׳ן באַנק): דאָ איז דאָ גענוג פּלאץ.

עללידא (געהט ארום): ניין, ניין, ניין. ניט זיצען. ניט זיצען.

ארנהאָלם: דער שפּאציער האָט אייך זיכער גוט געטאָן. איהר זעהט אוים אזוי דערפרישט.

עללידא: אה, איך פיהל מיך אזוי גוט, אזוי גוט! איך פיהל מיך גליקליך אונבעשרייבליך! אזוי זיכער! אזוי זיכער — (קוקט ארויס לינקס) וואָס איז דאָס פאר א גרויסער דאמפּפער, וואָס קומט דאָרטן אָן?

באלעטע (שטעהט אויף און קוקט ארוים): דאָס מוז זיין דער גרויסער ענגלישער דאמפּפער.

ארנהאָלם: ער שטעלט זיך אָב ביים אנקער־צייכען. שטעלט ער זיך דאָ אלעמאָל אָב?

באלעטע: נור אויף א האלבע שטונדע אונגעפעהר. ער געהט ווייטער ארויף דעם פיאָרד.

עללידא: און דאן ווייטער ארוים — מאָרגען. ארוים אויפ׳ן גרויסען, אָפענעם ים, און ווייט אוועק איבער׳ן ים. דער געדאנק — דאָרטן צו זיין! ווען מען קען דאָס! ווען מען קען נור!

ארנהאָלם: האָט איהר קיינמאָל ניט מיטגעמאכט א ווייטע ים־רייזע, פרוי וואנגעל?

עללידא: קיינמאָל אין לעבען ניט. אזוי נור קליינע רייזען, דאָ ארום אין די פיאָרדען.

באלעטע (מיט א זיפץ): אך יא, מיר מוזען זיך א בּיים בענוגענען מיט דער יבשה.

ארנהאָלם: נו, אייגענטליך פיהלען מיר זיך אויף דער יבשה, ווי אין דער היים.

ע ל ל י ד א: ניין, אַט דאָס גלויב איך גראָד ניט.

א ר נ ה אָ ל ם: ניט אויף דער יבשה?

ע ל ל י ד א: ניין, איך גלויב דאָס ניט. איך גלויב, אז ווען די מענשען וואָלטען פון אָנהויב אָן זיך צוגעוועהנט צו פערברייננגען זייער לעבען אויפ'ן ים — אָדער אפשער א י ן ים — וואָלטען מיר געווען פיעל פאָלקאָמענער איידער מיר זיינען איצטער. ניט נור בע־סער ,נור אויך גליקליכער.

א ר נ ה אָ ל ם: גלויבט איהר דאָס ווירקליך?

ע ל ל י ד א: יא, דאָס איז מיין אידעע. איך האָב שוין אָפט גערעדט וועגען דעם מיט וואנגעל'ן.

א ר נ ה אָ ל ם: נו, און וואָס דענקט ער?

ע ל ל י ד א: אָה, ער מיינט אז ס'איז ניט אונמעגליך.

א ר נ ה אָ ל ם (שפּאסענד): יא, ווער קען וויסען? אָבער וואָס געשעהען איז געשעהען. איין מאָל זיינען מיר אוועק אויף א פאלשען וועג, זיינען מיר געוואָרען לאנד־טירען אנשטאָט יב־טירען. אלענפאלס מוז שוין איצט זיין צו שפּעט דעם פעלער צו פערריכ־טען.

ע ל ל י ד א: יא, איהר האָט דערמיט ארויסגעזאָגט א טרויי־עריגע וואַרהייט. און איך גלויב, אז די מענשען פיהלען עס אינ־סטינקטיוו אליין — זיי טראָגען זיך ארום דערמיט ווי מיט א בע־האלטענעם טרויער און פערדרוס. גלויבט מיר — אין דעם טאקע ליעגט דער גרונד פון מענשען'ס שווערען געמיטה. יא, איך בין זי־כער דעריין.

א ר נ ה אָ ל ם: אָבער, בעסטע פרוי וואנגעל — איך האָב גאָר ניט בעמערקט, אז די מענשען האָבען איבערהויפּט אזא שווערען געמיטה. אין גענענטהייל, איך געפין, אז די מעהרצאָהל קוקט אויפ'ן לעבען לייכט און לוסטיג — מיט א גרויסער, שטילער, אונבעוואוס־טער פרייד.

ע ל ל י ד א: אַך ניין, דאָס איז גאָר ניט אזוי. אָט די פרייד — דאָס איז אזוי ווי אונזער פרייד פון דעם לאנגען, ליכטיגען זומער־טאָג. איבער איהר הענגט אָבער דער געפיהל פון דער קומענדער

ציט פון טונקעלקייט. און אט דער געפיהל ווארפט א שאטען אויף די פרייד פון דעם מענשען — ווי דער טרייבענדער וואלקען ווארפט זיין שאטען איבער'ן פיארד. אט ליעגט ער אזוי בלאנק און בלוי, און מיט איין מאל —

באלעטע: דו האסט ניט געדארפט פערנעהמען זיך איצטער מיט אזעלכע טרויעריגע געדאנקען. א ווייל'ע פריהער ביזטו געווען אזוי פרעהליך און פריש —

עללידא: יא, יא, געווים בין איך געווען. אך דאס אלעס — דאס איז פון מיר אזוי נאריש. (קוקט זיך ארום אונרוהיג) ווען וואנגעל וואלט נור איצטער געקומען. ער האט מיר צוגעזאגט אזוי שטארק. און דאך קומט ער ניט. ער האט געווים געמוזט פערגעסען. אך, ליעבער הערר ארנהאלם, דערלאנגט נור א קוק און זעהט צי איהר קענט איהם ניט געפינען.

ארנהאלם: זעהר גערן.

עללידא: זאגט איהם ער זאל גלייך קומען. דען איצט קען איך איהם ניט זעהן —

ארנהאלם: איהם ניט זעהן —?

עללידא: אך, איהר פערשטעהט מיך ניט. ווען ער איז ניטא, קען איך אפטמאל זיך ניט דערמאנען ווי ער זעהט אויס. און דאן פיהל איך, ווי איך וואלט איהם אינגאנצען פערלארען. — דאס איז, אך! אזוי פיינליך. אבער געהט שוין! (זי געהט אום ארום דעם טייך.)

באלעטע (צו ארנהאלם): איך געה מיט אייך. איהר ווייסט דאך דא ניט —

ארנהאלם: נו, איך וועל שוין —

באלעטע (אין דער שטיל): ניין, ניין, איך בין אונרוהיג. איך האב מורא ער מוז זיין אויפ'ן דאמפפער.

ארנהאלם: מורא?

באלעטע: ער געהט געוועהנליך זעהען צי עס זיינען ניט געקומען קיין בעקאנטע. אבער אויפ'ן שיף איז דאך דא א בופעט—

ארנהאלם: אך, אזוי! דאן קומט נור.

ער און באַלעטע געהען אוועק לינקס. עללידא שטעהט א ווילע און קוקט אין טייך. פון צייט צו צייט רעדט זי שטיל צו זיך אליין אין אָבגעהאַקטע קלאנגען.

דרויסען אויפ'ן פוס־וועג הינטערן גאָרטען־צוים קומט פון לינקס אַ פ ר ע מ ד ע ר מ אַ ן אין א רייזע־אנצוג. זיינע האאר און די באָרד זיינען פון א רויטליכער פארב און געדיכט געוואקסען. ער טראָגט א שאָטלענדער היטעל אויפ'ן קאָפּ און א רייזע־טאַש אויף א רימען איבער'ן שולטער.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר (געהט לאנגזאם ביי דעם צוים און קוקט אריין אין גאָרטען. ווי ער דערזעהט עללידא'ן בלייבט ער שטעהן, קוקט אויף איהר מיט א פאַרשענדען און דרינגענדען בליק און זאָגט מיט א וויכער שטים): גוטען אָבענד, עללירא!

ע ל ל י ד א (קעהרט זיך אום און שרייט ארויס): אַך, מיין ליעבער, ביזטו ענדליך דאָ!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: ענדליך, יא.

ע ל ל י ד א (קוקט אויף איהם איבערראשט און אנגסטליך): ווער זייט איהר? זוכט איהר וועמען?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: דו ווייסט וועמען איך זוך.

ע ל ל י ד א (דערשראָקען): וואָס איז ד אָ ס? ווי רעדט איהר צו מיר? וועמען ווילט איהר?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: דו ווייסט דאָך, איך וויל דיך.

ע ל ל י ד א (ציטערט): אה—! (קוקט איהם שטאַר אָן, טרעט צוריק מיט א האלב־פערשטיקטען אויסגעשריי): די אויגען —! די אויגען!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: נו, ענדליך קום איך דיר דאָך פאָר בעקאנט? איך — איך האָב דיך גלייך דערקענט, עללידא.

ע ל ל י ד א: די אויגען! קוקט אויף מיר ניט אזוי! איך וועל רופען נאָך הילף!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: שש, שש! האָב קיין מורא ניט. איך טהו דאָך דיר גאָרנישט.

ע ל ל י ד א (האלט די הענד פאר די אויגען): קוקט אויף מיר ניט אזוי, זאָג איך!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר (שפארט זיך אָן מיט די ארעמס אויפ'ן גאָרטען־ציוים): איך בין געקומען מיט דעם ענגלישען דאמפער.

ע ל ל י ד א (קוקט צוריקגעצויגען אויף איהם): וואָס ווילט איהר פון מיר?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: איך האָב דאָך דיר פערשפּראָכען צוריקצוקומען, אזוי שנעל ווי איך וועל קענען —

ע ל ל י ד א: פאָהרט אוועק! פאָהרט צוריק אוועק! קומט ניט מעהר — קיינמאָל ניט! איך האָב דאָך אייך געשריבען, אז אלעס צווישען אונז מוז נעהמען אן ענד! אלעס, אלעס! איהר ווייסט דאָס דאָך!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר (ניט גערוהרט, ניט ענטפערענדיג אויף דעם): איך וואָלט גערן געקומען צו דיר פריהער. איך האָב אָבער ניט געקענט. ענדליך האָב איך איצט געקענט, און אָט בין איך, עללידא.

ע ל ל י ד א: וואָס פאַרט ווילט איהר פון מיר האָבען? וואָס טראכט איהר זיך? נאָך וואָס זייט איהר געקומען?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: דו קענסט עס דאָך פערשטעהן, אז איך בין געקומען דיך אוועקצונעהמען.

ע ל ל י ד א (טרעט מיט שרעק צוריק): מיך אוועקצונעהמען! אָט דאָס ווילט איהר?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: יא, פערשטעהט זיך.

ע ל ל י ד א: איהר ווייסט דאָך אָבער מסתמא, אז איך בין פערהייראטעט!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: יא, דאָס וויים איך.

ע ל ל י ד א: און טראָץ דעם—! טראָץ דעם קומט איהר, כדי — מיך אוועקצונעהמען!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: אָט דאָס וויל איך גאנץ געוויס.

ע ל ל י ד : (כאַפּט זיך אָן מיט ביידע הענד פאר'ן קאָפּ): אָה, דאָס שרעקליכע—! אָה, דאָס גרויזאמע, גרויזאמע—!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: ווילסט אפשר נים?

ע ל ל י ד א (אויסער זיך): קוקט אויף מיר נים אזוי!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: איך פרעג, צי דו ווילסט נים?

ע ל ל י ד א: ניין, ניין, ניין! איך וויל נים! אין מיין גאנ־צען לעבען נים! איך וויל נים, זאָג איך! איך קאָן נים און וויל נים! (שטילערהייד) איך טאָר אויך נים.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר (קריכט אריבער דעם צוים און קומט אריין אין גאָרטען): נו, אויב אזוי, עללידא — לאָז מיך דיר נור איין זאך זאָגען, איידער איך געה אוועק.

ע ל ל י ד א (וויל אנטלויפען, קען אבער נים. זי שטעהט ווי געלעהמט פון שרעק און שפּארט זיך אָן אויף א בוים ביים טייך): ריהרט מיך נים אָן, זאָג איך!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר (פאַרזיכטיג, אַ פּאָר טריט נעהענטער): דו דארפסט זיך פאר מיר אזוי נים שרעקען, עללידא.

ע ל ל י ד א (פערדעקט די אויגען מיט די הענד): קוקט אזוי נים אויף מיר!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: נור נים געשראָקען זיך, נים געשראָ־קען זיך.

וואנגעל קומט דורכ'ן גארטען פון לינקס.

ו ו א נ ג ע ל (נאָך פון ווייטען צווישען די בוימער): נא, דו האָסט טאקע גאנץ לאנג אויף מיר געווארט.

ע ל ל י ד א (לויפט איהם אנטקעגען, קלאמערט זיך שטארק אָן זיין אָרעם און שרייט אויס): אך, וואנגעל — ראטעווע מיך! ראַ־טעווע מיך — אויב דו קאָנסט!

ו ו א נ ג ע ל: עללידא — אום גאָטעס ווילען, וואס איז —?

ע ל ל י ד א: ראטעווע מיך, וואנגעל! זעהסט איהם דען נים? אָט שטעהט ער דאָך פון הינטען!

ו ו א נ ג ע ל (קוקט אַהינצו): דער מאן דאָ? (טרעט צו נעה־ענטער) מעג איך פרעגען — ווער זיינט איהר? און וואָס האָט איהר דאָ צו זוכען אין גאָרטען?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר (ציינט אן אויף עללידא מיט א בויג פון קאפ) : איך האב עפעס צו רעדען מיט אט דער פרוי, אט דא.

ו ו א נ ג ע ל : אך, אזוי. דאן זיינט איהר מסתמא געוועזען, וועלכער — ? (צו עללידא :) איך הער אז אויפ'ן הויף איז געוועזען א פרעמדער וואס האט געפרעגט אויף דיר.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר : יא, דאס בין איך געוועזען.

ו ו א נ ג ע ל : און וואס ווילט איהר פון מיין פרוי ? (דרעהט זיך אום) קאנסטו דעם מאן, עללידא ?

ע ל ל י ד א (אין דער שטיל, ברעכט די הענד) : אויב איך קאן איהם ! יא, יא, יא !

ו ו א נ ג ע ל (שנעל) : נו — ?

ע ל ל י ד א : אך, וואנגעל ! דאס איז ער. דאס איז ער אליין. דו ווייסט דאך —

ו ו א נ ג ע ל : וואס ? וואס זאגסטו דא ? (דרעהט זיך אום) זייט איהר דער דזשאהנסטאן, וואס האט אמאל — ?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר : נו, איהר קענט מיך אנרופען דזשאהנסטאן. פון מיינעטוועגען. איבעריגענס, הייס איך ניט אזוי.

ו ו א נ ג ע ל : ניט ?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר : ניט מעהר, ניין.

ו ו א נ ג ע ל : און וואס ווילט איהר אייגענטליך פון מיין פרוי ? עס איז דאך אייך גוט בעקאנט, אז די טאכטער פון דעם לייכט־טורעם היטער איז שוין לאנג פערהייראטעט. און מיט וועמען זי איז פערהייראטעט מוזט איהר אויך וויסען.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר : דאס ווייס איך שוין עפעס לענגער ווי דריי יאהר.

ע ל ל י ד א (געשפאנט) : ווי אזוי האט איהר זיך דער־וואוסט ?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר : איך בין געפאהרען אהיים צו דיר, איז מיר אריינגעפאלען אין האנד אן אלטע צייטונג. עס איז געוועזען

א בלאט פון אַט דעם געגענד. און דאָרט איז געשטאַנען דער פאקט פון דער פער׳קנס׳ונג.

ע ל ל י ד א (קוקט גלייך פאר זיך): פון דער פער׳קנס׳ונג—. אלזאָ, דאָס איז עס געווען —

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: עס האָט מיך אזוי מאָדנע געטראָפען. ווארים די מעשה מיט די רינגען — דאָס איז דאָך אויך געווען א פער׳קנס׳ונג, עללידא.

ע ל ל י ד א (בעהאלט דאָס געזיכט אין די הענד): אָ — !

וו א נ ג ע ל: ווי קענט איהר זיך דערוועגען — !

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: האָסטו דאָס פערגעסען?

ע ל ל י ד א (פיהלט זיין בליק, שרייט): קוקט אויף מיר ניט אזוי!

וו א נ ג ע ל (שטעלט זיך איהם אַנטקעגען): איהר קענט זיך ווענדען צו מיר און ניט צו איהר. אלזאָ, קורץ און גוט — איצט אז איהר ווייסט די פערהעלטניסען, איז וואס האָט איהר דאָ נאָך צו זוכען? ווארום קומט איהר אהער צו בעלעסטיגען מיין פרוי?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: איך האָב עללידא׳ן פערשפראָכען צו קומען צו איהר אזוי שנעל ווי איך וועל קענען.

וו א נ ג ע ל: עללידא — ! שוין ווידער!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: און עללידא האָט מיר גאַנץ פעסט פערשפראָכען צו ווארטען אויף מיר ביז איך וועל קומען.

וו א נ ג ע ל: איך הער, אז איהר רופט מיין פרוי ביי איהר ערשטען נאָמען. אזא סאָרט פאמיליאריטעט איז ביי אונז ניט דער שטייגער צו געברויכען.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: איך ווייס עס וואויל. אבער אזוי ווי זי געהערט מיר פריהער פאר אלעמען —

וו א נ ג ע ל: אייך? נאָך אלץ — !

ע ל ל י ד א (בעהאלט זיך הינטער וואנגעל׳ן) אָה, ער לאָזט מיך קיינמאָל ניט אָב!

וו א נ ג ע ל: אייך? איהר זאגט, אז זי געהערט אייך?

דער פּרעמדער: האָט זי אייך ניט דערצעהלט וועגען די צוויי רינגען? וועגען מיין רינג און עלידאַ'ם?

וואַנגעל: יאַ, געוויס. אבער איז וואס? זי האָט עס דאָך שפּעטער געבראָכען. איהר האָט דאָך בעקומען איהרע בריעף. איהר ווייסט עס דאָך אליין.

דער פּרעמדער: עלידאַ און איך האָבען צווישען זיך איינגעשטימט, אז דאס צוזאַמענשליסען פון די רינגען זאָל האָבען דיזעלבינגע גילטינגקייט ווי א פאָרמאַלע הייראַט.

עלידא: אבער איך וויל ניט, הערט איהר! אויף מיין גאַנצען לעבען וויל איך פון אייך מעהר ניט וויסען! קוקט ניט אויף מיר! איך וויל ניט, זאָג איך!

וואַנגעל: איהר מוזט ניט זיין ביים זינען, מענש, אויב איהר גלייבט, אז איהר קענט בויען אייער רעכט אויפ'ן גרונד פון אזעלכע קינדעריייען.

דער פּרעמדער: דאס איז אמת. א רעכט — אין דעם זין ווי איהר ווילט עס אויפפאסען — האָב איך גאַנץ געוויס ניט.

וואַנגעל: אבער וואס ווילט איהר דען נאָך? איהר קענט זיך דאָך ניט איינבילדען, אז איהר וועט זי ביי מיר צונעהמען מיט געוואַלט — אנטקעגען איהר אייגענעם ווילען?

דער פּרעמדער: ניין. וואס פאר א נוצען וואלט דאס געהאט? אויב עלידאַ וויל מיט מיר געהן, מוז עס געשעהן פרייוויליג.

עלידא (ציטערט אויף און שרייט אויס): פרייוויליג —!

וואַנגעל: און איהר מיינט טאקע —!

עלידא (צו זיך אליין): פרייוויליג —!

וואַנגעל: איהר מוזט זיין פון זינען געריהרט. געהט זיך אייך אייער וועג! מיר האָבען מעהר גאר ניט מיט אייך צו טהאָן.

דער פּרעמדער (קוקט אויף זיין זייגער): באַלד איז פאר מיר צייט צו געהן אויפ'ן שיף. (א טריט נעהענטער) נו גוט,

עללידא — איך האָב מיין שולד געטאָן. (ווידער נעהענטער) איך האָב געהאלטען מיין וואָרט, וואס איך האָב דיר געגעבען.

ע ל ל י ד א (בעטענדיג זיך, ווייכט איהם אויס): אָ, ריהרט מיך ניט אָן!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: איבערלעג זיך דאָס ביז מארגען נאכט —

ו ו א נ ג ע ל: דאָ איז ניטא וואס צו איבערלעגען זיך. געהט אייך געזונדערהייט!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר (נאָך אלץ צו עללידא'ן): איצט געה איך מיט'ן דאמפער ארויף אויפ'ן פיאָרד. מארגען ביי נאכט קום איך אלזאָ ווידער. און דאן וועל איך דיך אויפזוכען. דו קענסט ווארטען אויף מיר דאָ אין גארטען. ווארים איך וואלט אם ליעב־סטען אבמאכען די זאך מיט דיר אליין, פערשטעהסטו.

ע ל ל י ד א (שטיל און ציטערענדיג): אָ, הערסטו דאָס, וואנ־געל?

ו ו א נ ג ע ל: זיי נור רוהיג. מיר וועלען שוין וויסען, ווי צו שטערן דעם בעזוך.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: דערווייל זיי געזונד, עללידא. מאר־גען ביי נאכט, הייסט עס.

ע ל ל י ד א (בעטענדיג זיך): אך ניין, ניין — קומט ניט! קומט קיינמאָל ניט ווידער!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: און אויב דו וועסט דאן וועלען נאכ־געהן נאָך מיר איבער'ן ים —

ע ל ל י ד א: אָך, קוקט דאָך ניט אזוי אויף מיר!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: איך מיין נור, דאן מוזטו זיין גרייט צו דער רייזע.

ו ו א נ ג ע ל: געה אריין אין שטוב, עללידא.

ע ל ל י ד א: איך קען ניט. אָך, העלף מיר! ראטעווע מיך, וואנגעל.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: בעדענק זיך גוט אָט ד אָ ס: אויב דו געהסט ניט מארגען מיט מיר, דאן איז אלץ אויס.

ע ל ל י ד א (קוקט איהם אָן מיט ציטערניש): איז אלזאָ אלץ אוים? אויף אייביג?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר (שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ): דאן, קען מען עס מעהר ניט ענדערן, עללידא. איך וועל קיינמאָל ניט קומען מעהר אין די לענדער. דו וועסט מיך מעהר קיינמאָל שוין ניט זעהען, און אויך קיינמאָל פון מיר ניט הערען. דאן בין איך פאר דיר טויט און געשטארבען אויף אייביג.

ע ל ל י ד א (אטהעמט אונרוהיג): אַ — !

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: איבערלעג זיך, אלזאָ, ריכטיג וואס דו טהוסט. זיי געזונד. (געהט און קריכט אריבער דעם צוים, בלייבט שטעהן און זאָגט:) אלזאָ, עללידא, האלט זיך רייזע־פערטיג מאָר־גען ביי נאכט. איך וועל קומען און דיך מיטנעהמען. (ער געהט אוועק לאנגזאם און רוהיג אויפ'ן פוס־וועג רעכטס.)

ע ל ל י ד א (קוקט איהם א ווײלע נאָך): פ ר י י ו ו י ל י ג האָט ער געזאָגט! בעטראכט נור — ער האָט געזאגט איך זאל פ ר י י ו ו י ל י ג מיט איהם געהן.

ו ו א נ ג ע ל: שטארק זיך נור. ער איז דאָך איצט אוועק, און דו וועסט איהם שוין קיינמאָל ניט זעהען.

ע ל ל י ד א: אַך, ווי קענסטו דען דאס זאגען? מארגען קומט ער דאָך ווידער.

ו ו א נ ג ע ל: זאָל ער נור קומען. יערענפאלס וועט ער דיך נים מעהר געפינען.

ע ל ל י ד א (שאקעלט מיט'ן קאָפּ): אַך וואנגעל, גלויב נור נים, אז דו וועסט איהם קענען שטערען.

ו ו א נ ג ע ל: דאָך, מיין ליעבע — פערלאָז זיך נור אויף מיר.

ע ל ל י ד א (פערטראכט, הערט איהם ניט): ווען ער וועט שוין דאָ זיין — מארגען — ? און ווען ער וועט שוין זיין אוועקגעפאה־רען מיט'ן דאמפּפער איבער'ן ים — ?

ו ו א נ ג ע ל: יא, איז וואס דען?

ע ל ל י ד א: איך וואלט וועלען וויסען, צי וועט ער דאן שוין מעהר קיינמאָל — קיינמאָל ניט צוריקקומען?

װאַנגעל: נו, ליעבע עלידא — װעגען דעם קענסטו גאַנץ זיכער זײַן. װאָס װעט ער קומען דאָ װידער זוכען? איצט האָט ער זיך דערװאוסט פון דײַן אײגענעם מויל, אז דו װילסט פון איהם גאר נישט װיסען. דערמיט איז די זאך געענדיגט.

עלידא (צו זיך אליין): מארגען, הייסט עס, אדער קיינמאָל ניט.

װאַנגעל: און אפילו אויב עס זאל איהם איינפאלען װידער צו קומען אהער —

עלידא (געשפאנט): איז װאָס דאן — ?

װאַנגעל: דאן האָבען מיר דאך די מאכט צו מאכען איהם אונשעדליך.

עלידא: אך, גלויב דאס ניט.

װאַנגעל: מיר האָבען אט די מאכט, זאג איך דיר! אויב דו װעסט אויף קיין אנדער אופן ניט קענען האָבען קיין רוה פון איהם, דאן װעט ער מוזען ענטפערן פאר די ערמארדונג פון קאפי־טאן.

עלידא (מיט הארץ): ניין, ניין, ניין! נור דאס ניט! מיר װייסען גארנישט פון די ערמאָרדונג פון קאפיטאן! גאָר גארנישט!

װאַנגעל: מיר װייסען ניט?! ער האָט דאָך דיר אליין מודה געװען!

עלידא: ניין, גארנישט דערפון! אויב דו װעסט עפעס זאָגען, װעל איך עס אָבלייקענען. מען טאָר איהם ניט ארע־טירען! זיין אָרט איז דרויסען אויפ'ן אפענעם ים. דארטן גע־הערט ער!

װאַנגעל (קוקט זי אָן און זאגט לאנגזאם): אה, עלידא — עלידא!

עלידא (קלאַמערט זיך אָן אָן איהם ליידענשאפטליך): אך, דו ליעבער, טרייער — ראטעװע מיך פון אָט דעם מענשען!

װאַנגעל (בעפרייט זיך זאַכט): קום! קום מיט מיר!

ליוונגסטאנד און הילדע, ביידע מיט זייערע פישער־געציייג, זעהען זיך ביים טייך רעכטס.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד (געהט צו שנעל צו עללידא'ן) : גנעדיגע פרוי, אָה, איך האָב אייך צו דערצעהלען עטוואָס וואונדערליכעס!

ו ו א נ ג ע ל : וואס איז דען?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד : בעדענקט זיך נור — מיר האָבען געזעהן דעם אמעריקאנער!

ו ו א נ ג ע ל : דעם אמעריקאנער?

ה י ל ד ע : יא, איך האָב איהם אויך געזעהן.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד : ער איז ארומגעגאנגען אויבען ארום גארטען און דאן איז'ן דעק פון גרויסען ענגלישען דאמפער.

ו ו א נ ג ע ל : פון וואנען קענט איהר דעם מאן?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד : איך בין איינמאָל מיט איהם געפאהרען אויפ'ן ים. איך האָב פעסט געגלויבט, אז ער איז דערטרונקען געווארען, און איצט האָב איך איהם געזעהען א לעבעדיגען.

ו ו א נ ג ע ל : ווייסט איהר וועגען איהם עטוואס מעהר געוויערעס?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד : ניין. אבער ער איז זיכער געקומען נקמה צו נעהמען פון אן אונגעטרייער מאטראזען־פרוי.

ו ו א נ ג ע ל : וואס זאגט איהר?

ה י ל ד ע : לינגסטראנד וויל איהם בענוצען פאר א קונסט־ווערק, וואָס ער קלערט צו שאפען.

ו ו א נ ג ע ל : איך פערשטעה א וואָרט ניט —

ע ל ל י ד א : דו וועסט עס שפּעטער אויסגעפינען.

ארנהאָלם און באָלעטע קומען אהער אויפ'ן פוס־וועג פון יענער זייט פון גארטען־צוים לינקס.

ב אָ ל ע ט ע (צו די וואָס שטעהען אין גארטען) : קומט אהער און זעהט! דער ענגלישער דאמפער נעהט איצט ארויף אויפ'ן פיאָרד.

א גרויסע דאמף־שיף גליטשט זיך לאנגזאם פארביי פון ווייטען.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד (צו הילדע׳ן) : היינט ביי נאכט וועט ער געווים קומען צו איהר.

ה י ל ד ע (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ) : צו דער געטריי־לאָזער מאטראזען־פרוי — יא.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד : שטעלט זיך פאָר — פונקט אום צוועלף ביי נאכט.

ה י ל ד ע : איך גלויב דאס מוז זיין שפאנענד.

ע ל ל י ד א (קוקט נאָך די שיף) : מארגען, אלזאָ —

ו ו א נ ג ע ל : און דערנאָך מעהר קיינמאָל ניט.

ע ל ל י ד א (שטיל, ציטערענדיג) : אָה, וואנגעל — ראטעווע מיך פון זיך אליין!

ו ו א נ ג ע ל (קוקט אויף איהר בעזארגט) : עללידא! איך פיהל, אז הינטער דעם שטעקט עפּעס.

ע ל ל י ד א : הינטער דעם איז עטוואס, וואס ציהט און רופט.

ו ו א נ ג ע ל : וואס ציהט און רופט?

ע ל ל י ד א : דער מאַן איז אזוי ווי דער ים.

זי געהט ארוים לאנגזאם און פערטראכט לינקס. וואנגעל געהט רו־היג נעבען איהר און בעטראכט זי פאָרשענדיג.

פיערטער אקט.

א גאָרטען־צימער ביי וואַנגעל. טירען רעכטס און לינקס. אין הינטערגרונד, צווישען בײדע פענסטער, אן אָפענע גלעזערנע טיר וואס געהט ארויס צו דער וועראנדע. אונטער איהר דרויסען זעהט זיך א שטיק גארטען. לינקס א סאָפע מיט א טיש. רעכטס, א פיאנאָ און הינטען ווייטער א גרויסער בלומען־טיש. אין מיטען צימער א רונדער טיש מיט שטוהלען. אויפ'ן טיש א בליהענדער ראָזען־שטאָק, אומגערינגעלט פון אנדערע טעפּ־פלאַנצען. — עס איז פארמיטאג.

באָלעטטע זיצט אויפ'ן סאָפע נעבען טיש לינקס און שטריקט. לינגסטראנד זיצט אויף א שטוהל ביים אויבערשטען ברעג פון טיש. אונטען אין גארטען זיצט באלעסטעד און מאָלט. הילדע שטעהט דערביי און קוקט זיך צו.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד (אנגעשפּארט אויפ'ן טיש זיצט א ווײלע שווייגענדיג און קוקט זיך צו ווא באָלעטטע ארבייט): עס מוז זעהר שווער זיין אויסצוגעהען אזא ראנד, פריילין וואנגעל.

ב אָ ל ע ט ט ע: אָך, ניין. דאס איז ניט אזוי שווער. ווען מען פאסט נור ריכטיג אויף צעהלענדיג —

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: צעהלענדיג? מוז מען דען צעהלען?

ב אָ ל ע ט ט ע: יא, די שטעך. קוקט אהער.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ריכטיג, יא! שטעלט זיך פאָר! דאס איז דאָך כמעט א סאָרט קונסט. קענט איהר אויך צייכענען?

ב אָ ל ע ט ט ע: אה, יא, ווען איך האָב נור א מוסטער פאר מיר.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: און אזוי ניט?

ב אָ ל ע ט ט ע: ניין, אזוי ניט.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד : דאן איז עס אבער ניט קיין ריכטיגע קונסט.

ב אָ ל ע ט ע : ניין, צום גרעסטען טייל איז עס נישט מעהר ווי — א געשיקטקייט פון האנד.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד : איך גלויב אבער, אז איהר וואלט אפשר געקענט ל ע ר נ ע ן קונסט.

ב אָ ל ע ט ע : אפילו ווען איך האָב ניט קיין מיטגעבארענעם טאלאנט?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד : דאס מאכט נישט. ווען איהר וואלט שטענדיג זיין צוזאמען מיט א ריכטיגען עכטען קינסטלער —

ב אָ ל ע ט ע : גלויבט איהר, אז איך וואלט פון איהם געקענט לערנען?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד : איך מיין ניט, לערנען אזוי אויף א געוועהנליכען אופן. איך גלויב אבער, אז עס וואָלט זיך אייך געגעבען ביסלעכווייז — דורך א מין וואונדער, פריילין וואנגעל.

ב אָ ל ע ט ע : דאס איז א זאנדערבארער געדאנק.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד (נאָך א קליינער פויזע) : האָט איהר אמאָל נאָכגעדענקט — ? איך מיין — צי איהר האָט אמאָל נאָכגעדענקט גרינדליך און ערנסט וועגען הייראט, פריילין?

ב אָ ל ע ט ע (קוקט אויף איהם שנעל) : וועגען — ? ניין.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד : אבער איך האָב נאכגעדענקט.

ב אָ ל ע ט ע : אזוי? איהר האָט געדענקט?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד : יאָ. איך דענק זעהר אפט נאָך וועגען אזוינע זאכען, און ספּעציעל וועגען הייראט. אויסערדעם האָב איך פערשיעדענע ביכער געלעזען איבער דעם ענין. איך גלויב, אז די הייראט מוז מען בעטראכטען ווי א מין וואונדער — וואס די פרוי פערוואנדעלט זיך ביסלעכווייז און ווערט עהנליך צו איהר מאן.

ב אָ ל ע ט ע : איהר מיינט, זי טיילט זיינע אינטערעסען?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד : יא, טאקע דאָס מיין איך!

ב אָ ל ע ט ע : נו, און זיינע טאלאנטען? זיינע מיטגעבארענע פעהיגקייטען און קענשאפטען?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: הם, יא — איך קלער מיר צי דאס אלעם ווערט אויך —

ב אַ ל ע ט ע: אפשר גלויבט איהר אויך, אז וואס אַ מאַן לערנט זיך אויס דורך ביכער — אדער דורך זיין אייגענעם דענ־קען — אז דאס קען אויך אריבערגעהן אויף זיין פרוי?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: דאס אויך, געוויס. מיט דער צייט. ווי דורך א וואונדער. אבער איך וויים, נאטירליך, אז אזעלכעם קען נור פארקומען אין א הייראט, וועלכע איז א געטרייע, פול מיט ליעבע און אן אמת גליקליכע.

ב א ל ע ט ע: איז אייך קיינמאָל ניט געקומען אויפ'ן גע־דאנק, אז א מאן קען אפשר אויך אריבערגעצויגען ווערען צו זיין פרוי אין אייגוואקסען זיך מיט איהר? ווערען עהנליך צו איהר, מיין איך.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: א מאן? ניין. דער געדאנק איז מיר קיינמאָל ניט ארויפגעקומען.

ב אַ ל ע ט ע: אבער פאר וואס קען איין זאך ניט טרעפען, אזוי גוט ווי די אנדערע?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ווייל א מאן האָט דאָך א ב ע ר ו ף, פאר וועלכען ער לעבט. אט ד אָ ס, פריילין וואנגעל, מאכט א מאַן אזוי שטארק און פעסט. א מאן האָט א לעבענס־בערוף.

ב אַ ל ע ט ע: יעדערער אָהן אויסנאהמע?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: אָ ניין. איך דענק דערהויפט נור פון קינסטלער.

ב אַ ל ע ט ע: מיינט איהר, אז אַ קינסטלער טהוט רעכט ווען ער הייראטעט?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: אוראי מיין איך דאָס. ווען ער קען נור געפינען איינע, וועמען ער האָט פון גאנצען הארצען ליעב, דאן —

ב אַ ל ע ט ע: און דאך, איך דענק, אז ער דארף בעסער לע־בען נור פאר זיין קונסט אליין.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: דאס געוויס. אבער ער קען עס גאנץ גוט טהאָן אפילו ווען ער איז פערהייראטעט.

באַלעטע: יאָ, אבער זי?

לינגסטראנד: זי? וואס הייסט — ?

באַלעטע: די פרוי, וועלכע ער הייראטעט? פאר וואס דארף זי לעבען?

לינגסטראנד: זי דארף אויך לעבען פאר זיין קונסט. איך געפין, אז א פרוי מוז זיך דערביי פיהלען גליקליך פון גאנצען הארצען.

באַלעטע: ה'ם — איך בין ניט אזוי זיכער.

לינגסטראנד: יאָ, פריילין, איהר קענט דאס גלויבען. עס איז ניט נור דער כבוד און דאס אָנזעהען, וואס זי געניסט דורך איהם; דאס, רעכען איך, איז די קלענסטע זאך. פיעל מעהר ווערטה איז דאָס, וואס זי קען איהם בעהילפיג זיין ביים שאפען — וואס זי קען איהם פערלייכטערן זיין ארבייט, דערמיט וואס זי איז שטענדיג ביי זיין זייט, פאסט איהם אויף און מאכט איהם דאס לעבען זים. דאס, מיין איך, מוז זיין די גרעסטע פרייד פאר א פרוי.

באַלעטע: אַך, איהר ווייסט אליין ניט ווי עגאָאיסטיש איהר זייט!

לינגסטראנד: איך עגאָאיסטיש! דו ליעבער גאָט — ! אַך, ווען איהר וואלט מיך א ביסעל בעסער געקענט אײדער — (בויגט זיך צו נעהענטער צו איהר) פריילין וואנגעל — ווען איך וועל שוין מעהר ניט זיין — און דאס וועט דאך ניט לאנג דויערן —

באַלעטע (קוקט אויף איהם סימפאטיש): איהר פאנגט שוין ווידער אָן? נעהמט זיך ניט אריין אזעלכע טרויעריגע געדאנקען אין קאָפּ.

לינגסטראנד: איך געפין, אז אין גרונד איז עס דאך גאָר ניט אזוי טרויעריג.

באַלעטע: ווי מיינט איהר דאָס?

לינגסטראנד: איך פאהר דאָך אוועק אין א מאָנאט ארום. צוערשט א היים, און דערנאָך אין די דרום־לענדער.

באַלעטע: אַך אזוי. נו געוויס.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: וועט איהר דעםמאל וווען עס איז
דענקען וועגען מיר, פריילין?

ב אָ ל ע ט ע: יא, דאָס וועל איך גערן טהאָן.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: (פרעהליך): דאס מוזט איהר מיר
פערשפרעכען!

ב אָ ל ע ט ע: יא, דאס פערשפרעך איך.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: הייליג, פריילין באָלעטע?

ב אָ ל ע ט ע: הייליג. (בייט איבער דעם טאָן) אבער וואס
פאר א צוועק האָט דאָס אייגענטליך? עס וועט קיינמאָל דערפון
נארנישט ניט ארויסקומען.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ווי קענט איהר דאס גאר זאגען? פאר
מיר וועט עס זיין אזא פרייד ווען איך ווייס, אז איהר דאָ צו הויז
נעהט ארום און דענקט וועגען מיר.

ב אָ ל ע ט ע: נו, און וואס וועט זיין ווייטער?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: וואס? — ווייטער ווייס איך איי-
גענטליך ניט —

ב אָ ל ע ט ע: איך אויך ניט. אזויפיעל זאכען שטעהען אין
וועג. א ל ץ, דוכט זיך מיר, שטעהט אין וועג.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: עס קען דאך טרעפען עפעס א וואונ-
דער. א גליקליכע ווענדונג פון מזל — אדער אזוי עפעס. ווארים
איך גלויב ווירקליך, אז איך האָב מזל.

ב אָ ל ע ט ע (מונטער): יא, אמת! איהר גלויבט דאך
דערויין!

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא, איך גלויב אין דעם פעסט און זי-
כער. און דאן, אין עטליכע יאהר ארום, ווען איך וועל קומען צוריק
אלס בעריהמטער סקולפטאָר, אין די בעסטע אומשטענדען און
פאלקאם געזונד —

ב אָ ל ע ט ע: יא, יא, געוויס. לאמיר האָפען.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: איהר קענט שוין זיכער זיין. אויב
איהר וועט נור געטריי אין ווארעם דענקען וועגען מיר ,בעת איך וועל

זיין אין די דרום־לענדער. און אויף דעם האָב איך דאָך איצט איר ער וואָרט.

באָלעטע: איהר האָט מיין וואָרט. (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) אבער עס וועט געוויס דערפון גארנישט ניט ארויסקומען.

לינגסטראנד: דאָך, פריילין באָלעטע—און ווען אפילו עס זאָל נור דאָס ארויסקומען, וואָס איך וועל לייכטער און שנעלער קענען ארבייטען אויף מיין ווערק.

באָלעטע: איהר דענקט אזוי?

לינגסטראנד: יא, איך פיהל דאָס אין מיר. און דאָן, מיין איך, אז פאר אייך וועט דאָס אויך זיין א דערקוויקונג — אָט דאָ אין דעם פערוואָרפענעם ווינקעל — צו האָבען דאָס בעוואוסטזיין אז איהר זייט מיר אזוי צו זאגען בעהילפיג געווען אין מיין שאַפען.

באָלעטע (קוקט איהם אָן): נו, און איהר פון אייער זייט?

לינגסטראנד: איך —?

באָלעטע (קוקט ארויס אין גארטען): שטיל! לאָמיר רעדען פון עפּעס אנדערס. דאָ קומט העררע ארנהאָלם.

ארנהאָלם זעהט זיך קומענדיג לינקס אין גארטען. ער שטעלט זיך אב און רעדט מיט באלעסטעד און הילדא.

לינגסטראנד: האָט איהר גערן אייער אלטען לעהרער, פריילין באָלעטע?

באָלעטע: צי איך האָב איהם גערן?

לינגסטראנד: יא, איך מיין, צי איהר האָט איהם ליעב?

באָלעטע: אָ, געוויס. ער איז א גרויסער פריינד און א גוטער ראטהגעבער. און ער איז אימער גרייט צו טהאָן א טובה ווען ער קען נור.

לינגסטראנד: אבער איז עס ניט מערקווירדיג, וואָס ער האָט ניט געהייראטעט?

באָלעטע: דאָס דענקט איהר איז אזוי מערקווירדיג?

לינגסטראנד: יא, דען ער איז דאָך געווים א וואהל־האָבענדער מענש.

באָלעטע: איך רעכען אז ער איז. אבער עס איז איהם געווים ניט געווען אזוי לייכט צו געפינען איינע, וואס זאל איהם ווע‏לען, דענק איך.

לינגסטראנד: פאר וואס עפּעס?

באָלעטע: ווייל ער איז געווען דער לעהרער פון כמעט אלע יונגע מיידלעך, וועלכע ער קען. ער זאָגט עס אליין.

לינגסטראנד: נו, איז דעריבער וואס?

באָלעטע: מיין גאָט, מען קען דאך ניט הייראטען איי־נעם, וואס איז געווען אונזער לעהרער!

לינגסטראנד: גלויבט איהר ניט, אז א מיידעל קען ליעבען איהר לעהרער?

באָלעטע: ווען זי ווערט א דערוואקסענע — ניין.

לינגסטראנד: ניין — א מאָדנע זאך!

באָלעטע (וואָרענט איהם): שא, שטיל!

באלעסטעד האָט דערווייילע צוזאמענגעפּאקט זיינע זאכען און טראָגט זיי ארויס פון גאָרטען רעכטס. הילדע העלפט איהם: ארנהאָלם געהט ארויף אויף דער וועראנדע און קומט אריין אין שטוב.

ארנהאָלם: גוט מארגען, מיין ליעבע באָלעטע. גוט מארגען הערר — ה'ם! (ער קוקט אונצופריעדען, פער־נייגט זיך קאלט צו לינגסטראנד, וועלכער שטעהט אויף און פערבויגט זיך.)

באָלעטע (שטעהט אויף און געהט צו צו ארנהאָלם) גוט מאר־גען, הערר פּראָפעסאָר!

ארנהאָלם: וואס הערט זיך עפּעס היינט?

באָלעטע: א דאנק. גאנץ גוט.

ארנהאָלם: איז אייער שטיעפמוטער היינט אויך זיך געגאנגען באָדען?

באָלעטע: ניין, זי איז אויבען אין איהר צימער.

ארנהאָלם: עפּעס ניט מיט אלעמען?

באַלעטע: איך ווייס ניט. זי האָט זיך פערשלאָסען ביי זיך.
ארנהאָלם: ה'ם — אזוי?
לינגסטראנד: פרוי וואנגעל איז נעסטערן זעהר אויפגערודערט געוואָרען וועגען דעם אמעריקאנער.
ארנהאָלם: וואס ווייסט איהר וועגען דעם?
לינגסטראנד: איך האָב איהר דערצעהלט, אז איך האָב איהם געזעהען א לעבעדיגען ארומגעהענדיג הינטערן גארטען.
ארנהאָלם: אָך, אזוי.
באַלעטע: (צו ארנהאָלם): איהר און דער פאפא זיינען זעהר שפּעט געזעסען די פאריגע נאכט?
ארנהאָלם: יא, שפּעטליך. מיר האָבען גערעדט וועגען גאנץ ערנסטע זאכען.
באַלעטע: האָט איהר אפשר אויך גערעדט מיט איהם אביסעל וועגען מיר און מיינע אנגעלעגענהייטען?
ארנהאָלם: ניין, ליעבע באַלעטע. עס איז מיר ניט אויסגעקומען דערפון צו רעדען, ווארים ער איז געווען פערטראגען מיט אנדערע זאכען.
באַלעטע (זיפצט) אָך, יא — ער איז אַלעמאָל אזוי.
ארנהאָלם (קוקט אויף איהר בעדייטונגספול): אבער מיר וועלען שפּעטער ביידע נאָך רעדען אביסעל טיעפער וועגען דעם. — וואו איז איצט אייער פאטער? איז ער ניט צו הויז?
באַלעטע: ער איז געווים אונטען אין קאבינעט. איך וועל נעהן איהם גלייך רופען.
ארנהאָלם: ניין, איך דאנק. טהוט דאס ניט. איך וועל ליעבערשט ארונטערגעהן צו איהם.
באַלעטע (הארכט צו לינקס): ווארט א ווייל'ע, הערר פּראָפעסאר. איך גלויב אז פאפא קומט אויף די טרעפּ. יא, ער האָט נעמוזט זיין אויבען ביי איהר.
וואַנגעל קומט אריין דורך די טיר לינקס.
וואַנגעל (דערלאנגט ארנהאָלם די האנד): אָט אזוי, ליעב־

בער פריינד — איהר זייט שוין דא? עס איז שעהן פון אייך, וואס איהר זייט אזוי צייטליך געקומען. איך וואלט נאך וועלען מיט אייך רעדען.

באָלעטע (צו לינגסטראנד): מיר וועלען אפשר אויף א מינוט ארונטערגעהן אין גארטען צו הילדע'ן?

לינגסטראנד: מיט'ן גרעסטען פערגעניגען, פרייליין.

ער און באָלעטע געהען ארונטער אין גאָרטען, צווישען די בוימער אין הינטערגרונד.

ארנהאָלם (וועלכער האָט די גאנצע צייט געקוקט אויף זיי, ווענדעט זיך צו וואנגעל): קענט איהר דעם יונגען מאן אביסעל נעהענטער?

וואנגעל: ניין, איך קען איהם גארניט.

ארנהאָלם: האלט איהר עס פאר רעכט, ער זאל ארומ־געהן מיט די מיידלעך אזוי פיעל?

וואנגעל: געהט ער ארום מיט זיי? איך האָב עס גאר נישט בעמערקט.

ארנהאָלם: איך מיין, אז איהר האָט נעדארפט אויף אזעלכע זאכען א ביסעל מעהר אכטונג געבען.

וואנגעל: יא, איהר זייט גאנץ גערעכט. אבער, ליעבער גאָט, וואס זאל איך ארימער מענש טהאָן? די קינדער האָבען זיך שוין צוגעוועהנט צו זיין זייערע אייגענע בעלי־בתים. זיי לאָזען זיך קיין זאך ניט זאגען, ניט פון מיר, ניט פון עללידא'ן.

ארנהאָלם: פון איהר אויך ניט?

וואנגעל: ניין. און אין גרונד גענומען קען איך דאך גאר ניט פערלאנגען פון איהר, זי זאל זיך ארייננמישען אין אזעל־כע זאכען. דאס איז ניט פאר איהר אַן עסק. (האַקט זיך אָב) אבער ניט וועגען דעם האָבען מיר געוואלט רעדען. נו, זאגט־זשע מיר, האָט איהר נאכגעדענקט וועגען דער זאך? וועגען אלץ וואס איך האָב אייך דערצעהלט?

ארנהאָלם: איך האָב ניט געטראכט וועגען קיין אנדער זאך, זינט איך האָב אייך פערלאזען די פארינע נאכט.

ו י א נ נ ע ל : איז וואס רענקט איהר, אלזא, קען מען דא טהאָן?

א ר נ ה אָ ל ם : ליעבער דאקטאר, איך מיין אז איהר אלס ארצט דארפט עס בעסער וויסען איידער איך.

ו ו א נ ג ע ל : אך, ווען איהר וואלט וויסען, ווי שווער עס איז פאר אן ארצט צו געפינען אָ ריכטיגען אורטייל איבער אָ קראנקען, וועלכער שטעהט צו איהם אזוי נאָהענט! און דאס איז דאָך אויך ניט קיין געוועהנליכע קראנקהייט. דאָ קען ניט העלפען קיין געוועהנליכער ארצט — און ניט קיינע געוועהנליכע מיטלען.

א ר נ ה אָ ל ם : ווי פיהלט זי זיך היינט?

ו ו א נ ג ע ל : איך בין אקאָרשט איצט געוועזן ביי איהר, און זי איז מיר פארגעקומען גאנץ רוהיג. אבער הינטער אלע שטימונ־גען איהרע ליעגט עטוואס פערבאָרגען, וועגען וואס איך קען גאר־נישט קלוג ווערען. און אויסער דעם איז זי אזוי ניט בעשטענדיג — אזוי ניט צום בערעכענען — אזוי מיט איין מאָל פערענדערליך.

א ר נ ה אָ ל ם : דאס איז געוויס אָ פאָלגע פון איהר קריינקלי־כען געמיטה־צושטאנד.

ו ו א נ ג ע ל : ניט גאר אין גאנצען. אין לעצטען גרונד איז דאס ביי איהר אָ מיטגעבארענע זאך. עללידא געהערט צום ים־פאָלק. דאס איז די זאך.

א ר נ ה אָ ל ם : ווי מיינט איהר דאס איינענטליך, ליעבער דאקטאר?

ו ו א נ ג ע ל : האָט איהר ניט בעמערקט, אז די מענשען דארטן ביים אָפענעם ים זיינען אין אָ געוויסען זין אָ פאָלק פאר זיך? עס קומט כמעט אויס ווי זיי וואלטען דורכגעלעבט דעם ים׳ס איי־נענעם לעבען. כוואליעס שלאָגען — און ס׳איז אויך דא אן עבבע און אָ פלוט — אין זייער דענקען, אזוי גוט ווי אין זייערע געפיה־לען. און זיי לאָזען זיך קיינמאָל ניט איבערפלאנצען. אך, איך האָב דאס געזאלט פריהער בעדענקען. עס איז איינפאך געווען אָ זינד געגען עללידא׳ן צו נעהמען און ברייננען זי אהער.

א ר נ ה אָ ל ם: זיינט איהר איצט געקומען צו אם אזא מיר גרנג?

ו ו א נ ג ע ל: יא, איך דענק אזוי אלץ מעהר און מעהר. אבער איך האָב דאס געדארפט פריהער וויסען. אך, אין אמת'ן האָב איך עס סאקי געוואוסט, נאר איך האָב עס ניט געוואלט צו־געבען. איך האָב איהר אזוי שטארק געליעבט, פערשטעהט איהר. דעריבער האָב איך די ערשטע זאך געדענקט וועגען זיך. אזוי אונ־פעראנטוואָרטליך עגאָאיסטיש בין איך דאמאָלסט געווען.

א ר נ ה אָ ל ם: ה'ם — יעדער מאן איז זיכער א ביסעל עגאָ־איסטיש אונטער אזעלכע אומשטענדען. אבער ביי אייך האָב איך אט דעם פעהלער קיינמאָל ניט בעמערקט, דאקטאר.

ו ו א נ ג ע ל (שפּאצירט אונרוהיג ארום אין צימער): אָט זעהט איהר דאך! און איך בין עס געווען דערנאָך אויך. איך בין דאך אזוי־פיעל עלטער פאר איהר. איך האָב צו איהר געדארפט זיין א פאטער, א פיהרער. איך האָב געדארפט זעהען וויפיעל מעג־ליך צו ענטוויקלען און אויפקלערען איהר געדאנקען־לעבען. ליידער האָב איך דאָס אלעס ניט אָנגעהויבען צו טהאָן. איך האָב ניט גע־האט די ריכטיגע ענערגיע דערצו, פערשטעהט איהר. אין אמת'ן האָב איך גאָר בעסער זי געוואָלט האָבען אזעלכע ווי זי איז געווען. זי האָט אבער אנגעהויבען צו ווערען אלץ ערגער און ערגער, און איך בין דאָ ארומגעגאנגען און נים געוואוסט וואס צו טהאָן. (שטילער) דעריבער האָב איך אין מיין נויט צו אייך געשריעבען און אייך גע־בעטען אהער צו קומען.

א ר נ ה אָ ל ם (קוקט איהם אָן פערוואונדערט): וואָס הייסט? דעריבער האָט איהר צו מיר געשריבען?

ו ו א נ ג ע ל: יא, אבער זעהט, אז זי זאל דאס ניט מערקען.

א ר נ ה אָ ל ם: אבער אום הימעל'ס ווילען, ליעבער דאק־טאר — וואס פאר א הילף האָט איהר דען געקענט דערוואַרטען פון מיר? דאס פערשטעה איך ניט.

ו ו א נ ג ע ל: נו, וואס איז דא ניטא צו פערשטעהן? איך האָב פשוט א טעות געהאט. איך האָב געמיינט, אז עללידא האָט

איך אמאָל ליעב געהאט, און אז זי האָט טיעף אין הארצען נאָך איצט אויך א געפיהל פאר אייך. האָב איך גערעכענט, אז עס וועט איהר טהאָן גוטס זיך צו זעהען מיט אייך און זיך דורכרעדען אבי־סעל וועגען דער היים און די אלטע צייטען.

א ר נ ה אָ ל ם : הייסט עס, אז איהר האָט געמיינט אייער פרוי, ווען איהר האָט געשריעבען אז דאָ איז פאראן אימיצער, וועל־כער ווארט אויף מיר און בענקט אפשר אויך נאָך מיר!

ו ו א נ ג ע ל : יא, וועמען דען האָב איך געקענט מיינען?

א ר נ ה אָ ל ם (שנעל) : יא, יא, איהר האָט רעכט. — נאָר איך האָב עס ניט פערשטאנען.

ו ו א נ ג ע ל : זעהר נאטירליך, ווי געזאגט; דען איך בין דאך געווען אויף א פאלשען סליאד.

א ר נ ה אָ ל ם : און איהר קענט נאָך אויף זיך זאגען, אז איהר זייט עגאָאיסטיש!

ו ו א נ ג ע ל : אך, איך האָב דאך געהאט אבצוצאָהלען אזא גרויסען חוב. איך האָב געמיינט אז איך טאָר ניט פערפעהלען קיין איין מיטעל, וואס וואָלט אפשר קענען גרינגער מאכען איהר גע־מיטה.

א ר נ ה אָ ל ם : ווי ערקלערט איהר זיך אייגענטליך די מאכט, וואס אָט דער פרעמדער האָט אויף אייער פרוי?

ו ו א נ ג ע ל : ה'ם, ליעבער פריינד — אין דער זאך זיינען פאראן פונקטען, וועלכע לאָזען זיך ניט ערקלערן.

א ר נ ה אָ ל ם : איהר מיינט אז עס שטעקט אין דעם עפּעס, וואס איז אן און פאר זיך ניט ערקלערליך? וואס איז אינגאנצען אונערקלערליך?

ו ו א נ ג ע ל : וועניגסטענס פארלויפיג איז עס אונערקלער־ליך.

א ר נ ה אָ ל ם : גלויבט איהר דען אין אזוינע זאכען?

ו ו א נ ג ע ל : איך גלויב ניט. פּשוט איך ווייס ניט. דערי־בער גיב איך ניט אָב קיין אורטייל.

א ר נ ה אָ ל ם: זאגט מיר אבער נור איינס: אָט די זאנ־דערבארע, שוידערהאפטע בעהויפטונג, אז דעם קינד'ס אויגען — ?

ו ו א נ נ ע ל ((היציג): די מעשה מיט די אויגען גלויב איך גאר איננאנצען ניט! איך וויל אזא זאך ניט גלויבען! דאס מוז זיין א ריינע איינבילדונג איהרע, מעהר גארנישט.

א ר נ ה אָ ל ם: האָט איהר זיך צוגעקוקט צו דעם מאנ'ס אויגען, ווען איהר האָט איהם געסטערן געזעהן?

ו ו א נ נ ע ל: יא, געוויס האָב איך זיך צוגעקוקט.

א ר נ ה אָ ל ם: און איהר האָט קיין עהנליכקייט ניט גע־פונען?

ו ו א נ נ ע ל (אויסווייכענדיג): ה'ם — מיין גאָט, וואס קען איך אייך ענטפערן? עס איז דאך שוין געווען פינסטערליך, ווען איך האָב איהם געזעהן. און אויסערדעם האָט עלידא פריהער אזויפיעל גערעדט וועגען אָט דער עהנליכקייט. — איך וויים ניט צי איך וואָלט גאר געווען אימשטאנד איהם צו בעטראכטען אָהן פאר־אורטיילען.

א ר נ ה אָ ל ם: יא, יא, דאָס קען זיין. נו, אָבער די אנדער זאך? וואס אָט די אנגסט און אונרוהע איז אויף איהר אנגעקומען אקוראט בעת דער דאזיגער פרעמדער איז, ווי עס שיינט, געווען אויף זיין רייזע אהער צו?

ו ו א נ נ ע ל: יא, זעהט איהר — דאס איז אויך עטוואס, וואָס זי האָט זיך זינט פאָרגעסטערן געמוזט ארייננפאנטאזירען און ארייננ'חלום'ען. עס איז גאר ניט אנגעקומען אויף איהר אזוי פּלוצלונג, אזוי מיט איין מאָל, ווי זי בעהויפטעט דאָס איצטער. נור זינט זי האָט געהערט פון דעם יונגען לינגסטראנד, אז דזשאהנ־סטאָן אדער פרימאן, — אדער ווי ער הייסט דארטן — איז פאר דריי יאהרען, אין מערץ, געוועזען אויף דער רייזע אהיים — גלויבט זי שוין איצטער גאנץ קלאָר, אז די אונרוהע האָט אנגעגריפּען איהר געמיטה פונקט דאמאָלסט אין רעמיזעלבען מאָנאט.

א ר נ ה אָ ל ם: און אין אמת'ן איז דאס ניט אזוי געוועזן?

ו ו א נ נ ע ל: עס הויבט זיך גאר ניט אָן! שפּורען און

סמנים פון איהר אונרוה האָבען זיך בעוויזען א סך פריהער פאר יענער צייט. — אמת, צופעלינגערווייז, פאר דריי יאהרען אין מערץ, איז אויף איהר אָנגעקומען א גאנץ שטארקער אויסברוך —

א ר נ ה אָ ל ם: הייסט עם דאָך — !

ו ו א נ ג ע ל: אבער דאס לאָזט זיך ערקלערען גאנץ איינפאך, צוליב דעם צושטאנד — די אומשטענדען — אין וועלכע זי האָט זיך דאמאָלסט גראָד געפונען.

א ר נ ה אָ ל ם: הייסט עס, אז מען קען ערקלערען די צייכענס אי אזוי, אי אזוי.

ו ו א נ ג ע ל (ברעכט זיך די הענד): אַך, ניט צו קענען איהר העלפען! זיך גאר קיין עצה ניט קענען געבען! קיין מיטעל ניט צו האָבען — !

א ר נ ה אָ ל ם: וואס דענקט איהר א שטייגער, ווען איהר זאָלט זיך קענען בעשליסען אוועקצופאהרען פון דאנען? אריבערציהען אין אנאנדער געגענד? זי זאָל קענען לעבען אין אזעלכע פערהעלטניסען וואו זי וועט זיך פיהלען היימישער?

ו ו א נ ג ע ל: אַך, מיין ליעבער — רעכענט איהר אז איך האָב איהר שוין דאס ניט פארגעשלאָגען! איך האָב איהר געמאכט א פלאן מיר זאלען ארויסציהען קיין שאלדרוויקען, אבער זי וויל ניט.

א ר נ ה אָ ל ם: דאס אויך ניט?

ו ו א נ ג ע ל: ניין. זי מיינט אז ס'וועט קיין פעולה ניט זיין. דעריין אפשר איז זי ניט אומגערעכט.

א ר נ ה אָ ל ם: ה'ם — דענקט איהר אזוי?

ו ו א נ ג ע ל: יא; און אויסער דעם, איבערטראכטענדיג די זאך גענויער, ווייס איך טאקע ניט ווי איך וואָלט דאס געקענט דורכפיהרען. איך דענק, אז איך האָב קיין רעכט ניט, צוליעב די מיידלעך, צו פערקלייבען זיך אין אזא פערוואָרפען ווינקעל. ווי די מעשה איז, מוזען זיי דאָך וואוינען אין א פלאץ וואו זיי זאלען האָבען די מעגליכקייט כאָטש ווען עס איז צו הייראטען.

א ר נ ה אָ ל ם: הייראטען? זארגט איהר שוין אזוי וועגען דעם?

װאנגעל: יא, געװיס; איך מוז דאך װעגען דעם אױך דענקען. אבער דאן, — פון דער אנדער זײט װידער — דער געדאנק װעגען מײן ארעמער לײדענדער עללידא —! אך, מײן טײערע ארנהאָלם, װאו איך זאָל זיך נים א קעהר מהאָן — שטעה איך צװישען צװײ פײערן.

ארנהאָלם: װעגען באָלעטע׳ן דארפט איהר אפשר גאר נים אזוי פיעל זאָרגען — (האקט זיך אָב) איך װאָלט נור װעלען װיסען װאו זי איז — װאו זי איז אהין געגאנגען?

ער געהט צו צו דער אפענער טיר און קוקט ארויס.

װאנגעל (געהט צו צו דער פּיאַנאָ): אך, איך װאלט גערן געבראכט יעדען אָפּפער — פאר זײ אלע דרײען — װען איך װאלט נור געװאוסט װי.

עללידא קומט ארײן דורך די טיר לינקס.

עלידא (זאגט שנעל צו װאַנגעל): נעה הײנט אין ערגעץ נים ארויס!

װאנגעל: נײן, געװיס ניט. איך בלײב צו הויז מיט דיר. (צײגט אָן אויף ארנהאָלם, װעלכער קומט צו נעהענטער) װילסטו זיך גאר ניט גריסען מיט אונזער פרײנד?

עללידא (קעהרט זיך אום): אה, איהר זײנט דאָ, הערר ארנהאָלם! (גיט איהם די האַנד) גוט מאָרגען!

ארנהאָלם: א גוטען מאָרגען, מאדאם! נא, הײנט אָבער האָט איהר זיך ניט געבאָדען, װי אלעמאָל?

עללידא: נײן, נײן, נײן! דערפון קען גאר הײנט קײן רײד ניט זײן. װילט איהר ניט זיך זעצען א װײלע?

ארנהאָלם: נײן, איך דאנק אײך זעהר — ניט איצטער. (קוקט צו װאנגעל׳ן צו) איך האָב די מײדלעך פערשפּראָכען ארונטערצוקומען צו זײ אין גארטען.

עללידא: װײס גאט װאו זײ זײנען דארט אין גארטען. איך װײס קײנמאָל ניט װאו זײ געהען דארט ארום.

װאנגעל: אָה, יא — זײ זײנען אודאי דארטן בײם טײך.

ארנהאָלם: נו, איך רעכען אז איך װעל זײ שוין אויפזוך

בען. (ער פערגייגט זיך און גענומט רעכטס איבער דער ווערענדע ארויס אין גארטען.)

עללידא: וויפיעל א זייגער איז עס, וואנגעל?

וואנגעל (קוקט אויף זיין זייגער) עס איז נאך עלף.

עללידא: שוין נאך עלף. און אום עלף — האלב צוועלף היינט אבענד קומט אן דער דאמפער. אך, ווען איך וואלט שוין דאס איבערגעקומען!

וואנגעל (געהט צו צו איהר נעהענטער) ליעבע עללידא — נאך איין זאך וואלט איך דיר געוואלט פרעגען.

עללידא: וואס?

וואנגעל: פארגעסטערן אבענד — דארטן אויבען אויפ׳ן „פראספעקט“ — האסטו געזאגט, אז פאר די לעצטע דריי יאהר פלעגסטו איהם אפט זעהען א לעבעדיגען פאר די אויגען.

עללידא: יא, איך פלעג איהם זעהען. דו מוזט עס מיר גלויבען.

וואנגעל: נו, איז ווי האסטו איהם געזעהען?

עללידא: ווי איך האב איהם געזעהען?

וואנגעל: איך מיין — ווי האט ער אויסגעזעהען, ווען דיר פלעגט זיך אויסדוכטען אז דו זעהסט איהם?

עללידא: אבער, ליעבער וואנגעל — דו ווייסט דאך שוין איצט אליין, ווי ער זעהט אויס.

וואנגעל: האט ער אזוי אויסגעזעהען אויך אין דיינע פארשטעלונגען?

עללידא: יא, אודאי.

וואנגעל: פונקט אזוי ווי דו האסט איהם געסטערן אבענד געזעהען אין דער ווירקליכקייט?

עללידא: יא, פונקט אזוי.

וואנגעל: איז פאר וואס האסטו איהם גלייך ניט דער-קענט?

עללידא (ציטערט אויף): האב איך איהם דען ניט דער-קענט?

וואַנגעל: ניין. דו האָסט אַליין נאָכהער געזאָגט, אַז אין אַנהויב האָסטו גאָר איגנאָרירט ניט געוואוסט ווער דער פרעמדער איז געווען.

עלידא (ווי עס וואָלט געמאַכט אויף איהר אַן איינדרוק): יאַ, איך גלויב ווירקליך, דו ביזט גערעכט. דענקסטו ניט אַז דאָס איז מאָדנע, וואַנגעל? בערעכען נור — איך האָב איהם ניט דער־קענט גלייך!

וואַנגעל: נור נאָך די אויגען, האָסטו געזאָגט —

עלידא: אָך יאַ — די אויגען! די אויגען!

וואַנגעל: אבער דאָרט אויבען אויפ'ן „פּראָספּעקט" האָסטו געזאָגט, אַז ער זעהט דיר אַלע מאָל אויס אַזוי ווי ער איז געוועזן מיט צעהן יאָהר צוריק, ווען איהר האָט זיך צושיידט.

עלידא: האָב איך דאָס געזאָגט?

וואַנגעל: יאַ.

עלידא: דאַן האָט ער מסתמא דאָמאָלסט אויסגעזעהן אונגעפעהר אַזוי ווי איצטער.

וואַנגעל: ניין, פאַרגעסטערן, געהענדיג אַהיים, האָסטו געגעבען אַ גאַנץ אַנדער שילדערונג פון איהם. פאַר צעהן יאָהרען האָט ער ניט געטראָגען קיין באָרד, האָסטו געזאָגט. ער איז אויך געגאַנגען גאַנץ אַנדערס געקליידעט. און דאַן די האַלזטוך־שפּילקע מיט'ן פּערל — ! דאָס האָט דער מאַן געסטערן דאָך גאָר ניט גע־האַט.

עלידא: ניין, ער האָט עס ניט געהאַט.

וואַנגעל (קוקט אויף איהר פאַרשעהנדיג): טראַכט זיך איבער אַ ביסעל, ליעבע עלידאַ. אָדער — קענסטו אפשר זיך שוין ניט מעהר דערמאָנען, ווי ער האָט אויסגעזעהן, ווען ער איז געשטאַ־נען מיט דיר אין בראַטהאַמער?

עלידא (נאָכדענקענדיג, פערמאַכט אַ ווייל די אויגען) ניט גאַנץ דייטליך. ניין — היינט קען איך זיך גאָרניט דערמאָנען. איז דאָס ניט מאָדנע?

וואַנגעל: עס איז גאָר ניט אַזוי מאָדנע. עס האָט זיך

דיר איצטער אנטקעגען געשטעלט א נײַ בילד פון דער ווירקליכקייט, און דאס האָט דאס אַלטע בילד פערשטעלט אין שאטען, אזוי אז דו קענסט עס שוין מעהר ניט זעהען.

ע ל ל י ד א: דענקסטו אזוי, וואנגעל?

וו א נ ג ע ל: און עס פערשטעלט אויך דיינע קראנקע פאר־שטעלונגען אין שאָטען. עס איז דעריבער גוט, וואס די ווירקליכ־קייט איז געקומען.

ע ל ל י ד א: גוט! אט דאס רופסטו אָן גוט?

וו א נ ג ע ל: יא. וואס זי איז געקומען — דאס קען זיין דיין רפואה.

ע ל ל י ד א (זעצט זיך אויפ'ן סאָפע) וואנגעל, — קום און זעץ זיך דא נעבען מיר. איך מוז דיר ארויסזאגען אלע מיינע געדאנקען.

וו א נ ג ע ל: יא, טהו דאס, ליעבע עללידא. (ער זעצט זיך אויף א שטוהל פון דער אנדער זייט טיש.)

ע ל ל י ד א: אייגענטליך איז עס געווען א גרויס אומגליק פאר אונז ביידען — וואָס גראָד מירביידע האָבען געמוזט זיך צו־זאמענקומען.

וו א נ ג ע ל: (ציטערט אויף) וו אָ ס זאגסטו?!

ע ל ל י ד א: אָך, יא. דאס איז עס געווען — און עס איז טאקע גאנץ נאטירליך. דאס אונגליק האָט ג ע מ ו ז ט קומען — איבערהויפט אז מען בעטראכט, ווי אזוי מיר זיינען זיך צוזאמענ־געקומען!

וו א נ ג ע ל: וואס האָט דען ניט געטויגט אין דעם אופן ווי אזוי מיר ביידע —?

ע ל ל י ד א: הער זיך צו, וואנגעל — וואָס נוצט עס נאכ־אנאנד ליגען זאגען זיך אליין און איינער דעם אנדערן?

וו א נ ג ע ל: טהוען מיר דאס דען? מיר זאגען זיך ליגענס, זאגסטו!

ע ל ל י ד א: יא, דורכאויס. אדער — ווייניגסטענס פערבע־האלטען מיר די ווארהייט. וואָרים די ווארהייט — די ריינע, נא־

פעמע ווארהייט — איז דאָך — אז דו ביזט געקומען צו אונז און — און האָסט מיך געקויפט.

ו ו א נ ג ע ל : נעקויפט — ! „געקויפט“, זאָגסטו ?

ע ל ל י ד א : אָה, איך בין אויך ניט געווען א האָר בעסער ווי דו. איך האָב צוגעשטימט. בין געגאַנגען און זיך פערקויפט צו דיר.

ו ו א נ ג ע ל (קוקט אויף איהר פול מיט שמערץ) : עללידא — קענסטו ווירקליך ביי זיך פועל'ן דאס אזוי אָנצורופען ?

ע ל ל י ד א : איז דען דאָ אנאנדער נאָמען דערפאר ? דו האָסט מעהר ניט געקענט אריבערטראגען די פוסטקייט אין דיין הויז. האָסטו זיך ארומגעקוקט צו געפינען א נייע ווייב —

ו ו א נ ג ע ל : און א נייע מוטער פאר די קינדער, עללידא.

ע ל ל י ד א : אפשר דאָס אויך — פערבייגעהענדיג. כאָטש דו האָסט גאר ניט געוואוסט, צי איך וועל זיך טויגען צו זיין א מוטער פאר זיי. דו האָסט דאך מיך געזעהן, און גערעדט מיט מיר אויבערפלעכליך נור א פאָר מאָל. דו האָסט געקריגען א לוסט צו מיר און דאן —

ו ו א נ ג ע ל : נו, רוף דאָס אָן ווי דיר געפעלט.

ע ל ל י ד א : און איך פון מיין זייט — . איך בין געווען אזוי הילפלאָז, האָב זיך קיין עצה ניט געקענט געבען, און בין גע־שטאנען גאנץ אליין. וואָס דען האָב איך געקענט טהאָן ווי צושטי־מען — ווען דו ביזט געקומען און האָסט זיך אנגעבאטען צו פער־זארגען מיך אויפ'ן גאנצען לעבען.

ו ו א נ ג ע ל : פון מיין זייט איז דאס זיכער ניט געווען גע־מיינט אלס א „פערזארגונג“, ליעבע עללידא. איך האָב דיך עהרליך נעפרעגט, צי דו ווילסט זיך טיילען מיט מיר און די קינדער דאס ביסעל, וואס איך האָב געקענט אנרופען מיין אייגענס.

ע ל ל י ד א : יא, דאס האָסטו געטהאָן. אבער איך האָב עס דאָך ניט געדארפט אננעהמען ! אום קיין פרייז אויף דער וועלט האָב איך עס ניט געטאָרט אננעהמען ! איך האָב זיך ניט געדארפט פערקויפען ! בעסער די געמיינסטע ארבייט — בעסער די נידע־

רינסטע ארעמקייט — אבער אין פרייווילינקייט און לויט דעם איי־
נענעם אויסוואהל!

וואנגעל (שטעהט אויף): די פינף אדער זעקס יאהר, וואס
מיר האבען צוזאמען אבגעלעבט, האבען, הייסט עס, פאר דיר גאר
קיין ווערטה ניט?

עללידא: אך, גלויב דאס ניט, וואנגעל! מיר איז גע־
ווען ביי דיר אזוי גוט, ווי א מענש קען זיך נור ווינשען. אבער איך
בין ניט אין פרייוויליגקייט געקומען צו דיר אין הויז. דאס איז
די זאך.

וואנגעל (קוקט זי אן): ניט אין — פרייווילינקייט!

עללידא: ניין. ניט פרייוויליג בין איך געגאנגען צו דיר.

וואנגעל (מיט א געדריקטער שטים): אך — איך דער־
מאן זיך — דאס ווארט, וואס ער האט געזאגט געסטערן.

עללידא: אין דעם ווארט ליעגט אלעס. דאס האט מיר
די אויגען געעפענט און דעריבער זעה איך עס איצטער.

וואנגעל: וואס זעהסטו?

עללידא: איך זעה, אז דאס לעבען, וואס מיר פיהרען
ביידע צוזאמען, איז אין גרונד ניט קיין הייראט.

וואנגעל (ביטער): דאס האסטו געזאגט אן אמת. דאס
לעבען וואס מיר פיהרען איצטער, דאס איז ניט קיין הייראט.

עללידא: פריהער אויך ניט. פון אנהויב אן ניט.
(קוקט שטאר) די ערשטע — אט די האט געקענט ווערען א גאנצע
און ריינע הייראט.

וואנגעל: די ערשטע? וועלכע ערשטע מיינסטו?

עללידא: מיינע — מיט איהם.

וואנגעל (קוקט זי אן פערוואונדערט): איך פערשטעה קיין
ווארט ניט!

עללידא: אך, ליעבער וואנגעל — לאמיר קיין ליגען ניט
זאגען איינער דעם אנדערן. און זיך אליין אויך ניט.

וואנגעל: נו, יא. אבער וואס ווייטער?

עללידא: יא, דו זעהסט — מיר קענען פון דעם פונקט

ניט אזוּעקגעבן, אז א פּריוויליגער צוזאָג איז אקוראט אזוי בינדענד ווי א פּער׳קנס ונג.

וואנגעל: אבער, איז וואס — !

עלידא (הייבט זיך אויף האסטיג): ווילינ איין איך זאל דיך פּערלאָזען, וואנגעל!

וואנגעל: עלידא — ! עלידא — !

עלידא: יא, יא — דו מוזט איינוויליגען! דו קענסט מיר גלויבען, אז אם ענדע וועט דאך קומען דערצו — איינמאָל זיי־נען מיר ביידע אויף אזא אופן זיך צוזאמענגעקומען.

וואנגעל (בעהערשענדיג זיין שמערץ): אזוי ווייט, הייסט עס, האָט עס געגרייכט צווישען אונז.

עלידא: עס האט געמוזט קומען דערצו. עס האָט ניט געקענט אנדערש קומען.

וואנגעל (קוקט אויף איהר מיט א שווערען געמיטה): הייסט עס, אז איך האב דיך אפילו מיט אונזער צוזאמענלעבען אויך ניט געוואונען. דו ביסט קיינמאָל ניט — קיינמאָל ניט געווען אין גאנצען מיינע.

עלידא: אך, וואנגעל — ווען איך וואָלט נור געקענט דיך אזוי ליעב האָבען, ווי איך וואָלט גערן וועלען! אזוי ריכטיג פון הארצען, ווי דו פערדיענסט! אבער איך פיהל עס — דאס וועט קיינמאָל ניט זיין.

וואנגעל: הייסט עס, א שיידונג? וואס דו פערלאנגסט איז א גט — א ריכטיגען, געזעצליכען גט?

עלידא: מיין ליעבער! דו פערשטעהסט מיך אזוי וועניג. די פאָרמען — דאָס האָט ביי מיר קיין בעטרעף ניט. דאָ האנדעלט זיך דאך ניט וועגען די אויסערליכקייטען. איך וויל נור, אז מיר ביידע זאלען פריוויליג איינשטימען זיך פונאנדערצוגעהן.

וואנגעל (ביטער, שאָקעלט לאנגזאם מיט׳ן קאָפּ): מאכען אוים מסחר — יא.

עלידא (היציג): יאָ, ריכטיג! מאכען אוים מסחר!

וואנגעל: און דאן וואָס, עלידא? נאכהער? האָסטו

איבערגעקלערט וואס וועט זיין מיט אונז ביידען דערנאָך ? וואס פאַר א פנים דאס לעבען וועט האָבען פאר דיר און פאר מיר ?

ע ל ל י ד א : דאָס איז ניט וויכטיג. זאָל עס האָבען דערנאָך וואס פאר א פנים עס וויל זיך. דאס וואס איך וויל זיך ביי דיר דערבעטען, וואנגעל — דאס איז דאָך דאס וויכטיגסטע ! לאָז מיר נור פריי ! גיב מיר צוריק מיין פולע פרייהייט !

ו ו א נ ג ע ל : עללידא, — דו שטעלט מיר א שרעקליכע פאָדערונג. גיב מיר דאך וועניגסטענס צייט צו קומען צו א בע־שלום. לאמיר דאס גרינדליכער בעשפרעכען. און דו אליין האָסט זיך אויך געדארפט נעהמען מעהר צייט צו איבערלעגען וואס דו טהוסט !

ע ל ל י ד א : אבער מיר האָבען דאָך קיין צייט ניט צו פער־לירען אויף אזוינע זאכען ! איך מוז דאך נאָך היינט צוריק האָבען מיין פרייהייט !

ו ו א נ ג ע ל : פאר וואס עפעס היינט ?

ע ל ל י ד א : ער קומט דאָך היינט ביינאכט.

ו ו א נ ג ע ל (ציטערט אויף) : קומט ! ער ! וואס האָט דער פרעמדער מיט דער זאך צו טהאָן ?

ע ל ל י ד א : איך וויל איהם בעגעגענען אלס א פאָלקאָם פרייע.

ו ו א נ ג ע ל : און וואס — וואס דענקסטו דערנאָך צו טהאָן ?

ע ל ל י ד א : איך וויל זיך ניט בענוצען מיט דעם אויסרייד, אז איך בין אנאנדער מאן׳ס פרוי. איך וויל ניט געברויכען דעם אויסרייד, אז איך האָב ניט קיין ברירה. ווארים דאן וואלט מיין בע־שלום קיין בעשלום ניט געוועזן.

ו ו א נ ג ע ל : דו רעדסט וועגען ברירה! די ב ר י ר ת, ע ל ל י ד א ! אין אזא זאך א ברירה !

ע ל ל י ד א : יא, איך מוז האָבען די ברירה. די ברירה אויס־צוקלייבען זיך אזוי אדער אזוי. איך מוז האָבען די מעגליכקייט איהם לאָזען אליין פאהרען, אדער — מיט איהם מיטפאהרען.

וואנגעל: ווייסטו אליין וואס דו רעדסט? פאהרען מיט איהם! דיין גאנצען שיקזאל איבערגעבען אין זיינע הענד!

עלידא: האָב איך דען ניט מיין גאנצען שיקזאל איבער־געגעבען אין ד י י נ ע הענד! און אפילו — גאר ניט איבער־קלערענדיג.

וואנגעל: דאָס קען זיין. אָבער ער! ער! א ווילד פרעמדער! א מענש וועלכען דו קענסט קוים!

עלידא: אבער דיך האָב איך דאָך אפשר נאָך ווענינער געקענט. און פונדעסטוועגען בין איך געגאנגען צו דיר.

וואנגעל: דאמאָלסט האָסטו דאך וועניגסטענס געוואוסט וואס פאר א לעבען דו קענסט דערווארטען. אבער דא? דאָ? איי־בערלעג זיך! וואָס ווייסטו דאָ? גאָרנישט ווייסטו. ניט א מאָל ווער ער איז — וואס ער איז.

עלידא (קוקט שטאר פאָר זיך): דאס איז אמת. אבער דאָס איז דאך דעריבער דאס שרעקליכע.

וואנגעל: ס'איז באמת שרעקליך, יאָ —

עלידא: דערפאר פיהל איך, ווי איך וואלט מוזען זיך ארייגלאָזען אין דעם.

וואנגעל (קוקט זי אָן): ווייל עס שטעהט דיר פאר די אויגען אלס עטוואס שרעקליכעס?

עלידא: יא. טאקע נור דערפאר.

וואנגעל (נעהענטער): הער נור צו, עלידא — וואָס פערשטעהסטו אייגענטליך אונטער דאָס „שרעקליכע"?

עלידא (דענקט נאָך): דאָס „שרעקליכע" איז דאָס, וואס שרעקט אב און ציהט דאך.

וואנגעל: וואָס צ י ה ט אויך?

עלידא: פריהער פאר אלץ — וואָס ציהט צו, גלויב איך.

וואנגעל (לאנגזאם): דו ביזט א קרובה פון ים.

עלידא: דאס איז אויך דאס שרעקליכע.

וואנגעל: און דו ביזט א קרובה אויך פון דאס שרעק־ליכע. דו שרעקסט אב און ציהסט צו.

ע ל ל י ד א: מיינסטו אזוי, וואנגעל?

וואנגעל: איך האָב דאָך דיך באמת נאָך קיינמאָל ניט זוּם געקאנט. קיינמאָל ניט אינגאנצען ביז'ן גרונד. איצט ווערט עס מיר ביסלעכווייז קלאָר.

עללידא: דערפאר טאקע מוזטו מיך פריילאָזען! מוזט מיך אָבבינדען פון יעדער שיכות צו דיר און דיין הויז. איך בין ניט די, פאר וועלכער דו האָסט מיך געהאלטען. איצט זעהסט עס דאָך אליין. איצט קענען מיר זיך צושיידען אין איינינקייט — און אין פרייוויליגקייט.

וואנגעל (אומעטיג): עס וואָלט אפשר געווען דאס בעסטע פאר אונז ביידען — ווען מיר זאָלען זיך צושיידען. — און דעננאָך — איך קען ניט! דו ביזט פאר מיר דאָס שרעקליכע, על־לידא. אבער שטארקער איז אין דיר — וואס עס ציהט צו.

עללידא: רעכענסטו?

וואנגעל: לאמיר זעהען אריבערצוקומען דעם טאָג מיט איבערלעגונג, מיט א פאלקאמען רוהיגען געמיטה. איך טאָר דיך היינט ניט פריילאָזען און ניט אָבלאָזען. איך האָב אויף דעם קיין רעכט ניט — קיין רעכט ניט פון דיינטוועגען אליין, עללידא. איך נעהם מיר דאס רעכט און האלט עס פאר מיין פליכט דיך צו בע־שיצען.

עללידא: בעשיצען? אנטקעגען וואס דארף מען דא בע־שיצען? מיר דראָהעט דאָך ניט קיין גראָבע געוואלט פון דרויסען. דאס שרעקליכע ליעגט טיעפער, וואנגעל! דאס שרעקליכע — דאס איז דאס דאזיגע ציהען און צויבערן אין מיין אייגענעם געמיטה. און וואס קענסטוווירקליך טהאָן געגען דעם?

וואנגעל: איך קען דיר שטארקען און העלפען זיך שטע־לען אנטקעגען.

עללידא: יא — אין דעם פאַל, ווען איך זאל וועלען זיך שטעלען אנטקעגען.

וואנגעל: ווילסטו דען דאס ניט?

עללידא: אך, גראָד דאָס ווייס איך דאָך אליין ניט!

וואנגעל: היינט וועט אלעם ענטשיידעט ווערן, ליעבע עללידא —

עללידא (אויפגערעגט): יא, בעדענק נור! די ענטשיידונג איז אזוי נאָהענט! די ענטשיידונג פאר'ן גאנצען לעבען!

וואנגעל: — און מארגען —

עללידא: יא, מאָרגען! איך וועל דאן אפשר האָבען פערלארען מיין ריכטיגע צוקונפט!

וואנגעל: דיין ריכטיגע — ?

עללידא: א לעבען אין פרייהייט, א פאלקאם, גאנצעם לעבען פערלארען — פערלארען פאר מיר! און אפשר אויך פאר איהם.

וואנגעל (שטיל, נעהמט זי פאר'ן האנד) עללידא — ליעבסטו אט דעם פרעמדען?

עללידא: אויב איך ליעב איהם — ? אך, וואס ווייס איך? איך ווייס נור, אז ער איז פאר מיר פול מיט דאס שרעקליכע, און אז —

וואנגעל: — און אז — ?

עללידא (רייסט זיך לויז): — און אז איך פיהל, ווי איך וואלט געהערן צו איהם.

וואנגעל (לאָזט אראָב דעם קאָפּ): איצט פאנג איך אָן מעהר און מעהר צו פערשטעהן.

עללידא: און וואָס פאר א מיטעל האָסטו געגען דעם? און קענסטו מיר אן עצה געבען?

וואנגעל (קוקט זי אָן מיט א שווערען געמיטה): מאָרגען — וועט ער זיין אוועקגעפאהרען. דאן וועט דאס אומגליק זיין אויסגעמיטען. דאן בין איך בערייט דיך פריי צו מאכען און לאָזען געהן. מיר וועלען מאכען אוים מסחר, עללידא.

עללידא: אך, וואנגעל — ! מארגען — וועט דאך שוין זיין צו שפעט — !

וואנגעל (קוקט אַרויס אין גארטען): די קינדער! די

קינדער — ! לאָמיר זיי וועניגסטענס שאַנעווען — פאר א ווײלע נאָך.

עס זעהען זיך אין גארטען ארנהאָלם, הילדע און לינגסטראנד. לינג־סטראנד נעהמט אבשייד אונטען און געהט אוועק לינקס. די איבריגע גע־הען אין שטוב.

ארנהאָלם: נו, איך זאָג אייך, מיר האָבען דאָ אויסגע־קלערט גרויסע פּלענער —

הילדע: מיר ווילען היינט אבענד ארויס אויפ'ן פיאָרד און —

באָלעטע: ניין, ניט אויסזאגען!

וואנגעל: מיר ביידע האָבען דאָ אויך אויסגעקלערט פלענער.

ארנהאָלם: אה — ווירקליך?

וואנגעל: מארגען וועט עללידא פאהרען קיין שאָלדוויקען פאר א געוויסער צייט.

באָלעטע: אוועקפאהרען —?

ארנהאָלם: זעהט איהר, דאס איז זעהר קלוג, פרוי וואנ־געל.

וואנגעל: עללידא וויל צוריק אהיים. אהיים צום ים.

הילדע (שפּרינגט צו צו עללידא): געהסט אוועק! געהסט פון אונז אוועק?

עללידא (דערשראקען): וואס איז, הילדע! וואס איז דער מעהר?

הילדע (בעהערשט זיך) אך, גארנישט. (אין דער שטיל, קעהרט זיך אב פון איהר) נור געגאנגען!

באָלעטע (אנגסטיג): פאפא — איך זעה אויף דיר — דו געהסט מיט — אין שאָלדוויקען!

וואנגעל: ניין, געוויס ניט! איך וועל אפשר פערברייני־גען דארטען ווען עס איז אמאָל —

באָלעטע: און דאָ ביי אונז —?

וואנגעל: דאָ וועל איך אויך פערברייגגען —

באַלעטע: ווען עס איז אמאָל, יאָ!

וואַנגעל: מיין ליעב קינד, עס מוז אזוי זיין. (ער געהט אַרוים פון צימער.)

ארנהאָלם (זאגט צו איהר אין דער שטיל): מיר וועלען נאָך רעדען שפּעטער, באַלעטע.

ער געהט צו וואַנגעל'ן. זיי רעדען אין דער שטיל צוזאַמען הינטען ביי דער טיר.

עללידא (ניט הויך, צו באַלעטע'ן): וואס איז דאס געווען מיט הילדען? זי האָט אויסגעזעהן אזוי צורודערט.

באַלעטע: האָסטו ניט געמערקט נאָך וואס הילדע האָט טאג איין טאָג אויס געדורשט?

עללידא: געדורשט?

באַלעטע: פון דער מינוט אָן, וואס דו ביזט געקומען דאָ אין הויז.

עללידא: ניין, ניין — נאָך וואס דען?

באַלעטע: נאָך איין איינציגען צערטליכען וואָרט פון דיר.

עללידא: אה — ! אפשר קען איך דאָ געפינען פאר מיר אן אויפגאבע?

זי כאַפּט זיך פאר'ן קאָפּ מיט די הענד און קוקט אונבעוועגליך פאָר זיך, אזוי ווי עס וואַלטען אין איהר דורכגעלאָפען שטרייטענדע געדאַנקען און שטימונגען.

וואַנגעל אין ארנהאָלם קומען דורכ'ן צימער דורך פאָרינט רעדענדיג שטיל. באַלעטע געהט נאָך רעכטס און קוקט אריין אין צימער אָן א זייט. דאַן מאכט זי אויף די טיר.

באַלעטע: ליעבער פאפא — עס איז געגרייט — אויב דו —

וואַנגעל (צווינגט זיך צו בעהערשען): אזוי, מיין קינד? דאָס איז רעכט. קומט, ארנהאָלם, לאמיר אריין און נעהמען אן אב־שיידס־טרונק מיט — מיט דער „פרוי פון ים". (זיי געהען צו דער טיר רעכטס.)

פינפטער אקט.

דער אבגעלעגענער טייל פון וואנגעל'ס גארטען ביים קאראַשען־טייך. עס ווערט טונקעלער אין אבענד.

אַרנהאָלם, באָלעטע, לינגסטראַנד און הילדע אין א שיפעל; שיפען זיך מיט'ן רודער ארויף, פערביי דעם ברעג לינקס.

הילדע: זעהט, מיר קענען דא גאנץ בעקוועם ארויסשפרינגען אויפ'ן ברעג!

ארנהאָלם: ניין, ניין טהוט דאס ניט!

לינגסטראנד: איך קען ניט שפרינגען, פריילין.

הילדע: איהר, ארנהאָלם, קענט אויך ניט שפרינגען?

ארנהאָלם: איך וואלט בעסער ניט געשפרונגען.

באָלעטע: דאן לאמיר זיך אבשטעלען דאָ הינטען ביי דער טרעפּ פון באָד־הויז. (זיי שיפען זיך ארויס מיט'ן רודער נאָך רעכטס.)

אין דערזעלבער צייט זעהט זיך באלעסטעד רעכטס אויפ'ן פוס־וועג. ער טראגט נאָטען־ביכער און א וואַלד־האָרן. ער גריסט די וואָס זיצען אין שיפעל, דרעהט זיך אום און רעדט מיט זיי. מען הערט די ענטפערן ווי זיי קומען אלץ מעהר פון וויטען.

באלעסטעד: וואס זאגט איהר? — יא, געוויס איז דאס פון וועגען דעם ענגלישען דאמפער; דען היינטיגס יאהר איז עס דאס לעצטע מאָל וואס ער קומט. — אבער אויב איהר ווילט נאָך עפּעס פערכאפּען פון דער מוזיק, מוזט איהר זיך ניט לאנג זאמען. (שרייט:) וואס? (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) פערשטעה ניט, וואס איהר זאגט!

עללידא טרעט אויף, בעגלייט פון וואנגעל, מיט איהר שאַל אויפ'ן קאָפּ.

ו ו א נ ג ע ל: אבער ליעבע עללידא — איך פערזיכער דיר, עס איז נאָך דאָ גענוג צייט.

ע ל ל י ד א: ניין. ניין — ס'איז ניטא קיין צייט! ער קען קומען יעדען אויגענבליק.

ב א ל ע ס ט ע ד (דרויסען ביים גאָרטען־צוים): אה, גוטען אבענד, הערר דאקטאר! גוטען אבענד, מאדאם!

ו ו א נ נ ע ל (דערזעהט איהם): אָך, דאָס זייט איהר? וועט מען געבען מוזיק היינט אבענד?

ב א ל ס ט ע ד: יא. די מוזיקאלישע געזעלשאפט וויל עפּעס געבען רעכטס. איצט אין סיזאָן פעהלען ניט קיין פייערליכע געלעגענהייטען. היינט וועט עס זיין לכבוד דעם ענגלענדער.

ע ל ל י ד א: דעם ענגלענדער? זעהט זיך שוין ווי ער קומט?

ב א ל ע ס ט ע ד: נאָך ניט. אבער ער קומט דאָך אריין פון לאנד דורכגעהענדיג צווישען די אינזלען. ער קומט אָן מיט איין מאָל איידער מען האָט צייט זיך ארומצוקוקען.

ע ל ל י ד א: יא, דאס איז ריכטיג אזוי.

ו ו א נ ג ע ל (האלב געווענדט צו עללידא): היינט איז זיין לעצטע רייזע. דאן קומט ער שוין ניט מעהר.

ב א ל ע ס ט ע ד: א טרויעריגער געדאנק, הערר דאקטאר. אבער דערפאר ווילען מיר טאקע, ווי געזאגט, איהם אָנטהאָן דעם כבוד. אך יא, אך יא! די פרעהליכע זומער צייט געהט שוין באלד אוועק. „פערפראָרען זיינען באלד די וואסער־זונדען אלע", ווי עס שטעהט אין דער טראגעדיע.

ע ל ל י ד א: פערפראָרען זיינען זיי, די וואסער־זונדען אלע — יא.

ב א ל ע ס ט ע ד: אָן אומעטיגער געדאנק. אט זיינען מיר געווען פאר וואָכען און מאָנאטען דעם זומער'ס פרייע קינדער. עס איז שווער זיך צו צוגעוועהנען צו די טונקעלע טעג. צום וועניגסטען אין אָנפאנג. דען די מענשען קענען זיך אלקי — א — אקלימאטי־

זירעץ, פרוי וואנגעל. יא, דאס קענען זיי. (ער פערנייגט זיך און געהט ארויס לינקס.)

ע ל ל י ד א (קוקט ארויס אויפ'ן פיאָרד): אך, אט די שרעק־ליכע שפאנונג! אט די קלעמענדע לעצטע האלב שטונדע פאר דער ענטשיידונג.

ו ו א נ ג ע ל: איז עס בעשלאסען, אז דו ווילסט אליין מיט איהם רעדען?

ע ל ל י ד א: איך מוז אליין מיט איהם רעדען. ווארים איך מוז זיך דאך אויסקלייבען מיט מיין אייגענעם פרייען ווילען.

ו ו א נ ג ע ל: דו קענסט זיך ניט אויסקלייבען, עללידא. דו טאָרסט ניט אויסקלייבען. דו טאָרסט ניט — צוליעב מיר.

ע ל ל י ד א: דו קענסט מיין אויסקלייבען שוין קיינמאָל ניט פערהינדערן. ניט דו, ניט ווער עס איז אנאנדערער. דו קענסט מיר פערבאָטען צו געהן מיט איהם — לעבען מיט איהם — אין פאל אויב איך וועהל אזוי אוים. דו קענסט מיך דא האלטען מיט גע־וואלט, אנטקעגען מיין ווילען. דאס קענסטו. אבער מיין וועה־לען — מיין וועהלען אין די טיעפעניששען פון מיין הארצען — מיין וועהלען איהם און ניט דיך — אויב איך זאל אזוי וועלען און מוזען וועהלען — דאס קענסטו ניט פערהינדערן.

ו ו א נ ג ע ל: ניין, דא ביזטו גערעכט. דאס קען איך ניט פערהינדערן.

ע ל ל י ד א: און דאן, וואו זאל איך נעהמען די קראפט זיך אנטקעגען צו שטעלען? דאָ אין הויז איז ניטא דאס מינדעסטע, וואס זאל מיך צוציהען און האלטען. איך האָב דאך ניט אנגעהויבען זיך איינצו־וואקסען אין דיין הויז, וואנגעל. די קינדער זיינען ניט מיינע. איך מיין, זייערע הערצער געהערן ניט צו מיר. זיי האָבען קיינמאָל ניט געהערט צו מיר. — ווען איך געה אוועק—דאס הייסט, אין פאל אויב איך זאל אוועקגעהן — ענטוועדער היינט מיט איהם, אדער מארגען נאָך שאָלדרוויקען — האָב איך אפילו ניט קיין שליסעל אבצוגעבען, קיין נויטיגע זאך אנצוזאגען, קיין האָר ניט. אט אזוי לגמרי גאר קיין ווארצעל ניט געלאזען אין דיין הויז. אט אזוי גאר

אָהן א צוזאַמענהאַנג מיט די איבעריגע בין איך געוועזען פֿון דער ערשטער מינוט אָן.

וואַנגעל: דו האָסט אַליין אַזוי געוואָלט.

עללידא: ניין, דאָס איז ניט אַזוי. ניט איך האָב דאָס געוואָלט, און ניט איך האָב דאָס ניט געוואָלט. איך האָב נור גאַנץ איינפאַך אַלץ אַזוי געלאָזען, ווי איך האָב עס געפונען דעם טאָג, וואָס איך בין געקומען. דו, ניט קיין אַנדערער, האָסט אַזוי געוואָלט.

וואַנגעל: איך האָב געדענקט, אַז אַזוי וועט פאַר דיר בעסער זיין.

עללידא: אָך יאַ, וואַנגעל, דאָס וויים איך גאַנץ גוט. אָבער איצט מוזען מיר בעצאָהלען דערפאַר; עס איז זיך נוקם אָן אונז. וואָרים איצט קוק איך זיך אַרום אומזיסט צו געפינען אַ קראַפט וואָס זאָל מיך דאָ האַלטען — אַ שטיצע, אַ הילף, אַ געפיהל, וואָס זאָל מיך צוציהען צו דעם אַלעם, וואָס האָט געזאָלט זיין אונזער ביידענס טייערסטער אוצר.

וואַנגעל: דאָס זעה איך טאַקע איצט איין, עללידאַ. און דעריבער זאָלסטו פֿון מאָרגען אָן צוריק האָבען דיין פרייהייט. פֿון דאַן אָן זאָלסטו מעגען פיהרען דיין אייגענעם לעבען.

עללידא: אַט דאָס רופסטו מיין אייגען לעבען! אָך ניין, מיין אייגען, ריכטיג לעבען איז אַוועק אויף אַ פאַלשען וועג, זינט איך האָב עס פעראייניגט מיט דיינעם. (דריקט די פויסטען אין אַנגסט און אונרוה.) און איצט — היינט ביי נאַכט — אין אַ האַלבע שטונדע — קומט ער, וועמען איך האָב אין שטיך געלאָזען — דער מאַן, אָן וועמען איך האָב געדאַרפט געטריי זיך פעסטהאַלטען, אַזוי ווי ער האָט זיך אָן מיר פעסט געהאַלטען! איצט קומט ער און באַט מיר אָן — צום איינציגען און לעצטען מאָל — די געלעגענהייט אנצוהויבען דאָס לעבען פֿון דאָס ניי — מיין אייגען, ריכטיג לעבען — דאָס לעבען וואָס שרעקט אָב און ציהט אויך צו — פֿון וועלכען איך קען זיך ניט ענטזאָגען. ניט מיט מיין אייגענעם פרייען ווילען!

וואנגעל: דעריבער טאקע איז עס נויטיג, אז דיין מאַן, וועלכער איז צו דערזעלבער צייט א דאקטאר — זאל דיר ניט לאזען ענטשייזען, און זאל האנדלען פאר דיר.

עללידא: יא, וואנגעל, איך פערשטעה דאס גאנץ גוט. אָה, גלויב מיר, עס גיט אָפט אזוינע מאָמענטען ווען איך פיהל, אז איך וואָלט געווים געהאט פריעדען און רעטונג, ווען איך וואלט געקענט זיך בעהאלטען אינעווענינג ביי דיר אין דיין נשמה — ווען איך וואלט געקענט זיך אנטקעגען שטעלען די מעכטער, וואס ציהען צו און שרעקען אב. אבער איך קען דאס ניט. ניין, ניין — איך קען ניט!

וואנגעל: קום, עללידא — לאמיר אביסעל ארומשפאַצירען צוזאמען.

עללידא: איך וואלט עס זעהר גערן וועלען. אבער איך געטרוי זיך ניט. וואָרים ער האָט דאן געזאָגט, איך זאָל דאָ אויף איהם ווארטען.

וואנגעל: קום נור. דו האָסט נאָך גענוג צייט.

עללידא: דענקסטו אזוי?

וואנגעל: נאָך מעהר ווי גענוג, זאג איך דיר.

עללידא: נו, דאן לאָמיר געהן אביסעל.

זיי געהען ארויס אין פאדערגרונד רעכטס. אין דעמזעלבען אויגענבליק דערזעהט מען ארנהאָלם און באָלעטע ביים אויבערשטען ברעג פון טייך.

באָלעטע (בעמערקט ווי זיי געהען אוועק): זעהט נור—!

ארנהאָלם (אין דער שטיל): פּסט, — לאָזט זיי נור געהן.

באָלעטע: קענט איהר בעגרייפען, וואָס עס קומט פאָר צווישען זיי פאר די לעצטע עטליכע טעג?

ארנהאָלם: האָט איהר עפּעס בעמערקט?

באָלעטע: נאָ, צי איך האָב בעמערקט!

ארנהאָלם: וואס, עפּעס אויסערגעוועהנליכעס?

באָלעטע: אָה, יא, אייניגעס. און איהר ניט?

ארנהאָלם: יא, איך ווייס ניט ווי איך צו זאגען —

ב אָ ל ע ט ע: נו, נו! איהר ווילט נור ניט ארויסגעהן מיט דער שפּראך.

א ר נ ה אָ ל ם: איך גלויב, אז די קליינע רייזע, וואס אייער שטיפמוטער מאכט, וועט איהר גוטס טהאָן.

ב אָ ל ע ט ע: איהר מיינט אזוי?

א ר נ ה אָ ל ם: יא, מיר דאכט אז עס וואלט פאר אייך אלע־מען געווען גוט, ווען זי פאהרט אוועק אויף א ווילע פון צייט צו צייט.

ב אָ ל ע ט ע: אויב זי וועט אוועקפאהרען מארגען צו איהר אלטער היים אין שאָלדוויקען, וועט זי אוראי שוין קיינמאָל זיך ניט אומקעהרען צוריק צו אונז.

א ר נ ה אָ ל ם: אבער, ליעבע באלעטע, פאר וואס דענקט איהר עפּעס אזוי?

ב אָ ל ע ט ע: איך בין פעסט איבערצייגט דעריין. איהר ווארט נור! איהר וועט זעהען — זי קומט ניט צוריק. ווענינגס־טענס, ניט אזוי לאנג ווי איך און הילדע זיינען אין הויז.

א ר נ ה אָ ל ם: אויך הילדע?

ב א ל ע ט ע: נו, מיט הילדע'ן וואלט עס אפשר נאך מיטגע־נאנגען; זי איז דאך נאָך א קינד, און איך גלויב, אז אין גרונ־הארצען פערגעטערט זי עללידא'ן. אבער מיט מיר, זעהט איהר, איז עפּעס אנדערש. א שטיעפּמוטער וואס איז ניט פיעל עלטער פאר דער שטיעפּטאכטער —

א ר נ ה אָ ל ם: ליעבע באָלעטע — וואָס אייך בעטרעפט, איז די צייט שוין מעהר ניט ווייט, ווען איהר וועט מוזען פערלאזען דאס הויז.

ב אָ ל ע ט ע (לעבהאפטיג): אזוי? דענקט איהר! איהר האָט אלזא שוין גערעדט מיט פאפּא וועגען דעם?

א ר נ ה אָ ל ם: דאס האָב איך אויך געטאָן, יא.

ב אָ ל ע ט ע: נו, און וואס האָט ער געזאגט?

א ר נ ה אָ ל ם: ה'ם, אייער פאטער איז די טעג געווען שטארק בעשעפטיגט מיט אנדערע געדאנקען.

באַלעטע: יא, יא, דאס האָב איך דאך שוין פריהער געזאגט.

ארנהאָלם: דאָך האָב איך פון איהם אזויפיעל ארויסגעקריגען, אז אויף שטיצע פון זיין זייט וועט איהר קוים קענען רעכענען.

באַלעטע: ניט קענען —?

ארנהאָלם: ער האָט מיר גאנץ דייטליך ערקלערט זיינע פערהעלטניסען, און מיינט אז אזא פאדערונג איז פאר איהם איצט א זאך פון אונמעגליכקייט.

באַלעטע (מיט פארוואורף): און איהר האָט נאך געקענט האבען א הארץ צו מאכען שפאס פון מיר און זאגען, אז איך וועל דא לאנג ניט פערבלייבען.

ארנהאָלם: דאס האָב איך גאנץ געוויס ניט געטאָן, ליעבע באַלעטע. עס העננגט אינגאנצען אָב פון איך אליין — צי איהר ווילט פון דאנען אוועקגעהן, צי ניין.

באַלעטע: וואס הענגט אב, זאגט איהר, פון מיר אליין?

ארנהאָלם: צי איהר ווילט ארויסגעהן אין דער וועלט און לערנען אלץ וואס אייער הארץ גלוסט. צי איהר ווילט נעהמען א טייל אין דאָס, נאָך וואָס איהר בענקט אזוי זיצענדיג דאָ. צי איהר ווילט לעבען אונטער פריינדליכערע בעדינגונגען, באַלעטע. וואס דענקט איהר פון דעם?

באַלעטע (קלאפט צונויף די הענד): אָך, דו גרויסער גאָט —! דאס איז דאָך אבער גאר אינגאנצען אונמעגליך. וויבאלד פאפא וויל ניט און קען ניט, איז — . ווארים איך קאָן דאך זאנסט קיין איינציגען לעבעדיגען מענשען, צו וועמען איך זאל זיך קענען ווענדען.

ארנחאָלם: און ווי איז אויב אייער אַלט — אייער פריהערדיגער לעהרער וואלט אייך אנגעבאטען חילף — וואלט איהר זיך קענען בעשליסען דאס אנצונעהמען?

באַלעטע: איהר, הערר ארנהאָלם! איהר וואלט —?

ארנחאָלם: אייך העלפען? יא, פון גאנצען הארצען.

מיט ראַטה און טהאַט. איהר קענט עס מיר גלויבען. — איהר נעהמט עס אָן ? האַ ? איהר געהט איין דערויף ?

באַלעטע: אַ פראַגע צי איך געה איין דערויף? אוועק־געהן פון דער היים — זעהן אַ וועלט — לערנען עטוואַס רעכטס! אַלץ וואַס איז גרויס און שעהן און וואַס עס האָט מיר אויסגעוויזען אַזוי אונמעגליך צו פערווירקליכען — !

אַרנהאָלם: יאַ, דאַס אַלעס קען איצט ווערען פאַר אייך אַ ווירקליכקייט. ווען איהר זאָלט נור וועלען.

באַלעטע: און צו אַט דעם אונערהערטען גליק ווילט איהר מיר פערהעלפען! אַך, — אָבער זאָגט מיר נור — קען איך אָננעהמען אַזאַ אָפּפער פון אַ פרעמדען מענשען?

אַרנהאָלם: פון מיר קענט איהר דאָס שוין אָננעהמען, באַלעטע. פון מיר קענט איהר אַלעס אָננעהמען.

באַלעטע (כאַפּט אָן זיינע הענד): יאַ, מיר ווילט זיך כמעט גלויבען אַז איך קען עס! איך ווייס ניט ווי אַזוי, אָבער — (אימפּולסיוו) אָה, איך וואָלט געקענט צוגלייך לאַכען און וויינען פאַר פרייד! פאַר גליקליכקייט! אַך — וועל איך, הייסט עס, נאָך אַלעם דעם דאָך אויף אַן אמת קענען לעבען. און איך האָב שוין געניזמען מורא האָבען, אַז איך וועל מוזען אויפגעבען די האָפנונג אויפ׳ן לעבען.

אַרנהאָלם: וועגען דעם דאַרפט איהר מעהר קיין מורא ניט האָבען, ליעבע באַלעטע. אָבער איצטער מוזט איהר מיר גאַנץ אָפענהערציג זאָגען, צי איהר האָט עפּעס — וואָס ניט איז — וואָס האַלט אייך דאָ צוגעבונדען?

באַלעטע: וואָס האַלט מיך צוגעבונדען? ניין — גאָר־נישט.

אַרנהאָלם: ווירקליך גאָרנישט?

באַלעטע: ניין, גאָרנישט. דאָס הייסט — פּאַפּאַ האַלט מיך געוויסערמאַסען צוגעבונדען. און הילדע אויך. אָבער —

אַרנהאָלם: נאַ — אייער פאָטער מוזט איהר דאָך סיי ווי סיי פריהער אָדער שפּעטער פערלאָזען. און הילדע וועט דאָך

אויך אמאָל אין לעבען געהן איהר אייגענעם וועג. דאָס איז אלזאָ נור א פראגע פון צייט, מעהר גאָרנישט. און אויסער דעם, הייסט עס, איז ניטאָ וואָס עס האלט אייך צוריק, באָלעטע? קיין בעצי־הונג פון וואָסער עס איז סאָרט?

ב אָ ל ע ט ע: ניין, קיין זאך נים. וואָס בעטרעפט אזוינע זאכען, וואָלט איך שוין געקענט פאָהרען וואו עס זאָל זיך נים מאכען.

א ר נ ה אָ ל ם: נו גוט, אויב דאָס איז אזוי, ליעבע באָלעטע — דאן וועט איהר פאָהרען מיט מיר.

ב אָ ל ע ט ע (פאַטשט מיט די הענד): אך, גאָט אין הימעל — וואָס פאר א גליק זיך דאָס פאָרצושטעלען!

א ר נ ה אָ ל ם: וואָרים איך האָף, אז איהר האָט צו מיר א פולען צוטרויען.

ב אָ ל ע ט ע: יא, געוויס האָב איך צו אייך צוטרויען!

א ר נ ה אָ ל ם: און איהר האָט, אלזאָ, קיין מורא נים איר־בערצוגעבען זיך און אייער צוקונפט אין מיינע הענד, באָלעטע? נים וואהר, איהר האָט קיין מורא נים?

ב אָ ל ע ט ע: אך, געוויס נים! פאר וואָס זאָל איך? ווי קענט איהר דאָס גאָר דענקען! איהר זייט דאך מיין אלטער לעה־רער — מיין לעהרער פון די אמאָליגע צייטען, מיין איך.

א ר נ ה אָ ל ם: נים נור צוליעב דעם. אויף דער זייט פון דער פראגע וויל איך נים פיעל דריקען. אָבער — נו — איהר זייט, הייסט עס, פריי, באָלעטע. עס איז ניטאָ קיינערליי בעציהונג, וואָס האלט אייך צוריק. פרעג איך אייך, אלזאָ — צי איהר זייט — צי איהר וואָלט געוועזען געניינט — זיך פערבינדען מיט מיר אויפ'ן גאנ־צען לעבען?

ב אָ ל ע ט ע (טרעט דערשראָקען אָב צוריק): אָה — וואָס רעדט איהר!

א ר נ ה אָ ל ם: אויפ'ן גאנצען לעבען, באָלעטע. ווילט איהר ווערען מיין פרוי?

באַלעטע (האלב צו זיך אליין): ניין, ניין ניין! דאָס איז אונמעגליך! איננאנצען אונמעגליך!

ארנהאָלם: איז אייך ווירקליך איננאנצען אונמעגליך—?

באַלעטע: אָבער איהר קענט עס דאָך ניט מיינען ערנסט, העדר ארנהאָלם! (קוקט אויף איהם) אָדער — אפשר — האָט איהר דאָס געהאט אין זין — ווען איהר האָט זיך אָנגעבאָטען צו טהאָן פאר מיר אזויפיעל?

ארנהאָלם: איצט הערט מיך אמאָל אויס, באַלעטע. עס שיינט איך האָב אייך זעהר איבערראשט.

באַלעטע: אָה, ווי זאָל מיך אזא זאך ניט — פון אייך—. דאָס האָט דאָך מיך נעמווזט איבערראשען!

ארנהאָלם: דאָס זייט איהר גערעכט. איהר האָט דאָך ניט געוואוסט — איהר האָט ניט געקענט וויסען, אז איך האָב פון אייערטוועגען אונטערנומען די רייזע אהער.

באַלעטע: איהר זייט א הער געקומען—פון מיינטוועגען?

ארנהאָלם: געוויס וועגען אייך, באַלעטע. אט דעם פריהלינג האָב איך געקריגען א בריעף פון אייער פאטער, און דארטען געפינט זיך אן אויסדרוק, וועלכער האָט מיך געבראכט אויף דעם געדאנקען — ה'ם — אז ביי אייך איז פערבליבען מעהר ווי א פריינדשאפטליכע עראינערונג פאר אייער פריהערדיגען לעהרער.

באַלעטע: ווי האָט פאפא געקאָנט אזוי וואס שרייבען!

ארנהאָלם: ער האָט עס טאקע גאר ניט געמיינט. אבער איך האָב דערווייליע זיך צוגעוועהנט צו דעם געדאנק, אז דא געפינט זיך א יונג מיידעל, וואס ווארט מיט בענקשאפט אויף מיין קומען. — ניין, אונטערברעכט מיך איצט ניט, ליעבע באַלעטע! און — פערשטעהט מיר וואויל — אויף א מאַן ווי איך, וואס איז ניט מעהר קיין יונגער בחור, מאבט אזא געדאנק — אדער אזא פאר־שטעלונג — א גאנץ שטארקע ווירקונג. עס האָט זיך געבילדעט אין מיר א לעבהאפטיגע — א דאנקבארע נייגונג צו אייך. איך האָב געפיהלט, ווי איך מוז פאהרען, אייך ווידער זעהן, אייך זא־

גען, אז איך טייל די געפיהלען, וועלכע איך האָב זיך איינגעבילדעט, אז איהר פיהלט פאר מיר.

באָלעטע: ווען איהר ווייסט אבער איצטער, אז דאס איז ניט געוועזן דער פאל! אז ס איז געווען א טעות!

ארנהאָלם: דאס מאכט גאר ניט אויס, באָלעטע. אייער בילד — ווי איך טראג איהם אין מיין הארצען — וועט אימער בע־האלטען זיין פארב און זיין איינדרוק, וואָס די שטימונג, וועלכע איז דערוועקט געווארען דורך דעם טעות, האָט איהם געגעבען. איהר קענט עס אפשר ניט פערשטעהן, עס איז אבער אזוי

באָלעטע: איך וואלט קיינמאָל ניט געקענט גלויבען, אז דערפון זאל עפעס קענען ארויסקומען!

ארנהאָלם: ווען עס צייגט זיך אבער ארויס, אז ס'איז דאָך אזוי? וואס זאגט איהר איצט, באָלעטע? קענט איהר זיך ניט בעשליסען מיינע — יאָ, מיין פרוי צו ווערען?

באָלעטע: איך געפין אבער, אז עס איז א זאך פון אונמעג־ליכקייט, הערר ארנהאָלם. איהר זייט דאָך מיין לעהרער געוועזען! איך קען מיר ניט פארשטעלען ווי איך וועל ווען עס איז קענען שטעהן צו אייך אין אנדערע פערהעלטניסען.

ארנהאָלם: יאָ, יאָ — אויב איהר מיינט ווירקליך, אז איהר וועט ניט קענען — דאן בלייבען אונזערע בעציהונגען דיזעל־בע וואס פריהער, ליעבע באָלעטע.

באָלעטע: ווי מיינט איהר?

ארנהאָלם: איך האלט נאטירליך מיין וואָרט טראָץ דעם. איך וועל זעהען איהר זאלט קענען אוועקפאהרען און אנזעהן די וועלט. איהר זאלט קענען לערנען דאָס, צו וואס איהר האָט ווירקליך חשק, און לעבען אין פערזיכערטע, אונאבהענגיגע אומשטענדען. איך וועל אויך פערזיכערן אייער ווייטערע צוקונפט, באָלעטע. דען איהר וועט אימער האָבען אין מיר א גוטען, געטרייען פריינד, אויף וועלכען איהר קענט זיך פערלאָזען. אידר מעגט זיין זיכער דעריין!

באָלעטע: אך גאָט — הערר ארנהאָלם — דאס אלעס אבער איז דאָך איצטער געווארען גאָר אינגאנצען אונמעגליך!

אַרנהאָלם: איז אויך דאָס אונמעגליך?

באָלעטע: איהר קענט עס דאָך גאַנץ גוט אליין פערשטעהן! נאָך דעם, וואָס איהר האָט מיר אקאָרשט געזאָגט — און נאָך דעם ענטפער, וואס איך האָב אייך דערויף געגעבען. — אָך, איהר מוזט דאָך אליין איינזעהן, אז איך קען איצט אונטער קיינע אומשטענדען ניט אָננעהמען פון אייך אזויפיעל טובות! די קלענסטע זאַך אפילו קען איך פון אייך ניט אננעהמען, קיינמאָל ניט!

אַרנהאָלם: איהר ווילט אלזאָ בעסער דאָ בלייבען שטעקען ווי פריהער, און לאָזען דאָס לעבען געהן ווי עס קען?

באָלעטע: אָה, עס איז שוידערליך פון דעם צו דענקען!

אַרנהאָלם: ווילט איהר אויפגעבען אלע האָפנונגען עפּעס צו זעהען פון דער גרויסער וועלט? אויפגעבען די מעגליכקייט טייל צו נעהמען אין אלץ, נאָך וואס איהר שמאכט אזוי, ווי איהר אליין האָט געזאָגט? וויסען אז דאס לעבען האָט אזויפיעל אונענדליכע מעגליכקייטען, און דאָך בלייבען דאָ זיצען און זיך בעגונענען מיט נאַרנישט?! איבערלעגט זיך גוט, באָלעטע.

באָלעטע: יאָ, יאָ — איהר זייט גערעכט אין העכסטען גראַד, הערר ארנהאָלם.

אַרנהאָלם: און דאַן — ווען אייער פאטער וועט ווען עס איז מעהר ניט זיין מיט אייך — בלייבען שטעהן איינע אליין, הילפלאָז אין דער וועלט. אדער זיך אבגעבען אפשר צו אנאנדער מאַן, צו וועמען — עס קען זיין — איהר וועט אויך ניט קענען פיהלען קיין נייגונג.

באָלעטע: אך יאָ — איך זעה טאַקע ווי אמת דאס אלץ איז, וואס איהר זאגט. אבער טראַץ דעם —! אדער פילייכט דאָך — ?

אַרנהאָלם (שנעל): נו, וואס?

באָלעטע (קוקט אויף איהם אונענטשלאסען): נאָך אלעם דעם, אונמעגליך איז עס דאָך ניט —.

אַרנהאָלם: וואס, באָלעטע?

באָלעטע: — אז איך זאָל קענען — איינגעהן — אויף דאָס, וואָס איהר האָט מיר פאָרגעשלאָגען.

ארנהאָלם: איהר מיינט, אז איהר וועט אפשר דאָך קע־נען — ? אז איהר וועט אלענפאלס קענען מיר פערשאפען די פרייד צו שטעהן אייך ביים זייט אלס א געטרייער פריינד?

באָלעטע: ניין, ניין, ניין! דאס קיינמאָל ניט! דאס וואלט איצט געווען גאר איגנאנצען אונמעגליך — . ניין, הערר ארנ־האָלם — דאן איז שוין בעסער איהר זאלט מיך נעהמען.

ארנהאָלם: באָלעטע! איהר ווילט אלזאָ דאָך!

באָלעטע: יא, — איך גלויב — אז איך וויל.

ארנהאָלם: איהר ווילט אלזא דאָך מיין פרוי ווערן!

באָלעטע: יא, אויב איהר דענקט נאָך, אז — אז איהר קענט מיך נעהמען.

ארנהאָלם: צי איך דענק נאָך — ! (כאַפּט איהר האַנד) א דאנק — א דאנק, באָלעטע! וואס איהר האָט פריהער געזאגט — וואס איהר זייט צוערשט ניט געווען איינשטימיג — דאס שרעקט מיך ניט אב. אויב איך האָב נאָך איצט אויך ניט אייער גאַנץ הארץ, וועל איך עס נאָך געווינען! אַך, באָלעטע, איך וועל אייך אויף די הענד טראגען!

באָלעטע: און איך וועל זעהן די וועלט; נעהמען אנטייל אין לעבען. איהר האָט עס מיר צוגעזאגט.

ארנהאָלם: און איך האלט מיין וואָרט.

באָלעטע: און איך וועל קענען לערנען אלץ, צו וואס איך האָב לוסט.

ארנהאָלם: איך וועל אליין זיין אייער לעהרער, ווי אמאָל, באָלעטע, געדענקט איהר דאס לעצטע יאהר וואס איהר זיינט געווען מיין שילערין — .

באָלעטע: (שטיל און פערטיעפט אין זיך): דער געדאנק — אז איך בין פריי, — און אז איך קען ארויס אין דער וועלט. און זיך נישט מעהר דארפען שרעקען וועגען דער צוקונפט. ניט דארפען נאכאנאנד זיך זארגען וועגען די ארעמע הוצאה —

א ר נ ה א ָ ל ם: ניין, איהר וועט קיינמאָל ניט דארפען מעהר א טראכט טהאן וועגען אזוינע זאכען. נישט וואהר, מיין ליעבע באַלעטע — דאס איז אויך א גאנץ גוטע זאך, וואָס?

ב אָ ל ע ט ע: יא, דאס איז אזוי. דאס איז אמת און זיכער.

א ר נ ה א ָ ל ם (געהמט זי ארום): אך, איהר וועט שוין זעהן ווי געמיטליך און בעקוועם מיר וועלען זיך איינאָרדנען! און ווי גוט און פריעדליך און איינשטימיג מיר ביידע וועלען אויסקומען איינער מיט'ן אנדערן, באָלעטע!

ב אָ ל ע ט ע: יא, איך הויב אויך אָן צו —. איך גלויב אין גרונד — עס וועט געהן. (קוקט ארויס נאָך רעכטס און מאַכט זיך שנעל לויז פון איהם) אה! זאגט נור גארנישט!

א ר נ ה א ָ ל ם: וואס איז דען, ליעבסטע?

ב אָ ל ע ט ע: אך, עס איז דער אָרימער יונג — (צייגט אָן) קוקט נור דארט פון הינטען!

א ר נ ה א ָ ל ם: איז דאס אייער פאטער —?

ב אָ ל ע ט ע: דאס איז דער יונגער סקולפּטאר. ער געהט הינטען מיט הילדע'ן.

א ר נ ה א ָ ל ם: אזוי, לינגסטראנד. וואס ערגערט איהר זיך אזוי וועגען איהם?

ב אָ ל ע ט ע: אך, איהר ווייסט דאָך, ווי שוואך און קרענק־ליך ער איז.

א ר נ ה א ָ ל ם: ווען עס איז אין גאנצען ניט קיין איינ־בילדונג.

ב אָ ל ע ט ע: אך, ניין, עס איז שוין ריכטיג. ער וועט גע־ווים ניט ציהען לאנג. אבער פאר איהם איז דאס אפשר דאס בעסטע.

א ר נ ה א ָ ל ם: מיין ליעבע, ווי אזוי איז עס דאס בעסטע?

ב אָ ל ע ט ע: ווייל — ווייל פון זיין קונסט וועט דאך זיכער גארנישט ארויסקומען. לאָמיר געהן איידער זיי קומען אָן.

א ר נ ה א ָ ל ם: הערצליך צופריע־ען, מיין ליעבע באָלעטע.

הילדע און לינגסטראנד זעהען זיך ביים טייך.

ה י ל ד ע: העי — העי! ווילט איהר ניט מוחל זיין ווארטען אויף אונז?

א ר נ ה א ל ם: באַלעטע און איך ווילען ליעבערשט געהן עטליכע טריט פריהער. (ער און באַלעטע געהען ארויס לינקס.)

ל י נ ג ס ט ר א נ ד (לאַכט שטיל): דאָ איז איצט נאָר א פערגעניגען. אלע לייט געהען פּאָרוויז. אלץ צוויי צוזאמען.

ה י ל ד ע (קוקט זיי נאָך). איך וואלט געקענט שווערען, אז ער ערקלערט זיך איהר אין ליעבע.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: אזוי? האָט איהר עפּעס בעמערקט?

ה י ל ד ע: אה, יא. דאס איז ניט שווער — ווען מען האלט נור די אויגען אָפען.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: אבער פריילין באַלעטע וועט איהם ניט נעהמען. דאס בין איך זיכער.

ה י ל ד ע: ניין. זי געפינט אז ער האָט בעקומען א מיאוס'ן אַלטען אויסזעהען. און זי דענקט אויך, אז ער וועט באלד קריגען א פּליעך.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: נו, דאָס אליין איז נאָך נארנישט. זי וועט איהם ניט נעהמען יעדענפאלס.

ה י ל ד ע: פון וואנען קענט איהר דאס וויסען?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: נו, ווייל עס איז דאָ אן אנדערער, ווע־מען זי האָט פערשפּראָכען אייביג צו דענקען פון איהם.

ה י ל ד ע: נור צו דענקען?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא, אזוי לאנג ווי ער וועט דא ניט זיין.

ה י ל ד ע: אך, אויב אזוי זיינט איהר עס אליין מסתמא, פון וועמען זי דארף דענקען!

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: דאס קען שוין זיין.

ה י ל ד ע: האָט זי דאס אייך פערשפּראָכען?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא, דענקט אייך — זי האָט עס מיר פערשפּראָכען. איהר דארפט איהר אבער ניט זאגען, אז איהר ווייסט עפּעס.

ה י ל ד ע: אָה, גאָט זאָל היטען מיין צונג. איך בין שטיל זוי א קבר.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: איך רעכען, אז דאס איז זעהר ליעב פון איהר.

ה י ל ד ע: און ווען איהר וועט זיך צוריקקעהרען אהער — וועט איהר זיך דאן מיט איהר פערלאבען? און חתונה האָבען מיט איהר?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ניין. דאס געהט ניט אזוי שנעל. די ערשטע יאהרען וועל איך ווענען אזא זאך נאך ניט טארען דענקען. און ווען איך וועל אמאָל זיין אזוי ווייט, דאן וועט זי דאך שוין זיין אביסעל צו אלט פאר מיר, גלויב איך.

ה י ל ד ע: אבער דאך ווילט איהר זי זאָל אייביג ווענען איך דענקען?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא, ווייל דאס איז פאר מיר אזוי נויטיג. איהר פערשטעהט, פאר מיר אלס קינסטלער. און זי קען עס דאך אזוי לייכט טהאָן, ווייל זי אליין האָט דאך ניט קיין בערוף אין לע־בען. — נור פון דעסטיוועגען איז דאָס זעהר ליעב פון איהר.

ה י ל ד ע: איהר מיינט, אז איהר וועט קענען אנגעהן שנעלער מיט אייער ארבייט, ווען איהר ווייסט אז באלעטע געהט דאָ ארום און דענקט ווענען אייך?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: איך שטעל מיר זיך דאָס פאָר. זעהט איהר — צו וויסען, אז ערגעץ וואו אין דער וועלט איז פאראן א יונ־גע, פיינע, פערשוויגענע פרוי, וועלכע טרוימט פון איינעם אין דער שטיל טאג און נאכט — איך מיין, אז דאָס מוז זיין עטוואָס — עטוואס — איך ווייס ניט גוט, ווי איך זאָל דאס אנרופען.

ה י ל ד ע: מיינט איהר ניט אפשר — עטוואס שפאנענדעס?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: שפאנענדעס? יא, ריכטיג. שפאנענ־דעס — דאס מיין איך; אדער עפּעס דערגלייכען. (קוקט אויף איהר א ווייל) איהר, פריילין הילדע — איהר זיינט א קלוגע. גאר גוואלדיג קלוג זיינט איהר. ווען איך קום צוריק אהיים, דאן וועט איהר זיין אוננעפעהר אזוי אלט, ווי איצט אייער שוועסטער. אפשר

וועט איהר אויך אזוי אויסזעהן, ווי אייער שוועסטער זעהט איצט אויס. און אפשר וועט איהר דאן אויך אזוי פיהלען, ווי א׳צט אייער שוועסטער. אזוי אז איהר וועט דאן אפשר זיין איהר און אייער שוועסטער אין איין געשטאלט, אזוי צו זאָגען.

הילדע: וואָלט איהר דאס געוואָלט?

לינגסטראנד: איך וויים ניט ריכטיג. יא, איך גלויב כמעט. אבער איצט — פאר אט דעם זומער — איז מיר ליעבער, איהר זאלט בלייבען איהר אליין, און אקוראט אזוי ווי איהר זייט.

הילדע: הייסט עס, אז איך געפעל אייך אם בעסטען אזוי?

לינגסטראנד: איהר געפעלט מיר זעהר און זעהר אזוי ווי איהר זייט.

הילדע: ה׳ם — זאגט מיר נור, אלס קינסטלער — געפינט איהר, אז ס׳איז שעהן, וואס איך געה שטענדיג אין העלע זומער קליידער?

לינגסטראנד: יא געוויס געפין איך, אז ס׳איז שעהן.

הילדע: געפינט איהר, אז די העלע קאלירען קליידען מיך?

לינגסטראנד: יא, העל קליידט אייך וואונדערבאר, נאָך מיין געשמאק.

הילדע: אבער זאגט מיר נור אלס קינסטלער — ווי, גלויבט איהר, וואלט שווארץ צו מיר געגאנגען?

לינגסטראנד: שווארץ, פריילין הילדע?

הילדע: יא, שווארץ פון אויבען ביז אונטען. גלויבט איהר, אז עס וואָלט געגאנגען גוט צו מיר?

לינגסטראנד: שווארץ איז אפילו אייגענטליך ניט פאר זומער צייט. איבעריגענס וואלט שווארץ אויך געגאנגען צו אייך אויסגעצייכענט. עס וואלט גראָד געפאסט צו אייער פיגור.

הילדע (קוקט פאָר זיך): גאנץ שווארץ ביז׳ן האלז. — א שווארץ קרייזעל ארום האלז — שווארצע האנדשוה — און א לאנ־גער, שווארצער שלייער הינטען ארונטער.

לינגסטראנד: ווען איהר וואלט זיך אזוי אנגעטאָן,

פריילין הילדע, וואלט איך געװאונשען צו זיין א מאלער און דארפען אנמאלען א יונגע, שעהנע, טרויערענדע אלמנה.

הילדע: אדער א יונגע טרויערענדע כלה.

לינגסטראנד: יא, דערצו וואלט איהר זיך נאך בעסער פאסען. אבער איהר וואלט עס דאך ניט געטאן, זיך אזוי קליידען?

הילדע: איך ווייס ניט אויף זיכער. אבער איך מיין, אז ס׳איז שפאנענד.

לינגסטראנד: שפאנענד?

הילדע: ס׳איז שפאנענד זיך דאס פארצושטעלען, יא. (צייגט אן פלוצלונג נאך לינקס) טרוט נאר א קוק דא!

לינגסטראנד (קוקט אהין): דער גרויסער ענגלישער דאמפער! און גאנץ בארינט ביים בריק!

וואנגעל און עללידא זעהען זיך ביים טייך.

וואנגעל: אבער איך פערזיכער דיר, ליעבע עללידא — דו האסט א טעות! (דערזעהט די אנדערע) אזוי? זיינט איהר ביידע דא? ניט וואהר, העדר לינגסטראנד, ער זעהט זיך נאך ניט?

לינגסטראנד: דער גרויסער ענגלענדער?

וואנגעל: יא!

לינגסטראנד (צייגט אהין) אט איז ער שוין, העדר דאקטאר.

עללידא: אה — ! איך האב עס דאך געוואוסט.

וואנגעל: געקומען!

לינגסטראנד: געקומען ווי א גנב ביי נאכט, קען מען זאגען. גאנץ שטיל און זאכט —

וואנגעל: געהט נור מיט הילדע׳ן צום בריק. מאכט עס שנעל! זי וויל דאך געוויס הערען די מוזיק.

לינגסטראנד: יא, מיר האבען אקארשט געוואלט געהן העדר דאקטאר.

וואנגעל: מיר וועלען אפשר קומען שפעטער. אין א פאר מינוטען קומען מיר.

ה י ל ד ע (זאגט שטיל צו לינגסטראנד): זיי ביידע נעמען אויף פּראָווייז.

זי און לינגסטראנד געהען אוועק לינקס דורכ'ן גאָרטען. אין דער צייט וואס עס שפּיעלט זיך אָב דאָס ווייטערדיגע, הערט זיך ווייט דרויסען אויפ'ן פיאָרד מוזיק שפּיעלען.

ע ל ל י ד א: געקומען! ער איז דאָ! יא, יא — איך פיהל עס.

וואנגעל: דו זאָלסט בעסער אריינגעהן אין הויז, עללידא. לאָז מיך אליין מיט איהם רעדען.

ע ל ל י ד א: אָה — דאָס איז אונמעגליך! אונמעגליך, זאָג איך! (לאָזט ארויס א געשריי) אָה — זעהסטו איהם, וואנגעל?

דער פרעמדער קומט פון לינקס און בלייבט שטעהן אויפ'ן פוס־וועג פון יענער זייט גאָרטען.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר (פערנייגט זיך): גוטען אָבענד. אָט בין איך ווידער דאָ, עללידא.

ע ל ל י ד א: יא, יא, יא — איצט איז געקומען די שטונדע.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: אלזאָ, ביזט פערטיג צו דער רייזע? אָדער דו ביזט ניט?

וואנגעל: איהר זעהט דאָך אליין, אז זי איז ניט פערטיג.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: איך מיין ניט דעם רייזע־אנצוג אָדער דערגלייכען. אויך ניט די געפּאקטע קופערן. וואָס זי דאַרף האָבען אויף דער רייזע, דאָס האָב איך אלץ ביי מיר אויפ'ן שיף. א קאיוטע האָב איך שוין אויך פאר איהר בעזאָרגט. (צו עללידא'ן) איך פרעג דיך, אלזאָ: ביזטו בערייט מיט מיר צו געהן — אין פרייוויליגקייט געהן מיט מיר?

ע ל ל י ד א (מיט געבעט): אָך, פרעגט מיך ניט! זייט ניט אזא פערפיהרער!

מען הערט דעם שיף־גלאָק אויף א געוויסער שטרעקע.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: איצט קלינגט אויפ'ן שיף דאָס ערשטע מאָל. איצט מוזט זאָגען יאָ אָדער ניין.

עללידא (ברעכט זיך די הענד): א בעשלוס! א בעשלוס באר'ן גאנצען לעבען! נים קענען עס מעהר ענדערן!

דער פרעמדער: קיינמאָל נים. אין א האלבע שטונדע איז שוין צרשפעט.

עללידא (קוקט אויף איהם מיט שרעק און פאַרשענדיג): ווארום האָט איהר זיך איינגעטליך אזוי פעסט אָנגעבונדען אָן מיר?

דער פרעמדער: פיהלסטו נים אזוי ווי איך, אז מיר ביידע געהערן צוזאמען.

עללידא: מיינט איהר דאָס וועגען דעם קנין?

דער פרעמדער: א קנין בינדט קיינעם נים. נים דעם מאן, נים די פרוי. ווען איך האלט זיך אזוי פעסט אָן דיר, איז עס דערפאר, ווייל איך קען נים אנדערש.

עללידא (שטיל און ציטערענדיג): פאר וואָס זיינט איהר נים געקומען פריהער?

וואנגעל: עללידא!

עללידא (אויפגערעגט): אך — ווי עס צידט מיך אהן שלעפט און פערפיהרט — אין דאָס אונבעקאנטע אוועק! די גאנצע מאכט פון ים האָט זיך צוזאמענגעשפארט אין דעם אליין.

דער פרעמדער קריכט אריבער דעם גאָרטען־צוים.

עללידא (אנטלויפט היגטער וואנגעל'ן): וואָס איז דאָס? וואָס ווילט איהר?

דער פרעמדער: איך זעה עס — איך הער עס אָן דיר, עללידא — מיך וועהלסטו דאָך אם ענדע.

וואנגעל (טרעט איהם אנטקעגען): מיין פרוי האָט דאָ נים וואָס צו וועהלען. איך בין דאָ פאר איהר אויסצוקליבען — און איהר צו בעשיצען! יא, צו בעשיצען! אויב איהר וועט זיך נים פון דאנען אריבערפעקלען — דאָס לאנד פערלאָזען אום קיינמאָל מעהר נים צו קומען — ווייסט איהר וואָס איהר קענט ערווארטען?

עללידא: ניין, ניין, וואנגעל! דאָס נים!

דער פרעמדער: וואָס קענט איהר מיר טהאָן?

וואנגעל: איך קען אייך לאָזען ארעטירען — ווי א פערברעכער! · אויפ'ן שטעל! נאָך איידער איהר וועט זיך קען אויפכאפען אויפ'ן שיף! ווארים איך האָב א גאַנץ ריכטיגע ידיעה וועגען דעם מאָרד אין שאָלדוויקען.

עללידא: אָה, וואנגעל — ווי קענסטו!

דער פרעמדער: אויף דעם בין איך געווען פאָרגעברייט. און דעריבער (ער נעהמט ארויס א רעוואָלווער פון בוזים־טאַש) — דעריבער האָב איך מיר פערזאָרגט דערמיט אָט.

עללידא (ווארפט זיך צווישען זיי ביידען) ניין, ניין — טויט איהם ניט! טויט בעסער מיך!

דער פרעמדער: ניט דיך, ניט איהם. וועגען דעם זאָרג זיך ניט. דאָס איז פאר מיין אייגענעם געברויך. ווארים איך וויל לעבען און שטארבען ווי א פרייער מענש.

עללידא (מיט אַלץ גרעסערער אויפרעגונג): וואנגעל! לאָמיך דיר זאָגען — זאָגען אז ער זאָל עס הערען! געוויס קענסטו מיך דאָ האלטען! דערויף האָסטו די מאכט און די מיטלען! און דאָס ווילסטו דאָך טאקע טהאָן! אָבער מיין הארץ — מיינע געדאַנקען — דאָס גאנצע פערפיהרערישע בענקען און בעגעהרען — דאָס קענסטו ניט שמידען אין קייטען! דאָס וועט שטרעבען און שטורמען — ארויס אין דאָס אונבעקאנטע — צו וואָס איך בין געשאפען געוואָרען — און פון וואָס דו האָסט מיר דאָ פערשלאָסען!

וואנגעל (מיט אַ שטילען שמערץ): איך זעה עס קלאָר, עללידא. טריט פאר טריט גליטשסט דו זיך פון מיר ארויס. דאָס פערלאנגען נאָך דעם גרענעצלאָזען און ענדלאָזען — און נאָך דעם אונדערגרייכבארען — דאָס טרייבט דיין גייסט אם ענד אין דער פינסטערניש פון דער נאכט אריין.

עללידא: אך יא, יא — איך פיהל עס איבער מיר — ווי שווארצע קלאנגלאָזע פליגלען!

וואנגעל: אזוי ווייט דארף עס ניט קומען. קיין אנדער רעטונג איז פאר דיר ניט מעגליך. איך, ווענינגסטענס, זעה ניט קיינע. און דעריבער — דעריבער מאך איך — אָט דאָ אויפ'ן שטעל

אויס פון דעם מסחר. — אַלזאָ, איצט מעגסט זיך אויסקלייבען דיין וועג — אין פולער פרייהייט.

ע ל ל י ד א (קוקט איהם אן שטאַר אַ ווײלע, אַזוי ווי זי וואָלט פערלאָרען די שפּראַך): איז עס אמת — אמת — וואָס דו זאָגסט? מיינסטו עס? — קומט עס פון דיין טיעפען הארצען?

וואַנגעל: יאָ—פון מיין טיעפען צו־וועהטאָגטען הארצען.

ע ל ל י ד א: און דו קענסט עס טהאָן? דו קענסט עס לאָזען פּאַסירען?

וואַנגעל: יאָ, איך קען דאָס. איך קען עס — ווייל איך האָב דיך אַזוי שטארק ליעב.

ע ל ל י ד א (שטיל און ציטערענדיג): אַזוי נאָהענט, הייסט עס, בין איך דיר געוואָרען — אַזוי אינערליך נאָהענט.

וואַנגעל: דאָס האָבען די יאָהרען און דאָס צוזאַמענלע־בען אַזוי געווירקט.

ע ל ל י ד א (שלאָגט צוזאַמען די הענד): און איך — איך האָב דאָס גאָר ניט געזעהן!

וואַנגעל: דיינע געדאַנקען זיינען געגאַנגען אויף אנ־דערע וועגען. אָבער איצטער — איצט ביזטו פריי פון יעדען צו־בונד צו מיר און מיין הויז. איצט קענסטו דיין אייגען, דיין אמת לעבען ווידער לאָזען געהן אויף זיין ריכטיגען וועג, ווען איצט קענ־סטו וועהלען אין פרייהייט — און אויף דיין אייגענער פעראַנט־וואָרטלקבייט, עללידא.

ע ל ל י ד א (כאַפּט זיך פאַר'ן קאָפּ און קוקט שטאַר אַהינצו וואו וואַנגעל שטעהט): אין פרייהייט און — און אויף מיין אייגענער פער־אנטוואָרטליכקייט! אויף מיין אייגענער פעראַנטוואָרטליכקייט אויך? אָט אין דעם ליעגט די קראַפט פון דער פערוואַנדלונג!

דער גלאָק אויפ'ן דאַמפּער קלינגט צום צווייטען מאָל.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: הערסטו, עללידא! אָט קלינגען זיי צום לעצטען מאָל. אַלזאָ, קום!

ע ל ל י ד א (קעהרט זיך אום צו איהם, קוקט איהם אָן און זאָגט

ביז אַ פעסטער שטים) : קיינמאָל אין לעבען געה איך ניט מיט אייך, נאָך אָט דער שטונדע.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר : דו געהסט ניט!

ע ל ל י ד א (קלאַמערט זיך אָן וואַנגעל'ן) : אַ, קיינמאָל אין לעבען פערלאָז איך דיך ניט, פון אָט דער שטונדע אָן!

וו א נ ג ע ל : עללידא — עללידא!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר : הייסט עס, אַלעס איז אויס?

ע ל ל י ד א : יאָ! אויס פאַר אַלע צייטען!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר : איך זעה עס גוט. דאָ איז עטוואָס, וואָס איז שטאַרקער איידער מיין ווילען.

ע ל ל י ד א : אייער ווילען האָט שוין אויך ניט מעהר קיין מאַכט איבער מיר! פאַר מיר זיינט איהר אַ טויטער מענש — וואָס האָט זיך אומגעקעהרט פון ים. און וואָס איז וויעדער אַוועק צום ים. אָבער מיך שרעקט ניט מעהר פאַר אייך. און עס ציהט און צויבערט מיך מעהר גאָרנישט.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר : זייט געזונד, פרוי! (ער שפּרינגט אַריבער איבער דעם גאָרטען-צוים) פון דער מינוט אָן זיינט איהר אין מיין לעבען נים מעהר און ניט וועניגער ווי אַן איבערגעליטענער שיפבּרוך. (ער געהט אַוועק לינקס).

וו א נ ג ע ל (קוקט זי אָן אַ ווייל) : עללידא — דיין האַרץ איז ווי דער ים. עס האָט אַן עבבע און פלוט. פון וואַנען האָט זיך גענומען די פערוואַנדלונג?

ע ל ל י ד א : אַך, צי דען בעגרייפסטו ניט, אַז די פערוואַנדלונג איז געקומען — אַז די פערוואַנדלונג האָט ג ע מ ו ז ט קומען — אין דער רגע, ווען איך האָב געקענט וועהלען אין פרייהייט?

וו א נ ג ע ל : און דאָס אונבעקאַנטע? — דאָס צויבערט און ציהט דיך ניט מעהר?

ע ל ל י ד א : ניט עס ציהט מיך מעהר און ניט עס שרעקט מיך אָב. איך האָב געקענט אַריינקוקען אין דאָס אונבעקאַנטע — אַריינדרינגען דאָרטען — ווען איך האָב מיין אייגענעם ווילען גע-

חאַט. איך האָב עס דאָך געקענט וועהלען, און דעריבער האָב איך עס אויך געקענט אויפגעבען.

וואַנגעל: איך הייב דיך אָן צו פערשטעהן — ביסלעכ־ווייז. דו דענקסט און פיהלסט אין בילדער — אין פאָרשטעלונגען, וועלכע דו קענסט זעהן. דיין בענקען נאָכ'ן ים — נאָך יענעם עפּעס, וואָס האָט דיר צוגעבערענד אהינגעצויגען צו איהם, דעם פרעמ־דען מאַן — דאָס איז געווען דער אויסדרוק פאַר דעם פרייהייטס־טריעב, וואָס האָט אין דיר אויפגעוואַכט און איז געוואַקסען. עס איז קיין אַנדער זאַך ניט.

עללידא: אַך, איך ווייס ניט וואָס איך זאָל זאָגען דערצו. דו ביזט מיר אָבער געווען אַ גוטער דאָקטאָר. דעם ריכטיגען מיטעל האָסטו ניט נור געפונען, נור האָסט אויך געוואגט איהם צו געברוי־כען — דאָס איינציגע וואָס האָט מיר געקענט העלפען.

וואַנגעל: יאָ — אין דער גרעסטער נויט און געפאַהר וואגען מיר, דאָקטאָר'ען, אַזויפיעל. — אָבער איצט קומסט דאָך וויע־דער צוריק צו מיר, עללידא?

עללידא: יאָ, ליעבער, געטרייער וואַנגעל — איצט קום איך צו דיר צוריק. איצט קען איך דאָס. דען איצט קום איך צו דיר אין פרייהייט, פרייוויליג. און אויף מיין אייגענע פעראַנטוואָרט־ליכקייט.

וואַנגעל (קוקט זי ליעבליך אָן): עללידא, עללידא! אַך — דער געדאַנק אז מירביידע קענען איצט אינגאַנצען לעבען איי־נער פאַר'ן אַנדערן —

עללידא: — און מיט געמיינשאַפטליכע לעבענסעראינער־רונגען. דיינע — אַזוי גוט ווי מיינע.

וואַנגעל: איאָ, ניט וואהר, דו ליעבע!

עללידא: — אין פאַר אונזערע ביידענס קינדער, וואַנגעל.

וואַנגעל: פאַר אונזערע, זאָגסט דו!

עללידא: וועלכע זיינען ניט מיינע אייגענע, — אָבער וועלכע איך וועל שוין זעהן צו געווינען.

וואנגעל: אונזערע—! (קושט מיט פרייד איהרע הענד) א דאנק — א גרויסען דאנק דיר פאר אט דאס ווארט!

הילדע, באלעסטעד, לינגסטראנד, ארנהאלם און באלעטע בעווייזען זיך אין גארטען לינקס. צו דער זעלבער צייט זעהן זיך פיעלע יונגע לייט פון שטאדט און זומער געסט אויפ'ן פוס־וועג דרויסען.

הילדע (האלב אין דער שטיל צו לינגסטראנד): קוקט זיך נור איין — זי און פאפא זעהען אויס ווי חתן־כלה.

באלעסטעד (וועלכער האט עס געהערט): עס איז זומערצייט, מיידעלע!

ארנהאלם: (קוקט אהין צו וואנגעל און עללידא): אט נעהט אב דער ענגלענדער.

באלעטע (געהט צו צום צוים): דא פון דאנען קען מען איהם זעהן אם בעסטען.

לינגסטראנד: די לעצטע רייזע דעם יאהר.

באלעסטעד: „פערפראָרען זיינען די וואסער־זונדען אלע", ווי דער דיכטער זאגט. דאס איז טרויעריג, פרוי וואנגעל! און איצט פערלירען מיר אייך אויך פאר א שטיקעל צייט. מארגען פאהרט איהר אוועק קיין שאלדוויקען, ווי איך הער.

וואנגעל: ניין, דערפון ווערט גארנישט. מיר ביידע האבען אקארשט ערשט אנדערש בעשלאסען.

ארנהאלם (קוקט זיי אן): אה — ווירקליך?!

באלעטע (קומט צום פארינט): פאפא — איז דאס אמת?

הילדע (צו עללידא'ן): דו בלייבסט דאך ביי אונז?!

עללידא: יא, ליעבע הילדע — אויב דו ווילסט מיך נור האבען.

הילדע (קעמפפט מיט זיך צווישען וויינען און לאכען): א, — דו פרעגסט נאך — צי איך וויל — !

ארנהאלם (צו עללידא'ן): דאס איז אבער ווירקליך איבערראשענד — !

עללידא (שמייכעלט, דאן ערנסט): איצט בעמערקט נור גוט, הערר ארנהאלם — קענט איהר זיך דערמאנען, וואס מיר האָ־

בען געכטערן גערעדט? איז מען איינמאָל געוואָרען א לאנד־בע־
שעפענים, געפינט מען שוין ניט מעהר דעם וועג צוריק — צום ים.
און אויך ניט צום ים־לעבען.

ב א ל ע ס ט ע ד: אָבער דאָס איז דאָך אקוראט אזוי ווי מיט
מיין ים־פרוי.

ע ל ל י ד א: אונגעפעהר אזוי, — יאָ.

ב א ל ע ס ט ע ד: נור מיט דעם אונטערשיעד, וואָס די ים־
פרוי שטארבט דערביי. די מענשען דאגעגען — זיי קענען זיך אק־
קלאמ—אקלי—מאטיזירען. יאָ, יאָ — איך פערזיכער אייך, פרוי
וואנגעל, זיי קענען זיך אק—קלי—מאטיזירען!

ע ל ל י ד א: יאָ, אין פרייהייט, דאן קענען זיי דאָס, הער
באלעסטעד.

ו ו א נ ג ע ל: און אויף דער איינענער פעראנטוואָרטליכקייט,
ליעבע עללידא.

ע ל ל י ד א (ראשיג, דערלאַנגט איהם די האַנד): אָט דאָס
איז עס.

דער גרויסער דאמפער גליטשט זיך שטיל אוועק איבער'ן פיאָרד. די
מוזיק קלינגט נעהנטער ביים ברעג.

ע נ ד ע.

העגריק איבסען

געזאַמעלטע דראַמען

דער קליינער עאָלף
יאָהאַן גאַבריעל באָרקמאַן
ווען מיר טויטע ערוואַכען

פערלאג: מייזעל עט קא.
424 גרענד סטריט,
ניו יאָרק.

Copyright 1916
Max N. Maisel, Publisher

דער קליינער עאָלף

איבערזעצט פון ק. טעפּער.

פּערזאָנען.

אלפרעד אלמערס, א גוט־בעזיצער און ליטעראַט, אַ געוועזענער לעהרער.

ריטא אלמערס, זיין פרוי.

עאָלף, זייער קינד, 9 יאָהר אַלט.

פריילין אסטא אלמערס, אַלפרעד'ס איגגערע שטיעף־שוועסטער.

באָרגהיים, אַן אינזשעניר.

די ראטען־פרוי.

די האַנדלונג קומט פאָר אין אַלמער'ס גוט, האַרט ביי'ן פיאָרד, צוועלף אדער פערצעהן מייל פון קריסטיאַניאַ.

ערשטער אקט.

א גארטענציממער פול מעבעל, בלומען און פלאנצען, איינגעריכטעט עלעגאנט און מיט געשמאק. אין הינטער גרונד אפענע גלעזערנע טירען צום ווערענדע. א ווייטער אויסקוק אויפ'ן פיארד. וואלדיגע בערג פון ווייטען. א טיר אין יעדער זייטיגער וואנד. רעכטס, גאנץ אונטען, א רוק־טיר. פארנט רעכטס א כאפע מיט לויזע קישען און דעקען. נעבען כאפע — שטוהלען, א טישעל. פארנט לינקס א גרעסערער טיש מיט לעהן־שטוהלען. אויפ'ן טיש אן'אפענער האנדקופער. א זומער־פריה־מארגען, די זון שיינטווארעם.

ריטא — ביי'ם טיש, מיט'ן רוקען רעכטס־צו, פאקט אויס דעם קופער. זי איז א שעהנע, גאנץ הויכע, רייצענדע בלאנדע פרוי פון א יאהר דרייסיג, אנגעטהאן אין א העלען מארגענראק.

שפעטער א וויילע געהט אריין אסטא אלמערס דורך די טיר רעכטס. בראגט א העלברוינעם זומערקאסטיום, הוט, זשאקעטע און שירם; אונטער'ן ארעם א גאנץ גרויסען, פערשלאסענעם פארטפעל. אסטא איז שלאנק, פון מיטלער וואוקס, האט דונקעלע האר און טיעפע, ערנסטע אויגען; איז פינף־און־צוואנציג יאהר אלט.

אסטא: (ביי'ם טיר) גוט מארגען, ליעבע ריטא!

ריטא: ((טהוט זיך א דרעה און שאקעלט צו מיט'ן קאפ) זעה נור — דו, אסטא? אזוי פריה פון שטאדט? צו אונז?

אסטא: (טהוט זיך אויס און לעגט איהרע זאכען אויף א שטוהל נעבען טיר). ס'האט מיך ניט געלאזט רוהען קיין רגע. עפעס האב איך געפיהלט, איך מוז היינט זעהן עלף'ן, און דיך אויך (לעגט דעם פארטפעל אויפ'ן טישעל בי'ם כאפע) נו, בין איך געקומען מיט'ן דאמפ שיף.

ר י ט א: (שמייכעלט צו איהר) און אוים׳ן שיף האָסטו גע־ווים עפּעס א גוטען פריינד בעגעגענט? גאנץ צופעליג, נאַטירליך.

א ס ט א: (רוהיג) ניין, — פון בעקאַנטע, קיין לעבעדיגען נפש ניט. (בעמערקט דעם קופער) אָבער ריטאַ, וואָס איז ד אָ ס?

ר י ט א: (פאַקט ווייטער אוים) אלפרעד׳ס רייזע־קופער. קענסטו איהם ניט?

א ס ט א: (פול פרייד, נעהענטער) וואָס? אלפרעד איז שוין דאָ?

ר י ט א: יאָ, שטעל זיך פאָר, — ער איז גאָר אומגעריכט מיט׳ן נאכט־צוג געקומען.

א ס ט א: ד אָ ס האָט מיר דאָס הארץ געזאָגט! דאָס האָט מיך אהער געטריעבען! און ער האָט ניט אָנגעזאגט אפריהער? קיין קארטעל אפילו ניט געשריעבען?

ר י ט א: קיין איינציג וואָרט ניט.

א ס ט א: טעלעגראפירט — אויך ניט?

ר י ט א: דאָס יאָ, — א שעה פאר׳ן קומען. גאנץ קורץ און קאלט (לאַכט) איז עס דען ניט זיין שטייגער, אסטא?

א ס ט א: געוויס, ער בעהאלט שטענדיג אלעס אין זיך.

ר י ט א: איז מיין פרייד נאָך גרעסער, וואָס ער איז ווידער מיט מיר.

א ס ט א: יאָ, איך שטעל מיך פאָר.

ר י ט א: מיט גאנצע פיערצעהן טעג פריהער, ווי איך האָב ערוואַרט.

א ס ט א: און ער פיהלט זיך גוט? ניט שלעכט גע־שטימט?

ר י ט א: (פאַרמאַכט ראַשיג דעם קופער און שמייכעלט צו אסטאַ׳ן) די שכינה האָט אויף איהם גערוהט ווען ער איז אין צי־מער אריין.

א ס ט א: און גאָר ניט מיד געוועזען?

ר י ט א: נו, מיעד האָט ער אויסגעזעהן, און שטארק מיעד, אפילו. דער אָרימער יונג איז דאָך מייסטענס צו פוס געגאנגען.

א ס ט א: און דערצו האָט די לופט אויף די הויכע בערג געמוזט צו רויה זיין פאר איהם.

ר י ט א: ניין, — עס קען ניט זיין. איך האָב ניט געהערט ער זאָל א הוסט טהאָן.

א ס ט א: נו, זעהסט שוין! דאָך גוט געווען, וואָס דער דאָקטאָר האָט איהם איינגעשמועסט די רייזע צו מאכען.

ר י ט א: איצט, ווען מיר האָבען עס איבערגעקומען, ווען—. קענסט מיר אָבער גלויבען, אסטא, דאָס איז געווען פאר מיר א שרעקליכע צייט. איך האָב ניט געקענט דערפון ריידען. און דו ביסט אויך געווען אזא זעלטענער גאסט ביי מיר —

א ס ט א: דאָס איז געוויס ניט גוט געווען פון מיין זייט. אָבער —

ר י ט א: נו יא, נו יא, — דו האָסט דאָך דיין שוהלע געהאט אין שטאָדט (שמייכעלט) און אונזער אינזשעניר — ער איז דאָך אויך געווען אין וועג.

א ס ט א: אָה ריטא, ווי קענסט דו —

ר י ט א: שוין גוט, — דעם אינזשעניר לאָזען מיר צו רוה. האָבט ניט קיין בעגריף ווי שטארק איך האָב נאָך אלפרעד'ן געבענקט! די פוסטקייט! די איינזאמקייט! פו — א בר־מינן האָט זיך געפיהלט אין הויז — !

א ס ט א: מיין גאָט, דאָך נור זעקס — זיעבען וואָכען —

ר י ט א: יא, דארפסט אָבער ניט פערגעסען, אז אלפרעד האָט זיך קיינמאָל ניט צושיידט מיט מיר, אויף א מעת לעת, אפילו ניט. קיין איין מאָל פאר די גאנצע צעהן יאָהר —

א ס ט א: טאקי דערפאר מיין איך, איז שוין דאָס יאָהר געווען די העכסטע צייט, ער זאָל א קליינע רייזע מאכען. יעדען זומער האָט ער געדארפט אין די בערג געהן. זאָל ער עס נור טהאָן!

ר י ט א: (מיט א לייכטען שמייכעל) אָה, יא, דיר איז גרינג

צו ריידען. איך זאָל זיין אזוי — אזוי פערשטענדיג ווי דו, וואָלט איך איהם שוין פריהער אָבגעלאָזט — ס'קען זיין. אָבער איך האָב עס ניט געקענט ביי זיך פועל'ן, אסטא! עפּעס האָט זיך מיר גע־דאכט, איך וועל איהם שוין מעהר ניט זעהן. קענסטו דען דאָס ניט בעגרייפען?

אסטא: ניין. אפשר ווייל איך האָב ניט וועמען צו פער־לירען.

ריטא: (לאַכט אונטער) טאקי גאָר קיינעם ניט —?

אסטא: קיינעם, וויפיעל איך וויים. (האַקט איבער) זאָג מיר נור, ריטא, — וואו איז ער, אלפרעד? ער שלאָפט פיעלייכט?

ריטא: אָה ניין, ער איז היינט אויפגעשטאנען פריה, ווי זיין שטייגער איז.

אסטא: איז ער, זעהט אוים, ניט שטארק מיעד געוועזן.

ריטא: געוועזן מיעד, היינט ביינאכט, ווען ער איז געקו־מען. איצט אָבער זיצט ער שוין מעהר ווי א שעה מיט עאָלפ'ען ביי זיך אין צימער.

אסטא: אָרימער, קליינער, בלאסער אינגעל! שוין ווידער דאָס איבּיגע לערנען!

ריטא: (קוועטשט מיט די פּלייצעס) עס איז אלפרעד'ס פערלאנג, ווייסט דאָך.

אסטא: יאָ, אָבער מיר דוכט, דו האָסט געדאַרפט ניט דערלאָזען עס.

ריטא: (אַביסעל אונגעדולדיג) ניין, וואָס רעדסט דו, — דאָ קען איך זיך דאָך ניט אריינמישען. אלפרעד פערשטעהט די זא־כען בעסער, ווי איך. — און וואָס זאָל אייגענטליך עאָלף טהאָן? ער קען דאָך ניט ארומלויפען און שטיפען — ווי אנדערע קינדער.

אסטא: (ענטשלאָסען) איך וועל וועגען דעם זיך דורכריי־דען מיט אלפרעד'ן.

ריטא: טהו דאָס, ליעבע אסטא. — אָה, זעה נור — (דורך די לינקע טיר געהט אריין אלפרעד אלמערס, אין זומעראנ־

ביג, מיט עאלפ'ען ביי דער האנד. ער איז א שלאנקער מאן, א יאהר זעקס־זיעבען און דרייסיג, פון פיינעם וואוקס, האט זאנפטע אויגען, שיטערע ברוינע האר און בארד. א פערטראכט, ערנסט געזיכט. — עאלף טראגט א מין מונדיר, מיט גאלדענע שנירען און וואפענקנעפ. ער הינקט, געהט מיט א קוליע אונטער'ן לינקען ארעם. דער פוס איז געלעהמט. ער איז קליין, זעהט אויס קרענקליך, האט אבער שעהנע, קלוגע אויגען.)

א ל מ ע ר ס : (לאזט אב עאלפ'ען, געהט צו פול פרייד צו אסטא'ן און גיט איהר ביידע הענד) אסטא! ליעבסטע אסטא! דו ביי אונז! ווי גוט, וואס איך זעה דיך שוין!

א ס ט א : איך האב געפיהלט איך מוז —. הארציג ווילקאמען!

א ל מ ע ר ס : (דריקט איהר שטארק די הענד) ווי שעהן, פון דיין זייט!

ר י ט א : זעהט ער ניט פראכטפול אויס?

א ס ט א : (טהוט ניט אב קיין אויג פון איהם) וואונדערבאר! גאנץ וואונדערבאר! די העלע מונטערע אויגען! האסט אודאי זעהר פיעל געשריעבען אין וועג? (אן אויפגערעגטע פון פרייד) אפשר גאר דאס גאנצע בוך פארטיג, אלפרעד?

א ל מ ע ר ס : (מאכט מיט די פלייצעס) דאס בוך — ? אח, דאס —

א ס ט א : יא, איך האב געמיינט, עס וועט ביי דיר פון האנד געהן, ווי נור דו וועסט אוועקפאהרען.

א ל מ ע ר ס : איך האב עס אויך געמיינט. אויסגעלאזט האט זיך — זעהסטו — גאר אנדערש. האב ווירקליך קיין איין שורה ניט אנגעשריעבען.

א ס ט א : איין שורה ניט — !

ר י ט א : אהא! איך האב טאקי גאר ניט פערשטאנען, וואס עפעס ליעגט דאס גאנצע פאפיער אין קופער ניט געריהרט.

א ס ט א : אבער וואס האסטו, אלפרעד, די גאנצע צייט געטהאן?

אלמערס: (שמייכעלט) געוועז פערטהאָן אין מיינע גע־דאנקען, נור אין מיינע געראנקען —

ריטא: (לעגט די האַנד אויף זיין אַקסעל) האָסטו אויך א ביסעל געטראכט וועגען די וואָס זיינען אין ד'ער היים געבליעבען?

אלמערס: אודאי, און אפילו זעהר פיעל געטראכט. טאָג איין, טאָג אוים.

ריטא: (נעהמט צו איהר האנד) אָה, איז דאָך אלעס אין בעסטער אָרדנונג.

אסטא: און צום בוך האָסטו זיך גאָר ניט צוגעו יהרט? און דאָך זעהסטו אוים פרעהליך, צופריעדען? דאָס איז ניט דיין שטייגער געוועזן. איך מיין, ווען די ארבייט איז ניט געגאנגען.

אלמערס: דאָ האָסטו רעכט. הער זשע, איך בין גע־ווען א נאר פריהער. דאָס בעסטע אין מענשען איז זיין דענקען. וואָס אויפ'ן פאפיער, האָט א קנאפען ווערטה.

אסטא: (אויפגערעגט) א קנאפען —

ריטא: (לאכט) ביסט פון זינען, אלפרעד?

עאָלף: (קוקט אויף אלמערס'ן פול פערטרויען) אָה, פאפא, — וואָס דו שרייבסט, דאָס האָט א ווערטה.

אלמערס: (שמייכעלט, גלעטענדיג זיינע האָר) פער־שטעהט זיך, אז דו זאָגסט, איז — אָבער גלויב מיר, נאָך מיר קומט ווער, און מאכט עס בעסער פון מיר.

עאָלף: ווער איז ער דאָס? אה, זאָג דאָך!

אלמערס: האָב געדולד. ער וועט שוין קומען און מעל־דען זיך.

עאָלף: וואָס טהוסט דו דעמאָלט?

אלמערס: (ערנסט) איך לאָז מיך ווידער אין די בערג—

ריטא: פע! שעהמען מעגסטו זיך, אלפרעד!

אלמערס: — ארויף אין דער הויך, אויפ'ן וועג צו די בערג־שפיצען און ווייטע אונענדליכע שטרעקען. —

עאלף: א יאָ, פּאפּאַ, איך וועל אינגיכען געזונד זיין און דו וועסט מיך קענען נעהמען מיט זיך?

אלמערס: (מיט אַ ווערטאַג) אַה יאַ — פּיעליכט, מיין קליינער יונג.

עאָלף: ווי פיין ס'וואָלט געווען, איך זאָל אויך קענען ארומקלעטערן אויף די בערג!

אסטא: (האַקט איבער דעם שמועס) ביסט דו היינט פּער־פוצט, עאָלף!

עאָלף: א יאָ, טאנטע?

אסטא: געוויס, דאָס האָסטו זיך לכבוד פּאפּא אזוי אויס־געפּוצט?

עאָלף: איך האָב געבעטען דעם אָנצוג, ביי מאמא. גע־וואָלט, פּאפּא זאָל מיך זעהן אין איהם.

אלמערס: (שטיל צו ריטאַ'ן) האָסט ניט געדאַרפט מאַ־כען איהם אזא אָנצוג.

ריטא: (שטיל) ער האָט מיך אָבער געמוטשעט די גאנ־צע צייט, אזוי שטארק געבעטען, ניט געלאָזט רוהען.

עאָלף: יאַ, ווייסט פּאפּא, — באַרגהיים האָט מיר א פייע־לענבויגען געקויפט. האָט מיר אויך געוויזען ווי צו שיעסען פון איהם.

אלמערס: אה, דאָס איז גוט פאר דיר, עאָלף.

עאָלף: ווען ער וועט ביי אונז ווייטער זיין, וועל איך איהם בעטען, ער זאָל מיך לערנען שווימען.

אלמערס: שווימען! וואָס דארפסטו עס?

עאָלף: ווייסט פּאפּא, — אונטען ביי'ם ברעג, די אינג־לעך — זיי קענען אלע שווימען. נור איך קען ניט.

אלמערס: (אומאַרמט איהם, געריהרט) וואָס נור דו ווילסט, זאָלסטו לערנען! וואָס נור דיין הארץ געלוסט!

עאָלף: יאַ, ווייסט פּאפּא, וואָס עס ווילט זיך מעהר פון אלץ?

א ל מ ע ר ם: נו, זאָג!

ע אָ ל ף: מעהר פון אלץ ווילט זיך מיר א זעלנער זיין!

א ל מ ע ר ם: ליעבער עאָלף, עס זענען דאָך פארהאן פיעל, פיעל זאכען בעסערע.

ע אָ ל ף: א זעלנער מוז איך דאָך ווערען, ווען איך וועל זיין א גרויסער. דו ווייסט עס גאנץ גוט.

א ל מ ע ר ם: (פרעסט צוזאמען די הענד) יא, יא, יא, מיר וועלען זעהן —

א ס ט א: (זעצט זיך לינקס ביי׳ם טיש) עאָלף! קום נור אהער — איך וועל דיר עפּעס דערצעהלען.

ע אָ ל ף: (געהט צו) וואָס, טאנטע?

א ס ט א: שטעל זיך פאָר, עאָלף, איך האָב די ראטענפרוי געזעהן.

ע אָ ל ף: וואָס? האָסט די ראטענפרוי געזעהן? אך, דו שפּאסט נור.

א ס ט א: ניין, אן אמת. איך האָב זי נעכטען געזעהן.

ע אָ ל ף: וואו האָסטו זי דען געזעהן?

א ס ט א: אויפ׳ן וועג, ארום שטאָדט.

א ל מ ע ר ם: איך האָב זי אויך דאָרט ערגעץ וואו בעגעגנענט, אין דער הויך.

ר י ט א: (זעצט זיך אויפ׳ן סאָפע) פיעלייכט וועלען מיר זי איצט אויך זעהן, עאָלף?

ע אָ ל ף: זאָג, טאנטע, איז עס ניט וואונדערליך, וואָס זי הייסט ראטענפרוי?

א ס ט א: מענשען האָבען איהר געגעבען דעם נאָמען, וויילזי האלט אין איין ארומגעהן איבער׳ן לאנד און פערטרייבען ראטען.

א ל מ ע ר ם: מיר דוכט, איהר אמת׳ער נאָמען איז ווארג.

ע אָ ל ף: ווארג? דאָס הייסט דאָך א וואָלף.

א ל מ ע ר ם: (גלעט איהם דעם קאָפּ) אה, דאָס ווייסטו אויך, עאָלף?

ע אַ ל ף: (פערטראכט) איז עס דאָך אמת, אז ביינאכט פערוואנדעלט זי זיך אין א וואָלף, א פער׳כשופ׳טען. גלויבסט עס, פאפא?

א ל מ ע ר ס: אָה ניין, כ׳גלויב ניט. — איצט געה זיך שפיעלען אין גאָרטען.

ע אַ ל ף: זאָל איך פיעלייכט א פּאָר ביכער מיטנעהמען?

א ל מ ע ר ס: ניין, — אוים ביכער, פון היינט אָן. געה בעסער צום ברעג אראָב, צו די אינגלעך.

ע אַ ל ף: (פערזאָרגט) ניין, פּאפּא, איך וו ל ניט היינט אראָב צו די אינגלעך.

א ל מ ע ר ס: פאר וואָס?

ע אַ ל ף: ווייל איך האָב דעם אָנצוג אָנגעטהאָן.

א ל מ ע ר ס: (קנייטשט דעם שטערען) ווי, זיי לאכען גאָר פון — פון דיין שעהנעם אָנצוג?

ע אַ ל ף: (אויסמיידענדיג) ניין, דאָס וואגען זיי ניט. כ׳וואָלט זיי אויסגעפּאטשט.

א ל מ ע ר ס: נו, וואָס זשע —?

ע אַ ל ף: שלעכטע אינגלעך, דערצו זאָגען זיי, אז איך וועל קיינמאָל ניט זיין קיין זעלנער.

א ל מ ע ר ס: (מיט איינגעהאלטענעם וועהטאָג) פאר וואָס, מיינסטו, זאָגען זיי דאָס?

ע אַ ל ף: זיי פערגינען מיר גיט, ווייזט אוים. זיי זענען גאָר אָרים, נעהען ארום באָרוויסע.

א ל מ ע ר ס: (שטיל, מיט א געדעמפטער שטים) אך, ריטא— ווי הארצרייסענד דאָס אליץ איז!

ר י ט א: (שטעהט אויף, פּרואווט איהם בערוהיגען) איך בעט דיך, אלפרעד — !

א ל מ ע ר ס: (דראָהענדיג) יונגאטישעס, זיי וועלען דערפיהלען ווער איז בעל־הבית אונטען ביי׳ם ברעג!

א ס ט א: (הערט זיך צו) עמיצער קלאפּט.

ע ל ף: דאָס מוז באַרגהיים זיין.

ר י ט א: אריין!

(די ראַטענפרוי געהט אריין שטיל, אָהן גערויש דורך די פיר רעבטס, זי איז א קליינינקשקע, אלטע, גראָהע, איינגעקאָרטשעטע בעשט־פּעניש, מיט שארפע, שטעכעדיגע אויגען; טראָגט אן אלט־פרענקיש קלייד, אַ שווארצען מאנטעל און א שארפקאנטיגען שווארצען ברייטען הוט, האַלט א גרויסען רויטען רעגענשירם, אויף א שנירעל הענגט אראָב א שווארץ זעקעל פון האנד.

ע ל ף: (צופּט אָסטאַ'ן פאר'ן קלייד, שטיל) טאנטע, דאָס איז זי, געוויס!

ר א ט ע נ פ ר ו י: (פערנייגט זיך ביי'ם טיר) מיט אלערגנע־דיגסטער ערלויבניש — האָבען די הערשאפטען עפּעס, וואָס בייסט און נאָגט, אין הויז?

א ל מ ע ר ס: ביי אונז אין הויז? ניין, דוכט זיך.

ר א ט ע נ פ ר ו י: אויב איהר האָט, וועל איך מיט'ן גרעס־טען בערגניגען דערבון בעפרייען די הערשאפטען.

ר י ט א: יא, יא. מיר פערשטעהן, אָבער מיר האָבען ניט פון דעם מין.

ר א ט ע נ פ ר ו י: ס'ארא אומגליק! גראד איצט בין איך אין די געגענדען, און ווער וויס, ווען איך וועל דאָ ווידער זיין. אָה, ווי מיעד איך בין!

א ל מ ע ר ס: (ווייזט אָן אויף א שטוהל) יא, איהר זעהט טאַ־קי אויס זעהר פערמאטערט.

ר א ט ע נ פ ר ו י: אודאי האָט מען קיינמאָל ניט געדארפט כּיעד ווערען וואוילטהוענדיג די קליינע, אָרימע בעשעפענישען, וואָס ווערען אזוי אונ'ברחמנות'דיג געהאסט און פערפאָלגט; עס מאכט איינעם דאָך שרעקליך מיעד —

ר י ט א: איהר וועט זיך אפשר צוזעצען א ווײלע אָברוהען?

ר א ט ע נ פ ר ו י: איך דאנק אייך טויזענד מאָל (זעצט זיך

אויפ׳ן שמאָל צווישן מיר און טאַטע) איך בין די גאַנצע צייט פאַר־נומען געווען —

אַלמערס: מאַקי?

ראַטענפרוי: יאָ, דאָרט אויף די אינזלען (לאַכט קוואָ־קענדיג) ניט צו גלויבן — די לייט האָבן מיך דאָך צו זיך מער־בעטען. שווער גענוג איז עס זיי אנגעקומען. גאָרניט געהאָלפן — נעמט א בים טהאָן אינ׳ם זויערן עפּעל (קוקט אויף עאָלף׳ען, צוא־ווינקענדיג) יאָ, יונגער הערר, אינ׳ם זויערן עפּעל.

עאָלף: (אַ ביסעל דערשראָקען, ניט־ווילענדיג) וואָס עפּעס האָבען זיי געמוזט?

ראַטענפרוי: וואָס?

עאָלף: א בים טהאָן.

ראַטענפרוי: האָבען געמוזט. אַלדי ראַטען, גרויסע און קליינע, האָבען זיי אָטעמען ניט געלאָזט, ווי דער יונגער הערר וועט לייכט פערשטעהן.

ריטאַ: בררר! אָרימע מענשען — האָבען זיי דען א פּור־לע פון דעם מין?

ראַטענפרוי: געוויכעלט מיט זיי (לאַכט מיט א רוהיגער הנאה) נעקראָכען א גאַנציגקע נאַכט אין די בעטען ארום, אין די מילך־צובערס געשליידערט זיך, אויף דער פּאָדלאָגע ארומגעהוזשעט הין און צוריק.

עאָלף: (שפּיל צו טאַטאַ׳ן) אהין גהע איך ניט, טאַנטע, קיינמאָל.

ראַטענפרוי: דאָ בין איך־געקומען, און מיט מיר נאָך איינער. און מיר האָבען זיי אַלע מיטגענומען, אַלע ביז איינעם, ליעבע, קליינע בעשעפענישען! מיר אין צוויי׳ען זענען מיט אַלע פארטיג געוואָרען.

עאָלף: (גיט א געשריי) פּאַפּאַ — קוק, קוק!

ריטאַ: אום גאָטעס ווילען, עאָלף!

אַלמערס: וואָס איז געשעהן?

עאָלף: (ווייזט אָן) עס צאפּעלט זיך עפּעס אין זעקעל!

ריטא: (שרייט, צולויפענדיג האסטיג לינקס) אָה גאָט! טרייב זי ארויס, אלפרעד!

ראטענפּרוי: (לאַכט) אַך, טייערינקע מאדאם, איהר האָט זיך ניט וואָס צו שרעקען פאר אזא בעשעפעניש'על.

אלמערס: וואָס איז דען דאָס?

ראטענפּרוי: ס'איז דאָך בלויז מאָפּסעל (בינדט אויף דאָס זעקעל) קום נור ארויס פונ'ם פינסטערניש, מיין הארציגער, אלערליעבסטער חבר!

(אַ הינטעל מיט אַ שווארצער, ברייטער מאָרדע שטעקט ארויס דעם קאָפּ פונ'ם זעקעל.)

ראטענפּרוי: (ווינקט צו עאָלפ'ען) קום צו נעהנטער, מיין קליינער, פערוואונדעטער קריעגסמאַן. ער בייסט נים. קום אהער, קום!

עאָלף: (טוליעט זיך צו אַטטאָ'ן) איך האָב מורא.

ראטענפּרוי: געפינט דען ניט דער יונגער הערר, אז ער האָט א זאנפט, ליעבליך געזיכט?

עאָלף: (ווייזט אָן ערשטוינט אויפ'ן הונד) אָט דער?

ראטענפּרוי: יא, דער.

עאָלף: (רעדט קוים וואָס מען הערט, קוקט שטאַר אויפ'ן הונד) מיר דוכט, ער האָט דאָס שרעקליכסטע געזיכט וואָס איך האָב ווען ס'איז געזעהן.

ראטענפּרוי: (פערבינדט דאָס זעקעל) אָה, ס'וועט שוין קומען — שוין קומען.

עאָלף: (דערנעהנטערט זיך ניט־ווילענדיג, קומט צו גאָר נאָהענט, גלעט פאַרזיכטיג דאָס זעקעל) וואונדער — וואונדערשעהן איז ער דאָך!

ראטענפּרוי: (פאָרזיכטיג) נור איצט איז ער פערמאַטערט נעבעך, מיעד. אָרימער יונג, גוט מיעד. (קוקט אויף אלמערס'ן)

עס נעהמט די כהות ארויס — אזא מין שפיעל, דער הערר מעג מיר גלויבען.

אלמערס: וואָס פאר א מין שפיעל, מיינט איהר?

ראטענפרוי: די שפיעל פון אריינגנארען.

אלמערס: און דער, וואָס נארט אריין די ראטען — דאָס איז דער הונד?

ראטענפרוי: (ווינקט צו) יא, מאפסעל און איך. מיר ביידע צוזאמען, און עס געהט א גאנג, דוכט זיך אזוי ווענינסטענס. א שנירעל בינד איך איהם צו צום האלזבאנד, פיהר איהם דריימאָל ארום הויז און שפיעל צו אויף א פייפעל. ווי נור זיי דערהערען דאָס מוזען זיי פון די קעלערס ארויף, פון די בוידעמער אראָב, פון אלע לעכער ארוים — אלדי ליעבע בעשעפעניש׳לעך.

עאָלף: און ער צובייסט זיי אויף טויט?

ראטענפרוי: גאָט זאָל אָבהיטען! ניין! מיר געהען צום שיפעל אריבער, מאפסעל און איך, און זיי געהען אונז שוין נאך, די אלטע און די יונגינקע.

עאָלף: (אנגעשטרענגט) נו, וואָס דאן —? דערצעהלט נור!

ראטענפרוי: דאן רוקען מיר זיך אָב פון ברעג, איך ארבייט מיט די וואָסלעס און שפיעל אויפ׳ן פייפעל. און מאָפסעל שווימט נאך (מיט גליהענדיגע אויגען) און די אלע, וואָס האָבען גע־נאָגט און געפלאגט, זיי שווימען אלין ווייטער אונז נאך, אין די אלע טיעפע וואסערן אריין. דאָס מוזען זיי.

עאָלף: פאר וואָס עפעס מוזען זיי?

ראטענפרוי: גראָד ווייל זיי ווילען נים. גראָד ווייל זיי שרעקען זיך אזוי מורא׳דיג פאר׳ן וואסער, — מוזען זיי אין וואַ־סער אריין.

עאָלף: דאן ווערען זיי דערטרונקען?

ראטענפרוי: אלע ביז איינעם (שטילער) און דאן איז זיי אזוי גוט, און שטיל, און ישאטען־קיהל, אָט נאר ווי געוואונשען —

די הארציגע קליינוואַרג. טיעף אונטען שלאָפען זיי אַ לאַנגען, זי־סען שלאָף. זיי, וואָס מענשען האַסען און פערפאָלגען (שטעהט אויף) יאַ, אין פריהערע צייטען האָב איך קיין מאָפּסעל ניט געדאַרפט האָ־בען. אַליין געטהאָן פערנאַרען און פערפיהרען. איינע אַליין.

ע אָ ל ף : וואָס האָט איהר דאַן פערנאַרט, פערפיהרט?

ר אַ ט ע נ פ ר ו י : מענשען, בעזונדערס איינעם.

ע אָ ל ף : (אָנגעשטרענגט) אַך, זאָגט מיר, ווער איז דען דאָס געוועזען?

ר אַ ט ע נ פ ר ו י : געוועזען איז דאָס מיין טייערער געליעב־טער, קליינער הארצפרעסער!

ע אָ ל ף : וואו איז ער איצט?

ר אַ ט ע נ פ ר ו י : (הארט) אונטען, ביי די ראַטען (וויי־דער זאַנפט) איצט וויעדער צו מיין געשעפט. בין שטענדיג אין וועג. (צו ריטא'ן) דאַרפען מיך טאַקי די הערשאַפטען ניט האָבען היינט? אויב יאַ, מאַך איך עס איינס און צוויי.

ר י ט אַ : ניין, איך דאַנק אייך. ניט נויטיג.

ר אַ ט ע נ פ ר ו י : יאַ, יאַ — ליעבסטע, גנעדיגע פרוי. — מ'קען קיינמאָל ניט וויסען —. וועלען די הערשאַפטען בעמערקען אַז עפּעס נאַגט דאָ, קריכט אַרום און מאַטערט, — בעפעהלט נור נאָך מיר און מאָפּסעל'ן — אַדיע, אַדיע.

(אָב דורכ'ן טיר רעכטס.)

ע אָ ל ף : (שטיל, טריאומפירענדיג, צו אַסטאַ'ן) איצט, טאַנ־טע, האָב איך אויך די ראַטענפרוי געזעהן!

(ריטאַ געהט אויפ'ן ווערראַנדע אַרויס, פאַכט מיט'ן נאַזטיכעל, באַלד נאָכדעם געהט עאָלף פאַרזיכטיג און ניט־בעמערקט אַרויס דורכ'ן טיר רעכטס.)

אַ ל מ ע ר ס : (נעהמט דעם פּאַרטפעל פונ'ם טיש בּייא סאָפע) געהערט דער פּאָרטפעל דיר, אַסטאַ?

אַ ס ט אַ : יאַ, האָב דאָ אַלטע בריעף, אַ טייל.

אַ ל מ ע ר ס : האַ, פאַמיליען בריעף —

א ס ט א: האָסט דאָך מיך געבעטען ברענגען זיי אין אָר־דנונג אין דיין אבוועזענהייט.

א ל מ ע ר ס: (גלעט איהר דעם קאָפּ) און דערצו האָסטו צייט געפונען.

א ס ט א: אה, יא, איך האָב דאָס געטהאָן; א טייל דאָ, א טייל אין שטאָדט.

א ל מ ע ר ס: א דאנק דיר, ליעבע — נו, האָסט עפּעס בע־זונדערעס אין זיי געפונען?

א ס ט א: (לאַכט) הא, — אין אזעלכע אלטע פּאפּיערען וויכט, געפינט מען אלעמאָל עפּעס (שטילער, ערנסט) פאַרהאַן דער מוטער'ס בריעף אינ'ם פּאָרטפעל.

א ל מ ע ר ס: דו לאָזט זיי ביי זיך, פערשטעהט זיך.

א ס ט א: (זיך גובר זייענדיג) ניין איך וויל, דו זאָלסט זיי אויך דורכקוקען, אלפרעד. ווען ניט איצט איז, — שפּעטער, אמאָל. — האָב ניט דעם שליסעל ביי זיך איצט.

א ל מ ע ר ס: עס מאַכט ניט אוים, ליעבע אסטא. איך לעז דאָך ניט דיין מוטער'ס בריעף.

א ס ט א: נו, וועל איך ווען־ניט־איז, — אין א גוטער, שטי־לער שעה, אָבענדצייט, דערצעהלען עפּעס פון דעם, וואָס שטעהט דאָרט.

א ל מ ע ר ס: דאָס איז דאָס בעסטע. דו אָבער בעהאַלט דיין מוטער'ס בריעף. האָבט דאָך ניט פיעלע אנדענקען פון איהר.

(ער דערלאַנגט איהר דעם פּאָרטפעל. זי נעהמט צו און לעגט עס אויפ'ן שטוהל אונטער'ן מאַנטעל. ריטאַ קומט ווידער אריין.)

ר י ט א: פו, עפּעס איז מיר, ווי די אונהיימליכע אלטיטשקע וואָלט א בית־עולם געריך מיט זיך געבראַכט.

א ל מ ע ר ס: אונהיימליך א ביסעל איז זי, אלענפאלס.

ר י ט א: מיר איז געווען זעהר שלעכט די צייט, וואָס זי איז דאָ אין הויז געווען.

א ל מ ע ר ס: איבריגענס פערשטעה איך גאַנץ גוט די צווינ־

גענדיגע, פערפיהרערישע קראפט, וואָס זי האָט דערמאָנט. די איינזאמקייט הויך אויף די שפּיצען־בערג און אויף די ווייטע פלאכע שטרעקען האָט עפּעס פון דעמזעלבען צויבער אין זיך.

א ס ט א: (קוקט אויפמערקזאם אויף איהם) וואָס איז אייגענטליך מיט דיר געשעהן, אלפרעד?

א ל מ ע ר ס: (שמייכעלט) מיט מיר?

א ס ט א: מיט דיר. עפּעס מוז עס זיין. ביסט כמעט אנ'אנדערער געוואָרען. ריטא האָט עס אויך בעמערקט.

ר י ט א: איך האָב עס בעמערקט גלייך ווי דו ביסט געקומען. ס'איז צום גוטען, אלפרעד?

א ל מ ע ר ס: עס זאָל און וועט צום גוטען זיין.

ר י ט א: (אויפגערעגט) דו האָסט עפּעס איבערגעלעבט אויף דער רייזע! לייקען ניט! איך זעה אָן דיר!

א ל מ ע ר ס: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) לחלומין גאָרניט — אויסערליך ווענינגסטענס, אָבער —

ר י ט א: (הערט זיך צו געשפּאַנט) אָבער — ?

א ל מ ע ר ס: אינערליך האָב איך אלענפאלס א קליינע פערוואנדלונג איבערגעלעבט.

ר י ט א: אה, גאָט —

א ל מ ע ר ס: (בערוהיגט זי, גלעטענדיג איהר האנד) צום בעסערן נור, ליעבע ריטא. קענסט זיך דערויף פערלאָזען.

ר י ט א: (זעצט זיך אויפ'ן סאָפע) דאָס מוזטו אונז גלייך דערצעהלען, אלץ — אלץ!

א ל מ ע ר ס: (ווענדט זיך צו אסטא'ן) נו גוט, — וועלען מיר זיך ביידע אויך אנידערזעצען, און איך וועל פּרואווען דערצעהלען. אזוי נוט ווי איך קען.

(זעצט זיך אויפ'ן סאָפע נעבען ריט'ן. אַסטאַ רוקט צו א שטוהל, זעצט זיך גאָר נאָהנט צו איהר. א קורצע פּאַוזע.)

ר י ט א: (קוקט אויף איהם פול ערוואַרטונג) נו?

א ל מ ע ר ס: (קוקט פאר זיך) טהו איך צוריק א קוק אויף

מיין לעבען — אויף מיין שיקזאל — פאר די לעצטע צעהן, עלף יאהר, — קומט עס מיר פאר עפּעס ווי א צויבער־געשיכטע אדער א חלום. דיר נישט, אסטא?

אסטא: אין איינינע פּרטים, געוויס.

אלמערס: (זעצט פאָרט) דערמאָן איך מיך, וואָס מיר ביידע זענען פריהער געווען, אסטא, מיר צוויי אָרימע יתומים —

ריטא: (אונגעדולדיג) אך, דאָס איז דאָך אזא אלטע געשיכטע.

אלמערס: (שענקט איהר קיין אויפמערקזאמקייט ניט) און דאָ לעב איך איצט אין וואוילטאג און פּראכט. האָב געהאט די מעגליכקייט פאָלגען מיין בערוף, ארבייטען און שטודירען, — וואָס דאָס הארץ געלוסט. (שטרעקט אויס די הענד) און דאָס גאנצע, גרויסע, אונערגרינדליכע גליק — דאָס פערדאנקען מיר דיר, מיין טייערע ריטא.

ריטא: (גיט א קלאפּ איבער זיין האַנד, האלב שפּאסיג, האלב אינגצ׳פריעדען) ווען טוסטו אויפהערען רעדען אזעלכע נארישקייטען?

אלמערס: דאָס איז א מין הקדמה.

ריטא: היפּ־זשע איבער די הקדמה!

אלמערס: ריטא, — מיין נור ניט, אז דאָס האָט מיך דעם דאָקטאָר׳ס עצה געטריעבען אין די בערג.

אסטא: ניט דאָס, אלפרעד?

ריטא: וואָס־זשע האָט דיך אהין געטריעבען?

אלמערס: איך האָב געזעהן, אז קיין רוה קען איך מעהר ניט האָבען, דאָרט ביי מיין ארבייטסטיש.

ריטא: קיין רוה מעהר! אָבער בעסטער אלפרעד, ווער האָט דיר דען געשטערט?

אלמערס: (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ) פון די ארומיגע — קיינער ניט. נערובט האָט זיך מיר אז איך מאך א תל פון מיינע בעסטע קרעפטען, פערנאכלעסיג זיי, פערליר מיין צייט אומזיסט.

א ס ט א: (מיט ברייט אויפגעריסענע אויגען) אַרבייטענדיג אויף דיין ווערק?

א ל מ ע ר ס: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) דען איך בין דאָך ניט נור דערצו געשאפען. איך מוז דאָך קענען עפּעס אַנדערש אויך אויפטהאָן.

ר י ט א: און דאָס האָט שטענדיג געמוטשעט דיין געדאנק?

א ל מ ע ר ס: דאָס מייסטענס.

ר י ט א: דערפאַר ביסט דו עס געווען אונצופריעדען מיט זיך די לעצטע צייט, און מיט אונז אויך? דען דו ב י ס ט נע־

א ל מ ע ר ס: דאָ בין איך געזעסען אָנגעבויגען איבער'ן טיש און געשריבען טאָג איין, טאָג אויס, צייטענווייז אויך האלבע ווען אונצופריעדען, אלפרעד.

נעכט. געהאלטען אין איין שרייבען דאָס גרויסע בוך וועגען דעם מ ע נ ש ע נ'ס פ ע ר א נ ט וו אָ ר ט ל י כ ק י י ט. הם!

א ס ט א: (לעגט די האַנד אויף זיין אָרעם) דאָס בוך האָט דאָך דיין לעבענס אויפגאבע געזאָלט זיין.

ר י ט א: יא, דו פלעגסט עס זאָגען גאנץ אָפט.

א ל מ ע ר ס: אזוי האָב איך געדענקט נאָך אין דער פריי־ער יוגענד (מיט אַ ליעבליכען בליק) און דאָס האָסטו עס, ליעבע ריטא, געגעבען מיר די מעגליכקייט צו נעהמען זיך פאַר דער אַר־בייט —

ר י ט א: אך, נארישקייטען!

א ל מ ע ר ס: (שמייכעלט צו איהר) — דו מיט דיינע גאָל־דענע בערג און גרינע וועלדער —

ר י ט א: (האַלב לאַכענדיג, האלב פערדראסיג) הייבסטו וויע־דער אָן דיינע נארישע מעשיות, וועסטו אַ גאָב קריגען.

א ס ט א: (קוקט אויף איהם בעטריעבט) און דאָס ווערק, אלפרעד?

א ל מ ע ר ס: עס האָט זיך ווי דערווייטערט פון מיר. און

אלץ שטארקער איז געוואָרען אין מיר דער געדאנק וועגען די העכע־רע פליכטען, וואָס האָבען געמאָנט און געמאָנט.

ריטא: (כאַפּט אָן זיין האנד, שטראַהלענדיג פאר פרייד) אלפרעד?

אלמערס: דער געדאנק וועגען עאָלפ׳ען, ליעבע ריטא.

ריטא: (לאָזט אָב זיין האַנד ענטטוישט) אך, וועגען עאָלפ׳ען.

אלמערס: אליץ א שטארקערע און שטארקערע שליטה האָט דער קליינער עאָלף גענומען איבער מיין נשמה, זייט דעם אונגליקליכען פאלען פון טיש —. און בעזאָנדערס זינט מיר האָ־בען זיך איבערצייגט, אז דער פעהלער איז אונהיילבאר.

ריטא: (אנגעשפּאַרט) דו זאָרגסט דאָך וועגען איהם, וויפיעל דו קענסט, אלפרעד.

אלמערס: ווי א שולמייסטער, יא. אָבער ניט ווי א פאָטער. און פון דיינט אָן וועל איך עאָלפ׳ען זיין אן אמת׳ער פאָטער

ריטא: (קוקט אויף איהם, שאָקעלנדיג מיט׳ן קאָפּ) איך פער־שטעה דיך מסתמא ניט גוט —

אלמערס: איך וויל זאָגען, אז איך וועל מיט אלע כחות פּרואווען לייכטער מאכען די לאסט פון׳ם אונפערמיידליכען.

ריטא: איך מיין אז ער פיהלט עס גאָר ניט אזוי טיעף, גאָט צו דאנקען.

אסטא: (אויפגערעגט) ניין, ריטא, ער פיהלט עס.

אלמערס: יא, זיי זיכער, ער פיהלט עס טיעף.

ריטא: (אונגעדולדיג) אָבער, ליעבער אלפרעד, — וואָס־זשע נאך קענסטו טהאָן פאר איהם?

אלמערס: איך וויל פּרואווען מיט ליכט בעשיינען אלדי רייכע מעגליכקייטען, וואָס דרעמלען אין זיין קינדערשער נשמה. אל־אָס עדלע, וואָס איז פערבאָרגען אין איהם, וועל איך מאכען צום בליהען, — און עס וועט פאנאנדערבליהען און פרוכטען ברענגען; (שטעהט אויף אליץ מעהר צוהיצט) און נאָך מעהר וועל איך טהאָן. איך וועל איהם העלפען זיינע בעגעהרען אין אנקלאנג צו ברענגען;

מיט דאָס וואָס איז דערנרייכבאר פאר איהם. דען דערצו איז ער נאָך ניט דערנאַנגען. זיין גאַנץ דענקען און טראַכטען איז געציעלט צו דעם וואָס וועט פאר איהם אייביג זיין איבער די כחות. איך וויל אָבער אויפוועקען אין זיין נשמה דאָס געפיהל פון גליק.

(געהט הין און צוריק איבער'ן צימער, אַסטאַ און ריטאַ פאָלגען איהם נאָך מיט די אויגען.)

ר י ט אַ: האָסט געדאַרפט רוהינער קוקען אויף די זאַכען, אַלפרעד.

אַ ל מ ע ר ס: (שטעלט זיך אָב ביי'ם טיש לינקס) עס האָט מיך אויפגעהמען מיין לעבענסאויפגאַבע, אויב ער וועט וועלען. אָדער זאָל ער זיך אויסקלייבען עפּעס אנדערש, וואָס וועט זיין אינגאנצען זיינס. דאָס וועט פיעלייכט זיין בעסער פון אַלץ. — אַלענפאַלס, וועל איך זיך פאר מיין ווערק מעהר ניט נעהמען.

ר י ט אַ: (שטעהט אויף) אָבער, ליעבער אַלפרעד, — קענסט דו דען ניט אין דערזעלבער צייט ארבייטען פאר עאָלפ'ען און פאר זיך?

אַ ל מ ע ר ס: ניין, איך קען ניט. עס איז אונמעגליך. איך קען זיך אויף צווייען ניט צערייסען, און דארום גיב איך נאָך. עאָלף דארף זיין די קרוין פון אונזער משפּחה, און מיין נייע אויפגאַבע וועט זיין, ער זאָל די קרוין פערדיענען.

ר י ט אַ: (שטעהט אויף און געהט צו צו איהם) עס האָט דיר געמוזט שרעקליך שווער אנקומען, אַלפרעד!

אַ ל מ ע ר ס: געוויס, דאָ אין הויז וואָלט איך קיינמאָל ניט געקענט זיך גובר זיין, קיינמאָל ניט געקומען צו דער מדרגה פון זעלבסט־ענטזאַגונג. קיינמאָל ניט דאָ אין הויז!

ר י ט אַ: ביסטו עס דעריבער אוועקגעפאָהרען דעם זומער?

אַ ל מ ע ר ס: (מיט שיינענדיגע אויגען) יאָ, איך בין אוועק הויך הויך, אין איינזאמקייט אָהן סוף. איך האָב געזעהן, ווי די אויפ־געהענדע זון האָט בעשטראַהלט די שפּיצען־בערג, געפיהלט זיך נעהנטער צו די שטערן—ווי בעהעפט זיך מיט זיי. מיר האָבען זיך

פערשטאנען און דאַ בין איך גענוג שטארק געוואָרען פאר מיין אוים־גאבע.

אַ ס ט אַ : (קוקט אויף איהם פרויערינ) אלזאָ וועסט דו שוין מעהר ניט ארבייטען אויף דיין ווערק וועגען „דעם מענשענ׳ס פער־אנטוואָרטליכקייט“ ?

א ל מ ע ר ס : ניין, מעהר קיינמאָל ניט, אסטא. איך קען זיך ניט אבגעבען אין איין צייט מיט צוויי אויפגאבען. איך וועל דעם מענשענ׳ס פעראנטוואָרטליכקייט דערוויזען מיט מיין לעבען.

ר י ט א : (מיט אַ שמייכעל) גלויבסט דו טאקי, אז אזאַ גראנ־דיעזע אויפגאבע וועכט דו אויספיהרען דאָ אין הויז ?

א ל מ ע ר ס : (כאַפּט אָן איהר האנד) האנד ביי האנד מיט דיר קען איך עס. (שטרעקט אויס די אַנדערע האנד) און מיט דיר, אסטא.

ר י ט א : (צונעהמענדיג די האַנד) אה, — מיט אונז ביידען ! ווי עס ווייזט אויס, קענסטו זיך דאָך טיילען מיט צווייען.

א ל מ ע ר ס : הא, ליעבסטע ריטא — ?

(ריטאַ געהט אַוועק פון איהם און שטעלט זיך ביי׳ם טיר צום גאר־טען. אין דער טיר רעכטס הערט זיך א לייכטער קלאפּען. אינזשעניר באָרג־הוים געהט שנעל אריין אין צימער. ער איז א יונגער מאן פון א יאָהר דרייסיג, האלט זיך גלייך, איז מונטער און פרעהליך אויפ׳ן אויסזעהן.)

ב אָ ר ג ה י י ם : גוט מאָרגען, גנעדיגע פרוי, גוט מאָרגען ! (דערזעהט אלמערס׳ן און בלייבט שטעהן פרוידיג איבערראשט) וואָס איך זעה ! שוין צוריק, הערר אלמערס !

א ל מ ע ר ס : (דריקט איהם די האַנד) יא, איך בין ערשט צוריק נעקומען היינט ביי נאכט.

ר י ט א : (פרעהליך) ער האָט אויף לענגער ניט געהאט קיין ערלויבניש, הערר באָרגהיים.

א ל מ ע ר ס : אָבער דאָס איז דאָך ניט אמת, ריטא —

ר י ט א : (נעהנטער) ניין, ס׳איז אמת. זיין וואקאציע האָט זיך געענדיגט.

באָרגהיים: ווי איך זעה, האלט איהר אייער מאן אין צוים, פרוי אלמערס?

ריטא: איך בעשטעהע אויף מיינע רעכטע, און ווייטער, מוז דאָך אלעס האָבען א סוף.

באָרגהיים: אָה, ניט אלעס, מיין איך. גוט מאָרגען פריילין אלמערס!

אסטא: (אויסמיידענדיג) גוט מאָרגען.

ריטא: (קוקט אויף באָרגהיים'ען) ניט אלעס, האָט איהר געזאָגט?

באָרגהיים: איך בין פעסט איבערצייגט, אז אלענפאלס איז אויף דער וועלט פאראן עפּעס, וואָס איז אָהן א סוף.

ריטא: איהר מוזט איצט אין זינען האָבען ליעבע — אָדער עפּעס עהנליכס.

באָרגהיים: (הייס) איך האָב אין זינען אלץ וואָס שעהן.

ריטא: און וואָס איז אייביג אָהן א סוף. גוט, לאָמיר לע־בען מיט דעם געדאנק, לאָמיר אלע האָפען.

אלמערס: (געהט צו צו זיי) איהר וועט גיך ענדיגען בויען דעם וועג דאָ?

באָרגהיים: יא, איך האָב שוין געענדיגט. נעכטען איז געווען דער לעצטער טאָג. געדויערט לאנג גענוג. נור, גאָט צו דאנ־קען, דאָך פארטיג געוואָרען.

ריטא: און איהר פרעהט זיך דאָס אזוי?

באָרגהיים: יא, פערשטעהט זיך.

ריטא: נו, איך מוז זיך מודה זיין —

באָרגהיים: וואָס ווילט איהר זאָגען, פרוי אלמערס?

ריטא: אז עס איז ניט בעזונדערס ליעבליך פון אייך, הערר באָרגהיים.

באָרגהיים: אזוי גאָר? און פאר וואָס?

ר י ט א: ווייל דערנאָך וועט איהר ניט אָפּט זיין אין אונזע־רע מקומות.

באָרגהיים: איהר זייט גערעכט, איך האָב וועגען ד׳עם גאָר ניט געטראכט.

ר י ט א: נור דאָך וועט איהר פון צייט צו צייט אונז בע־זוכען.

באָרגהיים: צום בעדויערן, ניט. דאָס וועט מיר א לאנגע צייט זיין אונמעגליך.

אלמערס: פאר וואָס?

באָרגהיים: איך האָב, זעהט איהר, זיך גענומען צו א נייער ארבייט, וועלכע מען מוז באלד אָנהייבען.

אלמערס: יא, ווירקליך? ((דריקט איהם די האַנד) עס פרעהט מיך פון גאנצען הארצען.

ר י ט א: גראטולירע איך, גראטוליר, העהר באָרגהיים!

באָרגהיים: שש, שש — אייגענטליך האָב איך דער־פון ניט געדארפט אזוי אָפען רעדען. נור מיט אייך מוז איך זיך טיילען די נייעס. עס איז א שווערע שטיקעל ארבייט; דאָרט אוי־בען אין צפון, עס וועט אויסקומען בערג דורכצושניידען און די גרעסטע שטערונגען צו בעזיעגען. (אויפגערעגט) אָ, דו גרויסע, שעה־נע וועלט — און דאָס גליק א וועג־בויער צו זיין!

ר י ט א: (קוקט אויף איהם שפּאסיג, שמייכעלט צו) ניט שוין־זשע האָט אייך די ארבייט געמאכט אזוי גליקליך?

באָרגהיים: אָה, ניין, ניט נור דאָס. איך טראכט אויך פון די גלענצענדע אויסזיכטען, וואָס עפענען זיך פאר מיר.

ר י ט א: (ווי פריהער) אהא, דאָ איז עפּעס בעהאלטען, עפּעס שעהנערס!

באָרגהיים: (קוקט בגנבה אויף אסטאַ׳ן) ווער וויים! קומט דאָס גליק, קומט עס ווי א פריהלינגס־שטראָם, (ווענדט זיך צו אסטאַ׳ן) פריילין אלמערס, אפשר זאָלען מיר זיך דורכגעהן, ווי מיר טהוען עס געוועהנליך.

אסטאַ: (האַסטיג) ניין, איך דאנק. איצט ניט, היינט נים.

באַרגהיים: נו, לאָמיר געהן, נור א ביסעל. מיר דוכט זיך איך האָב אייך זעהר פיעל צו זאָגען איידער איך פאָהר אוועק.

ריטא: אפשר איז עס דאָס, וואָס איהר וואגט ניט צו דערצעהלען אויפ'ן קול?

באַרגהיים: עס ווענדט זיך —

ריטא: איהר קענט עס זאָגען שעפטשענדיג (מיט א האל־בען קול) אסטא, געה־זשע מיט איהם.

אסטאַ: אָבער, ליעבע ריטא —

באַרגהיים: (בעטענדיג) פריילין אסטא, — פערגעסט נים, אפשר איז עס דער לעצטער שפּאציר — פאר א לאנגע, לאנ־גע צייט.

אסטאַ: (נעהמט הוט און רעגענשירם) נו גוט — לאָמיר זיך דורכגעהן א ביסעל אין גאָרטען.

באַרגהיים: אָ, ווי איך בין אייך דאנקבאר!

אלמערס: און אגב גיט אכטונג אויף עאָלפ'ען.

באַרגהיים: אַך, עאָלף, איך האָב אָן איהם פערגעסען. וואו איז ער? איך האָב עפּעס פאר איהם.

אלמערס: שפּיעלט ערגעץ וואו אין גאָרטען.

באַרגהיים: אזוי גאָר, שפּיעלט איצט. פריהער פלעגט ער גאנצע טעג אין צימער איבער זיינע ביכער אָבזיצען.

אלמערס: דאָס איז שוין אריבער. ער זאָל מיר א פריי־לופט־בחור זיין!

באַרגהיים! דאָס איז גוט. ארוים מיט איהם, דעם אָרי־מען יונג אויף דער פרייער לופט! גאָט, וואָס קען מען קליגערעס טהאָן אויף דער שעהנער וועלט ווי שפּיעלען זיך. איז דען ניט דאָס גאנצע לעבען — א שפּיעל? קומט, פריילין אסטאַ.

(באַרגהיים און אסטאַ געהען דורך די ווערצנדע אראָב אין גאָרטען.)

אלמערס: (נאָכקוקענדיג) ריטא, דו מיינסט, צווישען זיי שפּינט זיך עפּעס?

ר י ט א: איך ווייס ניט וואָס צו זאָגען. פריהער האָב איך עס געמיינט, נור אסטא ווערט פאר מיר די לעצטע צייט אלץ מעהר רעטזעלהאפט.

א ל מ ע ר ס: יא, טאקי? און דאָס איז געשעהן, ווען איך בין ניט געווען?

ר י ט א: יא, אין די לעצטע צוויי וואָכען, גלויב איך.

א ל מ ע ר ס: דו מיינסט, זי ליעבט איהם שוין ניט מעהר?

ר י ט א: ניט ערנסט, ניט מיט'ן גאנצען הארצען; איך גלויב אז ניין. (קוקט אויף איהם פאָרשענדיג) וואָלט'ס דיר אונאנגענעהם געווען, ווען זי אינטערעסירט זיך מיט איהם?

א ל מ ע ר ס: אונאנגענעהם — ניט, נור דער געדאנק שרעקט מיך דאָך —

ר י ט א: שרעקט?

א ל מ ע ר ס: פערגעס ניט, איך בין פעראנטוואָרטליך פאר איהר, פאר איהר גליק.

ר י ט א: אך, וואָס פאר א פעראנטוואָרטליכקייט! אסטא איז דאָך א דערוואקסענע מיידעל, איך רעכען, זי ווייס שוין אליין אויסצוקלייבען.

א ל מ ע ר ס: לאָמיר אמווענינגסטען האָפען, ריטא.

ר י ט א: איך פון מיין זייט געפין, אז בארגהיים איז גאָר ניט קיין שלעכטע פארטיי.

א ל מ ע ר ס: אָבער, קינד — איך אויך ניט. פערקעהרט. כאָטש —

ר י ט א: איך וואָלט זעהר צופריעדען געווען ווען עס זאָל זיין א שדוך.

א ל מ ע ר ס: (אונצופריעדען) יא, פאר וואָס איינענטליך?

ר י ט א: (אלין מעהר אויפגערעגט) ווייל דאן וואָלט זי אוועק ווייט מיט איהם, און שוין ניט זיין אזוי אָפט ביי אונז, ווי איצט!

א ל מ ע ר ס: (קוקט שטאַר אויף איהר, מיט פערוואונדערונג) וואָס? ווילסט לויז ווערען פון אסטא'ן?

ר י ט א: אודאי, אלפרעד, אודאי!

א ל מ ע ר ס: נור פאר וואָס, אום גאָטעס ווילען, זאָג — ?

ר י ט א: (נעהמט ארום לוידענשאפטליך זיין האַלז מיט איהרע הענד) דאן וועסטו ענדליך געהערען מיר אליין! (ברעכט אויס אין קאָנוואולסיוועץ געוויין) אה, אלפרעד, אלפרעד — איך קען זיך נים אבזאָגען פון דיר!

א ל מ ע ר ס: (בעפרייט זיך פון איהר, ווייך) אָבער, ליעבע ריטא, זיי דאָך פערשטענדיג!

ר י ט א: אך, וואָס ארט עס מיך, פערשטענדיג צי נים! איך טראכט נור פון דיר! פון דיר אליין אין דער גאנצער וועלט! (ווארפט זיך איהם אויפ'ן האַלז) פון דיר, פון דיר, פון דיר!

א ל מ ע ר ס: אַ לאַז אָב — וועסט מיך דערשטיקען!

ר י ט א: (אָבלאָזענדיג) אָה, ווען איך וואָלט געקענט! (קוקט אויף איהם מיט ברענענדיגע אויגען) אָה, ווען דו וואָלסט גע־ וואוסט ווי איך האָב דיר געהאסט —!

א ל מ ע ר ס: געהאסט!

ר י ט א: ווען דו ביסט געזעסען ביי זיך אין צימער, פער־ טיעפט אין דיין ארבייט, ביז שפּעט, שפּעט אין דער נאכט. (זיך קלאָגענדיג) אזוי לאנג, אזוי שפּעט, אלפרעד — אָ, ווי איך האָב דיין ארבייט געהאסט!

א ל מ ע ר ס: אָבער עס איז דאָך שוין אריבער.

ר י ט א: (מיט אַ בייסענדען געלעכטער) איצט גיבסטו זיך אָב מיט עפּעס, וואָס איז נאָך ערגער!

א ל מ ע ר ס: (אויפגעבראכט) נאָך ערגער! מיינסט דו עס איז אונזער קינד! דאָס ערגערע!

ר י ט א: (צינדט זיך אָן) יא, דאָס מיין איך. ער שטעהט צווישען אונז — איז ער ביי מיר דאָס ערגערע. און דאָס קינד — דאָס קינד איז נאָך דערצו א לעבעדיג בעשעפעניש (מיט א וואקסענ־ דער לוידענשאפטליכקייט) איך וועל עס ניט דערלאָזען, אלפרעד! כ'וועל ניט דערלאָזען — זאָג איך דיר!

אלמערס: (קוקט אויף איהר שטאר און זאָגט שטיל) אָפּט־מאָל, ריטאַ, האָב איך כמעט מורא פאַר דיר.

ריטא: (פינסטער) איך האָב מורא פאַר זיך אליין און טאָקי דערפאַר דאַרפסט דו ניט דערוועקען דאָס בעזע אין מיר.

אלמערס: אָבער, אום גאָטעס ווילען, טהו איך דען עס?

ריטא: יא, דו טהוסט עס — ווען דו צעררייסט דאָס הייליגסטע צווישען אונז.

אלמערס: (איינרעדענדיג) בעדענק זיך, ריטאַ. עס איז דאָך דיין לייבליך קינד — אונזער איינציג קינד.

ריטא: דאָס קינד איז בלויז האלב מיין (ליידענשאַפטליך אויס'ן נייז) דו אָבער דאַרפסט אינגאַנצען מיר געהערען! אינגאַנצען מיינער! מיט רעכט פאָדער איך עס פון דיר!

אלמערס: (קוועטשט מיט די פּלייצעס) אך, ליעבע ריטאַ. פאָדערן — העלפט ניט. אַלעס מוז פרייוויליג געגעבען ווערען.

ריטא: (קוקט אויף איהם געשפּאַנט) און איצט קענסטו עס שוין מעהר ניט?

אלמערס: ניין, — איך קען ניט. צו דיר און עאָלף'ען געהער איך.

ריטא: און ווען עאָלף וואָלט קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געוועזען? וואָס דאַן?

אלמערס: (אויסמיידענדיג) נו, דאַן וואָלט אנדערש געווען. דאַן וואָלסט דו ביי מיר געוועזען איינע.

ריטא: (שטיל, מיט אַ ציטעריגער שטימע) וואָלט איך קיינמאָל ניט געוואָלט איהם געבוירען.

אלמערס: (אויפשפּרינגענדיג) דו ווייסט אליין ניט וואָס דו רעדסט.

ריטא: (ציטערענדיג פון אויפרעגונג) איך האָב איהם געבוירען אין פיין, ניט איבערצודערצעהלען, נור דיר צוליעב האָב איך אַלץ אריבערגעטראָגען מיט פרייד און ענטציקונג —

אלמערס: יא, יא, איך ווייס עס גוט.

ר י ט א: (ענטשלאָסען) איצט זאָל אלעס אנדערש ווערען. מיין לעבען וויל איך לעבען — צוזאמען מיט דיר — איינגאנצען מיט דיר. איך קען ניט אייביג בלויז עאָלפ'ס מוטער זיין — א מוטער צו איהם און נור דאָס. איך ו ו י ל עס ניט, זאָג איך דיר! איך קען ניט! נור ד י י נ ע וויל איך זיין! נור דיינע!

א ל מ ע ר ס: אָבער דאָס ביסט דו דאָך שוין, ריטא. אונזער קינד צוליעב —

ר י ט א: אך — פוסטע רייד! מעהר גאָר ניט. ניין, דו ווייסט, ס'איז ניט פאר מיר. ווערען א מוטער, דאָס האָב איך גע־קענט, זיין א מוטער — דערצו טויג איך ניט. דארפסט מיך נעה־מען, ווי איך בין, אלפרעד.

א ל מ ע ר ס: און דאָך האָסטו פריהער אזוי הארציג ליעב געהאט עאָלפ'ען.

ר י ט א: איך האָב אויף איהם רחמנות געהאט, דען פאר דיר איז ער ווי ניט געוועזען. דו האָסט איהם געהאלטען אין איין צווינגען לייענען, חזר'ן אויסווענינ. פלעגסט אפילו אויף איהם קיין קוק ניט טהאָן.

א ל מ ע ר ס: (שאָקעלט פאמעליך מיט'ן קאָפּ) איך בין געוועזען בלינד. די צייט איז נאָך ניט געקומען —

ר י ט א: (קוקט אויף איהם) און איצט איז זי געקומען?

א ל מ ע ר ס: יא, ענדליך. איך זעה איצט איין, אז ס'איז ניטאָ אויף דער וועלט קיין העכערע אויפגאבע — זיין אן אמת'ער פאָטער עאָלפ'ען.

ר י ט א: און איך? וואָס ועסט דו פאר מיר זיין?

א ל מ ע ר ס: (ווייך) איך וועל דיר שטענדיג טריי זיין — שטיל און הארציג טריי (וויל אָננעהמען איהר האנד).

ר י ט א: (מיידט איהם אויס) דיין שטילע הארציגקייט איז פאר מיר גאָרניט. איך וויל, די זאָלסט מיר געהערען אין גאנצען. [illegible] מיר. ווי אין יענע וואונדערשעהנע טעג — (אויפגערעגט

און תארם) מעהר בענוגען איך זיך ניט מיט ברעקלעך — קיינמאל ניט, אלפרעד!

אלמערס: (ווייך) מיר דוכט, עס איז דא גליק גענוג פאר אונז אין דרייען.

ריטא: (שמייכעדיג) ניין, דו בענוגענסט זיך דאך אלעמאל מיט ווייניג (זעצט זיך ביי׳ם טיש לינקס) איצט הער אויס.

אלמערס: (נעהנטער) וואס?

ריטא: (מיט א מאטען גלאנץ אין די אויגען) ווען איך האב געכטען געקראגען דיין טעלעגראם —

אלמערס: נו, —

ריטא: האב איך זיך אין ווייסען אנגעטהאן —

אלמערס: איך האב בעמערקט דו ביסט געווען אנגעטהאן אין ווייסען, ווען איך בין געקומען צופאהרען.

ריטא: האב פאנאנדער געלאזט די האר.

אלמערס: דיינע גרויסארטיגע, שמעקעדיגע האר.

ריטא: — און זיי זיינען אראבגעהאנגען איבער מיינע שולטערן —

אלמערס: איך האב עס געזעהן, איך האב עס געזעהן. אה, ביסט דו רייצענד געווען!

ריטא: ראזע אבאזשורען אויףביידע לאמפען, און מיר זיינען געווען אליין, איך מיט דיר. אליין, מעהר קיינער ניט אין גאנצען הויז. און אויפ׳ן טיש — שאמפאניער.

אלמערס: איך האב ניט געטרונקען.

ריטא: (קוקט אויף איהם ערביטערט) יא, דאס איז אמת. (מיט א שניידענדען געלעכטער) „געווען שאמפאניער און ער האט ניט געטרונקען" — ווי עס דערצעהלט זיך אין א ליעד (שטעהט אויף, און עפעס ווי מיעד געהט צו צו דער סאפא, לאזט זיך אויף איהר אראב האלב־ליעגענדיג).

אלמערס: (געהט אום איבער׳ן צימער, שטעלט זיך אב נעבען איהר) איך בין אזוי נעווען פערנומען מיט מיינע געדאנקען.

איך האָב זיך געקליבען, ריטאַ, רעדען מיט דיר פון אונזער קינפטי־
גען לעבען, און, דער עיקר פון עאַלפ'ען.

ר י ט א : (שמייכלענדיג) און דו האָסט עס געטהאָן, מיין
ליעבער.

א ל מ ע ר ס : מיר איז ניט אויסגעקומען, דען דו האָסט זיך
גענומען אויסטהאָן.

ר י ט א : יאָ, אין יענער צייט האָסט דו גערעדט פון עאָלפ'ען.
דערמאָהן זיך דאָך! דו האָסט געפרעגט, ווי איז דער מאָגען ביי'ם
קליינעם עאָלף.

א ל מ ע ר ס : (קוקט אויף איהר מיט פאָרוואורף) ריטא — !

ר י ט א : דערנאָך ביסט דו אוועק צו זיך אין בעט און האָסט
פיין איינגעשלאָפען,

א ל מ ע ר ס : (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) ריטא, — ריטא!

ר י ט א : (לעגט זיך אינגאנצען אויפ'ן סאָפא און קוקט אויף
איהם) אלפרעד?

א ל מ ע ר ס : וואָס?

ר י ט א : „געווען שאמפאניער, און דו האָסט ניט געטרונ־
קען."

א ל מ ע ר ס : יא, איך האָב ניט געטרונקען.

(געהט אוועק פון איהר און שטעלט זיך ביי'ם טיר צום גארטען.
ריטא ליעגט עטליכע מינוט אָהן בעוועגונג, מיט פערמאכטע אויגען.)

ר י ט א : (שפרינגט פלוצלונג אויף) נור איינס וויל איך דיר
זאָגען, אלפרעד.

א ל מ ע ר ס : (קעהרט זיך אום) נו?

ר י ט א : זיי ניט ביי זיך אזוי זיכער.

א ל מ ע ר ס : ניט אזוי זיכער?

ר י ט א : זיי ניט אזוי זאָרגלאָז — ניט אזוי זיכער, אז איך
בין דיינע!

א ל מ ע ר ס : (נעהנטער צו איהר) וואָס ווילסטו דערמיט
זאגען?

ר י ט א: (מיט ציטערדיגע ליפּען) איך בין דיר אפילו אין געדאַנק ניט אונטריי געווען, אלפרעד! קיין רגע ניט.

א ל מ ע ר ס: אָבער, ריטא, איך ווייס עס דאָך. איך קען דאָך מיין ריטא.

ר י ט א: (מיט גליהענדע אויגען) ווערסטו אָבער זיך אָבקעהרען פון מיר —

א ל מ ע ר ס: איך פערשטעה ניט וואָס דאָס הייסט.

ר י ט א: אָ, דו ווייסט ניט וואָס אין מיר קען אויפוואכען, ווען —

א ל מ ע ר ס: ווען — ?

ר י ט א: ווען איך זאָל ווען׳ס איז בעמערקען אז איך בין דיר גאָרניט, אז דו ליעבכט מיך ניט, ווי פריהער.

א ל מ ע ר ס: אָבער, מיין ליעבע ריטא, מענשען ענדערן זיך דאָך מיט יאָהרען — אנ׳ענדערונג מוז דאָך קומען אויך אין אונזער צוזאמענלעבען, ביי אונז, ווי אומעטום.

ר י ט א: איך וועל זיך קיינמאָל ניט ענדערן! איך וויל ניט הערען פון קיין ענדערונג. איך וואָלט עס ניט איבערגעטראָגען, אלפרעד. איך וויל דו זאָלסט בלייבען פאר מיר אליין.

א ל מ ע ר ס: (קוקט אויף איהר בעטריעבט) דו ביסט שרעקליך אייפערזוכטיג.

ר י ט א: איך קען זיך ניט איבערמאכען (דראָהענדיג) אויב דו ווערסט זיך טיילען צווישען מיר און נאָך עמיצען —

א ל מ ע ר ס: וואָס דאן — ?

ר י ט א: וועל איך נקמה נעהמען, אלפרעד.

א ל מ ע ר ס: און ווי קענסט דו פון מיר נקמה נעהמען?

ר י ט א: איך ווייס ניט — אָה יא, איך ווייס.

א ל מ ע ר ס: נו?

ר י ט א: איך וועל געהן און זיך אָבגעבען —

א ל מ ע ר ס: זיך אָבגעבען זאָגסטו?

ר י ט א: יאָ, איך וועל עס טהאָן, זיך ווארפען אין די אָרעמס פון׳ם ערשטען, בעסטען —

א ל מ ע ר ס: (קוקט ליעבליך אויף איהר, שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ) ווייסט עס קיינמאָל ניט טהאָן — מיין עהרליכע, שמאָלצע, טרייע ריטאַ.

ר י ט א: (נעהמט מיט די הענד ארום זיין האַלז) דו ווייסט ניט אויף וואָס איך בין פעהיג, ווען — ווען דו וואָלסט מיך ניט געוואָלט מעהר קענען.

א ל מ ע ר ס: ווען איך וואָלט נים געוואָלט דיך מעהר קענען, ריטא? ווי קענסטו אזוי רעדען?

ר י ט א: (האַלב לאכענדיג, לאָזט איהם אָב) איך וואָלט געקענט פערמאַניען אין מיינע נעצען — גו אָט דעם וועג־בויער, וואָס נעהט אימער אריין צו אונז אין הויז.

א ל מ ע ר ס: (דערלייכטערט) גאָט צו דאנקען — דו שפאסט נור, איך זעה.

ר י ט א: עס פאלט מיר גאָר ניט איין. פאר וואָס ניט איהם, גלייך ווי יעדען אנדערן?

א ל מ ע ר ס: ווייל ער איז שוין כמעט פערבונדען.

ר י ט א: איז נאָך בעסער. נעהם איך איהם אוועק פון אן אנדערער. האָט דאָך עאָלף גראָד דאָסזעלבע מיר געטהאָן?

א ל מ ע ר ס: אונזער קליינער עאָלף?

ר י ט א: (מיט אַן אויסגעשטרעקטען צייגע־פינגער) זעהסט, זעהסט, ווי נור דו רעדסט ארוים זיין נאָמען, עאָלף׳ס נאָמען, ווערסט דו גלייך ווייך, דיין שטימע ציטערט (דראָהענדיג מיט די פויסטען) איך וואָלט כמעט געוואָלט — נור געווג —

א ל מ ע ר ס: (קוקט מיט שרעק אויף איהר) וואָס וואָלסטו געוואָלט?

ר י ט א: (ליידענשאפטליך, אָבגעהענדיג) ניין, ניין, ניין — דאָס זאָג איך ניט! קיינמאָל!

א ל מ ע ר ס: (נעהנטער) ריטא! איך בעשווער דיך, דיר און מיר צוליעב — ניב זיך ניט אונטער דעם בייזען נסיון.

(בארנהיים און אסטא קומען אריין פון גארטען. ביידע — אי־נערליך אויפגערעגט, נור זיי האבען זיך בעהערשט. זעהען אויס ערנסט און אונצופריעדען. אסטא בלייבט אויף דער ווערანדע. בארנהיים געהט אריין אין צימער.)

ב א ר נ ה י י ם: נו, יא. מיר האבען אונזער לעצטען שפא־ציער געמאכט, פריילין אסטא און איך.

ר י ט א: (קוקט פערוואונדערט אויף איהר) הא! און נאכ'ן שפאציער וועט ניט זיין קיין לענגערע רייזע?

ב א ר נ ה י י ם: יא, וואס מיך אנבעלאנגט —

ר י ט א: אייך אליין?

ב א ר נ ה י י ם: יא, מיך אליין.

ר י ט א: (ווארפט צו אלמערס'ען א פינסטערען בליק) הערסט, אלפרעד? (ווענדט זיך צו בארנהיים'ען) איך וועט זיך, אז א בייז אויג האט דא מיט אייך א שלעכטען שפאס געשפיעלט.

ב א ר נ ה י י ם: (קוקט זי אן) א בייז אויג?

ר י ט א: (שאקעלט מיט'ן קאפ) א בייז אויג, נו יא!

ב א ר נ ה י י ם: איהר גלויבט אין א בייז אויג, פרוי אלמערס?

ר י ט א: ניט לאנג האב איך אנגעהויבען צו גלויבען, און בעזונדערס אין א שלעכטען קינדערבליק.

א ל מ ע ר ס: (שעפטשעט איהר אין אויער אויפגעבראכט) ריטא, ווי קענסטו — !

ר י ט א: (מיט א האלבען קול) מאכסט מיך שלעכט און בייז, אלפרעד.

(פון ברעג הערט זיך א גערויש פון געמישטע געשרייען און רו־פענדע קולות. בארגהיים געהט צו צו דער גלעזערנער טיר.)

ב א ר נ ה י י ם: וואס 'ארא רויש — ?

אַ ס ט אַ: (אין טיר) זעהט נור וויפיעל עולם עס האָט זיך צונויפגעקליבען דאָרט אונטען ביי'ם ברעג!

א ל מ ע ר ס: וואָס קען דאָס זיין (קוקט א רגע ארויס) דאָס מוזען די גאסעניונגען זיין מיט זייער ווילדען שטיפעניען.

(עס הערט זיך אונקלאר ווי עטליכע שטימען ענטפערען, איבער־שלאָגענדיג איינער די אַנדערע.)

ר י ט א: וואָס זאָגען זיי?

ב אָ ר ג ה י י ם: זיי זאָגען, א קינד איז דערטרונקען.

אַ ל מ ע ר ס: א קינד דערטרונקען?

אַ ס ט אַ: (אונרוהיג) א קליין אינגעל, זאָגען זיי.

א ל מ ע ר ס: אָ, די אלע קענען דאָך שווימען.

ר י ט א: (מיט אַן אַנגסטגעשריי) וואו איז עאָלף?

א ל מ ע ר ס: בערוהיג זיך, בערוהיג זיך, עאָלף שפּיעלט אין גארטען.

אַ ס ט אַ: ניין, אין גאָרטען איז ער ניט געווען.

ר י ט א: (מיט אויפגעהויבענע הענד) אָה, ווען ס'איז נור ניט ער!

ב אָ ר ג ה י י ם: (הערט זיך צו און שרייט אראָב) זאָגט דאָרט וועמעס קינד איז עס?

(עס הערען זיך אונקלאָרע שטימען. באָרגהיים און אַסטאַ לאָזען ארויס אַן איינגעהאַלטענעם געשריי און לויפען האַסטיג אין גאָרטען.)

א ל מ ע ר ס: (אין שרעקליכער אויפרעגונג) דאָס איז ניט עאָלף! דאָס איז ניט עאָלף, ריטא!

ר י ט א: (אויף דער וועראנדע, הערט זיך איין) שטילער! שווייג! איך וויל הערען, וואָס זיי זאָגען.

(ריטאַ לויפט צוריק אריין אין צימער מיט א הארצרייסענדען געשריי.)

א ל מ ע ר ס: (הינטער איהר) וואָס האָבען זיי געזאָגט?

ר י ט א: (פאַלט אויפ'ן לעהנשטוהל לינקס) זיי האָבען גע־זאָגט: די קוליע שווימט!

אלמערס: (ווי געלעהמט) ניין! ניין! ניין!
רימא: (הייזעריג) עאָלף! עאָלף! זיי מוזען איהם דאָך רעטען!
אלמערס: (האַלב משוגע) זיי מוזען! אזא טייער לע־בען! אזא טייער לעבען!
(לויפט פראָב האַסטיג אין גאָרטען).

צווייטער אקט.

אַ קליינער שמאָלער טהאָל אין וואלד ביי'ם ברעג. הויכע, אלטע בוימער פערשפּרייטען זייערע צווייגען ווייט איבער'ן פּלאץ. אין דעם הינטערגרונד, באַרג אראָב, פליסט אַ טייכעל, וואָס פערליערט זיך צווישען די שטיינער ביי'ם ברעג וואַלד. אַ סטעזשקע ציהט זיך אין דער לענג פונ'ם טייכעל. רעכטס א פּאָר בוימער, צווישען זיי זעהט זיך דער פּיאָרד. פּאָרינט — אַ ווינקעל פון א פּלאַץ פאר שיפלעך און אויפ'ן ברעג — איין אנגעבונדענעס שיפעל.

אונטער אלטע בוימער לינקס — א טיש, אַ באַנק און אַ פּאָר שטוה־לען — צוזאמענגעקלאפּט פון דינע בעראָזעווע־ברעטער. א גראָהער, רע־גענדיגער טאָג. וואָלקען ציהען זיך איבער'ן הימעל.

אלפרעד אלמערס איז אָנגעטהאָן ווי פריהער; זיצט אויפ'ן באַנק מיט די עלענבויגען אויפ'ן טיש. זיין הוט ליעגט נעבען איהם. אונ־בעוועגליך און פערטראכט קוקט ער אויפ'ן פּיאָרד.

אין א ווייל׳ע ארום לאָזט זיך אַסטאַ אראָב אויפ'ן סטעזשקע, מיט אַן אָפענעם שירם אין האַנד.

אַ ס ט אַ: (געהט צו שטיל און פאָרזיכטיג צו אלמערס'ען) האָסט ניט געדאַרפט אין אזא שלעכטען וועטער זיצען דאָ אונטען, אלפרעד.

אַ ל מ ע ר ס: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און שווייגט).

אַ ס ט אַ: (מאַכט צו דעם שירם) איך האָב אַ לאַנגע צייט דיך געזוכט.

אַ ל מ ע ר ס: (מעכאַניש) אַ דאַנק דיר.

אַ ס ט אַ: (רוקט צו אַ שטוהל און זעצט זיך נעבען איהם) זיצסט שוין לאַנג דאָ? די גאַנצע צייט?

אלמערס: (ענטפערט ניט. אין א ווײלע ארום זאָגט ער) ניין, איך קען עס ניט בענעהמען, עס שײנט מיר גאנץ אונמעגליך — דאָס אלעס.

אסטא: ((לעגט איהר האַנד אויף זײן אָרעם, מיט הארץ) אָרימער אלפרעד!

אלמערס: (קוקט זי שטאַר אָן) איז עס טאקי אויפ׳ן וואָהר, אסטא? אפשר בין איך משוגע? אָדער איך חלום נור? אָ, ווען ס׳זאָל זײן ניט מעהר ווי א חלום! מאָהל זיך נור, ווי שעהן דאָס ערוואכען וואָלט געווען!

אסטא: אָ, ווען איך וואָלט דיך וואכענדיג געקענט מא־כען!

אלמערס: (קוקט אויפ׳ן וואַסער) ווי אונרחמנות׳דיג זעהט הײנט אויס דער פיאָרד, ווי שווער און פערשלאָפען זײן אָנ־בליק — בלײ־גרוי — מיט געלע פלעקען — און שפיעגעלט אָב די רעגענוואָלקען.

אסטא: (בעט זיך) אָ, אלפרעד, הער שוין אויף אמאָל צו קוקען אויפ׳ן פיארד!

אלמערס.: (הערט זיך ניט צו) אויף דער אויבערפלעכע — יא. אָבער אין דער טיעפעניש — דאָ געהט דער רעש׳יגער אונ־טערשטראָם —

אסטא: (אין אַנגסט) אָ, אום גאָטעס ווילען — ניט טראכט פון דער טיעפעניש!

אלמערס: (קוקט איהר אָן זאנפט) דו מײנסט, ער ליעגט דאָ נאָהענט בײ׳ם ברעג? אָ ניין, ליעבע אסטא. גלויב דאָס ניט. פערגעס ניט, ווי רעש׳יג דער שטראָם איז דאָ. גלײך אין ים ארײן.

אסטא: (פערדעקט דאָס געזיכט מיט איהרע הענד, פאלט צו צום טיש) אָה גאָט, אָה גאָט!

אלמערס: דו פערשטעהסט, דער קלײנער עאָלף איז אוועק אזוי ווײט — איז איצט ווײט אוועק פון אונז.

אסטא: (קוקט אויף איהם מיט א געבעט) אַ,אלפרעד, רעד ניט אזעלכע ווערטער!

אלמערס: קענסט אליין אויסרעכנען — ביסט דאָך אזוי געשיקט — אין אכט און צוואנציג — ניין און צוואנציג שעה — ווארט נור —! ווארט נור —!

אסטא: (פערטראכט) ווי איז אויב עס זעהט נור אוים—?

אלמערס: (פרעסט צונויף די האַנד פעסט אויפ'ן טיש) זאָג נור, פערשטעהסטו דעם זין דערפון?

אסטא: (קוקט איהם אָן) דעם זין — פון וואָס?

אלמערס: דאָס, וואָס איז געשעהן מיר און ר מא'ן.

אסטא: דעם זין?

אלמערס: (אונגעדולדיג) יא, איך זאָג: דעם זין. דען עס מוז דאָך א זין האָבען. דאָס לעבען, עקזיסטענץ, שיקזאל — דאָס אלעס קען דאָך ניט זיין אָהן א זין.

אסטא: אָה, ווער קען דעריבער זאָגען עפּעס זיכערעס, פּאָזיטיוועס, ליעבער אלפרעד?

אלמערס: (צו־לאכט זיך ביטער) יא, יא, ביסט גערעכט. ווער ווייס, אפשר געהט זיך אלעס אזוי זיך, געטריבען פון צופאל — ווי א צובראָכענע שיף אָהן א רודער? עס קען גרייליך זיין — ווענינגסטענס אזוי זעהט עס אוים.

אסטא: (פערטראַכט) ווי איז אויב עס זעהט נור אוים—?

אלמערס: (היציג) הא? אפשר קענסט דו מיר אן ער־קלערונג געבען. איך קען ניט. (זאַנפטער) עס לעבט אן עאָלף; קומט די שעה, ווען ער דארף אָנהויבען לעבען בעוואוסטזיניג, פול פון אונענדליכע מעגליכקייטען — רייכע מעגליכקייטען, אפשר. ער האָט געזאָלט אָנפילען מיין לעבען מיט פרייד און שטאָלץ. דארף זיך בעווייזען עפּעס א משוגע'נע אלטיטשקע — עפּעס א הינטעל אין זאק —

אסטא: מיר ווייסען דאָך אייגענטליך גאָרניט, ווי דאָס איז פאָרגעקומען.

אלמערס: אודאי, ווייסען מיר. די אינגלעך האָבען איהר אויפ'ן שיפעל געזעהן, אויפ'ן פיאָרד. זיי האָבען געזעהן עאָלפ'ען שטעהענדיג איינער אליין אויפ'ן ראנד פון בריקעל. האָבען געזעהן ווי ער האָט געקוקט אויף איהר שטאר — און פלוצלונג האָט איהם אָנגעהויבען עפּעס ווי שווינדלען אין קאָפּ. און דאן איז ער אראָב־געפאלען — און איז פערשוואונדען.

אסטא: מעגליך, אָבער דאָך —

אלמערס: זי האָט איהם פערשלעפּט אין דער טיעפעניש אריין. זייט זיכער.

אסטא: אָבער, ליעבער, וואָס האָט זי עס געדאַרפט?

אלמערס: דאָס איז עס דאָך! וואָס האָט זי עס גע־דאַרפט? פון קיין פערגעלטונג קען דאָ קיין רייד ניט זיין. עאָלף האָט ניט געזינדיגט, ער זאָל דארפען פאר זיינע זינד אָבקומען. עאָלף האָט קיינמאָל איהר קיין שלעכטס ניט געטהאָן, ניט גערייצט זיך מיט איהר, אויף איהר הונד קיין שטיינער קיינמאָל ניט גע־וואָרפען, ער האָט דאָך ביז נעכטען זי און דעם הונד גאָר אין די אויגען ניט אָנגעזעהן. קיין פערגעלטונג הייסט עס. די גאנצע זאַך, אסטא, איז דאָך אהן א שום גרונד — גאָר אָהן א זין. — און דאָך איז עס נייטיג געווען פאר דער וועלטאָרדנונג.

אסטא: האָסט גערעדט דערפון מיט ריטא'ן?

אלמערס: (שאָקלט מיט'ן קאָפּ) מיט דיר איז מיר עפּעס לייכטער צו ריידען דערפון. (אָטעמט שווער) ווי פון אלצדינג. (אסטא נעהמט ארויס פון איהר טאַש א נאָדעל, פאָדעם, און א פּאַ־פּירענעם פּעקיל. אלמערס קוקט פערטראַכט).

אלמערס: וואָס האָסטו דאָ, אסטא?

אסטא: (נעהמט זיין הוט) א שטיקעל שווארצען קרעפּ.

אלמערס: אַך, צו וואָס דארף מען דאָס?

אסטא: ריטא האָט מיך געבעטען, איך זאָל עס אָננעה־ען, ערלויבסטו?

אלמערס: ווי דו ווילסט. מיר איז אלץ איינס.

(זי נעהט צו דעם קרעפּ צום חוּמש.)

אלמערס: (קוקט צו) וואו איז ריטא?

אסטא: זי געהט ארום א ביסעל אין גאָרטען, דוכט זיך. מיט איהר איז באָרגהיים.

אלמערס: (אביסעל פערוואונדערט) הא? באָרגהיים איז היינט אויך דאָ ביי אונז?

אסטא: יא, ער איז געקומען מיטאגצייט מיט'ן צוג.

אלמערס: דאָס האָב איך ניט ערווארט.

אסטא: (נעהט) ער האָט דאָך אזוי ליעב געהאט עאָלפ'ען.

אלמערס: באָרגהיים איז א טרייע נשמה, אסטא.

אסטא: (מיט רוהיגער וואַרימקייט) יא, טריי, גאנץ געווים.

אלמערס: (קוקט זי אָן) איינענטליך האָסטו איהם ליעב.

אסטא: יא, ליעב.

אלמערס: און קענסט זיך דאָך ניט ענטשליסען —?

אסטא: (שלאָגט איהם איבער) אך, ליעבסטער אלפרעד, רעד ניט דערפון!

אלמערס: דאָך, דאָך — זאָג מיר נור, פארוואָס קענסטו ניט—?

אסטא: אָה ניין! איך בעט דיך, ניט פרעג! עס טהוט מיר אזוי וועה — נו, אָט האָבען מיר שוין דעם הוט פארטיג.

אלמערס: א דאנק.

אסטא: איצט דעם לינקען ארעם. —

אלמערס: אויף דעם אויך?

אסטא: יא, אזוי איז דער מנהג.

אלמערס: נו, — ווי דו ווילסט.

(זי רוקט זיך צו נעהנטער און הויבט אָן נעהען.)

אסטא: ריהר ניט די האנד, א ניט וועל איך דיך איינ־

אלמערס: (האלב שמייכלענדיג) גאָר ווי אין די אמאָליגע יאָהרען.

אסטא: נים וואהר?

אלמערס: נאָך אלס קליין מיידעל פלעגסטו זיצען און פערריכטען מיינע קליידער.

אסטא: ווי איך האָב געקענט.

אלמערס: דאָס ערשטע, וואָס דו האָסט פאר מיר גענעהם — א שווארצע קרעפּ איז דאָס געווען.

אסטא: יא?

אלמערס: צו מיין סטודענטען היטעל. ווען מיין פאָטער איז געשטאָרבען.

אסטא: טאקי, ווירקליך? — איך געדענק עס שוין גאָרנים.

אלמערס: אודאי, ביסט נאָך גאָר א קליינע דעמאָלט געווען.

אסטא: יא, א קליינע געווען.

אלמערס: אין צוויי יאָהר ארום, — ווען מיר האָבען דיין מוטער פערלויירען, — האָסטו מיר אויך א גרויסען קרעפּ־באנד צום ארבעל אָנגענעהם.

אסטא: איך האָב געמיינט אז מען דארף אזוי.

אלמערס: (גלעט איהר די האַנד) יא, יא, מען האָט געדארפט אזוי, אסטא. מיר זיינען געבליבען אליין אויף דער וועלט, מירביידע —. האָסט שוין געענדיגט?

אסטא: יא. (לעגט דאָס נעהגעצייג צוזאמען) דאָס איז דאָך אייגענטליך געווען א וואונדערשענע צייט פאר אונז, אלפרעד. ווען מיר צוויי זיינען געבליבען אליין.

אלמערס: געוויס. ווי שווער ס'איז אונז ניט אויסגעקומען צו מאטערן זיך.

אסטא: געמאטערט האָסט דו זיך.

א ל מ ע ר ם: (לעבעדיגער) דו אויך — אויף דיר שטיי־
גער, — (שמייכעלט) דו, מיין ליעבער, טרייער — עאָלף!

א ס ט א: אַ, דערמאָן מיר ניט די נארישקייטען מים'ן נאָ־
מען.

א ל מ ע ר ם: ווען דו ווערסט געבוירען אַ אינגעל, וואָלסטו
דאָך עאָלף געהייסען.

א ס ט א: יא, ווען! — האָסט אָנגעהויבען צו געהן אין
אוניווערסיטעט (לאכט ניטווילענדיג) דו זאָלסט אזוי קינדיש זיין!

א ל מ ע ר ם: בין א י ך קינדיש געווען?

א ס ט א: יא, — אלענפאלס דוכט מיר איצט אזוי. האָסט
זיך דאָך געשעהמט, וואָס דו האָסט ניט קיין ברודער — נור א
שוועסטער.

א ס ט א: ניין, דאָס האָסטו זיך געשעהמט.

א ס ט א: נו יא, איך אויך אביסעל, מעגליך. אויסערדעם
האָט מיר עפּעס באנג געטהאָן פאר דיר —

א ל מ ע ר ם: יא, יא, האָסטו אויסגעזוכט מיינע אלטע
אינגלישע קליידער —

א ס ט א: אמת, דיינע פיינע יום־טוב קליידער. געדענקסט
די בלויע בלוזע און די הויזען ביז די קניה?

א ל מ ע ר ם: (לאָזט זיין בליק רוהען אויף איהר) ווי א
לעבעדיגע שטעהסט דו פאר מיר אין דעם אנצוג.

א ס ט א: איך פלעג איהם דאָך אָנטהאָן, נור ווען מיר
זיינען אליין געווען אין הויז.

א ל מ ע ר ם: ווי ערנסט מיר האָבען עס געטהאָן — צו־
פריעדען מיט זיך, געדענקסטו! איך פלעג דיך שטענדיג רופען
עאָלף.

א ס ט א: דאָס האָסטו, האָף איך, ריטא'ן ניט דערצעהלט?

א ל מ ע ר ם: דערצעהלט איהר, דוכט זיך, אמאָל.

א ס ט א: אָ, אלפרעד, ווי האָסטו עס געקענט טהאָן?

אלמערס: ווייסט דאָך, — מען דערצעהלט דער ווייב אלעס — אָדער כמעט אלעס.

אסטא: יא, מעגליך.

אלמערס: (ווי פון שלאָף, כאַפּט זיך פאר'ן שטערן און שפּרינגט אויף) אָ—אָ! און איך קען דאָ זיצען און —

אסטא: (שטעהט אויף און קוקט איהם אָן פערזאָרגט) וואָס איז דיר?

אלמערס: ער איז עפּעס ווי ענטרונען פון מיר, גאָר אין גאנצען ענטרונען.

אסטא: עאָלף!

אלמערס: דאָ בין איך געזעסען, געלעבט אין דער וועלט פון זכרונות. און ער איז ניט געווען דערביי.

אסטא: אָך, אלפרעד, — הינטער אלעם דעם איז ער דאָך געשטאַנען, דער קליינער עאָלף.

אלמערס: ניין, ניין, ער איז מיר ארויס פון זינען — פערשוואונדען פון מיין זכרון. ער איז מיר אויף א רגע אויפ'ן געדאנק ניט ארויף, זינט איך זיץ דאָ מיט דיר און רעד. איך האָב אינגאנצען פערגעסען אָן איהם.

אסטא: אָבער דו דארפסט דאָך קומען צו זיך פון די צרות.

אלמערס: ניין, ניין, ניין, — דאָס נישט! דאָס טאָר איך נישט. דערצו האָב איך ניט קיין רעכט — קיין הארץ ניט. (געהט אויפגערעגט רעכטס) אלע מיינע געדאנקען מוזען זיין מיט איהם דאָרט, וואו ער רוהט, אין דער טיעפעניש!

אסטא: (געהט איהם נאָך, פערהאַלט איהם) אלפרעד, געה ניט צום וואסער!

אלמערס: איך מוז געהן צו איהם! לאָז מיך אָב, אסטא! איך וויל זיך זעצען אין שיפעל.

אסטא: (מיט שרעק) געה ניט צום וואסער, זאָג איך!

אלמערס: (גיט נאָך) גוט, גוט, — איך געה נים, לאָז מיך נור אָב.

אסטא: (פיהרט איהם צו צום טיש) מוזט די געדאנקען צו רוה לאָזען, אלפרעד, קום אהער און זעץ זיך.

אלמערס: (וויל זיך זעצען אויפ'ן באנק) נו יא, ווי דו ווילסט.

אסטא: ניין, זעץ זיך ניט דאָ.

אלמערס: אך, לאָז מיך —

אסטא: ניין, טהו עס ניט. ווערסט ווייטער האלטען אין איין קוקען אהין — (צווינגט איהם זיך זעצען אויף א שטוהל, מיט'ן רוקען רעכטס) אזוי, — איצט גוט. (זעצט זיך אויף דער באַנק), איצט וועלען מיר וויעדער אביסעל זיך דורכרעדען.

אלמערס: (אָטעמט שווער) ווי גוט, דאָס איך האָב אויף א מינוט פערגעסען מיין הארצוועהטאָג.

אסטא: דאָס מוזטו, אלפרעד.

אלמערס: איז'ס ניט שוואכקייט און טעמפּקייט פון מיר, וואָס איך קען פערגעסען ?

אסטא: אָ ניין, עס איז דאָך אונמעגליך זיך אייביג ארומדרעהען ארום דעמזעלבען געדאנק.

אלמערס: מיר וועניגסטענס איז עס אונמעגליך. פאר דיין קומען האָט מיך געפייניגט א מורא'דיגער וועהטאָג, נימאָ קיין ווערטער פאר דער פיין —

אסטא: נו ?

אלמערס: ווערסטו גלויבען, אסטא ? ה'ם —

אסטא: וואָס ?

אלמערס: פלוצלונג כאַפּ איך זיך ביי'ם געדאנק, וואָס פאר א געריכטען וועלען מיר היינט צום מיטאָג האָבען.

אסטא: (בערוהיגענד) אבי נור עס בערוהיגט דיך, —

אלמערס: יא, שטעל זיך פאָר, — עס האָט מיך ווירקליך עפּעס ווי בערוהיגט (שטרעקט אויס די האַנד איבער'ן טיש) ווי

גיט, וואָס דו ביסט מיט מיר, אסטאַ. עס פרעהט מיך אזוי. פרעהט מיך — אין מיין טרויער.

אסטא: (קוקט איהם ערנסט אָן) מייסטענס דארפסט זיך פרעהען, וואָס דו האָסט ריטאַ׳ן.

אלמערס: יא, געוויס. אָבער ריטא איז ניט קיין אייגענע. א שוועסטער — דאָס איז גאָר עפּעס אנדערש.

אסטא: (אנגעשטרענגט) ביסט זיכער, אלפרעד?

אלמערס: יא, אונזער פאמיליע איז עפּעס גאָר אן אנדערע. (האַלב אין שפּאַס) אונזערע נעמען הויבען זיך שטענדיג אָן מיט העלע בוכשטאבען. געדענקסט, מיר האָבען אָפט דערפון גערעדט? און די קרובים, — זיי זיינען אלע אָרימעלייט, איינער ווי דער אנדערער, און אלע האָבען מיר דיעזעלבע אויגען.

אסטא: געפינסטו, אז איך אויך — ?

אלמערס: ניין, דו ביסט אינגאנצען אין דיין מוטער געראָטען. ביסט גאָר ניט ענליך צו אונז אלע. אפילו צום פאָטער ניט. דאָך —

אסטא: דאָך — ?

אלמערס: איך מיין, אונזער צוזאמענלעבען האָט אונז ביידען איבערגעגאָסען אין איין פורעם, מיך אין דיין, און דיך אין מיין געשטאלט. גייסטיג, פערשטעהסט זיך.

אסטא: (בעוועגט, הארציג) זאָג דאָס ניט, אלפרעד! מיין פורעם האָב איך פון דיר, דאָס איז ריכטיג. דו ניט. און דיר פערדאַנק איך אלעס — אלדאָס גוטע אין דער וועלט.

אלמערס: (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ) דו האָסט מיר גאָרניט צו פערדאנקען, אסטא. פערקעהרט —

אסטא: אלעס האָב איך דיר צו פערדאנקען! דאָס ווייסט דו גאַנץ גוט. קיין קרבן איז ניט געווען צו שווער פאר דיר —

אלמערס: (שלאָגט זי איבער) אָ. נארישקייטען, קרבנות! הער אויף! — איך האָב דיך פּשוט ליעב געהאט. אסטא, נאָך ווען דו ביסט געווען א קליין קינד. (נאָך א קורצער פּאוזע) דערצו האָט זיך

מיר שטענדיג גערוכט, אז איך דארף צו רעכט מאכען דאָס גרויסע אונרעכט, וואָס מען האָט דיר געטהאָן.

א ס ט א: (פערוואונדערט) אונרעכט? דו?

א ל מ ע ר ס: ניט גראד פון מיין זייט. אָבער —

א ס ט א: (אָנגעשטרענגט) אָבער — ?

א ל מ ע ר ס: פונ'ם פאָטער'ס זייט.

א ס ט א: (כאפט זיך אויף פון דער באַנק) פון דעם פאָטער'ס זייט! (זעצט זיך וויעדער) וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגען, אלפרעד?

א ל מ ע ר ס: דער פאָטער איז קיינמאָל ניט געוועזן איבעריג גוט צו דיר.

א ס ט א: (היציג) זאָג דאָס ניט!

א ל מ ע ר ס: דאָך, איז עס אזוי. ער האָט דיך ניט געליעבט. ניט ווי ער האָט געדארפט ליעבען.

א ס ט א: (אויסמיידענדיג) אפשר ניט אזוי שטארק ווידיך. דאָס איז דאָך גאנץ נאטירליך.

א ל מ ע ר ס: (רעדט ווייטער) און אויך מיט דיין מוטער איז ער אָפט געוועזן שטרענג. ווענינגסטענס אין די לעצטע יאָהרען.

א ס ט א: (שטיל) די מוטער איז דאָך געוועזן פיעל יונגער פון איהם. פערגעס ניט.

א ל מ ע ר ס: מיינסט, זיי זיינען ניט געוועזן קיין גלייכע פּאָר.

א ס ט א: אפשר ניט.

א ל מ ע ר ס: נו גוט, אָבער—. דער פאָטער איז דאָך אימער געוועזן אזא ווייכער, הארציג־גוטער מענש — פריינדליך צו יעדעם איינעם —

א ס ט א: (שטיל) די מוטער איז אויך ניט שטענדיג געוועזן דאָס, וואָס זי האָט געדארפט זיין.

א ל מ ע ר ס: דיין מוטער!

א ס ט א: פיעלייכט ניט שטענדיג!

אלמערס: קענגען דעם פּאָטער, מיינסטו?

אסטא: יאָ.

אלמערס: איך האָב עס קיינמאָל ניט בעמערקט.

אסטא: (שטעהט אויף, איינהאלטענדיג טרעהרען) אָ, ליעבער אלפרעד, — לאָז זיי רוהען, — זיי, וואָס זיינען שוין ניט מעהר מיט אונז (געהט אוועק רעכטס).

אלמערס: (שטעהט אויף) יאָ, זאָלען זיי רוהען (ברעכט די הענד) אָבער זיי, וואָס זיינען שוין ניט מעהר מיט אונז, — זיי לאָזען אונז ניט רוהען, אסטא — ניט ביי טאָג, און אויך ביי נאכט ניט.

אסטא: (קוקט אויף איהםווארעם) די צייט היילט אלעס. וועסט זיך בערוהיגען, אלפרעד.

אלמערס: (קוקט זי אָן, אונבעהאָלפען) יאָ, רעכנסט אז יאָ? אָבער ווי קומט מען איבער די ערשטע שרעקליכע טעג —? (הייזעריג) דאָס ווייס איך ניט.

אסטא: (לעגט די הענד אויף זיינע פּלייצעס, בעט זיך) געה צו ריטאַ'ן, איך בעט דיך —

אלמערס: (בעפריים זיך פון איהר, היציג) ניין, ניין, ניין — רעד ניט דערפון! איך קען ניט, פערשטעהסט. (רוהיגער) לאָז מיך בלייבען מיט דיר דאָ.

אסטא: יאָ, איך וועל דיך ניט פערלאָזען.

אלמערס: (כאַפּט אָן איהר האַנד און האַלט זי פעסט) איך דאַנק דיר! (קוקט א ווײַלע אויס'ן פיאָרד) וואו איז איצט מיין קליינער עאָלף? (שמייכעלט טרויריג צו) קענסט מיר עס זאָגען, — דו, מיין גרויסער, קלוגער עאָלף? (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) קיין מענש אין דער וועלט וועט מיר דאָס ניט זאָגען. און איך ווייס ניט מעהר, ווי דאָס איינע שרעקליכע, אז ער איז אוועק פון מיר.

אסטא: (קוקט לינקס, נעהמט צו די האנד) דאָס זיינען זיי. (ריטא און באָרגהיים לאָזען זיך אראָב אויפ'ן שטעג. זי געהט

פאַראויס, ער גאָך איהר. זי טראָגט א טונקעל קלייד, איבער'ן קאָפּ א שוואַרצען שלייער. האַלט א שירם אונטער'ן אָרעם.)

א ל מ ע ר ס : (געהט אַנקעגען ריטאַ'ן) ווי פיהלסטו זיך, ריטא?

ר י ט א : (געהט פאַרביי איהם) אַך, פרעג ניט.

א ל מ ע ר ס : וואָס ביסטו אהער געקומען?

ר י ט א : נור זעהען, וואו דו ביסט. וואָס טהוסט דו?

א ל מ ע ר ס : גאָרניט, אסטא איז געווען מיט מיר.

ר י ט א : און איידער זי איז געקומען? האָסט זיך ניט געוויעזען דעם גאַנצען פריהמאָרגען.

א ל מ ע ר ס : בין געזעסען דאָ און געקוקט אויפ'ן פיאָרד.

ר י ט א : או, — ווי קענסטו?

א ל מ ע ר ס : (אונרוהיג) איך וויל ליעבער זיין אליין.

ר י ט א : (געהט אונרוהיג אויף און אָב) און רוהיג זיצען! זיך ניט געריהרט פון אָרט!

א ל מ ע ר ס : ריהרען זיך — וואוהין? צו וואָס?

ר י ט א : איך קען זיך קיין אָרט ניט געפינען. ווענינער פון אלעם — דאָ וואו דער פיאָרד איז פאר די אויגען.

א ל מ ע ר ס : אָט ווייל דער פיאָרד איז אזוי נאָהענט —

ר י ט א : (צו באָרגהיים'ען) אפשר זאָל ער מיט אונז איצט געהן?

ב אָ ר ג ה י י ם : (צו אלמערס'ען) איך רעכען, דאָס איז בעסער פאר אייך.

א ל מ ע ר ס : ניין, ניין, — לאָז מיך בלייבען, וואו איך בין.

ר י ט א : וועל איך בלייבען מיט דיר, אלפרעד.

א ל מ ע ר ס : מיינעטוועגען. — בלייב דו אויך, אסטא.

א ס ט א : (שטילערהייט צו באָרגהיים'ען) לאָמיר זיי לאָזען אליין!

ב אָ ר ג ה י י ם : (מיט א בליק, וואָס ווייזט, אז ער האָט

פֿאַרשטאַנען) פריילין אלמערס, ועלען מיר זיך פיעלייכט אביסעל דורכגעהן — אויפ'ן ברעג? צום אלערלעצטען מאָל!

א ס ט א: (נעהמט איהר שירם) קומט. מיר וועלען זיך אבי־סעל דורכגעהן.

(אַסטאַ און באָרגהיים געהען אוועק צום שאָפּע צו. אלמערס מאכט א פּאָר שרים, זעצט זיך אויף א שטיין אונטער די בוימער אין פאָרדער־גרונד לינקס.)

ר י ט א: (דערנעהנטערט זיך. בלייבט שטעהן פאר איהם, אראָב־לאָזענדיג די צוזאמענגעלעגטע הענד). קענסט זיך געוואוינען צו'ם געדאנק, אז מיר האָבען עאָלפ'ען פערלוירען?

א ל מ ע ר ס: (קוקט טרויעריג פאר זיך) מיר מוזען זיך צו־רעם געדאנק צוגעוואוינען.

ר י ט א: איך קען נים, איך קען נימ. און דערצו די שרעק־ליכע געשטאלט, וואָס וועט דאָס גאנצע לעבען לאנג שטעהן פאר מיינע אויגען.

א ל מ ע ר ס: (מהוט א קוק אויף איהר) וואָס פאר א גע־שטאלט? וואָס האָסטו געזעהן?

ר י ט א: איך האָב ניט געזעהן מיט מיינע אויגען. איך האָב נור געהערט דערצעהלען. א — !

א ל מ ע ר ס: זאָג שוין.

ר י ט א: מיט באָרגהיים'ען זיינען מיר צוגעגאנגען צו'ם ברעג.

א ל מ ע ר ס: וואָס עפּעס?

ר י ט א: אויספרעגען די אינגלעך, ווי דאָס איז פאָרגע־קומען.

א ל מ ע ר ס: דאָס ווייסען מיר דאָך שוין.

ר י ט א: האָבען נאָך עפּעס דערוואוסט זיך.

א ל מ ע ר ס: נו?

ר י ט א: עס איז ניט אמת, אז ער איז פערשוואונדען מיט אמאָל.

אלמערס: דאָס זאָגען זיי איצט?

ריטא: יא. זיי זאָגען, זיי האָבען איהם געזעהן ליעגען אויפ'ן גרונד. טיעף אונטען אינ'ם קלאָרען וואסער.

אלמערס: (קריצט די ציין) און זיי האָבען איהם נים גערעטעט?

ריטא: ניט געקענט, געווים.

אלמערס: זיי קענען שווימען, — זיי אלע. האָבען זיי דיר דערצעהלט, ווי ער איז געלעגען?

ריטא: יא, זיי זאָגען, ער איז געלעגען אויפ'ן רוקען, מיט גרויסע, אָפענע אויגען.

אלמערס: מיט אָפענע אויגען, אָבער גאנץ שטיל?

ריטא: יא, גאנץ שטיל. פלוצלונג האָט איהם עפעס א כאפ געטהאָן און אוועקגעטראָגען. א אונטערשטראָם זאָגען זיי.

אלמערס: (שאָקעלט פאמעליך דעם קאָפּ) דאָס האָבען זיי צולעצט געזעהן!

ריטא: (טרעהרען שטיקען איהר) יא.

אלמערס: (מיט א קרעפטיגער שטימע) און קיין—קיין מענשליך אויג וועט איהם שוין מעהר ניט זעהן.

ריטא: (יאמערנדיג) טאָג און נאכט וועל איך איהם זעהן, ווי ער איז דאָרט אונטען געלעגען.

אלמערס: מיט די גרויסע, אָפענע אויגען.

ריטא: (שוידערענדיג) מיט די גרויסע, אָפענע אויגען, איך זעה זיי! אימער שטעהן זיי פאר מיר!

אלמערס: (שטעהט לאנגזאם אויף און קוקט זי שטיל דראָ־הענדיג אָן) זיינען דאָס געווען — בייזע אויגען, ריטא?

ריטא: (ווערט בלייך) בייזע—?

אלמערס: (נעהנטער) האָט דאָס א בייזער בליק זיך געצויגען שטאר אין דער הויך? פון דער טיעפעניש ארוים?

ריטא: (טרעט אָב) אלפרעד!

אלמערס: (געהט איהר נאָך) ענטפּער מיר! איז דאָס געווען דער בייזער בליק פון קינד?

ריטא: (שרייט) אלפרעד! אלפרעד!

אלמערס: דיין בעגעהר איז מקוים געוואָרען.

ריטא: וואָס האָב איך דען בעגעהרט?

אלמערס: אז עאָלף זאָל ניט זיין.

ריטא: קיינמאָל אין מיין לעבען האָב איך עס ניט בעגעהרט! מיין וואונש איז נור געווען, עאָלף זאָל ניט שטעהן צווישען אונז.

אלמערס: נו יא, איצט שטעהט ער שוין ניט מעהר.

ריטא: (שטיל, שטארענדיג פאר זיך) אפשר מעהר, ווי ווען עס איז. (ציטערט אויף פּלוצלונג) אָ, די שרעקליכע געשטאלט!

אלמערס: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) דער בייזער בליק פון קינד, יא.

ריטא: (וויכט פון איהם, אין שרעק) לאָז מיך אָב, אל־פרעד. איך שרעק זיך פאר דיר! זעהסט אוים אזוי מאָדנע, ווי קיינמאָל!

אלמערס: (קוקט אויף איהר הארט און קאַלט) דער וועה־טאָג מאכט אונז שלעכט און העסליך.

ריטא: (דערשראָקען אָבער מיט טראָץ) איך האָב דאָס־זעלבע געפיהל.

(אַלמערס געהט רעכטס, קוקט אויפ'ן פיאָרד, ריטא זעצט זיך ביי'ם טיש. א קורצע פּאוזע.)

אלמערס: (מיט'ן קאָפּ צו איהר) האָסט איהם קיינמאָל ניט ליעב געהאט מיט'ן גאנצען הארצען. קיינמאָל!

ריטא: (קוקט צו זיך, קאַלט) עאָלף האָט זיך קיינמאָל ניט געצווינגען צו מיר מיט'ן גאנצען הארצען.

אלמערס: ווייל דו האָסט ניט געוואָלט איהם צוציהען צו זיך.

ר י ט א: אַ ניין, געוואָלט, אפילו שטארק געוואָלט. אָבער עמיצער איז אין וועג געשטאַנען, פון אָנהויב אָן.

א ל מ ע ר ס: (קעהרט זיך איינגאַנצען אום) איך בין עס געשטאַנען אין וועג!

ר י ט א: אַ, ניין! ניט אין אָנהויב —

א ל מ ע ר ס: (נעהנטער) ווער זשע?

ר י ט א: די טאַנטע.

א ל מ ע ר ס: אסטא?

ר י ט א: יא, אסטא האָט זיך מיר געשטעלט אין וועג.

א ל מ ע ר ס: אסטא — זאָגסטו?

ר י ט א: געוויס, אסטא — זי האָט איהם צוגעשמידט צו זיך — באלד ווי דאָס איז געשעהן, — דאָס אונגליקליכע פאַלען.

א ל מ ע ר ס: אויב געטהאָן, האָט זי עס געטהאָן אויס ליעבע.

ר י ט א: (קאָכט זיך) דאָס איז דאָך עס! איך וויל זיך ניט טיילען! אין ליעבע, מיין איך.

א ל מ ע ר ס: מיר האָבען געדארפט צוטיילען איהם צווישען זיך אין ליעבע.

ר י ט א: (קוקט מיט פעראכטונג אויף איהם) מיר? אויך דו האָסט אייגענטליך קיינמאָל ניט געפיהלט קיין אמת'ע ליעבע צו איהם.

א ל מ ע ר ס: (קוקט פֿערשטוינט) איך ניט —!

ר י ט א: ניין, אויך דו ניט. ביסט דאָך געווען איינגאַנצען פערטהון אין דיין בוך — וועגען פעראנטוואָרטליכקייט.

א ל מ ע ר ס: (הייס) יא, געווען. אָבער גראד דאָס בוך, — דאָס האָב איך דאָך געאָפּפערט צוליעב עאָלפ'ען.

ר י ט א: ניט אויס ליעבע צו איהם.

א ל מ ע ר ס: וואָס דען, מיינסטו?

ר י ט א: ווייל אין דיין הארצען האָט געבּרענט א פייער

פון אונצוטרוי צו זיך, ווייל דו האָסט אָנגעהויבען צו צווייפלען צי דיר איז ווירקליך בעשערט א גרויסע אויפגאבע אין לעבען.

א ל מ ע ר ס : (פאַרשעמדיג) האָסט עפּעס בעמערקט אָן מיר?

ר י ט א : אָ, יאָ — אביסעל. האָסט אָנגעהויבען צו זוכען עפּעס נייעס, וואָס זאָל אָנפילען דיין נשמה. מיט מיר, ווייזט אויס, האָסט זיך שוין מעהר ניט געקענט בעגוגענען.

א ל מ ע ר ס : דאָס איז דאָס געזעץ פון אייביגער פערוואנדלונג, ריטא.

ר י ט א : דערפאר האָכטו געוואָלט פון דעם קליינעם עאָלף א וואונדערקינד מאבען.

א ל מ ע ר ס : דאָס—ניט. געוואָלט האָב איך איהם מאכען פאר א גליקליכען מענש. נור — דאָס.

ר י ט א : אָבער ניט אויס ליעבע צו איהם. טהו נור א קוק אין זיך! (מיט אנגסט) און טראכט זיך אריין, וואָס איז געווען פערבאָרגען אין דעם און — הינטער דעם.

א ל מ ע ר ס : (מיידט אויס איהר קוק) דו פערשווייגסט עפּעס.

ר י ט א : דו אויך.

א ל מ ע ר ס : (קוקט אויף איהר, פערטיפט אין געדאנקען) אויב ס'איז ווי דו זאָגסט, איז אייגענטליך אונזער קינד גאָר ניט אונזערס געווען.

ר י ט א : געווען ניט מיין, ניט דיין, אין וואָהרער ליעבע.

א ל מ ע ר ס : און דאָך געהען מיר יעצט ארום און פערגיסען ביטערע טרעהרען אויף איהם.

ר י ט א : (סארקאסטיש) איז עס ניט מאָדנע — ביטער קלאָגען איבער עפּעס א פרעמדען אינגעל?

א ל מ ע ר ס : (אויפגערעגט) אָ, זאָג ניט פרעמדער אינגעל!

ר י ט א : (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, דערשלאָגען) איז קיינמאָל אונזער ניט געווען. ניט מיינער — אויך ניט דיינער.

אלמערס: (ברעכט די הענד) און איצט איז שוין שפעט! שפעט!

ריטא: און ניטאָ קיין טרייסט פאר אונז!

אלמערס: (פלוצלונג, ליידענשאפטליך) דו ביסט שולדיג!

ריטא: (שטעהט אויף) איך!

אלמערס: יא, דו! דו ביסט שולדיג, וואָס ער איז געוואָרען אזא — ווי ער איז געווען! ס'איז דיין שולד, וואָס ער האָט ניט געקענט זיך רעטען פון וואסער.

ריטא: (וועהרט זיך) אלפרעד, — ניט ווארף די שולד אויף מיר.

אלמערס: (אלץ מעהר אויסער זיך) איך טהו עס! דאָס האָסטו געלאָזט דאָס צארטע קינד אויפ'ן טיש!

ריטא: ער איז דאך בעקוועם געלעגען אין די קישענס. געשלאָפען רוהיג, און דו האָסט צוגעזאָגט אכטונג צו געבען אויף איהם.

אלמערס: יא, צוגעזאָגט — (מיט אַ נידריגער שטימע) אָבער דאן ביסט דו געקומען — דו, דו, דו און האָסט מיך פערשלעפט צו זיך.

ריטא: (ארויסרופענד) זיי זיך בעסער מודה, אז דו האָסט פערגעסען דאָס קינד און אלעס אויף דער וועלט.

אלמערס: (האַלט איין דעם כעס) יא, געוויס. — (שטילער) איך האָב דאָס קינד פערגעסען — אין דיינע אָרעמס.

ריטא: (עמפערט) אלפרעד! אלפרעד, — דאָס איז עקעלהאפט פון דיר!

אלמערס: (שטיל, דריקט די פויסטען) אין יענער רגע האָסטו צום טויט פעראורטיילט דעם קליינעם עאָלף.

ריטא: (אויסער זיך) דו אויך, דו אויך, — אויב שוין יא אזוי!

אלמערס: אָ, יא, — אויך פון מיר פאָדער דין וחשבון

— אויב דו ווילסט. מיר ביידע האָבען זיך פערזינדיגט. עאַלפ'ם טויט איז דאָך געווען א פערגעלטונג.

ר י ט א : א פערגעלטונג?

א ל מ ע ר ס : (בעהערשט זיך) יא. א משפט איבער אונז ביידען. און געשעהן איז, ווי מיר האָבען פערדיענט. פול געהייר מער, שרעקעדיגער הרטה, האָבען מיר געזעהן איהם אויסמיידען, ווען ער האָט געלעבט. ניט געהאט דעם מוט צו קוקען אויף דער זאַך, — וואָס האָט ארומגעשלעפט זיך מיט איהם —

ר י ט א : (שטיל) די קוליע.

א ל מ ע ר ס : יא, — און דאָס, וואָס מיר רופען אָן וועה־טאָג, טרויער — דאס זיינען נור געוויסענסביסע, ריטא, און ניט עפעס אנדערש.

ר י ט א : (קוקט שטאַר אויף איהם, צוטומעלט) איך פיהל עפעס, עס מוז אונז טרייבען צו פערצווייפלונג — אין משוגעת אריין, אונז ביידען. דען מיר קענען עס קיינמאָל—קיינמאָל ניט פעררינכטען.

א ל מ ע ר ס : (מילדער) היינט ביי נאכט האָב איך געזעהן עאַלפ'ען אין חלום. געדוכט האָט זיך מיר, ער געהט פון בריקעל ארומגעלאָפען, ווי אנדערע יינגלעך, הייסט עס, ס'אזי איהם גאָר ניט געשעהן. אָבער טאקי גאָרניט. די שרעקליכע ווירקליכקייט איז אלזאָ ניט מעהר ווי א חלום געווען, האָב איך זיך געטראכט. אָ, ווי האָב איך געדאנקט און געלויבט — (בלייבט שטעהן) ה'ם —

ר י ט א : (קוקט אויף איהם) וועמען—?

א ל מ ע ר ס : (אויסמיידענדיג) וועמען—?

ר י ט א : יא, — וועמען האָסטו געדאנקט און געלויבט?

א ל מ ע ר ס : (מיידט אויס די פראגע) דאָס איז דאָך נור א חלום געווען, הערסט דאָך —

ר י ט א : עמיצען, וואָס דו גלויבסט אליין ניט אין איהם?

א ל מ ע ר ס : אזא מינוט געווען. אין שלאָף דאָך —

ר י ט א: (מיט א פאָרוואורף) האָסט ניט געדאַרפט דערוועקען צווייפעל אין מיר, אלפרעד.

א ל מ ע ר ס: וואָלט עס רעכט געווען פון מיר צו לאָזען דיך ארומבלאָנדזשען דאָס גאנצע לעבען, מיט הלומות פוסטע אינ׳ם קאָפּ?

ר י ט א: עס וואָלט געווען בעסער פאר מיר. וואָלט געהאט עפּעס אָן וואָס זיך אָנצוהאלטען. א האָפנונג, א טרייסט. איצט ווייס איך שוין גאָר ניט, וואו איך בין אין דער וועלט.

א ל מ ע ר ס: (קוקט זי שארף אָן) ווי, מען זאָל דיר געבען אויסצוקלייבען איצט — זאָלסט קענען נאָך עאָלפ׳ען געהן, וואו ער איז—?

ר י ט א: נו? איז וואָס?

א ל מ ע ר ס: זאָלסט זיכער זיין, אָהן יעדען צווייפעל, אז דו וועסט איהם טרעפען דאָרט — דערקענען איהם — פערשטעהן איהם — ?

ר י ט א: יא, יא, — וואָס דאן?

א ל מ ע ר ס: וואָלסטו געטהאָן א שפרונג צו איהם אריבער פרייווילינ? און פרייווילינ פערלאָזען אלץ וואָס אויף דער ערד? זיך אָבגעזאָגט פון דעם גאנצען לעבען, דעם ערדישען? וואָלסטו, ריטא?

ר י ט א: (שטיל) איצט, באלד?

א ל מ ע ר ס: יא — נאָך היינט. די רגע. ענטפער מיר, וואָלסטו?

ר י ט א: (וואקעלט זיך) אך, איך ווייס ניט, אלפרעד, — ניין. איך רעכען, איך וואָלט דערווייל אביסעל נאָך מיט דיר פערבראכט.

א ל מ ע ר ס: צוליעב מיר?

ר י ט א: יא, נור דיר צוליעב.

א ל מ ע ר ס: דערנאָך אָבער? וואָלסטו דאן—? גיב א ענטפער.

ר י ט א: וואָס קען איך ענטפערן אויף אזא פראגע? איך וואָלט דאָך ניט געקענט אוועקגעהן פון דיר, קיינמאָל! אַ קיינמאָל!

א ל מ ע ר ס: און ווען איך וואָלט אוועק צו עאָלפ׳ען. און ווען ביי דיר וואָלט קיין ספק ניט געווען, אז דו וועסט בעגעגענען אונז ביידע דאָרט? וואָלסטו דאן אריבערגעקומען צו אונז?

ר י ט א: איך וואָלט זעהר געוואָלט. שטארק, שטארק געוואָלט! אבער —

א ל מ ע ר ס: אָבער?

ר י ט א: (זיפצט שטיל) איך וואָלט ניט געקענט, — איך פיהל. ניין, ניין, פאר קיין פאל ניט.

א ל מ ע ר ס: איך אויך ניט.

ר י ט א: ניט וואהר, אלפרעד? דו וואָלסט אויך ניט געקענט?

א ל מ ע ר ס: ניין, ווייל דאָ, נור דאָ אויף דער ערד, זיינען מיר, די לעבעדיגע, אין דער היים.

ר י ט א: דאָ איז פערבאָרגען יענעם גליק, וואָס מיר בעגרייפען —

א ל מ ע ר ס: (פינסטער) אַ, גליק — גליק —

ר י ט א: גליק — איז אונז שוין מעהר קיין גליק ניט בעשערט? (קוקט פאָרשענדיג) אָבער שטעל זיך פאָר — (היים) ניין, ניין; איך וואג עס ניט אויסצורייזען! האָב מורא אפילו א טראכט טהאָן.

א ל מ ע ר ס: ניין, זאָג. זאָג נור, ריטא!

ר י ט א: (צעגערט) אפשר זאָלען מיר פּראָווען—? איז עס דען גאָר אונמעגליך איהם צו פערגעסען?

א ל מ ע ר ס: איהם פערגעסען?

ר י ט א: פערגעסען די חרטה און די געוויסענסביסע, מיין איך.

א ל מ ע ר ס: דו קענסט אזא פערלאנג האָבען?

ר י ט א: יא, ווען ס׳זאָל מעגליך זיין. (פלאצט ארויס) דען

דאָס — דאָס וועל איך לאַנג ניט אויסהאַלטען! קען מען דען ניט אויסגעפינען עפּעס וואָס זאָל מאַכען אונז פערגעסען!

אלמערס: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) וואָס קען דאָס זיין?

ריטא: אפשר פּרואווען אוועקפאָהרען ווייט—ווייט?

אלמערס: אוועקפאָהרען? דו פיהלסט זיך דאָך ערגעץ ניט אזוי גוט ווי אין דער היים.

ריטא: נו, וועלען מיר געסט עפּטער עמפּפאנגען, און אָפּטען הויז פיהרען, זיך אריינוואַרפען אין וואָס ניט איז, וואס זאָל אונז צעשטרייען און בערוהיגען.

אלמערס: אזא לעבען איז מיר ניט צו'ם הארצען. — ניין, איך וועל ליעבער פּרואווען ווידער נעהמען זיך פאר מיין ארבייט.

ריטא: (בייסענד) דיין ארבייט, וואָס איז אזוי אָפט געשטאנען ווי א וואנד צווישען אונז?

אלמערס: (לאנגזאם, קוקענדיג שטאַר אויף איהר) צווי־שען אונז ביידע מוז אימער א וואנד שטעהן, פון איצט אָן.

ריטא: אָבער פארוואָס—?

אלמערס: ווער וויים, צי קוקען ניט אויף אונז טאָג און נאכט גרויסע, אָפענע אויגען פון א קינד?

ריטא: (שוידערט, שטיל) אלפרעד — וואָס פאר א שרעק־ליכער געדאנק!

אלמערס: א צערשטערענדער פייער איז אונזער ליעבע געוועזן. געקומען די צייט, זאָל זיך אויסלעשען—!

ריטא: אויסלעשען!

אלמערס: (הארט) שוין אויסגעלאָשען — אין איינעם פון אונז.

ריטא: (ווי פערשטיינערט) דאָס וואגסטו מיר צו זאָגען?

אלמערס: (זאנפטער) טויט איז די ליידענשאפט, ריטא — אָבער אין די געפיהלען, וואָס האָבען זיך איצט דערוועקט אין מיר צו דיר, אינ'ם בעוואוסטזיין, אז איך ווי דו בין שולדיג און

דאַרף מיין שולד אויסקויפען — זעט איך ציטערן דעם מאָרגענשיין פון ווידעראויפלעבונג —

ר י ט א: (העפטיג) איך דאַרף ניט קיין ווידער אויפלע־בונג!

א ל מ ע ר ס: ריטא!

ר י ט א: איך בין א לעבעדיגער מענש, הייס, קאָכיג בלוט! איך הלום ניט וואכענדיגערהייט — מיט פישבלוט אין די אָדערן! (ברעכט די הענד) און געפאנגען זיין דאָס גאַנצע לעבען — אין הרטה און געוויסענסביסע! געפאנגען מיט דעם, וואָס איז שוין מעהר ניט מיינער, מיינער, מיינער!

א ל מ ע ר ס: דאָס האָט געמוזט זיין דער סוף — פריהער אָדער שפעטער.

ר י ט א: אזא סוף — איז דען ניט געווען דער אָנהויב, הייסע ליעבע, וואָס טהוט זוכען און בעגעהרען ליעבע.

א ל מ ע ר ס: פון בעגעהרען האָט מיין ליעבע ניט גע־ווּאוסט — אין אָנהויב.

ר י ט א: וואָס זשע האָסטו געפיהלט צו מיר גאָר די ער־שטע צייט?

א ל מ ע ר ס: שרעק.

ר י ט א: דאָס קען איך פערשטעהן. ווי פאָרט האָב איך דיך צונעצווינגען?

א ל מ ע ר ס: (מיט א געדעמפטער שטימע) ביסט געווען בע־צויבערנד שעהן, ריטא!

ר י ט א: (קוקט איהם אָן, פאָרשענדיג) דאָס בלויז? זאָג אלפרעד! דאָס בלויז?

א ל מ ע ר ס: (מאכט א אנשטרענגונג) ניין, אויסער דעם נאָך עפעס.

ר י ט א: (ערגעגט) איך שטוים זיך אָן, וואָס דו מיינסט. „די נאָלדענע בערג", ווי דו זאָגסט. יאָ, אלפרעד?

א ל מ ע ר ס: יא.

ר י ט א: (מיט אַ גאָרנואָרף) ווי האָסטו עס געקענט —
ווי האָסטו עס געקענט!

אַ ל מ ע ר ס: האָב געמוזט פאר אסטאַ'ן זאָרגען.

ר י ט א: (אין כעס) הא, אסטא! (ביטער) איינענטליך האָט אונז אסטא צוזאמענגעפיהרט.

אַ ל מ ע ר ס: זי האָט פון גאָרניט געוואוסט. האָט קיין אהנונג ניט ביז היינטיגען טאָג.

ר י ט א: אָבער דאָך, אסטא! (שמייכעלט, קוקט פון א זייט מיט פעראכטונג) ניין, ניין — דער קליינער עאָלף! דער קליינער עאָלף, ווייסט דאָך!

אַ ל מ ע ר ס: עאָלף —

ר י ט א: האָסטו דען ניט גערופען זי פריהער עאָלף? מיר דוכט, האָסט עס מיר דערצעהלט, אין א פערטרויליכער שטונדע (נעהנטער) האָסט זי פערגעסען — די בעצויבערנד שעהנע שעה?

אַ ל מ ע ר ס: (טרעט אָב, ווי אין שרעק) איך געדענק גאָר־ניט! איך וויל גאָרניט געדענקען!

ר י ט א: (פאָלגט איהם נאָך) עס איז די שעה, ווען דער אָרי־מער, קליינער עאָלף איז א קאליקע געוואָרען.

אַ ל מ ע ר ס: (שפּארט זיך אן אויפ'ן טיש, מיט אַ געדעמ־פטער שטימע) די פערגעלטונג!

ר י ט א: יא, די פערגעלטונג!

(אַסטאַ און באָרגהיים קומען פון שאָפּע צוריק. זי האָט וואסער־ליליען אין דער האנד.)

ר י ט א: (בעהערשט זיך ווידער) נו, אסטא — זיך גוט דורכגעשמועסט מיט'ן הערר באָרגהיים?

אַ ס ט אַ: יא — גאנץ גוט.

(שטעלט אוועק דעם שירם און לעגט די בלומען אויפ'ן טיש.)

ב אָ ו ג ה י י ם: פריילין אלמערס איז געווען זעהר קארג אויף ווערטער.

ר י ט א: יא? דערפאר האָבען מיר זיך היינט דורכגע־שמועסט, איך מיט אלפרעד׳ען, אז ס וועט קלעקען —

א ס ט א: (קוקט אלמערס׳ען און ריטא׳ן אומרוהיג אָן) וואָס בעדייטעט דאָס—?

ר י ט א: — אז ס׳וועט קלעקען אויפ׳ן גאנצען לעבען, זאָג איך. (רייסט איבער) לאָמיר אלע פיער איצט געהן אהיים. מיר האָבען געזעלשאפט האָבען, אלפרעד און איך, מיר קענען עס אליין ניט בייקומען.

א ל מ ע ר ס: (צו ריטא׳ן און באָרגהיימ׳ען) איהר געהט פאראויס (קעהרט זיך אום צו אַסטאַ׳ן) מיט דיר, אסטא, האָב איך נאָך וואָס צו רעדען, איין וואָרט.

ר י ט א: (קוקט איהם אָן) אהא! נו גוט, וועט איהר מיך בעגלייטען, הערר באָרגהיים.

(ריטא און באָרגהיים געהן אויפ׳ן שטעג ארויף.)

א ס ט א: (מיט אנגסט) אלפרעד, וואָס איז?

א ל מ ע ר ס: (פינסטער) איך קען שוין מעהר דאָ ניט אויס־האלטען — דאָס איז עס.

א ס ט א: דאָ! דאָס הייסט, מיט ריטא׳ן?

א ל מ ע ר ס: יא. מיר קענעןביידע מעהר ניט צוזאמען־לעבען.

א ס ט א: (טרייסלט זיין אָרעם) אָ, אלפרעד! וואָס רעדסטו — ס׳איז דאָך שרעקליך.

א ל מ ע ר ס: איך זאָג נור, ווי עס איז. מיר מאכען איינער דעם אנדערן נור בייז און שלעכט.

א ס ט א: (בעוועגט, מיט א וועהטאָג) קיינמאָל — קיינ־מאָל איז מיר דאָס ניט איינגעפאלען.

א ל מ ע ר ס: מיר אויך ניט, ביז היינט.

א ס ט א: און איצט ווילסטו! יא, וואָס ווילסטו איי־גענטליך, אלפרעד?

אלמערס: אוועקגעהן וויל איך, ווייט, ווייט פון אלעם און אלע.

אסטא: בלייבען גאר אליין אין דער וועלט?

אלמערס: (שאקעלט צו) ווי פריהער, יא.

אסטא: ביסט ניט פון די, וואס קענען זיין אליין.

אלמערס: דאך! בין געווען אמאל.

אסטא: אמאל—יא. בין איך דאך געווען מיט דיר.

אלמערס: (וויל אננעהמען איהר האנד) געוויס, און צו דיר, אסטא, וויל איך איצט צוריקקומען, צו דיר אהיים.

אסטא: (מיידט איהם אויס) צו מיר! ניין, ניין, אל־פרעד! דאס איז גאר אונמעגליך!

אלמערס: (קוקט אויף איהר בעטריבט) שטעהט דאך בארגהיים אין וועג?

אסטא: (לעבעדיג) א ניין — ניט דאס! האסט א טעות.

אלמערס: גוט. דאן קום איך צו דיר — מיין ליעבע, טייערע שוועסטער. איך מוז צו דיר זיך אומקעהרען! אהיים צו דיר, כדי בעסער צו ווערען און געלייטערט, נאכ'ן צוזאמענלעבען מיט —

אסטא: (עמפערט) אלפרעד, — דו זינדיגסט נעגען ריטא'ן.

אלמערס: איך האב קעגען איהר געזינדיגט. אבער ניט דערמיט. דערמאן זיך, אסטא, ווי מיר האבען געלעבט צוזאמען. איז דען דאס ניט געווען א שטענדיגער יום־טוב, פון דער ערשטער ביז צו דער לעצטער מינוט.

אסטא: יא, געווען, אלפרעד. דאס לעבט מען נור איינ־מאל איבער.

אלמערס: (ביטער) מיינסטו, די הייראטה האט פון מיר א תל געמאכט?

אסטא: ניין, דאס מיין איך ניט.

אלמערס: גוט, לאָמיר זשע ווידער לעבען, ווי אמאָל.

אסטא: (בעשטימט) אונמעגליך, אלפרעד.

אלמערס: ניין, מעגליך, די ליעבע צווישען ברודער און שוועסטער —

אסטא: (אָנגעשטרענגט) איז וואָס—?

אלמערס: איז דאָס איינציגע פערהעלטניס אין מענשליכען לעבען, וואָס איז ניט אונטערוואָרפען דעם געזעץ פון איי־ביגער פערוואנדלונג.

אסטא: (מיט אַ ציטערדיגער שטימע, שטיל) און אז דאָס פערהעלטניס איז ניט —

אלמערס: ניט — ?

אסטא: — אונזער פערהעלטניס!

אלמערס: (קוקט ערשטוינט, שטאַר) ניט אונזערס? וואָס מיינסטו דערמיט, מיין ליעבע?

אסטא: בעסער זאָג איך דיר עס גלייך, אלפרעד.

אלמערס: איך בעט דיך.

אסטא: די בריעף צו דער מוטער — וואָס דאָרט איז'ם פּאָרטפעל —

אלמערס: יא — ?

אסטא: לעז זיי דורך — ווען איך וועל דאָ ניט זיין.

אלמערס: צו וואָס?

אסטא: וועסטו זיך דערוויסען, —

אלמערס: וואָס —

אסטא: — איך האָב ניט קיין רעכט דיין פאטער'ס נאָמען צו טראָגען.

אלמערס: (וואקעלט צוריק) אסטא! וואָס רעדסטו!

אסטא: קוק דורך די בריעף. וועסט אליין זעהן און פערשטעהן — און פיעלייכט אויך פערצייהען — מיין מוטער.

אלמערס: (כאַפּט זיך אָן פאַר'ן שטערן) איך קען דאָס ניט בעגרייפען — קען דעם געדאַנק ניט בענעהמען! דו, אסטא, — דו ביסט, הייסט עס, ניט —

אסטא: דו ביסט ניט מיין ברודער, אלפרעד.

אלמערס: (ראַש, האַלב טראָציג, קוקט אויף איהר) אָבער וואָס ענדערט עס אייגענטליך אין אונזערע פערהעלטניסע. דאָך נאָרניט, בעצם.

אסטא: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) ·עס ענדערט אלעס, אל־פרעד. אונזער פערהעלטניס איז ניט דאָס, וואָס צווישען ברודער און שוועסטער.

אלמערס: יא־יא. אָבער ניט ווייניגער הייליג. און הייליג וועט עס אימער בלייבען.

אסטא: פערגעס ניט — עס איז אונטערוואָרפען דעם גע־זעץ פון אייביגער פערוואנדלונג, — ווי דו האָסט נור וואָס גע־זאָגט.

אלמערס: (קוקט זי אָן, פאָרשענדיג) ווילסטו זאָגען, אז —

אסטא: (גערוהרט, שטיל) קיין וואָרט מעהר, — ליעבער, ליעבער אלפרעד, — (נעהמט די בלומען פון שטוהל) זעהסט די וואַ־סערליליען?

אלמערס: (שאָקעלט צו פּאמעליך) דאָס זיינען בלומען, וואָס וואקסען פון טיעפען, טיעפען גרונד ארויס.

אסטא: אין טייך האָב איך זיי אָנגעריסען, וואו ער גיסט אינ'ם פיאָרד זיינע וואסערן אריין. (דערלאנגט איהם די בלומען) ווילסט זיי האָבען, אלפרעד?

אלמערס: (נעהמט זיי) א דאנק.

אסטא: (מיט טהרערען אין די אויגען) א לעצטער גרוס פונ'ם קליינעם עאָלף!

אלמערס: (קוקט זי אָן) פון יענעם עאָלפ'ען? אָדער פון דיר?

א ס ט א: (שטיל) פון אונז ביידען. (נעהמט דעם שירם) איצט קום מיט מיר צו ריטא'ן.

(געהט אויס'ן שטעג.)

א ל מ ע ר ס: (נעהמט דעם הוט פון טיש און שעפטשעט, מירו־ רינג) אסטא—עאלף, קליינער עאלף!

(פאלגט איהר נאך.)

דריטער אקט.

אַ בערגעל בעוואַקסען מיט קוסטעס ביי די אַלמערס'עס אין גאָר־טען. אינ'ם הינטערגרונד אַ משופּע'דיגער פעלז מיט אַ געלענדער; לינקס אַ טרעפּיגער וועג אראָב. טיעף אונטען זעהט זיך ווייט דער פיאָרד. ביי'ם געלענדער א פלאג שטאָק מיט שטריק, נור אָהן א פאָהן. פאָרינטס רעכטס אַן אַלטאַנע, אַרומגעוויקעלט מיט געוויקסען און ווילדע וויינטרויבען־צווייגען. דערביי אַ באַנק. אַ שפּעטער זומער־אָבענד. דער הימעל איז קלאָר, דער האלבדונקעל וואקסט לאנגזאַם.

אַ ס ט אַ זיצט אויפ'ן באַנק, די הענד אויף די קניה. זי איז אין מאַנטעל און הוט; נעבען איהר דער שירם; איבער'ן אקסעל א רייזע־טאַש.

ב אָ ר ג ה י י ם בעוויייזט זיך לינקס אינ'ם הינטער־גרונד. ער האָט אויך אַ רייזע טאַש איבער'ן אַקסעל, אַ צונויפגעלעגטע פאָהן אונ־טער'ן אָרעם.

ב אָ ר ג ה י י ם: (בעמערקט אַסטאַ'ן) אַ, זיצט איהר גאָר דאָ אין דער הויך?

א ס ט א: איך זיץ און קוק אהין דאָס לעצטע מאָל.

ב אָ ר ג ה י י ם: גוט, הייסט עס, וואָס איך האָב א קוק געטהאָן אהער.

א ס ט א: איהר האָט מיך דען געזוכט?

ב אָ ר ג ה י י ם: געווים. האָב זעהר געוואָלט זיך זעגנען מיט אייך — דאָסמאָל. איך האָף נים אויף אייביג.

א ס ט א: (מיט אַ שוואַכען שמייכעל) איהר זייט אַן איינגע־שפּארטער.

באַרנהיים: ווי עס דאַרף זיין דער, וואָס ברעכט דורך וועגען.

אסטא: האָט איהר געזעהן אַלפרעד'ן? ריטא'ן?

באַרנהיים: האָב זיי ביידען געזעהן.

אסטא: צוזאַמען?

באַרנהיים: ניין — בעזונדער.

אסטא: וואָס געהט איהר טהאָן מיט דער פאָהן?

באַרנהיים: פרוי ריטא האָט מיך געבעטען עס אויפ־הענגען אין דער הויף.

אסטא: א פאָהן איצט אויפהענגען?

באַרנהיים: ביז האַלבע הויך זאָל זי פלאַטערן טאָג און נאכט, זאָגט זי.

אסטא: (זיפצט) אָרימע ריטא! אָרימער אלפרעד!

באַרנהיים: (פערנומען מיט'ן פאָהן) איהר האָט א הארץ איצט אוועקצוגעבן פון זיי? איך פרעג, דען איך זעה, איהר זייט גרייט צו'ם פאָהרען.

אסטא: (שטיל) איך מוז.

באַרנהיים: אָ, אויב איהר מוזט, —

אסטא: און איהר פאָהרט אויך אוועק, היינט ביינאכט?

באַרנהיים: איך מוז אויך. פאָהר מיט'ן באהן. איהר אויך?

אסטא: ניין. איך פאָהר מיט'ן דאַמפּפער.

באַרנהיים: (קוקט אויף איהר בגנבה) יעדער זיין וועג, הייסט עס.

אסטא: יא.

(קוקט אויף איהר בשעת ער בינדט צו די פאָהן אין דער הויף, געהט צו צו איהר.)

באַרנהיים: פריילין אסטא, איהר קענט זיך ניט פאַר־שטעלען מיין טרויער איבער דעם קליינעם עאָלף.

אסטא: (הויבט אויף די אויגען) איך צווייפעל ניט.

באַרגהיים: דאָס איז אזא פיינליך געפיהל, ווייל פרווי־ערן איז איינגענטליך ניט מיין טבע.

אסטא: ס'וועט אריבער. מיט דער צייט געהט אלץ אריי־בער, יעדער אונגליק.

באַרגהיים: יעדער? איהר מיינט אזוי?

אסטא: ווי א בייזער שטורם אויפ'ן ים. מען לאָזט זיך אוועק ווייטער און —

באַרגהיים: צו ווייט וואָלט איך געדאַרפט זיך אוועק־לאָזען, אויף אזא אופן.

אסטא: ווייעדער, האָט איהר דאָך א נייען, גרויסען וועג צו בויען.

באַרגהיים: אָבער קיינער ניט, וואָס זאָל מיר העלפען אין מיין ארבייט.

אסטא: אָ, איהר מוזט זיכער ווערען ס'איז האָבען.

באַרגהיים: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) קיינעם. קיין איין מענש צו טיילען מיין פרייד מיט איהם. דער עיקר, די פרייד.

אסטא: נו, און מאטערניש, זאָרג?

באַרגהיים: אך — דאָס קען מען שוין אליין בייקומען.

אסטא: מיט פרייד אָבער מוז מען זיך טיילען, מיינט איהר?

באַרגהיים: א ניט איז די פרייד קיין פרייד ניט.

אסטא: מעגליך, ס'איז אזוי.

באַרגהיים: א ווײַלע קען מען זיך פרעהען פאר זיך גאָר אליין. ס'האָט אָבער קיין קיום ניט. פון אמת'ער פרייד ווייס מען אין צווייען נור.

אסטא: נור אין צווייען? קיינמאָל מעהר? און מיט פיעלע פאר א מאָל?

באַרגהיים: אָ, דאן איז'ס גאָר עפּעס אנדערש, — פריילין אסטא, קענט איהר זיך ווירקליך ניט ענטשליסען צו טיילען

גליק און פרייד — מאטערניש און צרות — מיט איין מענש — מיט איין־איינציגען —

א ס ט א: האָב שוין געפּרואווט א מאָל.

ב אַ ר נ ה י י ם: איהר?

א ס ט א: יא, די גאנצע צייט, וואָס מיין ברודער—אלפרעד און איך האָבען געלעבט צוזאמען.

ב אַ ר נ ה י י ם: אָ, מיט אייער ברודער! דאָס איז דאָך גאָר עפּעס אנדערש. איך רעכען, דאָס איז א צופריעדען, רוהיג לעבען, אָבער איך רעד פון גליק.

א ס ט א: דאָך א וואונדערשעהנע צייט געווען!

ב אַ ר נ ה י י ם: איהר זעהט, שוין דאָס — האָט זיך אייך אויסגעוויזען וואונדערשעהן, היינט — ווען ער וואָלט ניט אייער ברודער געווען?

א ס ט א: (וויל זיך אויפהויבען, האלט זיך אָב, זיצט) וואָלטען מיר קיינמאָל צוזאמען ניט געלעבט. דען דעמאָלט בין איך נאָך א קינד געווען. און ער כמעט א קינד.

ב אַ ר נ ה י י ם: (נאָך א קורצער פּאוזע) ווירקליך געווען אזא שעהנע צייט?

א ס ט א: יא, געווען — מעגט גלויבען.

ב אַ ר נ ה י י ם: האָט איהר דעמאָלט ווירקליך איבערגעלעבט עפּעס וואָס, פול פרייד און גליק?

א ס ט א: אָ פיעל! אונענדליך פיעל!

ב אַ ר נ ה י י ם: דערצעהלט עפּעס דערפון, פריילין אסטא.

א ס ט א: איינענטליך, נור קליינינגקייטען.

ב אַ ר נ ה י י ם: צום ביישפּיעל? זאָגט!

א ס ט א: נו — צום ביישפּיעל, ווען אלפרעד האָט עקזאמען געמאַכט און האָט זיך אויסגעצייכענט. אָדער, שפּעטער, ווען ער האָט אָנגעהויבען שטעלעס בעקומען, אלס לעהרער. אָדער ווען ער פלעגט ארבייטען אויף אן ארטיקעל — מיר פאָרגעלעזען. און שפּעטערצו, ווען כ'פלעגט ערשיינען אין א צייטשריפט —

באַרגהיים: יאָ, איך שטעל מיר פאָר, אז ס'האָט גע־מוזט זיין א צופריעדען, הערליך לעבען. שוועסטער און ברודער, וואָס טיילען צווישען זיך די פריידען. (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) איך קען אָבער ניט פערשטעהן, ווי האָט עס אייער ברודער געקענט זיך שיידען מיט אייך, אסטא.

אסטא: (שטיקט איהר אויפרעגונג) אלפרעד האָט דאָך חתונה געהאט.

באַרגהיים: איז דאָס ניט געווען אייך פיינליך?

אסטא: יאָ, אודאי, פון אָנהויב. מיר האָט זיך דאן גע־דוכט, אז איך האָב איהם אינגאנצען פערלוירען.

באַרגהיים: צום גליק איז עס ניט געווען אזוי.

אסטא: יאָ.

באַרגהיים: דאָך — ווי האָט ער עס געקענט טהאָן? חתונה האָבען, מיין איך. ער האָט דאָך געקענט אויספיהרען, איהר זאָלט בלייבען מיט איהם אליין.

אסטא: (קוקט פאר זיך) אויך איבער איהם, ווייזט אויס, האָט געוועלטיגט דאָס געזעץ פון אייביגער פערוואנדלונג.

באַרגהיים: דאָס געזעץ פון אייביגער פערוואנדלונג?

אסטא: יאָ, אלפרעד רופט עס אָן אזוי.

באַרגהיים: אך — א נאריש געזעץ מוז דאָס זיין! איך גלויב אין איהם ניט, אָבער טאקי גאָר ניט!

אסטא: מיט דער צייט — קען זיין — וועט איהר אָנ־הויבען גלויבען.

באַרגהיים: קיינמאָל אין לעבען! (איבערצייגענד) הערט נור, פריילין אסטא! זייט פערשטענדיג — דאס איינצ'גע מאָל, אין דעם פרט, מיין איך.

אסטא: (שלאָגט איהם איבער) אָ, ניין, ניין! רעדט ניט ווייטער דערפון —

באַרגהיים: (ווי פריהער) ניין, איך קען זיך ניט אזוי לייכט אָבזאָגען פון אייך: איצט האָט אייער ברודער אלעס, וואָס

ער האָט נור נעקענט זיך ווינשען. לעבט גאנץ צופריעדען אָהן אייך. ער נעטינט זיך ניט מעהר אין אייך. און דערצו נאָך דאָס — דאָס, וואָס האָט מיט איין קלאַפּ געביטען אייער לאגע דאָ אין הויז —

א ס ט א : (ציטערט אויף) וואָס מיינט איהר?

ב אָ ר ג ה י י ם : דאָס אונגליק מיט'ן קינד, מיין איך.

א ס ט א : (קומט צו זיך) דער קליינער עאָלף איז אומגעקומען, יא.

ב אָ ר ג ה י י ם : וואָס זשע אייגענטליך בלייבט אייך נאָך דאָ צו טהאָן? זאָרגען פאר'ן קליינעם, אומגליקליכען אינגעל — דאַרפט איהר שוין ניט. איהר האָט קיינע פליכטען ניט אין דעם הויז — קיין שום אויפגאַבע.

א ס ט א : איך בעט אייך, ליעבער באָרגהיים, — בעשטעהט דאָך ניט אזוי —

ב אָ ר ג ה י י ם : איך מוז. איך וואָלט געווען א ווילדער נאַר, איך זאָל ניט אויספּרואווען אלע מיטלען. די טעג פערלאָז איך די שטאָדט. עס קען זיין, איך בעגעגען אייך ניט מעהר. וועל לאנג, לאנג אייך ניט זעהן. און ווער וויים, וואָס קען געשעהן פאר דער צייט?

א ס ט א : איהר האָט פאָרט מורא פאר'ן געזעץ פון אייבינער פערוואנדלונג?

ב אָ ר ג ה י י ם : בשום אופן ניט (לאכט ביטער) און וואָס זאָל זיך בייטען, ביי אייך, מיין איך, אייך אהרט ניט שטארק פאר מיר.

א ס ט א : איהר ווייסט גוט אז מיך אהרט יא.

ב אָ ר ג ה י י ם : פיליכט, נור צרוועניג. ניט אזוי ווי איך וויל (הייכער) אין גאָטעס ווילען, אסטא — פריילין אסטא — דאָס איז דאָך א ריינע משוגעת פון אייער זייט! הינטער'ן שוועל פון היינט און מאָרגען איז אפשר דאָס גאנצע גליק בעהאלטען — וואַרט, און מיר נעהען פערביי. וועלען מיר ניט חרטה האָבען, אסטא?

א ס ט א: (שטיל) איך ווייס ניט. דאָס אָבער ווייס איך. ליכטיגע אויסזיכטען זיינען ניט פאר אונז.

ב אָ ר ג ה י י ם: (קוקט אויף איהר זיך בעהערשענדיג) עס הייסט, מיר וועט אויסקומען אליין מיינע וועגען דורכברעכען.

א ס ט א: (היים) אָ, ווען איך זאָל קענען דערביי זיין, די שווערע מיה פערלייכטערן, טיילען די פריידען —

ב אָ ר ג ה י י ם: איהר וואָלט וועלען — ווען איהר זאָלט קענען?

א ס ט א: יא, איך וואָלט וועלען.

ב אָ ר ג ה י י ם: איהר קענט אָבער ניט?

א ס ט א: (לאָזט אראָב די אויגען) וואָלט איהר זיך בעגר־נענט, איך זאָל זיין האלב אייערע?

ב אָ ר ג ה י י ם: ניין. איהר מוזט זיין מיינע, אינגאנצען מיינע.

א ס ט א: (קוקט אויף איהם און זאָגט שטיל) דאן קען איך אייערע ניט זיין.

(ער קלייבט זיך אוועקצוגעהן. לינקס אינ׳ם הינטערגרונד בע־וויזט זיך אַלמערס. באָרגהיים בלייבט.)

א ל מ ע ר ס: (נאָכגעהענדיג, אנווייזענדיג אויף דער אַל־טאַנע, מיט אַ האלבען קול) ריטא איז דאָרט?

ב אָ ר ג ה י י ם: ניין, דאָ איז קיינער ניטאָ, אויסער פריי־לין אסטאָ.

(אַלמערס געהט צו נעהנטער.)

א ס ט א: (געהט איהם אנקעגען) זאָל איך געהן אַ זוך טהאָן זי? אפשר זאָגען, זאָל קומען.

א ל מ ע ר ס: (שטעלט איהר אָב) אַ ניין — לאָז אָב (צו באָרגהיים׳ען) דאָס האָט איהר די פאָהן אויפגעהויבען?

ב אָ ר ג ה י י ם: יא. פרוי ריטא האָט מיך געבעטען. דעריי־בער טאקי בין איך געקומען.

א ל מ ע ר ס: איהר פאָהרט אוועק היינט ביינאכט?

באַרגהיים: יאָ. היינט ביינאַכט פֿאָהר איך שוין געווים אוועק.

אַלמערס: (וואַרפֿט אַ בליק אויף אַסטאַ׳ן) איהר האָט זיך פֿערזאָרגט מיט אַן אנגענעהמען בעגלייטער, אויב איך האָב קיין טעות ניט.

באַרגהיים: (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ) איך פֿאָהר אַליין.

אַלמערס: (צוטומעלט) אַליין!

באַרגהיים: איינער אַליין!

אַלמערס: (צעשטרייט) אזוי גאָר?

באַרגהיים: און בלייב אַליין.

אַלמערס: זיין אַליין — ווי שרעקליך דאָס איז. דאָס בלוט ווערט אין מיר פֿערקיהלט ביי דעם געדאַנק —

אַסטאַ: אַלפֿרעד, דו ביסט דאָך ניט אַליין!

אַלמערס: אויך דאָס קען שרעקליך זיין, אַסטאַ.

אַסטאַ: (געדריקט) רעד ניט אַזעלכע ווערטער! פֿערטרייב די געדאַנקען!

אַלמערס: אויב דו פֿאָהרסט ניט מיט, — ביסט ניט פֿערבונדען מיט קיין זאַך, פֿאַרוואָס זאָלסטו ניט בלייבען מיט מיר — און ריטאַ׳ן?

אַסטאַ: (אונרוהיג) ניין, ניין, איך קען ניט. איך מוז צוריק אין שטאָדט.

אַלמערס: בלויז אין שטאָדט, אַסטאַ! הערסט?

אַסטאַ: יאָ.

אַלמערס: זאָגסט צו אינגיכען צוריקצוקומען?

אַסטאַ: (האַסטיג) ניין, ניין, דאָס קען איך דיר דערווייל ניט צוזאָגען.

אַלמערס: גוט, ווי דו ווילסט. וועלען מיר זיך זעהן אין שטאָדט.

אַסטאַ: (בעט זיך) אָבער, אַלפֿרעד, דאַרפֿסט דאָך בלייבען איצט אין דער היים מיט ריטאַ׳ן!

אלמערס: (ענטפערט ניט, ווענדט זיך צו בארגהיים'ען) אפשר איז גאר בעסער פאר אייך, וואס איהר האט ניט סיין רע־גליימער אין וועג.

בארגהיים: (פערדראסיג) ווי קענט איהר עס זאגען!

אלמערס: יא, איהר קענט דאך קיינמאל ניט וויסען, וועמען איהר וועט טרעפען — אמאל — שפעטער — אין וועג.

אסטא: (ניט ווילענדיג) אלפרעד!

בארגהיים: (קוקט באלד אויף אסטא'ן, באלד אויף אל־מערס'ען) וואס מיינט איהר, איך פערשטעה ניט —

(ריטא בעווייזט זיך אינ'ם הינטערגרונד לינקס.)

ריטא: (זיך קלאגענדיג) א, פערלאזט מיך ניט אלע!

אסטא: (געהט אנקעגען) האסט דאך געוואלט בלייבען אליין —

ריטא: איך האב מורא. עס ווערט טונקעל — ניט היימ־ליך. מיר דוכט אלע, גרויסע, אפענע אויגען קוקען שטאר אויף מיר!

אסטא: (אנטייל נעהמענדיג, מיט א ווייכער שטימע) און אויב אפילו יא, ריטא! דארפסט זיך ניט שרעקען פאר די אויגען.

ריטא: וואס רעדסטו! ניט שרעקען זיך!

אלמערס: (איבערצייגענד) אסטא, איך בעט דיך — און נאמען פון אלע, וואס איז היילינ, בלייב דא — מיט ריטא'ן!

ריטא: און מיט אלפרעד'ן! בלייב, אסטא, בלייב!

אסטא: (קעמפפענדיג מיט זיך) אך, ווי מיר וואלט זיך געוואלט —

ריטא: נו, בלייב זשע! אלפרעד און איך, מיר קענען ניט אליין איבערטראגען אונזער אונגליק, אונזער פערלוסט.

אלמערס: (פינסטער) זאג בעסער — די חרטה און די געוויסענסביסע.

ריטא: מעגסט עס אנרופען ווי דו ווילסט, — מיר ביידע

קענען עס ניט איבערטראָגען אליין. אסטא, הארציג בעט איך דיך: בלייב און העלף אונז! פערבייט אונז עאָלפּ׳ען!

אסטא: (אָבטרעטענדיג) עאָלפּ׳ען!

ריטא: ניט וואהר, אלפרעד —?

אלמערס: אויב זי וויל און קען.

ריטא: פלעגסט איהר פריהער רופען מיין קליינער עאָלף! (נעהמט איהר פאר׳ן האנד) וועסט איצט זיין אונזער עאָלף! עאָלף, ווי אמאָל געווען!

אלמערס: (מיט בעהאַלטענער אויפרעגונג) בלייב — און טייל דאָס לעבען מיט אונז, אסטא, מיט ריטא׳ן, מיט מיר מיט מיר — דיין ברודער!

אסטא: (בעפּרייט האַסטיג די האַנד) ניין, איך קען ניט (דרעהט זיך אויס) הערר באָרגהיים, ווען געהט אָב דער דאמפּפער?

באָרגהיים: באלד.

אסטא: מוז איך באלד געהן. ווילט מיך בעגלייטען?

באָרגהיים: (מיט אן איינגעהאלטענעם אויסברוך פון פרייד) צי איך וויל! יא, יא.

אסטא: קומט־זשע.

ריטא: (לאנגזאם) אזוי גאָר. אויב אזוי — קענסטו מיט אונז ניט בלייבען.

אסטא: (ווארפט זיך צו איהר אויפ׳ן האַלז) איך דאַנק דיר ריטא. פאר אַלעם (געהט צו צו אַלמערס׳ען, נעהמט איהם אָן פאר׳ן האַנד) אלפרעד זיי געזונד, זיי געזונד!

אלמערס: (שטיל, אנגעשטרענגט) וואָס בעטייט עס, אסטא. עס זעהט עפּעס אויס, ווי דו אנטלויפסט.

אסטא: (מיט בעהאַלטענעם שרעק) יא, אלפרעד, איך אנטלויף.

אלמערס: פון מיר?

אסטא: (שעפּטשעט) פון דיר — און זיך אליין.

אלמערס: (אָבטרעטענדיג) א —!

(אַקטאַ אויסט טרעפּ אראָב אין הינטערגרונד. באַרגהיים פּאַקט מיט'ן תוט, געהט איהר נאָך. ריטאַ לעהנט זיך אָן ביי'ם ארויגאנג פון דער אַלטאַנע. אַלמערס, אַ שטאַרק אויפגערעגטער, געהט צו צו'ם געלענדער, קוקט אראָב. פּאוזע.)

א ל מ ע ר ס : (דרעהט זיך אום און רעדט, קוים בעהערשענדיג זיך) דער דאמפּפער געהט צו. זעהסט, ריטא.

ר י ט א : איך האָב מורא צו קוקען אויף איהם.

א ל מ ע ר ס : האָסט מורא ?

ר י ט א : ווייל ער האָט א רויטען אויג, און א גרינעם אויך. גרויסע, גליהענדע אויגען.

א ל מ ע ר ס : דאָס זיינען דאָך לאַמטערנס !

ר י ט א : דאָס זיינען אויגען. פון איצט אָן, פאר מיר. זיי קוקען אלץ און קוקען שטאר — פון דער בינסטער — אין דער פינסטער אריין.

א ל מ ע ר ס : אָט שטעלט ער זיך אָב ביי'ם ברעג.

ר י ט א : וואו ?

א ל מ ע ר ס : ביי'ם בריקעל, ווי אלעמאָל —

ר י ט א : ווי קען ער זיך דאָרט אָבשטעלען !

א ל מ ע ר ס : מוז דאָך אודאי.

ר י ט א : דאָרט איז דאָך עאָלף — ווי קענען זיי דאָס טהאָן ?

א ל מ ע ר ס : יא, דאָס לעבען איז אונרחמנות'דיג, ריטא.

ר י ט א : מענשען זיינען אָהן הארץ, זיי אהרט ניט פאר לעבעדיגע, ניט פאר טויטע.

א ל מ ע ר ס : דאָס לעבען געהט זיך זיין וועג — גליך ס'איז גאָרניט געשעהן.

ר י ט א : (קוקט פאר זיך) יא, ווירקליך, גאָרניט געשעהן. גאָרניט פאר אנדערע, נור פאר אונז ביידען.

א ל מ ע ר ס : (מיט אָן אויפ'ס ניי ערוואכטען וועהטאָג) יא, ריטא. האָסט איהם אָהן א צוועק געבוירען אין פּיין און יסורים,

רען ער איז ווידער אוועק אהין און קיין שפור איז פון איהם ניט מעבליבען.

ר י ט א: בלויז די קוליע —

א ל מ ע ר ס: (שארף) שווייג! איך וויל ניט הערען דאס ווארט.

ר י ט א: (זיך קלאגענדיג) א, איך קען ניט אריבערטראגען דעם געדאנק, אז מיר האבען איהם שוין מעהר ניט.

א ל מ ע ר ס: (קאלט, מיט ביטערניש) ביסט לייכט אויס־געקומען אהן איהם, ווען דו האסט איהם געהאט. גאנצע טעג פלעגסטו איהם ניט זעהן.

ר י ט א: ווייל איך האב געוואוסט, איך קען איהם זעהן, ווען איך וועל וועלען.

א ל מ ע ר ס: אזוי האבען מיר די קורצע צייט פערלוירען, וואס עלף איז מיט אונז געווען.

ר י ט א: (הערט זיך איין מיט שרעק) הערסט, אלפרעד, מען קלינגט ווידער.

א ל מ ע ר ס: (קוקט פאראויס) ס'איז דער גלאק פון דאמ־פפער. ער געהט באלד אב.

ר י ט א: א, איך מיין ניט די גלאק. א גאנצען טאג האט מיר אין די אויערן געקלונגען — איצט ווידער.

א ל מ ע ר ס: (געהט צו צו איהר) עס ווייזט זיך דיר אויס, ריטא.

ר י ט א: ניין, איך הער גאר קלאר. עס קלינגט ווי א לויה־גלאק. פאמעליך, פאמעליך. און אימער דיזעלבע ווערטער.

א ל מ ע ר ס: ווערטער? וואסערע ווערטער?

ר י ט א: (שאקעלט אין טאקט מיט'ן קאפ) „די קרליע שווימט די קו־ליע שווימט". א, מיר דוכט, דו דארפסט עס אויך הערען —

א ל מ ע ר ס: איך הער גארניט. ניטא וואס צו הערען.

ר י ט א: קענסט זאגען וואס דו ווילסט. איך הער עס קלאר.

א ל מ ע ר ס: (קוקט דורכ'ן געלענדער) איצט זיינען זיי אויפ'ן דאמפפער. ער איז שוין אָבגעגאנגען צו דער שטאָדט צו.

ר י ט א: ווי הערסטו עס ניט? די קו־ליע שווימט, די קו־ליע —

א ל מ ע ר ס: (געהט צו איהר) הער זיך ניט צו צו ־עם וואָס איז ניטאָ. אסטא און באָרגהיים זיינען אויפ'ן דאמפפער, זאָג איך, שוין אין וועג. אוועקגעפאָהרען — אסטא.

ר י ט א: (קוקט דערשראָקען אויף איהם) פאָהרסט דו, הייסט עס, אויך אין גיכען אוועק, אלפרעד?

א ל מ ע ר ס: וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגען?

ר י ט א: אז דו וועסט נאכפאָלגען דיין שוועסטער.

א ל מ ע ר ס: האָט דען אסטא עפּעס געזאָגט?

ר י ט א: האָסט דאָך אבער אליין געזאָגט, אז צוליב אסטא'ן זיינען מיר זיך צוזאמענגעקומען.

א ל מ ע ר ס: אָבער דו, דו האָסט מיך צוגעבונדען צו זיך — דורך אונזער צוזאמענלעבען.

ר י ט א: אין דיינע אויגען בין איך שוין ניט אזוי בעצוי־בערנד־שעהן.

א ל מ ע ר ס: דאָס געזעץ פון אייביגער פערוואנדלונג קען אונז נאָך צוזאמענהאלטען, ווער וויים.

ר י ט א: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) עפּעס אן ענדערונג קומט איצט אלענפאלס פאָר אין מיר. און דאָס איז פיינליך.

א ל מ ע ר ס: פיינליך?

ר י ט א: יא, ענדערונג איז אויך א מין געבורט.

א ל מ ע ר ס: א געבורט, אָדער — ווידערגעבורט, אן איבערגאנג צו א העכערען לעבען.

ר י ט א: (קוקט האָפנונגסלאָז פאר זיך) יא, דערביי אָבער געהט פערלוירען דאָס גאנצע, גאנצע לעבענסגליק.

א ל מ ע ר ס: דער פערלוסט איז א געווינס.

ריטא: אַך, פּראַזען! סוף כל סוף זיינען מיר דאָך נאָר מענשען!

אלמערס: דאָך זיינען מיר אויך נאָהענט צום ים און הימעל, ריטא.

ריטא: אפשר דו, ניט איך.

אלמערס: אַ ניין, דו אויך, מעהר ווי דו רעכענסט.

ריטא: (נעהנבער אַ טריט) הער זיך איין, אלמערס. איז עס אוממעגליך, זאָלסט זיך אויפ'ס ניי נעהמען פאר דיין ארבייט?

אלמערס: די ארבייט, וואָס דו האָסט תמיד געהאסט.

ריטא: האָב אָנגעהויבען בענוגענען זיך מיט וועניג. איך בין גרייט צו טיילען דיך מיט דיין ווערק.

אלמערס: פאַרוואָס?

ריטא: כדי צו האָבען דיך נעבען מיר, נאָהענט צו מיר.

אלמערס: אַ, איך קען דיר אזוי וועניג העלפען, ריטא.

ריטא: אפשר וואָלט איך דיר געקאָנט העלפען?

אלמערס: ביי דער ארבייט, מיינסטו?

ריטא: ניין, איך מיין העלפען דיר לעבען דיין לעבען.

אלמערס: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) מיר דוכט, איך האָב ניט וואָס צו לעבען.

ריטא: דאן העלף איך דיר דאָס לעבען איבערטראָגען.

אלמערס: (קוקט פינסטער פאר זיך) איך מיין, ס'וואָלט געווען גלייכער פאר אונז ביידע, מיר זאָלען זיך צושיידען.

ריטא: (קוקט פאַרשענדיג אויף איהם) וואוהין וועסטו געהן? אפשר, צו אסטא'ן?

אלמערס: צו אסטא'ן קיינמאָל מעהר, פון איצט אָן.

ריטא: וואוהין פאַרט?

אלמערס: אהין — אין איינזאמקייט אוועק.

ריטא: אויף די הויכע בערג — מיינסטו?

אלמערס: יא.

ר י ט א: דאָס איז דאָך אַלץ חלומות, אַלפרעד. וועסט ניט קענען לעבען דאָרט, אין דער הויך.

א ל מ ע ר ס: און דאָך ציהט עס מיך אַהין.

ר י ט א: פאַרוואָס? זאָג!

א ל מ ע ר ס: זעץ זיך צו, איך וועל דיר עפּעס דערצעהלען.

ר י ט א: עפּעס, וואָס איז מיט דיר געשעהן.

א ל מ ע ר ס: יא.

ר י ט א: און דו האָסט עס פון אַסטאַ'ן און מיר בעהאַל־טען?

א ל מ ע ר ס: יא.

ר י ט א: אימער בעהאַלטסט דו אַלעס, מען דאַרף ניט.

א ל מ ע ר ס: זעץ זיך און איך וועל דיר דערצעהלען.

ר י ט א: יא, יא — רעד (זעצט זיך נעבען דער אַלטאַנע אויף אַ באַנק).

א ל מ ע ר ס: איך בין אַליין געווען דאָרט אין דער הויך, אויף די שפּיצען־בערג. עפּעס בין איך פערגאַנגען אין אַ וויסטען געגענד צו אַ גרויסער אָזערע, האָב געדאַרפט אַריבער אויפ'ן אַנ־דערען ברעג. ניט געקענט טהאָן, ווייל איך האָב קיין מענשען ניט געזעהן דאָרט, ניט קיין שיפעל.

ר י ט א: וואָס זשע האָסטו געטהאָן?

א ל מ ע ר ס: האָב איך זיך געלאָזט אויף גאָט'ס בעראָט אָן אַ זייט צו אַ טהאָל צו. געמיינט, איך וועל קענען אין דער הויך, צווישען די בערג־שפּיצען אַ וועג געפינען און דערנאָך זיך אַראָב־לאָזען אונטען אויף דער אַנדערער זייט וואַסער.

ר י ט א: האָסט פערבלאָנדזשעט, אַלפרעד?

א ל מ ע ר ס: יא, איך האָב אַ טעות געהאַט אין דער ריכ־טונג, ווייל ס'איז ניט געווען קיין וועג, און קיין סטעזשקע ניט. האָב איך זיך אַרומגעבלאָנקיעט אַ גאַנצען טאָג, און אַ גאַנצע נאַכט דערצו. צו'ם סוף האָב איך פערלוירען יעדע האָפנונג צו דערנעהן צו אַ מענשליכען ישוב.

ר י מ א: אויך צו אונז ניט — א היים? איך בין זיכער, אז אין דיינע געדאנקען האסטו זיך געאיילט אהיים.

א ל מ ע ר ם: ניין, דאס ניט.

ר י מ א: ניין?

א ל מ ע ר ם: ניין, ס'איז געווען אזוי מאדנע, עפעס האט זיך מיר געדוכט, אז איהר זייט ווייט, ווייט פון מיר. דו, עאלף, און אסטא אויך.

ר י מ א: וואס האסטו געטראכט?

א ל מ ע ר ם: האב גארניט געטראכט, בין געגאנגען אלץ ווייטער און ווייטער, אין דער לענג פון די אבגרונדען און מיין נשמה איז געווען פול רוה און גליקזעליגקייט, וואס דער מענש פיהלט אויפ'ן שוועל פון טויט.

— ר י מ א: (שפרינגט אויף) וואס זיינען דאס פאר ווערטער, רעדסט דאך פון אזעלכע שרעקליכע זאכען!

א ל מ ע ר ם: איך האב געהאט אזא געפיהל, קיין זכר פון שרעק. דער טויט און איך, מירביידע געהן אונטער וועג, ווי צוויי הארציגע וועג־חברים, האט זיך מיר געדוכט. דאס איז דאך גאנץ נאטירליך, גאנץ איינפאך, טראכט איך מיר. דען אין מיין פאמיליע, עלטערט מען זיך ניט —

ר י מ א: רעד ניט קיין נארישקייטען, אלפרעד! ביסט דאך בשלום ארוים.

א ל מ ע ר ם: יא, פלוצלינג שטעה איך ביי'ם ציעל — אויף יענער זייט וואסער.

ר י מ א: ס'איז געווען א שרעקליכע נאכט פאר דיר, אל־פרעד. ווילסט זיך איצט ניט מודה זיין.

א ל מ ע ר ם: די נאכט האט מיך דערהויבען צו א בעשלום. דערנאך האב איך זיך אומגעקעהרט און אוועק גלייך אהיים צו עאלפען.

ר י מ א: (שטיל) צו שפעט געוועזן.

א ל מ ע ר ם: יא, און ווען ס'איז געקומען מיין וועג־חבר

און האָט איהם אװעקגעטראָגען — איז מיך א שרעק בעפאלען — פאַר איהם — פאר אלץ ארום אונז, װאָס איז אונז דאָך אזױ טײ־ ער. צוגעבונדען צו דער ערד זײנען מיר, ריטא, מיר בײדע.

ר י ט א : (מיט א פונק פרײד) זעהסט, דו אויך! (נעהנטער צו איהם) אָ, לאָמיר צוזאמען לעבען אונזער לעבען װאָס לענגער.

א ל מ ע ר ס : (קװעטשט מיט די פלײצעס) לעבען, יא! ...ן ניט האָבען גאָרניט, װאָס זאָל אנפילען דאָס לעבען! אלץ ז אונזיניג און פוסט, װאו נור דו גיסט א קוק.

ר י ט א : (אונרוהיג) אָך, פריהער אָדער שפּעטער װעסטו ...יך פערלאָזען, אלפרעד! איך פיהל עס, איך זעה עס אן דיר. װעסט אװעק געהן פון מיר?

א ל מ ע ר ס : מיט מײן װעג־חבר מײנסטו?

ריטא : נײן, איך מײן עפּעס ערגערעס. װעסט מיך פרײ־ װיליג פערלאָזען, ־דען נור דאָ, מיט מיר, דוכט זיך דיר, איז קײן ציעל פאר דיר ניטאָ, ענטפער! דאָס האָסטו אין געדאנק?

א ל מ ע ר ס : (קוקט אויף איהר הארט) און אז יא—?

(פון אונטען הערט זיך א װײטער גערויש, צובײזערטע קולות, אַלמערס געהט צו צו'ם געלענדער.)

ר י ט א : װאָס קען עס דען זײן? (אויפגערעגט) א, װעסט זעהן, זײ האָבען איהם געפונען!

א ל מ ע ר ס : מען װעט איהם קײנמאָל ניט געפינען.

ר י ט א : װאָס זשע איז עס?

א ל מ ע ר ס : (געהט צו) װיעדער א געשלעג, װי אימער, די מענער זײנען אהײם געקומען. שכור'ע, װי אלעמאָל. זײ שלאָגען די קינדער, הער זיך נור אײן, װי די אינגלעך שרײען. די פרויען יאמערן, בעטען הילף —

ר י ט א : לאָמיר שיקען עמיצען צו הילף —

א ל מ ע ר ס : (בײז און פינסטער) הילף — צו די — װאָס האָבען ניט געהאָלפען עאָלפ'ען. זאָלען זײ אומקומען, װי זײ האָ־ בען עאָלפ'ען געלאָזט אומקומען.

ר י ט א: אך, דארפסט ניט אזוי רעדען, אלפרעד! דארפסט ניט אזוי טראכטען!

א ל מ ע ר ס: איך קען ניט טראכטען אנדערש, די אלטע חורבות מוז מען אברוימען.

ר י ט א: וואס וועט ווערען פון די אלע אָרימע מענשען?

א ל מ ע ר ס: זאָלען זיי געהן ערגעץ אנדערש!

ר י ט א: און די קינדער?

א ל מ ע ר ס: צי איז ניט אלץ איינס, וואו זיי וועלען אומקומען?

ר י ט א: (ווארפט איהם שטיל אויף) צווינגסט זיך צו זיין אזא אכזר, אלפרעד.

א ל מ ע ר ס: (אויפגערעגט) איך האָב רעכט צו זיין אן אכזר איצט. און א פליכט.

ר י ט א: א פליכט?

א ל מ ע ר ס: מיין פליכט צו עאָלפ'ען. זיין טויט טאָר ניט בלייבען אָהן נקמה. הכלל, ריטא! הער זיך איין, בעטראכט גוט, וואָס איך זאָג דיר. דעם גאנצען אָרט אונטען — גלייך אוים מיט דער ערד, א תל עולם מאַך פון איהם, — ווען איך וועל אוועקגעהן.

ר י ט א: (קוקט איהם ערנסט אָן) ווען דו וועסט אוועקגעהן?

א ל מ ע ר ס: ווען דו וועסטו האָבען מיט וואָס דאָס לעבען אָנצו־פילען. דאָס מוזטו האָבען.

ר י ט א: (ענטשלאָסען) ביסט גערעכט, דאָס מוז איך האָ־בען. אָבער טרעף, וואָס איך וועל טהאָן, ווען דו וועסט אוועק?

א ל מ ע ר ס: וואָס, א שטייגער?

ר י ט א: (פאמעליך, ענטשלאָסען) ווי דו וועסט נור אוועק, וועל איך אראָב צו'ם ברעג־געגענד און וועל צונויפנעהמען אלדי ארימע, פערלאָזענע קינדער, צו זיך אהיים אלע מיאוסע איננלעך —

א ל מ ע ר ס: וואָס וועסטו מיט זיי טהאָן?

ריטא: איך וועל זיי צו זיך נעהמען.

אלמערס: דו?

ריטא: יא, איך. פונ'ם טאג אן, וואס דו וועסט מיך פערלאזען — וועלען זיי אלע דא זיין, אלע צוזאמען, ווי זיי וואלטען מיינע אייגענע קינדער געוועז.

אלמערס: (אויפגעבראכט) אנשטאט דעם קליינעם עאלף!

ריטא: יא. אנשטאט דעם קליינעם עאלף. זיי וועלען וואוינען אין עאלפ'ס צימער. לערנען זיינע ביכלעך. מיט זיינע שפילצייג שפילען זיך. זיי וועלען איינער נאכ'ן אנדערן זיצעןביי'ם טיש אויף זיין שטוהל.

אלמערס: דו רעדסט ווי פון היץ! איך האב ניט בעגעגענט קיין מענש אין דער וועלט, וואס זאל וועניגער טויגען פאר אזא זאך, ווי דו.

ריטא: אויב אזוי, וועט מיר אויסקומען אנדערש צו ווערען. איך וועל זיך לערנען — געוואוינען.

אלמערס: אויב דו מיינסט עס אלץ ערנסט, איז אן ענדערונג אין דיר פארגעקומען.

ריטא: אודאי, אלפרעד. און דיר צו פערדאנקען. האסט געלאזט א פוסטקייט אין מיין נשמה, מוז איך עס מיט וואס ס'איז אנפילען; מיט עפעס, וואס איז כאטש אביסעל צו ליעבע עהנליך.

אלמערס: (שטעהט אביסעל פערטראכט, קוקט דערנאך אויף איהר) אייגענטליך האבען מיר גאר וועניג געטהאן פאר די ארימע מענשען דארט אונטען.

ריטא: מיר האבען פאר זיי גארניט געטהאן.

אלמערס: מיר האבען קוים אמאל וועגען זיי א טראכט געטהאן.

ריטא: מיר האבען קיינמאל ניט מיטגעפיהלט מיט זיי.

אלמערס: מיר, וואס האבען פערמאגט „גאלדענע בערג".

ר י ט א: פערמאכט זיינען אונזערע הענד געווען פאר זיי, און אונזערע הערצער —

א ל מ ע ר ס: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס זיי האָבען זייער לעבען ניט איינגעשטעלט פאר'ן קלייגעם עאָלף.

ר י ט א: (שטיל) ביסט זיכער, אז מיר וואָלטען עס געוואגט!

א ל מ ע ר ס: (בעאונרוהיגט, בעשיצענדיג זיך) נו אין דעם ריטא, צווייפעל שוין ניט!

ר י ט א: ווייסט דאָך, מיר זיינען בלויז שטערבליכע מענשען.

א ל מ ע ר ס: וואָס אייגענטליך טראכסט דו צו טהאָן פאר די אלע פערוואָרפענע קינדער?

ר י ט א: קודם כל, וועל איך פּרואווען פערגרינגערן זייער לעבענסשיקזאל, און ערדעלער מאכען זיי.

א ל מ ע ר ס: אויב דאָס וועט דיר געראָטען, איז דער קלייגער עאָלף ניט אומזיסט געבוירען געוואָרען.

ר י ט א: און ניט אומזיסט צוגענומען געוואָרען פון אונז.

א ל מ ע ר ס: (קוקט אויף איהר שטאר) איינס טוזטו קלאָר אין זינען האָבען, ריטא. דאָס, וואָס טרייבט דיך צו דיין נייער ארביים איז ניט ליעבע.

ר י ט א: יא, ניט ליעבע, אלענפאלס. דערווייל איז עס נאָך ניט ליעבע.

ר י ט א: וואָס אייגענטליך?

ר י ט א: (האלב אויסמיידענדיג) האָסט אזוי אָפט גערעדט מיט אסטא'ן וועגען דעם מענשען'ס פעראנטוואָרטליכקייט —

א ל מ ע ר ס: דאָס ווערק, וואָס דו האָסט געהאסט.

ר י ט א: איך האס נאָך איצט דאָס ווערק, איך האָב זיך דאָך צוגעהערט. ווען דו פלעגסט דערצעהלען. איצט וועל איך פּרובירען דורכפיהרען עס אין לעבען. אויף מיין שטייגער.

א ל מ ע ר ס: (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ) ניט שוין זשע דעם ניט־דערענדיגטען ווערק צוליעב —

ר י ט א: ניין, איך האָב נאָך אנאנדער גרונד.

א ל מ ע ר ס: וואָס פאר א גרונד?

ר י ט א: (שטיל, מיט אַ טרויעריגען שמייכעל) איך וויל גע־נאר געפינען ביי די גרויסע, אָפענע אויגען, פערשטעהסט —

א ל מ ע ר ס: (צוטומעלט, קוקט אויף איהר שטאר) אפשר וואָלט איך אויך געקענט דיר בייזשטעהן אין דער ארבייט? דיר העלפען, ריטא?

ר י ט א: ווילסט?

א ל מ ע ר ס: ווען איך וואָלט נור געוואוסט, אז איך קען עס.

ר י ט א: (וואקעלט זיך) דאן מיזטו אָבער בלייבען דאָ.

א ל מ ע ר ס: (שטיל) לאָמיר פּרואווען, אפשר וועט עס אונז געראָטען.

ר י ט א: (קוים וואָס מען הערט) לאָמיר פּרואווען, אלפרעד.

(ביידע שטעהען א צייט שווייגענדיג. דערנאך געהט צו אלפרעד צום פלאגשטאָק און הענגט אויף די פאָהן ביז גאָר אין דער הויך. ריטא שטעהט ביי דער אַלטאַנע און קוקט אויף איהם שווייגענדיג.)

א ל מ ע ר ס: (געהט ווידער צו צו איהר) אונז שטעהט פאָר א שווערער ארבייטס־טאג, ריטא.

ר י ט א: וועסט זעהן, אמאָל וועט אויך אין אונזער גע־צעלט שטילע יום־טוב רוה נידערן.

א ל מ ע ר ס: (שטיל, מיט געפיהל) אין מיר וועלען אפשר אין דער נאָהנט טריט פון גייסטער פיהלען.

ר י ט א: (שעפטשעט) גייסטער?

א ל פ ר ע ד: (ווי פריהער) יא, אפשר וועלען זיי ארום אונז זיין, די וואָס מיר האָבען פערלוירען.

ר י ט א: (שאָקעלט לאנגזאם מיט׳ן קאָפּ) אונזער קליינער עאָלף. און דיין גרויסער עאָלף, אייך.

אלמערס: (קוקט שטאַר פאַר זיך) מיר וועלען, ס'קען זיין, נאָך פון צייט צו צייט, אויף אונזער לעבענסוועג, כאָטש אַן אַבגלאַנץ זייערן דערזעהן.

ריטא: וואוהין זאָלען מיר אונזער אויג ווענדען, אַל־פרעד?

אלמערס: (קוקט אויף איהר) אין דער הויך.

ריטא: (שאָקעלט איינשטימענדיג) יא, יא — אין דער הויך.

אלמערס: אין דער הויך — צו די שפּיצען־בערג. צו די שטערן און דער גרויסער שטילקייט.

ריטא: (גיט איהם די האַנד) אַ דאַנק דיר.

ענדע

יאָהאַן גאַבריעל באָרקמאַן

איבערזעצט פון א. פרומקין

פערזאָנען:

יאָהאַן גאַבריעל באָרקמאַן, געוועזענער באַנק־דירעקטאָר.

מאַדאַם גונהילד באָרקמאַן, זיין פרוי.

ערהארד באָרקמאַן, סטודענט, זייער זוהן.

פרײלײן עללא רענטהיים, מאַדאַם באָרקמאַן'ס צווילינג־שוועסטער.

מאדאם פעני ווילטאָן.

ווילהעלם פאָלדאל, געהילף־שרייבער אין אַ מיניסטעריום.

פרידא פאָלדאל, זיין טאָכטער.

א דיענסטמיידעל, ביי מאַדאַם באָרקמאַן.

די האַנדלונג קומט פאָר אין אַ ווינטער־אָבענד אין'ם הויז פון דער פאַמיליע רענטהיים, נית וויוט פון דער הויפט־שטאָדט.

ערשטער אַקט.

מאַדאַם באָרקמאַן׳ס וואוין־צימער. אין דער אויסשטאַטונג איז קענטיג דער אָבבלאַקירטער גלאַנץ פון אַמאָליגע בעסערע צייטען. אַן אָפענע רוקדיר פיהרט צו אַ גאָרטען־צימער מיט פענסטער און א גלעזערנער טיר אין הינטערגרונד. דורך די טיר קען מען אריינקוקען אין גאָרטען, וואו עס טרייבט אַ שנעע. ביי דער רעכטער זייטען־וואַנד אַ טיר, וואָס פיהרט אריין פון הויף. ווייטער פאָרענט — אַ גרויסער, אַלטער, אייזערנער אויוועז, וועלכער הייצט זיך. לינקס, אַביסעל הינטערווילאַבס, אַן איינצעלנע, קלענערע טיר. פאָרענט לינקס, א פענסטער מיט שווערע פאָרהאַנגען. צווישען דעם פענסטער און דער טיר אַ קאַנאַפע, בעצויגען מיט פערד־האָר און דערביי אַ פערדעקטער טיש. אויף׳ן טיש אַן אנגעצונדענער לאָמפ מיט אַן אַבאַזשור. ביים אויוועז אַ הויכער אָרם־שטוהל.

מאַדאַם באָרקמאַן זיצט אויף דער קאַנאַפע ביי איהר העקעל־אַרבייט. זי איז אַן עלטערע פרוי מיט אַ קאַלטען, בכבוד׳יגען אויסזעהן. זי האַלט זיך שטייף, איהר פנים שטרענג און שטאַר. איהרע גע־דיכטע האָר זיינען שטאַרק גראָה. די הענד זיינען פיין און דורכזיכטיג. זי טראָגט אַ שווער, דונקעל זיידען־קלייד, וואָס איז אַמאָל געווען זעהר עלעגאַנט, נאָר איצט איז עס אָבגענוצט און אַלט. איבער די שולטערן אַ וואָלענעם שאַל. זי זיצט אַ ווייַלע פערטראַכט, אונבעוועגליך, מיט איהר העקעל־אַרבייט אין האַנד. פון דרויסען הערט זיך דער גערויש פון א פערבייפאָהרענדען שליטען.

מאַדאַם באָרקמאַן (הערט זיך צו; איהרע אויגען פינקלען אויף פון פרייד, שעפטשעט): ערהארד! ענדליך!

זי הויבט זיך אויף און קוקט אַרויס דורך די פאָרהאַנגען, זי זעהט אויס ענטטוישט און זעצט זיך צוריק אַנידער אויף דער קאַנאַפע צו איהר אַרבייט.

אין אַ ווײַלע אַרום קומט אַרײַן דאָס דיענסט־מיידעל דורך די קאָרידאָר־טיר, און טראָגט אַרײַן אַ וויזיט־קאַרטע אויף אַ טאַץ.

מאדאם באַרקמאַן (שנעל): דער יונגער הערר — דאָס איז ער דאָך געקומען?

דאָס דיענסט־מיידעל: ניין, מאדאם. ס'איז אַ דאַמע דרויסען —

מאדאם באַרקמאן (לעגט אַוועק די העקעל־אַרבייט אַן אַ זייט): אַך, מאדאם ווילטאָן —

דאָס דיענסט־מיידעל (נעהענטער): ניין, ס'איז אַ פרעמדע דאמע.

מאדאם באַרקמאַן (שטרעקט אויס די האַנד נאָך דער קאַרטע): לאָמיך זעהן — (לייענט איבער דעם נאָמען, הויבט זיך שנעל אויף און וואַרפט אַ שאַרפען בליק אויף דער דיענסט) זייט איהר זיכער, אַז די קאַרטע איז פאַר מיר?

דאָס דיענסטמיידעל: יאָ, זי איז פאַר דער מאַדאם; אזוי האָב איך עס פערשטאַנען.

מאדאם באַרקמאַן: האָט זי געזאָגט, אַז זי וויל רעדען מיט מאדאם באַרקמאַן?

דאָס דיענסטמיידעל: יאָ, אזוי האָט זי געזאָגט.

מאדאם באַרקמאַן (ענטשלאָסען): נו גוט; זאָגט, אַז איך בין אין דערהיים.

דאָס דיענסט־מיידעל עפענט פאַר דער פרעמדער די טיר און געהט אַליין ארויס.

עללאַ רענטהיים קומט אַרײַן אין צימער. זי זעהט אויס עהנליך צו איהר שוועסטער; דאָך איהר געזיכט האָט גיכער אַ לוי־דענדען אוידער אַ האַרטען אויסדרוק. עס טראָגט נאָך די סימנים פון אַמאָליגער גרויסער און כאַראַקטערפולער שעהנקייט. די געדיכטע האָר פערקאמט פון'ם שטערן אַרויף און ווייס ווי זילבער. זי טראָגט אַ שוואַרץ סאַמעטען קלייד מיט אַ הוט און אַ פעלצמאַנטעל פון'ם זעלבען שטאָף. ביידע שוועסטער שטעהען אַ ווײַלע און קוקען זיך אָן מיט

דורכדרינגליכע בליקען. ס׳זעהט אויס, ווי יעדע פון זיי ערוואַרט, אַז די אַנדערע וועט אָנפאַנגען רעדען.

עללא רענטהיים (וועלכע בלייבט שטעהן לעבען טיר): יאָ, גונהילד, קענסט קוקען אויף מיר מיט פערוואונדערונג.

מאַדאַם באָרקמאַן (שטעהט אונבעוועגליך צווישען קאַנאַפּע און טיש און דריקט די שפּיץ־פינגער אין טיש־טוך): דאָסט ניט פערבלאָנדזשעט? דער פערוואַלטער וואוינט דאָך אין דער געביידע ביי דער זייט.

עללא רענטהיים: ניט מיט׳ן פערוואַלטער וויל איך היינט רעדען.

מאַדאַם באָרקמאַן: פערלאַנגסטו פון מיר עפּעס?

עללא רענטהיים: יאָ, כ׳האָב מיט דיר א פּאָר ווערטער צו רעדען.

מאַדאַם באָרקמאַן (אַ טראָט געבענדיג פאָרווערטס): נו, — זעץ זיך.

עללא רענטהיים: א דאנק; איך קען גאַנץ גוט שטעהן א קליינע ווײַלע.

מאַדאַם באָרקמאַן: ווי דו ווילסט זיך. אָבער טהו וועניגסטענס אויס דעם מאַנטעל.

עללא רענטהיים (קנעפּעלט זיך אויף דעם מאַנטעל): ס׳איז ווירקליך זעהר ווארים דאָ —

מאַדאַם באָרקמאַן: איך פריהר שטענדיג.

עללא רענטהיים (שטעהט א ווײַלע און בעטראַכט זי, שפּארט בשעת מעשה אָן איהר אָרם אָן דעם רוקען פון אָרם־שטוהל): יאָ, — גונהילד, שוין באַלד אכט יאָהר, זינט מיר האָבען זיך דאָס לעצטע מאָל געזעהן.

מאַדאַם באָרקמאַן (קאַלט): יעדענפאַלס זינט מיר האָבען גערעדט איינע צו דער אנדערער.

עללא רענטהיים: ריכטיגער געזאָגט: זינט מיר האָבען גערעדט איינע צו דער אנדערער, יאָ. ווייל געזעהן האָסט די

מיך נאָך אמאָל — ווען איך האָב געמוזט מאכען מיין יעהרליכע רייזע אהער צום פערוואלטער.

מאדאם באָרקמאן: איינס אָדער צוויי מאָל, גלויב איך.

עללא רענטהיים: איך האָב דיך אויך א פּאָר מאָל בעדבייליופענדיג געזעהן. ביים פענסטער דאָרט.

מאדאם באָרקמאן: דו האָסט מיך געמוזט זעהן הינטער די פאָרהאנגען. דו האָסט גוטע אויגען. (האַרט און שניידענדיג): געדערט אָבער האָבען מיר דאָס לעצטע מאָל, ביי מיר אין צימער —

עללא רענטהיים (ווי זי וואָלט איהר ווערען אָבהאַלטען): יאָ; יא, — איך וויים, גונהילד!

מאדאם באָרקמאן: איין וואָך איידער ער — איידער ער איז ארויסגעקומען.

עללא רענטהיים (שפּאַצירט איבער'ן צימער): אך, דערמאָן כאָטש דאָס ניט!

מאדאם באָרקמאן (מיט אַ פעסטער אָבער שטילער שטימע): ס'איז געווען די וואָך, איידער ער — דער באַנקדירעקטאָר איז ארוים פריי.

עללא רענטהיים (מאַכט עטליכע טריט פאָרווערטס): געוויס, געוויס! יענע שטונדע וועל איך אודאי ניט פערגעסען! אָבער עס איז צו שרעקליך צו דענקען וועגען דעם. צו טראַכטען דערפון אפילו איין אויגענבליק — אָה!

מאדאם באָרקמאן (מיט אַ האַלב פערשטיקטען טאָן): און דאָך מוזען זיך די געדאַנקען דרעהען נאָר ארום דעם! (שטאַרק אויפגערעגט, פערברעכענדיג מיט די הענד): ניין, איך בעגרייף עס גאָר ניט! מיין לעבען לאַנג וועל איך עס ניט בעגרייפען! איך קען גאָר ניט פערשטעהן, ווי אזוי אזא זאַך — אזא שרעקליכער בראָך האָט געקענט קומען אויף וועלכער עס איז פאמיליע! און בערעכען נור — אויף אונזער פאמיליע! אויף אזא אנשטענדיגער פאמיליע ווי אונזערע! ווער האָט עס געזאָלט דענקען, אז

גראָד זי וועט דערפון געטראָפּען ווערען!

עללא רענטהיים: אַך, גונהילד — עס זיינען נאָך געווען אַ סך, אַ סך אַנדערע פאמיליען, וועמען דער שלאַג האָט געטראָפען.

מאדאם באָרקמאַן: נו, יאָ; אָבער פאר די אַלע אַנדערע אַרט מיך ניט אַזוי שטארק. דען יענע האָבען דאָך נור בערלאָרען אַביסעל געלד — אָדער עטליכע פאַפּירען! אָבער מיר —! איך! און דאָן ערהארד — וועלכער איז דאַמאָלסט נאָך אַ קליין קינד געווען! (מיט אַלץ מעהר אויפרעגונג). די שאַנדע, וואָס איז אונז צוויי אונשולדיגע אָנגעטהאָן געוואָרען! די חרפה! די מיאוס׳ע, שרעקליכע חרפה! און דערצו נאָך פאָלשטענדיג רואינירט!

עללא רענטהיים (פאָרזיכטיג): זאָג מיר, גונהילד, — ווי טראָגט ער עס אריבער?

מאדאם באָרקמאַן: ערהארד, מיינסטו?

עללא רענטהיים: ניין, — ער אַליין. ווי טראָגט ער עס אריבער?

מאדאם באָרקמאַן (איראָניש): דו מיינסט, אַז איך פרעג זיך נאָך וועגען דעם?

עללא רענטהיים: פרעגען? דו דארפסט דאָך ניט פרעגען —

מאדאם באָרקמאַן (קוקט איהר אָן ערשטוינט): דו דענקסט דאָך ניט, אַז איך פערקעהר מיט איהם? אַז איך קום זיך מיט איהם צוזאַמען? אַז איך זעה איהם ווען עס איז פאר מיינע אויגען?

עללא רענטהיים: אפילו דאָס ניט!

מאדאם באָרקמאַן (מיט דערזעלבער מינע): ער, וואָס האָט געמוזט זיצען פינף יאָהר הינטער שלאָס און ריגעל! (פערדעקט זיך דאָס געזיכט מיט ביידע הענד). אָה, וואָס פאר אַ שמאַך! (מיט מעהר אויפרעגונג). און אַז מען בעדענקט זיך נאָך, וואָס דער נאָמען יאָהאַן גאַבריעל באָרקמאַן האָט צו יענער צייט בעדייטעט!

— ניין, ניין, ניין, — איך וויל איהם קיינמאָל מעהר ניט זעהן! — קיינמאָל ניט!

עללא רענטהיים (קוקט איהר אָן אַ ווײַלע): האָסט אַ שטיינערן הארץ, גונהילד.

מאדאם באָרקמאן: אנטקעגען איהם, יאָ!

עללא רענטהיים: ער איז דאָך דיין מאַן.

מאדאם באָרקמאן: האָט ער ניט געזאָגט פאר'ן גע־ריכט, אז איך בין געווען די ערשטע אורזאַך פון זיין אומגליק? אז איך האָב אויסגעגעבען צופיעל געלד — ?

עללא רענטהיים (פאָרזיכטיג): איז דען ניט געוועזן אין דעם אביסעל אמת?

מאדאם באָרקמאן: האָט ער עם אליין ניט געוואָלט? אלץ האָט געמוזט געפיהרט ווערן מיט א אונזיניגען לוקסום —

עללא רענטהיים: דאָס וויים איך וואויל. אָבער טאַ־קע דערפאר האָסטו איהם בעדארפט אָבהאלטען דערפון. און דאָס האָסטו ניט געטהאָן.

מאדאם באָרקמאן: האָב איך דען געוואוסט, אז עס איז ניט זיין אייגען געלד, — דאָס געלד וואָס ער האָט מיך גע־לאָזט פערשווענדען? און וואָס ער האָט אליין אויך פערשוועג־דעט. צעהן מאָל ערגער נאָך ווי איך!

עללא רענטהיים (רוהיג): נו, דאָס שטעל איך מיר פאָר האָט אזוי געדארפט זיין צוליעב דער שטעלע, וואָס ער האָט פערטראָטען. א גרויסער טייל, ווענינגסטענס.

מאדאם באָרקמאן (שפּאָטיש): נאטירליך, ס'האָט דאָך שטענדיג געהייסען, אז מיר מוזען „זיך ארויסווייזען“, און ארויסווייזען זיך, דאָס האָט ער געקאָנט גרינדליך! מיט א פיער־שפאן פלעגט ער ארויספאָהרען, — פונקט ווי ער וואָלט געווען א קעניג. געלאָזט דעם עולם זיך בוקען פאר איהם, ווי פאר א קעֿ־ניג. (לאַכט). און ביים ערשטען נאָמען האָבען זיי איהם גערופען — אין גאנצען לאנד, — אקוראט ווי ער וואָלט געווען דער קעניג

אליין. „יאָהאַן גאבריעל“, יאָהאַן גאבריעל“. יעדעס קינד האָט געוואוסט, וואָס פאר א שררה „יאָהאַן גאבריעל“ איז!

עללא רענטהיים (פעסט און מיט ווארעמקייט): ער איז דאָך ווירקליך דאמאָלסט געווען א גרויסער מאַן.

מאדאם באָרקמאַן: אזוי האָט עס אויסגעוויזען. אָבער קיינמאָל, מיט קיין איין איינציגען וואָרט, האָט ער מיר ניט געגעבען צו פערשטעהן, וואו ער האָט אייגענטליך געהאלטען אין דער וועלט. קיינמאָל האָב איך פון איהם ניט געהערט, וואו ער האָט גענומען די מיטלען צו אזא גרויסארטיגען לעבען.

עללא רענטהיים: דאָס איז מעגליך, — אנדערע מענשען האָבען דאָך אויך דערפון קיין אהנונג ניט געהאט.

מאדאם באָרקמאַן: ווי ער האָט געהאנדעלט געגען אנדערע וואָלט איך אידם נאָך מוחל געווען. אָבער מיר איז ער פערפליכטעט געווען צו זאָגען די ווארהייט. און דאָס האָט ער קיינמאָל ניט געטהאָן; נור געליינט האָט ער מיר, — שענדליך געליינט —

עללא רענטהיים (שלאָגט איהר איבער די רייד): דאָס האט ער זיכער ניט געטראָן, גונהילד! ער האָט אפשר פערשוויגען דעם אמת! אָבער קיין ליגען האָט ער זיכער ניט געזאָגט.

מאדאם באָרקמאַן: רוף עס ווי דו ווילסט. ס'איז אלץ איינס. דאן איז אָבער געקומען דער קראַך. אלצדינג איז חרוב געוואָרען. די גאנצע גדולה איז געגאנגען צום טייפעל.

עללא רענטהיים (פאר זיך): יאָ, אלצדינג איז חרוב געוואָרען, — פאר איהם — און פאר אנדערע.

מאדאם באָרקמאַן (דראָהענד): אָבער וויסען זאָלסט דו, עללא, — אונטערגעגעבען האָב איך זיך נאָך אויף קיין פאל ניט! איך וועל נאָך וויסען, ווי אזוי זיך אָבצורעכענען. קענסט זיך פערלאָזען דערויף!

עללא רענטהיים (געשפאנט): אָברעכענען זיך? וואָס מיינסטו דערמיט?

מאדאם באַרקמאַן: אָברעכענען זיך פאַר׳ן פערלאָ־רענעם נאָמען און פאַר דער עהרע און דעם רייכטהום! א בעצאָה־לונג פאַר מיין גאַנצען פערשפּיעלטען לעבען, אָט דאָס מיין איך! איך האָב אָנגעגרייט איינעם, דו מעגסט עס וויסען.—איינעם, וועל־כער זאָל ריינוואשען אַלצדינג, וואָס — דער באַנק־דירעקטאָר האָט בעשמוצט.

עללא רענטהיים: אָבער גונהילד! גונהילד!

מאדאם באַרקמאַן (מיט אַ העכערען טאָן): זיי וויסען, עס לעבט א ראכע־נעהמער! איינער, וועלכער דאַרף פערריכטען און גוט־מאכען אַלצדינג, וואָס זיין פאָטער האָט געגען מיר פער־בראָכען.

עללא רענטהיים: ערהארד, הייסט עס!

מאדאם באַרקמאַן: יאָ, ערהארד, — מיין הערליכער יונג! ער וועט ווידער אויפריכטען דאָס הויז, די פאַמיליע, דעם נאָמען! אַלעס, וואָס קען נאָך צוריקגעשטעלט ווערן אויף די פיס. — און פיליייכט נאָך מעהר.

עללא רענטהיים: און ווי אזוי, מיינסטו, קען דאָס געשעהן?

מאדאם באַרקמאַן: זאָל דאָס געשעהן ווי עס וויל. איך וויים ניט, ווי אזוי עס וועט קומען. אָבער איך וויים, אז עס וועט אמאָל קומען, אז עס מוז קומען. (קוקט זי אָן מיט אַ פראַגע אין די אויגען). יאָ, — עללא, — האָסט דו זיך דען אייגענטליך ניט ארומגעטראָגען מיט דעם זעלבען געדאנק, פון דער צייט אָן וואָס ער איז נאָך געווען א קליין קינד?

עללא רענטהיים: ניין, דאָס קען איך אייגענטליך ניט זאָגען.

מאדאם באַרקמאַן: ניין? פאַר וואָס דען האָסטו איהם גענומען אונטער דיין שוץ? דאמאָלסט, ווען דער שטורם האָט אויסגעבראָכען איבער — איבער אָט דעם הויז.

עללא רענטהיים: דו אליין האָסט דאָך דאמאָלסט דאָס ניט געקענט טהאָן, גונהילד.

מאדאם באָרקמאַן: אָך ניין, — דאָס איז גאַנץ ריכ־טיג. און זיין פאָטער — ער האָט געהאַט אזא וויכטיגען גרונד אָב־צוהאַלטען זיך, — דאָרט, וואו ער איז געזעסען, — אַזוי גוט גע־היט —

עללא רענטהיים (צוקאָכט): אָה, ווי קענסט דו נאָר ארויפברייגגען אַזעלכע ווערטער אויף די ליפּען? — דו!

מאדאם באָרקמאַן (מיט אַ גיפטיגען שמייכעל): און דו האָסט געקענט ביי זיך פועל'ן צוצונעהמען צו זיך אַ קינד, — דאָס קינד פון אַ יאָהאַן גאַבריעל! אקוראַט ווי דאָס וואָלט געווען דיין אייגען קינד —. ביי מיר עם צונעהמען, — און דערמיט אהיימפאָהרען. און האַלטען איהם ביי דיר יאָהר־אויס יאָהר־איין. ביז וואנען דער איינגעל איז שוין כמעט געוועזן דערוואַקסען. (קוקט זי אָן מיט מיסטרויען). פאַרוואָס האָסטו דאָס אייגענטליך געטהאָן, עללא? פאַרוואָס האָסטו איהם געהאַלטען ביי זיך?

עללא רענטהיים: איך האָב איהם מיט דער צייט אַזוי הארציג ליעב געקראָגען —

מאדאם באָרקמאַן: מעהר נאָך ווי איך, — זיין מוטער!

עללא רענטהיים (אויסווייכענדיג): דאָס ווייס איך ניט. און אחוץ דעם איז דאָך ערהארד געווען אַ שוואַכליך קינד איינגעלוויז.

מאדאם באָרקמאַן: ערהארד — אַ שוואַכליכער!

עללא רענטהיים: יאַ, אַזוי האָט זיך מיר געדוכט — דאַמאָלכט ווענינגסטענס. און אויסער דעם איז דאָך די לופט אין מעריב־געגענד אַ סך מילדער ווי דאָ, ווייסטו.

מאדאם באָרקמאַן (מיט אַ ביטערען שמייכעל): אַזוי נאָר. כ'האָב גאָר ניט געוואוסט. (אָבהאַקענדיג דעם געשפּרעך). יאָ, דו האָסט ווירקליך געטהאָן זעהר פיעל פאַר ערהארד'ן. דו. (ענ־דערט דעם טאָן). נו, ס'פערשטעהט זיך, דו האָסט דאָך די מיטלען דערצו. (שמייכעלט). דו האָסט דאָך געהאַט אַזאַ גליק, עללא.

ס'איז דאָך דיר געלונגען צו ראַטעווען אַלצדינג, וואָס האָט געהערט צו דיר.

עללא רענטהיים (געקרענקט): איך האָב קיין טריט ניט געמאכט עפּעס צו ראַטעווען, — דאָס קען איך דיר פערזיכערן. איך האָב קיין אהנונג ניט געהאַט דערפון — ביז אַ לאַנגע צייט נאָכדעם — אַז די פּאַפּירען, וואָס זיינען געלעגען אין באַנק אויף מיין רעכנונג, — אַז די פּאַפּירען זיינען געבליבען גאַנץ —

מאַדאַם באָרקמאַן: יאַ, יאַ; איך פערשטעה זיך ניט אויף אַזעלכע זאַכען. איך זאָג נור, אַז דו האָסט געהאַט גליק. (קוקט זי אָן מיט אַ פראַגע). אָבער ווען דו האָסט זיך אַליין פאָרגענומען צו ערציהען ערהאַרד'ן אויף מיין פּלאַץ — וואָס פאַר אַ כונה האָסט דו דערביי געהאַט?

עללא רענטהיים (קוקט זי אָן): וואָס פאַר אַ כונה — ?

מאַדאַם באָרקמאַן: יאָ, האָסט דאָך געמוזט האָבען עפּעס אַן אַבזיכט. צו וואָס האָסטו איהם געוואָלט ערציהען? וואָס האָסטו פון איהם געוואָלט מאַכען, מיין איך?

עללא רענטהיים (לאַנגזאַם): כ'האָב געוואָלט ערהאַרד'ן פערלייכטערן דעם וועג, צו קענען ווערען אַ גליקליכער מענש אויף דער וועלט.

מאַדאַם באָרקמאַן (אַ מאַך טהאָנדיג מיט דער האַנד): נאַ, — מענשען אין אונזער צושטאַנד האָבען עפּעס אַנדערש וואָס צו טהאָן איידער צו דענקען פון גליק.

עללא רענטהיים: פון וואָס דען זאָלען זיי דענקען?

מאַדאַם באָרקמאַן (מיט ערנסטע און אויסדרוקספולע בליקען): ערהאַרד מוז פריהער פון אַלצדינג זיך פאָרנעהמען אַזוי הויך אַרויפצושטייגען און אַזוי ווייט אַרויסצוגלאַנצען, אַז קיין מענש אין גאַנצען לאַנד זאָל ניט זעהען מעהר דעם שאָטען, וואָס זיין פאָטער האָט געוואָרפען אויף מיר — און אויף מיין זוהן.

עללא רענטהיים (פאָרשענדיג): זאָג מיר, גונהילד, —

איז דאָס אויך די אויפגאַבע, וואָס ערהארד אליין האָט זיך פאַרגענומען אין לעבען — ?

מאדאם באַרקמאן (פיהלט זיך געטראָפען): יאָ, דאָס קענען מיר דאָך ערוואַרטען!

עללא רענטהיים: — אָדער דאָס איז אייגענטליך א אויפגאבע, וואָס דו העננסט איהם אָן?

מאדאם באַרקמאן (קורץ): איך און ערהארד האָבען אימער דיזעלבע אויפגאבען אין לעבען.

עללא רענטהיים (מיט א שווער געמיטה און לאַנגזאַם): אזוי שטארק, הייסט עס, בויסטו אויף דיין זוהן, גונהילד?

מאדאם באַרקמאן (מיט אַן אויסדרוק פון טריאומף): יאָ, — גאָט זיי דאַנק. אזוי שטארק בוי איך. קענסט זיך פערלאָזען דערויף!

עללא רענטהיים: אויב אזוי מוזטו דאָך אין גרונד נענומען זיך פיהלען גליקליך. נאָך אלעם דעם.

מאדאם באַרקמאן: אזוי איז עס טאקע. אין דער הינזיכט ווענינסטענס. דאן קומט אָבער אָן אויף מיר, — יעדען אויגענבליק, פעריאָדענווייז, — די אנדער געשיכטע, ווי א ביי־זער שטורם.

עללא רענטהיים (ענדערט דעם טאָן): זאָג מיר — זאָג מיר עס גליך — דען כ'בין אייגענטליך צוליעב דעם אהער געקומען —

מאדאם באַרקמאן: וואָס?

עללא רענטהיים: א זאך, וועגען וועלכער איך האָב מיט דיר געוואָלט רעדען. — זאָג מיר, — ערהארד וואוינט דאָך ניט דאָ ביי — ביי אייך —?

מאדאם באַרקמאן (שארף): ערהארד קען דאָ ביי מיר ניט וואוינען. ער מוז וואוינען אין שטאָדט —

עללא רענטהיים: דאָס האָט ער מיר געשריבען.

מאדאם באַרקמאן: ער מוז דאָס טהאָן צוליעב זיין

שטודיום. אָבער ער קומט ארויס יעדען אָבענד אויף א ווײַלע צו מיר.

עללא רענטהיים: אויב אזוי קען איך איהם פּילײַכט זעהן? און גלײַך מיט איהם רעדען?

מאדאם באָרקמאן: ער איז נאָך ניטאָ. איך ערווארט איהם אָבער יעדען אויגענבליק.

עללא רענטהיים: אָבער גונהילד, — ער מוז שוין זיין דאָ. כ'הער איהם דאָך ארומגעהן אויבען.

מאדאם באָרקמאן (מיט א שנעלען בליק): אויבען אין זאאל?

עללא רענטהיים: יאָ. כ'האָב איהם געהערט ארומ־געהן אויבען די גאנצע צייט, וואָס איך בין דאָ.

מאדאם באָרקמאן (מיט א בליק אָן א זייט): דאָס איז ניט ער, עללא.

עללא רענטהיים (האַלב פערוואונדערט): דאָס איז ניט ערהארד? (אזוי ווי זי וואָלט זיך אָנשטויסען). ווער דען איז עס?

מאדאם באָרקמאן: דער באנק־דירעקטאָר.

עללא רענטהיים (שטיל, אין אונטערדריקטען שמערץ): באָרקמאן. יאָהאן גאבריעל באָרקמאן!

מאדאם באָרקמאן: אזוי געהט ער ארויף און אראָב. אהין און צוריק. פון אין דערפריה ביז ביינאכט. טאָג־אויס טאָג־איין.

עללא רענטהיים: עפּעס האָב איך יעדענפאלס גע־הערט וועגען דעם —

מאדאם באָרקמאן: דאָס קען איך זיך פאָרשטעלען. מענשען ריידען געוויס וועגען אונז דאָ אלערליי זאכען.

עללא רענטהיים: ערהארד האָט עפּעס אָנגעדייטעט וועגען דעם אין זיינע בריעף. אז זיין פאָטער האלט זיך מייס־טענס פאר זיך, דאָרט אויבען. און דו — דאָ אונטען.

מאדאם באָרקמאן: יאָ, — אזוי האָבען מיר זיך גע־האלטען, עללא. די גאנצע צייט, זינט זיי האָבען איהם ארויסגע־

לאָזט פריי און צוגעשיקט אהער צו מיר. — די גאנצע לאנגע אכט יאָהר נאָכאַנאַנד.

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: כ'האָב זיך אָבער קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אז דאָס איז ווירקליך אזוי. אז עס איז איבערהויפט מעגליך — !

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): ס'איז וואהר. און ס'קען אויך קיינמאָל ניט אנדערש ווערן .

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם (קוקט זי אָן): דאָס מוז דאָך זיין א שרעקליך לעבען, גונהילד.

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן: ערגער נאָך ווי שרעקליך! באלד ניט מעהר צום אויסהאלטען.

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: דאָס פערשטעה איך גאנץ גוט.

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן: נאָכאַנאַנד רק הערען זיינע טריט דאָ אויבען! פון פריה־מאָרגען ביז שפעט אין דער נאכט. — און ווי דאָס קלינגט אָב דאָ אונטען!

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: דער ווידער־קלאנג איז ווירקליך גאנץ שטארק.

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן: אָפטמאָל קומט מיר פאָר, אזוי ווי איך וואָלט געהאט א קראנקען וואָלף אין שטייג אויבען אין זאאל. פונקט איבער מיין קאָפּ. (הערט זיך צו אַ ווײַלע און שעפּטשעט). הער נאָר! דערסט? אהין און צוריק, — אהין און צוריק געהט דער וואָלף.

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם (פאָרזיכטיג): וואָלט עס ניט געקענט ווערן אנדערש, גונהילד?

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן (צוריקווייזענדיג): ער האָט קיינמאָל ניט געמאכט קיין איין איינציגען שריט דערצו.

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: וואָלסט ד ו אָבער דען ניט געקענט מאכען דעם ערשטען שריט?

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן (אויפגערעגט): איך! נאָך אלעם דעם, וואָס ער האָט געגען מיר פערבראָכען! — ניין, איך דאנק דיר

זעהר! זאָל דער וואָלף ליעבערשט בלייבען אויבען און ווייטער וואויען.

עללא רענטהיים: מיר ווערט דאָ צו היים. דו מוזט מיר שוין ערלויבען זיך אביסעל אויסצוטהאָן.

מאדאם באָרקמאן: כ'האָב דאָך דאָס דיר פריהער געזאָגט —

עללאַ רענטהיים לעגט אַוועק דעם מאַנטעל און דעם הוט אויף א שטוהל ביי דער קאָרידאָר־טיר.

עללא רענטהיים: טרעפט זיך ניט אמאָל, אז דו בעגעגענסט איהם ערגעץ וואו אויסערן הויז?

מאדאם באָרקמאן (מיט א ביטערן געלעכטער): אין געזעלשאפט, מיינסט דו?

עללא רענטהיים: כ'מיין, ווען ער געהט ארויס כאַפּען פרישע לופט. דרויסען אין וואלד אָדער —

מאדאם באָרקמאן: דער באנק־דירעקטאָר געהט קיינמאָל ניט ארויס.

עללא רענטהיים: אין אָבענד אפילו אויך ניט?

מאדאם באָרקמאן: קיינמאָל ניט.

עללא רענטהיים (גערירהרט): ער קען עס ניט פועל'ן ביי זיך?

מאדאם באָרקמאן: עס שיינט אזוי. זיין גרויסער מאנטעל און זיין פילץ־הוט הענגען אין דער וואנד־שאפע. אין קאָרידאָר, ווייסט דאָך —

עללא רענטהיים (פאר זיך): — די וואנד־שאפע, וואו מיר פלעגען זיך שפּיעלען, בעת מיר זיינען געווען קינדער —

מאדאם באָרקמאן (שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ): און צייטענווייז, — שפּעט ביינאַכט, — הער איך, ווי ער קומט ארינטער — כדי זיך אָנצוטהאָן און ארויסגעהן. נאָר ער בלייבט געוועהנליך שטעהן אין מיטען וועג אויף די טרעפּ — און קעהרט זיך אום צוריק. און ער געהט ווידער ארויף אין זאאל

עללא רענטהיים (שטילערהייט): קומט גאָר קיינער ניט פון זיינע אַלטע פריינד צו איהם צו גאַסט ?

מאדאם באָרקמאן: ער האָט ניט קיין אַלטע פריינד.

עללא רענטהיים: ער האָט דאָך געהאַט אַזוי פיעל — אין די פריהערדיגע יאָהרען.

מאדאם באָרקמאן: הם! פון די האָט ער דאָך אויף אַזאַ פיינעם אופן געוואוסט ווי פטור צו ווערן. ער איז זיינע פריינד געווען א טייערער פריינד, — דער יאָהאַן גאַבריעל.

עללא רענטהיים: נו יאָ, אין דעם ביסט דו אפשר גע־רעכט, גונהילד.

מאדאם באָרקמאן (בייז): און נאָך אַלעם דעם מוז איך דיר זאָגען, אז עס איז קלעגליך, געמיין און קליינליך צו לעגען אזוי פיעל געוויכט אויף א ביסעל שאָדען, וואָס זיי האָבען צוליעב איהם געליטען. דאָס איז דאָך בלויז א געלד־שאָדען. ווייטער גאָרנישט.

עללא רענטהיים (ניט ענטפערענדיג): און אזוי לעבט ער, הייסט עס, אויבען גאַנץ איינזאַם. איינער אַליין מיט זיך.

מאדאם באָרקמאן: אזוי ווייזט עס אויס. יעדענפאלס האָב איך געהערט זאָגען, אז אַן אַלטער קאָפּירער אָדער געהילף־שרייבער געהט ווען־ניט־ווען ארויף צו איהם.

עללא רענטהיים: אָך, דאָס מוז אודאי זיין איינער מיט׳ן נאָמען פאָלדאַל. כ׳וויים, אז זייביידע זיינען געוועזן יו־גענד־פריינד.

מאדאם באָרקמאן: יאָ, כ׳מיין, אז דאָס מוז זיין דערזעלבער. איבעריגענס קען איך איהם גאָר ניט. אין אונזער געזעלשאפטס־קרייז פלעגט ער דאָך ניט קומען. אין דער צייט, ווען מיר האָבען נאָך געהאַט אַזאַ קרייז —

עללא רענטהיים: איצט אָבער קומט ער, הייסט עס, צו באָרקמאַן׳ן ?

מאדאם באָרקמאן: יאָ, ער איז ניט קיין גרויסער

אויסקלייבער. אָבער אפילו ער קומט אהער נור ווען ס'איז פינ־
סטער.

עללא רענטהיים: אַט דער פאַלדאַל איז אויך געוועזן
איינער פון די, וואָס האָבען געליטען שאָדען, בעת די באנק איז צו
גרונד געגאנגען.

מאדאם באָרקמאן: אזוי ווייט ווי איך קען זיך דער־
מאָנען, האָט ער אויך ווירקליך פערלאָרען אביסעל געלד. אָבער
דאָס איז דאָך געווים געוועזן אזוי ווייניג —

עללא רענטהיים (מיט אַ ליכטער בעטאָנונג): ס'איז
געוועזן זיין גאַנץ פערמעגען.

מאדאם באָרקמאן (שמייכעלט): נא, דו ליעבער גאָט,
— זיין פערמעגען, ווייסט דו, איז דאָך געווים געוועזן אזוי קליין,
אז ס'איז גאָרנישט ווערטה צו ריידען דערפון.

עללא רענטהיים: פון פאַלדאַל'ס זייט איז טאקע
דערפון קיין רייד ניט געוועזן, בעת'ן פראָצעס.

מאדאם באָרקמאן: און איבערהויפט קען איך דיר
זאָגען, אז ערהארד האָט איהם מיט דער פולער האנד בעצאָהלט
פאר דער קליינינגקייט.

עללא רענטהיים (פערוואונדערט): ערהארד! ווי אזוי
איז ערהארד געוועזן אימשטאנד דאָס צו טהאָן?

מאדאם באָרקמאן: ער האָט זיך אָנגענומען פאר
פאַלדאַל'ס יינגסטער טאָכטער. און ער האָט מיט איהר געלע־
רענט—, אזוי אז עס וועט נאָך אמאָל עפּעס ווערן פון איהר און זי
וועט מיט דער צייט קענען שטעהן אויף איהרע אייגענע פיס.
זעהסט דו, — דאָס איז זיכער אַ סך מעהר ווי דאָס, וואָס דער פאָ־
טער איהרער וואָלט געקענט טהאָן פאר איהר.

עללא רענטהיים: יאָ, דער פאָטער, קען איך מיר
פאָרשטעלען, לעבט געווים אין אָרעמע אומשטענדען.

מאדאם באָרקמאן: און אחוץ דעם האָט ערהארד
דורכגעפיהרט זי זאָל שפּיעלען מוזיק. זי האָלט שוין אזוי ווייט,

אז זי קען ארויפגעהן צו איהם — צו איהם, אויבען אין זאאל, און שפיעלען פאר איהם.

עללא רענטהיים: אזוי, ער האט נאך אלץ ליעב מוזיק?

מאדאם באָרקמאן: יאָ, עס זעהט אזוי אויס. ער האט דאך די פיאנאָ, וואָס דו האסט ארויסגעשיקט אהער — בעת מען האט איהם דאָ ערוואַרט —

עללא רענטהיים: און זי שפיעלט פאר איהם אויף דער פיאנאָ?

מאדאם באָרקמאן: יאָ, פון צייט צו צייט. אין אָבענד־שטונדען. דאָס האט אויך ערהארד איינגעפיהרט.

עללא רענטהיים: דאָס אָרים מיידעל מוז אלזאָ געהן אזא וייטען וועג ביז אהער ארויס? און דאן ווידער צוריק אין שטאָדט?

מאדאם באָרקמאן: ניין, זי פערשפּאָרט צו מאכען דעם ווייטען גאנג. ערהארד האט איהר פערשאפט א פלאץ ביי א דאמע, וואָס וואוינט דאָ ניט וויט. ביי א מאדאם ווילטאָן —

עללא רענטהיים (מיט אימפּעט): מאדאם ווילטאָן!

מאדאם באָרקמאן: א זעהר רייכע דאמע. דו קענסט זי געוויס ניט.

עללא רענטהיים: דער נאָמען איז מיר בעקאנט. מאַ־דאם פעני ווילטאָן, דוכט זיך —

מאדאם באָרקמאן: יאָ, גאנץ ריכטיג.

עללא רענטהיים: ערהארד האט זי אָפט דערמאָנט אין זיינע בריעף. — זי וואוינט איצט דאָ אין דער געגענד?

מאדאם באָרקמאן: זי האט דאָ געדונגען א ווילא. און מיט א קורצער צייט צוריק האט זי אריבערגעצויגען אהער פון דער שטאָדט.

עללא רענטהיים (מיט אַ האַלבען מויל): מען זאָגט, אז זי האט זיך געג׳גט מיט איהר מאן.

מאדאם באַרקמאַן: דער מאַן איז שוין טויט זינט עטליכע יאָהר.

עללא רענטהיים: דאָס איז ריכטיג, אָבער גע'גט זיינען זיי געווען — ער האָט זיך מיט איהר געשיידען.

מאדאם באַרקמאַן: ער האָט זי פערלאָזען, דאָס איז וואָס ער האָט געטהאָן. זי איז געווען ניט שולדיג אין דעם.

עללא רענטהיים: ביסטו גוט בעקאַנט מיט איהר, גונהילד?

מאדאם באַרקמאַן: אזוי נישקשה'דיג. זי וואוינט דאָך דאָ ניט ווייט, קומט זי צייטענווייז צו מיר אויף בעזוך.

עללא רענטהיים: און זי געפעלט דיר?

מאדאם באַרקמאַן: זי איז זעהר אַ פערשטענדיגע. זי האָט אַ מערקווירדיג קלאָהרען קאָפּ צו אורטיילען —

עללא רענטהיים: איבער מענשען, מיינסטו?

מאדאם באַרקמאַן: דער עיקר איבער מענשען. ערהארד'ן, צום ביישפּיעל, האָט זי פאָלשטענדיג דורכגעשטודירט. ביז'ן גרונד — ביז טיעף אין דער נשמה אריין. און טאקע דעריבער פערגעטערט זי איהם אזוי — וואָס עס איז דאָך גאַנץ נאַטירליך.

עללא רענטהיים (אַביסעל לויערענדיג): איז זי, הייסט עס, מיט ערהארד'ן־נאָך בעסער בעקאַנט איידער מיט דיר?

מאדאם באַרקמאַן: ערהארד פלעגט זיך יעדענפאַלס עפּטערס צונויפקומען מיט איהר אין שטאָדט. איידער זי האָט ארויסגעצויגען אהער.

עללא רענטהיים (אָהן איבערלעגונג): און דאָך האָט זי ארויסגעצויגען פון שטאָדט?

מאדאם באַרקמאַן (קוקט זי אָן מיט פערוואונדערונג): און דאָך! וואָס מיינסטו דערמיט?

עללא רענטהיים (וויל זיך ארויסדרעהען): נאַ, דו ליעבער גאָט, — וואָס זאָל איך מיינען דערמיט — ?

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן: ס'האָט געקלונגען אזוי מאָדנע. דו האָסט עפּעס געמיינט דערמיט, עללא!

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם (קוקט איהר פעסט אין די אויגען): נו יאָ, גונהילד. כ'האָב ווירקליך עפּעס געמיינט דערמיט.

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן: נו, טאָ זאָג עס אָפען ארויס!

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: פאר אלעם וויל איך דיר זאָגען, אז איך האָב אויך א שטיקעל רעכט אויף ערהארד'ן, ווי מיר ווייזט אויס. אָדער מיינסטו פיליכט, אז ניט?

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן (קוקט ארום אין צימער): נאטיר־ליך! אזוי פיעל געלד וואָס ער האָט דיך אָבגעקאָסט —

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: אך, וואָס! ניט פון דאָס וועגען, גונהילד. נאָר ווייל איך האָב איהם ליעב —

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן (מיט אַ שפּאָטישען שמייכעל): מ י י ן זוהן? קענסט דו דאָס? ד ו? ניט קוקענדיג אויף אלצדינג?

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: יאָ, איך קען עס. ניט קוקענדיג אויף אלצדינג. און איך טהו דאָס. כ'האָב ליעב ערהארד'ן. אזוי ליעב, ווי איך ק ע ן א מענשען איבערהויפּט ליעב האָבען — איצט. אין מיין עלטער.

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן: נו יאָ, דאָס קען שוין זיין; אָבער —

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: און דערום, זעהסט דו, בין איך אונ־רוהיג, ווען איך שפּיהר, אז עפּעס דראָהט איהם.

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן: אז עפּעס דראָהט ערהארד'ן! יאָ, אָבער וואָס דראָהט איהם דען? אָדער ווער דראָהט איהם?

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: ערשטענס דו אליין, — אויף דיין אופן —

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן (אויפגערעגט): איך!

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: און אויסער דעם, אָט די מאדאם ווילטאָן, — איך האָב מורא —

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן (קוקט זי אָן אַ ווייל'ע, ניט אויסריי־

דענדיג קיין וואָרט): און דו גלויבסט עטוואָס דערגלייכען אויף ער־הארד'ן! אויף מיין זוהן! אויף איהם, וועלכער האָט דורכצו־פיהרען זיין גרויסע מיסיאָן!

עללא רענטהיים (גיט אַ מאַך מיט דער האַנד): ווייס איך וואָס, אַ מיסיאָן —!

מאדאם באָרקמאן (אויסער זיך): און דאָס וואגסט דו צו זאָגען מיט אזא שפּאָט!

עללא רענטהיים: גלויבסטו טאקע, אז אַ מענש אין ערהארד'ס יאָהרען, — יונג, פריש און געזונד, — גלויבסטו אפשר, אז ער וועט געהן און זיך אויפאָפּפערן פאר — פאר עפּעס אַ מין „מיסיאָן"!

מאדאם באָרקמאן (מיט פעסטער זיכערקייט): ער־הארד וועט עס טהאָן! דאָס ווייס איך זיכער.

עללא רענטהיים (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): דו ווייסט עס ניט און דו גלויבסט ניט אין דעם, גונהילד.

מאדאם באָרקמאן: איך גלויב ניט אין דעם!?

עללא רענטהיים: דו האָסט זיך נור איינגעבילדעט אין דעם! דען אויב דו וואָלסט ניט געקענט זיך פעסט אָנקלאמערן אָן דעם, וואָלסטו זיכער אינגאנצען פערצווייפעלט געוואָרען.

מאדאם באָרקמאן: גאנץ געוויס וואָלט איך פערצוויי־פעלט געוואָרען. (מיט כעס). און דאָס וואָלט דיר פיליכט געוועזן אם ליעבסטען, עללא!

עללא רענטהיים (הויבט אויף דעם קאָפּ אין דער הויך): יאָ! דאָס וואָלט מיר געוועזן אם ליעבסטען, — אויב דו קענסט זיך אנדערש ניט העלפען, סיידען אז ערהארד זאָל מוזען ליידען!

מאדאם באָרקמאן (מיט אַ דראָהענדען טאָן): דו ווילסט זיך שטעלען צווישען אונז! צווישען מוטער און זוהן! דו!

עללא רענטהיים: איך וויל איהם בעפרייען פון דיין איינפלוס, — פון דיין געוואלט, — פון דיין הערשאפט.

מאדאם באָרקמאן (מיט טריאומף): דאָס קענסטו שוין ניט מעהר! דו האָסט איהם געהאט אין דיין נעטץ — ביז זיין פופ־

צעהנטען יאָהר. אָבער קוק נור, איצט האָב איך איהם ווידער גע־וואונגען!

עללא רענטהיים: אויב אזוי וועל איך איהם פון דיר צוריק אָבגעווינען! (הייזעריג, מיט אַ האַלב שעפּטשענדיגער שטימע). סיר ביידע האָבען שוין איינמאָל געקעמפּפט אויף לעבען און טויט איבער א מענשען, גונהילד!

מאדאם באָרקמאן (מיט אַ רשעות'דיגען בליק): יאָ, און איך האָב דאן געזיעגט.

עללא רענטהיים (מיט אַ שפּאָטישען שמייכעל): דו מיינסט נאָך אלץ, אז דער זיעג איז געווען א געווינס פאר דיר?

מאדאם באָרקמאן (מיט אַ פינסטערען בליק): ניין; — דעריין ביזטו שרעקליך גערעכט.

עללא רענטהיים: עס וועט אויך דאָס מאָל ניט ארויסקומען קיין געווינס פאר דיר.

מאדאם באָרקמאן: איז עס ניט קיין געווינס, צו האָ־בען איבער ערהארד'ן די געוואלט פון א מוטער?!

עללא רענטהיים: ניין; דען דו ווילסט נור האָבען די געוואלט איבער איהם.

מאדאם באָרקמאן: און דו?

עללא רענטהיים (מיט ווארעמקייט): איך וויל געווי־נען פאר מיר זיין ליעבפולעס געמיטה, — זיין זעלע, — זיין גאנץ הארץ —!

מאדאם באָרקמאן (פּלאצט ארויס): דאָס וועט דיר קיינמאָל ניט געלינגען!

עללא רענטהיים (קוקט זי אָן): האָסט זיך שוין אפשר בעוואָרענט פאר דעם?

מאדאם באָרקמאן (שמייכעלט): יאָ, איך האָב זיך דאָס ערלויבט. האָסטו עס ניט געקענט אויסלייענען פון זיינע בריעף?

עללא רענטהיים (שאָקעלט לאנגזאם מיט'ן קאָפּ): יאָ.

די לעצטע צייטען האָב איך דיך אינגאַנצען געקענט ארויסזעהען פון זיינע בריעף.

מאַדאַם באָרקמאַן (מיט אַ שטעכענדיגען טאָן): יאָ, כ'האָב אויסגענוצט די אכט יאָהר, זינט איך האָב איהם ווידער פאר די אויגען, מיין טייערע!

עללא רענטהיים (קאָנטראָלירט זיך): וואָס האָסט דו ערהאַרד'ן געזאָגט וועגען מיר? קען מען דאָס איבערדערצעהלען?

מאַדאַם באָרקמאַן: אָה, געוויס!

עללא רענטהיים: נו, טאָ דערצעהל דאָך!

מאַדאַם באָרקמאַן: כ'האָב איהם נור געזאָגט דעם אמת.

עללא רענטהיים: נו, אלזאָ?

מאַדאַם באָרקמאַן: כ'האָב איהם יעדען טאָג געלע־רענט צו געדענקען, אז מיר האָבען עס דיר צו פערדאַנקען, וואָס מיר לעבען איצט ווי ניט איז אנשטענדיג — וואָס מיר קענען איבערהויפּט נאָך לעבען.

עללא רענטהיים: ווייטער גאָר נישט?

מאַדאַם באָרקמאַן: אָה, אזא זאַך טהוט וועה, פער־שטעהסטו מיך. דאָס ווייס איך פון אייגענער ערפאַהרונג.

עללא רענטהיים: אָבער דאָס אונגעפעהר האָט ער־האַרד דאָך שוין פון פריהער געוואוסט.

מאַדאַם באָרקמאַן: ווען ער איז צוריקגעקומען צו מיר האָט ער זיך איינגעבילדעט, אז דו האָסט דאָס אלצדינג גע־טהאָן פון דיין גוט האַרץ. (מיט אַ רשעות'דיגען בליק): איצט גלויבט ער עס ניט מעהר, עללא.

עללא רענטהיים: וואָס דען גלויבט ער איצט?

מאַדאַם באָרקמאַן: ער גלויבט דאָס, וואָס איז וואהר. כ'האָב איהם געפרעגט, ווי אזוי ערקלערט זיך דאָס, וואָס די מוהמע עללא קומט קיינמאָל ניט אהער צו אונז אויף בעזוך —

עללא רענטהיים (שלאָגט איהר איבער די רייד): דאָס האָט ער שוין לאַנג געוואוסט!

מאדאם באָרקמאַן: איצט ווייס ער עס בעסער. דו האָסט איהם איינגערעדט, אז דאָס איז כדי מיך צו שווינגען און — און איהם דאָרט אויבען אין זאאל —

עללא רענטהיים: אזוי איז עס טאקע געוועזן.

מאדאם באָרקמאַן: איצט גלויבט ערהאַרד א וואָרט נים מעהר פון דעם.

עללא רענטהיים: וואָס פאר א מיינונג וועגען מיר האָסטו פאָרט איינגעוואָרצעלט אין איהם?

מאדאם באָרקמאַן: ער גלויבט דאָס, וואָס איז אמת, אז דו שעהמסט זיך מיט אונז, — אז דו פעראכבסט אונז. אָדער איז דאָס אפשר ניט וואהר? האָסט דו זיך דאן ניט ארומגעטראָגען מיט א פלאַן, איהם אין גאנצען אָפּצורייסען פון מיר? דערמאָן זיך אקאָרשט, עללא. דו געדענקסט עס געווים נאָך.

עללא רענטהיים: ס'איז געוועזן אין דער צייט, ווען דער סקאנדאל איז געוועזן אם ערגסטען. ווען די זאך איז געבראכט געוואָרען פאר'ן געריכט. — איצט האָב איך מעהר ניט אזעלכע געדאנקען.

מאדאם באָרקמאַן: דאָס וואָלט דיר אויך גאָרנישט גענוצט. ווארים וואָס וואָלט דאן געוואָרען פון זיין מיסיאָן! אָה ניין, הערסט דו! מיך האָט ערהארד נייטיג, — ניט דיך! און דארום איז ער טויט פאר דיר! און דו פאר איהם!

עללא רענטהיים (קאַלט ענטשלאָסען): מיר וועלען נאָך זעהן. דען איצט בלייב איך דאָ.

מאדאם באָרקמאַן (קוקט איהר גלייך אין געזיכט אריין): דאָ אין הויז?

עללא רענטהיים: נו יאָ, דאָ.

מאדאם באָרקמאַן: דאָ — ביי אונז? איבער דער גאנצער נאכט?

עללא רענטהיים: דאָ וועל איך ענדיגען מיינע טעג, אויב עס מוז אזוי זיין.

מאדאם באָרקמאַן (קאָנטראָלירט זיך): נו יאָ, עללא, — דאָס הויז איז דאָך דיינס.

עללא רענטהיים: אָך וואָס —!

מאדאם באָרקמאַן: אַלעס איז דאָך דיינס. דער שטוהל אויף וועלכען איך זיץ, איז דיינער. דאָס בעט, אין וועלכען איך וואַרף זיך ארום שלאָפלאָז, איז דיינס. דאָס ברויט, וואָס מיר עסען, קריגען מיר פון דיר.

עללא רענטהיים: דאָס קען אנדערש ניט זיין. באָרקמאַן קען דאָך ניט האָבען קיין אייגענטהום. וואָרים זיי וועלען דאָך גלייך קומען און דאָס אוועקנעהמען פון איהם.

מאדאם באָרקמאַן: איך ווייס, איך ווייס. מיר מוזען זיך שוין צופריעדענשטעלען דערמיט, צו לעבען פון דיין גנאָד און בארמהארציגקייט.

עללא רענטהיים: איך קען דיר ניט פערוועהרען אויפצופאסען די זאך פון דער זייט, גונהילד.

מאדאם באָרקמאַן: ניין, דאָס קענסטו ניט. — ווען ווילסטו מיר זאָלען ארויסציהען פון דאנען?

עללא רענטהיים (קוקט זי אָן): ארויסציהען?

מאדאם באָרקמאַן (אויפגערעגט): דו רעדסט זיך דאָך ניט איין, אז איך וועל בלייבען וואוינען דאָ מיט דיר אונטער איין דאך! — ניין, דאן געה איך ליעבערשט אין אָרעמען־הויז אָדער איינפאך אין גאס ארוים!

עללא רענטהיים: גוט. דאן גיב מיר ערהארד'ן מיט —

מאדאם באָרקמאַן: ערהארד'ן! מיין זוהן! מיין קינד!

עללא רענטהיים: יאָ, — דאן פאָהר איך גלייך צוריק אהיים.

מאדאם באָרקמאַן (איבערלעגט זיך אַ ווייל, דאן קורץ ענטשלאָסען): ערהארד זאָל אליין אויסקלייבען צווישען אונז.

עללא רענטהיים (קוקט זי אָן מיט אַ צווייפלענדען און

אונגעוויסען בליק): אליין אויסקלייבען? יאָ — ריזיקירסטו דאָס, גונהילד?

מאדאם באָרקמאַן (מיט אַ האַרטען געלעכטער): צי איך ריזיקיר דאָס! צו לאָזען מיין זוהן וועהלען צווישען זיין מו־טער און דיר! געוויס ריזיקיר איך דאָס.

עללא רענטהיים (הערט זיך איין): איז אימיצער גע־קומען? מיר דוכט, איך הער —

מאדאם באָרקמאַן: ס'מוז אודאי זיין ערהארד —

עס הערט זיך אַ שנעלער קלאַפּ אין דער קאָרידאָר־טיר, וועלכע עפענט זיך אָהן צערעמאָניעס באַלד אויף. מאַדאַם ווילטאָן — אין אַ באַל־קאָסטיום, מיט אַ מאַנטעל — קומט אַריין אין צימער. הינ־טער איהר דאָס דיענסט־מיידעל, וואָס האָט ניט בעוויזען זי אנצומעלדען און זעהט אויס אין פערלעגענהייט. די טיר בלייבט האַלב אָפען. מאַדאַם ווילטאָן איז אַ זעהר שעהנע, וואוויל־לוסטיגע פרוי אין די דרייסיגער יאָהרען. פולע, רויטע, לאַכעדיגע ליפּען. לעבעדיגע אוי־גען. רייכע, טונקעלע האָר.

מאדאם ווילטאָן: גוטען אָבענד, ליעבע מאדאם באָרקמאַן!

מאדאם באָרקמאַן (אַביסעל טרוקען): גוטען אָבענד, מאדאם ווילטאָן. (צום דיענסטמיידעל, אָנווייזענדיג אויף'ן גאָרטען־צימער): נעהמט ארויס אהין דעם לאָמפּ און צינדט איהם אָן.

דאָס דיענסט־מיידעל נעהמט דעם לאָמפּ און טראָגט איהם ארויס.

מאדאם ווילטאָן (דערזעהט עללאַ רענטהיים): אָה, כ'בעט ענטשולדיגונג, — איהר האָט בעזוך —

מאדאם באָרקמאַן: בלויז מיין שוועסטער, וועלכע איז געקומען צו פאָהרען —

ערהארד באָרקמאַן רייסט אין גאַנצען אויף די האַלב־גע־עפענטע קאָרידאָר־טיר און קומט אַריין מיט שטורם. ער איז אַ יונגער מענש מיט העלע, פרעהליכע אויגען. עלעגאַנט געקליידט. נאָר וואָס ארויסשפּראָצענדע וואָנציעס.

ערהארד באָרקמאַן (אויף דער שוועל, שטראַהלענדיג

פון פרייד) : יאָ, וואָס הער איך! די מוהמע עללא איז דאָ?
(לויפט איהר אַנטקעגען און כאַפּט אָן איהרע הענד). מוהמע, מוהמע!
איז דאָס מעגליך! דו ביזט דאָ?

עללא רענטהיים (פערוואָרפט די אָרעמס ארום זיין
האַלז) : ערהארד! מיין ליעבער, גוטער יונג! אָבער ביסטו דאָס
אביסעל גרויס געוואָרען! אך, ווי גוט עס איז, דיך ווידער אמאָל
צו זעהן!

מאדאם באָרקמאן (מיט אַ שאַרפען טאָן) : וואָס זאָל
דאָס הייסען, ערהארד, — דו האָסט זיך געהאַלטען פערשטעקט
אין קאָרידאָר?

מאדאם ווילטאָן (שנעל) : ערהארד — הערר באָרק-
מאן האָט מיך בעגלייט אהער.

מאדאם באָרקמאן (מעסט איהם אָב מיט די אויגען) :
אזוי — אזוי, ערהארד. צו דיין מוטער קומסט דו ניט פריהער?

ערהארד: איך בין נור אריינגעגאַנגען אויף אַ רגע צו.
מאדאם ווילטאָן, — אַ רוף טהאָן די קליינע פרידא.

מאדאם באָרקמאן: איז פרייליין פאָלדאַל אויך מיט-
געקומען?

מאדאם ווילטאָן: זי שטעהט דרויסען אין קאָרידאָר.

ערהארד (רעדט ארויס דורך די טיר) : געהט ארויף אוי-
בען, פרידא.

פויזע. עללאַ רענטהיים בעטראַכט ערהאַרד'ן. ער זעהט אויס פער-
ווירט און עטוואָס אונגעדולדיג; זיין געזיכט נעהמט אָן אַ געשפּאַנ-
טען און קיהלערן אויסדרוק.

דאָס דיענסט-מיידעל טראָגט אַריין דעם ברענענדען לאָמפּ אין גאָר-
טען-צימער, געהט צוריק אַרויס און מאַכט צו די טיר.

מאדאם באָרקמאן (מיט געצוואונגענער העפליכקייט) :
יאָ, מאדאם ווילטאָן, — אויב איהר ווילט דאָ פערברייגגען דעם
אָבענד, דאן —

מאדאם ווילטאָן: בעסטען דאנק, ליעבע מאדאם
באָרקמאן. דאָס האָב איך גאָרנישט געמיינט. מיר זיינען איינגע-

לאדען אנדערסוואו. מען ערוואַרט אונז ביי דעם אַדוואָקאַט הינקעל.

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן (קוקט זי אָן): א ו נ ז ? וועמען מיינט איהר דערמיט?

מ א ד א ם ו ו י ל ט אָ ן (לאַכענדיג): נו, אייגענטליך מיין איך נור זיך אליין. נאָר די דאַמען פון'ם הויז האָבען מיר געגע־בען דעם אויפטראַג, מיטצונעהמען מיט זיך דעם העררן סטודענט באָרקמאַן, — אויב איך וועל איהם צופעליג טרעפען.

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן: און ס'האָט זיך טאַקע גראַד אַזוי געמאַכט, ווי איך זעה.

מ א ד א ם ו ו י ל ט אָ ן: יאָ, צום גליק. ער איז געווען אַזוי ליעבענסווירדיג, אַריינצוקומען צו מיר — וועגען דער קליינער פרידאַ.

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן (טרוקען): הער נור, ערהאַרד, — כ'האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז דו ביסט בעקאַנט מיט דער דאָזיגער פאַמיליע, — אָט די הינקעלס.

ע ר ה א ר ד (געררייצט): ניין, אייגענטליך בין איך מיט זיי גאָרנישט בעקאַנט. (עטוואָס אונגעדולדיג): דו ווייסט דאָך געוויס אַליין אַם בעסטען, מוטער, מיט וועמען איך בין בעקאַנט און מיט וועמען ניט.

מ א ד א ם ו ו י ל ט אָ ן: ווייס איך וואָס! אין ד ע ם הויז ווערט מען באַלד בעקאַנט! מונטערע, לוסטיגע, גאַסט־פריינדלי־כע מענשען. אַ מאַסע יונגע דאַמען.

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן (מיט בעטאָנונג): אויב איך קען נור מיין זוהן ווי געהעריג איז, מאַדאַם ווילטאָן, איז דאָס אייגענט־ליך ניט קיין געזעלשאַפט פאַר איהם.

מ א ד א ם ו ו י ל ט אָ ן: אָבער מיין גאָט, ליעבע פרוי באָרקמאַן, ער איז דאָך א ו י ך יונג!

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן: יאָ, צום גליק איז ער יונג. אַניט וואָלט געווען טרויעריג גענוג.

ע ר ה א ר ד (בעהאַלט זיין אונגעדולד): נו יאָ, מוטער, — ס'פערשטעהט זיך דאָך פון זיך אליין, אַז איך געה היינט אָבענד

ניט צו אָט די הינקעלס. איך בלייב נאטירליך דאָ ביי דיר און ביי דער מוהמע עללא.

מאדאם באָרקמאן: כ'האָב עס פריהער געוואוסט, מיין ליעבער ערהארד.

עללא רענטהיים: ניין ערהארד, פון מיינעטוועגען דארפסט דו זיך ניט אויפהאלטען און בלייבען דאָ —

ערהארד: יאָ, יאָ, ליעבע מוהמע; ס'קען גאָר קיין רייד ניט זיין פון געהן. (מיט אַצווייפלענדען בליק צו מאַדאַם ווילטאָן). אָבער ווי וועלען מיר דאָס מאכען? געהט דאָס אייגענטליך? איהר האָט דאָך שוין צוגעזאָגט — אין מיין נאָמען.

מאדאם ווילטאָן (לוסטיג): אך אונזינן! פארוואָס זאָל עס ניט געהן? ווען איך וועל זיין דארט אין די ליכטיגע, יום-טוב'דיגע סאלאָנען, — איינזאם און פערלאָזען, — וועל איך איינפאך זאָגען, אז איהר האָט ניט געקענט קומען.

ערהארד (ציהט אויס די ווערטער): יאָ, אויב איהר דענקט, אז עס קען געהן, דאן —

מאדאם ווילטאָן (לייכט און זאָרגלאָז): כ'האָב שוין אזוי פיעל מאָל צוגעזאָגט און צוריק אָבגעזאָגט—אין מיין אייגענעם נאָמען. און איהר האָט געוואָלט איבערלאָזען אייער מוהמע וועלכע איז נאָר וואָס אָנגעקומען? פע, מאָסיע ערהארד, — וואָלט דאָס געהייסען זיך אויפגעפיהרט ווי א זוהן?

מאדאם באָרקמאן (אונאַנגענעהם בעריהרט): ווי א זוהן?

מאדאם ווילטאָן: אָדער, ריכטיגער געזאָגט, ווי א פלעג־זוהן, מאדאם באָרקמאן.

מאדאם באָרקמאן: יאָ, דאָס מוזט איהר צולעגען.

מאדאם ווילטאָן: איבעריגענס דוכט מיר, אז א גוטע פלעג-מוטער האָט מען מעהר צו פערדאנקען ווי דער אייגענער מוטער.

מאדאם באָרקמאן: ווייסט איהר דאָס פון אייגענער ערפאהרונג?

מאדאם ווילטאָן: אַך, דו ליעבער גאָט, — מיין מו־טער האָב איך אזוי גוט ווי גאָר ניט געקענט. ווען איך וואָלט אָבער אויך געהאט אזא גוטע פלעג־מוטער, — דאן וואָלט איך פיליייכט איצט ניט געווען אזוי — אזוי אונארטיג, ווי מען זאָגט אויף מיר. (צו ערהארד'ן): אלזאָ, הערר באָרקמאן, איצט בלייבט מען ווי א גוט קינד אין דערהיים, ביי דער מאמע און דער טאנטע — און מען טרינקט טהעע מיט זיי, הערר סטודענט! (צו די דאַ־מען): אדיע, ליעבע פרוי באָרקמאן! אדיע, גנעדיגעם פריילין!

די דאַמען ענטפערן שווייגענדיג אויף איהר בעגריסונג. זי מאַכט זיך פאַרטיג צום געהן.

ערהארד (געהט איהר נאָך): זאָל איך אייך בעגלייטען א שטיקעל —?

מאדאם ווילטאָן (ביי דער טיר, מאַכט מיט דער האַנד, ער זאָל ניט ארויסגעהן): קיין איין טריט זאָלט איהר מיך ניט בע־גלייטען. כ'בין שוין אזוי געוואוינט צו געהן אליין מיין אייגענעם וועג. (בלייבט שטעהן ביי דער טיר, קוקט איהם אָן און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ). איצט אָבער זאָלט איהר זיך היטען, הערר סטודענט באָרק־מאן, — דאָס זאָג איך אייך!

ערהארד: פון וואָס זאָל איך זיך היטען?

מאדאם ווילטאָן (לוסטיג): יאָ, זעהט איהר, ווען איך וועל איצט געהן מיין וועג, — איינזאם און פערלאָזען, ווי געזאָגט — דאן וועל איך פּרובירען מיינע צויבער־קונצען אויף אייך.

ערהארד (לאַכט): אַך, דאָס האָט איהר געמיינט! אָט דאָס ווילט איהר יעצט ווידער אמאָל פּרובירען?

מאדאם ווילטאָן (האַלב אין ערנסט): היט זיך נור! ארויסגעהענדיג פון דאנען, וועל איך זאָגען אינערליך, — אזוי גאנץ פון מיין אינערליכסטען ווילען וועל איך זאָגען: הערר ער־הארד באָרקמאן, — נעהמט גלייך אייער הוט!

מאדאם באָרקמאן: און דאן וועט ער איהם נעהמען, מיינט איהר?

מאדאם ווילטאָן (לאַכענדיג): נאָך ווי! — ער וועט

גלייך א כאפּ טהאָן דעם הוט. דאן וועל איך זאָגען ווייטער: טהוט זיך אָן דעם אויבער־ראָק, ערהארד באַרקמאַן! און די קאלאָשען! פערגעסט נור ניט די קאלאָשען! און נעהט מיר נאָך! נור גע־האָרכזאם, אימער געהאָרכזאם!

ערהארד (מיט אַ געצוואונגענער פרעהליכקייט): איהר קענט זיך פערלאָזען דערויף!

מאדאם ווילטאָן (אויפהויבענדיג דעם ציינג־פינגער אין דער הויך): געהאָרכזאם! נור געהאָרכזאם! — אדיע!

זי לאַכט, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ צו די דאַמען און מאַכט צו די טיר הינטער זיך.

מאדאם באָרקמאן: מאכט זי ווירקליך אזעלכע קונצען?

ערהארד: אך, וויים איך וואָס! ווי קען דאָס דיר גאָר איינפאלען? זי מאכט נור שפּאַס. (האַקט אָב). אָבער לאָמיר איצט ניט ריידען מעהר פון מאדאם ווילטאָן.

ער צווינגט עללאַ רענטהיים זיך צו זעצען אין דעם לעהן־שטוהל ביים אויוון.

ערהארד (שטעהט אַ ווײַלע לעבען איהר און קוקט זי אָן): אָבער, דו זאָלסט האָבען געמאכט אזא לאנגע רייזע, מוהמע עללא! און נאָך דערצו איצט, אין ווינטער!

עללא רענטהיים: ס'איז געקומען אזוי ווייט, אז איך האָב געמוזט מאכען די רייזע, ערהארד.

ערהארד: אזוי? פארוואָס פּאָרט?

עללא רענטהיים: כ'האָב געמוזט קומען אין שטאָדט, כדי איינמאָל פאר אלע מאָל זיך צו בעראטען מיט די דאָקטוירים.

ערהארד: נאַ, דאָס פרעהט מיך!

עללא רענטהיים (שמייכעלט): פרעהט עס דיך ווירק־ליך?

ערהארד: וואָס דו האָסט זיך ענדליך ענטשלאָסען דער־צו, דאָס מיין איך.

מאדאם באַרקמאַן (פון דער קאַנאַפּע, קאַלט): ביסטו קראַנק, עללא?

עללא רענטהיים (קוקט זי אָן מיט האַרטקייט): דו ווייסט גאַנץ גוט, אז איך בין קראַנק.

מאדאם באַרקמאַן: נו יאָ, ניט מיט אלעמען, ווי דו ביסט געוועהנליך די לעצטע יאָהרען —

ערהאַרד: ווען איך בין נאָך געווען ביי דיר, האָב איך דיר פיעל מאָל געזאָגט, דו זאָלסט אריינגעהן צום דאָקטאָר.

עללא רענטהיים: אך, אין מיין געגענד, איז ניטאָ קיין דאָקטאָר, אויף וועלכען איך זאָל זיך קענען פערלאַזען. און אויסערדעם איז עס דאָך דאמאלסט נאָך ניט געווען אזוי שלעכט.

ערהארד: ביסטו דען איצט ערגער, מוהמע?

עללא רענטהיים: יאָ, מיין קינד, ס'איז מיר אביסעל ערגער איצט.

ערהארד: אָבער דאָך ניט געפעהרליך?

עללא רענטהיים: נו, דאָס הענגט אָב, ווי מען קוקט דערויף.

ערהארד (מיט האַרץ): יאָ, ווייסטו אָבער וואָס, מוהמע עללא, — דאַן דארפסט דו ניט צוריקפאָהרען אזוי גיך אהיים.

עללא רענטהיים: דאָס וועל איך טאקע ניט טהאָן.

ערהארד: דו מוזט בלייבען אין שטאָדט. דאָ האָסטו דאָך די בעסטע דאָקטוירים אויסצוקלייבען.

עללא רענטהיים: דאָס איז טאקע געווען מיין אב־זיכט, ווען איך האָב אונטערנומען די רייזע.

ערהארד: און דו מוזט אויך זעהען קריגען אַן עכט גוטע לאָזשיע — אין א שטילען, רוהיגען הויז.

עללא רענטהיים: איך בין היינט אין דערפריה אריינגעפאָהרען אין מיין אלטע קוואַרטיער.

ערהארד: נו, דאָרט וועסטו זיך טאקע פיהלען גאַנץ בע־קוועמליך.

עללא רענטהיים: יאָ; נאָר איך וועל פונדעסטוועגען ניט בלייבען דאָרט לאנג.

ערהארד: אזוי? פארוואָס דען ניט?

עללא רענטהיים: ווייל זינט איך בין דאָ, האָב איך עפּעס בעסערעס בעקלערט.

ערהארד (פערוואונדערט): אזוי —? דו האָסט עפּעס בעסערעס בעקלערט —?

מאדאם באָרקמאן (ניט אויפהויבענדיג די אויגען פון איהר העקעל־אַרבייט): דיין מוהמע וויל וואוינען דאָ אין איהר הויז, ערהארד.

ערהארד (קוקט זיי ביידען אָבוועקסלענדיג אָן): דאָ! ביי אונז! ביי אונז! — ס'איז אמת, מוהמע?

עללא רענטהיים: כ'האָב זיך נאָר וואָס ענטשלאָסען דערצו.

מאדאם באָרקמאן (ווי אויבען): דו ווייסט דאָך, אלצדינג געהערט דיין מוהמע'ן.

פאָרלויפיג וועניגסטענס. איך וועל זיך אזוי איינאָרדנען, איך זאָל וואוינען פאר זיך. דאָרט אין דעם פערוואלטער'ס פליגעל.

ערהארד: געוויס. דאָרט זיינען דאָך שטענדיג פארהאַן גרייטע צימערן פאר דיר. (פלוצלונג מונטער). ווייסט וואָס מיר פאלט איין, מוהמע, — ביסט דו ניט זעהר מיעד נאָך דער רייזע?

עללא רענטהיים: אביסעל מיעד בין איך טאקי.

ערהארד: אויב אזוי, רעכען איך, אז דו דארפסט געהן פריה שלאָפען.

עללא רענטהיים (קוקט איהם אָן מיט אַ שמייכעל): דאָס מיין איך טאקי צו טהאָן.

ערהארד (מיט אייפער): און דאַן וועלען מיר מאָרגען קע־נען ווייטער שמועסען, אפשר ניט? — אָדער אן אנדער טאָג — פון אלע מעגליכע זאכען. דו, די מוטער און איך. איז דאָס ניט פיעל בעסער, מוהמע עללא?

מאדאם באַרקמאַן (הויבט זיך אויף פון קאַנאַפּע, אַן אויפגערעגטע): ערהארד, — איך קען זעהן אין דיינע רייד, אז דו ווילסט אוועקגעהן פון מיר!

ערהארד (פּערציטערט): וואָס הייסט — ?

מאדאם באַרקמאַן: דו ווילסט געהן צו — צו די הינקעלס.

ערהארד (כאַפּט זיך ניט ווילענדיג ארויס): אַה, דאָס דאַכטו געמיינט! (קאַנטראָלירט זיך). יאָ, דענקסטו, אז עס איז בעסער, איך זאָל דאָ בלייבען ביז שפּעט אין דער נאכט און ניט לאָזען די מוהמע עללא געהן שלאָפען? זי איז דאָך קראַנק, מוטער. בערעכען פּאַרט.

מאדאם באַרקמאַן: דו ווילסט געהן צו די הינקעלס, ערהארד!

ערהרד (אונגעדולדיג): יאָ, אָבער ווירקליך, מוטער, — מיר דוכט, אז איך מוז געהן. וואָס מיינסט דו דערצו, מוהמע?

עללא רענטהיים: איך וואָלט אם ליעבסטען געוואָלט, דו זאָלסט האָבען די פולע פריהייט, ערהארד.

מאדאם באַרקמאַן (געהט צו צו איהר. מיט אַ דראָהענדען טאָן): דו ווילסט איהם אוועקרייסען פון מיר!

עללא רענטהיים (הויבט זיך אויף): יאָ, ווען איך וואָלט דאָס נור געקענט, גונהילד!

פון אויבען הערט זיך דער קלאַפּ פון מוזיק.

ערהארד (דרעהט זיך ווי אין שמערצען): אָה, כ'וועל דאָס ניט אויסהאַלטען! (קוקט זיך אום). וואו איז ערגעץ מיין הוט? (צו עללאַ'ן): קענסטו די מוזיק, וואָס זי שפּיעלט אויבען?

עללא רענטהיים: ניין, וואָס איז דאָס פאר א שטיק?

ערהארד: ס'איז די „דאַנס מאַקאבר“. דער טויטען־טאַנץ. קענסטו ניט דעם טויטען־טאַנץ, מוהמע?

עללא רענטהיים (מיט אַן אומעטיגען שמייכעל): נאָך ניט, ערהארד.

ע ר ה א ר ד (צו מאַדאַם באַרקמאַן): מוטער, — איך בעט דיך זעהר, — לאָז מיך געהן!

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן (קוקט איהם אָן מיט אַ האַרטען בליק): אוועקגעהן פון דיין מוטער? דאָס ווילסטו, אלזאָ?

ע ר ה א ר ד: איך וועל דאָך ווידער קומען — פּיליכט נאָך מאָרגען!

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן (מיט ליידענשאַפטליכער אויפרע־גונג): דו ווילסט אוועקגעהן פון מיר! צו די פרעמדע מענשען ווילסטו געהן! צו — צו — ניין, כ'וויל עס גאָר אויף מיין געדאנק ניט ברייננגען!

ע ר ה א ר ד: דאָרט איז שעהן און ליכטיג. און יונגע, פרעה־ליכע געזיכטער זיינען דאָרט. און מוזיק, מוטער!

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן (ווייזט ארויף אויבען): דאָ אוי־בען איז אויך דאָ מוזיק, ערהארד.

ע ר ה א ר ד: אָט די מוזיק, — אָט די פערטרייבט דאָך מיך פון הויז.

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: פערגינסטו ניט דיין פאָטער דאָס ביסעלע זעלבסט־פערגעסענהייט?

ע ר ה א ר ד: יאָ, נאַטירליך. פון גאנצען הארצען פערגין איך עס איהם. ווען איך אליין זאָל נור ניט זיין געצוואונגען עס צו הע־רען.

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן (קוקט איהם אָן מיט אַן ערמוטהי־גענדען בליק): זיי שטארק, ערהארד! נור שטארק, מיין זוהן! פערגעס קיינמאל ניט, אז דו האָסט דיין גרויסע מיסיאָן!

ע ר ה א ר ד: אך, מוטער, — איך בעט דיך, לאָז מיך צורוה מיט די פראזען! איך הויב ניט אָן צו טויגען פאר א מיסיאָנער. — א גוטע נאכט, ליעבע מוהמע! א גוטע נאכט, מוטער!

ער געהט אוילענדיג אַרויס.

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן (נאָך אַ קורצער פּויזע): נו, באלד וועסט איהם ווידער האָבען פאר זיך, עללא.

עללא רענטהיים: ווען איך וואָלט דאָס נור געקענט גלויבען.

מאדאם באָרקמאן: אָבער דו וועסט זעהען, עס וועט ניט לאַנג נעהמען און דו וועסט איהם ווידער פערלירען.

עללא רענטהיים: דורך דיר, מיינסטו?

מאדאם באָרקמאן: דורך מיר אָדער דורך — די אַנדערע.

עללא רענטהיים: ליעבערשט זי איידער דו.

מאדאם באָרקמאן (שאָקעלט לאַנגזאַם מיט'ן קאָפּ): ב'פערשטעה. דאָס זאָג איך אויך. ליעבערשט זי איידער דו.

עללא רענטהיים: עס מעג איהם פיהרען ענדליך וואו עס וויל זיך —

מאדאם באָרקמאן: יא, עס איז כמעט אלץ איינס, וואָלט איך געזאָגט.

עללא רענטהיים (נעהמט איהר מאַנטעל און הוט): צום ערשטען מאָל אין לעבען זיינען מיר צווילינג־שוועסטער איינינ. — גוטע נאכט, גונהילד.

זי געהט אַרויס דורך'ן קאָרידאָר.

די מוזיק אויבען קלינגט אָב שטאַרקער.

מאדאם באָרקמאן (שטעהט אַ ווייילע אונבעוועגליך, דאַן מהוט זי זיך אַ טרייסעל, דרעהט זיך אַזוי ווי אין שמערין און שעפּ־טשעט): דער וואָלף וואויעט שוין ווידער — דער קראנקער וואָלף. (בלייבט שטעהן אַ רגע, דאַן וואַרפט זי זיך אַנידער אויף דער ערד, דרעהט זיך אין שמערין און יאמערט שטילערהייט): ערהאַרד! ער־האַרד, — בלייב מיר טריי! אַך, קום צוריק און העלף דיין מוטער! דען איך קען אזא לעבען מעהר ניט אריבערטראָגען!

צווייטער אקט.

דער אַלטער גרויסער פּראַכט־זאַאל אין דעם הויז פון דער פאַמיליע רענטהיים. די ווענד זיינען בעדעקט מיט אַלטע געמאָלטע טאַפּעטען, וואָס שטעלען פאָר יאַגד־סצענען, פּאַסטוכער און פּאַסטושקעס, אַלעס אין אַבבלאַקירטע פאַרבען. ביי דער לינקער וואַנד אַ פליגעל־טיר אין ווייטער פאָרענט אַ פּיאַנאָ. אין׳ם לינקען עק פון דער הינטערשטער וואַנד אַ טאַפּעטען־טיר אָהן אַ ראַהם. אין מיטען ביי דער רעכטער וואַנד אַ גרויסער, געשניצטער שרייב־טיש פון אייכען־האָלץ מיט אַ סך ביכער און דאָקומענטען. ווייטער אַביסעל אויף דער זעלבער זייט אַ זאָפאַ, אַ טיש און שטוהלען. די מעבעל איז אין גאַנצען פון אַ שטייפען „עמ־פּיר־סטיל“. ברענענדע לאָמפּען אויףביידע טישען.

יאָהאַן גאַבריעל באָרקמאַן שטעהט ביי דער פּיאַנאָ, די הענד אויף׳ן רוקען, און הערט זיך צו צו פרידאַ פאָלדאַל, וועלכע שפּיעלט די לעצטע טאַקטען פון דער „דאַנס מאַקאַבר“.

באָרקמאַן איז אַ מיטעל־הויכער, שטאַרק־געבויטער מאַן אין די זעכציגער יאָהרען. ער האָט אַן אַריסטאָקראַטיש אויסזעהן, אַ פיין געשניטענעם פּראָפיל מיט דורכדרינגענדע אויגען און גראָה־ווייסע געגרייזעלטע האָר און באָרד. ער טראָגט אַ שוואַרצען ניט זעהר מאָדער־נעם אנצוג און אַ ווייסען קראַוואַט.

פרידאַ פאָלדאַל איז אַ שעהן, בלייך, פּופּצעהן־יעהריג מיי־דעל; איהר געזיכט האָט אַביסעל אַ מיעדען, אָנגעשטריינגטען אויס־דרוק. טראָגט אַ העל קלייד, אָרעם בעפּוצט.

די מוזיק איז געענדיגט. פּויזע.

באָרקמאַן: קענט איהר טרעפען, וואו איך האָב צום ער־שטען מאָל געהערט אזעלכע טענער ווי די?

פרידא (גיט א קוק אויף איהם): ניין, הערר בארקמאן.

בארקמאן: דאס איז געווען אונטען אין די מינען.

פרידא (פערשטעהט איהם ניט): אזוי? אין די מינען?

בארקמאן: איך בין א מינען־ארבייטער'ס זוהן, מוזט איהר וויסען. אדער איהר ווייסט עס אפשר ניט?

פרידא: ניין, הערר בארקמאן.

בארקמאן: א מינען־ארבייטער'ס זוהן. און מיין פאטער פלעגט מיך צייטענווייז ארונטערנעהמען מיט זיך אין די גריבער. — דארט אונטען זינגט דאס רויע מעטאל.

פרידא: אזוי, — ס'זינגט?

בארקמאן (שאקעלט צו מיט'ן קאפ): ווען מען ברעכט עס אב. די קלעפ פון די האמערס, וועלכע ברעכען עס פונאנדער, — דאס איז די מיטען־נאכט גלאק, וואס קלינגט און בעפרייט עס. דער־רום זינגט דאס מעטאל — פאר פרייד — אויף זיין שטייגער.

פרידא: פארוואס זינגט עס דאך, הערר בארקמאן?

בארקמאן: ס'וויל ארויף אויבען אין ליכט פון טאג און דיענען די מענשען.

ער געהט ארויף און אראב, די הענד אימער אויף'ן רוקען.

פרידא (זיצט א ווייל און ווארט, דאן טהוט זי א קוק אויף איהר זייגער און הויבט זיך אויף): ענטשולדיגט, הערר בארקמאן, — אבער איך מוז שוין איצט געהן.

בארקמאן (בלייבט שטעהן פאר איהר): איהר ווילט שוין אוועקגעהן?

פרידא (לעגט אריין די נאטען אין טאש): כ'מוז ווירקליך געהן. (קוקט אויס צו זיין אין פערלעגענהייט). כ'האב א בעשטע־לונג פאר היינט אין אבענד.

בארקמאן: אין א געזעלשאפט?

פרידא: יא.

בארקמאן: און איהר וועט דארפען שפיעלען דארט פאר דער געזעלשאפט?

פרידא (בייסט זיך די ליפּען): ניין, — איך וועל נור שפּיעלען פאר די טענץ.

באָרקמאַן: נור פאר די טענץ?

פרידא: יאָ; זיי וועלען טאנצן נאָכ'ן עסען.

באָרקמאַן (קוקט זי אָן אַ ווײַלע): שפּיעלט איהר גערן טאנץ־מוזיק? פאר געזעלשאפטען, מיין איך?

פרידא (טהוט אָן איהר מאַנטעל): יאָ, ווען עס מאכט זיך מיר א בעשטעלונג, דאן—. כ'קען דאָך אימער פערדיענען וואָס עס איז דערביי.

באָרקמאַן (מיט אַ פאָרשענדען טאָן): איז דאָס די הויפּט זאך, וועגען וואָס איהר טראכט, ווען איהר זיצט און שפּיעלט פאָר פאר די טענצער?

פרידא: ניין; מייסטענס טראכט איך ווי טרויעריג דאָס איז, וואָס איך קען אליין ניט מיטטאנצען.

באָרקמאַן (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): דאָס איז טאקע, וואָס איך האָב געוואָלט וויסען. (געהט אַרום אונרוהיג איבער'ן זאַאַל). יאָ, יאָ, יאָ, — וואָס מען קען אליין ניט מיטטאנצען, דאָס איז טרוי־עריגער ווי אלצדינג. (בלייבט שטעהן). אײן זאך אָבער האָט איהר, פרידא, וואָס וועגט דאָס אלעם איריבער.

פרידא (קוקט איהם אָן מיט אַ פרעגענדען בליק): און וואָס איז דאָס אזוינס, העדר באָרקמאַן?

באָרקמאַן: עס איז אָט דאָס, וואָס איהר האָט אין זיך צעהן מאָל מעהר מוזיק, איידער די גאנצע טאנץ־געזעלשאפט אינ־איינעם.

פרידא (שמייכעלט מיט אַ מיענע פון אויסווייכונג): אך, דאָס איז דאָך גאָר ניט אזוי זיכער.

באָרקמאַן (הויבט אויף זיין ציינג־פינגער, וואָרנענדיג): איהר זייט דאָך ניט אזוי נאריש, צו צווייפלען אין זיך אליין!

פרידא: אָבער, מיין גאָט, ווען קיינער ווייס גאָרנישט וועגען דעם?

באַרקמאַן: ווען איהר אליין ווייסט עס, איז גענוג. — וואו שפּיעלט איהר היינט אָבענד?

פּרידאַ: דאָ אַריבער, ביי דעם אַדוואָקאַט הינקעל.

באַרקמאַן (קוקט אויף איהר פּלוצלונג שטרענג): הינקעל, האָט איהר געזאָגט?

פּרידאַ: יאָ.

באַרקמאַן (מיט אַ שניידענדען שמייכעל): קומען געסט צו דעם מענשען? קען ער קריגען ווּעמען, וואָס זאָל געהן צו איהם אויף בעזוך?

פּרידאַ: איך האָב געהערט מאַדאַם ווילטאָן זאָגען, אז עס קומען צו זיי א סך מענשען אין הויז.

באַרקמאַן (מיט כעס): אָבער וואָסערע מענשען? קענט איהר מיר דאָס זאָגען?

פּרידא (עטוואס נערוועז): ניין, דאָס ווייס איך ווירקליך ניט. יאָ, — ריכטיג, כ'ווייס, אז דער יונגער הערר באַרקמאַן וועט דאָרט זיין היינט אָבענד.

באַרקמאַן (ערשטוינט): ערהארד! מיין זוהן?

פּרידאַ: יאָ, ער דאַרף דאָרט זיין.

באַרקמאַן: פון וואנען ווייסט איהר דאָס?

פּרידא: ער האָט עס אליין געזאָגט. מיט א שטונדע צוריק.

באַרקמאַן: איז ער דען היינט דאָ געוועזן?

פּרידא: יאָ, ער איז דעם גאַנצען נאָכמיטאָג געוועזן ביי מאַדאם ווילטאָן.

באַרקמאַן (פאַרשטענדיג): איהר ווייסט ניט, דאָ אין דו איז ער אויך געוועזן? כ'מיין, צי ער איז געוועזן אונטען און גערעט מיט אימיצען?

פּרידא: יאָ, ער איז אריין אויף א ווייל צו דער גנע־גער פרוי.

באַרקמאַן (ביטער): אהא, — דאָס האָב איך מיר גע־טראַכט.

פרידא: נאָר מיר דוכט, אַז נאָך אַ פרעמדע דאמע איז געוועזן ביי איהר.

באַרקמאַן: אזוי? ווירקליך? נו יאָ, צו דער גנעדיגער פרוי קומט דאָך ווען ניט ווען אימיצער צו גאסט.

פרידא: זאָל איך זאָגען דעם יונגען הערר באַרקמאַן, ווען איך וועל איהם שפּעטער טרעפען, אז ער זאָל אויך ארויפקומען אהער צו אייך?

באַרקמאַן (מיט אַ שטרענגען טאָן): גאַרנישט זאָלסט איהר זאָגען! איהר הערט? איך וויל ניט וויסען דערפון! די, וואָס האָבען עפּעס מיט מיר צו רעדען, די זאָלען קומען פון זיך אליין. איך בעט קיינעם ניט.

פרידא: ניין, ניין, כ'וועל גאַרנישט זאָגען. — גוטע נאַכט, הערר באַרקמאַן.

באַרקמאַן (געהט אַרום איבער'ן צימער, ברומט): גוטע נאכט.

פרידא: קען איך פּיליכט ארונטערלויפען די געדרעהטע טרעפּ? עס איז שנעלער.

באַרקמאַן: נו, יאָ — לויפט מיינעטוועגען ארונטער וועלכע טרעפּ איהר ווילט. און איצט, גוטע נאכט.

פרידא: גוטע נאכט, הערר באַרקמאַן.

אַב דורך די קליינע טאַפּעטען־טיר אין הינטער־גרונד לינקס.

באַרקמאַן, פערזונקען אין געדאַנקען, געהט צו צו דער פּיאַנאָ און וויל זי פערמאַכען, לאָזט עס אָבער אָב. קוקט זיך אום אין דער פּוסט־קיים פון'ם צימער און הויבט אָן אַרומצוגעהן ארויף און אַראָב צווישען דעם ווינקעל ביי דער פּיאַנאָ און דעם רעכטען ווינקעל אין הינטער־גרונד, — שפּאַנענדיג אַהין און צוריק אונרוהיג און אָהן אויפהער. ענדליך געהט ער צו צום שרייב־טיש, הערט זיך איין אין דער ריכטונג פון דער פליגעל־טיר, נעהמט שנעל אַ האַנד־שפּיעגעל, בעטראַכט זיך דע־ריין און מאַכט צורעכט זיין קראַוואַט.

אַ קלאַפּ אין דער פליגעל־טיר. באַרקמאַן הערט עס, וואַרפט שנעל אַ בליק אַהין, אָבער ער שווייגט.

אין אַ גוויילע אַרום קלאַפּט ווידער, דאָס מאָל שטאַרקער.

באַרקמאַן (בײַם שרײַב־טיש, די לינקע האַנד אנגעשפּאַרט דערויף, און די רעכטע אויף דער ברוסט, אַרײַנגעשטעקט צווישן צוויי קנעפּ פון זײַן ראָק): אַרײַן!

ווילהעלם פאַלדאַל קומט שטילערהייט אַרײַן אין צימער. ער זעהט אויס אָבגעמאַטערט, אײַנגעהויקערט, מיט מילדע, בלויע אויגען און דינע, לאַנגע, גראָע האָר, וועלכע פאַלען איהם אַריבער איבער׳ן קאָל־נער פון ראָק. אונטער׳ן אָרם טראָגט ער אַ פּאַפּיר־טאַש. ער האַלט אַ וויי־כען פילצענעם הוט אין דער האַנד און טראָגט אַ פּאָר גרויסע ברילען, וועלכע ער רוקט אַרויף אויף׳ן שטערן.

באַרקמאַן (ענדערט זײַן האַלטונג און קוקט אויף פאַלדאַל׳ן מיט אַ געמישטען בליק פון ענטטוישונג און צופריעדענהייט): אָה, דאָס ביסט דו גאָר?

פאַלדאַל: אַ שעהנעם, גוטען אָבענד, יאָהאַן גאַבריעל. יאָ, דאָס בין איך.

באַרקמאַן (וואַרפט איהם צו אַ שטרענגען בליק): מיר שיינט, דו קומסט היינט אביסעל צו שפּעט.

פאַלדאַל: נאַ, הער נאָר, דער וועג אַהערצו איז ניט קיין קלײניגקייט. בעזונדערס פאַר דעם, וואָס מוז געהן צופוס.

באַרקמאַן: יאָ, פאַרוואָס געהסטו אימער צופוס, ווילהעלם? דו האָסט דאָך דעם טראַמוויי אזוי נאָהענט לעבען דיר.

פאַלדאַל: געהן איז געזינדער. און דאַן שפּאָר איך אויך איין די צעהן פעניג — נאַ, איז פרידאַ דאָ פריהער געווען און האָט געשפּיעלט פאַר דיר?

באַרקמאַן: זי איז נאָר וואָס אוועק. האָסט זי ניט בע־געגענט אויף׳ן וועג?

פאַלדאַל: ניין, כ׳האָב זי שוין לאַנג ניט געזעהן. די גאַנצע צײַט, זינט זי וואוינט בײַ דער דאַזיגער פרוי ווילטאָן אין הויז.

באַרקמאַן (זעצט זיך אויף׳ן קאַנאַפּע און ווייזט אָן מיט דער האַנד אויף אַ שטוהל): קענסט זיך אויך זעצען, ווילהעלם.

פ אָ ל ד א ל (זעצט זיך אויף'ן ראַנד פון שטוהל): א שעהנעם דאנק. (קוקט איהם אָן מיט אַן אומעטיגען בליק). אַך, דו קענסט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, ווי איינזאם איך פיהל זיך, זינט פרידא איז אוועק פון דערהיים.

ב אָ ר ק מ א ן: נו, וויים איך, — האָסט דאָך נאָך גענוג לעַ־בען זיך.

פ אָ ל ד א ל: יאָ, דאנקען גאָט. גאנצע פינף שטיק. אָבער פרידא איז געווען די איינציגע, וואָס האָט מיך אביסעלע פער־שטאנען. (שאָקעלט טרויעריג מיט'ן קאָפּ): די אנדערע הויבען מיך ניט אָן צו פערשטעהן.

ב אָ ר ק מ א ן (קוקט פינסטער פאַר זיך און פייקעלט מיט די פינ־גער אויף'ן טיש): יאָ, דאָס איז טאקי די מעשה. ד אָ ס איז דער פלוך, וואָס ליעגט אויף אונז איינצעלנע, אויף אונז אויסערוועהלטע מענשען. די מאסע, דער המון, — אָט די אלע דורכשניטסמענשען, — פערשטעהען אונז ניט, ווילהעלם.

פ אָ ל ד א ל (מיט הכנעה): פערשטעהן—דאָס פערלאנגט מען דאָך ניט גלייך. מיט אביסעלע געדולד קען מען ווי עס איז וואר־טען א ווייַלע, ביז עס קומט שוין. (מיט טרעהרען־פערשטיקטער שטי־מע): אָבער, פערשטעהסט, פארהאַן עפּעס, וואָס איז נאָך ביטע־רער ווי דאָס!

ב אָ ר ק מ א ן (העפטיג): נאָך ביטערער ווי דאָס, איז ניטאָ!

פ אָ ל ד א ל: אה, יאָ, יאָהאַן גאבריעל. כ'האָב נאָר וואָס — איידער איך בין אוועקגעגאנגען — איבערגעלעבט א שטוב־סצענע.

ב אָ ר ק מ א ן: ווי אזוי, וואָס?

פ אָ ל ד א ל (פּלאַצט אַרויס): אין דערהיים, דאָרט — דאָרט פאַראַכטען זיי מיך.

ב אָ ר ק מ א ן (בייז): פעראַכטען דיך — !

פ אָ ל ד א ל (ווישט זיך די אויגען): כ'האָב עס שוין לאַנג בעמערקט. היינט אָבער האָט זיך עס ערשט ארויסגעוויזען גאַנץ דייטליך.

באַרקמאַן (נאָך אַ קורצער פּויזע): דו האָסט אודאי שלעכט געטראָפען ווען דו האָסט געהייראַט.

פאָלדאל: כ'האָב דאָך אייגענטליך ניט געהאַט קיין ברירה. איבעריגענס, מען איז גערן אז מען קען הייראַטען, ווען מען הויבט אָן צו קומען אין די יאָהרען; און אזוי אָרים, אזוי רואי־נירט, ווי איך בין דאַמאָלסט געווען —

באַרקמאַן (שפּרינגט אויף מיט צאָרן): דאָס מיינסטו מיך? א פאָרוואורף —!

פאָלדאל (דערשראָקען): ניין, ניין, אום גאָטעס ווילען, יאָהאַן גאַבריעל —!

באַרקמאַן: יאָ, דו דענקסט איצט וועגען דעם אונגליק, וואָס איז געקומען איבער די באַנק —!

פאָלדאל (מיט א מילדען טאָן): אָבער אין דער געשיכטע וואַרף איך דאָך ניט אויף דיר די שולד! גאָט בעהיט —!

באַרקמאַן (ברומט, זיך אווועקזעצענדיג צוריק אויף זיין אָרט): נאַ, דאָס איז נאָך א שטיקעל גליק.

פאָלדאל: איבעריגענס דארפסטו ניט דענקען, אז דאָס בעקלאָג איך זיך אויף מיין פרוי. שטארק געבילדעט איז זי טאקע ניט, דאָס גיב איך צו. אָבער מען קען דאָך מיט איהר אויסקומען. ניין, דאָס זיינען די קינדער, פערשטעהסטו מיך —

באַרקמאַן: נו יאָ, דאָס האָב איך זיך שוין אליין גע־טראכט.

פאָלדאל: וואָרים די קינדער, — זיי האָבען דאָך מעהר בילדונג. און דערפאַר ערוואַרטען זיי אויך מעהר פון'ם לעבען.

באַרקמאַן (מיט אַ בליק פון מיטגעפיהל): און דערום, פעראַכטען זיי דיך, די יונגאַטשעס?

פאָלדאל (ציהט די אַקסלען): פערשטעהסטו, קיין אויסע־גע־וועהנליכע קאריערע האָב איך דאָך ניט געמאַכט. דאָס מוז איך צוגעבען —

באַרקמאַן (רוקט זיך צו נעהענטער צו איהם און לעגט אַרויף

די האַנד אויף זיין אָרעם) : ווייסען זיי דען נים, אז דו האָסט אין דיינע יונגע יאָהרען אָנגעשריבען א טראגעדיע ?

פ אַ ל ד א ל : נאַטירליך ווייסען זיי עס. נאָר אפנים עס מאכט אויף זיי נים קיין בעזונדערען איינדרוק.

ב אַ ר ק מ א ן : דאן זיינען זיי קנאפּע מבינים אויף אזעלכע זאכען. וואָרים די טראגעדיע דיינע איז גוט. דאָס איז מיין פעס־טע איבערצייגונג.

פ אַ ל ד א ל (מיט אַ שיין פון פרייד אויף'ן געזיכט) : אַ יאָ, עס זיינען פאראן איינינע גוטע שטעלען דערין, יאָהאָן גאַבריעל ? אך גאָט, ווען איך וואָלט עס נור געקענט וואו עס איז אויפפיהרען ! — (עפענט זיין פּאַפּיר־טאַש און הויבט אָן בלעטערן דערין). פאס נור אויף ! כ'וויל דיר אקאָרשט ווייזען איינינע ענדערונגען, וואָס איך האָב געמאכט —

ב אַ ר ק מ א ן : דו האָסט עס ביי דיר ?

פ אַ ל ד א ל : יאָ' כ'האָב עס מיטגעבראכט. ס'איז שוין אזוי לאנג, זינט איך האָב עס דיר פאָרגעלעזען. און איך האָב גערעכענט, עס וועט אפשר זיין א שטיקעל צייט־פערטרייב פאר דיר, צו הע־רען נאָך אמאָל אן אקט אָדער צוויי —

ב אַ ר ק מ א ן (מאכט מיט דער האַנד, זיך אויפהויבענדיג) : ניין, ניין, לאָמיר דאָס לאָזען אויף אן אנדערם מאָל.

פ אַ ל ד א ל : נו, יאָ ; ווי דו ווילסט.

באָרקמאַן געהט אָרום הין און צוריק איבער'ן צימער. פאַלדאַל שטעקט צוריק אריין דעם מאַנוסקריפּט אין טאַש.

ב אַ ר ק מ א ן (בלייבט שטעהן אַנטקעגען איהם) : ס'איז ריכ־טיג, וואָס דו האָסט פריהער געזאָגט, — אז דו האָסט נים געמאכט קיין קאריערע. אָבער ד אָ ס זאָג איך דיר צו, ווילהעלם : ווען די שטונדע פון מיין בעלוינונג וועט שלאָגען —

פ אַ ל ד א ל (וויל זיך אויפהויבען) : אָה, ווי דאנקבאר איך בין דיר — !

ב אַ ר ק מ א ן (גיט אַ מאַך מיט דער האַנד) : קענסט בלייבען זיצען. (אין שטייגענדער אויפרעגונג) : ווען די שטונדע פון מיין

בעפרידיגונג וועט שלאָגען — ווען זיי וועלען איינעזהן, אז זיי קע־נען אָהן מיר ניט אויסגעקומען — ווען זיי וועלען קומען צו מיר, אהער אין זאאל — און זיך אין דרייען בויגען און אויף דער ערד קריכען און זיך בעטען און בעטלען, איך זאָל ווידער איבערנעהמען די לייטונג פון דער באנק —! פון דער נייער באנק, וואָס זיי האָ־בען נעגרינדעט — און וואָס זיי קענען ניט פיהרען — (שטעלט זיך ביים שרייב־טיש זיי פריהער און קלאַפּט זיך אויף דער ברוסט). אָט דאָ וועל איך שטעהן און זיי אויפנעהמען! און אָבקלינגען זאָל איבער'ן גאנצען לאנד, וואָס פאר בעדינגונגען יאָהאן גאבריעל שטעלט, ווען ער — (האַקט פּלוצלונג אָב און גיט אַ קוק אויף פאָל־דאַל'ן). דו קוקסט מיך אָן אזוי צווייפלענדיג! גלויבסטו אפשר ניט, אז זיי וועלען קומען? אז זיי וועלען אמאָל מוזען, מו־זען קומען צו מיר? גלויבסט דאָס ניט?

פאָלדאל: יאָ, יאָהאן גאבריעל, געווים גלויב איך עס.

באָרקמאן (זעצט זיך צוריק אַנידער אויף דער קאַנאַפּע): איך גלויב פעסט אין דעם. איך בין פעלזען־פעסט איבערצייגט, אז זיי וועלען קומען. וואָלט איך ניט געווען זיכער דעריין, — דאַן וואָלט איך זיך שוין לאנג אריינגעשאָסען א קויל אין קאָפּ.

פאָלדאל (דערשראָקען): אָך, אום גאָטעס ווילען —!

באָרקמאן (מיט טריאומף): אָבער זיי וועלען קומען! זיי וועלען שוין קומען! דו וועסט זעהן! יעדען טאָג, יעדע שטונ־דע קען איך זיי דאָ ערווארטען. און ווי דו זעהסט, האלט איך זיך גרייט, זיי אויפצונעהמען.

פאָלדאל (מיט א זיפץ): ווען זיי קומען נור וואָס גיכער!

באָרקמאן (אומרוהיג): דאָס ביסט דו גערעכט; די צייט פערגעהט; די יאָהרען פליהען; דאָס לעבען, — ניין, ניין, — כ'קען גאָר ניט דענקען דערפון! (קוקט איהם אָן). ווייסט דו, ווי אזוי איך פיהל זיך אָפּט?

פאָלדאל: ווי פאָרט?

באָרקמאן: איך פיהל זיך ווי א נאפּאָלעאָן, ווע[מ]ען זיי

האָבען געשאָסען און געמאכט פאר א קריפּעל אין זיין ערשטער מלחמה.

פּ אָ ל ד א ל (לעגט אַרויף די האַנד אויף זיין פּאַפּיר־טאַש): דאָס געפיהל איז מיר אויך בעקאַנט.

ב אָ ר ק מ א ן: נו, יאָ, אין א קלענערען מאַסשטאַב, הייסט עס.

פּ אָ ל ד א ל (רוהיג): מיין קליינער דיכטער־וועלט האָט פאר מ י ר א גרויסען ווערטה, יאָהאַן גאַבריעל.

ב אָ ר ק מ א ן (העפטיג): יאָ, אָבער איך, וואָס איך וואָלט דאָך געקענט שאַפען גאַנצע מיליאָנען! די אלע מינען, וואָס איך וואָלט געהאַט אונטער מיין קאָנטראָל! נייע גריבער אָהן א צאָהל! די וואַסער־פאַלען! די שטיין־ברוכען! די האַנדעלס־וועגען און די שיפס־פערבינדונגען איבער דער גאַנצער וועלט! אלעס, אַלעס וואָלט איך צושטאַנד געבראַכט — איך אליין!

פּ אָ ל ד א ל: יאָ, כ׳ווייס, כ׳ווייס. דו וואָלסט זיך פאר קיין זאַך ניט אָבגעשראָקען.

ב אָ ר ק מ א ן (פּרעסט צונויף די הענד): און איצט מוז איך דאָ זיצען ווי אַן אונטערגעשאָסענער יאַגד־פויגעל און צוקוקען, ווי די אַנדערע פערכאַפּען מיר דעם וועג — און נעהמען ביי מיר אַלצ־דינג אַוועק, שטיק פאר שטיק!

פּ אָ ל ד א ל: פערשטעהסט! אַזוי נעהם עס מ י ר אויך.

ב אָ ר ק מ א ן (ניט הערענדיג איהם): האָט מען שוין אַזוי־וואָס געזעהן? אַזוי נאָהענט ווי איך בין געשטאַנען לעבען מיין ציעל! ווען איך האָב בלויז אַכט טאָג צייט צו ברייננגען אַלעס אין אָרדנונג! אַלע דעפּאָזיטען וואָלטען צוריק געווען געדעקט. די אַלע ווערטה־פּאַפּירען, מיט וועלכע איך האָב זיך מיט אַזאַ דרייסטקייט בענוצט, וואָלטען געלעגען צוריק אויף זייער פּלאַץ, ווי פריהער. ס׳האָט געפעהלט א האָר, און די ריעזען־גרויסע אַקציען־געזעלשאַפּ־טען וואָלטען דאַמאָלסט צושטאַנד געקומען. קיין איינציגער מענש וואָלט קיין איין פּעניג ניט פערלאָרען —

פאָלדאל: יאָ, יאָ, — אזוי נאָהענט ווי דו ביסט דאן געווען ביי דיין ציעל —

באָרקמאן (מיט פערביסענעם צאָרן): און דאָ איז אויף מיר דער פעררעטהער אָנגעפאלען פון הינטען! גראָד אין דעם קריטישען מאָמענט! (גיט אַ קוק אויף איהם). ווייסטו, וואָס איך האלט פאר דעם אונפערשעהמטסטען פערברעכען, וואָס א מענש קען בעגעהן?

פאָלדאל: ניין, וועלכער דען?

באָרקמאן: ס'איז ניט מאָרד. אויך ניט רויב אָדער אויפברעכען א הויז אין מיטען נאכט. ניט אמאָל פאלש שווערען. וואָריב אָט די אלע זאכען ווערן דאָך מייסטענס בעגאנגען געגען מענשען, וועלכע מען האסט, אָדער צו וועלכע מען איז גלייכגילטיג און זיי געהען ווינציג וואָס אָן.

פאָלדאל: אָבער דאָס אונפערשעהמטסטע אלזאָ, יאָהאן גאבריעל — ?

באָרקמאן (מיט בעטאָנונג): דאָס אונפערשעהמטסטע איז, ווען א פריינד מיסברויכט זיין פריינד'ס צוטרוי.

פאָלדאל (מיט א טאָן פון צווייפעל): יאָ, אָבער, הער אקאָרשט —

באָרקמאן (פלאַקערט אויף): איך זעה וואָס דו ווילסט זאָגען; עס איז אָבער גאָר ניט גלייך. די מענשען וואָס האָבען געהאט זייערע ווערטה־פאפירען אין דער באנק, וואָלטען דאָס זייערינע צוריקגעקראָגען. ביז א פעניג! — ניין, מיין ליעבער, דאָס אונפערשעהמטסטע, וואָס א מענש קען בעגעהן, איז, ווען ער מיסברויכט די בריעף פון זיין פריינד, — ווען ער גיט ארויס פאר דער גאנצער וועלט דאָס, וואָס איז בלויז אנפערטרויט געוואָרען איין איינציגען, אונטער פיער אויגען, אזוי ווי מען וואָלט ישטיל ארייגרעדען אין א לעדיגען, דונקעלען, פערשלאָסענעם צימער. דער מאן, וואָס קען זיך בענוצען מיט אזעלכע מיטלען, דער איז דורך און דורך פערגיפטעט און פערפעסטעט פון דער נידעריגסטער שורקען־מאָ־

ראל. און אזא פריינד האָב איך געהאַט. — און ע ר האָט דאָס מיך צושמעטערט.

פ אָ ל ד א ל: כ'האָב קיין אהנונג, וועמען דו מיינסט.

ב אָ ר ק מ א ן: ס'איז ניט געווען קיין פאַלט, קיין קנייטשעלע אין מיין גאנצען האנדעל און וואנדעל, וואָס איך האָב זיך ניט געטרויט פאר איהם אויפצודעקען. און דאן, אז דער מאָמענט איז געקומען, האָט ער אָנגעשטעלט געגען מיר די וואפען, וועלכע איך האָב איהם אליין אריינגעגעבען אין די הענד.

פ אָ ל ד א ל: כ'האָב קיינמאָל ניט געקענט פערשטעהן, פארוואָס ער—? יעדענפאַלס זיינען דאן ארומגעגאנגען אלערליי קלאַנגען וועגען דעם.

ב אָ ר ק מ א ן: וואָס פאר א קלאַנגען זיינען דאָס געווען? זאָג עס מיר. איך וויים דאָך גאָרנישט. מען האָט דאָך מיך גלייך — אָבגעזונדערט. — וואָס האָבען לייט גערעדט, ווילהעלם?

פ אָ ל ד א ל: דו האָסט געזאָלט ווערען מיניסטער, האָט עס געהייסען.

ב אָ ר ק מ א ן: מען האָט מיר ווירקליך אָנגעבאָטען די שטעלע. אָבער איך האָב זיך ענטזאגט דערפון.

פ אָ ל ד א ל: ביסט איהם אלזאָ ניט געשטאנען אין וועג?

ב אָ ר ק מ א ן: אָה ניין; ד אָ ס איז ניט געווען דער גרונד, פארוואָס ער האָט מיך פערראַטהען.

פ אָ ל ד א ל: יאָ, דאן פערשטעה איך ווירקליך ניט —

ב אָ ר ק מ א ן: דיר קען איך עס זאָגען, ווילהעלם.

פ אָ ל ד א ל: נו?

ב אָ ר ק מ א ן: ס'איז געווען — אזוי א מין ווייבער־געשיכטע, פערשטעהסטו מיך.

פ אָ ל ד א ל: א ווייבער־געשיכטע? אָבער יאָהאַן גאַבריעל —?

ב אָ ר ק מ א ן (האַקט אָב): נא, — לאָמיר אויפהערען רייד־ען וועגען די אלטע, דומע געשיכטען. — יעדענפאַלס, מיניסטער איז קיינער פון אונז ניט געוואָרען, ניט ער און ניט איך.

פ אָ ל ד א ל: אָבער ער איז ארויפגעשטיגען הויך.

ב אָ ר ק מ א ן: און איך בין ארונטער אין אָבגרונד.

פ אָ ל ד א ל: אָה, דאָס איז א שרעקליכע טראגעדיע —

ב אָ ר ק מ א ן (שאָקעלט איהם צו מיט'ן קאָפּ): כמעט אזוי שרעקליך ווי דיינע, קומט עס מיר פאָר, ווען איך דענק דערפון.

פ אָ ל ד א ל (נאַאיוו): יאָ, ווענינגסטענס אזוי שרעקליך.

ב אָ ר ק מ א ן (מיט אַ שטילען געלעכטער): בעטראכט מען עס אָבער פון אן אנדער זייט, איז עס דאָך אויך א מין קאָמעדיע.

פ אָ ל ד א ל: א קאָמעדיע? ד אָ ס?

ב אָ ר ק מ א ן: ווי עס האלט זיך איצט ביים ענטוויקלען. — יאָ דען איצט הער נור צו —

פ אָ ל ד א ל: וואָס איז?

ב אָ ר ק מ א ן: ווען דו ביסט אהער געקומען, האָסטו פרידא'ן שוין דאָ ניט געפונען.

פ אָ ל ד א ל: ניין.

ב אָ ר ק מ א ן: נו, בעת מירביידע זיצען דאָ, שפּיעלט זי פאָר צום טאנץ ביי דעם מענשען, וועלכער האָט מיך פערראטהען און רואינירט.

פ אָ ל ד א ל: אָבער דערפון האָב איך גאָר קיין אהנונג ניט געהאט!

ב אָ ר ק מ א ן: אזוי איז עס. זי האָט מיטגענומען איהרע נאָטען און איז אוועק פון דאנען אין — אין הויז פון יענע הער־שאפטען.

פ אָ ל ד א ל (מיט אַ טאָן פון ענטשולדיגונג): יא, יאָ, דאָס אָרעמע קינד —

ב אָ ר ק מ א ן: און קענסט דו טרעפען, פאר וועמען, צווישען אנדערע, זי שפּיעלט דאָרט?

פ אָ ל ד א ל: נו?

ב אָ ר ק מ א ן: פאר מיין זוהן!

פ אָ ל ד א ל: וואָס?!

ב אָ ר ק מ א ן: יאָ, וואָס זאָגסטו דערצו, ווילהעלם? מיין

זוהן געפינט זיך היינט אָבענד דאָרט צווישען די טענצער. בין איך ניט גערעכט, ווען איך רייך פון א קאָמעדיע?

פ אָ ל ד א ל: אָבער אויב אזוי, מעגסט דו זיכער זיין, אז ער ווייס גאָרנישט וועגען דעם.

ב אָ ר ק מ א ן: וואָס ווייס ער ניט?

פ אָ ל ד א ל: ער ווייס זיכער ניט, אויף וואָס פאר אן אופן ער — אָט דער — נא —

ב אָ ר ק מ א ן: דו קענסט איהם אָנרופען ביים נאָמען. איצט ארט עס מיך שוין ניט.

פ א ל ד א ל: כ'בין איבערצייגט, אז דיין זוהן איז ניט בע־קאנט מיט די אומשטענדען, יאָהאַן גאַבריעל.

ב אָ ר ק מ א ן (מיט אַ פינסטערער מיענע, זיצט און קלאַפּט אָן טיש): ער איז בעקאנט מיט זיי, זאָג איך דיר, — אזוי וואהר ווי איך זיץ דאָ.

פ אָ ל ד א ל: אָבער דאן, ווי קען ער זיין אן איינגעהער אין דעם הויז?

ב אָ ר ק מ א ן (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): מיין זוהן מוז אודאי קוקען אויף דער זאך מיט אנדערע אויגען ווי איך. כ'וואָלט געקענט שווערען, אז ער שטעהט אויף דער זייט פון מיינע פיינד! יע־דענפאלס מיינט ער ווי זיי, אז אדוואָקאט הינקעל האָט בלויז גע־טהאָן זיין פערדאמטע פליכט, ווען ער איז געגאנגען און האָט מיך פערראטהען.

פ א ל ד א ל: אָבער, מיין גאָט, ווער האָט איהם דען געקענט פאָרשטעלען די זאך אין דעם ליכט?

ב א ר ק מ א ן: ווער? דו פערגעסט גאָר, ווער ס'האָט איהם ערצויגען? פריהער זיין מוהמע — פון זיין זעקסטען אָדער זיבע־טען יאָהר אָן. און דערנאָך — זיין מוטער!

פ אָ ל ד א ל: כ'מיין, דו טהוסט זיי אונרעכט אין דער תינזיכט.

ב א ר ק מ א ן (פייערדיג): איך טהו קיינמאָל קיינעם קיין

אונרעבט ניט! ביידע האָבען זיי איהם אויפגערייצט נעגען מיר, זאָג איך דיר!

פּאָלדאל (גיט נאָך): נו יאָ, וואהרשיינליך ווייסטו דאָך, וואָס דו זאָגסט.

באָרקמאן (פערביטערט): אָה, די ווייבער! זיי פערשטע־רען און פערביטערען איינעם דאָס לעבען! זיי מאכען א תל פון אונזער גאנצען שיקזאל, — פון אונזער גאנצען פאָרווערטס־גאנג.

פּאָלדאל: ניט אלע!

באָרקמאן: אזוי? רוף מיר אָן כאָטש איין איינציגע, וואָס טויג צו עפּעס!

פּאָלדאל: ניין, דאָס איז טאקע די צרה. די עטליכע, וואָס איך קען, טויגען צו גאָרנישט.

באָרקמאן (מיט א שפּאָטישען טאָן): יאָ, וואָס קומט ארויס דערפון, וואָס עס זיינען דאָ אזעלכע ווייבער, — אז מען קען זיי ניט!

פּאָלדאל (מיט וואַרעמקייט): יאָ, יאָהאָן גאבריעל, ס'נוצט דאָך. ס'איז דאָך אזא הערליכער און זיסער געדאנק, אז ערגעץ וואו אין דער וועלט, ווייט, ווייט אוועק, געפינט זיך דאָך די אמת'ע פרוי.

באָרקמאן (מיט א מיענע פון אונגעדולד): אָך, לאָז מיך צורוה מיט דיינע דיכטערישע פלוידערייען!

פּאָלדאל (קוקט איהם אָן טיעף געקריינקט): דיכטערישע פלוידערייען — אָט אזוי רופסטו מיין הייליגסטען גלויבען?!

באָרקמאן (האַרט): יאָ, איך נעהם מיר אזא פרייהייט! און אייב דו ביסט ניט דערגאנגען ווייט אין דער וועלט, איז אָט דאָס טאקי די סבה דערפון. ווען דו שלאָגסט זיך ארויס אָט די זאַ־כען פון קאָפּ, דאן וואָלט איך דיך נאָך געקענט שטעלען אויף די פיס, — דיך אויפהויבען אין דער הויך.

פּאָלדאל (קאָכענדיג אינעווייניג פאר אויפרעגונג): אָך, דאָס קענסטו דאָך ניט.

באַרקמאַן: איך קען עס, ווען איך קריג נור ווידער די מאכט אין די הענד.

פּאָלדאל: נאַ, אויף דעם האָבען מיר נאָך לאַנג צו ווארטען.

באַרקמאַן (העפטיג): דו דענקסט אפשר, אז די צייט וועט קיינמאָל ניט קומען? ענטפער מיר דערויף!

פּאָלדאל: כ'ווייס ניט, וואָס איך זאָל דיר ענטפערן.

באַרקמאַן (הויבט זיך אויף, קאַלט און בכבוד'יג, אָנווייזענדיג מיט דער האַנד אויף דער טיר): דאַן דאַרף איך דיך מעהר ניט האָבען.

פּאָלדאל (שפּרינגט אויף): דאַרפסט מיך מעהר ניט האָבען —!

באַרקמאַן: אויב דו גלויבסט ניט, אז מיין שיקזאל וועט זיך אומדרעהען —

פּאָלדאל: אָבער איך קען דאָך ניט גלויבען אין א זאך, וואָס איז געגען דעם מענשליכען שכל! — דו מוזט דאָך צוערשט בעקומען דיינע פריהערדיגע רעכטע —

באַרקמאַן: ווייטער! נור ווייטער!

פּאָלדאל: ס'איז אמת, קיין עקזאמען האָב איך ניט אָבגעגעבען; אָבער אזוי פיעל ווייס איך דאָך נאָך פון דער צייט, וואָס איך האָב שטודירט —

באַרקמאַן (שטיל): אונמעגליך דענקסט דו?

פּאָלדאל: אזא פאַל איז נאָך ביז אהער ניט פאָרגעקומען.

באַרקמאַן: פאר אויסנאהמס־מענשען איז דאָס ניט נייטיג.

פּאָלדאל: דאָס געזעץ ווייס ניט פון אזעלכע איינזעהענישען.

באַרקמאַן (האַרט און ענטשלאָסען): דו ביסט ניט קיין דיכטער, ווילהעלם.

פּאָלדאל (לעגט אונבעוואוסט צונויף די הענד): דו זאָגסט עס גאַנץ ערנסט?

באַרקמאַן (בייט דעם געשפּרעך, ניט ענטפערענדיג): מיר

ביידע פערשווענדען בלויז די צייט איינער מיט׳ן אנדערן. כ׳מיין, עס וואָלט געווען בעסער, ווען דו קומסט גאָר ניט מעהר אהער.

פ אַ ל ד אַ ל: דו ווילכסט אלזאָ, איך זאָל אוועקגעהן פון דיר?

ב אַ ר ק מ אַ ן (ניט אַ קוק טהאָנדיג אין זיין זייט): כ׳דאַרף דיך מעהר ניט האָבען.

פ אַ ל ד אַ ל (מיט אַ פריעדליכען טאָן, געהמענדיג זיין פּאַפּיר־סאָש): ניין, ניין; אפנים אז ניט.

ב אַ ר ק מ אַ ן: האָסטו מיר, הייסט עס, די גאַנצע צייט געזאָגט ליגענס.

פ אַ ל ד אַ ל (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ): כ׳האָב קיינמאָל קיין ליגען ניט געזאָגט, יאָהאַן גאַבריעל.

ב אַ ר ק מ אַ ן: האָסטו ניט כסדר דערוועקט אין מיר מיט ליגענס גלויבען און האָפנונג און בטחון?

פ אַ ל ד אַ ל: ס׳איז ניט געווען קיין ליגען, אזוי לאַנג ווי דו האָסט געגלויבט אין מ י י ן בערוף. אזוי לאַנג ווי דו האָסט געגלויבט אין מיר, אזוי לאַנג האָב איך געגלויבט אין דיר.

ב אַ ר ק מ אַ ן: מיר האָבען אלזאָ איינער דעם אנדערן אָבגענאַרט. און אם ענדע זיך אליין אָבגענאַרט — מיר ביידע.

פ אַ ל ד אַ ל: אָבער איז דאָס דען ניט אין גרונד געגומען פריינדשאַפט, יאָהאַן גאַבריעל?

ב אַ ר ק מ אַ ן (מיט אַ ביטערען שמייכעל): נו געוויס, אָבנאַרען, בעטריגען, — דאָס איז פריינדשאַפט. ביסט גערעכט. די ערפאהרונג האָב איך שוין איינמאָל געמאַכט.

פ אַ ל ד אַ ל (קוקט איהם גלייך אין געזיכט אריין): כ׳בין, הייסט עס, ניט קיין דיכטער. און דאָס האָסטו מיר אזוי אונבאַרמהערציג געקענט זאָגען!

ב אַ ר ק מ אַ ן (מיט אַביסעל אַ ווייכערען טאָן): נו, איך בין דאָך ניט קיין גרויסער מבין אויף אזעלכע זאַכען.

פ אַ ל ד אַ ל: ביסט אפשר אַ גרעסערער מבין ווי דו אליין דענקסט.

ב אַ ר ק מ אַ ן: איך?

פ אַ ל ד א ל (שטיל): יאָ, דו. וואָרים איך אליין, מוז איך דיר זאָגען, האָב צייטענווייז געהאַט מיין צווייפעל. דעם שווידער־ליכען צווייפעל — צי איך האָב ניט פערדאָרבען מיין לעבען צו־ליעב אן איינבילדונג.

ב אָ ר ק מ א ן: ווען דו צווייפעלסט אין זיך אליין, דאַן שטעהסט דו אויף שוואכע פים.

פ אַ ל ד א ל: דערפאר איז פאר מיר אימער געווען אזא טרייסט צו קומען אהער און זיך שטיצען אויף דיר, וואָס האָט גע־האט דעם גלויבען. (נעהמט זיין הוט). — איצט אָבער ביסטו מיר ווי א פרעמדער.

ב אָ ר ק מ א ן: דו מיר אויך.

פ אַ ל ד א ל: גוטע נאכט, יאָהאַן גאַבריעל.

ב אָ ר ק מ א ן: גוטע נאכט, ווילהעלם.

פאַלדאַל אָב לינקס.

באָרקמאַן שטעהט אַ ווײַלע און קוקט אויף דער טיר, וועלכע האָט זיך דערווייל צוגעמאַכט; מאַכט אַ בעוועגונג, אַזוי ווי ער וואָלט גע־וואָלט פאַלדאַל׳ן צוריקרופען, נאָר ער בעדענקט זיך און הויבט אָן ארום־צוגעהן אַהין און צוריק, מיט די הענד אויף׳ן רוקען. דאַן בלייבט ער שטעהן ביים טיש, וואָס לעבען דער זאָפאַ, און פערלעשט דעם לאַמפּ. ס׳ווערט האַלב־דונקעל אין זאַאַל.

באַלד נאָכדעם הערט זיך אַ קלאַפּ אין דער טאַפּעטען־טיר לינקס אין הינטער־גרונד.

ב אָ ר ק מ א ן (ביים טיש, ווערט אויפגעטרייסעלט, דרעהט זיך אום און פרעגט הויך אויף׳ן קול: ווער קלאַפּט דאָ?

קיין ענטפער; ס׳הערט זיך אַ צווייטער קלאַפּ.

ב אָ ר ק מ א ן (בלייבט שטעהן): ווער איז דאָ? אריין!

עללאַ רענטהיים, מיט אַ ברענענדען ליכט אין דער האַנד, בעווייזט זיך אין דער טיר. זי טראָגט דאָס זעלבע שווארצע קלייד ווי פריהער, דעם מאַנטעל אָריבערגעוואָרפען לויז איבער די שולטערן.

ב אָ ר ק מ א ן (קוקט זי אן): ווער זייט איהר? וואָס ווילט איהר פון מיר?

עללא רענטהיים (מאַכט צו די טיר הינטער זיך און קומט צו נעהענטער) : דאָס בין איך , באָרקמאַן.

זי שטעלט אַוועק דאָס ליכט אויף דער פּיאַנאָ און בלייבט דאָרט שטעהן.

באָרקמאַן (שטעהט אַזוי ווי אַ דונער וואָלט איהם געטראָפען, קוקט איהר גלייך אין פּנים אַריין און שעפּטשעט שטיל) : איז דאָס — איז דאָס עללא ? איז דאָס עללא רענטהיים ?

עללא רענטהיים : יאָ. — „דיין“ עללא, — ווי דו פלעגסט מיך אין די פריהערדיגע צייטען רופען. דאַמאָלסט. מיט יאָהרען — יאָהרען צוריק.

באָרקמאַן (ווי אויבען) : יאָ, דאָס ביסט דו, עללא, — איצט זעה איך עס.

עללא רענטהיים : דערקענסטו מיך ?

באָרקמאַן : יאָ, איצט הויב איך ווירקליך אָן —

עללא רענטהיים : די יאָהרען האָבען מיך אלט און ווינטערדיג געמאכט, באָרקמאַן. דענקסטו ניט אַזוי ?

באָרקמאַן (געצוואונגען) : דו האָסט זיך אביסעל פערענדערט. אַזוי אויף'ן ערשטען קוק —

עללא רענטהיים : איצט האָב איך שוין מעהר ניט די דונקעלע לאָקען, וועלכע פלעגען מיר אראָבפאַלען איבער'ן נאַקען. די לאָקען, וועלכע דו פלעגסט אמאָל אזוי גערן ארומדרעהען ארום דיינע פינגער.

באָרקמאַן (שנעל) : ריכטיג ! איצט זעה איך עס, עללא. דו טראָגסט אנדערש די האָר דיינע.

עללא רענטהיים (מיט אַן אומעטיגען שמייכעל) : גאַנץ ריכטיג — איך טראָג אנדערש די האָר.

באָרקמאַן (ענדערט דעם געשפּרעך) : כ'האָב גאָר ניט געוואוסט, אז דו געפינסט זיך אין אונזער געגענד.

עללא רענטהיים : איך בין ערשט מיט א ווייל‍ע צוריק אנגעקומען.

באַרקמאַן: נאָך וואָס ביסטו געקומען צו פאָהרען, — איצט, ווינטער־צייט?

עללא רענטהיים: דאָס וועל איך דיר זאָגען.

באַרקמאַן: פערלאַנגסטו פון מיר וואָס עס איז?

עללאא רענטהיים: פון דיר אויך. נאָר איידער מיר קומען דערצו, מוז איך אָנהויבען פון גאַנץ ווייט.

באַרקמאַן: דו ביסט דאָך אודאי מיעד.

עללא רענטהיים: יאָ, איך בין מיעד.

באַרקמאַן: ווילסט זיך ניט צוזעצען א ווײילע? דאָרט, — אויף דער זאָפאַ.

עללא רענטהיים: א דאנק. כ'פיהל, אז איך מוז זיך ווירקליך אנידערזעצען.

זי געהט אַריבער רעכטס און זעצט זיך אַנידער אויף דעם פאָדער־שטען ווינקעל פון דער זאָפאַ. באַרקמאַן שטעהט ביים טיש, די הענד אויף'ן רוקען, און קוקט זי אָן. קורצע פויזע.

עללא רענטהיים: ס'איז שוין א לאנגע, לאנגע צייט, זינט מירביידע זיינען געשטאנען איינס אנטקעגען אנדערן, אויג אויף אויג, באַרקמאַן.

באַרקמאַן (מיט אַ פינסטערער מיענע): א לאנגע, לאנגע צייט. פיעל שווידערליכעס ליעגט אין צווישען.

עללא רענטהיים: א גאנץ מענשענ־לעבען ליעגט צווי־שען דעם. א פערשפּיעלט מענשען־לעבען.

באַרקמאַן (מיט אַ דרייסטען בליק): פערשפּיעלט!

עללא רענטהיים: יאָ, פערשפּיעלט. פאר אונז ביידען.

באַרקמאַן (מיט אַ קאַלטען, געשעפטליכען טאָן): איך האלט נאָך דערוויילי מיין לעבען ניט פאר פערשפּיעלט.

עללא רענטהיים: נו גוט, — אָבער מיין לעבען?

באַרקמאַן: אין דעם ביסטו אליין שולדיג, עללא.

עללא רענטהיים (טהוט אַ ציטער): און דאָס זאָגסט דו?

באַרקמאַן: דו האָסט זעהר גוט געקענט זיין גליקליך אָהן מיר.

עללא רענטהיים: דענקסטו אזוי?

באַרקמאַן: ווען דו וואָלסט עס נור געוואָלט.

עללא רענטהיים (ביטער): איך וויים יעדענפאלס, אז אן אנדערער איז געשטאנען גרייט, מיט אָפענע אָרעמס —

באַרקמאַן: אָבער דו האָסט איהם אָבגעזאָגט —

עללא רענטהיים: יאָ, כ'האָב איהם אָבגעזאָגט.

באַרקמאַן: איינמאָל נאָכ'ן אנדערן האָסטו איהם אָבגעזאָגט. יאָהר אוים יאָהר איין —

עללא רענטהיים (מיט אַ שפּאָטישען טאָן): — יאָהר אוים יאָהר איין האָב איך אָבגעטריבען פון מיר דאָס גליק, ווילסט דו זאָגען?

באַרקמאַן: דו האָסט אויך מיט איהם זעהר גוט געקענט לעבען גליקליך. און איך וואָלט דאן געווען געראַטעוועט.

עללא רענטהיים: דו —?

באַרקמאַן: יאָ, דאן וואָלסטו מיך געווען געראַטעוועט, עללא.

עללא רענטהיים: ווי מיינסטו דאָס?

באַרקמאַן: ער האָט געגלויבט, אז איך האָב געשטעקט הינטער דיין עקשנות — הינטער דיינע אייביגע צוריקווייזונגען. און ער האָט גענומען ראַכע פון מיר. דאָס איז געווען אזוי גרינג פאר איהם, — ווייל ער האָט געהאַט אין זיינע הענד אלע מיינע סעקרעטנע פערטרויענספולע בריעף. ער האָט זיך מיט זיי בענוצט, — און דאן איז געוואָרען אוים מיט מיר, — ביז א צייט ווענינגסטענס. זעהסט דו, אין דעם אלעם ביסט דו שולדיג, עללא!

עללא רענטהיים: קוק זיך נאָר איין, באַרקמאַן, — נאָך דיינע רייד קומט דאָך אוים, אזוי ווי איך וואָלט נאָר דיר געדאַרפט אַרויסצאָהלען..

באַרקמאַן: עס ווענדט זיך ווי מען קוקט דערויף. כ'וויים גאַנץ גוט, וואָס איך האָב דיר צו פערדאַנקען. דו האָסט מיט דיין

נעלד אָבגעקויפט דאָס דאָזיגע הויז, דאָס נאַנצע גוט, ווען עס איז געשטעלט געוואָרען צום אויספערקויף. דו האָסט דאַן דאָס הויז אין גאַנצען אָבגעגעבען מיר און — און דיין שוועסטער, צו וואוי־נען דערין. דו האָסט גענומען ערהארד'ן צו דיר, — און האָסט פאַר איהם געזאָרגט אין יעדער בעציהונג —

עללא רענטהיים: — אזוי לאַנג ווי ס'איז מיר ער־לויבט געווען —

באָרקמאַן: —ערלויבט געווען פון דיין שוועסטער, הייסט דאָס. איך האָב זיך אין אָט די הויזליכע עסקים קיינמאָל ניט אריינגעמישט. — יאָ, ווי געזאָגט, איך וויים, וואָס פאַר אַ אָפּפער דו האָסט מיר און דיין שוועסטער געבראַכט. דו האָסט עס אָבער געקענט טהאָן, עללא. און דו דאַרפסט ניט פערגעסען, אז דאָס האָב איך דיר געגעבען די מעגליכקייט, עס צו קענען.

עללא רענטהיים (אויפגעבראַכט): דאָ האָסטו אַ גע־וואַלדיגען טעות, באָרקמאַן! ס'איז געווען מיין אינערליכסטער געפיהל, מיין ווערעמסטע צונייגונג צו ערהארד'ן — און צו דיר אויך, — וואָס האָט מיך דערצו געטריבען.

באָרקמאַן (שלאָגט איהר איבער די רייד): ליעבע עללא. לאָמיר זיך ניט אריינלאָזען אין געפיהלען און אנדערע אזעלכע זא־כען. וואָס איך האָב געזאָגט, איז נאַטירליך געווען געמיינט אזוי: אויב דו האָסט געהאַנדעלט אזוי ווי דו האָסט געהאַנדעלט, בין איך דאָס געווען דער, וואָס האָט דיר געגעבען די מעגליכקייט דערצו.

עללא רענטהיים (שמייכעלט): הם, די מעגליכקייט, די מעגליכקייט —

באָרקמאַן (פייערדיג): נו יאָ, די מעגליכקייט! אין דעם קריטישען מאָמענט, ווען די גרויסע און ענטשיידענדע שלאַכט האָט געזאָלט געפאָכטען ווערן, — ווען איך האָב מעהר ניט געקענט שוי־נען ניט קיין קרובים און ניט קיין פריינד, — ווען איך האָב געמוזט לעגען די האַנד אויף די מיליאָנען, וועלכע זיינען מיר אנפערטרויט געוואָרען, — דאַן האָב איך געשאַנעוועט אלצדינג, וואָס איז גע־

ווען דיינס, דיין גאנצעס האב און גוטס, — כאטש איך האב עס געקענט נעהמען און פערווענדען — ווי אלעס איבעריגע.

ע ל ל א   ר ע נ ט ה י י ם (קאלט און רוהיג): דאס איז גאנץ ריכטיג, בארקמאן.

ב א ר ק מ א ן: גאנץ געוויס. און דערום — ווען זיי זיינען געקומען און האבען מיך צוגענומען, — האבען זיי געפונען אלעס, וואס האט געהערט צו דיר, אונבעריהרט אין די קאסע־קאסטענס פון דער באנק.

ע ל ל א   ר ע נ ט ה י י ם (קוקט גלייך אויף איהם): כ'האב אפט געקלערט וועגען דעם, — פארוואס האסטו אייגענטליך גע־שאנעוועט אלעס, וואס איז געווען מיינס? און נור דאס אליין?

ב א ר ק מ א ן: פארוואס?

ע ל ל א   ר ע נ ט ה י י ם: יא, פארוואס? זאג עס מיר.

ב א ר ק מ א ן (מיט א הארטען, שפאטישען טאן): דו מיינסט אפשר, איך האב עס געטהאן, כדי צו האבען אנגעגרייט וואס עס איז הינטער דער האנד, — ווען די זאך זאל געהן שלעכט?

ע ל ל א   ר ע נ ט ה י י ם: אה, ניין, — דערפון האסט דו גע־ווים ניט געטראכט אין י ע נ ע ר צייט.

ב א ר ק מ א ן: קיינמאל ניט! כ'האב פעסט געבויט אויף מיין זיעג.

ע ל ל א   ר ע נ ט ה י י ם: יא, אבער פארוואס דען, אז ניט דאס —?

ב א ר ק מ א ן (ציהט מיט די פלייצעס): מעגסט מיר גלויבען, עללא, — ס'איז ניט אזוי לייכט זיך צו דערמאנען אן אורזאכען און מאטיווען, וועלכע זיינען צוואנציג יאהר אלט. איך קען זיך נור דערמאנען אז, בעת איך בין ארומגעגאנגען איינזאם און האב שטי־לערהייט פאר זיך געמאכט פלענער פאר די אלע גרויסע אונטער־נעהמונגען, וועלכע איך האב געוואלט דורכפיהרען, איז מיר עפעס געווען אויף'ן הארצען אזוי ווי איינעם, וואס דארף זיך ארויסלאָ־זען אויף א לופט־שיף. אין די שלאפלאזע נעכט פלעג איך פיהלען, עפעס אזוי ווי איך וואלט אנגעפילט א ריעזיגען באלאן און וואלט

געהאלטען דערביי אויסצופליהען איבער אן אונזיכערן, געפּאהרפּו־לען וועלט־ים.

עללא רענטהיים (שמייכעלט): דו, וועלכער האָט קיינ־מאָל ניט געצווייפעלט אין זיעג?

באָרקמאן (אונגעדולדיג): אזוי זיינען מענשען, עללא. זיי צווייפלען און זיי גלויבען אין דער זעלבער צייט. (קוי־קענדיג גלייך פאַר זיך). און דאָס איז אפּנים געווען דער גרונד, פאר־וואָס איך האָב ניט געוואָלט מיטנעהמען דיך און דאָס דייניגע אין דעם באלאָן.

עללא רענטהיים (געשפּאַנט): פאַרוואָס, פרעג איך! זאָג מיר, פארוואָס!

באָרקמאן (ניט אַ קוק טהאָנדיג אויף איהר): מען נעהמט ניט גערן מיט זיך די טהייערסטע זאַך אויף אזא רייזע.

עללא רענטהיים: דו האָסט דאָך געהאט די טייער־סטע זאַך מיט זיך אויף דער רייזע. דאָס גאנצע צוקינפטיגע לע־בען דיינס —

באָרקמאן: דאָס לעבען איז ניט אימער דאָס טהייערסטע.

עללא רענטהיים (אָהן אָטהעם): אזוי האָסטו דא־מאָלסט געפיהלט?

באָרקמאן: מיר דוכט זיך אזוי.

עללא רענטהיים: אז איך בין ביי דיר געווען די טהייערסטע זאַך אין דער וועלט?

באָרקמאן: אזוי וואָס, דוכט מיר, האָב איך דאן גע־פיהלט.

עללא רענטהיים: און יאָהרען און יאָהרען זיינען שוין דאמאָלסט געווען פערגאנגען, זינט דו האָסט מיך אוועקגעוואָר־פען — און האָסט חתונה געהאט מיט — מיט אן אנדערער!

באָרקמאן: דיך אוועקגעוואָרפען, זאָגסט דו? דו פער־שטעהסט דאָך געוויס זעהר גוט, אז עס זיינען געווען העכערע מאָ־טיוון, — נו יאָ, לאָמיר זאָגען אַנדערע מאָטיוון, — וועלכע

האָבען מיך דערצו געטריבען. אָהן ז י י ן הילף האָב איך גאָרנישט געקענט טהאָן.

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם (קאָנטראָלירט זיך): האָסט מיך אלזאָ אוועקגעוואָרפען צוליעב — העכערע מאָטיוען.

ב אָ ר ק מ א ן: כ'האָב אָהן זיין הילף ניט געקענט אויסקומען. און ער האָט ד י ך פערלאנגט אלס פרייז פאר דער הילף.

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: און דו האָסט בעצאָהלט דעם פרייז. דעם פולען פרייז. זיך גאָרנישט געדונגען.

ב אָ ר ק מ א ן: כ'האָב קיין אנדער ברירה ניט געהאט. כ'האָב געמוזט זיעגען אָדער פאלען.

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם (מיט אַ ציטערענדער שטימע, איהם אָנקוקענדיג בעת מעשה): און דאָס איז אויך אמת, וואָס דו האָסט פריהער געזאָגט, אז איך בין דאמאָלסט פאר דיר געוועזן דאָס טהייערסטע אויף דער וועלט?

ב אָ ר מ א ן: אי דאמאָלסט אי שפּעטער, — א לאנגע, לאנגע צייט דערנאָך.

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: און דאָך האָסטו מיך פערשאכערט. האָסט געהאנדעלט מיט אַן אנדער מאַן וועגען דאָס רעכט פון דיין ליעבע פאר א — פאר א דירעקטאָר־שטעלע!

ב אָ ר ק מ א ן (פינסטער, מיט אַן אייגעבויגענעם קאָפּ): די צווינגענדע נויטווענדיגקייט האָט מיך געטריבען דערצו, עללא.

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם (הויבט זיך אויף פון דער זאָפאַ; מיט אַ ווילדער, ציטערענדער אויפרעגונג): פערברעכער דו!

ב אָ ר ק מ א ן (ווערט פערציטערט, קאָנטראָלירט זיך אָבער): דאָס וואָרט האָב איך שוין פריהער געהערט.

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: אָך, מיין ניט, אז איך ציעל דערויף, וואָס דו האָסט פיליכט פערבראָכען געגען דאָס געזעץ. וואָס דו האָסט געטהאָן מיט די אקציעס אָדער אָבליגאציעס, — אָדער ווי זיי הייסען דאָרט, — דאָס, גלויב מיר, איז מיר גאנץ עגאל! ווען איך וואָלט געקענט זיין לעבען דיר דאן, ווען דער בראָך איז איבער דיר געקומען —

באַרקמאַן (געשפּאַנט): וואָס וואָלט דאַן געווען, עללאַ?

עללאַ רענטהיים: גלויב מיר, איך וואָלט עס גערן גע־טראָגען מיט דיר צוזאַמען. די שאַנדע, דעם חורבן, — אַלעס, אַלעס וואָלט איך דיר געהאָלפען טראָגען —

באַרקמאַן: וואָלסטו דאָס געוואָלט? אָדער געקענט?

עללאַ רענטהיים: געוואָלט און געקענט. ווארים דאַ־מאָלסט האָב איך נאָך גאָרנישט געוואוסט פון דיין גרויסען, שרעק־ליכען פערברעכען —

באַרקמאַן: וואָסער פערברעכען? וועגען וואָס רעדסט דו?

עללאַ רענטהיים: איך רייד פון דעם פערברעכען, פאַר וועלכען ס'איז ניטאָ קיין פערגעבונג.

באַרקמאַן (קוקט זי אָן פערוואונדערט): דו מוזט ניט זיין ביים זינען.

עללאַ רענטהיים (געהט צו נעהענטער): דו ביסט אַ מערדער! דו האָסט בעגאַנגען די גרויסע טויט־זינד!

באַרקמאַן (טרעט אָב צוריק אין דער ריכטונג פון דער פּיאַ־נאָ): דו ביסט אויסער זיך, עללאַ!

עללאַ רענטהיים: דו האָסט ערמאָרדעט דאָס ליעב־בעס־לעבען אין מיר. (געהט צו נעהענטער צו איהם). פערשטעהסט, וואָס דאָס הייסט? די ביבעל רעדט פון אַ געהיימניספּולער זינד, פאַר וועלכער ס'איז ניטאָ קיין פערגעבונג. כ'האָב פריהער קיינ־מאָל ניט געקענט פערשטעהן, וואָס מען מיינט דערמיט. איצט פער־שטעה איך עס. די גרויסע, אונפערצייהליכע זינד, — דאָס איז די זינד, וואָס מען בעגעהט, ווען מען ערמאָרדעט דאָס ליעבעס־לעבען אין אַ מענשען.

באַרקמאַן: און דאָס האָב איך, הייסט עס, געטהאָן?

עללאַ רענטהיים: יאָ, דו האָסט עס געטהאָן! כ'האָב קיינמאָל ניט ריכטיג געוואוסט, וואָס מיט מיר איז געשעהן, ביז היינט ביינאַכט. וואָס דו האָסט מיך אוועקגעוואָרפען און גע־נומען גונהילד'ן אנשטאָט מיר, — דאָס האָב איך איינפאַך אנגע־

נומען פאַר אן אונבעשטענדיגקייט פון דיין זייט; ווי אויך פאַר א פאָלגע פון איהרע גרויזאַמע קונצשטיק. און מיר דוכט, אז איך האָב דיך אביסעל פעראַכטעט —ניט קוקענדיג אויף דעם אלעם. — איצט אָבער זעה איך עס! דו האָסט פערלאָזען די פרוי, וואָס דו האָסט געליעבט! מיך, מיך, מיך! דאָס, וואָס ביי דיר איז געווען דאָס טייערסטע אויף דער וועלט, ביסטו געווען גרייט אוועקצואוואַרפען, כדי צו ציהען פּראָפיטען דערפון. דאָס איז דער דאָפּעלטער מורה, וואָס דו האָסט בעגאַנגען! די ערמאָרדונג פון דיין איגענער זעעלע און פון מיינער!

ב אָ ר ק מ אַ ן (קאַלט און רוהיג): דעריין דערקען איך וויעדער דאָס ליידענשאַפטליכע, אונגעצאַמטע געמיטה דיינס, עללאַ. געוויס איז דאָס גאַנץ נאַטירליך, אז דו זאָלסט בעטראַכטען די זאַך פון דעם שטאַנדפּונקט. דו ביסט דאָך א פרוי. און דאַרום ווילסטו פון קיין אנדער זאַך ניט וויסען, קיין אנדער זאַך ניט אויסרעכענען אין דער גאַנצער וועלט.

ע ל ל אַ ר ע נ ט ה י י ם: גאַנץ ריכטיג; איך וויל טאַקע ניט וויסען פון קיין אנדער זאַך.

ב אַ ר ק מ אַ ן: נישט מעהר ווי די אנגעלעגענהייטען פון דיין אייגען הארץ —

ע ל ל אַ ר ע נ ט ה י י ם: נישט מעהר ווי דאָס! נישט מיצהר ווי דאָס! דאָ ביסטו גערעכט.

ב אָ ר ק מ אַ ן: דו דאַרפסט אָבער ניט פערגעסען, אז איך בין א מאַן. אלס פרוי ביסטו פאַר מיר געוועזען דאָס טהייערסטע אויף דער וועלט. אָבער ווען עס איז קיין אנדער אויסוועג ניטאָ, דאַן קען דאָך איין פרוי פערנעהמען דעם פּלאַץ פון דער אנדערער —

ע ל ל אַ ר ע נ ט ה י י ם (קוקט איהם אָן מיט אַ שמייכעל): האַסטו דורכגעלעבט די ערפאַהרונג, ווען דו האָסט גונהילד'ן גענומען פאַר א פרוי?

ב אָ ר ק מ אַ ן: ניין. אָבער מיינע לעבענס־אויפגאַבען האָבען מיר געהאָלפען דאָס אויך אריבערצוטראָגען. איך האָב געוואָלט אלע מאַכט־קוואַלען פון לאַנד אריינקריגען אין מיינע הענ־

אלע רייכטהימער, וואָס זיינען געלעגען אין דער ערד, אין די בערג, אין די וועלדער און אין דעם ים, — אלעס האָב איך געוואָלט האָבען אין מיינע הענד, זיין דער איינציגער בעל הבית דערויף און דורך דעם שאפען גליק און וואוילזיין פאר א סך, א סך טויזענדער אנדערע מענשען.

עללא רענטהיים (פערטיעפט אין עראינערונגען): כ׳ווייס עס. מעהר ווי איין אָבענד זיינען מיר געזעסען און גערעדט פון דיינע פלענער —

באָרקמאן: יאָ, מיט דיר האָב איך געקענט רעדען, עללא.

עללא רענטהיים: כ׳האָב געשפּאַסט איבער דיינע פלענער און געפרעגט, צי דו ווילסט אויפוועקען אלע שלאָפענדע גייסטער פון די גאָלד־גריבער.

באָרקמאן (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ): איך קען זיך דערמאָנען דעם אויסדרוק. (לאַנגזאַם). די שלאָפענדע גייסטער פון די גאָלד־גריבער.

עללא רענטהיים: דו האָסט עס אָבער ניט אָנגענומען פאר א שפּאַס. דו האָסט געזאָגט: יאָ, יאָ, עללא, אָט דאָס וויל איך טאקע.

באָרקמאן: אזוי איז עס טאקע געווען. איך האָב נור גע־דארפט אריינשטעקען דעם פוס אין טרעט פון זאָטעל —. און דאָס איז דאמאָלסט אָבגעהאנגען פון דעם איין מענשען. ער האָט גע־קאָנט און געוואָלט מיר פערשאפען די דירעקטאָר־שטעלע, — ווען איך זאָל פון מיין זייט —

עללא רענטהיים: גאנץ ריכטיג! ווען דו זאָלסט זיך פון דיין זייט אָבזאָגען פון דער פרוי, וועמען דו האָסט ליעב גע־האָט, — און וועלכע האָט דיך אזוי שטארק צוריק געליעבט.

באָרקמאן: איך האָב געוואוסט, וואָס פאר א בלינדע ליידענשאפט ער האָט פאר דיר. כ׳האָב געוואוסט, אז ער וועט אונטער קיין אנדער בעדינגונג ניט —

עללא רענטהיים: און דו ביסט איינגעגאנגען דערויף.

באַרקמאַן (העפטיג): יאָ, כ'האָב עס געטהאָן, עללא! וואָרים די ליעבע צו מאכט איז געווען אין מיר אונבעזיעגבאר. בין איך איינגעגאנגען דערויף. כ'האָב געמוזט איינגעהן. און ער האָט מיר האלב־וועגס געהאָלפען ארויפשטייגען אויף די פערפיהרערישע הויכקייטען, וואוהין עס האָט מיך געצויגען. און איך האָב געהאלטען אין איין שטייגען. יאָהר פאר יאָהר האָב איך געשטיגען —

עללא רענטהיים: און איך בין אזוי ווי אויסגעלאָשען געוואָרען פון דיין לעבען.

באַרקמאַן: און פונקט אזוי האָט ער מיך צוריק אראָבגעשלײדערט אין אבגרונד אראָב. צוליעב דיר, עללא.

עללא רענטהיים (נאָך אַ קורצען, פערטראַכטען, שטילשווייגען): באַרקמאַן, — קוקט עס דיר ניט אויס, אזוי ווי עס וואָלט געהאנגען א מין קללה איבער אונזער גאנצען פערהעלטנים?

באַרקמאַן (קוקט זי אָן): א קללה?

עללא רענטהיים: יאָ. דענקסט דו ניט אזוי?

באַרקמאַן (אונרוהיג): יאָ. אָבער פאַרוואָס אייגענטליך —? (פלאצט אַרויס). אך עללא, — כ'וויים שוין באלד ווירקליך ניט, ווער ס'איז גערעכט, — איך אָדער דו!

עללא רענטהיים: דו ביסט דער, וואָס האָט זיך פערזינדיגט. דו האָסט דער'הרג'עט אויף טויט יעדעס ברעקעלע מענשען־גליק אין מיר.

באַרקמאַן (מיט אַנגסט): זאָג דאָס ניט, עללא!

עללא רענטהיים: וועניגסטענס יעדעס פרויען־גליק. פון דער צייט אָן, וואָס דיין בילד האָט אָנגעהויבען פערלאָשען צו ווערן אין מיר, האָב איך אָבגעלעבט מיין לעבען אזוי ווי אונטער א זונען־פינסטערניש. אין פערלויף פון אָט די אלע יאָהרען איז עס מיר וואָס ווייטער אלץ מעהר דערווידער געוואָרען, — צולעצט איינפאך אונמעגליך, — צו ליעבען וואָס פאר עס איז לעבעדיג וועזען. ניט קיין מענשען, און ניט קיין חיות אָדער פלאנצען. בלויז איין איינציגען —

באַרקמאַן: ווער? —

עללא רענטהיים: ערהארד׳ן, נאַטירליך.

באַרקמאַן: ערהארד׳ן —?

עללא רענטהיים: ערהאַרד׳ן, — דיין, דיין זוהן, באַרקמאַן.

באַרקמאַן: איז ער דיר ווירקליך אזוי איינגעוואַקסען געוואָרען אין הארצען?

עללא רענטהיים: פאַרוואָס זשע דען, מיינסטו, האָב איך איהם גענומען צו זיך? און איהם געהאַלטען ביי מיר אזוי לאַנג ווי איך האָב נור געקענט? פאַרוואָס?

באַרקמאַן: כ׳האָב געמיינט, ס׳איז געווען פאַר רחמנות. ווי אַלעם איבעריגע, וואָס דו האָסט געטהאָן.

עללא רענטהיים (אין אַ שטאַרקער אינערליכער אויפרעגונג): רחמנות, זאָגסט דו! האהא! כ׳האָב ניט געוואוסט פון קיין רחמנות, — זינט דו האָסט מיך אַוועקגעוואָרפען. כ׳האָב עס איינפאַך ניט געקענט. ווען עס איז צו מיר אין קיך אריינגעקומען אַן אָרים, אויסגעהונגערט קינד, וואָס האָט געציטערט פאַר קעלט און געוויינט און געבעטען עפּעס צו עסען, האָב איך געלאָזט די קעכין זאָרגען דערפאַר. כ׳האָב קיינמאָל ניט געפיהלט קיין בעדירפנים, אריינצונעהמען דאָס קינד צו מיר אין צימער, אָנציאַווארמען עס ביי מיין אייגענעם אויוון און צוקוקען און אָנקוועלען פאַר נחת, ווי עס זיצט און עסט זיך אָן צו זאַט. און איך בין דאָך אזוי ניט געווען אין מיינע יונגע יאָהרען; דאָס געדענק איך גאַנץ גוט! דו ביסט דאָס שולדיג אין דער פּוסטקייט און וויסטקייט וואָס הערשט אין מיר — און ארום מיר!

באַרקמאַן: נור ניט פאַר ערהארד׳ן.

עללא רענטהיים: נור ניט פאַר דיין זוהן. ווייזשע איז מיין הארץ פערשלאָסען געוואָרען פאַר אַלצדינג, וואָס ...הרט זיך און לעבט. דו האָסט מיין לעבען בעטראָגען, ארויסגעווינדעלט ביי מיר די פרייד און דאָס גליק פון א מוטער. און

איך די זאָרגען און טרעהרען פון א מוטער. און דאָס, זעהסטו, איז פאַר מיר געווען דער שווערסטער פערלוסט.

באָרקמאַן: אזוי מיינסט דו, עללא?

עללא רענטהיים: ווער ווייס? פיליכט וואָלטען די זאָרגען און די טרעהרען פון א מוטער געווען דאָס בעסטע פאר מיר. (אין שטייגענדער אויפרעגונג). אָבער איך האָב זיך דאמאָלסט ביי דעם פערלוסט ניט געקענט בערוהיגען! און דערום האָב איך גענומען ערהארד'ן צו מיר. כ'האָב געוואונען זיין וואָרם, געטריי קינדער־הארץ פאר מיר, — ביז דעם טאָג — אָה!

באָרקמאַן: ביז ווען?

עללא רענטהיים: ביז זיין מוטער, — זיין לייבליכע מוטער, מיין איך, האָט איהם ביי מיר אוועקגענומען.

באָרקמאַן: ער האָט דאָך געמוזט אוועקגעהן פון דיר. אהער אין שטאָדט אריין.

עללא רענטהיים (פערברעכט די הענד): יאָ, אָבער ווייסט איך קען מעהר ניט אריבערטראָגען אָט די פערלאָזענקייט! אָט די וויסטקייט! דעם פערלוסט פון דיין זוהן'ס הארץ!

באָרקמאַן (מיט אַן אויסדרוק פון האַס אין זיינע אויגען): הם, — דאָס האָסטו זיכער ניט פערלאָרען, עללא. מען פערלירט ניט אזוי לייכט א הארץ צוליעב דער — וואָס וואוינט דאָ אין דעם אונטערשטען עטאזש.

עללא רענטהיים: איך האָב ערהארד'ן פערלאָרען דאָ. און זי האָט איהם צוריק געוואונען. אָדער אַן אנדערע נאָך דערצו. דאָס ווייזט זיך דאָך ארויס דייטליך גענוג פון די בריעף, וואָס ער שרייבט מיר ווען ניט ווען.

באָרקמאַן: דו ביסט אלזאָ געקומען אהער, איהם ווידער צונעהמען צו דיר?

עללא רענטהיים: יאָ, ווען דאָס וואָלט נור מעגליך געווען —!

באָרקמאַן: מעגליך איז דאָס שוין, ווען דו ווילסט עס

ניט אנדערש האָבען. ווארים דו האָסט דאָך דאָס גרעסטע און ערשטע רעכט אויף איהם.

עללא רענטהייים: אך, א רעכט, א רעכט! וואָס קומט מיר ארויס פון רעכט? האָב איך איהם ניט פרייוויליג, — דאן האָב איך איהם גאָרנישט. און איהם האָבען, דאָס מוז איך! אין גאנצען און ניט־געטהיילט מוז איך איצט האָבען דאָס הארץ פון מיין קינד!

באָרקמאן: דו דארפסט ניט פערגעסען, אז ערהארד איז שוין אריין אין צוואנציגסטען יאָהר. לאנג קענסטו יערענפאלס ניט רעכענען דערויף, צו האָבען זיין הארץ אין גאנצען און ניט גע־טהיילט, ווי דו דריקסט זיך אויס.

עללא רענטהיים (מיט אַן אומעטיגען שמייכעל): עס דארף גאָר ניט געדויערן אזוי לאנג ווי דו מיינסט.

באָרקמאן: ווירקליך ניט? כ'האָב געמיינט, אז וואָס דו פאָדערסט, דאָס פאָדערסט דו ביז צום ענד פון דיין לעבען.

עללא רענטהיים: דאָס איז ווירקליך אזוי. אָבער דער־פאר דארף עס דאָך ניט געדויערן אזוי לאנג.

באָרקמאן (ערשטוינט): וואָס מיינסטו דערמיט?

עללא רענטהיים: דו ווייסט דאָך געוויס, אז איך בין נאָכאנאנד געוועזן ניט געזונד די אלע לעצטע יאָהרען.

באָרקמאן: אזוי?

עללא רענטהיייים: דו ווייסט עס גאָר ניט?

באָרקמאן: ניין, איגענטליך ניט —

עללא רענטהיים (קוקט איהם אָן איבערראַשט): ער־הארד האָט דיר גאָר ניט דערצעהלט וועגען דעם?

באָרקמאן: כ'קען זיך ווירקליך אין דער רגע ניט דער־מאָנען.

עללא רענטהיים: ער האָט מיך פיליייכט איבערהויפּט קיינמאָל ניט דערמאָנט?

באָרקמאן: יאָ, דאָס יאָ; דערמאָנט האָט ער דיך, גלויב איך. איבעריגענס זעה איך איהם גאַנץ זעלטען. כמעט קיינמאָל

ניט. אונטען איז דאָ אימיצער, וואָס רייסט איהם אוועק פון מיר. אוועק, אוועק, פערשטעהסטו מיך.

עללא רענטהיים: ווייסטו דאָס אזוי זיכער, באַרקמאן?

באַרקמאן: גאנץ זיכער. (בייט דעם טאָן). אלזאָ, דו ביסט געווען ניט געזונד, עללא?

עללא רענטהיים: יאָ. און דעם הערבסט איז די קראנקהייט געוואָרען אזוי שלעכט, אז איך האָב געמוזט קומען אהער, זיך בעראטהען מיט ערפאהרענע דאָקטוירים.

באַרקמאן: נו, און דו האָסט שוין מיט זיי גערעדט?

עללא רענטהיים: יאָ, היינט פאָרמיטאג.

באַרקמאן: און וואָס האָבען זיי געזאָגט?

עללא רענטהיים: זיי האָבען מיר פאָלשטענדיג בעשטעטיגט דאָס, פאר וואָס איך האָב שוין לאנג מורא געהאט —

באַרקמאן: נו?

עללא רענטהיים (איינפאַך און רוהיג): איך לייד פון א טויטליכער קראנקהייט, באַרקמאן.

באַרקמאן: אַך, גלויב דאָך ניט אין אזעלכע זאכען, עללא!

עללא רענטהיים: ס'איז א קריינק, צו וועלכער ס'איז ניטאָ קיין שום הילף, וועלכע קען ניט געהיילט ווערן. די דאָקטוירים ווייסען ניט פון קיין מיטעל דערצו. זיי מוזען לאָזען די קראנק־הייט געהן איהר גאנג. קענען גאָרנישט טהאָן, זי אָבצוהאלטען. בלויז שטילען אביסעל די ליידען. און דאָס איז דאָך אויך נאָך א שטיקעל גליק.

באַרקמאן: אַך, דאָס קען נאָך לאנג דויערן, — גלויב מיר, עללא.

עללא רענטהיים: מעגליך, אז דאָס קען נאָך געדויערן איבער'ן ווינטער, האָט מען מיר געזאָגט.

באַרקמאן (ניט דענקענדיג עפּעס דערביי): נאָ, דער ווינ־טער, — איז דאָך נאָך לאנג.

עללא רענטהיים (שטיל): יעדענפאלס איז ער לאנג געגאנגען פאר מיר.

באַרקמאַן (בייט דעם געשפרעך): אָבער ווי אזוי האָסט דו פּאַרט געקענט בעקומען די קראַנקהייט? דו האָסט דאָך זיכער געפּיהרט א געזונד און רעגעלמעסיג לעבען — ? ווי אזוי האָט זיך דאָס פּאַרט געגומען צו דיר?

עללא רענטהיים (גיט אַ קוק אויף איהם): די דאָקטוירים דענקען, אז איך האָב פּילייכט אמאָל דורכגעמאכט אַ שטארקע אויפטרייסלונג פון געמיטה.

באַרקמאַן (פלאַקערט אויף): א געמיטה־אויפטרייסלונג! אהא, כ'פערשטעה שוין! דעריין בין איך אודאי שולדיג!

עללא רענטהיים (מיט אַ וואַקסענדער אינערליכער אויפרעגונג): ס'איז צו שפּעט איצט דאָס פונאנדערצוגלידערן. אָבער איך מוז צוריק האָבען בײַ זיך מיין איינציגי הארצענס־קינד, איידער איך צושייד זיך מיט'ן לעבען! ס'אז פאר מיר אזא מורא'דיג טרויעריגער געדאנק, זיך צו שיידען מיט אלצדינג, וואָס לעבט, — די זונן און לופט און ליכט, ניט איבערלאָזענדיג כאָטש איין איינציג וועזען, וואָס זאָל דענקען פון מיר, זיך דערמאָנען אָן מיר, ווארם און אומעטיג, — אזוי ווי א זוהן דערמאָנט זיך אָן דער מוטער, וואָס ער האָט פערלאָרען.

באַרקמאַן (נאָך אַ קורצער פויזע): נעהם איהם, עללא, — אויב דו קענסט איהם געווינען.

עללא רענטהיים (לעבעדיג): דו ווילינגסט איין? קענסטו דאָס?

באַרקמאַן (מיט אַ פינסטערער מיענע): יאָ. און ס'איז נאָר ניט אזא גרויסער אָפּפער. וואָרים איך האָב דאָך איהם סיי ווי סיי ניט.

עללא רענטהיים: כ'דאנק דיר פונדעסטעוועגען פון הארצען פאר דעם אָפּפער! — איצט האָב איך אָבער נאָך א ביטע צו דיר. ביי מיר אין די אויגען א גרויסע ביטע, באַרקמאַן.

באַרקמאַן: נו, לאָמיך הערען וואָס.

עללא רענטהיים: ביי דיר וועט עס פּיליכט אויספער־פען פינגערש, — וועסט עס אפשר גאָר ניט פערשטעהן —

באָרקמאן: נו, נו — זאָג שוין, וואָס איז דאָס אזוינס!

עללא רענטהיים: ווען איך וועל שטארבען — און דאָס וועט שוין לאנג ניט נעהמען — לאָז איך איבער א פערמעגען, א חיבשען פערמעגען —

באָרקמאן: דאָס קען איך מיר פאָרשטעלען.

עללא רענטהיים: און איך האָב ברעה, עס אלעם אָב־זאָגען ערהארד'ן.

באָרקמאן: נו יאָ, דו האָסט דאָך טאקע ניט קיין אנדערן, וואָס זאָל דיר שטעהן נעהענטער איידער ער.

עללא רענטהיים (וואַרם): ניין, ס'איז ווירקליך ניטאָ קיינער, וואָס זאָל מיר שטעהן נעהענטער איידער ער.

באָרקמאן: קיינער פון דיין אייגענער פאמיליע. דו ביסט די לעצטע.

עללא רענטהיים (שאָקעלט לאַנגזאַם מיט'ן קאָפּ): דאָס איז גראָד, וואָס איך וויל זאָגען. ווען איך שטארב,—דאן שטארבט אויך דער נאָמען רענטהיים. און דאָס איז פאר מיר אזא שרעקליכער, אזא פייניגענדער געדאנק. אויסגעמעקט פון'ם לעבען — אפילו דער נאָמען —

באָרקמאן (כאַפּט זיך אויף): אהא, — איך זעה, וואוהין דו ציעלסט!

עללא רענטהיים (ליידענשאַפטליך): דערלאָז עס ניט! זאָל ערהארד טראָגען דעם נאָמען נאָך מיר!

באָרקמאן (מיט אַ האַרטען בליק): איך פערשטעה, וואָס דו מיינסט. דו ווילסט מיין זוהן בעפרייען דערפון, ער זאָל ניט דארפען טראָגען דעם נאָמען פון זיין פאָטער. דאָס איז דיין מיין.

עללא רענטהיים: ניין, ניין, ניט דאָס! איך אליין וואָלט איהם אזוי שטאָלץ און אזוי פרעהליך נעטראָגען אינאיינעם מיט דיר! אָבער א מוטער, וואָס דארף באלד שטארבען — א נאָ־

מען איז א סך א פעסטערער באַנד, איידער דו שטעלסט זיך פאָר, באַרקמאַן.

באַרקמאַן (קאַלט און שטאָלץ): זעהר גוט, עללאַ. איך בין מאַן גענוג, אליין צו טראָגען מיין נאָמען.

עללא רענטהיים (כאַפּט איהם אָן פאַר די הענד און דריקט זיי): כ'דאַנק דיר, כ'דאַנק דיר! איצט איז אונזער רעכ־נונג פאָלשטענדיג אונטערגעצויגען! יאָ, יאָ, אַזוי איז דאָס! דו האָסט צוריק גוט געמאַכט, וואָס דו האָסט געקענט גוט מאַכען. וואָרים אַז איך וועל אוועקגעהן פון דער וועלט, בלייבט נאָך מיר ערהאַרד רענטהיים!

די טאַפּעטען־טיר ווערט פּלוצלינג אויפגעמאַכט. מאַדאַם באַרקמאַן, מיט'ן שאַל איבער'ן קאָפּ, בעוויזט זיך אין דער טיר.

מאַדאַם באַרקמאַן (שרעקליך צוקאָכט): קיינמאָל אין לעבען זאָל ערהאַרד אַזוי ניט הייסען!

עללא רענטהיים (טרעט אָב הינטערווײַלאָכס): נונ־הילד!

באַרקמאַן (מיט אַ האַרטען, סטראַשענדען טאָן): דאָ ארויף צו מיר ערלויב איך קיינעם ניט צו קומען.

מאַדאַם באַרקמאַן (טהוט אַ טראָט אַריין אינעווייניג אין זאאל): כ'נעהם זיך די ערלויבעניש.

באַרקמאַן (געהט איהר אַנטקעגען): וואָס ווילסט דו פון מיר?

מאַדאַם באַרקמאַן: איך וויל קעמפּפען און שטרייטען פאַר דיר. דיך פערטהיידיגען געגען די בייזע כחות.

עללא רענטהיים: די ערגסטע בייזע כחות געפינען זיך אין דיר אליין, גונהילד!

מאַדאַם באַרקמאַן (האַרט): דערפון רעדען מיר ניט. (סטראַשענדיג, מיט אַן אויפגעהויבענעם אָרם). אָבער דאָס זאָג איך איך — זיין פאָטער'ס נאָמען וועט ער טראָגען! און הויך וועט ער איהם טראָגען און פון דאָס ניי ברייננגען עהרע און גרויסקייט! און

איך אליין וועל זיין מוטער זיין! איך אליין! צו מיר זאָל מיין זוהן׳ס הארץ געהערען. צו מיר און ניט צו קיין אנדערער.

אָב דורך די טאַפּעטען־טיר, וועלכע זי מאַכט צו הינטער זיך.

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם (צוטרייסעלט און אָנגעגריפען): בּאָרקמאַן, — ערהארד וועט געהן צו גרונד דאָ אין אָט די שטור־רעמס. עס מ ו ז קומען צו אַן איינפּערשטענדניס צווישען דיר און גונהילד. מיר מוזען גלייך ארונטערגעהן צו איהר.

ב אָ ר ק מ א ן (קוקט זי אָן): מיר? איך אויך, מיינסטו?

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: מיר ביידע, דו און איך.

ב אָ ר ק מ א ן (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ): זי איז הארט, זאָג איך דיר. הארט ווי דאָס רויע מעטאַל, וואָס איך האָב אַמאָל געוואָלט ארויסהאקען פון די בערג.

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: טאָ פּרוביר עס איצט!

ב אָ ר ק מ אַ ן שטעהט שטיל, אָהן אַ ענטפער, און קוקט זי אָן אומענטשלאָסען.

דריטע אקט.

מאדאם בארקמאן'ס וואוין־צימער. דער לאמפ אויף'ן טיש, דאס לעבען קאנאפע, ברענט נאך אלץ. אין גארטען־צימער איז פינסטער.

מאדאם בארקמאן מיט'ן שאל איבער'ן קאפ, קומט אריין דורך די קארידאר־טיר. זי איז שטארק אויפגערעגט, געהט צו צום פענ־סטער און ציהט אביסעל פונאנדער די פארהאנגלאך, דאן געהט זי צו צום אויווען און זעצט זיך אנידער, שפרינגט אבער באלד ווידער אויף און טהוט א ציה דאס גלעקעל. בלייבט שטעהן ביי דער קאנאפע און ווארט א ווײלע. קיינער ווייזט זיך ניט. זי קלינגט ווידער, דאס מאל שטארקער.

דאס דיענסט־מיידעל קומט אין א ווײלע ארום אריין פון קארידאר, זי זעהט אויס ברוגז'לאך און פערשלאפען און מען קען דערקענען אויף איהר, אז זי האט אין גרויס אײלעניש ארויפגעכאפט די קליידער אויף זיך.

מאדאם בארקמאן (אונגעדולדיג): וואס איז אייך גע־שעהן, מאלענע? כ'האב שוין צוויי מאל געקלונגען.

דאס דיענסטמיידעל: כ'האב געהערט, גנעדיגע פרוי.

מאדאם בארקמאן: און איהר זייט פונדעסטוועגען ניט אריינגעקומען.

דאס דיענסטמיידעל (בייז): כ'האב זיך דאך גע־מוזט פריהער אנטהאן, צי ניין?

מאדאם בארקמאן: יא, טהוט זיך אקארשט אן ווי געהעריג איז. און דאן מוזט איהר גלייך אריבערלויפען רופען מיין זוהן.

ד אָ ס ד י ע נ ס ט מ י י ד ע ל (קוקט זי אָן ערשטוינט): דעם יונגען הערר זאָל איך רופען?

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן: יאָ, זאָגט איהם, אז ער מוז גלייך קומען אהער; כ'האָב מיט איהם וואָס צו ריידען.

ד אָ ס ד י ע נ ס ט מ י י ד ע ל (מורמלענדיג): דאן מיין איך איז די בעסטע זאך איך זאָל אויפוועקען דעם קוטשער דאָרט ביים פערוואלטער.

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן: נאָך וואָס עפּעס דעם קוטשער?

ד אָ ס ד י ע נ ס ט מ י י ד ע ל: ער זאָל איינשפּאנען דעם שליטען. ס'געהט א שרעקליכער שנעע אויף דרויסען.

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן: אה, ס'מאכט ניט אויס. איילט זיך אקאָרשט צו און געהט אריבער אהין! ס'איז דאָך דאָ גלייך ביים עק גאס.

ד אָ ס ד י ע נ ס ט מ י י ד ע ל: אָבער גנעדיגע פרוי, דאָס איז גאָר ניט דאָ ביים עק גאָס.

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן: געוויס איז דאָס דאָ נאָהענט. איהר ווייסט ניט, וואו אדוואָקאט הינקעל'ס ווילא איז?

ד אָ ס ד י ע נ ס ט מ י י ד ע ל (מיט א שטעכעדיגען טאָן): אך אזוי, ד אָ ר ט איז ער גאָר איצט, דער יונגער הערר?

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן (ערשטוינט): נו, יאָ, וואו דען זאָל ער זיין?

ד אָ ס ד י ע נ ס ט מ י י ד ע ל (שמייכעלט): נאָ, כ'האָב גאָר געמיינט, אז ער איז דאָרט, וואו ער איז געוועהנליך.

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן: וואו מיינט איהר?

ד אָ ס ד י ע נ ס ט מ י י ד ע ל: דאָרט ביי דער מאדאם ווילטאָן, ווי זיי רופען זי.

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן: ביי מאדאם ווילטאָן? א ה י ן געהט דאָך מיין זוהן ניט אזוי אָפט.

ד אָ ס ד י ע נ ס ט מ י י ד ע ל (מורמלענדיג מיט א חאָלבען קויל): און א י ך האָב געהערט זאָגען, אז ער קומט אלע טאָג אהין.

מאדאם באַרקמאַן: דאָס איז בלויז אונזינן, מאַלענע. איצט לויפט נור אריבער צו די הינקעלס און זעהט אקאָרשט, איהר זאָלט מיט איהם אליין רעדען.

דאָס דיענסטמיידעל (פערוואָרפט דעם קאָפּ אין דער הויך): יאָ, גוט; כ'געה שוין.

זי לאָזט זיך ארויסגעהן דורך דעם קאָרידאָר. אין דערזועלבער רגע עפענט זיך די קאָרידאָר־טיר. עללאַ רענטהיים און באַרקמאַן בעווייזען זיך אויף דער שוועל.

מאדאם באַרקמאַן (טהוט אַ טראָט צוריק, זיך וואַקלענדיג): וואָס זאָל דאָס בעדייטען?

דאָס דיענסטמיידעל (דערשראָקען, לעגט אינסטינקטיוו צונויף די הענד): אָה, גאָט!

מאדאם באַרקמאַן (שעפּטשעט צו דעם מיידעל): זאָגט איהם, אז ער מוז שוין קומען, די מינוט!

דאָס דיענסטמיידעל (שטיל): יאָ, גנעדיגע פרוי.

עללאַ רענטהיים און נאָך איהר באַרקמאַן קומען אריין אין צימער. דאָס דיענסטמיידעל גנב'עט זיך אַרויס הינטער זיי און מאַכט צו די טיר.

קורצע פּויזע.

מאדאם באַרקמאַן (האָט צוריקגעוואונען איהר זעלבסט־קאָנטראָלע, ווענדעט זיך צו עללאַ'ן): וואָס וויל ער דאָ אונטען ביי מיר אין צימער?

עללא רענטהיים: ער וויל פּרואווען קומען צו א פערשטענדניס מיט דיר, גונהילד.

מאדאם באַרקמאַן: דאָס האָט ער ביז אהער קיינמאָל ניט געפּרואווט.

עללא רענטהיים: איצטער וויל ער עס.

מאדאם באַרקמאַן: דאָס לעצטע מאָל, וואָס מיר זיינען געשטאַנען איינס געגען אנדערן, — דאָס איז געווען פאַר'ן געריכט. דאַן, ווען איך בין פאָרגערופען געוואָרען אלס עדות, אָבצוגעבען אַן ערקלעהרונג —

באַרקמאַן (געהט צו נעהענטער): און היינט בין איך דער עדות; היינט האָב איך אָבצוגעבען אן ערקלעהרונג.

מאדאם באַרקמאַן (טהוט אַ קוק אויף איהם): דו!

באַרקמאַן: ניט מכח דעם, וואָס איך האָב בעגאנגען. דאָס ווייס דאָך די גאנצע וועלט.

מאדאם באַרקמאַן (מיט אַ ביטערן זיפץ): יאָ, דאָס איז אמת. די גאנצע וועלט ווייס עס.

באַרקמאַן: זי ווייס אָבער ניט, פארוואָס איך האָב עס געטהאָן. פארוואָס איך האָב עס געמוזט טהאָן. די מענשען בעגרייפען ניט, אַז איך האָב עס געמוזט, ווייל איך בין געווען איך, — ווייל איך בין געווען יאָהאַן גאבריעל באַרקמאַן, — און ניט קיין אנדערער. און אַט וועגען דעם זאָלסט דו איצט הערען מיין ערקלעהרונג.

מאדאם באַרקמאַן (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): אומזיסט די מיה. טרייב־מאָטיווען ערקלעהרען קיינעם ניט פריי. און אינספּי־ראַציעס אויך ניט.

באַרקמאַן: אָבער ביי זיך אין די איינענע אויגען קע־נען זיי איינעם יאָ בעפרייען.

מאדאם באַרקמאַן (גיט אַ מאַך מיט דער האַנד): אַך, לאָז צורוה! כ'האָב גענוג און איבער גענוג נאָכגעדענקט וועגען אַט די דונקעלע געשיכטען דיינע.

באַרקמאַן: איך אויך. אין די פינף לאַנגע יאָהרען אין מיין געפענגנים־קעמערל — און ערגעץ אנדערש — האָב איך גע־האַט צייט דערצו. און אין די אכט יאָהר אויבען אין זאַאל האָב איך געהאַט נאָך מעהר צייט. כ'האָב ווידער אמאָל צוגלידערט די גאנצע זאַך, פון דאָס ניי געמאַכט דעם פּראָצעס — פאר זיך אליין. איך בין מיין אייגענער פּראָקוראָר געווען, מיין אייגענער אדוואָקאַט, מיין אייגענער ריכטער. אונפּאַרטייאישער ווי יעטוועדער אנדערער, — דאָס מוז איך דיר זאָגען. אויבען אין זאַאל בין איך ארומגעגאַנגען און האָב דורכגעקוקט יעדע איינצעלנע פון מיי־נע האַנדלונגען, זיי דורכגעשפּירט ביז דאָס סאַמע אינעווייניגסטע.

כ׳האָב זיי בעטראכט פון פאָרענט און פון הינטען, פונקט אזוי אָחן איינזעהעניש, פּונקט אזוי אומ׳ברחמנות׳דיג ווי װעלכער עס איז אדוואָקאט. און דער רעזולטאט, דער לעצטער אורטהייל, צו וועלכען איך קום אליז, איז אָט וואָס: דער איינציגער, געגען וועמען איך האָב זיך פערזינדיגט, — דאָס בין איך אליין.

מאדאם באָרקמאן: און געגען מיר, הייסט עס, ניט? און געגען דיין זוהן?

באָרקמאן: דו און ער, איהר זייט אריינגערעכענט אין כלל, ווען איך רייד פון מיר אליין.

מאדאם באָרקמאן: און די הונדערטער אנדערע? די, וועמען דו האָסט, ווי מען זאָגט, רואינירט?

באָרקמאן (צוקאָכט זיך): כ׳האָב געהאט די מאכט! און דאן דעם אונבעזיעגבארען טריעב טיעף ביי מיר אינעווייניג! דאָ זיינען זיי געלעגען, די געבונדענע, די געשמידטע מיליאָנען, איבער׳ן גאנצען לאנד, אין די טיעפּענישען פון די בערג, און האָבען מיך גערופען! האָבען געשריען צו מיר, איך זאָל זיי בעפרייען! אָבער קיינער פון די אלע אנדערע האָט עס ניט געהערט. בלויז איך אליין.

מאדאם באָרקמאן: יאָ, צו דער שאנדע און שמאָך פון׳ם נאָמען באָרקמאן.

באָרקמאן: כ׳וואָלט געוואָלט וויסען, צי די אנדערע, ווען זיי האָבען די מאכט דערצו, וואָלטען ניט געהאנדעלט פונקט ווי איך.

מאדאם באָרקמאן: קיינער, קיינער אויסער דיר וואָלט עס ניט געטהאָן!

באָרקמאן: אפשר נים. אָבער נור דערפאר ניט, ווייל זיי האָבען ניט מיינע פעהיגקייטען. און ווען זיי וואָלטען עס יאָ געטהאָן, וואָלטען זיי דאָס ניט געטהאָן האָבענדיג מיינע צוועקען פאר די אויגען. די האנדלונג וואָלט דאן געוואָרען א גאנץ אנדערע. — קורץ און גוט, — איך האָב זיך אליין ערקלעהרט פריי.

עללא רענטהיים (מיט א וויינען, בעטענדיג טאָן): אך, קענסטו דאָס זאָגען אזוי זיכער, באָרקמאן?

באָרקמאן (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): כ'האָב זיך ערקלעהרט פריי אין דעם פּרט. איצט אָבער קומט די גרויסע, שווערע זעלבסט־אָנקלאגע.

מאדאם באָרקמאן: און די איז —?

באָרקמאן: דאָ אויבען בין איך ארומגעגאנגען און האָב פערשוועגדט גאנצע אכט טהייערע יאָהרען פון מיין לעבען! דעם זעלבען טאָג, וואָס איך בין בעפרייט געוואָרען, האָב איך געדארפט ארויסגעהן אין דער ווירקליכקייט, — אין דער אייזערנער, טרוים־לאָזער ווירקליכקייט! כ'האָב געדארפט ווידער אָנהויבען פון אנפאנג און פון דאָס ניי ארויפשטייגען אין דער הויך, — העכער ארויף ווי ווען עס איז פריהער, — ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס איז געשעהן.

מאדאם באָרקמאן: אך, דאָס וואָלט בלויז געווען דאָס זעלבע לעבען נאָך אמאָל, — גלויב מיר.

באָרקמאן (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און קוקט זי אָן מיט א בעלעהרענדער מיענע): עס פּאסירט קיין נייעס ניט; דאָס איז אמת. אָבער דאָס, וואָס איז געשעהן, — ווידערהאָלט זיך אויך ניט. דאָס אויג איז עס, וואָס פערוואנדעלט די טהאטען. דאָס ניי געבאָרענע אויג פערוואנדעלט די אלטע טהאט. (האַקט אָב). אָבער דאָס פערשטעהסט דו ניט.

מאדאם באָרקמאן (קורץ): ניין, כ'פערשטעה עס ניט.

באָרקמאן: יאָ, דאָס איז טאקע דער פלוך, וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געפונען קיין איינציגע מענשען־זעעלע, וואָס זאָל מיך פערשטעהן.

עללא רענטהיים (טהוט א קוק אויף איהם): קיין איינציגע ניט, באָרקמאן?

באָרקמאן: אויסער ביי איינער — פיליי מט. שוין לאנג, לאנג צוריק. אין די טעג, ווען מיר האָט זיך געדוכט, אז איך נייטיג זיך גאָר ניט אין פערשטענדניס. אויסערדעם, שפּעטער, ביי

קיינעם ניט! כ'האָב ניט געהאַט קיינעם, וואָס זאָל וואַכען איבער מיר, וואָס זאָל זיין אימער גרייט, מיך צו רופען, — מיר צו קלינגען ווי א מאָרגען־גלאָק, — מיך וועקען צו נייער, מוטיגער אר־בייט. — און דאַן אריינרעדען אין מיר, פערזיכערן מיר, אז איך האָב ניט בעגאַנגען קיין שום אונפערצייהליכע טהאַט.

מאַדאַם באָרקמאַן (מיט א שפּאָטישען געלעכטער): אזוי, דאָס מוזען אנדערע ברייננגען צו דיר פון דרויסען?

באָרקמאַן (אויסער זיך פאר כעס): יאָ, ווען די גאַנצע וועלט שרייט און ליארעמט מיר אנטקעגען, אז איך בין א געזונקע־נער מענש, ווען קען שוין מעהר ניט העלפען, דאַן קענען דאָך אָנקומען אויף מיר אזוינע מינוטען ווען איך הויב שיער ניט אָן אליין צו גלויבען אין דעם. (הויבט אויף דעם קאָפּ אין דער הויך). דאַן קומט אָבער מיין אינערסטעס בעוואוסטזיין ארויף פון אויבען מיט טריאומף. און דאָס ערקלעהרט מיך פריי!

מאַדאַם באָרקמאַן (מיט א שטרייננגען בליק): פאר־וואָס ביסט דו קיינמאָל ניט געקומען צו מיר, זוכען דאָס, וואָס דו רופסט פערשטענדניס?

באָרקמאַן: וואָלט דאָס עפּעס גענוצט, ווען איך וואָלט צו דיר געקומען?

מאַדאַם באָרקמאַן (גיט א מאַך מיט דער האַנד): דו האָסט אלע מאָל ליעב געהאַט נור זיך אליין, — דאָס איז די גאַנ־צע צרה.

באָרקמאַן (שטאָלץ): איך האָב געליעבט די מאַכט —

מאַדאַם באָרקמאַן: די מאַכט, יאָ!

באָרקמאַן: — די מאַכט, צו קענען שאַפען מענשען־גליק ווייט, ווייט ארום מיר.

מאַדאַם באָרקמאַן: דו האָסט אמאָל געהאַט די מאַכט, מיך גליקליך צו מאַכען. האָסטו זי דערצו בענוצט?

באָרקמאַן (מיידט אויס איהר בליק): אימיצער מוז גע־וועהנליך אונטערגעהן — ביי א שיף־אונגליק.

מאַדאַם באָרקמאַן: און דיין אייגענער זוהן? האָסטו

בעניצען דיין מאכט דערצו — האָסט דו וואָס געטהאָן, איהם גליקליך צו מאכען?

באָרקמאן: איהם קען איך ניט.

מאדאם באָרקמאן: יאָ, דאָס איז אמת. דו קענסט איהם אפילו ניט.

באָרקמאן (הארט): דאָס האָסט דו, — דו, זיין מוטער געזאָרגט דערפאר!

מאדאם באָרקמאן (גיט אַ קוק אויף איהם און זאָגט מיט אַן אויסדרוק פון שטאָלץ): אָה, דו ווייסט ניט, פאר וואָס איך האָב געזאָרגט!

באָרקמאן: דו?

מאדאם באָרקמאן: יאָ, איך. איך אליין.

באָרקמאן: טאָ לאָמיר הערען פאר וואָס.

מאדאם באָרקמאן: פאר דיין אנדענקען האָב איך געזאָרגט.

באָרקמאן (מיט אַ קורציען, טרוקענעם געלעכטער): פאר מיין אנדענקען? הער נור, הער! דאָס קלינגט דאָך כמעט ווי איך וואָלט שוין געווען טויט.

מאדאם באָרקמאן (מיט בעטאָנונג): דאָס ביסטו טאקע.

באָרקמאן (לאַנגזאַם): יאָ, דעריין ביסטו אפשר גערעכט. (קאָכט אויף). אָבער ניין. ניין! נאָך נישט! כ'בין געווען נאָהענט, זעהר נאָהענט דערצו. אָבער איצט האָב איך ערוואכט. כ'בין צוריק געקומען צו זיך. דאָס לעבען ליענט נאָך פאָר מיר. כ'זעה עס, דאָס דאָזיגע נייע, פינקלענדע לעבען, וואָס געהערט דאָ און ווארט. — און דו וועסט עס נאָך אויך זעהן.

מאדאם באָרקמאן (מיט אַן אויפגעהויבענער האַנד): זאָל זיך דיר מעהר ניט חלומ'ען פון לעבען! ליעג רוהיג וואו דו ליעגסט!

עללא רענטהיים (אויפגעבראָכט): גונהילד! גונהילד, — ווי קענסטו דאָס —!

מאדאם באָרקמאַן (הערט זיך ניט צו צו איהם): איך וויל אויפשטעלען דעם מאָנומענט אויף׳ן קבר.

באָרקמאַן: די שאַנד־זייל, מיינסט דו אודאי?

מאדאם באָרקמאַן (מיט וואַקסענדער אויפרעגונג): אָה, ניין, דאָס וועט ניט זיין קיין מאָנומענט פון שטיין אָדער מעטאַל. און קיינער זאָל ניט האָבען די זכיה אויסצוקריצען א שפּאָטישע אויפשריפט אויף דעם מאָנומענט, וואָס איך וועל דיר שטעלען. דאָס וועט זיין א לעבעדיגער צוים פון בוימער און בוימלאַך, געדיכט געפלאַנצט, גאַנץ געדיכט ארום דיין קבר־לעבען. פערדעקען וועט ער די גאַנצע פינסטערניש, וואָס איז אמאָל געווען. און פערשטעלען פון מענשען׳ס אויגען וועט ער יאָהאַן גאַבריעל באָרקמאַן!

באָרקמאַן (מיט א הייזעריגער און שניידענדער שטימע): און אַט דאָס ליעבעס־ווערק ווילסט דו שאַפען?

מאדאם באָרקמאַן: ניט מיט מיין אייגענער קראַפט. דערפון קען איך גאָר ניט דענקען. אָבער איך האָב זיך ערצויגען איינעם, וואָס וועט מיר העלפען, וואָס וועט אָבגעבען זיין לעבען נור פאר דעם. ער וועט פיהרען א לעבען אין ריינקייט, אין הויכקייט און אין ליכטיגען גלאַנץ, אזוי אז דיין אייגען גרוב־לעבען וועט זיין ווי עס וואָלט גאָר קיינמאָל ניט געווען דאָ אויף דער ערד!

באָרקמאַן (מיט א פינסטערער און דראָהענדער מינע): אויב דו מיינסט ערהארד׳ן דערמיט, טאָ זאָג עס גלייך!

מאדאם באָרקמאַן (קוקט איהם אַריין גלייך אין די אויגען): יאָ, ס׳איז ערהארד. מיין זוהן. ער, פון וועמען דו ווילסט זיך אָבזאָגען — אלס כפרה פאר דיינע אייגענע מעשים.

באָרקמאַן (מיט א בליק אויף עללאַ׳ן): אלס כפרה פאר מיין גרעסטע זינד.

מאדאם באָרקמאַן: פאר דאָס וואָס דו האָסט געזינדיגט אנטקעגען א פרעמדער. דערמאָן זיך נור, וואָס דו האָסט געזינדיגט אנטקעגען מיר! (קוקט זיי ביידען אַן מיט א טריאומפירענדען בליק). אָבער ער וועט אייך ניט הערען! ווען איך וועל איהם רופען אין מיין נויטה, דאן וועט ער קומען צו מיר! ווארים ביי

מיר וויל ער זיין! ביי מיר און קיינמאָל ניט ביי אימיצען אנ־דערש — (האַקט פּלוצלינג אָב, הערט זיך צו און רופט אוים). אָט הער איך איהם! ער איז דאָ, — ער איז דאָ! ערהארד!

ערהאַרד באַרקמאַן רייסט אויף די קאָרידאָר־טיר און קומט שנעל אַריין אין צימער. ער געהט אָנגעטהאָן אין אויבער־ראָק און טראָגט דעם הוט אויף׳ן קאָפּ.

ערהארד (בלייך און דערשראָקען): אָבער מוטער, — אום גאָטעס ווילען, וואָס —!

ער דערזעהט באַרקמאַן׳ן, וועלכער שטעהט ביי דער טיר, וואָס פיהרט צום גאָרטען־צימער, ווערט פערציטערט און נעהמט אַרונטער דעם הוט.

ערהארד (שווייגט אַ ווייל; דאַן פרעגט ער): וואָס וויל־סטו פון מיר, מוטער? וואָס איז דאָ געשעהן?

מאדאם באַרקמאן (שפּרייט אויס די אָרעמס צו איהם): איך וויל דיך זעהן, ערהארד! כ׳וויל דיך האָבען ביי מיר, — אימער!

ערהארד (שטאַמלענדיג): ביי דיר —? אימער! וואָס מיינסט דו דערמיט?

מאדאם באַרקמאן: דאָ ביי מיר, דאָ ביי מיר וויל איך דיך האָבען! ווארים ס׳איז דאָ אימיצער וואָס וויל דיך אָב־רייסען פון מיר!

ערהארד (טרעט אָב אַ טריט צוריק): אה, דו ווייסט עס אלזא!

מאדאם באַרקמאן: געוויס. ווייסטו עס אויך?

ערהארד (קוקט זי אָן ערשטוינט): צי איך ווייס עס? יאָ, נאַטירליך —

מאדאם באַרקמאן: אהא, אַן אָבגעמאַכטע זאַך! הינ־טער מיין רוקען! ערהארד, ערהארד!

ערהארד (שנעל): מוטער, זאָג מיר, וואָס ווייסט דו?

מאדאם באַרקמאן: איך ווייס אַלעס. איך ווייס, אַז דיין מוהמע איז געקומען אהער, כדי דיך אַוועקצונעהמען פון מיר.

ערהארד: די מוחמע עללא!

עללא רענטהיים: דאן, הער נור מ י ך אויס א ווײלע!

מאדאם באַרקמאַן (רעדט ווייטער): זי וויל, איך זאָל דיך אָבגעבען צו איהר אין די הענד. זי וויל דיר זיין א מוטער. דו זאָלסט זיין א י ה ר זוהן און ניט מיינער. דו זאָלסט ירש'ענען אַלעס, וואָס זי פערמאָגט. זאָלסט אוועקוואַרפען דיין אייגענעם נאָמען און אנשטאט דעם אָננעהמען איהרען!

ערהארד: מוהמע עללא, איז דאָס אלעס אמת?

עללא רענטהיים: יאָ, ס'איז אמת.

ערהארד: איך הער עס צום ערשטען מאָל. פאַרוואָס ווילסט דו מיך איצט ווידער האָבען ביי דיר?

עללא רענטהיים: ווייל איך פיהל, אז איך פערליר דיך דאָ.

מאדאם באַרקמאַן (מיט אַ האַרטען טאָן): צוליעב מ י ר פערלירסט דו איהם, — יאָ! און אזוי דאַרף זיין.

עללא רענטהיים (מיט אַ בליק פול ביטע): ערהארד, ס'איז מיר איצט שווער דיך צו פערלירען. וואָרים דו מוזט וויסען, אז איך בין אַן איינזאמע פרוי, וואָס האלט ביים שטאַרבען.

ערהארד: ביים שטאַרבען — ?

עללא רענטהיים: יאָ, ביים שטאַרבען. ווילסט דו זיין ביי מיר ביז צולעצט? זיך אין גאַנצען אָנשליסען אַן מיר? מיר זיין, אזוי ווי דו וואָלסט געווען מיין אייגען קינד —

מאדאם באַרקמאַן (שלאָגט איהר איבער די רייד): — און אוועקוואַרפען דיין מוטער און דערצו נאָך דיין לעבענס־אויפגאבע אויך? ווילסטו דאָס, ערהארד?

עללא רענטהיים: עס איז בעשטימט, אז אין קורצען געה איך אוועק פון דער וועלט. ענטפער מיר, ערהאַרד.

ערהארד (געריהרט און מיט וואַרעמקייט): מוהמע עללא, — דו ביסט צו מיר געווען אזוי גוט. ביי דיר בין איך אויפגעוואַק־

סען אין אזא פֿאָלשטענדיגען גליק, וואָס איז נור מעגליך צו געבען א קינד.

מאדאם באָרקמאן: ערהארד, ערהארד!

עללא רענטהיים: אך, ווי גליקליך איך בין צו הערען פון דיר אזעלכע ווערטער!

ערהארד: — אָבער איך קען מיך איצט ניט אָפּפערן פאר דיר. ס'איז מיר אונמעגליך זיך אין גאנצען אָבצוגעבען און דיר זיין ווי א זוהן —

מאדאם באָרקמאן (טריאומפּירענדיג): אָה, כ'האָב עס געוואוסט! דו קריגסט איהם ניט! דו קריגסט איהם ניט, עללא!

עללא רענטהיים (טרויעריג): איך זעה שוין. דו האָסט איהם צוריק געוואונען.

מאדאם באָרקמאן: יאָ, — מיינער איז ער און מיינער בלייבט ער! ערהארד, — ניט אמת, — מיר ביידע האָבען נאָך א היבש שטיקעל וועגס צוזאמען צו געהן?

ערהארד (קעמפּפענדיג מיט זיך אליין): מוטער, — כ'וועל עס דיר בעסער גלייך אָפען ארויסזאָגען —

מאדאם באָרקמאן (געשפּאַנט): נו?

ערהארד: כ'האָב מורא, אז איך וועל בלויז קענען געהן א קורץ שטיקעל וועג מיט דיר צוזאמען.

מאדאם באָרקמאן (שטעהט אזוי ווי פון א דונער גע־טראָפען): וואָס מיינסט דו דערמיט?

ערהארד (מאַכט זיך קוראַזש): דו פערגעסט גאָר, מוטער, — איך בין דאָך אזוי יונג! איך פיהל, אז איך וועל דאָ אין דער שטיב־לופט איינפאך דערשטיקט ווערן, ווען עס וועט אזוי ווייטער אנגעהן.

מאדאם באָרקמאן: דאָ — ביי מיר?

ערהארד: יאָ, דאָ ביי דיר, מוטער!

עללא רענטהיים: טאָ קום מיט מיר, ערהארד!

ערהארד: אך, מוהמע עללא, ס'איז ניט אויף קיין איין האָר בעסער ביי דיר. אנדערש איז דאָרט. אָבער ניט בעסער.

ניט בעסער פאר מ י ר, תייסט דאָס. אויך דאָרט שמעקט עס מיט לאַוועגדער און רויזען, — פערשטיקטע לופט דאָרט אזוי ווי דאָ!

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן (צוטרייסעלט, אָבער פערלירט זיך ניט אין איהר האַלטונג): פערשטיקטע לופט ביי דיין מוטער, זאָגסט דו!

ע ר ה א ר ד (ווערט אונגעדולדיגער): יאָ, כ'וויים ווירקליך ניט, ווי איך זאָל עס אנדערש אָנרופען. אָט די אייביגע קראנק־האפטע וואכזאמקייט און — און פערגעטערונג — אָדער וואָס עס זאָל ניט זיין. איך קען עס מעהר ניט אויסהאלטען!

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן (קוקט איהם אָן מיט אַ טיעפער ערנסטקייט): פערגעסטו, ערהארד, די אויפגאבע, וואָס דו האָסט אויף זיך גענומען אין לעבען?

ע ר ה א ר ד (פלאַצט אַרויס): אַך, זאָג בעסער די אויפגאַבע, וואָס דו האָסט מיר ג ע ג ע ב ע ן אין לעבען! דו, דו ביסט געוועזען מיין ווילען! אליין האָב איך קיינמאָל ניט געטאָרט האָבען קיין ווילען! איצט אָבער ק ע ן איך מעהר אָט דעם יאָך ניט אריבערטראָגען! איך בין יונג! ד אָ ס מוזט דו ניט פערגעסען, מוטער! (מיט אַ בליק פול מיט העפליכקייט און איינזעהעניש אויף באָרקמאַן). איך קען ניט אָבגעבען מיין לעבען אלס קרבן פאר אַן אנדערן. ווער אָט דער אנדערער זאָל ניט זיין.

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן (אין וואַקסענדער אַנגסט): ווער האָט דיר דאָס אזוי איבערגעמאכט, ערהארד?

ע ר ה אַ ר ד (פיהלט זיך געטראָפען): ווער —? קען איך רען אליין ניט זיין דער, וואָס —?

מ א ד א ם ב אָ ר ק מ א ן: ניין, ניין, ניין! דו ביסט אונ־טער דעם איינפלוס פון א פרעמדער מאכט, דו שטעהסט שוין ניט מעהר אונטער דעם איינפלוס פון דיין מוטער. און אויך ניט אונטער דעם איינפלוס פון דיין — דיין פלעג־מוטער.

ע ר ה א ר ד (מיט אַ געצוואונגענער דרייסטקייט): איך שטעה אונטער מיין אייגענעם איינפלוס, מוטער! און אויך אונ־טער דער קראפט פון מיין אייגענעם ווילען!

באַרקמאַן (גײט צו צו ערהאַרד׳ן): דאָן איז פּליצים אויך מײַן שמוגרע ענדליך געקומען.

ערהאַרד (פּרעמד און מיט אַן אָבגעמאָסטענער חפּליכקײט): װי —? װאָס מײנט דער פֿאָטער דערמיט?

מאַדאַם באַרקמאַן (שפּאָטיש): יאָ, דאָס װאָלט איך אויך טאַקע װעלן װיסן.

באַרקמאַן (רעדט װײַטער אונגעשטערט): הער אויס, ערהאַרד, — װאָלסטו װעלן געהן מיט דײַן פֿאָטער? אַ מענש װאָס איז געפֿאַלען קען דורך דעם לעבען פֿון אַן אַנדערן גאָר ניט געהאָלפֿען װערן. דאָס זײַנען נור פּוסטע חלומות, װאָס מען האָט דיר אײַנגעשמועסט — דאָ אונטען אין דער געפּרעסטער שטובלופֿט. װען דו זאָלסט אַפֿילו פּיהרען אַ לעבען װי אַלע הײליגע פֿון דער װעלט צוזאַמענגענומען, — מיר װעט עס סײַ װי סײַ גאָרנישט נוצען.

ערהאַרד (מיט אָבגעמאָסטענעם רעספּעקט): דאָס איז זעהר ריכטיג.

באַרקמאַן: יאָ, אַזוי איז דאָס. און עס װאָלט אויך געװען פּונקט אַזוי נוצלאָז, װען איך זאָל אַזוי אָבפֿינסטערן מײַן לעבען אין הרטה און זעלבסט־פּײניגונג. כ׳האָב געפּרואװט זיך דורכהעלפֿען מיט טרוימען און האָפֿנונגען — אין די אַלע פֿערגאַנגענע יאָהרען. אָבער אַזאַ לעבען איז ניט פֿאַר מיר. און איצט װיל איך מאַכען אַ סוף צו דעם טרוימען.

ערהאַרד (מיט אַ לײַכטער פֿערנײגונג): און װאָס װיל — װאָס װיל דער פֿאָטער אַלזאָ טהאָן?

באַרקמאַן: זיך אַלײן אַרויסהעלפֿען װיל איך. װידער אָנפֿאַנגען פֿון אָנהויב. בלויז דורך זײַן געגענװאַרט און זײַן צוקונפֿט קען דער מענש גוט מאַכען זײַן פֿערגאַנגענהײט. דורך אַרבײט, — דורך אונאויפֿהערליכע אַרבײט פֿאַר אַלעס, װאָס איז מיר אין דער יוגענד געשטאַנען פֿאַר די אויגען, אַזױ װי עס װאָלט געװען דאָס לעבען אַלײן, און װאָס שטעהט מיר איצט נאָך טויזענד

מאָל העבער ווי דאמאָלסט. ערהארד, — ווילסט דו געהן מיט מיר און מיר העלפען אין אָט דעם נייעם לעבען?

מאדאם באַרקמאן (הויבט אויף די האנד, וואָרנענדיג): מהו עס ניט, ערהארד!

עללא רענטהיים (וואַרם): יאָ, יאָ, טהו עס. אך, העלף איהם, ערהארד!

מאדאם באַרקמאן: און דאָס ראטהסט דו איהם? דו, די איינזאמע, — די שטארבענדע.

עללא רענטהיים: מיט מיר מעג עס געהן, ווי עס וויל.

מאדאם באַרקמאן: אבי נור איך בין עס ניט, וואָס נעהמט איהם אוועק פון דיר.

עללא רענטהיים: גאנץ ריכטיג, גונהילד.

באַרקמאן: ווילסט דו, ערהארד?

ערהארד (אין פיינליכער פערלעגענהייט): פאָטער,— איך קען עס איצט ניט. ס'איז איינפאך אונמעגליך!

באַרקמאן: אָבער וואָס ווילסטו פאָרט טהאָן?

ערהארד (פלאַקערט אויף): איך בין יונג! כ'וויל אויך אמאָל לעבען! מיין אייגען לעבען וויל איך לעבען!

עללא רענטהיים: קענסט ניט אָפּפערן בלויז א פּאָר קורצע מאָנאטען, אריינצוואווארפען א ליכט-שטראהל אין אָן אָרעם, אויסגעלאָשען מענשען-לעבען?

ערהארד: מוהמע, איך קען עס ניט, ווי גערן איך זאָל עס ניט וועלען טהאָן.

עללא רענטהיים: אויך ניט אימיצען צוליעב, וואָס איז דיר אזוי, אזוי איבערגעבען?

ערהארד: אזוי וואהר איך לעב, מוהמע עללא, — כ'קען עס ניט.

מאדאם באַרקמאן (קוקט איהם אריין שאַרף אין די אויגען): און אפילו דיין מוטער קען דיך מעהר ניט האלטען?

ערהארד: איך וועל דיך אימער ליעבען, מוטער. אָבער

איך קען ניט כסדר לעבען פאר דיר אליין. ווארים דאס איז פאר מיר קיין לעבען ניט.

באַרקמאַן: טאָ קום און שליס זיך פאָרט אָן אָן מיר. ווארים לעבען, דאס הייסט ארבייטען, ערהארד. קום, לאָמירביידע ארויסגעהן אין לעבען און ארבייטען צוזאמען!

ערהארד (ליידענשאַפטליך): יאָ, אָבער איך וויל איצט ניט ארבייטען! ווארים איך בין יונג! ביז אהער האָב איך עס ניט געוואוסט; אָבער איצט פיהל איך, אז עס נעהמט מיך דורך ווי א הייסער שטראָם. ניין, איך וויל ניט ארבייטען! בלויז לע־בען, לעבען, לעבען!

מאדאם באַרקמאַן (מיט אַן אויסרוף): ערהארד, — פאר וואָס ווילסט דו לעבען!

ערהארד (מיט פינקעלדיגע אויגען): פאר דאָס גליק, מו־טער!

מאדאם באַרקמאַן: און וואו דענקסטו דאָס צו געפינען?

ערהארד: איך האָב עס שוין געפונען!

מאדאם באַרקמאַן (שרייט אויס): ערהארד —!

ערהארד געהט שנעל צו צו דער קאָרידאָר־טיר און עפענט זי אויף.

ערהארד (רופט ארויס): פעני, — איצט קענסטו אריינ־קומען!

מאַדאַם ווילטאָן, מיט'ן מאַנטעל איבער זיך, בעווייזט זיך אויף דער שוועל.

מאדאם באַרקמאַן (מיט אויפגעהויבענע הענד): מא־דאם ווילטאָן —!

מאדאם ווילטאָן (קלעהרט אַ ווייַלע; ווארפט אַ פרע־גענדען בליק אויף ערהארד'ן): קען איך אלזאָ —?

ערהארד: יאָ, איצט קענסטו שוין אריינקומען. איך האָב דערצעהלט אלעס.

מאַדאם ווילטאָן געהט אריין אין צימער. ערהארד פערמאַכט די

מיר. זי פערנייגט זיך מיט אן אבגעמאסטענעם רעספעקט פאר בארק־מאן׳ן, וועלכער ענטפערט שוויינענדיג אויף איהר בעגריסונג.

קורצע פויזע.

מאדאם ווילטאן (מיט א נידעריגער, אבער פעסטער שטימע): דאס ווארט איז אלזא ארויסגעזאגט. און איך בעגרייף גאנץ גוט, אז מען קוקט דא אויף מיר ווי אויף איינער, וואס האט אנגעמאכט א גרויסען חורבן אין הויז.

מאדאם בארקמאן (לאנגזאם, קוקענדיג מיט א פער־גליווערטען בליק אויף איהר): איהר האט פערניכטעט דאס לעצטע ביסעל פון דעם אינטערעס, וואס איך האב נאך געהאט אין לעבען. (פלאצט ארויס). אבער דאס, — דאס איז דאך איינפאך אונמעג־ליך, נאך אלעם דעם!

מאדאם ווילטאן: איך פערשטעה גאנץ גוט, אז עס מוז אייך פארקומען אונמעגליך, מאדאם בארקמאן.

מאדאם בארקמאן: יא, דאס מוזט איהר דאך אליין צוגעבען, אז עס איז אונמעגליך. אדער ווי מיינט איהר —?

מאדאם ווילטאן: איך וואלט גיכער געזאגט, אז עס איז נאריש, געגען דעם שכל. אבער וואס זאל איך טהאן, אז עס איז פארט אזוי!

מאדאם בארקמאן (ווענדעט זיך צו ערהארד׳ן): די מיינסט עס טאקע גאנץ ערנסט, ערהארד?

ערהארד: דאס איז פאר מיר א ריין גליק, מוטער. דאס גאנצע גרויסע, וואונדערפולע גליק פון לעבען. ווייטער קען איך דיר גאר נישט זאגען.

מאדאם בארקמאן (צו מאדאם ווילטאן, צונויפפרעסענ־דיג בעת מעשה די הענד): אך, ווי איהר האט פערנארט און פער־פיהרט מיין אונגליקליכען זוהן!

מאדאם ווילטאן (מחוט שטאלץ א ווארף דעם קאפ אין דער הויך): דאס האב איך ניט געטהאן.

מאדאם בארקמאן: איהר האט עס ניט געטהאן!

מאדאם ווילטאן: ניין, איך האב איהם ניט פע־

נאַרם און גיט פערפיהרט. פרייוויליג איז ערהאַרד געקומען צו מיר. און פרייוויליג בין איך ארויס א שטיק וועגס איהם אנט־קעגען.

מאדאם באַרקמאן (מעסט זי אַב מיט אַ פּעראַכטענדען בליק פון אויבען ביז אונטען): יאָ, איהר! דאָס קען איך לייכט גלויבען.

מאדאם ווילטאַן (קאָנטראָלירט זיך): מאדאם באַרק־מאן, — איבער דעם מענשליכען לעבען געוועלטיגען קרעפטען, וועגען וועלכע עס זעהט אויס, איהר האָט א קנאַפּע ידיעה.

מאדאם באַרקמאן: מעג איך פרעגען, וואָס פאר קרעפטען?

מאדאם ווילטאַן: די קרעפטען, וועלכע הייסען, אז צוויי מענשען זאָלען צונויפבינדען זייערע לעבענס אינאיינעם אין א פעסטען, אונאויפלעזבארען באנד.

מאדאם באַרקמאן (מיט אַ שמייכעל): כ'האָב גע־מיינט, אז איהר זייט שוין פעסט און אונאויפלעזבאר צוגעבונדען — צו אַן אנדערען.

מאדאם ווילטאַן (קורץ): יענער אנדערער האָט מיך פערלאָזען.

מאדאם באַרקמאן: אָבער ער לעבט דאָך נאָך, זאָגט מען.

מאדאם ווילטאַן: ביי מיר אין די אויגען איז ער טויט.

ערהארד (זוכט צו ווירקען אויף דער מוטער): יאָ, מו־טער, ביי פעני'ן אין די אויגען איז ער טויט. און אחוץ דעם, געהט דאָך מיר יענער אנדערער גאָרנישט אָן!

מאדאם באַרקמאן (וואַרפט איהם צו אַ שטרייגגען בליק): דו ווייסט, הייסט עס, — די געשיכטע מיט דעם אנדערען?

ערהארד: יאָ, מוטער, כ'ווייס די געשיכטע פון אָנפאנג ביז צו ענד.

מאדאם באַרקמאַן: און דאַך זאָגסטו, אז עס געהט דיך גאָרנישט אָן!

ערהארד (מיט אַ העזה'דיגען טאָן): אלעס וואָס איך קען דיר זאָגען איז, אז איך וויל זיין גליקליך! איך בין יונג! איך וויל לעבען, לעבען, לעבען!

מאדאם באַרקמאַן: יאָ, דו ביסט יונג, ערהארד. צו יונג פאר אזוינע זאכען.

מאדאם ווילטאָן (פעסט און ערנסט): גלויבט מיר, מאדאם באַרקמאַן, אז איך האָב איהם געזאָגט גענוי דיזעלבע ווערטער וואָס איהר. אלע מיינע לעבענס-פערהעלטניסען האָב איך איהם אָפען ערקלערט. כ'האָב איהם געהאלטען אין איין דער־מאָנען, אז איך בין מיט גאנצע זיבען יאָהר עלטער ווי ער —

ערהארד (שלאָגט איהר איבער די רייד): אָך דומהייטען, פעני, — דאָס אלעס האָב איך דאָך פריהער געוואוסט.

מאדאם ווילטאָן: — אָבער ס'האָט גאָרנישט, גאָר־נישט געהאָלפען.

מאדאם באַרקמאַן: אזוי? ווירקליך נים? פארוואָס האָט איהר איהם גאָר איינפאך ניט אָבגעזאָגט? פארוואָס האָט איהר ניט פערמאכט אייער הויז פאר איהם? זעהט איהר, אָט דאָס האָט איהר בעצייטענס געדארפט טהאָן!

מאדאם ווילטאָן (קוקט זי אָן און זאָגט מיט אַ נידע־ריגער שטימע): דאָס האָב איך איינפאך ניט געקענט טהאָן, מא־דאם באַרקמאַן.

מאדאם באַרקמאַן: פארוואָס האָט איהר דאָס ניט געקענט?

מאדאם ווילטאָן: ווייל אויך איך האָב בלויז אין אָט דעם איינעם, אין דעם איינציגען, געפונען דאָס גליק.

מאדאם באַרקמאַן (מיט פעראַכטונג): הם, — דאָס גליק, דאָס גליק —

מאדאם ווילטאָן: כ'האָב פריהער קיינמאָל ניט גע־וואוסט, וואָס עס הייסט גליקליך זיין אין לעבען. און איך קען דאָך

ניט אוועקשטויסען דאָס גליק מיט דער האנד, בלויז דערפאר וואָס עס קומט אזוי שפעט.

מאדאם באַרקמאַן: און ווי לאנג, מיינט איהר, וועט דאָס גליק געדויערן?

ערהארד (האַקט איבער): צו קורץ, צו לאנג, מוטער, — דאָס איז אלץ איינס!

מאדאם באַרקמאַן (צאָרענדיג): פערבלענדעטער מענש וואָס דו ביסט! דו זעהסט דען ניט, וואוהין דאָס אלעס פיהרט?

ערהארד: איך וויל גאָר ניט קוקען אין די צוקונפט. כ'וויל זיך אין ערגעץ ניט אומקוקען! איך וויל בלויז אויך קענען לעבען אמאָל!

מאדאם באַרקמאַן (מיט אַ טיעפען שמערץ): און דאָס רופסטו לעבען, ערהארד!

ערהארד: יאָ, זעהסטו דען ניט, ווי שעהן זי איז!

מאדאם באַרקמאַן (פערברעכט די הענד): און אָט די שווערע, ערדריקענדע שאַנדע מוז איך נאָך אויך אריבערטראָגען!

באַרקמאַן (אין הינטערגרונד, האַרט און שניידענדיג): נאַ, נאַ, — דו ביסט דאָך געוואוינט דערצו, אריבערצוטראָגען אזעלכע זאכען, גונהילד!

עללא רענטהיים (מיט אַ בעטענדען טאָן): באַרקמאַן —!

ערהארד (דאָסזעלבע): פאָטער —!

מאדאם באַרקמאַן: איך זאָל טאָג־טעגליך מוזען צוזעהן מיט מיינע אויגען, ווי מיין אייגענער זוהן איז פעראייניגט מיט א — א —

ערהארד (שלאָגט איהר איבער די רייד, מיט אַ האַרטען טאָן): דו וועסט גאָרנישט מוזען צוזעהן, מוטער! האָב קיין מורא ניט דערפאר! איך בלייב ניט לאנג דאָ.

מאדאם ווילטאָן (שנעל און ענטשלאָסען): מיר פאָהרען אוועק, מאדאם באַרקמאַן.

מאדאם באַרקמאַן (ווערט בלייך): איהר פֿאָהרט אויך אוועק! צוזאמען?

מאדאם ווילטאָן (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): איך פֿאָהר אין אויסלאנד. צוזאמען מיט א יונג מיידעל. און ערהארד פֿאָהרט מיט אונז.

מאדאם באַרקמאַן: מיט אייך — און מיט א יונג מיידעל?

מאדאם ווילטאָן: יאָ. ס'איז די קליינע פרידא פֿאָל־דאל, וועמען איך האָב גענומען צו מיר אין הויז. איך וויל זי זאָל פֿאָהרען אין אויסלאנד, שטודירען מוזיק.

מאדאם באַרקמאַן: און איהר נעהמט זי מיט מיט זיך?

מאדאם ווילטאָן: יאָ, כ'קען דאָך זי ניט א־ויסשי־קען איינע אליין אויף דער וועלט.

מאדאם באַרקמאַן (אונטערדריקט א שמייכעל): וואָס זאָגסטו פֿאַרט דערצו, ערהארד?

ערהארד (אַביסעל צומומעלט, ציהט מיט די אַקסלען): יאָ, מוטער, — ווען פֿעני וויל ניט אנדערש, דאן —

מאדאם באַרקמאַן (קאַלט): ווען פֿאָהרען די „הער־רען און דאמען" אָב, אויב דאָס איז מעגליך צו וויסען?

מאדאם ווילטאָן: מיר פֿאָהרען גלייך, נאָך היינט ביינאכט. מיין שליטען שטעהט געשפּאנט אונטען אויף'ן וועג — לעבען הינקעל'ס ווילא.

מאדאם באַרקמאַן (קוקט זי אָן פון אויבען ביז אַראָב): אהא, — דאָס איז אלזאָ געוועזען די אָבענד־געזעלשאַפט!

מאדאם ווילטאָן (מיט א שמייכעל): יאָ, מעהר ווי ערהארד און איך איז קיינער ניט געקומען. און דאן די קליינע פרידא, נאַטירליך.

מאדאם באַרקמאַן: און וואו איז זי איצט?

מאדאם ווילטאָן: זי ווארט אויף אונז אין דעם שליטען.

ערהארד (אין פיינליכער פערלעגענהייט): מוטער, — דו פערשטעהסט דאָך געוויס —? כ'האָב דיר געוואָלט פערשפּאָרען אַט די נאַנצע כצענע — דיר און אַלע אנדערע —

מאדאם באָרקמאַן (קוקט איהם אָן טיעף געקרייענקט): דו האָסט געוואָלט איבערראַשען מיך? — מיר גאָר ניט זאָגען קיין זיי־געזונד?

ערהארד: יאָ, כ'האָב גערעכענט, אז אזוי וועט זיין בעסער. בעסער פאר אינז אַלעמען. אַלעס איז געוועזן פיקס און פאַרטיג. די זאַכען זיינען געוועזן פערפּאַקט. נאָר אז דו האָסט דערנאָך געשיקט נאָך מיר, דאַן — (שטרעקט אויס די האַנד צו איהר). אַלזאָ, זיי געזונד, מוטער.

מאדאם באָרקמאַן (גיט אַ מאַך מיט דער האַנד, איהם אָבשטויסענדיג): ריהר מיך נישט אָן!

ערהארד (מילד): איז דאָס דיין לעצט וואָרט?

מאדאם באָרקמאַן (האַרט): יאָ.

ערהארד (ווענדעט זיך צו עללאַ'ן): זיי געזונד, מוהמע עללאַ.

עללא רענטהיים (דריקט איהם די האַנד): פאָהר געזונד, ערהארד! און געניס דיין לעבען, — און זיי אזוי גליקליך, אזוי גליקליך, — ווי דו קענסט נור!

ערהארד: איך דאַנק דיר, מוהמע. (פערנייגט זיך פאר באָרקמאַן). זיי געזונד, פאָטער. (שטילערהייט צו מאַדאַם ווילטאָן). לאָמיר אַוועקגעהן פון דאַנען, וואָס גיכער אַלץ בעסער.

מאדאם ווילטאָן (שטילערהייט): יאָ, לאָמיר געהן.

מאדאם באָרקמאַן (מיט א רשעות'דיגען שמייכעל): מאדאם ווילטאָן, דענקט איהר, אז ס'איז גוט פון אייער זייט, וואָס איהר נעהמט מיט אַט דאָס יונגע מיידעל מיט אייך?

מאדאם ווילטאָן (ענטפערט אָב מיט א שמייכעל, האַלב איראָניש, האַלב ערנסט): די מענער זיינען אזוי אונבעשטענדיג, מאדאם באָרקמאַן. און די פרויען אויך. אז ערהארד וועט זיין פאַרטיג מיט מיר, — און איך מיט איהם, — דאַן וועט

זיין גוט פאר אונזביידען, ווען דער אָרעמער מענש ווערט האָבען אימיצען אונטער דער האנד.

מאדאם באָרקמאן: אָבער איהר אליין?

מאדאם ווילטאָן: אָה, איך וועל זיך שוין אן עצה געבען, דאָס פערשטעהט איהר דאָך אליין. זייט מיר אלע געזונד!

זי פערנייגט זיך און געהט ארויס דורך די קאָרידאָר־טיר. ער־האַרד בלייבט שטעהן אַ רגע, אזוי ווי ער וואָלט ניט וויסען, וואָס צו טהאָן; דערנאָך לאָזט ער זיך געהן נאָך איהר.

מאדאם באָרקמאן (לאָזט אַראָב די צונויפגעלעגטע הענד): קינדערלאָז.

באָרקמאן (ערוואַכט צו אַ בעשלוס): אלזאָ גוט! אליין ארויס אין שטורם! מיין הוט! מיין מאַנטעל!

ער געהט שנעל צו צו דער טיר.

עללא רענטהיים (אַ דערשראָקענע, פערשטעלט איהם דעם וועג): יאָהאַן גאבריעל, וואו לאָזטו זיך געהן?

באָרקמאן: ארויס אין דעם שטורם פון לעבען, זאָג איך דיר. לאָז מיך, עללא!

עללא רענטהיים (האַלט איהם פעסט צו): ניין, ניין, כ׳וועל דיך ניט ארויסלאָזען! דו ביסט קראנק. כ׳קען עס זעהן אויף דיין פּנים!

באָרקמאן: לאָז מיך געהן, זאָג איך דיר!

ער רייסט זיך אויס און געהט ארויס דורך׳ן קאָרידאָר.

עללא רענטהיים (אין דער טיר): העלף מיר איהם אָבהאַלטען פון געהן, גונהילד!

מאדאם באָרקמאן (שטעהט אין מיטען צימער, מיט אַ קאַלטער און האַרטער מיענע): איך האַלט קיינעם ניט אָב, קיין מענשען אויף דער גאַנצער וועלט. זיי קענען אוועקגעהן פון מיר, אלע אינאיינעם. איינער ווי דער אַנדערער! אזוי וויית, — ווייט אוועק, ווי זיי ווילען נור. (פּלוצלונג מיט אַ מורא׳דיגען געשריי): ערהארד, געה ניט אוועק פון מיר!

זי טהוט זיך אַ וואָרף מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס צו דער טיר.

פיערטער אקט.

אַן אָפּענער הויף־פּלאַץ לעבען דער הויפּט־געבּיידע רעכטס. עס זעהט זיך אַ ווינקעל פון הויז מיט אַ טיר, צו וועלכער עס פיהרען ארויף עטליכע נידעריגע שטיינערנע טרעפּ. אין הינטערגרונד, האַרט ביים הויף, משופּע׳דיגע פּלעצער, בעוואַקסען מיט טאַנענ־בוימער. לינקס קליינע, שיטערע בוימער, וואָס בילדען דעם ראַנד פון אַ וואַלד. דער שנעע־שטורם האָט אויפגעהערט, נאָר דער פריש־געפאַלענער שנעע האָט בעצויגען די ערד מיט אַ הויכער דעק. די צווייגען פון די טאַנען־בוימער זיינען אויך שווער בעלאַדען מיט שנעע. אַ דונקעלע נאַכט. די וואָלקען טרייבען אַהין און אַהער. ווען ניט ווען בעווייזט זיך די לבנה אונדייטליך און מיט אַ שוואַכען שיין. בלויז דער שנעע וואַרפט אַ מאַטען אָבשיין אויף דער סביבה.

באָרקמאַן, מאַדאַם באָרקמאַן און עללאַ רענטהיים שטעהען אויף די טרעפּ. באָרקמאַן זעהט אויס מיעד און שפּאַרט זיך אָן אָן דער וואַנד פון הויז. ער טראָגט אַן אַלט־מאָדישען מאַנטעל, אריבערגעוואָרפען איבער די שולטערן; אין איין האַנד האַלט ער אַ ווייכען, גראָען פילצער־נעם הוט און אין דער אַנדערער אַ דיקען סוקעוואַטען שטעקען. עללאַ רענטהיים טראָגט איהר מאַנטעל אויף׳ן אָרם. ביי מאַדאַם באָרקמאַן האָט זיך דער גרויסער שאַל אַראָבגעגליטשט איבער׳ן נאַקען, אַזוי אַז איהרע האָר זיינען אָבגעדעקט.

עללא רענטהיים (האָט זיך געשטעלט מאַדאַם באָרקמאַן אין וועג): נעה איהם ניט נאָך, גונהילד!

מאַדאַם באָרקמאַן (אין שרעק און אויפרעגונג): לאָז מיך דורך, זאָג איך! ער טאָר ניט אוועקגעהן פון מיר!

עללא רענטהיים: ס׳איז אין גאַנצען אומזיסט דיין

לויפען, זאָג איך דיר! דו ווערסט ראָך איהם ניט אָניאָגען.

מאדאם באָרקמאן: לאָז מיך, עללא! כ'וויל עס דאָך פּרובירען. איך וועל איהם רופען, איהם נאָכשרייען, דעם גאנצען וועג אראָב. און דעם געשריי פון זיין מוטער מוז ער דאָך דער־הערען.

עללא רענטהיים: ער קען דיך ניט הערען. ער זיצט שוין אודאי אינעווייניג אין שליטען —

מאדאם באָרקמאן: ניין, ניין, — ער קען נאָך ניט זיצען אין שליטען!

עללא רענטהיים: ער זיצט שוין לאנג אין שליטען, קענסט זיך פערלאָזען דערויף.

מאדאם באָרקמאן (אין פערצווייפלונג): אויב ער זיצט אין שליטען, — דאן זיצט ער דאָרט מיט איהר, מיט איהר, — איהר!

באָרקמאן (מיט א פינסטערן געלעכטער): און דאן וועט ער אודאי ניט הערען זיין מוטער'ס געשריי.

מאדאם באָרקמאן: ניין, — דאן וועט ער איהם ניט הערען. (האָרכט זיך איין). שטיל! וואָס איז דאָס?

עללא רענטהיים (הערט זיך אויך צו): עס קלינגט ווי שליטען־גלעקלאך.

מאדאם באָרקמאן (מיט א האַלב פערדריקטען אויס־רוף): ס'איז איהר שליטען!

עללא רענטהיים: אָדער פיללייכט אן אנדערער. —

מאדאם באָרקמאן: ניין, ניין, ס'איז מאדאם וויל־טאָן'ס שליטען. איך דערקען די זילבערנע גלעקלאך! דו הערסט? איצט פאָהרען זיי פערביי — הארט ביים פוס פון'ם בערגעל אונטען!

עללא רענטהיים (שנעל): נונהילד, אויב דו ווילסט איהם נאָכשרייען, דאן טהו עס איצט, גלייך אויף'ן שטעל! אפשר וועט ער דאָך — !

דאָס גערויש פון די גלעקלאך קלינגט אָב גאָנץ נאָהענט.

עללא רענטהיים: שנעל, גונהילד! איצט זיינען זיי אקוראט אונטער אונז!

מאדאם באָרקמאן (שטעהט אַ ווײילע אונענטשלאָסען, דערנאָך ווערט זי ווי פערגליווערט און פון דאָס ניי הארט און קאַלט): ניין. איך וועל איהם ניט נאָכשרייען. ערהארד באָרקמאן מעג פער־בייפאָהרען פערביי מיר. ווייט, ווייט ארויס צו דעם, וואָס ער רופט איצט דאָס גליק און דאָס לעבען.

דער קלאַנג פערלירט זיך אין דער ווייטענס.

עללא רענטהיים (נאָך אַ פויזע): איצט הערט מען שוין די גלעקלאך ניט מעהר.

מאדאם באָרקמאן: מיר האָבען זיי געקלונגען ווי גלאָקען וואָס רופען צו א בעגרעבעניש.

באָרקמאן (מיט אַ טרוקענעם, האַלב פערדריקטען געלעכ־טער): האָהאָ, — פאר מיר קלינגען זיי נאָך ניט ווי צו א בעגרע־בעניש.

מאדאם באָרקמאן: ניין, אָבער פאר מיר. און פאר איהם, וואָס איז אוועק פון מיר.

עללא רענטהיים (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, געדאַנקען־פול): ווער וויים, גונהילד! ס'קען זיין, אז די גלעקלאך קלינגען גראָד אויס דאָס גליק און דאָס לעבען פאר איהם.

מאדאם באָרקמאן (ציטערט אויף און קוקט זי אָן מיט א שטריינגען בליק): דאָס גליק און דאָס לעבען, זאָגסט דו!

עללע רענטהיים: אויף א קליינע ווײילע, וועניג־סטענס.

מאדאם באָרקמאן: פערגינסטו איהם דאָס גליק און דאָס לעבען, — צוזאמען מיט איהר?

עללא רענטהיים (וואַרם און געפיהלפול): יאָ, פון גאנצען הארצען און פון דער גאנצער זעעלע פערגין איך דאָס איהם!

מאדאם באָרקמאן (קאַלט): דאן מוזטו זיין רייכער פון מיר אין ליעבעס־קראפט.

עללא רענטהיים (קוקט פאַר זיך אַזוי ווי אין דער ווייטענס): ס'איז פּיליכט דער מאַנגעל אין ליעבע, וואָס האַלט אויף אָט די קראפט.

מאדאם באַרקמאַן (גיט אַ קוק אויף איהר): אויב אַזוי, — וועל איך מן הסתם באלד זיין פּונקט אַזוי רייך ווי דו, עללא.

זי דרעהט זיך אום און געהט אַריין אין הויז.

עללא רענטהיים (שטעהט אַ ווײַלע און קוקט אויף באַרקמאַן'ן מיט אַ פערזאָרגטער מיענע; דערנאָך לעגט זי פאַרזיכטיג ארויף די האנד אויף זיין אקסעל): קום, יאָהאַן, — דו מוזט איצט אויך אַריינגעהן.

באַרקמאַן (אַזוי ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף): איך?

עללא רענטהיים: יאָ. דו קענסט ניט פערטראָגען די שארפע ווינטער־לופט. דאָס וויים איך גאַנץ בעשטימט, יאָהאַן. קום, לאָמיר אַריינגעהן אינעווייניג. אונטער'ן דאך, וואו ס'איז ווארם.

באַרקמאַן (בייז): אַרויף אין זאאַל אפשר?

עללא רענטהיים: ניין, ליעבערשט אין שטוב אַריין, צו איהר.

באַרקמאַן (מיט אַ וואַקסענדען כעס): מיין לעבענס־טאָג וועל איך מעהר ניט אַריינטרעטען אין דעם הויז!

עללא רענטהיים: אָבער וואוהין ווילסטו פאָרט געהן? אַזוי שפּעט אין דער נאכט, יאָהאַן?

באַרקמאַן (טהוט אָן דעם הוט): פריהער פון אַלצדינג וויל איך ארויסגעהן און א קוק טהאָן אויף אַלע מיינע בעגראָבענע אוצרות.

עללא רענטהיים (קוקט איהם אָן מיט שרעק): יאָהאַן, — כ'פערשטעה דיך ניט!

באַרקמאַן (מיט אַ הוסטענדען געלעכטער): אָה, דאָס זיינען ניט קיין בעהאַלטענע גע'גנב'עטע זאכען. האָב קיין מורא ניט

דערפאר, עללא. (בלייבט שטיל און וויזט אָן מיט דער האַנד אויף דרויסען). קוק נאָר אָן דעם דאָ! ווער איז דאָס?

ווילהעלם פּאָלדאַל בעוויזט זיך ביים עק פון הויז. ער טראָגט אַן אַלטען, פערשניטען אויבער־ראָק, דעם ראַנד פון זיין הוט אַראָבגעבויגען און אין דער האַנד האַלט ער אַ רעגענשירם. ער בראָ־דזשעט אין שנעע און ס׳איז קענטיג, אַז ער הינקט אויף׳ן לינקען פוס.

באָרקמאַן: ווילהעלם! וואָס ווילסטו מיט אמאָל וויע־דער ביי מיר?

פאָלדאַל (הויבט אויף די אויגען צו באָרקמאַן׳ן): זעה נאָר, — דו שטעהסט גאָר דרויסען אויף די טרעפּ, יאָהאַן גאַב־ריעל? (פערנייגט זיך). און דיין פרוי אויך, ווי איך זעה!

באָרקמאַן (קורץ): ס׳איז ניט מיין פרוי.

פאָלדאַל: אַך, איך בעט אום ענטשולדיגונג. כ׳האָב פער־לאָרען מיינע ברילען אין שנעע, פערשטעהסטו מיך. — אָבער ווי קומט עס, וואָס דו, וועלכער געהט קיינמאָל ניט אריבער די שוועל —?

באָרקמאַן: ס׳איז שוין לאַנג צייט, איך זאָל ארויסגעהן צוריק אויף דער פרייער לופט, פערשטעהסטו. כמעט דריי יאָהר אין אונטערזוכונגס־ארעסט, פינף יאָהר אין געפענגניס־קעמערל, אכט יאָהר אין זאאל אויבען —

עללא רענטהיים (פערזאָרגט): באָרקמאַן, — איך בעט דיך —!

פאָלדאַל: אַך יאָ, יאָ —

באָרקמאַן: אָבער וואָס איך האָב דיר געוואָלט פרעגען איז, וואָס ווילסטו פון מיר?

פאָלדאַל (וועלכער איז געבליבען שטעהן אונטען ביי די טרעפּ): כ׳האָב געוואָלט ארויפגעהן צו דיר, יאָהאַן גאַבריעל. כ׳האָב געפיהלט, אז איך מוז ארויפגעהן צו דיר, אין זאאל אריין. אַך גאָט, —דער זאאל!

באָרקמאַן: דו האָסט געוואָלט ארויפגעהן צו מיר, נאָכ־דעם ווי איך האָב דיר געוויזען די טיר?

פאַלדאַל: אַך, דאָס איז דאָך גאָרנישט!

באַרקמאַן: וואָס איז געשעהן מיט דיין פּוס? דו הינקסט, ווי איך זעה?

פאַלדאַל: יאָ, ווי געפעלט עס דיר? — איך בין איבער־געפאָהרען געוואָרען.

עללא רענטהיים: איבערגעפאָהרען!

פאַלדאַל: יאָ, פון א שליטען —

באַרקמאַן: אָהאָ!

פאַלדאַל: מיט צוויי פערד. זיי זיינען אַנגעקומען פון׳ם בערגעל אראָב מיט א מורא׳דיגען גאַלאָפּ. איך האָב קיין צייט ניט געהאט זיי אויסצומיידען, און —

עללא רענטהיים: — און מען האָט אייך איבערגע־פאָהרען?

פאַלדאַל: זיי זיינען ארויף גלייך אויף מיר, גנעדיגע פרוי — אָדער פרייליין. גלייך אויף מיר זיינען זיי ארויף, אזוי אז איך בין אנידערגעפאַלען אין שנעע און האָב פערלאָרען מיינע ברילען און דער רעגענשירם האָט זיך מיר צובראָכען. (רייבט זיך דעם קני־ביל). און דער פוס איז אויך אביסעל געשעדיגט געוואָרען.

באַרקמאַן (לאַכט אַריין אין זיך): דו ווייסט, ווער ס׳איז געזעסען אין שליטען, ווילהעלם?

פאַלדאַל: ניין, ווי האָב איך עס דען געקענט זעהן? ס׳איז דאָך געווען א צוגעדעקטער שליטען, און די פאָרהאַנגען זיי־נען געווען ארונטערגעלאָזט. און דער קוטשער האָט זיך אפילו ניט אָבגעשטעלט אויף א רגע, ווען איך האָב זיך אזוי ארומגעקאַ־טשעט אין שנעע. — אָבער דאָס מאכט גאָרנישט אויס, וואָרים — (פלאַצט אַרויס). אַך, מיר איז עפּעס אזוי פרעהליך אויף׳ן הארצען, ווייסט דו!

באַרקמאַן: פרעהליך?

פאַלדאַל: יאָ, כ׳ווייס ניט אויף ריכטיג, ווי איך זאָל עס אנרופען. נאָר פרעהליך, מיין איך, איז דאָס בעסטע וואָרט דערצו. וואָרים א גאַנץ מערקווירדיגע זאַך האָט פּאַסירט! און

דערום האָב איך זיך נ י ט ג ע ק ע נ ט העלפען, — כ'האָב נ ע־פ ו ז ט קומען אהער און טהיילען די פרייד מיט דיר, יאָהאַן גאַבריעל.

ב אָ ר ק מ אַ ן (מיט אַ שטרייענגען טאָן): נאַ, טאָ טהייל די פרייד!

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: אָבער פריהער געה אריין מיט דיין פריינד אין הויז, באָרקמאַן.

ב אָ ר ק מ אַ ן (האַרט): איך וויל ניט ארייננעהן אין הויז, האָב איך שוין איינמאָל געזאָגט.

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם: דו הערסט דאָך אָבער, אז ער איז איבערגעפאָהרען געוואָרען.

ב אָ ר ק מ אַ ן: נאָ, זעהסט דו, — איבערגעפאָהרען ווערן מיר א ל ע — איין מאָל אין לעבען. די זאַך איז אָבער, וואָס מען מוז צוריק איפשטעהן. און זיך ניט וויכענדיג מאַכען, אקוראט ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשעהן.

פ אָ ל ד א ל: דאָס איז א טיעפזיניג וואָרט, יאָהאַן גאַבריעל. אָבער איך קען עס אויך גאנץ גוט דערצעהלען דאָ אויף דרויסען, בקיצור, הייסט עס.

ב אָ ר ק מ אַ ן (מיט אַ מילדען טאָן): יאָ, זיי אזוי גוט, וויל־העלם.

פ אָ ל ד א ל: איצט הער זיך צו. שטעל זיך פאָר — ווען איך בין פריהער אהיים געקומען פון דיר, — געפין איך א בריעף. — טרעף, פון וועמען דאָס איז געוועז?

ב אָ ר ק מ אַ ן: פון דיין קליינער פרידא, פיליכט?

פ אָ ל ד א ל: ריכטיג! ווי דו האָסט עס אָבער גלייך גע־טראָפען! יאָ, ס'איז געוועזן א לאַנגער — א גאנץ לאַנגער בריעף פון פרידא'ן. א מיישרת איז עקסטרא געקומען און האָט איהם גע־בראַכט. און ווייסטו, ווארום זי שרייבט?

ב אָ ר ק מ אַ ן: מעגליך כדי זיך צו געזעגענען מיט די עלטערן.

פ אָ ל ד א ל: פונקט אויף א האָר! מערקווירדיג, ווי גוט

דו קענסט טרעפען, יאָהאַן גאַבריעל! יאָ, זי שרייבט, אַז מאַדאַם ווילטאָן נעהמט אַ גרויסען אינטערעס אין איהר. און איצט האָט די דאַמע בעשלאָסען צו פאָהרען מיט איהר אין אויסלאַנד. כדי זי זאָל קענען שטודירען מוזיק, שרייבט זי. און די מאַדאַם ווילטאָן האָט אויך בעשטעלט אַ גוטען לעהרער, וועלכער פאָהרט מיט מיט זיי. כדי צו לערנען מיט פרידאַ'ן. וואָרים די ערציהונג איהרע איז דאָך לײדער טהיילווייז אביסעל פערנאכלעסיגט געוואָרען, פערשטעהסטו.

באַרקמאַן (לאַכט שטאַרק אין זיך, אַזוי אַז ער טרייסעלט זיך פון געלעכטער): יאָ, יאָ. איך פערשטעה אלעס אויסגעצייכענט גוט, ווילהעלם.

פאָלדאַל (דערצעהלט ווייטער מיט חשק): און שטעל זיך פאָר, זי האָט זיך ערשט היינט אָבענד דערוואוסט וועגען דער רייזע. אויף דעם אונטערהאַלט, דו ווייסט דאָך שוין, נאַ! און זי האָט פונדעסטוועגען געפונען אַ געלעגענהייט צו שרייבען. און אזוי וואָרם, ווי דער בריעף איז געשריבען, און שעהן און האַרציג, זאָג איך דיר. ניטאָ קיין שפּור מעהר פון פעראַכטונג צו איהר פאָטער. און דערצו נאָך דער איידעלער, פיינפיהליגער צוג, ווייסט דו, וואָס זי האָט זיך געוואָלט זעגענען מיט אונז שריפטליך. (לאַכט). אָבער דערפון וועט, פערשטעהט זיך, גאָרנישט זיין.

באַרקמאַן (קוקט איהם אָן מיט אַ פרעגענדען בליק): וואָס הייסט?

פאָלדאַל: זי שרייבט, אַז זי פאָהרט אָב מאָרגען אין דער פריה. גאַנץ פריה.

באַרקמאַן: אזוי גאָר — מאָרגען? שרייבט זי דאָס?

פאָלדאַל (לאַכט און רייבט זיך די הענד): יאָ, נו בין איך אָבער אַ כיטרער, פערשטעהסטו מיך! איצט געה איך גלייך אריבער צו מאַדאַם ווילטאָן —

באַרקמאַן: איצט ביינאַכט?

פאָלדאַל: נאַ, זעהסט דו, אזוי שפּעט איז עס נאָך ניט. און טאָמער איז די הויז־טיר שוין צוגעמאַכט, וועל איך אָנקלינגען.

גאָר אַהן צערעמאָניעס. וואָרים איך וויל און מוז זעהן פרידא'ן, איידער זי פאָהרט אוועק. אַלזאָ, גוטע נאַכט, גוטע נאַכט!

ער לאָזט זיך געהן.

באַרקמאַן: הער אקאָרשט, מיין אָרעמער ווילהעלם, — דו קענסט זיך איינשפּאַרען דעם שווערען שטיק וועג.

פאַלדאַל: אַך, דו דענקסט וועגען דעם פוס דאָ —

באַרקמאַן: יאָ, און אויסער דעם ועסטו איצט סיי ווי סיי ניט קענען אריינקומען צו מאַדאַם ווילטאָן אין הויז.

פאַלדאַל: אַך, איך וועל שוין קענען. כ'וועל קלינגען און קלינגען אזוי לאַנג, ביז איסיצער וועט ארויסקומען און מיר עפּע־נען. וואָרים איך וויל און מוז זעהן פרידא'ן.

עללא רענטהיים: אייער טאָכטער איז שוין אוועקגע־פאָהרען, הערר פאַלדאַל.

פאַלדאַל (שטעהט ווי אַ דונער וואָלט איהם געטראָפען): פרידא איז שוין אוועקגעפאָהרען? ווייסט איהר עס זיכער? ווער האָט עס אייך געזאָגט?

באַרקמאַן: איהר צוקינפטיגער לעהרער האָט עס אונז געזאָגט.

פאַלדאַל: ווירקליך? און ווער איז ער?

באַרקמאַן: א געוויסער סטודענט ערהאַרד באָרקמאַן.

פאַלדאַל (בעשטראַהלט פון פרייד): דיין זוהן, יאָהאַן גאַבריעל! פאָהרט ער מיט מיט זיי?

באַרקמאַן: יאָ; ער וועט דאָס בעהילפיג זיין דער מאַ־דאַם ווילטאָן, אויסצובילדען דיין קליינע פרידא.

פאַלדאַל: נאַ, געלויבט און געדאַנקט איז גאָט דערפאַר! דאַן איז דאָס קינד דאָך אין די בעסטע הענד. אָבער ווייסט איהר דאָס גאַנץ געוויס, אז זיי זיינען שוין אוועקגעפאָהרען מיט איהר?

באַרקמאַן: זיי זיינען אוועקגעפאָהרען מיט איהר אין דעם שליטען, וואָס האָט דיך אויף דער גאַס איבערגעפאָהרען.

פאַלדאַל (טהוט אַ פּאַטש מיט די הענד): גאָט, אין אָט דעם גרויסאַרטיגען שליטען איז מיין קליינע פרידא געזעסען!

באַרקמאַן (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): יאָ, יאָ, ווילהעלעם, — דיין טאַכטער האָט זיך ווייך אויסגעבעט. און דער העדר ססטר דענט באַרקמאַן אויך. — נאַ, — האָסטו אויך בעמערקט די זיל־בערנע גלעקלאַך?

פּאָלדאָל: יאָ, געוויס. — זילבערנע גלעקלאַך, זאָגסטו? זיינען דאָס זילבערנע גלעקלאַך? ווירקליך עכטע זילבערנע גלעקלאַך?

באַרקמאַן: קענסט זיך פערלאָזען הערויף. דאָרט איז אַלעס געוועזן עכט. פון דרויסען און — פון אינעווייניג.

פּאָלדאָל (שטיל גערירהרט): ס'איז דאָך מערקווירדיג, ווי דאָס גליק דרעהט זיך אַמאָל איבער פאַר אַ מענשען! אַט האָט זיך מיין — מיין ביסעלע דיכטער־קונסט פערוואַנדעלט ביי פּריי־דאַ'ן אין מוזיק. בין איך, הייסט עס, דאָך ניט אומזיסט געוועזן אַ דיכטער. וואָרים איצט פאָהרט זי אַרויס אין די גרויסע, ווייטע וועלט, וואוהין ס'האָט מיך אַמאָל אַזוי שטאַרק געצויגען. אין אַ צוגערעקטען שליטען פאָהרט די קליינע פרידאַ אַרויס. און דערצו נאָך מיט זילבערנע גלעקלאַך —

באַרקמאַן: — און פאָהרט אַריבער דעם פאָטער איהר־רען —

פּאָלדאָל (פרעהליך): ווייס איך וואָס! פאַר מיר אַרט מיך גאָרנישט, — אַבי דאָס קינד —. נאַ, כ'בין אַלזאָ דאָך גע־קומען צו שפּעט. און איצט וועל איך געהן צוריק אַהיים און בע־רוהיגען איהר מוטער, וועלכע זיצט אין קיך און וויינט.

באַרקמאַן: זי וויינט?

פּאָלדאָל (מיט אַ שמייכעל): יאָ, וועסט עס גלויבען? — זי האָט זיך אויסגעוויינט די אויגען, ווען איך בין אוועק פון דערהיים.

באַרקמאַן: און דו לאַכסט, ווילהעלם.

פּאָלדאָל: איך, געוויס לאַך איך. אָבער זי, די גוטע נשמה, זי פערשטעהט ניט בעסער. נו, אַדיע. ס'איז נאָך גוט,

וואָס דער טראַמוויי איז אַזוי נאָהענט. אַדיע, יאָהאַן גאַבריעל! אַדיע, גנעדיגעס פרייליין!

ער פערניייגט זיך און געהט אַוועק הינקענדיג אין דערזעלבער ריכטונג, פון וואַנען ער איז געקומען.

באָרקמאַן (שטעהט אַ ווייל שטיל, קוקענדיג פאַר זיך): אַדיע, ווילהעלם! ס'איז ניט דאָס ערשטע מאָל אין לעבען, וואָס דו ביסט איבער־געפאָהרען געוואָרען, אַלטער פריינד.

עללא רענטהיים (קוקט אויף איהם מיט אַן אונטער־דריקטען שרעק): דו ביסט אזוי בלייך, אזוי בלייך, יאָהאַן —

באָרקמאַן: דאָס קומט פון דער געפענגנים־לופט דאָרט אויבען.

עללא רענטהיים: אזוי האָב איך דיך קיינמאָל פריי־הער ניט געזעהן.

באָרקמאַן: דו האָסט דאָך פריהער קיינמאָל קיין אנט־לאָפענעם ארעסטאַנט ניט געזעהן.

עללא רענטהיים: אָך, קום, לאָמיר איצט אריינגעהן אין הויז, יאָהאַן!

באָרקמאַן: אומזיסט דיין רופען. כ'האָב דיר דאָך געזאָגט —

עללא רענטהיים: אָבער ווען איך בעט ביי דיר אזוי שטאַרק? פון דיין איינענער טובה וועגען —

דאָס דיענסטמיידעל בעוויזט זיך ביי דער שוועל פון הויז.

דאָס דיענסטמיידעל: ענטשולדיגט; די גנעדיגע פרוי האָט געזאָגט, איך זאָל צושפּאַרען די הויז־טיר.

באָרקמאַן (שטיל צו עללאַ'ן): דו הערסט, זיי ווילען מיך ווידער איינשפּאַרען!

עללא רענטהיים (צום דיענסטמיידעל): דער הערר דירעקטאָר איז עפּעס ניט מיט אַלעמען. ער וויל נאָך שעפּען אבי־סעל פרישע לופט.

דאָס דיענסטמיידעל: אָבער די גנעדיגע פרוי האָט אַליין געזאָגט, אַז —

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם : איך וועל שוין צומאכען די טיר. לאָזט דערוויילע שטעקען דעם שליסעל אין שלאָס —

ד אָ ס ד י ע נ ס ט מ י י ד ע ל : פון מיינעטוועגען זאָל זיין אזוי; איך וועל טהאָן ווי איהר הייסט מיר.

זי געהט צוריק אריין אין הויז.

ב אָ ר ק מ א ן (שטעהט אַ ווײַלע און הערט זיך צו; דערנאָך געהט ער שנעל אַרונטער אין הויף): איצט בין איך אויסערהאלב די ווענד, עללא! איצט וועלען זיי מיך שוין קיינמאָל מעהר ניט אריינקריגען!

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם (ביי איהם אונטען): אָבער דו ביסט דאָך אינעווייניג אויך א פרייער מאן, יאָהאָן. קענסט קומען און געהן ווען און וואו דיין הארץ גלוסט.

ב אָ ר ק מ א ן (שטילערהייט, ווי אין שרעק): קיינמאָל ניט צוריק אונטער א דאך! דאָ אויף דרויסען ביינאכט איז אזוי גוט. ווען איך געה א י צ ט צוריק ארויף אין זאאל, — די סטעליע און די ווענד וואָלטען זיך צונויפגעשרומפען. וואָלטען מיך צו־דריקט. וואָלטען מיך צוקוועטשט ווי א פליעג —

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם : אָבער וואוהין ווילסט דו דען געהן?

ב אָ ר ק מ א ן : נור ווייט אוועק, וואָס ווייטער! איך וויל זעהן, צי איך קען ניט קומען צוריק צו פרייהייט און צום לעבען און צו מענשען. ווילסט דו געהן מיט מיר, עללא?

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם : איך? איצט?

ב אָ ר ק מ א ן : יאָ, — גלייך איצט!

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם : אָבער ווי ווייט?

ב אָ ר ק מ א ן : אזוי ווייט ווי מעגליך.

ע ל ל א ר ע נ ט ה י י ם : אך, אָבער בעדענק זיך. אין די פייכטע, קאלטע ווינטער־נאכט —

ב אָ ר ק מ א ן (זעהר הייזעריג): אָהאָ, — דאָס גנעדיגע פרייליין האָט מורא פאר איהר געזונד? נו יאָ, — זי איז ווירק־ליך ניט איבעריגס שטארק.

עללא רענטהיים: פאַר דיין געזונט האָב איך מורא.

באַרקמאַן: האַהאַהאַ! דאָס געזונט פון א טויטען מאן! כ'מוז לאַכען פון דיר, עללא!

ער געהט ווייטער.

עללא רענטהיים (געהט איהם נאָך, האַלט איהם פעסט צו): וואָס ביסטו, האָסט דו געזאָגט?

באַרקמאַן: א טויטער מאן, האָב איך געזאָגט. דו געדענקסט שוין ניט, ווי גונהילד האָט געזאָגט, איך זאָל ליעגען רוהיג דאָרט, וואו איך ליעג?

עללא רענטהיים (מיט ענטשלאָסענקייט, פערוואַרפט דעם מאַנטעל ארום זיך): איך געה מיט דיר, יאָהאַן.

באַרקמאַן: יאָ, עללא, מיר ביידע, מיר געהערען דאָך איינער צום אנדערן. (געהט ווייטער). אלזאָ קום!

זיי זיינען ביסלעכווייז אַריבער אין וואַלד לינקס. וואָס ווייטער זעהען זיי זיך אַלץ וועניגער ארויס, ביז זיי ווערען אין גאַנצען פערלאָרען פון דיא אויגען. דאָס הויז און דער הויף־פּלאַץ פערשווינדען. די לאַנדשאַפט, וועלכע בעשטעהט פון משופּע'דיגע פלעצער און בערגלאַך, פערענדערט זיך לאַנגזאַם און ווערט וואָס ווייטער אַלץ ווילדער.

עללא רענטהיים'ס שטימע (פון'ם וואַלד רעכטס): וואו זיינען מיר, יאָהאַן? כ'ווייס ניט, וואו איך בין דאָ.

באַרקמאַנ'ס שטימע (ווייטער אויבען): האַלט זיך נור אָן מיינע פוס־טריט אין שנעע!

עללא רענטהיים'ס שטימע: אָבער נאָך וואָס דאַרפען מיר דען ארויפגעהן אזוי הויך?

באַרקמאַנ'ס שטימע (נעהענטער): מיר מוזען ארויפגעהן אויף דעם געדרעהטען וועג.

עללא רענטהיים'ס שטימע: אך, איך האָב שוין אָבער באַלד קיין כח ניט צו געהן ווייטער.

באַרקמאַן (ביים ראַנד פון וואַלד רעכטס): קום, קום!

מיר זיינען שוין ניט ווייט פון דער אויסזיכט. אמאָל פלעגט דאָ שטעהן אַ באנק —

עללא רענטהיים (בעווייזט זיך צווישען די בוימער): דו געדענקסט זי נאָך?

באַרקמאַן: דאָרט ווערסט דו זיך קענען אָברוהען.

זיי זיינען ארויסגעקומען אויף אַ הויך־ליגענדען, אָפענעם פלאַ־כען פלאַץ אין וואלד. הינטער זיי אַ שטאַרק משופּע׳דיגער אָבהאַנג פון באַרג. לינקס, טיעף אונטען, אַ ברייטע לאַנדשאַפט מיט דעם פיאָרד און הויכע, ווייטע שורות פון בערג, איינע הינטער דער אַנדערער. אויף דעם פלאַכען שטיק לאַנד לינקס אַן אָבגעשטאָרבענע סאָסנע און אונטער איהר אַ באַנק. דער פלאַץ איז בעדעקט מיט שנעע.

באַרקמאַן און נאָך איהם עללאַ רענטהיים קומען אַריין פון רעכטס און בראָדזשען שווער אין שנעע.

באַרקמאַן (בלייבט שטעהן ביים ראַנד פון דעם תויכען פלאַץ לינקס): קום אהער, עללא, דו וועסט עפּעס זעהן.

עללא רענטהיים (לעבען איהם): וואָס ווילסט דו מיר ווייזען, יאָהאַן?

באַרקמאַן (צייגט מיט דער האַנד ארויס): דו זעהסט, ווי פריי און אָפען דאָס לאַנד ליעגט פאר אונז — ווייט ארויס?

עללא רענטהיים: דאָ אויף דער באנק פלעגען מיר אָפט זיצען פריהער — און פלעגען ארויסקוקען נאָך אַ סך, אַ סך ווייטער.

באַרקמאַן: אין אַ טרוים־לאַנד האָבען מיר דאמאָלסט ארויסגעקוקט.

עללא רענטהיים (שאָקעלט טרויעריג מיט׳ן קאָפּ): יאָ, ס׳איז געוועזען דאָס טרוים־לאַנד פון אונזער לעבען. און איצט איז דאָס לאַנד בעדעקט מיט שנעע. — און דער אלטער בוים איז אָבגעשטאָרבען.

באַרקמאַן (זיך ניט צוהערענדיג צו איהר): דו זעהסט דעם רויך, וואָס קומט ארויף פון די גרויסע דאמפּף־שיפען, דאָרט אויף׳ן פיאָרד?

עללא רענטהיים: ניין.

באַרקמאַן: איך זעה איהם. — זיי קומען און געהען. זיי פערבריידערן דאָס לעבען אויף דער גאנצער ערד. זיי פערשאַפען דער זעעלע ליכט און ווארעמקייט אין פיעל טויזענדער הייַמען. דאָס צו שאפען, — ווענען דעם האָב איך אמאָל געטרוימט.

עללא רענטהיים (רוהיג): און ס'איז געבליבען א טרוים.

באַרקמאַן: יאָ, ס'איז געבליבען א טרוים. (הערט זיך צו). און דאָרט אונטען ביים טייך — הערסטו? די פאבריקען אַרבייטען! מיינע פאבריקען! די אלע, וואָס איך וואָלט געשאַפען! הער זיך נור צו, ווי זיי געהען. זיי האָבען נאכט־אַרבייט. טאָג און נאכט ארבייטען זיי. הער, הער! די רעדער דרעהען זיך און די וואַלצען בליצען — כסדר, אָהן אויפהער, אָהן אויפהער! קענסטו דאָס ניט הערען, עללא?

עללא רענטהיים: ניין.

באַרקמאַן: איך קען עס הערען.

עללא רענטהיים (מיט אנגסט): כ'מיין, דו האָסט א טעות, יאָהאַן.

באַרקמאַן (דערהיצט זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר): אָבער אָט די אלע זאכען, הערסטו, — זיינען, אזוי צו זאָגען, די אויסענווערק, די דרויסענדיגע פעסטונגען ארום דער מלוכה!

עללא רענטהיים: ארום דער מלוכה? — וואָס פאַר א מלוכה מיינסטו?

באַרקמאַן: מיין מלוכה, פערשטעהט זיך! די מלוכה, וואָס איך האָב שיער ניט ערָאָבערט דאַמאָלסט, ווען איך — ווען איך בין געשטאָרבען.

עללא רענטהיים (צוטרייסעלט, מיט א נידעריגער שטימע): אך יאָהאַן, יאָהאַן!

באַרקמאַן: און אָט ליעגט זי איצט — שוצלאָז, אָהן א בעל הבית, — א הפקר פאַר אלע רויבער און פלינדרערער. —

עללא! זעהסטו די שורות בערג דאָרט — אין דער ווייטען? די
איינע הינטער דער אנדערער. ווי מהורמעס הויבען זיי זיך אויף
אין דער הויך. דאָרט איז מיין טיעפע, אונענדליכע, אונערשעפּ־
ליכע מלוכה!

עללא רענטהיים: אך, יאָהאָן, עס בלאָזט אָבער אזא
אייז־קאַלטער ווינד פון דער דאָזיגער מלוכה!

באָרקמאן: דער ווינד ווירקט אויף מיר ווי די לעבענס־
לופט. ער בלאָזט מיר אנטקעגען ווי א גרוס פון אונטערטהעניגע
גייסטער. איך פיהל זיי, די געבונדענע מיליאָנען; כ'פיהל די מע־
טאַל־אָדערן, וואָס שטרעקען אויס צו מיר זייערע געדרעהטע, פער־
צווייגטע, רופענדע אָרעמס. כ'האָב זיי געזעהן, ווי לעבעדיג געוואָ־
רענע שאָטענס — יענע נאכט, ווען איך בין געשטאַנען אונטען
אין דער באנק, מיט דער לאַמטערנע אין דער האנד. איך האָב
אייך דאמאָלסט געזאָלט בעפרייען! און איך האָב עס געפּרואווט.
אָבער איך האָב עס ניט געקענט. דער אוצר איז צוריק ארונטער־
געזונקען אין דער טיעפעניש. (מיט אויסגעשטרעקטע הענד). אָבער
איך וויל אייך איינרוימען א סוד דאָ, אין דער שטילקייט פון דער
נאכט. איך ליעב אייך, ווי איהר ליעגט דאָרט פער'חליש'ט אין
דער טונקעלער טיעפעניש! איך ליעב אייך, איהר אונגעבוירענע
אוצרות, וואָס לעכצט נאָך לעבען און ליכט! איך ליעב אייך מיט
אייער גאנצען צוג פון מאכט און הערליכקייט! איך ליעב, ליעב,
ליעב אייך!

עללא רענטהיים (אין אונטערדריקטער, אָבער אַלץ
וואַקסענדער אויפרעגונג): יאָ, דאָרט אונטען איז נאָך אימער דיין
ליעבע. שטענדיג איז זי דאָרט געווען. אָבער דאָ אויבען אין'ם
ליכט פון טאָג, — דאָ איז געוועזן א ווארם, לעבעדיג מענשען־
הארץ, וואָס האָט געקלאַפּט אין געגלידט מיט ליעבע צו דיר. און
אַט דאָס הארץ האָסט דו צוטראָטען מיט די פיס. יאָ, נאָך מעהר
ווי דאָס. טויזענד מאָל ערגער נאָך! דו האָסט עס פערקויפט
פאר — פאר —

באָרקמאן (טהוט א ציטער, אַזוי ווי א שווידער וואָלט איהם

פריבער איבער׳ן לייב): פאר דער מלוכה — און דער מאכט — און דער הערליכקייט, — מיינסט דו?

עללא רענטהיים: יא, דאס מין איך. כ׳האב עס דיר שוין היינט אבענד איין מאל געזאגט. דו האסט געטויט דאס ליע־בעס־לעבען אין דער פרוי, וואס האט דיך געליעבט. און ווענען דו האסט אויך געליעבט. אזוי ווייט ווי דו האסט איבערהויפט געקענט ליעבען. (מיט אן אויפגעהויבענעם ארם). און דערום זאג איך דיר נביאות, — יאהאן גאבריעל בארקמאן, — קיינמאל וועסט דו ניט קריגען דעם פרייז, וואס דו האסט פערלאנגט פאר דעם מארד. קיינמאל וועסטו ניט ארייננעהן מיט טריאומף אין דיין קאלטער, טונקעלער מלוכה!

בארקמאן (געהט וואקלענדיג צו צו דער באנק און לאזט זיך שווער אראנטער אויף איהר): כ׳האב מורא, אז דיין נבואה וועט מקוים ווערן, עללא.

עללא רענטהיים (געהט צו צו איהם): שרעק זיך ניט דערפון, יאהאן. דאס איז דאס בעסטע, וואס קען מיט דיר טרעפען.

בארקמאן (טהוט א געשריי און כאפט זיך אן ביי דער ברוסט): אה —! (מאט). איצט האט זי מיך אבגעלאזט.

עללא רענטהיים (טרייסעלט איהם): וואס איז דאס געווען, יאהאן?

בארקמאן (פאלט צוריק אויף דער פארענטשע פון באנק): ס׳איז געווען אן אייז־האנד, וואס האט מיך א פאק געטהאן ביים הארצען.

עללא רענטהיים: יאהאן! האסטו איצט די אייז־האנד דאך דערפיהלט!

בארקמאן (מורמעלט): ניין. — ניט קיין אייז־האנד. — א מעטאל־האנד איז דאס געווען.

ער גליטשט זיך אין גאנצען אראב אויף דער באנק.

עללא רענטהיים (רייסט ארונטער איהר מאנטעל און

ועקט איהם צו דערמיט) : ליעג רוהיג דאָ, וואו דו ליעגסט! איך געה רופען אימיצען, וואָס זאָל דיר העלפען.

זי מאַכט אַ פּאָר טריט נאָך רעכטס, דערנאָך בלייבט זי שטעהן, געהט צוריק און בעטאַפּט איהם אַ היבשע ווײַלע דעם פּולס און דאָס געזיכט.

עללא רענטהיים (מיט אַ נידעריגער אָבער פעסטער שטי־מע) : יאָ. אזוי איז עס אם בעסטען, יאָהאַן באָרקמאַן. אם בעס־טען פאר דיר.

זי וויקעלט איהם שטאַרקער אַרום אין דעם מאַנטעל און זעצט זיך אַנידער אין שנעע לעבען דער באַנק.

קורצע פּויזע.

מאַדאַם באָרקמאַן, אײַנגעהילט אין אַ מאַנטעל, בעווייזט זיך צווי־שען די בוימער רעכטס. איהר פאָראויס געהט דאָס דיענסטמיידעל מיט אַ ברענענדער לאַמטערנע.

דאָס דיענסטמיידעל (לויכט אַריין אין שנעע) : יאָ, יאָ, גנעדיגע פרוי. דאָ זעה איך זייערע פוס־טריט.

מאדאם באָרקמאן (קוקט זיך אום אַרום זיך) : יאָ, אָט זיינען זיי! זיי זיצען דאָרט אויף דער באנק. (רופט). עללא!

עללא רענטהיים (הויבט זיך אויף) : דו זוכסט אונז?

מאדאם באָרקמאן (מיט אַ הארטען טאָן) : יאָ, כ'מוז דאָך אייך זוכען.

עללא רענטהיים (ווייזט אָן מיט דער האַנד) : קוק, דאָ ליעגט ער, גונהילד.

מאדאם באָרקמאן : ער שלאָפט?

עללא רענטהיים (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) : א טיעפען און לאנגען שלאָף, גלויב איך.

מאדאם באָרקמאן (פּלאַצט אַרויס) : עללא! (קאָנ־טראָלירט זיך און פרעגט מיט אַ נידעריגער שטימע). איז דאָס גע־שעהן — פרייוויליג?

עללא רענטהיים : ניין.

מ א ד א ם   ב אָ ר ק מ א ן   (ערלייכטערט) : אלזאָ ניט דורך זיין איינענער האנד?

ע ל ל א   ר ע נ ט ה י י ם : ניין. ס'איז געווען אן אייזיגע מע־טאל־האנד, וועלכע האָט איהם אַ פּאַק געטהאָן ביים הארצען.

מ א ד א ם   ב אָ ר ק מ א ן   (צום דיענסטמיידעל) : לויפט נאָך הילף. וועקט אויף די מענשען פון הויף.

ד אָ ס   ד י ע נ ס ט מ י י ד ע ל : יאָ, גנעדיגע פרוי. (שטוי־לערהייט). גאָט, גאָט —

אָב דורך'ן וואלד רעכטס.

מ א ד א ם   ב אָ ר ק מ א ן   (הינטער דער באַנק) : די נאכט־לופט האָט איהם, הייסט עס, געטויטעט —

ע ל ל א   ר ע נ ט ה י י ם : אזוי זעהט עס אויס.

מ א ד א ם   ב אָ ר ק מ א ן : — איהם, דעם שטארקען מאן!

ע ל ל א   ר ע נ ט ה י י ם   (געהט צו לעבען דער באַנק) : ווילסט איהם גאָר ניט אָנקוקען, גונהילד?

מ א ד א ם   ב אָ ר ק מ א ן   (צוריקווייזענדיג) : ניין, ניין, ניין. (מיט אַ האַלב־פערדריקטער שטימע). ער איז געווען אַ מינען־גרעבער'ס זוהן, — דער באנק דירעקטאָר. די פרישע לופט האָט ער ניט געקענט פערטראָגען.

ע ל ל א   ר ע נ ט ה י י ם : ס'איז גיכער געווען די קעלט, וואָס האָט איהם געטויטעט.

מ א ד א ם   ב אָ ר ק מ א ן   (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) : די קעלט, זאָגסט דו? די קעלט, — די האָט איהם שוין לאנג געטויטעט.

ע ל ל א   ר ע נ ט ה י י ם   (שאָקעלט איהר צו מיט'ן קאָפּ) : יאָ, — און אונז ביידען פערוואנדעלט אין שטאָענס.

מ א ד א ם   ב אָ ר ק מ א ן : דאָס ביסטו גערעכט.

ע ל ל א   ר ע נ ט ה י י ם   (מיט אַ שמערצליכען שמייכעל) : א טויטער און צוויי שאָטענס, — ד אָ ס האָט די קעלט געמאכט.

מ א ד א ם   ב אָ ר ק מ א ן : יאָ, די קעלט פון הארצען. — און איצט, מיין איך, קענען מיר ביידע זיך געבען איינע די אנדע־רע די האנד, עללא.

עללא רענטהיים: איך מיין, מיר קענען עס איצט.

מאדאם בארקמאן: מיר צווילינג־שוועסטער — אי־בער איהם אריבער, וועמען מיר האבען ביידע ליעב געהאט.

עללא רענטהיים: מיר צוויי שאטענס — איבער איהם, דעם טויטען מאן.

מאדאם בארקמאן, וועלכע שטעהט הינטער דער באנק, און עללא רענטהיים, וועלכע געפינט זיך פארענט, גיבען זיך איינע די אנדערע די הענד.

ענדע.

ווען מיר טויטע ערוואַכן

איבערזעצט פון א. פרומקין

פערזאנען:

פראָפעסאר ארנאלד רובעק, סקולפטאר.

מאדאם מאיא רובעק, זיין פרוי.

אולפהיים, גוטסבעזיצער.

דער אינספעקטאָר פון די בעדער.

אירענע.

א בארמהארציגע שוועסטע.

משרתים, געסט און קינדער.

דער ערשטער אַקט שפּיעלט זיך אָב אין די בעדער ביים ברעג וואַסער; דער צווייטער אַזוי ווי דער דריטער אַקט — הויך אויף די בערג לעבען אַ סאַנאַטאָריום.

ערשטער אקט.

דרויסען פאַר דעם האָטעל פון די בעדער. א טהייל פון דער תויפט־געביידע זעהט זיך ארויס רעכטס. אן אָפענער פּלאַץ, עהנליך צו א פּאַרק, מיט א פאָנטאַן, גרופּען פון גרויסע, אַלטע בוימער און קונסטאַרניקעס. לינקס אַ קליינער פּאַוויליאָן, כמעט אין גאַנצען בעדעקט מיט גרינע און ווילדע וויין־בלעטער. אַ טיש און אַ שטוהל דערביי. אין הינטער־גרונד זעהט זיך דער פיאָרד, וועלכער ציהט זיך ארויס ביז׳ן אָפענעם ים, מיט שטיקער לאַנד און קליינע אינזלען אין דער ווייטענס. ס׳איז אַ שטילער, זוניג־וואַרעמער זומערדיגער פאָרמיטאָג.

פּראָפעסאָר רובעק און פרוי מאיאַ זיצען אין געפּלאָכטענע שטוהלען ביי אַ געדעקטען טיש אויף׳ן גראָז פאַר דעם האָטעל און האָבען נאָר וואָס אָבגעגעסען פריהשטיק. איצט טרינקען זיי שאַמפּאַניער מיט זעלצער־וואַסער און יעדער האָט אַ צייטונג אין דער האַנד. דער פּראָפעסאָר איז אַ בעיאָהרענטער מאַן מיט אַ בכבוד׳יגען אויסזעהען, אין אַ שוואַרצען סאַמעטענעם רעקעל, און זאָנסט אין ליכ־טער זומערליכער קליידונג. פרוי מאַיאַ איז נאָך גאַנץ יונג; זי האָט אַ לעבעדיגען אויסדרוק אין איהר געזיכט, מיט מונטערע, רייצענדע אוי־גען, אִיבער וועלכע עס ליגט דאָך אַ געוויסע מיעדקייט. זי טראָגט אַן עלעגאַנטען רייזע־קאָסטיום.

מ א י א (זיצט אַ ווײַלע, אַזוי ווי זי וואָלט געוואַרט דער פּראָ־פעסאָר זאָל עפּעס זאָגען. דאַן לאָזט זי אָב דאָס בלאַט פון האַנד און טהוט אַ זיפץ): אַך, יאָ, יאָ — !

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (הויבט אויף דעם קאָפּ פון זיין צייטונג): נו, מאיא? וואָס איז דיר אַזוינס?

מ א י א: הער נור, ווי שטיל ס׳איז דאָ.

פּראָפּעסאָר רובעק (מיט אַ גוטמוטהיגען שמייכעל): און דו קענסט דאָס הערען?

מאַיאַ: וואס?

פּראָפּעסאָר רובעק: די שטילקייט.

מאַיאַ: נו, אודאי קען איך עס.

פּראָפּעסאָר רובעק: נאַ, ביסט פּילייכט גערעכט, מיין קינד. מען קען ווירקליך הערען די שטילקייט.

מאַיאַ: ווייס גאָט, מען קען זי הערען. ווען זי דריקט איינעם אזוי שטארק צו — ווי דאָ —

פּראָפּעסאָר רובעק: — דאָ אין די בעדער מיינסט דו?

מאַיאַ: איבעראַל דאָ אין דערהיים, מיין איך. אין דער שטאָדט דאָרט איז דאָך, דוכט זיך, געווען גענוג ליארעם און אומרוהיגקייט. און דאָך — פאר מיר איז אויך אין דעם דאָזיגען ליארעם און אין דער דאָזיגער אונרוהיגקייט געלעגען עפּעס טויטעס.

פּראָפּעסאָר רובעק (מיט אַ פאַרשענדען בליק): אַ פּנים דו ביסט ניט שטארק צופריעדען וואָס דו ביסט צוריק אין דערהיים, מאַיאַ?

מאַיאַ (קוקט איהם אָן): ביסט דו צופריעדען?

פּראָפּעסאָר רובעק (אויסווייכענדיג): איך —?

מאַיאַ: יאָ. דו. דו ביסט דאָך געווען אזוי פיעל, פיעל ווייטער איידער איך. ביסטו ווירקליך צופריעדען וואָס דו ביסט ווידער אין דערהיים?

פּראָפּעסאָר רובעק: ניין — אָפען און אויפריכטיג — אזוי גאנץ צופריעדען ניט —

מאַיאַ (מיט לעבעדיגקייט): זעהסט דו! דאָס האָב איך דאָך געוואוסט.

פּראָפּעסאָר רובעק: איך בין אפשר געווען צו לאנג אוועק. כ'בין גאנץ אָבגעריסען געוואָרען פון אָט דעם — דעם לעבען דאָ אין לאנד.

מאַיאַ (רוקט צו איהר שטוהל נעהנטער צו איהם; מיט פריי-

ער) : אַט, זעהסט דו, רובעק. לאָמיר גאַנץ איינפאַך ווידער אָב־פּאָהרען פון דאַנען! אַזוי גיך ווי מעגליך.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (אַביסעל אונגעדולדיג) : נאַ, נאַ, דאָס האָבען מיר דאָך טאַקע בדעה צו טהאָן, ליעבע מאַיאַ. דאָס ווייסט דו דאָך.

מ אַ י אַ : אָבער פאַרוואָס טאַקע ניט איצט גלייך? שטעל זיך נור פאָר, — ווי גוט און געמיטהליך וואָלטען מיר עס געקענט האָבען דאָרט אונטען אין אונזער נייעם רייצענדען הויז —

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (מיט אַ גוטמוטהיגען שמייכעל) : איינגענטליך וואָלטען מיר געדאַרפט זאָגען : אין אונזער נייער רייצענדער ה י י ם.

מ אַ י אַ (קורץ) : איך זאָג ליעבערשט ה ו י ז. לאָמיר בלייבען דערביי.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (נעהמט ניט אראָב פון איהר קיין אויג) : דו ביסטווירקליך אַ וואונדערליך קליין וועזענדעל.

מ אַ י אַ. בין-איך אַזוי וואונדערליך?

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק : יאָ, ווירקליך.

מ אַ י אַ : אָבער פאַרוואָס פּאָרט? אפשר דערפאַר, ווייל איך האָב גראַד ניט קיין צו שטאַרקען חשק, אוועקצו'הרג'ענען די צייט דאָ אויבען — ?

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק : ווער האָט דען אַזוי גערן ווי לעבען געוואָלט מיר זאָלען היינטיגען זומער פאָהרען אהער אין צפון-לאַנד?

מ אַ י אַ : ט יאָ, איך.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק : יאַ,—איך אוראי ניט.

מ אַ י אַ : אָבער ליעבער גאָט, — ווער האָט זיך גאָר גע־קענט ריכטען דערויף, אז דאָ ביי אונז האָט זיך אַלעס אַזוי מורא'־דיג פערענדערט! דערצו נאָך אין אַזא קורצער צייט! ווען מען בערעכענט, אז עס איז נאָך ניט קיין סך מעהר ווי פיער יאָהר, זינט איך בין אוועק פון דאַנען —

פּראָפּעסאָר רובעק: — אלס פערהייראטעטע פרוי, יאָ.

מאיא: — פערהייראטעטע פרוי? וואָס האָט דאָס צו טהאָן דערמיט?

פּראָפּעסאָר רובעק (ריידענדיג ווייטער): — און זינט דו ביסט געוואָרען פרוי פּראָפּעסאָר און האָסט געקראָגען א פּראכטפּאָלע היים — אָה, פּארדאָן! — א גרויסארטיג הויז, אזוי מוז איך זיך דאָך אויסדריקען. און א ווילא ביי דער טאָוניצער אָזערע, וואו אלצדירנג איז דאָך איינגעאָרדענט אויף'ן פיינסטען אופן—. יאָ, צו פיין און פּראכטפול, מאיא, מעג איך כמעט זאָגען. און פּלאַץ איז אויך פּארהאַן. מיר דארפען ניט איינער דעם אנדערן אָבטרעטען די פיס פאר איינגשאפּט —

מאיא (גלייכגילטיג): ניין, ניין, ניין, — פּלאַץ אין היי און אזוי ווייטער — דאָס פעהלט דורכאויס ניט —

פּראָפּעסאָר רובעק: און אחוץ דעם אויך דאָס, וואָס דו ביסט איבערהויפּט געקומען אין פיינערע און ברייטערע פערהעלטניסען מיט מענשען. אין א געבילדעטערען קרייז, איידער דו ביסט געוואוינט געווען אין דערהיים.

מאיא (איהם אָנקוקענדיג): נו יאָ, לויט דיין מיינונג נאָך, הייסט עס, האָב איך זיך געענדערט?

פּראָפּעסאָר רובעק: יאָ, מאיא.

מאיא: נאָר איך? און די מענשען דאָ ניט?

פּראָפּעסאָר רובעק: אָה יאָ, זיי אויך. אזוי א ביסעלע. פריינדליכער זיינען זיי גראָד ניט געוואָרען. דאָס וויל איך ניט לייקענען.

מאיא: דאָס גלויב איך אויך.

פּראָפּעסאָר רובעק (נעהמט אן אן אנדער טאָן): דו ווייסט, אין וואָס פאר א שטימונג איך קום, ווען איך בעטראכט דאָס לעבען פון די מענשען דאָ ארום מיר?

מאיא: ניין, זאָג עס מיר.

פּראָפּעסאָר רובעק: עס קומט מיר דערביי ארויף

אויף׳ן זינגען די נאכט, ווען מיר זייגען מיט דער אייזענבאהן ארויסגעפאָהרען אהער —

מ אַ י אַ: דו ביסט דאָך געשמאק געשלאָפען די גאנצע צייט.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: ניט פאָלשטענדיג. כ׳האָב בעמערקט, ווי שטיל ס׳איז מיט אמאָל געוואָרען אויף די אלע סטאנציעס — איך האָב ג ע ה ע ר ט די שטילקייט, — אזוי ווי דו, מאיא —.

מ אַ י אַ: הם, — אזוי ווי איך, יאָ.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: און איך האָב פערשטאנען, אז דאָס זייגען מיר אריבער די גרענייץ. איצט זייגען מיר געווען ריכטיג אין דערהיים. ווארים אויף די אלע קליינע סטאנציעס האָט זיך דער צוג אָבגעשטעלט, — כאָטש ס׳איז ניט געווען צו וואָס.

מ אַ י אַ: אָבער פאר וואָס זשע האָט ער זיך אָבגעשטעלט? אז עס איז ניט געווען צו וואָס?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: ווייס איך? קיין שום פאַ־סאזשיר איז ניט אראָב און קיינער איז ניט ארויף. נאָר דער צוג האָט זיך פאָרט אָבגעשטעלט אויף א לאנגע אונענדליכע צייט. און אויף יעדער סטאנציע האָב איך געקענט הערען, ווי צוויי מע־נער געהען ארום אהין און אהער אויף דער פּלאטפאָרמע, — איינער האָט געהאט א לאמטערנע אין דער האנד — און זיי האָבען גע־רעדט איינער מיט׳ן אנדער׳ן, האלב פערשטיקט, אָהן א קלאנג און אָהן א שום בעדייטונג אין דער נאכט ארויס.

מ אַ י אַ: יאָ, גאניץ ריכטיג. שטענדיג געהען דאָ אזוי ארום א פּאָר מענער אהין און אהער און ריידען צווישען זיך —

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: פון גאָרנישט. (מיט א לע־בעדיגען טאָן). אָבער ווארט אקאָרשט ביז מאָרגען. דאן וועלען מיר האָבען דאָס גרויסע בעקוועמע שיף דאָ אין האפען. מיר וועלען זיך אויפזעצען און ארומפאָהרען דעם ים ארום און ארום, אלץ וויי־טער קיין צפון, — ביז צום אייז־מעער.

מ א י א: אָבער דאַן וועסט דו דאָך גאָרנישט זעהן פון׳ם לאַנד — און פון׳ם לעבען. און דאָס האָסט דו דאָך גראָד געוואָלט.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (קורץ און בייזלאַך): כ׳האָב שוין איבער גענוג געזעהן.

מ א י א: מיינסט דו, אז א ים־רייזע וואָלט געווען בעסער פאַר דיר?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: ס׳איז יעדענפאַלס א שטי־קעל אָבוועקסלונג.

מ א י א: יאָ! ווען ס׳וועט נור זיין גוט פאַר ד י ר —

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: פאַר מיר? גוט? מיר פעהלט דאָך, ווייס גאָט, קיין שום זאַך ניט.

מ א י א (שטעהט אויף און געהט צו צו איהם): דאָך, דיר פעהלט וואָס עס איז, רובעק. דאָס מוזט דו דאָך אליין פיהלען.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: אָבער ליעבסטע מאיא, — וואָס פאַרט?

מ א י א (הינטער איהם, בויגט זיך אָן איבער דער פאָרענטשע פון שטוהל): יאָ! דאָס מוזט ד ו מיר זאָגען. דו געהסט זינט א שטיקעל צייט ארום אָהן רוה. אין ערגעץ קענסט דו ניט איינזיצען. ניט אין דערהיים און ניט אין דער פרעמד. גאַנץ מענשענפיינד־ליך ביסט דו מיט דער צייט געוואָרען.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (אביסעל שפּאָטיש): ניין, — ד ו זאָלסט דאָס האָבען בעמערקט?

מ א י א: דאָס מוז דאָך יעדער איינער בעמערקען, ווער עס קען דיך נור. און דאַן איז מיר עפּעס אזוי טרויעריג אויף׳ן הארצען, וואָס דו האָסט פערלאָרען דעם חשק צו דער ארבייט.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: וואָס זשע, ד אָ ס אויך?

מ א י א: אז מען בערעכענט, ווי דו פלעגסט פריהער קע־נען אזוי אונערמידליך ארבייטען, — פון אינדערפריה ביז ביינאכט.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (מרה־שחורת׳דיג): יאָ, פ ר י ה ע ר —

מ א י א: אָבער זיכער כ'האָט זיך דיר גליקליך איינגעגעבען ארויסצולאָזען דיין גרויסעס מייסטערווערק —

פּראָפעסאָר רובעק (שאָקעלט פערטראַכטערהייט מיט'ן קאָפּ): דער „טאָג פון תחית המתים"—

מ א י א: וואָס האָט זיך פערשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט און דיך אזוי בערימהמט געמאכט. —

פּראָפעסאָר רובעק: פּילייכט שטעקט דאָס גאַנצע אונגליק אין דעם, מאיא.

מ א י א: וואָס הייסט?

פּראָפעסאָר רובעק: בעת איך האָב דאָס דאָזיגע מייסטערווערק מיינס געשאַפען — (גיט אַ שטאַרקען מאַך מיט דער האַנד) — וואָרים דער „טאָג פון תחית המתים" איז א מייסטערווערק; אָדער ער איז עס געווען אין אָנפאַנג. ניין, ער איז עס נאָך. מוז, מוז, מוז זיין א מייסטערווערק!

מ א י א (קוקט איהם אָן פערוואונדערט): רובעק, — דאָס וויים דאָך די גאַנצע וועלט.

פּראָפעסאָר רובעק (קורץ און צוריקווייזענדיג): די גאַנצע וועלט וויים גאָרנישט! זי פערשטעהט גאָרנישט!

מ א י א: נו, אָבער אָן אהנונג פון עפּעס האָבען זיי דאָך.

פּראָפעסאָר רובעק: יא — פון דאָס וואָס איז דערין גאָרנישט דאָ. פון דאָס וואָס איז מיר קיינמאָל אויף'ן זינען ניט ארויף. זעהסט דו, דערפון ווערען זיי אלע נתפּעל. (מורמעלט פאַר זיך). כ'וועלט זיך אבער, כסדר אָבצוגעבען אלע כחות פאַר דעם המון און דער מאסע — און דער „גאַנצער וועלט".

מ א י א: מיינסט דו, אז ס'איז בעסער — אָדער, לאָמיר זאָגען, בכבוד'יגער פאַר דיר, ווען ניט ווען צו מאכען א פּאָרטרעט-ביוסט, וועיטער גאָרנישט?

פּראָפעסאָר רובעק (שמייכעלט געמיטהליך): וואָס איך מאך זיינען אייגענטליך ניט קיין ריכטיגע פּאָרטרעט-ביוסטען, מאיא.

מ א י א: גאָט ווייס וואָס דען זיי זיינען! — אין די לעצ־

טע צוויי, דריי יאָהר — זינט דו האָסט פארטיג געמאכט דיין גרויכע גרופּע און זי ארויסגע'פּטר'ט פון הויז —

פּראָפּעסאָר רובעק: איך זאָג דיר, זיי זיינען פּאָרט ניט קיין ריכטיגע פּאָרטרעט־ביוסטען.

מאיא: וואָס זשע דען זיינען זיי?

פּראָפּעסאָר רובעק: עס ליעגט עטוואָס פערדעכ־טיגעס, עטוואָס פערשטעקטעס אין די דאָזיגע ביוסטען און הינטער זיי – עפּעס געהיימעס, וואָס די מענשען קענען ניט זעהן —

מאיא: אזוי?

פּראָפּעסאָר רובעק (מיט איבערלעגענהייט): נור איך קען עס זעהן. און דאָס פערשאפט מיר אזא טיעפען פער־גניגען. — פון דרויסען ווייזען זיי אויס אזוי „מערקווירדיג עהנ־ליך“, ווי מען רופט עס, אז מענשען שטעהען און קוקען דערויף מיט ערשטוינונג, — (מיט א נידעריגער שטימע) — אָבער אין זייער טיעפסטען גרונד זיינען זיי אלע רעספּעקטאבלע, גרויסארטיגע פערדישע צורות און הארטנעקיגע עזעלשע שנויצען און לאנג־אויערדיגע, נידריג־שטערנדיגע הינטישע שארבענס און אָבגעפּרע־סענע שוויינען־קעפּ, — און נארישעוואטע, אומגעלומפּערטע אָק־סען־פּראצען זיינען אויך דאָ צווישען זיי. —

מאיא (גלייכגילטיג): אלע אונזערע ליעבע הויז־חיות, הייסט עס.

פּראָפּעסאָר רובעק: זעהר ריכטיג, מאיא. אַט די ליעבע חיות, וועלכע דער מענש האָט נאָך זיין בילד צוקאַ־ליעטשעט. און וועלכע האָבען פון זייער זייט ווידער דעם מענ־שען צוקאליעטשעט. (ליידיגט אוים זיין שאַמפּאַניער גלאָז און לאַכט). און אָט די צוויידייטיגע קונסטווערק בעשטעלען ביי מיר די גרוי־כע רייכע לייט. און זיי קויפען זיי אין גוטען גלויבען — און טאַ־קי פאר הויכע פּרייזען, זיי וועגען זיי כמעט אָב מיט גאָלד, ווי דאָס ווערטעל געהט.

מאיא (גיסט איהם אָן נאָך א גלאָז): פע, רובעק! נא טרינק און זיי צופריעדען.

פראפעסאר רובעק (פיהרט א פאר מאָל אריבער די האַנד איבער'ן שטערן און שפּאַרט זיך אָן מיט'ן רוקען אָן שטוהל): איך בין צופריעדען, מאיא. ווירקליך צופריעדען. אין א געוויסער הינזיכט ווענינגסטענס. (שווייגט א רגע). וואָרים ס'איז דאָך נאָך אַלעמען א גליק, זיך צו פיהלען פריי און אונאבהענגיג אויף אַלע זייטען. האָבען פון דער פולער האנד אַלעס, וואָס מען קען זיך נור ווינשען. אויסערליך, הייסט עס. דיינקסט דו ניט אזוי, מאיא?

מאיא: אָה יאָ, געוויס. דאָס איז יעדענפאלס זעהר פיעל. (קוקט איהם אָן). אָבער האָסטו פערגעסען, וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט אין דעם טאָג, ווען מיר זיינען אייניג געוואָרען מכח — מכח דער דאָזיגער שווערער זאַך —

פראפעסאר רובעק (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): — אונזער הייראט, מיינסט דו. יאָ, ס'איז געווען א ביסעל א שווערער שריט פאר דיר, מאיא.

מאיא (ווייטער, ניט ווערענדיג צומישט): — און אָבגעמאכט, אז איך זאָל מיט דיר פאָהרען קיין אויסלאנד און דאָרט שטענדיג וואוינען — און האָבען פערגניגען. — געדיינקסטו נאָך, וואָס דו האָסט מיר דעמאָלט פערשפּראָכען?

פראפעסאר רובעק (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): ניין, איך געדיינק עס ווירקליך ניט. נו, וואָס האָב איך דיר פערשפּראָכען?

מאיא: דו האָסט געזאָגט, דו וועסט מיך מיטנעהמען אויף א הויכען בארג און מיר ווייזען די גאנצע הערליכקייט פון דער וועלט.

פראפעסאר רובעק (איבערראשט): ווירקליך? דאָס האָב איך דיר אויך פערשפּראָכען?

מאיא (קוקט איהם אָן): מיר אויך? ווען דען נאָך אחוץ מיר?

פראפעסאר רובעק (גלייכגילטיג): ניין, ניין, כ'מיין בלויז — האָב איך דיר דאָס צוגעזאָגט —?

מאיא: — די גאנצע הערליכקייט פון דער וועלט האָסט

דו מיר צוגעזאָגט צו ווייזען. און אָט די גאנצע הערליכקייט, האָסט דו געזאָגט, זאָל מיר און דיר געהערען.

פּראָפעסאָר רובעק: דאָס איז געווען אזא מין ארט ריידען, א פראזע, וואָס איך פלעג אמאָל אָפט בענוצען.

מאיא: בלויז אן ארט ריידען?

פּראָפעסאָר רובעק: יאָ, נאָך פון אינגעלווייז אָן. אזא מין פראזע, מיט וועלכער איך פלעג פערנארען אונזער שכן׳ס קינ־דער, ווען איך האָב זיי געוואָלט ארויסנעהמען מיט מיר, זיך צו שפּיעלען אויף די בערג און אין די וועלדער.

מאיא (קוקט איהם אָן שטרייננג): דו האָסט אפשר מיך אויך געוואָלט בלויז פערנארען, כדי זיך מיט דיר דערנאָך צו שפּיעלען?

פּראָפעסאָר רובעק (מיט אַ שפּאַסהאַפטען טאָן): נו, האָסט דו זיך דען ניט נאָך אלעמען גאנץ גוט אמוזירט ביי דעם שפּיעל, מאיא?

מאיא: איך בין ניט געגאנגען מיט דיר, בלויז כדי זיך צו שפּיעלען.

פּראָפעסאָר רובעק: ניין, ניין, פערשטעהט זיך אז ניט.

מאיא: און דו האָסט מיך אויך קיינמאָל ניט מיטגענומען מיט דיר אויף א הויכען בארג און האָסט מיר ניט געוויזען —

פּראָפעסאָר רובעק (געררייצט): — די גאנצע הער־ליכקייט פון דער וועלט? ניין, דאָס זיכער ניט. וואָרים לאָמיך דיר זאָגען דעם רעכטען אמת: דו ביסט אייגענטליך ניט געשאפען ארויפצוגעהן אויף די בערג, קליינע מאיא.

מאיא (זוכט זיך צו קאָנטראָלירען): דאָך איז געווען א צייט, ווען דו האָסט גערייגקט, אז איך בין יאָ דערצו געשאפען.

פּראָפעסאָר רובעק: אן ערך פיער, פינף יאָהר צוריק, יאָ. (שטרעקט זיך אויס אין שטוהל). פיער, פינף יאָהר, — דאָס איז א לאנגע, לאנגע צייט, מאיא.

מאיא (קוקט איהם אָן מיט אַ ביטערען אויסדרוק): וואָס זשע, די צייט איז דיר אזוי מורא'דיג לאנג געוואָרען, רובעק?

פּראָפעסאָר רובעק: צייטענווייז ווערט זי מיר לאנג. (מיט אַ געגעץ). אזוי, ווען ניט ווען.

מאיא (געהט צוריק אַריבער אויף איהר פּלאַץ): איך וועל זיך שוין מעהר ניט לאנגווײלען. (זי זעצט זיך אין איהר שטוהל, נעהמט די צייטונג און הויבט זי אָן בלעטערן. שטילשווייגען פון ביידע זייטען).

פּראָפעסאָר רובעק (שפּארט זיך אָן מיט'ן עלענבויגען אויף'ן טיש צו איהר אַריבער און קוקט זי אָן מיט אַ לייכטען שמייכעל): פיהלט זיך די פרוי פּראָפעסאָר געקרענקט?

מאיא (קאַלט, ניט אויפהויבענדיג די אויגען): ניין, דורכ־אויס ניט.

געסט פון די בעדער, דאָס רוב דאַמען, קומען אָן איינציגווייז און אין גרופּען פון רעכטס און לינקס, שפּאַצירענדיג איבער'ן פּאַרק.

קעלנער ברינגען אַרויס געטרענקע פונ'ם האָטעל און פערשווינדען דערמיט הינטער'ן פּאַוויליאָן.

דער אינספּעקטאָר פון די בעדער, דעם שטעקען און האַנד־שוה אין דער האַנד, קומט פון זיין שפּאַציר אין פּאַרק, פערנייגט זיך העפליך פאַר די געסט, וואָס ער בעגעגענט, און רעדט עטליכע ווערטער מיט איינציגע פון זיי.

דער אינספּעקטאָר (געהט צו צו פּראָפּעסאָר רובעק'ס טיש און נעהמט העפליך אַרונטער דעם הוט): כ'האָב די עהרע אייך צו ווינשען א גוט מאָרגען, פרוי פּראָפעסאָר. — גוט מאָרגען, הערר פּראָפעסאָר.

פּראָפעסאָר רובעק: גוט מאָרגען, גוט מאָרגען, חערר אינספּעקטאָר.

דער אינספּעקטאָר (צו פרוי מאיא'ן): מעג מען פרע־גען, צי די הערשאַפטען האָבען גוט געשלאָפען?

מאיא: איך דאנק זע־ר; גאנץ אויסגעצייכענט — איך פאַר מיין טהייל. איך שלאָף שטענדיג ווי א שטיין.

דער אינספעקטאר: עס פרעהט מיך זעהר צו הערען. די ערשטע נאכט אויף א פרעמדען ארט האט אפט איהרע אונבע־קוועמליכקייטען. — און איהר, הערר פראפעסאר — ?

פראפעסאר רובעק: אה, מיט מיין שלאף איז ניט אזוי פרעהלאך. דער עיקר אין דער לעצטער צייט.

דער אינספעקטאר (מיט א מיענע פון מיטגעפיהל): אה — דאס טהוט מיר לייד. אבער זייט אקארשט א פאר וואכען דא אין די בעדער — און איהר וועט עס איבערקומען.

פראפעסאר רובעק (קוקט ארויף צו איהם): זאגט מיר, הערר אינספעקטאר, — איהר האט דא צווישען אייערע פא־ציענטען איינעם, וואס באדט זיך ביינאכט ?

דער אינספעקטאר (פערוואונדערט): ביינאכט ? דערפון הויב איך ניט אן וויסען.

פראפעסאר רובעק: ניט ?

דער אינספעקטאר: אזוי ווייט ווי איך וויס, איז דא קיינער ניט אזוי קראנק, ער זאל דאס נייטיג האבען.

פראפעסאר רובעק: נו, איז על כל פנים פארהאן ביי איך אימיצער, וואס געהט ביינאכט שפאצירען אין פארק ?

דער אינספעקטאר (שמייכעלט און שאקעלט מיט'ן קאפ): ניין, הערר פראפעסאר, — דאס וואלט געווען געגען געזעץ.

מאיא (ווערענדיג אונגעדולדיג): מיין גאט, רובעק, — יוי איך האב דיר שוין היינט אין דער פריה געזאגט, — ס'האט זיך דיר געמוזט חלום'ן.

פראפעסאר רובעק (טרוקען): אזוי ? ווירקליך ? ס'האט זיך מיר געמוזט חלום'ן ? (צום אינספעקטאר): די געשיכטע איז, אז איך בין היינט ביינאכט אויפגעשטאנען, ווייל איך האב ניט געקענט איינשלאפען, און איך האב געוואלט זעהן וואס פאר א וועטער עס איז —

דער אינספעקטאר (אויפמערקזאם): נו יא, הערר פראפעסאר. און — ?

פראפעסאר רובעק: איך קוק ארויס פון פענסטער

— אין דערזעה, ווי א ווייסע געשטאלט וואנדרעלט דאָרט ארום צווישען די ביימער.

מאיא (מיט א שמייכעל צום אינספעקטאָר): און אחוץ דעם ערקלעהרט רובעק, אז די געשטאלט איז געגאנגען אָנגעטהאָן אין א באָד־קאָסטיום.

פראָפעסאָר רובעק: — אָדער אין עפּעס עהנליכעס. כ'האָב ניט געקענט זעהן גאנץ גענוי וואָס דאָס איז. נאָר עפּעס ווייסעס איז דאָס יעדענפאלס געווען.

דער אינספעקטאָר: זעהר מערקווירדיג. איז עס געווען א הערר אָדער א דאמע?

פראָפעסאָר רובעק: כ'וואָלט געשוואָרען, אז עס איז געווען א דאמע. אבער הינטער איהר איז געקומען נאָך א געשטאלט. און די איז געווען גאנץ דונקעל. ווי א שאָטען —

דער אינספעקטאָר (ערשטוינט): דונקעל? אפשר גאָר שווארץ?

פראָפעסאָר רובעק: יאָ, ס'האָט מיר כמעט אזוי אויסגעוויזען.

דער אינספעקטאָר (אזוי ווי איהם וואָלט עפּעס קלאָהר געוואָרען): הינטער דער ווייסער? גאנץ נאָהענט הינטער איהר — ?

פראָפעסאָר רובעק: יאָ, גאנץ נאָהענט.

דער אינספעקטאָר: אהא! איך קען אייך פיליייכט געבען אן ערקלעהרונג וועגען דעם, הערר פראָפעסאָר.

פראָפעסאָר רובעק: נו, וואָס איז דאָס אזוינס געווען?

מאיא (גלייכצייטיג): וואָס זשע, ס'האָט זיך רובעק'ן, הייסט עס, ניט גע'חלום'ט?

דער אינספעקטאָר (פּלוצלונג מיט א שעפּטשענדען טאָן, אנווייזענדיג אויף דעם הינטערגרונד רעכטס): שש, אויף א ווײלע! ניט א קוק אָט דאָרט. — כ'בעט אייך, רעדט איצט ניט הויך מכח דעם.

אַ שלאַנקע דאַמע, אָנגעטהאָן אין אַ פיינעם קריעם־ווייסען קאַשמיר, בעגלייט פון אַ באַרמהאַרציגער שוועסטער אין שוואַרצען, וועלכע טראָגט אַ זילבערנעם צלם אָנגעהאָנגען אָן אַ קייטעל אויף דער ברוסט, קומט אַרויס פון הינטער דעם האָטעל און געהט אַריבער דעם פּאַרק צום פּאַוויל־ליאָן לינקס. איהר געזיכט איז בלייך, די ציגע אזוי ווי פערגליווערט; די ברעמען ארונטערגעלאָזען, די אויגען—אַקוראַט ווי זיי וואָלטען גאַרנישט געזעהן. איהר קלייד פאַלט אַרונטער צו איהרע פיס און נעהמט אַרום אין גלייכע לענגליכע פאַלטען איהר קערפּער. איבער'ן קאָפּ, נאַקען, ברוסט, שולטערן און אָרעמס טראָגט זי אַ גרויסען ווייסען שאַל פון די־נעם וואָל. אונבעוועגליכע האַלטונג. שטייפע אָבגעמאָסטענע טריט. די הענד פערלייגט איבער דער ברוסט. די האַלטונג פון דער „שוועסטער" איז אויך אָבגעמאָסטען און זי האָט די מיענע פון אַ דיענסט. זי נעהמט ניט אראָב איהרע ברוינע שטעכעדיגע אויגען פון דער דאַמע. קעלנער, מיט סערוויעטען אויף די אָרעמס, ווייזען זיך אין די טהירען פון האָ־טעל און קוקען נייגעריג נאָך די ביידע פרעמדע, וועלכע קוקען זיך אויף קיין זאַך ניט אום און פערשווינדען אין דעם פּאַוויליאָן

פּראָפעסאָר רובעק (האָט זיך ניט ווילענדיג לאַנגזאַם אויפגעהויבען און קוקט אויף דער פערמאַכטער טהיר פון פּאַוויליאָן): ווער איז אָט די דאמע?

דער אינספּעקטאָר: א פרעמדע, וועלכע האָט געדונגען אָט דעם קליינעם פּאַוויליאָן דאָ.

פּראָפעסאָר רובעק: אן אויסלענדערין?

דער אינספּעקטאָר: ס'ווייזט אזוי אויס. ביידע זיינען יעדענפאלס אָנגעקומען פון אויסלאַנד. מיט אן ערך א וואָך צוריק. זיי זיינען ביז אהער נאָך ניט געוועזען דאָ.

פּראָפעסאָר רובעק (איהם אָנקוקענדיג, בעשטימט): די און ניט קיין אנדערע האָב איך היינט ביינאכט געזעהן אין פּאַרק.

דער אינספּעקטאָר: דאָס איז עס גאַנץ זיכער געוועזען. כ'האָב עס גלייך פערשטאַנען.

פּראָפעסאָר רובעק: ווי הייסט די דאמע, הערר אינספּעקטאָר?

ד ע ר א י נ ס פ ע ק ט א ר : זי האָט זיך איינגעשריבען אלס :
„מאדאם דע סאטאָוו מיט בעגלייטערין". מעהר ווייסען מיר ניט.

מ א י א (לאַבט שפּאָטיש) : וואָס זשע, דו קענסט ווער מען עס איז, וואָס הייסט אזוי, רובעק? האַ?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) : ניין, קיינעם ניט. — סאטאָוו? דאָס קלינגט רוסיש. אָדער יעדענפאלס סלאוויש. (צום אינספּעקטאָר) : וואָס פאר א שפראך רעדט זי?

ד ע ר א י נ ס פ ע ק ט א ר : ווען דיביידע דאמען שמועסען איינע מיט דער אנדערער, ריידען זיי א שפראך, פון וועלכער איך קען ניט קלוג ווערן. נאָר אזוי רעדט זי נאָרוועגיש ווי א געבוירענע נאָרוועגערין.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (ערשטוינט) : נאָרוועגיש? זייט איהר זיכער, אז איהר האָט ניט קיין טעות?

ד ע ר א י נ ס פ ע ק ט א ר : ניין, דעריין קען איך קיין טעות ניט האָבען.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (קוקט איהם אָן מיט שפּאַנענדע בליקען) : איהר האָט עס אליין געהערט?

ד ע ר א י נ ס פ ע ק ט א ר : יאָ, כ'האָב אליין א פּאָר מאָל מיט איהר גערעדט. דעם אמת זאָגענדיג, נור עטליכע ווערטער. ווארים זי איז נאָרנישט ריידעוודיג. אָבער —

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק : אָבער נאָרוועגיש איז עס געווען?

ד ע ר א י נ ס פ ע ק ט א ר : ריינעם גוטעם נאָרוועגיש. פיליכט מיט אן אקצענט, וואָס האָט אביסעל דערמאָהנט אָן דאָס נאָרדישע נאָרוועגיש.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (קוקט ערשטוינט פאַר זיך און שעפּשעט) : דאָס אויך!

מ א י א (אביסעל געטראָפען און אונאנגענעהם בעריהרט) : פיליכט איז די דאָזיגע דאמע אמאָל געווען איינם פון דיינע מאָדעלען, רובעק? דערמאָן זיך אקאָרשט.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (קוקט זי אָן מיט א דורכדרינגענדען בליק) : מאָדעל!

מ א י א (מיט אַן ארויסרופענדען שמייכעל): נו יאָ, אין דיינע אינגערע יאָהרען. דו האָסט דאָך געהאט, זאָגט מען, אזוי פיעל מאַ־דעלען. מיט יאָהרען צוריק, פערשטעהסט זיך.

פּראָפעסאָר רובעק (מיט'ן זעלבען טאָן): אָך ניין, מיין קליינע פרוי מאיא. כ'האָב אין גרונד גענומען תמיד געהאט נור איין איינציגען מאָדעל. איין איינציגען — פאר אלץ, וואָס איך האָב געשאפען.

דער אינספעקטאָר (וועלכער האָט זיך אָבגעקעהרט און אַריבערגעקוקט נאָך לינקס): יאָ, איצט וועל איך ליידער אייך מוזען פערלאָזען. ווארים א בעגעגעניש מיט דעם הערר, וואָס איך זעה דאָ קומען, איז גראָד ניט פון די אנגענעהמע זאכען. דער עיקר אין דער געגענוואַרט פון דאמען.

פּראָפעסאָר רובעק (קוקט אויך נאָך לינקס): איהר מיינט דעם יעגער, וועלכער קומט דאָ? ווער איז דאָס?

דער אינספעקטאָר: דאָס איז גוטסבעזיצער אולפ־היים —

פּראָפעסאָר רובעק: אָה, גוטסבעזיצער אולפהיים.

דער אינספעקטאָר: —דער „בערען־טויטער", ווי מען רופט איהם.

פּראָפעסאָר רובעק: יאָ, כ'קען איהם.

דער אינספעקטאָר: יאָ, ווער קען איהם דען ניט.

פּראָפעסאָר רובעק: נור גאנץ ווייניג אייגענטליך. וואָס זשע, איז ער איצט — ענדליך — אויך צווישען אייערע פאציענטען?

דער אינספעקטאָר: ניין, ס'איז מערקווירדיג, — נאָך אלץ ניט. ער קומט נור איינמאָל אין יאָהר אראָב אהער, — ווען ער געהט אויף דער יאגד אין די בערג. (וויל אריינגעהן אין האָטעל).

אולפהיים'ס שטימע (פון דרויסען): וואַרט דאָך אויס א ווייל! דער טייוועל זאָל עס נעהמען, וואָס האָט איהר קיין צייט ניט? פאַרוואָס לויפט איהר שטענדיג אוועק פון מיר?

דער אינפעקטאָר (בלייבט שטעהן): איך לויף דאָך גאָר ניט אוועק, הערר גוטסבעזיצער.

גוטסבעזיצער אולפהיים קומט אריין פון לינקס, בעגליים פון אַ דיענער, וועלכער פיהרט אַ פּאָר יאגד הינד. אולפהיים טראָגט אַ יאַגד־אַנצוג, הויכע שטיוועל און א פילץ־הוט מיט אַ פעדער. ער איז אַ מאָגערע, לאַנגע, נערוועזע פּערזאָן, מיט ווייסע האָר און באָרד און מיט אַ הויכער שטימע. נאָך זיין אויסזעהן נאָך קען מען ניט זאָגען בעשטימט ווי אַלט ער איז, נאָר ער איז יעדענפאַלס ניט קיין יונגער מאַן.

אולפהיים (לאָזט זיך ארויף אויפ׳ן אינספּעקטאר): וואָס זשע, אָט **אזוי** נעהמט מען עס אויף פרעמדע, הא? איהר ענטלויפט דאָך מיט׳ן עק צווישען די הינטערשטע פיס, — אקוראט ווי דער טייוועל וואָלט זיך נאָך אייך נאָכגעיאָגט.

דער אינספּעקטאָר (רוהיג, איהם ניט ענטפערענדיג דערויף): איז דער הערר גוטסבעזיצער געקומען מיט׳ן שיף?

אולפהיים (ברומענדיג) כ׳האָב ניט געהאט די עהרע אפילו אָנצוקוקען א שיף. (די הענד אין די זייטען). אָט אפּנים איהר ווייסט גאָר ניט, אז איך פאָהר אויף מיין אייגען שיפעל? (צו זיין דיענער) קוק זיך גוט אום אויף דיינע מיט־בעשעפענישען, לאָרס. נאָר גיב אכטונג, זיי זאָלען מיר פונדעסטוועגען בלייבען הונגעריג. פרייטע ביינער, אבער ניט מיט צופיעל פלייש דערויף, פערשטעהסט? און רויה מוז עס זיין און נאָך רויכענדיג פון בלוט? און דאן האק דיר אליין אויך וואָס עס איז אין בויך אריין.. (זיך לאָזענדיג צו איהם מיט אַ בריק). נו, — און אצינד טראָג זיך צום טייוועל! (דער דיענער געהט ארויס מיט די הינט, הינטער דעם ווינקעל פון האָטעל).

דער אינספּעקטאָר: וואָלט אפשר דער הערר גוטסבעזיצער נעוואָלט אריינגעהן דערווייל אין דעם עסס־זאאל?

אולפהיים: אריין דאָרט צו די דאָזיגע האלב־טויטע פליגען און מענשען? ניין, — כ׳־דאנק אייך טויזענד מאָל דערפאר, הערר אינספּעקטאָר.

דער אינספעקטאָר: נו, נו, ווי איך איז אם ליעב־סטען.

אולפהיים: אָבער זעהט, די מויד זאָל מיר צורעכט מאַכען דעם פּראָוויאנט, ווי געוועהנליך. קודם כל א סך, מען זאָל האָבען וואָס צו בייסען. און אזוי א היבש ביסעל בראנפען! זאָגט איהר נור, אז איך אָדער לאַרס וועט איהר מאכען א שווארצען סוף אויב זי וועט ניט —

דער אינספעקטאָר (שלאָגט איהם איבער די רייד): מיר ווייסען שוין אלעם פון פריה׳ער. (זיך ווענדעדיג אויף דער אַנדער זייט). זאָל איך דעם קעלנער הייסען ברייננגען וואָס עס איז, הערר פּראָפעסאָר? אָדער פיליכט פאר דער גנעדיגער פרוי?

פּראָפעסאָר רובעק: ניין, כ׳דאנק אייך זעהר, — פאר מיר ניט.

מאיא: פאר מיר אויך ניט.

דער אינספעקטאָר אָב אין האָטעל.

אולפהיים (קוקט זיי ביידען אָן אַ רגע; דאַן נעהמט ער ארונטער דעם הוט): נו, צום טייפעל! דאָ איז, הייסט עס, א גאנץ פּראָסטער פויער ארייננגעפּאלען גאָר אין די הויכע פענסטער?

פּראָפעסאָר רובעק (טהוט אַ קוק אויף איהם): וואָס מיינט איהר דערמיט, הערר גוטסבעזיצער?

אולפהיים (איינגעהאַלטענער און מיט מעהר דרך ארץ): אָט אפנים איך שטעה דאָ ניט פאר קיין אנדערן, ווי פאר דעם הערר פּראָפעסאָר רובעק אליין.

פּראָפעסאָר רובעק (שאָקעלט צו מיט׳ן קאָפּ): מיר האָבען זיך א פּאָר מאָל געטראָפען אין געזעלשאפטען. דעם לעצטען הערבסט, וואָס איך האָב פערבראכט דאָ אויבען.

אולפהיים: יאָ, מיט יאָהרען צוריק. און אין יענער צייט איז נאָך אייער נאָמען אויך ניט געוועזן אזוי בעקאנט ווי איצט. ווארים דעמאָלט האָט נאָך א שמוציגער בערן־יעגער געמעגט צוקומען נאָהענט צו אייך.

פּראָפּעסאָר רובעק (שמייכעלט): איך בײם איצט אויך קײנעם ניט.

מאיא (קוקט אָן אולפהיים מיט אינטערעס): איהר זייט טאַקי א ריכטיגער בערען־יעגער?

אולפהיים (זעצט זיך ביים צווייטען טיש, נעהענטער צום האָטעל): אם ליעבסטען יאָג איך זיך נאָך בערען. נאָר איך וואַרף זיך פונדעסטוועגען ניט מיט קיין אנדער זאַך, וואָס קומט מיר אין וועג. צי דאָס זיינען אָדלערס, צי וועלף, צי גאָר ווייבער, אָדער הירשען. — נאָר פריש מוזען זיי זיין און זאפטיג און פול מיט בלוט. (טרינקט פון דער יאַגד־פלאַש).

מאיא (קוקט איהם גלייך אין די אויגען אַריין): אם ליעבסטען אָבער יאָגט איהר זיך נאָך בערען?

אולפהיים: יאָ, דאָס איז מיר ליעבער פון אלעס. וואָרים דאָ קען מען זיך אזוי פיין בענוצען מיט'ן מעסער, ווען מען האָט קיין אנדער ברירה ניט. — (מיט אַ לייכטען שמייכעל). מיר ארבייטען אין א הארטען מאַטעריאל, מיר ביידע, גנעדיגע פרוי, — איך און אייער מאַן. ער מוטשעט זיך, ווי איך שטעל מיר פאָר, מיט'ן מאַרמאָר. און איך מוטשע זיך אָב מיט דיקע, ציטערנדע בערען־מוסקולען. און ביידע בעזיעגען מיר ענדליך דאָס מאַטעריאל, ווערען בעלי בתים איבער דעם. מיר גיבען ניט נאָך, ביז וואַנען מיר האָבען ניט בייגעקומען דעם הארטנעקיגען, ווידערשטעהענדען שטאָף.

פּראָפּעסאָר רובעק (פערטיעפט אין געדאַנקען): דאָס איז כ'לעבען גאָרנישט אזוי קרום וואָס איהר זאָגט דאָ.

אולפהיים: נו יאָ, וואָרים דער שטיין ווייסט דאָך מסתמא, פארוואָס ער לאָזט זיך ניט. ער איז טויט, און דאָך וויל ער זיך מיט אַלע כחות ניט לאָזען לעבעדיג אויסהאַמערען. אקוראט ווי דער בער, ווען אימיצער וועקט איהם אויף אין זיין גרוב.

מאיא: איהר ווילט, הייסט עס, איצט אַרויפגעהן אין די וועלדער און יאָגען?

אולפהיים: גאַנץ הויך אויף די בערג וויל איך ארויפ־

געהן. — איהר אפנים זייט קיינמאָל ניט געווען אויף די הויכע בערג, מאדאם?

מאַיאַ: ניין, קיינמאָל ניט.

אולפהיים: הערט א געשיכטע, סאַ זעהט זשע איהר זאָלט היינטיגען זומער ארויפגעהן אהין! איהר קענט זיך אָנשליכען אָן מיר. איהר מיט אייער מאן — דאָס געהט אויסגעצייכענט.

מאַיאַ: זעהר פריינדליך פון אייך. נאָר רובעק האָט גאָר ברעה צו מאכען א רייזע אויפ'ן ים.

פראָפעסאָר רובעק: ארום דעם ברעג — דורך די קאַנאַלען פון אינזעל.

אולפהיים: פע, צו'ן אלדע שווארץ יאַהר, — וואָס וועט איהר דען טהאָן אין דעם פערדאמטען, עפּוש'דיגען רינשטאָק! וואָס זשע, איהר ווילט פערטרייבען די צייט אין ברודנע וואסער? אין ברעך־וואסער, וואָלט גלייכער געווען צו זאָגען.

מאַיאַ: אָט האָסט דו דיר, רובעק.

אולפהיים: אך, איהר קומט ליעבערשט מיט מיר אויף די בערג. דאָרט איז פריי און ריין פון מענשען. איהר קענט זיך גאָר ניט משער זיין וואָס דאָס הייסט פאר מיר. פערשטעהט זיך, אזא קליין ווייבעלע — (ער שטעלט זיך אָב. די באַרמהאַרציגע שוועסטער קומט אַרויס פון פּאַוויליאָן און געהט אַריין אין האָטעל).

אולפהיים (פאָלגט איהר נאָך מיט די אויגען): קוקט אקאָרשט אָן אָט די דאָ! דעם שווארצען פויגעל! — ווער דאַרף דען דאָ בעגראָבען ווערן?

פראָפעסאָר רובעק: אסור אויב איך וויים.

אולפהיים: נו, דאן מוז דאָ ווער עס איז האלטען ביים קראַפּירען ערגעץ אין א ווינקעל. אך, די קראנקע און שלאפע וואָלטען געמעגט א טובה טהאָן און זיך לאָזען בעגראָבען — און טאקע אזוי שנעל ווי מעגליך.

מאַיאַ: איהר זייט גאָר קיינמאָל ניט קראנק געווען, הערר גוטסבעזיצער?

אולפהיים: ניין. זאָנסט וואָלט איך דאָ ניט געווען. —

אָבער מיינע בעסטע פריינד — זיי זיינען אָפּט קראַנק געווען, די אָרעמע טייוואַלים.

מאיא: און וואָס האָט איהר מיט זיי געטהאָן?

אולפהיים: דערשאָסען האָב איך זיי, פערשטעהט זיך.

פּראָפעסאָר רובעק (קוקט איהם אָן): דערשאָסען?

מאיא (טהוט אַ רוק איהר שטוהל צוריק): דערשאָסען אויף טויט?

אולפהיים (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): איך שים קיינמאָל ניט פערביי, מאדאם.

מאיא: אָבער שיסען מענשען — ווי אזוי קענט איהר זיי איינפאך דערשיסען אויף טויט? מענשען —?

אולפהיים: איך רעד דאָך ניט פון מענשען —

מאיא: אייערע בעסטע פריינד האָט איהר געזאָגט —

אולפהיים: מיינע בעסטע פריינד זיינען דאָך מיינע הינט.

מאיא: אייערע הינט —?

אולפהיים: כ'האָב ניט קיין בעסערע איידער אָט די עהרליכע, געטרייע, דורך און דורך בראַווע יאַגד־קאַמעראַדען מיי־נע—. אז איינער פון זיי ווערט קראַנק און שוואַך, איז פּוּף! און אריבערגעפּעקעלט איז דער פריינד — אויף יענער וועלט.

די באַרמהאַרציגע שוועסטער קומט ארויס פון האָטעל מיט אַ טאַץ, אויף וועלכער עס געפינט זיך מילך און ברויט, שטעלט זי אַוועק אויפ'ן טיש לעבען פּאַוויליאָן, וואוהין זי געהט אַריין.

אולפהיים (מיט שפּאָט): אָט דאָס דאָ, — דאָס רופט מען שפּייז פאר מענשען! וואסערדיגע מילך און ווייך, קלעפּיג ברויט. ניין, איהר האָט געדאַרפט אָנקוקען מיינע פריינד. ווי זיי פרעסען! וואָלט איהר עס געוואָלט זעהן?

מאיא (שמייכעלט צו איהר מאַן און שטעהט אויף): יאָ, פאַר־וואָס דען ניט.

אולפהיים (שטעהט אויך אויף): בראַוואָ! איהר זייט ווירקליך א שארפזיניגע פרוי, מאדאם. אלזאָ, קומט. גרויסע דיקע

ביינער שלינגען די חברה־לייט ארונטער אין גאנצען. ברעכען זיי אוים און שלינגען זיי פון דאָס ניי איין. כ'זאָג אייך, ס'איז אן אמת'ע פרייד דאָס צו זעהן. און דאן וועלען מיר אויך א שמועס טהאָן מכח דער רייזע אויף די בערג —. (אָב צום עק פון האָטעל. מאַיאָ געהט איהם נאָך).

כמעט אין דערזעלבער רגע קומט די פרעמדע ארוים פון פּאַווילִיאָן און זעצט זיך אַנידער ביים טיש.

די פרעמדע טראָגט צו איהר גלאָז צום מויל און וויל טרינקען, נאָר אין מיטען דערינען האַלט זי זיך צוריק און קוקט מיט לײדיגע, אויסדרוקסלאָזע אויגען אויף רובעק'ן.

פּראָפעסאָר רובעק (בלייבט זיצען ביי זיין טיש און קוקט זי אָן מיט אַן ערנסטען און דורכדרינגענדען בליק. ענדליך שטעהט ער אויף, מאַכט אַ פּאָר טריט צו איהר, בלייבט שטעהן און זאָגט שטילער־הייט): איך דערקען דיך גאַנץ גוט, אירענע.

די דאמע (מיט אַ קלאַנגלאָזער שטימע, בעת זי שטעלט אַוועק דאָס גלאָז): דו טרעפסט ווער איך בין, ארנאָלד?

פּראָפעסאָר רובעק (אויסמיידענדיג אַן ענטפער): דו דערקענסט מיך אַלזאָ אויך?

די דאמע: מיט דיר איז דאָס גאָר א גאנץ אנדער זאַך.

פּראָפעסאָר רובעק: פארוואָס עפּעס, — מיט מיר?

די דאמע: ווייל דו ביסט נאָך לעבעדיג.

פּראָפעסאָר רובעק (פערשטעהט זי ניט): לעבעדיג—?

די דאמע (כמעט גלייכצייטיג): ווער איז געווען די אנ־דערע? די וואָס דו האָסט געהאַט מיט דיר — דאָרט ביים טיש?

פּראָפעסאָר רובעק (אַביסעל צוריקגעהאַלטען) די? דאָס איז געווען מיין — מיין פרוי.

די דאמע (שאָקעלט צו לאַנגזאַם מיט'ן קאָפּ): אזוי. גוט, ארנאָלד. איינע, הייסט עס, וועלכע געהט מיך גאָרנישט אָן —

פּראָפעסאָר רובעק (אונזיכער): ניין, פערשטעהט זיך —

די דאמע: — איינע, הייסט עס, וועלכע דו האָסט זיך איינגעשאפט ערשט נאָך מיין טויט.

פראָפעסאָר רובעק (קוקט אויף איהר שטאַר): נאָך דיין — ? וואָס מיינסטו דו דערמיט, אירענע?

אירענע (אויסמיידענדיג צו ענטפערן): און דאָס קינד? דעם געהט עס דאָך אויך גוט. אונזער קינד לעבט מיך אריבער. אין כבוד און גדולה.

פראָפעסאָר רובעק (שמייכעלט ווי אין א ווייטער ער־אינערונג): אונזער קינד, — אך, יאָ, אזוי פלעגען מיר עס רופען — דעמאָלט.

אירענע: בעת איך האָב געלעבט, יאָ.

פראָפעסאָר רובעק (בטאַרעט זיך אָנצונעהמען א מונ־טערן טאָן): יאָ, יאָ, אירענע, — איצט איז „אונזער קינד" בע־ריהמט איבער דער גאנצער וועלט. דו האָסט דאָך אודאי געלייענט וועגען דעם, ניט — ?

אירענע (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): און האָט אויך דעם פאָטער זיינעם בעריהמט געמאכט. — דערפון האָסטו אימער געטרוימט.

פראָפעסאָר רובעק (גאַנץ שטיל, געריהרט): דיר אליין בין איך שולדיג אלעס, אלעס, אירענע. און איך דאנק דיר דערפאר.

אירענע (פערזונקען אויף א ווײלע אין געדאַנקען): ווען איך וואָלט דעמאָלט געטהאָן וואָס איך האָב געהאט א רעכט צו טהאָן. ארנאָלד —

פראָפעסאָר רובעק: נו? וואָס וואָלסטו דעמאָלסט געטהאָן?

אירענע: וואָלט איך דאָס קינד דער'הרג'עט!

פראָפעסאָר רובעק: דער'הרג'עט!

אירענע (שעפּטשענדיג): דער'הרג'עט, — איידער איך בין אוועק פון דיר. צושמעטערט. צושמעטערט אויף שטויב.

פראָפעסאָר רובעק (שאָקעלט דעם קאָפּ מיט א פאָר־וואורף): דאָס וואָלסט דו ניט געקענט טהאָן, אירענע. וואָלסט קיין הארץ ניט געהאט, עס צו טהאָן.

אירענע: ניין, דעמאָלט האָב איך ניט געהאט קיין תארץ דערצו.

פּראָפעסאָר רובעק: אָבער שפּעטער? זינט דאַן?

אירענע: זינט דאַן האָב איך עס אונצעהליגע מאָל דער־הרג׳עט. אין מיטען העלען טאָג און אין׳ם חושך פון דער נאכט. דער׳הרג׳עט אין האס — און אין ראכע — און אין מורא׳דיגע יסורים.

פּראָפעסאָר רובעק (געהט צו נאָהענט צום טיש און פרעגט שטילערהייט): אירענע, — זאָג מיר איצט — נאָך אזוי פיעל יאָהרען, — פאר וואָס ביסט דו דעמאָלט אוועק פון מיר? און אזוי שטילערהייט אנטלאָפען, אז מען האָט דיך מעהר ניט געקענט געפינען — ?

אירענע (שאָקעלט לאַנגזאָם דעם קאָפּ): אך, ארנאָלד, — נאָך וואָס זאָל איך דיר עס זאָגען — איצט, ווען איך בין פון דער אנדער זייט קבר?

פּראָפעסאָר רובעק: ביסט אפשר געווען פערליעבט אין אן אנדערן?

אירענע: בלויז אין איינעם, און דער האָט מעהר ניט געדארפט מיין ליעבע. דער האָט מעהר מיין ליעבע ניט געדארפט.

פּראָפעסאָר רובעק (וויל ענדערן דעם געשפּרעך): הם, — לאָמיר צורוה לאָזען די פערגאנגענהייט —

אירענע: יאָ, יאָ, — נור צורוה לאָזען וואָס עס ליגט פון יענער זייט קבר. וואָס עס הייסט פאר מיר איצט יענע זייט קבר.

פּראָפעסאָר רובעק: וואו ביסט דו פאָרט אהינגעקומען, אירענע? כ׳האָב דיך אזוי פיעל ארומגעזוכט. — דו ביסט אזוי ווי אין וואסער אריין.

אירענע: איך בין אריין אין חושך, — בעת דאָס קינד האָט געשטראהלט פון ליכט.

פּראָפעסאָר רובעק: האָסט פיעל ארומגערייזט די וועלט?

אירענע: יאָ, כ'בין געווען אין א סך מלוכות און לענדער.

פראָפעסאָר רובעק (קוקט זי אָן מיט א בליק פון מיט־לייד): און מיט וואָס האָסט דו זיך אָבגעגעבען, אירענע?

אירענע (הויבט אויף די אויגען צו איהם): ווארט אקאָרשט; לאָמיך זיך דערמאָנען —. יאָ, איצט האָב איך עס. אין פערשיעדענע אונטערהאלטונגס־פלעצער האָב איך זיך געוויזען. אלס נאקעטע שטאטוע בין איך געשטאנען אין לעבעדיגע בילדער. און פיעל געלד איינגענומען, דערצו בין איך ביי דיר ניט געוואוינט געווען — דו האָסט קיין געלד ניט געהאט. — און דאן בין איך אויך ארומגעגאנגען מיט אלערליי מאנספערזאָנען און זיי דעם קאָפּ פערדרעהט. אויך דערצו בין איך ביי דיר ניט געוואוינט געווען, ארנאָלד. דו ביסט געווען שטאנדהאפטיגער.

פראָפעסאָר רובעק (פערלויפענדיג די פראגע): און דאן האָסט דו חתונה געהאט אויך?

אירענע: יאָ; מיט איינעם פון זיי.

פראָפעסאָר רובעק: ווער איז דיין מאן?

אירענע: ער איז געווען א זיער אמעריקאנער. א גרויסער דיפלאָמאט. (קוקט מיט א פערשטיינערטען שמייכעל פאר זיך). דעם האָב איך סוף כל סוף פון זינען אראָבגעטריבען; גאנץ פערריקט געמאכט — ניט צום אויסהאלטען; משוגע אויף טויט. הערסט דו, — ס'איז געווען א פיינער שפּאס אין אָנפאנג. איך וואָלט געקענט כסדר לאכען, אין זיך — ווען איך וואָלט נאָך געהאט עפּעס אין זיך.

פראָפעסאָר רובעק: און וואו איז ער איצט?

אירענע: ערגעץ־וואו אויף א בית עולם. מיט א הויכען גרויסארטיגען מאָנומענט איבער זיך. און אין זיין שארבען א בלייענע קויל.

פראָפעסאָר רובעק: ער האָט זיך אליין גענומען דאס לעבען?

אירענע: יאָ, ער איז געווען פריינדליך גענוג, מיר די טובה צו טהאָן.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: און דו טרויערסט גאָרנישט נאָך איהם, אירענע?

א י ר ע נ ע (ניט פערשטעהענדיג): טרויערן? נאָך וועמען?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: נו, נאָך הערר סאטאָוו.

א י ר ע נ ע: ער האָט ניט געהייסען סאטאָוו.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: ניט?

א י ר ע נ ע: מיין צווייטער מאן הייסט סאטאָוו. ער איז א רוס, —

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: און וואו געפינט ער זיך ערגעץ?

א י ר ע נ ע: ווייט פון דאנען, אין אוראל. ביי זיינע גאָלד-גריבער.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: ער לעבט, הייסט עס, ד אָ ר ט?

א י ר ע נ ע (ציהט מיט די אַקסלען): לעבט? לעבט? איי-גענטליך האָב איך איהם דער'הרג'עט.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (פערציטערט): דער'הרג'עט — !

א י ר ע נ ע: יאָ, מיט א קליינעם שפּיציגען שפּיעז, וואָס איך האָב תמיד אין בעט.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (ליידענשאַפטליך): איך גלויב דיך ניט, אירענע!

א י ר ע נ ע (מיט אַ מילדען שמייכעל): דו מעגסט עס גלויבען, ארנאָלד!

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (קוקט זי אָן מיט אַ בליק פון מיט-לייד): האָסט גאָר קיין קינדער ניט געהאט?

א י ר ע נ ע: אָה יאָ, א סך.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: און וואו זיינען ז י י איצט?

א י ר ע נ ע: איך האָב זיי דער'הרג'עט.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (שטרייננג): איצט זאָגסטו שוין ווידער ליגען.

א י ר ע נ ע: איך האָב זיי דער'הרג'עט — זאָג איך דיר! גאנץ איינפאך זיי ערמאָרדעט אָהן א שום רחמנות. גלייך ווי זיי

זיינען נאָר געקומען אויף דער וועלט. אָדער שוין פריהער, אסך פריהער. איינעם נאָכ'ן אנדערן.

פראָפעסאָר רובעק (אומעטיג און ערנסט): ס'ליעגט עפעס א פערבאָרגענער זינן הינטער אַלצדינג וואָס דו זאָגסט.

אירענע: וואָס קען איך טהאָן דערצו? יעדעס וואָרט, וואָס איך זאָג דיר, ווערט מיר אריינגעשושקעט אין אויער.

פראָפעסאָר רובעק: איך מיין, איך בין דער איינציגער, וואָס קען טרעפען דעם זינן דערפון.

אירענע: נו פערשטעהט זיך, אז דו דארפסט זיין דער איינציגער.

פראָפעסאָר רובעק (שפּארט זיך אָן מיט די הענד אויפ'ן טיש און קוקט איהר אריין טיעף אין די אויגען): עטליכע סטרונעס האָבען געמוזט פלאצען אין דיר, אירענע.

אירענע: דאָס טרעפט דאָך תמיד, ווען א יונגע הייס־בלוטיגע פרוי שטארבט.

פראָפעסאָר רובעק: אָבער אירענע, ווארף אוועק אָט די ווילדע פאָרשטעלונגען —! דו לעבסט דאָך! דו לעבסט — לעבסט!

אירענע (הויבט זיך לאַנגזאַם אויף פון איהר שטוהל און זאָגט מיט אַ ציטערנדער שטימע): יאָהרען־לאנג בין איך געוועזען טויט. זיי זיינען געקומען און האָבען מיך געבונדען. זיי האָבען מיר צונויפגעשנירעוועט די אָרעמס אויפ'ן רוקען. און דאן האָבען זיי מיך אראָבגעלאָזט אין א קעלער־גרוב, מיט אייזערנע שטאנגען ביים אריינגאנג, און מיט אויסגעבעטע ווענט, — אזוי אז אויבען אויף דער ערד האָט קיינער ניט געקענט הערען די געשרייען פון דער בעגראָבענער. נאָר איצט הויב איך ביסלעכווייז אָן אויפשטעהן תחית המתים. (זעצט זיך ווידער אויף איהר שטוהל).

פראָפעסאָר רובעק (נאָך אַ קורצער פויזע): האלטסטו מיך פאר דעם שולדיגען אין דעם אלעמען?

אירענע: יאָ.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: מאכסט מיך שולדיג אין דעם, — וואָס דו רופסט אָן טויט?

א י ר ע נ ע: שולדיג אין דעם וואָס איך האָב געמוזט שטאַר־בען. (נעהמט אָן אַ גלייכגילטיגען טאָן). פאַרוואָס זעצסט דו זיך ניט אנידער, אַרנאָלד?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: מעג איך?

א י ר ע נ ע: פאַר וואָס דען ניט? — דו ווערסט ניט דער־פרוירען ווערען — האָב קיין מורא ניט. וואָרים אזוי ריכטיג פער־וואַנדעלט אין אייז, מיין איך, בין איך נאָך אלץ ניט.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (רוקט צו א שטוהל צום טיש און זעצט זיך): אזוי, אירענע. איצט זיצען מיר ביידע ווידער איינס לעבען אנדערן, ווי אין די אלטע צייטען.

א י ר ע נ ע: און אביסעל ווייטליך איינס פון אנדערן. אויך ווי אין די אלטע צייטען.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: דאָס האָט דעמאָלט געמוזט אזוי זיין.

א י ר ע נ ע: ס'האָט געמוזט?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (מיט אַן ענטשלאָסענעם טאָן): נו יאָ, ס'האָט געמוזט זיין א געוויסע ווייטקייט צווישען אונז.

א י ר ע נ ע: אזוי, — ווירקליך, אַרנאָלד? —

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (ווייטער): געדיינקסט דו נאָך, וואָס פאר אַן ענטפער דו האָסט מיר געגעבען אויף מיין פראגע, צי דו וואָלסט געוואָלט מיטקומען מיט מיר אין די ווייטע וועלט?

א י ר ע נ ע: כ'האָב אויסגעשטרעקט דריי פינגער צום הי־מעל און געשוואָרען, אז איך וועל מיטגעהן מיט דיר ביז'ן עק וועלט און ביז דעם סוף פון מיין לעבען. און דיר דיענען אין אלצדינג. —

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: אלס מאָדעל פאר מיין קונסט־ווערק —

א י ר ע נ ע: — אין פרייער, פאָלשטענדיגער נאַקעטקייט —

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (מיט געפיהל): און ווי האָסט דין

מיר געדיענט, אירענע, — ווי מוטהיג, — ווי פרעהליך און אהן א שום פּאָרוואורף!

אירענע: יאָ, מיט דעם גאנצען קאָכיגען הערצענס־בלוט פון מיין יוגענד האָב איך דיר געדיענט —

פּראָפעסאָר רובעק (צושאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ און מיט א דאנקבארען בליק): דאָס האָסט דו ווירקליך א רעכט צו זאָגען.

אירענע: — און איך בין געפאלען צו דיינע פיס און האָב דיר געדיענט, ארנאָלד. (דריקט צונויף די האַנד אנטקעגען איהם) אבער דו, דו, — דו —!

פּראָפעסאָר רובעק (אין פערטהיידיגונג): איך האָב זיך קיינמאָל ניט פערזינדיגט געגען דיר! קיינמאָל ניט, אירענע.

אירענע: יאָ, דו האָסט עס דאָך געטהאָן! דו האָסט זיך פערזינדיגט געגען מיין אינערסטע נאטור.

פּראָפעסאָר רובעק (טהוט זיך א רוק אויף זיין שטוהל צוריק): איך — ?

אירענע: יאָ, דו! איך האָב זיך געשטעלט פאר דיר גאַנץ און אינבעריהויליען. (שטילערהייט). און דו האָסט מיך קיין איין איינציג מאָל ניט אנגעריהרט.

פּראָפעסאָר רובעק: אירענע, פערשטעהסט דו דען ניט, אז עס זיינען געווען טעג, ווען איך בין שיער פון זינען ניט אראָב פון דיין גאנצער שעהנקייט?

אירענע (רעדט אונגעשטערט ווייטער): און דאָך, — ווען דו וואָלטסט מיך אנגעריהרט, וואָלט איך דיך, גלויב איך אויף׳ן שטעל דער׳הרג׳עט. וואָרים איך האָב געהאט א שפּיציגע נאָדעל ביי מיר, — בעהאלטען אין די האָר — (גלעט זיך פערטראכטערהייט איבער׳ן שטערן). ניין, אָבער דאָך, דאָך —; אז דו זאָלסט עס האָבען געקענט —

פּראָפעסאָר רובעק (קוקט זי אָן מיט א פעסטען בליק): איך בין געווען א קינסטלער, אירענע.

אירענע: אָט דאָס איז עס טאקי.

פּראָפעסאָר רובעק: קודם כל א קינסטלער. ווי א

קראנקער בין איך ארומגעגאנגען און האָב געוואָלט שאפען דאָס גרויסע ווערק פון מיין לעבען. (פערליערט זיך אין עראינערונג). דער „טאָג פון תחית המתים“ האָט עס געזאָלט הייסען. און די תחית המתים האָט געדארפט פערקערפערט ווערן אין דעם בילד פון א יונגער פרוי, וועלכע כאפט זיך אויף פונ'ם שלאָף פון טויט —

אירענע: אונזער קינד, יאָ —

פראָפעסאָר רובעק (זעצט פאָרט): זי האָט געזאָלט זיין די איידעלסטע, ריינסטע, אידעאלסטע פרוי פון דער ערד, די ערוואכענדע. דאָ האָב איך דיך געפונען. דו ביסט געוועזן וואָס איך האָב געדארפט אין יעדער הינזיכט. און דו, דו האָסט זיך הינגעגעבען אזוי גערן און אזוי פרעהליך. און האָסט איבערגע־לאָזט דיין פאמיליע און דיין היים — און ביסט געגאנגען מיט מיר.

אירענע: דאָס וואָס איך בין מיט דיר געגאנגען, האָט גע־הייסען פאר מיר די ווידערראויפלעבונג פון מיין קינדהייט.

פראָפעסאָר רובעק: גאָט טאקי דערפאר האָב איך אין דיר געפונען וואָס איך האָב געדארפט, אין דיר און ניט אין קיין אנדערע. דו ביסט פאר מיר געוואָרען א הויך־הייליגעס ווערק פון שעפפונג, אָן וועלכען מען קען זיך נאָר אָנריהרען אין פערגעטערנדע געדאנקען. איך בין דאָך נאָך דעמאָלט גאָר יונג געווען, אירענע. און עפעס האָט מיך בעהערשט אן אבערגלויבען: ווען איך וואָלט דיך נור אָנגעריהרט, ווען איך וואָלט געוועזן לײדענשאפטליך צו דיר, דאן וואָלטען מיינע געדאנקען פערשוועכט און פעראונרייניגט געוואָרען, און איך וואָלט ניט געקענט דערענדיגען ביז'ן סוף, וואָס איך האָב אזוי געגארט צו שאפען. — און איך גלויב נאָך היינט, אז עס איז געלעגען עטוואָס אמת אין דעם.

אירענע (מיט א מיענע פון שפאָט): צוערשט דאָס קונסט־ווערק — דאן דאָס מענשענקינד.

פראָפעסאָר רובעק: דו קענסט אורטהיילען דערווי־בער ווי דו ווילסט. איך בין אַלענפאַלס דעמאָלט אין גאנצען בע־הערשט געוואָרען פון מיין אויפגאַבע, און איך האָב זיך דערביי גע־פיהלט אזוי גליקליך.

אירענע: און דו האָסט דיין אויפגאבע געלייזט, ארנאָלד.

פראָפעססאָר רובעק: מיט דיין הילף, דו געבענש־טע, — האָב איך זי געלייזט. איך האָב געוואָלט פערקערפערן די רייינע פרוי, ווי איך האָב זי געזעהן ערוואכענדיג אין דעם טאָג פון תחית המתים. אָהן א שום פערוואונדערונג איבער וואָס פאר עס איז נייעס אָדער אונבעקאנטעס אָדער אונגעטראכטעס. נאר פול מיט א הייליגער פרייד דעריבער, וואָס זי קען זיך אליין צוריק גע־פינען אונפערענדערט, — זיך, די פרוי פון דער ערד, — אין די העכערע, פרייערע, גליקליכערע קרייזען — נאָך דעם לאנגען, טרוימלאָזען שלאָף פון טויט. (אביסעל מילדער). אזוי האָב איך עס געשאפען. — נאָך דיין בילד נאָך האָב איך עס געשאפען, אירענע.

אירענע (לייגט אוועק די הענד פלאך אויף׳ן טיש און שפאַרט זיך אָן אָן שטוהל): און דאן ביסט דו געווען פארטיג מיט מיר —

פראָפעססאָר רובעק (מיט אַ פאָרוואורף): אירענע!

אירענע: — און האָסט מיך שוין מעהר ניט געדארפט —

פראָפעססאָר רובעק: ווי קענסט דו גאר אזוי ריידען!

אירענע: — האָסט אָנגעהויבען אלע מאָל זוכען אנדערע אידעאלען —

פראָפעססאָר רובעק: איך האָב ניט געפונען קיין אנ־דער אידעאל נאָך דיר.

אירענע: קיין אנדערע מאָדעלע אויך ניט, ארנאָלד?

פראָפעססאָר רובעק: דו ביסט ניט געווען קיין מאָ־דעל פאר מיר. דו ביסט געוועזן דער סאמע קוואל פון מיין שעפפונג.

אירענע (שווייגט אַ רגע): וואָס פאר א ווערק האָסט די זינט דאן געמאכט? אין מארמאָר, מיין איך. זינט יענעם טאָג, ווען איך בין אוועק פון דיר?

פראָפעססאָר רובעק: קיין רעכטע זאך האָב איך מעהר ניט געשאפען זינט יענעם טאָג. בלויז אזוי אָבגעשטופט מיין לע־בען אין מאָדעלירען.

אירענע: און די פרוי מיט וועמען דו לעבסט איצט צו־זאמען — ?

פראָפעסאָר רובעק (שלאָגט איחר איבער די רייד): ניט רייד איצט פון איהר. דאָס פערכאפּט מיר ביים אָטהעם.

אירענע: וואוהין האָסטו ברעה מיט איהר צו פאָהרען?

פראָפעסאָר רובעק (מיעד און אָבגעלאָזען): איך וועל מסתמא מוזען מאכען א לאנגע און לאנגווייליגע ים־רייזע קיין צפון צו.

אירענע (קוקט איהם אָן, שמייכעלט כמעט אונבעמערקבאר און שעפּטשעט): געה ליעבערשט אויף די בערג. אזוי הויך ווי דו קענסט נור קומען. העכער, — אלץ העכער, ארנאָלד.

פראָפעסאָר רובעק (מיט געשפּאַנטער ערוואַרטונג): האָסט דו ברעה ארויפצוגעהן אויף די בערג?

אירענע: וואָלסט דו נעהאט דעם מוטה, נאָך אמאָל זיין מיט מיר צוזאמען?

פראָפעסאָר רובעק (אונזיכער, קעמפּפענדיג מיט זיך): ווען מיר וואָלטען עס געקענט, — ווען מיר וואָלטען עס נור געקענט — !

אירענע: פארוואָס זאָלען מיר ניט קענען וואָס מיר ווילען? (קוקט איהם אָן און שעפּטשעט בעטענדיג, מיט צונויפגעלייגטע הענד). קום. קום, ארנאָלד! קום ארויף צו מיר — !

מאַיאַ קומט אַריין, מונטער, מיט גליהענדע באַקען, הינטער דעם עק פון האָטעל, און לויפט צו צום טיש, דאָרט וואו זי איז פריהער געזעסען.

מאיא (נאָך ביים עק, זיך ניט אומקוקענדיג): קענסט זאָגען וואָס דו ווילסט, רובעק, אָבער — (בלייבט שטעהן, בעת זי דערזעהט אירענע'ן). אָה, ענטשולדיגט, — דו האָסט געמאכט א בעקאנטשאפט, ווי איך זעה.

פראָפעסאָר רובעק (קורץ): בענייט א בעקאנטשאפט. (שטעהט אויף). וואָס ווילסט דו דען פון מיר?

מאיא: נור דאָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגען, — דו פאר דיין פערזאָן קענסט זיך טהאָן וואָס דו ווילסט, — נאָר אי־פאָתר ניט מיט אויף דעם דאָזיגען עקעלהאפטען דאמפף־שיף.

פראפעסאר רובעק: פארוואס עפעס ניט?

מאיא: ווייל איך וויל ארויף אויף די בערג און די וועלדער, — נו יא, איך וויל. (מיט אַ זיסען שמייכעל). אַך, דו מוזט עס מיר ערלויבען, רובעק! — איך וועל דערנאָך זיין אזוי ליעב, אזוי ליעב צו דיר!

פראפעסאר רובעק: ווער האָט דיר אריינגעהאקט אָט דעם געדאנק אין קאָפּ.

מאיא: אָט דער שרעקליכער בערען־טויטער. ניין, דו קענסט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, וואָס פאר א וואונדערליכע זאַכען ער דערצעהלט זיך אָן פון די בערג, פונ׳ם לעבען דאָרט אויבען! העסליך, שוידערליך, מורא׳דיג דערווידער איז דאָס רוב, וואָס ער ליגט דאָ צוזאמען —. ס׳קומט מיר כמעט פאָר, אז עס מוז זיין אויסגעטראכט. אָבער נאָך אלעמען איז עס דאָך אזוי וואונדערליך פערפיהרעריש. קען איך איהם ניט בעגלייטען? בלויז צו זעהן, צי ס׳איז אמת, וואָס ער זאָגט, פערשטעהסט? מעג איך, רובעק?

פראפעסאר רובעק: פון מיינעטוועגען, איך האָב גאָר־נישט דאגעגען. געה זיך דיר אויף די בערג — אזוי ווייט ארויף און אזוי לאנג ווי דו ווילסט נור. איך וועל אפשר אויך מאכען דעם זעלבען וועג ווי דו.

מאיא (שנעל): ניין, ניין, ניין, דו דארפסט עס ניט טהאָן! ניט פון מיינעטוועגען!

פראפעסאר רובעק: איך וויל ארויף אויף די בערג. איך האָב זיך איבערגעלייגט און בעשלאָסען עס צו טהאָן.

מאיא: אָה, כ׳דאנק דיר פיעל מאָל! מעג איך עס טאקי גלייך דערצעהלען דעם בערען־טויטער?

פראפעסאר רובעק: קענסט דעם בערען־טויטער דערצעהלען וויפיעל דיין הארץ גלוסט.

מאיא: אָה, כ׳דאנק דיר פיעל, פיעל מאָל! (וויל אָננעהמען זיין האַנד, — ער לאָזט עס ניט). ביסט דו מיר אָבער היינט זיס און ליעב, רובעק! (שנעל אַב אין האָטעל).

אין דער זעלבער רגע עפענט זיך פּאמעלאך און שטיל אַ שפּאַלט אין דער פּאַוויליאָן טהיר. די באַרמהאַרציגע שוועסטער שטעהט הינטער דער טהיר אויף דער וואך. קיינער זעהט זי ניט.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (מיט אַ בעשטימטען טאָן צו אירע־נע): אלזאָ, מיר טרעפען זיך אויבען?

א י ר ע נ ע (הויבט זיך לאַנגזאַם אויף): בעשטימט. — איך האָב דיך אזוי לאנג ארומגעזוכט.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: ווען האָסט דו אָנגעהויבען, מיך ווידער ארומזוכען, אירענע?

א י ר ע נ ע (מיט אַ ביטערען טאָן): זינט ס'איז מיר קלאָהר געוואָרען, ארנאָלד, אז איך האָב דיר אוועקגעגעבען עפּעס, וואָס מען קען ניט צוריקקריגען. אן אוצר, פון וועלכען מען דארף זיך קיינ־מאָל ניט שיידען.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (בויגט אָן דעם קאָפּ): יאָ, דאָס איז אַ שמערצליכע וואהרהייט. דו האָסט מיר אוועקגעגעבען דריי, פיער יאָהר פון דיין יוגענד.

א י ר ע נ ע: מעהר, אַ סך מעהר איידער ד אָ ס. פערשווענ־דערין וואָס איך בין דעמאָלט געווען.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: יאָ, דו ביסט ווירקליך געווען פערשווענדעריש, אירענע. דו האָסט מיר דיין גאנצע נאקעטע שעהנקייט אוועקגעגעבען —

א י ר ע נ ע: — צו קוקען דערויף —

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: — און צו פערהערליכען.

א י ר ע נ ע: יאָ, פאר דיין אייגענער פערהערליכונג. — און דעם קינד'ס.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: און פאר דיין פערהערליכונג אויך, אירענע.

א י ר ע נ ע: אָבער די גרעסטע מתנה, דאָס האָסט דו פער־געסען.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: די גרעסטע—? וואָס פאר א מתנה איז ד אָ ס געווען?

א י ר ע נ ע: איך האָב דיר אוועקגעגעבען מיין יונגע לעבע־דינע זעעלע, — און בין געבליבען שטעהן מיט א ליידיגער ברוסט —אָהן א נשמה. (קוקט איהם אָן מיט אַ פערגליווערטען בליק). דאַן בין איך דאָס געשטאָרבען, ארנאָלד.

די באַרמהאַרציגע שוועסטער עפענט אין גאַנצען אויף די טהיר און מאַכט איהר פּלאַץ. זי געהט אַריין אין פּאַוויליאָן.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (קוקט איהר נאָך אַ דערשלאָגענער; דאַן שעפּטשעט ער): אירענע!

צווייטער אַקט

לעבען אַ הויך־בערגיגען סאַנאַטאָריום. די לאַנדשאַפט שטרעקט זיך אויס אין דער פאָרם פון אַן אונגעהייער גרויסען הויכען פעלד, אָהן איין בוים, וואָס ציהט זיך צו אַ לאַנגער באַרג־אָזיערע. אויף דער אַנדער זייט וואַסער הויבט זיך אויף אַ רייהע פון הויך־בערגיגע פעלזען, מיט בלוי־ווייסען שנעע אין די שפּאַלטען. אין פאָדערגרונד לינקס פליסט אַ טייכעל און פאַלט אַרונטער אין פאַנאַנדערגעטהיילטע פּאַסען איבער אַ משופּע'דיגע פעלזען־וואַנד און פון דאַנען פליסט עס ווייטער איבער'ן שטיק לאַנד נאָך רעכטס. קליינע בוימלאַך, פלאַנצען און שטיינער איבער דער לייגג פּונ'ם טייכעל. אין פאָדערגרונד רעכטס אַ בערגעל מיט אַ שטיינערנע באַנק אויף'ן שפּיץ. ס'איז אַ זומערדיגער נאָכמיטאָג ניט ווייט פון זונען־אונטערגאַנג.

ניט זעהר ווייט פון דאָרט, אויף דער אַנדער זייט טייכעל, געפינט זיך אַ הויפען קליינע קינדער, וועלכע זינגען, טאַנצען און שפּיעלען זיך. אַ טהייל געהען אָנגעטהאָן ווי בויערן און אַ טהייל אין שטאָדטישע קליידער. מען הערט זייער פרעהליכען געלעכטער, וועלכער קלינגט האַלב־פערשטיקט דורך דער שטרעקע, וואָס שיידט זיי אָב פון דעם פּלאַץ.

פּראָפעסאָר רובעק זיצט אויבען אויף דער באַנק מיט אַ מאַנטעל איבער זיי שולטער'ן און קוקט אויף די קינדער, ווי זיי שפּיעלען זיך.

גלייך נאָכדעם קומט מאַיאַ ארויס פון צווישען קליינע בוימלאַך אויף'ן פּלאַץ לינקס און קוקט זיך ארום, זיך פערשטעלענדיג די אויגען מיט דער האַנד. זי טראָגט אַ פלאַך טוריסטען־היטעלע, אַ קורץ אויסגעהויבען קליידעל, וואָס גייט קוים צו די קניע, און הויכע פעטשע־שניר־שטיוועל. אין דער האַנד האַלט זי אַ לאַנגען באַרג־שטעקען.

מ א י א (דערזעהט ענדליך רובעק'ען און שרייט אויס): האַ־לאָהאָ!

זי קומט צו נעהנטער; מיט דער חילף פון דעם באַרג־שטעקען שפרינגט זי אריבער דאָס טייכעל און געהט ארויף אויף'ן בערגעל.

מ א י א (כאָפּענדיג): אך, ווי איך בין דאָס אביסעל ארומגע־לאָפען, דיך זוכענדיג!

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (שאָקעלט צו גלייכגילטיג מיט'ן קאָפּ און פרעגט): דו קומסט ארויף פון סאַנאַטאָריום?

מ א י א: יאָ, אקאָרשט איצטער קום איך ארויס פון דער פליגען־שאפע דאָרט.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (וואַרפט אויף איהר אַ בליק פון דער זייט): דו ביסט ניט געווען ביים טיש, האָב איך בעמערקט.

מ א י א: גאַנץ ריכטיג. מיר ביידע האָבען געפּראוועט אונ־זער מיטאָג אונטער'ן פרייען הימעל.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: „מיר ביידע"? וואָס פאר ביידע?

מ א י א: נו, איך — און דער מורא'דיגער בערען־טויטער. ווער דען?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: אָה, ער.

מ א י א: נו יאָ, און מאָרגען אין־דער־פריה געהען מיר ווי־דער ארויס.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: זיך יאָגען נאָך בערען?

מ א י א: נו געוויס, זיי הרג'ענען און אבשינדען פון זיי די פעל.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: זייט איהר כאָטש שוין געקומען אויף די שפור פון איינעם?

מ א י א (מיט אַן איבערלייגטען טאָן): וואָס רעדסט דו? דאָ אויבען אויף די נאקעטע בערג געפינט מען דאָך ניט קיין בערען.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: וואו דען זשע?

מאיא: טיעף אונטען. אין די ניעדעריגערע טהיילען פֿון בארג, — דאָ, וואו דער וואלד איז זעהר געדיכט, און וואו גע־וועהנליכע שטאָדט־לייט קענען איבערהויפּט קיינמאָל ניט דורכ־קריכען.

פּראָפעסאָר רובעק: אָט דאָרטען ווילט איהר ביידע מאָרגען ארונטערגעהן?

מאיא (טהוט זיך אַ וואָרף אין גראָז): יאָ, אזוי האָבען מיר אָבגערעדט. נאָר אפשר וועלען מיר נאָך היינט אָבענד ארויסגעהן. — אויב דו האָסט גאָרנישט דאגעגען, הייסט עס.

פּראָפעסאָר רובעק: איך? ס'פאלט מיר גאָר ניט איין —

מאיא (שנעל): איבערינענס — לאָרס מיט די הינט גע־העןֹ, פערשטעהט זיך, מיט אונז מיט.

פּראָפעסאָר רובעק: איך האָב זיך דאָך גאָר ניט נאָכ־געפרעגט אויף דעם הערר לאָרס און זיינע הינט. אָבער ווילסט דו זיך ניט ליעבערשט אנידערזעצען ווי געהעריג איז דאָ אויף דער באנק?

מאיא (מיעד): ניין, אַ דאנק. איך ליעג אזוי בעקוועם אין'ם וויכען גראָז.

פּראָפעסאָר רובעק: דו ביסט מיעד, זעה איך.

מאיא (אָטהעמט טיעף): כ'מיין, אז איך הויב טאקי אָן ווערען מיעד.

פּראָפעסאָר רובעק: דאָס קומט ערשט דערנאָך, — ווען די שפּאנונג איז אריבער.

מאיא (מיט אַ שלעפּערדיגען טאָן): נו יאָ. איך וויל בלויז צומאכען א ווײַלע די אויגען.

א קורצע פּויזע.

מאיא (פּלוצלונג אונגעדולדיג): אוּף, רובעק, — ווי אזוי קענסט דו דאָס גאָר אויסהאלטען, כסדר זיצען און זיך צוהערען צו די געשרייען פון אָט די קינדער! און זיך צוקוקען צו אָט די קונ־צען, וואָס זיי מאכען דאָרט!

פראָפעסאָר רובעק: פאראן מאָמענטען, ווען עס ליעגט עטוואָס הארמאָנישעס — א מין מוזיק וואָלט איך כמעט זאָגען — אין זייער׳ע בעוועגונגען. און ווי אונגעשיקט און אונבעהאָלפען זיי זיינען נים — דאָך אָט די איינצעלנע מאָמענטען, וואָס קומען אימער ווידער, פערשאפען מיר פערגניגען.

מאיא (מיט אַביסעל אַ שפּאָטישען שמייכעל): נו יאָ, דו ביסט דאָך אימער און אייביג א קינסטלער.

פראָפעסאָר רובעק: און וואָלט געוועזן גליקליך אימער צו בלייבען אזעלכער.

מאיא (קעהרט זיך אום אויף דער זייט, אַזוי אַז זי ליעגט מיט׳ן רוקען צו איהם): ער האָט אפילו קיין סימן פון קיין קינסטלער נים אין זיך.

פראָפעסאָר רובעק: ווער איז נים קיין קינסטלער?

מאיא (ווידער מיט אַ שלעפּעריגען טאָן): נו—דער אנדערער.

פראָפעסאָר רובעק: דער בערען־יעגער, מיינסט דו?

מאיא: נו אודאי. דער האָט אפילו קיין סימן פון קיין קינסטלער נים אין זיך. קיין שום סימן נים.

פראָפעסאָר רובעק (שמייכעלט): ניין, זעהסטו, דאָ ביסט דו פאָלשטענדיג גערעכט.

מאיא (מיט אַ היציגען טאָן, זיך נים ריהרענדיג פון אָרט): און ווי הע־ליך ער איז! (רייסט ארויס אַ ביסעל גראָז און ווארפט עס אוועק פון זיך). אזוי הע־ליך, אזוי הע־ליך! איה!

פראָפעסאָר רובעק: געהסטו דעריבער אזוי גערן מיט איהם — אויף דער יאגד?

מאיא (קורץ): וואָס וויים איך! (קעהרט זיך אום מיט׳ן פנים צו איהם): דו ביסט אויך העסליך, רובעק.

פראָפעסאָר רובעק: האָסט עס ערשט איצט אויסגעפונען?

מאיא: ניין, כ׳האָב עס שוין לאנג געזעהן.

פראפעסאר רובעק (ציהט מיט די אקסלען): מען ווערט עלטער, פרוי מאיא, מען ווערט עלטער.

מאיא: ניט דאס מיין איך. אבער דיין בליק האט בעקומען עפעס א מיעדקייט, עטוואס ענטזאגענדעס אין זיך—. ווען דו ביסט צייטענווייז אזוי גוט, א קוק צו טהאן אויף מיר פון דער זייט—.

פראפעסאר רובעק: איז דאס דיר אויפגעפאלען?

מאיא (שאקעלט צו מיט'ן קאפ): וואס ווייטער האבען דיינע אויגען אלץ מעהר אנגענומען דעם דאזיגען שלעכטען אויסדרוק. עפעס אזוי ווי דו וואלסט ביי זיך אין מח געשפונען א פינסטערע קאנספיראציע געגען מיר.

פראפעסאר רובעק: אזוי? (פריינדליך, נאר ערנסט). קום אהער און זעץ זיך דא אנידער לעבען מיר, מאיא. מיר וועלען זיך אביסעל דורכשמועסען.

מאיא (הויבט זיך האלב אויף): וועסט מיר לאזען זיצען אויף דיינע קניע? ווי אין די ערשטע יאהרען?

פראפעסאר רובעק: ניין, דאס געהט ניט. מען קען אונז נאך זעהן פון האטעל אונטען. (רוקט זיך אב א שטיקעל). אבער דא אויף דער באנק קענסט דו זיך זעצען — לעבען מיר.

מאיא: ניין, א דאנק; דאן בלייב איך בעסער ליגען דא. איך הער אויך פון דאנען זעהר גוט. (קוקט איהם אן מיט א פראגע). נו, פון וואס האסט דו אלזא געוואלט ריידען?

פראפעסאר רובעק (הויבט אן לאנגזאם): פארוואס, מיינסט דו, האב איך ביי מיר אבגעמאכט צו אונטערנעהמען די דאזיגע זומער־רייזע?

מאיא: נו, — דו האסט אפילו צווישען אנדערעס געזאגט, אז דאס וועט מיר פערשאפען אזוי פיעל פערגניגען. אבער —

פראפעסאר רובעק: אבער — ?

מאיא: אבער איצט הויב איך ניט אן גלויבען, אז דאס איז געווען די אורזאך —

פראפעסאר רובעק: וואס דען — ?

מ א י א: איצט גלויב איך, אז דאָס איז געשעהן צוליעב יענער בלייכער דאמע.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: מאדאם פאָן סאטאָוו — ?

מ א י א: יאָ, ווענען אָט דער פרוי, וועלכע געהט אונז נאָך טריט ביי טריט. נעכטען אָבענד האָט זי זיך דאָך אויך מיט אמאָל בעוויזען דאָ.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: אָבער וואָס פאלט דיר איין—?

מ א י א: נו, דו האָסט זי דאָך זעהר גוט געקענט. נאָך לאַנג איידער דו האָסט זיך בעקענט מיט מ י ר.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: און איך האָב זי אויך פערגעסען — א היבשע צייט איידער איך האָב דיך דערקענט.

מ א י א (זעצט זיך אויף): קענסטו אזוי לייכט פערגעסען, רובעק?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (קורץ): יאָ, אויסערגעוועהנליך לייכט. (ליעגט צו שטרייגג). ווען איך ו ו י ל פערגעסען.

מ א י א: אפילו א פרוי, וואָס איז געשטאנען פאר דיר אלס מאָדעל?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: ווען איך דארף זי מעהר ניט האָבען, —

מ א י א: אפילו ווען זי האָט זיך אויסגעטהאָן פאר דיר גאנצן נאקעט?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: דאָס שפּיעלט קיין ראָלע ניט. אלענפאלס פאר אונז קינסטלער. (נעהמט אָן אַן אַנדער טאָן). און, —מעג איך פרעגען, — ווי האָט מיר גאָר געקענט ארויפקומען אויף'ן זינען, אז זי איז דאָ אין לאנד?

מ א י א: אָה, דו האָסט געקענט איבערלייענען איהר נאָמען אין א ליסטע פון געסט. ערגעץ־וואו אין א צייטונג.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: אָבער איך האָב גאָרנישט געוואוסט וואָס פאר א נאָמען זי טראָגט איצט. כ'האָב דאָך אין מיין לעבענס טאָג ניט געהערט פון קיין העררן פאָן סאטאָוו.

מ א י א (מיט אן אויסדרוק פון מיעדקייט): נו, דו ליעבער גאָט, איז מן הסתם געווען עפּעס אן א נ ד ע ר אורזאַך, צוליעב וואָס דו האָסט געוואָלט מאכען אַט די רייזע.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (ערנסט): יאָ, מאיא — ס׳איז ווירקליך געווען צוליעב אן אנדער אורזאַך א גאנץ אנדער אורזאַך. און מכח ד ע ם טאַקי מוזען מיר זיך ענדליך אמאָל גוט דורכשמועסען.

מ א י א (אונטערדריקט אן אָנפאל פון געלעכטער): גאָט אין הימעל, ווי ערנסט דו זעהסט אויס!

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (מיט אַ מיסטרויליכען בליק, זובענדיג זי אויסצופאָרשען): יאָ, פיליכט אביסעל ערנסטער איידער ס׳איז נויטיג.

מ א י א: ווי —?

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: און נויטיג איז עס פונדעסטוועגען פאר אונז ביידען.

מ א י א: דו הויבסט אָן מיך מאכען נייגיעריג, רובעק.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: בלויז נייגיעריג? גאָר נישט אביסעל אונרוהיג?

מ א י א (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ): קיין האָר אויך ניט.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: גוט. טאָ הער אלזאָ אויס. דו האָסט יענעם טאָג אונטען אין די בעדער געזאָגט, אז איך בין די לעצטע צייט געוואָרען זעהר נערוועז —

מ א י א: יא, דאָס ביסטו ווירקליך געווען.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: און וואָס, מיינסט דו, קען זיין די אורזאַך דערפון?

מ א י א: ווי קען איך וויסען? (שנעל). אפשר האָט זיך דיר דאָס אייביגע צוזאמענלעבען מיט מיר צוגעגעבען?

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: אייביגע —? באלד וועסטו גאָר זאָגען: אימער און אייביגע.

מ א י א: נו, זאָל זיין: דאָס טעגליכע צוזאמענלעבען. מיר צוויי בעזדיעטניקעס, מיר זיינען דאָך שוין אזוי פולע פיער, פינף

יאָהר איינס לעבען דאָס אנדערע און מיר האָבען זיך דאָך נאָך במעט אויף א שעה צייט ניט צושיידט. — מירביידע זיינען כסדר אליין פאר זיך.

פּראָפעסאָר רובעק (פעראינטערעסירט): נו, און — ?

מאיא (אַביסעל גערריקט): דו ביסט גראָד ניט קיין געזעל־שאַפטס־מענש, רובעק. דו געהסט זיך דיין אייגענעם וועג פאר זיך און גיבסט זיך אָב מיט דיינע אייגענע אינטערעסען. און איך קען מיט דיר מכח דיינע אייגענע זאכען ריכטיג גאָר ניט רעדען, — מכה אָט די קונסט־פּראגנען און אזוי ווייטער. (גיט אַ מאַך מיט דער האַנד). און דעם אמת זאָגענדיג, אינטערעסירט עס מיר אויך גאָר ניט אזוי שטארק.

פּראָפעסאָר רובעק: נו יאָ; דעריבער זיצען מיר דאָך טאקי דאָס רוב ביים קאמין און ריידען מכח דיינע זאכען.

מאיא: אָך, דו ליעבער גאָט, — וואָס פאר זאכען האָב איך דען!

פּראָפעסאָר רובעק: דאָס זיינען טאקי ניט מעהר ווי קליינינקייטען; אָבער יעדענפאַלס די צייט פערשווינדט דערביי פונקט ווי ביי עפּעס אנדערש, מאיא.

מאיא: יאָ, דו ביסט גערעכט. זי פערשווינדט. זי האלט אין פערשווינדען פון דיר, רובעק. — און דאָס, מיין איך, מאכט דיך אזוי אונרוהיג —

פּראָפעסאָר רובעק (שאָקעלט שטארק מיט'ן קאָפּ): און אזוי ניט־פעסט. (דרעהט זיך אום אַהין און אַהער אויף דער באַנק). איך וועל באלד איינפאך ניט קענען אריבערטראָגען דאָס דאָזיגע קלענגליכע לעבען!

מאיא (שטעהט אויף און קוקט איהם אַ ווײלע אָן): אויב דו ווילסט פון מיר פטור ווערען, טאָ זאָג עס אָפען ארויס.

פּראָפעסאָר רובעק: וואָס זיינען דאָס פאר ווערטער? פון דיר פטור ווערן!

מאיא: אויב דו ווילסט זיין פריי, זאָלסט דו זיך גאָר ניט

שעהמען און עס גאנץ אַמען זאָגען. און איך וועל זיך אַלייך נעהמען דעם וועג.

פּראָפּעסאָר רובעק (שמייכעלט במעט אונבעמערקבאר): וואָס, דו מיינסט מיך צו סטראַשען דערמיט, מאיא?

מאיא: פאר דיר קען דאָס דאָך אודאי קיין סטראַשונאָס ניט זיין.

פּראָפּעסאָר רובעק (הויבט זיך אויף): ניין, איי־נענטליך ניט. (לעגט צו אין אַ ווייל׳ע ארום): ס׳איז אונמעגליך מירביידע זאָלען אזוי ווייטער לעבען צוזאמען —

מאיא: נו אלזאָ — !

פּראָפּעסאָר רובעק: כ׳בעט דיך אָהן „אלזאָ“. (מיט אַן איינדרוקספול׳ען טאָן). אויב מיר ביידע קענען ווייטער ניט לע־בען אזוי אליין, — איז נאָך דערפון ניט געדרונגען, אז מיר דאר־פען זיך שיידען.

מאיא (מיט אַ שפּאָטישען שמייכעל): נור אביסיל׳ע דערוויי־טערן זיך איינס פון אנדערן, וואָס?

פּראָפּעסאָר רובעק: אפילו דאָס אויך ניט.

מאיא: נו, קום דאָך ארויס דערמיט, — וואָס ווילסט דו פאָרט מאכען מיט מיר?

פּראָפּעסאָר רובעק (אַביסעל אונזיכער): וואָס איך פיהל איצט אזוי שטארק און אזוי שמערצליך אז מיר פעהלט, איז א מענש, וואָס שטעהט ווירקליך גאנץ נאָהענט צו מיר —

מאיא (שלאָגט איהם איבער די רייד): טהו איך דאָס ניט, רובעק?

פּראָפּעסאָר רובעק (אַ מאַך געבענדיג מיט דער האַנד): פערשטעהט מיך ניט פאלש. איך מוז האָבען אימיצען, וואָס זאָל מיך אויספילען, — מיך גאנץ מאכען, — ווערן איינס מיט מיר אין מיין גאנצען טהאָן און שאפען.

מאיא (לאנגזאם): נו, אזעלכע הויכע פאָדערונגען האָב איך מורא אז איך קען ווירקליך ניט נאָכקומען.

פ ר א פ ע ס א ר ר ו ב ע ק: יאָ, דערצו ביסטו ניט געשאַ־
פען, מאיאַ.

מ א י א (מיט חיפּץ): און איין גאָט ווייס דעם אמת, אַז
איך האָב גאָר קיין חשק ניט דערצו.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: דאָס ווייס איך גאַנץ גוט. —
און איך האָב גאָר אפילו אין זינען ניט געהאט צו געפינען אין דיר
אזא מין הילף, ווען איך האָב מיט דיר חתונה געהאט.

מ א י א (זיך איינקוקענדיג אין איהם): איך קען דערקענען
אין דיין פּנים, אז דו טראכסט איצט וועגען אן אנדערע.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: ווירקליך? איך האָב גאָר ניט
געוואוּסט, אז דו ביסט א געדאנקען־לעזערין אויך. וואָס, דו זעהסט
עס אויף מיין פּנים?

מ א י א: יא, איך זעה עס. אָה, איך קען דיך אזוי גוט, רוּ־
בעק, אזוי גוט!

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: אויב אזוי ווייסט דו אפשר אויך
וועגען ו ו ע מ ע ן איך טראכט?

מ א י א: אודאי ווייס איך.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: אנו? לאָמיר הערען—?

מ א י א: דו טראכסט וועגען יענעם — וועגען יענעם מאָדעל,
וואָס דו האָסט אמאָל געהאט, כדי — (פערליערט פלוצלונג דעם פאָדים
פון איהרע געדאנקען). דו ווייסט, אז די לייט אין האָטעל האַלטען זי
פאר א משוגע'נע?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: אזוי? און וואָס דענקען די לייט
אין האָטעל פון דיר און דעם בערען־טויטער?

מ א י א: דאָס האָט גאָרנישט צו טהאָן דערמיט. (קומט צו־
ריק צו איהר פריהערדיגען געדאנק). אָבער יעדענפאלס האָסט דו גע־
טראכט וועגען דער דאָזיגער בלייכער דאמע.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (פעסט): וועגען איהר און קיין
אנדערער. — ווען איך האָב זי מערה ניט געראפט, — און ווען
זי האָט מיך אחוץ דעם נאָך פערלאָזען — פערשוואונדען פון מיר
אָהן א שום וואָרט, דאן —

מ א י א : דאן האָסט דו מיך גענומען ווי א זאך, מיט וואָס זיך אויסצוהעלפען אין דער נויטה?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (מיט ווענינער איינזעהעניש): אָפען גערעדט, אַן ערך אזוי איז עס טאקי געווען, מיין קליינע מאיא. א יאָהר אָדער אנדערהאלבען האָב איך אזוי געלעבט איינזאם, זיך גריבלענדיג אין זיך, און האָב ארויסגעלעגט די לעצטע, די אַלער לעצטע שטריכען אויף מיין ווערק. דער „טאָג פון תחית המתים" איז ארויס אויף דער וועלט און האָט מיר געבראכט א גרויסען נאָמען — און אלע אנדערע הערליכקייטען. (ווארעמער). אָבער איך האָב מעהר מיין אייגען ווערק ניט ליעב געהאט. און די קרענץ און דער ווייהרויך פון די מענשען זיינען מיר אזוי צו־ווידער געווען, אז איך וואָלט פון פערצווייפלונג ליעבערשט אנטלאָפען אין די פינסטערסטע וועלדער. (קוקט זי אָן). נו, דו ביזט דאָך א געדאנקען־לעזערין, קענסט אפשר טרעפען וואָס מיר איז דאן איינגעפאלען?

מ א י א (מיט א לייכטזיניגען טאָן): יאָ, — דיר איז איינגעפאלען צו מאכען פאָרטרעט־ביוסטען פון הערען און דאמען.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): אויף בעשטעלונג, יאָ, מיט פנים'ער פון חיות הינטער די מאסקען. די האָבען זיי געקראָגען אומזיסט — אלס צוגאָב, פערשטעהסט דו מיך. (מיט א שמייכעל). אָבער ניט דאָס האָב איך אייגענטליך געמיינט.

מ א י א : וואָס דען?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (ווידער ערנסט): אַט דער גאנצער קינסטלער־פאך און די גאנצע קינסטלערישע טהעטיגקייט — און אלעס, וואָס איז שייך דערצו, — האָט מיר אָנגעהויבען אויסווייזען גאנץ פוסט און הויהל און אָהן א שום זינן.

מ א י א : וואָס האָסטו דען געוואָלט אנשטאָט דעם?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק : ל ע ב ע ן, מאיא.

מ א י א : לעבען?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק : יאָ, איז דען ניט הונדערט מאָל

מעהר געטה צו פירהרען א לעבען אין זונענשיין און שעהנקייט, איידער זיך פלאגען צום טויט דאס גאנצע לעבען לאנג אין א נאס־קאלטער הייהל מיט שטיקער גיפס און שטיין?

מאיא (מיט א לייכטען זיפץ): יא, דאס איז תמיד מיין מיינונג געווען.

פראפעסאר רובעק: און דאן בין איך דאך אויך געווארען רייך גענוג, כדי צו לעבען אין לוקסוס און אין הוילע זונענשיין. איך האב זיך געקענט אויפבויען די ווילא ביי דער טאניצער אזיערע און דעם פאלאץ אין דער הויפט־שטאדט. פון אלעס איבעריגע איז דאך ניטא וואס צו ריידען.

מאיא (אין איהר מאן'ס טאן): און צו גוטער לעצט האסט דו נאך געהאט די מיטלען מיך צו קריגען, און האסט זיך מיט מיר מיט אלע דיינע אוצרות געטהיילט.

פראפעסאר רובעק (מיט א שפאס, עפעס ווי ער וואלט געוואלט איבערבייטען דעם געשפרעך): האב איך דיך דען ניט גע־וואלט מיטנעהמען אויף א הויכען בארג, כדי דיר צו ווייזען די גאנצע הערליכקייט פון דער וועלט?

מאיא (מיט א מילדען אויסדרוק): עס מעג מאקי זיין א גאנץ הויכער בארג, דער, אויף וועלכען דו האסט מיך מיטגענומען, רו־בעק, — נאר די גאנצע הערליכקייט פון דער וועלט האסטו מיר ניט געוויזען.

פראפעסאר רובעק (לאכט געררייצט): אך, ביסט דו דאס אביסעל אונצופריעדען, מאיא! אזוי אונצופריעדען! (מיט א פייערדיגען טאן). אבער ווייסט דו וואס עס איז טרויעריגער פון אלצדינג? האסט דו דערפון כאטש דעם מינדסטען בעגריף?

מאיא (מיט א שטילען אבער פעסטען טאן): וואס דו האסט זיך מיט מיר פערבונדען אויף'ן גאנצען לעבען לאנג, — דאס איז עס מסתמא.

פראפעסאר רובעק: איך וואלט זיך ניט אויסגע־דריקט אזוי אומ'ברחמנות'דיג.

מאיא: אָבער דער זינן וואָלט אודאי געווען פונקט אזוי אומ׳ברחמנות׳דיג.

פראָפעסאָר רובעק: דו האָסט נים קיין קלאָרען בעגריעף וואָס עס טהוט זיך ביי א קינסטלער אין דער נשמה.

מאיא (שמייכעלט און שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ): גאָט מיינער, איך האָב דאָך אפילו קיין בעגריעף ניט וואָס עס טהוט זיך ביי מיר אין מיין אייגענער נשמה.

פראָפעסאָר רובעק (זעצט פאָרט אונגעשטערט): איך לעב אזוי שנעל, מאיא. דאָס איז שוין אזוי ביי אונז קינסטלער. איך פאר מיין טהייל האָב אין די פאָר יאָהר, וואָס מיר קענען זיך, א גאנץ לעבען דורכגעלעבט. מענשען ווי איך געפינען ניט קיין גליק און וואוילטאָג אין אלערליי תענוגים פון דעם געוועהנליכען סאָרט; דאָס האָב איך ביסלעכווייז איינגעזעהן. אזוי איינפאך איז דאָס לעבען ניט פאר מיר און מיינסגלייכען. איך מוז כסדר ארבייטען — שאפען איין ווערק אויף דאָס אנדערע — ביז צו מיינע לעצטע טעג. (זיך צווינגענדיג ווייטער צו ריידען). אָט דער־פאר קען איך מיט דיר לענגער ניט אויסקומען, מאיא. — ווענינג־סטענס ניט מיט דיר אליין.

מאיא (רוהיג): זאָל דאָס מיט אנדערע ווערטער הייסען קלאָר און פשוט, אז איך בין דיר נמאס געוואָרען?

פראָפעסאָר רובעק (פּלאַצט ארויס): נו יאָ, דאָס איז דאָס! נמאס איז מיר געוואָרען דאָס דאָזיגע צוזאמענלעבען מיט דיר, נמאס ומאוס! איצט ווייסט דו עס. (בעהערשט זיך). הארטע, מיאוס׳ע ווערטער זאָג איך דיר דאָ. דאָס פיהל איך אליין גאנץ גוט. און דו ביסט גאָרנישט שולדיג אין דעם, — דאָס גיב איך גערן צו. איך, און נור איך האָב דורכגעלעבט אן אומוואנדלונג — (האלב פאר זיך) — און אן ערוואכונג צו מיין ווירקליכען לעבען.

מאיא (לעגט ניט ווילענדיג צונויף די הענד): אָבער פאר־וואָס, פרעג איך, קענען מיר דען ניט געהן יעדער זיין וועג?

פראָפעסאָר רובעק (קוקט זי אָן איבערראַשט): — וואָס, דו וואָלסט געוואָלט — ?

מ א י א (ציחט מיט די אַקסלען) : יאָ, עס מוז אזוי זיין —

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (מיט פייער) : עס מ ו ז אָבער ניט זיין. פ א ר ה א ן אַן אויסוועג —

מ א י א (הויבט אויף דעם פינגער) : איצט טראכסט דו שוין ווידער וועגען דער בלייכער דאמע!

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק : יאָ, דעם ריינעם אמת געזאָגט, איך מוז כסדר טראכטען וועגען איהר פון דער רגע אָן, וואָס איך האָב זי ווידער דערזעהן. (אַ טריט נעהנטער). דען איצט וויל איך דיר עפּעס אנפערטרויען, מאיא.

מ א י א : נו?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (גיט זיך אַ קלאַפּ אויף דער ברוסט) : זעהסט דו, אָט דאָ אינעווייניג, — דאָ האָב איך א גאנץ קליין פער־שלאָסען קעסטעלע. און אין דעם דאָזיגען קעסטעלע ליעגען בעהאל־טען אלע מיינע חלומות פון א סקולפּטאָר. נאָר ווען זי איז פער־שוואונדען און האָט נאָך זיך ניט איבערגעלאָזט קיין שום שפור, איז דער דעקעל צוגעפאלען און דאָס קעסטעלע האָט זיך פערשלאָסען. און זי האָט דעם שליסעל געהאט—און איהם מיטגענומען מיט זיך. — דו, מיין קליינע מאיא, האָסט ניט געהאט קיין שליסעל. דערי־בער ליעגט אלצדינג אונבענוצט אינעווייניג. — און די יאָהרען פערגעהען! און איך קען ניט און קען ניט בשום אופן צוקומען צום אוצר.

מ א י א (אונטערדריקענדיג א כיטרען שמייכעל) : טאָ זאָל זי עס דיר ווידער אויפשליסען —

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (פערשטעהט ניט) : מאיא — ?

מ א י א : זי איז דאָך איצט דאָ. און זי איז דאָך אודאי גע־קומען אהער צוליעב דעם דאָזיגען קעסטעלע.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק : קיין איין וואָרט האָב איך מיט איהר ניט גערעדט וועגען אָט דער זאך.

מ א י א (קוקט איהם אָן אונשולדיג) : אָבער, ליעבער רובעק, — איז דען ווערטה צו מאכען אזא וועזען וועגען אזא איינפאכע זאך ווי ד י?

פּראָפּעסאָר רובעק: דו מיינסט דען, אז דאָס איז אזוי איינפאך?

מאיא: יעדענפאלס דענק איך אזוי. דו פערבינד זיך גור מיט דעם מענשען, וואָס קען דיר אם בעסטען נוטצען. (שאָקעלט איהם צו מיט׳ן קאָפּ). איך וועל נאָך אימער געפינען א פּלאץ פאר מיר.

פּראָפּעסאָר רובעק: און וואו?

מאיא (אָהן זאָרג): נו, איך דארף דאָך בלויז אריבערציהען אין דער ווילא, אויב עס וועט זיין נויטיג. אָבער עס וועט גאָר־נישט נויטיג זיין. וואָרים אין שטאָדט — אין אונזער גרויסען הויז — וועט דאָך אודאי, מיט אביסעל גוטען ווילען, זיין פּלאץ פאר ד׳ריי.

פּראָפּעסאָר רובעק (אונזיכער): און דו מיינסט, אז עס וואָלט געקענט אזוי אָנגעהן אויף שטענדיג?

מאיא (מיט אַ לייכטען טאָן): ליעבער גאָט, — וועט עס ניט געהן, איז נישט. ס׳לוינט דאָך ניט איצט זיך צוברעכען דעם קאָפּ דעריבער.

פּראָפּעסאָר רובעק: און אויב עס וועט ניט געהן, מאיא, — וואָס וועט דאן זיין?

מאיא (אָהן א שום זאָרג): דאן וועלען מיר זיך איינפאך איינס דאָס אנדערע אָבטרעטען דעם וועג. לחלוטין אָבטרעטען דעם וועג. נישקשה, איך וועל נאָך אימער געפינען מיין פּלאץ אין דער וועלט. וואו איך וועל זיין פריי, פריי! פריי! — ניט נויטיג זיך צו נעהמען אזוי צום הארצען דעריבער, הערר פּראָפּעסאָר. (ווייזט פלוצלונג אָן נאָך רעכטס). נא! אָט איז זי דאָך.

פּראָפּעסאָר רובעק (דרעהט אום דעם קאָפּ): וואו?

מאיא: דאָרט אויף דער אנדער זייט. ווי א מארמאָר־סטאַטוע, אזוי גלייך געהט זי. זי קומט אהער.

פּראָפּעסאָר רובעק (קוקט אַריבער, מיט דער האַנד איבער די אויגען): איז זי ניט די פּערקערפּערונג פון תחית המתים? (פאַר זיך). און זי האָב איך דאָס געקענט אָבלייגען אָן א זייט —

אין שאַטען אוועקשטעלען — איבערמאכען —. אָה, נאר וואָס איך בין געווען!

מ א י א: וואָס מיינסט דו דערמיט?

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (אַוועקמאַכענדיג די פראַגע אָהן אַ זייט): גאָרנישט. אַלענפאלס קיין זאך ניט, וואָס דו וואָלסט געקענט פערשטעהן.

א י ר ע נ ע קומט פון רעכטס איבער'ן פעלד. די שפּיעלענדע קינדער האָבען שוין פריהער דערזעהן ווי זי קומט און זיינען איהר אַנטקעגען געלאָפען. איצט איז זי ארומגערינגעלט פון זיי; אַ טהייל זעהען אויס צופריעדען און צוטרויליך, אַנדערע שרעקענדיג. זי רעדט גאַנץ שטיל צו זיי און הייסט זיי ארונטערגעהן אין סאַנאַטאָריום; זי אַליין וויל זיך אַביסעל איבערוהען ביים טייכעל. די קינדער לויפען באַרג אראָב לינקס. אירענע געהט צו צו דער באַרג־וואַנד און לאָזט די קיהלע וואַסער־שטראַהלען רינען איבער איהר האַנד.

מ א י א (מיט אַ נידעריגער שטימע): געה ארונטער צו איהר און רייד מיט איהר אונטער פיער אויגען, רובעק.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: און וואו וועסט דו דערווייל אוועקגעהן?

מ א י א (קוקט איהם אָן מיט אַ בעדייטענדען בליק): פון היינט אָן געה איך מיין אייגענעם וועג.

זי געהט אַרונטער פון שפּיץ באַרג און מיט דער הילף פון איהר שטעקען שפּרינגט זי אריבער דעם טייכעל. לעבען אירענע'ן בלייבט זי שטעהן.

מ א י א: רובעק וואַרט אויף אייך אויבען, מאַדאַם.

א י ר ע נ ע: וואָס וויל ער פון מיר?

מ א י א: איהר זאָלט איהם העלפען עפענען אַ קעסטעלע, וואָס דער רעקעל האָט זיך צוגעקלאַפּט צום שלאָס.

א י ר ע נ ע: קען איך עס?

מ א י א: ער זאָגט, איהר זייט די איינציגע, וואָס קען עס.

א י ר ע נ ע: דאַן וועל איך עס פּרובירען —

מ א י א: יאָ, איהר מוזט עס טהאָן, מאַדאַם.

זי געהט אַרונטער מיט'ן וועג צום סאַנאַטאָריום.

גלייך נאָכדעם קומט פּראָפעסאָר רובעק אַרונטער צו אירענע'ן, פאַר־
אַזוי אַז דאָס טייכעל בלייבט צווישען זיי.

אירענע (נאָך אַ קורצער פּויזע): די אנדערע האָט געזאָגט, אַז דו האָסט געוואַרט אויף מיר.

פּראָפעסאָר רובעק: יאָהר פאַר יאָהר האָב איך אויף דיר געוואַרט — און איך האָב עס גאָר אליין ניט געוואוסט.

אירענע: איך האָב ניט געקענט קומען צו דיר, ארנאָלד. איך בין דאָן געלעגען און געשלאָפען דעם לאַנגען, טיפען שלאָף, פול מיט חלומות.

פּראָפעסאָר רובעק: אָבער איצט האָסט דו ערוואַכט, אירענע!

אירענע (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): כ'האָב נאָך אַלץ יענעם שווערען, טיפען שלאָף אין די אויגען.

פּראָפעסאָר רובעק: דו וועסט זעהן, ס'וועט פאַר אונז ביידען אָנהויבען טאָגען און ליכטיג ווערן.

אירענע: גלויב דאָס ניט.

פּראָפעסאָר רובעק (מיט היטץ): איך גלויב עס! און איך וויים עס! איצט, אז איך האָב דיך צוריק געפונען —

אירענע: פון קבר אויפגעשטאַנען —

פּראָפעסאָר רובעק: און פערוואַנדעלט!

אירענע: נור אויפגעשטאַנען פון קבר, ארנאָלד. ניט פערוואַנדעלט.

ער געהט אַריבער צו איהר אויף די שטיינער אונטער דעם וואַ־
סערפאַל.

פּראָפעסאָר רובעק: וואו ביסט דו געוועזען דעם גאַנ־
צען טאָג, אירענע?

אירענע (ווייזט אין דער ווייטען): ווייט אוועק, אין די פעלדער פון טויט—

פּראָפעסאָר רובעק (בייטענדיג דעם געשפּרעך): דו האָסט ניט דיין — דיין פריינדין היינט מיט דיר, ווי איך זעה.

אירענע (שמייכעלט): מיין פריינדין געהמט פונעמט־ ועגען ניט אראָב קיין אויג פון מיר.

פראָפעסאָר רובעק: קען זי דאָס?

אירענע (קוקט זיך אום מיט שרעק): מעגסט זיין זיכער אז זי קען. וואו איך געה און שטעה. זי פערלירט מיך קיינמאָל ניט פון אויג — (שעפּטשעט) — ביז וואנען איך וועל זי אין א שעה־נעם פריה־מאָרגען דער׳הרג׳ענען.

פראָפעסאָר רובעק: דו וואָלסט דאָס געטהאָן?

אירענע: פון גאנצען הארצען. ווען איך וואָלט נור גע־פונען א געלעגענהייט דערצו.

פראָפעסאָר רובעק: פאר וואָס באָרט?

אירענע: ווייל זי איז א מכשפה. (געהיימניספול). שטעל זיך פאָר, ארנאָלד, — זי האָט זיך אין מיין שאָטען פערוואנדעלט.

פראָפעסאָר רובעק (זוכט זי צו בערוהיגען): נו, נו, — א שאָטען מוזען מיר דאָך אלע האָבען.

אירענע: איך בין מיין אייגענער שאָטען. (פּלאצט ארויס). פערשטעהסטו מיך רען ניט!

פראָפעסאָר רובעק (מיט אַן אומעטיגען טאָן): יאָ, יאָ, אירענע, איך פערשטעה דיך. (זעצט זיך אויף אַ שטיין ביים טייכעל. זי שטעהט היכטער איהם, אָנגעשפּאַרט ביי דער פעלז־וואַנד).

אירענע (נאָך אַ פּויזע): וואָס זיצכט דו דאָ און קעהרסט אָב די אויגען פון מיר?

פראָפעסאָר רובעק (שטילערהייט, שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ): איך טאָר דיך ניט — כ׳טאָר דיך ניט אָנקוקען.

אירענע: פארוואָס עפּעס אויף איינמאָל טאָרסט דו ניט?

פראָפעסאָר רובעק: דיך מוטשעט א שאָטען, און מיך מיין נאגענדע חרטה.

אירענע (מיט אַ פריידען־געשריי און ערלייכטערט): ענדליך!

פראָפעסאָר רובעק (שפּרונגט אויף): וואָס איז דיר?

אירענע (מאַכט מיט דער האַנד): נור רוהיג, רוהיג, רוהיג! (אָטהעמט טיעף אויף און זאָגט, עפּעס אזוי ווי א שטיין וואָלט איהר

גראָב פון הארצען). אזוי. ענדליך האָבען זיי מיך פריי געלאָזען, פאר דאָס מאָל. — איצט קענען מיר זיך אנידערזעצען און פער־ברייגגען ווי פריהער — ווען איך האָב נאָך געלעבט.

פּראָפעסאָר רובעק: אָה, ווען מיר וואָלטען עס נור ווירקליך געקענט טהאָן.

אירענע: זעץ זיך צוריק אויף דיין פּלאַץ. און איך וועל זיך זעצען לעבען דיר.

ער זעצט זיך צוריק אויף'ן שטיין, זי אויף אן אַנדערן ניט ווייט פון איהם.

אירענע (נאָך אַ קורצער פּויזע): איצט בין איך אלזאָ צו־ריקגעקומען צו דיר פון די ווייטסטע לענדער, ארנאָלד.

פּראָפעסאָר רובעק: יאָ, ווירקליך, פון א רייזע, וועל־כע איז געווען לאנג אָהן א שיעור.

אירענע: צוריק צו מיין הערר און מייסטער —

פּראָפעסאָר רובעק: אהיים — וואו מיר זיינען אין דערהיים, אירענע.

אירענע: האָסט דו טאָג אויס טאָג איין אויף מיר גע־ווארט?

פּראָפעסאָר רובעק: ווי האָב איך עס געקענט?

אירענע (מיט אַ זייטענבליק): ניין, — ווי האָסט דו דאָס ווירקליך געקענט? דו האָסט דאָך גאָרנישט געוואוכט.

פּראָפעסאָר רובעק: ווי איז דאָס, — דו האָסט זיך דעמאָלט ווירקליך ניט צוליעב אן אנדערען ארויסגעמאכט פון מיר?

אירענע: דענקסטו ס'האָט גאָר ניט געקענט זיין צוליעב דיר, ארנאָלד?

פּראָפעסאָר רובעק (קוקט זי אָן מיט אַן אונזיכערען בליק): איך פערשטעה דיך ניט — ?

אירענע: בעת איך האָב דיר מיט לייב און זעעל געדיענט — און די סטאטוע איז דאָרט געשטאנען פארטיג, — אונזער קינד, ווי דו האָסט זי גערופען, — דאַן האָב איך דיר צופוסען אוועקגע־

ליינט דעם טייערסטען קרבן מיינעם — און זיך אליין אויסגעמעקט אויף אייביג.

פראפעסאר רובעק (לאזט אראב דעם קאפ): און דער־מיט האסט דו מיין לעבען פוסט געמאכט.

אירענע (פלוצלונג איבערוויזענדיג): אט דאס טאקי האב איך געוואלט. קיין זאך האט דיר ניט געטארט מעהר גע־לינגען. קיין זאך ניט מעהר, — נאכדעם ווי דו האסט אט דאס איינציג קינד אונזערס געשאפען.

פראפעסאר רובעק: איז עס געווען איפערזוכט וואס האט דיך געטריבען דערצו?

אירענע (קאלט): איך מיין, ס'איז גיכער געווען האס איידער איפערזוכט.

פראפעסאר רובעק: האס? געגען מיר?

אירענע (וויעדער מיט פייער): יא, געגען דיר, געגען דעם קינסטלער, וועלכער האט אזוי לייכט און אהן א שום איינזעהע־ניש גענומען א ווארם בלוטיגען לייב, א יונג מענשען־לעבען, און ביי איהם די נשמה זיינע ארויסגע'גנב'עט, — ווייל ס'האט געמוזט ווערען דערפון א קונסטווערק.

פראפעסאר רובעק: און דאס מוז איך פון דיר הערען — ? צי האסטו ניט, גליהענדיג פאר לײדענשאפט און היי־ליגען פערלאנגען, זיך מיט מיין ארבייט געטהיילט? מיט דער אר־בייט, צו וועלכער מיר פלעגען זיך יערען פריה־מארגען צונויפטרע־פען אזוי ווי צו א גאטעס־דיענסט?

אירענע (קאלט ווי פריהער): איך וויל דיר וואס זאגען, ארנאלד.

פראפעסאר רובעק: נו?

אירענע: איך האב קיינמאל דיין קונסט ניט ליעב גע־האט. ניט פריהער איידער איך האב זיך מיט דיר בעקענט — און אויך ניט נאכדעם.

פראפעסאר רובעק: אבער דעם קינסטלער, אירענע?

אירענע: דעם קינסטלער האס איך.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: אויף דעם קינסטלער אין מיר?

א י ר ע נ ע: דעם מעהר פון אלעמען. ווען איך בין געשטאנען אין גאנצען אויסגעטהאָן פאר דיר, דאן האָב איך דיך געהאסט, ארנאָלד—

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (וואָרים): ניין, אירענע! דאָס איז ניט אמת!

א י ר ע נ ע: כ'האָב דיך געהאסט, ווייל דו האָסט געקענט בלייבען אזוי אונבעריהרט—

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (לאַכט): אונבעריהרט? אזוי מיינסט דו?

א י ר ע נ ע: — אָדער וועניגסטענס אזוי פול מיט זעלבסט־בעהערשונג. און ווייל דו ביסט א קינסטלער געוועזען, בלויז א קינס־טלער — ניט קיין מאַן. (נעהט אָן אַ ווארעמען, הארציגען טאָן): אָבער די סטאטוע אין דעם נאסען, לעבעדיגען ליים, ד י האָב איך ליעב געהאט, — ווי פון דער דאָזיגער רויהער מאסע אָהן א שום פאָרם, האָט זי זיך אויפגעהויבען ווי א לעבעדיג מענשען־קינד, — וואָרים ד אָ ס איז געוועזען א ו נ ז ע ר שעפפונג, א ו נ ז ע ר קינד. מיינס און דיינס.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (מיט אַן אומעטיגען טאָן): דאָס איז עס טאקי געוועזען אין גייסט און אין דער וואהרהייט.

א י ר ע נ ע: זעהסט דו, ארנאָלד, צוליעב אָט דעם קינד האָב איך עס אונטערנומען די לאנגע רייזע.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק: (פלוצלונג אויפמערקזאַם): צו־ליעב אָט דעם מארמאָר־בילד —?

א י ר ע נ ע: רוף עס ווי דו ווילסט. איך רוף עס אונזער קינד.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (אונרוהיג): און איצט ווילסטו עס זעהן? פארטיג? אין „קאלטען" מארמאָר, ווי דו פלעגסט תמיד זאָגען? (מיט אינטערעס). דו ווייסט אפנים ניט, אז עס שטעהט אין א גרויסען מוזעאום — ווייט אין דער וועלט ארויס?

א י ר ע נ ע: כ'האָב עפּעס געהערט וועגען דעם.

פּראָפּעסאָר רובעק: און מוזעאומס האָבען דאָך שטענדיג דיך געגרוילט. דו פּלעגסט זיי אימער רופען קברים־שמיבער.

אירענע: איך וויל מאכען א רייזע צו דעם אָרט, וואו מיין זעלע און דאָס קינד פון מיין זעלע ליעגען בעגראָבען.

פּראָפּעסאָר רובעק (אונרוהיג און דערשראָקען): דו טאָרסט קיינמאָל דאָס ווערק ניט זעהן! הערסט דו, אירענע. איך בעט דיך — ! קיינמאָל, קיינמאָל טאָרסט דו עס מעהר ניט זעהן!

אירענע: דו מיינסט אפשר, אז איך וואָלט דערפון נאָך אמאָל געשטאָרבען?

פּראָפּעסאָר רובעק (פּערברעכט מיט די הענד): איך ווייס אליין ניט וואָס איך מיין. — אָבער ווי האָט עס מיר געקענט ארויפקומען אויף'ן זינען, אז דו וועסט זיך פיהלען אזוי שטארק צוגעבונדען צו דעם דאָזיגען בילד? אז דו האָסט מיך פערלאָזען, — נאָך איידער ס'איז אין גאנצען געענדיגט געווען.

אירענע: ס'איז געווען געענדיגט. דערפאר האָב איך געקענט רוהיג אוועקגעהן — און דיך לאָזען אליין.

פּראָפּעסאָר רובעק (די עלענבויגען אויף די קניע, וויגט דעם קאָפּ האַלטענדיג די הענד פאר די אויגען): ס'איז נאָך ניט געווען דאָס, וואָס עס איז שפּעטער געוואָרען.

אירענע (ציהט שטילערהייט און שנעל ווי א בליץ ארויס אויף דער העלפט א דינעם, שפּיציגען מעסער, וואָס זי טראָגט אין בוזעם, און פרעגט מיט א הייזעריגער, שעפּטשענדער שטימע): ארנאָלד, האָסט דו אונזער קינד עפּעס שלעכטס געטהאָן?

פּראָפּעסאָר רובעק: עפּעס שלעכטס? — ווי קען איך וויסען וואָס דו רופסט אָן שלעכטס?

אירענע (אָהן אָן אָטהעם): זאָג מיר גלייך אויפ'ן שטעל, וואָס דו האָסט דעם קינד געטהאָן.

פּראָפּעסאָר רובעק: איך וועל דיר זאָגען, ווען דו וועסט זיך רוהיג אנידערזעצען און מיך אויסהערען.

אירענע (בעהאלט דאָס מעבער): איך וועל דיך אויסהערן אזוי רוהיג ווי א מוטער קען, ווען —

פּראָפעסאָר רובעק (שלאָגט איהר איבער די רייד): און דאַן, קוק ניט אויף מיר, בעת איך דערצעהל.

אירענע (זעצט זיך אויף אַ שטיין הינטער זיין רוקען): אָט זעץ איך זיך דאָ הינטער דיר. — און איצט פאנג אָן.

פּראָפעסאָר רובעק (נעהמט אַוועק די הענד פון די אויגען און קוקט גלייך פאַר זיך): בעת איך האָב דיך אויסגעפונען, איז מיר אין דער זעלבער רגע גלייך קלאָר געוואָרען, ווי אזוי מיין לעבענסווערק האָט געזאָלט פון דיר געשאפען ווערען.

אירענע: „דער טאָג פון תחית המתים“ האָסט דו גערופען דיין לעבענס־ווערק. — איך רוף עס „אונזער קינד“.

פּראָפעסאָר רובעק: איך בין נאָך דאַן יונג געווען און אָהן א שום לעבענס־ערפאהרונג. די „תחית המתים“, האָב איך זיך געטראכט, מוז אם שעהנסטען און וואונדער־ליעבליכסטען פאַרגעשטעלט ווערן אלס א יונגע, אונבעריהרטע פרוי — אָהן וואָס פאר ס'איז ערדישע לעבענס־ערפאהרונגען — ערוואכט צו ליכט און הערליכקייט און ריין פון יעטוועדען פלעק און אומריינקייט.

אירענע (שנעל): יאָ, — און אזוי שטעה איך דאָך דאָרט, אין אונזער ווערק?

פּראָפעסאָר רובעק (מיט אַ האַלבען מויל): אייגענטליך ניט אין גאנצען אזוי, אירענע.

אירענע (אין וואַקסענדער אויפרעגונג): ניט אין גאנצען—? ניט אזוי, ווי איך בין פאר דיר געשטאנען?

פּראָפעסאָר רובעק (אויסמיידענדיג אַן ענטפער): איך בין געוואָרען וועלט־קלוג אין די שפּעטערדיגע יאָהרען, אירענע. דער „טאָג פון תחית המתים“ איז ביי מיר אין מח געוואָרען עפּעס גרעסערעס — עפּעס פיעלפאכערעס. דער קליינער קיילעכדיגער פיעדעסטאל, אויף וועלכען דיין בילד איז געשטאנען שלאנק און איינזאם, — דער האָט שוין מעהר קיין פּלאץ ניט געהאט פאר אלצדינג, וואָס איך האָב נאָך געוואָלט צוגעבען —

אירענע (טהוט זיך א כאפ צום מעסער, נאר לאזט עס ווידער אב): וואס האסט דו נאך צוגעגעבען? זאג!

פראפעסאר רובעק: וואס איך האב מיט מיינע אויגען געזעהן ארום מיר אין דער וועלט. איך האב עס געמוזט האבען אין בילד. איך האב אנדערש ניט געקענט, אירענע. כ'האב אויסגעברייטעט דעם פיעדעסטאל, — אזוי אז ער איז געווארען גרוים און גראם. און אויף איהם האב איך ארויפגעלייגט א שטיק פון דער געוועלבטער, פלאנצענדער ערד. און פון די שפאלטען פון דער ערד שפארען זיך ארויף מחנות מענשען מיט תם'עוואטע פנים'ער פון חיות, — מענער און פרויען, — ווי איך האב זיי געקענט אין דעם ווירקליכען לעבען.

אירענע (אין אטהעמלאזער שפאנונג): אבער אין מיטען דער מחנה שטעהט די יונגע פרוי אין ליכטיגער הימעלס-פרייד? נים אזוי, ארנאלד?

פראפעסאר רובעק: ניט גאנץ אין מיטען. איך האב לײדער געמוזט די סטאטוע אוועקרוקען נאך הינטען — צוליעב דער אלגעמיינער ווירקונג, ווייסט דו. אניט וואלט זי צו שטארק בעהערשט דאס גאנצע.

אירענע: אבער דער גלאנץ פון פערוואנדעלטער פרייד שטראהלט דאך מיר נאך אלץ אראב פון געזיכט?

פראפעסאר רובעק: פערשטעהט זיך, אירענע. אין א געוויסען זינן ווייניגסטענס. פיליכט אביסעלע איינגעהאלטענער. ווי מיין נייע אידעע האט עס געפאדערט.

אירענע (הויבט זיך אויף שטילערהייט): דאס דאזיגע בילד דריקט אויס דאס לעבען, אזוי ווי דו זעהסט עס איצט, ארנאלד.

פראפעסאר רובעק. יא, דאס דריקט זי טאקע אויס.

אירענע: און אין דעם דאזיגען בילד האסט דו מיך — אביסעל פערבלאסט — אלס א הינטערגרונד-פיגור — אוועקגעשטעלט אין א גרופע. (ציהט ארויס דאס מעסער).

פראפעסאר רובעק: ניט אין דעם הינטערגרונד — לאמיר זאגען אין'ם מיטעלגרונד — אדער אזוי וואס.

אירענע: איצט האָסט דו דיר אַליין ארויסגעגעבן דיין אורטהייל. (ווייל איהם שמעכען).

פראָפעסאָר רובעק (קעהרט זיך אום מיט'ן פּנים צו איהר און קוקט זי אָן): מיין אורטהייל?

אירענע (בעהאַלט אויף גיך דאָס מעסער און זאָגט מיט אַ פער־שטיקטער שמערצליכער שטימע): מיין גאנצע זעעלע, — דו און איך, — מיר, מיר און אונזער קינד זיינען געווען אין דער דאָזיגער איינזאמער געשטאַלט.

פראָפעסאָר רובעק (היטציג, נעהמט ארונטער דעם הוט פון קאָפּ און ווישט זיך אָב די טראָפּענס שווייס פון שטערן): אָבער איצט הער אויך אויס, ווי אזוי איך האָב זיך אַליין פאַרגשעטעלט אין דער גרופּע. פון פאָרענט ביי אַ קוואל, ווי דאָ, זיצט אַ מאַן, שווער בעלאַסטעט מיט שולדען, וועלכער קען זיך ניט אין גאנצען בעפרייען פון דער ערד־שאָלאכץ. איך רוף איהם „די חרטה אויף אַ פערלאָרען לעבען". ער טונקט זיינע פינגער אין דאָס קוועלענדע וואסער, כדי זיי ריינצוואַשען—און ער ליידט אין קרימט זיך פון שמערץ ביי דעם געדאנק, אז דאָס וועט זיך איהם קיינמאָל ניט איינגעבען. קיינמאָל, קיינמאָל וועט ער ניט פריי ווערען, קיינמאָל וועט ער ניט צוקומען צו אַ נייעם לעבען. אויף אייביג בלייבט ער איינגעשפּארט אין זיין גיהנום'שער תפיסה.

אירענע (האַרט און קאַלט): דיכטער!

פראָפעסאָר רובעק: פאַרוואָס עפּעס דיכטער?

אירענע: ווייל דו ביסט אהן קראפט און אהן ווילען און פול מיט פערגעבונג פאר אַלע דיינע האנדלונגען און געדאנקען. צו־ערשט האָסט דו מיין זעעלע ערמאָרדעט — און דאן שטעלסט דו זיך אַליין פאַר אין חרטה און תשובה און זעלבסט בעשולדיגונג — (שמייכעלט) — און דערמיט, מיינסט דו, איז דיין חשבון גע־סילוק'ט.

פראָפעסאָר רובעק (מיט אַ דרייסטען טאָן): איך בין אַ קינסטלער, אירענע, — און איך שעהם זיך גאָר ניט מיט דער שוואכקייט און ניט־פאָלקאָמענהייט, וואָס קען זיך געפינען אין מיר.

וואָרים איך בין געבוירען צו זיין א קינסטלער, פערשטעהסט דו מיך. און טראָץ אלעם וועל איך קיינמאָל עפּעס אנדערש ווי א קינסטלער ניט ווערען.

אירענע (קוקט איהם אָן מיט א פערשטיקטען בייזען שמייכעל און זאָגט ווייך און מילד): א דיכטער ביסט דו, ארנאָלד. (גלעט איהם שטיל איבער די האָר). אך, דו ליעב, גרויס, בעיאָהרענט קינד, זאָלסט דאָס ניט קענען זעהן!

פּראָפּעסאָר רובעק (מיט אַן אויסדרוק פון לאַנגוויילינ־קייט): פאַרוואָס רופסט דו מיך כסדר דיכטער?

אירענע (מיט לויערענדע אויגען): מחמת אין דעם ראָזי־נען וואָרט ליעגט אַן ענטשולדיגונג, מיין פריינד. א פערגעבונג — וועלכע שפּרייט אויס א מאנטעל איבער אלע שוואכקייטען און אונ־פאָלקאָמענהייטען. ((פּלוצלונג מיט אַן אַנדער טאָן): אָבער איך בין דעמאָלט געוועזען א מענש! און איך האָב אויך געהאַט א מענשענלעבען צו לעבען — און א מענשען־שיקזאל צו ערפילען. זעה, אַט דאָס אלעס, האָב איך געלאָזט ליעגען, — האָב עס אוועק־געוואָרפען, כדי דיר אונטערטהעניג צו זיין. — אָה, דאָס איז גע־ווען א זעלבסמאָרד; א אומפערצייהליכע זינד געגען זיך אליין. (האַלב שעפּטשענדיג) און אַט דעם פערברעכען קען איך קיינמאָל ניט ווידער גוט מאכען. (זי זעצט זיך אַנידער לעבען איהם ביים טייכעל, קוקט איהם אונבעמערקט נאָך, און עפּעס אזוי ווי אונבעוואוסטזיניג פליקט זי אָב עטליכע בלומען פון די בוימלאַך ארום).

אירענע (מיט א לפנים'דיגער געזעצטקייט): איך האָב גע־זאָלט ברייננגען קינדער אויף דער וועלט. א סך קינדער. ריכטיגע קינדער. ניט אזעלכע, וואָס ווערען בעהאַלטען אין קברים. דאָס האָט געזאָלט זיין מיין בערוף. קיינמאָל האָב איך דיך ניט גע־דאַרפט דינען — דו דיכטער.

פּראָפּעסאָר רובעק (פערלאָרען אין זכרונות): עס זיי־נען פונדעסטוועגען פאַרט געווען שעהנע צייטען, אירענע. וואונ־דערשעהנע צייטען, — אז איך דערמאָן זיך —

אירענע (קוקט איהם אָן מיט א ווייכען אויסדרוק אין איהר

בליק): גערענקסטו נאָך מיט וואָס פאר א וואָרט דו האָסט זיך בע־נוצט, — בעת דו ביסט פארטיג געוואָרען — פארטיג מיט מיר און מיט אונזער קינד? (שאָקעלט איתם צו מיט'ן קאָפּ): גערענק־סטו נאָך דאָס קליינע וואָרט, ארנאָלד?

פּראָפעסאָר רובעק (קוקט זי אָן מיט אַ פרעגענדען בליק): האָב איך דעמאָלט געזאָגט אזא וואָרט, וואָס איז געבלי־בען ביי דיר אין זכרון?

אירענע: יאָ. קענסט זיך שוין ניט דערמאָנען אָן דעם?

פּראָפעסאָר רובעק (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): ניין, בנאמנות אז ניט. יעדענפאלס ניט אין דער רגע.

אירענע: דו האָסט מיך אָנגענומען פאר ביידע הענד און האָסט זיי ווארים געדריקט. און איך בין געשטאנען פאר דיר אין הוילע ערוווארטונג. און דאן האָסטו געזאָגט: „איך דאנק דיר פון גאנצען הארצען, אירענע. דאָס איז געווען פאר מיר אן אונשעצ־בארע עפּיזאָדע“.

פּראָפעסאָר רובעק (צווייפלענדיג): האָב איך געזאָגט „עפּיזאָדע“. איך בענוץ זיך געוועהנליך ניט מיט דעם דאָזיגען וואָרט.

אירענע: דו האָסט געזאָגט „עפּיזאָדע“.

פּראָפעסאָר רובעק (מיט אָנגענומענער מונטערקייט): נו יאָ, — און אין גרונד גענומען איז דאָך דאָס טאקי געווען אן עפּיזאָדע.

אירענע (קורץ): פאר דעם וואָרט האָב איך דיך דאַ־מאָלסט פערלאָזען.

פּראָפעסאָר רובעק: דו נעהמסט זיך פון אלעם אזוי שטארק צום הארצען, אירענע.

אירענע (גלעט זיך איבער'ן שטערן): אפשר ביסט דו גע־רעכט. לאָמיר אָבטרייסלען פון זיך אלע שווערע, מרה־שחורה'דיגע געראנקען! (פליקט אָב די בלעטער פון אַ באַרג־רויז און וואַרפט זיי פונאַנדער איבער'ן טייכעל): טהו נאָר א קוק, ארנאָלד! אָט שווי־מען אונזערע פויגלען.

פּראָפּעסאָר רובעק: וואָס פאַר פויגלען?

אירענע: פלאַמינגאָס*). — זעהסטו דען ניט? רויזענ־רויטע פלאַמינגאָס.

פּראָפּעסאָר רובעק: פלאַמינגאָס שווימען ניט. זיי בראָדזשען נור.

אירענע: דאַן זיינען עס ניט קיין פלאַמינגאָס, נאָר מעווען.

פּראָפּעסאָר רובעק: מעווען מיט רויטע שנאָבלען, יאָ, — דאָס שוין גיכער. (פליקט אָב ברייטע גרינע בלעטער אין וואַרפט זיי אין טייבעל). איצט שיק איך ארוים מיינע שיפען נאָך זיי.

אירענע: אָבער קיין פויגעל־פאַנגער דארפען ניט זיין ביים ברעג וואַסער.

פּראָפּעסאָר רובעק: ניין, קיין פויגעל־פאַנגער. (שמייכעלט צו). געדענקסטו נאָך דעם זומער, ווען מיר פלעגען אזוי זיצען פאַר'ן בויערן־הייזעל ביי דער טאַוניצער אָזיערע.

אירענע (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): שבת צו־נאַכט, — ווען מיר פלעגען זיין פאַרטיג מיט אונזער וואָך ארבייט —

פּראָפּעסאָר רובעק: — און מיר פלעגען ארויספאָהרען מיט דער באַהן — און פלעגען בלייבען דאָרט איבער זונטאַג —

אירענע (מיט אַ בליק פול מיט האַס): ס'איז געווען אַן עפּיזאָדע, ארנאָלד.

פּראָפּעסאָר רובעק (אַקוראַט ווי ער וואָלט גאָרנישט גע־הערט): דאַן פלעגסטו אויך אוועקלאָזען פויגלען שווימען אין טייך. וואַסער־ליליען —

אירענע: דאָס זיינען געווען ווייסע שוואַנען.

פּראָפּעסאָר רובעק: שוואַנען מיין איך. און איך גע־דענק נאָך, ווי איך האָב צוגעטשעפּעט אַ גרוים, גראָב בלאַט צו איינעם פון יענע שוואַנען. ס'איז געווען אַ שטשאַוו־בלאַט.

---

*) רויטע גענז.

אירענע: ס׳האָט אויסגעזעהן ווי לאָהענגרין׳ס שיפעל — מיט דעם שוואַן פון פאָרענט.

פראָפעסאָר רובעק: ווי גערן דו פלעגסט זיך אזוי שפּיעלען, אירענע.

אירענע: מיר האָבען אָפּט אזוי געשפּיעלט.

פראָפעסאָר רובעק: יעדען שבת, דוכט זיך; — דעם גאַנצען זומער נאָכאַנאַנד.

אירענע: דו פלעגסט זאָגען, אז איך בין דער שוואַן און איך ציה דיין שיפעל.

פראָפעסאָר רובעק: אזוי? יאָ, יאָ. (אַריינגעטהאָן אין שפּיעלען). זעה נאָר, ווי די מעווען שווימען ארונטער דעם גאַנצען טייך!

אירענע (לאַכט): און דיינע שיפען געהען אלע אונטער.

פראָפעסאָר רובעק (וואַרפט נאָך בלעטער אין טייך): איך האָב נאָך גענוג שיפען אין זאַפּאַס. (קוקט נאָך די בלעטער ווי זיי שווימען, רייסט אָב נאָך עטליכע בלעטער און זאָגט, נאָך אַ קליינער פּויזע): דו, אירענע, — דאָס בויערן־הייזעל ביי דער טואַניצער אָזיערע, דאָס האָב איך אָבגעקויפט.

אירענע: האָסטו עס איצט געקויפט? דו פלעגסט אָפט זאָגען, אז דו וואָלסט עס קויפען, ווען דו האָסט די מיטלען דערצו.

פראָפעסאָר רובעק: שפּעטער האָב איך געהאט גענוג מיטלען. און איך האָב עס אָבגעקויפט.

אירענע (גיט אַ קוק אויף איהם פון דער זייט): דו וואוינסט אלזאָ איצט דאָרט — אין אונזער אלטען הויז?

פראָפעסאָר רובעק: ניין, דאָס האָב איך שוין לאַנג געלאָזט ארונטעררייסען. און כ׳האָב מיר אויף דעם אָרט אויפגע־בויט אַ גרויסע, שעהנע בעקוועמע ווילאַ — מיט אַ פּארק ארום. דאָרט זיינען מיר געוועהנליך — (שטעלט זיך אָב און פאַרריכט זיך אליין). — דאָרט בין איך געוועהנליך זומער.

אירענע (קאָנטראָלירט זיך): אזוי, דו און — די אנדערע, איהר וואוינט אימער דאָרט?

פראָפעסאָר רובעק (מיט אַ ביסעל אַ דרויסטערן טאָן): יאָ, ווען מיין פרוי און איך זיינען ניט — ווי היינטיגס יאָהר אויף דער רייזע.

אירענע (אַרויסקוקענדיג ווייט פאַר זיך): שעהן, שעהן איז דאָס לעבען געוועזן ביי דער טאוניצער אַזיערע.

פראָפעסאָר רובעק (עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט אַריינגעקוקט אין זיך אַליין): און דאָך, אירענע, —

אירענע (דערענדיגט זיין געדאַנק): — און דאָך האָבען מירביידע אָט דאָס שעהנע לעבען אין גאַנצען אַרויסגעלאָזט פון די הענד —

פראָפעסאָר רובעק (שטיל אָבער איינדרינגענדיג): קומט די חרטה צו שפּעט?

אירענע (ענטפערט ניט, נאָר זיצט אַ ווײַלע שטיל; דאַן קוקט זי אַרויס איבער'ן פעלד אין דער ווייטען): זעה, ארנאָלד. איצט געהט די זונן אונטער דאָרט הינטער די שפּיץ בערג. זעה נור, ווי רויט די לעצטע שטראַהלען איהרע בעפאַרבען דאָרט די גאַנצע וויסטע.

פראָפעסאָר רובעק (קוקט אויך אַריבער אַהין): ס'איז שוין לאַנג, זינט איך האָב געזעהן אַ זונען־אונטערגאַנג אין די בערג.

אירענע: אַ זונען־אויפגאַנג אויך?

פראָפעסאָר רובעק: אַ זונען־אויפגאַנג, מיין איך, האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געזעהן.

אירענע (שמייכעלט אַזוי ווי פערטיעפט אין עראינערונג): איך האָב איינמאָל אַ וואונדער־שעהנעם זונען־אויפגאַנג געזעהן.

פראָפעסאָר רובעק: אַזוי? וואו איז דאָס געוועזן?

אירענע: הויך, הויך אויבען אויף אַ שווינדעלדיגען שפּיץ בארג. דו האָסט מיך פערנאַרט אויבען און האָסט מיר צוגעזאָגט די גאַנצע הערליכקייט פון דער וועלט, ווען איך — (זי שטעלט זיך פּלוצלונג אָב).

פראָפעסאָר רובעק: ווען דו —? נו?

אירענע: — זואָלט געטהאָן וואָס דו האָסט מיר געהייסען און וואָלט מיט דיר ארויפגעגאנגען אין דער הויך. און דאָ בין איך געפאלען אויף די קניע — און האָב צו דיר געבעטען — און דיר געדיענט (שווייגט אַ רגע, דאָן זאָגט זי שטילערהיים): דאן האָב איך געזעהן ווי די זונן געהט אויף.

פראָפעסאָר רובעק (ביטענדיג דעם געשפרעך): וואָלסט דו ניט געוואָלט מיטקומען מיט אונז און וואוינען ביי אונז אין דער ווילא?

אירענע (קוקט איהם אָן מיט אַ פעראַכטענדען שמייכעל): אינאיינעם מיט דיר — און מיט דער אנדער דאמע?

פראָפעסאָר רובעק (מיט הארץ): אינאיינעם מיט מיר — ווי אין די אלטע טעג פון שאפען. כדי אויפצושליסען אַט די אלטע טויערן, וועלכע זיינען ביי מיר אינעווייניג פערשלאָסען. וואָלסט דו דאָס ניט געוואָלט טהאָן, אירענע?

אירענע (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): איך האָב שוין ניט מעהר דעם שליסעל צו דיר, ארנאָלד.

פראָפעסאָר רובעק: דו האָסט דעם שליסעל! נאָר דו האָסט איהם! (בעט זיך רחמים). העלף מיר נאָך אמאָל צו קענען לעבען מיין לעבען!

אירענע (אונבעוועגליך ווי פריהער): פוסטע חלומות. ליידיגע — טויטע חלומות. פאר אונזער צוזאמענלעבען איז שוין קיין תחית המתים ניטאָ.

פראָפעסאָר רובעק (קורץ אָבהאַקענדיג): דאן לאָמיר אלזאָ, ווייטער שפיעלען.

אירענע: יאָ, שפיעלען, שפיעלען, — נור שפיעלען.

זיי זיצען און וואַרפען בלומען־בלעטער אין טייך און לאָזען זיי אוועקשווימען. איבער'ן בערגעל אין הינטערגרונד לינקס קומען גוטס־בעזיצער אולפהיים און מאיאַ אין יאגד־קאָסטיומען. הינטער זיי דער דיענער מיט די הינט, וועלכע ער פיהרט אַוועק רעכטס.

פראָפעסאָר רובעק (בעמערקט זיי): אהא! דאָ געהט דאָך די קליינע מאיא ארוים מיט דעם בערען־יעגער.

אירענע: דיין מאיא.

פראָפעסאָר רובעק: אָדער זיינע.

מאיא (קוקט געתענדיג אריבער, דערזעהט די ביידע זיצען ביים טיך און שרייט אויס): גוטע נאכט, פראָפעסאָר. חלום .פון מיר. איצט לאָזט מען זיך אוועק אויף ריזיקע.

פראָפעסאָר רובעק (רופט צוריק): און וואָס פאר א סאָרט ריזיקע זאָל דאָס זיין?

מאיא (צוקומענדיג נעהנטער): איך וויל לעבען — אנשטאט אלעם אנדערע.

פראָפעסאָר רובעק (שפּאָטיש): אזוי, דו ווילסט עס אויך, קליינע מאיא?

מאיא: יאָ! און דערצו האָב איך נאָך א פערז געמאכט, דער הייסט אזוי: (זינגט פרעהלאַך).

איך בין פריי! איך בין פריי! איך בין פריי!
דער געפאנגשאפט'ס צייט איז פערביי!
איך בין פריי ווי א פויגעל, כ'בין פריי!

ט יאָ! וואָרים איך גלויב, איצט האָב איך ענדליך ערוואכט.

פראָפעסאָר רובעק: עס זעהט אויס אזוי.

מאיא (אָטהעמט פון דער פולער ברוסט): אה, — ווי הימ־ ליש לייכט אזא מין ערוואכונג מאכט!

פראָפעסאָר רובעק: גוטע נאכט, פרוי מאיא — און פיעל גליק —

אולפהיים (שרייט אויס אונגעדולדיג): מען איז אייך מוחל—! צום טייוועל מיט אייערע גוטע ווינשע! איהר זעהט ניט, אז מיר געהען ארויס אויף דער יאגד —

פראָפעסאָר רובעק: וואָס וועסט דו מיר מיטברייגנגען פון דער יאגד, מאיא?

מאיא: דו זאָלסט קריגען א רויב־פויגעל אלס מאָדעל. איך וועל איינעם אונטערהאקען די פליגלען.

פראָפעסאָר רובעק (לאַכט פול מיט ביטערן שפּאָט):

יאָ, איינעם אונטערהאַקען די פליגלען — אַזוי על פי טעות — איז פון תמיד אָן געווען אַ געשעפט פאַר דיר.

מאַיאַ (פערוואָרפט מיט'ן קאָפּ אַהינטער): אַה, דו לאָז מיך בעסער אין דער צוקונפט זאָרגען פאַר זיך אַליין — ! (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און לאַכט שטיפעריש). זיי געזונד — און אַ גוטע, רוהיגע זומערנאַכט!

פּראָפעסאָר רובעק (לוסטיג): אַ דאַנק! און אַלע בייזע חלומות צו אייך און צו אייער יאַגד!

אולפהיים (לאַכט אויף'ן קול): בראַוואָ! אָט דאָס הייסט צוגעוואונשען ווי עס דאַרף צו זיין.

מאַיאַ (לאַכענדיג): אַ שעהנעם דאַנק, פּראָפעסאָר, אַ שעהנעם דאַנק!

זיי זיינען ביידע אַריבער דעם זיכטבאַרען טהייל פון דעם פעלד און געהען דורך'ן וועלדעל רעכטס אָב).

פּראָפעסאָר רובעק (נאָך אַ קורצער פּויזע): אַ זומער-נאַכט אין די בערג. יאָ, דאָס וואָלט געהייסען לעבען.

אירענע (פּלוצלונג, מיט אַ ווילדען אויסדרוק אין די אויגען): ווילסטו אַזאַ זומערנאַכט — מיט מיר?

פּראָפעסאָר רובעק (שפּרייט אויס די אָרעמס): יאָ! יאָ! — קום!

אירענע: מיין געליעבטער הערר און מייסטער!

פּראָפעסאָר רובעק: אָה, אירענע!

אירענע: (שמייכעלט און טאַפּט זיך אויף דער ברוסט, חיו־זעריג): ס'וועט בלויז זיין אַן עפּיזאָדע — (שנעל, שעפּטשענדיג). שטיל! קוק זיך ניט אום, אַרנאָלד!

פּראָפעסאָר רובעק (פונקט אַזוי שטיל): וואָס איז דען?

אירענע: אַ געזיכט קוקט מיר גלייך אין די אויגען אריין.

פּראָפעסאָר רובעק: (קעהרט זיך ניט ווילענדיג אום): וואו? (בלייבט אַ פערציטערטער): אַה! (דער קאָפּ פון דער באַרמ־האַרציגער שוועסטער ווייזט זיך מהיילוויז צווישען דעם וועלדעל

ליגקס. איהרע אויגען זייגען ווי שפיזען געווענדעט צו אירענע׳ן).

אירענע (הויבט זיך אויף און זאָגט מיט א נידעריגער שטי־מע): מיר מוזען זיך שיידען. ניין, דו זאָלסט בלייבען דאָ, ניט הערסט? דו מאַרסט מיך ניט בעגלייטען. (בויגט זיך אָן צו איהם און שעפטשעט): צום ווידערזעהן היינט ביי נאכט, דאָ אויף׳ן פעלד.

פּראָפעסאָר רובעק: און דו וועסט קומען, אירענע?

אירענע: איך קום בעשטימט. ווארט אויף מיר דאָ.

פּראָפעסאָר רובעק (ווידערהאָלט ווי אין חלום): א זומערנאכט אין די בערג, מיט דיר. מיט דיר. (זיינע אויגען בע־געגענען זיך מיט איהרע). אָה, אירענע, — דאָס האָט געקענט זיין דאָס לעבען. און דאָס האָבען מיר פערפּושט — מיר ביידע.

אירענע: וואָס עס איז ניט צוריקצובריינגען, דאָס זעהען מיר ערשט, ווען — (האַקט קורץ אָב).

פּראָפעסאָר רובעק (קוקט זי אָן מיט א פרעגענדען בליק) ווען — ?

אירענע: ווען מיר טויטע ערוואכען.

פּראָפעסאָר רובעק (שאָקעלט טריוועריג מיט׳ן קאָפּ): יאָ, — וואָס זעהען מיר דאן אייגענטליך?

אירענע: מיר זעהען אז מיר האָבען קיינמאָל ניט גע־לעבט. (זי געהט ארונטער דעם וועג צום סאַנאַטאָריום. די באַרמהאַר־ציגע שוועסטער מאַכט איהר פּלאַץ און געהט איהר נאָך. רובעק בלייבט זיצען אונבעוועגליך ביים טייך.

מאיא (מען הערט איהר שטימע פון די פעלזען אויבען, ווי זי זינגט פרעהליך):

איך בין פריי! איך בין פריי! איך בין פריי!
דער געפאנגשאפט׳ס צייט איז פערביי!
איך בין פריי ווי א פויגעל! כ׳בין פריי!

דריטער אקט.

ווילד־איינגעשניטענע הויכע בערג מיט משופע׳דיגע אָבגרונדען אין דעם הינטערשטען טהייל פון דער ביהנע. עטליכע שפּיץ בערג, בע־דעקט מיט שנעע, הויבען זיך אויף רעכטס און ווערן פערפאַלען אויבען אין דער הויך אין בעוועגענדע טומאַנען. לינקס אויף אָנגעוואָרפענע שטיינער, ליעגט אַן אַלט, האַלב־צופאַלען שטיבעל. ס׳איז גאנץ פריה, בעגינען צו טאָג; די זונן איז נאָך ניט אויפגעגאַנגען.

מאַדאַם מאַיאַ רובעק קומט אַרונטער, רויט און צוהיצט, פון דעם פעלזען־בערגעל לינקס. גוטסבעזיצער אולפהיים געהט איהר נאָך האַלב־צאָרנדיג, האַלב־לאַכענדיג און האַלט זי פעסט פאַר׳ן אָרעם.

מאיא (סטאַרעט זיך אַרויסצומאַכען): לאָזט מיך אָב! לאָזט מיך אָב, זאָג איך!

אולפהיים: נו, נו, — אָט דאָס טאקי האָט נאָך געפעהלט, איהר זאָלט זיך בייסען. איהר זייט דאָך ווילד ווי א מארדער.

מאיא (גיט איהם אַ זעץ אין האַנד): איהר זאָלט מיך אָב־לאָזען, האָב איך געזאָגט! און צורוה לאָזען!

אולפהיים: נו, זאָל מיך דער —

מאיא: דאַן געה איך ניט קיין טריט ווייטער מיט אייך! הערט איהר — קיין איין טריט ניט — !

אולפהיים: האָהאָ, וואו האָט איהר אשטייגער בדעה צו נעהן אין דער דאָזיגער פעלזען־ווילדערניש אָהן מיר?

מאיא: אז ס׳וועט קיין אנדער ברירה ניט זיין, שפּרינג איך איינפאך ארונטער פון דער וואנד דאָרט.

אולפהיים: וואָס, כדי צו ליעגען דאָרט א צומאָלענע און א צושמעטערטע — א געשמאַק, זאַפטיג שטיק פלייש פאַר די הינט? (לאָזט זי אָב). נור געפלויגען! לויפט ארונטער די וואנד.

אויב איהר האָט חשק. זי איז מורא'דיג משופּע. בלויז איין שמאָ־לער שטעג פיהרט ארונטער, און אויף דעם איז כמעט אונמעגליך צו געהן.

מאיא (רייניגט זיך אָב איהר קלייד מיט דער האַנד און קוקט איהם אָן מיט צאָרנדיגע אויגען): און מיט אזא מענשען מוז מען דאָס ארויסגעהן אויף געיעג!

אולפהיים: זאָגט ליעבערשט: טרייבען ספּאָרט.

מאיא: אזוי גאָר, איהר רופט דאָס אָן ספּאָרט?

אולפהיים: יאָ, כ'נעהם זיך די פריהייט דערצו. אָט דעם סאָרט ספּאָרט האָב איך ליעבער פון אלע.

מאיא (קעהרט אָב דעם קאָפּ אָהינטער): נו — דאָס הייסט אביסעל—! (נאָך א קורצער פּויזע; קוקט איהם אָן מיט אַ פאָרשענדען בליק): פאר וואָס האָט איהר עפּעס אָבגעלאָזען די הינט אויבען?

אולפהיים (פינטעלט מיט די אויגען און שמייכעלט): בדי זיי אויך צו פערשאפען א קליינעם יאגד־פערגניגען, פערשטעהט איהר מיך.

מאיא: דאָס איז גאָר פשוט ניט אמת! ניט דערפאר האָט איהר די הינט אָבגעלאָזען.

אולפהיים (שמייכעלט נאָך אַלץ): נו, פאר וואָס זשע דען, אז ניט דערפאר? לאָמיר הערען—?

מאיא: מחמת איהר האָט געוואָלט פּטור ווערן פון לארס'ן. ער זאָל נאָכלויפען די הינט און זיי ווידער כאַפּען. און דערווייל — איהר זייט מיר א פיינער בחור!

אולפהיים: — און דערווייל — ?

מאיא (קורץ אָבהאַקענדיג): שוין רעכט.

אולפהיים (מיט אַ פערטרויליכען טאָן): לארס וועט זיי אזוי גיך ניט געפינען, דערויף מעגט איהר זיך פערלאָזען. ער קומט ניט צוריק פאר דער צייט.

מאיא (קוקט איהם אָן צאָרנדיג): פערשטעהט זיך, אז ניט.

אולפהיים (כאַפּט איהר אָן ביים אָרם): וואָרים פער־

שמעהט איהר מיך, לארס, — אַט דער קען שוין מייגע ספּאָרט־גע־וואוינהייטען.

מאיא (ווייכט איהם אויס און מעסט איהם אָב מיט די אויגען): ווייסט איהר, ווי איהר זעהט אויס, הערר אולפהיים?

אולפהיים: נו, ווי איך אליין, פערשטעהט זיך.

מאיא: פונקט אויפ'ן האָר. ווי א לעבעדיגער פאון.

אולפהיים: א פאון?

מאיא: אודאי, אקוראט ווי א פאון.

אולפהיים: א פאון — דאָס איז אזא מין פערזעהעניש פון א חיה, וואָס? אָדער אזא מין וואלד־טייוועל, ניט?

מאיא: נו יאָ, פונקט אזא איינער ווי איהר! מיט א ציגען בערדיל און פיס ווי א באָק. און הערנער האָט דער פאון אויך.

אולפהיים: הערט, הערט, דער אויך?

מאיא: א פּאָר שרעקליכע הערנער ווי איהר, פערשטעהט זיך.

אולפהיים: איהר קענט דען זעהן די הערנערלאך, וואָס איך האָב?

מאיא: יאָ, מיר דוכט, כ'קען זיי גאנץ דייטליך זעהן.

אולפהיים (נעהמט אַרויס די הינט־שטריק פון טאַש): דאן וועל איך אייך, הייסט עס, מוזען בינדען.

מאיא: איהר זייט פעררירקט געוואָרען?! בינדען ווילט איהר מיך —?

אולפהיים: אויב איך בין שוין יא א טייוועל, איז לאָמיך עס זיין ווי געהעריג איז. הערט אקאָרשט! איהר קענט אלזאָ זעהן די הערנער?

מאיא (מיט אַ בערוהיגענדען טאָן): נו — זייט אלזאָ אנ־שטענדיג, דערר אולפהיים. (שלאָגט זיך אַליין איבער די רייד). אָבער וואו איז ערגעץ אייער יאגד־שלאָס, וועגען וועלכען אידר האָט מיר אזוי לאנג און ברייט דערצעהלט? דאָס מוז דאָך ליעגען דאָ ארום דער נעגענד?

אולפהיים (ווייזט אויף'ן שטיבעל): אט האט איהר עס דא פאר אייערע אויגען.

מאיא (קוקט איתם אן): אט דער אלטען שווייגען־שטאל דא?

אולפהיים (לאכט זיך אריין אין בארד): דא האט שוין מעהר ווי איין בת מלכה איבערגענעכטיגט.

מאיא: און דארט, זאגט איהר, האט דער מיאוס'ער בחור דעם קעניג'ס טאכטער אין דער געשטאלט פון א בער בע־זוכט?

אולפהיים: יא, מאדאם יאגד־קאמעראד, — טאקי דא. (מיט אן איינלאדענדען מאך מיט דער האנד). ווען איהר ווילט אזוי גוט זיין אריינגעהן, —

מאיא: בררר! קיין פוס שטעל איך דא ניט אריין — ! בררר!

אולפהיים: אה, אין אזא זומערנאכט קען דא א פארל גאנץ גוט איבערשלאפען. א גאנץ זומער אפילו, ווען ס'קען אנדעריש ניט זיין.

מאיא: א שעהנעם דאנק. דערצו מוז מען האבען א בעזונ־דער אפעטיט. (אונגעדולדיג). אבער איצט בין איך שוין זאט מיט אייך און מיט אייער יאגד פארטיע. כ'וויל ארונטערגעהן אין האָ־טעל — איידער דער עולם שטעהט אויף.

אולפהיים: ווי שטעלט איהר זיך אשטייגער פאר דעם ארא־בגאנג פון דאנען?

מאיא: דאס איז אייער עסק. ס'וועט זיך דאך ווי ניט איז געפינען א וועג.

אולפהיים (ווייזט אראב צום אבגרונד): נו, פערשטעהט זיך; עפעס א מין וועג איז שוין פארהאן — איבער דער וואנד דא ארונטער —

מאיא: נו, אלזא —. מיט אביסעל גוטען ווילען —

אולפהיים: אבער פרואווט נאר געהן דעם דאזיגען וועג.

מאיא (פערזארגט): איהר מיינט, ס'איז ניט מעגליך?

אולפהיים: קיינמאָל אין לעבען ניט. אויב איך זאָל אייך ניט העלפען —

מאיא (אומרותיג): דאן קומט זשע און העלפט מיר! נאָך וואָס דען זייט איהר דאָ?

אולפהיים: זאָל איך אייך נעהמען אויף'ן רוקען?

מאיא: אונזין!

אולפהיים: — אָדער ליעבערשט אויף די אָרעמס?

מאיא: איהר הויבט שוין ווידער אָן מיט אָט די נאריש־קייטען?

אולפהיים (מיט אַ פערביסענעם כעס): כ'האָב אמאָל אויפגעהויבען א יונג מיידעל פון דער גאס און זי צו מיר אין די אָרעמס גענומען. אויף די הענד האָב איך זי געטראָגען און איך האָב זי אזוי געוואָלט דורך'ן גאַנצען לעבען טראָגען; — כדי איהר פוס זאָל זיך ניט אָנשלאָגען אָן קיין שום שטיין, וואָרים זי האָט דעמאָלט געהאט שטארק אויסגעטראָגענע שיך, בעת איך האָב זי געפונען, —

מאיא: און איהר האָט זי פונדעסטוועגען פאָרט אויפגע־הויבען און אויף די הענד געטראָגען?

אולפהיים: כ'האָב זי ארויסגעשלעפט פון בלאָטע און געטראָגען הויך איבער דער ערד — אזוי פאָרזיכטיג ווי איך האָב נאָר געקענט. (מיט אַ ברומענדיגען געלעכטער): און ווייסט איהר, וואָס איך האָב אלס דאנק דערפאר געקראָגען?

מאיא: ניין, וואָס פאָרט?

אולפהיים (קוקט זי אָן און שאָקעלט דעם קאָפּ מיט אַ שמוי־בעל): הערנער האָב איך געקראָגען. די הערנער, וואָס איהר קענט אזוי דייטליך זעהן. איז עס ניט א שעהנע מעשה, מאדאם בערען־טויטער?

מאיא: אָה, יאָ, גאנץ שעהן. אָבער איך וויים נאָך א סך א שעהנערע מעשה.

אולפהיים: און ווי איז זי?

מאיא: אָט ווי אזוי. אמאָל איז געווען א נאריש מיידעל, וואָס האָט געלעבט ביי טאטע מאמע — אָבער אין דחקות און נויטה. פלוצלונג פאלט אראָב א גרויסארטיגער הערר אין דער דאָזיגער ארימקייט אריין און נעהמט דאָס מיידעל אויף זיינע אָרעמס — אזוי ווי איהר, — און פאָהרט מיט איהר אוועק, ווייט, העט ווייט —

אולפהיים: און זי איז מרוצה געוואָרען צו זיין ביי איהם?

מאיא: יאָ — וואָרים, פערשטעהט איהר מיך, זי איז געווען דום.

אולפהיים: און ער איז אפנים געווען, וואָס מען רופט אזוי א שעהנער מאנסביל?

מאיא: אך ניין, ער איז גאָר ניט געווען איבעריגס שעהן אָבער ער האָט געוואוסט איינצורייידען, אז ער וועט איהר ארויפפיהרען אויף גאָט וויים וואָס פאר א הויכען בארג, וואו ס'איז פארהאן ליכט און זונענשיין לרוב.

אולפהיים: אפנים ער איז געווען א בארג־מענש, אָט דער מאן?

מאיא: יאָ, אויף זיין אופן.

אולפהיים: און ער האָט דאָס מיידעל, הייסט עס, מיט זיך ארויפגענומען —?

מאיא (גיט א וואָרף דעם קאָפּ אַהינטער): יאָ בנאמנות, אליין הייסט מיט זיך ארויפגענומען — ! אָה ניין, אין א קאלטער, ענגער שטייג האָט ער זי אריינגענארט, וואו ס'איז ניט געווען ניט קיין זונן, ניט קיין פרישע לופט — יעדענפאלס לויט איהר מיינונג נאָך — נאָר אלעס איז געווען פערגאָלדעט און גרויסע פערשטייינערטע מענשען־שאָטענס ארום אויף אלע ווענד.

אולפהיים: זאָל מיך דער טייוועל נעהמען, דאָס איז דאָך געווען דער ריכטיגער אָרט פאר אידר.

מאיא: אָבער געפינט איהר ניט, אז דאָס איז א גאנץ שעהנע מעשה.

אולפהיים (קוקט זי אן א ווײַלע): הער אקארשט, לאָ־
בער יאנד־קאמעראד —

מאיא: נו, וואָס איז שוין ווידער נייעס?

אולפהיים: וואָלטען מיר צוויי ניט געקענט צונויפוואר־
פען אינאיינעם אונזערע לומפיגע לעבענס?

מאיא: אפנים דער הערר גוטסבעזיצער האָט חשק צו ווע־
רען א לאטוטניק אויף דער עלטער?

אולפהיים: יאָ, פאר וואָס ניט. וואָלטען מיר צוויי רען
ניט געקענט פּרואווען פּערלאטען דאָ און דאָרט די שמאטעס —
אזוי אז עס זאָל סוף כל סוף פאָרט ארויסקומען דערפון עפּעס א
מין מענשענלעבען?

מאיא: און אז די טראנטעס וועלען אלזאָ גאָר אין גאנצען
צוריסען און צושליסען ווערן, — וואָס דאן?

אולפהיים (מיט אַן ענערגישען מאַך מיט דער האַנד): דאן
שטעהען מיר דאָ, שטאָלץ און פריי, — ווי מיר זיינען.

מאיא (לאַכט): איהר מיט אייערע באָקען־פיס, יאָ!

אולפהיים: און איהר מיט אייער —. נו, לאָמיר׳ס לאָ־
זען געהן.

מאיא: יאָ, קומט — לאָמיר טאקי געהן.

אולפהיים: האלט! וואוהין קאמעראד?

מאיא: אין האָטעל, פערשטעהט זיך.

אולפהיים: און דערנאָך?

מאיא: דערנאָך וועלען מיר זיך איינע די אנדערע זאָגען
א שעהנעם זייי־געזונד און א דאנק פאר קאָמפּאניע.

אולפהיים: קענען מיר זיך שיידען, מירביידע? מיינט
איהר אז מיר קענען עס?

מאיא: יאָ, געבונדען האָט איהר דאָך מיך ניט, אזוי ווייט
ווי איך וויים.

אולפהיים: כ׳האָב א שלאָס פאר אייך —

מאיא (ווייזט אויף׳ן שטיבעל): אזוי ווי דער דאָ?

אולפהיים: ניין, יענער איז נאָך ניט איינגעפאלען.

מאיא: אין דערצו אלע הערליכקייטען פון דער וועלט?

אולפהיים: א שלאָס, זאָג איך.

מאיא: א דאנק. זיי קריכען מיר שוין פון האלז, די שלעס־סער.

אולפהיים: — מיט פראכטפולע יאגד־פלעצער, פיילען ארום.

מאיא: פארהאן אויך קונסטווערק אין שלאָס?

אולפהיים (לאַנגזאַם): ניין, קיין קונסט־ווערק ניט, נאָר —

מאיא (איינפאַרטעמענדיג): נו, א דאנק גאָט דערפאר.

אולפהיים: אלזאָ ווילסט איהר מיט מיר געהן — אזוי לאנג און אזוי ווייט איך וועל ווערלען?

מאיא: ווען ס'וואָלט ניט געוועזן קיין פריעדליכער רויב־פויגעל, וואָס בעוואכט מיך!

אולפהיים (ווילד): דעם וועלען מיר ארייננשיסען איינס אין די פליגלען, מאיא!

מאיא (קוקט איהם אָן א רגע און זאָגט ענטשלאָסען): דאן קומט און טראָגט מיך ארונטער — אין טהאָל.

אולפהיים (לעגט ארום דעם אָרעם ארום איהר לייב): ס'איז ווירקליך צייט. דער נעבעל איז שוין איבער אונז — !

מאיא: איז דער וועג ארונטער מורא'דיג געפעהרליך?

אולפהיים: דער בארג־נעבעל איז נאָך געפעהרליכער.

זי מאַכט זיך ארויס, לויפט צו צום ראַנד פון אָבגרונד און קוקט ארונטער, טרעט אָבער אויף גיך אָב צוריק.

אולפהיים (געהט איהר אַנטקעגען און לאַכט): ס'שווינ־דעלט אייך אביסעל, וואָס?

מאיא (מאַט): דאָס אויך. אָבער ניט אקאָרשט אליין א קוק אראָב, ווער פ'קומט —

אולפהיים (געהט צו צום אָבגרונד און בויגט זיך איבער'ן ראַנד): דאָס איז דאָך בלויז אייער רויב־פויגעל — און די פרעמ־דע זיינע.

מאיא: קענען מיר אפשר פערבייגעהן, זיי זאָלען אונז ניט זעהן?

אולפהיים: אונמעגליך. דער שטעג איז צו שמאָל. און קיין אנדער וועג איז ניטאָ.

מאיא (שטארקט זיך): גוט אלזאָ, — וועלען מיר זיי ווייזען, אז מיר האָבען פאר זיי קיין מורא ניט.

אולפהיים: דאָס הייסט גערעדט ווי אן עכטער בערענ־טויטער, קאמעראד!

פראָפעסאָר רובעק און אירענע קומען ארויף אויף׳ן ראַנד פון דער טיעפקייט. ער האַלט זיין איבערציהער איבער די שולטערען, זי טראָגט אַ פעלץ־מאַנטעל לויז איבער איהר ווייס קלייד און אַ היטעלע און שוואַנען־פעלץ.

פראָפעסאָר רובעק (ווייזט זיך אַ העלפט איבער׳ן ראַנד פון פעלז): ווי, מאיא! מיר ביידע בעגעגנען זיך, הייסט עס, נאָך אמאָל?

מאיא (מיט געמאַכטער זיכערקייט): צו דיענען. ביטע, קום צו נעהנטער.

פראָפעסאָר רובעק געהט אין גאַנצען ארויף און שטרעקט אויס די האַנד צו אירענע׳ן, וועלכע קומט אויך ארויף אויבען.

פראָפעסאָר רובעק (קאַלט צו מאַיאַ׳ן): דו ביזט אלזאָ אויך געוועזען די גאנצע נאכט אויף די בערג — ווי מיר?

מאיא: אויף געיעג בין איך געוועזען, נו יאָ. דו האָסט דאך מיר ערלויבט.

אולפהיים (ווייזט אראָב אויף׳ן אָבגרונד): איהר זייט ארויפגעקומען אהער מיט דעם שטעג דאָ?

פראָפעסאָר רובעק: איהר האָט דאך דאָס געזעהן.

אולפהיים: און די דאמע אויך?

פראָפעסאָר רובעק: פערשטעהט זיך. (מיט אַ בליק אויף מאַיאַ׳ן): אָט די דאמע און איך, מיר רעכענען פון היינט אָן און ווייטער ניט מעהר צו צושיידען אונזערע וועגען.

אולפהיים: ווייכט איהר, אז דער וועג וואָס איהר זייט נעגאַנגען, וואָלט אייך געקענט קאָסטען דאָס לעבען.

פראָפעסאָר רובעק: מיר האָבען איהם פונדעססטוועגען פאָרט אונטערגענומען. מחמת אין אָנהויב האָט ער גאָרניט אזוי שלעכט אויסגעזעהן.

אולפהיים: אין אָנהויב זעהט קיין זאך ניט אויס שלעכט. אָבער מיט אמאָל קומט מען אויף אן אָרט, וואו מען קען ניט געהן ניט פאָראויס און ניט צוריק. און דאן בלייבט מען שטעקען פעסט, הערר פראָפעסאָר, באַרג־פעכט ווי מיר יעגער זאָגען.

פראָפעסאָר רובעק (קוקט איהם אָן מיט אַ שמייכעל): איהר ווילט מיך אפשר קליגער מאכען ווי איך בין, הערר גוטס־בעזיצער?

אולפהיים: זאָל מיך גאָט אָבהיטען! (מיט ווארמקייט, וויייזט מיט דער האַנד אין דער הויך). אָבער זעהט איהר ניט, אז דער שטורם איז איבער אונזערע קעפ? איהר הערט גאָרניט די ווינדען, וואָס קומען אָן?

פראָפעסאָר רובעק (האָרכט): ס'קלינגט ווי דער פאָר־שפיעל צום טאָג פון תחית המתים.

אולפהיים: מענש, דאָס איז דער שטורם־ווינד פון די שפיץ בערג! קוקט זיך נור צו, ווי די וואָלקענס קאטשען זיך און לאָזען זיך אראָב איבער אונז! באלד וועלען זיי אונז ארומוויקלען ווי די תכריכים דעם בר־מינן.

אירענע (דערשרעקט זיך): כ'קען זיי, די תכריכים.

מאיא (וויל אַוועקציהען אולפהיים'ן): לאָמיר וואָס גיכער ארונטערגעהן.

אולפהיים (צו פראָפעסאָר רובעק): מעהר ווי איינס קען איך ניט העלפען. אזוי לאנג ווי דער שטורם האלט אָן, בלייבט דאָרט אינוויינינג אין שטיבעל; דערנאָך וועל איך שיקען מענשען, מען זאָל אייך ארונטערנעהמען.

אירענע: ארונטערנעהמען! ניין! ניין! —

אולפהיים (גראָב): אז ס׳וועט נייטיג זיין וועלען איך די מענשען מיט געוואַלד נעהמען. וואָרים ס׳איז א פראגע פון לע־בען און טויט. איצט ווייסט איהר עס. (צו מאַיאַ׳ן): קומט — און פערלאָזט זיך אין גאנצען אויף אייער קאַמעראַד.

מאיא (נעהמט איהם פעסט אַרום): ווי איך וועל דאָס אבי־סעל זינגען און זיך פרעהען, ווען איך וועל מיט גאנצע ביינער ארונ־טערקומען!

אולפהיים (הויבט אָן ארונטערגעהן און שרייט צו די אַנ־דערע): ווארט אלזאָ אין דעם יאגד־שטיבעל אינוויינינג, ביז וואנען די מענער וועלען קומען מיט שטאנגען און אייך ארונטערנעהמען.

גוטסבעזיצער אולפהיים מיט מאַיאַ׳ן אין די אָרעמס, קלעטערט שנעל אָבער פאָרזיכטיג ארונטער דעם אָבגרונד.

אירענע (קוקט אַ ווײַלע מיט צושראָקענע אויגען אויף רו־בעק׳ן): האָסט געהערט, ארנאָלד? — ס׳וועלען קומען מענער און מיך נעהמען, פיעלע מענער!

פראָפעסאָר רובעק: נור רוהיג, אירענע!

אירענע (אין וואַקסענדען שרעק): און זי, ,די שווארצע, — די וועט אויך קומען. וואָרים זי מוז מיך שוין פון א היבשע צייט ארומזוכען. און דאן וועט זי מיך א פאק טהאָן, ארנאָלד! און מיר די צוואנגס־יאק אָנטהאָן! יאָ — וואָרים זי האָט זי ביי זיך אין קופער. כ׳האָב עס אליין געזעהן —

פראָפעסאָר רובעק: קיין מענש זאָל דיך ניט אָנ־רירען!

אירענע (מיט אַ וואַהנזיניגען שמייכעל): אָה ניין, — אנטקעגען דעם האָב איך אליין אויך א מיטעל.

פראָפעסאָר רובעק: וואָס פאר א מיטעל?

אירענע (ציהט ארויס דאָס מעסער): אָט דאָס דאָ!

פראָפעסאָר רובעק: גיעב אהער דאָס מעסער, אי־רענע!

אירענע (בעהאַלט עס וויעדער): דו וועסט עס ניט קריגען. כ׳קען עס אליין דארפען.

פראָפעסאָר רובעק: צו וואָס קענסטו עס דאָ דאָר־
פען?

אירענע (קוקט איהם שטאַרק אָן): ס'איז געווען בעשטימט
פאַר דיר, אַרנאָלד!

פראָפעסאָר רובעק: פאַר מיר?

אירענע: איינמאָל ביינאַכט, בעת מיר זיינען געזעסען ביי
דער טאוניצער אָזיערע —

פראָפעסאָר רובעק: ביי דער טאוניצער אָזיערע—?

אירענע: —לעבען דעם בויערן־הייזעל — און מיר האָ־
בען זיך מיט שוואַנען און מיט וואסער־בלומען געשפּיעלט —

פראָפעסאָר רובעק: נו — און?

אירענע: און אז איך האָב געהערט ווי דו האָסט מיט אזא
אייז־קאַלטען טאָן געזאָגט — איך בין בלויז אַן עפּיזאָדע אין דיין
לעבען געווען —

פראָפעסאָר רובעק: דאָס האָסט דו געזאָגט, אירענע!
ניט איך!

אירענע (רעדט ווייטער): — דאָ האָב איך אַ כאַפּ געטהאָן
דאָס מעסער און האָב עס דיר געוואָלט אריינזעצען אין רוקען.

פראָפעסאָר רובעק (אומעטיג): און פאַרוואָס האָסט
דו עס ניט געטהאָן?

אירענע: ווייל מיר איז מיט אַמאָל אַרויף דער שרעקליכער
געדאַנק אויפ'ן זינען, אַז דו ביסט שוין געווען טויט — שוין לאַנג
טויט.

פראָפעסאָר רובעק: טויט?

אירענע: טויט. דו און איך. דאָרט זיינען מיר געזעסען
ביי דער טאוניצער אָזיערע, מיר צוויי פערגליווערטע מתים, —
און זיך געשפּיעלט איינער מיט'ן אנדערן.

פראָפעסאָר רובעק: איך רוף דאָס ניט טויט. אָבער
דו פערשטעהסט מיך ניט.

אירענע: וואו איז זי ערגעץ, דיין ליידענשאַפט פאַר מיר,
אַט די פלאַמענדע ליידענשאַפט, מיט וועלכער דו האָסט זיך נעראַנ־

נעלט און געקעמפּפט, בעת איך בין געשטאַנען פריי פאַר דיר — אלס די ערוואַכטע, פון קבר אויפגעשטאַנענע פרוי?

פּראָפעסאָר רובעק: אונזער ליעבע איז געווים ניט טויט, אירענע.

אירענע: די ליעבע, וואָס איז פון אַט דער וועלט — פון דיעזער פּראַכטפולער, וואונדערליכער און רעטזעלהאַפטער וועלט, — אַט די ליעבע איז טויט אין אונז ביידען.

פּראָפעסאָר רובעק (ליידענשאַפטליך): אָה דו. גראָד אַט די ליעבע — די ברענט און פלאַקערט אין מיר אַזוי הייס ווי אַמאָל!

אירענע: און איך? האָסט דו פערגעסען, ווער איך בין איצטער?

פּראָפעסאָר רובעק: זיי פון מיינעטוועגען ווער און וואָס דו ווילסט! פאַר מיר ביסט דו די פרוי, ווי איך האָב זי אין מיינע חלומות געזעהן.

אירענע: איך בין אויף דער שוי־ביהנע געשטאַנען — נאַקעט — און האָב זיך נאָך דיר אַזוי פיעל הונדערט מענער פאַר די אויגען געוויזען.

פּראָפעסאָר רובעק: ווער זשע האָט דיך אַרויפגעטריבען אַהין אויב ניט איך? פערבלענדעט, ווי איך בין דעמאָלסט געווען, איז דער ליימענער גולם, די סטאַטוע פון גיפּס, ביי מיר אין די אויגען געשטאַנען העכער איידער דאָס גליק פון לעבען — דאָס גליק פון דער ליעבע.

אירענע (קוקט אַראָב אויף דער ערד): צו שפּעט. צו שפּעט.

פּראָפעסאָר רובעק: וואָס פאַר אַ וואַנד עס זאָל ניט שטעהן צווישען אונז, דאָך האָט זיך דיין ווערטה אפילו אויף קיין איין האָר ניט פערקלענערט אין מיינע אויגען.

אירענע (הויבט אויף דעם קאָפּ): אויך אין מיינע ניט.

פּראָפעסאָר רובעק: נו, אַלזאָ! דאַן זיינען מיר דאָך פריי. נאָך איז צייט פאַר אונז צו לעבען, אירענע.

אירענע (קוקט איהם אָן מיט אַ מרה־שחורה׳דיגען בליק):

דער לעבענס־טריעב איז טויט אין מיר, ארנאָלד. איצט בין איך אויפגעשטאנען. איך קוק אויס נאָך דיר. און געפין דיך. און מיט אמאָל דערזעה איך, — דו און דאָס לעבען, איהר זייט מתים — אקוראט ווי איך בין פריהער געווען.

פראָפעסאָר רובעק: אָה, וואָס פאר א טעות דאָס איז! דאָס לעבען אין אונז און ארום אונז ברויזט און שטורעמט אזוי ווי פריהער.

אירענע (שמייכעלט און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): דיין יונגע, פון קבר אויפגעשטאנענע פרוי, זעהט דאָס גאנצע לעבען אויף'ן טויטענבעט ליעגען.

פראָפעסאָר רובעק (נעהמט זי שטירמיש אין זיינע אָרעמס): דאן לאָמיר ביידע טויטע כאָטש איין איינציג מאָל ווי געהעריג איז פערזוכען דעם טעם פון לעבען — איידער מיר קעהרען זיך אום צו אונז אין די קברים.

אירענע (מיט א פריידענגעשריי): ארנאָלד!

פראָפעסאָר רובעק: אָבער ניט דאָ אין דער פינס־טער — ! ניט דאָ, וואו די נאַסע, מיאוס'ע תכריכים נעהמען אונז ארום —

אירענע (פול מיט ליידענשאַפט): ניין, ניין, — ארויף צום ליכט און צו דער גאנצער שטראהלענדער הערליכקייט — אויף'ן בארג פון פערשפּרעכען.

פראָפעסאָר רובעק: דאָרט אויבען וועלען מיר אונ־זער חופּה שטעלען, אירענע, — געליעבטע!

אירענע (שטאָלץ): מעג די זונן שטענדיג אראָבקוקען אויף אונז, ארנאָלד!

פראָפעסאָר רובעק: מעגען אלע כחות פון ליכט ארונטערקוקען אויף אונז! און אלע כחות פון פינסטערניש אויך! (נעהמט זי אָן ביי דער האַנד). ווילסט דו מיר נאָכגעהן, דו מיין בע־שעהרטע כלה?

אירענע (אין אַ געהויבענער שטימונג): כ'געה ווילינ און גערן נאָך מיין הערר און מייסטער.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ר ו ב ע ק (ציהט זי פֿוועק מיט זיך): דורך די נעבעל מוזען מיר פריהער דורכגעהן, און דערנאָך —

אי ר ע נ ע: יאָ, דורך אלע נעבעל. און דאַן אויף'ן שפּי'ץ מהורם, וואָס שיינט אין דעם זונענאויפגאנג.

די נעבעל־וואָלקענס לאָזען זיך אַראָב געדיכטער אויף דר'ערד. רובעק און אירענע לאָזען זיך געהען האַנד אין האַנד איבער'ן שנעע־פעלד רעכטס און פערשווינדען אין די ארונטער־זינקענדע וואָלקענס. מורא'דיגע שטורמווינדען יאָגען און פייפען דורך די לופט.

די באַרמהאַרציגע שוועסטער בעוויזט זיך אין דער חורבה לינקס. זי בלייבט שטעהן און קוקט זיך אום שטום און מיט זוכענדע בליקען.

מ א י א (זינגט און יובעלט פון וויטען אונטען אין דער טיעפ־קייט):

איך בין פריי! איך בין פריי! איך בין פריי!
דער געפאַנגשאפט'ס צייט איז פערביי!
איך בין פריי ווי א פויגעל! ב'בין פריי!

פלוצלונג דערהערט מען אַ קראַך אַזוי ווי אַ דונער, וואָס קומט פון דעם אויבערשטען מהיול פון שנעע־פעלד. אַ שטיק לאַווינא גליטשט זיך און שטורמט ארונטער מיט אַ ווילדער שנעלקייט צום טהאָל צו. מען זעהט אונדייטליך, ווי רובעק און אירענע ווערדן מיטגעשלעפט און בע־גראָבען אין די שנעע־מאַסען).

ד י ב א ר מ ה א ר צ י ג ע ש וו ע ס ט ע ר (מהוט אַ געשריי, שטרעקט אויס די אָרעמס צו דעם וואָס פאַלט און רופט): אירענע! (שטעהט אַ ווייַלע שטום; דערנאָך הויבט זי אויף א קרייץ פאר זיך אין דער לופטען און זאָגט): פרידען מיט אייך!

מאיא'ס געזאַנג און פריידענגעשרייען הערען זיך נאָך — דער־ווייטערט — פון דער טיעפקייט אַרויס.

ע נ ד ע.

אלע אויסגאבען

— פון —

מאַקס נ. מייזעל

אידישער פארלאג פאר ליטעראטור
און וויסענשאפט

424 גרענד סטריט, ניו יאָרק.

איבסען, הענריק—געזאַמעלטע דראַמען, 4
בענדער, פראַכטפול געבונדען, צו — — — — $1.50
באַנד 1—נאָראַ, די ווילדע ענטע; באַלד 2
העדדאַ גאַבלער, דער בוימייסטער; באַנד
3—ראָזמערסהאָלם, די פרוי פון ים; באַנד
באַנד 4—דער קליינער עאָלף, יאָהאַן גאַב־
ריעל באָרקמאַן, ווען מיר טויטע ערוואַ־
כען.

אינגאַטאוו, דוד—שריפטען, 3 בענדער, שעהן
געבונדען — — — — — — — — — — 6.00
באַנד 1—אין קעסעלגרוב; באַנד 2—
דערצעהלונגען, א ביך אין 4 טייל; באַנד
3—דאָס פאַרבאָרגענע ליכט (אַ בוך גע־
בויט אויף מעשיות פון ר' נחמן ברעס־
לאָווער).

צוויי קרעפטען — — — — — — — — — — .10

איינהאָרן, דוד—צו אַ אידישער מאַמטער,
לידער, זעהר שעהן געבונדען — — — — — 1.75

„אינזעל" (ערשטער זאַמעלבוך), 320 זייטען,
שעהן געבונדען — — — — — — — — — — 1.50
ענטהאַלט: אַ ראָמאַן פון א. ראַבאָי; אַר־
טיקלען פון לייוויק האַלפערין; אַן אָפּ־
האַנדלונג איבער משיח'ן; רילקע'ס אָפּ־
האַנדלונג איבער ראָדען; ניו יאָרק אין
פּאָעזיע; אַן אַנטאָלאָגיע, צוזאַמענגע־
שטעלט פון מאַני לייב, און אַנדערע.

„אין זיך"—אַנטאָלאָגיע פון אינטראָספעק־
טיווע לידער אונטער דער רעדאַקציע און
מיט אַ גרויסער איינלייטונג פון א. גלאַנץ,
פראַכטפול געבונדען אין לעדערעט געשענק
איינבאַנד און יעדער עקזעמפּלאַר נומערירט.
פרייז — — — — — — — — — — — 1.50

אַנדרעעוו, לעאָניד—קעניג הונגער, בר.; דאָס
לעבען פונ'ם מענשען, מיט אַ פּראָלאָג, בר.;
די טעג פון אונזער לעבען, בר. צו — — — .80
אַלע דריי געבונדען צוזאַמען — — — — 1.50
מענשענליבע, איינאַקטער — — — — — — .15

אַפּאַטאָשו—פאַרלאָרענע מענשען (היברו),
ראָמאַן, געבונדען — — — — — — — — — 20.0
אין פּוילישע וועלדער, ראָמאַן, געב. — — — 2.25

אַרדיטשעוו, ה. (דר. ה. זאַלאָטאַראָוו)—אין
שטראָם פון לעבען, בראָשירט—64 ס.; געב .80

מייזעל׳ס פאַרלאַג

ארציבאַשעוו. מ — די פרוי וואָס שטעהט אין
מיטען, ראָמאן. געב — — — — — — — — 1.00
די געפאלענע און די רעטער; גרויל און
פינסטערניש — צוויי גרויסע ערצעהלונ־
גען. געבונדען — — — — — — — 1.00
דאָס לעבען פאר׳ן פאָלק; די שקלאַפין —
צוויי גרויסע ערצעהלונגען. געב. — — 1.20
באסין. מ. — אַנטאָלאָגיע, פינף הונדערט יאָהר
אידישע פאָעזיע, מיט אַ פאָרוואָרט פון ב.
באָראָכאָוו, מיט פאָרטרעטען פון די פאָעטן־
סער. 2 בענד. דעלוקס אויסגאבע — — — 6.00
גאַטליעב, לעאָן — ליבעס־וועהען. בר. — 45 ס.;
געבונדען — — — — — — — — — — .80
גארין, ב. — געשיכטע פון אידישען טעאַטער,
נייע פארגרעסערטע אילוסטרירטע אויפלאַ־
גע, 2 בענד, רייך געבונדען — — — — $3.75
פאַרגעסענע נגונים, 2 בענד, שעהן געב. — 2.50
געאָרג בראַנדעס — געזאַמעלטע ווערק אין 15
בענד. — איינציגע אויטאָריזירטע אויסגאבע 25.00
די ווערק פון בראַנדעס פאַרקויפען זיך אויך
איינצעלן, ווייל יעדער טייל שטעלט מיט זיך פאָר
אַן עפּאָכע פאר זיך:
די פראַנצויזישע עמיגראַנטען־ליטעראַ־
טור — — — — — — — — — — — — 1.75
נאַטוראַליזם אין ענגלאַנד, 2 בענד — — 3.50
די ראָמאַנטישע שול אין דייטשלאַנד.
2 בענד — — — — — — — — — — 3.50
די רעאַקציע אין פראַנקרייך. 2 בענד — 3.50
די ראָמאַנטישע שולע אין פראַנקרייך.
2 בענד — — — — — — — — — — 3.50
יונג דייטשלאַנד. 2 בענד — — — — — — 3.50
ניטשע — — — — — — — — — — — — 1.25
איבסען — — — — — — — — — — — 1.25
לאַסאַל — זיין לעבען און טעטיגקייט.
2 בענד — — — — — — — — — — — 3.25
דאַרווין, טש. — די אַנטשטעהונג פון מענשען)
איבערזעצט פון דר. י. א. מעריסאָן, רייך
אילוסטרירט, 1060 זייטען, 3 בענד. שעהן
שעהן געבונדען — — — — — — — — — 9.00
געבונדען אין בעסטען לעדער איינבאַנד מיט
גאָלדשניט; בלויז עטליכע סעטס. פרייז 12.00
דובנאָוו, ש. — אידישע געשיכטע פאר שולע
און זעלבסטבילדונג, איבערזעצט פון חיים
ליבערמאַן און מייטע ליוושיץ:
1טער באַנד, ביבלישע עפּאָכע, 265 זייטען.
פרייז — — — — — — — — — — — 1.25
2טער באַנד, תלמוד׳ישע און מאַקאַבייאי־
שע עפּאָכע — — — — — — — — — 1.25
3טער באַנד, מיטעלאַלטער און מאָדערנע
צייט — — — — — — — — — — — 1.25
אַלע 3 בענד אין איין פראַכט איינבאַנד 2.50

---

424 גרענד סטריט, ניו יאָרק.

מייזעל'ס פאַרלאַג

ד'אברוצי (ק. מעפּער) „זיגזאגען”. געב. — .90
דראנגאוו—משוגענער אין שפּיטאָל — — — .05
האלענדער, פעליקס—די זובער פון אמת (אַ
קאָציאַלער ראָמאַן אין 4 טייל, איבערזעצט
פון ש. יאַנאָווסקי. 587 זייטען). שעהן
געבונדען — — — — — — — — — 2.00
האמסון—„וויקטאָריא”. בר.—40ס.; געב. .75
העסס. מאזעס—רוים און ירושלים. איבער־
זעצט און מיט אַן אָפּהאַנדלונג וועגען מאָזעס
העסס און זיין שריפט, פון דר. סירקין.
פּרייז רייך געבונדען — — — — — — 1.50
אין לעדערנעם געשענק־איינבאַנד — — — 2.00
וואל, יוסף—דאָס ערשטע בוך, טייל א, — — .50
דאָס ערשטע בוך, טייל ב, — — — — — .55
ווארשאַווסקי, מ. מ—אידישע פאָלקס־לידער,
מיט צוויי פאָררעדעס פון שלום־עליכם.
פּראכטפול געב. — — — — — — — — 1.50
נאָטען צו מ. וואַרשאַווסקי'ס לידער. בר. — .60
ווילד, א.—די מענשליכע נשמה איז אַ סאָ־
ציאַליסטישער געזעלשאַפט. בר. — — — .80
ווינטשעווסקי, מאררים—לידער און געדיכ־
טע שעהן געב. — — — — — — — — 1.50
זשיטלאווסקי, ח.—די פילאָסאָפיע, ווי זי איז
און ווי האָט זיך ענטוויקעלט. 2 בענד.
600 זייטען. שעהן געבונדען — — — 4.50
טורגעניעוו, איוואן, גרויסע ראָמאַנען, די שעהנ־
סטע אין דער וועלט־ליטעראטור, פאָלשטענדיגע
איבערזעצונגען:
פיזטערס און קינדער (Отцы и Дѣти)
ראָמאַן אין 28 קאַפּיטלען. געבונדען — — 2.00
ערב מלחמה (Накануне) ראָמאַן אין 35
קאפּיטלען. געבונדען — — — — — — 2.00
אין א פריצישען הויף (Дворянское Гнѣздо)
ראָמאַן אין 55 קאפּיטלען מיט אַן עפּי־
לאָג. געב. — — — — — — — — — 2.00
האמלעט און דאן קיכאָט. אַ קריטישע שטו־
דיע איבער די צוויי באַריהמטעסטע כאַ־
ראַקטערען פון דער וועלט־ליטעראַטור — .15
טשעכאוו, אנטאן—געזאַמעלטע דראַמען:
דער אָנקעל וואַניאַ, סצענעס פון דאָרפישען
לעבען. אין 4 אַקטען; דער וואַסער־פויגעל,
אַ קאָמעדיע אין 4 אַקטען; דער קאַרשען־
גאָרטען, אַ דראַמא אין 4 אַקטען אין איין
באַנד. געבונדען — — — — — — 1.50
יעדע דראמע פאר זיך, שעהן בראָשירט — .80
דער בער. דער שידוך—צוויי איינאַקטערס,
איבערזעצט פון א. פרומקין — — — .15
דאָס שוואַנען ליד — — — — — — — .10

ס. כהן. — אויף בלוטיגע וועגען. זכרונות פון
אַ אידישען סאָלדאַט, 320 זייטען, געב. — 1.50
לעווין, שמריה—אין מלחמה־צייטען. 2 בענד 3.50

424 גרענד סטריט, ניו יארק.

מייזעל׳ס פארלאג

ליבער, דר. ב.—דאס געשלעכטס־לעבען פון
מאן און פרוי — — — — — — — — — 1.75
ליבערמאן, ח. — די אידישע רעליגיאן אין
דער נאציאנאל־ראדיקאלער ערציהונג. בר. .10
די אידישע ערציהונג אין אמעריקא. בר. .20

לעיעלעס, א. (א. גלאנץ): לאבירינטה. א
זאמלונג לידער — — — — — — — — — .90

מאני לייב—פאעטישע ווערק — 3 בענדער
(באנד 1, לידער; באנד 2, באלאדען;
באנד 3, סלאווישע און אנדערע מאטיוועו).
שעהן געבונדען — — — — — — — — 8.50
באלאדען און קינדער־לידער—פון דאס נייע
געזעצט אין גרויסען שריפט מיט וואונ־
דערבארע צייכנונגען ספעציעל פאר דער
אויסגאבע פון ז. מאוד. פראכטפול געב. 1.25
דאסזעלבע איינגעטיילט אין 5 טיילען, רייך
בראשירט, צו — — — — — — — — .20
לידער. געב. — — — — — — — — — 1.25
באלאדען. געב. — — — — — — — — 1.25

משה נאדיר—שריפטען, 6 בענד: 1) „אויף
געלעכטער" (הומאריסטישע ערצעהלונגען);
2) „אין ווילדען ווערטער־וואלד" (די אפ־
שפיגלונג פון דער מענשליכער נשמה אין די
די קרומע שפיגלען פון סאטירע); 3) „פון
מענשצו מענש (די געקליבענע ליריש־פי־
לאזאפישע עסעיען); 4) „אמאל איז גע־
ווען"—(מעשה׳לאך מיט און אהן א מאראל,
מיניאטורען און פאר־אלע־צייטען פעליעטא־
נען); 5) „קום שפאצירען, געליבטע" —
(ראמאנען און וואונדער־געשיכטען);
6) „עקסימפרעסיען" (אימפרעסיאניסטישע
בודי און טעאטער־קריטיק). די זעקס ביכער
זיינען פראכטפול געבונדען אין לעדערעט
מיט גאלד אויפשריפטען — — — — — 9.00

מעריסאן, דר. י. א.—מוטער און קינד, א
לעהר־בוך פאר דער מוטער ווי זיך צו פיה־
רען בעת׳ן שוואנגער־ען און ווי צו האדעווען
דאס קינד. פארפאסט לויט די לעצטע מע־
דיצינישע קוועלען — — — — — — — .50
פיזיאלאגיע. געבונדען — — — — — .60

מילך, י.—סאציאליזם, מלחמת און נאציאנא־
ליזם — — — — — — — — — — — .25

מעטערלינק, מ.—פעלעאס און מעליסאנדע — .30
בלויער פויגעל. געבונדען — — — — 1.25

ה. נאטאנסאן. — קולטור און ציוויליזאציע,
464 זייטען, גרויסען פארמאט, געב. — — 8.00

סטרינדבערג—פריילין יוליא — — — — .25

424 גרענד סטריט, ניו יארק

מייזעל׳ס פארלאג

ספענסער, הערבערט—די ערציהונג, גייס־
סטיג, מאראליש און קערפערליך. איבער־
זעצט פון דר. י. א. מעריסאן. לייבררי
עדישאן, פראכטפול געבונדען — — — 1.50

סענגער, מארג.—וואס יעדע מיידעל דארף
וויסען — — — — — — — — — — — .80
וואס יעדע מוטער דארף וויסען — — — .25

סאלוצקי, האננאה ג.—גייסטיגע ערציהונג
פון קינד. געבונדען — — — — — — 1.65
בוכשטאבען און קינדער שפיל, פאר שול
און היים — — — — — — — — — 1.00

סטעפניאק, סערגעי—אונטערערדישע רוס־
לאנד, מיט א ביאגראפישע סקיצע פון ס.
סטעפניאק. געב. — — — — — — — 2.00

עפשטיין, אלטער, „דער הויקער" און אנ־
דערע ערצעהלונגען — — — — — 1.50

עפשטיין שכנא — פרץ אלס סאציאלער דיכ־
טער, 30 סענט. געבונדען — — — .65

פשיבישאווסקי, סט.—דער בעל שכל (א גרויי־
סער סאציאלער ראמאן, מיט אן איינליימונג
פון ש. יאנאווסקי). 2 בענד. געבונדען — 2.75
שנעע. בראשירט — — — — — — — .25

יואל ענטין און לעאן עלבע—פון אידישען
קוואל, א אידיש לערבוך און חרעסטאמאטיע
פאר שול און הויז, מיט 43 בילדער און
פארטרעטען, דויערהאפט געבונדען — — 1.50

עפשטיין, אלטער—„די קאריערע" און אנדע־
רע ערצעהלונגען. געבונדען — — — — 1.50

פינק, ר.—דער אמעריקאנער סיטיזען. — ווי
צו ווערען אן אמעריקאנער בירגער נאך די
נייעסטע געזעצען, מיט אלע פראגען און
אנטווארטען אין אידיש און אין ענגליש .80
קאנסטיטוציע פון די פאראייניגטע
שטאאטען און די דעקלערייטאן אוו אינ־
דעפענדענס, ענגליש און אידיש — — .60
געבונדען ביידע אין איין באנד — — — 1.25

קאספע, דר. א.—געאלאגיע — — — — — .60

קאצאוויטש, י. א.—זעכציג יאהר לעבען. געב. 1.75
דער ליטווישער אינגעל אילוסטרירט פון
לאלא (אן אויסצוג פאר שולען פונ׳ם
בוך „60 יאהר לעבען"), פרייז, געב. .80

ראוז, רזשעין—ארנא (איינאקטער) — — .15
איבערגעבליבענע (איינאקטער) — — — .15
דאס געפינס (איינאקטער) — — — — — .15
דער קריטיקער (איינאקטער) — — — .15
הינטער די קוליסען (איינאקטער) — — .20
נים מיט אלעמען (איינאקטער) — — — .20
ענגשאפט (איינאקטער) — — — — — .15
זיבען איינאקטערס, מיט א פאררעדע פון
י. ענטין, פראכטפול געבונדען — — — 1.50

424 גרענד סטריט, ניו יארק

מייזעל׳ס פארלאג

ראַזשינקעס מיט מאַנדלען

(מעשה׳לאך פאר אידישע קינדער).

1. יהודה שטיינבערג: 1) שמעון, איך זאָל אַזוי לעבען; 2) די פארשאָלטענע פרינצעסין; 3) די געפאנגענע כלה — .15
2. יהודה שטיינבערג: 1) אַ מעשה מיט אַ פירשט; 2) דער געשלאָגענער אינגעל; 3) פליגען שריפט; 4) אַ רייגער געווי־סען; 5) די שולע — — — — — — — .15
3. יהודה שטיינבערג. 1) פראגען; 2) שמואל מילנער; 3) אַ מעשה מיט צוויי ברידער; 4) רויזען און שמאַ־ראגדען — — — — — — — — — — .15
4. יהודה שטיינבערג: 1) צוויי באַגערען; 2) די ניט פאַרענטפערטע קשיות; 3) לא תחמוד; 4) אַ רוגז — — — — — — .15
5. יהודה שטיינבערג: 1) חמשה־עשר אוינם; 2) חמשה עשר טיטלען — — .15
6. 1) בן־עמי: פייוועל דער גרויסער און פייוועל דער קליינער; 2) ד. סלוצקי: די ערד דרעהט זיך ניט — — — — .15
7. יהודה שטיינבערג: 1) דער גזר דין; 2) די טייטלען אין גלות — — — — .15
8. י. קרעפליאק: 1) אַ מאַמע; 2) דער פויגעל־כאַפּער; 3) אַ געשלעג — — .15

די אַלע 8 „ראַזשינקעס מיט מאַנדלען", געבונדען אין אַ שעהנעם באַנד — — — — 1.50

דריי אליהו הנביא מעשיות: ד. בערגעלסאָן. אליהו הנביא׳ס כוס — ס. שאַפּירא; שנייערעל — פ. היילפערן — — — .08

י. ל. פרץ: דער דין תורה מיט׳ן ווינט — .05

רויזענבלאַט, ה.—געדיכטע און לידער. געב. אונטער גאָט׳ס הימלען — — — — — — 1.75 / 2.00

ראַזענצווייג—ברית מילה. געבונדען — — .75

ראַסקין, י.—אידישע לידער. געב.—$1.25; דע לוקס — — — — — — — — — — 1.75

רוטענבערג, מ.—די נאַציאָנאַלע ווידערבאַלע־בונג פון אידישען פאָלק — — — — .10

שטיינבערג, נ.—יונג אַמעריקא, אַ גלענצענ־דע זאַמלונג פון עסעים איבער 10 יונגע אַמעריקאנער אידישער שרייבער. געב. — 1.50

שמואלזאָהן, מ.—וועלטען און צייטען (ער־צעהלונגען און סקיצען). געבונדען — 1.50

שריינער, אליוו.—אַ סעריע בילדער און פאנ־טאַזיעס, פול מיט רייכע געדאנקען, איי־בערזעצט פון נ. דייוויד. בראָש. — 35ס.; געבונדען — — — — — — — — — — .75

---

424 גרענד סטריט, ניו יארק.

3.50